בעזהשי"ת

גליון

# היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך

**מוסדות "היכל הקודש" ברסלב וויליאמסבורג**

שנת תשע"ד לפ"ק

# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

ראש השנה, שנת תשע"ד לפ"ק — שנה 3, גליון 1 (101)


**זמנים לעיה"ק אומאן**
הדלקת הנרות......7:15
סוף זמן קר"ש......8:50
מוצשב"ק......8:41

**שיעורים כסדרן**
בבלי......פסחים ע"ז
ירושלמי......בבא מציעא כ"א
תוספתא......מועד קטן פרק א'

## הַנְהָגַת רֹאשׁ הַשָּׁנָה

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ב'): "עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט וֶוען מֶען וַוארְפְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אַרוֹיף אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיף אִים, אוּן דֶערְפַאר יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי גְלַייךְ וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִיז זֵייעֶר גוּט אַז מֶען זָאל אִיבֶּער גֶעבְּן דֶעם טָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ גֶעבּ אִיבֶּער דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג פַאר דִיר, אַלֶעס וָואס אִיךְ אוּן מַיינֶע קִינְדֶער אוּן אַלֶע וָואס זֶענֶען תָּלוּי אִין מִיר וֶועלְן טוּהְן, זָאל אַלֶעס זַיין וִוי דוּ ווִילְסְט", אוּן אַזוֹי דַארְף מֶען זִיךְ שׁוֹין גָארְנִישְׁט זָארְגְן אוֹיבּ עֶס פִירְט זִיךְ יָא גוּט אָדֶער נִישְׁט, וַוייל מֶען הָאט עֶס דָאךְ אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל מִיר פִירְן דֶעם טָאג אַנְדֶערְשׁ, וִויל אִיךְ אוֹיךְ נָאר אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז פַאר עֶס קוּמְט אַ שַׁבָּת אָדֶער יוֹם טוֹב, גֶעבְּט מֶען עֶס אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ מֶער גָארְנִישְׁט זָארְגְן, צוּ מֶען הָאט יָא יוֹצֵא גֶעוֶוען וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין אָדֶער נִישְׁט, וַוייל אִיךְ הָאבּ עֶס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיךְ בִּין מַסְכִּים אַז עֶר זָאל עֶס פִירְן וִוי אַזוֹי עֶר וִויל.

דֶערְפַאר יֶעצְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען מֶען הַאלְט בַּיים אָנְהוֹיבּ יָאר, קֶען מֶען אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי גַאנְצֶע יָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ גֶעבּ דִיר אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע יָאר, אַלֶע מַיינֶע מַחְשָׁבוֹת, מַעֲשִׂים אוּן דִיבּוּרִים פוּן דֶעם גַאנְצְן יָאר זָאלְן זַיין נָאר אַזוֹי וִוי דוּ ווִילְסְט, אוּן הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל נָאר טוּהְן דַיין ווִילְן דֶעם גַאנְצְן יָאר, אוּן אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט טוּהְן קַיין שׁוּם עֲבֵירוֹת חַס וְשָׁלוֹם" אוּן אַזוֹי קֶען זִיךְ יֶעדֶער אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע זַיינֶע רְצוֹנוֹת אוּן כִּיסוּפִים וָואס עֶר הָאט צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקַייט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט אַרוֹיס זַיינֶע רְצוֹנוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט אַזוֹי וואוֹיל, עֶר פִירְט זִיךְ נָאכְנִישְׁט אוֹיף אִינְגַאנְצְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, זָאגְט עֶר אָבֶּער כָאטְשׁ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר וָואלְט בֶּאֱמֶת גֶעוָואלְט זַיין, וָואס עֶר וָואלְט בֶּאֱמֶת גֶעוָואלְט טוּהְן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"א וְסִימָן ס"ו).

אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אַזוֹי טוּהְן וֶועסְטוּ זִיכֶער זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ תְּקִיעַת שׁוֹפָר ~

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסֶע עֵת רָצוֹן וָואס עֶס אִיז דָא אִין הִימְל בִּשְׁעַת מֶען בְּלָאזְט שׁוֹפָר, וָואס דֶעמָאלְט זֶענֶען אָפְן אַלֶע טוֹיעֶרְן פוּן הִימְל, אוּן מֶען קֶען דֶעמָאלְט אוֹיס'פּוֹעֵל'ן אַלֶעס גוּטְס בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֶעהְן אוֹיסְצוּנִיצְן דִי עֶטְלִיכֶע מִינוּטְן, אוּן גֶעדֶענְקְן אַז אַלֶע הַשְׁפָּעוֹת וָואס גֵייעֶן קוּמֶען אַ גַאנְץ יָאר וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִי יֶעצְטִיגֶע מִינוּטְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף, אוּן דַאן וֶועט מֶען הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

***

אוֹיךְ אִיז דֶעמָאלְט דִי צַייט זִיךְ מִתְוַדֶּה צוּ זַיין פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס מֶען הָאט שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּהְן אַ גַאנְץ יָאר, רֶבִּי חַיִּים וִויטַאל שְׁרַייבְּט אַז זַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִ"י הַקָ' פְלֶעגְט זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין צְווִישְׁן דִי תְּקִיעוֹת, וַוייל דֶעמָאלְט אִיז דֶער שָׂטָן צוּמִישְׁט אוּן עֶר קֶען נִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין.

אַוַודַאי קֶענֶען מִיר זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן אוֹיף וָואסֶערֶע עֲבֵירוֹת דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ הָאט זִיךְ גֶעדַארְפְט מִתְוַדֶּה זַיין, אָבֶּער פַאר אוּנְז דַארְף דָאס לֶערְנֶען אַז מִיר זָאלְן זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין אוֹיף אוּנְזֶערֶע עֲבֵירוֹת צְווִישְׁן דִי תְּקִיעוֹת, אוּן דַאן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז זִיכֶער מוֹחֵל זַיין אוֹיף וָואס מִיר הָאבְּן שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּהְן אוּן מִיר וֶועלְן הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

***

אוֹיסֶער דֶעם הָאט דֶער שׁוֹפָר בְּלָאזְן אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע זַאךְ אַז עֶס אִיז אַ עִנְיָן וָואס מֶען שְׁרַייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין וֶוערְטֶער, וָואס דָאס הָאט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע כֹּחַ צוּ צוּבְּרֶעכְן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ה') אַז נָאכְדֶעם וָואס עֶס אִיז שׁוֹין אַרוֹיס גֶעקוּמֶען דִי גְזַר דִין, קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט

המשך בדף ב

# הַנְהָגַת רֹאשׁ הַשָּׁנָה

און צו אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

(הַנְהָגוֹת רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַף ט')

***

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"א:) "אִין רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען הָאבְּן דֶעם קָאפּ אוֹיפְן פְּלַאץ צוּ טְרַאכְטְן נָאר גוּטְס, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיכֶער נָאר גוּטְס טוּהן מִיט אוּנְז, און אָנְשְׁרַייבְּן אַ גוּטֶע יָאר".

דָאס אִיז אַזוֹי וִוי דָאס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"א) אַז אַלֶעם וֶוערְט זִיךְ וָואס דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט, וואו דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט דָארְט אִיז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ, דֶערְפַאר ווייל אִיז דֶער וָואס הָאט שֵׂכֶל און עֶר טְרַאכְט נָאר גוּטְס אַ גַאנְץ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "עֶס וֶועט זִיכֶער קוּמֶען דִי יָאר אַ גוּטֶע פַיינֶע יָאר" "דָאס יָאר וֶועל אִיךְ זִיךְ פִירְן עֶרְלִיךְ" "דָאס יָאר וֶועל אִיךְ הָאבְּן גֶעלְט" "דָאס יָאר וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען אַסַאךְ תּוֹרָה" "דָאס יָאר וֶועל אִיךְ הָאבְּן אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן מַיינֶע קִינְדֶער" א.א.וו. אַז אַ מֶענְטְשׁ וֶועט אַזוֹי טוּהן וֶועט עֶר זִיכֶער הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

(הַנְהָגוֹת רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַף י"ב)

***

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"א:) "אִין רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען זֶעהן צוּ רֶעדְן וִוי וֶוייניגֶער", דֶערְפַאר פִירְן זִיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ נִישְׁט צוּ רֶעדְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֵיין אִיבְּרִיגֶע זַאכְן.

אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ק"ג) אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ פְּסַק'נְט אוֹיף זִיךְ אַלֵיין אַלֶע גְזֵירוֹת, מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַ צְווייטְן: "וָואס הַאלְטְסְטוּ קוּמְט זִיךְ פַאר יֶענֶעם וָואס הָאט גֶעטוּהן דָאס און דָאס?" און דֶער מֶענְטְשׁ עֶנְטְפֶערְט: "פַאר אַזַא זַאךְ קוּמְט אִים אַ גְרוֹיסֶע עוֹנֶשׁ!" און עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז יֶעצְט הָאט עֶר גֶע'פְּסַק'נְט אוֹיף זִיךְ אַלֵיינ'ס.

דֶערְפַאר סְפֶּעצִיעל אִין דֶעם טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס דֶעמָאלְט זֶענֶען אָפְן דִי סִפְרֵי חַיִּים וְסִפְרֵי מֵתִים, מֶען אִיז דַן יֶעדְן מֶענְטְשׁ וָואס עֶס וֶועט פַּאסִירְן מִיט אִים דֶעם גַאנְצְן יָאר, דַארְף מֶען זִיכֶער זַיין גֶעוָוארֶענְט, נִישְׁט צוּ רֶעדְן צוּ אַסַאךְ, ווייל מֶען קֶען חַס וְשָׁלוֹם פְּסַק'נֶען פַאר זִיךְ אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזַר דִין.

ווייל אִיז דֶעם וָואס הִיט זַיין מוֹיל רֹאשׁ הַשָּׁנָה און רֶעדְט נִישְׁט וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט, וֶועט עֶר זִיכֶער הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ און גֶעשְׁמַאקֶע יָאר.

(הַנְהָגוֹת רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַף י"ד)

***

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"א:) "אִין רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ, און אוֹיךְ דַארְף מֶען וֵויינֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה".

בֶּאֱמֶת גֵייט דִי בֵּיידֶע זַאכְן אִינְאֵיינֶעם, פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קֶענֶען קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן וָואס אִיז מְחַזֵּק און שְׁטַארְקְט יֶעדְן צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער דָאס טַאקֶע מַאכְט אוֹיךְ וֵויינֶען און חֲרָטָה הָאבְּן פַארְוָואס בִּיז יֶעצְט אִיז מֶען נִישְׁט גֶעוֶוען וואויל.

ווייל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, און וֵויינֶען פַאר שִׂמְחָה אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, וֶועט עֶר זִיכֶער הָאבְּן אַ פַיינֶע גוּטֶע יָאר.

(הַנְהָגוֹת רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַף ט"ו)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרַ"שׁ

מִתְפַּלֵּל זַיין גֶעהֶערִיג, נָאר מֶען דַארְף פַארְשְׁטֶעלְן דִי תְּפִלָּה אַזוֹי וִוי מֶען דֶערְצֵיילְט נָאר אַ מַעֲשֶׂה, אַז דִי מְקַטְרִיגִים זָאלְן עֶס נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, און נִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין.

און דָאס אִיז דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן "שׁוֹפָר-בְּלָאזְן", וָואס דָאס אִיז אַ תְּפִלָּה אָן וֶוערְטֶער, מֶען שְׁרַייט נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אוֹיף דֶעם קֶען דֶער שָׂטָן נִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין, ווייל עֶר פַארְשְׁטֵייט עֶס בִּכְלָל נִישְׁט, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי פּוֹסְקִים (טוּר אוֹ"ח סִימָן תקפ"ה) "אֵין שָׂטָן וְאֵין פֶּגַע רַ"ע" אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "שׁוֹפָר", וָוען מֶען בְּלָאזְט שׁוֹפָר, קֶען דֶער שָׂטָן גָארְנִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין, ווייל נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְשְׁטֵייט דִי קוֹל פוּן דִי תְּקִיעוֹת, און עֶר טוּט מִיט דֶעם וָואס עֶר טוּט.

דֶערְפַאר אִיז יֶעצְט בַּיי דִי תְּקִיעוֹת דִי בֶּעסְטֶע צַייט, זִיךְ צוּ מִיטְכַאפְּן מִיט דִי קוֹלוֹת פוּנֶעם שׁוֹפָר, און בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף, און דִי תְּפִלּוֹת וֶועלְן אַרוֹיף גֵיין אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי קוֹלוֹת פוּן דִי שׁוֹפָר, און אוֹיס'פּוֹעֶל'ן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַ"שׁ תְּקִיעוֹת שׁוֹפָר)

## דַאנְקֶען גָאט אַז נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה קוּמְט יוֹם כִּיפּוּר

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל הָאט גֶעזָאגְט, דַאנְקֶען גָאט אַז נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה קוּמְט יוֹם כִּיפּוּר, וָוארוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה זֶענֶען אַלֶע גֶעפָארְן אוֹיף אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן און עֶס אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ פְרֵיילֶען וָואס זֶענֶען בְּרוֹגֶז גֶעוָוארְן אוֹיף זֵייעֶרֶע מֶענֶער פַארְוָואס זֵיי זֶענֶען אַוֶועקְגֶעפָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אָן זֵייעֶר רְשׁוּת וְכוּ', און זֵיי הָאבְּן גֶעבְּלָאזְן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט דִי מֶענֶער כִּדַרְכָּם וִוי זֵייעֶר שְׁטֵייגֶער אִיז וְכוּ', אָבֶּער אַז עֶס קוּמְט עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר בֶּעט זִיךְ יֶעדֶער אֵיינֶער אִיבֶּער וְכוּ', וָוארוּם עֶס קוּמְט אַזַא הֵיילִיגְן טָאג וָואס מִיר בֶּעטְן מְחִילָה סְלִיחָה כַּפָּרָה פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פַארְשְׁטֵייט דִי גֶעטְרֶייעֶ ווייבּ אַז מֶען דַארְף אוֹיכֶעט מוֹחֵל זַיין פַארְן מַאן, עֶר הָאט דָאס נִישְׁט גֶעטוּהְן צוּ לְהַכְעִיס, עֶר הָאט עֶס גֶעטוּהְן נָאר אוֹיף אוֹיסְצוּפּוֹעֶלְ'ן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר מֶען זָאל אָפְּגֶעהִיטְן וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס מֶען זָאל הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֵיוַח און גֶעזוּנְט מִיט נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער וְכוּ' וְכוּ', אִיךְ הָאף אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט וָואס צוּ טוּהְן.

(אשר בנחל באידיש חלק ג' מכתב ש"ט)

## בית המדרש "היכל הקודש" ברסלב – אומן

בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

# זמני התפלות

## ערב ראש השנה

סליחות ליל זכור ברית..........................12:30
שחרית ערב ראש השנה..........................8:00

**פדיון נפש לאחר תפלת שחרית**

## ראש השנה

מנחה ערב ר"ה..................................6:50
שחרית ב' ימי ר"ה..............................8:00
מנחה ב' ימי ר"ה...............................6:00

## שב"ק פרשת האזינו - שבת שובה

קבלת שבת......................................6:50
שחרית..........................................8:00
מנחה...........................................7:00

## זמני הדרשות
## של כ"ק מוהרא"ש שליט"א

יום א' דראש השנה...................לאחר תשליך
יוב ב' ראש השנה....................לאחר מנחה
טיש ליל שב"ק.................................10:30

# דִינָא קַשְׁיָא – וְדִינָא רַפְיָא...

עֶס שְׁטֵייט אִין כִּתְבֵי הָאֲרִיזַ"ל אַז דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז "דִינָא קַשְׁיָא" - שְׁטְרֶענְגֶע דִינִים, אוּן דִי צְוֵויטֶע טָאג אִיז שׁוֹין "דִינָא רַפְיָא" - גְרִינְגֶערֶע דִינִים.

עֶס לִיגְט זִיכֶער אִין דֶעם גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת, אָבֶּער מֶען קֶען עֶס אוֹיךְ מַסְבִּיר זַיין בְּפַשְׁטוּת, אוּן אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דֶעם אַ חִיזוּק פַאר אוּנְז וָואס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'נֶס צִיוּן.

דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז מֶען נָאךְ צוּמִישְׁט פוּן דִי נְסִיעָה וָואס מֶען אִיז גֶעפָארְן, אוּן פוּן דִי אַלֶע מְנִיעוֹת וָואס מֶען הָאט דוּרְךְ גֶעבְּרָאכְן צוּ קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּם רֶבִּי'נֶס צִיוּן אִין אוּמַן, אוּן דֶערְפַאר אִיז אַסַאךְ מָאל נָאךְ שְׁוֶוער זִיךְ צוּזַאם צוּ נֶעמֶען דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג צוּ קֶענֶען גֶעהֶערִיג דַאוֶונֶען אוּן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים צִיוּן, אוּן דֶערְפַאר אִיז דָאס "דִינָא קַשְׁיָא".

אָבֶּער דֶעם צְוֵוייטְן טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה קוּמְט מֶען שׁוֹין אַבִּיסְל צוּ זִיךְ, אוּן מֶען קֶען זִיךְ שׁוֹין אַבִּיסְל אִיבֶּער טְרַאכְטְן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע זְכִי' וָואס מֶען הָאט אַז מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּקוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם רֶבִּי'ן.

אוּן דֶערְפַאר אִיז שׁוֹין דֶעמָאלְט "דִינָא רַפְיָא", מֶען אִיז שׁוֹין רוּהִיגֶער אוּן מֶען קֶען זִיךְ שׁוֹין צוּזַאם נֶעמֶען אוּן אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיים דַאוֶוענֶען אוּן בַּיים צִיוּן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אַ שָׁנָה טוֹבָה וּמְתוּקָה.

(תּוֹךְ הַנַּחַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה תשע"א)

# אַזוֹי וִוי מֶען קוּמְט אִין שְׁפִּיטָאל

מֶען דַארְף וִויסְן אֵיין זַאךְ, רֹאשׁ הַשָּׁנָה קוּמֶען צוּזַאם צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזֶענְטֶער אִידְן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, פוּן גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, פוּן גַאנְץ יוּרָאפּ פוּן גַאנְץ אַמֶערִיקֶע, פוּן גַאנְץ זִיד אַמֶערִיקֶע, פוּן סַאוּט אַפְרִיקֶע, פוּן אוֹיסְטְרַאלְיֶע, פוּן דֶעם גַאנְצְן כַּדוּר הָעוֹלָם קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אִידְן, יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיין אַנְדֶערְן לְבוּשׁ, מִיט זַיין אַנְדֶערְן קוּלְטוּר, מִיט זַיין אַנְדֶערֶע אוֹיסְזֶעהְן, אוּן מֶען דַארְף וִויסְן אַז אַלֶע קוּמֶען דָא זוּכְן אַ תִּיקוּן.

אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען נִישְׁט שְׁפֶּעטְן פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, אוֹיכֶעט דַארְף מֶען וִויסְן אַז מֶען קוּמְט נָאר צוּם רֶבִּי'ן, סְ'אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז מֶען זָאל גֵיין דַאוֶוענֶען אִין אַ בַּאשְׁטִימְטְן פְּלַאץ, מֶען קוּמְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְ'ס צִיוּן, סְ'אִיז דָא מִנְיָנִים פוּן אַלֶע חֲסִידוּתֶ'ער פוּן אַלֶע עֵדָה'ס דָאס הָאט נִישְׁט צוּטוּהְן מִיטְן תִּיקוּן, דֶער תִּיקוּן אִיז צוּ זַיין אִין אוּמַאן אִין דִי ד' אַמּוֹת בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן דָארְטְן בֶּעטְן אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ וָואס מֶען דַארְף, אַז בִּזְכוּת דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער סְ'וֶועט קוּמֶען צוּ אִים רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶועט עֶר אִים מְתַקֵן זַיין מִיט אַזַא תִּיקוּן וָואס סְ'אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען, אִיךְ מֵיין אַז וֶוער עֶס הֶערְט דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אִיז שׁוֹין בַּיי אִים נִישְׁט קַיין שׁוּם נִסָיוֹן, זָאל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין שׁוּם מוֹנֵעַ אוּן מְעַכֵּב, אוּן זָאלְסְט אוֹיךְ בְּרֶענְגְן מִיט דִיר חֲבֵרִים, אוּן זָאלְסְט מְפַרְסֵם זַיין דֶעם עִנְיָן פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

עֶס אִיז דָא נָאךְ אַ נְקוּדָה, אַזוֹי וִוי עֶס קוּמֶען אַלֶע עֶרְלֵיי מֶענְטְשְׁן דַארְף מֶען וִויסְן אַז אַ יֶעדֶער קוּמְט אוֹיף זַיין תִּיקוּן, מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן אַן אַנְדֶערְן, אַזוֹי וִוי מֶען קוּמְט אִין אַ שְׁפִּיטָאל, אַ מֶענְטְשׁ הָאט צוּטוּהְן מִיט דִי נִירְן, אָפְּגֶעהִיטְן זָאל מֶען וֶוערְן, אוּן דֶער דָאקְטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט דוּ זָאלְסְט זַיין אִין שְׁפִּיטָאל אוּן אִיךְ וֶועל דִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי שְׁטֵיינֶער פוּן דִי נִירְן, עֶר קוּמְט אִין שְׁפִּיטָאל, זֶעהְט עֶר, דֶער אִיז בַּאנְדֶעזְשִׁירְט דִי קָאפּ דֶער אִיז בַּאנְדֶערְזְשִׁירְט דִי אוֹיגְן, דֶער אִיז בַּאנְדֶערְזְשִׁירְט דִי הַאנְט, דֶער אִיז דִי פִּיס, דֶער הָאט אִינְטֶערְוִוינֶעס אִין דִי הַאנְט, דֶעם גֶעבְּט מֶען בְּלוּט טְרֶענְסְפְּיָאזְשֶׁען, טְרַאכְט עֶר וָואס הָאבּ אִיךְ דָא צוּ זוּכְן? אִיךְ הָאבּ דָא נִישְׁט וָואס אַרַיינְצוּקוּמֶען, גֶעבּ אַ קוּק וָואס דָא זֶעהְט זִיךְ אוֹיס, חַס וְשָׁלוֹם אַ מְשׁוּגֶען הוֹיז, גֵייט עֶר אַוֶועק, אִיז דֶען דָא נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע שׁוֹטֶה וִוי עֶר? דוּ דַארְפְסְט זִיךְ דָאךְ קוּמֶען הֵיילְן דַיינֶע נִירְן, אֵיי דִי זֶעהְסְט דָארְטְן פַארְשִׁידֶענֶע עֶרְלֵיי קְרַאנְקֶע, דָאס הָאט נִישְׁט מִיט דִיר צוּטוּהְן, יֶעדֶער אֵיינֶער קוּמְט זִיךְ הֵיילְן זַיין מַחֲלָה.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְ'ס צִיוּן, אַוַודַאי זֶעהְט מֶען דָארְטְן אַלֶע סָארְטְן מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער דָאס דַארְף דִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין, דוּ דַארְפְסְט קוּקְן נָאר אוֹיף דַיין נְשָׁמָה, אִיךְ דַארְף הָאבְּן אַ תִּיקוּן, וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט אַן אַנְדֶערְן, וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט דָאס אִיז זִיךְ אַרַיין אִיז עֶר זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, אַוַודַאי אִיז דָארְטְן דָא אַלֶע סָארְטְן עֶרְלֵיי מֶענְטְשְׁן, אוּמְגֶעוואוּנְטְשֶׁענֶע גֶעסְט, אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט אוּנְזֶער זַאךְ, רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְ'ס זַאךְ, וֶוער סְ'קוּמְט הָאט אַ תִּיקוּן, אוּן מְמֵילָא דַארְף אִיךְ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם, אִיךְ דַארְף קוּקְן נָאר אוֹיף מִיר, אוֹיף מַיין וַוייבּ, אוֹיף מַיינֶע קִינְדֶער, מֶען הֶערְט נֶעבֶּעךְ אַזוֹיפִיל אוּמְגְלִיקְן יֶעדְן טָאג, רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז מֶען דַן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, אִיבֶּערְדֶעם וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר קוּמְט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר וֶועט אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי פוֹעֶלְן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אֲרִיכוּת יָמִים וּשְׁנַיִם, פַּרְנָסָה בְּנֵיקַל, קִינְדֶער, שִׁידוּכִים, וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן.

(אשר בנחל באידיש חלק א' מכתב שמ"ב)

***

# יֶעדֶער זָאל דַאוֶוענֶען וואוּ עֶס גְלוּסְט אִים

וִויסְן זָאלְסְטוּ וִויסְן, רֹאשׁ הַשָּׁנָה פָּארְט מֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וִוי עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אִין אוּמַאן, אָבֶּער מֶען טָאר נִישְׁט מַאכְן קַיין עִיקָר פוּן דֶעם אָדֶער פוּן יֶענֶעם וְכוּ', עֶס אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם דָא אַסַאךְ עֶרְלֵיי מִנְיָנִים, יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל גֵיין דַאוֶוענֶען וואוּ עֶס גְלִיסְט אִים, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט זָאגְן אַז

המשך בדף ד

# יֶעדֶער זָאל דַאוֶוענֶען וואו עֶס גְלוּסְט אִים

המשך

זַיין מִנְיָן אִיז הֶעכֶער וִוי דֶער צְוֵוייטֶער וְכוּ', סְ'אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ וְכוּ', מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן מֶען דַארְף אוֹיסְנִיצְן דָארְטְן דִי הֵיילִיגֶע צַייט, אוּן זִיצְן אַסַאךְ בַּיים צִיוּן, אוּן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר וְכוּ', אוּן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן, נִישְׁט מַאכְן קַיין עִיקָר פוּן דֶעם גְרוּפֶּע וְכוּ' אָדֶער פוּן יֶענֶע גְרוּפֶּע וְכוּ', וָואס דָאס אַלֶעס נֶעמְט זִיךְ פוּן מוֹחִין דְקַטְנוּת, אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַ מֹחַ וִוי אַ קְלֵיין נִיסֶעלֶע וְכוּ' דֶער רֶעדְט אַזוֹי, בַּיי אוּנְז אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ וְכוּ', מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן מֶען דַארְף זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען, אוּן נִישְׁט בַּייסְן זִיךְ אוּן קְרִיגְן זִיךְ אֵיינֶער מִיטְן אַנְדֶערְן.

אִיךְ דַאנְק דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זֶעהְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט נָאךְ פַאר צְוָואנְצִיג יָאר שְׁנַת תש"ן, וֶוען מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פָארְן אַ גְרוֹיסֶער קִיבּוּץ צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַז סְ'וֶועט נָאךְ זַיין מִנְיָנִים פוּן אַלֶע עֶרְלֵיי חֲסִידוּתֶ'ער, אוּן פוּן אַלֶע עֶרְלֵיי לִיטְווִישֶׁע וְכוּ', אוּן פוּן אַלֶע עֶרְלֵיי סְפַרְדִישֶׁע וְכוּ', אוּן דֶעמָאלְט הָאט מֶען גֶעלַאכְט פוּן מִיר וְכוּ', אַזוֹי וִוי מֶען הָאט גֶעלַאכְט וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעדְרִיקְט דֶעם ווּאוּנְדֶערְלִיכְן סֵפֶר "פְּעוּלַּת הַצַּדִיק" וָואס אִיז גֶעדְרִיקְט גֶעוָוארְן שְׁנַת תשל"ח, אוּן עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ דֶער סֵפֶר אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס דֶער צִיוּן וֶועט זַיין אָפֶען פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, הָאבְּן דִי לֵצִים גֶעמַאכְט פוּן דֶעם לֵיצָנוּת וְכוּ', אוּן פְלֶעגְן מִיר שְׁטֶענְדִיג שְׁטֶעכְן וְכוּ', וואו אִיז אָפֶען? וְכוּ', וֶוען אִיז אָפֶען? וְכוּ', סְתַּם צוּ רֶעדְן? אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם הַיינְט זֶעהְט מֶען דֶעם אֱמֶת.

אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען מַאכְן אַ גֶעוַואלְדִיגֶער הִתְעוֹרְרוּת אַז אַ יֶעדֶער זָאל קֶענֶען פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואסֶערֶע חָסִיד עֶר אִיז, אוּן פוּן וואו עֶר בַּאלַאנְגְט וְכוּ' וְכוּ', וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אַ נְשָׁמָה כְּלָלִיוּת, אוּן עֶר אִיז שַׁיָיךְ פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א) דָאס יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ שֵׂכֶל פְּרָטִי, אוּן דֶער צַדִיק הָאֱמֶת אִיז אַ שֵׂכֶל כְּלָלִי, אוּן אַלֶע שִׂכְלִיוֹת פְּרָטִיִים דַארְפְן זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם שֵׂכֶל הַכּוֹלֵל, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, בְּסוֹד (מִשְׁלֵי י"ג) "אוֹר צַדִיקִים יִשְׂמַח", וֶוען אַלֶע נְפָשׁוֹת קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם בַּיים צַדִיק, דֶעמָאלְט וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, אַז ווּאוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר קֶען מְזַכֶּה זַיין נָאךְ אִידְן זָאלְן קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס מִיט דֶעם אַיילְט עֶר צִי דִי גְאוּלָּה.

(אשר בנחל באידיש חלק א' מכתב של"ב)

# ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

## קול תורה הילכט ווייטער אפ אין שטאט בין כותלי הישיבה

מיטן אייבערשטנס הילף האט מען שוין צוריק אנגעהויבן די סדרי הישיבה אין שטאט נאכן זיך צוריק קערן פון קעמפ בשעה טובה ומצלחת.

די קול תורה גייט ווייטער אן ביתר שאת וביתר עז, די בחורים זיצן און לערנען פלייסיג, באגלייט מיט די געוואלדיגע שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א.

ווי באקאנט האט זיך די ישיבה געעפנט בפקודת כ"ק מוהרא"ש שליט"א דורכן ראש ישיבה שליט"א, די ישיבה איז געשטעלט אריין צו ברענגען אין די בחורים די אלע הייליגע עצות און וועגן פון הייליגן רבי'ן, ובפרט די הויפט עצה אז יעדער מענטש דארף זיך צוגעוואוינען צו רעדן צום אייבערשטן אויף זיין אייגענע שפראך, און דאס איז די וועג וואס ברענגט דעם מענטש צו אלע מדריגות.

און אזוי אויך די "סדר דרך הלימוד" וואס דער רבי האט אונז געלערנט אז מען קען זאגן תורה אפילו ווען מען פארשטייט נישט און מען געדענקט נישט וואס מען האט געלערנט, און דערפאר אויסער די שיעור עיון וואס עס איז דא אין ישיבה האבן זיך די בחורים יעדער איינער זיינע אייגענע שיעורים, און מען זעהט ווי די בחורים לערנען מיט גרויס התמדה אין זייער אייגענע צייטן און ענדיגן צענדליגע מאל ששה סדרי משנה, ש"ס, ד' חלקי שלחן ערוך, און נאך, יעדער לויט זיין דרגה.

און מיטן אייבערשטנס הילף האט זיך די ישיבה איינגעקויפט גאר א גוטע נאמען לשם ולתפארת, ווי עס זאגן עדות יעדער וואס זעהט די בחורים, אז הכרת פניהן ענתה בם אז זיי לערנען אין ישיבה, ווי אזוי זיי פירן זיך אויף מיט גרויס דרך ארץ און נוצן אויס די צייט בתורה ועבודה, אזוי ווי עס פאסט פאר איינעם וואס רופט זיך א תלמוד פון הייליגן רבי'ן.

**כי הם חיינו ואורך ימינו!**

***

## תלמוד תורה "היכל הקודש" און די מיידל שולע "בית פיגא" אנגעהויבן די נייע שנת הלימודים

מיטן אייבערשטנס הילף האט זיך שוין אנגעהויבן די נייע שנת הלימודים אין די תלמוד תורה און אין די מיידל שולע.

אזוי ווי עס איז דאס יאר אריינגעקומען א גרעסערע צאל פרישע קינדער, האט מען אויפגענומען פרישע מלמדים און טיטשערס יראי ה' וואס וועלן זיך אפגעבן צו מחנך זיין די טייערע קינדערלעך, און אריינברענגען אין זיי תורה ויראת שמים און מדות טובות אויף די וועג וואס דער הייליגער רבי לערנט אונז.

די עלטערן זענען ברוך ה' זייער צופרידן פון די מוסדות, וויסענדיג אז מען לייגט אריין די מאקסימאלסטע כוחות אז יעדעס קינד באזונדער זאל אויסשטייגן די בעסטע און שענסטע וואס איז שייך.

**אייערע קינדער זאלט איר מודיע זיין וואס דא האט זיך געטוהן!**


## ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע ספרי ברסלב

**27 Skillman St.**

**אדער רופט 347-770-1565**

## קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**


## הגליון הזה נתנדב לזכות

**מו"ה אשר זעליג בן אסתר הי"ו**

ויה"ר שיתברך מפי א-ל עליון בבני חיי ומזוני רויחא בשפע ובניקל, ובכל אשר יפנה יצליח.

**ולזכות**

**כל המשתתפים בקיבוץ הקדוש**

**אצל ציון רבינו הקדוש באומן על ימי ראש השנה**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

חג הסוכות, ט"ו תשרי, שנת תשע"ד לפ"ק

שנה 3, גליון 2 (102)


**זמנים**

הדלקת הנרות......................6:38
סוף זמן קר"ש......................9:09
מוציו"ט...............................8:07

**שיעורים כסדרן**

בבלי.........................פסחים צ"א
ירושלמי...........בבא מציעא ל"ד
תוספתא.............יבמות פרק ז'

## עַל נְטִילַת לוּלָב

### דִּידָן נָצַח

עֶס שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תִּיקּוּנֵי זֹהַר דַּף כט.) דֶער עִנְיָן פוּן שָׁאקְלֶען לוּלָב, וַוייל אַזוֹי וִוי דִי אִידְן זֶענֶען דָאךְ גֶעוֶוען אִין אַ קְרִיג מִיטְן יֵצֶר הָרַע אוּם יוֹם כִּיפּוּר, מְמֵילָא וִוי אַזוֹי קֶען מֶען וִויסְן וֶוער עֶס הָאט גֶעוִוינֶען? נָאר אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהט בַּיי אַ מִלְחָמָה אוֹיף דֶער וֶועלְט, וִוי אַזוֹי וֵוייסְט מֶען וֶוער עֶס הָאט גֶעוִוינֶען? מֶען זֶעהט דֶער וָואס הַאלְט דִי גֶעוֶוער אִין דִי הֶענְט דֶער הָאט גֶעוִוינֶען, דִי זֶעלְבֶּע דָא וֶוען עֶס קוּמְט סוּכּוֹת אוּן דִי אִידְן הַאלְטְן דִי ד' מִינִים וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר גֶעוֶוער, זֶעהט מֶען אַז "דִּידָן נָצַח" - מִיר הָאבְּן גֶעוִוינֶען.

דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, קוֹדֶם בַּיי אַ גֶעוֶועגְלִיכֶע מִלְחָמָה, וָואס אִיז דִי פְרַאגֶע וֶוער עֶס הָאט גֶעוִוינֶען? מֶען קֶען דָאךְ זֶעהן וֶוער עֶס הָאט בַּאזִיגְט וֶועם, וֵוייסְט מֶען דָאךְ וֶוער עֶס הָאט גֶעוִוינֶען? אוּן צְוֵוייטְנְס דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, דֶער וָואס הָאט גֶעוִוינֶען דִי מִלְחָמָה קֶען דָאךְ שׁוֹין אַרָאפּ לֵייגְן דָאס גֶעוֶוער, פַארְוָואס זָאגְט עֶר אַז וֶוער עֶס הַאלְט דִי גֶעוֶוער אִין דִי הֶענְט, דֶער הָאט גֶעוִוינֶען? פַארְקֶערְט אוֹיבּ הַאלְט עֶר נָאךְ דִי גֶעוֶוער אִין דִי הֶענְט מֵיינְט אַז עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעוִוינֶען, עֶר הַאלְט נָאךְ אִינְמִיטְן דִי מִלְחָמָה.

זָאגְט רֶבִּי נָתָן אַז בַּיי דִי מִלְחָמָה מִיטְן יֵצֶר הָרַע גֵייט עֶס גָאר אַנְדֶערְשׁ וִוי בַּיי אַ גֶעוֶועגְלִיכֶע מִלְחָמָה, דִי מִלְחָמָה אִיז אַ לַאנְג פַארְצוֹיגֶענֶע מִלְחָמָה, אוּן אֲפִילוּ וֶוען דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט בַּאזִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר הָאט אִים מַכְשִׁיל גֶעוֶוען מִיט בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, מֵיינְט נָאכְנִישְׁט אַז דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט גֶעוִוינֶען, וַוייל וִוי לַאנְג דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ אוּן עֶר גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף דִי מִלְחָמָה, עֶר גֵייט וַוייטֶער אָן, עֶר טוּט תְּשׁוּבָה, אוּן עֶר פְּרוּבִּירְט אַרַיינְצוּכַאפְּן מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים אִיז עֶר דֶער גֶעוִוינֶער.

דֶער יֵצֶר הָרַע אִיז נָאר דֶער גֶעוִוינֶער וֶוען עֶר קֶען בַּאוַוייזְן צוּ צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ'ס מוּט, אַז עֶר זָאל אוֹיפְגֶעבְּן אוּן נִישְׁט וֶועלְן מֶער אָנְהֵייבְּן פוּן נַיי, אָבֶער וִוי לַאנְג דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק, אִיז עֶר דֶער


המשך בדף ב


## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

~ סוּכָּה ~

### מִיט דִי שְׁמוּצִיגֶע שִׁיךְ...

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דִי מִצְוָה פוּן סוּכָּה אִיז גָאר אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע מִצְוָה אַנְדֶערְשׁ פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע מִצְוֹת, וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אִינְגַאנְצְן אַרַיין אִין דִי סוּכָּה, אוּן עֶר טוּט אַלֶע גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע זַאכְן אִין דִי סוּכָּה, עֶר עֶסְט, עֶר טְרִינְקְט אוּן עֶר שְׁלָאפְט אִין דִי סוּכָּה, אוּן דִי אַלֶע זַאכְן הָאבְּן דִי קְדוּשָּׁה פוּן דִי סוּכָּה, וַוייל דָאס אִיז דָאךְ דִי מִצְוָה צוּ זַיין אִין דִי סוּכָּה.

אוּן דֶערְפַאר פִילְט יֶעדֶער אִיד אַ גֶעשְׁמַאק וֶוען מֶען זִיצְט אִין דִי סוּכָּה וַוייל דִי שְׁכִינָה אִיז דָארְט אוּן מֶען פִילְט מֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי סוּכָּה.

אוּן דֶערְפַאר אִיז דֶעמָאלְט דִי בֶּעסְטֶע צַייט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי סוּכָּה, וַוייל דָארְט וֶוערְן דִי תְּפִלּוֹת שְׁנֶעלֶער אָנְגֶענוּמֶען אוּן מֶען קֶען גְרִינְגֶער פּוֹעֵל'ן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען וִויל.

עֶס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (או"ח סִי' תרל"ט ס"ד) וֶועגְן דַאוֶוענֶען אִין דִי סוּכָּה, אַז אוֹיבּ מֶען וִויל דַאוֶוענְט מֶען אִין דִי סוּכָּה אוּן אוֹיבּ נִישְׁט נִישְׁט, זָאגְן דִי פּוֹסְקִים דָארְט (מָגֵן אַבְרָהָם שָׁם ס"ק י"ד) אַז אוֹיבּ אִיז דָא אִין שְׁטָאט אַ שׁוּהל זָאל מֶען גֵיין עֶנְדֶערְשׁ דַאוֶוענֶען אִין שׁוּהל. דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, אִין וֶועלְכֶע שְׁטָאט אִיז דֶען נִישְׁט דָא קַיין שׁוּהל אַז דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ זָאגְט אוּנְז אַז דֶעמָאלְט זָאל מֶען דַאוֶוענֶען אִין דִי סוּכָּה?

נָאר בֵּיידֶע זֶענֶען אֱמֶת, דִי תְּפִלּוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב דַארְף מֶען זִיכֶער גֵיין אִין שׁוּהל דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, אָבֶער דִי אַנְדֶערֶע תְּפִלּוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, אוּן מֶען זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט דוּרְךְ אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, אוּן בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען


המשך בדף ב

## דִידָן נָצַח

גֶעוִוינֶער, און אֲפִילוּ אוֹיבּ יֶעצְט אִיז עֶר נָאךְ וַוייט פוּנֶעם אִיבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר אָבֶּער מִיט דִי צַייט וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין דֶעם זֹהַר, וִוי לַאנְג דִי אִידְן הַאלְטְן דִי ד' מִינִים דִי גֶעוֶוער אִין דִי הַאנְט, זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן דִי מִלְחָמָה, מֵיינְט דָאס אַז זֵיי הָאבְּן גֶעוִוינֶען, כָּאטְש פוּן אִינְדְרוֹיסְן קֶען מֶען בֶּאֱמֶת נִישְׁט זֶעהְן וֶוער עֶס הָאט גֶעוִוינֶען, עֶס זֶעהְט אוֹיס אַזוֹי וִוי דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט גֶעוִוינֶען וַוייל עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען צוּ מַכְשִׁיל זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט עֲבֵירוֹת, אוֹיבּ אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נָאכְנִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אִיז עֶר בֶּאֱמֶת דֶער גֶעוִוינֶער, "דִידָן נָצַח".

דֶערְפַאר וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס וֵוייסְט אַז דֶער עִיקָר צִיהל פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע אִיז נָאר אִים צוּ צוּבְּרֶעכְן אַז עֶר זָאל אוֹיפְגֶעבְּן דִי הָאפֶענוּנְג, און עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט פוּן אִים, אֲפִילוּ וֶוען דֶער יֵצֶר הָרַע וַוארְפְט אִים אַרָאפּ, גֶעבְּט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיף, וֶועט עֶר זוֹכֶער צוּם סוֹף זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד און עֶר וֶועט הָאבְּן אַלֶעם גוּטְס אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, הֲלָכוֹת שַׁבָּת ה"ז אוֹת נ"ד)

## אַ רְפוּאָה פַאר דִי אוֹיגְן

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן זִיךְ צוּ קוּקְן אַסַאךְ אוֹיפְן אֶתְרוֹג, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט סֵפֶר הַמִּדּוֹת (רְפוּאָה ב ד) אַז צוּ קוּקְן אוֹיף דִי אֶתְרוֹג אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אוֹיגְן וֵוייטָאג.

און דָאס אִיז סֵיי בְּגַשְׁמִיוּת, אוֹיבּ אֵיינֶעם טוּט וֵויי דִי אוֹיגְן זָאל עֶר קוּקְן אוֹיפְן אֶתְרוֹג און עֶס וֶועט זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן.

און סֵיי בְּרוּחֲנִיוּת, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעהְט אַז עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן, עֶר מוּז קוּקְן אוֹיף זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, זָאל עֶר קוּקְן אוֹיפְן אֶתְרוֹג, און עֶר וֶועט הָאבְּן אַ רְפוּאָה.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַא"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ אַרְבָּעָה מִינִים)

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

דַארְף, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטְן פְרַיינְד, דָאס אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ טוּהן אִין דִי סוּכָּה, וַוייל דִי שְׁכִינָה רוּהט דָארְט און מֶען קֶען פִילְן וִוי מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּנִים אֶל פָּנִים, און מֶען קֶען זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף, און מֶען וֶועט הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן.

***

### בַּאקוּמְסְט דַיין שִׁידוּךְ...

אוֹיךְ אִיז דִי סוּכָּה אַ גוּטֶע פְּלַאץ פַאר אַ בָּחוּר צוּ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ שִׁידוּךְ, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (עֲרָכִין ג:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק "בַּסּוּכּוֹת תֵּשְׁבוּ שִׁבְעַת יָמִים", תֵּשְׁבוּ כְּעֵין תָּדוּרוּ מַה דִירָה אִישׁ וְאִשְׁתּוֹ אַף סוּכָּה אִישׁ וְאִשְׁתּוֹ.

דֶערְפַאר וֶוען עֶר אַ בָּחוּר זֶעצְט זִיךְ אַרַיין אִין דִי סוּכָּה, קֶען עֶר הָאבְּן אַ גוּטֶע טַעֲנָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם דוּ הָאסְט גֶעזָאגְט 'מַה דִירָה אִישׁ וְאִשְׁתּוֹ אַף סוּכָּה אִישׁ וְאִשְׁתּוֹ' אִיךְ בִּין דָא אִין דִי סוּכָּה אִיךְ הָאבּ גֶעטוּהן מַיין חֵלֶק, יֶעצְט דַארְפְסְטוּ מִיר צוּשְׁטֶעלְן אַ וַוייבּ, אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה בִּשְׁלֵימוּת.

און נָאךְ מֶער זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן מ"ח) אַז דִי מִצְוָה פוּן סוּכָּה אִיז מְסוּגָל פַאר קִינְדֶער, קוּמְט אוֹיס אַז פַאר אַ בָּחוּר דַארְף דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז עֶר זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן און אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ און קֶענֶען הָאבְּן קִינְדֶערְלֶעךְ, דֶערְפַאר אִיז אִין דִי סוּכָּה דִי בֶּעסְטֶע פְּלַאץ פַאר אַ בָּחוּר צוּ אוֹיסְבֶּעטְן אַ שִׁידוּךְ.

***

### כַאפְּן אַ שְׁפַּאצִיר אִין דִי סוּכָּה...

אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ וֶוערְט גֶע'פְּסַק'נְט (או"ח סִי' תרל"ט ס"א) "וָואס אִיז דִי מִצְוָה פוּן סוּכָּה? דִי גַאנְצֶע זִיבְּן טֶעג זָאל אַ מֶענְטְשׁ עֶסְן, טְרִינְקְן, שְׁלָאפְן, און 'שְׁפַּאצִירְן' אִין דִי סוּכָּה".

וָואס אִיז דִי שְׁפַּאצִירְן אִין דִי סוּכָּה? וֶוער הָאט דֶען אַזַא גְרוֹיסֶע סוּכָּה צוּ קֶענֶען דָארְט אַרוּם שְׁפַּאצִירְן?

עֶס קֶען זַיין דֶער פְּשַׁט אַזוֹי וִוי מֶען הָאט פְרִיעֶר גֶעזָאגְט אַז אִין דִי סוּכָּה קֶען מֶען זִיךְ גוּט אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ שְׁפַּאצִירְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי סוּכָּה.

אָבֶּער עֶס קֶען זַיין נָאךְ אַ פְּשַׁט, אַז אִין דִי סוּכָּה קֶען מֶען אַרוּם שְׁפַּאצִירְן אִין דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה דִי "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד" (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין אַלֶע חֲלָקִים אִין דִי תּוֹרָה, אִין מִקְרָא, אִין מִשְׁנַיוֹת, אִין גְמָרָא, אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ א.א.וו. און עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט און אֲפִילוּ עֶר גֶעדֶענְקְט נִישְׁט וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט. און וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט דָאס טוּהן וֶועט זִיךְ אִים מִיט דִי צַייט עֶפֶענֶען דִי מֹחַ און עֶר וֶועט פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, און אֲפִילוּ וָואס עֶר וֶועט נִישְׁט קֶענֶען אוֹיף דִי וֶועלְט וֶועט מֶען אִים אָבֶּער אַלֶעס אוֹיסְלֶערְנֶען און דֶערְמַאנֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דִי גְמָרָא זָאגְט (סוּכָּה כח:) אַז לֶערְנֶען בְּעִיּוּן זָאל מֶען אִינְדְרוֹיסְן פוּן דִי סוּכָּה, אָבֶּער זָאגְן תּוֹרָה בְּגִירְסָא דָאס זָאל מֶען טוּהן אִין דִי סוּכָּה, זֶעהְט מֶען אַז אִין דִי סוּכָּה אִיז דִי רִיכְטִיגֶע פְּלַאץ אוֹיסְצוּנִיצְן דִי צַייט און לֶערְנֶען אַלֶע שִׁיעוּרִים אוֹיפְ'ן דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן, מֶען נֶעמְט זִיךְ אַרַיין אַ הוֹיפְן סְפָרִים אִין דִי סוּכָּה, און מֶען שְׁפַּאצִירְט דוּרְךְ אַבִּיסְל פוּן יֶעדֶע שִׁיעוּר, אַבִּיסְל חוּמָשׁ, אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת, אַבִּיסְל תְּהִלִּים, אַבִּיסְל גְמָרָא א.א.וו. און אַזוֹי וֶועט מֶען צוּגֵיין צוּם שִׂמְחַת תּוֹרָה מִיט גָאר אַן אַנְדֶער גֶעשְׁמַאק וִויסֶענְדִיג אַז מֶען הָאט אוֹיסְגֶענִיצְט דִי צַייט מִיט לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ קְדוּשַּׁת מִצְוַת סוּכָּה)

# בית המדרש "היכל הקודש" ברסלב

בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א
27 Skillman St.

## זמנים לחג הסוכות

**שחרית**
בשעה 10:00

**מנחה**
בשעה 7:30
***

**הושענה רבה**
משנה תורה בשעה 11:00

**שמיני עצרת**
שחרית בשעה 10:00
מנחה בשעה 7:30

**שמחת תורה**
שחרית בשעה 9:00
מנחה בשעה 7:00
ואחר כך נעילת החג

## שְׁוֶוער צוּ נַארְן אִידְן

אִין יָאר תק"ע פַאר יוֹם טוֹב סוּכּוֹת אִיז גְעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ בַּאקוּמֶען אֶתְרוֹגִים, עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶעהְן אַז עֶס וֶועט שׁוֹין בִּכְלָל נִישְׁט זַיין קֵיין אֶתְרוֹגִים אוֹיף סוּכּוֹת, עֶס אִיז נִישְׁט גְעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען קֵיין אֶתְרוֹגִים אִינֶעם גַאנְצְן לַאנְד.

בִּיז מַמָּשׁ עֶרֶב סוּכּוֹת הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְעהָאלְפְן אַז עֶס זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען בְּדֶרֶךְ נֵס גְעצֵיילְטֶע אֶתְרוֹגִים צוּ עֶטְלִיכֶע שְׁטֶעט, אוּן מֶען הָאט גְעצָאלְט פַאר דֶעם גָאר אַסַאךְ גֶעלְט.

אוֹיךְ צוּ דִי שְׁטָאט בְּרֶסְלַב אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַן אֶתְרוֹג, גָאר אַ שֵׁיינֶעם אֶתְרוֹג, צוּם הֵיילִיגְן רַבִּי'ן, דֶער רַבִּי אִיז גְעוֶוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ פוּן דֶעם אֶתְרוֹג, עֶר הָאט גְעהֵייסְן אַז מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען מוּזִיק אוּן שְׁפִּילְן, פַאר גְרוֹיס פְרֵייד אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גְעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען אַן אֶתְרוֹג.

דְרֵיי טֶעג אִין אַ צִי הָאט דֶער רַבִּי גְעהַאט גָאר גְרוֹיס חִיּוּת פוּן דֶעם אֶתְרוֹג, אַזוֹי וַוייט אַז עֶר הָאט גַארְנִישְׁט גְעשְׁפִּירְט דִי שְׁוֶוערֶע קְרֶענְק וָואס עֶר הָאט דֶעמָאלְט גְעהַאט, פוּן דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה פוּנֶעם אֶתְרוֹג.

אוֹיךְ נָאךְ סוּכּוֹת הָאט דֶער רַבִּי גְערֶעדְט אַסַאךְ פוּנֶעם אֶתְרוֹג, עֶר הָאט גְעזָאגְט אַז מֶען וֵוייסְט גַארְנִישְׁט דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן אֶתְרוֹג, אָבֶּער אַזוֹיפִיל קֶען מֶען זֶעהְן אַז אִידְן לָאזְן זִיךְ קָאסְטְן גְרוֹיסֶע גֶעלְטֶער צוּ קוֹיפְן אַן אֶתְרוֹג, מֶער וִויפִיל מֶען צָאלְט פַאר אַנְדֶערֶע מִצְוֹת, אוּן דִי אִידְן זֶענֶען דָאךְ קְלוּג אוּן עֶס אִיז שְׁוֶוער זֵיי צוּ פַּארְנַארְן, אוּן דֶערְפַאר אוֹיבּ זֶעהְט מֶען אַז זֵיי צָאלְן אַזוֹיפִיל גֶעלְט פַאר דִי מִצְוָה אִיז אַ סִימָן אַז דָאס אִיז גָאר אַ טֵייעֶרֶע מִצְוָה וָואס מֶען קֶען נִישְׁט אָפְּשַׁאצְן.

(שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קכ"ה)

# דִי כַּוָּונוֹת פוּן שָׁאקְלֶען לוּלָב

עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז אִין דִי נַעֲנוּעִים וָואס מֶען שָׁאקֶלְט מִיטְן לוּלָב, לִיגְט אִין דֶעם גְרוֹיסֶע זַאכְן, דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ בְּרֶענְגְט אוֹיף דֶעם גְרוֹיסֶע כַּוָּונוֹת (פְּרִי עֵץ חַיִּים שַׁעַר הַלּוּלָב פ"ג.).

אָבֶּער מֶען קֶען זָאגְן אוֹיךְ בִּפְשִׁיטוּת דִי כַּוָּונוֹת וָואס מֶען זָאל אִינְזִין הָאבְּן בַּיים שָׁאקְלֶען דִי נַעֲנוּעִים, וָואס פוּן דֶעם קֶען מֶען נֶעמֶען גְרוֹיס חִיזּוּק אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן.

## מִזְרָח מַעֲרִיב

מֶען שָׁאקֶלְט אוֹיף פָארְנְט אוּן אוֹיף אוּנְטְן, דָאס וַוייזְט אוֹיף צְווֵיי מִינֵי מַצָּבִים אִין וָואס אַ מֶענְטְשׁ גֶעפִינְט זִיךְ, אַמָאל גֵייט אִים אַלֶעס גוּט, עֶר פִילְט אַ גֶעשְׁמַאק אִין לֶעבְּן, אַ גֶעשְׁמַאק אִין דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַמָאל גֵייט אַלֶעס פַארְקֶערְט, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט קֵיין טַעַם אִין גַארְנִישְׁט, אַלֶעס גֵייט פַארְקֶערְט וִוי מֶען וִויל.

דֶערְפַאר שָׁאקֶלְט מֶען פוּן פָארְנְט אוּן פוּן אוּנְטְן, סַיי וֶוען עֶס גֵייט גוּט אוּן סַיי וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט גוּט זָאל מֶען וִויסְן אַז אַלֶעס אִיז נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאר צוּ אִים זָאל מֶען גֵיין, אוּן נָאר עֶר קֶען הֶעלְפְן.

## דָרוֹם צָפוֹן

מֶען שָׁאקֶלְט רֶעכְטְס אוּן לִינְקְס, דָאס מֵיינְט רוּחְנִיּוֹת אוּן גַשְׁמִיּוֹת, דָאס הֵייסְט אַז מֶען וִויל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן סַיי מִיט רוּחְנִיּוֹת צוּ דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן טוּהְן מִצְוֹת, אוּן סַיי מִיט גַשְׁמִיּוֹת צוּ עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען אוּן טוּהְן אַלֶע בַּאדֶערְפֶענִישְׁן, אוֹיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דִי הֲלָכָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גְעהֵייסְן.

וַוייל עֶס גֵייט נִישְׁט אֵיינְס אָן דֶעם אַנְדֶערְן, אוֹיבּ וִויל מֶען נָאר רוּחְנִיּוֹת אָן גַשְׁמִיּוֹת וֶועט עֶס צוּפַאלְן אוּן עֶס וֶועט זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן, אוּן דִי זֶעלְבֶּע פַארְקֶערְט, מֶען קֶען נִישְׁט הָאבְּן גַשְׁמִיּוֹת אָן רוּחְנִיּוֹת, דֶער בֶּעסְטֶער וֶועג אִיז וֶוען מֶען שְׁטֶעלְט בֵּיידֶע צוּזַאם, מֶען דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ מִיט דִי גַשְׁמִיּוֹת.

## מַעְלָה מַטָּה

מֶען שָׁאקֶלְט אוֹיף אַרוֹיף אוּן אוֹיף אַרָאפּ, סַיי וֶוען מֶען אִיז אוֹיבְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף מֶען וִויסְן אַז מֶען קֶען גֵיין נָאךְ הֶעכֶער. אוּן סַיי וֶוען מֶען אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן, מֶען הָאט גְעטוּהְן עֲבֵירוֹת דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאךְ אַלְץ דָא מִיטְן מֶענְטְשׁ, אוּן מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו').

דָאס זֶענֶען דִי כַּוָּונוֹת אִינְזִין צוּ הָאבְּן בִּשְׁעַת'ן שָׁאקְלֶען לוּלָב, וִוי אַזוֹי מֶען דְרֵייט נָאר מִיטְן מֶענְטְשׁ אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֶענְדִיג מִיט אִים, אוּן מֶען קֶען זִיךְ שְׁטֶענְדִיג וֶוענְדְן צוּ אִים, אוּן דֶערְפַאר אִיז טַאקֶע מְסוּגָּל בִּשְׁעַת'ן שָׁאקְלֶען דֶעם לוּלָב צוּ בֶּעטְן דֶעמָאלְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף, אוּן גְעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַלֶעס גוּטְס בְּרוּחְנִיּוֹת וּבגשמיות.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַ"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ אַרְבָּעָה מִינִים)

# אַ נֵייֶע הַתְחָלָה

זֶעה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, פַאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי זִיךְ, אֲפִילוּ סְ'אִיז אוֹיף דִיר דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען וָואס אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען, דַארְפְסְטוּ זֶען מַאכְן אַ נֵייֶע הַתְחָלָה, וָוארוּם בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָר מַאכְן אַ הַתְחָלָה יֶעדְן טָאג, יֶעדֶע שָׁעָה, יֶעדֶע רֶגַע, זִיךְ בַּאנֵייעֶן, וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה און עֶר בַּאנֵייט זִיךְ יֶעדְן טָאג, דֶעמָאלְט אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ אַ אֱמֶתְ'ע תְּשׁוּבָה, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר פַארְגֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען און הֵייבּ אָן אַ נֵייֶע הַתְחָלָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"ו) בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ גְרוֹיסֶע חִסָּרוֹן וְכוּ' וְכוּ', אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט אוֹי אִיךְ פַארְגֶעס וְכוּ', אוֹי אִיךְ הָאבּ פַארְגֶעסְן וְכוּ', הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט בַּיי מִיר אִיז שִׁכְחָה אַ מַעְלָה, וָוארוּם גְלַייךְ עֶס גֵייט אַוֶועק פַארְגֶעס אִיךְ אַלְסְדִינְג און אִיךְ הֵייבּ אָן פוּן נֵיי, דֶער עִיקָר אִיז מַאכְן שְׁטֶענְדִיג אַ נֵייֶע הַתְחָלָה, דָאס אִיז דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִין אִידִישְׁקֵייט, שְׁטֶענְדִיג בַּאנֵייעֶן זִיךְ, אַזוֹי וִוי עֶר אִיז יֶעצְט גֶעבָּארְן גֶעוָוארְן, דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יְבָמוֹת כב.) גֵר שֶׁנִּתְגַּיֵּיר כְּקָטָן שֶׁנּוֹלַד דָּמִי; און דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אוֹיף אַ גוֹי וָואס אִיז גֶעוָוארְן אַ אִיד, דַארְף עֶר וִויסְן אַז יֶעצְט פוּן נֵיי הֵייבְּט עֶר אָן, מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן אַ אִידִישֶׁע נְשָׁמָה דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנֵייעֶן און נִישְׁט צוּרִיק קוּקְן, נָאר אָנְהֵייבְּן צוּ קוּקְן פָאֶרעֶנְט וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ טוּן פוּן יֶעצְט אָן וְכוּ' וְכוּ'.

פוּן יֶעצְט אָן דַארְף אִיךְ נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ, פוּן יֶעצְט אָן דַארְף אִיךְ נִזְהָר זַיין דַאוֶוענֶען דִי אַלֶע דְרֵיי תְּפִילוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן דַּיְיקָא, פוּן יֶעצְט אָן דַארְף אִיךְ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, כְּדֵי אִיךְ זָאל עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דִי סֶדְרָה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם, וָואס דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף אֲרִיכוּת יָמִים, אַזוֹי וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.) לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַשְׁלִימִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו.

פוּן יֶעצְט אָן דַארְף אִיךְ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיּוֹת, וָוארוּם מִשְׁנֶה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת נְשָׁמָה, וֶוער סְ'גֶעוואוּינְט זִיךְ צוּ, צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת וַואשְׁט עֶר אָפּ דִי נְשָׁמָה פוּן אַלֶע פְלֶעקְן וָואס הָאט זִיךְ אָנְגֶעקְלֶעבְּט אוֹיף אִיר, וֶוען אַ אִיד זָאל וִויסְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען מִשְׁנַיּוֹת, זָאגְן מִשְׁנַיּוֹת, וָואלְט עֶר אִין דֶעם עוֹסֵק גֶעוֶוען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, וָוארוּם דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סְגוּלָה פַארְן מֶענְטְשׁ צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן פַאר עֶטְלִיכֶע פוּן זַיינֶע לַייט, צְווִישְׁן זֵיי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל, צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קפ"ה).

אִיבֶּערְדֶעם גֶעוואוֹין זִיךְ צִי, יֶעדְן טָאג זָאגְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, אַזוֹי וֶועסְטוּ נִישְׁט אַרוּמְגֵיין לֵיידִיג, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס הֵייסְט זָאגְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיּוֹת, דָאס אִיז מְזַכֵּךְ דִי נְשָׁמָה, און סְ'בְּרֶענְגְט אִיר צוּ דִי הֶעכְסְטֶע שְׁטַאפְּל וְכוּ' וְכוּ', זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, נֶעם אַ מִשְׁנַיּוֹת, און הֵייבּ אָן צוּ זָאגְן פוּן בְּרָכוֹת כְּסִדְרָן פֶּרֶק נָאךְ פֶּרֶק, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן דִי מַסֶּכֶת זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן דִי צְוֵוייטֶע מַסֶּכֶת, און אַזוֹי בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנֶה זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל.

וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ זֶען צוּ לֶערְנֶען גְּמָרָא, לְכָל הַפָּחוֹת אַ דַף אַ טָאג, און זָאלְסְט זִיךְ דָאס פַארְטַייטְשְׁן אוֹיף אִידִישׁ, און אֲפִילוּ דוּ הָאסְט אַ שְׁוֶועֶרֶע הַבָנָה פַאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי זִיךְ, זָאלְסְט קוּקְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) עֶר בְּרֶענְגְט דָארְטְן אַ וואוּנְדֶערְלִיכְן סֵדֶר הַלִּימּוּד וִוי יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען זוֹכֶה זַיין דוּרְכְצוּלֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ אֲפִילוּ עֶר הָאט אַ שְׁוֶועֶרֶע הַבָנָה און אַ פַארְשְׁטָאפְּטֶע קָאפּ, אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין און עֶס וֶועט אַלֶעס פַארְרָאכְטְן וֶוערְן.

(אשר בנחל באידיש חלק ב' מכתב רמ"ד)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

~~~

### שיינע תפלות ביי מוהרא"ש יום כיפור

אזוי ווי די פארגאנגענע יאר האט מוהרא"ש דאס יאר נאכאמאל אריבער גערופן דעם ראש השיבה ער זאל קומען מיט די בחורים דאווענען יום כיפור בבית מדרשו אין בארא פארק.

די בחורים זענען טאקע אריבער אויף יום כיפור צו מוהרא"ש, דער ראש הישיבה האט געדאווענט שחרית פארן עמוד, ווען די בחורים העלפן צו, מיט אלע ניגונים.

עס איז געווען א שיינער יום טוב, און מען האט זיכער גע'פועל'ט א גמר חתימה טובה, א גוט געבענטשט יאר פאר גאנץ כלל ישראל.

**וביום צום כיפור יהתמון!**


## בית המדרש "היכל הקודש" ברסלב

בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

# תאו ואתכנשו!

הננו מודיעים לכל אנשי שלומינו

שיתקיים אי"ה

## סעודת הילולא רבתי של רבינו ז"ל

### ביום א', ב' דחול המועד

אושפיזא דמשה רעיא מהימנא

### בסוכת כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

בבית מדרשינו בבארא פארק

1129 42nd street

בשעה 6:00

חג כשר ושמח

הגבאים

## ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע ספרי ברסלב

**27 Skillman St.**

אדער רופט 347-770-1565

## קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים
פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א
אויך קען מען מיטהאלטן
יעדע וואך דעם שיעור
מיט א לייוו הוק-אפ

212-444-9191

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**
~~~

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

שמחת תורה - שבת בראשית, שנת תשע"ד לפ"ק

שנה 3, גליון 3 (103)


**זמנים**

הדלקת הנרות......................6:29
סוף זמן קר"ש......................9:11
מוצש"ק...............................7:55

**שיעורים כסדרן**

בבלי.........................פסחים צ"ח
ירושלמי..................בבא בתרא ד'
תוספתא...............יבמות פרק י"ד

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים אֵת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ.** דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה א', ט"ו) דִי בֵּית שַׁמַאי זָאגְן אַז דִי הִימְל אִיז קוֹדֶם בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אוּן דֶערְנָאךְ דִי עֶרְד, אוּן דִי בֵּית הִלֵּל זָאגְן אַז דִי עֶרְד אִיז קוֹדֶם בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אוּן דֶערְנָאךְ דִי הִימְל, קוּמְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאִי אוּן עֶר זָאגְט: אִיךְ וואוּנְדֶער מִיךְ וִוי אַזוֹי דִי בֵּית שַׁמַאי אוּן בֵּית הִלֵּל קְרִיגְן זִיךְ וָואס עֶס אִיז קוֹדֶם בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, וַוייל אִיךְ זָאג אַז בֵּיידֶע זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אִינְאֵיינֶעם, אַזוֹי וִוי אַ טָאפּ מִיטְן דֶעקְל.

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן סַיי מִיט רוּחְנִיוּת אוּן סַיי מִיט גַשְׁמִיוּת, וֶוען אַ אִיד וִויל זַיין עֶרְלִיךְ דַארְף עֶר נִישְׁט אַוֶועק וַוארְפְן זַיין גַאנְצֶע גַשְׁמִיוּת, נָאר פַארְקֶערְט, מֶען קֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ מִיט דִי גַשְׁמִיוּת, וֶוען מֶען פִירְט זִיךְ אַזוֹי וִוי דִי הֲלָכָה אִיז, אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין מֶדְרָשׁ, דִי בֵּית שַׁמַאי זֶענֶען דָאךְ שְׁטֶענְדִיג גֶעגַאנְגֶען מִיט הַארְבְּקַייט מִיט שְׁטְרֶענְגְקַייט, דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי גֶעהַאלְטְן אַז מֶען קֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר מִיט רוּחְנִיוּת, מֶען דַארְף זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּשֵׁיידְן פוּן דִי וֶועלְט, דֶערְפַאר זָאגְן זֵיי אַז דִי הִימְל אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פְרִיעֶר, אַז מֶען דַארְף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר מִיט הִימְל זַאכְן.

וִוי דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (שַׁבָּת לא.) אַז עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען גֵרִים צוּ שַׁמַאי זִיךְ צוּ מְגַיֵּיר זַיין הָאט עֶר זֵיי אַוֶועק גֶעשְׁטוּפְּט, אָבֶער הִלֵּל הָאט זֵיי יָא מְקַרֵב גֶעוֶוען, וַוייל זַיין שִׁיטָה אִיז גֶעוֶוען צוּ מְקַרֵב זַיין אֲפִילוּ דִי וָואס לִיגְן נָאךְ אִין גַשְׁמִיוּת, דֶערְפַאר זָאגְט עֶר אַז דִי עֶרְד אִיז פְרִיעֶר בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, אַז מֶען קֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ מִיט עֶרְד זַאכְן, מִיט גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע זַאכְן.

קוּמְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאִי אוּן זָאגְט: אִיךְ פַארְשְׁטֵיי בִּכְלַל נִישְׁט דִי גַאנְצֶע מַחְלוֹקֶת, עֶס אִיז אַלֶעס אֵיינְס, גַשְׁמִיוּת מִיט רוּחְנִיוּת, מֶען קֶען מִיט אַלֶעס דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוְונֶען, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען מֶען לֶעבְּן אַ גוּטֶע לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיךְ, וִוי לַאנְג מֶען גֵייט נִישְׁט אַוֶועק פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, מֶען פִירְט זִיךְ

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

### ~ שִׂמְחַת תּוֹרָה ~

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן שְׁמִינִי עֲצֶרֶת אוּן שִׂמְחַת תּוֹרָה, חַזַ"ל זָאגְן אַז בְּמֶשֶׁךְ דִי טֶעג פוּן סוּכּוֹת אִיז מֶען מַקְרִיב זִיבֶּעצִיג קָרְבָּנוֹת אַנְטְקֶעגְן דִי זִיבֶּעצִיג פֶעלְקֶער, אוּן פוּן דֶעם הָאבְּן זֵיי אַ חַיוּת, זֵיי בַּאקוּמֶען כֹּחַ פוּן דֶעם, אָבֶער וֶוען עֶס קוּמְט שְׁמִינִי עֲצֶרֶת אִיז מֶען נָאר מַקְרִיב אֵיין פַּר פַאר אַ קָרְבַּן, דָאס אִיז נָאר פַאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר דִי אִידְן: יֶעצְט לָאמִיר אוּנְז מַאכְן אַ קְלֵיינֶע סְעוּדָה נָאר פַאר אוּנְז בֵּיידֶע, כְּדֵי אִיךְ זָאל הֲנָאָה הָאבְּן פוּן אַייךְ.

אוּן דֶערְפַאר אִיז דָא אִין דִי טֶעג פוּן שְׁמִינִי עֲצֶרֶת אוּן שִׂמְחַת תּוֹרָה אַ גְרוֹיסֶע עֵת רָצוֹן, מֶען קֶען דַאן פוֹעֵל'ן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען וִויל, אוּן דַאן אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט אוֹיסְצוּנוּצְן מִיט אַסַאךְ תְּפִלָּה אוּן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן אוֹיף דִי גַאנְצֶע יָאר בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַלֵיין מִיטְן קֶענִיג, קֵיינֶער אוֹיסֶער זֵיי גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט דָארְט, קֶען מֶען מֶער בֶּעטְן פוּנֶעם קֶענִיג יֶעדֶע קְלֵיינִיגְקַייט וָואס מֶען דַארְף, אוּן אוֹיךְ זֶענֶען נִישְׁט דָא דָארְט קֵיין מְקַטְרִיגִים וָואס זָאלְן שְׁטֶערְן דֶעם מֶענְטְשְׁ'ס תְּפִלּוֹת, אָדֶער אֵיינֶער וָואס זָאל מְקַנֵּא זַיין. דֶערְפַאר אִין דִי טֶעג וֶוען יֶעדֶער אִיד גֶעפִינְט זִיךְ אַלֵיין מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט, אוּן בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף, אוּן אוֹיךְ וֶוען מֶען טַאנְצְט אוּן מֶען פְרֵייְדט זִיךְ מִיט דִי תּוֹרָה, זָאל דִי מוֹיל וַוייטֶער גֵיין מִיט תְּפִלּוֹת וְתַחֲנוּנִים בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### פַּרְנָסָה פוּן הִימְל

עֶס אִיז מְקוּבָּל אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז בַּיי מַעֲרִיב פוּן שְׁמִינִי עֲצֶרֶת וֶוען מֶען זָאגְט "אֱמֶת וֶאֱמוּנָה", דֶעמָאלְט טֵיילְט מֶען פוּן הִימְל דִי פַּרְנָסָה פַאר יֶעדְן אוֹיף דִי גַאנְצֶע יָאר.

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

וִוי דִי הֲלָכָה הֵייסְט.

דֶערְפַאר זָאגְט עֶר דִי הִימְל אוּן עֶרְד זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אִינְאֵיינֶעם וִוי אַ טָאפּ מִיטְן דֶעקְל, וַוייל עֶס אִיז אַלֶעס אֵיינְס.

וואויל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס וֵייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּערָאל אִין יֶעדֶע מַצָּב, אוּן מִיט אַלֶעס קֶען מֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית בְּרֵאשִׁית תשס"ח לפ"ק)

***

**וַיִּתְפְּרוּ עֲלֵה תְאֵנָה וַיַּעֲשׂוּ לָהֶם חֲגֹרֹת.** חַזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין ע:) אַז דִי עֵץ הַדַּעַת אִיז גֶעוֶוען פוּן אַ פַייגְן בּוֹים, בְּדָבָר שֶׁקִּלְקְלוּ בּוֹ נִתְקְנוּ.

מוֹהַרְאַ"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) אַז וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה זָאל מֶען נִישְׁט מַקְפִּיד זַיין גְלַייךְ צוּ פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס וָואס מֶען לֶערְנְט, וַוייל אוֹיבּ מוּז מֶען אַלֶעס גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין דֶעמָאלְט הֵייבְּט מֶען בִּכְלַל נִישְׁט אָן, אוּן מֶען הֶערְט אִינְגַאנְצְן אוֹיף צוּ לֶערְנֶען.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדֶע זַאךְ, אוֹיבּ וִויל מֶען עֶס טוּהן נָאר בִּשְׁלֵימוּת אוֹיפְן בֶּעסְטְן אוֹפָן, טוּט מֶען דֶערְנָאךְ גָארְנִישְׁט, אוּן אוֹיבּ פְּרוּבִּירְט מֶען צוּ טוּהן כָאטְשׁ וָואס אוּן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען, קוּמְט מֶען אַסַאךְ מֶער אָן.

דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (בַּמִּדְבָּר רַבָּה יב, ט) אוֹיפְן פָּסוּק (מִשְׁלֵי כ"ז) נוֹצֵר תְּאֵנָה יֹאכַל פִּרְיוֹ. פַארְוָואס אִיז דִי תּוֹרָה צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ תְּאֵנָה, צוּ אַ פַייגְן בּוֹים, וַוייל אַזוֹי וִוי אַ פַייגְן בּוֹים נֶעמְט מֶען נִישְׁט אַרָאפּ אַלֶע פְּרוּכְט אוֹיף אֵיין מָאל, וַוייל זֵיי וֶוערְן נָאר גֶעצַייטִיגְט צוּבִּיסְלֶעךְ, דִי זֶעלְבֶּע דִי תּוֹרָה קֶען מֶען נִישְׁט לֶערְנֶען אִין אֵיין טָאג, יֶעדְן טָאג לֶערְנְט מֶען אַבִּיסְל בִּיז מֶען קוּמְט אָן אַסַאךְ. אוּן דָאס וַוייזְט אוּנְז אַז מֶען קֶען נִישְׁט אַלֶעס כַאפְּן אוֹיף אֵיין מָאל, אַז אַלֶעס זָאל גְלַייךְ קְלַאפְּן אִינְגַאנְצְן, אָבֶּער צוּבִּיסְלֶעךְ קֶען מֶען אָנְקוּמֶען גָאר אַסַאךְ.

אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער פְּגַם פוּנֶעם עֵץ הַדַּעַת, אַז מֶען הָאט צוּגֶעלֵייגְט צוּ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן נָאר אַז עֶר זָאל נִישְׁט עֶסְן פוּנֶעם בּוֹים, אָבֶּער אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַז עֶס זָאל הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט בִּשְׁלֵימוּת הָאט עֶר צוּגֶעלֵייגְט אַ גֶדֶר אַז עֶר זָאל אוֹיךְ נִישְׁט אָנְרִירְן דֶעם, אוּן דָאס הָאט צוּגֶעבְּרֶענְגְט אַז עֶר הָאט נָאכְדֶעם גֶעגֶעסְן דֶערְפוּן אוֹיךְ.

אוּן דֶערְפַאר אִיז זַיין תִּיקוּן אוֹיךְ גֶעוֶוען מִיט דִי פַייגְן בּוֹים, אַז עֶר זָאל זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן דִי פַייגְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט זַיין גְלַייךְ אִינְגַאנְצְן בִּשְׁלֵימוּת, נָאר טוּהן צוּבִּיסְלֶעךְ וִויפִיל מֶען קֶען, אוּן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען, אוּן אַזוֹי אִיז מֶען זַייעֶר מַצְלִיחַ.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק בְּרֵאשִׁית תשע"א)

# שִׂיחוֹת מוֹהַרְאַ"שׁ

דֶערְפַאר דַארְף מֶען דֶעמָאלְט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל הָאבְּן דִי גַאנְצֶע יָאר אַ שֶׁפַע פוּן פַּרְנָסָה, אַז מֶען זָאל קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט הַרְחָבַת הַדַּעַת.

## טַאנְצְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי תּוֹרָה

גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל טַאנְצְט אוּן פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, פוּן גְרוֹיס בִּיז קְלֵיין, יֶעדֶער טַאנְצְט יֶעדֶער אִיז פְרֵיילִיךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ פָּשׁוּטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אַ גַאנְץ יָאר, פְרֵייעֶן זִיךְ אוֹיךְ מִיט דִי תּוֹרָה.

בֶּאֱמֶת וָואלְטְן זִיךְ דִי אִידְן גֶעדַארְפְט שֶׁעמֶען צוּ טַאנְצְן מִיט דִי תּוֹרָה אִין דִי צַייט וָואס זֵיי וֵוייסְן בַּיי זִיךְ אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אָנְגֶעקוּקְט דִי תּוֹרָה אַ גַאנְץ יָאר, נִיטְאַמָאל הָאבְּן זֵיי מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ.

אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז וֶוען מֶען זֶעהְט וִוי אִידְן טַאנְצְן אוּן פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט דִי תּוֹרָה, דָאס גֶעבְּט אַ קִיצְל פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, דָאס גֶעבְּט אַן הִתְעוֹרְרוּת אוּן מֶען הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן "וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר? וֶוען וֶועל אִיךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה?" אוּן דֶערְפַאר וֶוען עֶס קוּמְט שִׂמְחַת תּוֹרָה מַאכְט יֶעדֶער אִיד אָפּ בַּיי זִיךְ אַז דָאס יָאר וֶועט עֶר שׁוֹין אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי תּוֹרָה, אוּן דֶערְפַאר טַאנְצְט יֶעדֶער אוּן פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי פְרִישֶׁע קַבָּלוֹת וָואס מֶען נֶעמְט זִיךְ אוּנְטֶער צוּ מַאכְן שִׁיעוּרִים אִין תּוֹרָה בְּמֶשֶׁךְ דִי יָאר וָואס קוּמְט.

אוּן אַזוֹי פְלֶעגְן זִיךְ פִירְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין אַלֶע דוֹרוֹת אַז בִּשְׁעַת'ן טַאנְצְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי תּוֹרָה הָאט מֶען זִיךְ אוּנְטֶער גֶענוּמֶען גוּטֶע קַבָּלוֹת אוֹיף דִי גַאנְצֶע יָאר צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ תּוֹרָה מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה, צוּ מַאכְן שִׁיעוּרִים אִין אַלֶע חֲלָקִים פוּן דִי תּוֹרָה, אִין מִקְרָא, אִין מִשְׁנָה, גְמָרָא אוּן מֶדְרָשׁ, אוּן סְפֶּעצִיֶעל הָאט מֶען זִיךְ אוּנְטֶער גֶענוּמֶען נִישְׁט צוּ פַארְפֶעלְן קַיין אֵיין וָואךְ פוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם מִיט רַשִׁ"י, אַזוֹי וִוי דִי חַזַ"ל הָאבְּן אוּנְז גֶעהֵייסְן אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ אַ סְגוּלָה פַאר אֲרִיכַת יָמִים וְשָׁנִים, אוּן וֶוער עֶס טוּט דָאס וֶוערְט צוּגֶעבִּינְדֶען צוּ דִי תּוֹרָה, אוּן דָאס גֶעבְּט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַ סְפֶּעצִיֶעלְן סִיפּוּק אִין לֶעבְּן, אוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה דֶערְלַייכְט אִים אַלֶע זַיינֶע וֶועגְן אַז עֶר זָאל וִויסְן וָואס עֶר הָאט צוּ טוּהן.

## וַויין פוּן קֶעלֶער

בַּיים הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זֶענֶען אַמָאל גֶעטַאנְצְן דִי תַּלְמִידִים שִׂמְחַת תּוֹרָה מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, אוּן אַזוֹי וִוי זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען דוּרְשְׁטֶערִיג אִיז גֶעוֶוען אֵיין תַּלְמִיד וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען דִי גַאנְצֶע צַייט בְּרֶענְגֶען וַויין פוּן קֶעלֶער אַז דֶער עוֹלָם זָאל טְרִינְקֶען אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי תּוֹרָה.

דֶער וַויין אִיז אָבֶּער גֶעקוּמֶען פוּנֶעם קֶעלֶער פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען צוּגֶעגְרֵייט וַויין פַאר קִידוּשׁ אוּן הַבְדָּלָה פַארְן גַאנְצְן יָאר.

וֶוען דִי וַוייבּ פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעזֶעהְן אַז מֶען הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ נֶעמֶען נָאךְ אוּן נָאךְ וַויין, הָאט זִי מוֹרָא גֶעהַאט אַז בַּאלְד וֶועט שׁוֹין נִישְׁט בְּלַייבְּן קַיין וַויין פַארְן בַּעַל שֵׁם טוֹב צוּ קִידוּשׁ מַאכְן, הָאט זִי גֶעזָאגְט פַאר אִיר מַאן אַז עֶר זָאל זָאגְן פַאר דִי תַּלְמִידִים אַז מֶען זָאל

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָ"אשׁ

שׁוֹין אוֹיפְהֶערְן צוּ טְרִינְקֶען אוּן טַאנְצְן, וַוייל עֶס וֶועט נִישְׁט בְּלַייבְּן קַיין וויין מֶער אִין קֶעלֶער. הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיר גֶעזָאגְט: "דוּ זָאגְסְט גוּט, גֵיי דוּ אַלֵיין אוּן זָאג זֵיי אַז זֵיי זָאלְן שׁוֹין אוֹיפְהֶערְן.

אָבֶער וֶוען זִי אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעעֶפֶענְט דִי טִיר פוּן בֵּית הַמִּדְרָשׁ, הָאט זִי גֶעזֶעהְן דִי פֵייעֶר וָואס נֶעמְט אַרוּם דִי תַּלְמִידִים, וִוי זֵיי טַאנְצְן אוּן פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט דִי תּוֹרָה מִיט אַזַא בְּרֶען אוּן הִתְלַהֲבוּת מִיט אַזַא גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה. וֶוען זִי הָאט דָאס גֶעזֶעהְן הָאט זִי מֶער נִישְׁט גֶעטְרַאכְט פוּן זֵיי זָאגְן אַז זֵיי זָאלְן אוֹיפְהֶערְן, נָאר אַדְרַבָּה זִי אַלֵיין אִיז גֶעגַאנְגֶען זֵיי בְּרֶענְגְן נָאךְ וַויין אַז זֵיי זָאלְן וַוייטֶער טַאנְצְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי תּוֹרָה.

זֶעהְן מִיר פוּן דִי מַעֲשֶׂה דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן טַאנְצְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי תּוֹרָה, אוּן כָאטְשׁ אַז מִיר טְרִינְקֶען נִישְׁט קַיין וַויין, מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְגְלַייכְן אוּנְזֶערֶע מוֹחוֹת צוּ דִי מוֹחוֹת פוּן דִי תַּלְמִידֵי בַּעַל שֵׁם טוֹב זִי"עַ, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אָנְגֶעזָאגְט אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט טְרִינְקֶען קַיין מַשְׁקֶה הַמְשַׁכֵּר, אָבֶער אַזוֹיפִיל קֶענֶען מִיר זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן אוּן צוּ טַאנְצְן מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה מִיט גְרוֹיס בְּרֶען.

אֵיינְמָאל הָאט מָרַת אָדֶל עָ"ה דִי טָאכְטֶער פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב זִי"עַ צוּגֶעקוּקְט וִוי אַזוֹי דִי תַּלְמִידֵי בַּעַל שֵׁם טוֹב טַאנְצְן אוּן פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט דִי תּוֹרָה, אוּן זִי הָאט גֶעזֶעהְן וִוי אֵיין תַּלְמִיד זִיצְט פוּן דִי זַייט אוּן עֶר טַאנְצְט נִישְׁט, וֶוען זִי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס עֶר טַאנְצְט נִישְׁט, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז זַיין שִׁיךְ אִיז אִים צוּרִיסְן אוּן עֶר קֶען נִישְׁט טַאנְצְן מִיט אַלֶע חֲבֵרִים, הָאט זִי אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ זִי וֶועט אִים בְּרֶענְגְן נַייעֶ שִׁיךְ, צוּ עֶר זָאגְט אִיר צוּ אַז זִי וֶועט גֶעבּוֹירְן אַ אִינְגְל בִּיז אַ יָאר, הָאט עֶר אִיר צוּגֶעזָאגְט, אוּן זִי הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט שִׁיךְ, אוּן יֶענֶעם יָאר הָאט זִי גֶעבּוֹירְן דֶעם צַדִּיק רֶבִּי בָּרוּךְ פוּן מֶעזִיבִּיזְשׁ זִי"עַ, זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אוֹיךְ דִי גְרוֹיסֶע כֹּחַ וָואס מֶען קֶען פּוֹעֵל'ן דוּרְךְ דִי טַאנְצְן פוּן שִׂמְחַת תּוֹרָה.

דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִ"י הַקָ' פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן אַז וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי הַקָּפוֹת אוּן אִיז אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען, וואוּ עֶר אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַ שׁוּהל וואוּ מֶען הָאט נָאךְ גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן דִי הַקָּפוֹת אִיז עֶר דָארְט אַרַיין אוּן אוֹיךְ מִיטְגֶעטַאנְצְט מִיט זֵיי.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ טַאנְצְן אוּן זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן מִיט דִי תּוֹרָה אוּם שִׂמְחַת תּוֹרָה, אוּן עֶר אִיז זִיךְ מְקַבֵּל אַז פוּן יֶעצְט וֶועט עֶר שׁוֹין לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָ"אשׁ חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ שְׁמִינִי עֲצֶרֶת וְשִׂמְחַת תּוֹרָה)

# שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית

דֶעם שַׁבָּת רוּפְט מֶען "שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית", דָאס אִיז נִישְׁט נָאר וַוייל מֶען לֵיינְט דִי וָואךְ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, נָאר אוֹיךְ וַוייל דֶער שַׁבָּת אִיז "רֵאשִׁית" - דֶער עֶרְשְׁטֶער שַׁבָּת פוּנֶעם יָאר, אוּן מִיט דֶעם הֵייבְּט מֶען אָן דִי יָאר, עֶס אִיז דֶער קָאפּ פוּנֶעם יָאר, אוּן וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף דֶעם שַׁבָּת אַזוֹי וֶועט מֶען זִיךְ פִירְן אַ גַאנְץ יָאר, וַוייל דֶער גוּף גֵייט נָאכְן קָאפּ.

דֶערְפַאר אִיז גוּט דֶעם שַׁבָּת אַרַיינְצוּטְרַאכְטְן אוּן זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ אוּן אַ פְּלַאן וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּנִיצְן דִי יָאר וָואס קוּמְט מִיט גוּטֶע זַאכְן, מִיט רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ מַאכְן שִׁיעוּרִים אִין דִי תּוֹרָה, אַזוֹי וֶוערְט אוֹיךְ גֶעבְּרֶענְגְט פוּן הֵיילִיגְן "דִבְרֵי חַיִּים" זִי"עַ אַז שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית הָאט עֶר זִיךְ מְסַדֵּר גֶעוֶוען זַיינֶע שִׁיעוּרִים אוֹיף דִי גַאנְצֶע יָאר.

אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט אוֹיסְנִיצְן דֶעם שַׁבָּת וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מִיט גוּטֶע רְצוֹנוֹת, וָואס מֶען וִויל דָאס יָאר טוּהן, וֶועט נָאכְדֶעם קוּמֶען אַ גוּטֶע יָאר, פִיל מִיט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

לָאמִיר אִיבֶּערְגֵיין עֶטְלִיכֶע גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס מֶען קֶען זִיךְ פָארְנֶעמֶען יֶעצְט שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית אוֹיף דִי גַאנְצֶע יָאר.

## דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְף זִיךְ אַ אִיד פָארְנֶעמֶען צוּ דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג מִיט מִנְיָן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, מֶען זֶעהט אַז מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מְזַלְזֵל אִין דֶעם, וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ו:) אַז דַאוֶוענֶען אִיז גָאר אַ הוֹיכֶע גְרוֹיסֶע זַאךְ אָבֶער מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מְזַלְזֵל אִין דֶעם, מֶען אִיז זִיךְ מוֹרֶה הֶיתֶּר צוּ דַאוֶוענֶען אִינְדֶערְהֵיים בְּיְחִידוּת, אוּן דוּרְךְ דֶעם פַארְלִירְט מֶען דִי מִצְוָה פוּן תְּפִלָּה בְּצִיבּוּר, עֶנְטְפֶערְן אָמֵן, קְדוּשָׁה, בָּרְכוּ, אוּן קְרִיאַת הַתּוֹרָה, אוּן בֶּאֱמֶת אִיז שׁוֹין הַיינְט נִישְׁטָא קַיין תֵּירוּץ פַארְוָואס נִישְׁט צוּ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, וַוייל הַיינְט אִיז שׁוֹין דָא כִּמְעַט אוֹיף יֶעדֶע גַאס אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אוּן עֶס אִיז דָא מִנְיָנִים פוּן גָאר פְרִי בִּיז גָאר שְׁפֶּעט, אוּן מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג טְרֶעפְן אַ מִנְיָן צוּ דַאוֶוענֶען.

אָבֶער דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט לִיבּ צוּ צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ, "וָואס הָאסְטוּ צוּ גֵיין דַאוֶוענֶען? דוּ וֵייסְט דָאךְ יָא וִוי אַזוֹי דוּ זֶעהְסְט אוֹיס, דוּ בִּיזְט דָאךְ זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ בִּיזְט פִיל מִיט עֲבֵירוֹת, אוּן דָא קוּמְסְטוּ דַאוֶוענֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף נִישְׁט אַזַא דַאוֶוענֶען", אָבֶער דָאס אִיז נָאר דֶער שְׁלֶעכְטֶער יֵצֶר הָרַע וָואס פַארְגִינְט נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ, וַוייל דֶער אֱמֶת אִיז פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, אוֹיבּ בִּין אִיךְ טַאקֶע אַזוֹי שְׁלֶעכְט, וֶועל אִיךְ כָאטְשׁ טוּהן וָואס אִיךְ קֶען יָא, אִיךְ וֶועל כָאטְשׁ דַאוֶוענֶען אִין שׁוּהל אוּן דָאס וֶועט מִיר הֶעלְפְן אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת טז.) אַז דִי בָּתֵּי מִדְרָשִׁים זֶענֶען וִוי אַ מִקְוֶה וָואס רֵיינִיגְט אוּן הֵיילִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי אוֹיךְ דֶער בֵּית הַמִּדְרָשׁ הֵיילִיגְט אוּן רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת, אוּן דֶערְפַאר אוֹיבּ בִּין אִיךְ פִיל מִיט עֲבֵירוֹת, וֶועל אִיךְ הֶערְשְׁט גֵיין אִין שׁוּהל דַאוֶוענֶען אוּן דָאס וֶועט מִיר הֶעלְפְן אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן מַיין שְׁלֶעכְט'ס.

## מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין

אוֹיךְ אִיז יֶעצְט אַ גוּטֶע צַייט זִיךְ פָארְצוּנֶעמֶען צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדֶע וָואךְ, מֶענְטְשְׁן זוּכְן אַלֶע מִינֵי סְגוּלוֹת פַאר אֲרִיכוּת יָמִים, אוּן דָא אִיז דָא אַ סְגוּלָה פוּן חַזַ"ל, וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ח.) לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּיבּוּר שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּיבּוּר מַשְׁלִימִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו, זֶעהְט מֶען אַ קְלָארֶע צוּזָאג פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אַז וֶוער עֶס וֶועט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, וֶועט לֶעבְּן לַאנְג.

אוּן דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין שׁוֹין פוּן זוּנְטָאג, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶע'פְּסַק'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִי' רפ"ה סְעִיף ג') אַז מֶען קֶען שׁוֹין פוּן זוּנְטָאג אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט (שָׁם) אַז דֶער הֵיילִיגֶער גְרָ"א פְלֶעגְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן, דָאס מֵיינְט אַז זוּנְטָאג אִיז מֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה פוּן אָנְהֵייבּ סֶדְרָה בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג פוּן שֵׁנִי בִּיז שְׁלִישִׁי, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בִּיז פְרַייטָאג עֶנְדִיגְט מֶען דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה.

המשך בדף ד


בית המדרש "היכל הקודש" ברסלב

בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

27 Skillman St.

~ זמנים ~

שמיני עצרת

שחרית בשעה 10:00

מנחה בשעה 7:30

שמחת תורה

שחרית בשעה 9:00

מנחה בשעה 7:00

ואחר כך נעילת החג

# שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית

המשך

כָאטְשׁ דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ זָאגְט אַז עֶס אִיז בֶּעסֶער צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה פְרַייטָאג, דַארְף מֶען אָבֶּער קוּקְן אוֹיף דִי מְצִיאוֹת, פַאקְטִישׁ זֶעהט מֶען בַּיי רוֹב מֶענְטְשְׁן אַז מֶען קֶען נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פְרַייטָאג, אוּן סְפֶּעצִיעֶל אִין דִי קוּרְצֶע ווִינְטֶער פְרַייטָאג'ס אִיז כִּמְעַט נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן אַזוֹי גֵייט דוּרְךְ אַ וָואךְ נָאךְ אַ וָואךְ אוּן מֶען אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה, וַוייל מֶען ווִיל עֶס נָאר טוּהן פְרַייטָאג.

דֶערְפַאר קֶען מֶען זִיךְ בַּיי דֶעם פַארְלָאזְן אוֹיף דִי פָּשׁוּט'עֶ הֲלָכָה אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אַז מֶען קֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן זוּנְטָאג, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי אַלֶע גוּטֶע סְגוּלוֹת וָואס דָאס בְּרֶענְגְט מִיט זִיךְ.

## זָאגְן מִשְׁנַיוֹת

אוֹיךְ אִיז יֶעצְט דִי צַייט אִין "שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית" אָנְהֵייבְּן אַ שִׁיעוּר אִין זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, אַ יֶעדְן טָאג אַ פֶּרֶק אָדֶער צְווֵיי, יֶעדֶער אֵיינֶער ווִיפִיל עֶר קֶען, אָנְהֵייבְּן פוּן אָנְהוֹיב מַסֶכֶת בְּרָכוֹת אוּן אַזוֹי צוּבִּיסְלֶעךְ דוּרְכְגֵיין שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה בִּיז מַסֶכֶת עוּקְצִין, אוּן אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

מִשְׁנַיוֹת הָאט אַ כֹּחַ אַז עֶס הֵיילִיגְט אוּן רֵייניִגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן דְרֵייט אִים אִיבֶּער צוּ וֶוערְן גוּט, מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיוֹת נְשָׁמָה, עֶס רֵייניִגְט דִי נְשָׁמָה, מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיוֹת מְשַׁנֶה, עֶס טוּישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם גוּטְן, דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (מוּבָא בְּמִדְרָשׁ תַּלְפִּיוֹת) אַז אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זִיצְט בַּיים טִיר פוּן גֵיהִינוֹם, אוּן וֶוער עֶס הָאט גֶעזָאגְט מִשְׁנַיוֹת לָאזְט עֶר נִישְׁט אַרַיין דָארְט, נָאר עֶר פִירְט אִים צוּ זִיךְ אִין גַן עֵדֶן, אוּן אַזוֹי זֶעהט מֶען אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים ל') הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי, אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת מִשְׁנָה, מִשְׁנַיוֹת נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית, דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר גוּט זִיךְ צוּ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת.

## גְמָרָא

אוֹיךְ דַארְף מֶען זִיךְ יֶעצְט פָארְנֶעמֶען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל גְמָרָא חֹק וְלֹא יַעֲבוֹר, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט גְמָרָא וֶוערְט עֶר אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט דִי פִיר גְרוֹיס מַלְאָכִים וָואס הִיטְן אִים פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְט'ס, ווִי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר הַחַיִּים (לְאָחִיו שֶׁל הַמַּהֲרַ"ל מִפְּרַאג זַ"ל) אַז גְמָרָא אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת גַ'בְרִיאֵל מִ'יכָאֵל רְ'פָאֵל אוּ'רִיאֵל.

וּבִפְרַט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג, דָאס גֶעבְּט אִים אַ צוּרָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ, ווִי דֶער צַדִּיק רֶבִּי שְׁלֹמֹה'קֶע זְוִוילֶער זִי"עַ פְלֶעגְט זָאגְן אַז וֶוער עֶס לֶערְנְט נִישְׁט אַ דַף גְמָרָא אַ טָאג הָאט אַ צוּרָה פוּן אַ בְּהֵמָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, דֶערְפַאר לֶערְנְט מֶען דֶעם שַׁבָּת אַ בְּלַאט גְמָרָא, אוּן דָאס וֶועט הֶעלְפְן אַז מֶען זָאל שׁוֹין אַ גַאנְץ יָאר לֶערְנֶען גְמָרָא.

## מֶדְרָשׁ

אוֹיךְ אִיז גוּט זִיךְ צוּ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מֶדְרָשׁ יֶעדְן טָאג, מֶדְרָשׁ רַבָּה אוּן מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, דִי מִדְרָשִׁים זֶענֶען דִי בֶּעסְטֶע מוּסָר סֵפֶר, אוּן עֶס אִין דֶעם בַּאהַאלְטְן גָאר אַסַאךְ סוֹדוֹת הַתּוֹרָה, אַזוֹי ווִי דֶער צַדִּיק רֶבִּי אַהֲרֹן קַארְלִינֶער הָאט גֶעזָאגְט, אַז מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וֶועט זָאגְן פְּשַׁט אִין מֶדְרָשׁ, וַוייל דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ הָאט מַסְבִּיר גֶעוֶוען דֶעם זֹהַר, אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים הָאבְּן מַסְבִּיר גֶעוֶוען דֶעם אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ, אָבֶּער אוֹיף מֶדְרָשׁ וֶועט מָשִׁיחַ זָאגְן פְּשַׁט, דֶערְפַאר אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ זִיךְ צוּ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מֶדְרָשׁ, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ שְׁטִיקְל בִּיז בְּמֶשֶׁךְ דִי צַייט עֶנְדִיגְט מֶען דֶעם גַאנְצְן מֶדְרָשׁ.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט דִי פִיר שִׁיעוּרִים אִין מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, מֶדְרָשׁ, הָאט עֶר אַ גֶעשְׁמַאקֶע סְעוּדָה פַאר זַיין נְשָׁמָה, אוּן עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען דִי בְּרָכוֹת וָואס יִצְחָק הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט יַעֲקֹב, וְיִתֶּן לְךָ הָאֱלֹקִים מִטַּל הַשָּׁמַיִם וּמִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ וְרֹב דָּגָן וְתִירֹשׁ, וָואס דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט אוֹיף דֶעם (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ס"ו, ג) מִטַּל הַשָּׁמַיִם דָאס אִיז מִקְרָא, וּמִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ דָאס אִיז מִשְׁנָה, וְרֹב דָּגָן דָאס אִיז גְמָרָא, וְתִירֹשׁ דָאס אִיז מֶדְרָשׁ.

וֶוען אַ אִיד נֶעמְט זִיךְ אוּנְטֶער דִי לִימוּדִים אִין דֶעם שַׁבָּת וֶועט עֶר זִיכֶער הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים שִׁיקְן אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת אוֹיף אֵייבִּיג אָמֵן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל שב"ק בַּבּוֹקֶר פ' בְּרֵאשִׁית תשס"ט לפ"ק)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## סעודת הילולא פון רבי'ן

דעם זונטאג חול המועד איז פארגעקומען די סעודת הילולא פון רבי'ן ביי מוהרא"ש שליט"א אין די סוכה, צו די יארצייט וואס געפאלט ח"י תשרי, אין די אושפוזא פון משה רעיא מהימנא.

עס זענען זיך צוזאם געקומען א גרויסער עולם אנשי שלומינו צו די סעודה, וואו מען האט געהאט די זכי' צו הערן דברות קודש פון מוהרא"ש שליט"א איבער די גרויסקייט פונעם טאג, וואס דאס מיינט פאר אונז אז מיר האבן זוכה געווען צו זיין ביים רבי'ן און וואס דער רבי לערנט אונז, און מוהרא"ש האט ארויסגעברענגט אז דער עיקר איז צו פאלגן דעם הייליגן רבי'ן און טוהן די הייליגע עצות וואס ער לערנט אונז און דאן וועלן מיר מצליח זיין, און בעיקר די צוויי הויפט עצות, צו רעדן צום אייבערשטן יעדער איינער אויף זיין שפראך, און די עצה פונעם סדר דרך הלימוד וואס דער רבי האט אונז געגעבן וואס דורך דעם קען יעדער איד זוכה זיין צו לערנען די הייליגע תורה.

אויך האט מוהרא"ש מעורר געווען אויף מעביר סדרה זיין, אזוי ווי דעם שבת ליינט מען שוין פרשת בראשית זאל מען נישטווארטן אויף די לעצטע מינוט נאר שוין אנהייבן צו מעביר סדרה זיין פרשת בראשית, און אזוי וועט מען ווייטער קענען מעביר סדרה זיין יעדע וואך במשך די יאר.

נאכן בענטשן איז דער עולם עולם אראפ געגאנגען אין בית המדרש ווי מען איז געטאנצן און זיך געפריידט בתופים ובמחולות בשמחת בית השואבה ביז אין די שפעטע שעה'ן.

**תורתו מגן לנו!**

***

## נאך א חתן פון מסכת תענית

די פלייץ פון חתנים ביי די בחורים אין ישיבה שטעלט זיך נישט אפ ברוך ה'.

די וואך האבן זיך די בחורים מיטגעפריידט מיט נאך א חתן אין ישיבה, החתן יצחק אייזיק ב"ר אהרן ווייס, וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג בת ר' יוסף קאהן נ"י פון קרית יואל.

דער חתן האט זוכה געווען צו לערנען מסכת תענית הונדערט און איין מאל, ווי באקאנט וואס מוהרא"ש האט צוגעזאגט אז די בחורים וואס וועלן ענדיגן מסכת תענית פערציג מאל וועלן חתנים ווערן.

זאל דער אייבערשטער העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד מיט דורות ישרים ומבורכים.

**דבר נאה ומתקבל!**

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

החתן **יצחק אייזיק ווייס** נ"י

תלמיד ישיבתינו הק'

וואס איז א חתן געווארן למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים, אמן.

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **יואל לעווי** הי"ו

צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון זיינע קינדער, אמן.

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת נח, שבת ראש חודש חשון, שנת תשע"ד לפ"ק
שנה 3, גליון 4 (104)

**זמנים**
הדלקת הנרות.....................6:15
סוף זמן קר"ש.....................9:14
מוצש"ק.................................7:44

**שיעורים כסדרן**
בבלי.........................פסחים ק"ז
ירושלמי.................בבא בתרא י"ג
תוספתא............כתובות פרק ט'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**אֵלֶּה תּוֹלְדוֹת נֹחַ נֹחַ אִישׁ צַדִּיק תָּמִים הָיָה וגו'**, דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (נֹחַ עב:) זָאגְט אוֹיף דֶעם פָּסוּק: **נֹחַ נֹחַ** - נַיְיחָא לְעֵילָאִין נַיְיחָא לְתַתָּאִין, נַיְיחָא לְעָלְמָא דֵין נַיְיחָא לְעָלְמָא דְאָתֵי, מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א ס"ו) אַז וֶוען אַ אִיד ווִיל תְּשׁוּבָה טוּהן, דַארְף עֶר זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אוֹיף צְוֵויי וֶועגְן, סַיי אוֹיבּ עֶס וֶועט אִים גוּט גֵיין עֶר וֶועט קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, זָאל עֶר זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אוּן ווִיסְן אַז עֶר קֶען נָאךְ מֶער מַצְלִיחַ זַיין, אוּן סַיי עֶר פַאלְט אַרָאפּ עֶר טוּט עֲבֵירוֹת זָאל עֶר אוֹיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים נָאךְ אַלְץ לִיבּ אוּן עֶר קֶען אֵייבִּיג תְּשׁוּבָה טוּהן, אוּן נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זַיין אַ צַדִּיק.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק **אֵלֶּה תּוֹלְדוֹת נֹחַ נֹחַ** - זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער זוֹהַר, אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען רוּהִיג אוּן גֶעלַאסְן סַיי אוֹיבְּן אוּן סַיי אוּנְטְן, דָאס מֵיינְט אַז עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן סַיי וֶוען עֶס אִיז אִים גֶעגַאנְגֶען גוּט אוּן סַיי וֶוען נִישְׁט, אוּן דֶערְפַאר: **אִישׁ צַדִּיק תָּמִים הָיָה** - אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

(זאת התורה נח ב)

***

**אֶת הָאֱלֹקִים הִתְהַלֶּךְ נֹחַ** - נֹחַ אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א: טַאקֶע וַוייל נֹחַ אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעגַאנְגֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעוואוּסְט קְלָאר אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, קֵיינֶער קֶען אִים גָארְנִישְׁט טוּהן אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וָואס עֶר דַארְף הָאט עֶר נָאר גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

***

**אֶת הָאֱלֹקִים הִתְהַלֶּךְ נֹחַ**, דֶער זוֹהַר הַקָ' זָאגְט אַז וֶוען נֹחַ אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן דִי תֵּבָה אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהן אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וַויינֶען, הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט: "דוּ נַארִישֶׁע פַּאסְטוּךְ, יֶעצְט וַויינְסְטוּ?! דוּ הָאסְט גֶעדַארְפְט וַויינֶען אוּן בֶּעטְן נָאךְ פַאר עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי מַבּוּל, דֶעמָאלְט וָואלְט אִיךְ נִישְׁט גֶעבְּרֶענְגְט דִי מַבּוּל".

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן ~

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט שְׁטֶענְדִיג אַז אוֹיף צְוֵויי זַאכְן דַארְף אַ אִיד הָאבְּן מְסִירַת נֶפֶשׁ יֶעדְן טָאג, אֵיינְס צוּ דַאוֶוענֶען שַׁחְרִית מִנְחָה מַעֲרִיב אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ מִיט מִנְיָן, צְוֵוייטְנְ'ס צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא.

תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה דָאס אִיז דֶער עִיקָר פוּן אַ אִיד, דָאס הַאלְט אַ אִיד בַּיי אִידִישְׁקַייט, וֶוען אַ אִיד אִיז שְׁטַארְק מִיט דִי צְוֵויי זַאכְן אִיז עֶר פַארְזִיכֶערְט אַז עֶר וֶועט זִיךְ הַאלְטְן בַּיי דִי קְדוּשָּׁה, אוּן נִישְׁט אַוֶועק פַאלְן חַס וְשָׁלוֹם.

אָבֶּער אַזוֹי ווִי דֶער יֵצֶר הָרַע ווֵייסְט אוֹיךְ פוּן דֶעם, דֶערְפַאר פְּרוּבִּירְט עֶר אוֹיף אַלֶע וֶועגְן צוּ שְׁטֶערְן פוּן דֶעם, אוּן דֶערְפַאר דַארְף זִיךְ אַ אִיד מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג אִין שׁוּהל דַאוֶוענֶען, אוּן צוּ לֶערְנֶען גְמָרָא יֶעדְן טָאג.

אוּן דָאס זֶעהט מֶען מַמָּשׁ בְּחוּשׁ אַז אַזוֹי הֵייבְּט אַ אִיד אָן אַוֶועקְצוּגֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס הֵייבְּט זִיךְ אָן בַּיים פַארְנַאכְלֶעסִיגְן דָאס דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, קוֹדֶם קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרַע מִיט אַ פְרוּמֶען פָּנִים, "אִיךְ וֶועל עֶנְדֶערְשְׁט דַאוֶוענֶען אִינְדֶערְהֵיים אַלֵיין, וַוייל אַזוֹי קֶען אִיךְ עֶר מֶער אִינְזִין הָאבְּן דָאס דַאוֶוענֶען", אָבֶּער עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז אַזוֹי כַאפְּט אִים דֶער יֵצֶר הָרַע אַרַיין אִין זַיין נֶעץ, וַוייל אֵיינְמָאל מֶען גֵייט נִישְׁט אִין שׁוּהל דַאוֶוענֶען, הֵייבְּט מֶען אָן צוּ פַארְשְׁפֶּעטִיגְן דָאס דַאוֶוענֶען, נָאכְדֶעם הֵייבְּט מֶען אָן צוּ פַארְפֶעלְן דָא אַ מִנְחָה דָארְט אַ מַעֲרִיב, מֶען טְרֵייסְט זִיךְ אַז מֶען וֶועט שׁוֹין דַאוֶוענֶען שְׁפֶּעטֶער צְוֵויי שְׁמֹנֶה עֶשְׂרֵה'ס, אוּן נָאכְדֶעם הֵייבְּט מֶען אָן צוּ שְׁנַיידְן פוּנֶעם דַאוֶוענֶען, מֶען זָאגְט נָאר קְרִיאַת שְׁמַע אוּן שְׁמוֹנָה

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

פַארְוָואס הָאט טַאקֶע נֹחַ נִישְׁט גֶעבֶּעטְן פוּן פָארְאוֹיס? וַוייל עֶר הָאט גֶעקוּקְט אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן מִיט אַ שְׁלֶעכְט אוֹיג, עֶר הָאט זֵיי נִישְׁט דַן גֶעוֶוען לְכַף זְכוּת אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר נִישְׁט גֶעבֶּעטְן פַאר זֵיי.

זָאגְט מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א, דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק: **אֶת הָאֱלֹקִים** - מִיטְן מִדַּת הַדִּין וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "אֱלֹקִים", **הִתְהַלֶּךְ נֹחַ** - אִיז נֹחַ גֶעגַאנְגֶען, אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר נִישְׁט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין דוֹר.

***

**וַיְהִי כָּל הָאָרֶץ שָׂפָה אַחַת וּדְבָרִים אֲחָדִים**, דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה לח, ו) פַארְוָואס זֶענֶען דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דוֹר הַמַּבּוּל גֶעוָוארְן אוֹיסְגֶעמֶעקְט וֶועגְן זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת, אוּן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דוֹר הַפְלָגָה זֶענֶען נִישְׁט גֶעוָוארְן אוֹיסְגֶעמֶעקְט כָאטְשׁ זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען עֶרְגֶער, זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אַ קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין? זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ וַוייל דִי דוֹר הַמַּבּוּל הָאבְּן זִיךְ גֶעקְרִיגְט אוּן גֶע'גַנְבְ'ט דֶערְפַאר זֶענֶען זֵיי אוֹיסְגֶעמֶעקְט גֶעוָוארְן אִינְגַאנְצְן, אָבֶּער דִי דוֹר הַפְלָגָה הָאבְּן זִיךְ גֶעהַאלְטְן בְּאַחְדוּת, אוּן דָאס הָאט זֵיי גֶערַאטֶעוֶועט.

לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, אוֹיבּ זֵיי הָאבְּן טַאקֶע גֶעהַאט אַזַא שְׁטַארְקֶע אַחְדוּת, פַארְוָואס הָאט דָאס נִישְׁט גֶעהָאלְפְן אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ח) אַז וֶוען מֶענְטְשְׁן הַאלְטְן זִיךְ בְּאַחְדוּת הֶעלְפְט זֵיי דָאס צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ד) אַז יֶעדֶער אִיד הָאט אַ נְקֻדָּה וָואס אַ צְוֵוייטֶער אִיד הָאט נִישְׁט, דָאס מֵיינְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ מְקַנֵּא זַיין אַ צְוֵוייטְן וָואס אִיז מֶער מַצְלִיחַ פוּן דִיר, וַוייל דוּ הָאסְט אַנְדֶערֶע נְקוּדוֹת וָואס דוּ קֶענְסְט מֶער מַצְלִיחַ זַיין פוּן יֶענֶעם, אֵיינֶער אִיז מֶער מַצְלִיחַ אִין תּוֹרָה, אֵיינֶער מֶער אִין תְּפִלָּה, אֵיינֶער אִין חֶסֶד א.א.וו. אוּן דֶערְפַאר אַנְשְׁטָאט קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם, וָואס דוּ וֶועסְט קֵיינְמָאל סֵיי וִוי נִישְׁט קֶענֶען נָאכְמַאכְן, לֵייג דִיךְ עֶנְדֶערְשׁ אַרַיין אִין דַיין נְקֻדָּה, וֶועסְטוּ מֶער מַצְלִיחַ זַיין.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, דִי דוֹר הַפְלָגָה זֶענֶען טַאקֶע גֶעוֶוען בְּאַחְדוּת, אָבֶּער שׁוֹין צוּ שְׁטַארְק, וַוייל אֲפִילוּ וֶוען מֶען הַאלְט זִיךְ בְּאַחְדוּת, טָאר מֶען אָבֶּער נִישְׁט נָאכְמַאכְן יֶענֶעם, נָאר יֶעדֶער דַארְף זֶעהְן אַלֵיין וָואס עֶר קֶען טוּהן, אוּן נִישְׁט מְקַנֵּא זַיין דֶעם צְוֵוייטְן, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן יָא גֶעקוּקְט אֵיינֶער אוֹיפְן צְוֵוייטְן, אוּן דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר עוֹנֶשׁ טַאקֶע גֶעוֶוען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי צוּשְׁפְּרֵייט, מִיט אַסַאךְ שְׁפְּרַאכְן, אַזוֹי אַז זֵיי הָאבְּן שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעמוּזְט אָנְהֵייבְּן קוּקְן נָאר אוֹיף זִיךְ.

וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, עֶר קוּקְט נָאר וָואס עֶר קֶען אַלֵיין מַצְלִיחַ זַיין, וֶועט אִים שְׁטֶענְדִיג גוּט זַיין.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית פַּרְשַׁת נֹחַ תשע"א לפ"ק)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

עֶשְׂרֵה, בִּיז מֶען הֶערְט אוֹיף אִינְגַאנְצְן צוּ דַאוֶונֶען, אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אָפּ מִיט אַ שְׁטַארְקַייט "אִיךְ מוּז יֶעדְן טָאג גֵיין אִין שׁוּהל דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן, מִיט כַּוָּונָה אָדֶער אָן כַּוָּונָה" אַזוֹי אִיז עֶר פַארְזִיכֶערְט אַז עֶר וֶועט בְּלַייבְּן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ח') אוֹיף דִי גְמָרָא (בְּרָכוֹת נ"ד:) אַז עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן הָאט גֶעזֶעהְן אַז דִי מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל אִיז גְרוֹיס דְרֵיי פַּרְסָה אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן אוֹיסְגֶערִיסְן אַ בַּארְג וָואס אִיז גְרוֹיס דְרֵיי פַּרְסָה אוּן עֶר הָאט עֶס גֶעוָואלְט אַרוֹיף וַוארְפְן אוֹיף דִי אִידְן, בִּיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אִים גֶע'הַרְגְ'ט, זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז דִי מַחֲנָה יִשְׂרָאֵל זֶענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת שַׁחְרִית מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, אוּן דָאס מוּז זַיין דַוְקָא אִין דִי מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל, דָאס מֵיינְט אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ מִיט מִנְיָן, אוּן דָאס הָאט דֶער עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן גֶעוָואלְט אוֹיסְרַייסְן, עֶר הָאט גֶעוָואלְט אוֹיסְרַייסְן דִי אִידְן פוּן דַאוֶונֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת מִיט מִנְיָן, אָבֶּער מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט פוּן אִים, נָאר עֶר הָאט אִים גֶע'הַרְגְ'ט, אוּן מִיט דֶעם גֶעוִויזְן פַאר דִי אִידְן, אַז מֶען דַארְף זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן.

אֲפִילוּ וֶוען מֶען הָאט אַן אוֹנֶס, מֶען אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען שְׁפֶּעט וְכַדּוֹמֶה, אִיז נָאךְ אַלְץ דָא בָּרוּךְ ה' הַיינְט מִנְיָנִים בִּיז שְׁפֶּעט, אוּן מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג טְרֶעפְן אַ מִנְיָן צוּ דַאוֶונֶען, אוּן אֲפִילוּ עֶס אִיז שׁוֹין נִישְׁט דָא קַיין מִנְיָנִים, אִיז נָאךְ אַלְץ עֶנְדֶערְשְׁט צוּ דַאוֶונֶען אִין שׁוּהל וִוי צוּ דַאוֶונֶען אִינְדֶערְהֵיים, וַוייל אַזוֹי גֶעוואוֹינְט מֶען זִיךְ צוּ צוּ דַאוֶונֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, וָואס דָארְט רוּהט דִי שְׁכִינָה.

צַדִּיקִים זָאגְן: "וֶוער עֶס וִויל הָאבְּן אַ דָבָר שֶׁבְּמִנְיָן זָאל דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן" דָאס מֵיינְט אַז דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן אִיז אַ סְגוּלָה פַאר פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע וּבְנֵיקָל.

וּבִפְרַט מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב דַארְף מֶען נָאךְ מֶער זַיין גֶעוָוארְנְט צוּ דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן, וַוייל אִין דֶעם זֶענֶען מֶענְטְשְׁן מֶער מְזַלְזֵל, אוּן דַאוֶונֶען מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן אִיז נָאךְ מֶער מְסוּגָל פַאר פַּרְנָסָה, וַוייל דִי גְמָרָא זָאגְט (פְּסָחִים פ"ח.) אַז אַבְרָהָם הָאט עֶס גֶערוּפְן "הַר" יִצְחָק "שָׂדֶה" אוּן יַעֲקֹב "בַּיִת" דָאס מֵיינְט דֶעם פְּלַאץ פוּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וָואס דָארְט אִיז דֶער פְּלַאץ פוּן תְּפִלָּה, אוּן אַבְרָהָם הָאט מְתַקֵּן גֶעוֶוען דָאס דַאוֶונֶען שַׁחְרִית יִצְחָק מִנְחָה, אוּן יַעֲקֹב מַעֲרִיב, שָׂדֶה - אַ פֶעלְד, אִיז דִי פְּלַאץ וִוי עֶס וַואקְסְט אַלֶע עֶסְן, אוּן דֶערְנָאךְ בְּרֶענְגְט מֶען דָאס אַרַיין אִין דֶעם בַּיִת - אִין דִי הוֹיז, זֶעהְט מֶען אַז מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב אִיז מְסוּגָל פַאר פַּרְנָסָה.

דֶערְפַאר אוֹיבּ אֵיינֶער דַארְף פַּרְנָסָה גְרִינְגֶערְהֵייט זָאל עֶר זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג אִין שׁוּהל דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן, וֶועט אִים אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֵיוַח וּבְנֵיקָל וִויפִיל עֶר דַארְף.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ מְסִירַת נֶפֶשׁ,
חֵלֶק ח' עֶרֶךְ מִנְיָן, חֵלֶק ו' עֶרֶךְ מִנְחָה מַעֲרִיב)

# דָאס מֵיינְט גוּט?

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: וֶוען עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף אַ מֶענְטְש שְׁוֶועריקַייטְן, אוּן דֶער מֶענְטְש שְׁטַארְקְט זִיךְ אוּן עֶר קוּקְט אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אִים, אוּן עֶר דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "יְיַשֵׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַּאר דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר", זָאגְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "דָאס הֵייסְט גוּטְס? אִיךְ וֶועל דִיר וַוייזְן וָואס עֶס מֵיינְט גוּט", אוּן דַאן בַּאקוּמְט עֶר טַאקֶע אַלֶעס גוּטְס.

אוֹיב אָבֶּער דֶער מֶענְטְש הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט, עֶר רֶעדְט זִיךְ נָאר אָפּ: "אַלֶעס גֵייט מִיר שְׁלֶעכְט, וואוּ אִיךְ לֵייג נָאר צוּ אַ פִינְגֶער גֵייט אַלֶעס קַאפּוֹיעֶר", זָאגְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "דָאס מֵיינְט שְׁלֶעכְט? אִיךְ וֶועל דִיר וַוייזְן וָואס עֶס מֵיינְט שְׁלֶעכְט", אוּן עֶר בַּאקוּמְט נָאךְ מֶער עֶרְגֶערֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים.

דֶערְפַאר וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְש וָואס קוּקְט שְׁטֶענְדִיג אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט, אוּן עֶר דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערְפַאר, וֶועט אִים זִיכֶער גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(תּוֹךְ הַנַּחַל שב"ק בַּבּוֹקֶר פ' בְּרֵאשִׁית תשנ"ט לפ"ק)

***

# אִיךְ בְּלַייב שׁוֹין לִיגְן...

מֶען זֶעהט אַז בְּגַשְׁמִיוּת לָאזְט זִיךְ אַ מֶענְטְש נִישְׁט נַארְן, וֶוען אַ מֶענְטְש גֵייט אוֹיפְן גַאס אוּן עֶר גְלִיטְשְׁט זִיךְ אוֹיס, עֶר פַאלְט אַרָאפּ, וֶועט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט בְּלַייבְּן לִיגְן דָארְט, עֶר וֶועט טוּהן וָואס עֶר קֶען נָאר זִיךְ אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אוּן צוּ גֵיין וַוייטֶער, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָאט זִיךְ צוּבְּרָאכְן דִי בֵּיינֶער חַ"ו בְּשְׁעַת'ן אַרָאפּ פַאלְן אוּן עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֶעלְן, וֶועט עֶר אוֹיךְ נִישְׁט בְּלַייבְּן לִיגְן, נָאר עֶר וֶועט שְׁרַייעְן פַאר הִילְף, אַז מֶען זָאל אִים קוּמֶען הֶעלְפְן אוּן טְרָאגְן אִין שְׁפִּיטָאל צוּם דָאקְטֶער אִים אוֹיסְצוּהֵיילְן.

דִי זֶעלְבֶּע דַארְף מֶען טוּהן בְּרוּחֲנִיוּת, אוֹיב מֶען פַאלְט דוּרְךְ מִיט אַן עֲבֵירָה, בְּלַייבְּט מֶען נִישְׁט לִיגְן, מֶען הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף אוּן מֶען גֵייט אָן וַוייטֶער, מֶען כַאפְּט אַרַיין תּוֹרָה וּמִצְוֹת וָואס מֶען קֶען, אוּן אוֹיב מֶען פִילְט אַז מֶען אִיז שׁוֹין גָאר שְׁטַארְק גֶעפַאלְן אַז מֶען קֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט אַלֵיין הֶעלְפְן, שְׁרַייט מֶען פַאר הִילְף, אוּן מֶען גֵייט צוּ אַ רוּחְנִיוּת'דִיגֶע דָאקְטֶער וָואס דָאס אִיז אַ צַדִיק וָואס זָאל אִים גֶעבְּן גוּטֶע עֵצוֹת זִיךְ צוּ קֶענֶען אוֹיפְהֵייבְּן אוּן וַוייטֶער אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל שב"ק בַּבּוֹקֶר פ' בְּרֵאשִׁית תשס"ט לפ"ק)

# ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

המשך

און דאס זעהט מען טאקע ווי אזוי די סקול איז זיך אזוי שיין ציוואקסן אין די לעצטע צוויי יאר מיט אן אויסגעוועגליכע הצלחה, אזוי ווי עס איז ברייט באקאנט פאר יעדן, און מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז מען שוין אריינגעטראטן אינעם דריטן יאר.

זאל דער אייבערשטער העלפן ווייטער אז מיר זאלן האבן גרויס הצלחה, און מיר זאלן ווייטער קענען אריינלייגן אין די קינדער אמונה, תורה ויראת שמים.

**ורוח הקודש אומרת כן יפרוץ!**

***

## מוהרא"ש שליט"א איז געפארן אויף ארץ ישראל

מוהרא"ש שליט"א איז געפארן די וואך אויף ארץ ישראל צו מחזק זיין די ארטיגע אידן.

די קומענדיגע עטליכע וואכן וועט נישט פארקומען דער ליל שישי שיעור.

מען קען הערן פריערדיגע שיעורים פון מוהרא"ש שליט"א אויפן טעלעפאן ליין "קול ברסלב" אויפן נומער 212-444-9191

**שמעו ותחי נפשכם!**

## אויסצוגן פון מכתב קודש פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א איבער די עפענונג פון די מיידל שולע "בנות פיגא - היכל הקודש ברסלב" מיט צוויי יאר צוריק

בעזה"י יום ב' לסדר נח כ"ו תשרי ה'תשע"ב

שלום וברכה אל האברך היקר לי מאד ... נ"י

אזוי ווי עס איז געקומען צו מיר היינט צוויי עלטערן וואס זיי האבן טעכטער און קיינער וויל זיי נישט אריינעמען לערנען אין זייער סקול, ווייל זיי זאגן זייערע יונגלעך לערנען אין אונזער תלמוד תורה, זעה איך א רמז פון הימל אז מען דארף אויפמאכן א מיידל שולע, הן אמת ס'איז זייער שווער צו האלטן א תלמוד תורה מיט א גאנצע סטעף מלמדים, אבער אזוי ווי עטץ האט'ס געהאט ניסים ונפלאות א גאנץ יאר, האלט איך זיכער וועט איר מיט די מיידל שולע אויך האבן ניסים ונפלאות, מען דארף ביים אנפאנג נישט נעמען קיין מנהלת וכו', נאר איין אדער צוויי פרויען וואס זיי זאלן זיין די לערערענס, מען באצאלט זיי ארום דריי הונדערט פופציג דאלער א וואך, און זיי וועלן לערנען מיט די פאר מיידלעך הלכות, און שרייבן, און רעכענען, און שפראך, וכו' וכו', און אזוי וועט זיך אנהייבן די מיידל שולע.

עס איז באוויסט אז דער הייליגער סאטמאר רב זי"ע בעל "דברי יואל" האט אנגעהויבן זיין מיידל שולע "בית רחל" מיט צוויי תלמידות, און עס איז צעוואקסן געווארן א גאנצע אימפעריע, קרוב צו צען טויזנט מיידלעך כן ירבו, דאס איז מקובל פון צדיקים אז יעדע זאך וואס מען טוט מיט מסירת נפש און מיט אמת, האט הצלחה, אויב איינער האט אינזינען זיך וכו', ישות וכו', פרסום וכו', איז צום סוף פאלט דאס אוועק און ס'ווערט בטל ומבוטל כעפרא דארעא, איבער דעם ווייל קיין שום מוסד וויל נישט אריין נעמען אונזערע טעכטער, ווייל זייערע זוהן לערנען אין אונזער תלמוד תורה, זעה איך נישט קיין אנדערע עצה, נאר אויפמאכן א מיידל שולע, מען דארף אנהייבן מיט קליינעם נישט מיט קיין גרויסן סטעף, וועט מען האבן גרויס הצלחה.

...אזוי ווי איך פאר אוועק דעם דינסטאג אויף ארץ ישראל, און איך וועל נישט דא זיין לכל הפחות דריי שבתים וכו', און אפשר מער וכו', זאלסטו מיר בלייבן געזונט, און דו זאלסט זיין זייער פרייליך, און עס זאל נתרבה ווערן גבולך בתלמידים.

המאחל לך ברכה והצלחה מן השמים

# שִׂמְחָה אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה

זָאלְסְט וִויסְן אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז צוּבְּרָאכְן דוּרְךְ אוּן דוּרְךְ וְכוּ' וְכוּ', נִישְׁט יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט אוֹיס וָואס אוֹיף אִים גֵייט אִיבֶּער וְכוּ', אָבֶער כְּפִי דִי צָרוֹת אוּן דִי דַחְקוֹת וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער יֶעצְט אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז קֵיינֶער נִישְׁט רֵיין פוּן דֶעם, אַז וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר פָּאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט דֶעם טִיפְן לִימוּד פוּן הִתְחַזְקוּת, דָאס הֵייסְט יֶעדֶער אִיד מוּז זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט צוּפַאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, דֶער חָכְמָה פוּן אַ אִיד אִיז, אַז עֶר קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן וְכוּ', אוּן דָאס גְרֶעסְטֶע נַארִישְׁקֵייט אוּן שְׁוַואכְקֵייט פוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר צוּפַאלְט פוּן יֶעדְן קְלֵיינִיקֵייט וְכוּ', אוּן מִיט דֶעם וֶוערְט גֶעמָאסְטְן אַ אִיד, וִויפִיל מָאס הִתְחַזְקוּת עֶר הָאט, אוּן אַלֶע צַדִיקִים זֶענֶען דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, זֵיי הָאבְן גֶעלִיטְן גְרוֹיסֶע יִסוּרִים, אָבֶער זֵיי הָאבְן זִיךְ גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן.

אִיבֶּערְדֶעם זֶע זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, אוּן דִי חַזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא כִּי תֵצֵא) צָרִיךְ אָדָם לְהַחְזִיק טוֹבָה לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּזְמַן שֶׁהַיִסוּרִים בָּאִין עָלָיו, לָמָּה? שֶׁהַיִסוּרִים מוֹשְׁכִין אֶת הָאָדָם לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, זֶע זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, דוּ וֶועסְט נָאךְ קֶענֶען אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דַיינֶע אַלֶע צָרוֹת אוּן חוֹבוֹת, אוּן עֶס וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער עִיקָר זָאלְסְט בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים יֶעדְן טָאג אוּן יֶעדֶע שָׁעָה רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זֶע אִיךְ זָאל זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ דָאס אִיךְ בִּין אַ אִיד, אוּן שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי כְּגוֹיֵי הָאֲרָצוֹת, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט צוּפַאלְן פוּן אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף מִיר דוּרְךְ, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה, אוּן וִויסְן דָאס אַלֶעס וָואס אוֹיף מִיר גֵייט דוּרְךְ אִיז פַאר מַיין טוֹבָה וֶועגְן, כְּדֵי אִיךְ זָאל גֶערֵיינִיגְט וֶוערְן פוּן מַיינֶע שְׁוֶוערֶע זִינְד וָואס אִיךְ הָאבּ פַאר דִיר לֵיידֶער גֶעזִינְדִיגְט. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, טוּ אָפּ פוּן מִיר דָאס עַצְבוּת אוּן בִּיטֶערְנִישׁ, אוּן זֶע אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן זֵיי מַמְתִּיק פוּן מִיר אַלֶע דִינִים, אוּן זֵיי מַשְׁפִּיעַ אוֹיף מִיר אַלֶע הַשְׁפָּעוֹת טוֹבוֹת, אוּן אִיךְ זָאל קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע מַיינֶע חוֹבוֹת, אוּן אִיךְ זָאל הָאבְן נַחַת פוּן מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ זָאל זֶעהְן זֵייעֶר הַצְלָחָה בְּגַשְׁמִיוּת אוּן בְּרוּחְנִיוּת, אוּן אִיךְ זָאל הָאבְן דֶעם רִיכְטִיגְן שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה זָאל רוּעֶן בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּבּ, אוּן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ צוּ זַיין אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע אִידְן, בִּיז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהְן דִי שִׂמְחָה פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, מִיט דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה וָואס דוּ וֶועסְט אוּנְז אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן בִּיטֶערְן גָלוּת, אוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בְּבִיאַת גּוֹאֵל צֶדֶק בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

אַזוֹי זָאלְסְטוּ מִתְפַּלֵל זַיין יֶעדְן טָאג, אוּן יֶעדֶע שָׁעָה, וֶועסְטוּ זֶעהְן עֶס וֶועט דִיךְ גְרִינְגֶער וֶוערְן, וָוארוּם שִׂמְחָה אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, וָוארוּם בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים שְׁטֵייט (דִבְרֵי הַיָמִים א' ט"ז) "עוֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ", דָארְטְן בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶערְשְׁט נָאר שִׂמְחָה, וִויסְן דַארְפְסְטוּ וִויסְן דָאס אִיז דֶער סִימָן וֶוען אַ אִיד גֶעפִינְט זִיךְ אִין דִי קְדוּשָׁה, וֶוען עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זוֹהַר (תְּצַוֶּה קפד:) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִים ק' ב') "עִבְדוּ אֶת הַוַיָ"ה בְּשִׂמְחָה", חֶדְוָה דְבַר נַשׁ מָשִׁיךְ לְגַבֵּיה חֶדְוָה אַחְרָא עִלָאָה, [דִי שִׂמְחָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט, בְּרֶענְגְט אִים אַ שִׂמְחָה פוּן יֶענֶע וֶועלְט אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ מִיט שִׂמְחָה, אוּן דוּ וֶועסְט זֶעהְן אַז דוּ וֶועסְט אַלֶעס אִיבֶּערְקוּמֶען. אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס קוּמְט צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה מֶעג עֶר זִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר מִיט דֶעם.

(אשר בנחל באידיש חלק ג' מכתב שנ"ו)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

*כי עתה הרחיב ה' לנו ופרינו בארץ*

## מוסדות היכל הקודש אין וויליאמסבורג פארברייטערט אויף אן אומגלויבליכן פארנעם

עס גלייבט זיך נישט די אויגן צו זעהן די געוואלדיגע סייעתא דשמיא וואס באגלייט אונזערע הייליגע מוסדות אויף טריט און שריט, יעדעס יאר ווערן די מוסדות מער און מער פארברייטערט בכמות ובאיכות, מיטן אייבערשטנ'ס הילף.

אנגעהויבן מיט די ישיבה וואס מיר טרעטן יעצט אריין אין די זעקסטע יאר. ווער עס האט מיטגעהאלטן די אלע יארן ווי אזוי אסאך אנשי דלא מעלי האבן פרובירט מיט אלע טאקטיקן אונטערצוברעכן די הייליגע ישיבה, און יעצט אריינטרעטנדיג אינעם זעקסטן יאר פון ישיבה, און מען זעהט ווי די ישיבה האט זיך אזוי שיין אהערגשטעלט, מיט צענדליגע בחורים וואס זענען עוסק על התורה ועל העבודה, און מיט די צענדליגע אינגעלייט יראים ושלמים וואס זענען ארויס געקומען פון ישיבה און אויפגעשטעלט ערליכע אידישע שטובער, זעהט מען קלאר די סייעתא דשמיא, וואס דער אייבערשטער האט געהאלפן אז לא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי, מיט די אלע איבערמענטשליכע שוועריקייטן און די שווערע שטיינער וואס זענען געשטאנען אין וועג, האט מען אלעס אדורך געמאכט בשלום, און אנגעקומען ברוך ה' צום ציהל, צו זעהן די פירות פון די שווערע ארבעט, הזורעים בדמעה ברנה יקצורו.

אויך די תלמוד תורה וואס איז שוין אפען עטליכע יאר האט זיך קונה שם געווען פאר גאר א גוט פלאץ וואו די קינדער זענען ב"ה מצליח אויף א געוואלדיגן פארנעם, מיט אויסערגעווענליכע סייעתא דשמיא, צו די פרייד פון אלע עלטערן.

און באזונדער איז מען יעצט אריינגעטראטן אין די דריטע יאר פון די מיידל סקול "בית פיגא", עס איז מקוים געווארן וואס מוהרא"ש שליט"א האט דאן געשריבן אינעם מכתב קודש אז אפילו פון אנפאנג הייבט מען אן אויף א קליינעם פארנעם, אבער אויב טוט מען א זאך מיט מסירת נפש פארן אייבערשטן האט עס גרויס הצלחה, אזוי ווי מען האט געזעהן ביי רביה"ק מסאטמאר זצוק"ל וואס האט אנגעהויבן זיין מיידל שולע מיט בלויז צוויי תלמידות, און מען זעהט היינט בחוש ווי עס איז זיך צוואקסן אזא גרויסע אימפעריע פון טויזנטער קינדער, און דאס איז אלעס געווען א דאנק זיין מסירת נפש וואס ער האט געטוהן בלויז פארן אייבערשטנ'ס וועגן (זעה דעם מכתב קודש בייגעלייגט).

המשך בדף ב





## ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע ספרי ברסלב

**27 Skillman St.**

**347-977-7994 אדער רופט**

## קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים**
**פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א**

אויך קען מען מיטהאלטן
יעדע וואך דעם שיעור
מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**
**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות.................6:04
סוף זמן קר"ש.....................9:17
מוצש"ק..................................7:33

**שיעורים כסדרן**
בבלי................פסחים קי"ד
ירושלמי..............בבא בתרא כ'
תוספתא...............גיטין פרק ד'

פרשת לך, ח' חשון, שנת תשע"ד לפ"ק
שנה 3, גליון 5 (105)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיֹּאמֶר ה' לְאַבְרָם לֶךְ לְךָ מֵאַרְצְךָ וּמִמּוֹלַדְתְּךָ וּמִבֵּית אָבִיךָ אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַרְאֶךָּ**, מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (ליקוטי מוהר"ן ח"ב, הקדמה) אוֹיפְן פָּסוּק (יחזקאל לג) **אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם** - אַבְרָהָם אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער אַלֵיין, זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט דֶעם אַז עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז עֶר אִיז אֵיינֶער אַלֵיינְס אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט צִיטוּהן גֶעמַאכְט פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אִים גֶעשְׁטֶערְט, פוּן זַיין טַאטֶע תֶּרַח, אוּן פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אִים גֶעשְׁטֶערְט, נָאר עֶר הָאט זִיךְ פָארְגֶעשְׁטֶעלְט אַזוֹי וִוי עֶר אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט.

זָאגְט דֶער רֶבִּי, אַז אַזוֹי דַארְף טוּהן יֶעדֶער אִיד וָואס וִויל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיינֶעם וָואס שְׁטֶערְט אִים, וִוי לְמָשָׁל זַיין טַאטֶע, מַאמֶע, שְׁוֶוער, וַוייבּ, קִינְדֶער, אָדֶער אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, נָאר עֶר זָאל זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן וִוי עֶר אִיז אַלֵיינְס אוֹיף דֶער וֶועלְט.

זָאגְט מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א: דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר אַבְרָהָם **לֶךְ לְךָ** - גֵיי צוּ דִיר, זָאלְסְט טְרַאכְטְן נָאר פוּן דִיר, אוּן קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם וָואס וִויל דִיר שְׁטֶערְן פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, סַיי **מֵאַרְצְךָ** - פוּן מֶענְטְשְׁן פוּן דַיין סְבִיבָה, סַיי **וּמִמּוֹלַדְתְּךָ** - פוּן דַיינֶע קְרוֹבִים אוּן מִשְׁפָּחָה, סַיי **וּמִבֵּית אָבִיךָ**, זָאלְסְט נָאר אַנְטְלוֹיפְן **אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַרְאֶךָּ** - אֶרֶץ גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אֱמוּנָה, אַנְטְלוֹיף נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן' טְרַאכְט נָאר וִוי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זאת התורה לך ב)

***

**וְגַם לְלוֹט הַהוֹלֵךְ אֶת אַבְרָם הָיָה צֹאן וּבָקָר וְאֹהָלִים**, זָאגְט רַשִׁ"י, וָואס הָאט גֶעמַאכְט אַז לוֹט זָאל הָאבְּן אַלֶעם גוּטְס? וַוייל עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט אַבְרָהָם אָבִינוּ.

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (ספר המידות צדיק, לג) "אִין זְכוּת פוּנֶעם צַדִּיק הָאבְּן זַיינֶע חֲסִידִים פַּרְנָסָה", נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (חיי מוהר"ן רע"א) "וֶוער עֶס אִיז מְקוֹרָב צוּ מִיר, אֲפִילוּ עֶר פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אָבֶּער דָאס אַלֵיינְס אַז עֶר דְרֵייט

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ ~

יֶעדֶער אִיד הָאט אִין זִיךְ דִי מִדָּה פוּן גוּטְסְקַייט, צוּ זַיין אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ, צוּ טוּהן טוֹבוֹת פַאר אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן אַזוֹי דַארְף עֶס טַאקֶע צוּ זַיין, אָבֶּער מֶען דַארְף זֶעהן זִיךְ נִישְׁט צוּ לָאזְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס זוּכְט אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַ שְׁלֶעכְטְקַייט, צוּ זַיין שְׁלֶעכְט צוּ מֶענְטְשְׁן, אוּן זִיךְ צוּ פִירְן מִיט עַזּוּת צוּ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ טוּט טוֹבוֹת פַאר זִיךְ אַלֵיין, אוּן פַארְקֶערְט אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ טוּט זִיךְ אַלֵיין אָפּ, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַ גוּטֶער הָאבְּן אִים מֶענְטְשְׁן לִיבּ, יֶעדֶער וִויל זַיין גוּט מִיט אִים, אוּן וֶוען עֶר וֶועט זִיךְ גֶעפִינֶען אִין אַ צַייט פוּן נוֹיט, וֶועלְן אִים אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וֶועלְן הֶעלְפְן, אוּן פַארְקֶערְט אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ אוֹיף דִי מִינוּט גֵייט אִים גוּט, עֶר דַארְף נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ קֵיינֶעם אוּן עֶר קוּקְט אַרָאפּ אוֹיף יֶעדְן אוּן עֶר וִויל נִישְׁט הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן, אָבֶּער וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס עֶר וֶועט זַיין אִין אַ צָרָה, דַאן וֶועט קֵיינֶער אִים נִישְׁט וֶועלְן הֶעלְפְן, קֵיינֶער וֶועט נִיטְאַמָאל קוּקְן אוֹיף זַיין זַייט, אוּן דַאן וֶועט עֶר שְׁפִּירְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע הוֹיט, וָואס עֶס מֵיינְט שְׁלֶעכְטְקַייט.

דֶערְפַאר דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זַיין אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ, צוּ צוּבְּרֶעכְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, צוּ טוּהן טוֹבוֹת אוּן אַרוֹיסְהֶעלְפְן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, בִּיז עֶר וֶועט וֶוערְן בֶּאֱמֶת אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ.

### אָן קַיין חֶשְׁבּוֹנוֹת

דִי שְׁלֵימוּת פוּן אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ אִיז וֶוען עֶר אִיז אַ גוּטֶער בְּטֶבַע, דָאס מֵיינְט אַז עֶר טוּט גוּטְס וַוייל עֶר אִיז אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ,

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

זִיךְ צְווִישְׁן עֶרְלִיכֶע אִידְן, הֶעלְפְט אִים שׁוֹין אוֹיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן מִיט דִי צַייט וֶועט עֶר אוֹיךְ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (ליקוטי מוהר"ן ח"א קכ"ט) אַז וֶוען אֵיינֶער גְלֵייבְּט אִינֶעם צַדִּיק אֲפִילוּ עֶר אִיז גָארְנִישְׁט מְקַבֵּל פוּנֶעם צַדִּיק, אָבֶּער מִיט דֶעם אַלֵיינְס וָואס עֶר גְלֵייבְּט אִינֶעם צַדִּיק וֶוערְט אוֹיפְגֶעגֶעסְן זַיין שְׁלֶעכְטְס אוּן עֶר וֶוערְט אַ צַדִּיק.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, דֶער זֹהַר הַקָ' זָאגְט (לך פ:) אַז "לוֹט" אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן "לְטוּתָא" - פַארְשָׁאלְטְן, זָאגְט דֶער פָּסוּק **וְגַם לְלוֹט** - אוֹיךְ אַ גֶעשָׁאלְטֶענֶע מֶענְטְשׁ, אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **הַהוֹלֵךְ עִם אַבְרָם** - אוֹיבּ גֵייט עֶר מִיטְן צַדִּיק, **הָיָה צֹאן וּבָקָר וְאֹהָלִים** - וֶועט עֶר צוּם סוֹף הָאבְּן גְרוֹיס עֲשִׁירוּת בְּרוּחְנִיוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, וַוייל וֶוער עֶס דְרֵייט זִיךְ בַּיי אַ צַדִּיק וֶועט צוּם סוֹף וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

(זאת התורה לך ז)

***

**וְאַנְשֵׁי סְדוֹם רָעִים וְחַטָּאִים לַה' מְאֹד** - מוֹהַרְאָ"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (ליקוטי מוהר"ן ח"ב ז) דֶער עִיקָר פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז דֶער דַעַת, דָאס מֵיינְט צוּ ווִיסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דברים ד) **אַתָּה הָרְאֵתָ לָדַעַת כִּי ה' הוּא הָאֱלֹקִים**, אוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס טְרַאכְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז בִּכְלָל נִישְׁט קֵיין מֶענְטְשׁ נָאר אַ חַי' וָואס זֶעהְט אוֹיס וִוי אַ מֶענְטְשׁ, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ פוּן אַזַא מֶענְטְשׁ זֵייעֶר הִיטְן, וַוייל עֶר קֶען שֶׁעדִיגְן.

אוּן דָאס זֶעהְט מֶען בְּחוּשׁ, אַז עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס טוּעֶן רִשְׁעוּת לְשֵׁם רִשְׁעוּת, אָן קֵיין שׁוּם טַעַם, אוּן דִי גְרֶעסְטֶע צָרָה אִיז, אַז זֵיי זָאגְן אַז זֵיי טוּעֶן עֶס לְשֵׁם שָׁמַיִם, נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן'ס וֶועגְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (ליקוטי מוהר"ן ח"א, א) אַז דֶער יֵצֶר הָרַע מַאכְט עֲבֵירוֹת פַאר מִצְוֹת, עֶר רֶעדְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ צוּ טוּהְן אַן עֲבֵירָה, אוּן עֶר רֶעדְט אִים נָאךְ אַיין אַז עֶס אִיז אַ מִצְוָה.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק: **וְאַנְשֵׁי סְדוֹם רָעִים וְחַטָּאִים** - זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע רְשָׁעִים, אָבֶּער **לַה' מְאֹד** - נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן'ס וֶועגְן, נָאר לְשֵׁם שָׁמַיִם, אוּן פוּן זֵיי דַארְף מֶען זִיךְ דִי מֶערְסְטֶע הִיטְן.

(זאת התורה לך ח)

# שִׂיחוֹת מוֹהַרְאַ"שׁ

אוּן נִישְׁט וַוייל עֶר הָאט חֶשְׁבּוֹנוֹת אַז עֶר וֶועט צוּרִיק בַּאקוּמֶען דֶערְפַאר טוֹבוֹת פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן. אֵיינֶער וָואס טוּט טוֹבוֹת אוּן עֶר ווַארְט צוּרִיק צוּ בַּאקוּמֶען אַ טוֹבָה דֶערְפַאר, אָדֶער אֲפִילוּ עֶר ווַארְט נָאר אַז יֶענֶער זָאל אִים דַאנְקְבַּאר זַיין אוּן זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי טוֹבָה וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען, אַזַא מֶענְטְשׁ וֶועט זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל וֶוערְן אַנְטוֹישְׁט, וַוייל גֶעווֶענְלִיךְ מֶענְטְשְׁן וָואס בַּאקוּמֶען אַ טוֹבָה נֶעמֶען דָאס אָן אַז עֶס קוּמְט אַזוֹי, אוּן זֵיי כַּאפְּן נִישְׁט אַז זֵיי דַארְפְן זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי טוֹבָה וָואס זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען, אָבֶּער אֵיינֶער וָואס אִיז אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ בְּטֶבַע, עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעווָאוֹינְט צוּ זַיין אַ גוּטֶער אוּן צוּ טוּהְן טוֹבוֹת, אַזַא אֵיינֶער וֶועט הֶעלְפְן אַ צְווֵייטְן בְּלוֹיז דֶערְפַאר וַוייל עֶר וִויל הֶעלְפְן מֶענְטְשְׁן, אוּן נִישְׁט וַוייל עֶר ווַארְט עֶפֶּעס צוּרִיק צוּ בַּאקוּמֶען דֶערְפַאר.

אוּן עֶס קֶען נָאךְ גֵיין אַסַאךְ מֶער, עֶס אִיז דָא אַמָאל וֶוען מֶען אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ הֶעלְפְן אוּן צוּ טוּהְן טוֹבוֹת פַאר אַ מֶענְטְשׁ, אוּן אַנְשְׁטַאט זָאגְן יִישַׁר כֹּחַ אוּן זִיךְ בַּאדַאנְקֶען, טוּט גָאר יֶענֶער צוּרִיק שְׁלֶעכְטְס. עֶס אִיז טַאקֶע זֵייעֶר מָאדְנֶע וִוי אַזוֹי דָאס אִיז מֶעגְלִיךְ, אָבֶּער לֵיידֶער אִיז דֶער פַאקְט אַזוֹי אַז עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס טוּעֶן צוּרִיק שְׁלֶעכְטְס פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט מִיט זֵיי גֶעטוּהְן חֶסֶד.

מֶען קֶען דָאס פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי עֶס אַרְבֶּעט, וּבִפְרָט וֶוען אֵיינֶער הָאט בַּאקוּמֶען גָאר אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה פוּן אַ צְווֵייטְן, אוּן עֶר פִּילְט אַז עֶר מוּז אִים מַמָשׁ בַּאצָאלְן מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ אוּן נְשָׁמָה, אוּן אַזוֹי וִוי עֶר קֶען דָאס נִישְׁט בַּאווַייזְן, הֵייבְּן אָן אַרַיינְצוּקוּמֶען מַחְשָׁבוֹת בַּיי אִים אַז דִי טוֹבָה אִיז בִּכְלָל נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא גְרוֹיסֶע טוֹבָה, אוּן עֶר הֵייבְּט זִיךְ אָן דֶערְמַאנֶען אַז אַמָאל הָאט אִים יֶענֶער אוֹיךְ שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּהְן, בִּיז עֶר הֵייבְּט שׁוֹין אָן פַיינְט צוּ הָאבְּן דֶעם בַּעַל טוֹבָה, אוּן עֶר וִויל אִים גָאר צוּרִיק טוּהְן שְׁלֶעכְטְס. דָאס אִיז זִיכֶער נִישְׁט קֵיין בַּארֶעכְטִיגוּנְג אַזוֹי צוּ טוּהְן, נָאר בְּלוֹיז צוּ פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי עֶס אִיז מֶעגְלִיךְ אַזַא זַאךְ.

מֶען דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּ אַ גְרוֹיסֶע רֶבִּי אוּן אִים גֶעבֶּעטְן אַ טוֹבָה, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דִי זַאךְ אוּן אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן דֶעם אִיד בְּלֵב וָנֶפֶשׁ, וֶוען דִי זַאךְ אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן מְסוּדָר הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַארְן אִיד אַז עֶר זָאל נָאךְ ווַארְטְן אַ מִינוּט, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיס גֶענוּמֶען פוּן טַאשׁ דְרֵיי קְלֵיינֶע שְׁטֵיינֶער אוּן עֶס גֶעגֶעבְּן פַארְן אִיד... וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזֶעהְן וִוי דֶער אִיד ווָאוּנְדֶערְט זִיךְ וָואס דָא גֵייט פָאר, הָאט עֶר אִים מַסְבִּיר גֶעוֶוען, "אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעטוּהְן אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה, אוּן אִיךְ ווַייס אַז לְכָאוֹרָה וֶועסְטוּ מִיר שְׁפֶּעטֶער צוּרִיק ווַארְפְן שְׁטֵיינֶער, דֶערְפַאר גֶעבּ אִיךְ דִיר נָאר קְלֵיינֶע שְׁטֵיינֶער, אַז דוּ זָאלְסְט כָּאטְשׁ ווַארְפְן נָאר דָאס"...

אָבֶּער אֵיינֶער וָואס אִיז אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ, עֶר וֶועט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי אַלֶע זַאכְן, נָאר עֶר וֶועט ווַייטֶער טוּהְן טוֹבוֹת פַאר מֶענְטְשְׁן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווַייסְט אוּן זֶעהְט דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט, אוּן עֶר וֶועט זִיכֶער צוּרִיק בַּאצָאלְן אַלֶעס גוּטְס פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ.

## נִישְׁט אוֹיף יֶענֶעם'ס חֶשְׁבּוֹן

מֶען זָאגְט אַז פַארְוָואס הָאט דֶער אוֹת "צ" בַּאקוּמֶען

המשך בדף ג

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

אַזַא שֵׁיינֶעם נָאמֶען "צַדִּיק"? וַוייל עֶר בֵּייגְט זִיךְ אֵיין און עֶר טְרָאגְט אַ "יוּד" אוֹיף זַיין פְּלֵייצֶע. אָבֶּער לוֹיט דֶעם וֶוערְט שְׁוֶוער פַּארְוָואס הָאט דֶער "אַלֶף" נִישְׁט בַּאקוּמֶען אַזַא שֵׁיינֶעם נָאמֶען, עֶר טְרָאגְט דָאךְ אוֹיךְ אַ "יוּד" אוֹיף זַיין פְּלֵייצֶע? נָאר דֶער אַלֶף אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט וָואס עֶר טְרָאגְט אַ אִיד אוֹיף זַיין פְּלֵייצֶע טְרֶעט עֶר אָבֶּער אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אִיד...

וֶוען מֶען ווִיל טוּהן חֶסֶד און הֶעלְפְן מֶענְטְשְׁן, דַארְף מֶען אָבֶּער זֶעהן אַז מֶען זָאל נִישְׁט אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט טְרֶעטְן אוֹיף אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן. בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קמ"ה) טוֹב ה' לַכֹּל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט צוּ "יֶעדְן" אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט, און דָאס דַארְף אַ אִיד פְּרוּבִּירְן נָאכְצוּמַאכְן.

חֶסֶד דַארְף זִיךְ אָנְהֵייבְּן אִינְדֶערְהֵיים, צוּ הֶעלְפְן דִי וַוייבּ און דִי קִינְדֶער, און אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דִי מִדָּה פוּן גוּטְסְקַייט אִין שְׁטוּבּ, דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן זִיךְ הֶעלְפְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן פְרֵיילִיכֶערְהֵייט, און דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ הֶעלְפְן, עֶס זָאל הֶערְשְׁן אִין שְׁטוּבּ אַן אַטְמָאסְפֶער פוּן לִיבְּשַׁאפְט, און נִישְׁט פַארְקֶערְט צוּ זוּכְן צוּ טְשֶׁעפֶּענֶען אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן.

און דִי זֶעלְבֶּע וֶוען מֶען טוּט חֶסֶד אוֹיפְן גַאס טָאר דָאס נִישְׁט גֵיין אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי בְּנֵי בַּיִת, דִי עֶרְשְׁטֶע און ווִיכְטִיגְסְטֶע דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אַרוֹיסְהֶעלְפְן אִינְדֶערְהֵיים, און דֶערְנָאךְ זוּכְן צוּ טוּהן חֶסֶד אִינְדְרוֹיסְן.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס נֶעמְט אִין זִיךְ אַרַיין דִי מִדָּה פוּן גוּטְסְקַייט, וֶועט עֶר הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן און אַ זִיסֶע לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ב' וְחֵלֶק ו'
עֶרֶךְ טוֹבָה, חֵלֶק ד' עֶרֶךְ טוֹב)


בית חינוך לבנות "בית פיגא"

בנשיאות כ"ק מוהרא"ש שליט"א

סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מרת היילפרין תחי'

טיטשטער אין "בית פיגא"

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן אז די זכות פון ארויסהעלפן די הייליגע מוסדות מיט אזא איבערגעגעבנקייט זאל אייך ביישטיין אז איר זאלט זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד, בני ברוכי, חיי ארוכי, וסייעתא דשמיא, אמן


# דְרֵיי זַאכְן צוּ הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

מַיין צַייט אִיז זֵייעֶר גֶעעֶנְגְט וְכוּ', פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן וֶועל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן אַפָּאר שׁוּרוֹת.

דֶעם שַׁבָּת אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר אִין שׁוּל צְוֵויי חֲתָנִים, און מֶען הָאט גֶעמַאכְט פַאר זֵיי שֶׁבַע בְּרָכוֹת, הָאבּ אִיךְ זֵיי גֶעזָאגְט וָואס אִיךְ זָאג יֶעדְן חָתָן, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אַיינְהַאלְטְן דִי דְרֵיי זַאכְן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן, און עֶס וֶועט דִיךְ גָארְנִישְׁט פֶעלְן.

### *מִנְיָן בְּרֶענְגְט דָבָר שֶׁבְּמִנְיָן*

א. זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג מַקְפִּיד זַיין דַאוֶוענֶען אַלֶע דְרֵיי תְּפִילּוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ דָבָר שֶׁבְּמִנְיָן, דָאס וֶועט דִיךְ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, וָוארוּם עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶער זַאךְ צוּ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, מֶען צִיעֶט אוֹיף זִיךְ אַרוֹיף דִי הַשְׁגָּחָה פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:) כָּל הָרָגִיל לָבֹא לְבֵית הַכְּנֶסֶת וְלֹא בָּא יוֹם אֶחָד הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַשְׁאִיל בּוֹ; דָאס הֵייסְט אַז אֵיינֶער אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת אִין שׁוּל, און עֶר פַארְפֶעלְט אֵיין טָאג, פְרֶעגְט שׁוֹין דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וואוּ אִיז עֶר? פַארְוָואס אִיז עֶר הַיינְט נִישְׁט גֶעקוּמֶען אִין שׁוּל? זֶעהְט מֶען אַז עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל שְׁטֶענְדִיג כַּבְיָכוֹל קוּקְן אוֹיף אִים.

### *דֶעם טָאג וֶועט עֶר נִישְׁט זִינְדִיגְן*

ב. זָאלְסְט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגּוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, דָאס הֵייסְט, עַל פִּי שׁוּלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפ"ה סְעִיף ג') קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן זוּנְטָאג, מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילָךְ נִקְרָא עִם הַצִּיבּוּר, און אַזוֹי וֶועסְטוּ זִיכֶער זַיין אַז יֶעדֶע וָואךְ וֶועסְטוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, וָואס דָאס אִיז אַ סְגוּלָּה אוֹיף אֲרִיכוּת יָמִים, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.) לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו; און צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט דָאס מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדֶע וָואךְ מִיט לֶערְנֶען רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ אִיז אַ סְגוּלָּה אוֹיף יִרְאַת שָׁמַיִם, ווִי דֶער מְחַבֵּר זָאגְט (שׁוּלְחָן אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפ"ה סְעִיף ב') אִם לָמַד הַפַּרְשָׁה בְּפֵירוּשׁ רַשִׁ"י חָשׁוּב כְּמוֹ תַּרְגּוּם, וִירֵא שָׁמַיִם יִקְרָא תַּרְגּוּם וְגַם פֵּירוּשׁ רַשִׁ"י; און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי יִשָּׂכָר דוֹב מִבֶּעלְזָא זי"ע הָאט גֶעזָאגְט, יֶעדְן טָאג וָואס אַ אִיד לֶערְנְט חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י אִיז עֶר מוּבְטָח אַז דֶעם טָאג וֶועט עֶר נִישְׁט זִינְדִיגְן.

### *ווִילְסְט וֶוערְן רַייךְ?*

ג. זָאלְסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אִין סִידוּר דַוְקָא, קֵיינְמָאל נִישְׁט בֶּענְטְשְׁן אוֹיסֶענְוֵויינִיג, דָאס אִיז אַ סְגוּלָּה אוֹיף עַשִׁירוּת, אַז אַ מֶענְטְשׁ ווִיל וֶוערְן רַייךְ, זָאל עֶר שְׁטֶענְדִיג בֶּענְטְשְׁן אִין אַ סִידוּר.

אִיבֶּערְדֶעם זָאג אִיךְ דִיר אוֹיכֶעט דִי דְרֵיי זַאכְן, דוּ זָאלְסְט זַיין אִין דֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק, דֶער עִיקָּר זָאלְסְט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס דוּ זָאלְסְט זַיין אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ, וֶועסְטוּ הָאבְּן גָאר אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן, און דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ זֶעלְטֶענֶעם שָׁלוֹם בַּיִת, וָוארוּם אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט, נֶעמְט זִיךְ וַוייל עֶר אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן, שְׁטֶענְדִיג קוּקְט עֶר אוֹיף יֶענֶעם וְכוּ', עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז יֶענֶעם גֵייט בֶּעסֶער פוּן אִים וְכוּ', יֶענֶער הָאט צוּגֶעטְרָאפְן בֶּעסֶער פוּן אִים וְכוּ', יֶענֶער אִיז מֶער מוּצְלָח פוּן אִים וְכוּ' וְכוּ', דֶעם פְּלַאץ וואוּ אִיךְ בִּין אִיז נִישְׁט גוּט וְכוּ', וֶוען אִיךְ זָאל זַיין אִין אַן אַנְדֶערֶע פְּלַאץ וָואלְט מִיר בֶּעסֶער גֶעוֶוען וְכוּ', דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט קַיין צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ, און וואוּ דוּ וֶועסְט אִים נָאר נִישְׁט לֵייגְן וֶועט אִים זַיין בִּיטֶער, און שְׁטֶענְדִיג וֶועט עֶר טְרֶעפְן חֶסְרוֹנוֹת אִין זַיין וַוייבּ וְכוּ' וְכוּ', און אַזוֹי וֶועט זִיךְ דֶער שָׁלוֹם בַּיִת אָנְהֵייבְּן צוּ וַואקְלֶען רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

### *אַ קְבוּרָה וָואס הֵייסְט "דָארְטְן"...*

אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף אַ מַאֲמַר חֲזַ"ל (שַׁבָּת פח.), "וַיִּתְיַצְּבוּ בְּתַחְתִּית הָהָר", אָמַר רַב אַבְדִּימִי בַּר חָמָא בַּר חָסָא, מְלַמֵּד שֶׁכָּפָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עֲלֵיהֶם אֶת הָהָר כְּגִיגִית וְאָמַר לָהֶם, אִם אַתֶּם מְקַבְּלִים הַתּוֹרָה מוּטָב וְאִם לַאו שָׁם תְּהֵא קְבוּרַתְכֶם; שְׁטֶעלְט זִיךְ אַוֶועק אַ קַשְׁיָא, וָואס אִיז דֶער לָשׁוֹן "שָׁם תְּהֵא קְבוּרַתְכֶם"? עֶס הָאט גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין "פֹּה תְּהֵא קְבוּרַתְכֶם", וָוארוּם כַּבְיָכוֹל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אַ בַּארְג און עֶר הָאט גֶעזָאגְט, וֶועט עֶטְץ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה אִיז גוּט, אַז נִישְׁט וֶועט עֶטְץ דָא בַּאגְרָאבְן וֶוערְן, אַזוֹי דַארְף שְׁטֵיין, וָואס אִיז דֶער לָשׁוֹן "שָׁם תְּהֵא קְבוּרַתְכֶם"? וָואס אִיז דֶער "דָארְטְן"? נָאר דֶער תֵּירוּץ אִיז אַז עֶס


המשך בדף ד

# דְרֵיי זַאכְן צוּ הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן

המשך

אִיז דָא אַ קְבוּרָה וָואס עֶס הֵייסְט ״דָארְטְן״, אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט נִישְׁט קַיין תּוֹרָה אִיז אִים זֵייעֶר בִּיטֶער.

עֶר אִיז נָאךְ אַ יוּנְג יוּנְגְל אִין חֵדֶר אוּן עֶר הַאלְט נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען, קוּמְט עֶר אַלֶעמָאל צוּם טַאטְן, ״טַאטִי, דֶער חֵדֶר אִיז נִישְׁט גוּט פַאר מִיר, אִיךְ ווִיל גֵיין אִין אַן אַנְדֶערֶע חֵדֶר!״ וְכוּ׳, דֶער טַאטֶע לֵייגְט אִים אַרַיין אִין אַן אַנְדֶערֶע חֵדֶר וְכוּ׳, אַזוֹי ווִי עֶר אִיז נִישְׁט קַיין צוּפְרִידְן קִינְד, קוּמְט עֶר ווִידֶער צוּם טַאטְן, ״טַאטִי, דֶער חֵדֶר אִיז נִישְׁט גוּט, מֶען טְשֶׁעפֶּעט מִיר!״, דֶער טַאטֶע לֵייגְט אִים אַרַיין אִין אַן אַנְדֶערֶע חֵדֶר וְכוּ׳.

אוּן אַזוֹי אִיז אַ בָּחוּרְל אִין יְשִׁיבָה קְטַנָה, אַז עֶר הַאלְט נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען, וַוארְפְט עֶר זִיךְ פוּן אֵיין יְשִׁיבָה קְטַנָה צוּ אַן אַנְדֶערֶע, בַּיי יֶעדֶע יְשִׁיבָה קְטַנָה הָאט עֶר אַן אַנְדֶערֶע טַעֲנָה, עֶס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר אִים, אוּן אַזוֹי אַ דֶערְוַואקְסֶענֶער בָּחוּר וֶוען עֶר לֶערְנְט נִישְׁט אִיז עֶר נִישְׁט צוּפְרִידְן, וַוארְפְט עֶר זִיךְ פוּן אֵיין יְשִׁיבָה צוּם אַנְדֶערְן, ״דָארְטְן אִיז גוּט״ וְכוּ׳, ״דָארְטְן אִיז בֶּעסֶער״ וְכוּ׳, אַלֶעמָאל זוּכְט עֶר אַ נַייעֶ יְשִׁיבָה וָואס עֶס דַאכְט זִיךְ אִים עֶס וֶועט אִים זַיין בֶּעסֶער.

אוּן אַזוֹי אִיז נָאךְ דִי חֲתוּנָה, עֶר דַארְף גֵיין אִין כּוֹלֵל, זִיצְט אָפּ אַ שְׁטִיקְל צַייט וְכוּ׳, אוֹיבּ עֶר הַאלְט נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען, אִיז עֶר נִישְׁט קַיין צוּפְרִידֶענֶער אִינְגֶערְמַאן, זָאגְט עֶר, ״דָארְטְן אִיז אַ בֶּעסֶערְן כּוֹלֵל״ וְכוּ׳, גֵייט עֶר דָארְטְן אַרַיין וְכוּ׳, אוּן עֶר אִיז וַוייטֶער נִישְׁט צוּפְרִידְן, דָא הֶערְט עֶר אַז עֶס אִיז דָא אַ כּוֹלֵל בּוֹקֶר גֵייט עֶר דָארְטְן אַרַיין, אַז עֶר אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן, הֶערְט עֶר אַז עֶס אִיז דָא אַ כּוֹלֵל עֶרֶב גֵייט עֶר דָארְטְן אַרַיין וְכוּ׳ וְכוּ׳.

הַכְּלַל אַז אֵיינֶער הַאלְט נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה, אוֹיף אִים זָאגְט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, ״שָׁם תְּהֵא קְבוּרַתְכֶם!״ עֶס אִיז דָא אַ קְבוּרָה וָואס עֶס הֵייסְט ״שָׁם״, ״דָארְטְן״, נֶעבֶּעךְ, עֶר טְרֶעפְט זִיךְ נִישְׁט דָאס אָרְט, וואוּ דוּ וֶועסְט אִים לֵייגְן אִיז אִים נִישְׁט גוּט; מַה שֶּׁאֵין כֵּן אֵיינֶער אִיז מְקַבֵּל דִי תּוֹרָה אוּן עֶר הָאט לִיבּ צוּ לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, וּבִפְרַט אַז עֶר לֶערְנְט כְּפִי דִי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן ע״ו), עֶר לֶערְנְט כְּסִדְרָן מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא, וְכוּ׳, וְכוּ׳, עֶר הָאט אַ מוֹרָא׳דִיגְן חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען, דֶעם אִיז שְׁטֶענְדִיג גוּט, אוּן וואוּ מֶען לֵייגְט אִים אִיז עֶר צוּפְרִידְן, עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט אִים גָארְנִישְׁט נָאר דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, אוּן וואוּ עֶר גֵייט אוּן וואוּ עֶר שְׁטֵייט הָאט עֶר מִיט זִיךְ אַ חוּמָשׁ, אָדֶער אַ מִשְׁנַיוֹת, אָדֶער אַ גְמָרָא, אָדֶער אַ שׁוּלְחָן עָרוּךְ, וְכוּ׳, וְכוּ׳, אוּן עֶר לֶערְנְט, אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר צוּפְרִידְן, אַזַא אִינְגֶערְמַאן אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אוּן עֶר מַאכְט פְרֵיילִיךְ זַיין וַוייבּ, עֶר לֶעבְּט אַ זִיס גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן, אוּן דִי שְׁכִינָה רוּהְט בַּיי אִים.

אוּן הָאףְ אַז דוּ וֶועסְט אַרַיינְנֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער אִין דַיין הַארְץ, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן.

(אשר בנחל באידיש חלק ג׳ מכתב שנ״ח)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

### ישיבה קטנה אויסגעברייטערט צום נייעם יאר

צום נייעם יאר האבן זיך איינגעשריבן א גרעסערע צאל אינגערע בחורים אין ישיבה קטנה.

לכבוד דעם האט דער ראש ישיבה אנגעהויבן א פרישע שיעור יעדן טאג פארטאגס פארן דאווענען, א שיעור ספעציעל פאר די ישיבה קטנה בחורים.

און מיטן אייבערשטנ׳ס הילף איז דאס געקרוינט געווארן מיט א געוואלדיגע הצלחה, די עלטערן מיט די בחורים צוגלייך זענען גאר שטארק צופרידן, און די בחורים גייען אהיים אנגעפילט מיט תורה ועבודה ויראת שמים.

דאס איז אויסער די צוויי געווענליכע שיעורים פונעם ראש ישיבה, איינס פארמיטאג אין גפ״ת, און די צווייטע נאכמיטאג א שיעור אינעם רבינ׳ס ספרים, געפלאכטן מיט דברי חיזוק והדרכה, לדעת את המעשה אשר יעשון.

**שירו לה׳ שיעו״ר חדש!**

## שהשמחה במעונם

**עלי׳ לתורה של החתן נחום ברילל הי״ו**

**בבית המדרש תורת משה**

**4314 20th Ave.**

**החתונה ביום ג׳ באולם עקשטיין - קרית יואל**

***

**עלי׳ לתורה של החתן לייבי ראטטענבערג הי״ו**

**בבית המדרש אוהל מרדכי טאהש**

**34 Satmar Dr.**

**החתונה ביום א׳ באולם בית רחל פאראדייס - קרית יואל**

***

**שלום זכר של בן מו״ה מרדכי אהרן היילפרין הי״ו**

**בבית חמיו**

**236 Classon Ave. #2F**

**וואך נאכט אור ליום ג׳ בבית הנ״ל**

**הברית ביום ג׳ בביהמ״ד תפארת משה 1415 55th St.**

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א
הארציגע מזל טוב פאר
**החתן יצחק אייזיק ווייס נ״י**
תלמיד ישיבתינו הק׳
**צו זיין שמחת תנאים למזל טוב**
דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים, אמן.

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר
**מו״ה מרדכי אהרן היילפרין הי״ו**
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**
דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון זיינע קינדער, אמן.






**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**
**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת וירא, ט"ו חשון, שנת תשע"ד לפ"ק
שנה 3, גליון 6 (106)

**זמנים**
הדלקת הנרות.....................5:53
סוף זמן קר"ש.....................9:20
מוצש"ק.................................7:22

**שיעורים כסדרן**
בבלי.......................פסחים קכ"א
ירושלמי..............בבא בתרא כ"ו
תוספתא............קידושין פרק ד'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיֹּאמֶר אדנ"י אִם נָא מָצָאתִי חֵן בְּעֵינֶיךָ אַל נָא תַעֲבוֹר מֵעַל עַבְדֶּךָ,** חֲזַ"ל (שבת קל"ה.) לֶערְנֶען אַרוֹיס פוּן דָא אַז **"גְדוֹלָה הַכְנָסַת אוֹרְחִים מִקַּבָּלַת פְּנֵי הַשְּׁכִינָה"**, עֶס אִיז חָשׁוּבֶ'ער אַרַיינְצוּנֶעמֶען גֶעסְט אִין שְׁטוּב, וִוי צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי שְׁכִינָה, צוּ רֶעדְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס.

לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען טַאקֶע פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ, אַז עֶס זָאל זַיין חָשׁוּבֶ'ער אַרַיינְצוּנֶעמֶען גֶעסְט וִוי קַבָּלַת פְּנֵי הַשְּׁכִינָה?

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לקוטי מוהר"ן חלק א' קכ"ג) אַז דֶער עִיקָר פוּן אַ אִיד אִיז, צוּ גֵיין צוּ אַ צַדִיק, אוּן פָאלְגְן אַלֶעס וָואס דֶער צַדִיק זָאגְט, אוּן אַזוֹי וֶוערְט מֶען אַ עֶרְלִיכֶע אִיד.

אוּן דִי עִיקָר גְרוֹיסְקַייט פוּן אַ צַדִיק וֶוענְדְט זִיךְ, וִוי וַוייט עֶר קֶען זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן, אוּן אוֹיסְלֶערְנֶען פַארְן פָּשׁוּט'סְטְן אִיד, אַז עֶר קֶען אוֹיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אוֹיךְ לִיבּ, דֶער שְׁלֵימוּת פוּן אַ צַדִיק אִיז נִישְׁט וֶוען עֶר שְׁפַּארְט זִיךְ אַיין בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אוּן עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט אִים נִישְׁט וָואס עֶס טוּט זִיךְ אוֹיפְ'ן גַאס, פַארְקֶערְט, דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן אַ צַדִיק אִיז אַז עֶר קֶען אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר'ן פָּשׁוּט'סְטְן אִיד אַז עֶר קֶען אוֹיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ, וָואס זַיין עִיקָר צִיל אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְצוּלֶערְנֶען פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן וֶוען מֶען הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם קֶען מֶען זִיךְ נָאר וֶוענְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן פַאר מֶענְטְשְׁן אוּן נָאכְדֶעם הָאט עֶר זֵיי גֶעהֵייסְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט.

מִיט דֶעם פַארְשְׁטֵייט מֶען שׁוֹין זֵייעֶר גוּט, אַז עֶס אִיז זִיכֶער חָשׁוּב'ֶער אַרַיינְצוּנֶעמֶען גֶעסְט וִוי קַבָּלַת פְּנֵי הַשְּׁכִינָה, וַוייל דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע נַחַת רוּחַ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיסְצוּלֶערְנֶען פַאר נָאךְ מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(תוך הנחל ליל שב"ק וירא תשנ"א)

***

**וַיֵּרָא אֵלָיו ה' בְּאֵלוֹנֵי מַמְרֵא,** מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לקוטי מוהר"ן ח"ב נ) אַז דִי מַחְשָׁבָה אִיז אִין דִי הַאנְט פוּן אַ מֶענְטְשׁ, עֶר קֶען עֶס דְרֵייעֶן וִוי אַזוֹי עֶר וִויל, דָאס מֵיינְט אַז אַזוֹי וִוי

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ חוֹבוֹת ~

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן חוֹבוֹת, (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קכ"ב) אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט: "עֶס אִיז בֶּעסֶער צוּ זַיין אַ בַּעַל חוֹב פַאר זִיךְ אַלֵיין, וִוי צוּ זַיין אַ בַּעַל חוֹב פַאר אַנְדֶערֶע".

עֶס מַאכְט זִיךְ צוּמָאל צַייטְן בַּיי אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר דַארְף עֶפֶּעס קוֹיפְן פַאר זִיךְ אָדֶער פַאר זַיין מִשְׁפָּחָה, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט דִי גֶעלְט דֶערְצוּ, אוּן עֶר גֵייט אוּן עֶר בָּארְגְט גֶעלְט פוּן מֶענְטְשְׁן אוּן עֶר וֶוערְט אַ בַּעַל חוֹב פַאר זֵיי כְּדֵי צוּ קֶענֶען קוֹיפְן וָואס עֶר דַארְף, אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען בְּלַייבְּן אַ בַּעַל חוֹב פַאר זִיךְ אַלֵיין, "אִיךְ בִּין נָאךְ שׁוּלְדִיג מִיר צוּ קוֹיפְן דִי זַאךְ", אוּן דֶערְוַוייל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן הָאפְן אוּן וַוארְטְן אוֹיף זַיין יְשׁוּעָה, וִוי אֵיידֶער צוּ בָּארְגְן גֶעלְט אוּן זַיין אַ בַּעַל חוֹב פַאר אַ צְוֵוייטְן.

דִי וָוארְט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶער יְסוֹד פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל קֶענֶען לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט רוּהִיגֶערְהֵייט מִיט יִשּׁוּב הַדַעַת. מֶען זֶעהְט מֶענְטְשְׁן וָואס פַאלְן אַרַיין אִין חוֹבוֹת, זֵיי בָּארְגְן זִיךְ אָן גֶעלְטֶער פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן אֲפִילוּ אוֹיף דִי מִינוּט זֶעהְט אוֹיס וִוי זֵיי הָאבְּן דָאס גֶעלְט אוּן קֶענֶען קוֹיפְן וָואס זֵיי דַארְפְן, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה וֶוען עֶס קוּמְט צוּ בַּאצָאלְן הָאבְּן זֵיי נִישְׁט פוּן וואוּ צוּ נֶעמֶען דָאס גֶעלְט, אוּן זֵיי דַארְפְן זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּן דִי בַּעֲלֵי חוֹבוֹת, אוֹיף דִי גַאס קֶען עֶר נִישְׁט גֵיין וַוייל דָארְט וואוֹינְט אֵיין בַּעַל חוֹב, אִין דִי בֵּית הַמִדְרָשׁ קֶען עֶר נִישְׁט גֵיין וַוייל עֶר וִויל נִישְׁט טְרֶעפְן אַ צְוֵוייטְן בַּעַל חוֹב, אוּן אִין יֶענֶע מִקְוֶה קֶען עֶר נִישְׁט גֵיין וַוייל דָארְט וֶועט עֶר טְרֶעפְן אַן אַנְדֶערֶע בַּעַל חוֹב, אוּן אַזוֹי מוּז עֶר גֵיין גָלוּת לַיידְן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין נָארְמַאל לֶעבְּן מִיט יִשּׁוּב הַדַעַת.

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ טְרַאכְטְן צְוֵויי מַחְשָׁבוֹת אוֹיף אַ מָאל, מִמֵּילָא אוֹיב עֶס קוּמֶען אַרַיין שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת אִין אַ מֶענְטְשׁ, זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט טְרַאכְטְן, קֶען עֶר גְלַייךְ טְרַאכְטְן פוּן אַן אַנְדֶערֶע זַאךְ, אוּן אַזוֹי גֵייט אַוֶועק דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבָה, אַזוֹי וִוי אַ פֶערְד וָואס וִויל אַרָאפְּפָארְן פוּן גְלַייכְן וֶועג, גֶעבְּט מֶען אִים אַ כַאפּ בַּיי דִי לֵייצֶעס, אוּן מֶען שְׁטֶעלְט אִים אוֹיפְן פְּלַאץ, אַזוֹי אוֹיךְ דִי מַחְשָׁבָה, וֶוען עֶס וִויל אַרָאפּ גֵיין פוּנֶעם גְלַייכְן וֶועג, אוּן עֶס וִויל טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, גֶעבְּט מֶען אִים אַ כַאפּ, אוּן מֶען הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן גוּטֶע זַאכְן, אוּן מֶען פִירְט אִים אַרוֹיף אוֹיפְן גְלַייכְן וֶועג.

זָאגְט מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א: דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דִי וֶוערְטֶער **מַמְרֵא** וָואס אִיז ר"ת מ'חְשָׁבָה רָ'עָה מַ'חְשָׁבָה אַ'חֶרֶת, וֶוען עֶס קוּמְט אַרַיין אַ שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבָה, טְרַאכְט מֶען גְלַייךְ אַן אַנְדֶערֶע מַחְשָׁבָה.

ווייל דֶער עִיקָר פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז דִי מַחְשָׁבָה, עֶר זָאל טְרַאכְטְן נָאר הֵיילִיגֶע גֶעדַאנְקֶען עֶר זָאל נָאר טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר פְּרוּבִּירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיס אַ מֶענְטְשׁ מִיט דֶעם, עֶר דַארְף דוּרְךְ גֵיין אַסַאךְ שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן אוֹיבּ עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, אִיז עֶר זוֹכֶה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאוַוייזְט זִיךְ צוּ אִים, אוּן עֶר הֵייבְּט אָן צוּ פִילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זָאגְט מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א, דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק: **וַיֵּרָא אֵלָיו ה'** - אַז אַ אִיד ווייל אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל זִיךְ צוּ אִים בַּאוַוייזְן, אוּן עֶר זָאל פִילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דִי עֵצָה, **בְּאֵלוֹנֵי "מַמְרֵא"** - **מ'חְשָׁבָה רָ'עָה מַ'חְשָׁבָה אַ'חֶרֶת** - אַז וֶוען עֶס קוּמְט אִים אַרַיין אַ שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבָה זָאל עֶר גְלַייךְ טְרַאכְטְן פוּן עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, **וְהוּא יֹשֵׁב פֶּתַח הָאֹהֶל** - אֲפִילוּ עֶר פִילְט אַז עֶר אִיז נָאךְ בַּיי דִי טִיר, עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְצוּגֵיין אִין דִי קְדוּשָׁה, אוּן נָאךְ מֶער, **כְּחֹם הַיּוֹם** - עֶס בְּרֶענְט אִין אִים דִי יֵצֶר הָרַע, אַ פַייעֶר פוּן תַּאֲווֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, אוֹיבּ אָבֶּער עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, אוּן עֶר גֵייט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט אַלֶעם פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז עֶר זוֹכֶה - **וַיֵּרָא אֵלָיו ה'** - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס בַּאוַוייזְט זִיךְ צוּ אִים.

(זאת התורה וירא א)

***

**וַיִּשָּׂא עֵינָיו וַיַּרְא וְהִנֵּה שְׁלֹשָׁה אֲנָשִׁים נִצָּבִים עָלָיו,** דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט (בראשית רבה פמ"ח ס"ט) אַז דִי דְרַיי מַלְאָכִים הָאבְּן אוֹיסְגֶעזֶעהְן, אֵיינֶער וִוי אַ בֶּעקֶער, אֵיינֶער וִוי אַ שִׁיפְס קַאפִּיטַאן, אוּן אֵיינֶער וִוי אַן אַרַאבֶּער.

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (אבות פרק א') אוֹיף דְרַיי זַאכְן שְׁטֵייט דִי וֶועלְט, אוֹיף תּוֹרָה, אוֹיף עֲבוֹדָה, אוּן אוֹיף גְּמִילַת חֲסָדִים, אוּן דָאס וַוייזְט אוֹיף דִי דְרַיי אָבוֹת אַבְרָהָם, יִצְחָק, אוּן יַעֲקֹב, אַבְרָהָם'ס מִדָּה אִיז גֶעוֶוען גְּמִילַת חֲסָדִים, יִצְחָק אִיז גֶעוֶוען תְּפִלָּה, אוּן יַעֲקֹב אִיז גֶעוֶוען תּוֹרָה.

דָאס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעוִויזְן פַאר אַבְרָהָם, יֶעצְט אַז דוּ הָאסְט גֶעפָּאלְגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס הָאט דִיךְ גֶעהֵייסְן זִיךְ מַלְ'ן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאוַוייזְט זִיךְ צוּ דִיר, וִוי עֶס שְׁטֵייט **וַיֵּרָא אֵלָיו ה',** יֶעצְט וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי דְרַיי זַיילְן פוּן דִי וֶועלְט, תּוֹרָה, עֲבוֹדָה, אוּן גְּמִילַת חֲסָדִים.

דֶער בֶּעקֶער אִיז קֶעגְן חֶסֶד, ווייל עֶר גֶעבְּט צוּ עֶסְן פַאר מֶענְטְשְׁן, דֶער שִׁיפְס קַאפִּיטַאן פִירְט מֶענְטְשְׁן אוֹיפְן יַם, וָואס אִיז קֶעגְן דִי יַם הַתַּלְמוּד, וָואס דָאס אִיז תּוֹרָה, אוּן דֶער אַרַאבֶּער וָואס וֶוערְט גֶערוּפְן **"יִשְׁמָעֵאל"** אִיז קֶעגְן תְּפִלָּה, וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בראשית טז, א) עֶר הָאט אִים גֶערוּפְן יִשְׁמָעֵאל **"כִּי שָׁמַע ה' אֶל עָנְיֵךְ"** וָואס דָאס אִיז תְּפִלָּה, אוּן אוֹיף דִי דְרַיי זַאכְן שְׁטֵייט דִי וֶועלְט.

(זאת התורה וירא ה)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

אָבֶּער אֵיינֶער וָואס פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּינ'ס עֵצוֹת, אוּן אֲפִילוּ עֶר אִיז אַבִּיסְל גֶעדְרוּקְט וֶועט עֶר נִישְׁט בָּארְגְן, נָאר עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּן שׁוּלְדִיג פַאר זִיךְ אַלֵיין, וֶועט עֶר לֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים אוֹיף דֶער וֶועלְט מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת, אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט דַארְפְן מוֹרָא הָאבְּן זִיךְ צוּ דְרֵייעֶן צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן.

דָאס אִיז אוֹיף דִי וֶועלְט, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אוֹיבּ גֵייט מֶען אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט אַ בַּעַל חוֹב, מֶען אִיז גֶעבְּלִיבְּן שׁוּלְדִיג גֶעלְט פַאר מֶענְטְשְׁן, אִיז דָאס וַוייטֶער זֵייעֶר בִּיטֶער, ווייל מֶען וֶועט דַארְפְן נָאכְאַמָאל אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט צוּ בַּאצָאלְן דָאס וָואס מֶען אִיז שׁוּלְדִיג גֶעבְּלִיבְּן.

אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה הָאט פַּאסִירְט בַּיים הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זִי"עַ וֶוען עֶר אִיז אֵיינְמָאל אֵיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אַ אִיד אַן עוֹשֶׁר, אִינְמִיטְן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן עוֹשֶׁר הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעבֶּעטְן דֶעם עוֹשֶׁר אוֹיבּ עֶר קֶען אִים וַוייזְן זַיין שְׁטַאל מִיט פֶערְד, וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּם שְׁטַאל הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן אֵיין פֶערְד אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם עוֹשֶׁר אוֹיבּ עֶר קֶען אִים גֶעבְּן דֶעם פֶערְד פַאר אַ מַתָּנָה ווייל עֶס גֶעפֶעלְט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק, דֶער עוֹשֶׁר הָאט אָבֶּער גֶעזָאגְט אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב קֶען זִיךְ אוֹיסְוֶועלְן סַיי וֶועלְכֶע פֶערְד אוּן עֶס נֶעמֶען, אָבֶּער דֶער פֶערְד זָאל עֶר אִים אִיבֶּערְלָאזְן ווייל עֶס אִיז זַיין בֶּעסְטֶע פֶערְד, דֶער פֶערְד מַאכְט אִים דִי בֶּעסְטֶע אַרְבֶּעט, אוּן עֶר דַארְף אִים הָאבְּן זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר זַיין פַּרְנָסָה.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן זֵיי זֶענֶען צוּרִיק אַרַיין אִין הוֹיז, אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם עוֹשֶׁר אוֹיבּ עֶר קֶען אִים וַוייזְן זַיינֶע שְׁטָרוֹת וָואס עֶר הָאט פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אִים שׁוּלְדִיג גֶעלְט, דֶער עוֹשֶׁר הָאט עֶס גֶעבְּרֶענְגְט אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אַרוֹיס גֶעקְלִיבְּן פוּנֶעם פֶּעקְל שְׁטָרוֹת אֵיין אַלְטֶע שְׁטַר אוּן גֶעפְרֶעגְט דֶעם עוֹשֶׁר אוֹיבּ עֶר קֶען עֶס אִים גֶעבְּן בְּמַתָּנָה, דֶער עוֹשֶׁר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לַאכְן אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט סַיי וִוי נִישְׁט וָואס צוּ טוּהן מִיט דֶעם שְׁטַר ווייל דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין לַאנְג גֶעשְׁטָארְבְּן אוּן עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט פוּן וֶועם צוּ בֶּעטְן דָאס גֶעלְט, אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב קֶען זֵייעֶר גֶערְן הָאבְּן דֶעם שְׁטַר, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶענוּמֶען דֶעם שְׁטַר אוּן עֶס צוּרִיסְן אוֹיף שְׁטִיקְלֶעךְ.

גְלַייךְ וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט צוּרִיסְן דִי שְׁטַר הָאט מֶען גֶעהֶערְט קוֹלוֹת אוּן גֶעשְׁרֵייעֶן פוּן הוֹיף, וֶוען זֵיי זֶענֶען צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ פֶענְסְטֶער זֶעהְן וָואס עֶס גֵייט פָאר, הָאבְּן זֵיי גֶעזֶעהְן אַז דֶער מְשָׁרֵת שְׁרַייט אוּן וֵויינְט אַז דֶער בֶּעסְטֶער פֶערְד זֵייעֶרֶער הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעצוֹיגְן אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן גֶעשְׁטָארְבְּן.

דֶער עוֹשֶׁר הָאט זִיךְ זֵייעֶר מִצַעֵר גֶעוֶוען וָואס דָא אִיז גֶעשֶׁעהְן, הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט: "דֶער פֶערְד אִיז גֶעוֶוען אַ גִּלְגּוּל פוּן דֶעם אִיד וָואס הָאט גֶעבָּארְגְט בַּיי דִיר דָאס גֶעלְט, אוּן אַזוֹי וִוי עֶר הָאט נִישְׁט בַּאצָאלְט דִי חוֹב בַּיי זַיין לֶעבְּן אִיז עֶר

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָ"א"ש

מְגוּלְגָל גֶעוָוארְן אִין דֶעם פֶערְד אוּן עֶר הָאט גֶעאַרְבֶּעט פְלַייסִיג פַאר דִיר כְּדֵי צוּ בַּאצָאלְן זַיין חוֹב, אָבֶּער יֶעצְט וֶוען דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן דֶעם שְׁטַר אוּן אִיךְ הָאבּ עֶס צוּרִיסְן אוּן מוֹחֵל גֶעוֶוען דֶעם חוֹב, דַארְף עֶר מֶער נִישְׁט אַרְבֶּעטְן אוּן עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן".

זֶעהט מֶען דִי הַארְבְּקַייט פוּן בָּארְגְן גֶעלְט, אַז אוֹיבּ בַּאצָאלְט מֶען נִישְׁט דִי חוֹבוֹת דַארְף מֶען נָאכְמַאל מְגוּלְגָל וֶוערְן עֶס צוּ בַּאצָאלְן, אוּן דֶערְפַאר אִיז זִיכֶער בֶּעסֶער בִּכְלַל נִישְׁט אַרַיין צוּ גֵיין אִין חוֹבוֹת.

## אַנְטְלוֹיף נִישְׁט!

אוּן וֶוען אֵיינֶער אִיז שׁוֹין יָא אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין חוֹבוֹת, אִיז אוֹיךְ דָא אַ וֶועג אַרוֹיס, אָבֶּער צוּ דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן אַבִּיסְל שֵׂכֶל.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעהט זִיךְ אַרוּם אַז עֶר אִיז שׁוּלְדִיג אַסַאךְ גֶעלְט פַאר מֶענְטְשְׁן, אוּן עֶר וֵוייסְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט פוּן וואוּ צוּ נֶעמֶען גֶעלְט דָאס צוּ בַּאצָאלְן, עֶס אִיז אַסַאךְ גֶעלְט, אַסַאךְ מֶער פוּן וִויפִיל עֶר הָאט, אַזַא מֶענְטְשׁ וֶועט גֶעוֶוענְלִיךְ זִיךְ פְּרוּבִּירְן אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן פוּן דִי בַּעֲלֵי חוֹבוֹת, אוּן פְּרוּבִּירְן זִיךְ נִישְׁט צוּ טְרֶעפְן מִיט זֵיי.

דָאס אִיז אָבֶּער זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָעוּת! וֶוען דֶער בַּעַל חוֹב זֶעהט אַז מֶען פְּרוּבִּירְט זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן פוּן אִים, אוּן דֶער וָואס הָאט גֶעבָּארְגְט דָאס גֶעלְט נֶעמְט זִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט דִי מִיה זִיךְ צוּ אַנְטְשׁוּלְדִיגְן אַז עֶר הָאט נִישְׁט דִי גֶעלְט יֶעצְט צוּ בַּאצָאלְן, וֶוערְט עֶר בְּרוֹגֶז, אוּן עֶר וֶועט נָאר טְרַאכְטְן וֶועגְן וִוי אַזוֹי צוּרִיק צוּ בַּאקוּמֶען דָאס גֶעלְט, בִּיז אֲפִילוּ צוּ רוּפְן צוּ דִין תּוֹרָה.

אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל וֶועט עֶר נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן פוּן זַיינֶע בַּעֲלֵי חוֹבוֹת, נָאר עֶר וֶועט נֶעמֶען דִי בִּיסְל גֶעלְט וָואס עֶר הָאט אוּן גֵיין צוּ דִי בַּעֲלֵי חוֹבוֹת אוּן בְּרֶענְגְן כָאטְשׁ אַבִּיסְל גֶעלְט אוּן זִיךְ אַנְטְשׁוּלְדִיגְן אַז יֶעצְט הָאט עֶר נִישְׁט מֶער, אוּן גְלַייךְ וֶוען עֶר וֶועט הָאבְּן נָאךְ וֶועט עֶר בַּאצָאלְן נָאךְ.

וֶוען דֶער בַּעַל חוֹב זֶעהט אַז עֶר הָאט צוּטוּהן מִיט אַ נָארְמַאלְן מֶענְטְשׁ וָואס זוּכְט זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן, עֶר זֶעהט דָאךְ אַז יֶענֶער פְּרוּבִּירְט צוּ בַּאצָאלְן צוּבִּיסְלֶעךְ וִויפִיל עֶר קֶען, אוּן עֶר אַנְטְשׁוּלְדִיגְט זִיךְ, דַאן וֶועט נִישְׁט זַיין אַזוֹי בְּרוֹגֶז, נָאר אַדְרַבָּה עֶר וֶועט רַחֲמָנוּת אוֹיף אִים, אוּן עֶר וֶועט אִים נָאךְ גֶעבְּן מֶער צַייט צוּ בַּאצָאלְן דִי חוֹבוֹת.

קוּמְט אוֹיס אַז מִיט אַבִּיסְל שֵׂכֶל קֶען אַ מֶענְטְשׁ צוּבִּיסְלֶעךְ אָפְּצָאלְן אַלֶע זַיינֶע חוֹבוֹת אוֹיף אַ שֵׁיינֶע וֶועג, אוּן נִישְׁט דַארְפְן אַוֶועק לוֹיפְן אוּן זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין דִי לֶעכֶער.

## עֲרֵבוּת

אוּן וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן חוֹבוֹת דַארְף מֶען אוֹיךְ גֶעדֶענְקְן זִיךְ אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּ חַתְמְ'עֶנֶען פַאר אַ צְוֵוייטְן עֲרֵבוּת, צוּ זַיין אַן עָרֵב וָואס דַארְף בַּאצָאלְן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט צוּ בַּאצָאלְן.

מֶען דַארְף גוּט גֶעדֶענְקְן אַז אַ עָרֵב אִיז פוּנְקְט וִוי עֶר הָאט אַלֵיין גֶעבָּארְגְט דִי גֶעלְט, אוּן עֶר אִיז פוּנְקְט אַזוֹי אַחֲרָאִי צוּ בַּאצָאלְן דִי חוֹב, אוּן וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען לְמַעֲשֶׂה אוּן יֶענֶער וֶועט נִישְׁט בַּאצָאלְן וֶועט דֶער עָרֵב מוּזְן בַּאצָאלְן פוּן זַיין טַאשׁ, עֶס וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן קַיין טַעֲנוֹת וּמַעֲנוֹת "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעמֵיינְט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט" אַ עָרֵב דַארְף בַּאצָאלְן.

אֵיינֶער וָואס הָאט זִיךְ שׁוֹין אַמָאל אָפְּגֶעבְּרִיעט מִיט אַזַא זַאךְ פַארְשְׁטֵייט דָאס זֵייעֶר גוּט. עֶס קוּמֶען מֶענְטְשְׁן זִיךְ בֶּעטְן מִיט רַחֲמָנוּת אַז מֶען זָאל אוּנְטֶער שְׁרַייבְּן פַאר זֵיי עֲרֵבוּת, "דוּ דַארְפְט נִישְׁט בַּאצָאלְן, אִיךְ דַארְף בְּלוֹיז דַיין אוּנְטֶערְשְׁרִיפְט אַלְץ עָרֵב, וַוייל אַזוֹי קֶען אִיךְ בָּארְגְן דִי הַלְוָאָה", אָבֶּער דָאס אִיז זֵייעֶר גוּט גֶערֶעדְט בִּיז עֶס קוּמְט לְמַעֲשֶׂה אוּן מֶען דַארְף טַאקֶע בַּאצָאלְן, דָאס אִיז נִישְׁט בְּלוֹיז אַן אוּנְטֶערְשְׁרִיפְט, נָאר דוּ נֶעמְסְט דִיךְ אוּנְטֶער אַז דוּ וֶועסְט בַּאצָאלְן דִי חוֹב, אוּן לַיידֶער זֶענֶען שׁוֹין אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן אוּמְגְלִיקְלִיךְ גֶעוָוארְן אַזוֹי, זֵיי הָאבְּן פַארְלוֹירְן זֵייעֶר גַאנְצֶע פַארְמֶעגְן.

דֶערְפַאר, הֶחָכָם עֵינָיו בְּרֹאשׁוֹ, וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל שְׁטֵייט וַוייט פוּן אַזֶעלְכֶע זַאכְן, אוּן נֶעמְט זִיךְ אוּנְטֶער אַז עֶר וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט אוּנְטֶערְשְׁרַייבְּן פַאר קֵיינֶעם קַיין עֲרֵבוּת, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר זִיךְ אַיינְשְׁפָּארְן אַסַאךְ עַגְמַת נֶפֶשׁ.

עֶס זֶעהט טַאקֶע אוֹיס וִוי פָּשׁוּטֶע זַאכְן, אָבֶּער דָאס זֶענֶען זֵייעֶרֶע וִויכְטִיגֶע יְסוֹדוֹת וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן אִין לֶעבְּן, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ נִישְׁט צוּ בָּארְגְן בִּכְלַל קַיין גֶעלְט, אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט שׁוֹין יָא גֶעבָּארְגְט זָאל מֶען נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן פוּן דִי בַּעֲלֵי חוֹבוֹת נָאר פְּרוּבִּירְן צוּבִּיסְלֶעךְ צוּ בַּאצָאלְן אוּן אִיבֶּערְבֶּעטְן, אוּן זֶעהן נִישְׁט צוּ זַיין קַיין עָרֵב פַאר אַ צְוֵוייטְן.

אוּן אוֹיף אַזַא וֶועג קֶען מֶען לֶעבְּן מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת, אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת, אוּן הָאבְּן אַ פְרֵיילִיךְ לֶעבְּן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק א' וְחֵלֶק ב' עֶרֶךְ חוֹבוֹת, חֵלֶק ח' עֶרֶךְ עֲרֵבוּת)

# עֶס קְלַאפְּט צוּרִיק

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַ דֶרֶךְ (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קפ"ד), אַז אַ אִיד וֶוען עֶר רֶעדְט מִיט אַ צְוֵוייטְן אוּן עֶר אִיז אִים מְחַזֵּק אוּן עֶר מַאכְט אִים פְרֵיילִיךְ, קְלַאפְּט צוּרִיק דִי דִיבּוּרִים, וָואס עֶר רֶעדְט צוּ יֶענֶעם גֵייט צוּרִיק צוּ זִיךְ, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶעהְן שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן מִיט אַן אַנְדֶערְן, אוּן אַזוֹי וֶועט דִי דִיבּוּרִים צוּרִיק גֵיין צוּ דִיר. אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ק"ו) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים מא), "אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל דָּל", ווארויל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס גֶעבְּט אַרַיין שֵׂכֶל פַאר אַן אָרִימַאן; אַן עֵצָה צוּ קוּמֶען צוּ גַדְלוּת הַמּוֹחִין אִיז מְחַזֵּק צוּ זַיין יֶענֶעם, מִיט דֶעם וָואס מֶען אִיז מְחַזֵּק יֶענֶעם הָאט מֶען אַלֵיין חִיזּוּק. אִיבֶּערְדֶעם גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן שִׂמְחָה, אוּן דוּ זָאלְסְט זֵיי מְחַזֵּק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן, אוּן דָאס וֶועט אַלֶעס צוּרִיק קְלַאפְּן צוּ דִיר. זָאל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה, נָאר וֶוער נִישְׁט צוּפַאלְן וֶועסְטוּ זֶעהְן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

(אשר בנחל באידיש חלק ג' מכתב שס"ב)

***

# אַ גוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט

דֶער עִיקָר אִיז נָאר צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן פְרֵיילִיךְ דַארְף מֶען זַיין מִיט דִי נְקוּדָה פוּן שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי וָואס דָאס אִיז אַזַא מִין שִׂמְחָה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י') אַז קַיין שׁוּם זַאךְ קֶען דָאס נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן, וַוייל יֶעדֶע זַאךְ קֶען דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זִיךְ אַרַיינְמִישְׁן, וִוי פְרֵייסְטוּ זִיךְ אַז דוּ בִּיסְט אַ אִיד, דוּ הָאסְט דָאךְ אַזַא חֵטְא וְכוּ', אוּן אַזַא חֵטְא וְכוּ', אוּן דוּ הָאסְט דָאס גֶעטוּהְן וְכוּ' אוּן דוּ הָאסְט יֶענְץ גֶעטוּהְן וְכוּ', וִוי פְרֵייסְטוּ זִיךְ אַז דוּ בִּיסְט אַ אִיד? אָבֶּער מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד זָאגְט אַ בְּרָכָה "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי" וָואס עֶר זָאל נָאר נִישְׁט זַיין אָבֶּער אַ גוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה, אוּן דָאס קֶען דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן אוּן מְבַטֵּל זַיין פוּן אַ אִיד, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ מִיט דֶעם זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייעֶן, שִׂמְחָה דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע יְשׁוּעָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ד) דָאס עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן נִישְׁט אַז

המשך בדף ד

# אַ גוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט

המשך

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַ עֵצָה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, נָאר עֶר זָאגְט אַז דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער מִצְוָה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וָוארוּם מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דֶעם אִיז עֶר מְגַלֶה זַיין רֵיין הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת שִׂמְחָה סִימָן א׳) כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה זֶה סִימָן שֶׁלִבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו; אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶעהְן זֵייעֶר צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט נִשְׁלָם וֶוערְן בְּתַּכְלִית הַשְׁלֵימוּת, אוּן דוּ זָאלְסְט וֶוערְן אַ אָדָם הַשָׁלוֹם.

(אשר בנחל באידיש חלק ג׳ מכתב שס״ו)

***

# אַזוֹי וִוי אַ קִינְד בֶּעט זִיךְ

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעטְרָאטְן אַ נַייעֶר וֶועג וָואס דָאס אִיז דֶער אַלְטֶער וֶועג פוּן דִי אָבוֹת אוּן דִי נְבִיאִים אוּן תַּנָאִים אוּן אֲמוֹרָאִים וְכוּ׳ וְכוּ׳, אַז מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעווּאוֹינֶען אוֹיסְרֶעדְן זִיךְ דָאס הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִיש אוּן וָואס עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיפְן מֶענְטְשׁ זָאל עֶר אוֹיסְדֶערְצֵיילְן נָאר פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם אַ מֶענְטְשׁ דַארְף וִויסְן עֶר הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט בָּזֶה הָעוֹלָם נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס עֶר אִיז אִים מְחַיֶה אוּן מְהַוֶּה אוּן מְקַיֵּים, עֶר דֶערְהַאלְט זַיין לֶעבְּן, עֶר גֶעבְּט אִים לֶעבְּן, וְוִיפִיל עֶר נֶעמְט אַרוֹיס פוּן אִים דֶעם לֶעבְּן וְכוּ׳, לִיגְט עֶר וִוי אַ פֶּגֶר מֵת וְכוּ׳, אִיבֶּערְדֶעם אִיז נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה, נָאר זִיךְ צוּגֶעווּאוֹינֶען גֵיין אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זִיךְ דָאס הַארְץ פַארְ׳ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִיש, אוּן רֶעדְן צוּ אִים אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אַ אֶמֶתְ׳ן גוּטְן פְרֵיינְד, אַן אֶמֶתְ׳ן גוּטְן חָבֵר וְכוּ׳, אַזוֹי וִוי אַ קִינְד בֶּעט זִיךְ בַּיי אַ טַאטְן וְכוּ׳, טַאטֶע אִיךְ דַארְף הָאבְּן דָאס וְכוּ׳, טַאטֶע סְ׳אִיז מִיר זֵייעֶר עֶנְג, הֶעלְף מִיר אַרוֹיס וְכוּ׳, אוּן עֶר לָאזְט נִישְׁט אָפּ דֶעם טַאטְן, בִּיז דֶער טַאטֶע גֶעבְּט אִים וְכוּ׳, אַזוֹי דַארְף אַ אִידִישׁ קִינְד זִיךְ צוּגֶעווּאוֹינֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אוּן בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן.

(אשר בנחל באידיש חלק ג׳ מכתב ש״ע)




# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

## בחורי הישיבה טאנצן אויף ביידע חתונות

די וואך האבן די בחורים פון ישיבה געטאנצן אויף צוויי חתונות פון די צוויי חתנים יוצאי ישיבתינו הק׳ וואס האבן חתונה געהאט די וואך.

די ערשטע איז געווען החתן לייבי ראטענבערג הי״ו וואס איז געגאנגען אונטער די חופה עב״ג דעם זונטאג אין זאל פון בית רחל פאראדייס אין קרית יואל, די בחורים זענען אלע ארויס געפארן און משמח געווען דעם חתן ביז אין די שפעטע שעה׳ן.

צוויי טאג שפעטער, דינסטאג נאכט, זענען די בחורים נאכאמאל ארויסגעפארן אויף קרית יואל, דאס מאל אין זאל פון אולם עקשטיין וואו עס איז געגאנגען צו די חופה החתן נחום ברילל הי״ו, און דא האבן די בחורים אויך משמח געווען דעם חתן ווי מען דארף.

מיטוואך נאכט איז פארגעקומען א גרויסארטיגע שבע ברכות בהיכל הישיבה אין וויליאמסבורג פאר ביידע חתנים אינאיינעם, א רייכע סעודה איז געווארן צוגעשטעלט, עס זענען זיך צוזאם געקומען אלע בחורים פון ישיבה, ווי אויך די אינגעלייט תלמידי הישיבה, און נאך אנשי שלומינו, זיך מיט צו פרייען מיט די געהויבענע שמחה.

ביי די סעודה האט מען געהערט דיבורים פונעם ראש ישיבה וואס נאכגעזאגט וואס דער רבי האט געזאגט "כיצד מרקדין לפני הכלה" אז א חתן דארף איבערשפרינגען אלעס וואס עס איז געווען פאר די חתונה, און אנהייבן יעצט א נייע לעבן, וואס דאס זעהט מען אויך אין די וואכעדיגע סדרה, ווען לוט׳ס ווייב האט צוריק געקוקט איז זי געווארן א שטיק זאלץ, און דאס געשעהט ווען א מענטש קוקט צוריק, דאן ווערט אים זייער ביטער, מען דארף שטענדיג אנהייבן פון ניי.

פארשטייט זיך אז אויף די גוטע חלקים דארף מען יא צוריק קוקן און זיך שטארקן מיט דעם, אזוי ווי די צוויי חתנים וואס האבן גוט אויסגענוצט זייערע בחור׳ישע יארן און ארייגעכאפט גאר אסאך תורה, און זיך אפגעשעפט מיט הויפענעס יראת שמים, א זאך וואס איז א זעלטנהייט.

נאך די סעודה האט מען זיך ארויס געלאזט אין א פרייליכן טאנץ וואס האט זיך געצויגן ביז שפעט.

**שמח תשמח רעים האהובים!**

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו״ה לייבי ראטטענבערג הי״ו**

תלמיד ישיבתינו הק׳

**צו זיין שמחת החתונה למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים, אמן.

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו״ה נחום ברילל הי״ו**

תלמיד ישיבתינו הק׳

**צו זיין שמחת החתונה למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים, אמן.

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו״ה יצחק אהרן וויינבערג הי״ו**

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון זיינע קינדער, אמן.

## קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים פון כ״ק מוהרא״ש שליט״א**

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת חיי שרה, כ"ב חשון, שנת תשע"ד לפ"ק — שנה 3, גליון 7 (107)


**זמנים**

הדלקת הנרות.......................5:43
סוף זמן קר"ש.......................9:23
מוצש"ק...............................7:12

**שיעורים כסדרן**

בבלי...........................שקלים ח'
ירושלמי.............בבא בתרא ל"ד
תוספתא...............נדרים פרק ו'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיִּהְיוּ חַיֵּי שָׂרָה מֵאָה שָׁנָה וְעֶשְׂרִים שָׁנָה וְשֶׁבַע שָׁנִים שְׁנֵי חַיֵּי שָׂרָה,** דֶער מֶדְרָשׁ דֶערְצֵיילְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה נ"ח, ג) אַז רֶבִּי עֲקִיבָא אִיז גֶעזִיצְן אוּן גֶע'דַרְשְׁ'נְט, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן וִוי דֶער עוֹלָם שְׁלָאפְט אֵיין, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "פַּארְוָואס הָאט אֶסְתֵּר זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ קֶענִיגְן אוֹיף הוּנְדֶערְט זִיבְּן אוּן צְוָואנְצִיג לֶענְדֶער? וַוייל זִי אִיז גֶעוֶועְן אַן אֵיינִיקְל פוּן שָׂרָה וָואס הָאט גֶעלֶעבְּט הוּנְדֶערְט זִיבְּן אוּן צְוָואנְצִיג יָאר".

דֶער מֶדְרָשׁ אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, קוֹדֶם פַּארְוָואס דַארְף אֶסְתֵּר קֶענִיגְן אוֹיף הוּנְדֶערְט זִיבְּן אוּן צְוָואנְצִיג לֶענְדֶער וַוייל שָׂרָה הָאט גֶעלֶעבְּט הוּנְדֶערְט זִיבְּן אוּן צְוָואנְצִיג יָאר? וִוי אַזוֹי הָאט זֵיי רֶבִּי עֲקִיבָא אוֹיפְגֶעוֶועקְט מִיטְן דָאס זָאגְן?

מוֹהַרְאַ"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רס"א) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט פוּן זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת זָאל עֶר וִויסְן אַז דָאס קוּמְט פוּן הִימְל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס סְפֶּעצִיעֶל אַזוֹי גֶעמַאכְט, כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ נָאכְאַמָאל אוֹיפְפְרִישְׁן, עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל פוּן נֵיי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל מֶען דַארְף יֶעדְן טָאג אָנְהֵייבְּן פוּן דָאסְנַיי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיט דֶעם קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין, וָואס רַשִׁ"י זָאגְט בַּת ק' כְּבַת כ' וּבַת כ' כְּבַת ז', כּוּלָן שָׁוִין לְטוֹבָה, דָאס מֵיינְט אַז בַּיי דִי הוּנְדֶערְט יָאר הָאט זִיךְ שָׂרָה וַוייטֶער בַּאנַייעֶט אַזוֹי וִוי זִי וָואלְט נָאךְ גֶעוֶועְן צְוָואנְצִיג יָאר, דָאס אִיז גֶעוֶועְן אִיר גְרוֹיסְקַייט אַז זִי הָאט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנַייט.

אוּן דֶערְפַאר וֶוען רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט גֶעזֶעהְן אַז דֶער עוֹלָם שְׁלָאפְט אֵיין, דָאס מֵיינְט אַז זֵיי וֶוערְן פַארְשְׁלָאפְן, זֵיי דִינֶען שׁוֹין נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי זֶעלְבֶּע פְרִישְׁקַייט, הָאט עֶר זֵיי דָאס גֶעזָאגְט, "פַּארְוָואס הָאט אֶסְתֵּר זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ קֶענִיגְן אוֹיף הוּנְדֶערְט זִיבְּן אוּן צְוָואנְצִיג לֶענְדֶער? וַוייל זִי אִיז גֶעוֶועְן אַן אֵיינִיקְל פוּן שָׂרָה וָואס הָאט גֶעלֶעבְּט הוּנְדֶערְט זִיבְּן אוּן צְוָואנְצִיג יָאר" דָאס מֵיינְט אַז וַוייל שָׂרָה הָאט גֶעלֶעבְּט מִיט אַזַא פְרִישְׁקַייט, זִי אִיז נִישְׁט גֶעוָוארְן פַארְשְׁלָאפְן, דֶערְפַאר הָאט אִיר אֵיינִיקְל אֶסְתֵּר זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ קֶענִיגְן אוֹיף הוּנְדֶערְט זִיבְּן אוּן צְוָואנְצִיג לֶענְדֶער, אוּן דֶערְפַאר - זָאגְט רֶבִּי עֲקִיבָא פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים - זָאלְט אִיר אוֹיךְ נִישְׁט זַיין


המשך בדף ב


## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ מִיט גוּטְנְס אִיז מֶען מֶער מַצְלִיחַ ~

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ח') אַז כָאטְשׁ עֶס אִיז אַ מִצְוָה אִין דִי תּוֹרָה אַז מֶען דַארְף זָאגְן מוּסָר, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (וַיִּקְרָא יט, יז) הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ, קֶען דָאס אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער טוּהְן, אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען שׁוֹין אִין דִי גְמָרָא (עֲרָכִין טז:) אַז רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט גֶעזָאגְט "אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אֵיינֶער אִין דֶעם דוֹר וָואס קֶען זָאגְן מוּסָר", אוּן אוֹיבּ רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט דָאס שׁוֹין גֶעזָאגְט אִין זַיין דוֹר, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אִין אוּנְזֶער דוֹר אִיז נִישְׁטָא דֶער וָואס קֶען זָאגְן מוּסָר. וַוייל וֶוען אֵיינֶער זָאגְט מוּסָר פַאר אַ צְוֵוייטְן וֶוען עֶר וֵוייסְט נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי דָאס צוּ טוּהְן, דַאן נִישְׁט נָאר אַז עֶר טוּט גָארְנִישְׁט אוֹיף דֶערְמִיט, נָאר עֶר מַאכְט נָאךְ אַסַאךְ עֶרְגֶער, וַוייל עֶר וֶועקְט סְתַּם אַזוֹי אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס דִי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעטוּהְן.

דָאס אִיז אַזוֹי וִוי עֶס לִיגְט אִין אַ וִוינְקְל אַ זַאךְ וָואס הָאט אַ שְׁלֶעכְטֶע גְרוּיךְ, וִוי לַאנְג מֶען רִירְט עֶס נִישְׁט צוּ, שְׁפִּירְט מֶען נִישְׁט דֶעם גְרוּיךְ, אָבֶּער אֵיינְמָאל מֶען הֵייבְּט עֶס אָן צוּ מִישְׁן, דַאן קוּמְט אַרוֹיס דִי שְׁלֶעכְטֶע גְרוּיךְ, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט שְׁטֵיין דָארְט. דִי זֶעלְבֶּע גֶעשֶׁעהט וֶוען אֵיינֶער זָאגְט מוּסָר אוֹיף דִי נִישְׁט רִיכְטִיגֶע וֶועג, עֶר מִישְׁט בְּלוֹיז אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים פוּן דִי מֶענְטְשְׁן אוּן עֶס טוּט גָארְנִישְׁט אוֹיף, עֶס מַאכְט נָאר עֶרְגֶער.

אוּן דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ גוּט וִויסְן אוֹיבּ עֶר וֵוייסְט וִוי אַזוֹי צוּ זָאגְן מוּסָר, אוּן אוֹיבּ וֵוייסְט עֶר נִישְׁט, זָאל עֶר חַ"ו נִישְׁט זָאגְן קַיין מוּסָר וַוייל עֶר קֶען מִיט דֶעם הַרְגֶ'עֶנֶען מֶענְטְשְׁן. דָאס אִיז אַזוֹי וִוי אֵיינֶער זָאל אַרַיינְגֵיין אִין אַ שְׁפִּיטָאל, אֵיינֶער וָואס


המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

פַּארְשְׁלָאפְן, נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט פְּרִישְׁקַייט, וֶועט אִיר אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ אַיינְקוֹיפְן לֶענְדֶער אוּן וֶועלְטְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה תשס"ז לפ"ק)

***

**וּמִשְׁמָע וְדוּמָה וּמַשָּׂא**, דֶער חִידָ"א טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק **וּמִשְׁמָע** - מֶען דַארְף הֶערְן, **וְדוּמָה** - אוּן שְׁוַוייגְן, **וּמַשָּׂא** - אוּן לַיידְן.

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו') אַז דִי עִיקָּר תְּשׁוּבָה אִיז צוּ הֶערְן בִּזְיוֹנוֹת אוּן שְׁוַוייגְן, אָבֶער צוּ צוּקוּמֶען צוּ דֶעם, דַארְף מֶען גֵיין צוּ אַ צַדִּיק וָואס עֶר שַׁיינְט אַרַיין אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִין דֶעם מֶענְטְשׁ, אַז אַלֶעם פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּם גוּטְן, אוּן נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן וֶוען מֶען כַאפְּט אַרַיין אַ גוּטֶע בִּזָּיוֹן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק **וּמִשְׁמָע** - וֶוען מֶען הֶערְט זִיךְ צוּ צוּם צַדִּיק, מֶען הָאט אֱמוּנַת חֲכָמִים, דַאן קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ **וְדוּמָה** - צוּ קֶענֶען שְׁוַוייגְן, **וּמַשָּׂא** - אוּן לַיידְן, אוּן אַזוֹי אַרִיבֶּער גֵיין דִי לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט בְּשָׁלוֹם.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה תשס"ד לפ"ק)

***

**וְאַבְרָהָם זָקֵן בָּא בַּיָּמִים וַה' בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם בַּכֹּל**, מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דִי הֶמְשֵׁךְ פוּן אָנְהֵייבּ פָּסוּק: **וְאַבְרָהָם זָקֵן בָּא בַּיָּמִים**, צוּם סוֹף פָּסוּק: **וַה' בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם בַּכֹּל**, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהַרַ"ן ח"א רע"ב) אוֹיפְן פָּסוּק הַיּוֹם אִם בְּקֹלוֹ תִשְׁמָעוּ, אַז דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער כְּלַל אִין עֲבוֹדַת ה', אַז מֶען זָאל נָאר קוּקְן אוֹיפְן הַיינְטִיגְן טָאג, מֶען זָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן, אוּן נִישְׁט וָואס גֵייט זַיין מָארְגְן, וַוייל גֶעוֶוענְלִיך וֶוערְט אַ מֶענְטְשׁ צוּבְּרָאכְן וֶוען עֶר טְרַאכְט וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן, אוּן עֶר זָארְגְט זִיךְ וָואס וֶועט זַיין מָארְגְן, אָבֶער וֶוען מֶען טְרַאכְט נָאר פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, וָואס קֶען מֶען הַיינְט מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי מַעֲלָה פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ, **בָּא בַּיָּמִים** - עֶר הָאט נָאר גֶעקוּקְט אוֹיפְן הַיינְטִיגְן טָאג, וָואס קֶען אִיךְ יֶעצְט טוּהן אַ גוּטֶע זַאךְ? אוּן דֶערְפַאר, **וַה' בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם בַּכֹּל** - הָאט עֶר אַזוֹי גוּט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט אַלֶעם גוּטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה חַיֵּי שָׂרָה ו)

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

קֶען זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיס אִין מֶעדֶעצִין, אוּן עֶר וֶועט אָנְהֵייבְּן טֵיילְן מֶעדֶעצִינֶען פַאר אַלֶע קְרַאנְקֶע, וָואס עֶס וֶועט גֶעשֶׁעהן אִיז אַז עֶס וֶועט נִישְׁט אַרִיבֶּער גֵיין קַיין לַאנְגֶע צַייט אוּן אַלֶע קְרַאנְקֶע וֶועלְן שְׁטַארְבְּן רח"ל, וַוייל דִי מֶעדֶעצִין וָואס הֶעלְפְט פַאר אֵיינֶעם קֶען אָבֶער ח"ו הַרְגְ'עֶנֶען אַ צְוֵוייטְן, אוּן אֵיינֶער וָואס וִויל גֶעבְּן מֶעדֶעצִין, דַארְף זִיךְ זֵייעֶר גוּט אוֹיסְקֶענֶען אוּן וִויסְן וָואס צוּ גֶעבְּן פַאר וֶועם. אוּן דִי זֶעלְבֶּע מַמָּשׁ אִיז וֶוען מֶען זָאגְט דִי נִישְׁט רִיכְטִיגֶע מוּסָר פַאר אַ צְוֵוייטְן קֶען מֶען אִים מִיט דֶעם הַרְגְ'עֶנֶען.

אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי סֵדֶר פוּן דִי בַּעֲלֵי דַּרְשָׁנִים וָואס פְלֶעגְן אַרוּם פָארְן אִין דִי שְׁטֶעט אוּן דֶערְפְלֶעךְ אוּן זָאגְן מוּסָר פַאר מֶענְטְשְׁן, זֵיי פְלֶעגְן דָאס טוּהן פַאר פַּרְנָסָה, אָבֶער רוֹב מָאל הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעוואוּסְט וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן, אוּן זֵיי הָאבְּן נָאר גֶעשְׁטָאכְן אוּן גֶערֶעדְט שַׁארְפֶע וֶוערְטֶער, וָואס אַנְשְׁטָאט אוֹיפְטוּהן הָאט עֶס נָאר מֶער צוּבְּרָאכְן דֶעם עוֹלָם אוּן זֵיי מַחְלִישׁ דַּעַת גֶעוֶוען, אוּן דֶערְפַאר זֶענֶען גֶעוֶוען אַסַאךְ צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעלָאזְט דִי בַּעֲלֵי דַּרְשָׁנִים רֶעדְן אִין זֵייעֶר שְׁטָאט, וִויסֶענְדִיג אַז עֶס וֶועט סֵיי וִוי גָארְנִישְׁט אוֹיפְטוּהן.

### גֶעבּ אִים גֶעלְט, עֶר זָאל אוֹיפְהֶערְן צוּ רֶעדְן

אֵיינְמָאל אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַזַא בַּעַל דַּרְשָׁן צוּ דִי שְׁטָאט בַּארְדִיטְשׁוּב, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן רְשׁוּת פוּנֶעם הֵיילִיגְן קְדוּשַׁת לֵוִי זִי"עַ אַז עֶר זָאל קֶענֶען הַאלְטְן אַ דְרָשָׁה אִין דִי שְׁטָאטִישֶׁע שׁוּהל, אַזוֹי וִוי עֶר נוֹיטִיגְט זִיךְ יֶעצְט זֵייעֶר אִין גֶעלְט פַאר הַכְנָסַת כַּלָּה.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער הָאט אִים גֶעגֶעבְּן רְשׁוּת אָבֶער עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶענוּמֶען מִיט אִים בִּתְנַאי אַז עֶר וֶועט נִישְׁט רֶעדְן קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אִידְן, אוּן דֶער בַּעַל דַּרְשָׁן הָאט זִיךְ דָאס אוּנְטֶער גֶענוּמֶען. אָבֶער לְמַעֲשֶׂה וֶוען עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן דִי דְרָשָׁה הָאט עֶר פַארְגֶעסְן פוּן זַיין צוּזָאג, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן שַׁארְפֶע דִבְרֵי מוּסָר פַארְן עוֹלָם אַז מֶען פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן גֶעעֶפֶענְט דֶעם אָרוֹן קוֹדֶשׁ אוּן גֶעזָאגְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! גְלֵייבּ אִים נִישְׁט, עֶר אִיז דָאךְ נָאר אֵיין עֵדוּת, אוּן אֵיין עֵדוּת אִיז נִישְׁט בַּאגְלֵייבְּט, בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ אִים גֶענוּג גֶעלְט אַז עֶר זָאל קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן עֶר זָאל נִישְׁט דַארְפְן רֶעדְן אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער"...

### מְגוּלְגָל גֶעוָוארְן אִין אַ פִּישׁ

אִין דִי צַייטְן פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זִי"עַ אִיז גֶעוֶוען אַזַא בַּעַל דַּרְשָׁן אוּן מוּסָר זָאגֶער, מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן ר' יוֹסֵף מוֹכִיחַ, עֶר פְלֶעגְט אַרוּם פָארְן אִין דִי שְׁטֶעט צוּ זָאגְן מוּסָר, עֶר פְלֶעגְט זֵייעֶר שְׁטַארְק פָארְהַאלְטְן מֶענְטְשְׁן אוֹיף זֵייעֶרֶע נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים.

אֵיינְמָאל אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען אִין אַ שְׁטָאט וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַ מָסוּר וָואס הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעטְשֶׁעפֶּעט דִי אִידְן פוּן שְׁטָאט, זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלִיטְן פוּן אִים, דֶער ר' יוֹסֵף מוֹכִיחַ אִיז אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם מָסוּר אוּן אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק אָנְגֶעשְׁרִיגְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים וָואס עֶר טוּט, אָבֶער לְמַעֲשֶׂה אַנְשְׁטָאט עֶר זָאל וֶוערְן בֶּעסֶער אִיז עֶר גֶעוָוארְן נָאךְ מֶער אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אָנְצוּטוּהן נָאךְ גְרֶעסֶערֶע צָרוֹת פַאר דִי אִידְן אוּן שְׁטָאט.

עֶס זֶענֶען דוּרְךְ גֶעלָאפְן אַסַאךְ יָארְן, דֶער מָסוּר אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן אוּן ר' יוֹסֵף מוֹכִיחַ אִיז שׁוֹין אוֹיךְ נִפְטָר גֶעוָוארְן. אוּן ר' יוּדְל, אַ זוּהן פוּן דֶעם ר' יוֹסֵף מוֹכִיחַ, אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אוּנְטֶערְוֶועגְנְס אִין אַ עֶרֶב שַׁבָּת, וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶעהן אַז עֶר וֶועט שׁוֹין נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ זַיין שְׁטָאט פַאר שַׁבָּת, הָאט עֶר גֶעקְלֶערְט צוּ בְּלַייבְּן אוֹיף שַׁבָּת אִין דֶעם דֶערְפְל וואוּ עֶר אִיז דַאן גֶעוֶוען.

דָארְט אִין דֶעם דֶערְפְל הָאט גֶעווּאוֹינְט אַ אִיד, אוּן ר' יוּדְל הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם אִיד אוֹיבּ עֶר קֶען אַיינְשְׁטֵיין בַּיי אִים אוֹיף שַׁבָּת, דֶער אִיד הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר נֶעמְט אִים גֶערְן אַרַיין אוֹיף שַׁבָּת, אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט קַיין פִישׁ אוֹיף שַׁבָּת, אוּן פְלֵיישׁ וֶועט זִיךְ ר' יוּדְל זִיכֶער נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיפְן אָרְטִיגְן שׁוֹחֵט, אוּן דֶערְפַאר וֶועט עֶר נִישְׁט הָאבְּן צוּפִיל צוּ עֶסְן שַׁבָּת.

הָאט ר' יוּדְל גֶעקְלֶערְט אַז עֶר וֶועט זִיךְ אַרִיבֶּער כַאפְּן צוּם אַנְדֶערְן דָארְף, נִישְׁט וַוייט פוּן דָארְט, אוּן דָארְט וֶועט עֶר זִיכֶער קֶענֶען

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

טְרֶעפְן פִישׁ אוֹיף שַׁבָּת. אָבֶער אָנְצוּקוּמֶען צוּם צְוֵוייטְן דָארְף הָאט מֶען גֶעדַארְפְט אַרִיבֶּער גֵיין אַ קְלֵיין טַייכְל, עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶעהן וִוי אַ קְלֵיינֶער טַייךְ נִישְׁט צוּ טִיף, אוּן ר׳ יוּדְל הָאט גֶעטְרַאכְט אַרִיבֶּער צוּ גֵיין דֶעם טַייךְ מִיט דִי פִּיס, אָבֶער אַזוֹי וִוי עֶר הָאט נָאר גֶעוָואלְט אַרַיינְלֵייגְן זַיין פוּס אִין וַואסֶער, הָאט אַ הוּנְט אַרַיין גֶעטַאנְצְן אִין דֶעם וַואסֶער אוּן ר׳ יוּדְל הָאט גֶעזֶעהן וִוי דִי וַואסֶער פַּארְשְׁוֶועמְט דֶעם הוּנְט, אוּן דֶער הוּנְט אִיז דֶערְטְרָאנְקֶען גֶעוָוארְן אוּן גֶעשְׁטָארְבְּן.

וֶוען ר׳ יוּדְל הָאט דָאס גֶעזֶעהן הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֵויינֶען פַאר פְרֵייד אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיינֶע גְרוֹיסֶע חֲסָדִים אַז עֶר הָאט אִים גֶערַאטֶעוֶועט פוּן אַ זִיכֶערֶע טוֹיט, וַוייל וֶוען עֶר וָואלְט אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין טַייךְ וָואלְט עֶר אוֹיךְ דֶערְטְרָאנְקֶען גֶעוָוארְן, וַוייל דֶער טַייךְ אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ טִיפֶער וִוי עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶעהן פוּן דְרוֹיסְן.

לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר זִיךְ גֶעמוּזְט צוּרִיק קֶערְן צוּ זַיין שַׁבָּת בַּיי דֶעם אִיד פוּנֶעם עֶרְשְׁטְן דֶערְפְל, אָבֶער עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אִיד אוֹיבּ עֶר קֶען אִים טוּהן אַ חֶסֶד אוּן אַרוּם גֵיין אִין שְׁטָאט זוּכְן אוֹיבּ עֶר קֶען טְרֶעפְן עֶרְגֶעץ פִּישׁ. דֶער אִיד הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם אוֹיבֶּנְדֶערְמַאנְטְן טַייךְ, הָאט עֶר גֶעזֶעהן וִוי אֵיינֶער כַאפְּט דָארְט גָאר אַ גְרוֹיסֶע פִּישׁ, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן יֶענֶעם אַז עֶר זָאל אִים פַארְקוֹיפְן דִי פִּישׁ, וֶוען יֶענֶער הָאט אִים דָאס פַארְקוֹיפְט אִיז עֶר שְׁנֶעל אַהֵיים גֶעלָאפְן דֶערְמִיט אוּן עֶס גֶעשְׁטֶעלְט צוּ קָאכְן, אוּן זִיךְ גֶעפְרֵייט אַז עֶר הָאט מִיט וָואס מְכַבֵּד צוּ זַיין דֶעם חָשׁוּבֶ'ן גַאסְט.

פְרַייטָאג-צוּ-נַאכְטְס בַּיים זִינְגֶען זְמִירוֹת פַאר דִי סְעוּדָה הָאט ר׳ יוּדְל אַיינְגֶעדְרִימְלְט זַייעֶנְדִיג אָפְּגֶעמוּטְשֶׁעט פוּן דִי שְׁוֶוערֶע וֶועג, אוּן זַיין טַאטֶע ר׳ יוֹסֵף מוֹכִיחַ אִיז אִים גֶעקוּמֶען אִין חָלוֹם אוּן אִים גֶעזָאגְט: "מַיין קִינְד, דוּ זָאלְסְט וִויסְן אַז אִיךְ בִּין מְגוּלְגָל אִין דֶעם פִּישׁ, אוּן דִי סִיבָּה פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט מְגוּלְגָל וֶוערְן אִיז וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט מוּסָר פַאר דֶעם מָסוּר אוֹיף דִי נִישְׁט רִיכְטִיגֶע וֶועג אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן נָאךְ אַסַאךְ עֶרְגֶער, אוּן דֶער מָסוּר אִיז מְגוּלְגָל גֶעוָוארְן אִין דֶעם הוּנְט וָואס דוּ הָאסְט גֶעזֶעהן זִיךְ טְרֶענְקֶען אִין טַייךְ, אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיין תִּיקוּן דוּרְךְ דֶעם וָואס דוּ הָאסְט גֶעוֵויינְט אוּן גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי נֵס וָואס עֶס אִיז דִיר גֶעשֶׁעהן, אוּן יֶעצְט זֶעה צוּ עֶסְן דֶעם פִּישׁ מִיט כַּוָּונָה אַז אִיךְ זָאל בַּאקוּמֶען מַיין תִּיקוּן".

וֶוען ר׳ יוּדְל הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעכַאפְּט הָאט עֶר שׁוֹין פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיט אִים אַזוֹי גֶעפִירְט אַז עֶר הָאט גֶעדַארְפְט בְּלַייבְּן אוֹיף שַׁבָּת אוּנְטֶערְוֶועגְס אוּן זֶעהן דִי אַלֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעזֶעהן.

זֶעהט מֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה דִי הַארְבְּקַייט פוּן זָאגְן מוּסָר פַאר מֶענְטְשְׁן וֶוען מֶען וֵוייסְט נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי עֶס צוּ טוּהן.

## וָואס אִיז יָא דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג?

וֶוען אֵיינֶער וִויל מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ, עֶר וִויל יָא זָאגְן מוּסָר, אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג נָאר צוּ רֶעדְן דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה וְהִתְחַזְּקוּת, צוּ רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זֵיי שְׁטַארְקְן אוּן מְחַזֵּק זַיין אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס זֵיי טוּעֶן יָא, אוּן דָאס וֶועט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיין אוֹיפְוֶועקְן דִי מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי צוּרִיק בְּרֶענְגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: "מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער פּוֹעֵל'ט מֶען אֵייבִּיג, אוּן אוֹיבּ זֶעהן מֶען אַמָאל אַז מֶען הָאט גֶע'פּוֹעֵל'ט מִיט אַ שַׁארְפֶע וֶועג, דַארְף מֶען וִויסְן אַז מִיט גוּטְנְס וָואלְט מֶען מֶער גֶע'פּוֹעֵל'ט", אוּן דֶערְפַאר אַנְשְׁטָאט צוּ רֶעדְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטְס וָואס מֶענְטְשְׁן טוּעֶן אוּן זֵיי מוּסָר'ן דֶערוֹיף, דַארְף מֶען עֶנְדֶערְשׁ רֶעדְן נָאר פוּן דִי גוּטְס וָואס מֶענְטְשְׁן טוּעֶן, אוּן זֵיי מְחַזֵּק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן צוּ טוּהן מֶער גוּטֶע זַאכְן, צוּ טוּהן מֶער מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּן דַאן וֶועט דִי שְׁלֶעכְטְס אַוֶועק פַאלְן פוּן זִיךְ אַלֵיין, אוּן דִי סָארְט מוּסָר וֶועט אַסַאךְ מֶער אוֹיפְטוּהן, אוּן עֶר וֶועט מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ אוֹיפְן בֶּעסְטְן אוֹפָן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ח׳ וְחֵלֶק ט׳ עֶרֶךְ תּוֹכָחָה)

# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

## מַעֲשֶׂה ח׳ מֵרַב וּבֵן יָחִיד

*אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר:*

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ רָב וָואס הָאט גֶעהַאט אַ בֵּן יָחִיד, דֶער בֵּן יָחִיד אִיז גֶעזִיצְן אוּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעפִילְט קַיין טַעַם אִין זַיין עֲבוֹדַת ה׳, הָאבְּן אִים צְוֵויי אִינְגֶעלַייט גֶעגֶעבְן אַן עֵצָה אַז עֶר זָאל פָארְן צוּ אַ צַדִּיק, אָבֶער דֶער טַאטֶע דֶער רָב הָאט אָפְּגֶערֶעדְט דֶעם זוּהן אַז עֶר זָאל נִישְׁט פָארְן וַוייל עֶס פַּאסְט נִישְׁט, אָבֶער נָאךְ אַ לֶענְגֶערֶע צַייט וֶוען דֶער זוּהן הָאט וַוייטֶער נִישְׁט גֶעפִילְט קַיין טַעַם אוּן אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן זַיין טַאטֶע, הָאט זַיין טַאטֶע מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּ פָארְן אִינְאֵיינֶעם מִיט אִים צוּם צַדִּיק.

אוֹיפְן וֶועג הָאט דֶער טַאטֶע גֶעזָאגְט דֶעם זוּהן אַז עֶר וֶועט אִים וַוייזְן אַז עֶר צַדִּיק אִיז גָארְנִישְׁט, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְן זוּהן אַז עֶר גֵייט פְּרוּבִּירְן צוּ פָארְן אוּן אוֹיבּ וֶועט אַלֶעס גֵיין גוּט אִיז אַ סִימָן אַז דַארְפְן פָארְן, אָבֶער אוֹיבּ עֶס וֶועט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי גוּט פָארְן אִיז אַ סִימָן מִן הַשָּׁמַיִם אַז זֵיי דַארְפְן צוּרִיק גֵיין.

לְמַעֲשֶׂה אוֹיפְן וֶועג הָאט זִיךְ זֵייעֶר וָואגְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אוֹיף אַ בְּרִיק, אוּן זֵיי זֶענֶען שִׁיעוּר דֶערְטְרָאנְקֶען גֶעוָוארְן, הָאט דֶער טַאטֶע גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז אַ סִימָן אַז מֶען דַארְף צוּרִיק גֵיין אוּן זֵיי זֶענֶען צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען.

*אוּן יֶעצְט לֵיינְט וַוייטֶער:*

הָאט זִיךְ וִוידֶער דֶער בֵּן יָחִיד גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען אוּן הָאט וִוידֶער גֶעזֶען אַז סֶע גֵייט אִים עֶפֶּעס אָפּ (עֶס פֶעלְט אִים עֶפֶּעס), אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס. הָאט עֶר וִוידֶער מַפְצִיר גֶעוֶוען דֶעם פָאטֶער. הָאט דֶער פָאטֶער גֶעמוּזְט מִיט אִים נָאךְ אַמָאל פָארְן. וִוי זֵיי זֶענֶען גֶעפָארְן, הָאט דֶער פָאטֶער וִוידֶער גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף אַ פְּרוּוו אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר אוֹיבּ סֶע וֶועט זִיךְ פִירְן כְּסֵדֶר וְכוּ׳ כַּנַּ"ל, וִוי זֵיי זֶענֶען גֶעפָארְן זֶענֶען צוּבְּרָאכְן גֶעוָוארְן בֵּיידֶע אַקְסְן (דִי הָאלְץ וָואס הַאלְט דִי רֶעדֶער), הָאט אִים דֶער פָאטֶער גֶעזָאגְט: זֶע אַז סֶע פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוּנְז אַז מִיר זָאלְן פָארְן. וָוארְן (וַוייל) אִיז דָאס דֶען אַ דֶרֶךְ הַטֶּבַע, אַז בֵּיידֶע אַקְסְן זָאלְן צוּבְּרָאכְן וֶוערְן? וִויפִיל מָאל מֶען אִיז גֶעפָארְן מִיט דֶער בְּרִיקֶע (וָואגְן), אוּן סֶע הָאט זִיךְ אַזוֹינְס נִישְׁט גֶעטְרָאפְן, הָאבְּן זֵיי זִיךְ וִוידֶער אוּמְגֶעקֶערְט.

---

הָאט זִיךְ וִוידֶער דֶער בֵּן יָחִיד גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען. דָאס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ טוּהן, נָאךְ אַלֶע בִּלְבּוּלִים אוּן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת וָואס דֶער בֵּן יָחִיד אִיז אַדוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען הָאט עֶר זִיךְ צוּרִיק גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

אוּן דָאס דַארְף יֶעדֶער אִיד טוּהן, סֵיי וָואס עֶס גֵייט אִים דוּרְךְ שְׁוֶועריקַייטְן, זָאל עֶר שְׁטֶענְדִיג אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶער פְלַאץ וואו צוּ אַנְטְלוֹיפְן, אוּן דִי תּוֹרָה וֶועט אָפְּהִיטְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

אוּן הָאט וִוידֶער גֶעזֶען אַז סֶע גֵייט אִים עֶפֶּעס אָפּ (עֶס פֶעלְט אִים עֶפֶּעס), אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס. וִוי לַאנְג מֶען גֵייט נִישְׁט צוּ אַ צַדִּיק פִּיהלְט מֶען נִישְׁט קַיין טַעַם אִין עֲבוֹדַת ה׳, נָאר אַ צַדִּיק קֶען אַרַיינְגֶעבְּן אִין אַ מֶענְטְשׁ אַ חַיּוּת, דֶער צַדִּיק בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הָאט דֶער פָאטֶער וִוידֶער גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף אַ פְּרוּוו אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר אוֹיבּ סֶע וֶועט זִיךְ פִירְן כְּסֵדֶר וְכוּ׳ כַּנַּ"ל. דָאס אִיז נָאכְאַמָאל גֶעוֶוען דִי זֶעלְבֶּע טָעוּת וִוי דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל, וַוייל אוֹיבּ וִויל מֶען גֵיין צוּ אַ צַדִּיק, דַארְף מֶען דָאס טוּהן מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין שׁוּם שְׁטֶערוּנְגֶען וָואס וֶועלְן אוּנְטֶער קוּמֶען.

הָאט אִים דֶער פָאטֶער גֶעזָאגְט: זֶע אַז סֶע פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוּנְז אַז מִיר זָאלְן פָארְן. וָוארְן (וַוייל) אִיז דָאס דֶען אַ דֶרֶךְ הַטֶּבַע, אַז בֵּיידֶע אַקְסְן זָאלְן צוּבְּרָאכְן וֶוערְן? וִויפִיל מָאל מֶען אִיז גֶעפָארְן מִיט דֶער בְּרִיקֶע (וָואגְן), אוּן סֶע הָאט זִיךְ אַזוֹינְס נִישְׁט גֶעטְרָאפְן. אוֹיבּ קוּקְט מֶען אוֹיף מְנִיעוֹת וָואס קוּמֶען אוּנְטֶער, וֶועט מֶען אֵייבִּיג טְרֶעפְן אַנְדֶערֶע מְנִיעוֹת וָואס וֶועלְן שְׁטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן פָארְן צוּם צַדִּיק, דִי עֵצָה אִיז נָאר צוּ גֵיין וַוייטֶער אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין שׁוּם שְׁטֶערוּנְגֶען, אוּן נָאר אַזוֹי קֶען מֶען אָנְקוּמֶען צוּם רִיכְטִיגְן צִיהל.

(פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה)

(נהרי אפרסמון)

**המדור הזה לזכות מו"ה שמעון בן אברהם נ"י**

# מֶען טָאר נִישְׁט זַיין אַלְט

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נא): 'אַ מֶענְטְשׁ טָאר נִישְׁט זַיין אַלְט'; נִישְׁט קַיין אַלְטֶער לַמְדָן, נִישְׁט קַיין אַלְטֶער צַדִּיק, נָאר מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן נַיי; אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן שפ"ד): נִישְׁט נָאר אַ דִיבּוּר אִיז בַּיי מִיר נַיי, נָאר אֲפִילוּ אַ אָטֶעם (הָאעֶךְ) אִיז שְׁטֶענְדִיג בַּיי מִיר נַיי. דָאס אִיז וָואס חַזַ"ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יד, ט): עַל כָּל נְשִׁימָה וּנְשִׁימָה תְּהַלֵּל קָהּ, אוֹיף יֶעדְן אֵיינְצִיגְן אָטֶעם זָאלְסְטוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז בַּאהָאפְטְן אִין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיז יֶעדֶער אָטֶעם אַ פְרִישֶׁע אוּן נַייעֶ זַאךְ.

אוּן דִי סִבָּה פַארְוָואס אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרָאפּ בַּיי זִיךְ, אוּן עֶר מַאכְט אָפּ: אִיךְ בִּין אַ שְׁלִימַזָל, פוּן מִיר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט זַיין, אוּן עֶס וֶועט מִיר שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט לֶעכְטִיג זַיין; דָאס אִיז וַוייל עֶר וֶוערְט בַּיי זִיךְ אַלְט! אָבֶער אַז אַ מֶענְטְשׁ פְרִישְׁט זִיךְ אוֹיף, אוּן עֶר אִיז בַּיי זִיךְ שְׁטֶענְדִיג נַיי, אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט יֶעצְט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, גֵייט אִים שׁוֹין דֶער גַאנְצֶער לֶעבְּן גָאר אַנְדֶערְשׁ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע אִיז מַסְבִּיר (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, תְּפִילִין, הֲלָכָה ה, לח): אוֹיפְן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כג, א): וַיִּהְיוּ חַיֵּי שָׂרָה מֵאָה שָׁנָה, וְעֶשְׂרִים שָׁנָה, וְשֶׁבַע שָׁנִים, שְׁנֵי חַיֵּי שָׂרָה, אוּן רַשִׁ"י זָאגְט אוֹיף דֶעם: וֶועגְן דֶעם שְׁטֵייט יֶעדֶעס מָאל עֶקְסְטֶער דָאס וָוארְט 'שָׁנָה', אוּנְז צוּ לֶערְנֶען, אַז בַּיי דִי הוּנְדֶערְט יָאר, אִיז זִי גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי בַּיי דִי צְוָואנְצִיג יָאר וְכוּ', אוּן בַּיי דִי צְוָואנְצִיג יָאר, אִיז זִי גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי בַּיי דִי זִיבְּן יָאר וְכוּ'; דָאס קוּמְט אוּנְז צוּ לֶערְנֶען, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנַייעֶן, אָנְצוּהֵייבְּן שְׁטֶענְדִיג פוּן אָנְהֵייבּ, וִוי עֶר הָאט נִישְׁט קַיין פַארְגַאנְגֶענְהֵייט.

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַמָאל אַ אִיד צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן דָאס הַארְץ, אַז עֶר אִיז נֶעבֶעךְ זֵייעֶר מִיאוּס דוּרְכְגֶעפַאלְן, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרוּם גֶעפָארְן צוּ פַארְשִׁידֶענֶע צַדִּיקִים, אָבֶער עֶר אִיז אִינְגַאנְצְן מְיוּאָשׁ גֶעוָוארְן, וַוייל אֵיין צַדִּיק הָאט אִים גֶעזָאגְט, עֶר זָאל פַאסְטְן אַזוֹיפִיל תַּעֲנִיתִים, אוּן אַן אַנְדֶערֶער צַדִּיק הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַנְדֶערֶע שְׁוֶוערֶע תִּיקוּנִים, אוּן עֶר קֶען דָאס נִישְׁט נָאכְקוּמֶען, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט: וָואס דַארְפְסְטוּ דִי אַלֶע זַאכְן, חַזֶר דִיר נָאר אַיין דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים ב, ז): 'אֲנִי הַיּוֹם יְלִדְתִּיךָ', אִיךְ בִּין הַיינְט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן; אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט מִיט אַזַא מִין תְּמִימוּת, אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט טַאקֶע גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז יֶעצְט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן.

אוּן אַז מֶען לֶעבְּט אוֹיף אַזַא וֶועג, קֶען מֶען הָאבְּן אַ מוֹרָא'דִיגֶע הַצְלָחָה אֲפִילוּ בְּגַשְׁמִיּוּת; לְמָשָׁל: אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אוֹיף אַ נַייעֶ סְטָא"ר, אוּן עֶר הָאט אִינְוֶועסְטִירְט אִין דֶעם אַסַאךְ גֶעלְט, אוּן עֶר וַוארְט עֶס זָאלְן קוּמֶען קָאסְטוּמֶערְ"ס אוּן אַיינְקוֹיפְן, דַארְף עֶר הָאבְּן גֶעדוּלְד, אוּן עֶס שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְרִישְׁן אוֹיף פַארְשִׁידֶענֶע עֶרְלֵיי וֶועגְן, אוּן זִיךְ מְחַדֵּשׁ זַיין, וֶועט עֶר זֶעהְן אַז בַּיים סוֹף וֶועט עֶר הָאבְּן הַצְלָחָה.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ בְּרוּחָנִיּוּת; אַ מֶענְטְשׁ טָאר נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן, אוּן זָאגְן: 'אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל פְּרוּבִּירְט, אוּן עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט', נָאר עֶר זָאל זִיךְ יֶעדֶעס מָאל אוֹיפְרִישְׁן אוּן בַּאנַייעֶן.

(קוּנְטְרֵס 'אַ גְלִיקְלִיכֶער לֶעבְּן')

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

### מוהרא"ש שליט"א קומט צוריק פון ארץ ישראל

מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועט זיך מוהרא"ש שליט"א צוריק קערן פון ארץ ישראל נאך שבת, נאכן ווילן אין ארץ ישראל פאר עטליכע וואכן צו מחזק זיין די ארטיגע אידן.

די קומענדיגע וואך וועט ווייטער פארקומען די ליל שישי שיעור, דאנערשטאג נאכט ביי מוהרא"ש אין ביהמ"ד ווי געווענליך.

**בזמן שהצדיק בעיר הוא הודה הוא זיוה הוא הדרה!**

## ישיבה תפארת התורה ברסלב

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגן ברכת מזל טוב פאר

**מו"ה יעקב פעקעטע שליט"א**

צו די שמחת החתונה פון זיין זוהן

החתן **חנני' יו"ט ליפא** הי"ו

מיר זענען שולדיג א געוואלדיגע הכרת הטוב פאר ר' יעקב פאר די איבערמידליכע ארבעט וואס ער לייגט אריין שטענדיג ארויס צו העלפן די ישיבה בכל עת ובכל שעה, מיט א געוואלדיגע מסירת נפש שאין כדוגמתו.

און מיט דעם האט ער א גלייכע חלק אין די הייליגע ישיבה וואס איז אהער געשטעלט מיטן איינציגן ציהל אריינצוברענגן אין די בחורים א ליבשאפט צום אייבערשטן, א ליבשאפט צו תורה ומצות.

יעצט בעת שמחה ווילן מיר אים אנוואונטשן אז דער זכות פון העלפן די הייליגע ישיבה זאל אים ביישטיין צו זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער, בני ברוכי חיי אריכי ומזוני רויחי, ער זאלט ווייטער קענען אנגיין מיט די עבודת הקודש פון העלפן אנדערע אידן שטענדיג, אמן.

וואונטשט:

**ישיבה תפארת התורה ברסלב**

רבנן ותלמידיהון

## קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **אברהם שמואל סאמעט** הי"ו

צו די שידוך שליסן פון זיין טאכטער עב"ג למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים. אמן.


B. HALPERN, CPA
CERTIFIED PUBLIC ACCOUNTANT
845.200.2222

Analysis and Money Management
Businesses and Individuals
INC, LLC Formation
Tax Planning
Sales Tax Returns
Payroll Service



Yanky Halpern
Executive Director
Jaccobhalpern@gmail.com

5014 16th Ave Suite 134
Brooklyn, NY 11204


**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות.......................5:34
סוף זמן קר"ש......................9:27
מוצש"ק..............................7:03

**שיעורים כסדרן**
בבלי..........................שקלים ט"ו
ירושלמי.......................שבועות ז'
תוסספתא......................נזיר פרק ו'

פרשת תולדות, מברכים חודש כסליו, כ"ט חשון, שנת תשע"ד לפ"ק — שנה 3, גליון 8 (108)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְאֵלֶּה תּוֹלְדוֹת יִצְחָק בֶּן אַבְרָהָם אַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת יִצְחָק**, מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לקוטי מוהר"ן ח"א ד') אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף ווִיסְן אַז וָואס עֶס גֶעשֶׁעהט צוּ אִים סַיי גוּטְס אוּן סַיי שְׁלֶעכְטְס, אִיז נָאר פַאר זַיין טוֹבָה, אֲפִילוּ וֶוען עֶר גֵייט דוּרְךְ אַ שְׁוֶוערֶע צַייט, הָאט עֶס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאר גֶעטוּהן פַאר זַיין גוּטְס. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט דָאס אִיז עֶר אִין גַן עֵדֶן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תהילים נו) בַּה' אֲהַלֵּל דָּבָר, בֵּאלֹקִים אֲהַלֵּל דָּבָר, סַיי וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט, אוּן סַיי וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, דַארְף אַ מֶענְטְשׁ ווִיסְן אַז אַלֶעס אִיז פַאר זַיין טוֹבָה, אוּן עֶר זָאל דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (ברכות ס.) לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם רָגִיל לוֹמַר כָּל מַה דְּעָבִיד רַחְמָנָא לְטַב עָבִיד - אַ מֶענְטְשׁ זָאל אֵייבִּיג זָאגְן "וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט".

עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז אַבְרָהָם'ס מִדָּה אִיז גֶעוֶוען חֶסֶד, עֶס גֵייט גוּט פַאר אַ מֶענְטְשׁ, אוּן יִצְחָק'ס מִדָּה אִיז גֶעוֶוען דִין, עֶס גֵייט נִישְׁט גוּט פַארְן מֶענְטְשׁ. דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק: **אֵלֶּה תּוֹלְדוֹת יִצְחָק** - וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן יִצְחָק - מִדַּת הַדִּין, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט צָרוֹת, **בֶּן אַבְרָהָם** - עֶס אִיז בֶּאֱמֶת אַ זוּן פוּן אַבְרָהָם - מִדַּת הַחֶסֶד, עֶס אִיז אַלֶעס חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ דִי דִינִים - זַאכְן וָואס זֶעעֶן אוֹיס שְׁלֶעכְט, קוּמֶען אוֹיךְ נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי טוֹבָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, וַוייל **אַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת יִצְחָק**, דִי שְׁלֶעכְטְס אִיז אוֹיךְ אַ חֶסֶד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי טוֹבָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

(זאת הַתּוֹרָה תּוֹלְדוֹת ג)

***

**וְיִתֶּן לְךָ הָאֱלֹקִים מִטַּל הַשָּׁמַיִם וּמִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ וְרֹב דָּגָן וְתִירֹשׁ**, מִיר גֶעפִינֶען אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע פַּרְשָׁה אַז יַעֲקֹב הָאט אוֹיסְגֶעכַאפְּט דִי בְּרָכוֹת פוּן עֵשָׂו. דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, פַארְוָואס הָאט דִי בְּרָכוֹת גֶעמוּזְט צוּגֵיין מִיט אַ פָּאפֶּערֵיי, פַארְוָואס הָאט יַעֲקֹב גֶעקֶענְט בַּאקוּמֶען דִי בְּרָכוֹת נָאר אוֹיף אַ גֶע'גַנְבְ'טֶע וֶועג?

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ד) אוֹיף דֶעם וָואס דִי גְמָרָא זָאגְט (שַׁבָּת לא.) אַז מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיבְן אִין הִימְל "קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה?" זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ הָאבּ נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת ~

אַ אִיד דַארְף אַרַיין נֶעמֶען אִין זִיךְ אוּן שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אַ יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס גֶעשֶׁעהט אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס אַלֵיין גֶעפִירְט אַז עֶס זָאל אַזוֹי גֶעשֶׁעהן.

אֵיינֶער וָואס נֶעמְט זִיךְ דָאס גוּט אַרַיין אִין קָאפּ, אַזַא מֶענְטְשׁ וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת אוֹיף אַ צְוֵייטְן, "פַארְוָואס הָאט עֶס יֶענֶער גֶעטוּהן?", "פַארְוָואס גֵייט יֶענֶעם בֶּעסֶער פוּן מִיר?", וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס זִיכֶער אַזוֹי צוּגֶעפִירְט פַאר זַיין טוֹבָה.

עֶס אִיז דָא אַזַא טֶבַע בַּיי מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן וִוי אַזוֹי עֶס גֵייט זֵיי, אוּן זֵיי הָאבְּן טַעֲנוֹת אוֹיף אַנְדֶערֶע אַז מֶען שְׁטֵייט זֵיי אִין וֶועג אוּן מֶען לָאזְט זֵיי נִישְׁט אוֹיסְפִירְן וָואס זֵיי ווִילְן, אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס סְתַּם דִמְיוֹנוֹת קֵיינֶער קֶען נִישְׁט שְׁטֶערְן אַ צְוֵייטְן פוּן צוּצוּקוּמֶען צוּ וָואס עֶר ווִיל. נָאר אַזוֹי וִוי מֶען אִיז מְקַנֵּא פַארְוָואס יֶענֶער אִיז מַצְלִיחַ אוּן עֶר נִישְׁט, דָאס מַאכְט אַז מֶען זָאל אָנְהוֹיבְּן טְרַאכְטְן אַז יֶענֶער שְׁטֵייט אִין וֶועג, וֶוען דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶער אַז קֵיינֶער שְׁטֵייט נִישְׁט אִין וֶועג, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען אוֹיסְפִירְן וָואס עֶר ווִיל מִיט אַ שְׁטַארְקֶע רָצוֹן, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁטֶערְן.

עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ רָב וָואס פְלֶעגְט זִיצְן בַּיי זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים אַ גַאנְצְן טָאג אוּן לֶערְנֶען פְלַייסִיג, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעהַאט וַוארִימֶע טֵיי גְרֵייט צוּ הַאנְט צוּ טְרִינְקֶען וֶוען עֶר אִיז דוּרְשְׁטֶערִיג. אֵיין טָאג הָאט דֶער רָב בַּאמֶערְקְט וִוי דֶער וַואסֶער טְרֶעגֶער פוּן שְׁטָאט גֵייט דוּרְךְ אוּנְטֶער זַיין פֶּענְסְטֶער אוּן

המשך בדף ב

# פָּרָשַׁת הַשָּׁבוּעַ

"קָבַעְתָּ אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן גְזֵילָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי כב, כג) וְקָבַע אֶת קֹבְעֵיהֶם נָפֶשׁ, דָאס מֵיינְט אַז מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ: "הָאסְטוּ גֶע'גַנְבְ'ט צַייט צוּ לֶערְנֶען?" ווייל דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי פַארְיָאגְט און פַארְפְּלָאגְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין צַייט צוּ לֶערְנֶען, און דֶערְפַאר פְרֶעגְט מֶען אִים צוּ עֶר הָאט כָאטְשׁ אַרָאפּ גֶע'גַנְבְ'ט אַבִּיסְל פוּן זַיין צַייט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה.

דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סו, ג) אוֹיף דִי בְּרָכָה וָואס יִצְחָק הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט יַעֲקֹב אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף לֶערְנֶען תּוֹרָה, **וְיִתֶּן לְךָ הָאֱלֹקִים מִטַּל הַשָּׁמַיִם - זוֹ מִקְרָא, וּמִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ - זוֹ מִשְׁנָה, וְרֹב דָּגָן - זוֹ גְמָרָא, וְתִירֹשׁ - זֶה אַגָּדָה**, אַז יִצְחָק הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט יַעֲקֹב אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ און מִשְׁנָיוֹת און גְמָרָא און מִדְרָשׁ.

דֶערְפַאר ווייל יַעֲקֹב הָאט גֶעוואוּסְט אַז עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען אַ בְּרָכָה צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, דֶערְפַאר הָאט עֶס גֶעמוּזְט גֵיין מִיט אַ גֶע'גַנְבְ'טֶע וֶועג, ווייל נָאר אַזוֹי אִיז דִי וֶועג וָואס מֶען קֶען מַצְלִיחַ זַיין אִין לִימּוּד הַתּוֹרָה, ווייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז פַארְנוּמֶען מִיט זַיינֶע זַאכְן, און עֶר קוּמְט נִישְׁט אָן צוּ לֶערְנֶען, און דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג אִיז נָאר צוּ גַנְבְ'עֶן צַייט, אַרָאפּ'גַנְבְ'עֶנֶען עֶטְלִיכֶע מִינוּט דָא און עֶטְלִיכֶע מִינוּט דָארְט, און אַזוֹי אִיז מֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק פ' תּוֹלְדוֹת תש"ע לפ"ק)

***

**וַיֶּעְתַּר יִצְחָק לַה' לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ**, מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לקוטי מוהר"ן ח"א ה) אַז וֶוען מֶען פַּסְקְ'נְט אָפּ אִין הִימְל אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזַר דִין אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, און מֶען ווִיל עֶס מְבַטֵּל זַיין, דַארְף מֶען פַארְשְׁטֶעלְן דִי תְּפִלָּה, אַז דִי מַלְאָכִים זָאלְן נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין.

דָאס מֵיינְט, אַז וֶוען דוּ שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ מֶענְטְשׁ, דוּ דֶערְצֵיילְסְט אִים דַיין פְּרָאבְּלֶעם, יֶענֶער מֵיינְט אַז דוּ רֶעדְסְט צוּ אִים, אָבֶּער דוּ הָאסְט אֵינְזִין אַז דוּ רֶעדְסְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ ווִילְסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶערְן דִי וֶוערְטֶער, און אַזוֹי קֶען מֶען פּוֹעֵל'ן גְרִינְגֶער, ווייל דִי מַלְאָכִים וָואס ווִילְן מְקַטְרֵג זַיין, זֵיי ווייסְן נִישְׁט אַז דוּ בֶּעהְטְס יֶעצְט עֶפֶּעס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי מֵיינֶען אַז דוּ שְׁמוּעֶסְט סְתָם אַזוֹי.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וַיֶּעְתַּר יִצְחָק לַה'** - יִצְחָק הָאט גֶעוָואלְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל הָאבְּן קִינְדֶער, אָבֶּער ווייל עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען נָאכְן גְזַר דִין, ווייל זֵיי הָאבְּן בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע נִישְׁט גֶעקֶענְט הָאבְּן קֵיין קִינְדֶער, דֶערְפַאר, **לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ** - הָאט עֶר עֶס פַארְשְׁטֶעלְט מִיט אַ שְׁמוּעֶס מִיט זַיין ווייבּ, עֶר הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט שְׁטֶענְדִיג מִיט זַיין ווייבּ אִיבֶּער זֵייעֶר פְּרָאבְּלֶעם: "וָואס וֶועט זַיין מִיט אוּנְז? מִיר הָאבְּן נָאכְנִישְׁט קֵיין קִינְדֶער" אָבֶּער עֶר הָאט אוּנְזִין גֶעהַאט "לַה'" - אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶערְן דִי וֶוערְטֶער און אָנֶעמֶען דִי תְּפִלָּה, כְּדֵי דִי מַלְאָכִים זָאלְן נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין.

(זֹאת הַתּוֹרָה תּוֹלְדוֹת ד)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ דָארְט אָפְּצוּרוּעֶן, עֶר נֶעמְט אַרָאפּ דִי אַמְפֶּער'ס פוּן אַקְסְל און עֶר רִיהט זִיךְ אָפּ פַאר עֶטְלִיכֶע מִינוּט, אָבֶּער דֶער רַב הָאט בַּאמֶערְקְט אַז וֶוען דֶער וַואסֶער טְרֶעגֶער גֵייט ווייטֶער מוּרְמְלְט עֶר זִיךְ אוּנְטֶער עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער שְׁטִילֶערְהֵייט. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ הָאט זִיךְ אִיבֶּער גֶע'חַזֶר'ט נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל, עֶטְלִיכֶע מָאל אַ טָאג וֶוען דֶער וַואסֶער טְרֶעגֶער אִיז דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען אוּנְטֶערְן רַב'ס פֶענְסְטֶער הָאט עֶר זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט זִיךְ אָפְּרוּעֶן און עֶר הָאט זִיךְ אוּנְטֶער גֶעמוּרְמְלְט עֶפֶּעס שְׁטִילֶערְהֵייט.

פַארְן רַב אִיז דָאס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט, וָואס ווִיל דֶער וַואסֶער טְרֶעגֶער דָארְט אוּנְטֶערְן פֶענְסְטֶער. אֵיינְמָאל וֶוען דֶער וַואסֶער טְרֶעגֶער הָאט זִיךְ דָארְט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט הָאט דֶער רַב גֶעקְלַאפְּט אוֹיפְן פֶענְסְטֶער און אִים אַרוֹיף גֶערוּפְן צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, און דֶער רַב הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דֶעם אַז דוּ שְׁטֶעלְסְט זִיךְ אַלֶע אָפּ דָא אוּנְטֶער מַיין פֶענְסְטֶער און דוּ זָאגְסְט עֶפֶּעס שְׁטִילֶערְהֵייט? הָאט דֶער וַואסֶער טְרֶעגֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יָא, אִיךְ הָאבּ טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן און אוֹיף אַייךְ, פַארְוָואס קֶען דֶער רַב זִיצְן אִין אַ בַּאקְוֶועמֶע צִימֶער און לֶערְנֶען אַ גַאנְצְן טָאג רוּהִיגֶערְהֵייט מִיט אַ גְלֶעזְל טֵיי, און אִיךְ דַארְף זִיךְ צוּבְּרֶעכְן דִי בֵּיינֶער און שְׁלֶעפְּן שְׁוֶוערֶע אַמְפֶּער'ס וַואסֶער אִיבֶּער דִי שְׁטָאט? אִין דִי ווִינְטֶער אִיז מִיר זֵייעֶר קַאלְט, און אִיךְ דַארְף בְּרֶעכְן דִי אַייז פוּן טַייךְ צוּ קֶענֶען שֶׁעפְּן וַואסֶער, און אִין דִי זוּמֶער גֵיי אִיךְ אוֹיס פַאר הִיץ, פַארְוָואס קֶען אִיךְ נִישְׁט זִיצְן רוּהִיגֶערְהֵייט אִינְדֶערְהֵיים אַזוֹי וִוי אַייךְ?"

וֶוען דֶער רַב הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם וַואסֶער טְרֶעגֶער: "וויפִיל גֶעלְט מַאכְסְטוּ אַ טָאג?", וֶוען דֶער וַואסֶער טְרֶעגֶער הָאט גֶעזָאגְט וויפִיל עֶר מַאכְט, הָאט דֶער רַב גֶעזָאגְט צוּ אִים, לָאמִיר מַאכְן אַן אָפְּמַאךְ, אִיךְ וֶועל דִיר צָאלְן דִי גֶעלְט וָואס דוּ מַאכְסְט, און דוּ קֶענְסְט קוּמֶען דָא אִינֶעם דֶערְנֶעבְּנְדִיגֶן צִימֶער און אוֹיךְ זִיצְן און לֶערְנֶען אַ גַאנְצְן טָאג, און אִיךְ וֶועל דִיר אֲפִילוּ צוּשְׁטֶעלְן טֵיי צוּ טְרִינְקֶען, אָבֶּער דֶער וַואסֶער טְרֶעגֶער פְרֶעגְט: "אִיךְ קֶען דָאךְ אָבֶּער נִישְׁט לֶערְנֶען?", זָאגְט אִים דֶער רַב: "אָבֶּער תְּהִלִּים קֶענְסְטוּ דָאךְ זָאגְן, וֶועסְטוּ זִיצְן און זָאגְן תְּהִלִּים דָא אַ גַאנְצְן טָאג", מֶען הָאט גֶעשְׁלָאסְן דֶעם אָפְּמַאךְ, און דֶער וַואסֶער טְרֶעגֶער אִיז גֶעוֶוען אוֹיסֶער זִיךְ פַאר פְרֵייד.

דֶעם קוּמֶענְדִיגְן טָאג אִיז דֶער וַואסֶער טְרֶעגֶער אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רַב אִינְדֶערְהֵיים, עֶר אִיז אַרֵיין אִין צִימֶער און זִיךְ גֶעזֶעצְט זָאגְן תְּהִלִּים מִיט אַ גְלֶעזְל טֵיי בַּיי דִי זַייט, נָאכְן אָפְּזָאגְן אַ דְרֵייסִיג-פֶערְצִיג קַאפִּיטְלֶעךְ הָאט עֶר שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ גֶענֶעצְן און וֶוערְן מִיד, עֶר הָאט גֶעטְרִינְקֶען נָאךְ טֵיי און גֶעזָאגְט ווייטֶער נָאךְ עֶטְלִיכֶע קַאפִּיטְלֶעךְ, אָבֶּער עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט זֵייעֶר לַאנְגְווייליג, אַזוֹי הָאט עֶר דוּרְכְגֶעשְׁטוּפְּט נָאךְ אַבִּיסְל טֵיי מִיט נָאךְ עֶטְלִיכֶע קַאפִּיטְלֶעךְ, בִּיז עֶר הָאט מִיט גְרוֹיס שְׁוֶועְרִיקַייט גֶעעֶנְדִיגְט גַאנְץ תְּהִלִּים אֵיין מָאל.

וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט אִיז עֶר גְלַייךְ גֶעלָאפְן צוּם רַב'ס צִימֶער, עֶר הָאט אַרֵיין גֶעקְלַאפְּט און גֶעזָאגְט פַארְן רַב אַז דָאס אִיז נִישְׁט פַאר אִים, עֶר קֶען דָאס נִישְׁט בַּאוַוייזְן, עֶר הָאט שׁוֹין מֶער נִישְׁט קֵיין טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן און אוֹיפְן רַב, און אַז דֶער רַב קֶען עֶס בַּאוַוייזְן קוּמְט זִיךְ עֶס אִים טַאקֶע.

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

זֶעהט מֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַז דִי אַלֶע טַעֲנוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן צוּ אַ צְוֵוייטְן קֶענֶען זַיין בְּלוֹיז פוּן קִנְאָה, וֶוען מֶען זָאל וִויסְן אַז יֶעדֶער הָאט זִיךְ זַיין נְקֻדָּה אוֹיף דִי וֶועלְט, יֶעדֶער הָאט אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס עֶר דַארְף אוֹיסְפִירְן אוֹיף דִי וֶועלְט, וָואלְט מֶען נִישְׁט מְקַנֵא גֶעוֶוען אַ צְוֵוייטְן, נָאר פְּרוּבִּירְט זִיךְ אָנְצוּשְׁטְרֶענְגֶען צוּ טוּהן אוּן אוֹיסְפִירְן דִי אֵייגֶענֶע נְקֻדָּה, אוּן בִּכְלַל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן.

אוּן בִּכְלַל דָאס הָאבְּן טַעֲנוֹת אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם אִיז מַמָשׁ אַ קְרֶענְק וָואס מֶען דַארְף זֶעהן זִיךְ אוֹיסְצוּהֵיילְן דֶערְפוּן. מֶען זָאגְט אַ מָשָׁל אַז אַמָאל אִיז אַ הֶערְשׁ גֶעלָאפְן אִין וַואלְד, אָבֶּער זַיינֶע הֶערְנֶער זֶענֶען גֶעוֶוען צוּ גְרוֹיס, אוּן עֶס הָאט זִיךְ פַארְהַאנְקֶערְט אִין אַ בּוֹים אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט לוֹיפְן וַוייטֶער, הָאט דֶער הֶערְשׁ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁטוֹיסְן דֶעם בּוֹים מִיטְן גַאנְצְן כֹּחַ, אִינְצְווִישְׁן אִיז דָארְט דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַ קְלוּגֶער פוּקְס אוּן עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֶערְשׁ וָואס עֶר טוּט, הָאט דֶער הֶערְשׁ גֶעזָאגְט אַז אַזוֹי וִוי דִי בֵּיימֶער שְׁטֶערְן אִים פוּן לוֹיפְן הָאט עֶר אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר וֶועט אוֹיסְרַייסְן אַלֶע בֵּיימֶער פוּן וַואלְד, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר קֶענֶען לוֹיפְן רוּהִיג אוּמְגֶעשְׁטֶערְט.

הָאט דֶער פוּקְס גֶעלַאכְט פוּן אִים אוּן גֶעזָאגְט: "אֲפִילוּ דוּ וֶועסְט לֶעבְּן טוֹיזְנְט יָאר וֶועסְטוּ נִישְׁט קֶענֶען אוֹיסְרַייסְן דִי אַלֶע בֵּיימֶער פוּן וַואלְד, אִיךְ הָאבּ דִיר אַ בֶּעסֶערֶע עֵצָה, שְׁנַייד אָפּ דַיינֶע הֶערְנֶער, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען לוֹיפְן רוּהִיג אִין וַואלְד אוּן דִי בֵּיימֶער וֶועלְן דִיר נִישְׁט שְׁטֵיין אִין וֶועג"...

דֶער נִמְשָׁל אִיז פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ, וֶוען אֵיינֶער זֶעהט אַז עֶר הָאט צוּפִיל טַעֲנוֹת אוֹיף זַיינֶע אַרוּמִיגֶע, יֶעדֶער שְׁטֵייט אִים אִין וֶועג, אוּן עֶר וִויל נָאר אוֹיסְרַייסְן דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁטֶערְן אִים. דַארְף עֶר וִויסְן אַז עֶס וֶועט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט עֶנְדִיגְן, עֶנְדֶערְשׁ זָאל עֶר אָפְּשְׁנַיידְן דִי אֵייגֶענֶע הֶערְנֶער, דָאס מֵיינְט אַז עֶר זָאל פַארֶעכְטְן זַיינֶע אֵייגֶענֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן דַאן וֶועט עֶר זֶעהן אַז קֵיינֶער שְׁטֵייט אִים בִּכְלַל נִישְׁט אִין וֶועג.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס הָאט נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוֹיף קֵיינֶעם וֶועט עֶר הָאבְּן אַ זִיסֶע אוּן גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ חֵלֶק ג' וְחֵלֶק ו' עֶרֶךְ טַעֲנוֹת)


## בית חינוך לבנות "בית פיגא"

בנשיאות כ"ק מוהרא"ש שליט"א

# סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר
אונזער חשובע מנהלת

## מרת לעסער תחי'

### צו די אפשערן פון איר אינגל
### אברהמ'לע נ"י למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן אז די זכות פון ארויסהעלפן די הייליגע מוסדות מיט אזא איבערגעגעבנקייט זאל אייך ביישטיין אז איר זאלט זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד, בני ברוכי, חיי ארוכי, וסייעתא דשמיא, אמן


# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת

## מַעֲשֶׂה ח' מֵרַב וּבֵן יָחִיד

הָאט זִיךְ דֶער בֵּן יָחִיד ווִידֶער גֶענוּמֶען צוּם לֶערְנֶען וכו' כַּנַּ"ל. אוּן הָאט ווִידֶער גֶעפִילְט דֶעם חִסָרוֹן כַּנַּ"ל אוּן דִי יוּנְגֶעלַייט הָאבְּן אִים אַלְץ אָנְגֶערֶעדְט אַז עֶר זָאל פָארְן. אִיז דֶער בֵּן יָחִיד ווִידֶער גֶעגַאנְגֶען צוּם פָאטֶער. אוּן הָאט אִים ווִידֶער מַפְצִיר גֶעוֶוען (שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן). הָאט עֶר גֶעמוּזְט נָאךְ אַמָאל מִיט אִים פָארְן. הָאט דֶער בֵּן יָחִיד צוּם פָאטֶער גֶעזָאגְט, אַז מֶען זָאל שׁוֹין נִישְׁט שְׁטֶעלְן אוֹיף אַזוֹי אַ פְּרוּוו, וָוארְן (ווַייל) דָאס אִיז אַ דֶרֶךְ הַטֶבַע, אַז סֶע פַאלְט אַמָאל אַ פֶערְד אַרָאפּ, אָדֶער סֶע וֶוערְן אַקְסְן צוּבְּרָאכְן. סַיידְן סֶע וֶועט עֶפֶּעס זַיין אַ ווִילְדֶע זַאךְ.

זֶענֶען זֵיי גֶעפָארְן. אוּן זֶענֶען גֶעקוּמֶען נֶעכְטִיקְן אִין אַ קְרֶעטְשְׁמֶע הָאבְּן זֵיי דָארְט גֶעפוּנֶען אַ סוֹחֵר. הָאבְּן זֵיי מִיט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּעֶסְן, אַזוֹי וִוי דֶער סֵדֶר אִיז פוּן סוֹחְרִים. אוּן הָאבְּן אִים נִישְׁט גֶעזָאגְט אַז זֵי פָארְן אַהִין (צוּ אַ גוּטְן יְהוּדִי) וָוארְן דֶער רָב הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט צוּ זָאגְן אַז עֶר פָארְט צוּ דֶעם גוּטְן יְהוּדִי. אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁמוּעֶסְט וֶועלְט זַאכְן. בִּיז אִין דִי רֵייד הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּעֶסְן פוּן גוּטֶע יִידְן. וִוי סֶע גֶעפִינֶען זִיךְ גוּטֶע יִידְן. הָאט עֶר זֵיי דֶערְצֵיילְט (דְהַיינוּ דֶער סוֹחֵר) אַז דָארְט גֶעפִינְט זִיךְ אַ גוּטֶער יְהוּדִי אוּן דָארְט אוּן דָארְט.

---

הָאט זִיךְ דֶער בֵּן יָחִיד ווִידֶער גֶענוּמֶען צוּם לֶערְנֶען. מִיט אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן וָואס דֶער קִינְד אִיז אַרִיבֶּער, הָאט עֶר זִיךְ וַוייטֶער צוּרִיק גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען דִי הֵייליגֶע תּוֹרָה, וָואס דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ.

אוּן דִי יוּנְגֶעלַייט הָאבְּן אִים אַלְץ אָנְגֶערֶעדְט אַז עֶר זָאל פָארְן. דָאס אִיז דִי מַעְלָה וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט גוּטֶע חֲבֵרִים, זֵיי וֶועלְן אִים שְׁטֶענְדִיג מְחַזֵק זַיין אַז עֶר זָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, אוּן אַז עֶר זָאל גֵיין צוּם צַדִיק וָואס קֶען אִים הֶעלְפְן אָנְצוּקוּמֶען צוּם צִיהל.

הָאט דֶער בֵּן יָחִיד צוּם פָאטֶער גֶעזָאגְט, אַז מֶען זָאל שׁוֹין נִישְׁט שְׁטֶעלְן אוֹיף אַזוֹי אַ פְּרוּוו, וָוארְן (ווַייל) דָאס אִיז אַ דֶרֶךְ הַטֶבַע, אַז סֶע פַאלְט אַמָאל אַ פֶערְד אַרָאפּ, אָדֶער סֶע וֶוערְן אַקְסְן צוּבְּרָאכְן. סַיידְן סֶע וֶועט עֶפֶּעס זַיין אַ ווִילְדֶע זַאךְ. דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ טָעוּת פוּנֶעם קִינְד, אוּן דָאס הָאט גוֹרֵם גֶעוֶוען צוּם סוֹף אַז עֶר אִיז טַאקֶע נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּם צַדִיק.

וַוייל אוֹיבּ אֵיינֶער זוֹכֶה דֶעם אֱמֶת, קֶען עֶר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין שׁוּם שְׁטֶערוּנְגֶען, אֲפִילוּ וֶוען עֶס זָאלְן גֶעשֶׁעהן גָאר אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע זַאכְן חוּץ לַדֶרֶךְ הַטֶבַע וָואס זָאלְן אִים שְׁטֶערְן, טָאר עֶר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם אוֹיךְ נִישְׁט, נָאר וַוייטֶער זוּכְן אוּן טוּהן וָואס עֶר קֶען אַז עֶר זָאל אָנְקוּמֶען צוּ אַ צַדִיק וָואס קֶען אִים הֶעלְפְן, וָואס קֶען אִים אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ חֵשֶׁק אוּן אַ גֶעשְׁמַאק אִין עֲבוֹדַת ה'.

הָאבְּן זֵיי דָארְט גֶעפוּנֶען אַ סוֹחֵר. דֶער סוֹחֵר אִיז גֶעוֶוען דֶער ס"מ אַלֵיין, אַזוֹי וִוי מֶען וֶועט וַוייטֶער זֶעהן אִין דִי מַעֲשֶׂה, אוּן דָאס אִיז זַיין מִסְחָר אַרוּם צוּ גֵיין אוּן אַרַיין שְׁלֶעפְּן מֶענְטְשְׁן אִין זַיין נֶעץ.

הָאבְּן זֵיי מִיט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּעֶסְן, אַזוֹי וִוי דֶער סֵדֶר אִיז פוּן סוֹחְרִים. דָאס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ טָעוּת, וַוייל מֶען דַארְף נִישְׁט אָנְהֵייבְּן רֶעדְן מִיט יֶעדְן מֶענְטְשׁ, וָואס דָאס קֶען נָאכְדֶעם צוּבְּרֶענְגֶען אַז יֶענֶער זָאל דִיךְ אָפְּקִיהלְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רָב הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט צוּ זָאגְן אַז עֶר פָארְט צוּ דֶעם גוּטְן יְהוּדִי. אַזוֹי גֵייט עֶס לַיידֶער, דֶער אֱמֶת אִיז בַּאהַאלְטְן אוּן מֶען שֶׁעמְט זִיךְ דֶערְמִיט, סֵיי וואוּ אַ מֶענְטְשׁ פָארְט וֶועט עֶר זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען צוּ זָאגְן, אָבֶּער וֶוען עֶר וִויל פָארְן צוּ אַן אֱמֶת'ן צַדִיק וָואס קֶען אִים הֶעלְפְן, דַאן שֶׁעמְט מֶען זִיךְ אוֹיסְצוּזָאגְן וואוּ מֶען פָארְט.

אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁמוּעֶסְט וֶועלְט זַאכְן. דָאס אִיז דִי וֶועג פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, עֶר וֶועט נִישְׁט אָנְהֵייבְּן גְלַייךְ אָפְּצוּרֶעדְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פוּנֶעם צַדִיק, נָאר עֶר וֶועט קוֹדֶם אָנְהֵייבְּן רֶעדְן פוּן סְתָם זַאכְן, אוּן דֶערְנָאךְ צוּקוּמֶען בְּדֶרֶךְ אַגַב צוּ וָואס עֶר וִויל בֶּאֱמֶת זָאגְן.

הָאט עֶר זֵיי דֶערְצֵיילְט (דְהַיינוּ דֶער סוֹחֵר) אַז דָארְט גֶעפִינְט זִיךְ אַ גוּטֶער יְהוּדִי אוּן דָארְט אוּן דָארְט. דֶער ס"מ וֶועט לָאזְן דֶעם מֶענְטְשׁ פָארְן צוּ סֵיי וֶועלְכְן צַדִיק אוֹיבּ יֶענֶער צַדִיק קֶען נִישְׁט הֶעלְפְן מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ אַ צַדִיק וָואס קֶען בֶּאֱמֶת אַרוֹיס הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן אִים פִירְן אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג, דַאן וֶועט דֶער ס"מ טוּהן וָואס עֶר קֶען נָאר צוּ בַּאהַאלְטְן דֶעם צַדִיק אוּן אִים פַארְשֶׁעמֶען אַז מֶען זָאל נִישְׁט וֶועלְן פָארְן צוּ אִים.

(פָּארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה)

(נהרי אפרסמון)

המדור הזה לזכות מו"ה שמעון בן אברהם נ"י

# רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג פוּן בַּאשֶׁעפֶער

מִיר גֶעפוּנֶען וֶוען יַעֲקֹב הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דִי עֶסְן פַאר יִצְחָק כְּדֵי עֶר זָאל בַּאקוּמֶען דִי בְּרָכוֹת, הָאט אִים יִצְחָק גֶעפְרֶעגְט: וִוי אַזוֹי הָאסְטוּ דָאס אַזוֹי שְׁנֶעל גֶעבְּרֶענְגְט?! הָאט יַעֲקֹב גֶעעֶנְטְפֶערְט (בְּרֵאשִׁית כז, כ): 'כִּי הִקְרָה הֲוָיָ"ה אֱלֹקֶיךָ לְפָנָי' - דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט דָאס מִיר צוּגֶעשִׁיקְט.

הָאט יִצְחָק אָבִינוּ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טְרַאכְטְן אַז עֶפֶּעס טוֹיג דָא נִישְׁט, וַוייל עֶר אִיז נִישְׁט צוּגֶעוואוֹינְט צוּ הֶערְן עֵשָׂו דֶערְמַאנֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶערְס נָאמֶען, וֶועגְן דֶעם הָאט עֶר גֶעזָאגְט (שָׁם כז, כב): 'הַקֹּל קוֹל יַעֲקֹב', דֶער קוֹל זֶעהְט עֶפֶּעס אוֹיס וִוי יַעֲקֹב, וָואס עֶר רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג פוּן בַּאשֶׁעפֶער.

אוּן דָאס אִיז אַ סִימָן פוּן אַ אִיד אַז עֶר הָאט 'יִרְאַת שָׁמַיִם', אַז עֶר רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי ב, ו): 'מִפִּיו דַעַת וּתְבוּנָה' - פוּן דֶעם מוֹיל פוּן אַ מֶענְטְשׁ, קֶען מֶען דֶערְקֶענֶען וֶוער דֶער מֶענְטְשׁ אִיז.

(קוּנְטְרֵס 'דֶער טִיר אִיז אָפֶען')

# בית המדרש היכל הקודש ברסלב

בנשיאות כ"ק מוהרא"ש שליט"א

## צדיק בא לעיר

בשמחה רבה אנו מודיעים לכל
אנשי שלומינו היקרים שבעזהשי"ת נערוך

## סעודת מלוה מלכה
## עם סעודת ראש חודש

בבית מדרשינו
27 Skillman St.
בשעה 9:00

בהשתתפות

## כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

וישמיע דברות קודש
דברי התחזקות והתעוררות
המשיבים את הנפש

## שמעו ותחי נפשכם

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## צוויי פרישע קונטרסים אויף אידיש ארויסגעקומען

די וואך איז ארויס געקומען ממכבש הדפוס צוויי פרישע קונטרסים אויף אידיש.

אין די סעריע פון קונטרסים אויף אידיש וואס דאס זענען די שיעורים פון מוהרא"ש שליט"א יעדן ליל שישי אפגעשריבן אויף א לייכטע שפראך, איז שוין ארויסגעקומען עטליכע צענדליגע קונטרסים.







יעצט איז גרויס די פרייד צו נאך צוויי קונטרסים וואס זענען ארויס געקומען די וואך.

די ערשטע איז די קונטרס "דער ריכטיגער שלום" וואו עס ווערט אויסגעשמועסט די ריכטיגע וועג ווי אזוי א מענטש קען צוקומען צו האבן שלום מיט זיך און מיט אנדערע מענטשן.

די צווייטע קונטרס איז "געב זיך אכטונג", וואו עס ווערט אויסגעשמועסט פון וואס א מענטש דארף זיך אכטונג געבן אין לעבן, צו קענען האבן א גליקליך און געשמאקע לעבן.

די קונטרסים און נאך פילע אנדערע איז דא צו באקומען בהיכל הישיבה אויף 27 סקילמען סט.

**על ידי הפצת ספרי רבינו, נביא את משיח צדקינו!**




## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר
**מו"ה יעקב לעסער הי"ו**
**צו די אפשערן פון זיין אינגל אברהמ'לע נ"י למזל טוב**
דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון זיינע קינדער. דורות ישרים ומבורכים.

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר
**מו"ה יחזקאל ראזענבערג נ"י**
**צו זיין שמחת החתונה למזל טוב**
דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים. אמן.

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון**
**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת ויצא, ו' כסליו, שנת תשע"ד לפ"ק — שנה 3, גליון 9 (109)

**זמנים**

הדלקת הנרות.................4:26
סוף זמן קר"ש...................8:31
מוצש"ק...............................5:56

**שיעורים כסדרן**

בבלי...........................שקלים כ"ב
ירושלמי...................שבועות י"ד
תוספתא...............סוטה פרק ז'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיֵּצֵא יַעֲקֹב מִבְּאֵר שָׁבַע וַיֵּלֶךְ חָרָנָה,** מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן קנ"ה) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵייסְט אַז וָואס עֶס גֶעשֶׁעהט קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶוערְט עֶר נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, עֶר וֶוערְט נִישְׁט נֶערְוֶועז פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, וַוייל עֶר וֵייסְט אַז אַלֶעם פִּירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אָבֶּער גְלַייךְ וֶוען עֶר הֶערְט אוֹיף צוּ טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פַארְגֶעסְט אַז אַלֶעם מַאכְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וֶוערְט עֶר שׁוֹין נֶערְוֶועז אוּן גֶערֶעגְט פוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס אִיז נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶר וִויל.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן דִי מְקוּבָּלִים (עי' שַׁעֲרֵי אוֹרָה, הַשַּׁעַר הַשְּׁמִינִי, הַסְּפִירָה הַשְּׁלִישִׁית) אַז **"בְּאֵר שֶׁבַע"** גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי זִיבֶּעטֶע מִדָּה וָואס דָאס אִיז **מַלְכוּת** - דִי הֵיילִיגֶע **אֱמוּנָה.**

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וַיֵּצֵא יַעֲקֹב** - וֶוען אַ אִיד גֵייט אַרוֹיס, **מִבְּאֵר שֶׁבַע** - פוּן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, עֶר פַארְגֶעסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִּירְט דִי וֶועלְט, **וַיֵּלֶךְ חָרָנָה** - גֵייט עֶר צוּ חֲרוֹן אַף, עֶר וֶוערְט גֶערֶעגְט אוּן נֶערְוֶועז פוּן אַ יֶעדֶע זַאךְ.

(זאת הַתּוֹרָה וַיֵּצֵא ג)

***

**וַיֵּצֵא יַעֲקֹב מִבְּאֵר שָׁבַע וַיֵּלֶךְ חָרָנָה,** מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן ס"א) אַז וואוּ אִידְן וואוֹינֶען, אֲפִילוּ אִין חוּץ לָאָרֶץ, הָאט דִי קְדוּשָׁה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל דוּרְךְ דֶעם וָואס אִידְן וואוֹינֶען דָארְט, וֶוערְט דִי לוּפְט גֶעהֵיילִיגְט אַזוֹי וִוי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

רַשִׁ"י זָאגְט, **וַיֵּצֵא יַעֲקֹב,** פַארְוָואס דַארְף שְׁטֵיין פוּן וואוּ עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, עֶס וָואלְט גֶעוֶוען גֶענוּג עֶס זָאל שְׁטֵיין **וַיֵּלֶךְ חָרָנָה,** אַז עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ חָרָן, נָאר וֶוען אַ צַדִיק גֵייט אַרוֹיס פוּן שְׁטָאט גֵייט אוֹיךְ אַוֶועק דִי שֵׁיינְקַייט פוּן שְׁטָאט.

דֶער הֵיילִיגֶער "קְדוּשַּׁת לֵוִי" אִיז דָאס מַסְבִּיר אַז עֶס אִיז שְׁוֶוער גֶעוֶוען פַאר רַשִׁ"י פַארְוָואס שְׁטֵייט "וַיֵּלֶךְ" חָרָנָה, עֶר אִיז "גֶעגַאנְגֶען" צוּ חָרָן, עֶס וָואלְט גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין "וַיֵּרֶד" חָרָנָה, עֶר אִיז "אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען" צוּ חָרָן, וַוייל דִי גְמָרָא זָאגְט (זְבָחִים נ"ד:) אַז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶע לֶענְדֶער.

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

### ~ נִישְׁט גֵיין לֵיידִיג ~

צַייט אִיז דִי טֵייעֶרְסְטֶע זַאךְ וָואס עֶס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, מֶען קֶען עֶס נִישְׁט קוֹיפְן פַאר קַיין שׁוּם גֶעלְט, דָאס אִיז נָאר אַ מַתָּנָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַארְן מֶענְטְשׁ, אוּן יֶעדֶע מִינוּט צַייט וָואס עֶס גֵייט אַוֶועק לֵיידִיג אִיז אַ פַארְלוּסְט וָואס מֶען קֶען מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק בַּאקוּמֶען.

אוּן דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי טֵייעֶרֶע צַייט אוּן זֶעהְן אַז עֶס זָאל נִישְׁט אַוֶועק גֵיין לֵיידִיג, נָאר וֶוערְן אוֹיסְגֶענוּצְט אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג. יֶעדֶע מִינוּט וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אִיז שׁוֹין אַ גֶעשְׁטָארְבֶּענֶע מִינוּט, עֶס וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען, אוֹיבּ מֶען הָאט עֶס אוֹיסְגֶענוּצְט וִוי מֶען דַארְף אִיז גוּט, אוּן אַז נִישְׁט אִיז עֶס שׁוֹין דֶערְנָאךְ.

עֶס אִיז בַּאקַאנְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זִי"עַ הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ תַּלְמִיד חָכָם פוּן פִּינְף מִינוּט, אוּן וֶוען דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט: "וִוי אַזוֹי קֶען מֶען וֶוערְן אַ תַּלְמִיד חָכָם אִין פִּינְף מִינוּט?" הָאט עֶר זֵיי מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז עֶר הָאט גֶערֶעדְט פוּן דִי פִּינְף מִינוּט'לֶעךְ וָואס וֶוערְן פַארְוַואסֶערְט בַּיי מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער עֶר הָאט דִי קְלֵיינֶע מִינוּט'לֶעךְ אוֹיךְ גוּט אוֹיסְגֶענוּצְט אוּן פוּן דֶעם אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ תַּלְמִיד חָכָם.

אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל גוּט קוּקְן וֶוער עֶר זֶעהְן וִוי עֶס גֵייט אִים לֵיידִיג הִיבְּשׁ מֶער פוּן פִּינְף מִינוּט, אוּן וֶוען מֶען זָאל צוּזַאם שְׁטֶעלְן דִי אַלֶע פִּינְף מִינוּטְן וָואס גֵייעֶן לֵיידִיג בְּמֶשֶׁךְ אַ טָאג, וֶועט עֶס אוֹיסְקוּמֶען צוּ אַסַאךְ שָׁעָה'ן. אָבֶּער וֶוען מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ גֵיין לֵיידִיג, קֶען מֶען זִיךְ גָאר אַסַאךְ אַיינְקוֹיפְן אִין דִי קְלֵיינֶע צַייטְן.

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

נָאר דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אַז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶע לֶענְדֶער, מֵיינְט בְּרוּחְנִיּוּת, אַז עֶס אִיז חָשׁוּב'עֶר פוּן אַלֶע לֶענְדֶער, אוּן דֶערְפַאר וֶוען מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הֵייסְט עֶס אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען, אָבֶער וֶוען אַ צַדִּיק גֵייט אַרוֹיס, וֶוען יַעֲקֹב אָבִינוּ גֵייט אַרוֹיס, גֵייט אוֹיךְ אַרוֹיס דִי שֵׁיינְקַייט פוּן שְׁטָאט, דָאס מֵיינְט אַז עֶר נֶעמְט מִיט מִיט זִיךְ וִוי עֶר גֵייט, דִי שֵׁיינְקַייט אוּן הֵיילִיגְקַייט פוּן שְׁטָאט.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וַיֵּצֵא יַעֲקֹב מִבְּאֵר שָׁבַע וַיֵּלֶךְ חָרָנָה** - אֲפִילוּ וֶוען אַ אִיד אִיז נִישְׁט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶר אִיז אִין חוּץ לָאָרֶץ, וֶוערְט דָארְט אוֹיךְ גֶעהֵיילִיגְט דָאס פְּלַאץ מִיט קְדוּשַּׁת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דוּרְךְ דִי תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת מִיט מַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס עֶר טוּט דָארְט.
(זאת התורה ויצא ב)

***

**וַיִּקַּח מֵאַבְנֵי הַמָּקוֹם וַיָּשֶׂם מְרַאֲשֹׁתָיו**, רַשִׁ"י זָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעלֵייגְט דִי שְׁטֵיינֶער אַזוֹי וִוי אַ רִינְג אַרוּם זַיין קָאפּ, ווייל עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן שְׁלֶעכְטֶע חַיוֹת, דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס הָאט עֶר גֶעלֵייגְט דִי שְׁטֵיינֶער נָאר אַרוּם זַיין קָאפּ? דִי חַיוֹת קֶענֶען דָאךְ אִים בַּייסְן אוֹיף אַנְדֶערֶע חֲלָקִים פוּן זַיין גוּף?

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן רל"ג) אַז וֶוען עֶס קוּמְט אַרַיין שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת אִין אַ מֶענְטְשׁ'ס קָאפּ, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר אוּן עֶר שְׁטוּפְּט אַוֶועק דִי שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, עֶר טְרַאכְט נָאר גוּטֶע זַאכְן, הָאט דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער גְרוֹיס פַארְגֶענִיגְן פוּן דֶעם, דָאס אִיז אַזוֹי וִוי מֶען וֶועט אַסַאךְ מָאל בַּיי קֶענִיגְן, אַז מֶען בְּרֶענְגְט פַאר זֵיי חַיוֹת אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ קְרִיגְן אֵיינֶער מִיטְן צְווֵייטְן, אוּן דִי קֶענִיגְן הָאבְּן גְרוֹיס פַארְגֶענִיגְן דָאס צוּ זֶעהְן. דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ בַּיי דִי מַחְשָׁבוֹת פוּן אַ מֶענְטְשׁ, דִי גוּטֶע מַחְשָׁבוֹת זֶענֶען טָהוֹר'עֶ חַיוֹת, אוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת זֶענֶען דִי טָמֵא'נֶע חַיוֹת, אוּן זֵיי שְׁלָאגְן זִיךְ אַרוּם אִין דֶעם מֶענְטְשׁ'ס קָאפּ, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט דִי גוּטֶע מַחְשָׁבוֹת אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע, הָאט דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער כִּבְיָכוֹל גְרוֹיס פַארְגֶעניוּגֶען פוּן דֶעם.

דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן י"ח) פוּן סֵפֶר יְצִירָה, אַז אוֹתִיּוֹת וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן שְׁטֵיינֶער.

דָאס קוּמְט אוּנְז דֶער פָּסוּק מְרַמֵּז זַיין, יַעֲקֹב הָאט גֶענוּמֶען דִי שְׁטֵיינֶער דִי אוֹתִיּוֹת פוּן תּוֹרָה, דִי אוֹתִיּוֹת פוּן תְּפִלָּה, עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן, אוּן עֶר הָאט עֶס גֶעלֵייגְט אַרוּם זַיין קָאפּ, אַז עֶס זָאל אִים שִׁיצְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע חַיוֹת, פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט דִי אוֹתִיּוֹת, עֶר לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. עֶר נֶעמְט תְּפִלָּה, עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶערְשְׁטְן. דַאן וֶוערְט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, דִי שְׁלֶעכְטֶע חַיוֹת.
(זֹאת הַתּוֹרָה וַיֵּצֵא ד)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

## פַארְוָואס הָאסְטוּ מִיר נִישְׁט גֶעזָאגְט?

עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ דֶער רַב פוּן טְשֶׁערִין ז"ע, עֶר פְלֶעגְט זֵייעֶר שְׁטַארְק הִיטְן אוּן אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְחַבֵּר זַיין אַסַאךְ סְפָרִים, עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ פֵּירוּשׁ אוֹיף לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן מִיטְן נָאמֶען "פַּרְפְּרָאוֹת לְחָכְמָה", אוּן נָאךְ אַסַאךְ סְפָרִים לוֹיטְן רֶבִּינְ'ס לִמּוּדִים, אוּן דָאס אַלֶעס אִיז נָאר גֶעוֶוען אִין זְכוּת פוּן זַיין שְׁמִירַת הַזְּמַן.

מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיף אִים אַז עֶר פְלֶעגְט גֵיין שְׁלָאפְן גָאר פְרִי, גְלַייךְ נָאךְ מַעֲרִיב אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין בַּיי חֲצוֹת אוּן לֶערְנֶען בִּיז אִינְדֶערְפְרִי וֶוען עֶר הָאט גֶעדַאוְונְט וָתִיקִין.

אָבֶער אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער רַב פוּן שְׁטָאט הָאט עֶר גֶעדַארְפְט מְסַדֵּר קִידוּשִׁין זַיין בַּיי יֶעדֶע חֲתוּנָּה אִין שְׁטָאט, הָאט עֶר גֶעהֵייסְן דֶעם שַׁמָּשׁ אַז עֶר זָאל אִים מֶעלְדְן וֶוען עֶס אִיז דָא אַ חֲתוּנָּה אִין שְׁטָאט, אוּן אַזוֹי הָאט דֶער שַׁמָּשׁ גֶעטוֹהן, עֶר הָאט יֶעדֶעס מָאל אֵיינְגֶעמָאלְדְן פַארְן רַב אִיבֶּער דִי חֲתוּנָּה, אָבֶער דֶער רַב פְלֶעגְט גֶעוֶוענְלִיךְ נִישְׁט גֵיין מְסַדֵּר קִידוּשִׁין זַיין אַלֵיין נָאר עֶר פְלֶעגְט מְכַבֵּד דֶעם דַיין מִיט סִידּוּר קִידוּשִׁין, אוּן עֶר אַלֵיין פְלֶעגְט נִישְׁט גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָּה.

אֵיין טָאג וֶוען טְשֶׁערִינֶער רַב אִיז גֶעגַאנְגֶען דַאוֶוענֶען וָתִיקִין הָאט עֶר גֶעזֶעהְן דָארְט אַ חָתָן, פְרֶעגְט עֶר דֶעם חָתָן: "וֶוען הָאסְטוּ חֲתוּנָּה גֶעהַאט?", זָאגְט עֶר: "נֶעכְטְן נַאכְט", אִיז דֶער טְשֶׁערִינֶער רַב צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם שַׁמָּשׁ אוּן אִים פַארְגֶעהַאלְטְן: "פַארְוָואס הָאסְטוּ מִיר נִישְׁט גֶעלַאדְנְט נֶעכְטְן צוּ דִי חֲתוּנָּה?" הָאט דֶער שַׁמָּשׁ זִיךְ פַארֶענְטְפֶערְט: "אִיךְ זֶעה דָאךְ אַז דֶער רַב קוּמְט סַיי וִוי נִישְׁט צוּ דִי חֲתוּנָּה, נָאר אִיז מְכַבֵּד דֶעם דַיין מִיט סִידּוּר קִידוּשִׁין, הָאבּ אִיךְ גֶעקַלְקֶלֶערְט אַז עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ רוּפְן דֶעם רַב אִיךְ וֶועל גְלַייךְ זָאגְן פַארְן דַיין וֶועגְן דִי חֲתוּנָּה", הָאט אִים דֶער רַב גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אָבֶער דוּ הָאסְט מִיר אָנְגֶעוָואוֹירְן אַ נַאכְט פוּן תּוֹרָה", וֶוען דֶער שַׁמָּשׁ הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען הָאט דֶער רַב אִים מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז גֶעוֶוענְלִיךְ גֵייט עֶר שְׁלָאפְן פְרִי אוּן שְׁטֵייט אוֹיף צוּ חֲצוֹת צוּ לֶערְנֶען, אָבֶער וֶוען עֶס אִיז דָא אַ חֲתוּנָּה אִין שְׁטָאט אוּן אַלְס רַב וָואלְט דָאךְ גֶעפַּאסְט אִיךְ זָאל גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָּה אוּן עֶס וָואלְט גֶענוּמֶען מִסְתַּמָּא אַ הַאלְבֶּע נַאכְט אוּן דֶערְנָאךְ בַּיי חֲצוֹת בִּין אִיךְ דָאךְ סַיי וִוי אוֹיף, וָואלְט אִיךְ אוֹיפְגֶעוֶוען אַ גַאנְצֶע נַאכְט, אוּן דֶערְפַאר אֲפִילוּ אִיךְ גֵיי נִישְׁט צוּ דִי חֲתוּנָּה פִיר אִיךְ זִיךְ אָבֶער אַז וֶוען עֶס אִיז דָא אַ חֲתוּנָּה בִּין אִיךְ אוֹיף אַ גַאנְצֶע נַאכְט אוּן אִיךְ לֶערְן תּוֹרָה, אוּן יֶעצְט אַז דוּ הָאסְט מִיר נִישְׁט אֵיינְגֶעמָאלְדְן וֶועגְן דִי חֲתוּנָּה, הָאסְטוּ מִיר אָנְגֶעוָואוֹירְן אַ נַאכְט פוּן תּוֹרָה...

המשך בדף ב

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא״שׁ

זֶעהט מֶען וָואס הֵייסְט שְׁמִירַת הַזְּמַן, צוּ אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

## לֵיידִיג גֵיין בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין גוּטְס

אוּן אוֹיסֶער דִי שָׁאדְן וָואס מֶען הָאט וֶוען מֶען נוּצְט נִישְׁט אוֹיס דִי צַייט, וָואס דִי צַייט קֶען מֶען שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק בַּאקוּמֶען, אִיז דָאס לֵיידִיג גֵיין פַאר זִיךְ אוֹיךְ אַ גֶעפֶערְלִיכֶע זַאךְ.

חֲזַ״ל זָאגְן (כְּתוּבוֹת נ״ט:) בְּטֵלָה מְבִיאָה לִידֵי שִׁעֲמוּם וְלִידֵי זִמָּה - לֵיידִיג גֵיין מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ מְשׁוּגָע, אוּן עֶס מַאכְט אִים טוּהן גְרוֹיסֶע עֲבֵירוֹת, נָאךְ זָאגְן חֲזַ״ל (דֶרֶךְ אֶרֶץ זוּטָא פֶּרֶק ט') אַז נֵיין הוּנְדֶערְט נֵיין אוּן נַיינְצִיג מֶענְטְשְׁן שְׁטַארְבְּן פוּן לֵיידִיג גֵיין אוּן נָאר אֵיינְס פוּן טוֹיזְנְט שְׁטַארְבְּט פוּן נַאטִירְלִיכֶע סִיבּוֹת.

לֵיידִיג גֵיין הַרְגְ'ט אָפּ אַ מֶענְטְשׁ בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת. בְּרוּחֲנִיוּת - אַז דֶער מֶענְטְשׁ לֶערְנְט נִישְׁט אוּן טוּט נִישְׁט קַיין מִצְוֹת אוּן עֶס בְּרֶענְגְט אִים צוּ הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת, אוּן בְּגַשְׁמִיוּת - וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אַרְבֶּעט נִישְׁט אוּן טוּט גָארְנִישְׁט פַאר פַּרְנָסָה וֶוערְט עֶר אַ פוֹילֶער מֶענְטְשׁ אוּן פַאלְט אַרַיין אִין אַ דִיפְּרֶעסְיֶע אוּן גֵייט אָפְּגֶערִיסְן אוּן אָפְּגֶעשְׁלִיסְן, אוּן אַלֶעס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן לֵיידִיג גֵיין.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל מַצְלִיחַ זַיין בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת דַארְף עֶר זֶעהן צוּ אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט, קֵיינְמָאל נִישְׁט גֵיין לֵיידִיג, אֵייבִּיג זַיין פַארְנוּמֶען מִיט עֶפֶּעס, אָדֶער צוּ לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אִין חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא, אָדֶער מֶדְרָשׁ, אוּן אֲפִילוּ וֶוען מֶען לֶערְנְט נָאר אַבִּיסְל אִיז עֶס אוֹיךְ זֵייעֶר חָשׁוּב, אַסַאךְ מָאל לֶערְנְט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ וַוייל עֶר טְרַאכְט אַז עֶר הָאט צוּפִיל צוּ לֶערְנֶען אוּן דֶערְפַאר טוּט עֶר גָארְנִישְׁט אוּן עֶר גֵייט לֵיידִיג, אָבֶער וֶוען עֶר זָאל וִויסְן אַז אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט, וָואלְט עֶר אַרַיינְגֶעכַאפְּט וִויפִיל עֶר קֶען, אֵיין פָּסוּק חוּמָשׁ, אֵיין מִשְׁנָה, אֵיין מֵימְרָה, אֵיין הֲלָכָה, אוּן גֶעוֶוענְלִיךְ וֶועט עֶר שׁוֹין דֶערְנָאךְ בַּאקוּמֶען דִי אַפֶּעטִיט צוּ לֶערְנֶען מֶער אוּן מֶער, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בְּגַשְׁמִיוּת אוֹיךְ. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל מַאכְן נָאר אַסַאךְ גֶעלְט אוֹיף אַמָאל, דַאן טוּט עֶר גָארְנִישְׁט אוּן עֶר גֵייט לֵיידִיג, אָבֶער וֶוען עֶר וֶועט פְּרוּבִּירְן צוּ טוּהן כָּאטְשׁ וָואס עֶר קֶען אַז עֶר זָאל מַאכְן כָּאטְשׁ עֶפֶּעס גֶעלְט, וֶועט דָאס אִים גֶעבְּן דִי חֵשֶׁק צוּ גֵיין מֶער אוּן מֶער אוּן מַאכְן מֶער גֶעלְט.

דֶער עִיקָר אִיז צוּ זַיין פַארְנוּמֶען שְׁטֶענְדִיג, אָדֶער לֶערְנְט מֶען, אָדֶער דַאוֶוענְט מֶען, אָדֶער אַרְבֶּעט מֶען, אָדֶער שְׁלָאפְט מֶען, אָדֶער עֶסְט מֶען, אָדֶער אִיז מֶען פַארְנוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע זַאכְן. אַבִּי נִישְׁט צוּ גֵיין לֵיידִיג וָואס דָאס הַרְגְ'ט דֶעם מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצֶען.

כָּאטְשׁ מִיר וֵוייסְן אַז גֶעלְט קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶער דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נָאךְ אַלְץ דִי בְּחִירָה, אָדֶער זָאל עֶר נֶעמֶען דָאס גֶעלְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט אִים, אָדֶער עֶר זָאל עֶס פַארְטְרַייבְּן פוּן זִיךְ. אֵיינֶער וָואס הִיט דִי צַייט, דַאן וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט אִים אַ שֶׁפַע אִיז עֶר גְלַייךְ גְרֵייט עֶס צוּ נֶעמֶען מִיט צְוֵויי הֶענְט, אָבֶער אֵיינֶער וָואס גֵייט לֵיידִיג, וֶוען עֶס קוּמְט אִים אַ שֶׁפַע, אוּן אִין יֶענֶע צַייט פַארְבְּרֶענְגְט עֶר דִי צַייט מִיט נַארִישְׁקַייטְן, גֵייט דִי שֶׁפַע אַוֶועק אוּן עֶר בְּלַייבְּט מִיט גָארְנִישְׁט.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס הִיט דִי צַייט וֶועט עֶר מַצְלִיחַ זַיין בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת אוּן הָאבְּן דִי וֶועלְט מִיט יֶענֶע וֶועלְט אִינְאֵיינֶעם.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא״שׁ חֵלֶק ג' עֶרֶךְ בִּיטוּל זְמַן, חֵלֶק ד' עֶרֶךְ בְּטֵלָה, וְחֵלֶק ה' עֶרֶךְ זְמַן)

# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

## מַעֲשֶׂה ח' מֵרַב וּבֵן יָחִיד

הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּעֶסְן פוּן דֶעם גוּטְן יְהוּדִי וָואס זֵיי פָארְן צוּ אִים. הָאט דֶער סוֹחֵר זֵיי גֶעעֶנְפֶערְט. דֶער?! (מִיט אַ לָשׁוֹן וִוי מֶען פַארְוואוּנְדֶערְט זִיךְ) עֶר אִיז זִיךְ (דָאךְ) אַ קַל (כְּלוֹמֶר נִישְׁט קֵיין עֶרְלֶעכֶער יְהוּדִי). אָט פָאר אִיךְ פוּן אִים, בִּין אִיךְ דֶערְבַּיי גֶעוֶועזְן אוּן עֶר הָאט גֶעטָאן אַן עֲבֵירָה. הָאט זִיךְ דֶער פָאטֶער אָנְגֶערוּפְן: (צוּם בֶּן יָחִיד) זֶעסְטוּ מַיין קִינְד וָואס דֶער סוֹחֵר דֶערְצֵיילְט לְפִי תּוּמוֹ (כְּלוֹמֶר עֶר אִיז זִיךְ נִישְׁט מְכַוֵּן אִין מִיסְטְנֶע (פַאר דַוְקָא) צוּ דֶערְצֵיילְן שְׁלֶעכְץ פוּן דֶעם גוּטְן יְהוּדִי, נָאר דוּרְךְ דִי רֵייד הָאט עֶר עֶס דֶערְצֵיילְט) אָט פָארְט עֶר דָאךְ פוּן דָארְט. הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט אַהֵיים (דְהַיינוּ דֶער רָב מִיט דֶעם בֶּן יָחִיד).

---

הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּעֶסְן פוּן דֶעם גוּטְן יְהוּדִי וָואס זֵיי פָארְן צוּ אִים. וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהן אַז עֶר אִיז בַּאקַאנְט מִיט צַדִיקִים, הָאבְּן זֵיי אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס עֶר זָאגְט צוּ דֶעם צַדִיק צוּ וֶועם זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט פָארְן.

הָאט דֶער סוֹחֵר זֵיי גֶעעֶנְפֶערְט, דֶער?! (מִיט אַ לָשׁוֹן וִוי מֶען פַארְוואוּנְדֶערְט זִיךְ) עֶר אִיז זִיךְ (דָאךְ) אַ קַל (כְּלוֹמֶר נִישְׁט קֵיין עֶרְלֶעכֶער יְהוּדִי). אָט פָאר אִיךְ פוּן אִים, בִּין אִיךְ דֶערְבַּיי גֶעוֶועזְן אוּן עֶר הָאט גֶעטָאן אַן עֲבֵירָה. דֶער ס״מ וֶועט אוֹיסְטְרֶעפְן אַלֶע מִינֵי לִיגְנְטְס אוּן לָשׁוֹן הָרַע'ס, אַבִּי צוּ זֶעהן אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט פָארְן צוּ אַ צַדִיק וָואס קֶען אִים הֶעלְפְן אוּן אִים פִירְן אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג.

זֶעסְטוּ מַיין קִינְד וָואס דֶער סוֹחֵר דֶערְצֵיילְט לְפִי תּוּמוֹ (כְּלוֹמֶר עֶר אִיז זִיךְ נִישְׁט מְכַוֵּן אִין מִיסְטְנֶע (פַאר דַוְקָא) צוּ דֶערְצֵיילְן שְׁלֶעכְץ פוּן דֶעם גוּטְן יְהוּדִי, נָאר דוּרְךְ דִי רֵייד הָאט עֶר עֶס דֶערְצֵיילְט) אָט פָארְט עֶר דָאךְ פוּן דָארְט. דֶער ס״מ מַאכְט זִיךְ פַאר אַ תַּם, עֶר מֵיינְט גָארְנִישְׁט, עֶר וֵוייסְט גָארְנִישְׁט, עֶר רֶעדְט נָאר סְתָּם אַזוֹי מֵשִׂיחַ לְפִי תֻּמּוֹ, אָבֶער אִין דִי תְּמִימוּת'דִיגֶע רֵייד זֶענֶען בַּאהַאלְטְן אַ שֶׁעדְלִיכֶע גִיפְט אַוֶועק צוּ נֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם צַדִיק אוּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער ס״מ וֵוייסְט אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט קוּמֶען צוּם מֶענְטְשׁ אָפְּנֶערְהֵייט אוּן רֶעדְן קֶעגְן צַדִיק וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ אִים נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן, דֶערְפַאר קוּמְט עֶר אֵייבִּיג מִיט אַ תְּמִימוּת'דִיגֶע פָּנִים, עֶר מֵיינְט גָארְנִישְׁט, עֶר וִויל נָאר סְתַּם אַזוֹי שְׁמוּעֶסְן, אוּן אִינְצְוִוישְׁן זַיינֶע תְּמִימוּת'דִיגֶע רֵייד, דָארְט לִיגְט בַּאהַאלְטְן זַיינֶע אֶמֶת'עֶ כַּוָּונוֹת, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הֶערְט אִים אוֹיס וֶוערְט עֶר טַאקֶע אָפְּגֶעקִיהֶלְט פוּנֶעם צַדִיק, עֶר בְּלַייבְּט לֵיידִיג אָן קַיין שׁוּם חִיּוּת.

הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט אַהֵיים (דְהַיינוּ דֶער רָב מִיט דֶעם בֶּן יָחִיד). דֶער ס״מ הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט זַיין אַרְבֶּעט אוּן אַוֶועק גֶעשְׁלֶעפְּט דֶעם קִינְד פוּן צַדִיק, אוּן דֶער קִינְד אִיז גֶעבְּלִיבְּן אָן קַיין חִיּוּת.

(פָאְרזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי״ה)

(נהרי אפרסמון)

**המדור הזה לזכות מו״ה שמעון בן אברהם נ״י**

# לָאז נִישְׁט נָאךְ

וַיַּחֲלֹם וְהִנֵּה סֻלָּם מֻצָּב אַרְצָה וְרֹאשׁוֹ מַגִּיעַ הַשָּׁמָיְמָה (בְּרֵאשִׁית כח, יב): וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (בַּעַל הַטּוּרִים; וְעַיֵּין הַשְׁמָטוֹת הַזֹּהַר דַּף רס״ו ע״ב): אַז 'סוּלָ״ם' בַּאטְרֶעפְט 'קוֹ״ל'; דָאס הֵייסְט, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק מִיט זַיין קוֹל הַתְּפִלָּה, אוּן עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְטְס אֲפִילוּ 'מֻצָּב אַרְצָה', עֶר לִיגְט נֶעבֶּעךְ אִין אַרְצִיּוּת; וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ לֶעבְּט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע צָרוֹת, אוּן חוֹבוֹת וְכוּ', אָבֶער אוֹיבּ עֶר פַארְלִירְט זִיךְ נִישְׁט, אוּן עֶר אִיז שְׁטַארְק אִין תְּפִלָּה, אוּן עֶר הַאלְט אִין אֵיין בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר גֶעט נִישְׁט אוֹיף, דֶעמָאלְטְס 'וְרֹאשׁוֹ מַגִּיעַ הַשָּׁמָיְמָה', זַיין קָאפּ וֶועט אִים זַיין צוּגֶעבִּינְדְן צוּם הִימְל.

דָאס אִיז דִי מַדְרֵיגָה פוּן דִי צַדִּיקִים וָואס זֵייעֶר גַאנְצֶע זַאךְ אִיז נָאר תְּפִלָּה, בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן זֵיי לָאזְן נִישְׁט נָאךְ, אוּן "דִי מַתָּנָה הָאבְּן מִיר אַלֶע בַּאקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן": רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי״ע הָאט גֶעהַאט אַן אֵיינִיקְל רֶבִּי מִיכְל, (אַ זוּן פוּן רֶבִּי יִצְחָק זַ״ל בֶּן מוֹהֲרְנַ״תְּ זי״ע), וָואס עֶר הָאט גֶע'יַרְשֶׁ'נְט דִי תְּמִימוּת פוּן רֶבִּי נָתָן זַ״ל, אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט תְּהִלִּים אוּן גֶערֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אִיז דָאס גֶעוֶוען מִיט אַזַא זִיסְקֵייט, אוּן מִיט אַזַא דְבֵיקוּת, אַז וֶוער עֶס הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז גֶעוָוארְן פַארְגַאפְט, דֶער רֶבִּי מִיכְל זַ״ל הָאט גֶעהַאט אוֹיף זִיךְ מַחְלוֹקֶת, [אַזוֹי וִוי מֶען קְרִיגְט אוֹיף אַלֶע עֶהרְלִיכֶע אִידְן], אֵיינְמָאל הָאט מֶען אִים גֶעהֶערְט זָאגְן תְּהִלִּים, (קַאפִּיטְל לה) מִיט אַזַא מִין זִיסְקֵייט: 'לְדָוִד, רִיבָה ה' אֶת יְרִיבַי', רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם: קְרִיג זִיךְ מַיין קְרִיג! 'לְחַם אֶת לֹחֲמָי', הַאלְט מִלְחָמָה מַיין מִלְחָמָה! 'הַחֲזֵק מָגֵן וְצִנָּה, וְקוּמָה בְּעֶזְרָתִי' וְכוּ', נָאכְדֶעם הֵייבְּט עֶר אָן וֵויינֶען: 'אֱמֹר לְנַפְשִׁי יְשֻׁעָתֵךְ אָנִי', זָאג פַאר מִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז דוּ וֶועסְט מִיר הֶעלְפְן! אוּן עֶר הָאט דָאס אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע וַוארֶעמֶע אוּן הַארְצִיגֶע גֶעבֶּעט.

וַוייל דָאס אִיז דֶער 'שְׁלֵימוּת הַתְּפִלָּה'; אַז אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט מִיט אַן אֱמֶת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר בֶּעט זִיךְ וִוי אַ קִינְד צוּ זַיין טַאטְן, אוּן לָאזְט נִישְׁט נָאךְ.

(קוּנְטְרֵס 'אַ מַתָּנָה פוּן רֶבִּי'ן')






## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

### מוהרא"ש שליט"א געקומען אויף וויליאמסורג צו א סעודת ראש חודש

דעם פארגאנגענעם מוצאי שבת האבן מיר געהאט די זכי' אז מוהרא"ש שליט"א איז געקומען אויף וויליאמסבורג צו א סעודת ראש חודש אינאיינעם מיט א סעודת מלוה מלכה.

עס זענען זיך צוזאמגעקומען א גרעסערע עולם פון עטליכע הונדערט אידן פון איבער די שטאט מיטצוהאלטן דעם מעמד.

דער עולם האט זיך געוואשן צו א רייכע סעודה, און דערנאך האט מען געהאט די זכי' צו הערן דברות קודש פון מוהרא"ש שליט"א.

מוהרא"ש שליט"א האט צום ערשט גערעדט פון די גרויסקייט פון סעודת ראש חודש און פון סעודת מלוה מלכה, וואס בײדע פון זיי זענען א גאנצע סימן אין שלחן ערוך, און נאכדערצו אז יעצט האבן מיר ביידע אינאיינעם.

דערנאך האט מוהרא"ש שליט"א גערעדט פון די גרויסקייט פון דעם חודש כסליו, לויט ווי דער רבי זאגט אז כסלי"ו איז די ראשי תיבות פון דעם פסוק וירא ה' כי סר לראות, וואס דער פסוק זאגט דארט אז דער סנה האט געברענט אבער עס איז נישט געווארן פארברענט ווייל דער אייבערשטער איז געווען דארט, און דאס איז א חיזוק פאר יעדן איד אז אפילו ווען ער פילט אז ער איז א סנה א דארן-בוים, ער פילט אז ער איז נישט גוט און ער שטעכט נאך אנדערע, דארף ער אבער געדענקן אז דער אייבערשטער איז נאך אלץ מיט אים, און ער קען שטענדיג צוריק קומען צום אייבערשטן.

נאכן בענטשן איז זיך דער עולם צוגאנגען מיט פרישע חיזוק ווייטער אנצוגיין אין עבודת ה'.

**מצוה להרבות בסעודת ראש חודש!**

***

### א שמחה אין ישיבה צו א פרישער חתן למזל טוב

גרויס פרייד הערשט אין ישיבה צום פרישן בחור וואס איז א חתן געווארן די וואך למזל טוב.

דער חתן איז גדלי דוד בלום נ"י בן ר' אשר יעקב ע"ה, וואס איז א חתן געווארן עב"ג בת מו"ה שמואל מאשקאוויטש הי"ו פון בית שמש.

ווי באקאנט האט מוהרא"ש צוגעזאגט פאר די בחורים אז ווער עס וועט לערנען מסכת תענית פערציג מאל וועט א חתן ווערן, און צענדליגע בחורים זענען שוין חתנים געווארן א דאנק דעם, און יעצט איז דא א פרישער חתן וואס האט זוכה געווען צו ענדיגן מסכת תענית הונדערט און איין מאל, און ער איז יעצט א חתן געווארן למזל טוב.

**שישו ושמחו בשמחת חברינו!**

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**החתן גדלי' דוד בלום נ"י**

**וואס איז א חתן געווארן למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים, אמן.

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה מרדכי אהרן היילפרין הי"ו**

**צו די שמחת פדיון הבן פון זיין אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון זיינע קינדער, דורות ישרים ומבורכים.

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה יודא פאפלאנאש הי"ו**

**צו זיין שמחת החתונה למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים. אמן.

## קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א**

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א


**זמנים**
הדלקת הנרות....................4:20
סוף זמן קר"ש.....................8:36
מוצש"ק...............................5:50

**שיעורים כסדרן**
בבלי...............................יומא ח'
ירושלמי...................שבועות כ"א
תוספתא.............סוטה פרק י"ד


פרשת וישלח, י"ג כסליו, שנת תשע"ד לפ"ק — שנה 3, גליון 10 (110)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַ'יִּשְׁלַח יַ'עֲקֹב מַ'לְאָכִים לְפָנָיו** — דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אִיז "יוֹם" - מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן רע"ב) אוֹיפְן פָּסוּק **הַיּוֹם אִם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמָעוּ**, אַז אַ אִיד דַארְף אֵייבִּיג קוּקְן נָאר אוֹיפְן הַיינְטִיגְן טָאג, וַוייל וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען גֶעכְטְן, וֶוערְט אַ מֶענְטְשׁ צוּבְּרָאכְן, וַוייל עֶר טְרַאכְט: "אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ נֶעכְטְן נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, וֶועל אִיךְ הַיינְט אוֹיךְ נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין", אוּן דִי זֶעלְבֶּע טָאר מֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף מָארְגְן וַוייל מֶען טְרַאכְט: "עֶס וֶועט מִיר זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ טוּהְן פוּן הַיינְט אֵייבִּיג נָאר גוּטְס". אָבֶּער וֶוען מֶען קוּקְט נָאר אוֹיפְן הַיינְטִיגְן טָאג, אוֹיף דִי יֶעצְטִיגֶע מִינוּט, אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ. וַוייל אוֹיף אֵיין טָאג קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ פָארְנֶעמֶען צוּ טוּהְן אֲפִילוּ דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאכְן.

דָאס קוּמְט אוּנְז דִי פָּסוּק מְרַמֵּז זַיין, וֶוען עֵשָׂו, וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְן יֵצֶר הָרַע, קוּמְט טְשׁעפֶּען יַעֲקֹב דֶעם אִיד, אִיז דִי עֵצָה **וַ'יִּשְׁלַח יַ'עֲקֹב מַ'לְאָכִים**, רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "יוֹם" - מֶען זָאל נָאר קוּקְן אוֹיפְן הַיינְטִיגְן טָאג, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף מַצְלִיחַ זַיין.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית וַיִּשְׁלַח תש"ע לפ"ק)

***

**כֹּה אָמַר עַבְדְּךָ יַעֲקֹב עִם לָבָן גַּרְתִּי**, זָאגְט רַשִׁ"י גַּרְתִּי אִיז בְּגִמַטְרִיָּא תַּרְיַ"ג, יַעֲקֹב הָאט גֶעזָאגְט אִיךְ הָאבּ טַאקֶע גֶעווָאוֹינְט מִיט לָבָן, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אָפְּגֶעהִיטְן דִי תַּרְיַ"ג מִצְוֹת.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א ס"א) אַז אַמָאל אִיז זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרַע מִתְלַבֵּשׁ מִיט מִצְוֹת, דָאס מֵיינְט אַז דֶער יֵצֶר הָרַע נֶעמְט עֲבֵירוֹת אוּן עֶר מַאכְט דָאס אוֹיסְזֶעהְן וִוי עֶס אִיז מִצְוֹת, אוּן אַזוֹי כַאפְּט עֶר אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ. אוּן דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "לָבָן" - דֶער יֵצֶר הָרַע וָואס טוּט זִיךְ אָן "וַוייס", עֶר מַאכְט זִיךְ וִוי עֶר וִויל נָאר מִצְוֹת.

אֵיינְס פוּן דִי וֶועגְן וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע נִיצְט, אִיז צוּ צוּלֵייגְן מֶער מִצְוֹת, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט גֶעהֵייסְן, אוּן דוּרְךְ דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ פָּאלְגְט אִים אוּן עֶר טוּט מֶער וִויפִיל עֶר דַארְף, טוּט עֶר נָאכְדֶעם


המשך בדף ב


## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ מְקַבֵּל זַיין יִסוּרִים בְּאַהֲבָה ~

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ צַעַר אוּן יִסוּרִים אִיז דָאס בִּכְלַל נִישְׁט קַיין בַּא'טַעֲמְ'טֶע עֵסֶק, עֶס טוּט וֵויי אוּן עֶס שְׁטֶערְט זֵייעֶר שְׁטַארְק פַארְן מֶענְטְשׁ. אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אוּן גֶעדֶענְקְט אַז מִיט יֶעדֶע צַעַר וָואס עֶר הָאט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט קוּמְט עֶר מִיט דֶעם אָפּ זֵייעֶר אַסַאךְ, אוּן דָאס הֶעלְפְט אִים עֶר זָאל אַרוֹיף קוּמֶען אוֹיבְן אִין הִימְל אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעלַייטֶערְט, דַאן אִיז עֶס שׁוֹין אַסַאךְ גְרִינְגֶער עֶס אָנְצוּנֶעמֶען בְּאַהֲבָה.

דֶער הֵיילִיגֶער גְרָ"א פְלֶעגְט זָאגְן: "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל וִויסְן וָואס מֶען צָאלְט אִין הִימְל פַאר יֶעדֶע צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ, וָואלְט עֶר זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט דֶערְמִיט", אַוַדַאי בֶּעטְן מִיר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן בִּכְלַל נִישְׁט הָאבְּן קַיין יִסוּרִים, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט אַמָאל אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ שְׁוֶועריַקֵייטְן צָרוֹת אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ, קֶען עֶר זִיךְ טְרֵייסְטְן אַז עֶס אִיז פַאר כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת, אוּן עֶס וֶועט זִיכֶער נָאר אַרוֹיס קוּמֶען טוֹבוֹת דֶערְפוּן.

אוּן דָאס אִיז נִישְׁט נָאר בַּיי גָאר שְׁוֶוערֶע יִסוּרִים, נָאר יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט וָואס גֵייט נִישְׁט גוּט פַאר אַ מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת. חֲזַ"ל זָאגְן (עֲרָכִין טז:) אַז אֲפִילוּ גָאר קְלֵיינֶע זַאכְן וָואס עֶס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי גוּט פַאר אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט שׁוֹין גֶערֶעכְנְט פַאר יִסוּרִים אוּן מֶען קוּמְט מִיט דֶעם אָפּ. וִוי לְמָשָׁל אַז מֶען הָאט אִים גֶעמַאכְט אַ בֶּגֶד וָואס אִיז נִישְׁט אִינְגַאנְצְן לוֹיט זַיין מָאס, אָדֶער מֶען הָאט אִים אָנְגֶעגָאסְן אַ קַאלְטֶע גְלָאז אַנְשְׁטָאט אַ וַוארִימֶע, אַ בֶּגֶד וָואס דְרֵייט זִיךְ אִיבֶּער בִּשְׁעַת'ן אָנְטוּהְן, עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַרוֹיסְנֶעמֶען דְרֵיי מַטְבֵּעוֹת פוּן טַאשׁ אוּן עֶס אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען נָאר צְוֵויי.


המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

גָארְנִישְׁט, ווִי דִי תּוֹרָה הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן **לֹא תוֹסִיף עָלָיו** - זָאלְסְט נִישְׁט צוּלֵייגְן צוּ דִי תּוֹרָה, כְּדֵי **וְלֹא תִגָּרַע מִמֶּנּוּ** - כְּדֵי דוּ זָאלְסְט נִישְׁט קוּמֶען נָאכְדֶעם אַרָאפְּנֶעמֶען.

דָאס הָאט יַעֲקֹב גֶעשִׁיקְט זָאגְן פַאר עֵשָׂו, פַאר דֶעם יֵצֶר הָרַע, **עִם לָבָן גַּרְתִּי**, אִיךְ הָאבּ מִיךְ אֲפִילוּ גֶעקֶענְט פַארְמֶעסְטְן מִיט דִי יֵצֶר הָרַע וָואס הֵייסְט לָבָן, "**וְתַרְיַ"ג מִצְוֹת שָׁמַרְתִּי**" אוּן אִיךְ הָאבּ אָפְּגֶעהִיטְן "נָאר" דִי תַּרְיַ"ג מִצְוֹת אִיךְ הָאבּ מִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט פַארְפִירְן פוּן זַיינֶע צוּגֶעלֵייגְטֶע מִצְוֹת.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיִּשְׁלַח ב)

***

**וַיִּוָּתֵר יַעֲקֹב לְבַדּוֹ וַיֵּאָבֵק אִישׁ עִמּוֹ עַד עֲלוֹת הַשָּׁחַר**, מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א סִימָן ט"ו) אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף צוּקוּמֶען צוּ אַ מַדְרֵיגָה, אַז עֶר זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דֶערְצֵיילְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, דַאן הָאט מֶען מֶער נִישְׁט מוֹרָא פַאר קֵיינֶעם נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער מֶדְרָשׁ בְּרֶענְגְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה ע"ז סִימָן א') **וַיִּוָּתֵר יַעֲקֹב לְבַדּוֹ** - יַעֲקֹב אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיין, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**וְנִשְׂגַּב ה' לְבַדּוֹ**" - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אֵיינֶער אַלֵיין. דָאס מֵיינְט אַז וֶוען יַעֲקֹב הָאט גֶעפִילְט אַז עֶר אִיז אַלֵיין, קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט הֶעלְפְן, אִיז עֶר גְלַייךְ גֶעגַאנְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיז נָאר אֵיינֶער אַלֵיין, אוּן אִים גֶעבֶּעטְן הִילְף.

**וַיִּוָּתֵר יַעֲקֹב לְבַדּוֹ** - יַעֲקֹב אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיין אוּן עֶר אִיז גְלַייךְ גֶעגַאנְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר **וַיַּרְא כִּי לֹא יוּכַל לוֹ** - דֶער מַלְאָךְ הָאט אִים גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁלֶעכְטְס טוּהן, ווַייל יַעֲקֹב הָאט זִיךְ גֶעוָואנְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדְן אִיד, אוֹיבּ וֶוענְדְט עֶר זִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען אִים קֵיינֶער נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס טוּהן.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיִּשְׁלַח ד)

# שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען זִיכֶער נִישְׁט צוּ אַ גְרוֹיסֶע צַעַר, אוּן עֶס שַׁאדְט גָארְנִישְׁט פַארְן מֶענְטְשׁ, פוּן דֶעסְט וֶועגְן הֵייסְט דָאס אוֹיךְ יִסוּרִים. אוּן מֶען דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען אִיז אָפְּגֶעקוּמֶען מִיט אַזֶעלְכֶע קְלֵיינִיקַייטְן.

נָאךְ זָאגְן דִי חֲזַ"ל (יְרוּשַׁלְמִי סוֹטָה ו:) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת וָואס עֶס קוּמְט אִים פַאר דֶעם מִיתָה בִּידֵי שָׁמַיִם רח"ל, וָואס טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער? עֶר מַאכְט אַז זַיין אָקְס זָאל שְׁטַארְבְּן, זַיין הִינְדְל זָאל פַארְלוֹירְן וֶוערְן, זַיין פְלַאשׁ זָאל זִיךְ צוּבְּרֶעכְן עֶר זָאל זִיךְ צוּבְּרֶעכְן דִי פִינְגֶער. אוּן מִיט דֶעם קוּמְט עֶר אָפּ זַיין עוֹנֶשׁ מִיתָה. קוּמְט אוֹיס אַז דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע טוֹבָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ קֶען מִיט אַ קְלֵיינִיקַייט זִיךְ אַיינְשְׁפָּארְן גָאר גְרוֹיסֶע צָרוֹת.

דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קס"ה) טַייטְשׁ דֶעם פָּסוּק וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ אֲנִי ה', "רֵעֲךָ" קֶען אוֹיךְ מֵיינֶען "דַיין שְׁלֶעכְטְס", זָאגְט דֶער פָּסוּק וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ - זָאלְסְט לִיבּ הָאבְּן דִי שְׁלֶעכְטְס וָואס עֶס קוּמְט אוֹיף דִיר, ווַייל כָּמוֹךָ - אַזוֹי ווִי דוּ פִירְסְט זִיךְ אוֹיף, אֲנִי ה' - בִּין אִיךְ נָאךְ מִיט מִדַּת הָרַחֲמִים. דָאס מֵיינְט אַז לוֹיט וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַלְץ אָפְּגֶעטוּהן וָואלְט זִיךְ אִים גֶעקוּמֶען אַסַאךְ עֶרְגֶער רח"ל, אוּן דֶערְפַאר דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ פְרֵייעֶן אַז עֶר אִיז אָפְּגֶעקוּמֶען מִיט קְלֵיינִיקַייטְן.

## מֶען צוּשְׁנַיידְט דִי צָרוֹת

עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זִי"עַ וָואס אִיז דוּרְכְגֶעפָארְן דִי שְׁטָאט פְּרִימִישְׁלַאן אוּן עֶר אִיז אַרַיין צוּם הֵיילִיגְן ר' מֵאִיר פְּרִימִישְׁלַאנֶער זִי"עַ, הָאט אִים דֶער צַדִּיק גֶעטַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק "לְגוֹזֵר יַם סוּף לִגְזָרִים כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ", "יַם סוּף" אִיז אַזוֹי ווִי "יוֹם סוֹף", דָאס מֵיינְט דִי לֶעצְטֶע טָאג פוּנֶעם מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר דַארְף אָפְּגֶעבְּן דִין וְחֶשְׁבּוֹן אוֹיף אַלֶע זַיינֶע מַעֲשִׂים. זָאגְט דֶער פָּסוּק, לְגוֹזֵר יוֹם סוֹף לִגְזָרִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּשְׁנַיידְט דִי עוֹנְשִׁים וָואס דַארְפְן קוּמֶען אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ בַּיים לֶעצְטְן טָאג, עֶר צוּטֵיילְט עֶס אוֹיף קְלֵיינֶע צָרוֹת בְּמֶשֶׁךְ דֶעם מֶענְטְשׁ'ס לֶעבְּן. כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ, ווַייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס חֲסָדִים זֶענֶען זֵייעֶר גְרוֹיס.

פַאר דֶעם תַּלְמִיד פוּן חֲתַם סוֹפֵר אִיז דָאס גֶעוֶוען זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ הֶערְן, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גֶעוואוּינְט צוּ הֶערְן אַזוֹינֶע חַסִידִישֶׁע טַייטְשְׁן אִין פָּסוּק, אוּן וֶוען עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ זַיין רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר, הָאט עֶר אִים אִיבֶּערְגֶעזָאגְט דֶעם טַייטְשׁ מִיט אַ שְׁמֵייכְל צוּ דִי זַייט, אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר הָאט זִיךְ שְׁטַארְק צוּפְלַאמְט אוּן גֶעזָאגְט: "פַארְוָואס לַאכְסְטוּ? אִיךְ הָאבּ שׁוֹין לַאנְג גֶעזֶעהְן אַ מֶדְרָשׁ וָואס זָאגְט אַז יַם סוּף אִיז אַזוֹי ווִי יוֹם סוֹף, אוּן אִיךְ הָאבּ דָאס קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען, אוּן יֶעצְט הָאסְטוּ מִיר מַמָּשׁ דֶערְלַאכְטְן דִי אוֹיגְן מִיט דֶעם טַייטְשׁ, אוּן דָאס אִיז זִיכֶער אֱמֶת, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט חֶסֶד אוּן צוּשְׁנַיידְט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת אוֹיף קְלֵיינֶע שְׁטִיקֶער.

## יִסוּרִים אוֹיפְן וָואגְשָׁאל

אִין דִי צַייטְן פוּן הֵיילִיגְן מַהַרַ"ל מִפְּרַאג זִי"עַ אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען אַמָאל צוּם רָב פוּן זַיין שְׁטָאט אוּן זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים וָואס עֶר גֵייט אַלְץ דוּרְךְ, פוּן זַיין ווַייבּ, פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, פוּן זַיין פַּרְנָסָה, אוּן נָאךְ,

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

אוּן עֶר פִּיהלְט אַז עֶר הַאלְט עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיס. דֶער רָב הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר קֶען אִים נִישְׁט הֶעלְפְן נָאר עֶר זָאל אַרִיבֶּער פָּארְן אוֹיף פְּרַאג צוּם הֵיילִיגְן מַהֲרַ"ל, אוּן דָארְט וֶועט עֶר זִיכֶער גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

דֶער אִיד הָאט אַזוֹי גֶעטוּהן, עֶר אִיז אַרִיבֶּער גֶעפָארְן קַיין פְּרַאג אוּן אִיז אַרַיין אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ פוּנֶעם מַהֲרַ"ל, פּוּנְקְט דַאן הָאט דֶער מַהֲרַ"ל גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן פָארְלֶערְנֶען אַ שִׁיעוּר פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים, הָאט זִיךְ דֶער אִיד גֶעזֶעצְט אִינְדְרוֹיסְן צוּ וַוארְטְן בִּיז מֶען עֶנְדִיגְט דֶעם שִׁיעוּר אוּן עֶר זָאל קֶענֶען רֶעדְן מִיטְן הֵיילִיגְן מַהֲרַ"ל.

אִינְצְווִישְׁן הָאט דֶער אִיד אַיינְגֶעדְרִימְלְט אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהן אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חָלוֹם. עֶר זֶעהט וִוי עֶס פָּארְט אַ וָואגְן אָנְגֶעפִּיהלְט מִיט גְרוֹיסֶע זֶעק, עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם בַּעַל עֲגָלָה אוֹיבּ עֶר קֶען מִיטְפָארְן מִיט אִים, דֶער בַּעַל עֲגָלָה הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן עֶר אִיז אַרוֹיף אוֹיפְן וָואגְן, אוֹיפְן וֶועג פְרֶעגְט עֶר פוּנֶעם בַּעַל עֲגָלָה: "וָואס זֶענֶען דִי אַלֶע זֶעק?", זָאגְט אִים דֶער בַּעַל עֲגָלָה: "דָאס זֶענֶען דַיינֶע עֲבֵירוֹת", עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט הֶערְנְדִיג דָאס, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייעֶן אוֹיפְן בַּעַל עֲגָלָה פַארְוָואס עֶר זָאגְט אַזֶעלְכֶע זַאכְן, עֶר הָאט אַזוֹיפִיל גֶעשְׁרִיגְן בִּיז דֶער בַּעַל עֲגָלָה הָאט אִים אַרָאפּ גֶעוָוארְפְן פוּן וָואגְן.

אוּן אַזוֹי הָאט פַּאסִירְט נָאכְאַמָאל, עֶר זֶעהט נָאךְ אַ וָואגְן אָנְגֶעפִּיהלְט מִיט זֶעק, עֶר גֵייט אַרוֹיף אוּן פְרֶעגְט דֶעם בַּעַל עֲגָלָה וָואס דִי זֶעק זֶענֶען אוּן יֶענֶער זָאגְט אַז דָאס זֶענֶען זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף יֶענֶעם בִּיז עֶר הָאט אִים אוֹיךְ אַרָאפּ גֶעוָוארְפְן פוּן וָואגְן, אוּן אַזוֹי הָאט פַּאסִירְט אַ דְרִיטֶע מָאל, בִּיז צוּם סוֹף אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ קְלֵיינֶע וָואגְן גֶעשְׁלֶעפְּט דוּרְךְ אַ מָאגֶערֶע פֶערְד אוּן אוֹיפְן וָואגְן אִיז גֶעלִיגְן אַ קְלֵיינֶע זַאק, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן רְשׁוּת פוּנֶעם בַּעַל עֲגָלָה מִיט צוּ פָארְן, אוּן עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם בַּעַל עֲגָלָה וָואס דֶער זַאק אִיז, אוּן דֶער בַּעַל עֲגָלָה הָאט אִים גֶעזָאגְט: "דָאס זֶענֶען דַיינֶע מִצְוֹת"... עֶר הָאט זִיךְ וַוייטֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעגְן אוּן שְׁרַייעֶן: "נָאר דָאס זֶענֶען מַיינֶע מִצְוֹת? עֶס קֶען נִישְׁט זַיין, אִיךְ הָאבּ זִיכֶער גֶעטוּהן מֶער מִצְוֹת".

אוּן דַאן הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט, אוּן גֶעזֶעהן וִוי דֶער מַהֲרַ"ל שְׁטֵייט נֶעבְּן אִים אוּן זָאגְט אִים: אוּן וֶוען דוּ וֵוייסְט וֶוען אַז דִי אַלֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים וָואס דוּ הָאסְט וֶועט אִיבֶּערְוֶועגְן דֶעם וָואגְשָׁאל צוּם גוּטְן, עֶס וֶועט אִיבֶּערְוֶועגְן דִי אַלֶע זֶעק אוּן פֶּעק עֲבֵירוֹת, וָואלְסְטוּ נִישְׁט מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי יִסוּרִים פְרֵיילִיכֶערְהֵייט?"

דַאן הָאט שׁוֹין דֶער אִיד פַארְשְׁטַאנֶען אַז אַלֶע יִסוּרִים וָואס עֶר הָאט אִיז נָאר פַאר זַיין טוֹבָה, אוּן עֶר אִיז אַהֵיים גֶעפָארְן גַאנְץ אַן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ, אוּן פוּן דַאן הָאט עֶר שׁוֹין מְקַבֵּל גֶעוֶוען אַלֶעס בְּשִׂמְחָה.

## רְאֵה עָנְיִי וַעֲמָלִי

עֶס אִיז מְקוּבָּל פוּן צַדִיקִים אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ צַעַר זָאל עֶר זָאגְן דֶעם פָּסוּק "רְאֵה עָנְיִי וַעֲמָלִי וְשָׂא לְכָל חַטֹּאתָי", וָואס דָאס מֵיינְט פָּשׁוּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל נֶעמֶען דִי צַעַר אוּן יִסוּרִים אוּן עֶס נוּצְן פַאר אַ כַּפָּרָה פַאר אַלֶע עֲבֵירוֹת.

דֶער וָוארְט "וְשָׂא" אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת וְ'הָיִיתָ אַ'ךְ שָׂ'מֵחַ, דָאס מֵיינְט אַז וֶוען מֶען נֶעמְט אָן דִי יִסוּרִים מִיט שִׂמְחָה, אִיז דָאס אַ כַּפָּרָה אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת.

אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ק"ע) אוֹיפְן פָּסוּק "בַּצָר הִרְחַבְתָּ לִי", אַז אֲפִילוּ אִין דִי צָרוֹת קֶען מֶען אוֹיךְ טְרֶעפְן הַרְחָבוֹת, עֶס לִיגְט אִין דִי צָרָה אוֹיךְ עֶפֶּעס גוּטְס. אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ אַ חֵלֶק פוּן דִי גוּטְס, אַז דוּרְךְ דִי צָרָה קוּמְט מֶען אָפּ אַלֶע עֲבֵירוֹת.

ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז מְקַבֵּל אַלֶע זַיינֶע יִסוּרִים מִיט שִׂמְחָה, וֶועט עֶר אָפְּקוּמֶען אַלֶעס זַיינֶע עֲבֵירוֹת נָאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן לְאַחַר מֵאָה וְעֶשְׂרִים וֶועט עֶר גְלַייךְ אַרַיין אִין גַן עֵדֶן.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ צָרוֹת וְיִסוּרִין)

# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

## מַעֲשֶׂה ח' מֵרַב וּבֵן יָחִיד

אִיז דֶער זוּן גֶעשְׁטָארְבְּן, אוּן אִיז גֶעקוּמֶען צוּ חָלוֹם צוּם פָּאטֶער. הָאט דֶער פָּאטֶער גֶעזֶען אַז עֶר שְׁטֵייט אִין גְרוֹיס כַּעַס. הָאט דֶער פָּאטֶער אִים גֶעפְרֶעגְט: פַארְוָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי אִין כַּעַס? הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְפֶערְט (דְהַיְינוּ דֶער זוּן וָואס סֶע גֶעשְׁטָארְבֶּן הָאט גֶעעֶנְפֶערְט אִין חָלוֹם דֶעם פָּאטֶער) אַז עֶר זָאל פָּארְן צוּ דֶעם גוּטְן יְהוּדִי (וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט פְרִיעֶר פָּארְן צוּ אִים) וֶועט עֶר דִיר זָאגְן פַאר וָואס אִיךְ בִּין אִין כַּעַס. הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעכַאפְּט. אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעטְרַאכְט סֶע אִיז אַ מִקְרֶה (כְּלוֹמַר סֶע נָאר אַ חָלוֹם נִישְׁט קֵיין אֱמֶת) נָאךְ דֶעם הָאט זִיךְ אִים ווִידֶער אַזוֹי גֶעחָלֶעמְט. הָאט עֶר ווִידֶער גֶעמֵיינְט סֶע אִיז אַ פַאלְשֶׁער חָלוֹם. אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען דְרַיי מָאל. הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען. אַז דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין לֶערֶע (פָּשׁוּטֶע) זַאךְ, אִיז עֶר גֶעפָארְן אַהִין (דְהַיְינוּ דֶער רָב אִיז גֶעפָארְן צוּם דֶעם גוּטְן יְהוּדִי וָואס עֶר אִיז פְרִיעֶר גֶעפָארְן מִיט זַיין זוּן אַהִין).

אוֹיף דֶעם וֶועג הָאט עֶר ווִידֶער בַּאגֶעגֶענְט דֶעם סוֹחֵר וָואס עֶר הָאט פְרִיעֶר בַּאגֶעגֶענְט. אַז (וֶוען) עֶר אִיז גֶעפָארְן מִיט זַיין זוּן, אוּן דֶער רָב הָאט אִים דֶערְקֶענְט. אוּן דֶער רָב הָאט גֶעזָאגְט צוּם סוֹחֵר: דוּ בִּיסְט זִיךְ (דָאךְ) דֶער וָואס אִיךְ הָאבּ דִיךְ גֶעזֶען אִין דֶער קְרֶעטְשְׁמֶע. עֶנְטְפֶערְט עֶר אִים: אַוַודַאי הָאסְטוּ מִיךְ גֶעזֶען אוּן עֶפֶענְט אוֹיף דָאס מוֹיל, אוּן זָאגְט צוּ אִים: אַז דוּ ווִילְסְט אָט שְׁלִינְג אִיךְ דִיךְ אַיין. זָאגְט עֶר צוּ אִים: (דְהַיְינוּ דֶער רָב צוּם סוֹחֵר) וָואס רֶעדְסְטוּ? הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְפֶערְט: גֶעדֶענְקְסְטוּ אַז (וֶוען) דוּ בִּיסְט גֶעפָארְן מִיט דַיין זוּן. אוּן פְרִיעֶר אִיז אַ פֶערְד אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוֹיף דֶער בְּרִיק, הָאסְטוּ זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט. דֶערְנָאךְ זֶענֶען דִי אַקְסְן צוּבְּרָאכְן גֶעוָוארְן, דֶערְנָאךְ הָאסְטוּ מִיךְ בַּאגֶעגֶענְט, הָאבּ אִיךְ דִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז אַ קַל. הַיינְט אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין דַיין זוּן גֶעפַּאטֶערְט, הַיינְט מֶעגְסְטוּ שׁוֹין פָּארְן. וָוארְן (ווַייל) דֶער זוּן אִיז גֶעוֶוען אַ בְּחִינַת מָאוֹר הַקָּטָן אוּן דֶער צַדִיק וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט צוּ אִים פָּארְן עֶר אִיז אַ בְּחִינַת מָאוֹר הַגָדוֹל. אוּן אַז זֵיי בֵּיידֶע זָאלְן זִיךְ גֶעוֶוען אִין אֵיינֶעם צוּנוֹיפְקוּמֶען וָואלְט מָשִׁיחַ גֶעקוּמֶען. אוּן הַיינְט אַז אִיךְ הָאבּ אִים שׁוֹין גֶעפַּאטֶערְט, מֶעגְסְטוּ שׁוֹין פָּארְן. דֶערְוַוייל אִיז עֶר נֶעלָם גֶעוָוארְן אִין דִי רֵייד. (כְּלוֹמַר דֶער סוֹחֵר אִיז פַארְשְׁווּאוּנְדְן גֶעוָוארְן פְּלוּצֶעם אִין דִי רֵייד) אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט מִיט וֶועמֶען צוּ רֶעדְן. אִיז דֶער רָב גֶעפָארְן צוּ דֶעם צַדִיק. אוּן הָאט גֶעשְׁרִיגְן גֶעוַואלְד, גֶעוַואלְד. חֲבַל עַל דְאַבְדִין וְלָא מִשְׁתַּכְּחִין (ווֵיי אוֹיף דֶעם וָואס סֶע פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן אוּן מֶען קֶען נִישְׁט גֶעפִינֶען).

---

אִיז דֶער זוּן גֶעשְׁטָארְבְּן. אַזוֹי ווִי עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פָארְן צוּם צַדִיק, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט פוּן וואוּ צוּ נֶעמֶען חַיוּת, אִיז עֶר גֶעשְׁטָארְבְּן.

המשך בדף ד

המדור הזה לזכות מו"ה שמעון בן אברהם נ"י

# אַ בְּרָכָה מִיט כַּוָּנָה

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי יוֹסֵף יִצְחָק פוּן לִיוּבַּאוִויטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט מֵעִיד גֶעוֶועןאוֹיף זַיין טַאטֶע דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שָׁלוֹם דוּבֶּער פוּן לִיוּבַּאוִויטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ תְּקוּפָה וָואס עֶר הָאט כְּסֵדֶר גֶעטְרִינְקֶען, נָאךְ אַ גְּלָאז טֵיי אוּן נָאךְ אַ גְּלָאז טֵיי, אוּן יֶעדֶעס מָאל גֶעמַאכְט דִי בְּרָכָה: שֶׁהַכֹּל נִהְיָה בִּדְבָרוֹ, בִּיז דֶער רַיֵי"צ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעכַאפְּט אַז זַיין טַאטֶע הָאט אִין דֶעם אַ כַּוָּונָה, מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין דִי שְׁכִינָה אוֹיף זִיךְ, מִיט דֶעם וָואס עֶר זָאגְט דִי בְּרָכָה: שֶׁהַכֹּל נִהְיָה בִּדְבָרוֹ; דָאס הֵייסְט, אַלֶעס וֶוערְט נָאר גֶעטוּהְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַזוֹי אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט מֶען אוֹיף נָאךְ צַדִּיקִים, אַז וֶוען אַ צוּבְּרָאכֶענֶער אִיד אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען מִיט אַ צָרָה, הָאט דֶער צַדִּיק אָנְגֶעגָאסְן אַבִּיסְל בְּרוּנְפְּן אִין אַ בֶּעכֶערְל, פַאר זִיךְ אוּן פַאר דֶעם אִיד, אוּן גֶעמַאכְט דִי בְּרָכָה: שֶׁהַכֹּל נִהְיָה בִּדְבָרוֹ, אוּן נָאכְדֶעם מְכַבֵּד גֶעוֶוען דֶעם אִיד אוֹיךְ מִיט דִי בְּרָכָה, אוּן וֶוען דֶער אִיד הָאט נָאר גֶעהֶערְט פוּן זַיין רֶבִּי'ן דִי בְּרָכָה מִיט אַזַא חַיוּת אוּן כַּוָּונָה, הָאט עֶר אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן אַז עֶר הָאט אַ צָרָה, אוּן וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען דָא בֶּעטְן. וַוייל אַ מֶענְטְשׁ דַארְף וִויסְן, אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ אִיז נָאר פוּן אוֹיבְן, אוּן עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין עֵצָה: בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער. אוּן אֲפִילוּ עֶר הָאט שׁוֹין גֶעבֶּעטְן אוּן עֶר זֶעהְט נָאכְנִישְׁט אַז עֶר אִיז גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן, זָאל עֶר נָאכְאַמָאל בֶּעטְן, אַזוֹי וִוי חַזַ"ל (בְּרָכוֹת לב ע"ב), לֶערְנֶען דָאס אַרוֹיס פוּנֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים כז, יד): קַוֵּה אֶל ה' חֲזַק וְיַאֲמֵץ לִבֶּךָ וְקַוֵּה אֶל ה', אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט מִיד וֶוערְן, נָאר שְׁטֶענְדִיג הָאפְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

קוּמְט אוֹיס אַז מִיט יֶעדֶע בְּרָכָה וָואס אַ אִיד זָאגְט מִיט שִׂמְחָה, בַּאשַׁאפְט עֶר אַ מַלְאָךְ, נָאר מִיר זֶענֶען בַּיי זִיךְ אַזוֹי צוּבְּרָאכְן, אַז מֶען קֶען דָאס נִישְׁט גְלֵייבְּן, אָבֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א): פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי אַ אִיד דַארְף הָאבְּן אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס דָאס אִיז דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת פוּן אַ אִיד, אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען הָאבְּן אֱמוּנָה אִין זִיךְ, אַז אִיךְ בִּין אוֹיךְ חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן וֶוען אַ אִיד זָאל וִויסְן וִוי טֵייעֶר אוּן חָשׁוּב עֶס אִיז בַּיים בַּאשֶׁעפֶער יֶעדֶע בְּרָכָה וָואס עֶר מַאכְט, אוּן וָואסְפַארַא רַעַשׁ עֶר מַאכְט אִין הִימְל מִיט דֶעם, וָואלְט עֶר דָאס גֶעזָאגְט מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה אוּן כַּוָּונָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן נָאךְ דִי פְּטִירָה פוּן זַיין מַאמֶע (נַעֲמָה שָׂרָה ע"ה), וָואסְפַארַא טוֹבָה עֶר קֶען טוּהְן פַאר אִיר נְשָׁמָה? הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: זָאלְסְט זָאגְן אַן עֶרְנְסְטֶער 'אֲשֶׁר יָצַר'. זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זָאגְן עֶרְלִיךְ אַ בְּרָכָה, בִּפְרַט דִי בְּרָכָה פוּן אֲשֶׁר יָצַר וָואס מֶען לוֹיבְּט אוּן דַאנְקְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי נִיסִים וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז, וַוייל אוֹיבּ עֶס וֶועט זִיךְ פַארְמַאכְן דָאס וָואס עֶס דַארְף זַיין אָפֶען, אָדֶער עֶס וֶועט זִיךְ עֶפֶענֶען דָארְט וואוּ עֶס דַארְף זַיין פַארְמַאכְט, דֶעמָאלְטְס: אִי אֶפְשָׁר לְהִתְקַיֵּם וְלַעֲמֹד לְפָנֶיךָ אֲפִילוּ שָׁעָה אֶחָת, קֶען אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט בְּלַייבְּן לֶעבְּן. נָאר אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט דִי נִיסִים וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער טוּט מִיט אִים שְׁטֶענְדִיג.

מֶען זֶעהְט אַז מֶענְטְשְׁן שְׁטוּפֶּען זִיךְ צוּ בַּאקוּמֶען אַ בְּרָכָה בַּיי אַ חוּפָּה וְכוּ', אָבֶער וֶוען אַ אִיד זָאל וִויסְן וָואס עֶס וֶוערְט פוּן יֶעדֶע בְּרָכָה וָואס עֶר מַאכְט פַארְן בַּאשֶׁעפֶער, וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעדַארְפְט מֶען זָאל אִים מְכַבֵּד זַיין, וַוייל עֶר הָאט יֶעדְן טָאג אַזוֹיפִיל בְּרָכוֹת וָואס עֶר קֶען זָאגְן בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ, וָואס יֶעדֶע בְּרָכָה אִיז אַ מִצְוָה.

(קוּנְטְרֵס 'דוּ וֵוייסְט וָואס דוּ פַארְמָאגְסְט?')

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## מוהרא"ש שליט"א פארט אויף ארץ ישראל פאר א וואך

די קומענדיגע וואך וועט מוהרא"ש שליט"א פארן אויף ארץ ישראל פאר א וואך צייט צו מחזק זיין די ארטיגע אידן.

די קומענדיג וואך ליל ששי פרשת וישב וועט נישט פארקומען די וועכנטליכע שיעור.

מען קען הערן אלטע שיעורים פון מורהא"ש ליט"א אויפן טעלעפאן ליין פון "קול ברסלב" אויפן נומער 212-444-9191.

**כי מלאכיו יצוה לך!**

# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

המשך

אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען דְרַיי מָאל. הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען. אַז דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין לֶערֶע (פְּשׁוּטֶע) זַאךְ. דְרֵיי מָאל אִיז שׁוֹין אַ חֲזָקָה הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז עֶס מוּז זַיין אֱמֶת.

הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְפֶערְט: גֶעדֶענְקְסְטוּ אַז (וֶוען) דוּ בִּיסְט גֶעפָארְן מִיט דַיין זוּן. אוּן פְרִיעֶר אִיז אַ פֶערְד אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוֹיף דֶער בְּרִיק, הָאסְטוּ זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט. דֶערְנָאךְ זֶענֶען דִי אַקְסְן צוּבְּרָאכְן גֶעוָוארְן, דֶערְנָאךְ הָאסְטוּ מִיךְ בַּאגֶעגֶענְט, הָאבּ אִיךְ דִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז אַ קַל. הַיינְט אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין דַיין זוּן גֶעפַּאטֶערְט, הַיינְט מֶעגְסְטוּ שׁוֹין פָּארְן. יֶעצְט הָאט עֶר שׁוֹין אוֹיסְגֶעזָאגְט דֶעם אֱמֶת אַז עֶר אִיז דֶער ס"מ אַלֵיין, אוּן זַיין צִיהל אִיז נָאר גֶעוֶוען צוּרִיק צוּ הַאלְטְן אַז דֶער זוּהן זָאל נִישְׁט פָארְן צוּם צַדִּיק.

וָוארְן (וַוייל) דֶער זוּן אִיז גֶעוֶוען אַ בְּחִינַת מָאוֹר הַקָּטָן אוּן דֶער צַדִּיק וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט צוּ אִים פָארְן עֶר אִיז אַ בְּחִינַת מָאוֹר הַגָּדוֹל. אוּן אַז זֵיי בֵּיידֶע זָאלְן זִיךְ גֶעוֶוען אִין אֵיינֶעם צוּנוֹיפְקוּמֶען וָואלְט מָשִׁיחַ גֶעקוּמֶען. אוּן הַיינְט אַז אִיךְ הָאבּ אִים שׁוֹין גֶעפַּאטֶערְט, מֶעגְסְטוּ שׁוֹין פָּארְן. דָאס אִיז בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ, דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר גֵייט צוּ אַ צַדִּיק, אוּן דֶער צַדִּיק בְּרֶענְגְט אִים נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט בַּיי דֶעם מֶענְטְשׁ אַ גְאוּלָה פְּרָטִית עֶר וֶוערְט אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן זַיינֶע צָרוֹת אוּן עֶר וֶוערְט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דָאס פְּרוּבִּירְט דֶער יֵצֶר הָרַע צוּ צוּשְׁטֶערְן, אוּן עֶר וֶועט טוּהן אַלֶע פְּעוּלוֹת צוּ זֶעהן אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט גֵיין צוּם צַדִּיק, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן אִים.

(פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה)

(נהרי אפרסמון)




## ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע ספרי ברסלב

27 Skillman St.

אדער רופט 347-977-7994

## קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

212-444-9191

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות....................4:15
סוף זמן קר"ש....................8:41
מוצש"ק..............................5:45

**שיעורים כסדרן**
בבלי..........................יומא ט"ו
ירושלמי..................שבועות כ"ח
תוספתא..........בבא קמא פרק ו'

פרשת וישב, כ' כסליו, שנת תשע"ד לפ"ק
שנה 3, גליון 11 (111)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְהִנֵּה אֲנַחְנוּ מְאַלְּמִים אֲלֻמִּים בְּתוֹךְ הַשָּׂדֶה וְהִנֵּה קָמָה אֲלֻמָּתִי וְגַם נִצָּבָה וְהִנֵּה תְסֻבֶּינָה אֲלֻמֹּתֵיכֶם וַתִּשְׁתַּחֲוֶיןָ לַאֲלֻמָּתִי**, ר' נָתָן אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת הַשְׁכָּמַת הַבֹּקֶר הֲלָכָה ג'), אַז אַ בִּינְטְל אִיז מְרַמֵּז אוֹיף חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, וָואס אִיז אַזוֹי וִוי אַ בִּינְטְל, צַאמְגֶעבִּינְדְן אַסַאךְ תּוֹרוֹת פוּן אַסַאךְ פְּלֶעצֶער.

עֶס אִיז דָא אַסַאךְ מִינֵי חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, אוֹיף אַסַאךְ וֶועגְן, פְּשַׁט, רֶמֶז, דְרוּשׁ, סוֹד, אָבֶּער דִי בֶּעסְטֶע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה זֶענֶען, וֶוען דָאס אִיז מְחַזֵּק אַ מֶענְטְשׁ, עֶס הֵייבְּט אִים אוֹיף, אַז עֶר זָאל מֶער דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער.

דָאס הָאט יוֹסֵף הַצַדִּיק גֶעזָאגְט: אַלֶע שְׁבָטִים זֶענֶען מְחַדֵּשׁ חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, אָבֶּער מַיין בִּינְטְל הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, דָאס מֵיינְט אַז מַיינֶע חִידוּשִׁים זֶענֶען גֶעמַאכְט אוֹיפְצוּהֵייבְּן יוּדִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי מְחַזֵּק צוּ זַיין, אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צוּבְּרֶעכְן פוּן גָארְנִישְׁט, נָאר זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דֶערְפַאר הָאבְּן זִיךְ אַלֶע בִּינְטְלֶעךְ גֶעבִּיקְט צוּ מַיין בִּינְטְל, וַוייל דָאס אִיז דֶער עִיקָר פוּן חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, אַז עֶס זָאל זַיין לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה זִיךְ אוֹיפְצוּהֵייבְּן אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן.

אוּן אַוַדַאי טָאר מֶען נִישְׁט זָאגְן אַזֶעלְכֶע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה וָואס וַוארְפְן אַרָאפּ אַ מֶענְטְשׁ, וָואס מַאכְן אִים פִילְן אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְט, אַז עֶר קֶען שׁוֹין מֶער נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין, וַוייל דֶער אֱמֶת אִיז אַ מֶענְטְשׁ קֶען אֵייבִּיג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער זֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (הַקְדָמָה בְּרֵאשִׁית ה.) אַז וֶוען מֶען אִיז מְחַדֵּשׁ אֱמֶת'ע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, בַּאשַׁאפְט מֶען דוּרְךְ דֶעם נֵייעֶ הִימְלֶען, אוּן וֶוען מֶען אִיז מְחַדֵּשׁ פַאלְשֶׁע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, בַּאשַׁאפְט מֶען דוּרְךְ דֶעם פַאלְשֶׁע הִימְלֶען.

לִכְאוֹרָה אִיז שְׁוֶוער וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אַז מֶען בַּאשַׁאפְט פַאלְשֶׁע הִימְלֶען? אוֹיבּ אִיז עֶס פַאלְשׁ, אִיז עֶס דָאךְ נִישְׁט קַיין הִימְל? נָאר דֶער פְּשַׁט אִיז, אַז אוֹיבּ דִי חִידוּשֵׁי תּוֹרָה זָאגְן, אַז פוּן הִימְל דַארְף מֶען דִיר מֶער נִישְׁט הָאבְּן, מֶען קוּקְט שׁוֹין נִישְׁט אוֹיף דִיר פוּן הִימְל, דָאס אִיז דִי פַאלְשֶׁע הִימְלֶען, וַוייל בֶּאֱמֶת קוּקְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֶענְדִיג אוֹיף יֶעדְן אִיד, אוּן עֶר דַארְף הָאבְּן יֶעדְן אִיד.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זָאגְן נָאר אַזֶעלְכֶע חִידוּשִׁים, וָואס הֵייבְּן אוּן שְׁטַארְקְן אַ אִיד, וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צוּבְּרֶעכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית וַיֵּשֶׁב תשנ"ט לפ"ק)

***

**וַיְהִי ה' אֶת יוֹסֵף וַיְהִי אִישׁ מַצְלִיחַ וַיְהִי בְּבֵית אֲדוֹנָיו הַמִּצְרִי**, מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ אַ פָּשׁוּטֶער אִיד ~

דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה צוּ וָואס אַ אִיד קֶען צוּקוּמֶען אִיז צוּ זַיין אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד, צוּ טוּהְן אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן אוּן נִישְׁט צוּ טוּהְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַארְבָּאטְן.

אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ חֵשֶׁק אוּן אַ תַּאֲוָה צוּצוּקוּמֶען צוּ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת פוּן צַדִיקִים. אַוַדַאי אִיז גוּט צוּ הָאבְּן אַזֶעלְכֶע תְּשׁוּקוֹת, אָבֶּער מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דָאס זָאל נִישְׁט אַרָאפּ וַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ. וַוייל וֶוען אֵיינֶער טְרַאכְט נָאר אַז עֶר וִויל צוּקוּמֶען צוּ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת אוּן עֶר זֶעהט אַז עֶס גֵייט נִישְׁט, עֶר פַאלְט דוּרְךְ אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, וֶוערְט עֶר צוּבְּרָאכְן אוּן עֶר גֶעבְּט אִינְגַאנְצְן אוֹיף.

אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זוּכְט נִישְׁט קַיין הוֹיכֶע זַאכְן, נָאר עֶר וִויל בְּלוֹיז טוּהְן דֶעם רָצוֹן ה', אוּן וֶוען עֶר פַאלְט דוּרְךְ קוּמְט עֶר צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ טוּהְן כָּאטְשׁ וָואס עֶר קֶען מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, דַאן וֵוייסְט עֶר אַז עֶר אִיז אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג.

אוּן בֶּאֱמֶת קֶען אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט וִויסְן וואוּ עֶר הַאלְט צוּ עֶר אִיז יֶעצְט אוֹיף אַ הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה אָדֶער אַ נִידְרִיגֶע. אַמָאל אִיז אֵיינֶער צוּבְּרָאכְן אוּן צוּקְלַאפְּט, עֶר פִיהלְט אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְט, אוּן בֶּאֱמֶת דַוְקָא דֶעמָאלְט אִיז עֶר גָאר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קָרוֹב ה' לְנִשְׁבְּרֵי לֵב, אוּן דַוְקָא דַאן וֶוען עֶר טוּט אַ גוּטֶע זַאךְ אִיז עֶס נָאךְ מֶער חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, אַמָאל פִיהלְט זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ דֶערְהוֹיבְּן, עֶר מֵיינְט אַז עֶר אִיז מַמָשׁ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, אוּן בֶּאֱמֶת אִיז עֶר דֶעמָאלְט גָאר וַוייט

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

י"ב) אַז אֲפִילוּ וֶוען אַ אִיד פַאלְט דוּרְךְ מִיט עֲבֵירוֹת, עֶר אִיז וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיבּ אָבֶּער עֶר גִיבְּט נִישְׁט אוֹיף, עֶר בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר, וַוייז מִיר דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג", וֶועט עֶר זִיכֶער צוּם סוֹף זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא וַיֵּשֶׁב) אוֹיפְן פָּסוּק **וַיַּרְא אֲדֹנָיו כִּי ה' אִתּוֹ**, פּוֹטִיפַר הָאט גֶעזֶעהְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט יוֹסֵף. פְרֶעגְט דֶער מֶדְרָשׁ: "וִוי אַזוֹי הָאט דֶער טָמֵא'נֶער גוֹי פּוֹטִיפַר גֶעווּאוּסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט יוֹסֵף?" זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ אַז יוֹסֵף הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען עֶר אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען בַּאדִינֶען זַיין הֶער, הָאט עֶר שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶּער, נָאר דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל גֶעפִינֶען חֵן אִין דִי אוֹיגְן פוּן מַיין הֶער, עֶר זָאל זַיין צוּפְרִידְן מִיט מִיר", אוּן פּוֹטִיפַר הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס זָאגְסְטוּ דָארְט שְׁטִילֶערְהֵייט? דוּ מַאכְסְט מִיט מִיר כִּישׁוּף?" הָאט יוֹסֵף גֶעעֶנְטְפֶערְט: "נֵיין, אִיךְ רֶעד נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ בֶּעהְט אִים אַז אִיךְ זָאל מַצְלִיחַ זַיין" אוּן פוּן דֶעם הָאט פּוֹטִיפַר גֶעזֶעהְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט יוֹסֵף.

אוּן דֶערְפַאר הָאט זִיךְ יוֹסֵף גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן אִין זַיין שְׁוֶוערֶע מַצָּב וֶוען עֶר אִיז פַארְוָוארְפְן גֶעוָוארְן קַיין מִצְרַיִם, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל מַצְלִיחַ זַיין.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וַיְהִי ה' אֶת יוֹסֵף וַיְהִי אִישׁ מַצְלִיחַ וַיְהִי בְּבֵית אֲדוֹנָיו הַמִּצְרִי**, יוֹסֵף הָאט זֵייעֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, אֲפִילוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין דִי מִצְרִי'שֶׁע הוֹיז, וַוייל עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הָאט עֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, אוּן אָנְקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיֵּשֶׁב ט)

***

**וַיֵּרֶד יְהוּדָה מֵאֵת אֶחָיו וַיֵּט עַד אִישׁ עֲדֻלָּמִי וּשְׁמוֹ חִירָה.** רַשִׁ"י זָאגְט אַז דִי שְׁבָטִים הָאבְּן אַרָאפְּגֶענִידֶערְט יְהוּדָה פוּן זַיין גְרוֹיסְקַייט וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז עֶר וָואלְט גֶעקֶענְט צוּרִיק הַאלְטְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט פַארְקוֹיפְן יוֹסֵף אוּן דֶער טַאטֶע יַעֲקֹב זָאל נִישְׁט הָאבְּן אַזוֹיפִיל צַעַר.

זָאגְט דֶער פָּסוּק אַז יְהוּדָה אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ "אַ מֶענְטְשׁ" חִירָה, מֶען זֶעהְט אַז דֶער פָּסוּק רוּפְט אִים אָן "אַ מֶענְטְשׁ" אוּן נִישְׁט "זַיין חָבֵר", וַוייטֶער אִין דִי פַּרְשָׁה שְׁטֵייט, **וַיִּשְׁלַח יְהוּדָה אֶת גְּדִי הָעִזִּים בְּיַד "רֵעֵהוּ" הָעֲדֻלָּמִי**, דָא וֶוערְט עֶר שׁוֹין אָנְגֶערוּפְן "זַיין חָבֵר".

מוֹהַרְאַ"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר אַז אַזוֹי דֶערְקֶענְט מֶען וֶוער עֶס אִיז אַן אֱמֶת'ֶער חָבֵר אוּן וֶוער נִישְׁט. וֶוען עֶס גֵייט גוּט פַאר אַ מֶענְטְשׁ אוּן עֶר אִיז בְּרוּם הַמַּעֲלָה אוּן דַאן הָאט עֶר חֲבֵרִים, מֵיינְט דָאס נִישְׁט אַז זֵיי זֶענֶען אֱמֶת'ֶע חֲבֵרִים, נָאר זֵיי ווִילְן זִיךְ פָּשׁוּט חֲנְפְ'עֶנֶען צוּ אִים.

וֶוען זֶעהְט מֶען וֶוער עֶס אִיז אַן אֱמֶת'ֶער חָבֵר? וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן גֵיין בַּארְג אַרָאפּ, עֶר פַארְלִירְט זַיין גְדוּלָה אוּן דֶער חָבֵר שְׁטֵייט אִים נָאךְ וַוייטֶער צוּ דִי הַאנְט אִים אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן, דָאס מֵיינְט אַן אֱמֶת'ֶער חָבֵר.

דָאס זֶעהְט מֶען דָא אִין פָּסוּק, נָאכְדֶעם וָואס דִי שְׁבָטִים הָאבְּן אַוֶועק גֶענוּמֶען דִי גְדוּלָה פוּן יְהוּדָה, אוּן נָאךְ דִי מַעֲשֶׂה פוּן תָּמָר וָואס יְהוּדָה הָאט גֶעזָאגְט פֶּן נִהְיֶה לָבוּז, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בִּזָּיוֹן פַאר יְהוּדָה, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט אִים דֶער חָבֵר נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט, דָאס הֵייסְט אַן אֱמֶת'ֶער חָבֵר.

אוּן דֶערְפַאר וֶוען אֵיינֶער זֶעהְט בַּיי זַיין חָבֵר אַז עֶר אִיז גֶעפַאלְן, זָאל עֶר אִים נִישְׁט אָפְּלָאזְן, נָאר פַארְקֶערְט עֶר זָאל אִים מֶער מְחַזֵּק זַיין, וַוייל תְּשׁוּבָה הֶעלְפְט אֵייבִּיג, אוּן מִיט אַבִּיסְל חִיזּוּק קֶען מֶען אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם גוּטְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרְאַ"שׁ חֵלֶק ח' עֶרֶךְ חָבֵר)

## שִׂיחוֹת מוֹהַרְאַ"שׁ

פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער צִיהל פוּן אַ אִיד דַארְף זַיין בְּלוֹיז צוּ טוּהן דִי פָּשׁוּטֶע מִצְוֹת, דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת מִיט מִנְיָן, לֵייגְן תְּפִלִּין יֶעדְן טָאג, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, הִיטְן שַׁבָּת, אוּן דָאס גְלַייכְן. אוּן דֶער צִיהל טָאר נִישְׁט זַיין צוּ קוּמֶען צוּ הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת פוּן צַדִּיקִים, וַוייל דַאן וֶועט מֶען זֵייעֶר גְרִינְג אַוֶועק פַאלְן. אוֹיבּ אַ אִיד וֶועט זִיךְ אוֹיפְפִירְן וִוי אַ פָּשׁוּטֶער אִיד, אוּן מְקַיֵּים זַיין דִי פָּשׁוּטֶע אִידִישְׁקַייט, דַאן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שׁוֹין גֶעבְּן דִי אַלֶע מַדְרֵיגוֹת בְּמַתָּנָה.

### פּוּנְקְט פַארְקֶערְט...

דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זִי"עַ הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד וָואס הָאט גֶעוָואלְט פָארְן צוּ זַיין רֶבִּי'ן אוֹיף יוֹם טוֹב פֶּסַח, עֶר הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיפְן וֶועג. אִינְמִיטְן וֶועג הָאט זִיךְ דִי וָואגְן צוּבְּרָאכְן, אוּן עֶר הָאט גֶעדַארְפְט וַוארְטְן אַז מֶען זָאל פַארֶעכְטְן דִי וָואגְן, אוּן אִינְצְוִוישְׁן אִיז גֶעוָוארְן נַאכְט אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט נֶעכְטִיגְן אִינְמִיטְן וֶועג. עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען עֶרֶב פֶּסַח אוּן עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר וַוייט פוּן לוּבְּלִין, אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר מְצַעֵר גֶעוֶוען אַז עֶר וֶועט מוּזְן בְּלַייבְּן אוֹיפְן וֶועג אוֹיף יוֹם טוֹב, עֶר וֶועט מוּזְן בְּלַייבְּן אִין אַ דֶערְפְל, אוּן וֶוער וֵוייסְט אוֹיבּ עֶר וֶועט הָאבְּן מַצּוֹת אוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן אוֹיף יוֹם טוֹב.

לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר טַאקֶע גֶעבְּלִיבְּן אִין אַ קְלֵיין דֶערְפְל אוֹיף יוֹם טוֹב, עֶר הָאט גֶעדַאוְונְט מַעֲרִיב אִינֶעם אָרְטִיגְן שׁוּהל, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס הַארְצְוֵוייטָאג אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אַז עֶר מוּז בְּלַייבְּן אִין אַ פַארְוָוארְפְן דֶערְפְל מִיט פָּשׁוּטֶע דָארְפִישֶׁע אִידְן, אִין דִי צַייט וָואס עֶר וָואלְט גֶעקֶענְט יֶעצְט זַיין בַּיי זַיין גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן אִין לוּבְּלִין.

נָאכְן דַאוֶוענֶען הָאט אִים אַ דָארְפְס-אִיד אַיינְגֶעלַאדֶענְט צוּם סֵדֶר, קַיין צְוֵוייטֶע בְּרֵירוֹת הָאט עֶר סַיי וִוי נִישְׁט גֶעהַאט אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען מִיט אִים צוּם סֵדֶר, דֶער אִיד הָאט גֶעפִירְט דֶעם סֵדֶר זֵייעֶר פָּשׁוּט, עֶר הָאט גֶעזִינְגֶען דִי הַגָּדָה אוֹיפְן קוֹל, אָבֶּער אַזוֹי וִוי עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּ גוּט עִבְרִי הָאט עֶר עֶס גֶעזָאגְט מִיט אַסַאךְ טָעוּתִים, אוּן דֶער תַּלְמִיד הָאט נָאךְ מֶער גֶעוֵויינְט אַז עֶר דַארְף דָא זַיין בַּיים סֵדֶר פוּן אַזַא פָּשׁוּטֶער אִיד וָואס אֲפִילוּ קַיין עִבְרִי קֶען עֶר נִישְׁט, דֶער דָארְפְס-אִיד הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען קַיין חָכְמוֹת, עֶר הָאט גֶעזֶעהְן וִוי דֶער אוֹרֵחַ וֵויינְט אַזוֹי בַּיי דִי הַגָּדָה, אוּן עֶר הָאט שׁוֹין

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

פְרִיעֶר גֶעזֶעהן וִוי דֶער אוֹרֵחַ הָאט אַזוֹי גֶעוֵויינְט בַּיים דַאוֶונֶען אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער אוֹרֵחַ אִיז אַ חָשׁוּבֶער אִיד, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז מִסְתָּמָא וֵויינְט עֶר וַוייל אִין דִי שְׁטִיקְלֶעךְ הַגָּדָה זֶענֶען בַּאהַאלְטְן גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת, הָאט עֶר גֶעזִינְגֶען נָאךְ הֶעכֶער דִי הַגָּדָה אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ מִיט אַסַאךְ טָעוּתִים, אוּן דֶער תַּלְמִיד הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּארוּהִיגְן פוּן זַיין צַעַר אַז עֶר דַארְף זִיךְ דָא גֶעפִינֶען בַּיי אַזַא פָּשׁוּט'ן אִיד. נָאכְן סֵדֶר אִיז עֶר גְלַייךְ אַנְטְשְׁלָאפְן גֶעוָוארְן פוּן גְרוֹיס בִּיטֶערְנִישׁ.

אִינְדֶערְפְרִי הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעכַאפְּט אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אִיבֶּער טְרַאכְטְן אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהן אַז עֶר הָאט זֵייעֶר נִישְׁט גוּט גֶעטוּהן אַז עֶר הָאט גֶעוֵויינְט אַזוֹי, עֶר הָאט דָאךְ גֶעהֶערְט אַסַאךְ מָאל פוּן זַיין רֶבִּי'ן אַז מֶען דַארְף זִיךְ אֵייבִּיג שְׁטַארְקְן, אוֹיבּ אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶעם פְּלַאץ אוֹיף יוֹם טוֹב אִיז עֶס זִיכֶער גֶעוֶוען מִיט הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעפִירְט, אוּן עֶר דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט שִׂמְחָה אוּן נִישְׁט זַיין אַזוֹי צוּבְּרָאכְן, אוּן עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז בַּיים צְוֵוייטְן סֵדֶר וֶועט עֶר שׁוֹין זַיין פְרֵיילִיךְ.

אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, בַּיים צְוֵוייטְן סֵדֶר אִיז עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, עֶר הָאט גֶעפִירְט דֶעם סֵדֶר מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִיהלְט גָאר שְׁטַארְק דֶערְהוֹיבְּן, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַ הֶעכֶערְקַייט אִינֶעם סֵדֶר.

גְלַייךְ נָאךְ דִי עֶרְשְׁטֶע טֶעג הָאט עֶר זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט וַוייטֶער אוֹיפְן וֶועג צוּ זַיין רֶבִּי'ן אוֹיף לוּבְּלִין. וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה אוֹיפְגֶענוּמֶען בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "וואוּ בִּיזְטוּ גֶעוֶוען בַּיי עֶרְשְׁטְן סֵדֶר? דַיין סֵדֶר הָאט גֶעלָאכְטְן אִין אַלֶע וֶועלְטְן", דֶער תַּלְמִיד רוּפְט זִיךְ אָן: "דֶער רֶבִּי מֵיינְט זִיכֶער דִי צְוֵוייטֶע סֵדֶר, דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעפִיהלְט גָאר דֶערְהוֹיבְּן", "נֵיין נֵיין" - הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה גֶעעֶנְטְפֶערְט - "אִיךְ הָאבּ טַאקֶע גֶעמֵיינְט דִי עֶרְשְׁטֶע סֵדֶר, גְרַאדֶע בַּיי דַיין צְוֵוייטֶע סֵדֶר הָאט גָארְנִישְׁט עֶפֶּעס סְפֶּעצִיעֶל גֶעלָאכְטְן, פַארְקֶערְט עֶס אִיז גֶעוֶוען אַלֶעס טוּנְקֶל, אָבֶּער דַיין עֶרְשְׁטֶע סֵדֶר הָאט מַמָּשׁ גֶעלָאכְטְן אִין אַלֶע וֶועלְטְן. וואוּ בִּיזְטוּ גֶעוֶוען בַּיים עֶרְשְׁטְן סֵדֶר?".

יֶעצְט אִיז שׁוֹין דֶער תַּלְמִיד גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן צוּמִישְׁט. עֶר הָאט דָאךְ גֶעוואוּסְט דֶעם אֱמֶת אַז בַּיים עֶרְשְׁטְן סֵדֶר הָאט עֶר זִיךְ גֶעפִיהלְט אִינְגַאנְצְן פַארְגְרֶעבְּט, עֶר הָאט גֶעפִיהלְט אַז עֶר אִיז אַזוֹי נִידְרִיג אוּן וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר מוּז פִירְן אַזַא פָּשׁוּטֶע סֵדֶר, אוּן אוֹיף דֶעם זָאגְט גָאר דֶער רֶבִּי אַז עֶס הָאט גֶעלָאכְטְן אִין אַלֶע וֶועלְטְן. אוּן דִי צְוֵוייטֶע סֵדֶר וָואס דַאן אִיז עֶר גֶעוֶוען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִיהלְט אַזוֹי דֶערְהוֹיבְּן, עֶר הָאט גֶעפִיהלְט דִי הֶעכֶערְקַייט פוּנֶעם סֵדֶר, עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִיהלְט אַזוֹי נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פּוּנְקְט אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי טוּנְקֶל.

דַאן הָאט אִים זַיין רֶבִּי מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז דַוְקָא וֶוען אַ אִיד פִיהלְט זִיךְ אַזוֹי פָּשׁוּט אוּן אַזוֹי וַוייט, אוּן עֶר טוּט דִי מִצְוֹת ה' פָּשׁוּט'עֶרְהֵייט וַוייל אַזוֹי הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהֵייסְן, דַאן שַׁיינְט עֶר אִין אַלֶע וֶועלְטְן, אוּן פַארְקֶערְט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִיהלְט זִיךְ דֶערְהוֹיבְּן דַאן אִיז עֶר אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, עֶר קֶען זֵייעֶר שְׁנֶעל אַוֶועק פַאלְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין גְדוּלָה.

זֶעהט מֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וִויסְן וואוּ עֶר הַאלְט, עֶר דַארְף נָאר טוּהן פָּשׁוּט דִי מִצְוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן אוּן נִישְׁט זוּכְן עֶפֶּעס הֶעכֶערְס, צוּ זַיין מֶער דֶערְהוֹיבְּן, וַוייל דַאן וֶועט עֶר אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט אָנְקוּמֶען, עֶר וֶועט נָאר אַרָאפּ פַאלְן.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, עֶר זוּכְט נָאר צוּ זַיין אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד, צוּ טוּהן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, אוּן וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ, וָואס עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן סַיי בְּרוּחֲנִיּוּת דֶערְצֵיילְט עֶר אוֹיס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן טוּט שְׁטֶענְדִיג תְּשׁוּבָה, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ דִי וֶועלְט אוּן צוּ יֶענֶע וֶועלְט, אוּן עֶר וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט דֶערְוַוייטֶערְט וֶוערְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ו' עֶרֶךְ עֲלִיּוֹת)

# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

## מַעֲשֶׂה ח' מֵרַב וּבֵן יָחִיד

אוּן דֶער סוֹחֵר אִיז גֶעוֶוען דֶער ס"מ אַלֵיין וָואס עֶר הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט פַאר אַ סוֹחֵר אוּן הָאט זֵיי אָפְּגֶענַארְט. אוּן דֶערְנָאךְ אַז עֶר הָאט זִיךְ דָאס אַנְדֶערֶע מָאל בַּאגֶעגֶענְט מִיט דֶעם רָב, הָאט עֶר זִיךְ מִיט אִים אַלֵיין גֶערֵייצְט נָאךְ וָואס עֶר הָאט אִים גֶעפָאלְגְט. וָוארְן (וַוייל) אַזוֹי אִיז דֶער סֵדֶר פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע, פְרִיעֶר רֶעדְט עֶר אָן דֶעם מֶענְטְשׁ. אוּן אַז דֶער מֶענְשׁ פָאלְגְט אִים חַס וְשָׁלוֹם, רֵייצְט עֶר אַלֵיין זִיךְ דֶערְנָאךְ מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן אִיז זִיךְ אִין אִים אַלֵיין נוֹקֵם, נָאךְ וָואס עֶר הָאט אִים גֶעפָאלְגְט. הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ זָאל אוּנְז מַצִּיל זַיין פוּן אִים, אוּן זָאל אוּנְז אוּמְקֶערְן צוּם רֶעכְטְן אֱמֶת, אָמֵן.

---

דָאס אִיז דִי וֶועג פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (בָּבָא בַּתְרָא ט"ז.) דֶער יֵצֶר הָרַע אִיז דֶער שָׂטָן אוּן אוֹיךְ דֶער מַלְאַךְ הַמָּוֶת, קוֹדֶם רֶעדְט עֶר צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ טוּהן שְׁלֶעכְטְס אוּן דֶערְנָאךְ אִיז עֶר מְקַטְרֵג אוֹיף אִים אוּן עֶר הַרְגֶ'ט אִים. דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ נוּצְן זַיין שֵׂכֶל אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְפִירְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס וִויל אִים נָאר הַרְגֶ'עֶנֶען.

אוּן סְפֶּעצִיעֶל בַּיי דֶעם עִנְיָן פוּן גֵיין צוּ אַ צַדִּיק, דַארְף אַ מֶענְטְשׁ גוּט וִויסְן אַז עֶר וֶועט הָאבְּן אַלֶע סָארְט מְנִיעוֹת אוּן שְׁטֶערוּנְגֶען וָואס וֶועלְן אִים וֶועלְן צוּרִיק הַאלְטְן פוּן גֵיין צוּ אַ צַדִּיק, וַוייל דֶער ס"מ וֵוייסְט אַז אֵיינְמָאל דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זַיין בַּיים צַדִּיק הָאט עֶר מֶער נִישְׁט וָואס צוּ טוּהן, אוּן דֶערְפַאר וֶועט עֶר טוּהן אַלֶעס אִין דִי וֶועלְט צוּרִיק צוּ הַאלְטְן אַ מֶענְטְשׁ פוּן גֵיין צוּ אַ צַדִּיק.

אוּן פוּן הִימְל גֶעבְּט מֶען רְשׁוּת פַארְן יֵצֶר הָרַע צוּ אוֹיסְפְּרוּבִּירְן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיבּ עֶר מֵיינְט עֶס טַאקֶע אֱמֶת'דִיג, אוֹיבּ עֶר אִיז טַאקֶע רָאוּי מְקוֹרָב צוּ וֶוערְן צוּם צַדִּיק. וַוייל צוּמָאל הָאט דֶער מֶענְטְשׁ גֶעטוּהן עֲבֵירוֹת, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן דֶערְפַאר אִיז עֶר בֶּאֱמֶת נִישְׁט רָאוּי צוּ וֶוערְן מְקוֹרָב צוּם צַדִּיק, אוּן דֶערְפַאר מוּז עֶר הֶערְן אַלֶע סָארְט הִתְנַגְּדוּת אוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן אוֹיפְן צַדִּיק (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ה'). אָבֶּער וֶוער עֶס הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, וֶועט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי אַלֶע שְׁטְרוֹיכְלוּנְגֶען, נָאר עֶר וֶועט אַלֶעס אַרִיבֶּער שְׁפְּרִינְגֶען אוּן גֵיין צוּם צַדִּיק, וָואס דֶער צַדִּיק וֶועט אִים אוֹיסְהֵיילְן פוּן זַיינֶע רוּחְנִיּוּת'דִיגֶע קְרֶענְק אוּן אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן בֶּאֱמֶת זַיין מְקוֹרָב צוּ צַדִּיקִים, אוּן פָאלְגְן אַלֶע זֵייעֶרֶע לִמּוּדִים, בִּיז מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּהן בֶּאֱמֶת אוּן זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֶענְדִיג אָמֵן וְאָמֵן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח תשס"ה)

**תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָקֵל בּוֹרֵא עוֹלָם!**

המדור הזה לזכות מו"ה שמעון בן אברהם נ"י

# נָאר אֵיין אַדְרֶעס וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן

דָאס אִיז דֶער שְׁלֵימוּת פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אַז אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז עֶר הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט, אוּן עֶר הָאט נָאר אֵיין אַדְרֶעס וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן, צוּם בַּאשֶׁעפֶער. אָבֶער אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל דָאס אַרַיינֶעמֶען אִין זִיךְ אוּן לֶעבְּן אַזוֹי, אִיז נִישְׁט אַזוֹי גְרִינְג, בִּפְרַט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ רַחְמָנָא לִצְלָן שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט דִי פָאלְגֶענְדֶע מַעֲשֶׂה (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תרח): אִין דִי צַייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיז גֶעוֶוען אַ עֶרְלִיכֶער יוּנְגֶערְמַאן, אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן אוּן חַרִיף, וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט זֵייעֶר פְלַייסִיג, אוּן דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט הָאט זִיךְ מִיט אִים גֶעטְשַׁאטְשְׁקֶעט, אוּן יֶעדֶער הָאט אִים זֵייעֶר מְכַבֵּד גֶעוֶוען, עֶר אִיז אָבֶער גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מִתְנַגֵּד אוֹיפְן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב.

וַיְהִי הַיּוֹם, אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזֶעהְן וָואסְפַּארַא הֵיילִיגֶע גְרוֹיסֶע נְשָׁמָה דֶער יוּנְגֶערְמַאן הָאט, [בֶּאֱמֶת הָאט יֶעדֶער אִיד אַ הוֹיכֶע נְשָׁמָה, אוּן יֶעדֶער אִיד אִיז אַ דֵיימַאנְט, נָאר דָאס אִיז אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט מַארַאסְט אוּן שְׁמוּץ, בִּיז עֶס קוּמְט אַ צַדִּיק, אוּן לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ אִין דִי טִיפֶענִישׁ אוּן נֶעמְט אִים אַרוֹיס פוּן זַיין גֶעדֶעכְטֶע בְּלָאטֶע, אוּן וַואשְׁט אִים אוּן רֵיינִיגְט אִים אָפּ פוּן דִי בְּלָאטֶע וָואס עֶר הָאט אוֹיף זִיךְ, דֶעמָאלְטְס זֶעהְט מֶען וָואסְפַּארַא שֵׁיינֶע הֶערְלִיכֶע דֵיימַאנְט עֶר אִיז]. אוּן עֶר הָאט גֶעהֵייסְן פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים מֶען זָאל זֶעהְן צוּ בְּרֶענְגְן דֶעם יוּנְגֶערְמַאן צוּ אִים.

עֶנְדְלִיךְ הָאט מֶען אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּם בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ, אָבֶער דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ הָאט אִים אַלְץ אָפְּגֶעשְׁטוּפְּט אוּן מְרַחֵק גֶעוֶוען, אוּן גָארְנִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט אִים, דֶער יוּנְגֶערְמַאן הָאט גֶעהַאט דֶערְפוּן גְרוֹיס חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען צוּגֶעוואוֹינְט שְׁטֶענְדִיג צוּ זִיצְן אוּן לֶערְנֶען, אוּן דָא גֵייט אִים שׁוֹין דוּרְךְ עֶטְלִיכֶע טֶעג מִיט בִּיטוּל תּוֹרָה, [וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען, בִּפְרַט אַז עֶר לֶערְנְט לוֹיטְן 'סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד' פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט עֶר זֵייעֶר לִיבּ צוּ לֶערְנֶען, אוּן דָאס אִיז זַיין בֶּעסְטֶע פַארְגֶענִיגְן,] אוּן עֶר הָאט שׁוֹין גֶעוָואלְט צוּרִיק אַהֵיימְפָארְן, דֶערְפַאר אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מִיט גְרוֹיס הַכְנָעָה, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט, דֶעמָאלְטְס הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ מְקָרֵב גֶעוֶוען אוּן אִים גֶעזָאגְט: זָאלְסְט וִויסְן אַז יֶעצְט וֶוען דוּ וֶועסְט צוּרִיק אַהֵיים גֵיין וֶועט דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט אָנְהֵייבְּן צוּ רֶעדְן אוֹיף דִיר, אוּן אוֹיךְ דִי גַאנְצֶע מְדִינָה וֶועט רֶעדְן אוֹיף דִיר, אוּן דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער וֶועלְן אוֹיף דִיר רֶעדְן, אוּן אֲפִילוּ 'עוֹפוֹת' וֶועלְן דִיר שְׁטֶערְן. [דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ הָאט שׁוֹין מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען אוֹיף אִים אַזַא 'רוּחָנִיוּת', אַז עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן אַן אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ.]

וִוי נָאר עֶר אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען, הָאט טַאקֶע דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן אוֹיף אִים, דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ אוּן קִינְדֶער הָאבְּן שׁוֹין נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט אִין אִים, אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן אוֹיף אִים כָּל דָּבָר אָסוּר, אוּן אַזוֹי אַלֶע שְׁכֵנִים, נָאכְדֶעם דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט, נָאכְדֶעם דִי גַאנְצֶע גֶעגְנְט וְכוּ', וָואס דָאס אִיז אַן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע שְׁוֶוערֶע נִסָּיוֹן, אַמָאל ווִיל עֶר זִיךְ שְׁטֶעלְן דַאוֶוענֶען מִיט אַ הִתְלַהֲבוּת אוּן אַ חַיּוּת, קוּמְט אַ אִינְדִיק [טֶערְקִי] אוּן טַאנְצְט אַרוֹיף אוֹיף אִים, אוּן צוּשְׁטֶערְט אִים דָאס גַאנְצֶע דַאוֶוענֶען, הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט, אוּן עֶר הָאט אִים פַארְטְרִיבְּן, אוּן וַוייטֶער גֶעדַאוֶוענְט, אָבֶער נָאכְדֶעם וָואס דֶער טֶערְקִי אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען עֶטְלִיכֶע מָאל אוּן אִים גֶעשְׁטֶערְט, הָאט עֶר זִיךְ שׁוֹין מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען אַז עֶר וֶועט נֶעמֶען אַ הַאק, אוּן אִים אָפְּהַאקְן דֶעם קָאפּ: גֶענוּג אַז מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן דִי שְׁכֵנִים מִיט דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט קְרִיגְן אוֹיף מִיר, דַארְף אִיךְ נָאךְ לַיידְן פוּן אַ טֶערְקִי אוֹיךְ?! דִי לֶעצְטֶע מִינוּט הָאט עֶר זִיךְ אָפְּגֶעהַאלְטְן, וַוייל עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט וָואס דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט: אֲפִילוּ עוֹפוֹת וֶועלְן אוֹיף דִיר קְרִיגְן, אוּן עֶר זָאל זִיךְ אַיינְהַאלְטְן.

אוּן אַזוֹי זֶענֶען אַלְץ גֶעוֶוען אִידְן וָואס הָאבְּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע אוּן בִּיטֶערְסְטֶע מַצָּבִים, אוּן נִישְׁט פַארְלוֹירְן דִי אֱמוּנָה, אוּן עֶס אִיז נָאךְ הַיינְט דָא צְווִישְׁן אוּנְז אִידְן וָואס זֶענֶען דוּרְךְ דִי צְוֵוייטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה, וָואס רַחְמָנָא לִצְלָן זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן גֶעפַּיינִיגְט אוֹיף דִי עֶרְגְסְטֶע אוֹפַנִּים וָואס אִיז נָאר שַׁיָּיךְ, וָואס מֶען קֶען זִיךְ דָאס נִיטְאַמָאל פָארְשְׁטֶעלְן מִיטְן מֶענְטְשְׁלִיכְן שֵׂכֶל, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן בַּיי דִי אֱמוּנָה.

(קוּנְטְרֵס 'אַ סוֹף צוּ דִי צָרוֹת')

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## הערליכע חתונה פון נאך א תלמיד הישיבה

די וואך דינסטאג איז פארגעקומען די חתונה פון א תלמיד הישיבה החתן יואל לאנדא הי"ו אין די זאל פון בית רחל פאראדייס אין קרית יואל.

די בחורים זענען ארויס געפארן צו די חתונה און דארט משמח געווען דעם חתן אויף א געהויבענעם פארנעם ביז אין די שפעטע שעה'ן.

ווי מען זעהט לעצטנס הערט זיך נישט אויף די פלייץ פון חתונות, ווען בעזר ה' קומט פאר כמעט יעדע וואך נאך א חתונה פון א תלמיד הישיבה, דער אייבערשטער זאל ווייטער העלפן.

**שמח תשמח ריעים האהובים!**

***

## ביהמ"ד היכל הקודש בשכונת עצי תמרים אין קרית יואל בליעט

ווי שוין באקאנט האט זיך געעפנט נאך א בית המדרש היכל הקודש אין קרית יואל בשכונת עצי תמרים.

ווי ערווארטעט איז דער בית המדרש גאר שנעל געווארן א צוציאונגס קראפט פאר די גאנצע געגנט ווען פילע שכנים קומען אריין דאווענען און זיך אויך אנזאפן מיט די הייליגע לימודים פון רבי'ן וואס זענען מחי' נפשות.

במשך דעם שבת קומט פאר שיעורים אין בית המדרש אינעם רבינ'ס ספרים אזוי ווי מוהרא"ש לערנט אונז, זיך צו שטארקן אין יעדע מצב און אנגיין מיט א שטארקייט אין עבודת ה'.

לעצטנס האט מען שיין אהערגעשטעלט דעם בית המדרש עס זאל זיין כראוי וכיאות פארן רבי'נס בית המדרש.

מען האפט בעזר ה' אין די נאנטע טעג צו מאכן א גרויסע חנוכת הבית פארן בית המדרש בהשתתפות כ"ק מוהרא"ש שליט"א.

זאל דער אייבערשטער העלפן אז דער בית המדרש זאל ווייטער בליען לתפארת די גאנצע געגנט.

**אין זה כי אם בית אלקים!**




## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה יואל לאנדא הי"ו**

**צו זיין שמחת החתונה למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים, אמן.

## קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א**

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת מקץ, שבת חנוכה, מברכים חודש טבת, כ"ז כסליו, שנת תשע"ד לפ"ק
שנה 3, גליון 12 (112)


**זמנים**

הדלקת הנרות.......................4:12
סוף זמן קר"ש.......................8:46
מוצש"ק.......................5:42

**שיעורים כסדרן**

בבלי.......................יומא כ"ב
ירושלמי.......................שבועות ל"ה
תוספתא.......בבא מציעא פרק ב'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיִּשְׁלַח וַיִּקְרָא אֶת כָּל חַרְטֻמֵּי מִצְרַיִם וְאֶת כָּל חֲכָמֶיהָ וַיְסַפֵּר פַּרְעֹה לָהֶם אֶת חֲלֹמוֹ וְאֵין פּוֹתֵר אוֹתָם לְפַרְעֹה**, פַּרְעֹה הָאט גֶע'חָלוֹמ'ט זַיְינֶע חֲלוֹמוֹת, עֶר הָאט עֶם דֶערְצֵיילְט פַאר אַלֶע זַיְינֶע חֲכָמִים, זֵיי הָאבְּן עֶס פְּרוּבִּירְט צוּ בַּאשֵׁיידְן, וִוי רַשִׁ"י זָאגְט, אַז זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט גֶעבּוֹירְן זִיבְּן טֶעכְטֶער אוּן זֵיי וֶועלְן שְׁטַארְבְּן וְכוּ', אָבֶּער דִי אַלֶע פִּתְרוֹנוֹת אִיז נִישְׁט אַרַיין אִין פַּרְעֹה'ס קָאפּ, בִּיז יוֹסֵף הָאט אִים פּוֹתֵר חָלוֹם גֶעוֶוען.

דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, פַארְוָואס טַאקֶע הָאט פַּרְעֹה נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען זֵייעֶרֶע פִּתְרוֹנוֹת, נָאר יוֹסֵפ'ס פִּתְרוֹן?

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן רל"ד עיי"ש) אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים, דָאס הֵיילִיגְט אוּן רֵיינִיגְט אַ מֶענְטְשׁ, אָבֶּער מֶען דַארְף וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה.

וַוייל וֶוען מֶען דֶערְצֵיילְט נָאר דִי מוֹפְתִים וָואס אַ צַדִיק הָאט בַּאוִויזְן, כָאטְשׁ דָאס אִיז אוֹיךְ אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, וַוייל עֶס בְּרֶענְגְט אַז מֶען זָאל גְלֵייבְּן אִין צַדִיקִים, וָואס דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער עִיקָר פַאר אַ אִיד, אָבֶּער דֶער עִיקָר צִיל אִיז, צוּ דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת, וָואס מִיר קֶענֶען אוֹיךְ נָאכְמַאכְן.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען אוֹיךְ דֶערְצֵיילְן וִוי אַזוֹי זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן צַדִיקִים, אַז פוּן אָנְפַאנְג וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט וֶוערְן צַדִיקִים, הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ גֶעהַאט אַסַאךְ נִסְיוֹנוֹת, עֶס אִיז זֵיי נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען אַזוֹי גְרִינְג, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, אוּן זֵיי הָאבְּן אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר זָאל זֵיי הֶעלְפְן, בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן צַדִיקִים.

וֶוען מֶען דֶערְצֵיילְט עֶס אוֹיף אַזַא וֶועג, מַאכְט מֶען אַז מֶען זָאל עֶס וֶועלְן נָאכְמַאכְן, וַוייל מֶען זֶעהט אַז יֶעדֶער קֶען זַיין אַ צַדִיק אוֹיבּ מֶען וִויל, אוּן יֶעצְט הָאבּ אִיךְ שׁוֹין דִי עֵצָה אוּן דִי וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ וֶוערְן אַ צַדִיק, אָבֶּער וֶוען מֶען דֶערְצֵיילְט נָאר דֶעם מוֹפֵת פוּנֶעם צַדִיק מַאכְט עֶס טְרַאכְטְן: "אִיךְ קֶען דָאס נִישְׁט נָאכְמַאכְן, נָאר אֵיינֶער וָואס שְׁטַאמְט פוּן צַדִיקִים, אָדֶער נָאר אַ הוֹיכֶע נְשָׁמָה, קֶען וֶוערְן אַ צַדִיק".

אוּן מִיט דֶעם וֶועלְן מִיר פַארְשְׁטֵיין, פַארְוָואס פַּרְעֹה הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אָנְנֶעמֶען קֵיינֶעמְ'ס פִּתְרוֹן אוֹיפְן חָלוֹם נָאר פוּן יוֹסֵף, וַוייל דִי אַלֶע חֲכָמִים

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ יְמֵי חֲנוּכָּה לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל ~

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג, דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים זָאגְן אַז אִין דִי טֶעג פוּן חֲנוּכָּה שַׁיינְט דֶער אוֹר הַגָּנוּז, דִי גֶעוַואלְדִיגֶע לִיכְטִיגְקַייט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאהַאלְטְן פַאר דִי צַדִיקִים לֶעָתִיד לָבוֹא, דָאס שַׁיינְט פַאר יֶעדְן אִיד אִין דִי טֶעג, אוּן דָאס דֶערְוַוארִימְט יֶעדְן אִיד אַז עֶר זָאל שְׁפִּירְן דִי זִיסְקַייט אוּן גֶעשְׁמַאק פוּן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן נָאךְ מֶער אִיז דָאס וֶוען מֶען זִיצְט בַּיי דִי חֲנוּכָּה לִיכְט, מֶען קוּקְט אוֹיף דִי חֲנוּכָּה לִיכְט, דַאן קֶען יֶעדֶער אִיד שְׁפִּירְן דִי בַּאהַאלְטֶענֶע לִיכְטִיגְקַייט, עֶר קֶען פִיהלְן דִי נָאנְטְקַייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים לִיבּ אוּן ווִיל אִים הֶעלְפְן אִין יֶעדֶע מַצָּב. אַוַדַאי אִיז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אַנְדֶערְשׁ, יֶעדֶער שְׁפִּירְט לוֹיט זַיין מַדְרֵיגָה, אָבֶּער יֶעדֶער אִיד קֶען שְׁפִּירְן דֶעם אוֹר הַגָּנוּז וֶוען עֶר זִיצְט בַּיי דִי חֲנוּכָּה לִיכְט.

אוּן וֶוען מֶען פִיהלְט דֶעם גֶעשְׁמַאק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דַאן דִי בֶּעסְטֶע צַייט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּשְׁעַת מֶען זִיצְט בַּיי דִי חֲנוּכָּה לִיכְט אִיז אַ גוּטֶע צַייט זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן וָואס מֶען הָאט, אוּן אִים בֶּעטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אוּן אוֹיךְ בֶּעטְן אַז מֶען זָאל דָאס אֵייבִּיג וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקְן שְׁטֶענְדִיג אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא וואו אוּן צוּ וֶועם זִיךְ צוּ וֶוענְדְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, אוּן אוֹיךְ נָאךְ חֲנוּכָּה זָאל מֶען דָאס נִישְׁט פַארְגֶעסְן, נָאר אֵייבִּיג זִיךְ וֶוענְדְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### וָואס אִיז חֲנוּכָּה?

דִי טֶעג פוּן חֲנוּכָּה זֶענֶען גֶעשְׁטֶעלְט לְהַלֵּל וּלְהוֹדוֹת צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נִסִים וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהן מִיט אוּנְז.

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

הָאבְּן נָאר גֶעזָאגְט וָואס עֶס גֵייט גֶעשֶׁעהְן, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קֵיין עֵצָה, וָואס מֶען קֶען טוּהן זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן, אָבֶּער יוֹסֵף הָאט גֶעזָאגְט וָואס עֶס גֵייט גֶעשֶׁעהְן, אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעזָאגְט דִי עֵצָה, אַז מֶען זָאל אַוֶועקְלֵייגְן דִי תְּבוּאָה פוּן דִי זַאטֶע יָארְן צוּ דִי מָאגֶערֶע יָארְן, אוּן דֶערְפַאר הָאט פַּרְעֹה נָאר אָנְגֶענוּמֶען זַיין פִּתְרוֹן.

(תוך הנחל ליל שבת פרשת מקץ תשס"א)

***

**וְהָיָה הָאֹכֶל לְפִקָּדוֹן לָאָרֶץ לְשֶׁבַע שְׁנֵי הָרָעָב אֲשֶׁר תִּהְיֶיןָ בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם וְלֹא תִכָּרֵת הָאָרֶץ בָּרָעָב.** יוֹסֵף הַצַּדִּיק הָאט גֶעזָאגְט פַאר פַּרְעֹה אַז מֶען זָאל אַוֶועקְלֵייגְן דִי עֶסְן פוּן דִי זַאטֶע יָארְן פַאר דִי הוּנְגֶער יָארְן, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען נִישְׁט שְׁטַארְבְּן פַאר הוּנְגֶער.

מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט אוּנְז מְרַמֵּז זַיין, דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רכ"ב) אַז אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהט אַז אַ בְּלִינְדֶער מֶענְטְשׁ ל"ע וֶוערְט גֶעפִירְט דוּרְךְ אַ זֶעהֶענְדִיגֶער מֶענְטְשׁ, אָדֶער דֶער בְּלִינְדֶער גֵייט מִיט אַ שְׁטֶעקְן וָואס וַוייזְט אִים דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג, אוּן דֶער בְּלִינְדֶער פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְן אַנְדֶערְן מֶענְטְשׁ אָדֶער אוֹיפְן שְׁטֶעקְן אַז זֵיי וֶועלְן אִים פִירְן אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ, עֶס זֶענֶען דָא צַייטְן וָואס עֶר אִיז אַזוֹי וִוי בְּלִינְד, עֶר פִילְט גָארְנִישְׁט קֵיין גֶעשְׁמַאק אִין דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר טְרַאכְט אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְט, עֶר טְרַאכְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים שׁוֹין נִישְׁט הָאבְּן, אִין אַזַא צַייט אִיז דִי עֵצָה זִיךְ צוּ דֶערְמַאנֶען אִין דִי גוּטֶע צַייטְן וֶוען מֶען הָאט יָא גֶעפִילְט אַ גֶעשְׁמַאק אִין עֲבוֹדַת ה', אוּן דָאס גִיבְּט דִי כּוֹחוֹת וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין אֲפִילוּ יֶעצְט אוֹיף דִי מִינוּט פִילְט מֶען עֶס נִישְׁט.

דָאס קוּמְט אוּנְז דֶער פָּסוּק מְרַמֵּז זַיין, **וְהָיָה הָאֹכֶל לְפִקָּדוֹן לָאָרֶץ לְשֶׁבַע שְׁנֵי הָרָעָב**, דִי עֶסְן וָואס מֶען הָאט אִין דִי זַאטֶע יָארְן, דָאס מֵיינְט דִי גֶעשְׁמַאק וָואס מֶען פִילְט פוּן צַייט צוּ צַייט אִין עֲבוֹדַת ה', דָאס דַארְף מֶען אַוֶועקְלֵייגְן אוּן גֶעדֶענְקְן אִין דִי צַייט וָואס מֶען פִילְט עֶס נִישְׁט.

(זֹאת הַתּוֹרָה מִקֵּץ א)

***

**עֶס קוּמְט אֵייבִּיג אוֹיס דֶער יוֹם טוֹב חֲנֻכָּה, אִין פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב אוּן מִקֵּץ.** מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דָאס אִיז דֶערְפַאר, וַוייל אִין דִי פַּרְשׁוֹת זֶעהְן מִיר אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַז יוֹסֵף הַצַּדִּיק אִיז גֶעזִיצְן אִין תְּפִיסָה, אוּן דִי תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט אוּנְז אַז נָאכְדֶעם וָואס יוֹסֵף הָאט פּוֹתֵר חָלוֹם גֶעוֶוען פַאר דֶעם שַׂר הַמַּשְׁקִים, הָאט עֶר אִים גֶעבֶּעטְן אַז עֶר זָאל אִים דֶערְמַאנֶען פַאר פַּרְעֹה.

אָבֶּער דִי תּוֹרָה זָאגְט **"וְלֹא זָכַר שַׂר הַמַּשְׁקִים אֶת יוֹסֵף וַיִּשְׁכָּחֵהוּ"** - דֶער שַׂר הַמַּשְׁקִים הָאט נִישְׁט גֶעדֶענְקְט צוּ דֶערְמַאנֶען יוֹסֵף פַאר פַּרְעֹה, זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ: וַוייל יוֹסֵף הָאט זִיךְ פַארְלָאזְט אוֹיפְן שַׂר הַמַּשְׁקִים, אַז עֶר וֶועט אִים דֶערְמַאנֶען פַאר פַּרְעֹה, דֶערְפַאר הָאט עֶר צוּבַּאקוּמֶען נָאךְ צְוֵויי יָאר אִין תְּפִיסָה, וַוייל מֶען דַארְף זִיךְ פַארְלָאזְן נָאר אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דָאס אִיז מַמָּשׁ דִי זֶעלְבֶּע וִוי דֶער יוֹם טוֹב חֲנוּכָּה, דִי יְוָנִים הָאבְּן אַיינְגֶערֶעדְט פַאר דִי מֶענְטְשְׁן אַז דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע, אָבֶּער דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים הָאבְּן מִלְחָמָה גֶעהַאלְטְן מִיט זֵיי, אוּן אוֹיסְגֶערוּפְן מִיט אַ שְׁטַארְקַייט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, עֶס גֶעשֶׁעהט גָארְנִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין.

דֶערְפַאר אִין דִי טֶעג וָואס מִיר לֶערְנֶען אִין דִי פַּרְשָׁה, אַז מֶען דַארְף זִיךְ פַארְלָאזְן נָאר אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דִי פַּאסִיגְסְטֶע צַייט פַאר דֶעם יוֹם טוֹב חֲנֻכָּה, וֶוען דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים הָאבְּן אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר יֶעדְן צוּ וִויסְן אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אוּן נָאר אוֹיף אִים דַארְף מֶען זִיךְ פַארְלָאזְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיֵּשֶׁב יא)

# שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

דִי יְוָנִים הָאבְּן נָאר גֶעוָואלְט אוֹיסְרַייסְן דִי אֱמוּנָה פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי הָאבְּן נָאר גֶעוָואלְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אוּן גְרוֹיס מַאכְן דִי טֶבַע, אַז אַלֶעס פִירְט זִיךְ נָאר מִיט טֶבַע אוּן נִישְׁט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אַזוֹי וַוייט אַז זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט גְזֵירוֹת אַז מֶען דַארְף אוֹיפְשְׁרַייבְּן אוֹיף דִי הֶערְנֶער פוּנֶעם אָקְס "אֵין לָנוּ חֵלֶק בֵּאלֹקֵי יִשְׂרָאֵל", אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעזָאגְט פְּשַׁט פַארְוָואס זֵיי הָאבְּן עֶס דַוְקָא גֶעוָואלְט שְׁרַייבְּן אוֹיף דִי הֶערְנֶער, לוֹיט וִוי חַזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת ל"ה:) אַז מֶען פְלֶעגְט נוּצְן דִי הֶערְנֶער פַאר אַ בָּאטְל פַאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער, מֶען הָאט אַרַיינְגֶעגָאסְן אִין דִי בְּרֵייטֶע זַייט אוּן דָאס קִינְד הָאט גֶעטְרִינְקֶען פוּן דִי שְׁמָאלֶע זַייט, אוּן דָאס הָאבְּן דִי יְוָנִים גֶעוָואלְט, אַז אֲפִילוּ דִי פִּיצֶעלֶעךְ קִינְדֶער זָאלְן זֶעהְן דִי כְּפִירָה'דִיגֶע רֵייד.

אוּן דֶערְפַאר וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז דִי אִידְן זֶענֶען נִיצוֹל גֶעוָוארְן פוּן זֵיי, דַארְף מֶען טוּהן פּוּנְקְט דִי פַארְקֶערְטֶע, אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז אוּן אִין דִי קִינְדֶער דִי פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעהט אוֹיס צוּמָאל אַז עֶס אִיז דָא אַ דֶרֶךְ הַטֶּבַע, אִיז דָאס בֶּאֱמֶת אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית.

## דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ נֵס

עֶס אִיז בַּאקַאנְט דִי קַשְׁיָא פוּן בֵּית יוֹסֵף וָואס פְרֶעגְט, אוֹיבּ דֶער נֵס אִיז גֶעוֶוען אַז אוֹיל וָואס קֶען בְּרֶענֶען נָאר אֵיין טָאג הָאט גֶעבְּרֶענְט אַכְט טֶעג. אִיז דָאךְ דֶער נֵס גֶעוֶוען נָאר זִיבְּן טֶעג, וַוייל אֵיין טָאג הָאט עֶס דָאךְ גֶעקֶענְט בְּרֶענֶען?

דִי תֵּירוּץ אִיז אַז דָאס הָאבְּן טַאקֶע דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים אוּנְז גֶעוָואלְט לֶערְנֶען, אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעהט אוֹיס וִוי אַ דֶרֶךְ הַטֶּבַע אַז אוֹיל קֶען בְּרֶענֶען, אִיז דָאס בֶּאֱמֶת אוֹיךְ אַ נֵס, עֶס זֶעהט נָאר אוֹיס וִוי אַ טֶבַע.

אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (תַּעֲנִית כה.) אוֹיף רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא, אַז וֶוען זַיין טָאכְטֶער הָאט בְּטָעוּת אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דִי שַׁבָּת לִיכְט עֶסִיג אַנְשְׁטָאט אוֹיל, הָאט עֶר אִיר גֶעזָאגְט: "דֶער זֶעלְבֶּער בַּאשֶׁעפֶער וָואס הָאט גֶעמַאכְט אַז אוֹיל זָאל בְּרֶענֶען, וֶועט מַאכְן אַז עֶסִיג זָאל בְּרֶענֶען", אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען דִי עֶסִיג הָאט גֶעבְּרֶענְט אַ גַאנְץ שַׁבָּת, דָאס אִיז גֶעוֶוען וַוייל רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא הָאט גֶעוואוּסְט דֶעם אֱמֶת, אַז דָאס וָואס אוֹיל בְּרֶענְט, אִיז אוֹיךְ נִישְׁט קֵיין דֶרֶךְ הַטֶּבַע, עֶס אִיז אוֹיךְ אַ נֵס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר קֶען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיךְ מַאכְן אַז עֶסִיג זָאל בְּרֶענֶען.

אוּן דֶערְפַאר הָאבְּן דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים גֶעמַאכְט דֶעם יוֹם טוֹב חֲנוּכָּה אַכְט טֶעג, אֲפִילוּ דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג הָאט עֶס דָאךְ גֶעקֶענְט בְּרֶענֶען, וַוייל זֵיי הָאבְּן אוּנְז גֶעוָואלְט וַוייזְן, אַז פּוּנְקְט וִוי יֶעדֶער וֵוייסְט אַז זִיבְּן טֶעג אִיז גֶעוֶוען אַ נֵס, דִי זֶעלְבֶּע נֵס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג, וַוייל

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

שְׁטֶענְדִיג וֶוען אוֹיל בְּרֶענְט אִיז עֶס אַ נֵס, וַוייל עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט דָא קַיין דֶרֶךְ הַטֶבַע, אַלֶעס פִּירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין.

## דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

דֶערְפַאר זֶענֶען דִי חֲנוּכָּה טֶעג גֶעשְׁטֶעלְט צוּ לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל וֶוען אַ אִיד גֶעווָאוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אִים, דָאס עֶפְנְט אִים אוֹיף דִי הַארְץ אַז עֶר זָאל שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר זָאל וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אוֹיף זַיין זַייט, אוּן אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט אַזוֹי גוּט אִיז דָאס אוֹיךְ זִיכֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זַיין טוֹבָה.

דָאס אַלֵיין אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז גֶעזוּנְט אוּן עֶר דַארְף נִישְׁט לִיגְן אִין שְׁפִּיטָאל אַזוֹי וִוי עֶס זֶענֶען לַיידֶער דָא אַנְדֶערֶע, דָאס אַלֵיין אִיז שׁוֹין גֶענוּג צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הָאט יֶעדֶער מֶענְטְשׁ גֶענוּג אוּן נָאךְ גוּטֶע זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אִים אוּן וֶוען מֶען טְרַאכְט אַרַיין דֶערִין אוּן מֶען דַאנְקְט טַאקֶע דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערוֹיף, דַאן בַּאקוּמְט מֶען דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה אוּן מֶען זֶעהט אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַלֶעס אִיז גוּט, אוּן מֶען הָאט דֶעם גַן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט.

וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט דָאס זַיין בִּשְׁלֵימוּת דַאן וֶועט יֶעדֶער זֶעהן מִיט דִי אוֹיגְן אַז אַלֶעס אִיז גוּט, דָאס וֶועט מָשִׁיחַ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט אָבֶּער אֲפִילוּ הַיינְטִיגֶע צַייטְן קֶען מֶען אוֹיךְ צוּקוּמֶען דֶערְצוּ דוּרְכְ'ן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גוּטֶע חֲלָקִים וָואס מֶען הָאט.

דֶער צַדִיק רֶבִּי פִּנְחָס'ל קָארִיצֶער זי"עַ הָאט גֶעזָאגְט אַז שַׁבָּת חֲנוּכָּה קֶען מֶען פִיהלְן דֶעם אוֹר פוּן מָשִׁיחַ. דָאס אִיז אַזוֹי וִוי גֶעזָאגְט אַז חֲנוּכָּה וָואס דַאן אִיז דִי צַייט צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט קֶען מֶען שׁוֹין פִּיהלְן דִי אוֹר פוּן מָשִׁיחַ, צוּ זֶעהן אַז אַלֶעס אִיז נָאר גוּטְס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## מְזוּזָה בִּימִין וְנֵר חֲנוּכָּה בִּשְׂמֹאל

דִי מְזוּזָה אִיז אוֹיף דִי רֶעכְטֶע זַייט אוּן דִי חֲנוּכָּה לִיכְט אוֹיף דִי לִינְקֶע זַייט. אִין דִי מְזוּזָה שְׁטֵייט "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד" אַז עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין אֵיינְצִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט, דָאס אִיז אוֹיף דִי רֶעכְטֶע זַייט, וֶוען עֶס גֵייט אַלֶע גוּט דַאן וֵוייסְט יֶעדֶער אָפְּן אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִּירְט עֶס.

אָבֶּער אוֹיף דִי לִינְקֶע זַייט, וֶוען עֶס גֵייט זַאכְן לִינְקְס, עֶס גֵייט נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען וִויל, דָארְט דַארְף מֶען הָאבְּן דִי חֲנוּכָּה לִיכְט, צוּ גֶעדֶענְקְן דִי נִסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּהן מִיט אוּנְז זִיךְ צוּ רַאטֶעוֶוען פוּן דִי יְוָנִים וָואס הָאבְּן גֶעוָואלְט אוֹיסְרַייסְן דִי אֱמוּנָה פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעהָאלְפְן דוּרְךְ דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים דִי חַשְׁמוֹנָאִים, וָואס הָאבְּן אוּנְז גֶעוִויזְן אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִּירְט דִי וֶועלְט מִיט גְרוֹיסֶע נִסִים, אוּן דָאס דַארְף לִיגְן אוֹיף דִי לִינְקֶע זַייט, עֶס צוּ גֶעדֶענְקְן אוֹיךְ וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט גוּט פַארְן מֶענְטְשׁ.

## מִקֵץ – חֲנוּכָּה

אֵייבִּיג קוּמְט אוֹיס חֲנוּכָּה אִין פַּרְשַׁת מִקֵץ. אוּן בֶּאֱמֶת וִוי מִיר זָאגְן הָאט דָאס אַ גְרוֹיסֶע שַׁייכוּת. אִין דִי פַּרְשָׁה גֶעפִינֶען מִיר דִי חֲלוֹמוֹת וָואס פַּרְעֹה הָאט גֶע'חָלוֹמְ'ט וָואס זֶענֶען בֶּאֱמֶת גֶעוֶוען לְמַעְלָה מִדֶרֶךְ הַטֶבַע, דָאס אִיז דָאךְ נִישְׁט קַיין דֶרֶךְ הַטֶבַע אַז דִי מָאגֶערֶע קִיעֶן זָאלְן אַיינְשְׁלִינְגֶען דִי פֶּעטֶע קִיעֶן אוּן מֶען זָאל עֶס נָאךְ גָארְנִישְׁט דֶערְקֶענֶען, אוּן אֲפִילוּ דָאס הָאט נָאךְ עֶפֶּעס מִיט טֶבַע וַוייל אַ קִיה קֶען דָאךְ עֶסְן, אָבֶּער דִי צְוֵוייטֶע חָלוֹם אִיז דָאךְ אִינְגַאנְצְן נִישְׁט בְּטֶבַע אַז זַאנְגֶען זָאלְן קֶענֶען שְׁלִינְגֶען, אוּן דֶערְפַּאר הָאבְּן דִי חֲכָמִים פוּן פַּרְעֹה נִישְׁט גֶעקֶענְט וִויסְן דֶעם פִּתְרוֹן פוּנֶעם חָלוֹם, וַוייל זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אוּנְטֶער גֶעוָוארְפְן אוּנְטֶער דִי טֶבַע, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעווָאוּסְט אַז עֶס אִיז דָא עֶפֶּעס אַ הֶעכֶערֶע כֹּחַ, אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִּירְט דִי וֶועלְט.

אָבֶּער וֶוען יוֹסֵף אִיז גֶעקוּמֶען הָאט עֶר צוּם עֶרְשְׁט גֶעזָאגְט: "בִּלְעָדַי, אֱלֹקִים יַעֲנֶה אֶת שְׁלוֹם פַּרְעֹה", צוּם עֶרְשְׁט הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר פַּרְעֹה אַז עֶר זָאל וִויסְן אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִּירְט דִי וֶועלְט אוּן עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט דָא קַיין דֶרֶךְ הַטֶבַע, דֶערְנָאךְ הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: "חֲלוֹם פַּרְעֹה אֶחָד הוּא, אֵת אֲשֶׁר הָאֱלֹקִים עֹשֶׂה הִגִּיד לְפַרְעֹה" בֵּיידֶע חֲלוֹמוֹת זֶענֶען דִי זֶעלְבֶּע, אַזוֹי וִוי דִי צְוֵוייטֶע חָלוֹם אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין דֶרֶךְ הַטֶבַע, אַזוֹי אוֹיךְ דִי עֶרְשְׁטֶע חָלוֹם אִיז נִישְׁט קַיין דֶרֶךְ הַטֶבַע, וַוייל עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁטָא

המשך בדף ד

*יובל הוא שנת החמשים שנה!*

# פופציג יאר פון אמונה טהורה

דעם ערב חנוכה שנת תשע"ד ווערט געענדיגט "פופציג יאר" פון ווען מוהרא"ש שליט"א האט אנגעהויבן צו פארשפרייטן דעם רבינ'ס ליכטיגקייט אויף די וועלט.

אנגעהויבן האט זיך עס ערב חנוכה שנת תשכ"ד ווען מוהרא"ש שליט"א האט אנגעהויבן שרייבן בריוו פאר בחורים און אינגעלייט זיי צו שטארקן און מחזק זיין אין עבודת ה' מיט די הייליגע לימודים פון רבי'ן, וואס דאס איז שפעטער געדרוקט געווארן אין ספר אשר בנחל.

יעצט ווען מיר האלטן ביי די חנוכה טעג ווען מיר דאנקן און לויבן דעם אייבערשטן אויף זיינע נסים בימים ההם וואס ער האט אונז געראטעוועט פון די שלעכטע יונים וואס האבן נאר געוואלט אויסרייסן די הייליגע אמונה פון אידישע קינדער.

יעצט איז די ריכטיגע צייט אויך צו דאנקן דעם אייבערשטן אויף זיינע חסדים בזמן הזה, וואס מיר האבן זוכה געווען צו האבן די הייליגע ספרים פון מוהרא"ש שליט"א וועלכע שיינען אריין די ריכטיגע און הייליגע אמונה אין אידישע קינדער, אז מען זאל גוט וויסן און געדענקן שטענדיג אז עס איז גארנישט דא אויף די וועלט אויסער דעם אייבערשטן.

יעצט ערב חנוכה ווערט אפגעצייכנט גאנצע "פופציג יאר" פון ווען מוהרא"ש האט אנגעהויבן צו שרייבן און דרוקן די ספרים פון רבי'ן און עס צושפרייטן אויף די וועלט.

במשך די יארן זענען די ספרים שוין געווארן איבערגעדרוקט הונדערטער מאל. מיליאנען ספרים און קונטריסים ווערן געדרוקט יעדע יאר בלי שום גוזמא, און עס איז שוין געווארן איבער געטייטשט אין גאר אסאך שפראכן, און געווארן צושפרייט אין די גאנצע וועלט, אין יעדע פארשטופטע פלאץ וואו עס געפינען זיך נאר אידן איז שוין אנגעקומען דארט די הייליגע ספרים וואס שיינען אריין און מאכן לעכטיג די אויגן פון אידישע קינדער.

ווען מען קוקט צוריק מיט פופציג יאר וואס דאן האט מען אפילו נישט געוואסט וואס ברסלב איז בכלל, און היינט מיט עטליכע צענדליג יאר שפעטער ווייסט יעדער איד פון רבי'ן, **עס איז נישטא קיין איין אידיש הויז וואו עס זאל זיך נישט געפינען כאטש איין ברסלב ספר.**

היינט ווייסט יעדער איד אז ווען ער גייט דורך א שווערע צייט, ווען ער דארף חיזוק צו קענען אנגיין אין לעבן, האט ער אן אדרעס. ער האט די ברסלב'ע ספרים און קונטרסים וואס זענען מחי' און מחזק יעדן וואס קוקט אין זיי אריין.

חז"ל זאגן אונז וואס הייסט אן אמת'ער מנהיג ישראל? איש אשר רוח אלקים בו - שיודע להלוך נגד רוחו של כל אחד ואחד, אז ער האט א שפראך צו יעדן איד. און דאס זעהט מען באשיינפערליך ביי די הייליגע ספרים און קונטרסים אז עס רעדט ממש צו יעדן איד, פונעם גרעסטן ביזן קלענסטן קען זיך יעדער טרעפן חיזוק דערין, יעדער איינער לויט זיין מצב קען דארט טרעפן חיזוק זיך צו קענען שטארקן און אנגיין אין לעבן ברוחניות ובגשמיות.

זאל דער אייבערשטער העלפן אז מען זאל ווייטער קענען פארשפרייטן דעם הייליגן רבינ'ס לימודים איבער די וועלט, אז אלע אידישע קינדער זאלן אנהייבן רעדן צום אייבערשטן און זיין נאנט צום אייבערשטן, ביז עס וועט שוין מקוים ווערן דער פסוק כי אז אהפוך לכל העמים שפה ברורה לקרוא כלם בשם ה', ווען די גאנצע וועלט וועט זיך צוריק קערן צום אייבערשטן בביאת משיח צדקנו בב"א.

# שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"ש

קַיין דֶרֶךְ הַטֶבַע נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט. און דָאס הָאט שׁוֹין פַּרְעֹה גֶעקֶענְט הֶערְן, אַז יוֹסֵף הַצַדִיק הָאט גֶערֶעדְט צוּ אִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס נִישְׁט דָא קַיין טֶבַע, הָאט עֶר שׁוֹין גֶעקֶענְט הֶערְן דִי פִּתְרוֹן צוּ זַיין חָלוֹם וָואס אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין טֶבַע.

קוּמְט אוֹיס אַז אִין דִי פַּרְשָׁה גֶעפִינֶען מִיר דָאס אַז עֶס נִישְׁט דָא קַיין דֶרֶךְ הַטֶבַע, וָואס דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע עִנְיָן פוּן חֲנוּכָּה, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶערַאטֶעוֶועט פוּן דִי יְוָנִים וָואס הָאבְּן גֶעוָואלְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דִי טֶבַע, און מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דִי גְרוֹיסֶע נֵס חֲנוּכָּה, וָואס הָאט אוּנְז גֶעוִויזְן אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט.

## חֲנוּכָּה – אַ צַייט פוּן חִינוּךְ

בַּיים צִינְדְן דִי חֲנוּכָּה לִיכְט וֶוערְט יֶעדֶער אִיד אַזוֹי וִוי דֶער כֹּהֵן גָדוֹל וָואס הָאט גֶעצוּנְדְן דִי מְנוֹרָה אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ.

אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ"ן הַקָדוֹשׁ זָאגְט (רֵישׁ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ), אוֹיף דֶעם מֶדְרָשׁ (בַּמִדְבָּר רַבָּה פַּרְשָׁה ט"ו סִי' ו') וָואס זָאגְט אַז וֶוען אַהֲרֹן הָאט גֶעזֶעהְן אַז זַיין שֵׁבֶט, שֵׁבֶט לֵוִי, הָאט נִישְׁט מַקְרִיב גֶעוֶוען צוּזַאמֶען מִיט דִי אַנְדֶערֶע נְשִׂיאִים בַּיים חֲנוּכַּת הַמִשְׁכָּן, הָאט עֶר גֶעהַאט חֲלִישַׁת הַדַעַת, פַּארְוָואס זַיין שֵׁבֶט אִיז אַרוֹיסְגֶעפַאלְן, הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּארוּהִיגְט און גֶעזָאגְט: "דַיין זַאךְ אִיז נָאךְ גְרֶעסֶער פוּן זֵייעֶר זַאךְ, וַוייל דִי קָרְבָּנוֹת אִיז נָאר דָא וֶוען דִי בֵּית הַמִקְדָשׁ שְׁטֵייט, אָבֶער דוּ וֶועסְט אָנְצִינְדְן דִי מְנוֹרָה, וָואס דָאס וֶועט זַיין אוֹיף אֵייבִּיג, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט אֶל מוּל פְּנֵי הַמְנוֹרָה יָאִירוּ".

פְרֶעגְט אוֹיף דֶעם דֶער רַמְבַּ"ן, דִי מְנוֹרָה וָואס אַהֲרֹן הַכֹּהֵן הָאט גֶעצוּנְדְן אִיז דָאךְ אוֹיךְ נָאר גֶעוֶוען וֶוען דֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ שְׁטֵייט? פַארְוָואס הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט אַז דִי מְנוֹרָה וֶועט זַיין אוֹיף אֵייבִּיג? נָאר וָואס דֶען דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה לִיכְט וָואס בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג אֲפִילוּ אִין גָלוּת.

זֶעהט מֶען פוּן דֶעם, אַז יֶעדֶער אִיד וֶוען עֶר צִינְד דִי חֲנוּכָּה לִיכְט, אִיז עֶר אַזוֹי וִוי דֶער כֹּהֵן גָדוֹל אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ, און דֶערְפַאר אִיז דֶעמָאלְט דִי בֶּעסְטֶע צַייט אַז יֶעדֶער טַאטֶע זָאל צוּזַאם נֶעמֶען זַיינֶע קִינְדֶער בַּיי דִי חֲנוּכָּה לִיכְט און זִינְגֶען מִיט זֵיי דִי זְמִירוֹת און אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דִי קִינְדֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אוּנְז, און וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן אִיז נָאר דָא אֵיין עֵצָה צוּ דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דֶער נָאמֶען "חֲנוּכָּה", אִיז אוֹיךְ מְרַמֵז אוֹיף "חִינוּךְ", אַז חֲנוּכָּה אִיז אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע צַייט צוּ מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער, צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אוּנְז.

אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט בַּיים פְּלַאץ פוּן בֵּית הַמִקְדָשׁ "מַה נוֹרָא הַמָקוֹם הַזֶה, אֵין זֶה כִּי אִם בֵּית אֱלֹקִים וְזֶה "שַׁעַר הַשָׁמַיִם", דִי זֶעלְבֶּע בַּיי יֶעדְן אִיד אִינְדֶערְהֵיים, וָואס צִינְד דִי חֲנוּכָּה לִיכְט, אִיז אַזוֹי וִוי עֶר אִיז יֶעצְט אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ, און וָואס מֶען בֶּעהְט בַּיי דִי חֲנוּכָּה לִיכְט, גֵייט גְלַייךְ אַרוֹיף צוּם שַׁעַר הַשָׁמַיִם און וֶוערְט שְׁנֶעל אָנְגֶענוּמֶען לְרַחֲמִים וּלְרָצוֹן.

דֶערְפַאר זֶענֶען דִי טֶעג פוּן חֲנֻכָּה סְפֶּעצִיעֶל מְסוּגָל צוּ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען וִויל, אֲפִילוּ אַ גַאנְץ יָאר קֶען מֶען אוֹיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶער חֲנֻכָּה קֶען מֶען גְרִינְגֶער און שְׁנֶעלֶער פּוֹעֵל'ן אַלֶע מִינֵי יְשׁוּעוֹת, און נָאךְ מֶער בִּשְׁעַת מֶען זִיצְט בַּיי דִי חֲנֻכָּה לִיכְט, מֶען קוּקְט אוֹיף דִי לִיכְט, קֶען מֶען גָאר אַסַאךְ פּוֹעֵל'ן, ווארויל אִיז דֶעם וָואס נִיצְט אוֹיס דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, און זִיצְט בַּיי דִי הֵיילִיגֶע חֲנֻכָּה לִיכְט און בֶּעהְט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן בְּרוּחֲנִיוּת און בְּגַשְׁמִיוּת, וֶועט עֶר זִיכֶער אוֹיס'פּוֹעֵל'ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ חֵלֶק ה', י"ב, ט"ז, עֶרֶךְ חֲנוּכָּה, חֵלֶק ד' עֶרֶךְ טֶבַע, תּוֹךְ הַנַּחַל מִקֵץ תשנ"א)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

~~~

## שיינע שבע ברכות פאר א תלמיד הישיבה

די וואך מאנטאג איז פארגעקומען א הערליכע שבע ברכות פאר החתן יואל לאנדא הי"ו אין בית המדרש היכל הקודש אויף העיס סט. אין קרית יואל.

די סעודה איז געווארן צוגעשטעלט דורך די "התאחדות אברכים היכל הקודש" די חשובע אינגעלייט תלמידי הישיבה פון קרית יואל.

עס זענען זיך צוזאם געקומען א גרעסערע עולם פון תלמידי הישיבה און אנשי שלומינו זיך מיטצופרייען מיט די שמחה.

ביי די סעודה האט מען געהערט טרעפליכע דיבורים פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס האט ארויס געברענגט די חשיבות פון א תלמיד פון היכל הקודש וואס גייט אונטער די חופה גאר אנדערש פון א צווייטן, נאכדעם וואס ער האט שוין גערעדיגט גאנץ ש"ס, צענדליגע מאל ששה סדרי משנה, אסאך מסכתות הש"ס הונדערט און איין מאל און נאך פיל. ווען מען גייט אזוי צו צו די חתונה איז דאס גאר אן אנדערע סארט לעבן.

נאכן בענטשן האט מען זיך ארויס געלאזט אין א טאנץ ווי מען האט משמח געווען דעם חתן ביז אין די שפעטע נאכט שעה'ן.

**שמח תשמח ריעים האהובים!**

\*\*\*

## הדלקת נר חנוכה ביי מוהרא"ש שליט"א

אזוי ווי אלע יארן קומען זיך תלמידי היכל הקודש צוזאם ביי מוהרא"ש שליט"א מיטצוהאלטן די הדלקת נר חנוכה.

יעדע נאכט קומען הונדערטער אידן מיטצוהאלטן די געהויבענע מינוטין.

נאכן צינדען וואונטש מוהרא"ש אן פאר יעדן פערזענליך ברכות וישועות.

**קבעו שיר ורננים!**


## זמן הדלקת נר חנוכה
## אצל כ"ק מוהרא"ש שליט"א

**בכל לילה תיכף אחר תפלת מעריב**

**בביתו נאוה קודש**

**1129 42th St.**

תפלת מעריב בזמן מוצש"ק

## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!

וועכענטליכע גליונות * קונטרסים * ספרים

שנעל גוט און ביליג!

**רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554**

**5554printing@gmail.com**

Min. order $100




**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**
~~~

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א


**זמנים**

הדלקת הנרות.......................4:11
סוף זמן קר"ש.......................8:51
מוצש"ק..................................5:41

**שיעורים כסדרן**

בבלי.........................יומא כ"ט
ירושלמי..................שבועות מ"ב
תוספתא.......בבא מציעא פרק ט'


פרשת ויגש, ד' טבת, שנת תשע"ד לפ"ק

שנה 3, גליון 13 (113)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיִּגַּשׁ אֵלָיו יְהוּדָה וַיֹּאמֶר בִּי אֲדֹנִי**, זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער מֶדְרָשׁ (בְּרֵאשִׁית רַבָּה, וַיִּגַּשׁ, פַּרְשָׁה צ"ג, סִימָן ד') "הַגָּשָׁה לִתְפִלָּה" יְהוּדָה הָאט נָאנְט-גֶעטְרֶעטְן מִיט תְּפִלָּה, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהַרְאַ"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן רפ"ב) אַז אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן אוֹיפְגֶעלֵייגְט, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין צוּבְרָאכְן, אֲפִילוּ וֶוען אַ אִיד זֶעהט אַז עֶר אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר טוּט אַסַאךְ עֲבֵירוֹת, אוּן דָאס מַאכְט אִים טְרוֹיעֲרִיג, דַארְף עֶר וִויסְן אַז דָאס אִיז נָאר דֶער יֵצֶר הָרַע וָואס וִויל אִים מַאכְן טְרוֹיעֲרִיג אוּן מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פוּן אִים, נָאר אוֹיפְזוּכְן בַּיי זִיךְ דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהן, וַוייל יֶעדֶער אִיד הָאט דָאךְ אַסַאךְ מִצְוֹת, אֲפִילוּ דִי מִצְוֹת זֶענֶען אוֹיךְ נִישְׁט אִינְגַאנְצְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, הָאט עֶס אָבֶּער דָאךְ עֶפֶּעס גוּט'ס אִין זִיךְ, אוּן מִיט דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן.

וַוייל וואו עֶס אִיז דָא עֶפֶּעס גוּטְס אִיז עֶס נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים קמה, ט) **טוֹב ה' לַכֹּל**, מְמֵילָא וֶוען דוּ טְרֶעפְסְט עֶפֶּעס גוּט'ס בַּיי דִיךְ, מֵיינְט דָאס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, אוּן דֶערְפַאר קֶענְסְטוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, הַשְׁכָּמַת הַבֹּקֶר א', ב').

אוּן נָאר אַזוֹי קֶען מֶען דַאוֶוענֶען אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל וֶוען אַ אִיד וִויל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בְּרֶענְגְט אִים דֶער יֵצֶר הָרַע אַרַיין מַחֲשָׁבוֹת אִין קָאפּ "וָואס בִּין אִיךְ דֶען וֶוערְט, אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעטוּהן אַסַאךְ עֲבֵירוֹת" אָבֶּער מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד פְרֵייְדט זִיךְ מִיט דִי בִּיסְל גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט, דָאס מַאכְט אַז עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וַיִּגַּשׁ אֵלָיו יְהוּדָה**, זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער מֶדְרָשׁ, הַגָּשָׁה לִתְפִלָּה - וֶוען אַ אִיד וִויל אָנְהֵייבְּן דַאוֶוענֶען אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף עֶר טְרַאכְטְן, **בִּי אֲדוֹנִי** - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ מִיט מִיר, אִיךְ הָאבּ דָאךְ עֶפֶּעס גוּט'ס אִין מִיר, אוּן דַאן, **יְדַבֶּר נָא עַבְדְּךָ דָבָר בְּעֵינֵי אֲדֹנִי** - דֶעמָאלְט'ס פִיהל אִיךְ אַז אִיךְ קֶען אוֹיךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיִּגַּשׁ א)

***

**וְעַתָּה אַל תֵּעָצְבוּ וְאַל יִחַר בְּעֵינֵיכֶם כִּי מְכַרְתֶּם אֹתִי הֵנָּה**, דֶער


המשך בדף ב


## שִׂיחוֹת וְסִפּוּרִים פוּן רֶבִּי נָתָן זצוק"ל

### צוּ דִי יָארְצַייט עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת

### וָואס אִיז גֶעבְּלִיבְּן?

אֵיינְמָאל הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ שְׂרֵיפָה אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלַב, אַ גַאנְצֶע הוֹיז הָאט אָפְּגֶעבְּרֶענְט, רֶבִּי נָתָן מִיט נָאךְ עֶטְלִיכֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען קוּקְן דִי פְּלַאץ פוּן דִי שְׂרֵיפָה, הָאבְּן זֵיי גֶעזֶעהן וִוי דֶער בַּעַל הַבַּיִת פוּנֶעם הוֹיז וֵויינְט זֵייעֶר, אוּן עֶר זוּכְט צְוִוישְׁן דִי חֳרָבוֹת אוֹיבּ עֶס אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן אַ גַאנְץ שְׁטִיקְל הָאלְץ אָדֶער אַייזְן, וָואס עֶר וֶועט קֶענֶען אִיבֶּער נִיצְן וֶוען עֶר וֶועט צוּרִיק אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם הוֹיז.

הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן: "קוּקְט וִוי דֶער מֶענְטְשׁ גִיבְּט נִישְׁט אוֹיף, אֲפִילוּ זַיין הוֹיז הָאט אָפְּגֶעבְּרֶענְט, זוּכְט עֶר נָאךְ אַלְץ וָואס עֶס אִיז אִיבֶּער גֶעבְּלִיבְּן, אוּן עֶר וֶועט צוּרִיק אוֹיפְבּוֹיעֶן זַיין הוֹיז, דִי זֶעלְבֶּע דַארְף אַ יֶעדֶער אִיד טוּהן, אֲפִילוּ דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט אִים גֶעכַאפְּט, אוּן אִים אִינְגַאנְצְן פַארְבְּרֶענְט, טָאר עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, נָאר אוֹיפְזוּכְן בַּיי זִיךְ דִי בִּיסְל גוּט'ס וָואס עֶר הָאט נָאךְ בַּיי זִיךְ, אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר זִיךְ צוּרִיק אוֹיפְבּוֹיעֶן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

(מְקוֹר הַשִּׂמְחָה, שִׂיחוֹת, אוֹת ל"ב)

### וִויפִיל אַזֵייגֶער?

מֶען דֶערְצֵיילְט נָאךְ אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל הָאט גֶעהַאט אוֹיף יֶעדְן וַואנְט אַ זֵייגֶער, כְּדַאי עֶר זָאל שְׁטֶענְדִיג זֶעהְן וִוי ס'רוּקְט זִיךְ דִי מִינוּטְן אוּן דִי שָׁעוֹת וְכוּ', אוּן עֶר זָאל אַרַיינְכַאפְּן טוֹב אַמִתִּי וְנִצְחִי. אוּן אוּנְזֶערֶע לַייט פְלֶעגְן זָאגְן אוֹיף דֶעם אַ רֶמֶז 'אֵין לְךָ אָדָם - שֶׁאֵין לוֹ שָׁעָה' אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין זֵייגֶער צוּ קוּקְן יֶעדֶע שָׁעָה אוּן אָנְפִילְן מִיט עֶפֶּעס גוּטְס וְכוּ' - דֶער אִיז נִישְׁט קַיין מֶענְטְשׁ.

עֶס זֶעהְט אוֹיס וִוי אַ פָּשׁוּטֶע זַאךְ צוּ קוּקְן יֶעדֶע שָׁעָה מֶען זָאל אַרוֹיסְכַאפְּן עֶפֶּעס אַ גוּטֶע זַאךְ, אָבֶּער דֶער אֱמֶת'ן אַרַיין וֶוער עֶס גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ דֶעם הָאט אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים, עֶר הָאט אַ לַאנְגֶען טָאג, אוּן עֶר כַאפְּט אַרוֹיס טוֹב אַמִתִּי וְנִצְחִי.

(אַשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חלק ג' מִכְתָּב שע"ה)

### וֶוען דוּ פַאלְסְט אַרָאפּ...

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד מִיטְן נָאמֶען רֶבִּי שָׁאוּל טֶעפְּלִיקֶער, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר


המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

מֶדְרָשׁ זָאגְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה כא, ו) **"אֵין וְעַתָּה אֶלָּא לָשׁוֹן תְּשׁוּבָה"**, דֶער וָוארְט **"וְעַתָּה"** מֵיינְט תְּשׁוּבָה, דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס הָאט דֶער וָוארְט **"וְעַתָּה"** מִיט תְּשׁוּבָה?

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אַסַאךְ מָאל, אַז דִי עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז, אַז מֶען זָאל פַארְגֶעסְן אַלֶעם וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהן בִּיז יֶעצְט, אוּן אָנְהֵייבְּן שְׁטֶעְנְדִיג פוּן נַיי, אַזוֹי וִוי מֶען וָואלְט יֶעצְט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, מֶען הֵייבְּט יֶעצְט אָן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיבּ מֶען גֶעדֶענְקְט אָבֶּער אַלֶע דוּרְכְּפֶעלֶער וָואס מֶען הָאט גֶעהַאט, וֶוערְט מֶען זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג, מֶען וֶוערְט אִין כַּעַס, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּהן, דֶערְפַאר דַארְף מֶען שְׁטֶעְנְדִיג פַארְגֶעסְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען, אוּן אַזוֹי קֶען מֶען זַיין פְּרֵיילִיךְ, אוּן אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל מִיט אַ פְּרִישְׁקַייט צוּ דִינֶען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן זֶעהט מֶען אַז אַלֶע דוּרְכְּפֶעלֶער וָואס מֶען הָאט גֶעהַאט, אִיז גָאר גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע טוֹבוֹת, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיכֶער גֶעפִירְט אַזוֹי צוּם גוּטְן.

אוּן דֶערְפַאר זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ **"אֵין וְעַתָּה אֶלָּא לָשׁוֹן תְּשׁוּבָה"**, וְעַתָּה - אוּן יֶעצְט, אוֹיבּ אִיךְ הֵייבּ אָן **"פוּן יֶעצְט"** אִיךְ פַארְגֶעס אַלֶעם וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, דַאן אִיז דָאס אַ לָשׁוֹן תְּשׁוּבָה, דָאס אִיז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וְעַתָּה**, אוּן יֶעצְט, וֶוען דוּ הֵייבְּסְט אָן "פוּן יֶעצְט", דַאן, **אַל תֵּעָצְבוּ** - וֶועסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן טְרוֹיעֶרִיג, **וְאַל יִחַר בְּעֵינֵיכֶם** - אוּן דוּ וֶועסְט נִישְׁט וֶוערְן גֶערֶעגְט, נָאר פַארְקֶערְט, **כִּי לְמִחְיָ' שְׁלָחַנִי אֱלֹקִים לִפְנֵיכֶם** - דוּ וֶועסְט זֶעהְן אַז אַלֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִירְט צוּם גוּטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעפִירְט אַז מֶען זָאל פַארְקוֹיפְן יוֹסֵף, כְּדֵי עֶר זָאל נָאכְדֶעם קֶענֶען שְׁפֵּייזְן דִי אִידְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיִּגַּשׁ ג)

***

**וַיֵּשֶׁב יִשְׂרָאֵל בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם בְּאֶרֶץ גֹּשֶׁן וַיֵּאָחֲזוּ בָהּ וַיִּפְרוּ וַיִּרְבּוּ מְאֹד, זָאגְט רַשִׁ"י, וְהֵיכָן? בְּאֶרֶץ גֹּשֶׁן שֶׁהִיא מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם.**

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קס"ט) אַז וֶוען אַ אִיד אִיז פְּרֵיילִיךְ דַאן הִיט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין אַז עֶר זָאל נִישְׁט דוּרְכְפַאלְן אִין דִי הַארְבֶּע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, וַוייל דִי עֲבֵירָה קוּמְט נָאר וֶוען מֶען אִיז טְרוֹיעֶרִיג.

דִי הֵיילִיגֶע חַזַ"ל זָאגְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה פֶּרֶק ז'): "עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא פָאלְק, וָואס אִיז אַזוֹי פִיל מִיט עֲבֵירוֹת, מִיט כִּישׁוּף, אוּן מִיט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, וִוי דִי מִצְרִיִּים", דֶערְפַאר וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן גֶעמוּזְט גֵיין קַיין מִצְרַיִם, הָאט זֵיי יוֹסֵף אַרַיינְגֶעשְׁטֶעלְט אִין גֹּשֶׁן, דִי וָוארְט **"גֹּשֶׁן"** אִיז בְּגִימַטְרִיָּא **"שִׂמְחָה"**, אַז דוּרְךְ דֶעם וָואס זֵיי וֶועלְן זַיין פְּרֵיילִיךְ, וֶועלְן זֵיי נִישְׁט וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט, חַס וְשָׁלוֹם, נָאךְ דִי טוּמְאָה פוּן דִי מִצְרִיִּים.

דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס רַשִׁ"י זָאגְט, **וְהֵיכָן? בְּאֶרֶץ גֹּשֶׁן שֶׁהִיא מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם**, אַז אֲפִילוּ דִי אִידְן זֶענֶען אִין דֶעם טָמֵא'נֶעם לַאנְד מִצְרַיִם, זָאלְן זֵיי זַיין אִין **"גֹּשֶׁן"** וָואס אִיז בְּגִימַטְרִיָּא **"שִׂמְחָה"**, וַוייל אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן זַיין פְּרֵיילִיךְ, וֶועט דִי טוּמְאָה פוּן דִי מִצְרִיִּים נִישְׁט הָאבְּן אוֹיף זֵיי קַיין שְׁלִיטָה.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיִּגַּשׁ ח)

# שִׂיחוֹת וְסִפּוּרִים

פְלֶעגְט אַ גַאנְצְן טָאג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט גְרוֹיס מְסִירַת נֶפֶשׁ.

הָאט אִים רֶבִּי נָתָן אַמָאל גֶעזָאגְט: "שָׁאוּל, אִיךְ הָאבּ נָאךְ נִישְׁט קַיין הֲנָאָה פוּן דִיר, נָאר וֶוען אִיךְ וֶועל זֶעהן אַז דוּ וֶועסְט אַרָאפְּפַאלְן, אוּן דוּ וֶועסְט דִיךְ וַוייטֶער דֶערְהַאלְטְן, אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועל אִיךְ הֲנָאָה הָאבְּן פוּן דִיר".

וַוייל דֶער עִיקָר חֲשִׁיבוּת פוּן אַ אִיד מֶעסְט זִיךְ, וֶוען עֶס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער שְׁוֶועְרִיקַייטְן, בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, אוּן עֶר קוּמְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(מְקוֹר הַשִּׂמְחָה, שִׂיחוֹת, אוֹת מ"ב)

## זִיצְן מִיט דִי קִינְדֶער

דוּ זָאלְסְט וִויסְן דָאס דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס זַאךְ אִיז דֶער עִיקָר תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת, אַוֶועקְוַוארְפְן דֶעם אֵייגֶענֶעם שֵׂכֶל, אוּן זִיךְ פִירְן וִוי אַ פָּשׁוּטֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן הָרַב הַחָסִיד ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּנְדֶר זַ"ל דָאס עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַסַאךְ מָאל פוּן ר' אַבְרָהָם בֶּן ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זַ"ל דָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער פַּשְׁטְן עֶר פְלֶעגְט זִיצְן מִיט זַיינֶע קִינְדֶער צוּזַאמֶען בַּיים עֶסְן, אוּן אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן זֵיי זָאלְן זִיךְ וַואשְׁן אוּן זֵיי זָאלְן עֶסְן, אוּן הָאט זֵיי דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן זֵיי זָאלְן בֶּענְטְשְׁן, אוּן עֶר פְלֶעגְט זָאגְן דָאס דִי עֲבוֹדָה וָואס עֶר לֵייגְט אַרַיין אִין זַיינֶע קִינְדֶער אִיז בַּיי אִים אַזוֹי חָשׁוּב וִוי עֲבוֹדַת תִּיקוּן חֲצוֹת, (וָואס דָאס אִיז בַּאוְוּיסְט אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן אֵיינֶע פוּן דִי שְׁוֶוערְסְטֶע עֲבוֹדוֹת, עֶר פְלֶעגְט זִיצְן אוֹיף דֶער עֶרְד בְּעֵת חֲצוֹת, אוּן גִיסְן טַייכְן טְרֶערְן אוֹיף חוּרְבְּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוּן צָרוֹת יִשְׂרָאֵל אוּן הָעֲלָמַת הַצַּדִּיק) פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער אִיז בַּיי אִים אַזַא חָשׁוּבֶע עֲבוֹדָה וִוי דִי עֲבוֹדָה פוּן תִּיקוּן חֲצוֹת.

(אֲשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חלק ד' מִכְתָּב תמ"ב)

## אַ פְלֶעשְׁל בְּרָאנְפְן?

אֵיינְמָאל הָאט מֶען דֶערְצֵיילְט פַאר רֶבִּי נָתָן, אַז עֶס זֶענֶען דָא חֲסִידִים וָואס הַאלְטְן שְׁטֶענְדִיג אַ פְלֶעשְׁל בְּרָאנְפְן אוּנְטֶערְן קִישְׁן, אוּן גְלַייךְ וֶוען זֵיי וֶועקְן זִיךְ אוֹיף, אוּן זֶעהן אַז מָשִׁיחַ אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעקוּמֶען, טְרִינְקְן זֵיי זִיךְ אָן אוּן לֵייגְן זִיךְ צוּרִיק שְׁלָאפְן, וַוייל זֵיי זָאגְן אַז וִוי לַאנְג מָשִׁיחַ אִיז נָאכְנִישְׁט דָא, דַארְף מֶען אַיינְשְׁלֶעפְן דֶעם יֵצֶר הָרַע, וַוייל וֶוען מֶען שְׁלָאפְט קֶען מֶען נִישְׁט טוּהן קַיין עֲבֵירוֹת.

הָאט רֶבִּי נָתָן אוֹיף דֶעם גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה, נָאר מֶען דַארְף לֵייגְן אַ תְּהִלִּים אוּנְטֶערְן קִישְׁן, אוּן גְלַייךְ וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף, אוּן מֶען זֶעהט אַז מָשִׁיחַ אִיז נָאכְנִישְׁט דָא, זָאל מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶעם תְּהִלִּים'ל, אוּן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אוּנְז רַאטֶעוֶוען פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע".

(מְקוֹר הַשִּׂמְחָה, שִׂיחוֹת, אוֹת מ"ח)

## אַן אֱמֶת'עֶר גוּטֶער פְרַיינְד

רֶבִּי נָתָן אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אִין דִי סְלִיחוֹת טֶעג פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז בַּיים רֶבִּי'ן אִיז דֶער עִיקָר צוּ קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען דֶעמָאלְט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין דָארְט גֶעבְּלִיבְּן אוֹיף גַאנְץ עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה.

אִין אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג אִיז עֶר אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן, אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט זַיין גַאנְצֶע הַארְץ, אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַדוּרְךְ, דֶער רֶבִּי הָאט אִים מְחַזֵּק גֶעוֶוען, אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט גֶעוִויסֶע הַנְהָגוֹת וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת וְסִפּוּרִים

פִּירְן, דֶערְנָאךְ הָאט אִים דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אוֹיפְ'ן גַאס פַאר אַ שְׁפַּאצִיר, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען.

אִינְצְוִוישְׁן הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיף גֶעלֵייגְט זַיין הֵיילִיג הַאנְט אוֹיף רֶבִּי נָתָן'ס אַקְסֶל, אוּן אִים גֶעזָאגְט: "אוּן וַוייטֶער אִיז זֵייעֶר גוּט אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַן אֶמֶת'ן גוּטְן פְרַיינְד!"

הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט, אַז דַאן הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר וֶועט שׁוֹין זִיכֶער זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וַוייל וָואס עֶס וֶועט נָאר אוֹיף אִים אַדוּרְךְ גֵיין, וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע וֶועט אִים וֶועלְן צוּבְּרֶעכְן, וָואסֶערֶע שְׁטֶערוּנְגֶען עֶר וֶועט נָאר הָאבְּן, וֶועט עֶר אַלֶעס דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן.

(כּוֹכְבֵי אוֹר, אַנְשֵׁי מוֹהֲרַ"ן ד')

## קוּקְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

אֵיינְמָאל אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעוֶוען אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, אוּן עֶר הָאט גֶעגֶעסְן נַאכְטְמָאל אִין אַ גַאסְט הוֹיז, אִינְמִיטְן עֶסְן הָאט זִיךְ אִים גֶעשְׁטֶעלְט אַ בֵּיין אִין הַאלְז, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטִיקְט רַחֲמָנָא לִיצְלַן, זַיין בַּאגְלֵייטֶער הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט אַרָאפְּגֶעשְׁלוּנְגֶען דֶעם בֵּיין אוּן עֶר אִיז גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן.

הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט פַאר זַיין בַּאגְלֵייטֶער: "הָאסְטוּ גֶעזֶעהְן אַז וֶוען אִיךְ הָאבּ מִיר גֶעשְׁטִיקְט הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן מַיין קָאפּ אוֹיף אַרוֹיף? וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעפִילְט אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שׁוּם עֵצָה, אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעקֶענְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאבּ אִיךְ כָאטְשׁ גֶעקוּקְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן".

וַוייל אֲפִילוּ וֶוען מֶען פִּילְט אַז מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף מֶען כָאטְשׁ קוּקְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַארְף טוּהְן כָאטְשׁ וָואס מֶען קֶען.

(כּוֹכְבֵי אוֹר, אַנְשֵׁי מוֹהֲרַ"ן, ח')

## אַ פָּשׁוּטֶער אִיד

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט, מֶען דַארְף אִין דִי יוּגְנְט אַסַאךְ הָארֶעוֶוען כְּדֵי אוֹיף דֶער עֶלְטֶער זַיין אַ פְּרָאסְטֶער עֶרְלִיכֶער אִיד. דָאס הֵייסְט זִיךְ פִּירְן זֵייעֶר פָּשׁוּט, גְלֵייבּ מִיר צוּ גֵיין אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ דְרֵיי מָאל אַ טָאג אוּן דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב אוּן אִינְזִינֶען הָאבְּן וָואס מֶען דַאוֶוענְט אוּן וָואס מֶען זָאגְט, דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה.

(אַשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חלק ד' מִכְתָּב תכ"ה)

## גִלוּי אֵלִיָּהוּ

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין דִי מְעָרָה פוּן אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא, הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיסְגֶעמָאלְט וִוי אֵלִיָּהוּ אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעהַאט פוּן דִי וֶוערְטֶער אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְעוֹרְרוּת, אַז אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ, אַ בָּשָׂר וָדָם אוֹיף דֶער וֶועלְט, נָאר עֶר הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דוּרְךְ דֶעם הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת, בִּיז עֶר אִיז אַרוֹיף אִין הִימֶל לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ק') אַז אַלֶע צַדִיקִים זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת, נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דֶערְפַאר קֶען אַ יֶעדֶער אִיד אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס וָואס עֶר וִויל, אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(כּוֹכְבֵי אוֹר, אַנְשֵׁי מוֹהֲרַ"ן כ"ג)

## וָואס דַארְפְסְטוּ אֶמֶת'דִיג?

אַמָאל אִיז גֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זַ"ל אוּן הָאט אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אִים גֶעבְּן צְוֵויי עֵצוֹת, אֵיינְס אוֹיף רוּחְנִיוּת וְוִיאַזוֹי מֶען קֶען זַיין אַן עֶרְלִיכְן אִיד, אוּן אֵיינְס אוֹיף גַשְׁמִיוּת וִוי מֶען קֶען הָאבְּן פַּרְנָסָה. הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ בֶּעט נָאר אוֹיף פַּרְנָסָה, וַוייל דָאס שְׁפִּירְסְטוּ מִיט אַן אֶמֶת אַז עֶס פֶעלְט דִיר, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ט') אַז אַ אִיד בֶּעט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט אַן אֶמֶת עֶפְנְט זִיךְ אִים אוֹיף דִי טוֹיעֶרְן פוּן הִימְל, אוּן עֶר קְרִיגְט וָואס עֶר דַארְף. אוּן אַזוֹי וִוי עֶס פֶעלְט דִיר פַּרְנָסָה דָאס שְׁפִּירְסְטוּ זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן דוּ מֵיינְסְט עֶס מִיט אַן אֶמֶת, אַז דוּ וֶועסְט בֶּעטְן אוֹיף דֶעם מִיט אַן אֶמֶת אוּן מִיט אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ וָואס דוּ הָאסְט, וַוייל עֶס פֶעלְט דִיר פַּרְנָסָה, אוּן דוּ קֶענְסְט נִישְׁט מְפַרְנֵס זַיין דַיין וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער, דֶעמָאלְטְס וֶועסְטוּ שׁוֹין קֶענֶען בֶּעטְן אוֹיף רוּחְנִיוּת אוֹיכֶעט". זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוּן עֶר זָאל בֶּעטְן וָואס עֶס טוּט אִים בְּאֶמֶת וֵויי.

(אַשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ מִכְתָּב מ"ב)

## אוֹיךְ סוֹדוֹת הַתּוֹרָה

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז דָא בַּאהַאלְטְן גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת, וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִּירְט צוּ אַ שִׁידוּךְ פַאר יֶעדְן.

אֵיינְמָאל הָאט זִיךְ אַ חָתָן אָפְּגֶערֶעדְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז עֶס גֵייט אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט צוּ קוֹיפְן מַתָּנוֹת פַאר זַיין כַּלָה א.א.וו. הָאט אִים רֶבִּי נָתָן זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען אוּן גֶעזָאגְט: "בַּיי יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז אוֹיךְ אַזוֹי גֶעוֶוען וֶוען עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן זַיין כַּלָה, הָאט עֶר גָארְנִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט" הָאט דֶער בָּחוּר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וִוי אַזוֹי קֶענְט אִיר מִיר צוּגְלַייכְן צוּ יַעֲקֹב אָבִינוּ? דָארְט אִיז דָאךְ נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין פָּשׁוּטֶע זַאכְן, עֶס לִיגְט אִין דִי מַעֲשִׂיוֹת בַּאהַאלְטְן גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה" הָאט רֶבִּי נָתָן אִים גֶעזָאגְט: "בַּיי דִיר אִיז אוֹיךְ בַּאהַאלְטְן גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה!"

וַוייל בַּיי אַ יֶעדְן אִיד, וָואס עֶס גֵייט נָאר אוֹיף אִים דוּרְךְ, לִיגְט אִין דֶעם בַּאהַאלְטְן סוֹדוֹת הַתּוֹרָה, אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אֲפִילוּ וֶוען מֶען גֵייט דוּרְךְ שְׁוֶוערֶע צַייטְן, זָאל מֶען נָאר קוּמֶען צוּם

המשך בדף ד

בית המדרש היכל הקודש ברסלב

בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

תאו ואתכנשו

בעזרת ה' יתברך נתאסף כולנו לסעודת הילולא של מורינו
הגאון הקדוש אור נפלא אשר כל רז לא אניס ליה

מורינו רבי נתן מברסלב זצוק"ל

ליל שישי פרשת ויחי הבעל"ט

בבית מדרשינו בבארא פארק

1129 42nd street

בשעה 7:30

כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

ישמיע דברות קודש דברי התחזקות והתעוררות
המשיבים את הנפש בגדולת מוהרנ"ת זצוק"ל

שמעו ותחי נפשכם

# שִׂיחוֹת וְסִפּוּרִים

אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הֶעלְפְן.

(אֲבָנֶיהָ בַּרְזֶל דַּף פ"ח)

## נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן

פוּן אָנְפַאנְג וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן, הָאט עֶר זִיךְ אֵיינְמָאל אָפְּגֶערֶעדְט פַארְן רֶבִּי'ן אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעדַאוְונְט אַזוֹי גוּט יוֹם כִּיפּוּר, עֶר הָאט נִישְׁט אִינְזִין גֶעהַאט דָאס דַאוֶוענֶען גֶעהֶערִיג וִוי מֶען דַארְף.

הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אַז מֶען דַאוֶוענְט נִישְׁט יוֹם כִּיפּוּר, דַאוֶוענְט מֶען צוּ מָארְגְנְ'ס בַּיי גָאט'ס נָאמֶען" (דֶער טָאג נָאךְ יוֹם כִּיפּוּר רוּפְט מֶען "גָאט'ס נָאמֶען").

דָאס מֵיינְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אוֹיב הָאסְטוּ נִישְׁט גֶעדַאוְונְט גוּט הַיינְט, וֶועסְטוּ מָארְגְן דַאוֶוענֶען בֶּעסֶער, מֶען טָאר אָבֶּער נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן וֶועגְן דֶעם.

(אִילָן הַחַיִּים אוֹת קי"ג)

## אַ ווִילְדֶער בָּחוּר

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַזַא סִיפּוּר בַּיים הֵיילִיגְן רַבִּי נָתָן זַ"ל סְ'אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אַ אִיד אַ גְרוֹיסֶער אָרֶעמַאן אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אַז עֶר הָאט אַ ווִילְדְן זוּהְן וָואס צוּבְּרֶעכְט שׁוֹיבְּן בַּיי מֶענְטְשֶׁנְ'ס הַייזֶער, טוּט ווִילְדֶע שְׁטִיקֶעס, פַארְבְּרֶענְט זְנָבוֹת פוּן קִיעֶן וְכוּ', אוּן אַלֶע גוֹיִים קוּמֶען צוּ אִים זִיךְ בַּאקְלָאגְן אוּן מָאנֶען פוּן אִים עֶר זָאל בַּאצָאלְן דִי הֶזֵיקוֹת וְכוּ', וָואס זָאל עֶר טוּהְן? הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי נָתָן גֶעגֶעבְן אַ עֵצָה, מַאךְ אִים חֲתוּנָה, וֶועסְטוּ זֶעהְן עֶר וֶועט זַיין אַ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט וֶוער וֶועט דֶען וֶועלְן נֶעמֶען אַזַא ווִילְדְן זוּהְן? הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי נָתָן גֶעעְנְטְפֶערְט זָאלְסְט זֶעהְן נִישְׁט צוּ קְלוֹיבְּן, נָאר דֶעם עֶרְשְׁטְן זִיווּג וָואס מֶען אִיז מַצִיעַ זָאלְסְטוּ נֶעמֶען, אוּן פוּנְקְט אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ אִיד אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אִיךְ הָאבּ אַ שִׁידוּךְ פַאר דַיין זוּהְן, אוּן דֶער טַאטֶע הָאט שׁוֹין מַסְכִּים גֶעוֶוען, אוּן מֶען הָאט גֶעשְׁלָאסְן דֶעם שִׁידוּךְ, אוּן עֶר הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט, נָאךְ דִי חֲתוּנָה אִיז עֶר אַזוֹי נִשְׁתַּנָה גֶעוָוארְן, בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן גָאר אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, דֶער זוּהְן הָאט גֶעהֵייסְן הִירְשׁ, נָאכְדֶעם אִיז עֶר גֶעוָוארְן מַמָשׁ אַזַא צַדִיק, אַז מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן אוֹיף דֶער עֶלְטֶער דֶער וֵוייסֶער פֶעטֶער, וָוארוּם עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּאלִיבְּט בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם. זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז מֶען מַאכְט חֲתוּנָה אַ קִינְד יוּנְג, פַארְשְׁפָּארְט מֶען אַלֶע צָרוֹת.

(אֲשֶׁר בְּנַחַל בְּאִידִישׁ חלק ג' מִכְתָּב שפ"ג)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

~~~

## הערליכע חתונה פון נאך א תלמיד הישיבה

די וואך דאנערשטאג איז פארגעקומען די חתונה פון א תלמיד הישיבה החתן יואל מאשקאוויטש הי"ו אין די זאל פון עטרת חי' שרה אין מאנסי.

די בחורים זענען ארויס געפארן צו די חתונה און דארט משמח געווען דעם חתן אויף א געהויבענעם פארנעם ביז אין די שפעטע שעה'ן.

ווי מען זעהט לעצטנס הערט זיך נישט אויף די פלייץ פון חתונות, ווען בעזר ה' קומט פאר כמעט יעדע וואך נאך א חתונה פון א תלמיד הישיבה, דער אייבערשטער זאל ווייטער העלפן.

**שמח תשמח ריעים האהובים!**

\*\*\*

## הדלקת נר חנוכה ביי מוהרא"ש שליט"א

אזוי ווי אלע יארן קומען זיך תלמידי היכל הקודש צוזאם ביי מוהרא"ש שליט"א מיטצוהאלטן די הדלקת נר חנוכה.

יעדע נאכט קומען הונדערטער אידן מיטצוהאלטן די געהויבענע מינוטין.

נאכן צינדען וואונטש מוהרא"ש אן פאר יעדן פערזענליך ברכות וישועות.

צום לעצטן ליכטל דעם מיטוואך זאת חנוכה, איז זיך צוזאם געקומען א ספעציעל גרויסער עולם פון נאנט און ווייט, צו מיטהאלטן די געהויבענע צייט.

נאכן צינדן און זינגען די זמירות האט גענומען א לענגערע צייט ביז דער גאנצער עולם האט געהאט די זכי' אריבער צו גיין ביי מוהרא"ש שליט"א ולהתברך בכל הברכות והישועות.

**קבעו שיר ורננים!**

### סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **יואל מאשקאוויטש** הי"ו

תלמיד ישיבתינו הק'

**צו זיין שמחת החתונה למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים, אמן.

### סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **יואל מענדלאוויטש** הי"ו

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון זיינע קינדער, אמן.

### סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **בערל לעווי** הי"ו

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון זיינע קינדער, אמן.

### קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א**

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**




**מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען**

פאר גאר ביליגע פרייזן!

**ווענטליכע גליונות \* קונטרסים \* ספרים**

שנעל גוט און ביליג!

**רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554**

**5554printing@gmail.com**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**
~~~

# גליון היכל הקודש

ווערטשאפטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת ויחי, י"א טבת, שנת תשע"ד לפ"ק

שנה 3, גליון 14 (114)


**זמנים**

הדלקת הנרות.......................**4:11**
סוף זמן קר"ש.......................**8:55**
מוצש"ק.............................**5:42**

**שיעורים כסדרן**

בבלי...............................יומא ל"ו
ירושלמי...........................מכות ה'
תוספתא.......בבא בתרא פרק ה'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיָּשֶׂם אֶת אֶפְרַיִם לִפְנֵי מְנַשֶּׁה.** יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעלֵייגְט זַיין רֶעכְטֶע הַאנְט צוּ בֶּענְטְשְׁן קוֹדֶם אֶפְרַיִם, אוּן וֶוען יוֹסֵף הָאט אִים אוֹיפְגֶעמֶערְקְט אַז מְנַשֶּׁה אִיז דֶער עֶלְטֶערֶער, דֶער בְּכוֹר, הָאט אִים יַעֲקֹב אָבִינוּ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ וֵויים אוֹיךְ פוּן דֶעם, אָבֶּער פוּן דֶעסְט וֶועגְן וִויל אִיךְ קוֹדֶם בֶּענְטְשְׁן אֶפְרַיִם.

מוֹהַרְאַ"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי מֶען זֶעהט פוּן רֶבִּי'ן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן צ"ז) אַז עֶס אִיז דָא צְוֵויי זַאכְן בַּיים דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן אֵיין זַייט "סוּר מֵרָע" מֶען דַארְף אַוֶועקְגֵיין פוּן שְׁלֶעכְטְס, נִישְׁט טוּהן קַיין עֲבֵירוֹת, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט "וַעֲשֵׂה טוֹב" מֶען דַארְף טוּהן גוּטְס, מֶען דַארְף טוּהן אַסַאךְ מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים.

אוּן דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דִי נֶעמֶען פוּן יוֹסֵף'ס קִינְדֶער, "**מְנַשֶּׁה**" אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן "**פַארְגֶעסְן**" וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מא, נא) **כִּי נַשַּׁנִי אֱלֹהִים אֶת כָּל עֲמָלִי**, דָאס גֵייט אַרוֹיף אַז מֶען דַארְף פַארְגֶעסְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטְס, מֶען דַארְף אוֹיפְהֶערְן צוּ טוּהן שְׁלֶעכְטְס, אוּן "**אֶפְרַיִם**" אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן "**פַארְמֶערְן**", דָאס מֵיינְט אַז מֶען דַארְף פַארְמֶערְן צוּ טוּהן אַסַאךְ מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים.

בֵּיידֶע זַאכְן דַארְף מֶען הָאבְן, אָבֶּער עֶס אִיז גֶעוֶוען חִילוּקֵי דֵעוֹת צְווִישְׁן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, וֶועלְכֶע עֶס קוּמְט פְרִיעֶר, דִי בַּעֲלֵי מוּסָר הָאבְן גֶעהַאלְטְן אַז קוֹדֶם קוּמְט "**סוּר מֵרָע**", צוּם עֶרְשְׁט דַארְף מֶען זִיךְ אָפְּשָׁאקְלֶען פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוּן הֶערְשְׁט דֶערְנָאךְ קֶען מֶען זִיךְ נֶעמֶען צוּ טוּהן גוּטְס.

וִוידֶער דִי תַּלְמִידֵי בַּעַל-שֵׁם-טוֹב הַקָּדוֹשׁ הָאבְן גֶעהַאלְטְן פַארְקֶערְט, אוֹיבּ וֶועט מֶען קוֹדֶם זִיךְ נֶעמֶען נָאר צוּם "סוּר מֵרָע", מֶען וֶועט נָאר אַרְבֶּעטְן זִיךְ אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן אִינְגַאנְצְן, וֶועט דָאס נֶעמֶען צוּ לַאנְג, אוּן מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּם "עֲשֵׂה טוֹב", דֶערְפַאר דַארְף מֶען צוּם עֶרְשְׁט זֶעהן אַרַיינְצוּכַאפְּן וָואס מֶער גוּטֶע זַאכְן, נָאךְ אַ מִצְוָה, נָאךְ אַ גוּטֶע זַאךְ, אוּן דִי כֹּחַ פוּן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת וֶועט שׁוֹין הֶעלְפְן, אַז מֶען זָאל אוֹיפְהֶערְן צוּ טוּהן שְׁלֶעכְטְס.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, יוֹסֵף וָואס עֶר אִיז בַּייגֶעשְׁטַאנֶען דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אִין מִצְרַיִם, הָאט גֶעהַאלְטְן אַז מֶען זִיךְ קוֹדֶם אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת וְסִפּוּרִים פוּן רֶבִּי נָתָן זצוק"ל

### צוּ דִי יָארְצַייט עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת

~ צְוֵוייטֶער טֵייל ~

### מִקְוֶה בְּרֶענְגְט תִּקְוָה

אֵיינְמָאל אִין אַ פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס, עֶס אִיז גֶעוֶוען דַאן שַׁבָּת חֲנוּכָּה שְׁנַת תר"ה, צְוֵויי וָואכְן פַאר דִי פְּטִירָה פוּן רֶבִּי נָתָן, הָאט מֶען גֶעשְׁמוּעֶסְט אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלַב אַז דִי דַאךְ פוּן דִי מִקְוֶה אִיז אַיינְגֶעפַאלְן, אוּן מֶען וֶועט נִישְׁט קֶענֶען גֵיין שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי אִין מִקְוֶה.

לְמַעֲשֶׂה אָבֶּער וֶוען דִי זוּן הָאט אוֹיפְגֶעשַׁיינְט הָאט מֶען גֶעזֶעהן אַז עֶס אִיז נָאר אַיינְגֶעפַאלְן אַ קְלֵיינֶע חֵלֶק אוּן אוֹיךְ נִישְׁט הֶעכֶער דִי מִקְוֶה, אַזוֹי אַז מֶען הָאט גֶעקֶענְט גֵיין גֶעהֶערִיג אִין מִקְוֶה, אוּן רֶבִּי נָתָן אִיז אוֹיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה.

נָאךְ דִי מִקְוֶה וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעקוּמֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ דַאוֶוענֶען הָאט עֶר גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּ' גֶעוֶוען אוּן גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען גְרֵייט צוּ גֵיין זִיךְ טוֹבְלְ'ן אִינֶעם טַייךְ בּוּג, כָאטְשׁ עֶס אִיז גֶעוֶוען הִיבְּשׁ וַוייט פוּן זַיין הוֹיז אוּן דַאן אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר קַאלְט אוּן דֶער טַייךְ אִיז גֶעוֶוען פַארְפְרוֹירְן.

רֶבִּי נָתָן הָאט דַאן אַרוּם גֶערֶעדְט פוּן דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן גֵיין אִין מִקְוֶה, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז "מִקְוֶה" אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן "תִּקְוָה", אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט זַיין גֶעוָוארֶענְט צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה, וֶועט עֶר זִיכֶער הָאבְּן אַ תִּקְוָה - אַ הָאפֶענוּנְג אַז עֶר וֶועט אַלֶעס פַארֶעכְטְן אוּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ, עֶזְרָא הַסּוֹפֵר)

### אוֹיסְגֶענוּצְט דִי צַייט

אִין דִי טֶעג וָואס מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זֵייעֶר פַארְנוּמֶען אוּן מֶען קוּמְט גֶעוֶוענְלִיךְ נִישְׁט אָן צוּ לֶערְנֶען, וִוי לְמָשָׁל עֶרֶב פֶּסַח, עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר, פּוּרִים, א.ד.ג. דַאן הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעהַאט סְפֶּעצִיעֶלֶע שִׁיעוּרִים, עֶר פְלֶעגְט הָאבְּן אַ שֻׁלְחָן עָרוּךְ אָפְן אוֹיפְן טִישׁ, אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעהַאט אַ מִינוּט לֵיידִיג אִיז עֶר אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעלֶערְנְט נָאךְ אַ סְעִיף אָדֶער צְוֵויי, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר אוֹיסְגֶענוּצְט דִי צַייט דִי מֶערְסְטֶע וָואס אִיז שַׁיָּיךְ.

(אִילָן הַחַיִּים, פ"ב)

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

אַוועקְגֵיין פוּן דִי שְׁלֶעכְטְס, אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעלֵייגְט מְנַשֶּׁה אוֹיף דִי רֶעכְטֶע זַייט, ווִידֶער יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט דָאךְ אָבֶּער גֶעוואוּסְט אַז עֶס קוּמְט אַ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע גָלוּת, מִיט אַסַאךְ שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, הָאט עֶר גֶעלֵייגְט אֶפְרַיִם אוֹיף דִי רֶעכְטֶע זַייט, צוּ ווַייזְן אַז דִי בֶּעסְטֶע וֶועג אִיז, אַרַיינְצוּכַאפְּן ווִי מֶער גוּטְס מֶען קֶען, אוּן דִי שְׁלֶעכְטְס וֶועט שׁוֹין מְמֵילָא אַוֶועק פַאלְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שַׁבָּת קוֹדֶשׁ וַיְחִי תשס"ה)

***

**אָרוּר אַפָּם כִּי עָז וְעֶבְרָתָם כִּי קָשָׁתָה.** יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעשָׁאלְטְן דִי מִדָּה פוּן כַּעַס פוּן שִׁמְעוֹן אוּן לֵוִי, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט **אֲחַלְּקֵם בְּיַעֲקֹב וַאֲפִיצֵם בְּיִשְׂרָאֵל**, אִיךְ וֶועל זֵיי צוּשְׁפְּרֵייטְן צְווִישְׁן דִי אִידְן.

זָאגְט רַשִׁ"י, אוֹיף שִׁמְעוֹן הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז זֵיי וֶועלְן זַיין מְלַמְּדִים, סוֹפְרִים אוּן אָרִימֶעלַייט, אוּן אַזוֹי וֶועלְן זֵיי אַרוּמְגֵיין צְווִישְׁן דִי אִידְן, אוּן שֵׁבֶט לֵוִי וֶועט מוּזְן אַרוּמְגֵיין צוּזַאמְנֶעמֶען תְּרוּמוֹת אוּן מַעַשְׂרוֹת פוּן דִי פֶעלְדֶער.

מוֹהַרְאַ"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ח) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט אִין כַּעַס, פַארְלִירְט עֶר דוּרְךְ דֶעם זַיין גֶעלְט, ווַייל בֵּיידֶע זַאכְן, סַיי כַּעַס אוּן סַיי גֶעלְט קוּמֶען פוּן דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ, אוּן דֶערְפַאר וֶוען דֶער יֵצֶר הָרַע זֶעהְט אַז עֶס דַארְף קוּמֶען אַ שֶׁפַע פוּן גֶעלְט פַארְן מֶענְטְשׁ, שְׁטֶעלְט עֶר אִים אוּנְטֶער אַ נִסָּיוֹן פוּן כַּעַס, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ פַאלְט דוּרְךְ, אוּן עֶר רֶעגְט זִיךְ אוֹיף, פַארְלִירְט עֶר דוּרְךְ דֶעם דָאס גֶעלְט.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **אָרוּר אַפָּם כִּי עָז, וְעֶבְרָתָם כִּי קָשָׁתָה**, ווַייל זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט דִי מִדָּה פוּן כַּעַס, דֶערְפַאר, **אֲחַלְּקֵם בְּיַעֲקֹב וַאֲפִיצֵם בְּיִשְׂרָאֵל**, זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען אָרִימֶעלַייט.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיְחִי ח')

***

**מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ**, עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (מֶדְרָשׁ תַּלְפִּיּוֹת) אַז אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זִיצְט עַל פִּתְחוֹ שֶׁל גֵיהִנּוֹם אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיּוֹת לָאזְט עֶר אִים נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין גֵיהִנּוֹם, עֶר זָאגְט זֵיי 'דֶער מֶענְטְשׁ בַּאלַאנְגְט צוּ מִיר', אוּן דֶער הֵיילִיגֶער חִידָ"א זַ"ל בְּרֶענְגְט (פְּנֵי דָוִד וַיְחִי) אַז דָאס אִיז מְרוּמָּז אִין פָּסוּק "**מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ**" שְׁמֵנָ"ה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת מִשְׁנָ"ה, אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב אִיז מְמוּנֶּה אוֹיף דֶער וָואס עֶר לֶערְנְט מִשְׁנַיּוֹת.

אִיבֶּערְדֶעם אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט זִיךְ אַרוֹיסְרַייסְן פוּן דִי טוּמְאָה וָואס דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דֶעם, זָאלְסְטוּ זֶען צוּ זָאגְן זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנַיּוֹת כְּסִדְרָן דַּיְיקָא, אוּן זָאלְסְט עֶנְדִיגְן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, אַ מַסֶּכֶת נָאךְ אַ מַסֶּכֶת, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, דַאן זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל, אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן, לֶערְנֶען אַסַאךְ אַסַאךְ מִשְׁנַיּוֹת, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין מב.) **בְּמִי אַתָּה מוֹצֵא מִלְחַמְתָּהּ שֶׁל תּוֹרָה? בְּמִי שֶׁיֵּשׁ בְּיָדוֹ חֲבִילוֹת שֶׁל מִשְׁנָה;** דֶער וָואס לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיּוֹת דֶער אִיז זוֹכֶה אַרַיינְצוּגֵיין טִיף טִיף אִין דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה; ווִידֶערוּם זָאגְן דִי חֲזַ"ל (בָּבָא מְצִיעָא לג.) **וּלְעוֹלָם הֱוֵי רָץ לְמִשְׁנָה יוֹתֵר מִן גְּמָרָא;** זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג לוֹיפְן צוּ דִי מִשְׁנַיּוֹת מֶער ווִי צוּ דִי גְמָרָא; וָוארוּם אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיּוֹת, עֶפְנְט זִיךְ אִים דֶער קָאפּ עֶר זָאל קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין נָאכְדֶעם דִי גְמָרָא.

אוּן אוֹיסֶערְדֶעם דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען לֶערְנְט מִשְׁנַיּוֹת אִיז מֶען מְקָרֵב דִי גְאוּלָה, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה פָּרָשָׁה ז' סִימָן ג') **אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנַיּוֹת;** אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנַיּוֹת, אֲפִילוּ דֶעם זָאגְן מִשְׁנַיּוֹת אִיז מְטַהֵר אֶת הַנֶּפֶשׁ.

(אֲשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק א' מִכְתָּב כ"א)

# שִׂיחוֹת וְסִפּוּרִים

## דִי צַייט לוֹיפְט

אֵיינְמָאל אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי נָתָן אַ אִיד אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן ווִי רֶבִּי נָתָן הַאלְט אִינְמִיטְן רֶעדְן מִיט אַ אִינְגְל אוּן רֶבִּי נָתָן אִיז מְעוֹרֵר דֶעם אִינְגְל אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין תַּכְלִית אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז עֶר זָאל זִיךְ בַּאפְלַייסְן צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ שִׁיעוּרִים אִין דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה.

הָאט דֶער אִיד גֶעפְרֶעגְט פוּן רֶבִּי נָתָן פַארְוָואס עֶר פַארְבְּרֶענְגְט דִי צַייט צוּ רֶעדְן מִיט אַ קְלֵיין אִינְגְל, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אָט אִיז עֶר אַ אִינְגְל, אָט אִיז עֶר אַ בָּחוּר, אָט אִיז עֶר אַ אִינְגֶערְמַאן, אָט אִיז עֶר אַן אַלְטֶער אִיד, אוּן אָט טְרָאגְט מֶען אִיהם שׁוֹין", אוּן דוּ זָאגְסְט אַז אִיךְ פַארְבְּרֶענְג דִי צַייט?

(אִילָן הַחַיִּים, פ"ט)

## אוֹיף דִי בָּארְד זָאל עֶס נִישְׁט רִינֶען

רֶבִּי נָתָן הָאט נָאכְגֶעזָאגְט פוּן רֶבִּי'ן: "דִי וֶועלְט זָאגְט 'אוֹיבּ מֶען עֶסְט שׁוֹין יָא חֲזִיר זָאל עֶס שׁוֹין רִינֶען אוֹיף דִי בָּארְד', אָבֶּער אִיךְ זָאג 'אוֹיבּ מֶען עֶסְט שׁוֹין יָא חֲזִיר זָאל עֶס כָאטְשׁ נִישְׁט רִינֶען אוֹיף דִי בָּארְד'".

דָאס מֵיינְט אַז מֶענְטְשְׁן זָאגְן אַז וֶוען מֶען פַאלְט שׁוֹין דוּרְךְ מִיט אַן עֲבֵירָה זָאל עֶס כָאטְשׁ נִישְׁט זַיין אוּמְזִיסְט, מֶען זָאל כָאטְשׁ הֲנָאָה הָאבְּן דֶערְפוּן. אָבֶּער אִיךְ זָאג אַז מֶען זָאל זִיךְ פְּרוּבִּירְן כָאטְשׁ צוּרִיק צוּ הַאלְטְן ווִיפִיל מֶען קֶען, ווַייל יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט מַאכְט אוֹיס.

(יְמֵי מוֹהַרְנַ"ת, הוֹסָפוֹת, ס"ג)

## זֶעהְן נָאר דָאס גוּטְס

אֵיינְמָאל אִיז גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי נָתָן זַיין תַּלְמִיד ר' מֵאִיר פוּן טֶעפְּלִיק, רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט אוֹיף גֶעווִיסֶע מֶענְטְשְׁן פוּן טֶעפְּלִיק, אוּן ר' מֵאִיר הָאט זֵיי אַלֶע אַוֶועק גֶעמַאכְט אַז זֵיי הַאלְטְן בַּיי גָארְנִישְׁט, וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעפְרֶעגְט אִים אַלֵיין ווִי אַזוֹי עֶס גֵייט אִים, הָאט עֶר זִיךְ אוֹיךְ אַוֶועק גֶעמַאכְט אַז עֶר אִיז אוֹיךְ נִישְׁט ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז דַיין פְּרָאבְּלֶעם, דוּ הַאלְטְס נִישְׁט פוּן דִיר אַלֵיין, אוּן אַז דוּ בִּיזְט נִישְׁט קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד אִיז דָאךְ יֶענֶער זִיכֶער נִישְׁט. אוֹיבּ אָבֶּער דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן אִין דִיר דַיינֶע גוּטֶע נְקוּדוֹת אוּן דוּ וֶועסְט אָנְהוֹיבְּן צוּ הַאלְטְן פוּן דִיר, וֶועסְטוּ שׁוֹין טְרֶעפְן גוּטֶע נְקוּדוֹת אִין יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן זֶעהְן אַז עֶס נִישְׁט אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ".

(יְמֵי מוֹהַרְנַ"ת, הוֹסָפוֹת, קכ"ה)

## יֶעדֶער קֶען זוֹכֶה זַיין

רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶערֶעדְט אַ שְׁמוּעֶס וֶועגְן אַבְרָהָם אָבִינוּ אַז עֶר הָאט גֶעהַאט אַזַא הַארְץ וָואס הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעבְּרֶענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר הָאט נָאר גֶעוָואלְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דִי אֱמוּנָה אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אִינְמִיטְן דֶעם שְׁמוּעֶס הָאט זִיךְ אֵיינֶער אָנְגֶערוּפְן מִיט אַ קְרֶעכְצְן: "פוּן וואוּ נֶעמְט מֶען אַזַא הַארְץ אַזוֹי ווִי אַבְרָהָם אָבִינוּ?", הָאט אִים רֶבִּי נָתָן אָנְגֶעשְׁרִיגְן: "דוּ הָאסְט אוֹיךְ אַ הַארְץ, נָאר דוּ בַּאהַארְצְסְט עֶס נִישְׁט", דָאס מֵיינְט אַז יֶעדֶער אִיד קֶען אָנְקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת פּוּנְקְט ווִי אַבְרָהָם אָבִינוּ, אוֹיבּ עֶר זָאל נָאר וֶועלְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ צְוֵוייטֶע מָאל הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעבְּרֶענְגְט עֶפֶּעס אַ רְאַיָ' פַאר אֵיינֶעם פוּן יִצְחָק אָבִינוּ, הָאט אִים יֶענֶער גֶעזָאגְט: "וָואס פַארְגְלַייכְסְטוּ מִיר צוּ יִצְחָק אָבִינוּ?", הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס מֵיינְסְטוּ? אַז יִצְחָק הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין יֵצֶר הָרַע? אוֹיבּ אַזוֹי ווִי אַזוֹי הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין יִצְחָק?".

(יְמֵי מוֹהַרְנַ"ת, הוֹסָפוֹת, קל"ו,קל"ז)

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת וְסִפּוּרִים

## דִי נֵייֶע דִירָה

רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל שְׁפַּאצִירְט מִיט אֵיינֶעם אִין פֶעלְד, אוּן וֶוען יֶענֶער הָאט גֶעזֶעהן אַז רֶבִּי נָתָן קוּקְט אַסַאךְ אוֹיף דֶער עֶרְד, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט פוּן רֶבִּי נָתָן פַארְוָואס עֶר קוּקְט אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיף דֶער עֶרְד.

הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל זִיךְ אַרֵיינְצִיעֶן אִין אַ נֵייֶע דִירָה, גֵייט עֶר עֶס קוֹדֶם קוּקְן אוּן בַּאטְרַאכְטְן צוּ זֶעהן ווִי אַזוֹי עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען אַן עֵצָה גֶעבְן דָארְט. דִי זֶעלְבֶּע אִיךְ וֵוייס אַז אֵיין טָאג וֶועל אִיךְ גֵיין וואוֹינֶען אִין דֶער עֶרְד, מֶען לֶעבְט נִישְׁט אֵייבִּיג אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן דֶערְפַאר בַּאטְרַאכְט אִיךְ מַיין צוּקוּנְפְטִיגֶע דִירָה, אוּן אִיךְ פְּרוּבִּירְט אַרֵיינְצוּכַאפְּן ווִי מֶער מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אַז עֶס זָאל מִיר נִישְׁט זַיין אַזוֹי שְׁלֶעכְט דָארְט.

(אִילָן הַחַיִּים, ק"ז)

## צוּ סַאךְ אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גוּט

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת תְּרוּמוֹת וּמַעַשְׂרוֹת, הֲלָכָה ג): אִיז מַסְבִּיר, אַז דִי סִבָּה פַארְוָואס מֶענְטְשְׁן כַאפְּן נִישְׁט אַרַיין יֶעדְן טָאג כָאטְשׁ וִויפִיל מֶען קֶען יָא, אוּן מֶען פַאלְט אַרָאפּ בַּיי זִיךְ, אִיז וֶועגְן 'רִיבּוּי אוֹר'; דָאס הֵייסְט עֶר ווִיל גְלַייךְ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ, דֶערְפַאר טוּט עֶר גָארְנִישְׁט, אָבֶער אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען צוּבִּיסְלֶעךְ וֶועט עֶר זֶעהְן אַז עֶר כַאפְּט אַרַיין צוּבִּיסְלֶעךְ נָאךְ אַבִּיסְל אוּן נָאךְ אַבִּיסְל; סַיי חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגּוּם יֶעדְן טָאג, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ צְוֵויי דְרֵיי פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ גְמָרָא אוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, יֶעדֶער לוֹיט וִויפִיל עֶר קֶען, אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ וֶועט עֶר זֶעהְן אַז עֶר פַארְשְׁטֵייט, אוּן דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה הִיט אָפּ אוּן עֶס רַאטֶעוֶועט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוּן דָאס אִיז דִי חַיּוּת פַאר אַ מֶענְטְשׁ. אַזוֹי ווִי מִיר גֶעפוּנֶען אַז דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ רֶעדְט אִין יֶעדֶע פַּרְשָׁה דָאס גְרוֹיסְקֵייט אוּן דִי זִיסְקֵייט פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. וַוייל לֶערְנֶען תּוֹרָה אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ. אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי אַלֶע מִצְוֹות דַארְף מֶען ווִיסְן ווִי מוֹרָא'דִיג חָשׁוּב עֶס אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶעס בִּיסְל, מְמֵילָא וֶועט מֶען אַרֵיינְכַאפְּן זֵייעֶר אַסַאךְ.

(קוּנְטְרֵס 'אַ מַתָּנָה פוּן רֶבִּי'ן')

## אַדוּרְךְ אַלֶע שְׁוֶועְרִיקַייטְן

דֶער בַּעַל-שֵׁם-הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מְתַקֵּן גֶעוֶוען אַז עֶרֶב שַׁבָּת בַּיי מִנְחָה זָאל מֶען זָאגְן דִי מִזְמוֹר: הוֹדוּ לַה' כִּי טוֹב (תְּהִלִּים קז), וָואס חַזַ"ל (בְּרָכוֹת נד ע"ב), לֶערְנֶען אַרוֹיס פוּן דֶעם מִזְמוֹר דִי פִּיר וָואס דַארְפְן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: אֵיינֶער וָואס אִיז דוּרְךְ דֶעם יַם, אֵיינֶער וָואס אִיז דוּרְךְ דֶעם מִדְבָּר, אַ קְרַאנְקֶער וָואס אִיז אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן, אוּן אֵיינֶער וָואס אִיז בַּאפְרֵייט גֶעוָוארְן פוּן תְּפִיסָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז מַסְבִּיר (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת הוֹדָאָה הֲלָכָה ו, אוֹת ט): אַז דִי אַלֶע פִּיר זַאכְן גֵייט דוּרְךְ אוֹיף יֶעדְן אִיד בְּמֶשֶׁךְ דִי זֶעקְס טֶעג פוּן דִי וָואךְ, אַמָאל אֲפִילוּ פָּשׁוּט בְּגַשְׁמִיוּת, אָבֶער בְּעִיקָּר בְּרוּחָנִיוּת, דָאס הֵייסְט, אַ מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ בְּמֶשֶׁךְ דִי וָואךְ אַזַאלֶעכֶע שְׁוֶועְרֶעקֵייטְן אוּן נִסְיוֹנוֹת אוּן מִיטְמַאכֶענִישְׁן אַז עֶר אִיז קְרַאנְק בִּפְרַט מִיט חוֹלֵי הַנֶּפֶשׁ רַחְמָנָא לִצְלָן, וָואס זַיין נְשָׁמָה אִיז נֶעבֶעךְ אִינְגַאנְצְן קְרַאנְק גֶעוָוארְן פוּן זַיינֶע בִּיטֶערֶע דוּרְכְפֶעלֶער בִּפְרַט אִין פְּגַם הַבְּרִית וְכוּ', אַזוֹי אוֹיךְ שְׁפִּירְט עֶר אַז עֶר הַאלְט זִיךְ שׁוֹין כִּמְעַט בַּיים דֶערְטְרֶענְקֶען אִין דִי יַם פוּן צָרוֹת, אוּן עֶר שְׁפִּירְט ווִי עֶר בְּלָאנְדְזְשֶׁעט אִין אַ ווִיסְטְן מִדְבָּר אוּן וֵוייסְט נִישְׁט צוּ וֶועמֶען זִיךְ צוּ וֶוענְדְן, אוּן וואוּ מֶען טְרֶעפְט דֶעם וֶועג אַרוֹיס, אוּן ווִידֶער שְׁפִּירְט עֶר זִיךְ אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין אַ מוֹרָא'דִיגֶע תְּפִיסָה פוּן זַיינֶע תַּאֲווֹת אוּן מִדּוֹת רָעוֹת דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן.

דֶערְפַאר נָאכְדֶעם וָואס עֶר אִיז דוּרְךְ דִי זֶעקְס טֶעג דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן עֶס קוּמְט יֶעצְט צוּ גֵיין דֶער הֵיילִיגֶער שַׁבָּת, אוּן עֶר גֵייט אִין מִקְוֶה, אוּן עֶר וַוארְפְט אַרָאפּ פוּן זִיךְ דִי וָואכֶעדִיגֶע קְלֵיידֶער אוּן עֶר טוּט זִיךְ אָן דִי שַׁבָּת'דִיגֶע קְלֵיידֶער, אוּן עֶר גֵייט אַרַיין אִין שַׁבָּת, קֶען עֶר טַאקֶע דַאנְקֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַז כָאטְשִׁיג עֶס אִיז אִים דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע וָואךְ, אִיז עֶר בָּרוּךְ הַשֵּׁם אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שַׁבָּת אַלְס אַ אִיד וָואס גְלֵייבְט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ גֶעוֶוען, דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער חִידּוּשׁ, אוּן עֶר דַארְף אוֹיף דֶעם אָפְּגֶעבְן אַ שֶׁבַח וְהוֹדָאָה פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועגְן דֶעם הָאט מֶען אַיינְגֶעפִירְט צוּ זָאגְן דֶעם מִזְמוֹר פוּן הוֹדוּ עֶרֶב שַׁבָּת.

(קוּנְטְרֵס 'אַ גוּטֶע וָואךְ')

## דַוְקָא פַאר נִידֶערִיגֶע מֶענְטְשְׁן

וָואס אִיז אֵייגֶענְטְלִיךְ גֶעוֶוען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן? נָאר רֶבִּי נָתָן הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְ'ס זַאךְ אִיז נִישְׁט נָאר פַאר

המשך בדף ד

## וַיּוֹכַח אָמֶשׁ – דֶער נֶעכְטִיגֶער טָאג

עֶס אִיז אַזַא שָׁאד אָנְצוּבְּרֶענְגֶען דִי צַייט, וָוארוּם אַלֶעס קֶען מֶען קוֹיפְן נָאר נִישְׁט צַייט, ווִי עֶס אִיז דָא אַ מַאֲמַר הֶחָכָם, "אֵין אֲבֵידָה כַּאֲבֵידַת הַזְּמַן" וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט דֶעם אֱמֶת'ן יִשּׁוּב הַדַּעַת שְׁפִּירְט עֶר ווִי יֶעדֶע מִינוּט וָואס עֶס גֵייט אַוֶועק שְׁטַארְבְּט עֶר, אוּן עֶס וֶועט שׁוֹין נִישְׁט מֶער נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען דִי מִינוּט וָואס עֶס אִיז פַארִיבֶּער, אוּן אוֹיבּ דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אוֹיף אַ מִינוּט, בְּאֵין עֶרֶךְ אוֹיף אַ שָׁעָה, אוּן עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה אוֹיף אַ טָאג, ווִיפֶעל עֶס אִיז אַוֶועק דֶער טָאג, וֶועט דָאס אִים שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיקְקוּמֶען.

אִיבֶּערְדֶעם פְלֶעגְן אוּנְזֶערֶע לַייט זָאגְן (בְּרֵאשִׁית לא) "וַיּוֹכַח אָמֶשׁ" דֶער גְרֶעסְטֶער מוּסָר סֵפֶר אִיז דֶער נֶעכְטִיגֶער טָאג, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף קוּקְן שְׁטֶענְדִיג אוֹיף דֶעם נֶעכְטְן, וָואס הָאט עֶר אוֹיפְגֶעטוּהְן מִיט זַיין אַ גַאנְצְן טָאג בַּאזָארְגְט אוּן טְרוֹיעֶרִיג? הָאט אִים דָאס גֶעהָאלְפְן פַארְגְרִינְגֶערְן זַיינֶע שְׁוֶוערֶע צָרוֹת? מֶען רֶעדְט שׁוֹין נִישְׁט אַז מֶען זֶעהְט דֶעם נֶעכְטִיגְן טָאג הָאט עֶר נִישְׁט גֶעדַאוֶוענְט מִיט מִנְיָן דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, אָדֶער עֶר הָאט נִישְׁט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין צְדָקָה פִּישְׁקֶע אַפָּאר פְּרוּטוֹת לִצְדָקָה, אָדֶער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעבֶּענְטְשְׁט בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אִין אַ סִידוּר בְּכַוָּונַת פֵּירוּשׁ הַמִּילוֹת, אָדֶער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּיטָּה, וָואס הָאט עֶר אוֹיפְגֶעטוּהְן מִיט דֶעם, דֶער טָאג אִיז שׁוֹין פַארִיבֶּער, אוּן עֶס וֶועט אִים שׁוֹין קֵיינְמָאל מֶער נִישְׁט צוּרִיקְקוּמֶען, אוּן וֶוער זָאגְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט נֶעכְטְן חוּמָשׁ רַשִׁ"י פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סִדְרָה, אָדֶער אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, אָדֶער אַ דַף גְּמָרָא וְכוּ' וְכוּ', אוֹיף אִים אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן (קֹהֶלֶת א') "מְעֻוָּת לֹא יוּכַל לִתְקֹן וְחֶסְרוֹן לֹא יוּכַל לְהִמָּנוֹת" אִיבֶּערְדֶעם אִיז (בְּרֵאשִׁית לא) "וַיּוֹכַח אָמֶשׁ" דֶער בֶּעסְטֶער מוּסָר סֵפֶר אִיז דֶעם נֶעכְטִיגְן טָאג, זֶעהְסְט אַז דוּ הָאסְט נֶעכְטְן גָארְנִישְׁט אוֹיפְגֶעטוּהְן מִיט דַיין טְרוֹיעֶרִיגְקֵייט, מִיט דַיין זָארְגְן, וְכוּ', אוּן הָאסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט אוּן הָאסְט נִישְׁט גֶעדַאוֶוענְט וְכוּ', זֶעה כָאטְשֶׁע הַיינְטִיגְן טָאג אַרוֹיסְכַאפְּן עֶפֶּעס גוּטְס, וָואס נָאר דָאס וֶועט דִיךְ בַּאגְלֵייטְן, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא הָאט גֶעזָאגְט (אָבוֹת פֶּרֶק ו') לְפִי שֶׁבִּשְׁעַת פְּטִירָתוֹ שֶׁל אָדָם, אֵין מְלַוִּין לוֹ לְאָדָם לֹא כֶּסֶף וְלֹא זָהָב וְלֹא אֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָּלִיּוֹת, אֶלָּא תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בִּלְבַד. אוּן אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא זָאגְט (תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה פֶּרֶק ט"ו) לְפִי שֶׁכָּל הַמַּרְבֶּה שִׂיחוֹת וּתְפִילּוֹת, הֵם הַמְלַוִּים אוֹתוֹ עַד שֶׁיַּגִּיעַ לְבֵית עוֹלָמוֹ; עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא זַאךְ וָואס עֶס בַּאגְלֵייט דֶעם מֶענְטְשׁ בִּיז צוּ דֶער לֶעצְטֶער מִינוּט וָואס דִי נְשָׁמָה אִיז בַּיי אִים, ווִי דָאס רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ.

אִיבֶּערְדֶעם זֶעהְט אַכְטוּנְג גֶעבְן דֶער עִיקָּר אוֹיפְן הַיינְטִיגְן טָאג, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעטַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים צ"ה) "הַיּוֹם אִם בְּקֹלוֹ תִשְׁמָעוּ" אוֹיבּ מֶען ווִיל הֶערְן דֶעם קוֹל פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דַארְף מֶען ווִיסְן אַז מֶען הָאט נִישְׁט נָאר דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רע"ב); אַ מֶענְטְשׁ טָאר זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן נֶעכְטְן אוּן פוּן מָארְגְן, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף נָאר טְרַאכְטְן פוּן הַיינְטִיגְן טָאג, נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין זִיךְ פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, עֶר דַארְף ווִיסְן אַז אַ יֶעדֶער טָאג אִיז אַ טָאג, אוּן עֶס וֶועט אִים שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיקְקוּמֶען. אִיבֶּערְדֶעם טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן אֵיין טָאג צוּם צְוֵוייטְן, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן מֶען טָאר נִישְׁט אָפְּשְׁטִיפְּן אוֹיף מָארְגְן, דָאס הֵייסְט, מָארְגְן וֶועל אִיךְ זַיין אַ עֶרְלִיכֶער אִיד! מָארְגְן וֶועל אִיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ! מָארְגְן וֶועל אִיךְ אָנְהֵייבְּן צוּ דַאוֶוענֶען עֶרְלִיךְ! מָארְגְן וֶועל אִיךְ אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען! אַ מֶענְטְשׁ דַארְף ווִיסְן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין מָארְגְן, נָאר דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ פִירְן אַזוֹי, וֶועט עֶר קֶענֶען אַרוֹיסְכַאפְּן זֵייעֶר אַסַאךְ תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה אוּן מִצְוֹות אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים.

(אשר בנחל באידיש חלק ד' מכתב תל"ז)

# שִׂיחוֹת וְסִפּוּרִים

דָרֵי מַעֲלָה - מֶענְטְשְׁן וָואס פְלִיעֶן אִין הִימְל, קְרִיכְן אִין הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת. נָאר דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ אִיז פַאר נִידֶערִיגֶע אוּן צוּפַאלֶענֶע אוּן צוּבְּרָאכֶענֶע מֶענְטְשְׁן, פַארְקֶערְט גָאר, וָואס מֶער אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִידֶערִיג אוּן צוּבְּרָאכְן אוּן צוּפַאלְן, פַאר אִים דַיְיקָא אִיז גֶעמַאכְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס זַאךְ.

(קוּנְטְרֵס 'זִיךְ לִיב הָאבְּן')

## הֶעלְפְּן מֶענְטְשְׁן אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעס

אַמָאל אִיז עֶר (רֶבִּי יִצְחָק לֵייבּ, אַ תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי'ן) מִיט רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן נָאךְ פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט גֶעפָארְן אוֹיפְן וָואגְן צוּזַאמֶען מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִינְמִיטְן וֶועג גֶעט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַ טְרֵייסְל, אוּן פְרֶעגְט: וֶוער הָאט גֶעזֶעהְן?! קֵיינֶער הָאט גָארְנִישְׁט גֶעזֶעהְן, נָאר רֶבִּי יִצְחָק לֵייבּ רוּפְט זִיךְ אָן: אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהְן, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעוִויזְן עֶר זָאל זַיין שְׁטִיל.

אוֹיךְ הָאט אַמָאל פַּאסִירְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעפָארְן אוֹיפְן וֶועג אִינְמִיטְן וַואלְד, אוּן עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אַ מִקְוֶה, אִיז רֶבִּי יִצְחָק לֵייבּ אַרָאפּ אוּן גֶעמַאכְט אַ רִינְג, אוּן הָאט דָארְט אוֹיפְגֶעגְרָאבְן, אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן דָארְט אַ קְוַואל, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אַרָאפּ זִיךְ טוֹבֵל'ען דָארְט, אוּן רֶבִּי יִצְחָק לֵייבּ הָאט זִיךְ אוֹיךְ גֶעוָואלְט טוֹבֵל'ען, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: יִצְחָק לֵייבּ, דוּ נִישְׁט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט אִים זֵייעֶר מְקַנֵא גֶעוֶועזְן, אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועזְן דוּרְכְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן צוּ אַזֶעלְכֶע מַדְרֵיגוֹת אוּן הַשָּׂגוֹת, הָאט רֶבִּי יִצְחָק לֵייבּ אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן, דִי וֶוערְטֶער: גְלֵייבּ מִיר, אַז אַלֶע מַיינֶע הַשָּׂגוֹת אוּן מַדְרֵיגוֹת, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מִיר צוּרִיק גֶעגֶעבְן בִּקְדוּשָּׁה, קוּמְט נִישְׁט צוּ, צוּ דַיינֶע דִיבּוּרִים; וַוייל צוּ הֶעלְפְן אַ בַּעַל בְּחִירָה אִיז מֶער פוּן אַלֶע הַשָּׂגוֹת מִיט אַלֶע מַדְרֵיגוֹת וְכוּ'.

(קוּנְטְרֵס 'קְלַאפּ מִיר נִישְׁט אַרָאפּ')

## וָואס זָאל עֶר עֶרְוַוארְטְן?

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד וָואס אִיז גֶעוֶועזְן אַ סוֹחֵר, עֶר פְלֶעגְט אַ גַאנְצְן טָאג אַרוּם גֵיין אִין יְרִיד'ן הַאנְדְלֶען. אַ וַוייבּ הָאט עֶר גֶעהַאט זֵייעֶר אַ נִישְׁט מְסוּדָר'דִיגֶע, אוּן וֶוען עֶר פְלֶעגְט אַהֵיים קוּמֶען בַּיינַאכְט אוֹיסְגֶעמוּטְשְׁט נָאךְ אַ שְׁוֶוערֶע טָאג אַרְבֶּעט, הָאט זַיין וַוייבּ אִים עֶנְטְפַאנְגֶען מִיט קְלָלוֹת אוּן גֶעשְׁרֵייעֶן, אוּן דִי הוֹיז אִיז גֶעוֶועזְן אָנְגֶעוָוארְפְן אוּן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, אוּן דָאס עֶסְן אִיז נִישְׁט גֶעוֶועזְן גְרֵייט, א.א.וו.

הָאט עֶר זִיךְ אֵיינְמָאל אוֹיסְגֶערֶעדְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז עֶס אִיז אִים נִמְאָס דָאס לֶעבְּן, נָאכְן אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוער אַ גַאנְצְן טָאג וִויל עֶר כָאטְשׁ בַּיינַאכְט הָאבְּן אַבִּיסְל מְנוּחָה, אוּן דָאס הָאט עֶר אוֹיךְ נִישְׁט.

הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "וֶוער הֵייסְט דִיךְ אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן אַז וֶוען דוּ וֶועסְט אַהֵיים קוּמֶען וֶועסְטוּ טְרֶעפְן אַלֶעס אַזוֹי וִוי דִיר גֶעפֶעלְט? לִיכְטִיג שֵׁיין אוּן רֵיין אוֹיפְגֶערוֹימְט, אוּן דַיין וַוייבּ וֶועט דִיךְ אוֹיפְנֶעמֶען מִיט אַ שֵׁיינֶעם 'בָּרוּךְ הַבָּא', אוּן גְלַייךְ גְרֵייטְן טִישׁ אוּן דִיר גֶעבְן גוּטֶע גֶעשְׁמַאקֶע מַאֲכָלִים? אוּן נָאכְדֶעם וֶוען דוּ קוּמְסְט אַהֵיים אוּן אַלֶעס אִיז פַארְקֶערְט וֶוערְסְטוּ צֶערִידֶערְט אוּן אוֹיפְגֶערֶעגְט.

דוּ מָאהל דִיךְ אוֹיס פַארְקֶערְט, אַז וֶוען דוּ וֶועסְט אַהֵיים קוּמֶען וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דִי הוֹיז אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, קַאלְט אוּן פִינְסְטֶער, אוּן דַיין וַוייבּ וֶועט דִיר אַנְטְקֶעגְן קוּמֶען אוּן אָנְזִידְלֶען אוּן קַיין עֶסְן וֶועט בִּכְלַל נִישְׁט זַיין צוּ גֶעפִינֶען.

אוּן אַזוֹי וֶוען דוּ וֶועסְט אַהֵיים קוּמֶען אוּן זֶעהְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶועזְן אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ וִוי דוּ הָאסְט זִיךְ פָארְגֶעשְׁטֶעלְט, עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי קַאלְט אוּן פִינְסְטֶער, דִי הוֹיז אִיז נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק אִיבֶּער גֶעדְרֵייט, אוּן מֶען קֶען טְרֶעפְן עֶפֶּעס צוּ עֶסְן אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט אוּן אַבִּיסְל זוּפּ, דַאן וֶועט דִיר שׁוֹין זַיין אַבִּיסְל גְרִינְגֶער עֶס צוּ פַארְנֶעמֶען.

(יְמֵי מוֹהַרְנַ"ת, הוֹסָפוֹת, י"ד)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

~~~

## יארצייט פון רבי נתן זצוק"ל פארגעקומען ביי מוהרא"ש שליט"א

די וואך דאנערשטאג איז מען זיך צוזאמגעקומען ביי מוהרא"ש שליט"א צו די יארצייט סעודה פון רבי נתן זצוק"ל.

ביי די סעודה האט מען געהאט די זכי' צו הערן דברות קודש פון מוהרא"ש שליט"א איבער די גרויסקייט פון רבי נתן, אלעס וואס עס געבליבן פון רבי'ן, אלע ספרים וואס מיר האבן פון רבי'ן איז נאר צו פאדאנקען פאר רבי נתן. אזוי ווי דער רבי אליין האט זיך אויסגעדרוקט אויף רבי נתן אז ווען נישט רבי נתן וואלט נישט געבליבן פון אים קיין בלעטל שמות.

רבי נתן איז אריבער געגאנגען אין זיין לעבן זייער אסאך צרות און יסורים וואס ער האט געהאט צו ליידן פון אלע זייטן, און פון דעסט וועגן האט ער זיך זייער געשטארקט און ער האט נאך געשטארקט אנדערע אויך און ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע ספרים וואס זענען מחי' און מחזק אידן ביזן היינטיגן דור.

אויך איז רבי נתן געווען א גרויסער חידוש אין מלמד זכות זיין אויף אידן, נאר צו זעהן דאס גוטס ביי יעדן איד און נישט זוכן קיין שלעכטס אויף קיינעם. און דאס הייבט זיך אן ביים מענטש אליין, אויב קוקט מען נאר דאס גוטס ביי זיך אליין דאן זעהט מען ביי יענעם אויך גוטס, אויב אבער מען קלאפט זיך אליין אראפ, מען זעהט נאר שלעכטס אויף זיך, דאן זעהט מען נאר שלעכטס אויף יענעם.

אין אלע דורות האט מען געזעהן אז די וואס האבן געלערנט אסאך רבי נתנ'ס ספרים האבן זיך זייער שיין דערהאלטן.

נאכן בענטשן איז זיך דער עולם צוגאנגען מיט פרישע קבלות זיך צו שטארקן אינעם רבינ'ס לימודים אזוי ווי רבי נתן האט אונז איבער געגעבן.

**תורתו מגן לנו, היא מאירת עינינו!**


**מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען**

פאר גאר ביליגע פרייזן!

וועכענטליכע גליונות * קונטרסים * ספרים

שנעל גוט און ביליג!

רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554

5554printing@gmail.com



B. HALPERN, CPA
CERTIFIED PUBLIC ACCOUNTANT
845.200.2222
Analysis and Money Management
Businesses and Individuals
INC, LLC Formation
Tax Planning
Sales Tax Returns
Payroll Service
Yanky Halpern
Executive Director
Jaccobhalpern@gmail.com
5014 16th Ave Suite 134
Brooklyn, NY 11204

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**
~~~

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות.....................4:14
סוף זמן קר"ש......................8:59
מוצש"ק...............................5:44

**שיעורים כסדרן**
בבלי............................יומא מ"ג
ירושלמי......................סנהדרין ג'
תוספתא...........סנהדרין פרק א'

פרשת שמות, י"ח טבת, שנת תשע"ד לפ"ק
שנה 3, גליון 15 (115)

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הַבָּאִים מִצְרָיְמָה אֵת יַעֲקֹב אִישׁ וּבֵיתוֹ בָּאוּ,** דֶער פָּסוּק הֵייבְּט אָן מִיטְן נָאמֶען **"יִשְׂרָאֵל"**, אוּן עֶר זָאגְט **"הַבָּאִים"** - "זֵיי קוּמֶען", אוּן דֶער פָּסוּק עֶנְדִיגְט מִיטְן נָאמֶען **"יַעֲקֹב"**, אוּן עֶר זָאגְט **"בָּאוּ"** - "זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גֶעקוּמֶען".

דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס דֶער פָּסוּק הֵייבְּט אָן מִיט אֵיין לָשׁוֹן, אוּן עֶר עֶנְדִיגְט מִיט אַ צְוֵוייטֶע לָשׁוֹן?

מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן רס"א) אַז וֶוען אַ אִיד פַאלְט אַרָאפּ פוּן זַיין עֲבוֹדַת ה', דַארְף עֶר וִויסְן אַז דָאס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס הָאט דָאס גֶעמַאכְט אַז דֶער אִיד זָאל זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן אוּן אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל מִיט אַ פְרִישְׁקַייט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דֶערְפַאר טָאר מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן, נָאר וֶוען מֶען זֶעהט אַז מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן, הֵייבְּט מֶען זִיךְ אוֹיף, אוּן מֶען הֵייבְּט אָן **"פוּן יֶעצְט"** צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן כ"א) אַז דֶער נָאמֶען **"יִשְׂרָאֵל"** גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אַ הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה.

דֶערְפַאר הֵייבְּט דֶער פָּסוּק אָן, **וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי "יִשְׂרָאֵל" "הַבָּאִים" מִצְרָיְמָה**, דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הֵייסְן **"יִשְׂרָאֵל"**, אַ הֶעכֶערֶע מַדְרֵיגָה, וֵוייסְן אַז זֵיי הַאלְטְן אִין אֵיין קוּמֶען קַיין מִצְרַיִם, זֵיי פַאלְן אַרָאפּ, אוּן הֵייבְּן נָאכְאַמָאל אָן פוּן פְרִישׁ, אוּן פַאלְן נָאכְאַמָאל, אוּן הֵייבְּן זִיךְ נָאכְאַמָאל אוֹיף, אוּן זֵיי וֶוערְן נִישְׁט צוּבְּרָאכְן, וַוייל זֵיי וֵוייסְן אַז אַזוֹי מוּז עֶס גֵיין, אַז מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ.

ווִידֶער זָאגְט דֶער פָּסוּק, **אֵת "יַעֲקֹב" אִישׁ וּבֵיתוֹ "בָּאוּ"**, דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הֵייסְן **"יַעֲקֹב"** אַ קְלֶענֶערֶע מַדְרֵיגָה, בַּיי זֵיי אִיז **"בָּאוּ"**, זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גֶעקוּמֶען אוֹיף מִצְרַיִם, וֶוען זֵיי פַאלְן אַרָאפּ, בְּלַייבְּן זֵיי שׁוֹין לִיגְן, אוּן הֵייבְּן זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט אוֹיף, וַוייל זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט אַז עֶס מוּז אַזוֹי זַיין, אַז מֶען פַאלְט, אוּן מֶען הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף.

דֶערְפַאר דַארְף אַ אִיד זִיךְ שְׁטֶענְדִיג שְׁטַארְקְן, אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"ש

### ~ דִי חֲשִׁיבוּת פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה ~

### מֶען דַארְף נִישְׁט פַאסְטְן

וֶוען מֶען קוּקְט אַרַיין אִין שַׁעַר הַגִּלְגּוּלִים פוּן אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ, וָואס עֶר שְׁרַייבְּט דָארְט וִויפִיל תַּעֲנִיתִים מֶען דַארְף פַאסְטְן אוֹיף יֶעדֶע עֲבֵירָה וָואס מֶען הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען, דַאן כַאפְּט אַ צִיטֶער, וַוייל לוֹיט דֶעם חֶשְׁבּוֹן הָאט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ גֶענוּג טֶעג אוּן יָארְן אִין זַיין גַאנְץ לֶעבְּן צוּ קֶענֶען פַאסְטְן אַזוֹיפִיל.

דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן אִין יְרוּשַׁלְמִי: "כָּל הָעוֹסֵק בְּתַלְמוּד תּוֹרָה, מַעֲלָה אֲנִי עָלָיו כְּאִילוּ לֹא חָטָא מִיָּמָיו", וֶוען אַ אִיד לֶערְנְט תּוֹרָה זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶר רֶעכְנְט אִים אַזוֹי וִוי דֶער מֶענְטְשׁ הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט.

דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין תּוֹרָה, לֶערְנֶען אַסַאךְ תּוֹרָה, אוּן מִיט דֶעם וֶועט עֶר אָפְּוִוישְׁן אַלֶע זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע פְּגָמִים וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט מִיט זַיינֶע עֲבֵירוֹת אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעלַייטֶערְט.

אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט פוּן דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן לִימוּד הַתּוֹרָה, וִוי דָאס רֵיינִיגְט אוּן הֵיילִיגְט אַ מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ דַאן אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ מַאכְן אַ חֹק קָבוּעַ אַז עֶר מוּז יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַזוֹיפִיל אוּן אַזוֹיפִיל, דַאן אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ לִיגְט אִין עֲבֵירוֹת, עֶר אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ טוּהן עֲבֵירוֹת, וֶועט אִים דִי תּוֹרָה אַרוֹיס שְׁלֶעפְּן פוּן דָארְט, אוּן עֶר וֶועט זִיכֶער וֶוערְן אַן אֶמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק.

וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוֹיבּ דָאס אִיז אוֹיךְ וֶוען אֵיינֶער אִיז עוֹבֵר אוֹיף גָאר הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת פוּן פְּגַם הַבְּרִית, צוּ דַאן וֶועט אִים דִי תּוֹרָה אוֹיךְ הֶעלְפְן.

הָאט אִים דֶער רֶבִּי אָנְגֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעזָאגְט: "דוּ וֵוייסְט דֶען דִי גְרוֹיסֶע כֹּחַ פוּן תּוֹרָה? תּוֹרָה אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעס, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, וֶועט עֶר אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע סָארְט עֲבֵירוֹת".

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט דָאס, וֶועט עֶר זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִינְגַאנְצְן אִין דִי תּוֹרָה, עֶר וֶועט

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

גָארְנִישְׁט, אוֹיבּ מֶען הָאט אַ דוּרְכְפַאל, הֵייבְּט מֶען זִיךְ אוֹיף, אוּן מֶען גֵייט וַוייטֶער אָן.

(זֹאת הַתּוֹרָה שְׁמוֹת א)

***

**וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל**, דֶער בַּעַל הַטּוּרִים זָאגְט אַז דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען רָאשֵׁי תֵּיבוֹת **וְ'אָדָם אַ'שֶׁר לֹ'ומֵד הַ'סֵּדֶר שְׁ'נַיִם מִ'קְרָא וְ'אֶחָד תַּ'רְגוּם בְּ'קוֹל נָ'עִים יָ'שִׁיר יִ'חְיֶה שָׁ'נִים רַ'בּוֹת אַ'רוּכִים לְ'עוֹלָם**, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל זָאגְן (ברכות ח.) **לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּיבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּיבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו**, אַ מֶענְטְשׁ זָאל יֶעדֶע וָואךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, וַוייל וֶוער עֶס אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה, וֶועט לֶעבְּן לַאנְגֶע יָארְן.

דַארְף מֶען אָבֶּער פַארְשְׁטֵיין, וִוי קוּמְט עֶס אַרַיין אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, פַארְוָואס הָאט דִי תּוֹרָה פּוּנְקְט דָא מְרַמֵּז גֶעוֶוען, אַז מֶען דַארְף מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין?

זָאגְט מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן י"ט) אַז מִיטְן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, פַארֶעכְט מֶען דִי הַארְבֶּע עֲבֵירָה פוּן "פְּגַם הַבְּרִית", אוּן וִוי בַּאקַאנְט זֶענֶען דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם, סְפֶּעצִיעֶל מְסוּגָל צוּ אַלֶעם פַארֶעכְטְן, דֶערְפַאר וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, וָואס דַאן הֵייבְּן זִיךְ אָן דִי שׁוֹבָבִי"ם טֶעג, אִיז דִי תּוֹרָה מְרַמֵּז, אַז מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה צוּ זַיין, אוּן מִיט דֶעם וֶועט מֶען אַלֶעם פַארֶעכְטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה שְׁמוֹת ב)

***

**וְכַאֲשֶׁר יְעַנּוּ אֹתוֹ כֵּן יִרְבֶּה וְכֵן יִפְרֹץ**, וִוי מֶער דִי מִצְרִיִּים הָאבְּן גֶעפַּיינִיגְט דִי אִידְן הָאבְּן זֵיי זִיךְ מֶער פַארְמֶערְט.

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן ק"ע) אַז וִוי גְרֶעסֶער אוּן חָשׁוּב'עֶר אַ מֶענְטְשׁ אִיז, אַלְץ מֶער לַיידְט עֶר יִסּוּרִים, אוּן דִי יִסּוּרִים בְּרֶענְגֶען אִים נָאנְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעם קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶוען מֶען הָאט צָרוֹת דֶערְצֵיילְט מֶען עֶס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען וֶוערְט מִיט דֶעם נָאנְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וְכַאֲשֶׁר יְעַנּוּ אֹתוֹ כֵּן יִרְבֶּה וְכֵן יִפְרֹץ**, וִוי מֶער מֶען הָאט גֶעפַּיינִיגְט דִי אִידְן אַלְץ גְרֶעסֶער אוּן חָשׁוּב'עֶר זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן, דָאס הָאט זֵיי נָאנְטֶער גֶעבְּרֶענְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט וַוייטֶער, **וַיֵּאָנְחוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל מִן הָעֲבֹדָה וַיִּזְעָקוּ וַתַּעַל שַׁוְעָתָם אֶל הָאֱלֹהִים מִן הָעֲבֹדָה**, אַז זֵיי הָאבְּן גֶעשְׂרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית, שְׁמוֹת, תשנ"א)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

לֶערְנֶען אַסַאךְ תּוֹרָה. אוּן סְפֶּעצִיעֶל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען אוֹיף דִי וֶועג וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אוֹיפְן "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד" פוּן רֶבִּי'ן, וָואס אוֹיף דֶעם וֶועג קֶען יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען, קֵיינֶער קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְדְרֵייעֶן אַז עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אָדֶער אַז עֶר גֶעדֶענְקְט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט אַז אֲפִילוּ וֶוען מֶען זָאגְט בְּלוֹיז דִי וֶוערְטֶער, אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט אוּן מֶען גֶעדֶענְקְט גָארְנִישְׁט, אִיז עֶס אוֹיךְ זֵייעֶר חָשׁוּב, אוּן עֶס הָאט אוֹיךְ דֶעם גֶעוַואלְדִיגְן כֹּחַ אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס, אוּן דַאן וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ו' עֵרֶךְ לִימּוּד)

## אַ זַאלְצְבַּאךְ שַׁ"ס–אִיד

דֶער חָפֵץ חַיִּים זִ"עַ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אֵיינְמָאל וֶוען דֶער גָאוֹן רֶבִּי חַיִּים וָואלָאזְשִׁינֶער זִ"עַ הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן לֶערְנֶען, אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּ אִים אַ פָּשׁוּטֶער אִיד, אַ גֶעשֶׁעפְט-אֵייגְנְטוּמֶער, אוּן רֶבִּי חַיִּים הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פַאר דֶעם אִיד מְלוֹא קוֹמָתוֹ, וֶוען דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט וִוי אַזוֹי פַּאסְט פַאר דִי כְּבוֹד הַתּוֹרָה אַז דֶער רֶבִּי זָאל זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן פַאר אַזַא פָּשׁוּטְן אִיד, הָאט רֶבִּי חַיִּים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז דֶער אִיד הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט גַאנְץ שַׁ"ס!

דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן זִיךְ אוּנְטֶער גֶעשְׁמֵייכְלְט דָאס צוּ הֶערְן, זֵיי הָאבְּן גַאנְץ גוּט גֶעוואוּסְט וָואסֶערֶע גְרוֹיסֶע לַמְדָן דֶער אִיד אִיז... אוּן אוֹיבּ עֶפֶּעס, הָאט עֶר בְּלוֹיז דוּרְכְגֶעזָאגְט שַׁ"ס אוּן רוֹב דֶערְפוּן נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען, אוּן פוּן דֶעם מַאכְט דֶער רֶבִּי אַ גַאנְצֶע חֲשִׁיבוּת?

הָאט זֵיי רֶבִּי חַיִּים גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז מֶען הָאט קוֹדֶם גֶעדְרוּקְט דֶעם שַׁ"ס אִין זַאלְצְבַּאךְ, יֶענֶער שַׁ"ס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פִיל מִיט טָעוּתִים, עֶס הָאט גֶעפֶעלְט גַאנְצֶע שְׁטִיקֶער, דֶערְנָאךְ הָאט מֶען אִיבֶּער גֶעדְרוּקְט דֶעם שַׁ"ס אִין אַמְסְטֶערְדַאם, דָארְט הָאט מֶען שׁוֹין פַארָאכְטְן דִי אַלֶע טָעוּתִים, אוֹיךְ הָאט מֶען צוּגֶעלֵייגְט דִי הַגָּהוֹת פוּן רַשַׁ"שׁ אוּן נָאךְ הַגָּהוֹת פוּן אַנְדֶערֶע.

יֶעצְט קֶען מֶען נִישְׁט זָאגְן אַז דֶער זַאלְצְבַּאךְ-שַׁ"ס אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְט אוּן עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין שַׁ"ס. עֶס אִיז זִיכֶער אַ שַׁ"ס, נָאר עֶס הָאט אוֹיךְ טָעוּתִים. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי דֶעם אִיד, עֶר הָאט לְמַעֲשֶׂה גֶעעֶנְדִיגְט שַׁ"ס, עֶר אִיז אַ שַׁ"ס-אִיד, עֶר הָאט טַאקֶע גֶעמַאכְט טָעוּתִים, עֶר הָאט זִיכֶער נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען אַלֶעס, אָבֶּער אַ שַׁ"ס אִיז עֶר, אוּן דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פַאר אִים".

דַאן הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים פַארְשְׁטַאנֶען דִי גְרוֹיסֶע חֲשִׁיבוּת פוּן לֶערְנֶען אַסַאךְ גְּמָרָא, אוּן עֶנְדִיגְן שַׁ"ס, אוֹיפְן וֶועלְכְן אוֹפָן עֶס זָאל נָאר זַיין, אִיז עֶס נָאךְ אַלְץ זֵייעֶר חָשׁוּב.

דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ הָאבְּן שֵׂכֶל אוּן אוֹיסְנוּצְן גוּט דִי צַייט, אַרַיינְכַאפְּן וִויפִיל מֶען קֶען צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוֹיף וֶועלְכֶע וֶועג מֶען קֶען נָאר, אֲפִילוּ בְּלוֹיז צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר חָשׁוּב, אוּן נָאר דָאס בְּלַייבְּט אִיבֶּער פוּן אַ מֶענְטְשׁ.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י' עֵרֶךְ סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד)

## אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט!

עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ זוֹכֶה צוּ זַיין צוּ דִי קְרוֹין פוּן תּוֹרָה, נָאר אוֹיבּ מֶען נֶעמְט זִיךְ גוּט אַרַיין אִין קָאפּ דָאס וָוארְט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז "אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט".

אוֹיבּ וִויל מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה דַארְף מֶען וִויסְן אַז עֶס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ וֶוען מֶען לֶערְנְט נָאר אֵיין פָּסוּק, אֵיין מִשְׁנָה, אֵיין שְׁטִיקְל גְּמָרָא א.א.וו. דֶער עִיקָּר סִיבָּה פַארְוָואס מֶענְטְשְׁן לֶערְנֶען נִישְׁט אִיז וַוייל מֶען אִיז

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

פַּארְיָאגְט אוּן פַּארְפְּלָאגְט אוּן מֶען הָאט נִישְׁט צוּפִיל צַייט צוּ לֶערְנֶען, אוּן מֶען מֵיינְט אַז נָאר אוֹיבּ מֶען וֶועט לֶערְנֶען אַסַאךְ אוֹיף אַמָאל, נָאר דַאן אִיז עֶס חָשׁוּב.

דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (וַיִּקְרָא רַבָּה יט,ב) וֶוען דֶער טִפֵּשׁ קוּמְט אַרַיין אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ זָאגְט עֶר: "וֶוען קֶען אִיךְ לֶערְנֶען אַזוֹיפִיל סְפָרִים?" אוּן עֶר לֶערְנְט גָארְנִישְׁט, אָבֶּער דֶער קְלוּגֶער זָאגְט: "אִיךְ וֶועל לֶערְנֶען הַיינְט צְוֵויי הֲלָכוֹת אוּן מָארְגְן צְוֵויי הֲלָכוֹת, בִּיז אִיךְ וֶועל דוּרְכְלֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה!"

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז קְלוּג, אוּן עֶר זֶעהְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט צוּפִיל צַייט, וֶועט עֶר אַרַיינְכַאפְּן כָאטְשׁ וִויפִיל עֶר קֶען לֶערְנֶען, עֶר וֶועט זִיךְ מַאכְן סִימָנִים אִין יֶעדֶע שִׁיעוּר, אָנְהֵייבְּן פוּן אָנְפַאנְג אוּן גֵיין צוּבִּיסְלֶעךְ נָאךְ אַ פָּסוּק, נָאךְ אַ מִשְׁנָה, בִּיז עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ.

חֲזַ"ל זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה יב, יא) פַּארְוָואס וֶוערְט דִי תּוֹרָה צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ פַייגְן בּוֹים? וַוייל אַזוֹי וִוי דִי פַייגְן בּוֹים נֶעמְט מֶען נִישְׁט אַרָאפּ אַלֶע פְּרוּכְט אוֹיף אֵיין מָאל, נָאר מֶען נֶעמְט עֶס אַרָאפּ צוּבִּיסְלֶעךְ, אַזוֹי אוֹיךְ דִי תּוֹרָה קֶען מֶען נִישְׁט דוּרְךְ לֶערְנֶען אִין אֵיין טָאג, נָאר עֶס גֵייט צוּבִּיסְלֶעךְ, מֶען לֶערְנְט הַיינְט אַבִּיסְל אוּן מָארְגְן אַבִּיסְל, אוּן נָאר אַזוֹי אִיז מֶען מַצְלִיחַ אִין תּוֹרָה.

וֶוען מֶען גֶעדֶענְקְט דָאס אַז אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט, דַאן אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י' עֶרֶךְ לִימוּד)

## דִי תּוֹרָה רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ יֵצֶר הָרַע, דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ח, כא) כִּי יֵצֶר לֵב הָאָדָם רַע מִנְּעֻרָיו, אַז גְלַייךְ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעבּוֹירְן הָאט עֶר שׁוֹין אַ יֵצֶר הָרַע. דַאן וִוי אַזוֹי קֶען מֶען הָאבְּן טַעֲנוֹת אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נִישְׁט וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, עֶר הָאט דָאךְ אַ שְׁוֶוערֶע יֵצֶר הָרַע?

נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיךְ בַּאשַׁאפְן אַן עֵצָה קֶעגְן דֶעם יֵצֶר הָרַע, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (קִידּוּשִׁין ל.) בָּרָאתִי יֵצֶר הָרַע - בָּרָאתִי תּוֹרָה תַּבְלִין כְּנֶגְדּוֹ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "אִיךְ הָאבּ טַאקֶע בַּאשַׁאפְן דֶעם יֵצֶר הָרַע, אָבֶּער אִיךְ אוֹיךְ בַּאשַׁאפְן קֶעגְן אִים דִי תּוֹרָה", וֶוען אַ אִיד וֶועט לֶערְנֶען תּוֹרָה וֶועט עֶר זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיפְן יֵצֶר הָרַע.

אוּן דָאס אִיז דִי עִיקָר טַעֲנָה וָואס מֶען הָאט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, פַּארְוָואס הָאסְטוּ נִישְׁט גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה? וֶוען דוּ וָואלְסְט גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה וָואלְסְטוּ דִיךְ גֶעקֶענְט שְׁטַארְקְן אִיבֶּערְן יֵצֶר הָרַע.

כָאטְשׁ נִישְׁט יֶעדֶער מֶענְטְשׁ פַארְשְׁטֵייט אַזוֹי גוּט דָאס לֶערְנֶען, הָאבְּן מִיר אָבֶּער דִי "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד" וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל אָנְהֵייבְּן פוּן אָנְפַאנְג תַּנַ"ךְ אוּן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אַ קַאפִּיטְל נָאךְ אַ קַאפִּיטְל בִּיז עֶר עֶנְדִיגְט דִי גַאנְצֶע, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי מִשְׁנָיוֹת, אָנְהֵייבְּן פוּן אָנְהוֹיבּ אוּן גֵיין אִין דִי רַייעֶ פֶּרֶק נָאךְ פֶּרֶק, מַסֶכֶת נָאךְ מַסֶכֶת, בִּיז מֶען עֶנְדִיגְט דִי גַאנְצֶע אוּן דַאן נָאכְאַמָאל אָנְהֵייבְּן, אוּן דִי זֶעלְבֶּע בַּיי גְמָרָא, אַ דַף נָאךְ אַ דַף, מַסֶכֶת נָאךְ מַסֶכֶת, אוּן אַזוֹי בַּיי אַלֶע אַנְדֶערֶע שִׁיעוּרִים אִין דִי תּוֹרָה.

אוּן מֶען זָאל בִּכְלָל נִישְׁט צוּרִיק קוּקְן אוֹיבּ מֶען הָאט יָא אָדֶער נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען, אוֹיבּ מֶען גֶעדֶענְקְט יָא אָדֶער נִישְׁט, נָאר גֵיין וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער אוּן זִיךְ אָנְפִילְן מִיט וִוי מֶער תּוֹרָה. דָאס קֶען יֶעדֶער מֶענְטְשׁ בַּאוַוייזְן, אוּן דַאן וֶועט עֶר הָאבְּן דִי רִיכְטִיגֶע פַאנְצֶער אַנְטְקֶעגְן דֶעם יֵצֶר הָרַע.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט אוֹיף דֶעם וֶועג, בַּאקוּמְט עֶר אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה, אוּן עֶר וֶועט שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט וֶועלְן אָפְּלָאזְן דִי תּוֹרָה, אוּן מִיט דִי צַייט, נָאכְן לֶערְנֶען אַזוֹי פִיל, עֶפֶענְט זִיךְ דֶער קָאפּ אוּן מֶען פַארְשְׁטֵייט אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט, אוּן וָואס מֶען פַארְשְׁטֵייט נָאךְ אַלְץ נִישְׁט אוּן וָואס מֶען גֶעדֶענְקְט נִישְׁט וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין אוּן גֶעדֶענְקְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

וואוֹיל אִיז דֶער וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, אוּן כַאפְּט אַרַיין וִוי מֶער תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה!

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י"א עֶרֶךְ לִימוּד)

## אִין פִינְף מִינוּט...

דֶער הֵיילִיגֶער חַתַם סוֹפֵר זִ"עַ פְלֶעגְט זָאגְן: "אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַ גָאוֹן אִין פִינְף מִינוּט", אוּן עֶר הָאט מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז דִי פִינְף מִינוּט'לֶעךְ, אִין וָואס מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעוֶוענְלִיךְ מְזַלְזֵל, דִי מִינוּטְן הָאבּ אִיךְ אוֹיסְגֶענוּצְט, אוּן דֶערְפַאר בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן אַ גָאוֹן.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ קְלֵיין סֶפֶר'ל בַּיי זִיךְ, עֶר לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אַ סִימָן וִוי עֶר הַאלְט, אוּן וֶוען עֶר הָאט אַ מִינוּט לֵיידִיג כַאפְּט עֶר אַרַיין נָאךְ אַבִּיסְל אוּן נָאךְ

המשך בדף ד

# שְׁ'נַיִם מִ'קְרָא וְ'אֶחָד תַּ'רְגּוּם

זָאלְסְט וִויסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין הֶעכֶערֶע זַאךְ וִוי לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגּוּם, אוּן דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.) לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו; עֶס אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים, אוּן אַ פֶּלֶא מֶענְטְשְׁן זוּכְן סְגוּלוֹת אוֹיף גֶעזוּנְט אוּן אֲרִיכוּת יָמִים וְכוּ', אוּן פַארְגֶעסְן דָאס מִיר הָאבְּן אַ הַבְטָחָה פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל; אוֹיסֶערְדֶעם וֶוערְט אַזוֹי גֶעפַּסְקֶענְט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ לַהֲלָכָה לְמַעֲשֶׂה (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפ"ה). אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין אוֹיף דֶעם צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגּוּם, וָוארוּם אַזוֹי שְׁטֵייט (דָארְטְן סְעִיף ג') מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילֵךְ נִקְרָא עִם הַצִּבּוּר; עֶס אִיז שְׁוֶוער פַאר אַ מֶענְטְשׁ אִין דִי קוּרְצֶע פְרַייטָאגְן מַעֲבִיר סֶדְרָה צוּ זַיין, וּבִפְרַט אֵיינֶער וָואס אַרְבֶּעט וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם קֶען מֶען זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ, דָאס פוּן זוּנְטָאג אָן קֶען מֶען שׁוֹין לֶערְנֶען חוּמָשׁ וְרַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגּוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, אוּן דָאס הֵייסְט שׁוֹין מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין; אוּן דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט (דָארְטְן) אַז אַזוֹי פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן דֶער גְרָ"א זִ"עַ.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט אוֹיבּ מֶען מֶעג לֶערְנֶען בַּיינַאכְט חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י: עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן דִי פּוֹסְקִים דָאס אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מֶעג מֶען דָאס לֶערְנֶען בַּיינַאכְט (עַיֵּן שׁוּ"ת אַבְנֵי צֶדֶק יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן ק"ב), אוּן אַזוֹי וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן חָפֵץ חַיִּים (שַׁעַר הַצִּיּוּן סִימָן רל"ח, סְעִיף א'), כָּתַב בִּבְאֵר הֵיטֵב שֶׁאֵין לִקְרוֹא מִקְרָא בַּלַּיְלָה, וּבִסְפָרֵי מְגָדִים מַשְׁמַע דְּיָכוֹל לִקְרוֹא מִקְרָא וְנִרְאֶה דַּאֲפִילוּ לְהַמַּחֲמִירִין לֵית בָּזֶה אִסּוּרָא אֶלָּא שֶׁלְּכַתְּחִלָּה יוֹתֵר טוֹב לִלְמוֹד מִקְרָא בַּיּוֹם, וְנוֹבֵעַ דִּין זֶה מִמַּה דְּאִיתָא בְּמִדְרָשׁ (יַלְקוּט כִּי תִשָּׂא, רֶמֶז ת"ו) שֶׁהָיָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לוֹמֵד עִם מֹשֶׁה מִקְרָא בַּיּוֹם וּמִשְׁנֶה בַּלַּיְלָה, עַיֵּן שָׁם.

אוּן תְּהִלִּים זָאגְן בַּיינַאכְט, וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין "אֵשֶׁל אַבְרָהָם" פוּן בֶּעטְשׁוּטְשֶׁער רָב (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רל"ח) אַז מֶען מֶעג זָאגְן תְּהִלִּים בַּיינַאכְט, וַוייל עֶס אִיז נָאר תְּפִילּוֹת, אוּן אוֹיךְ וַוייל דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעפּוֹעֶלְט אַז עֶס זָאל זַיין דָאס זָאגְן תְּהִלִּים אַזוֹי וִוי מֶען לֶערְנְט נְגָעִים אוּן אֳהָלוֹת, אִיבֶּערְדֶעם הָאט עֶס אַ דִין אַזוֹי וִוי לִימוּד מִשְׁנֶה וְכוּ' עַיֵּן שָׁם. וּבִפְרַט יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן דִי שׁוֹבָבִי"ם קֶען מֶען זָאגְן תְּהִלִּים בַּיינַאכְט אוֹיבּ מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן בַּייטָאג. אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת "דִּבְרֵי יַצִּיב" (חֵלֶק ד', יוֹרֶה דֵעָה סִימָן קל"ו) שֵׁיינֶע רְמָזִים אוֹיף זָאגְן תְּהִלִּים אִין דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם, אוּן עֶר בְּרֶענְגְט אַז מֶען קֶען זָאגְן בַּיינַאכְט אוֹיךְ תְּהִלִּים, עַיֵּן שָׁם.

(אשר בנחל באידיש חלק א' מכתב קי"ד)

# שִׂיחוֹת מוֹהַרָא״שׁ

אַבִּיסְל, פוּן דֶעם וֶוערְט מֶען אַ גָאוֹן.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָא״שׁ חֵלֶק ח׳ עֶרֶךְ הַתְמָדָה)

## אַסַאךְ גְמָרָא

דָאס לֶערְנֶען גְמָרָא אִיז נָאךְ דִי חָשׁוּבִ'סְטֶע פוּן אַלֶע לִמּוּדִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן רי״ד) אַז דָאס הַרְגְ'ט אִינְגַאנְצְן דֶעם יֵצֶר הָרַע. אוּן דֶערְפַאר פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרַע זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען קַיין גְמָרָא. אָבֶער דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן קֶעגְן אִים אוּן דַוְקָא יָא לֶערְנֶען אַסַאךְ גְמָרָא.

חֲזַ״ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה, סו) אוֹיף דֶעם וָואס יִצְחָק הָאט גֶעבֶּענְטְשׁ יַעֲקֹב "וְיִתֶּן לְךָ הָאֱלֹקִים מִטַּל הַשָּׁמַיִם וּמִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ וְרֹב דָּגָן וְתִירֹשׁ", מִטַּל הַשָּׁמַיִם - זֶה מִקְרָא, וּמִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ - זֶה מִשְׁנָה, וְרֹב דָּגָן - זֶה תַּלְמוּד, וְתִירֹשׁ - זֶה מֶדְרָשׁ. זֶעהט מֶען אַז בַּיי גְמָרָא שְׁטֵייט "וְרֹב" דָּגָן, פוּן דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא!

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָא״שׁ חֵלֶק ט׳ עֶרֶךְ גְמָרָא)

## נִישְׁט נָאר דִי נֶעמֶען

דֶער הֵיילִיגֶער שְׁלָ״ה הַקָּדוֹשׁ שְׁרַייבְּט אַז אֵיינֶער וָואס קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען, זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען כָאטְשׁ צוּ זָאגְן דִי נֶעמֶען פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, בְּרֵאשִׁית שְׁמוֹת וַיִּקְרָא וְכוּ׳, יְהוֹשֻׁעַ שׁוֹפְטִים וְכוּ׳, בְּרָכוֹת פֵּאָה דְמַאי וְכוּ׳, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער דִי נֶעמֶען פוּן אַלֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים.

מִיר הָאבְּן אָבֶער זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דִי "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד" פוּן רֶבִּי'ן, אוּן מִיט דֶעם דַארְף מֶען שׁוֹין נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ זָאגְן בְּלוֹיז דִי נֶעמֶען, נָאר מֶען קֶען טַאקֶע דוּרְךְ זָאגְן דִי אַלֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן כח) אַז אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהט אַז גְרוֹיסֶע מִינִיסְטָארְן גֶעבְּן אוֹיס אַסַאךְ גֶעלְט אַרוּם צוּ פָארְן אִיבֶּער דִי וֶועלְט, אוּן אַלֶעס בְּלוֹיז אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ קֶענֶען אוֹיפְטוּהן אוּן זָאגְן אַז זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען אִין אַסַאךְ לֶענְדֶער, עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אִין וַוארְשָׁא אוּן אִין אַנְדֶערֶע גְרוֹיסֶע שְׁטֶעט. אַזוֹי דַארְף אַ אִיד דוּרְךְ גֵיין אוֹיף דִי וֶועלְט אִין אַלֶע חֲלָקִים פוּן דִי תּוֹרָה, אַז וֶוען עֶר וֶועט אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט זָאל עֶר זִיךְ קֶענֶען אוֹיפְטוּהן אַז עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אִין אַלֶע סְפָרִים פוּן דִי תּוֹרָה, וַוייל אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט דֶערְמַאנְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אוֹיף דִי וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָא״שׁ חֵלֶק ט׳ עֶרֶךְ לִימּוּד)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

## מוהרא״ש שליט״א איז געפארן אויף ארץ ישראל

דעם פארגאנגענעם מאנטאג איז מוהרא״ש שליט״א געפארן אויף ארץ ישראל צו ווילן דארט פאר א וואך און מחזק זיין די ארטיגע אידן.

די וואך דאנערשטאג איז נישט פארגעקומען די וועכנטליכע ליל שישי שיעור, די קומענדיגע וואך וועט די שיעור ווייטער פארקומען ווי געווענליך.

מען קען הערן אלטע שיעורים פון מוהרא״ש אויפן "קול ברסלב" טעלעפאן ליין, אויפן נומער **212-444-9191**.

**חזק ונתחזק!**

***

## שמחה אין ישיבה צו נאך א חתן

**נאך א חתן אין רעזולטאט פון מסכת תענית**

גרויס פרייד הערשט ביי די בחורים אין ישיבה צו א פרישע חבר וואס איז א חתן געווארן למזל טוב.

דאס מאל איז עס הבחור החתן יעקב יוסף לונגער נ״י וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב״ג בת מו״ה משה וויינבערג הי״ו אב״י בעיר קרית יואל.

דאס איז שוין נאך א חתן אין רעזולטאט פון מסכת תענית, ווי באקאנט האט מוהרא״ש שליט״א צוגעזאגט פאר די בחורים אז ווער עס וועט ענדיגן מסכת תענית פערציג מאל וועט א חתן ווערן, און ב״ה אז עס ענדיגט זיך נישט די פלוס פון חתנים אין ישיבה, ווען כמעט יעדע וואך איז דא נאך א חתן אין ישיבה.

די בחורים האבן זיך מיטגעפרייט מיט די שמחה און געוואונטשן פארן חתן ער זאל זוכה זיין אויפצושטעלן א בית נאמן בישראל.

**שמח תשמח רעים האהובים!**


### סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו״ה **יעקב יוסף לונגער** נ״י

תלמיד ישיבתינו הק׳

**וואס איז א חתן געווארן למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים, אמן.

### סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו״ה **ישעי׳ אײדליס** הי״ו

מלמד מומחה במוסדותינו הק׳

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון זיינע קינדער, אמן.

### ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ׳ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע ספרי ברסלב

**27 Skillman St.**

**347-977-7994 אדער רופט**

### קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים פון כ״ק מוהרא״ש שליט״א**

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!

וועכענטליכע גליונות * קונטרסים * ספרים

שנעל גוט און ביליג!

**347-559-5554 רופט אריין פאר א פרייז**

**5554printing@gmail.com**





**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת וארא, מברכים חודש שבט, כ"ה טבת, שנת תשע"ד לפ"ק
שנה 3, גליון 16 (116)


**זמנים**
הדלקת הנרות.....................4:18
סוף זמן קר"ש.....................9:02
מוצש"ק.....................5:49

**שיעורים כסדרן**
בבלי.....................יומא נ'
ירושלמי.....................סנהדרין י'
תוספתא.....................סנהדרין פרק ח'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיְדַבֵּר אֱלֹקִים אֶל מֹשֶׁה וַיֹּאמֶר אֵלָיו אֲנִי ה'.** דֶער פָּסוּק הֵייבְּט אָן מִיטְן נָאמֶען "אֱלֹקִים" וָואס דָאס וַוייזְט אוֹיף מִדַּת הַדִּין, אוּן דֶער פָּסוּק עֶנְדִיגְט מִיטְן נָאמֶען "ה'" וָואס דָאס וַוייזְט אוֹיף מִדַּת הַחֶסֶד וְרַחֲמִים.

מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סימן נ"ב) אַז דָאס וָואס מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אֵייבִּיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְס וֶועגְן, אִיז אַ שֵׁיינְקַייט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. וַוייל אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט פַארְשְׁטַאנֶען פּוּנְקְטְלִיךְ פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אַזוֹי, וָואלְט עֶס גֶעמֵיינְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט חַס וְשָׁלוֹם דִי זֶעלְבֶּע שֵׂכֶל וִוי דֶעם מֶענְטְשׁ, אָבֶּער אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ קְלוּגֶער פוּן אוּנְז, דֶערְפַאר פַארְשְׁטֵייט מֶען נִישְׁט זַיינֶע וֶועגְן.

דֶערְפַאר אֲפִילוּ עֶס זֶעהְט אַמָאל אוֹיס פַארְן מֶענְטְשׁ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִים עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס, אִיז עֶס בֶּאֱמֶת נָאר גוּטְס, נָאר נִישְׁט אֵייבִּיג פַארְשְׁטֵייט מֶען עֶס.

**רַשִׁ"י זָאגְט דִבֶּר אִתּוֹ מִשְׁפָּט עַל שֶׁהִקְשָׁה לְדַבֵּר וְלוֹמַר לָמָּה הֲרֵעוֹתָה,** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶערֶעדְט צוּ אִים שְׁטְרֶענְג, וַוייל עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז מְרוּמָז אִין פָּסוּק, **וַיְדַבֵּר אֱלֹקִים אֶל מֹשֶׁה,** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶערֶעדְט שְׁטְרֶענְג צוּ מֹשֶׁה, מִיט מִדַּת הַדִּין, אָבֶּער עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט, **וַיֹּאמֶר אֵלָיו אֲנִי ה',** דוּ זָאלְסְט אָבֶּער וִויסְן אַז אֲפִילוּ עֶס זֶעהְט אוֹיס שְׁלֶעכְט, אִיז עֶס בֶּאֱמֶת **"אֲנִי ה'"** עֶס אִיז גָאר מִדַּת הָרַחֲמִים.

דֶערְפַאר טָאר מֶען נִישְׁט פְרֶעגְן קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אֲפִילוּ עֶס זֶעהְט אוֹיס וִוי עֶס אִיז שְׁלֶעכְט, אִיז אַלֶעס נָאר בְּרַחֲמִים וַחֲסָדִים, נָאר פַארְן טוֹבָה פוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית וָאֵרָא תשס"ז)

***

**וְלֹא שָׁמְעוּ אֶל מֹשֶׁה מִקֹּצֶר רוּחַ וּמֵעֲבֹדָה קָשָׁה.** דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב סִימָן פ"ו) אַז דָאס וָואס מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז מֶען קֶען נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שְׁוֶוערֶע זַאכְן, וִוי לְמָשָׁל פַאסְטְן אוּן דָאס גְלַייכְן, דָאס קוּמְט וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קַיין קְלָארֶע רֵיינֶע אֱמוּנָה.

אוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען גְלֵייבְּט יָא אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גְלֵייבְּט מֶען אָבֶּער נִישְׁט אִין זִיךְ, עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט הֲנָאָה פוּן אִים, אוּן דֶערְפַאר זוּכְט מֶען צוּ טוּהן דַוְקָא שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, צוּ פַאסְטְן אוּן זִיךְ מְסַגֵּף זַיין, וַוייל מֶען טְרַאכְט, אַז נָאר אַזוֹי וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֲנָאָה הָאבְּן.

אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר גְלֵייבְּט אִין זִיךְ אַלֵיין: **"יָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיךְ פוּן מִיר הֲנָאָה"**, דַאן קֶען עֶר

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

### ~ טוּהן חֶסֶד ~

**חֶסֶד – דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ**

דִי סִימָן פוּן אַ אִיד אִיז וֶוען עֶר הָאט אִין זִיךְ דִי מִדָּה פוּן חֶסֶד, וֶוען עֶר זוּכְט צוּ הֶעלְפְן אוּן צוּ טוּהן חֶסֶד מִיט אַ צְוֵוייטְן אִיד.

חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה א, א), דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "עֶס אִיז מִיר מֶער בַּאלִיבְּט דִי חֶסֶד וָואס אִידְן טוּעֶן זִיךְ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, מֶער וִוי אַלֶע קָרְבָּנוֹת וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ הָאט מַקְרִיב גֶעוֶוען". שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ הָאט מַקְרִיב גֶעוֶוען יֶעדְן טָאג טוֹיזְנְט קָרְבָּנוֹת. וָואס מֵיינְט אַ קָרְבָּן? צוּ זַיין גְרֵייט זִיךְ צוּ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַ קָרְבָּן הָאט עֶר זִיךְ פָארְגֶעשְׁטֶעלְט אַז בֶּאֱמֶת וָואלְט מֶען גֶעדַארְפְט טוּהן צוּ אִים דָאס וָואס מֶען טוּט מִיט דִי בְּהֵמָה, מֶען וָואלְט אִים גֶעדַארְפְט שֶׁחְטְ'ן אוּן מַקְרִיב זַיין אוֹיפְן מִזְבֵּחַ, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּהן מִיט אִים אַ חֶסֶד אַז מֶען זָאל עֶס טוּהן מִיט דִי קָרְבָּן.

קוּמְט אוֹיס אַז דָאס בְּרֶענְגֶען אַ קָרְבָּן אִיז אַן עִנְיָן פוּן מְסִירַת נֶפֶשׁ, צוּ זַיין גְרֵייט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ זַיין פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס הָאט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ גֶעטוּהן טוֹיזְנְט מָאל אַ טָאג, דָאס וָואלְט גֶעדַארְפְט זַיין דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ אִין דִי וֶועלְט, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶס אִיז נָאךְ מֶער בַּאלִיבְּט בַּיי אִים וֶוען אַ אִיד טוּט חֶסֶד מִיט אַ צְוֵוייטְן.

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז עֶס קֶען זַיין אַ אִיד וָואס אִיז מַמָּשׁ דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצְן טָאג, עֶר אִיז גְרֵייט יֶעדֶע מִינוּט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ זַיין פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז אָבֶּער נָאכְנִישְׁט גֶענוּג, מֶען דַארְף אוֹיךְ זֶעהן וִוי אַזוֹי עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן. אוֹיבּ טְשֶׁעפֶּעט עֶר אַ צְוֵוייטְן, עֶר בַּא'עַוְלְ'ט מֶענְטְשְׁן אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז נִישְׁט קַיין אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן אוֹיבּ

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט יֶעדֶע זַאךְ, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוַואלְדִיג הַנָאָה פוּן זַיין פָּשׁוּטֶע אִידִישְׁקַייט, פוּן דִי פָּשׁוּטֶע מִצְוֹת וָואס עֶר טוּט. עֶר וָואלְט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט מִיט זַיין אֱמוּנָה, מִיט זַיין צִיצִית, מִיט זַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, מִיט זַיין הֵיטְן שַׁבָּת, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וְלֹא שָׁמְעוּ אֶל מֹשֶׁה**, דִי אִידְן הָאבְּן נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, **מִקֹּצֶר רוּחַ**, וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ שְׁוַואכֶע אֱמוּנָה, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט בַּיי עֲבוֹדָה זָרָה (תְּהִלִּים קל"ה) אַף אֵין יֶשׁ רוּחַ בְּפִיהֶם, בַּיי עֲבוֹדָה זָרָה אִיז בִּכְלַל נִישְׁטָא קַיין רוּחַ, אוּן וֶוען מֶען אִיז שְׁוַואךְ אִין אֱמוּנָה הֵייסְט דָאס מִקֹּצֶר רוּחַ, אוּן דֶערְפַאר, וּמֵעֲבֹדָה קָשָׁה, הָאבְּן זֵיי גֶעמֵיינְט אַז מֶען קֶען נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת.

(לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב סִימָן פ"ו - תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית וָאֵרָא תש"ע)

***

**וְשַׂמְתִּי פְדֻת בֵּין עַמִּי וּבֵין עַמֶּךָ לְמָחָר יִהְיֶה הָאֹת הַזֶּה**, דֶער בַּעַל הַטּוּרִים בְּרֶענְגְט אַ מְסוֹרָה, נָאךְ צְוֵויי פְּלֶעצֶער וִוי עֶס שְׁטֵייט דֶער וָוארְט **"פְּדוּת", פְּדוּת שָׁלַח לְעַמּוֹ** (תְּהִלִּים קי"ד), **וְהַרְבֵּה עִמּוֹ פְדוּת** (תְּהִלִּים ק"ל).

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ח) אַז עֶס אִיז דָא אַסַאךְ מִינֵי תּוֹרוֹת, עֶס אִיז דָא תּוֹרוֹת וָואס מֶען מֶעג שְׁרַייבְּן, אוּן עֶס אִיז דָא תּוֹרוֹת וָואס מֶען טָאר נִישְׁט שְׁרַייבְּן, אוּן וֶוער עֶס וֵוייסְט דִי חִילוּק וֶועלְכֶע תּוֹרָה מֶען מֶעג שְׁרַייבְּן, עֶר קֶען דֶערְקֶענֶען אַ אִיד פוּן צְוִוישְׁן גוֹיִם.

אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן: (מוּבָא בְּתוֹסְפוֹת גִּיטִין ס: ד"ה אתמוה) "פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה שֶׁבַּעַל פֶּה אוֹיסֶענְוֶוייניג, אַז דִי גוֹיִם זָאלְן עֶס נִישְׁט קֶענֶען נֶעמֶען פַאר זִיךְ", זֶעהט מֶען, אַז דוּרְךְ דִי תּוֹרָה שֶׁבַּעַל פֶּה, וָואס מֶען הָאט נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן, מִיט דֶעם אִיז דֶער אִיד הֶעכֶער פוּנֶעם גוֹי.

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס מֶער מַסְבִּיר אַז דִי עִיקָר חֲשִׁיבוּת פוּן אַ אִיד וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִי תּוֹרָה שֶׁבַּעַל פֶּה, וַוייל פוּן דִי תּוֹרָה אַלֵיין קֶען מֶען גָארְנִישְׁט וִויסְן, וִוי לְמָשָׁל דִי מִצְוָה פוּן תְּפִלִּין, קֶען מֶען פוּן דִי תּוֹרָה אַלֵיין נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי עֶס מְקַיֵים צוּ זַיין, נָאר דוּרְךְ דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים וָואס הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן צְוֵוייטְן בִּיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וִוי אַזוֹי עֶס מְקַיֵים צוּ זַיין, קוּמְט אוֹיס אַז דֶער עִיקָר פוּן אַ אִיד אִיז דִי תּוֹרָה שֶׁבַּעַל פֶּה, דֶערְפַאר דַארְף זִיךְ אַ אִיד זֵייעֶר בַּאפְלַייסְן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה שֶׁבַּעַל פֶּה, וָואס דָאס אִיז דִי הֵיילִיגֶע מִשְׁנַיוֹת, גְּמָרָא, פּוֹסְקִים אוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ.

אוּן סְפֶּעצִיעֶל דַארְף אַ אִיד לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, וָואס דָאס הֵיילִיגְט אוּן רֵיינִיגְט דִי נְשָׁמָה, **"מִשְׁנָה"** אִיז דִי אוֹתִיּוֹת **"נְשָׁמָה"**, וִוי אוֹיךְ בְּרֶענְגְט עֶס גֶעלְט וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית מ"ג) **"כֶּסֶף מִשְׁנֶה"**, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פִּנְחָס'ל קָארִיצֶער זָאגְט אַז **"מִשְׁנָה"** אִיז בְּגִימַטְרִיָּא **"פַּרְנָסָה"**, עֶס בְּרֶענְגְט פַּרְנָסָה, דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (וַיִּקְרָא רַבָּה פָּרָשָׁה ז' סִימָן ג') דִי אִידְן וֶועלְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת נָאר אִין זְכוּת פוּן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וְשַׂמְתִּי פְדֻת בֵּין עַמִּי וּבֵין עַמֶּךָ**, זָאגְט רַשִׁ"י, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן אַן אָפְּשֵׁיידוּנְג צְוִוישְׁן דִי אִידְן אוּן דִי גוֹיִם, וָואס דָאס וֶוערְט דָאךְ דוּרְךְ תּוֹרָה שֶׁבַּעַל פֶּה, אָבֶּער דֶער וָוארְט **"פְדֻת"** שְׁטֵייט דָא אָן דֶעם אוֹת ו', דֶער אוֹת ו' גֵייט אַרוֹיף אוֹיף מִשְׁנַיוֹת, וָואס אִיז שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אָבֶּער הַיינְטִיגֶע צַייטְן פֶעלְט נָאךְ דֶער אוֹת ו', וַוייל הַיינְט קוּקְט מֶען נָאךְ אַרָאפּ אֵיינֶעם וָואס לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת, אָבֶּער דֶער פָּסוּק זָאגְט, **לְמָחָר יִהְיֶה הָאֹת הַזֶּה**, בַּאלְד, וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, וֶועט שׁוֹין זַיין דֶער אוֹת ו', וַוייל מָשִׁיחַ וֶועט נָאר קוּמֶען אִין זְכוּת פוּן מִשְׁנַיוֹת, אוּן דַאן וֶועט מֶען שׁוֹין אַרוֹיפְקוּקְן אוּן מַחְשִׁיב זַיין דָאס לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת.

אוּן דַאן וֶועט שׁוֹין זַיין דִי אַנְדֶערֶע צְוֵויי פְּסוּקִים, **פְּדוּת שָׁלַח לְעַמּוֹ, וְהַרְבֵּה עִמּוֹ פְדוּת**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוֹיסְלֵייזְן דִי אִידְן, וַוייל מֶען וֶועט לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, אוּן דֶערְפַאר שְׁטֵייט דָארְט "פְּדוּת" מִיט דֶעם אוֹת ו'.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית וָאֵרָא תשס"ט)



# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

טוּט עֶר חֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע, דָאס אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

אוּן דָאס דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען שׁוֹין פַאר דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ קְלֵיין, אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען חֶסֶד, צוּ הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן, וָואס דָאס אִיז דִי סִימָן פוּן אַ אִיד.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י"ב עֶרֶךְ חֶסֶד)

***

## אַ קְלֵיינִיקַייט אִיז אוֹיךְ חָשׁוּב

אִין הִימְל אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב וֶוען מֶען טוּט חֶסֶד מִיט אַ צְוֵוייטְן אִיד. אוּן דֶער אֱמֶת אִיז אַז וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן טוּהן חֶסֶד אִיז עֶס בְּעִיקָר וֶוען עֶס קוּמְט אָן שְׁוֶוער, וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי גְרִינְג צוּ טוּהן דִי חֶסֶד. וַוייל וֶוען מֶען בֶּעהְט פוּן אֵיינֶעם אַ גְרִינְגֶע טוֹבָה אוּן מֶען טוּט עֶס נִישְׁט, אַזַא אֵיינֶער אִיז פָּשׁוּט אַ רָשָׁע... אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט אָן שְׁוֶוער, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן שְׁטְרֶענְגְט מֶען זִיךְ אָן אוּן מֶען הֶעלְפְט אַ צְוֵוייטְן, דָאס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע חֶסֶד, אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב.

דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין גְמִילַת חֲסָדִים צוּ הֶעלְפְן אִידְן, הָאבְּן נָאכְדֶעם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גְרוֹיסֶע הַשָּׂגוֹת אִין עֲבוֹדַת ה', וַוייל בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב חֶסֶד. דָאס אִיז נִישְׁט נָאר וֶוען מֶען טוּט עֶפֶּעס אַ גֶעוַואלְדִיגֶער גְמִילַת חֶסֶד צוּ בָּארְגְן פַאר אַ צְוֵוייטְן אַפָּאר טוֹיזְנְט דָאלֶער, נָאר יֶעדֶע זַאךְ וָואס דֶער צְוֵוייטֶער דַארְף צוּקוּמֶען צוּ דֶעם אוּן מֶען הֶעלְפְט אַרוֹיס יֶענֶעם אִיז דָאס אַ חֶסֶד אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י' עֶרֶךְ חֶסֶד)

***

## אַוֶועק גֶעבְּן צַייט

דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים נב, ג) חֶסֶד קֵל כָּל הַיּוֹם, קֶען זַיין אַ פְּשַׁט אַז מֶען קֶען טוּהן חֶסֶד מִיטְן טָאג אַלֵיין, דָאס מֵיינְט אַז מֶען גֶעבְּט אַוֶועק צַייט פוּנֶעם טָאג פַאר אַ צְוֵוייטְן.

אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרִיבֶּער צָרוֹת, אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם דֶערְבִּיטֶערְט אוּן צוּבְּרָאכְן פוּן שְׁוֶוערֶע זַאכְן וָואס זֵיי גֵייעֶן אַדוּרְךְ, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט פַאר וֶועם זִיךְ אוֹיסְצוּגִיסְן זֵייעֶר בִּיטֶער הַארְץ.

אוּן דֶערְפַאר אִיז דִי גְרֶעסְטֶע גְמִילַת חֶסֶד צוּ אוֹיסְהֶערְן אַ צְוֵוייטְן אִיד, אַוֶועק גֶעבְּן פוּן דִי אֵייגֶענֶע צַייט צוּ אוֹיסְהֶערְן יֶענֶעם, אוּן צוּ מְחַזֵק יֶענֶעם, אִים זָאגְן אַ גוּט וָוארְט אַז עֶס וֶועט נִישְׁט אַלְץ זַיין שְׁלֶעכְט, עֶס וֶועט נָאךְ קוּמֶען גוּטֶע צַייטְן, אוּן מִיט דֶעם קֶען מֶען מַמָּשׁ רַאטֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ. וֶוען יֶענֶער זֶעהט אַז עֶר הָאט אַן אָפְן אוֹיעֶר, עֶר הָאט אֵיינֶער וָואס הֶערְט אִים אוֹיס אוּן פִילְט מִיט זַיין צַעַר, וֶוערְט אִים שׁוֹין אַסַאךְ רוּהִיגֶער אוֹיף דִי גֶעוִוויסְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ה' עֶרֶךְ גְמִילַת חֲסָדִים וְחֵלֶק ז' עֶרֶךְ חֶסֶד)

## חֶסֶד הֵייבְּט זִיךְ אָן אִינְדֶערְהֵיים

עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן לִיבּ צוּ

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

טוּהן חֶסֶד, צוּ אַרוּמְגֵיין אוּן הֶעלְפְן מֶענְטְשְׁן, אָבֶער וֶוען עֶס קוּמְט בַּיי זֵיי אִינְדֶערְהֵיים צוּ הֶעלְפְן דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער דַאן הָאט מֶען שׂוֹין נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד אוּן מֶען דְרֵייט זִיךְ אַרוֹיס דֶערְפוּן.

דָאס אִיז אָבֶער נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט, הָאט עֶר אַ אֵיינִיגֶע שׁוּתְּפוּת אִינְדֶערְהֵיים אוּן עֶר דַארְף אַרוֹיס הֶעלְפְן אִינְדֶערְהֵיים וִוי וַוייט מֶעגְלִיךְ. אוּן דֶערְפַאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ בַּאקוּמְט אַן הִתְעוֹרְרוּת צוּ טוּהן חֶסֶד, דַארְף עֶר עֶס אָנְהֵייבְּן אִינְדֶערְהֵיים, אַרוֹיס צוּ הֶעלְפְן אִינְדֶערְהֵיים, גְרִינְגֶער מַאכְן אִינְדֶערְהֵיים, אוּן אִין דֶעם זְכוּת וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיךְ רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן מַשְׁפִּיעַ זַיין פַאר אִים רַחֲמִים וְחַסָדִים.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ז' עֶרֶךְ חֶסֶד)

***

## מְקַרֵב זַיין אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

דִי גְרֶעסְטֶע חֶסֶד אִיז נָאךְ וֶוען מֶען אִיז מְקַרֵב אַ אִיד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען מֶען שַׁיינְט אַרַיין אִין אַ אִיד דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס וָואס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ דַארְף עֶר דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין מַאמֶע-לָשׁוֹן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שׁוֹמֵעַ תְּפִלַּת כָּל פֶּה, עֶר הֶערְט צוּ וָואס יֶעדֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּ אִים אוּן עֶר הֶעלְפְט דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט וָואס עֶר דַארְף בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת.

דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע גְמִילַת חֶסֶד, וַוייל דָאס בַּאגְלֵייט דֶעם מֶענְטְשׁ שְׁטֶענְדִיג, סַיי וָואס עֶס וֶועט נָאר אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף אִים וֶועט עֶר וִויסְן דִי אַדְרֶעס אַז עֶר קֶען זִיךְ וֶוענְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן.

וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן עֶר הָאט זִיךְ צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אוֹיסְגֶערֶעדְט זַיין הַארְץ פַארְן רֶבִּי'ן אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ, דַאן הָאט אִים דֶער רֶבִּי אַרוֹיס גֶענוּמֶען אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר, עֶר הָאט אַרוֹיף גֶעלֵייגְט זַיין הֶענְט אוֹיף רֶבִּי נָתְנְ'ס אַקְסְל אוּן גֶעזָאגְט: "אוּן וַוייטֶער אִיז גוּט אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ דוּרְךְ מִיט אַ גוּטֶע פְרַיינְד", הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט אַז דַאן הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר וֶועט שׂוֹין הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְן, עֶר וֶועט שׂוֹין וִויסְן זַיין גַאנְץ לֶעבְן וָואס עֶר הָאט צוּ טוּהן, וַוייל וָואס עֶס וֶועט נָאר דוּרְךְ גֵיין אוֹיף אִים וֶועט עֶר אַלֶעס דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן.

דֶערְפַאר אִיז דִי גְרֶעסְטֶע גְמִילַת חֶסֶד צוּ אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל וִויסְן אַז עֶר קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דָאס וֶועט וַוייטֶער בַּאגְלֵייטְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין יֶעדְן מַצָּב, אוּן אִין וָואסֶערֶע פְּלָאנְטֶער עֶר וֶועט נָאר אַרַיינְפַאלְן וֶועט עֶר וִויסְן וָואס עֶר הָאט צוּ טוּהן.

וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס טוּט חֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּרִיק צָאלְן מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה אוּן זִיךְ פִירְן מִיט אִים אוֹיךְ נָאר בְּחֶסֶד וּבְרַחֲמִים אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן שְׁטֶענְדִיג אַלֶעס גוּטְס.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ד' עֶרֶךְ גְמִילַת חֲסָדִים)

# דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם

יֶעצְט הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם, אוּן דֶער הָאֲרִ"י הַקָדוֹשׁ זָאגְט אַז דִי טֶעג אִיז מְסוּגָל צוּ פַארְרֶעכְטְן דֶעם חֵטְא, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זָאגְן יֶעדְן טָאג אַ יוֹם תְּהִלִים, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ג) דָאס תְּהִלִים אִיז מְסוּגָל לִתְשׁוּבָה, אוּן עֶס עֶפְנְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשֶׁנְ'ס הַארְץ צוּ תְּשׁוּבָה, אוּן אַפִילוּ אֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין הַארְץ צוּ תְּשׁוּבָה, מִיט דֶעם וָואס עֶר זָאגְט תְּהִלִים וֶוערְט אִיהְם גֶעעֶפְנְט דָאס הַארְץ צוּ תְּשׁוּבָה. אוּן עֶס בִּינְדְט אִיהְם צֻי צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, גְלֵייבּ מִיר עֶס נֶעמְט נִישְׁט מֶער וִוי אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה צוּ זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִלִים, אוּן אֲפִילוּ וִוינְצִיגֶער, אָבֶער דָאס וָואס עֶס טוּט אוֹיף קֶען מֶען גָארְנִישְׁט בַּאשְׁרַייבְּן, בִּפְרַט יֶעצְט דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַ "יוֹם תְּהִלִים".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע הָאט יֶעדְן טָאג גֶעזָאגְט אַ "יוֹם תְּהִלִים", דְרֵיי מָאל אַ יָאר הָאט עֶר גֶעזָאגְט צְוֵויי מָאל דֶעם "יוֹם", [א] דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם. [ב] דִי טֶעג פוּן סְפִירַת הָעוֹמֶר. [ג] דִי טֶעג פוּן אֱלוּל. אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, זָאג כָאטְשֶׁע אֵיין מָאל יֶעדְן טָאג דֶעם "יוֹם תְּהִלִים". אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דָוִד הַמֶלֶךְ הָאט דָאס גֶעזָאגְט מִיט אַזַא הוֹיעֶכְ'ן רוּחַ הַקוֹדֶשׁ אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ טְרֶעפְן אִין דִי מִזְמוֹרִים, דָאס אִיז גֶעזָאגְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאזוּנְדֶער.

אוֹיךְ אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ זָאגְן אִין דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם "תִּיקוּנֵי זוֹהַר" אוּן דָאס זָאגְן אַלֵיין אִיז מְסוּגָל פַאר דִי נְשָׁמָה, וָוארוּם זָאגְן "תִּיקוּנֵי זוֹהַר" אִיז אַזוֹי וִוי אַ בָּאד פַאר דִי נְשָׁמָה, הָאבְּן צַדִיקִים גֶעזָאגְט. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קכ"ח) דָאס דִי טֶעג פוּן אֱלוּל וֶוען אִידְן זָאגְן "תִּיקוּנֵי זוֹהַר" וֶוערְט פוּן דֶעם גְרוֹיסֶע זַאכְן אִין הִימְל, וִוידֶערוּם, וֵייסְן מִיר אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין תִּיקוּנֵי זוֹהַר אַ גַאנְץ יָאר, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז אִין דֶעם לִיגְט אַלֶע חָכְמוֹת, אִיבֶּערְדֶעם גֶעוואוֹין זִיךְ צִי צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַפָּאר דַפִּין "תִּיקוּנֵי זוֹהַר" אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר מְסוּגָל פַאר דִי נְשָׁמָה צוּ צוּבִּינְדֶען צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

וְעַל כּוּלָם זֶעה זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אוּן דוּ זָאלְסְט אִיהְם אוֹיסְדֶערְצֵיילְן אַלְסְדִינְג וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַ גְרוֹיסֶער עִיקָר, אוּן עֶר הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קנ"ד) אַז דֶער עִיקָר וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיין גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה אִיז נָאר גֶעוֶוען וַוייל עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט וִוי אַ פְּרָאסְטִיק, דָאס הֵייסְט עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, גֶערֶעדְט זֵייעֶר אַסַאךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף אִידִישׁ, אוּן גֶעזָאגְט אַסַאךְ תְּהִלִים, אוּן עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט וֶוען אִיךְ זָאל וִויסְן אִין דֶער יוּגְנְט צוּ וָואס מֶען קֶען קוּמֶען דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת דָאס הֵייסְט רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּהְן אַ גַאנְץ יָאר וָואלְט אִיךְ גֶעטוּהְן אִין אֵיין טָאג, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט נָאךְ דִי עֲבוֹדָה פוּן תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אַסַאךְ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף אִידִישׁ, אַזוֹי וִוי אַ פְּרָאסְטֶער פָּשׁוּטֶער מֶענְטְשׁ.

אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז אִין אַ קוּרְצֶע צַייט וֶועסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע דַיינֶע צָרוֹת וְכוּ', וָואס דִי עִיקָר צָרוֹת אִיז דִי עֲוֹונוֹת, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ז') דָאס אַ נְשָׁמָה פוּן אַ אִיד אִיז כּוּלוֹ רוּחָנִי, אוּן עֶס הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם שַׁייְכוּת צוּ קַיין זִינְד, אִיבֶּערְדֶעם הֵייסְט נִישְׁט קַיין יִסוּרִים נָאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט רַחְמָנָא לִיצְלָן, אוּן דָאס אִיז דִי כַּוָונָה וָואס דִי חַזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת נ"ה) אֵין יִסוּרִים בְּלֹא עָוֹן; וֶוען הֵייסְט יִסוּרִים, וֶוען עֶר זִינְדִיגְט. וָוארוּם אַלֶע יִסוּרִים קוּמְט נִישְׁט צוּ יִסוּרִים וָואס דִי נְשָׁמָה הָאט וֶוען זִי זִינְדִיגְט, אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי עֲבוֹדָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן בֶּעהְט יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן, וֶועסְטוּ זֶעהְן דוּ וֶועסְט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, אוּן דִי עִיקָר אִיז שִׂמְחָה, וָוארוּם שִׂמְחָה אִיז אַזַא לֶעכְטִיגְקֵייט וָואס מֶען קֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ דֶעם נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה, אוּן מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶר זָאל זַיין שְׁטַארְק מִיט שִׂמְחָה, וֶוען אַ אִיד אִיז פְרֵיילִיךְ דָאס אִיז אַ סִימָן אַז זַיין תְּשׁוּבָה אִיז אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן, אוּן עֶר אִיז שׂוֹין אִין דִי קְדוּשָׁה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דִבְרֵי הַיָמִים א' ט"ז) "עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ".

(אשר בנחל באידיש חלק ה' מכתב תר"א)

# קֵיינְמָאל נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן

דֶעם הֵיילִיגְן גְרוֹיסְן מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זי״ע אִיז אִין דֶער יוּגְנְט גֶעוֶוען זֵייעֶר אָרוּם, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז סְ'הָאט גֶעפֶעלְט עֶסְן אִין שְׁטוּבּ פַאר דִי קִינְדֶער, אָבֶער עֶר מִיט זַיין רֶעבֶּעצְן הָאבְּן זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט בַּאקְלָאגְט, זֵיי הָאבְּן אָנְגֶענוּמֶען אַלְסְדִינְג בְּאַהֲבָה, וָוארוּם זֵיי הָאבְּן גֶעוְוּיסְט אַז יֶעדֶער זַאךְ וָואס עֶס פַּאסִירְט מִיטְן מֶענְטְשׁ אִיז פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אֵיינְמָאל הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ שְׂרֵיפָה אִין זֵייעֶר דִירָה, אוּן סְ'הָאט פַּארְבְּרֶענְט דָאס גַאנְצֶע הוֹיז, אוּן דִי רֶעבֶּעצְן אִיז גֶעזֶעצְן אִינְדְרוֹיסְן אוּן זֵייעֶר גֶעוֵויינְט, וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער מַגִיד אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען אוּן גֶעזֶעהְן אַז דִי גַאנְצֶע הוֹיז אִיז פַּארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן אוּן דִי רֶעבֶּעצְן זִיצְט אוּן וֵויינְט, אִיז עֶר זֵייעֶר פַארְוואוּנְדֶערְט גֶעוָוארְן אוֹיף אִיר אוּן אִיר גֶעפְרֶעגְט, דָאס הָאסְטוּ גֶעלֶערְנְט בַּיי מִיר, אַז וֶוען עֶס פַּאסִירְט אַן אוּמְגְלִיק דַארְף מֶען טְרוֹיעֶרְן אוּן וֵויינֶען? ! עֶס אִיז דָאךְ אַלֶעס פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, הָאט דִי רֶעבֶּעצְן גֶעעֶנְטְפֶערְט נִישְׁט אוֹיף דֶעם הוֹיז וָואס עֶס אִיז פַּארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן וֵויין אִיךְ, מִיר הָאבְּן גֶעהַאט דָארְטְן אַ כְּתַב יִחוּס פוּן אַלֶע דוֹרוֹת בִּיז דָוִד הַמֶלֶךְ, אוּן דָאס אִיז פַּארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן, אוֹיף דֶעם וֵויין אִיךְ, הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער מַגִיד זי״ע אָנְגֶערוּפְן, נוּ, אוֹיבּ אַזוֹי וֶועט זִיךְ דֶער יִחוּס אָנְהֵייבְּן פוּן מִיר.

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם צְוֵויי זַאכְן, דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז אַ אִיד טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן פוּן אַלְץ וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִיהְם דוּרְךְ, וָוארוּם אַלֶעס הָאט אַ חֶשְׁבּוֹן צֶדֶק פוּן אוֹיבְן, וָואס מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט, אוּן מֶען מוּז אָנְנֶעמֶען דֶעם גְזַר דִין מִיט אַהֲבָה. אוּן דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ וָואס מֶען לֶערְנְט פוּן דֶעם אִיז, אַז יֶעדֶער אִיד דַארְף וִויסְן אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין וֶועט זִיךְ דֶער יִחוּס אָנְהֵייבְּן פוּן אִיהְם, אַז זַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן שׁוֹין שְׁטָאלְצִירְן, אַז זֵיי זֶענֶען קִינְדֶער פוּן אַזַא צַדִיק, אוּן דִי אֵיינִיקְלֶעךְ וֶועלְן זִיךְ שְׁטָאלְצִירְן אַז זֵיי זֶענֶען אֵיינִיקְלֶעךְ פוּן אַזַא צַדִיק, וָוארוּם אַזוֹי הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, אַז יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען קוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת צוּ וָואס עֶר אִיז בַּאשַאפְן גֶעוָוארְן, וָוארוּם יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַ תַּקְפִיד אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר אִיז נִישְׁט בַּאשַאפְן אוּמְזִינְסְט, אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף קוּמֶען צוּ זַיין נְקוּדָה, מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן אַ שְׁטַארְקְן רָצוֹן, אוּן מֶען קֶען דָאס בַּאוַוייזְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ק׳) דָאס אַלֶע צַדִיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶר מַדְרֵיגָה נָאר דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת, זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט דָאס הַארְץ פַאר'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ בַּאפְלֵייסְט אִין דֶעם, אוּן דָאס הָאט זֵיי גֶעבְרֶענְגְט צוּ זֵייעֶר זַאךְ.

(אשר בנחל באידיש חלק ה׳ מכתב תק״פ)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

## מוהרא״ש שליט״א צוריק געקומען פון ארץ ישראל

דעם מיטוואך איז מוהרא״ש שליט״א צוריק געקומען פון ארץ ישראל נאכן ווייל'ן דארט פאר א וואך צו מחזק זיין די ארטיגע אידן.

די וואך דאנערשטאג איז ווייטער פארגעקומען די וועכנטליכע ליל שישי שיעור ווי געווענליך.

מען קען מיטהאלטן יעדע וואך די שיעור מיט א לייוו הוק-אפ, אויך קען מען הערן אלטע שיעורים פון מוהרא״ש, אויפן "קול ברסלב" טעלעפאן ליין, אויפן נומער **212-444-9191.**

**בזמן שהצדיק בעיר הוא הודה הוא זיוה הוא הדרה!**

***

## בית הדפוס "קרן הדפסה היכל הקודש" אויסגעברייטערט

**נייע גרעסערע מאשינען איינגעקויפט**

דער בית הדפוס "קרן הדפסה היכל הקודש" איז שוין לאנג באקאנט אלץ די ערשטע און איינציגסטע דרוקעריי וואס האט זיך געעפנט מיטן בלויזן ציהל צו דרוקן דעם הייליגן רבי'נס ספרים און עס צושפרייטן אויף די וועלט, אז אידן בכל מקומות מושבותיהם זאלן אויך קענען שעפן פונעם הייליגן קוואל, פון די דיבורים פון רבי'ן וואס שטארקן און הייבן דעם מענטש אין סיי וואסערע מצב ער געפינט זיך.

עס זענען שוין געדרוקט געווארן הונדערטער טויזנטער ספרים אינעם בית הדפוס, אבער אין הקומץ משביע, עס איז נאך אלץ נישט גענוג, מען קען נישט נאכקומען דעם גרויסן פארלאנג, און דערפאר האט מען יעצט איינגעקויפט נאך נייע גרויסע מאשינען וואס וועלן קענען מיטן אייבערשטנ'ס הילף דרוקן די ספרים אויף א שענערן פארמאט.

זאל דער אייבערשטער העלפן אז חפץ ה׳ בידינו יצליח, אז מיר זאלן קענען אריינברענגען דעם רבינ'ס לימודים אין די גאנצע וועלט, אז מען זאל אנהייבן רעדן צום אייבערשטן, און געהאלפן ווערן מיט אלעם גוטס.

אויך איז יעצט דא א געלעגנהייט פאר ווער עס וויל האבן א חלק אין די הייליגע ארבעט, צו מנדב זיין די נייע מאשינען אדער א חלק פון זיי, און די געוואלדיגע זכות פון די טויזנטער אידן וואס וועלן האבן א הרהור תשובה פון די ספרים וועט גיין אויפ'ן חשבון פונעם נדבן.

**אויב ווילט איר מנדב זיין פאר די ספרים רופט אין אפיס 845-481-3321**

**על ידי הפצת ספרי רבינו, נביא את משיח צדקינו!**


## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו״ה **מרדכי יונה שיק** הי״ו

**צו די חתונה פון זיין טאכטער עב״ג למז״ט**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער, עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים אמן.

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו״ה **מענדל קאהן** הי״ו

**צו די חתונה פון זיין זוהן עב״ג למז״ט**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער, עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים אמן.

## ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע ספרי ברסלב

**27 Skillman St.**

**אדער רופט 347-977-7994**

## קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים פון כ״ק מוהרא״ש שליט״א**

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!

**וועכענטליכע גליונות * קונטרסים * ספרים**

שנעל גוט און ביליג!

**רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554**

**5554printing@gmail.com**





**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת בא, ג' שבט, שנת תשע"ד לפ"ק — שנה 3, גליון 17 (117)


**זמנים**
הדלקת הנרות......4:23
סוף זמן קר"ש......9:04
מוצש"ק......5:55

**שיעורים כסדרן**
בבלי......יומא נ"ז
ירושלמי......סנהדרין י"ז
תוספתא......מכות פרק א'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים, רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה,** דִי עֶרְשְׁטֶע מִצְוָה וָואס דִי אִידְן הָאבְּן בַּאקוּמֶען אִיז גֶעוֶוען דִי מִצְוָה פוּן קִידוּשׁ הַחוֹדֶשׁ, אַז וֶוען דִי לְבָנָה בַּאנַייט זִיךְ, זָאל מֶען מַאכְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ. דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס אִיז דָאס דַוְקָא דִי עֶרְשְׁטֶע מִצְוָה?

רַשִׁ"י זָאגְט אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען דִי מִצְוָה, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעוִויזְן דִי לְבָנָה אוּן גֶעזָאגְט: **"כָּזֶה רְאֵה וְקַדֵּשׁ"** - וֶוען דִי לְבָנָה זֶעהט אַזוֹי אוֹיס, זָאלְסְטוּ מַאכְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ. דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס אִיז דִי מִצְוָה אַזוֹי שְׁוֶוער גֶעוֶוען צוּ פַארְשְׁטֵיין פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ?

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קפ"ח) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט פוּן זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת, עֶר פִיהלְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, זָאל עֶר זִיךְ דֶערְמַאנֶען פוּן זַיינֶע גוּטֶע טֶעג, עֶר הָאט דָאךְ גֶעהַאט גוּטֶע צַייטְן וֶוען עֶר הָאט יָא גֶעפִיהלְט אַ נָאנְטְקַייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט יָא גֶעפִיהלְט אַ גֶעשְׁמַאק אִין דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מִיט דֶעם זָאל עֶר זִיךְ שְׁטַארְקְן, וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צוּבְּרֶעכְן.

אוּן דָאס וַוייזְט אוּנְז דִי לְבָנָה, אַ הַאלְבְּן חוֹדֶשׁ וֶוערְט עֶר גְרֶעסֶער אוּן גְרֶעסֶער, אוּן דִי צְוֵוייטֶע הַאלְבּ חוֹדֶשׁ וֶוערְט עֶר צוּרִיק קְלֶענֶער, בִּיז סוֹף חוֹדֶשׁ זֶעהט מֶען עֶם שׁוֹין אִינְגַאנְצְן נִישְׁט, אָבֶּער נָאכְדֶעם וֶוערְט עֶם וַוייטֶער גְרוֹיס.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדְן אִיד, עֶס אִיז דָא צַייטְן וָואס עֶר פִיהלְט אַ גֶעשְׁמַאק צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶס זֶענֶען דָא צַייטְן וָואס אַלֶעס אִיז בַּיי אִים אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, עֶר פִיהלְט גָארְנִישְׁט, אוּן דָאס צוּבְּרֶעכְט זֵייעֶר אַ מֶענְטְשׁ. אָבֶּער וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז אַזוֹי מוּז עֶס גֵיין, אֵיינְמָאל פִיהלְט מֶען יָא אוּן אֵיינְמָאל נִישְׁט, וֶוערְט מֶען נִישְׁט צוּבְּרָאכְן, נָאר מֶען דֶערְמַאנְט זִיךְ אִין דִי גוּטֶע צַייטְן, אוּן פוּן דֶעם נֶעמְט מֶען חִיזוּק, אַז עֶס וֶועט נָאךְ זַיין גוּט, אוּן מֶען גִיבְּט נִישְׁט אוֹיף.

דֶערְפַאר הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן פַאר דִי אִידְן דִי עֶרְשְׁטֶע מִצְוָה, דִי מִצְוָה פוּן קִידוּשׁ הַחוֹדֶשׁ, וַוייל דָאס אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ, אוּן דָאס אִיז דִי הַקְדָמָה צוּ אַלֶע מִצְוֹת, אַז מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג שְׁטַארְקְן, אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעהט שׁוֹין אוֹיס אִינְגַאנְצְן פַארְלָאשְׁן, דַארְף מֶען וִויסְן אַז מֶען קֶען זִיךְ נָאךְ בַּאנַייעֶן אַזוֹי וִוי דִי לְבָנָה.

אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶעוֶוען פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ צוּ פַארְשְׁטֵיין, דִי אִידְן זֶענֶען דָאךְ יֶעצְט אִין מִצְרַיִם, אִין זֵייעֶר אַ נִידֶערִיגֶע מַצָב, וִוי אַזוֹי קֶענֶען זֵיי זִיךְ יֶעצְט מְחַזֵק זַיין? הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעוִויזְן דִי לְבָנָה, אַז אֲפִילוּ מֶען זֶעהט נָאר אַ קְלֵיין בִּיסְל פוּן דִי לְבָנָה, קֶען מֶען שׁוֹין מַאכְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, אֲפִילוּ מֶען טְרֶעפְט נָאר אֵיין קְלֵיינֶע גוּטֶע זַאךְ בַּיי אַ אִיד, קֶען מֶען זִיךְ שׁוֹין מְחַזֵק זַיין מִיט דֶעם, אַז עֶס וֶועט נָאךְ זַיין גוּט, אוּן וֶוען זוּכְט מֶען טְרֶעפְט מֶען, מֶען קֶען בַּיי יֶעדְן אִיד טְרֶעפְן גוּטֶע נְקוּדוֹת.

דֶערְפַאר דַארְף זִיךְ אַ אִיד זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אֲפִילוּ וֶוען עֶר פִיהלְט גָארְנִישְׁט, אַלֶעס אִיז בַּיי אִים אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, זָאל עֶר וִויסְן אַז עֶס וֶועט נָאךְ קוּמֶען גוּטֶע צַייטְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק בֹּא תשנ"ט לפ"ק)

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ מְקַבֵּל זַיין בִּזְיוֹנוֹת בְּאַהֲבָה ~

עֶס מַאכְט זִיךְ אַמָאל אַז אַ מֶענְטְשׁ בַּאקוּמְט אַ בִּזָיוֹן, מֶען אִיז גֶעוָוארְן פַארְשֶׁעמְט, אוּן מֶען פִיהלְט זִיךְ זֵייעֶר צוּקְלַאפְּט אוּן צוּבְּרָאכְן פוּנֶעם בִּזָיוֹן. אִין אַזַא צַייט דַארְף מֶען אָבֶּער גֶעדֶענְקְן אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט גֶעהַאט אַ בִּזָיוֹן אִיז עֶס זִיכֶער אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר פַאר דִי טוֹבָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

דֶער פָּסוּק זָאגְט כִּי אָדָם אֵין צַדִּיק בָּאָרֶץ אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה טּוֹב וְלֹא יֶחֱטָא, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ פַאלְט אַמָאל דוּרְךְ אִין עֲבֵירוֹת, אוּן אוֹיבּ מֶען טוּט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט מְוַתֵּר אוֹיף קַיין שׁוּם זַאךְ. אוּן דֶערְפַאר מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מֶען זָאל צוּמָאל בַּאקוּמֶען אַ בִּזָיוֹן, אוּן מִיט דֶעם קוּמְט עֶר אָפּ דִי עֲבֵירוֹת. וֶוען מֶען קוּקְט אָן דִי בִּזְיוֹנוֹת אוֹיף אַזַא וֶועג אַז עֶס אִיז גָאר אַ חֶסֶד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וָואלְט מֶען זִיךְ גֶעפְרֵייְדְט יֶעדֶע מָאל וֶוען עֶס קוּמְט אוּנְטֶער אַ בִּזָיוֹן.

ר' אַבְרָהָם בֶּן ר' נַחְמָן זַ"ל פְלֶעגְט זָאגְן אַז וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעוואוּסְט דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן בַּאקוּמֶען אַ בִּזָיוֹן אוּן וִויפִיל מֶען קוּמְט אָפּ דוּרְךְ דֶעם, וָואלְט מֶען וֶוען גֶעלָאפְן אִין מִקְוֶה פַאר דִי בִּזָיוֹן, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דָא אַסַאךְ וָואס פִירְן זִיךְ צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה פַאר אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע מִצְוָה וָואס קוּמְט נָאר פוּן צַייט צוּ צַייט, דִי זֶעלְבֶּע וָואלְט מֶען גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה פַאר אַ בִּזָיוֹן, נָאר בַּיי אַ בִּזָיוֹן וֵוייסְט מֶען נִישְׁט פוּן פָארְאוֹיס וֶוען עֶס גֵייט קוּמֶען, אוּן דֶערְפַאר קֶען מֶען נִישְׁט גֵיין אִין מִקְוֶה בֶּעפָאר.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קס"א) אַז דִי אַלֶע בִּזְיוֹנוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ בַּאקוּמְט, דָאס הֵייבְּט אִים אוֹיף הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער, דֶער פָּסוּק זָאגְט כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה, אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי וִוי אַ הָאלְץ, וֶוען

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְהָיָה לְךָ לְאוֹת עַל יָדְךָ, וּלְזִכָּרוֹן בֵּין עֵינֶיךָ, לְמַעַן תִּהְיֶה תּוֹרַת ה' בְּפִיךָ.** מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶער פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י"ט) אַז דֶער עִיקָר פוּן אַ אִיד אִיז צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פְּשׁוּט'עֶרְהֵייט, צוּ טוּהְן אַלֶע מִצְוֹת וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן אַלֶעס אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט פַארְוָואס אוּן פַארְוֶוען, אוּן נִישְׁט וִוי דִי חוֹקְרִים זָאגְן אַז דֶער עִיקָר אִיז נָאר צוּ וִויסְן אוּן פַארְשְׁטֵיין דִי אַלֶע טַעֲמִים פוּן דִי מִצְוֹת.

אוּן דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַ רְאַיָ' דֶערְצוּ, וַוייל אוֹיבּ עֶס אִיז אֶמֶת אַז מֶען דַארְף נָאר פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס, וֶועט אוֹיסְקוּמֶען אַז נִישְׁט יֶעדֶער אִיד קֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל נִישְׁט יֶעדֶער אִיז דָאךְ אַזוֹי קְלוּג אַלֶעס צוּ פַארְשְׁטֵיין, זֶעהט מֶען אַז דֶער עִיקָר אִיז נָאר צוּ טוּהְן דִי מִצְוֹת וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט עֶס נִישְׁט.

דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (סוֹף קֹהֶלֶת) **סוֹף דָּבָר הַכֹּל נִשְׁמָע אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא וְאֶת מִצְוֹתָיו שְׁמוֹר**, דֶער עִיקָר אִיז נָאר מוֹרָא צוּ הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּ טוּהְן זַיינֶע מִצְוֹת, **כִּי זֶה כָּל הָאָדָם**, וַוייל דָאס קֶען יֶעדֶער מֶענְטְשׁ טוּהְן, אֲפִילוּ וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי קְלוּג.

זֶעהט מֶען פוּן דֶעם, אַז דֶער עִיקָר דַארְף מֶען נָאר טוּהְן אַסַאךְ מִצְוֹת אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם טַעַם דֶערְפוּן, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ בַּיים לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דַארְף מֶען אוֹיךְ אַסַאךְ לֶערְנֶען, אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט גְלַייךְ אַלֶעס וָואס מֶען לֶערְנְט, דַארְף מֶען כָאטְשׁ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, אוּן צוּם סוֹף וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז מֶען וֶועט פַארְשְׁטֵיין, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) אַז אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען, וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט אַלֶעס גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין, אָבֶּער דֶער אֶמֶת אִיז, אַז קוֹדֶם דַארְף מֶען נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וְהָיָה לְךָ לְאוֹת עַל יָדְךָ**, קוֹדֶם זָאלְסְטוּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין הַאנְט, דָאס מֵיינְט אַז דוּ זָאלְסְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דַיינֶע הֶענְט, אֲפִילוּ אָן דֶעם וָואס דֶער מֹחַ פַארְשְׁטֵייט פַארְוָואס, אוּן דֶערְנָאךְ וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שׁוֹין הֶעלְפְן אַז עֶס וֶועט זַיין, **וּלְזִכָּרוֹן בֵּין עֵינֶיךָ**, אַז דוּ וֶועסְט פַארְשְׁטֵיין מִיט דַיין קָאפּ אוֹיךְ דִי טַעֲמִים פוּן דִי מִצְוֹת, אוּן אַז דוּ וֶועסְט אַזוֹי טוּהְן, דֶעמָאלְט'ס, **לְמַעַן תִּהְיֶה תּוֹרַת ה' בְּפִיךָ**, וֶועסְטוּ הָאבְּן דִי תּוֹרָה אִין דַיין מוֹיל, וַוייל דוּ וֶועסְט וִויסְן אַז דוּ קֶענְסְט אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נָאךְ גָארְנִישְׁט, דוּ זָאגְסְט עֶס נָאר מִיט דַיין מוֹיל.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית בֹּא תשס"ה לפ"ק)

***

**וַיֵּלְכוּ וַיַּעֲשׂוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל כַּאֲשֶׁר צִוָּה ה' אֶת מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן כֵּן עָשׂוּ.** דִי אִידְן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעטוּהְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן פַאר מֹשֶׁה אוּן אַהֲרֹן, צוּ מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח, פְרֶעגְט רַשִׁ"י, וִוי אַזוֹי זָאגְסְטוּ אַז דִי אִידְן הָאבְּן שׁוֹין מַקְרִיב גֶעוֶוען דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח, עֶס אִיז דָאךְ נָאךְ גֶעוֶוען רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, אוּן מֶען הָאט עֶרְשְׁט גֶעקוֹיפְט דִי בְּהֵמָה פַארְן קָרְבַּן דֶעם צֶענְטְן טָאג פוּן חֹדֶשׁ? נָאר וַוייל דִי אִידְן הָאבְּן זִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען אַז זֵיי וֶועלְן עֶס טוּהְן, הֵייסְט עֶס אַזוֹי וִוי זֵיי הָאבְּן עֶס שׁוֹין גֶעטוּהְן.

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ו) אַז פַאר אַ אִיד טוּט אַ מִצְוָה דַארְף עֶר קוֹדֶם הָאבְּן דִי חֵשֶׁק דָאס צוּ טוּהְן. אוּן אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהט בַּיי אַ קִינְד אַז מֶען וַוייזְט אִים אַ גוּטֶע זַאךְ אוּן נָאכְדֶעם בַּאהַאלְט מֶען עֶס, דָאס רֵייצְט אוֹיף דֶעם אַפֶּעטִיט פוּנֶעם קִינְד עֶס צוּ בַּאקוּמֶען. דִי זֶעלְבֶּע טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיטְן מֶענְטְשׁ, וֶוען עֶר וִויל מַאכְן פַארְן מֶענְטְשׁ חֵשֶׁק צוּ טוּהְן אַ מִצְוָה, שְׁטֶעלְט עֶר אִים צוּ מְנִיעוֹת, אַז עֶר זָאל הָאבְּן שְׁוֶועריִקַייטְן דָאס מְקַיֵּים צוּ זַיין, אוּן דָאס אִיז גֶעמַאכְט צוּ פַארְשְׁטֶערְקֶערְן דִי חֵשֶׁק פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל עֶס דַוְקָא יָא וֶועלְן טוּהְן, אוּן אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וִויל אֶמֶת'דִיג טוּהְן אַ מִצְוָה, קֶען אִים קַיין שׁוּם זַאךְ שְׁטֶערְן דֶערְפוּן, עֶר וֶועט עֶס זִיכֶער אוֹיסְפִירְן.

דֶערְפַאר זָאגְט דִי תּוֹרָה דָא, אַז יֶעצְט וֶוען דִי אִידְן הֵייבְּן אָן צוּ טוּהְן דִי מִצְוֹת, זָאל מֶען וִויסְן אַז דֶער עִיקָר אִיז דִי רָצוֹן, אַ מֶענְטְשׁ זָאל "וֶועלְן" זַיין וואויל אוּן טוּהְן מִצְוֹת, אוּן דַאן וֶועט עֶר זִיכֶער זַיין וואויל אוּן עֶרְלִיךְ.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית בֹּא תש"ע לפ"ק)



## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

אַ גְרוֹיסֶע שְׁוֶועֶרֶע הָאלְץ לִיגְט אוֹיף דֶער עֶרְד אִיז מַמָשׁ נִישְׁט מֶעגְלִיךְ עֶס אוֹיפְצוּהֵייבְּן, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ פְלִיסְן אַסַאךְ וַואסֶער דַאן הֵייבְּט עֶס אוֹיף דֶעם הָאלְץ. אוּן מַחְלוֹקֶת וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן וַואסֶער אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט סַבּוּנִי כַמַּיִם כָּל הַיּוֹם הִקִּיפוּ עָלַי יָחַד, זַיינֶע שׂוֹנְאִים הָאט אִים אַרוּם גֶענוּמֶען אַזוֹי וִוי וַואסֶער אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעקְרִיגְט מִיט אִים אוּן אִים פַארְשֶׁעמְט. זֶעהט מֶען אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לַיידְט אַ בִּזָיוֹן, אֵיינֶער הָאט אִים פַארְשֶׁעמְט אוּן עֶר עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט צוּרִיק, עֶר לַיידְט אוּן עֶר שְׁוַוייגְט, דַאן וֶועט דָאס אִים אוֹיפְהֵייבְּן צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ חֵלֶק ט' עֶרֶךְ בִּזְיוֹנוֹת)

### זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ קִינְד אַ צַדִּיק

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו') דָאס דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז "יִשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ יִדּוֹם וְיִשְׁתּוֹק" אַז אַ מֶענְטְשׁ הֶערְט זַיין בִּזָיוֹן אוּן עֶר שְׁוַוייגְט אָפּ דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער תְּשׁוּבָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען נָאר תְּשׁוּבָה טוּהְן, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן פוּן דִי אַלֶע בִּזְיוֹנוֹת וָואס דוּ הָאסְט גֶעלִיטְן וְכוּ', וָוארוּם דָאס אִיז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה, אַז מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ.

דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק רֶבִּי אַהֲרֹן הַגָּדוֹל מִקַארְלִין זי"ע אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן צוּ זַיין הֵיילִיגְן טַאטְן רֶבִּי יַעֲקֹב, וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ בַּאהַאלְטֶענֶער צַדִּיק, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ שַׁמָשׁ, פַארְצַייטְנְס פְלֶעגְן דִי שַׁמָשִׁים דַאוֶוענֶען פַארְן עָמוּד, עֶס אִיז גֶעוֶוען יוֹם הַקָּדוֹשׁ בַּיינַאכְט, אוּן מֶען הָאט גֶעדַאוֶוענְט שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה, אוּן וִוי גֶעוֶוענְלִיךְ הָאט עֶר זֵייעֶר מַאֲרִיךְ גֶעוֶוען, וֶוען אַלֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען שׁוֹין אוֹיסְגֶעטְרֶעטְן שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה, אוּן עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אִינְמִיטְן שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה, אוּן מֶען הָאט גֶעמוּזְט וַוארְטְן אוֹיף אִיהְם, וִוי עֶר אִיז אוֹיסְגֶעטְרֶעטְן אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ אִיהְם אַ גְבִיר, אוּן עָשִׁיר יַעֲנֶה עַזּוֹת, הָאט עֶר אִיהְם דֶערְלַאנְגְט צְוֵויי פֶּעטְשׁ, אוּן עֶר הָאט אִיהְם גֶעזָאגְט 'יַענְקֶל שַׁמָשׁ וֶועגְן דִיר מוּז דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם וַוארְטְן'? אוּן דֶער רֶבִּי יַעֲקֹב הָאט זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג גֶעמַאכְט, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט גְלַייךְ זָאגְן דִי תְּפִלָּה 'יַעֲלֶה' וְכוּ', אַזוֹי וִוי סְ'וָואלְט גָארְנִישְׁט גֶעוֶוען.

אִין שׁוּהְל אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶע רַעַשׁ, וִוי קוּמְט דָאס אַז מֶען גֶעבְּט צְוֵויי פֶּעטְשׁ יוֹם הַקָּדוֹשׁ בַּיינַאכְט פַאר אַ אִיד, עֶס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶער וִויכּוּחַ אוּן אַ טוּמְל, דִי הָאבְּן גֶעזָאגְט סְ'הָאט אִיהְם גֶעקוּמֶען, דִי הָאבְּן גֶעזָאגְט סְ'הָאט אִיהְם נִישְׁט גֶעקוּמֶען, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט וִויסְנְדִיג גֶעמַאכְט, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן אִיהְם. מוֹצָאֵי יוֹם הַקָּדוֹשׁ אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ אִיהְם אַ אִיד אוּן

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהַרְאַ"שׁ

ער האט איהם געזאגט ער צאלט איהם כל הון דעלמא וויפיל געלט ער וויל נאר, ער זאל איהם פארקויפן די מצוה וואס ער האט זיך איינגעקויפט מיט א בזיון און נישט געענטפערט, האט איהם רבי יעקב געזאגט, ס'איז נישטא וואס צו פארקויפן, איך האב איהם גלייך מוחל געווען, און ער איז אפילו געגערעכט, ווי קומט דאס טאקע אז א שמש זאל מאריך זיין אין דאווענען. און ווייל ער האט אפגעשוויגן אויף זיין בזיון און ער האט נישט געוואלט פארקויפן, און ער האט נאך געזאגט אז ער האט יענעם גלייך מוחל געווען, ער האט נאך געגעבן יענעם געגעבן, איז געווארן א גרויסן רעש אין הימל, און מען האט איהם געגעבן א נשמה וואס האט פארלאכטן די וועלט.

זעהט מען פון דעם אז א מענטש שווייגט אפ אויף זיין בזיון, צו וואסערע מדריגות ער קען זוכה זיין, איבערדעם זעה צו שווייגן, און דער בורא כל עולמים וועט דיך אוודאי נישט פארלאזן.

(אשר בנחל אידיש חלק ה' מכתב תרכ"ו)

## מען דארף זיך נישט זוכן

אפילו די שכר פון בזיונות איז טאקע זייער גרויס, און מען קומט מיט דעם אפ אלע עבירות, מיינט דאס אבער נישט אז מען דארף זיך אליין זוכן בזיונות. אז עס קומט אונטער א בזיון דארף מען עס טאקע מקבל זיין באהבה, אבער אז מען קען צוריק האלטן אז עס זאל נישט פאסירן די בזיון דארף מען דאס זעהן צו טוהן.

דער רבי זאגט (ספר המדות פחד ח"ב, ג) מי שבורח מן הצרה פקח - ווער עס אנטלויפט פון א צרה איז קלוג, דאס מיינט אז ווען מען ווייסט אז עס זענען דא מענטשן וואס ווילן טשעפענען און פארשעמען זאל מען זיך בכלל נישט דרייען צווישן זיי, און אזוי וועט מען זיך איינשפארן אסאך צרות.

דער פסוק דערציילט אונז ביי יעקב אבינו, ויגנב יעקב את לב לבן הארמי על בלי הגיד לו כי ברח הוא, ווען יעקב האט זיך שוין געגוג אנגעליטן פון לבן הארמי, און ער האט שוין געהאט זיינע ווייבער און קינדער, איז ער גלייך אנטלאפן פון לבן, און נישט געווארט אז ער זאל אים נאך צוגעבן נאך צרות, בזיונות און עגמת נפש.

דאס איז די עצה ווען א מענטש האט שונאים, ער האט מענטשן וואס ווילן אים ווי טוהן און טשעפענען, זאל ער אוועק לויפן פון זיי, און זיך בכלל נישט דרייען נעבן זיי.

אבער פון די אנדערע זייט דארף מען אבער גוט וויסן אויב דאס זענען טאקע שונאים אדער דאס זענען בלויז דמיונות. אסאך מאל קען זיך מאכן אז א מענטש רעדט זיך איין אז מען האט אים פיינט, ווען איינער האט אים אנגעקוקט אביסל קרום, אבער ווען איינער האט נישט באגריסט ווי אים פאסט, מיינט ער שוין אז יענער איז זיין שונא. און דאן ווערט ער נישט גע'רודפ'ט פון שונאים, נאר ער רודפ'ט זיך אליין, זיינע מחשבות און דמיונות פייניגן אים און רודפ'ן אים.

אבער ווען איינער האט טאקע שונאים וואס רודפ'ן אים, דאן דארף ער זעהן צו אנטלויפן און נישט שטיין נעבן זיי.

(שיחות מוהרא"ש חלק ח' ערך בזיונות)

## נישט פארשעמען יענעם

און אזוי ווי די שכר פון מקבל זיין בזיונות באהבה איז גרויס, איז דער עונש פארן פארשעמען א צווייטן אויך זייער גרויס. אין הימל איז מען זייער מקפיד אויף איינעם וואס פארשעמט א צווייטן, און מען באקומט פאר דעם גאר א הארבן עונש. און דערפאר דארף מען זיין זייער געווארנט נישט

המשך בדף ד

# די וועלט איז ווי א רעדל

איך בעהט דיך זייער דו זאלסט נישט זיין צובראכן וואס דו ביסט יעצט ענג אין געלט, ווארום די חז"ל זאגן בפירוש (שמות רבה פרשה ל"א סימן י"ד) לא כל מי שהוא עשיר היום הוא עשיר למחר, ולא מי שהוא עני היום עני למחר, למה? שגלגל הוא בעולם (דברים טו) "כי בגלל הדבר הזה"; די וועלט איז אזוי ווי א ראד, אט איז מען אונטן ארעם, און אט איז מען אויבן רייך וכו' וכו', אזוי דרייט זיך מיטן מענטש, איבערדעם טאר מען נישט ווערן צובראכן פון קיין שום זאך, מען דארף זיך נאר שטארקן מיט אמונה פשוטה אין בורא כל עולמים, און וויסן דאס די פרנסה איז נאר ביי איהם אין די הענט, איבערדעם דארף מען בעטן יעדן טאג פונדאסניי אויף פרנסה, ווי די חז"ל זאגן (יומא ע"ו.) שאלו תלמידיו את רבי שמעון בן יוחי מפני מה לא ירד להם לישראל מן פעם אחת בשנה אמר להם אמשול לכם משל למה הדבר דומה למלך בשר ודם שיש לו בן אחד פסק לו מזונותיו פעם אחת בשנה ולא היה מקבל פני אביו אלא פעם אחת בשנה עמד ופסק מזונותיו בכל יום והיה מקבל פני אביו כל יום אף ישראל מי שיש לו ארבעה וחמשה בנים היה דואג ואומר שמא לא ירד מן למחר ונמצאו כולן מתים ברעב נמצאו כולן מכוונים את לבם לאביהן שבשמים; דער בורא כל עולמים וויל אז מען זאל יעדן טאג בעטן פון נייע אויף פרנסה, ווען א איד וואלט געוויסט וואסערע רושם ער מאכט אין אלע עולמות מיט זיין בעטן אויף פרנסה, וואלט ער יעדן טאג געבעטן אויף פרנסה.

אמאל איז געקומען א איד צום הייליגן רבי נתן זי"ע, און האט זיך באקלאגט, איך בעהט יעדן טאג אויף רוחניות און איך קום נישט אן אין ערגעץ, וואס ווערט מיט מיינע תפילות? האט איהם דער הייליגער רבי נתן זי"ע געענטפערט, דו בעהטסט אויף גשמיות, דאס פילסטו אז דו דארפסט דאס מיט אן אמת, און א תפלה וואס מען בעהט מיט אן אמת ווערט מען שנעלער געהאלפן, אזוי ווי עס שטייט (תהלים קמ"ה) "קרוב הוי"ה לכל קראיו לכל אשר יקראהו באמת" אז וואויל איז דעם איד וואס ער געוואוינט זיך צו, צו בעטן יעדן טאג דעם בורא כל עולמים א יעדע זאך וואס ער דארף האבן, אזא איד איז שטענדיג פריילעך, ווארום ער האט אויף וועמען זיך צו פארלאזן, און עס ווערט ביי איהם געשטארקט די אמונה, און אויב איינער האט אמונה האט ער שוין אלעס, אזוי ווי עס שטייט (משלי כ"ח) "איש אמונות רב ברכות".

שטארק זיך און פארליר זיך נישט, וועסטו געהאלפן ווערן מיטן אלעם גוטן. דער עיקר געב אכטונג אויף דיין שלום בית, און זאלסט זייער מכבד זיין דיין ווייב ווי די חז"ל זאגן (בבא מציעא נט.) אוקירו לנשייכו כי היכי דתתעתרו; איר זאלט מכבד זיין דאס ווייב וועט עטץ זיין עשירים, ווי דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק א', סימן ס"ט) אז די גאנצע געלט קומט נאר אין זכות פון די ווייב, איבערדעם בעט איך דיך זייער זאלסט מכבד זיין דיין ווייב, און זאלסט מאכן שלום מיט איר, און זאלסט זיין פריילעך, וועסטו זיין א גרויסער עושר, און דו וועסט קענען טיילן אסאך צדקה.

(אשר בנחל אידיש חלק ה' מכתב תרנ"ו)

# שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

צוּ פַארְשֶׁעמֶען אַ צְוֵויטְן.

אַוַודַאי אִיז עֶס בִּכְלַל נִישְׁט גְרִינְג, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעגְט זִיךְ אוֹיף, עֶר גֵייט אַרַיין אִין אַ גְרוֹיסֶע כַּעַס, דַאן אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ אַיינְצוּהַאלְטְן, אוּן מֶען הֵייבְּט אָן צוּ שְׁרַייעֶן אוּן צוּ פַארְשֶׁעמֶען אַ צְוֵויטְן. אָבֶּער פוּן דֶעסְט וֶועגְן דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן אַז דָאס אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע זַאךְ, אוּן מֶען קֶען לַיידְן פַאר דֶעם זֵייעֶר אַסַאךְ. עֶס לוֹינְט זִיךְ אַיינְצוּהַאלְטְן דִי כַּעַס אוּן נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען יֶענֶעם, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען נִישְׁט בַּאקוּמֶען דִי הַארְבֶּע שְׁטְרָאף וָואס קוּמְט זִיךְ פַאר דֶעם.

וּבִפְרַט וֶוען יֶענֶער אִיז אַן אָרִימַאן, זָאגְט דֶער פָּסוּק, כִּי יַעֲמֹד לִימִין אֶבְיוֹן לְהוֹשִׁיעַ מִשּׁוֹפְטֵי נַפְשׁוֹ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט אוֹיף דִי רֶעכְטֶע זַייט פוּנֶעם אָרִימַאן אִים צוּ בַּאשִׁיצְן, אוּן וֶוען מֶען פַארְשֶׁעמְט אִים נֶעמְט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָן פַארְן אָרִימַאן.

וֶוען אֵיינֶער נֶעמְט צוּזַאם צְדָקָה, דַארְף מֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט יֶענֶעם צוּ פַארְשֶׁעמֶען חַ"ו, מֶען גֶעבְּט אִים וִויפִיל מֶען קֶען, אוּן מֶען בֶּעט אִים אִיבֶּער אַז מֶען קֶען נִישְׁט גֶעבְּן מֶער, אוּן אַלֶעס מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוּן מִיט וַוארִימְקַייט, וַוייל מֶען קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וִויסְן יֶענֶעמְ'ס צוּבְּרָאכְן הַארְץ, אוּן וֶוען מֶען פַארְשֶׁעמְט חַ"ו אַ צוּבְּרָאכֶענֶער אִיד, קוּמְט אוֹיף דֶעם אַ הַארְבְּן עוֹנֶשׁ.

אוּן פַארְקֶערְט וֶוער עֶס זוּכְט נָאר צוּ פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַ צְוֵויטְן, צוּ מַאכְן יֶענֶעם גוּט פִיהלְן, אַזַא אֵיינֶער אִיז אַ בֶּן עוֹלָם הַבָּא, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים בַּאצָאלְן מִיט אַלֶעס גוּטְס אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ חֵלֶק ה' עֶרֶךְ בִּזְיוֹנוֹת)

## עֶס מַאכְט רַייךְ

כַּף אַחַת עֲשָׂרָה זָהָב מְלֵאָה קְטֹרֶת. טַייטְשְׁן צַדִיקִים, כַּף אַחַת - אַז מֶען גֶעבְּט זִיךְ אֵיין בֵּייג אַרָאפּ, עֲשָׂרָה זָהָב - דָאס אִיז וֶוערְט צֶעהן גִילְדְן, מְלֵאָה קְטֹרֶת - אוּן פוּן דֶעם וֶוערְט מֶען רַייךְ, אַזוֹי וִוי דִי קְטוֹרֶת וָואס הָאט גֶעמַאכְט רַייךְ.

דָאס מֵיינְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לַיידְט בִּזְיוֹנוֹת אוּן עֶר עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט צוּרִיק, נָאר עֶר בֵּייגְט זִיךְ אַרָאפּ דֶעם קָאפּ אוּן עֶר אִיז עֶס מְקַבֵּל בְּאַהֲבָה, דַאן וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן רַייךְ.

(שׁוּ"ת בְּרֶסְלַב מִכְתָּב ג"א ש"ל)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## דער נייער ספר "דער קוואל פון תורה" ארויס פון דרוק

גרויס פרייד הערשט ביי אנשי שלומינו איבער דעם נייעם ספר וואס איז יעצט ארויס פון דרוק מיטן נאמען "דער קוואל פון תורה".




כשמו כן הוא, שיינע תורות מסודר אויף די פרשיות השבוע פון מוהרא"ש שליט"א געבויעט אויף די הייליגע לימודים וואס דער רבי לערנט אונז.

די תורות זענען צוזאמגענומען פונעם גליון היכל הקודש פון די לעצטיגע יארן, און מסודר אויף א שיינעם אופן אז עס זאל זיין געשמאק צו לערנען יעדע וואך, און קענען נאכזאגן שבת ביים טיש, און מיט דעם אריינברענגען די אלע געוואלדיגע דיבורים פון רבי'ן ביי זיך אינדערהיים אין די גאנצע משפחה.

דער ספר איז גאר שנעל געווארן שטארק אויפגעכאפט ביי אנשי שלומינו, וואס זאגן אז דאס האט געטוישט זייערע שבתים, און אריינגעברענגט א חיות ביי זיי אינדערהיים.

מען קען באקומען דעם ספר אין ישיבה אויף 27 Skillman St. אין וויליאמסבורג.

אויך איז יעצט דא צו באקומען בהיכל הישיבה אלע פריערדיגע גליונות שיין מסודר און צוזאמגעבינדן.

**על ידי הפצת ספרי רבינו, נביא את משיח צדקינו!**

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **יואל מענדלאוויטש** הי"ו

**צו די שמחת פדיון הבן**

**פון זיין אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון זיינע קינדער, אמן.

## ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע ספרי ברסלב

**27 Skillman St.**

**אדער רופט 347-977-7994**

## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!

**וועכענטליכע גליונות * קונטרסים * ספרים**

שנעל גוט און ביליג!

**רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554**

**5554printing@gmail.com**




**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א


**זמנים**

הדלקת הנרות.................4:30
סוף זמן קר"ש..................9:05
מוצש"ק..............................6:02

**שיעורים כסדרן**

בבלי...........................יומא ס"ד
ירושלמי.....................סנהדרין כ"ד
תוספתא............שבועות פרק ד'


פרשת בשלח, שבת שירה, י' שבט, שנת תשע"ד לפ"ק — שנה 3, גליון 18 (118)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיְהִי בְּשַׁלַּח פַּרְעֹה אֶת הָעָם וְלֹא נָחָם אֱלֹקִים דֶּרֶךְ אֶרֶץ פְּלִשְׁתִּים כִּי קָרוֹב הוּא כִּי אָמַר אֱלֹקִים פֶּן יִנָּחֵם הָעָם בִּרְאֹתָם מִלְחָמָה וְשָׁבוּ מִצְרָיְמָה**, וֶוען פַּרְעֹה הָאט אַרויסְגֶעשִׁיקְט דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי נִישְׁט גֶעפִירְט דוּרְכְן לַאנְד פְּלִשְׁתִּים, וַוייל עֶס אִיז נָאנְט צוּ מִצְרַיִם, אוּן אֶפְשָׁר וֶוען דִי אִידְן וֶועלְן זֶעהן אַ מִלְחָמָה וֶועלְן זֵיי צוּרִיקְגֵיין אוֹיף מִצְרַיִם.

לִכְאוֹרָה אִיז דָאס זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, נָאכְדֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעלִיטְן אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע צָרוֹת אִין מִצְרַיִם, זֵיי הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער, פַּרְעֹה הָאט גֶע'שָׁחְטְ'ן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן זִיךְ גֶעבָּאדְן אִין זֵייעֶר בְּלוּט, מֶען הָאט זֵיי דֶערְבִּיטֶערְט דָאס לֶעבְּן, אוּן נָאכְדֶעם וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי אַרויסְגֶענוּמֶען מִיט אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע נִסִּים פוּן מִצְרַיִם, זָאלְן דִי אִידְן נָאךְ וֶועלְן דָארְט צוּרִיק גֵיין?

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (עֲבוֹדָה זָרָה יט.) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים א, א) **וּבְמוֹשַׁב לֵצִים לֹא יָשָׁב**, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעזִיצְן צְווִישְׁן דִי לֵצִים, וָואס דָאס זֶענֶען דִי פְּלִשְׁתִּים, וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע לֵצִים.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעפִירְט דוּרְךְ פְּלִשְׁתִּים, וַוייל זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע לֵצִים, אוּן דֶער כֹּחַ פוּן לֵיצָנוּת אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז אֲפִילוּ נָאכְדֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזֶעהן דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע נִסִּים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיט זֵיי גֶעטוּהן, אוֹיבּ אָבֶּער זֵיי וָואלְטְן דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען דִי פְּלִשְׁתִּים דִי לֵצִים, וָואלְטְן זֵיי מִיט לֵיצָנוּת גֶעקֶענְט אַלֶעס אַוֶועקְמַאכְן אוּן דִי אִידְן וָואלְטְן צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען אוֹיף מִצְרַיִם.

דֶערְפַאר דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ זֵייעֶר הִיטְן פוּן לֵצִים, מֶען טָאר נִישְׁט שְׁטֵיין נֶעבְּן אַ לֵץ, וַוייל וִויפִיל דוּ וֶועסְט נָאר הֶערְן גְרוֹיסֶע זַאכְן פוּן אַ צַדִּיק, קֶען עֶס דֶער לֵץ אִינְגַאנְצְן אַוֶועקְמַאכְן, בִּיז דוּ וֶועסְט אִינְגַאנְצְן אָפְּלָאזְן דֶעם צַדִּיק, וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הִיט זִיךְ פוּן לֵצִים וִוי פוּן פֵייעֶר.

(זֹאת הַתּוֹרָה בְּשַׁלַּח א)

***

**וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל הָעָם אַל תִּירָאוּ הִתְיַצְּבוּ וּרְאוּ אֶת יְשׁוּעַת ה' אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה לָכֶם "הַיּוֹם"**, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן: "שְׁטֵייט'ס אוּן זֶעהט'ס דִי יְשׁוּעָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט טוּהן מִיט עֶנְק "הַיינְט".

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן


המשך בדף ב


## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט ~

חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט אִיז דִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַאר דִי בֵּיימֶער. דֶער פָּסוּק זָאגְט כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה - אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי וִוי אַ בּוֹים, זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אַסַאךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן אַ בּוֹים וִוי אַזוֹי אָנְצוּגֵיין אִין זַיין לֶעבְּן.

### זִיךְ דֶערְהַאלְטְן

אוֹיף אַ בּוֹים גֵייט דוּרְךְ זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע צַייטְן, עֶס וֶוערְט וִוינְטֶער, עֶס קוּמֶען שְׁוֶוערֶע וִוינְטְן, הָאגְל, שְׁנֵיי, אַלֶע בְּלֶעטֶער פַאלְן אַרָאפּ, דֶער בּוֹים וֵוייסְט נִישְׁט אוֹיבּ עֶר וֶועט עֶס דוּרְךְ מַאכְן. אָבֶּער אוֹיבּ עֶר הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק, עֶר וֵוייסְט אַז בַּאלְד וֶועט קוּמֶען זוּמֶער אוּן דִי זוּן וֶועט אוֹיפְשַׁיינֶען אוּן עֶר וֶועט צוּרִיק אוֹיפְלֶעבְּן, מַאכְט עֶר עֶס דוּרְךְ אוּן עֶס בְּלַייבְּט שְׁטֵיין אַ הֶערְלִיכֶע בּוֹים.

אוּן אֲפִילוּ זוּמֶער קוּמֶען אוֹיךְ דִי הִיצְן וָואס טְרִיקֶענֶען אוֹיס דֶעם בּוֹים, אוּן עֶס זֶעהט אוֹיס וִוי עֶר וֶועט וֶוערְן אִינְגַאנְצְן פַארְטְרִיקְנְט, אָבֶּער אוֹיבּ דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ, בְּלַייבְּט עֶר שְׁטֵיין, אוּן עֶס בְּלַייבְּט אַ הֶערְלִיכֶע בּוֹים.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט אַ מֶענְטְשׁ, עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ אַסַאךְ שְׁוֶוערִיקַייטְן, אַסַאךְ מָאל זֶעהט אִים אוֹיס וִוי עֶר הַאלְט עֶס שׁוֹין מֶער נִישְׁט אוֹיס, עֶר קֶען עֶס מֶער נִישְׁט דוּרְךְ טְרָאגְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס הֵייבְּט שׁוֹין אָן צוּ גֵיין אַבִּיסְל בֶּעסֶער, קוּמֶען פְּרִישֶׁע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן עֶר וִויל שׁוֹין אוֹיפְגֶעבְּן. אוֹיבּ אָבֶּער עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן, עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, וֶועט אִים צוּם סוֹף גוּט זַיין.

וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן פוּן קַיין


המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

ער"ב) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים צה, ז) "**הַיּוֹם" אִם בְּקֹלוֹ תִשְׁמָעוּ**, אַז אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג נָאר קוּקְן אוֹיפְ'ן הַיינְטִיגְן טָאג, נִישְׁט קוּקְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן, און נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס עֶס וֶועט זַיין מָארְגְן, און אוֹיף אַזַא וֶועג אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ.

דָאס הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעזָאגְט: "**אַל תִּירָאוּ הִתְיַצְּבוּ וּרְאוּ אֶת יְשׁוּעַת ה'**", אוֹיבּ ווִילְט אִיר זֶעהְן דִי יְשׁוּעָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה לָכֶם "הַיּוֹם"**, זָאלְט אִיר קוּקְן נָאר אוֹיפְ'ן **"הַיינְטִיגְן טָאג"**, דַאן וֶועט עֶטְ'ץ אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע צָרוֹת.

דֶערְפַאר דַארְף אַ אִיד ווִיסְן אַז עֶר הָאט נָאר דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, הַיינְט בִּין אִיךְ גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, און אִיךְ טְרַאכְט נִישְׁט אִיבֶּער וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן. און אִיךְ הָאבּ נָאר דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, אִיךְ טְרַאכְט נִישְׁט וָואס עֶס וֶועט זַיין מָארְגְן, אוֹיף אֵיין טָאג קֶען מֶען אַלֶעם פַארְנֶעמֶען, און אוֹיף אַזַא וֶועג וֶועט מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

(זֹאת הַתּוֹרָה בְּשַׁלַּח ב)

***

**וַיָּבֹאוּ מָרָתָה וְלֹא יָכְלוּ לִשְׁתֹּת מַיִם מִמָּרָה כִּי מָרִים הֵם**, דִי אִידְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ דִי שְׁטָאט מָרָה און זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרִינְקְן דִי וַואסֶער, וַוייל עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיטֶער, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעווִיזְן פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אַ הָאלְץ, עֶר זָאל עֶס אַרַיינְוַוארְפְן אִין וַואסֶער, און עֶס אִיז זִיס גֶעוָוארְן.

מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק, לוֹיט ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד') אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט עֲבֵירוֹת, וֶוערְט דָאס אַרַיין גֶעקְרִיצְט אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְחֶזְקֵאל לב, כז) **וַתְּהִי עֲוֹנוֹתָם [חֲקוּקָה] עַל עַצְמוֹתָם.** און דָאס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַ בִּיטֶערְנִיש, עֶר וֶוערְט אַ טְרוֹיעֶרִיגֶער מֶענְטְשׁ, און דִי עֵצָה דֶערְצוּ אִיז, עֶר זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן פַאר אַ צַדִיק, און דַאן גֵייט אַרוֹיס דִי עֲבֵירוֹת פוּן זַיינֶע בֵּיינֶער, און עֶר וֶוערְט אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וְלֹא יָכְלוּ לִשְׁתֹּת מַיִם מִמָּרָה כִּי מָרִים "הֵם"**, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרִינְקְן דִי וַואסֶער וַוייל "זֵיי" זֶענֶען גֶעוֶוען בִּיטֶער, וָואס דָאס קוּמְט פוּן עֲבֵירוֹת, **וַיּוֹרֵהוּ ה' עֵץ וַיַּשְׁלֵךְ אֶל הַמַּיִם**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעווִיזְן דֶעם **"עֵץ"** וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן צַדִיק (עי' תִּיקּוּנֵי זֹהַר כא.), מֶען זָאל גֵיין צוּם צַדִיק, און דַאן, **וַיִּמְתְּקוּ הַמָּיִם**, וֶועט אַלֶעם וֶוערְן זִיס, עֶס וֶועט אַוֶועקְגֵיין דִי גַאנְצֶע בִּיטֶערְנִישׁ.

(זֹאת הַתּוֹרָה בְּשַׁלַּח ד)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

שׁוּם זַאךְ וֶועט אִים צוּם סוֹף זַיין גוּט.

## זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן פוּן גָארְנִישְׁט

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ זֶעהְט מֶען בַּיי דִי בֵּיימֶער, מֶענְטְשְׁן שְׁפַּייעֶן אוֹיף זֵיי, שְׁטוּפְּסְן אוֹיף זֵיי, מֶען וַוארְפְט אוֹיף זֵיי שְׁמוּץ, מֶען גִיסְט זֵיי אָן מִיט וַואסֶער, אָבֶּער דֶער בּוֹים דֶערְשְׁרֶעקְט זִיךְ נִישְׁט, עֶר גֵייט וַוייטֶער אָן, און אַנְשְׁטָאט צוּרִיק טוּהְן שְׁלֶעכְטְס, טוּט עֶר נָאךְ צוּרִיק גוּטְס, עֶר גֶעבְּט אַרוֹיס פֵיינֶע גֶעשְׁמַאקֶע זִיסֶע פְּרוּכְט מִיט וָואס יֶעדֶער אִיז זִיךְ מְחַיֶּה.

און דָאס דַארְף אַ מֶענְטְשׁ נָאכְמַאכְן, אַז אֲפִילוּ וֶוען מֶען פַארְשֶׁעמְט אִים, מֶען מַאכְט אִים צָרוֹת, מֶען דֶערְנִידֶערְט אִים, זָאל עֶר זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן נָאר וַוייטֶער טוּהְן טוֹבוֹת און גוּטְס מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.

מֶען זֶעהְט אַז אַלֶע צַדִיקִים הָאבְּן גֶעהַאט דֶעם נִסָיוֹן, מֶען הָאט זֵיי פַארְשֶׁעמְט און אַרָאפּ גֶעקוּקְט, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן נָאר זֵיי הָאבְּן וַוייטֶער צוּרִיק גֶעגֶעבְּן נָאר גוּטְס, און זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט סְפָרִים מִיט וָואס דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז זִיךְ מְחַיֶּה.

## זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן גְרוֹיס

נָאךְ אַ זַאךְ זֶעהְט מֶען בַּיי דִי בֵּיימֶער, אַז דִי וָוארְצְלֶען פוּנֶעם בּוֹים גֵייעֶן אַרַיין טִיף אִין דֶער עֶרְד, און ווִי טִיפֶער זֵיי זֶענֶען אִין דֶער עֶרְד, אַלְץ שְׁטֶערְקֶער און בֶּעסֶער הַאלְט זִיךְ דֶער בּוֹים, און פַארְקֶערְט אוֹיבּ דִי וָוארְצְלֶען זֶענֶען נָאר פוּן אוֹיבְן אוֹיף, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג טִיף אִין דֶער עֶרְד, דַאן אִיז דֶער בּוֹים זֵייעֶר שְׁוַואךְ, און וֶוען עֶס קוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע ווִינְט וֶועט עֶס אַוֶועק בְּלָאזְן דֶעם בּוֹים, און עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן פוּן אִים.

פוּן דֶעם קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אָפְּלֶערְנֶען, אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ הַאלְטְן גְרוֹיס, עֶר וֶועט וַוייזְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם ווִי גוּט און גֶעלוּנְגֶען עֶר אִיז, און עֶר וֶועט אַרָאפּ קוּקְן אַ צְוֵוייטְן, דַאן וֶועט עֶר צוּם סוֹף פַאלְן, וַוייל יֶעדֶער וֶועט אִים פַיינְט הָאבְּן, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט לִיבּ אֵיינֶעם וָואס הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס און קוּקְט אַרָאפּ אוֹיף יֶעדְן. אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ וָואס בַּאהַאלְט זַיינֶע גוּטֶע מַעֲלוֹת, עֶר אִיז צוּגֶעלָאזְן צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶר קוּקְט אַרוֹיף אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזַא מֶענְטְשׁ הָאט יֶעדֶער לִיבּ, און עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען הַאלְטְן און שֵׁיין מַצְלִיחַ זַיין.

## נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַ טֶבַע אִין אַ בּוֹים אַז יֶעדֶע בּוֹים צִיהְט זִיךְ אַלֵיין זַיין לֶעבְּן פוּן דֶער עֶרְד און קַיין אֵיין בּוֹים צִיהְט נִישְׁט פוּן אַ צְוֵוייטְן בּוֹים, פוּן יֶעדֶע בּוֹים וַואקְסְט אַרוֹיס אַנְדֶערֶע מִינֵי פְּרוּכְט און אַזוֹי וַוייטֶער, קַיין אֵיין בּוֹים מִישְׁט זִיךְ נִישְׁט אַרַיין אִין אַ צְוֵוייטְן.

פוּן דֶעם קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אָפְּלֶערְנֶען, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן אִין אַ צְוֵוייטְן, נָאר עֶר זָאל צִיעֶן זַיין לֶעבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין. וָואס עֶר דַארְף זָאל עֶר נָאר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן.

וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, סַיי אוֹיבּ יֶענֶער אִיז בֶּעסֶער פוּן אִים, סַיי אוֹיבּ יֶענֶער אִיז עֶרְגֶער פוּן אִים, וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין גוּט.

וֶוען עֶר וֶועט קוּקְן אוֹיף אֵיינֶעם וָואס אִיז בֶּעסֶער פוּן אִים, מֶער גֶעלוּנְגֶען פוּן אִים, וֶועט עֶר טְרַאכְטְן אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְט, וַוייל עֶר זֶעט דָאךְ אַז יֶענֶער קֶען בֶּעסֶער. אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען עֶפֶּעס אוֹיפְטוּהְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, און אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ צוּבְּרֶעכְן מִיטְן טְרַאכְטְן אַז יֶענֶער אִיז בֶּעסֶער, וֶועט עֶר נִישְׁט טוּהְן אֲפִילוּ וָואס עֶר קֶען יָא טוּהְן.

און אוֹיבּ עֶר וֶועט טְרַאכְטְן אַז עֶר אִיז בֶּעסֶער פוּן יֶענֶעם, וֶועט אוֹיךְ נִישְׁט זַיין גוּט, וַוייל עֶר וֶועט אֵייבִּיג טְרַאכְטְן אַז מֶען דַארְף אִים גֶעבְּן מֶער כָּבוֹד פוּן יֶענֶעם, וַוייל עֶר אִיז מֶער חָשׁוּב פוּן יֶענֶעם, און מֶען דַארְף מַאכְן מֶער אַ עֵסֶק פוּן אִים, און אוֹיבּ מֶען וֶועט אִים עֶס נִישְׁט גֶעבְּן, וֶועט עֶר וֶוערְן אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן און טְרוֹיעֶרִיג.

וֶועגְן דֶעם אִיז דִי עֵצָה, נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, און עֶס זָאל אִים נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס אַ צְוֵוייטֶער טוּט, און אַזוֹי וֶועט עֶר נִישְׁט זַיין צוּבְּרָאכְן און עֶר וֶועט אוֹיפְטוּהְן אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס עֶר קֶען יָא.

וואוֹיל אִיז פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֶעדֶענְקְט אַז עֶר אִיז אַזוֹי ווִי דֶער בּוֹים, און עֶר מַאכְט נָאךְ דִי אַלֶע זַאכְן פוּנֶעם בּוֹים וָואס מִיר הָאבְּן אוֹיסְגֶערֶעכְנְט, וֶועט עֶר זִיכֶער אוֹיסְוַואקְסְן ווִי אַ שְׁטַארְקֶע שֵׁיינֶע בּוֹים, און אַרוֹיס גֶעבְּן גוּטֶע זִיסֶע פְּרוּכְט פוּן וָואס יֶעדֶער וֶועט הֲנָאָה הָאבְּן, וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט און וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(קוּנְטְרֵס ט"ו בִּשְׁבָט)

# וָואס טוט מֶען חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט?

## זִיךְ בַּאנַייעֶן

חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַּאר דִי בֵּיימֶער, דֶעמָאלְט גֵייט אַרַיין אַ פַייכְטְקַייט אִין בֵּיימֶער אוּן זֵיי הֵייבְּן אָן פוּן פְרִישׁ אוֹיפְצוּלֶעבְּן (רַשִׁ"י רֹאשׁ הַשָּׁנָה יד:), אוּן אַזוֹי וִוי מֶענְטְשְׁן וֶוערְן אוֹיךְ אָנְגֶערוּפְן בֵּיימֶער, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה - אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי וִוי אַ בּוֹים, דֶערְפַאר קֶענֶען מִיר אוֹיךְ אוֹיסְנִיצְן דֶעם טָאג זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן פוּן פְרִישׁ, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, נָאר אָנְהֵייבְּן פוּן יֶעצְט צוּ זַיין עֶרְלִיךְ אוּן וואוֹיל.

## פּוֹעֶלְ'ט אַלֶעס גוּטְס

דֶער בְּנֵי יִשָּׂשכָר בְּרֶענְגְט (חָדְשֵׁי תַּמּוּז וְאָב מַאֲמַר ד') אַז לוֹיט דִי שִׁיטָה פוּן ר' יְהוֹשֻׁעַ אַז דִי וֶועלְט אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אִין נִיסָן, קוּמְט אוֹיס אַז חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט אִיז פֶערְצִיג טֶעג פַאר דִי וֶועלְט אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן. דִי גְמָרָא זָאגְט (סוֹטָה ב.) אַז פֶערְצִיג טֶעג פַאר אַ קִינְד וֶוערְט גֶעבּוֹירְן רוּפְט מֶען שׁוֹין אוֹיס אִין הִימְל בַּת פְּלוֹנִי לִפְלוֹנִי, דֶערְפַאר אִיז דֶער טָאג טַאקֶע מְסוּגָל זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן אוּן גֶעבּוֹירְן וֶוערְן פוּן פְרִישׁ, אוּן אוֹיךְ קֶען מֶען אוֹיס'פּוֹעֶלְ'ן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶעם טָאג צוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ אוּן מִיט גוּטֶע קִינְדֶער זֶרַע שֶׁל קַיָּמָא אוּן מִיט פַּרְנָסָה בְּהַרְחָבָה.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס נִיצְט אוֹיס דֶעם טָאג מִיט אַסַאךְ תְּפִלּוֹת, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע הַשְׁפָּעוֹת טוֹבוֹת.

## אַ שֵׁיינֶע אֶתְרוֹג

נָאךְ בְּרֶענְגְט דֶער בְּנֵי יִשָּׂשכָר (חֹדֶשׁ שְׁבָט מַאֲמַר ב') אַז חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט אִיז דִי צַייט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע אֶתְרוֹג אוֹיף סוּכּוֹת, וַוייל דֶעמָאלְט הֵייבְּן אָן דִי בֵּיימֶער צוּ בַּאקוּמֶען פַייכְטְקַייט צוּ וואקְסְן, אוּן אוֹיךְ דֶער אֶתְרוֹג בּוֹים הֵייבְּט אָן צוּ וַואקְסְן, אוּן דֶערְפַאר אִיז יֶעצְט דִי צַייט צוּ בֶּעטְן אוֹיף אַ שֵׁיינֶע אֶתְרוֹג.

אוּן דָאס זֶענֶען דִי חֲזַ"ל מְרַמֵּז (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ב.) בְּאֶחָד בִּשְׁבָט רֹאשׁ הַשָּׁנָה "לְאִילָן", בֵּית הִלֵּל אוֹמְרִים בַּחֲמִשָּׁה עָשָׂר בּוֹ. עֶס שְׁטֵייט "לְאִילָן" אַ לָשׁוֹן יָחִיד, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דֶעם בַּאקַאנְטְן אֶתְרוֹג בּוֹים פוּן וָואס מֶען נֶעמְט אַן אֶתְרוֹג צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה אִין יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, אוֹיף דֶעם אֶתְרוֹג אִיז יֶעצְט דִי רִיכְטִיגֶע צַייט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אָבֶער בֶּאֱמֶת זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן פ"ז) אַז לוֹיט וִוי אַזוֹי דִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם כִּיפּוּר זֶעהְן אוֹיס, לוֹיט דֶעם בַּאקוּמְט מֶען אַ שֵׁיינֶע אֶתְרוֹג אוֹיף סוּכּוֹת, קוּמְט אוֹיס אַז יֶעצְט חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט דַארְף מֶען שׁוֹין אוֹיךְ בֶּעטְן אַז מֶען זָאל הָאבְּן אַ גוּטֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה. מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס צִיּוּן אִין אוּמַן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הֶערְן שׁוֹפָר בְּלָאזְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה פוּן אַן עֶרְלִיכְן בַּעַל תּוֹקֵעַ, אוּן מֶען זָאל הָאבְּן אַ גוּטֶע יוֹם כִּיפּוּר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען שׁוֹין מִמֵּילָא הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע אֶתְרוֹג אוֹיף סוּכּוֹת.

## מֶעהל פַאר מַצּוֹת אוֹיף פֶּסַח

חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט אִיז בִּכְלַל מְסוּגָל צוּ בֶּעטְן אוֹיף אַלֶע זַאכְן וָואס וַואקְסְן, אָבֶער סְפֶּעצִיעֶל צוּ בֶּעטְן אוֹיף זַאכְן וָואס מֶען נִיצְט פַאר אַ מִצְוָה.

דֶערְפַאר וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִיקִים, אַז יֶעצְט אִיז אוֹיךְ דִי רִיכְטִיגֶע צַייט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ הָאבְּן גוּטֶע מַצּוֹת אוֹיף פֶּסַח, וָואס מֶען מַאכְט פוּן וֵוייץ וָואס וַואקְסְט, אוּן דִי תְּפִלּוֹת וָואס מֶען בֶּעהְט דֶעם טָאג, וֶוערְט זִיכֶער אָנְגֶענוּמֶען בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן לְרַחֲמִים וּלְרָצוֹן צוּ פּוֹעֶלְ'ן אַלֶעס גוּטְס.

## יוֹם הוּלֶדֶת פוּן רֶבִּי נָתָן זי"ע

אוֹיךְ דַארְף מֶען וִויסְן אַז חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט אִיז דֶער טָאג וָואס רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף רֶבִּי נָתָן: "וֶוען נִישְׁט אִים, וָואלְט נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן פוּן מִיר קַיין בְּלֶעטְל שֵׁמוֹת", דָאס מֵיינְט אַז אַלֶעס וָואס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן אִיז נָאר אִין זְכוּת פוּן רֶבִּי נָתָן, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אִין דֶעם טָאג, אוּן מַמְשִׁיךְ זַיין דִי גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת אוּן סְגוּלוֹת וָואס לִיגְן אִין דֶעם טָאג.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ רְמָזֵי ט"ו בִּשְׁבָט)

# אַ זִיסְקֵייט בַּיים דַאוֶוענֶען

אִיךְ בֶּעהְט דִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף דַיין נְשָׁמָה, אוּן דוּ זָאלְסְט זֶעהְן צוּ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן דֶעם גַאנְצְן דַאוֶוענֶען, הֵן שַׁחֲרִית, הֵן מִנְחָה, הֵן מַעֲרִיב, וָוארוּם דֶער זְכוּת פוּן דֶעם אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר גְרוֹיס, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ח') דָאס דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת זֶענֶען מַמְשִׁיךְ דְרֵיי מוֹחִין פַארְן מֶענְטְשׁ נִיצוֹל צוּ וֶוערְן פוּן תַּאֲווֹת נִיאוּף.

אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן שַׂר שָׁלוֹם פוּן בֶּעלְזָא זי"ע, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקַשֵּׁר דִי מַחְשָׁבָה צוּם דִיבּוּר, אוּן עֶר הָאט אִינְזִינֶען וָואס עֶר זָאגְט בַּיים דַאוֶוענֶען פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְן סוֹף, קֶען עֶר דוּרְכְדֶעם זוֹכֶה זַיין צוּ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ט' וְסִימָן קי"ב) דָאס דִי וֶוערְטֶער פוּן דַאוֶוענֶען דְהַיְינוּ "תֵּיבַת הַתְּפִלָּה" דָאס אִיז "תֵּיבַת נֹחַ", וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אַ מַבּוּל וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן מ"ד) וָואס דָאס אִיז לָשׁוֹן בִּלְבּוּל, דָאס הֵייסְט עֶר הָאט בִּלְבּוּלֵי מַחְשָׁבוֹת, עֶס קוּמֶען אִים אַרוֹיף אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, אִיז דִי עֵצָה זִיךְ צוּ פַארְשְׁטֶעקְן אִין דִי "תֵּיבָה" וָואס דָאס אִיז "תֵּיבַת הַתְּפִלָּה".

אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ') דָאס וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ תִּיקוּן הַבְּרִית, שְׁפִּירְט עֶר אַלֶע טַעֲמִים בַּיים דַאוֶוענֶען, בְּחִינַת מַיִין מְתוּקִין, עֶר שְׁפִּירְט אַ זִיסְקֵייט בַּיים דַאוֶוענֶען, עֶס גְלִיסְט זִיךְ אִים צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דַאוֶוענֶען, אוּן חָלִילָה וְחַס אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בַּבְּרִית, דֶעמָאלְט שְׁפִּירְט עֶר אַ בִּיטֶערְנִישׁ בַּיים דַאוֶוענֶען, בְּחִינַת מַיִין מְרוּרִין, אוּן עֶס וִויל זִיךְ נִישְׁט דַאוֶוענֶען.

אִיבֶּערְדֶעם זֶעה צוּ דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת מִיט מִנְיָן, אִין אַ סִידוּר דַיְיקָא, וִוי דִי צַדִיקִים טַייטְשְׁן דִי פָּסוּק (אֶסְתֵּר ט) "אָמַר עִם הַסֵּפֶר יָשׁוּב מַחֲשַׁבְתּוֹ הָרָעָה" וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט אַרַיין אִין סִידוּר אוּן עֶר זֶעהְט דִי וֶוערְטֶער פוּן דַאוֶוענֶען טְרַאכְט עֶר נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, דֶערְפַאר אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ דַאוֶוענֶען אִין סִידוּר דַיְיקָא אוּן נִישְׁט דַאוֶוענֶען פוּן אוֹיסֶענְוֶוייְנִיג. אוּן אוֹיךְ דַארְפְסְטוּ וִויסְן דָאס תְּפִלָּה בְּכֹחַ מֵיינְט מְקַשֵּׁר זַיין דִי מַחְשָׁבָה צוּם דִיבּוּר, וָואס אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת, גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאוֶוענְט אוּן זָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן דַאוֶוענֶען טְרַאכְט דִי מַחְשָׁבָה דֶעמָאלְט אַנְדֶערֶע גֶעדַאנְקֶען וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען אַרַיינְלֵייגְן גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת מְקַשֵּׁר זַיין דִי מַחְשָׁבָה צוּ דֶעם וָואס עֶר רֶעדְט עֶר זָאל צוּהֶערְן צוּ דָאס וָואס עֶר רֶעדְט, אוּן צוּ דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת, וָוארוּם דִי מַחְשָׁבָה שְׁלֶעפְּט צוּ אֵיין זַאךְ וְכוּ' אוּן דֶער דִיבּוּר זָאגְט אָן טְרַאכְטְן וְכוּ', שְׁלֵימוּת הַתְּפִלָּה אִיז אִינְזִינֶען צוּ הָאבְּן וָואס מֶען זָאגְט, אוּן מְקַשֵּׁר זַיין דִי מַחְשָׁבָה צוּ דֶעם דִיבּוּר.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיךְ פָאלְגְן, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

(אַשֶׁר בַּנַּחַל אִידִישׁ חֵלֶק ה' מִכְתָּב תר"מ)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

## אסיפת הורים פארגעקומען די וואך אין סקול "בית פיגא"

די וואך איז פארגעקומען די אסיפת הורים אין סקול, ווי עס זענען זיך צוזאם געקומען די עלטערן פון די תלמידות, איבערצושמועסן מיט די מחנכות. ווען די עלטערן ארבעטן אינאיינעם מיט די מחנכים איז דאס די גרעסטע טובה פאר די קינדער.

די חשובע מנהלת מרת לעסער תחי׳ האט גערעדט פאר די עלטערן, זי האט ארויסגעברענגט די יסודות פון אונזער סקול, וואס רופט זיך "בית פיגא" אויפ׳ן נאמען פונעם רבי׳נס מאמע פיגא, ווי באקאנט האט דער רבי געוואלט אז מען זאל אים רופן אויף זיין מאמע׳ס נאמען רבינו נחמן בן פיגא, דאס איז געווען אלס הכרת הטוב, ווייל ווען דער רבי איז געווען א קליין קינד פלעגט אים זיין מאמע נעמען צום ציון פון איר זיידע דער הייליגער בעל שם טוב, און זי פלעגט דארט אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז דער קינד זאל אויסוואקסן אן ערליכער איד, און דער רבי האט געהאלטן אז דאס האט אים געהאלפן צוצוקומען צו וואס ער איז צוגעקומען.

און דאס דארף מיר זיך אפלערנען פון די צדיקת פיגא, אז מיר זאלן אסאך בעטן דעם אייבערשטן אויף די הצלחה פון די קינדער, אלעס ווענדט זיך אין תפלה, ווי מער די עלטערן בעטן דעם אייבערשטן אויף די הצלחה פון די קינדער, וועלן זיי מער מצליח זיין.

און דאס לייגט מען אריין אויך אין די טייערע קינדער אז זיי זאלן לעבן מיטן אייבערשטן און רעדן צום אייבערשטן, און דאס וועט זיי באגלייטן א גאנץ לעבן.

די עלטערן האבן זייער הנאה געהאט פון די אסיפה וואס איז געקרוינט געווארן מיט א זעלטענע סוקסעס, און מען זעהט אפען די סייעתא דשמיא ביי טריט און שריט, ווי די סקול האט זיך אזוי שיין אהער געשטעלט, צו די צופרידנהייט פון די עלטערן מיט די קינדער צוגלייך.

**חנוך לנער על פי דרכו!**

# מודעה חשובה

בעזרת ה׳ יתברך נתאסף כולנו לסעודת

## חמשה עשר בשבט

**יום ד׳ פרשת יתרו הבעל״ט**

בבית מדרשינו בבארא פארק

**1129 42nd street**

בשעה 8:00

## כ״ק מרן מוהרא״ש שליט״א

ישמיע דברות קודש דברי התחזקות והתעוררות בעניני דיומא

**שמעו ותחי נפשכם**

**נ.ב. דאנערשטאג וועט נישט זיין קיין שיעור.**

## אַ תְּפִלָּה אוֹיף אַ שֵׁיינֶע אֶתְרוֹג פוּן רֶבִּי נָתָן זצוק״ל צוּ זָאגְן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, זַכֵּנוּ לְאֶתְרוֹג נָאֶה בְּחַג הַסֻּכּוֹת הַקָּדוֹשׁ, שֶׁיִּהְיֶה לָנוּ אֶתְרוֹג נָאֶה וְכָשֵׁר בֶּאֱמֶת וּמְהֻדָּר בְּכָל מִינֵי הִדּוּר, וְלוּלָב וַהֲדַס וַעֲרָבָה כְּשֵׁרִים וְנָאִים וּמְהֻדָּרִים, וְנִזְכֶּה לְקַיֵּם מִצְוַת נְטִילַת אַרְבַּע מִינִים בִּזְמַנּוֹ בְּתַכְלִית הַשְּׁלֵמוּת בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה גְּדוֹלָה, בְּאַהֲבָה וּבְיִרְאָה בְּשִׂמְחָה וְחֶדְוָה רַבָּה וַעֲצוּמָה וְאֶזְכֶּה לוֹמַר הַלֵּל שָׁלֵם בְּכַוָּנָה גְּדוֹלָה בֶּאֱמֶת עִם כָּל הָאַרְבָּעָה מִינִים וְהוֹשַׁעְנוֹת, וּלְנַעְנֵעַ כָּל הַנִּעֲנוּעִים הַקְּדוֹשִׁים וּלְהַקִּיף הַהַקָּפוֹת הַנּוֹרָאוֹת, וְהַכֹּל בְּאַהֲבָה וּבְיִרְאָה וּבְשִׂמְחָה רַבָּה וַעֲצוּמָה, בְּכַוָּנַת הַלֵּב בֶּאֱמֶת וּבִדְבֵקוּת נִפְלָא וּבְהִתְלַהֲבוּת גָּדוֹל לְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל וְהַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא בֶּאֱמֶת וּבִתְמִים, כִּרְצוֹנְךָ וְכִרְצוֹן צַדִּיקֶיךָ הָאֲמִתִּיִּים, וְאֶזְכֶּה עַל יְדֵי הַנִּעֲנוּעִים לְהַמְשִׁיךְ הֶאָרָה מֵהַמֹּחִין שֶׁבָּרֹאשׁ לְתוֹךְ הַשִּׁשָּׁה קְצָווֹת, וּמִשָּׁם יִהְיוּ נִמְשָׁכִין הַמֹּחִין לִבְחִינַת מַלְכוּת, וְיִתְגַּלֶּה מַלְכוּתְךָ לְעֵין כֹּל, וְנִזְכֶּה לְהוֹדִיעַ לִבְנֵי הָאָדָם גְּבוּרוֹתֶךָ וּכְבוֹד הֲדַר מַלְכוּתֶךָ, וְיֵדַע כָּל פָּעוּל כִּי אַתָּה פְעַלְתּוֹ וְיָבִין כָּל יְצוּר כִּי אַתָּה יְצַרְתּוֹ וְכָל אֲשֶׁר נְשָׁמָה רוּחַ חַיִּים בְּאַפָּיו יִתְּנוּ כָבוֹד וְהָדָר לְמַלְכוּתֶךָ. יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ ה׳ צוּרִי וְגֹאֲלִי, אָמֵן.


## ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ׳ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע ספרי ברסלב

**27 Skillman St.**

**אדער רופט 347-977-7994**

## קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים פון כ״ק מוהרא״ש שליט״א**

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!

**וועכענטליכע גליונות * קונטרסים * ספרים**

שנעל גוט און ביליג!

**רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554**

**5554printing@gmail.com**





**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות.....................4:38
סוף זמן קר"ש.....................9:05
מוצש"ק.............................6:09

**שיעורים כסדרן**
בבלי.............................יומא ע"א
ירושלמי.....................סנהדרין ל"א
תוספתא.........עבודה זרה פרק ב'

פרשת יתרו, י"ז שבט, שנת תשע"ד לפ"ק
שנה 3, גליון 19 (119)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ**, זָאגְט רַשִׁ"י, **מַה שְּׁמוּעָה שָׁמַע וּבָא, קְרִיעַת יַם סוּף וּמִלְחֶמֶת עֲמָלֵק**. וָואס הָאט יִתְרוֹ גֶעהֶערְט אַז עֶס הָאט אִים גֶעמַאכְט קוּמֶען צוּ דִי אִידְן? קְרִיעַת יַם סוּף אוּן מִלְחֶמֶת עֲמָלֵק, דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס פּוּנְקְט דִי צְוֵויי זַאכְן הָאבְּן אִים גֶעמַאכְט קוּמֶען?

מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ט'), אוֹיפְן פָּסוּק **תְּפִלָּה לְקֵל חַיָּי**, אַז דֶער עִיקָר פוּן אַ מֶענְטְשׁ'ס לֶעבְּן אִיז נָאר תְּפִלָּה, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער אַסַאךְ צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אִיז נָאר עֶס צוּ דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִים בֶּעטְן צוּ הֶעלְפְן.

דִי גְמָרָא זָאגְט (פְּסָחִים קי"ח.) אַז צוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער וִוי קְרִיעַת יַם סוּף, אוּן אוֹיךְ (סוֹטָה ב.) צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער וִוי קְרִיעַת יַם סוּף. אוּן מֶען זֶעהט בְּחוּשׁ אַז דִי צְוֵויי זַאכְן צוּבְּרֶעכְן דִי מֶערְסְטֶע אַ מֶענְטְשׁ, פוּן אֵיין זַייט וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה אִיז מֶען זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן, אוּן מֶען הֵייבְּט אָן צוּ הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (שְׁמוֹת רַבָּה פל"א, סי"ב) אַז אָרִימְקַייט אִיז שְׁוֶוערֶער וִוי אַלֶע אַנְדֶערֶע יִסּוּרִים. אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט וֶוער עֶס הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן קַיין שִׁידוּךְ אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן, וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (יְבָמוֹת סב:) וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין וַוייבּ, קֶען נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ. אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה פַאר בֵּיידֶע זַאכְן, אִיז נָאר צוּ בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן.

מֶען דַארְף זִיךְ אָבֶּער הִיטְן פוּן דֶעם "עֲמָלֵק" וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין סְפֵיקוֹת אִין אַ מֶענְטְשׁ "**הֲיֵשׁ ה' בְּקִרְבֵּנוּ אִם אָיִן?**" - "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז יָא מִיט מִיר, אָדֶער נִישְׁט?" מֶען אִיז נִישְׁט זִיכֶער מִיט זִיךְ. דֶערְפַאר דַארְף מֶען גֵיין צוּ אַ צַדִּיק, וָואס עֶר לֶערְנְט אוֹיס פַארְן מֶענְטְשׁ, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אִים, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט אִים אוֹיסְצוּהֶערְן, אוּן אִים צוּ הֶעלְפְן אִין יֶעדֶע מַצָּב.

דָאס זָאגְט רַשִׁ"י, וָואס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט יִתְרוֹ עֶר זָאל קוּמֶען צוּם צַדִּיק, צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ? עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז עֶס אִיז דָא זַאכְן וָואס עֶס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער וִוי קְרִיעַת יַם סוּף, עֶס אִיז דָא שְׁוֶועריקַייטְן אִין פַּרְנָסָה, עֶס אִיז דָא שְׁוֶועריקַייטְן אִין שִׁידוּכִים, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אִיז נָאר זִיךְ צוּ וֶוענְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קוּמְט דִי מִלְחֶמֶת עֲמָלֵק וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין סְפֵיקוֹת, "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מִיר יָא, אָדֶער נִישְׁט?"

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן ~

אֵיינֶע פוּן דִי סִימָנִים פוּן אַ אִיד אִיז וֶוען עֶר הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, עֶר טוּט חֶסֶד מִיט אַ צְוֵוייטְן. דִי גְמָרָא זָאגְט (יְבָמוֹת ע"ט.) "שְׁלֹשָׁה סִימָנִים יֵשׁ בְּאוּמָה זוּ, רַחֲמָנִים, בַּיְשָׁנִים, וְגוֹמְלֵי חֲסָדִים", אוּן דָאס זֶעהט מֶען אַז אַ אִיד מִיט אַ אִידִישׁ הַארְץ הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אוּן עֶר זוּכְט וֶוען עֶר קֶען אַרוֹיס הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן אִין יֶעדֶע מַצָּב.

דֶערְפַאר דַארְף זִיךְ אַ אִיד צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ טוּהן חֶסֶד, צוּ הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן, אוּן מִיט דֶעם וַוייזְט עֶר אַרוֹיס אַז עֶר אִיז טַאקֶע אַ אִיד, עֶר הָאט דִי סִימָנִים וָואס אַ אִיד דַארְף צוּ הָאבְּן.

דֶער פָּסוּק זָאגְט שַׁלַּח לַחְמְךָ עַל פְּנֵי הַמָּיִם כִּי בְרֹב הַיָּמִים תִּמְצָאֶנּוּ, אַז מֶען טוּט חֶסֶד מִיט אַ צְוֵוייטְן, קוּמְט עֶס צוּם סוֹף צוּרִיק. מֶען פַארְלִירְט קֵיינְמָאל נִישְׁט פוּן טוּהן אַ טוֹבָה פַאר אַ צְוֵוייטְן.

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן הָאט פַּאסִירְט אִין דִי שְׁטָאט מִינְסְק אִין דִי לִיטָא. עֶס אִיז גֶעוֶוען דַאן אִין דִי צַייט וֶוען דִי קָאמֶענִיסְטְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ דִי מַאכְט אִין רוּסְלַאנְד, זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְשְׁט מִיט אַ שְׁטַייפֶע פוֹיסְט אוּן זֵיי הָאבְּן נָאר גֶעוָואלְט אוֹיסְרַייסְן אִידִישְׁקַייט, וואוּ עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ יְשִׁיבָה אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה הָאבְּן זֵיי עֶס פַארְשְׁפַּארְט, אוּן וֶועם מֶען הָאט גֶעכַאפְּט לֶערְנֶען מִיט תַּלְמִידִים הָאט מֶען גְלַייךְ פַארְשִׁיקְט קַיין סִיבִּיר, אוּן וֵויינִיג מֶענְטְשְׁן זֶענֶען צוּרִיק גֶעקוּמֶען לֶעבֶּעדִיג פוּן סִיבִּיר.

דַאן הָאט גֶעלֶעבְּט אִין מִינְסְק אַ אִיד מִיטְן נָאמֶען ר' יְהוֹשֻׁעַ אוּן עֶר הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר לִימוּד הַתּוֹרָה, עֶר הָאט גֶעעֶפְנְט אַ גְרוֹיסֶע יְשִׁיבָה אִין מִינְסְק, עֶס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט דָארְט הוּנְדֶערְט פוּפְצִיג בָּחוּרִים, אָבֶּער אַזוֹי וִוי מֶען הָאט דָאךְ מוֹרָא גֶעהַאט אַז דִי קֶעי זְשִׁי בִּי זָאל זֵיי נִישְׁט כַאפְּן, אִיז עֶר אוֹיפְגֶעקוּמֶען מִיט אַזַא פְּלַאן, דֶער ר'

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

אוּן פוּן דֶעם הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז מוּז עֶר גֵיין צוּם צַדִּיק, צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, עֶר זָאל אִים אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.
(זאת התורה יתרו א)

***

**וַיֵּרֶד מֹשֶׁה מִן הָהָר אֶל הָעָם וַיְקַדֵּשׁ אֶת הָעָם וַיְכַבְּסוּ שִׂמְלֹתָם,**
מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען פוּן בַּארְג צוּם פָאלְק, אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעהֵיילִיגְט אוּן גֶעוַואשְׁן דִי קְלֵיידֶער.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סימן כ"ה) אַז מֶען דַארְף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוְונֶען, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען מֶען אוֹיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט וֶועלְטְלִיכֶע זַאכְן, מִיט עֶסְן, טְרִינְקֶען אוּן שְׁלָאפְן. אוֹיבּ מֶען טוּט עֶס אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, אִיז דָאס אוֹיךְ "עֲבוֹדַת ה'".

עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז דֶער גוּף וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן וִוי אַ קְלֵייד פַאר דִי נְשָׁמָה.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וַיֵּרֶד מֹשֶׁה מִן הָהָר אֶל הָעָם**, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען צוּ דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, **וַיְקַדֵּשׁ אֶת הָעָם**, אוּן עֶר הָאט גֶעהֵיילִיגְט דָאס פָאלְק, **וַיְכַבְּסוּ שִׂמְלֹתָם**, אַזוֹי ווַייט אַז עֶר הָאט אוֹיסְגֶעוַואשְׁן אוֹיךְ זֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער, עֶר הָאט זֵיי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז אוֹיךְ מִיטְן גוּף, וָואס אִיז וִוי אַ קְלֵייד פַאר דִי נְשָׁמָה, קֶען מֶען אוֹיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.
(זאת התורה יתרו ה)

***

**אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם מִבֵּית עֲבָדִים,**
מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סימן ד') אַז אַ אִיד דַארְף ווִיסְן אַז אַלֶעם פִּירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, סַיי וֶוען עֶס זֶעהְט אוֹיס גוּט, אוּן סַיי וֶוען עֶס זֶעהְט אוֹיס שְׁלֶעכְט. אוּן דָאס אִיז עוֹלָם הַבָּא, ווַייל וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט יֶעדֶער ווִיסְן אַז אַלֶעם קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (פסחים נ.) אַז וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען אֲפִילוּ אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, מַאכְן דִי בְּרָכָה "הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב".

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, **אָנֹכִי** - אִיךְ בִּין דֶער זֶעלְבֶּער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, סַיי מִיטְן נָאמֶען - **ה'**, וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף וֶוען עֶס גֵייט גוּט. אוּן סַיי מִיטְן נָאמֶען - **אֱלֹקֶיךָ**, וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף וֶוען עֶס גֵייט שְׁווֶער פַארְן מֶענְטְשׁ. שְׁטֶענְדִיג אִיז עֶס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס מֵיינְט נָאר דִי טוֹבָה פוּן מֶענְטְשׁ, אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים, אוּן דַאן וֶועט עֶר הֶעלְפְן. **אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם**, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן דָארְט גֶעאַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁווֶער, בִּיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעקוּמֶען אוּן זֵיי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר זֵיי אוֹיסְגֶעלֵייזְט מִיט גְרוֹיסֶע נִיסִים.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט שְׁווֶער, קוּמְט עֶס נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאר צוּ אִים דַארְף מֶען זִיךְ ווֶענְדְן, אוּן דַאן וֶועט עֶר הֶעלְפְן אוּן מֶען וֶועט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע צָרוֹת.
(זאת התורה יתרו ט)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

יְהוֹשֻׁעַ הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אִין פָארְנְט פוּנֶעם בִּנְיָן אוּן אוֹיסְגֶעקֶוקְט דִי גַאס אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוּנְטֶער גֶעזִינְגֶען בְּלֶעטֶער גְמָרָא אוֹיף אוֹיסֶענְוֶוייניג, אוּן אִין דִי רֶגַע וָואס עֶר הָאט גֶעזֶעהְן דִי פָּאלִיצְיֵי קוּמֶען הָאט עֶר שְׁנֶעל גֶעטוֹישְׁט נִיגוּן, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זִינְגֶען עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ סִימָן פַאר דִי בַּחוּרִים אַז זֵיי זָאלְן שְׁנֶעל פַארְשְׁווִינְדְן וֶוערְן פוּן אַ הוּנְטֶער טִירְל.

אַזוֹי אִיז עֶס אָנְגֶעגַאנְגֶען פַאר לַאנְגֶע יָארְן, עֶר הָאט גֶעפִירְט דִי יְשִׁיבָה אוּנְטֶער דִי נָאז פוּן דִי קָאמֶענִיסְטְן מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, אוּן עֶר פְלֶעגְט צוּשְׁטֶעלְן פַאר דִי יְשִׁיבָה גֶעלְט אוּן עֶסְן אַז עֶס זָאל קֶענֶען אָנְגֵיין.

אֵיין טָאג בַּאקוּמְט ר' יְהוֹשֻׁעַ אַ בְּרִיוו פוּן דִי גֶעהֵיים פָּאלִיצְיֵי אַז עֶר דַארְף זִיךְ שְׁטֶעלְן פַאר זֵיי. עֶר הָאט גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז זֵיי ווִילְן אִים נִישְׁט מְבַשֵּׂר זַיין קֵיין בְּשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת, גֶעוֶוענְלִיךְ הָאט אַזַא בְּרִיוו גֶעמֵיינְט אַז עֶר וֶועט פַארְשִׁיקְט וֶוערְן אוֹיף סִיבִּיר פַאר לַאנְגֶע יָארְן, אוֹיבּ נִישְׁט פַאר אֵייבִּיג.

עֶר הָאט זִיךְ גֶעזֶעגְנְט פוּן זַיין פַאמִילְיֶע אוּן אִיז אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי פָּאלִיצְיֵי. דָארְט הָאט מֶען אִים גֶעלָאזְט וַוארְטְן עֶטְלִיכֶע שָׁעָה אִינְדְרוֹיסְן, דָאס אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶע פוּן זֵייעֶרֶע טַאקְטִיקְן צוּ צוּבְּרֶעכְן מֶענְטְשְׁן. אוּן נָאךְ אַ לַאנְגֶע צַייט הָאט מֶען אִים עֶנְדְלִיךְ אַרַיינְגֶערוּפְן.

וֶוען עֶר קוּמְט אַרַיין צוּם פָּאלִיצְיֵי הוֹיפְּט, הָאט אִים יֶענֶער אוֹיפְגֶענוּמֶען מִיט אַ שְׁמֵייכֶל, דָאס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט, ווַייל דִי קָאמֶענִיסְטְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעוווּאוסְט פוּן קֵיין שְׁמֵייכֶל צוּ זָאגְן, זֵייעֶרֶע אוֹיסְפָארְשׁוּנְגֶען אִיז גֶעוֶוענְלִיךְ צוּגֶעגַאנְגֶען מִיט גְרוֹיס כַּעַס אוּן אַכְזָרִיוּת. דֶער פָּאלִיצְיֵי הוֹיפְּט הֵייסְט אִים זִיךְ זֶעצְן אוּן עֶר הֵייבְּט אָן רֶעדְן: "זָאלְסְט ווִיסְן שִׁיעֶ'לֶע, אַז אִיךְ ווֵייס פּוּנְקְטְלִיךְ אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוֹהְן דָא דִי לֶעצְטִיגֶע יָארְן. מִיר הָאבְּן דָא אוֹיף דִיר פִּילֶע פַּאפִּירְן וואוּ עֶס זֶענֶען פַארְשְׁרִיבְּן פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס דוּ הָאסְט אַלְץ אָפְּגֶעטוֹהְן, אוּן אוֹיף יֶעדֶע פוּן דִי פַּאפִּירְן וָואלְסְטוּ גֶעקֶענְט בַּאקוּמֶען אַ קוֹיל אִין קָאפּ. דוּ הָאסְט טַאקֶע גֶעמֵיינְט אַז מֶען זֶעהְט נִישְׁט וָואס דוּ טוּסְט?! אוּן דוּ וואוּנְדֶערְסְט זִיךְ נָאךְ פַארְוָואס מֶען הָאט דִיךְ אַהֶער גֶערוּפְן??!"

ר' יְהוֹשֻׁעַ אִיז אִינְגַאנְצְן צוּמִישְׁט, עֶר כַאפְּט נַאכְנִישְׁט וָואס דֶער פָּאלִיצְיֵי הוֹיפְּט ווִיל דָא יֶעצְט. אוּן דֶער פָּאלִיצְיֵי הוֹיפְּט זָאגְט ווַייטֶער: "אִיךְ בִּין אַ אִיד. אוּן אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען יֶעצְט אַ מֶעלְדוּנְג אַז בִּיז זֶעקְס חֳדָשִׁים דַארְף אִיךְ פַארְלָאזְן דִי שְׁטָאט, מֶען פִּירְט מִיר אַרִיבֶּער צוּ אַ הֶעכֶערֶע אַמְט אִין מָאסְקֶעוֶוע, אוּן דָא גֵייט קוּמֶען אַ צְווֵייטֶער אַנְשְׁטָאט מִיר, אוּן דֶערְפַאר אִיז מַיין עֵצָה פַאר דִיר אַז דוּ זָאלְסְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן דָא וִוי שְׁנֶעלֶער, דוּ מִיט דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, ווַייל אַז נִישְׁט בִּיזְטוּ אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה", אוּן עֶר הָאט נָאךְ צוּגֶעלֵייגְט אַז עֶר וֶועט אִים הֶעלְפְן צוּ שַׁאפְן דִי נוֹיטִיגֶע פַּאפִּירְן אַז עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען אַרוֹיסְכַאפְּן פוּן דָארְט אוּן פָארְן קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

ר' יְהוֹשֻׁעַ הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּ זִיךְ קוּמֶען פוּן דָאס וָואס עֶר הָאט נָאר וָואס אִיבֶּערְגֶעלֶעבְּט, דָאס אִיז גֶעוֶוען מַמָּשׁ אַן אָפֶענֶער נֵס. דִי קָאמֶענִיסְטְן זֶענֶען גֶעוֶוען בַּאקַאנְט מִיט זֵייעֶרֶע גֶעפֶערְלִיכֶע אַכְזָרִיוּת, בַּיי

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

זיי האט דאס לעבן פון אַ מענטש נישט געשפּילט קיין ראָלע, פאַר די מינדעסטע פאַרדאכטן האָבן זיי געקענט הרג'ענען אָדער פאַרשיקן מענטשן ווי גאַרנישט. און דא זיצט אַ קאָמעניסט וואס וויל אים נאָך העלפן, נאכדעם וואס יענער ווייסט אַלעס וואס ער האט געטוהן.

דער פּאָליציי הויפּט וואס האט געזעהן ווי ר' יְהוֹשֻׁעַ איז אַזוי פאַרוואונדערט, האט ער זיך אָנגערופן: "יעצט וועל איך דערציילן אַ זאַך פון דיר וואס דו געדענקסט שוין זיכער נישט. מיר זענען געוועזן דריי בּרידער, אונזער פאָטער איז געשטאָרבן ווען מיר זענען געוועזן גאר יונג, אונזער מוטער האט געאַרבעט און פּרוּבירט צו בּרענגען פּרנסה, אָבער עס איז געגאַנגען זייער שווער, זי האט געהאט זייער אַ קליינע געהאַלט און זי האט נישט געקענט זיך אויסקומען מיטן לעבן. אייביג איז זי געווען שולדיג פאַר די גראָסערי, פאַר דעם גרינציייג-סוחר, א.א.וו. בּיז ווען עס איז געקומען צו אַ מצב אַז קיינער האט איר מער נישט געוואָלט פאַרקויפן, זי האט געוויינט און זיך געבעטן בּיים געשעפט'ס מאַן אַז ער זאָל רַחֲמָנוּת האָבן אויף איר און אויף אירע דריי קינדער און ער זאָל איר געבן אויף שַׁבָּת צו מאַכן, אָבער קיינער האט איר נישט געוואָלט העלפן.

בּיז זי האט זיך דערמאָנט אַז עס וואוינט אין שטאָט אַ גוטהאַרציגער איד ר' יְהוֹשֻׁעַ, ער וועט איר זיכער אַרויסהעלפן. זי איז אַריבּער געגאַנגען צו אים און זיך אויסגעוויינט פאַר אים אַז עס איז שוין מַמָּשׁ עק וועלט, זי קען נישט ווייטער אַזוי אָנגיין. רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ האט איר אויסגעהערט און דערנאָך האט ער גענומען זיין גאָלדענע זייגער און איר געזאָגט: "נעמט דעם זייגער און גיבּט עס פאַרן געשעפטס מאַן פאַר אַ מַשְׁכּוֹן אַז ער זאָל אייך געבן דערפאַר אַלעס וואס איר בּרויכט, און ווען דער אייבערשטער וועט העלפן און עס וועט אייך גרינגער ווערן וועט איר קענען בּאַצאָלן און אויסלייזן דעם מַשְׁכּוֹן".

דער פּאָליציי הויפּט האט אויסגעפירט און געזאָגט: "איך בּין דעמאָלט געווען אַ קליין קינד, מיין מאַמע האט מיר דערציילט די מַעֲשֶׂה, און דאס האט מיר געבּרענגט צו האָבן הַכָּרַת הַטּוֹב פאַר אייך און אייך אָפּהיטן און נישט שלעכטס טוהן בּיז יעצט, אָבער יעצט אַז עס גייט קומען אַ צווייטער אַנשטאָט מיר, קען איך שוין גאַרנישט טוהן, און איר זאָלט בּעסער אַנטלויפן פון דאַ ווי אַמשנעלסטן".

און אַזוי איז טאַקע געווען, דער פּאָליציי הויפּט האט אים געשאַפט די נויטיגע פּאַפּירן און ר' יְהוֹשֻׁעַ מיט זיין פאַמיליע האָבן זיך אַריבּער געצויגן אויף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל און זיי זענען געראַטעוועט געוואָרן פון די גרויסע סַכָּנָה.

פון די מַעֲשֶׂה קענען מיר זיך אַראָפּ לערנען די גרויסקייט פון טוהן חֶסֶד מיט אַ צווייטן, אַז אויסער די גרויסע מִצְוָה וואס דאס איז, קומט עס נאכדעם צוריק מיט יאָרן שפּעטער.

חז"ל זאָגן (בּראשית רבּה ח) אַז ווען דער אייבערשטער האט געוואָלט בּאַשאַפן די וועלט האט דער אֱמֶת גע'טענה'ט אַז מען זאָל נישט בּאַשאַפן ווייל דער מענטש איז פיל מיט שֶׁקֶר, אָבער דער חֶסֶד האט געזאָגט אַז מען זאָל יאָ בּאַשאַפן דעם מענטש ווייל די אידן וועלן טוהן חֲסָדִים, און אַזוי איז עס טאַקע אַז מען זעהט אַז אידישע קינדער טוען שטענדיג חֶסֶד און העלפן אַרויס איינער דעם צווייטן. און מיר דאַרפן זיך אויך דאס אַריין נעמען און זיך צוגעוואוינען צו טוהן נאָר חֶסֶד, און דאַן וועט אונז זיין גוט אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י"ב עֶרֶךְ עֶזְרָה)

# שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים

רַבִּי נַחְמָן טולטשינער זי"ע איז געוואָרן אַ יָתוֹם פון טאַטע און מאַמע נאָך גאַר יונגערהייט, און אַזוי ווי ער איז געווען אַ יָתוֹם האט ער זיך אַרום געדרייט, ער איז געוואָרן אַ וואַסער טרעגער, און עס איז נישט געווען ווער עס זאָל זיך אומקוקן אויף אים, ער איז אויפגעוואַקסן אָן קיין לערנען און אָן קיין חינוּךְ.

זיין פעטער ר' ראובן יוסף פון שטאָט הייסין האט אים אַריינגענומען און האט פּרוּבירט צו מאַכן פון אים אַ לייט אָבער עס נישט געגאַנגען. בּיים פעטער פלעגן אַסאַך מאָל איינשטיין צדיקים, זיין פעטער פלעגט אים אַלץ הייסן ער זאָל זיי בּאַדינען, אֶפְשָׁר וועט זיך אַזוי עפּעס אָנקלעבן אין אים אָבער עס האט גאַרנישט געהאָלפן.

ווען רַבִּי נָתָן פלעגט דורכפאָרן די שטאָט הייסן פלעגט ער אויך איינשטיין בּיי דעם ר' ראובן יוסף. איינמאָל פּוּרִים איז רַבִּי נָתָן געווען דאָרט אין הייסן, און מען האט געמאַכט אַ גרויסע סְעוּדָה לִכְבוֹד פּוּרִים דאָרט בּיי אים אין שטוּב, און עס זענען זיך צוזאַם געקומען אַסאַך אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אויף די סְעוּדָה.

רַבִּי נָתָן האט גערעדט פייערדיגע דיבּורים איבּער דער תַּכְלִית פאַרוואס מיר זענען דאַ אויף די וועלט, און צום סוֹף האט ער אויסגעפירט: "די וועלט איז נישט, און מען קען זי נישט בּאַקומען. תּוֹרָה און תְּפִלָּה איז יאָ, און מען קען דאס יאָ בּאַקומען".

די ווערטער האָבן זייער שטאַרק מְעוֹרֵר געווען רַבִּי נַחְמָן טולטשינער וואס איז דאָרט געזיצן, און פון דאַן האט ער זיך אָנגעהויבן דרייען מיט רַבִּי נָתָן, און רַבִּי נָתָן האט אים געזאָגט ווי אַזוי זיך צו פירן, און אַזוי איז ער געגאַנגען העכער און בּעסער, בּיז ער איז געוואָרן אַ גרויסער עֶרליכער איד, און ווען רַבִּי נָתָן איז אַוועק האט ער געזאָגט אַז מען זאָל איבּערגעבּן די הַנְהָגָה פאַר רַבִּי נַחְמָן טולטשינער.

ווען מען האט געבּעטן רַבִּי נַחְמָן טולטשינער אַז ער זאָל זאָגן עפּעס אַ מוֹפֵת פון זיין רַבִּי פון רַבִּי נָתָן, פלעגט ער זאָגן: "ווילסט הערן מוֹפְתִים? אַ מוֹפֵת בּין איך! אַז ער האט געקענט מאַכן פון דעם יָתוֹם נַחְמָן וואַסער טרעגער, אַז ער זאָל ווערן רַבִּי נַחְמָן טולטשינער, דאס איז די גרעסטע מוֹפֵת!"

***

רַבִּי נָתָן איז געווען בּאַקאַנט בּאַקאַנט אַז ער האט שטענדיג געהאַט דעם יוֹם הַמִּיתָה פאַר די אויגן, שטענדיג האט ער געדענקט אַז עס וועט קומען איין טאָג וואס ער וועט דאַרפן אַוועק גיין פון די וועלט און דאַן וועט מען נאָר מיטנעמען דאס וואס מען האט אַריינגעכאַפּט אויף די וועלט תּוֹרָה וּמִצְוֹת און מַעֲשִׂים טוֹבִים.

ער פלעגט זיצן אין עוֹסֵק זיין שטענדיג בּתּוֹרָה וַעֲבוֹדָה און געדינט דעם אייבערשטן. ער פלעגט זיצן בּיי זיך אין זיין שטיבּל און עוֹסֵק געווען בּתּוֹרָה, און ווען איינער איז אַריין געקומען צו אים האט ער פאַרמאַכט די גְּמָרָא אָדער דאס וואס ער האט דעמאָלט עוֹסֵק געווען, און ער האט גערעדט מיט יענעם פוּנעם רַבִּי'ן, פון די הייליגע עֵצוֹת פון רַבִּי'ן ווי אַזוי זיך צו שטאַרקן אין יעדע מַצָּב, און אַז עס איז נישטאָ קיין תַּכְלִית אויף דער וועלט נאָר צו דינען דעם אייבערשטן.

איינמאָל האט זיינס אַ שוואָגער שטאַרק פאַרגעהאַלטן רַבִּי נָתָן פאַרוואס ער זיצט אַ גאַנצן טאָג און לערנט, "דו דאַרפט מער עוֹסֵק זיין און בּרענגען פּרנסה, דו קענסט נישט אַ גאַנצן טאָג נאָר

המשך בדף ד

# שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים

לֶערְנֶען", רֶבִּי נָתָן הָאט אִים אָבֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ בִּיסְט טַאקֶע גֶערֶעכְט, אָבֶער וָואס זָאל אִיךְ פָּארְט טוּהְן, מֶען וֶועט אָבֶער פָּארְט מוּזֶען לִיגֶען מִיט דִי פִּיס צוּ דֶער טִיהר" (אַ מֵת ל"ע לֵייגְט מֶען מִיט דִי פִּיס צוּ דִי טִיר).

אַ צַייט שְׁפֶּעטֶער אִיז אַ קִינְד פוּן דֶעם שְׁוָואגֶער קְרַאנְק גֶעוָוארְן ל"ע, דֶער שְׁוָואגֶער אִיז גֶעגַאנְגֶען פַארְן אָרוֹן קוֹדֶשׁ אוּן אַייְנְגֶערִיסְן אוּן גֶעוֵויינְט אַז זַיין קִינְד זָאל בְּלַייבְּן לֶעבְּן, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר גֶעבְּט זִיךְ אַוֶועק פַאר זַיין זוּהן, עֶר אִיז גְרֵייט צוּ שְׁטַארְבְּן אַנְשְׁטָאט זַיין זוּהן. אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען זַיין קִינְד הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן גֶעזוּנְט צוּ וֶוערְן אוּן עֶר אִיז קְרַאנְק גֶעוָוארְן אוּן עֶר אִיז שְׁפֶּעטֶער נִפְטָר גֶעוָוארְן ל"ע.

פַאר זַיין פְּטִירָה הָאט עֶר גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו פַאר רֶבִּי נָתָן, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן רֶבִּי נָתָן אַז עֶר זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זַיין קִינְד, אוּן דָארְט הָאט עֶר אוֹיךְ דֶערְמַאנְט דִי וֶוערְטֶער וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט אִים דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז מֶען וֶועט אַמָאל מוּזְן שְׁטַארְבְּן, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "אוֹי טוּט מִיר דָאס וֵויי, אוֹי זֶענְט אִיר גֶעוֶוען גֶערֶעכְט אוּן אִיר הָאט צוּגֶעטְרָאפְן אַז מְ'וֶועט אַמָאל לִיגְן מִיט דִי פִּיס צוּ דֶער טִיהר, אוֹי בִּין אִיךְ דִיר מְקַנֵּא".

(אִילָן הַחַיִּים)

***

זֶעה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, אוּן דוּ זָאלְסְט זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז דֶער עִיקָר אִיז שִׂמְחָה, מֶען מֵיינְט אַז שִׂמְחָה אִיז אַן עֵצָה, דוּ בִּיסְט צוּבְּרָאכְן זַיי פְרֵיילִיךְ וְכוּ' וְכוּ', אָבֶער דֶער אֱמֶת'ן אַריין אִיז שִׂמְחָה אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער מִצְוָה, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ד) מִצְוָה גְדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד.

וָוארוּם מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, מִיט דֶעם וַוייזְט עֶר אַז עֶר הָאט אַ רֵיינֶעם הַארְץ מִיט רֵיינֶע אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה סִימָן א') כְּשֶׁאָדָם בְּשִׂמְחָה בְּיָדוּעַ שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם עִם אֱלֹקָיו; אוֹיבּ אַ אִיד אִיז פְרֵיילִיךְ וֶוען עֶר טוּט אַ מִצְוָה אִיז אַ סִימָן אַז זַיין אֱמוּנָה אִיז לוֹיטֶער, אוּן עֶר גְלֵייבְּט אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

אִיבֶּערְדֶעם אִיז אַ מִצְוָה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן יֶעדֶער סֶעקוּנְדֶע וָואס אַ אִיד אִיז פְרֵיילִיךְ מִיט דֶעם אִיז עֶר מְגַלֶּה אַז עֶר הָאט אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, ווִידֶערוּם אַז עֶר הָאט אֱמוּנָה אִיז מֶען אִיהְם מוֹחֵל אַלֶע עֲוֹנוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה סִימָן ל"ג) עַל יְדֵי אֱמוּנָה יִסְלַח לְךָ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עַל כָּל עֲוֹנוֹתֶיךָ; אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, זַיי נָאר פְרֵיילִיךְ, אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז סְ'וֶועט דִיךְ אַלֶעס גְרִינְגֶער זַיין בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחָנִיּוּת.

(אֲשֶׁר בְּנַחַל אִידִישׁ חֵלֶק ה' מִכְתָּב תר"ד)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## הונדערטער אנשי שלומינו זענען זיך צוזאם געקומען צום סעודת ט"ו בשבט ביי מוהרא"ש שליט"א

מיטוואך נאכט, חמשה עשר בשבט, איז פארגעקומען די סעודת ט"ו בשבט ביי מוהרא"ש שליט"א בבית מדרשו אין בארא פארק.

עס זענען זיך צוזאמגעקומען א גרויסער עולם פון הונדערטער אנשי שלומינו מיטצוהאלטן די געהויבענע סעודה.

ביי די סעודה האט מען געהאט די זכי' צו הערן דברות קודש פון מוהרא"ש שליט"א איבער די גרויסקייט פונעם טאג. כי האדם עץ השדה, א מענטש איז אזוי ווי א בוים, און א מענטש דארף זיך אפלערנען פונעם בוים ווי אזוי זיך צו דערהאלטן אין קענען אדורך גיין אלע שווערע מצבים אין לעבן.

דאס קען מען זיך לערנען פון א בוים, קודם הייבט זיך עס אן ביים קערנדל וואס מען לייגט אריין אין דער ערד און עס ווערט פארשימעלט דארט, אבער ער געבט נישט אויף, און ער וואקסט דערנאך אויס א שיינע בוים, און אויך שפעטער גייט אריבער אויפן בוים אסאך שוועריקייטן, שווערע ווינטן, שניי און רעגן, אבער ער דערהאלט זיך און בלייבט א שיינע בוים און דאס איז דער לימוד פאר אונז.

דערנאך האט מען געזינגען לכבוד היום, און נאך ברכת המזון איז זיך דער עולם צוגעגאנגען מיט פילע הויפענעס חיזוק ווייטער אנצוגיין אין לעבן.

**כי האדם עץ השדה!**

***

## בחורים זענען מתפלל ביים ציון הקדוש אין קרית יואל

אזוי ווי אין די פארגאנגענע יארן ווען די בחורים זענען ארויס געפארן אינאיינעם בימי השובבי"ם צו מתפלל זיין ביים ציון הקדוש אין קרית יואל. איז מען די וואך אויך ארויס געפארן צום ציון פון רביה"ק מסאטמאר זצוק"ל אין קרית יואל און דארט מתפלל געווען.

עס האט געהערשט א גרויסע התעוררות ווען די בחורים אינאיינעם מיטן ראש ישיבה האבן געזאגט פסוקי תהלים, און געבעטן דעם אייבערשטן צו מצליח זיין בכל הענינים.

**שובו בנים שובבי"ם!**


## ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע ספרי ברסלב

**27 Skillman St.**

**אדער רופט 347-977-7994**

## קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א**

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!

**וועכענטליכע גליונות * קונטרסים * ספרים**

שנעל גוט און ביליג!

**רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554**

**5554printing@gmail.com**

B. HALPERN, CPA
CERTIFIED PUBLIC ACCOUNTANT
845.200.2222

Analysis and Money Management
Businesses and Individuals
INC, LLC Formation
Tax Planning
Sales Tax Returns
Payroll Service

Yanky Halpern
Executive Director
Jaccobhalpern@gmail.com

5014 16th Ave Suite 134
Brooklyn, NY 11204


**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת משפטים, כ"ד שבט, מברכים חודש אדר א', שנת תשע"ד לפ"ק

שנה 3, גליון 20 (120)


**זמנים**

הדלקת הנרות......................4:46
סוף זמן קר"ש......................9:04
מוצש"ק................................6:18

**שיעורים כסדרן**

בבלי..............................יומא ע"ח
ירושלמי..................סנהדרין ל"ח
תוספתא........עבודה זרה פרק ט'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**מְעַט מְעַט אֲגָרְשֶׁנּוּ מִפָּנֶיךָ עַד אֲשֶׁר תִּפְרֶה וְנָחַלְתָּ אֶת הָאָרֶץ.** צוּבִּיסְלֶעךְ צוּבִּיסְלֶעךְ וֶועל אִיךְ פַארְטְרַייבְּן דִי גוֹיִם פַאר אַייךְ, בִּיז אִיר וֶועט זִיךְ פַארְמֶערְן אוּן יַרְשְׁ'עֶנֶען דָאס לַאנְד.

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט אוּנְז מְרַמֵז זַיין דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ו) אוֹיף דִי מִשְׁנָה (אָבוֹת ב, יג) **וּכְשֶׁאַתָּה מִתְפַּלֵל אַל תַּעַשׂ תְּפִלָּתְךָ קֶבַע אֶלָא רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים**, זָאגְט דֶער רֶבִּי אוֹיף דֶעם, אַז וֶוען אַ אִיד בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף עֶפֶּעס, טָאר עֶר זִיךְ עַקְשְׁ'עֶנֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוּז דַוְקָא טוּהן וָואס עֶר בֶּעהְט. עֶר זָאל נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר וִויל, פַּרְנָסָה, קִינְדֶער, אָדֶער עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אוּן נָאכְדֶעם זָאל עֶר וַוארְטְן בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן, אוּן זִיךְ לָאזְן פִירְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן גֶעדֶענְקְן אַז אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז נָאר צוּם גוּטְן.

דָאס קוּמְט אוּנְז דֶער פָּסוּק מְרַמֵז זַיין, **מְעַט מְעַט אֲגָרְשֶׁנּוּ מִפָּנֶיךָ**, אַלֶעס וָואס מֶען וִויל אוֹיסְפִירְן מוּז גֵיין צוּבִּיסְלֶעךְ מִיט אַסַאךְ גֶעדוּלְד אוּן סַבְלָנוּת, **עַד אֲשֶׁר תִּפְרֶה וְנָחַלְתָּ אֶת הָאָרֶץ**, אוּן דַאן וֶועט מֶען בַּאקוּמֶען אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף.
(זֹאת הַתּוֹרָה מִשְׁפָּטִים ז)

***

**מַכֵּה אִישׁ וָמֵת מוֹת יוּמָת.** אוֹיבּ אֵיינֶער שְׁלָאגְט אַ מֶענְטְשׁ אוּן יֶענֶער שְׁטַארְבְּט, דַארְף מֶען אִים הַרְגֶ'עֶנֶען.

לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין דֶער לָשׁוֹן פוּן פָּסוּק: "אוֹיבּ אֵיינֶער שְׁלָאגְט אַ מֶענְטְשׁ אוּן יֶענֶער שְׁטַארְבְּט", עֶס וָואלְט גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין: "אוֹיבּ אֵיינֶער הַרְגְ'ט אַ מֶענְטְשׁ". נָאךְ אִיז שְׁוֶוער דֶער לָשׁוֹן **"מוֹת יוּמָת"**, פַארְוָואס שְׁרַייבְּט דִי תּוֹרָה אַ טָאפְּלְט לָשׁוֹן?

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קנ"ב) אַז וֶוען עֶס אִיז דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אַ צַדִיק וָואס קֶען מְקָרֵב זַיין אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז אֵייבִּיג דָא קְלִיפּוֹת וָואס נֶעמֶען אִים אַרוּם, אוּן שְׁטֶערְן מֶענְטְשְׁן וָואס וִוילְן קוּמֶען צוּם צַדִיק אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט קֶענֶען קוּמֶען צוּם צַדִיק אוּן וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן אַמָאל אִיז דָא וָואס מֶען שְׁטֶעלְט בַּיים טִיר פוּן צַדִיק אַ "יְרֵא שָׁמַיִם", וָואס דֶער יְרֵא שָׁמַיִם רֶעדְט אָפּ מֶענְטְשְׁן פוּן קוּמֶען צוּם צַדִיק. אִין אַזַא מַצָב דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן אַוֶועקְרַייסְן פוּנֶעם צַדִיק, דוּרְךְ סַיי וֶוער עֶס זָאל נָאר זַיין.

מֶען זֶעהְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט מְקוּרָב צוּ אַ צַדִיק, אוּן דֶער צַדִיק אִיז אִים מְעוֹרֵר צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אוּן עֶר הֵייבְּט טַאקֶע אָן מֶער צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט קוּמְט אָן אַ "יְרֵא שָׁמַיִם", וָואס פְּרוּבִּירְט אִים אָפְּצוּרֶעדְן פוּן גֵיין צוּם צַדִיק, מִיט אַלֶע מִינֵי רְאָיוֹת פוּן דִי תּוֹרָה,

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

### ~ אֱמוּנָה בְּרֶענְגְט שִׂמְחָה ~

דִי טֶבַע פוּן מֶענְטְשְׁן אִיז אַז זֵייעֶר גִיסְטֶע הַאלְט זִיךְ אִין אֵיין טוּישְׁן לוֹיט וִוי אַזוֹי דִי ווִינְט בְּלָאזְט, אַמָאל אִיז מֶען אִין אַ פְרֵיילִיכֶע גִיסְטֶע אוּן אַמָאל אִין אַ טְרוֹיעֶרִיגֶע גִיסְטֶע, עֶס אִיז גֶעוָואנְדְן לוֹיט דִי אוּמְשְׁטֶענְדְן אִין וָואס מֶען גֶעפִינְט זִיךְ.

דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ אִיד אִיז אָבֶּער צוּ הָאבְּן אַ קְלָארֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה, שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקְן אַז אַלֶעס פִירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן דַאן אִיז מֶען שְׁטֶענְדִיג אִין אַ גוּטֶע גִיסְטֶע, וַוייל מֶען וֵוייסְט אוּן מֶען גֶעדֶענְקְט אַז אַלֶעס פִירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּם גוּטְן, אַלֶעס אִיז בֶּאֱמֶת נָאר גוּט.

אוּן צוּ בַּאקוּמֶען אָט דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה דַארְף מֶען גֵיין צוּ אַ צַדִיק וָואס עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין זַיינֶע מֶענְטְשְׁן דִי קְלָארֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה, צוּ ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקְן שְׁטֶענְדִיג אַז אַלֶעס פִירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן אַז מֶען זָאל טַאקֶע לֶעבְּן מִיט דֶעם.

דֶער פָּסוּק רוּפְט אָן אַ צַדִיק 'אִישׁ אֲשֶׁר רוּחַ אֱלֹקִים בּוֹ', זָאגְט רַשִׁ"י שֶׁיּוֹדֵעַ לַהֲלֹךְ כְּנֶגֶד רוּחוֹ שֶׁל כָּל אֶחָד וְאֶחָד, דָאס מֵיינְט אַז אַ צַדִיק וָואס אִיז שְׁטֶענְדִיג דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג אִין אַ גוּטֶע 'מַצָב רוּחַ' - אִין אַ גוּטֶע גִיסְטֶע, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז עֶר וֶוערְט גֶעפִירְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר וֶוערְט נִישְׁט צוּבְּרָאכְן אָדֶער טְרוֹיעֶרִיג פוּן קַיין שוּם זַאךְ. אוּן דִי וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ בַּיים צַדִיק בַּאקוּמֶען דָאס אוֹיךְ אַז זֵיי וֶוערְן דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זֵיי זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג אִין אַ גוּטֶע גִיסְטֶע.

### דֶער וַואסֶער טְרֶעגֶער וֶוערְט פְרֵיילִיךְ

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה הָאט פַּאסִירְט בַּיים הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב וָואס מֶען זֶעהְט פוּן דֶעם וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען טוּישְׁן זַיין גִיסְטֶע פוּן אֵיין טָאג אוֹיפְן צְוֵוייטְן אֲפִילוּ עֶס הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט גֶעטוּישְׁט אִין זַיין לֶעבְּן.

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

אוּן דָאן דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק אוּן גֶעדֶענְקֶען, "אוֹיבּ דֶער צַדִּיק בְּרֶענְגְט מִיר נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר מַאכְט מִיר מֶער לֶערְנֶען אוּן דַאוְונֶען, וֶועל אִיךְ נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּן אִים בְּשׁוּם אוֹפֶן".

אוּן דֶער "יְרֵא שָׁמַיִם" וֶועט שׁוֹין בַּאקוּמֶען זַיין עוֹנֶשׁ, אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, ווייל אוֹיבּ נֶעמְט אַוֶועק אַ מֶענְטְשׁ פוּן אַ פְּלַאץ, וָואס דֶערְנֶענְטֶערְט אִים צוּ זַיין שׁוֹרֶשׁ, וֶועט עֶר - מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה - אוֹיךְ וֶוערְן אוֹיסְגֶעריסְן פוּן זַיין שׁוֹרֶשׁ.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **מַכֵּה אִישׁ וָמֵת**, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט אָפּ מֶענְטְשְׁן פוּן צַדִּיק, עֶר הַרְגְ'עט אִים נִישְׁט גְלַייךְ, אָבֶּער דָאס זֶענֶען אַזֶעלְכֶע קְלֶעפּ, וָואס וֶועלְן אִים צוּם סוֹף הַרְגְ'עֶנֶען, עֶס וֶועט אִים אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן צַדִּיק. דֶערְפַאר אִיז זַיין עוֹנֶשׁ, **מוֹת יוּמָת**, עֶר וֶועט שְׁטַארְבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיךְ וֶוערְן אוֹיסְגֶעריסְן פוּן יֶענֶע וֶועלְט, מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה, ווייל עֶר הָאט גֶעוָואלְט יֶענֶעם אַוֶועקְרַייסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית מִשְׁפָּטִים, תשס"ז לפ"ק)

***

**אִם חָבֹל תַּחְבֹּל שַׂלְמַת רֵעֶךָ עַד בֹּא הַשֶּׁמֶשׁ תְּשִׁיבֶנּוּ לוֹ**, מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט ווי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רע"ב) אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף לֶעבְּן מִיטְן הַיינְטִיגְן טָאג. אוּן דֶערְפַאר, בַּיינַאכְט פַאר מֶען גֵייט שְׁלָאפְן, דַארְף מֶען אִיבֶּערְגֵיין מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶעם גַאנְצְן טָאג, אוּן אוֹיבּ עֶפֶּעס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען ווי עֶס דַארְף צוּ זַיין, זָאל מֶען גְלַייךְ תְּשׁוּבָה טוּהן נָאךְ אִין זֶעלְבְּן טָאג, נִישְׁט וַוארְטְן אוֹיף שְׁפֶּעטֶער.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **אִם חָבֹל תַּחְבֹּל שַׂלְמַת רֵעֶךָ**, אוֹיבּ דוּ הָאסְט הַיינְט גֶעטְשֶׁעפֶּעט דַיין נְשָׁמָה, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן. **עַד בֹּא הַשֶּׁמֶשׁ תְּשִׁיבֶנּוּ לוֹ**, נָאךְ פַאר דִי זוּן גֵייט אוּנְטֶער זָאלְסְטוּ עֶס צוּרִיק גֶעבְּן. דָאס מֵיינְט, דוּ זָאלְסְט נָאךְ אִין יֶענֶעם טָאג תְּשׁוּבָה טוּהן. **כִּי הִוא כְסוּתֹה לְבַדָּהּ הִוא שִׂמְלָתוֹ לְעֹרוֹ בַּמֶּה יִשְׁכָּב**, ווייל דוּ דַארְפְסְט גֶעדֶענְקֶען אַז נָאר דָאס בְּלַייבְּט פוּן אַ מֶענְטְשׁ, נָאר דַיין תּוֹרָה, דַיין תְּפִלָּה, דַיין עֲבוֹדַת ה'. אוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען וואויל, אֲפִילוּ מֶען אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט עֲבֵירוֹת, אִיז נָאךְ אַלְץ נִישְׁט דֶערְנָאךְ, מֶען קֶען נָאךְ אַלְץ תְּשׁוּבָה טוּהן, **וְהָיָה כִּי יִצְעַק אֵלַי וְשָׁמַעְתִּי כִּי חַנּוּן אָנִי**, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁרַייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט אַלֶע זַיינֶע דוּרְכְפֶעלֶער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחֲמָנוּת אוֹיף אִים אוּן עֶר הֶערְט אוֹיס, אוּן עֶר אִיז אִים מוֹחֵל.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית מִשְׁפָּטִים, תש"ע לפ"ק)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

אֵיין טָאג אִיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים, עֶר הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט זֵיי אוּן זֵיי גֶעזָאגְט אַז אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר ווייסְט אוּן עֶר גֶעדֶענְקְט אַז עֶר וֶוערְט גֶעפִירְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָאן אִיז עֶר אִין אַ גוּטֶע אוּן פְרֵיילִיכֶע גִיסְטֶע, אוּן אוֹיבּ עֶר פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶר אֵייבִּיג טְרוֹיעֶרִיג אוּן פַארְבִּיטֶערְט.

אַזוֹי גֵייעֶנְדִיג בַּאגֶעגֶענֶען זֵיי דֶעם וַואסֶער טְרֶעגֶער פוּן שְׁטָאט. וֶוען זֵיי הָאבְּן אִים בַּאגְרִיסְט אוּן גֶעפְרֶעגְט וָואס עֶר מַאכְט, הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶס גֵייט אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער דָאס לֶעבְּן, עֶס אִיז אִים שׁוֹין נִמְאָס דִי אַרְבֶּעט פוּן דַארְפְן שְׁלֶעפְּן יֶעדְן טָאג וַואסֶער פַאר דִי מֶענְטְשְׁן פוּן שְׁטָאט, עֶר אִיז שׁוֹין אַלְט אוּן שְׁוַואךְ אוּן עֶר דַארְף נָאךְ אַלְץ שְׁלֶעפְּן אַזוֹי שְׁוֶוער, זַיין רוּקְן אִיז שׁוֹין אוֹיסְגֶעדְרֵייט פוּן שְׁלֶעפְּן דִי שְׁוֶוערֶע אַמְפֶּערְס, עֶס אִיז אִים שׁוֹין מַמָּשׁ נִמְאָס דָאס לֶעבְּן.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶערֶעדְט צוּ אִים אוּן אִים שְׁטַארְק מְחַזֵּק גֶעוֶוען אַז עֶס וֶועט נִישְׁט אֵייבִּיג זַיין אַזוֹי שְׁלֶעכְט, עֶס וֶועט נָאךְ קוּמֶען גוּטֶע צַייטְן, אוּן אֲפִילוּ יֶעצְט פִירְט אוֹיךְ אַלֶעס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּם גוּטְן, אוּן אַזוֹי ווייטֶער הָאט עֶר גֶערֶעדְט צוּ אִים אַסַאךְ דִּיבּוּרֵי אֱמוּנָה, אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער וַואסֶער טְרֶעגֶער הָאט זִיךְ בַּאדַאנְקְט אוּן אִיז ווייטֶער גֶעגַאנְגֶען.

אוֹיף צוּ מָארְגְנְס אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב נָאכְאַמָאל גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן מִיט דִי תַּלְמִידִים, אוּן זֵיי הָאבְּן ווידֶער גֶעטְרָאפְן דֶעם זֶעלְבְּן וַואסֶער טְרֶעגֶער, אָבֶּער יֶעצְט הָאט עֶר שׁוֹין גֶערֶעדְט גָאר אַנְדֶערְשׁ פוּן נֶעכְטְן, יֶעצְט אִיז עֶר גֶעוֶוען גוּט אוֹיפְגֶעלֵייגְט, עֶר אִיז גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ, אוּן וֶוען מֶען הָאט אִים בַּאגְרִיסְט אוּן גֶעפְרֶעגְט וָואס עֶר מַאכְט, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "בָּרוּךְ ה', גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶס גֵייט מִיר אַזוֹי גוּט אִין לֶעבְּן, אִיךְ הָאבּ אַ גוּטֶע פַּרְנָסָה, אִיךְ בְּרֶענְג וַואסֶער פַאר אַלֶע שְׁטָאטְס לַייט, אוּן אֲפִילוּ אִיךְ בִּין שׁוֹין אַלְט גִיבְּט מִיר נָאךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִי כֹּחַ צוּ קֶענֶען שְׁלֶעפְּן דִי שְׁוֶוערֶע אַמְפֶּערְס וַואסֶער, אוּן נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר מַיינֶע אַקְסְלְן הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין אַזוֹי מְסַדֵּר גֶעוֶוען סְפֶּעצִיעֶל אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען הַאלְטְן דִי אַמְפֶּערְס", אוּן אַזוֹי ווייטֶער הָאט עֶר נָאר גֶעדַאנְקְט אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גוּטֶע פַּרְנָסָה וָואס עֶר הָאט.

הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים, אִיר זֶעהְט וָואס דָא גֵייט פָאר? דֶער זֶעלְבֶּער וַואסֶער טְרֶעגֶער, דִי זֶעלְבֶּע אַלְט אוּן שְׁוַואךְ, גָארְנִישְׁט הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעטוֹישְׁט בַּיי אִים פוּן נֶעכְטְן בִּיז הַיינְט, אָבֶּער דָאס יָא אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִּיבּוּרֵי אֱמוּנָה, אַז מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט מִיט אִים נֶעכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֵיינְמָאל עֶר הָאט אַרַיינְגֶענוּמֶען בַּיי זִיךְ דִי אֱמוּנָה אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז עֶר שׁוֹין אַ נַייעֶר מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן פְרֵיילִיךְ אוּן גוּטְמוּטִיג, אוּן עֶר רֶעדְט שׁוֹין גָאר אַנְדֶערְשׁ ווי נֶעכְטְן.

## גֵיהִנּוֹם אוֹיף דִי וֶועלְט

חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ט"ו) כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע וּמְדַקְדֵּק בְּאוֹתִיּוֹתֶיהָ מְצַנְּנִין לוֹ גֵיהִנּוֹם. דִי גֵיהִנּוֹם אִיז נִישְׁט נָאר אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, דִי גֵיהִנּוֹם אִיז אוֹיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, ווי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים לב, כב) תְּמוֹתֵת רָשָׁע רָעָה - דִי שְׁלֶעכְטְס וָואס דֶער רָשָׁע טוּט, דָאס

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָאַ"שׁ

אַלֵיין הַרְגְ'ט אִים, עֶר וֶוערְט אַ פַארְבִּיטֶערְטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר הָאט דִי גֵיהִנוֹם שׁוֹין אוֹיף דִי וֶועלְט. אָבֶּער הַקוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע - דָאס אִיז אֱמוּנָה, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אִין זִיךְ אַרַיין דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה צוּ וִויסְן אוּן גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס פִּירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַאן קִילְט עֶר אָפּ זַיין גֵיהִנוֹם, עֶר וֶוערְט אַ פְרֵייליכֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר הָאט דֶעם גַן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה זִיךְ צוּ דְרֵייעֶן בַּיי עֶרְלִיכֶע אִידְן בַּיי צַדִיקִים, אוּן עֶר אִיז מְקַבֵּל זֵייעֶרֶע לִמוּדִים, דַאן וֶועט זַיין לֶעבְּן גֶעטוֹישְׁט וֶוערְן אִינְגַאנְצְן צוּם גוּטְן. עֶר וֶועט וֶוערְן אַ פְרֵייליכֶער מֶענְטְשׁ, אַ גֶעדוּלְדִיגֶער מֶענְטְשׁ, עֶר וֶועט נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן, אוּן עֶר וֶועט שְׁטֶענְדִיג זַיין אִין אַ גוּטֶע גִיסְטֶע. וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָאַ"שׁ חֵלֶק ד' עֶרֶךְ רוּחַ וְחֵלֶק י' עֶרֶךְ גֵיהִנוֹם)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

המשך

קרית יואל.

די בחורים זענען ארויס געפארן צו די חתונה און דארט משמח געווען דעם חתן אויף א געהויבענעם פארנעם ביז אין די שפעטע שעה'ן.

עס האט זיך ווידעראמאל ארויס געוויזן די איידלקייט פון די בחורים, ווי מענטשן האבן מעיד געווען האט מען קלאר געקענט זעהן דאס וואס דער רבי האט געזאגט: "ווען קעניגן וואלטן געוואוסט וואסערע דרך ארץ איך לערן אויס פאר מיינע מענטשן וואלט זיי געשיקט זייערע קינדער לערנען ביי מיר", און דאס האט מען יעצט נאכאמאל געזעהן ביי די חתונה וואו די בחורים האבן געטאנצן און משמח געווען דעם חתן מיט די גרעסטע מאס דרך ארץ און איידלקייט.

ווי מען זעהט לעצטנס הערט זיך נישט אויף די פלייץ פון חתונות, ווען בעזר ה' קומט פאר כמעט יעדע וואך נאך א חתונה פון א תלמיד הישיבה, דער אייבערשטער זאל ווייטער העלפן.

**שמח תשמח ריעים האהובים!**

***

## שמחה אין ישיבה צו נאך א חתן

גרויס פרייד הערשט ביי די בחורים אין ישיבה צו א פרישע חבר וואס איז א חתן געווארן למזל טוב.

דאס מאל איז עס הבחור החתן אשר לעווי נ"י בן מו"ה שמחה לעווי הי"ו משב"ק, וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג בת מו"ה הערשל אינדיג הי"ו אב"י בעיר בארא פארק.

מיר וואונטשן אים אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים געזונטערהייט.

**שמח תשמח רעים האהובים!**

# פוּן אִיבֶּעְרָאל קֶען מֶען צוּרִיק קוּמֶען

מִיר דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן, אַז מִיר פְּרוּבִּירְן צוּ פָאלְגְן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, וַוייל דוּרְךְ דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן קֶען יֶעדֶער מֶענְטְשׁ - נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי שְׁטַארְק עֶר אִיז גֶעפַאלְן - אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, אוּן וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן צוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין הִסְתַּלְקוּת: "אֲפִילוּ דֶער עֶרְגְסְטֶער אוּן נִידֶערִיגְסְטֶער מֶענְטְשׁ, דֶער גְרֶעסְטֶער בַּעַל עֲבֵירָה, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ אָנְכַאפְּן אִין רֶבִּי'ן וֶועט עֶר זִיכֶער תְּשׁוּבָה טוּהן", אוּן דָאס הָאט מֶען טַאקֶע גֶעזֶעהן בְּחוּשׁ אִין אַלֶע דוֹרוֹת אַז דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעהַאלְטְן בַּיים רֶבִּי'ן, גֶעפָאלְגְט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען אֱמֶת'דִיג תְּשׁוּבָה צוּ טוּהן, אוּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גָאר גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת, וואוֹיל אִיז זֵיי אוּן וואוֹיל אִיז זֵייעֶר חֵלֶק.

אוּן אוֹיבּ דָאס אִיז אֲפִילוּ בַּיי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אַזוֹי וַוייט, אִיז זִיכֶער אַז בַּיי אֵיינֶעם וָואס אִיז נִישְׁט אַזוֹי וַוייט, עֶר דַארְף נָאר אַבִּיסְל חִיזוּק אָנְצוּגֵיין אוּן עֲבוֹדַת ה', אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ הַאלְטְן אוּן פָאלְגְן דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן וֶועט עֶר זִיכֶער זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד אַ בַּעַל עֲגָלָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ מְגוּשְׁמְ'דִיגֶער מֶענְטְשׁ, זֵייעֶר אַ נִידְרִיגֶער מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט גֶעהֵייסְן מֹשֶׁה צָדוֹק, מֶען הָאט אִים חוֹשֵׁד גֶעוֶוען אוֹיף רְצִיחָה מַמָשׁ. עֶס אִיז דַאן גֶעוֶוען פַאר דִי עֶרְשְׁטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה, אוּן דַאן הָאבְּן זִיךְ גְרוּפִּירְט אַזֶעלְכֶע בַּאנְדֶעס פוּן רוֹצְחִים וָואס זֶענֶען אַרוּם גֶעגַאנְגֶען פוּן שְׁטָאט צוּ שְׁטָאט אוּן פוּן דָארְף צוּ דָארְף אוּן זֵיי הָאבְּן גֶע'הַרְגְ'ט דִי עֲשִׁירִים אוּן צוּגֶענוּמֶען זֵייעֶר גֶעלְט. אוּן דֶער מֹשֶׁה צָדוֹק הָאט זִיךְ אוֹיךְ צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט מִיט אֵיינֶע פוּן דִי בַּאנְדֶעס, עֶר הָאט אוֹיךְ גֶע'הַרְגְ'ט מֶענְטְשְׁן, אוּן לַיידֶער הָאט עֶר גֶע'הַרְגְ'ט אוֹיךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אָבֶּער אַ אִיד אִיז דָאךְ אַ אִיד, פוּן צַייט צוּ צַייט הָאט עֶר בַּאקוּמֶען חֲרָטָה גֶעפִיהלְן, עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז עֶר גֵייט נִישְׁט אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט דֶעם וֶועג וִוי אַזוֹי תְּשׁוּבָה צוּ טוּהן, אוּן נָאכְדֶערְצוּ אַז וִוי פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ הָאט קַיין שׁוּם אִיד נִישְׁט גֶעוָואלְט הָאבְּן קַיין שַׁייכוּת מִיט אַזַא נִידְרִיגְן פַארְשׁוֹין, וָואס אִיז אַ בַּאקַאנְטֶער רוֹצֵחַ.

אֵיין טָאג הָאט עֶר בַּאקוּמֶען אַ יְדִיעָה אַז זַיין טַאטֶע אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן. פַאר אַזַא מְגוּשְׁמְ'עֶר מֶענְטְשׁ וִוי אִים אִיז דָאס גַאנְץ וֵויינִיג אָנְגֶעגַאנְגֶען, עֶר אִיז נִיטְאַמָאל גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי לֵוָי'. אָבֶּער אַ שְׁטִיק צַייט שְׁפֶּעטֶער הָאט אִים אָנְגֶעכַאפְּט אַן הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט כָאטְשׁ זָאגְן אַ קַדִישׁ נָאךְ זַיין טַאטֶע. עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט אִין שְׁטָאט אוּמַאן. אוּמַאן אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע שְׁטָאט מִיט אַסַאךְ בָּתֵּי מִדְרָשִׁים, עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט אַרַיין צוּ גֵיין אִין אַ שׁוּהל צוּ זָאגְן קַדִישׁ, אָבֶּער וואוּ עֶר הָאט נָאר גֶעוָואלְט אַרַיין גֵיין הָאט מֶען אִים פַארְטְרִיבְּן מִיט בִּזְיוֹנוֹת, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט הָאבְּן אַזַא גֶעמֵיינֶעם פַארְשׁוֹין בַּיי זִיךְ אִין שׁוּהל.

עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען פוּן שׁוּהל צוּ שׁוּהל, אוּן פְּרוּבִּירְט צוּ טְרֶעפְן אַ שׁוּהל וואוּ מֶען וֶועט אִים נִישְׁט אַרוֹיסְוַוארְפְן אוּן עֶר וֶועט קֶענֶען זָאגְן קַדִישׁ, בִּיז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי בְּרֶסְלַב'עֶ שׁוּהל, עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט בַּיים עֶק שׁוּהל נֶעבְּן אוֹיוְון, הָאפְנְדִיג אַז קֵיינֶער וֶועט אִים נִישְׁט בַּאמֶערְקְן, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶעזָאגְט קַדִישׁ אָן קַיין טַלִית וּתְפִלִין, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט. עֶר הָאט גֶעצִיטֶערְט אַ גַאנְצְן צַייט אַז מֶען זָאל אִים נִישְׁט אַרוֹיסְוַוארְפְן, אָבֶּער בַּיי בְּרֶסְלַב'עֶ חֲסִידִים הָאט מֶען קֵיינֶעם נִישְׁט אַרוֹיס גֶעוָוארְפְן.

אִינְמִיטְן זָאגְן קַדִישׁ, בַּאמֶערְקְט עֶר וִוי אֵיינֶער דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ צוּ אִים, דָאס אִיז גֶעוֶוען ר' יַעֲקֹב פוּן זִיטָאמִיר, אַ בְּרֶסְלַב'עֶר חָסִיד. מֹשֶׁה צָדוֹק הָאט שׁוֹין מוֹרָא גֶעהַאט אַז מֶען גֵייט אִים שׁוֹין אַרוֹיס וַוארְפְן פוּן דָא אוֹיךְ. אָבֶּער ר' יַעֲקֹב הָאט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעפְּלַאנְט אִים צוּ טְשֶׁעפֶּענֶען, עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ מֹשֶׁה צָדוֹק אוּן מִיט אַ לִיבְּלִיכֶע שְׁמֵייכְל אִים גֶעזָאגְט: "מֹשֶׁה צָדוֹק, אַז דוּ בִּיזְט שׁוֹין יָא דָא, לֵייג כָאטְשׁ טַלִית וּתְפִלִין", מֹשֶׁה צָדוֹק אִיז גֶעוָוארְן פְרֵיילִיךְ, אַבִּי מֶען וַוארְפְט אִים נִישְׁט אַרוֹיס, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעטוּהן דִי טַלִית וּתְפִלִין בְּשִׂמְחָה רַבָּה. אִינְצְוִוישְׁן הָאט ר' יַעֲקֹב אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּ אִים דֶעם רֶבִּי'נְס דִיבּוּרִים, אַז עֶס קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּ שְׁפֶּעט, מֶען קֶען אֵייבִּיג תְּשׁוּבָה טוּהן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְפְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועק אַ מֶענְטְשׁ, אִין וָואסֶערֶע מַצָב מֶען אִיז, וִוי נִידְרִיג מֶען אִיז נָאר גֶעפַאלְן, קֶען מֶען אֵייבִּיג צוּרִיק קוּמֶען. דִי וַוארִימֶע וֶוערְטֶער זֶענֶען אַרַיין פַאר מֹשֶׁה צָדוֹק אִין הַארְץ אַרַיין, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן תְּשׁוּבָה צוּ טוּהן, עֶר הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט וַואקְסְן בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

פוּן דַאן פְלֶעגְט עֶר אַלֶץ קוּמֶען דַאוֶונֶען בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, עֶר פְלֶעגְט דַאוֶונֶען מִיט גֶעוַואלְדִיגֶע בְּכִיוֹת, בִּיז עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים זֶענֶען זַיינֶע אוֹיגְן שׁוֹין גֶעוֶוען גֶעשְׁוָואלְן פוּן אַזוֹיפִיל וֵויינֶען. שְׁפֶּעטֶער וֶוען דִי קָאמֶענִיסְטְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ דִי מַאכְט, הָאט עֶר זִיךְ מַמָשׁ מוֹסֵר נֶפֶשׁ

המשך בדף ד

# פוּן אִיבֶּעְרָאל קֶען מֶען צוּרִיק קוּמֶען

המשך

גֶעוֶוען פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וֶוען דִי קָאמֶענִיסְטְן הָאבְּן אָפְּגֶעשְׁפַּארְט אַלֶע בָּתֵּי מִדְרָשִׁים אוּן מִקְוָאוֹת, הָאט עֶר גֶעבּוֹיעֶט אַ מִקְוֶה בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט בַּיי זִיךְ אִין שְׁטַאל, דָאס אִיז גֶעוֶוען מַמָשׁ אַ מְסִירַת נֶפֶשׁ, וֶוען דִי רֶעגִירוּנְג וָואלְט גֶעוואוּיר גֶעוָוארְן דֶערְפוּן וָואלְטְן זֵיי אִים גֶע'הַרְגְ'ט.

פוּן דִי מַעֲשֶׂה זֶעהט מֶען דִי גְרוֹיסֶע כֹּחַ פוּנֶעם רֶבִּי'נְס לְמוֹדִים וָואס הָאבְּן גֶעקֶענְט מַחֲזִיר בִּתְשׁוּבָה זַיין אֲפִילוּ אַזַא נִידְרִיגֶער מְגוּשָׁמְ'עֶר מֶענְטְשׁ אַ רוֹצֵחַ. אוּן אַזוֹי אִיז דָא נָאךְ אַסַאךְ מַעֲשִׂיוֹת וְוי אַזוֹי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען גָאר וַוייט זֶענֶען גֶעוָוארְן עֶרְלִיכֶע אִידְן דוּרְךְ דֶעם רֶבִּי'נְס לְמוּדִים.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס הָאט גֶעהֵייסְן מֹשֶׁה אֵלִיָהוּ, עֶר אִיז נִתְקַרֵב גֶעוָוארְן דוּרְךְ אַ בְּרֶסְלַבְ'עֶ סֵפֶר וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען. וֶוען עֶר אִיז אָנְקוּמֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוֹיף אוּמַאן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל, הָאט עֶר דָארְט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעוֵויינְט עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים צִיוּן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ גַאנְץ רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין קְלוֹיז הָאט עֶר זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעוֵויינְט בַּיים דַאוֶונֶען, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַבִּיסְל אִינְטֶערֶעסַאנְט אַז אַ מֶענְטְשׁ וֵויינְט אַזוֹיפִיל אָן אוֹיפְהֶער, אָבֶּער יֶעדֶער אִיז גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיט זִיךְ אוּן נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין צַייט צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוּן בְּתוֹךְ הַדְבָרִים הָאט אִים יֶענֶער גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס עֶר וֵויינְט אַזוֹיפִיל צוּ עֶר הָאט עֶפֶּעס אַ גְרוֹיסֶע צָרָה, הָאט אִים מֹשֶׁה אֵלִיָהוּ גֶעזָאגְט אַז עֶר וֵויינְט פָּשׁוּט וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר וַוייט פַארְקְרָאכְן אִין הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת, אוּן וֶוען עֶר אִיז נִתְקַרֵב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן הָאט זִיךְ אִים גֶעעֶפֶנְט אַ נֵייעֶ וֶועלְט, עֶר הָאט אָפְּגֶעלָאזְט אַלֶע זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, אוּן עֶר אִיז אַזוֹי אִיבֶּערְגֶענוּמֶען אַז עֶר קֶען נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן וֵויינֶען פוּן תְּשׁוּבָה, וַוייל עֶר וִויל בֶּאֱמֶת זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אוּן אַזוֹי אִיז דָא נָאךְ הוּנְדֶערְטֶער מַעֲשִׂיוֹת וְוי אַזוֹי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן הָאבְּן זִיךְ אִינְגַאנְצְן גֶעטוֹישְׁט אוּן זֶענֶען גֶעוָוארְן עֶרְלִיכֶע אוּן פְרֵיילִיכֶע אִידְן. אוּן דֶערְפַאר פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער ס"מ אַזוֹי שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ לָאזְן אַ אִיד זָאל מְקוּרָב וֶוערְן צוּם רֶבִּי'ן, עֶר וֶועט אַרוֹיסְלָאזְן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע לָשׁוֹן הָרַע'ס אוֹיפְן רֶבִּי'ן, צוּ דֶערְוַוייטֶערְן מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט וֶועלְן מְקוּרָב וֶוערְן צוּם רֶבִּי'ן. אָבֶּער וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל לָאזְט זִיךְ נִישְׁט פוּן אִים, אוּן קוּמְט יָא צוּם רֶבִּי'ן אוּן פְּרוּבִּירְט צוּ פָאלְגְן זַיינֶע עֵצוֹת, אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶעס גוּטְס. וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(אֲשֶׁר בַּנַּחַל לשה"ק חֵלֶק ס"ב, מִכְתָּב י"ב תרס"ה)

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**החתן אשר לעווי נ"י**

תלמיד ישיבתינו הק'

**וואס איז א חתן געווארן למז"ט עב"ג**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים, אמן.

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה אייזיק ווייס הי"ו**

תלמיד ישיבתינו הק'

**צו זיין שמחת החתונה למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד. דורות ישרים ומבורכים. אמן.

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## חסידי ברסלב זענען מתפלל להעביר את רוע הגזירה

אין די אוקריינישע פארלאמענט איז ארויפגעברענגט געווארן א פארשלאג צו פארלאנגען אן אפצאל פון הונדערט דאלער פער טאג פאר יעדן וואס וויל זיך משתטח זיין אויפן ציון הקדוש פונעם רבי'ן אין אומאן.

דאס איז א פרואוו פון די רעגירונג ארויס צו שלעפן געלט פון די צענדליגע טויזנטער אידן וואס קומען צו פארן יעדע יאר אויף ראש השנה צום ציון הקדוש, אזוי ווי דער רבי האט געבעטן אז מען זאל קומען צו אים אויף ראש השנה, און ער האט צוגעזאגט אז ווער עס וועט קומען צו זיין קבר און זאגן דארט די צעהן קאפיטלעך פון "תיקון הכללי" וועט ער אים ארויס שלעפן פון שאול תחתית. און דאס ווערט אויסגעפירט דורך שווערע צענדליגע טויזנטער אידן וואס קומען יעדעס יאר סיי אויף ראש השנה און סיי א גאנץ יאר צו פוקד זיין דעם ציון הקדוש.

זייער פלאן איז ארום צו נעמען די גאנצע שטח פונעם ציון הקודש מיט א צוים, און כדי צו קענען אריינגיין וועט מען מוזן קויפן א ספעציעלן מאגנעטישן קארטל וואס וועט ענטהאלטן אלע אינפארמאציע פונעם באניצער. און מען וועט דארפן צאל א סכום פון אכט הונדערט פופציג גריוונע פער טאג, וואס דאס קומט אויס בערך הונדערט אמעריקאנע דאלארן. און פאר די אידן וואס ווילן דארט אויף ראש השנה, וואס זענען געווענליך דארט אמווייניגסטנס פאר פינף טאג, וועט עס קאסטן פינף הונדערט דאלער.

עס איז לעכערליך זייער טענה אז זיי דארפן די אסטראנאמישע סכומים צו קענען צושטעלן זיכערהייט און געזונטהייט אויפן פלאץ, אין די צייט וואס מען דארף זיי שוין אלע יארן געבן אסאך געלט פאר די סערוויסעס וואס זיי שטעלן צו, און יעדעס יאר אין די טעג ארום ראש השנה ווערט צוגעשטעלט א מעדיקל קליניק דורך פראפעסניאלע דאקטורים פון ארץ ישראל, און מען דארף ב"ה נישט צוקומען צו די אוקריינישע שפיטעלער.

ביי חסידי ברסלב ליגט איינגעבאקן אין הארץ אז 'אין כוחינו אלא בפה', אונזער כח ליגט אין די מויל, נאר צו בעטן דעם אייבערשטן. ברסלבע חסידים איבער די גארער וועלט זענען מתפלל און בעטן דעם אייבערשטן אז די גזירה זאל נישט צושטאנד קומען.

**אין כוחינו אלא בפה!**

***

## הערליכע חתונה פון א תלמיד הישיבה

די וואך זונטאג איז פארגעקומען די חתונה פון א תלמיד הישיבה החתן מו"ה אייזיק ווייס הי"ו אין די זאל פון בית רחל פאראדייס אין

המשך בדף ג


## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!

וועכענטליכע גליונות * קונטרסים * ספרים

שנעל גוט און ביליג!

רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554

5554printing@gmail.com





**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א


**זמנים**

הדלקת הנרות......................4:55
סוף זמן קר"ש......................9:01
מוצש"ק..............................6:26

**שיעורים כסדרן**

בבלי..............................יומא ע"ח
ירושלמי..................סנהדרין ל"ח
תוספתא........עבודה זרה פרק ט'


פרשת תרומה, א' אדר א', שבת ראש חודש, שנת תשע"ד לפ"ק — שנה 3, גליון 21 (121)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה.** זָאגְט רַשִׁ"י, **לִי לִשְׁמִי.** מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן א') אַז דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס. דֶער יֵצֶר הָרַע וִויל נָאר מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן מְשׁוּגָע, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ג.) אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵרָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנַס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת, אוּן דִי עֵצָה דֶערְצוּ אִיז דִי תּוֹרָה. דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אִיז שֵׁמוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז מְשׁוּגָע גֶעבְּט מֶען אִים קַמֵיעוֹת אוּן שֵׁמוֹת, אַזוֹי אִיז דִי תּוֹרָה דִי קַמֵיעַ וָואס הֵיילְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי מְשׁוּגַעַת'ן וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע וִויל אִין אִים אַרַיינְבְּרֶענְגֶען, אוּן עֶס מַאכְט אִים פַאר אַ נָארְמַאלֶע מֶענְטְשׁ.

אוּן דֶערְפַאר זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן י"ט) אַז אֲפִילוּ דִי מֶענְטְשְׁן וָואס לִיגְן שׁוֹין אִין עֲבֵירוֹת, זֵיי זֶענֶען צוּגֶעוואוֹינְט צוּ טוּהן עֲבֵירוֹת, אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין תּוֹרָה יֶעדְן טָאג חֹק וְלֹא יַעֲבוֹר, וֶועט דִי תּוֹרָה זֵיי אַרוֹיס שְׁלֶעפְּן פוּן וואוּ זֵיי זֶענֶען, אוּן עֶס וֶועט זֵיי מַאכְן פַאר עֶרְלִיכֶע אִידְן.

אוּן דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס דֶער יֵצֶר הָרַע פַארְלֵייגְט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אַז מֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען, וַוייל עֶר וֵייסְט אַז אֵיינְמָאל אַ מֶענְטְשׁ וֶועט אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען תּוֹרָה אִיז עֶר פַארְטִיג, דִי תּוֹרָה וֶועט אַרוֹיס שְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיינֶע צֵיין אוּן נֶעגְל. אוּן דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין שְׁטַארְק אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פוּן אִים, נָאר יֶעדְן טָאג עֶפֶּענֶען אַ סֵפֶר אוּן לֶערְנֶען, אוּן אֲפִילוּ וֶוען מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט זָאל מֶען כָאטְשׁ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, אֲפִילוּ וֶוען מֶען זָאגְט בְּלוֹיז דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה הָאט עֶס אוֹיךְ דִי זֶעלְבֶּע גֶעוַואלְדִיגֶע כֹּחַ.

אֵייבִּיג וֶועט דֶער יֵצֶר הָרַע קוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע וֶועגְן צוּ שְׁטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן לֶערְנֶען, עֶר וֶועט אֵייבִּיג אוּנְטֶער רוּקְן אַנְדֶערֶע זַאכְן מִיט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זַיין פַארְנוּמֶען, דֶער עִיקָר אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען, אוּן עֶר וֶועט זִיךְ אֲפִילוּ פַארְשְׁטֶעלְן וִוי אַ צַדִּיק אוּן זֶעהְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל עוֹסֵק זַיין אִין אַנְדֶערֶע מִצְוֹת, נָאר נִישְׁט לֶערְנֶען. אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט וֶועט עֶר פְּרוּבִּירְן אִיבֶּער צוּ ווַייזְן פַארְן מֶענְטְשׁ אַז וֶוען מֶען זָאגְט בְּלוֹיז דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה הֵייסְט עֶס נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, נָאר אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט הֵייסְט עֶס גֶעלֶערְנְט. פוּן אוֹיבְן אוֹיף זֶעהְט אוֹיס וִוי עֶר וִויל גָאר אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל בֶּעסֶער לֶערְנֶען, עֶר זָאל בֶּעסֶער פַארְשְׁטֵיין. אָבֶּער דֶער יֵצֶר הָרַע וֵוייסְט אַז מִיט דֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט טְרַאכְטְן אַז זָאגְן אַלֵיין הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, וֶועט עֶר צוּם סוֹף

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

### ~ מִשֶּׁנִּכְנַס אָדָר ~

וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אָדָר, הֵייבְּט מֶען שׁוֹין אָן צוּ שְׁפִּירְן דִי לִיכְטִיגְקַייט פוּן יוֹם טוֹב פּוּרִים, אִין יְרוּשַׁלְמִי (רֵישׁ מַסֶּכֶת מְגִילָּה) וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט, אַז אִין גַאנְץ חוֹדֶשׁ אָדָר קֶען מֶען לֵיינֶען דִי מְגִילָּה, אוּן אַזוֹי וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (או"ח תרפ"ח, ז') אַז וֶוער עֶס פָּארְט אַרוֹיס אוֹיף אַ וַוייטֶע וֶועג אוּן עֶר קֶען נִישְׁט ווַארְטְן בִּיז פּוּרִים, אוּן עֶר קֶען נִישְׁט מִיטְנֶעמֶען אַ מְגִילָּה, קֶען עֶר שׁוֹין לֵיינֶען דִי מְגִילָּה פוּן אָנְהוֹיבּ חוֹדֶשׁ אָדָר. זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז גְלַייךְ אִין אָנְהוֹיבּ חוֹדֶשׁ אָדָר, אִיז שׁוֹין דָא דִי לִיכְטִיגְקַייט פוּן פּוּרִים.

דֶערְפַאר זָאגְן דִי חֲזַ"ל (תַּעֲנִית כ"ו:) "מִשֶּׁנִּכְנַס אָדָר מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה", גְלַייךְ וֶוען מֶען טְרֶעט אַרַיין אִין חֹדֶשׁ אָדָר דַארְף מֶען פַארְמֶערְן צוּ זַיין פְרֵייליךְ, אוּן חֲזַ"ל זֶענֶען מְדַיֵיק "מַרְבִּין" - מֶען דַארְף "פַארְמֶערְן" מִיט שִׂמְחָה, וַוייל בֶּאֱמֶת הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי גֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ד) מִצְוָה גְדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה "תָּמִיד", אַ גַאנְץ יָאר דַארְף מֶען אוֹיךְ זַיין פְרֵייליךְ. נָאר חוֹדֶשׁ אָדָר דַארְף מֶען נָאךְ מֶער פַארְמֶערְן צוּ זַיין פְרֵייליךְ, אוּן טוּהן אַלֶעס וָואס מֶען קֶען צוּ זַיין פְרֵייליךְ.

### מִשֶּׁנִּכְנַס אָדָר מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה

דֶערְפַאר פִּירְט מֶען זִיךְ אַז וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אָדָר, הֶענְגְט מֶען אוֹיף גְרוֹיסֶע טָאוְולֶען "מִשֶּׁנִּכְנַס אָדָר מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה", צוּ דֶערְמַאנֶען פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַז מֶען זָאל גֶעדֶענְקְן צוּ זַיין זֵייעֶר פְרֵייליךְ, אוּן צוּ טוּהן אַלֶע פְּעוּלוֹת צוּ זַיין פְרֵייליךְ. אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען אִיז פְרֵייליךְ דֶעם חוֹדֶשׁ, אִיז מֶען מַמְשִׁיךְ אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת וָואס קוּמְט אַרָאפּ אִין דִי טֶעג.

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

אײַנגאַנצן אױפֿהערן צו לערנען, װײַל נישט אײביג קען מען פֿאַרשטײן, און נישט אײביג האט מען די געדולד צו פֿאַרשטײן.

דאס זאגט דער פסוק, **וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה**, זאגט דער בעל הטורים אז **תְּרוּמָה** איז די אותיות "**תּוֹרָה מ**", די תורה וואס דער אײבערשטער האט געגעבן אין פערציג טעג. די תורה דארף די אידן נעמען, און דאס וועט זײ דערנענטערן צום אײבערשטן. און רש"י זאגט, **לִי לִשְׁמִי**, די תורה איז פיל מיט שמות פונעם אײבערשטן, דאס איז די רפואה אנטקעגן דעם יצר הרע וואס וויל משוגע מאכן דעם מענטש. אבער עס דארף זײַן, **מֵאֵת כָּל אִישׁ אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ**, דער מענטש דארף זיך אװעק געבן זײַן הארץ, ער דארף שטארקן זײַן הארץ זיך צו קענען ארויס דרייען פון די אלע דריידלעך מיט וואס דער יצר הרע וויל אים פארדרייען א קאפ אז ער זאל נישט לערנען תורה.

ווען א מענטש וועט דאס טוהן, וועט ער מיט דעם בויען א משכן בײַ זיך אין הארץ, דער אײבערשטער וועט וואוינען בײַ אים אין הארץ שטענדיג.

(תוך הנחל ליל שב"ק תרומה תשס"ט לפ"ק)

***

**וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה** - זײ זאלן נעמען פאר מיר א תרומה. לכאורה וואלט געדארפט שטײן אין פסוק, "**וְיִתְּנוּ**" **לִי תְּרוּמָה** - די אידן זאלן "**געבן**" תרומה, פארוואס שטײט "**וְיִקְחוּ**"?

מוהרא"ש שליט"א איז דאס מסביר לויט ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סימן קט"ז) אז ווען א איד געבט צדקה ווערט ער דורך דעם ניצול פון עבירות, ווײַל די גמרא זאגט (שבת קנ"א:) **כָּל הַמְרַחֵם עַל הַבְּרִיּוֹת מְרַחֲמִין עָלָיו מִן הַשָּׁמַיִם**, ווער עס האט רחמנות אויף מענטשן האט מען אויף אים רחמנות פון הימל, קומט אויס אז דער וואס געבט צדקה האט דער אײבערשטער רחמנות אויף אים, און דעמאלט'ס מוז דער אײבערשטער אים געבן שכל ווײַל די גמרא זאגט (ברכות לג) אז אויף א שוטה טאר מען נישט רחמנות האבן, און דערפאר ווערט מען ניצל פון עבירות ווײַל אן עבירה טוט מען נאר ווען מען האט נישט קיין שכל (סוטה ג.).

און דערפאר יעצט ווען די אידן האבן געגעבן צדקה פארן משכן, שטײט **וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה** - זײ האבן גענומען, ווײַל מיט דעם וואס זײ האבן געגעבן צדקה האבן זײ גענומען דעם אײבערשטן ער זאל רחמנות האבן אויף זײ, און דורך דעם וועלן זײ נישט טוהן קיין עבירות.

(תוך הנחל ליל שב"ק תרומה תשס"ג לפ"ק)

***

**וְעָשִׂיתָ שְׁנַיִם כְּרוּבִים זָהָב**, זאגט אויף דעם רש"י: **כְּרוּבִים - דְּמוּת פַּרְצוּף תִּינוֹק לָהֶם**, די כרובים אויפ'ן ארון האבן געהאט א פנים פון א קינד, ווידער געפינען מיר אויפן פסוק (בראשית ג, כד) **וַיַּשְׁכֵּן מִקֶּדֶם לְגַן עֵדֶן אֶת הַכְּרוּבִים**, זאגט אויף דעם רש"י: **אֶת הַכְּרוּבִים - מַלְאֲכֵי חַבָּלָה**.

לכאורה איז עס א סתירה, דא טײַטשט רש"י אז כרובים מײנט א קינד און דא טײַטשט רש"י אז כרובים מײנט מלאכי חבלה?

זאגט מוהרא"ש שליט"א אז עס איז בכלל נישט קיין סתירה, בײדע רעדט מען פונעם זעלבן קינד, נאר אויב די כרובים ליגן אויפן כפרת העכער דעם ארון, וואס דאס איז די תורה, דאס מײנט, אז מען לערנט אויס פארן קינד זיך צו צוגעוואוינען צו לערנען די הײליגע תורה, דעמאלטס האט ער א פנים ווי אן אײדל ערליך קינד.

ווידער דער זעלבער קינד אויב לערנט ער נישט קיין תורה, ער איז נישט אויפ'ן ארון, ווערט ער א מלאכי חבלה, ער וויל נאר צוברעכן און שעדיגן זאכן.

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

די גמרא זאגט (ביצה ט"ו:) "הָרוֹצֶה שֶׁיִּתְקַיְּמוּ נְכָסָיו יִטַּע בָּהֶן אֶדֶר, שֶׁנֶּאֱמַר אַדִּיר בַּמָּרוֹם ה'", בפשטות מײנט עס אז ווער עס וויל אז זײַנע פעלדער זאלן גוט וואקסן, זאל אײַנפלאנצן א געוויסע גראז וואס הײסט "אדר". אבער דאס איז אויך מרמז דאס וואס דער רבי זאגט (ספר המדות, שמחה, ח"ב, א) "מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ", ווער עס איז שטענדיג פרײליך וועט מצליח זײַן אין אלעס. און דערפאר זאגן די חז"ל "הָרוֹצֶה שֶׁיִּתְקַיְּמוּ נְכָסָיו" - ווען אײנער וויל מצליח זײַן ברוחניות ובגשמיות, "יִטַּע בָּהֶן אֶדֶר" - זאל ער בײַ זיך אײַנפלאנצן די מדת השמחה פון חודש אדר, און די שמחה וועט אים באגלײטן און העלפן אז ער זאל שטענדיג מצליח זײַן.

## ווי אזוי קען מען וויסן<br>אויב מען איז פרײליך?

ווי אזוי קען א מענטש וויסן אויב ער איז טאקע פרײליך? ווען די שמחה גיסט זיך איבער, און מען מאכט פרײליך אויך אנדערע אידן, דעמאלט ווײסט מען אז מען איז באמת פרײליך.

און דערפאר זעהט מען אז די מצות פון חודש אדר זענען פיל מיט צדקה וחסד, ווײַל ווען א מענטש איז פרײליך וועט ער טוהן צדקה וחסד מיט אנדערע, צו מאכן פרײליך אנדערע אידן אויך.

עס הײבט זיך אן מיט שבת שקלים, וואס מען רופט שוין אויס צו געבן שקלים, צו געבן צדקה, און דערנאך ערב פורים פירט מען זיך צו געבן מחצית השקל פאר צדקה, און דערנאך פורים אלײן איז דאך פיל נאר מיט צדקה וחסד, משלוח מנות, מתנות לאביונים, סעודת פורים מיט די משפחה און פרײנד, און אויך פון פורים וואס איז דרײַסיג טעג פאר דער יום טוב פסח, הײבט מען שוין צוזאם נעמען קמחא דפסחא פאר ארימעלײַט אויף פסח, קומט אויס אז גאנץ חודש אדר איז פארבינדען מיט צדקה וחסד. ווײַל ווען א מענטש איז פרײליך, וויל ער אויך מאכן פרײליך אנדערע מיט צדקה וחסד.

## תְּשׁוּבָה מִיט שִׂמְחָה

אזוי ווי חדש אלול איז א חודש וואס מען טוט תשובה מיראה, מען האט מורא פונעם יום הדין ראש השנה, און מען גרײט זיך צו א גאנצע חודש מיט תשובה און מעשים טובים צו קענען זוכה זײַן בדין, דער אײבערשטער זאל אנשרײַבן ראש השנה א גוט געבענטשט יאר.

אזוי אויך איז דער חודש אדר א חודש וואס מען טוט תשובה, אבער יעצט איז עס תשובה מאהבה און מיט שמחה, און מיט דעם גרײט מען זיך צו צום חודש ניסן וואס איז דער חודש הגאולה, בניסן עתידין להגאל, און מיט די שמחה פון דעם חודש קען מען פארעכטן אלעס וואס מען איז נישט געווען גענוג פרײליך א גאנץ יאר.

המשך בדף ד

# שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים

## דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ בֶּעטְן

ר׳ נַפְתָּלִי, אַ תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי׳ן, הָאט גֶעהַאט אַ זוּהן וָואס אִיז לַיידֶער אַוֶועק פוּן אִידִישְׁן וֶועג, ר׳ נַפְתָּלִי הָאט זִיךְ זֵייעֶר מְצַעֵר גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם אוּן עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער זוּהן זָאל שְׁטַארְבְּן, אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען.

וֶוען ר׳ נָתָן הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען דֶערוֹיף, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ עֶר הָאט שׁוֹין יָא אַ כֹּחַ פוּן תְּפִלָּה, אַז עֶר קֶען פּוֹעֵל׳ן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן זַאכְן, וָואלְט עֶר שׁוֹין עֶנְדֶערְשׁ גֶעדַארְפְט בֶּעטְן אַז זַיין זוּהן זָאל תְּשׁוּבָה טוּהן.

דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה פַאר יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם אִיז נָאר צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען מֶען הָאט אַזַא צָרָה מִיט אַ קִינְד וָואס פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אִיז אוֹיךְ נָאר דָאס דִי וֶועג צוּ בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער קִינְד זָאל זִיךְ צוּרִיק כַאפְּן אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

(אֲשֶׁר בַּנַּחַל לשה״ק, חֵלֶק ס״ב, מִכְתָּב י״ב תשכ״ד)

***

## בָּרוּךְ ה׳ • חַסְדֵי ה׳ • אִם יִרְצֶה ה׳

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע פַאר עֶר אִיז נִתְגַלֶה גֶעוָוארְן, פְלֶעגְט עֶר אַסַאךְ אַרוּם פָארְן אִין שְׁטֶעט אוּן דֶערְפֶער, עֶר פְלֶעגְט זִיךְ דְרֵייעֶן צְוִוישְׁן דֶעם הֲמוֹן עַם, צְוִוישְׁן דִי פָּשׁוּטֶע אִידְן, אוּן עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ שְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי.

עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט אֵיינֶעם: "וָואס מַאכְסְטוּ?" אוּן יֶענֶער הָאט גֶעזָאגְט: "בָּרוּךְ ה׳". "וִוי אַזוֹי פִילְן דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער?", "גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער". "וִוי אַזוֹי זֶענֶען דִי קִיעֶן, זֵיי גֶעבְּן גֶענוּג מִילְךְ?", "חַסְדֵי ה׳, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּרֶעדְן". אוּן אַזוֹי וַוייטֶער פְלֶעגְט עֶר שְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי אִין אַלֶע עִנְיָנִים, אוּן אַלֶעס מִיטְן צִיהל אַרוֹיס צוּ קְוֶועטְשְׁן פוּן זֵיי דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, אַז זֵיי זָאלְן רֶעדְן אוּן דֶערְמַאנֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן מ״ד) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים פט, ב) אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי, אַז אֱמוּנָה וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם מוֹיל פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, וֶוען מֶען רֶעדְט אַסַאךְ פוּן אֱמוּנָה, דַאן גֵייט עֶס אַרַיין אִין דִי בֵּיינֶער אוּן מֶען בַּאקוּמְט טַאקֶע אַן אֱמֶת׳ֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען שְׁטֶענְדִיג צוּ רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁטֶענְדִיג צוּ דֶערְמַאנֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ זָאגְן "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן", "אִם יִרְצֶה ה׳", "בָּרוּךְ ה׳", "חַסְדֵי ה׳". אוּן מִיט דֶעם בְּרֶענְגְט מֶען אַרַיין אֱמוּנָה אִין זִיךְ אוּן אִין אַלֶע אַרוּמִיגֶע.

(אֲשֶׁר בַּנַּחַל לשה״ק, חֵלֶק ס״ב, מִכְתָּב י״ב תשמ״א)

## אַ שִׁידוּךְ אִיז פוּן הִימְל

מֶען דֶערְצֵיילְט נָאךְ דָאס דֶער גְרוֹיסֶער גָאוֹן דֶער רַשַׁ״שׁ (רֶבִּי שְׁמוּאֵל שְׁטְרַאשׁוּן זצ״ל) וִוי בַּאוִויסְט הָאט עֶר גֶעמַאכְט דִי הַגָהוֹת אוֹיף גַאנְץ שַׁ״ס פַארְרֶעכְטְן דִי גְרַייזְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי כְּתָבֵי יָדוֹת, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער גָאוֹן אוּן שְׁטֶענְדִיג אִיז עֶר גֶעזֶעצְן אוּן גֶעלֶערְנְט, עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט אַ גְמַ״ח וָואס עֶר פְלֶעגְט פַארְבָּארְגְן גֶעלְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסְן בּוּךְ וָואס עֶר הָאט פַארְשְׁרִיבְּן יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעבָּארְגְט גֶעלְט אוּן וֶוער ס׳הָאט אָפְּגֶעצָאלְט דִי גֶעלְט.

אֵיינְמָאל אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִיהְם אַן עוֹשֶׁר בָּארְגְן גֶעלְט, עֶר הָאט גֶעוָואלְט פַארְגְרֶעסֶערְן זַיין גֶעשֶׁעפְט, אוּן עֶר הָאט אַרַיינְגֶעשְׁרִיבְּן זַיין נָאמֶען אַז עֶר הָאט גֶעבָּארְגְט, עֶס אִיז דוּרְךְ אַ שְׁטִיק צַייט דֶער גְבִיר אִיז גֶעקוּמֶען אָפְּצוּגֶעבְּן זַיין חוֹב, אַזוֹי וִוי דֶער רַשַׁ״שׁ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פַארְטִיפְט אִין לֶערְנֶען הָאט עֶר גֶענוּמֶען דָאס קָאנְוֶוערְט (עֶנְוֶועלָאפּ) מִיט דִי גֶעלְט אוּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אַ גְמָרָא וָואס אִיז גֶעלֶעגְן אָפֶען אוֹיפְן טִישׁ, אוּן עֶר הָאט אַוַודַאי פַארְגֶעסְן אַרַיינְצוּשְׁרַייבְּן דֶעם נָאמֶען פוּן דֶעם גְבִיר אַז עֶר הָאט אָפְּגֶעצָאלְט זַיין חוֹב, עֶס אִיז דוּרְךְ אַ שְׁטִיק צַייט אוּן דֶער רַשַׁ״שׁ קוּקְט אִיבֶּער זַיין בּוּךְ אוּן עֶר זֶעהְט אַז דֶער גְבִיר הָאט נָאכְנִישְׁט אָפְּגֶעגֶעבְּן דִי גֶעלְט, הָאט עֶר אִיהְם גֶעשִׁיקְט רוּפְן אוּן עֶר הָאט אִיהְם פָארְגֶעהַאלְטְן פַארְוָואס עֶר צָאלְט נִישְׁט אָפּ זַיין חוֹב? אוּן דֶער גְבִיר טַעֲנֶה׳ט אִיךְ הָאבּ בַּאצָאלְט, אוּן דֶער רַשַׁ״שׁ זָאגְט אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַרַיינְגֶעשְׁרִיבְּן, אִיז אַ סִימָן אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט בַּאצָאלְט, אוּן עֶר הָאט אִיהְם אַוַודַאי גֶערוּפְן צוּ דִין תּוֹרָה, אוּן בֵּית דִין הָאט גֶעפַּסְקֶ׳נְט אַז עֶר דַארְף שְׁוֶוערְן, וַוייל עֶר הָאט גֶעטַעֲנֶה׳ט עֶר הָאט בַּאצָאלְט, אָבֶּער אַזוֹי וִוי דֶער גְבִיר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט שְׁוֶוערְן הָאט עֶר לְחֶרְפָּתֵינוּ גֶעמוּזְט נָאכְאַמָאל בַּאצָאלְן.

דֶערְוַוייל אִיז גֶעוָוארְן אַ רַעַשׁ אִין שְׁטָאט אַז דֶער גְבִיר אִיז אַ גַנָב, עֶר הָאט גֶעוָואלְט גַנְבֶ׳נֶען גֶעלְט פוּן דֶעם גְרוֹיסְן גָאוֹן דֶער רַשַׁ״שׁ אוּן עֶר הָאט לִיגְנְט גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט שׁוֹין בַּאצָאלְט, אוּן דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט הָאבְּן אִיהְם פָּשׁוּט מְנַדֶה גֶעוֶוען, אוּן דֶערְוַוייטֶערְט זִיךְ פוּן אִיהְם, אַזַא זַאךְ טוּהְן אָפְּנַארְן דֶעם גְרוֹיסְן גָאוֹן אוּן צַדִיק וְכוּ׳, אוּן צוּבִּיסְלִיךְ אִיז דֶער גְבִיר צוּגְרִינְד גֶעגַאנְגֶען וָוארוּם קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מֶער מִיט אִיהְם הַאנְדְלֶען, בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער אָרֶעמַאן, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ זוּהְן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַ שִׁידוּךְ טוּהְן מִיט אִיהְם, וָוארוּם קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט אַ גַנָב וְכוּ׳, מֶען הָאט אִיהְם פָּשׁוּט צוּגְרִינְד גֶעלֵייגְט.

וַיְהִי הַיּוֹם הָאט דֶער רַשַׁ״שׁ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אַ גְמָרָא אוּן עֶר עֶפְנְט אוֹיף, אוּן טְרֶעפְט דָארְטְן דֶעם קָאנְוֶוערְט (עֶנְוֶועלָאפּ) מִיט דִי גֶעלְט אִין דִי גְמָרָא, הָאט עֶר זִיךְ גְלַייךְ גֶעכַאפְּט וָואס עֶר הָאט דָא גֶעטוּהְן, עֶר הָאט אוּמְזוּנְסְט פַארְשֶׁעמְט אוּן מְבַזֶה גֶעוֶוען אַ אוּמְשׁוּלְדִיג מֶענְטְשׁ, הָאט עֶר אִיהְם שְׁנֶעל גֶעלָאזְט רוּפְן אוּן אִיהְם אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן אַז עֶס אִיז זַיין טָעוּת, אָבֶּער דֶער גֶעוֶועזֶענֶער גְבִיר הָאט גֶעטַעֲנֶה׳ט מַיין נָאמֶען אִיז שׁוֹין פַארְשְׁמִיצְט אוּן קֵיינֶער גְלֵייבְּט שׁוֹין נִישְׁט אַז אִיךְ בִּין אוּמְשׁוּלְדִיג, הָאט דֶער רַשַׁ״שׁ גֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט צוּזַאמְרוּפְן דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט אוּן עֶר וֶועט זָאגְן אַ דְרָשָׁה אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט וֶועט עֶר אִיהְם אִיבֶּערְבֶּעטְן, אוּן עֶר הָאט אַזוֹי גֶעטוּהְן, אָבֶּער דִי שְׁטָאטְ׳ס לַייט הָאבְּן אִיהְם שׁוֹין נִישְׁט גֶעוָואלְט גְלֵייבְּן, זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט דֶער רָב הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אִיהְם, דֶערְפַאר בֶּעהְט עֶר אִיהְם אִיבֶּער, אָבֶּער דֶער אֱמֶתְ׳ן אַרַיין אִיז עֶר אַ גַנָב, אוּן עֶס הָאט נִישְׁט גֶענִיצְט אַרָאפְּצוּנֶעמֶען דֶעם פְלֶעק פוּן אִיהְם.

הָאט זִיךְ דֶער רַשַׁ״שׁ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ אַ טָאכְטֶער אוּן דֶער גֶעוֶועזֶענֶער גְבִיר הָאט אַ זוּהְן אוּן קֶען נִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ טוּהְן מִיט אִיהְם וַוייל עֶר הָאט אַ שְׁלֶעכְטְן נָאמֶען אַז עֶר אִיז אַ גַנָב וְכוּ׳, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעטְרָאגְן פַאר דֶעם גֶעוֶועזֶענֶעם גְבִיר, אִיךְ וִויל זִיךְ מִיט אַייךְ מְשַׁדֵךְ זַיין, אַזוֹי וֶועט זִיכֶער דֶער שְׁלֶעכְטֶער נָאמֶען אַרָאפְּגֵיין, וָוארוּם אַז אִיךְ בִּין זִיךְ מְשַׁדֵךְ מִיט אַייךְ אִיז אַ סִימָן אַז סְ׳אִיז מַיין טָעוּת גֶעוֶוען, אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער חֲתוּנָה דֶער גַאנְצֶער שְׁטָאט אִיז גֶעקוּמֶען אוּן דֶער רָב הָאט זִיךְ אַנְטְשׁוּלְדִיגְט אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען זַיין טָעוּת, אוּן דִי שְׁטָאטְ׳ס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעגְלֵייבְּט, אוּן עֶר הָאט צוּרִיק בַּאקוּמֶען זַיין עֶרְלִיכְן נָאמֶען, אוּן עֶר אִיז צוּרִיק גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער גְבִיר.

הָאט מֶען דֶעמָאלְט גֶעשְׁמוּעֶסְט דָאס אִיז גֶעוֶוען שׁוֹין אַ אָפְּגֶעמַאכְטְן שִׁידוּךְ פוּן פְרִיעֶר, וָוארוּם (סוֹטָה ב.) אַרְבָּעִים יוֹם קוֹדֶם יְצִירַת הַוָּלָד בַּת קוֹל יוֹצֵאת וְאוֹמֶרֶת בַּת פְּלוֹנִי לִפְלוֹנִי; נָאר עֶס וָואלְט קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּשְׁטַאנְד גֶעקוּמֶען דֶער שִׁידוּךְ, אַזַא גְרוֹיסֶער גָאוֹן וִוי דֶער רַשַׁ״שׁ זָאל זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט אַ פָּשׁוּטְ׳ן סוֹחֵר, אֲפִילוּ עֶר אִיז אַ גְבִיר, אָבֶּער עֶס פַּאסְט נִישְׁט, הָאט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים גֶעפִירְט דֶעם וֶועג בִּיז עֶס אִיז אוֹיסְגֶעפִירְט גֶעוָוארְן דֶער שִׁידוּךְ, אוּן עֶס אִיז מְקוּיָם גֶעוָוארְן וָואס דִי חֲזַ״ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה ס״ח סִימָן ד׳) הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יוֹשֵׁב וְעוֹשֶׂה סוּלָמוֹת מַשְׁפִּיל לָזֶה וּמֵרִים לָזֶה וּמוֹרִיד לָזֶה וּמַעֲלָה לָזֶה הֱוֵי אוֹמֵר (תְּהִלִּים עה) "אֱלֹהִים שֹׁפֵט זֶה יַשְׁפִּיל וְזֶה יָרִים". זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם בַּאשֵׁיינְפֶּערְלִיךְ וִוי אַ שִׁידוּךְ אִיז פוּן הִימְל.

(אֲשֶׁר בַּנַּחַל אִידִישׁ חֵלֶק ה׳ מִכְתָּב תרי״ד)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

המשך

דֶער רֶבִּי זָאגְט (הַשְׁמָטוֹת לְחַיֵּי מוֹהֲרַ"ן) אַז אָדָר אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן ר'אשׁ דְ'בָרְךָ אֱ'מֶת. קֶען זַיין דֶער פְּשַׁט לוֹיט וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (קִידוּשִׁין ל"א.) אוֹיף דֶעם פָּסוּק רֹאשׁ דְּבָרְךָ אֱמֶת, פְרֶעגְט אוֹיף דֶעם דִי גְמָרָא "רֹאשׁ דְּבָרְךָ וְלֹא סוֹף דְּבָרְךָ?" - נָאר דִי אָנְפַאנְג וֶוערְטֶער זֶענֶען אֱמֶת, אוּן דִי סוֹף נִישְׁט? זָאגְט דִי גְמָרָא "אֶלָּא מִסּוֹף דְּבָרְךָ נִיכָּר שֶׁרֹאשׁ דְּבָרְךָ אֱמֶת", פוּנֶעם סוֹף זֶעהט מֶען אַז דִי אָנְפַאנְג אִיז אוֹיךְ אֱמֶת.

דָאס קֶען זַיין אִיז דֶער רֶבִּי מְרַמֵז, אָדָר אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת ר'אשׁ דְ'בָרְךָ אֱ'מֶת, אַז חוֹדֶשׁ אָדָר וָואס אִיז דֶער לֶעצְטֶער חוֹדֶשׁ פוּנֶעם סֵדֶר הַחֳדָשִׁים, וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אִין דֶעם חוֹדֶשׁ, אִיז מֶען מִיט דֶעם מְתַקֵן דִי אַלֶע חֳדָשִׁים וָואס מֶען אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ, וַוייל פוּן דֶעם לֶעצְטְן חוֹדֶשׁ, וֶוען מֶען אִיז דֶעמָאלְט פְרֵיילִיךְ, וַוייזְט מֶען מִיט דֶעם אַז מֶען הָאט בֶּאֱמֶת גֶעוָואלְט זַיין פְרֵיילִיךְ אוֹיךְ אַ גַאנְץ יָאר, אוּן עֶס וֶוערְט גֶערֶעכְנְט וִוי מֶען וָואלְט גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר.

אוּן וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה, זָאגְט דִי גְמָרָא (יוֹמָא פ"ו:) אַז דַאן וֶוערְן אַלֶע עֲבֵירוֹת אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אוֹיף מִצְוֹת. אוּן דֶערְפַאר וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אָדָר אוּן מֶען טוּט תְּשׁוּבָה בְּשִׂמְחָה וֶוערְט מְקוּיָם ר'אשׁ דְ'בָרְךָ אֱ'מֶת, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט, אַז פוּן סוֹף יָאר וֶוערְט דִי גַאנְצֶע יָאר אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּם גוּטְן, אַלֶע עֲבֵירוֹת וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּ מִצְוֹת.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז פְרֵיילִיךְ אִין חוֹדֶשׁ אָדָר, וֶועט עֶר זִיכֶער הָאבְּן אַלֶעס גוּטְס.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ, חֹדֶשׁ אָדָר)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## די אפצאל פארלאנג פון די משתטחים אויפן ציון הק' אפגערופן ב"ה

ווי געמאלן דא פארגאנגענע וואך איז ארויפגעברענגט געווארן אין די אוקריינישע פארלאמענט א פארשלאג צו מאכן א גזירה אז יעדער וואס וויל זיך משתטח זיין על ציון הק' פון רבי'ן אין אומאן, זאל מוזן באצאלן בערך הונדערט דאלער פאר יעדן טאג. און דאס האט אויפגעברענגט זארג פאר די צענדליגע טויזנטער אידן וואס קומען צום ציון הק' במשך די יאר, ובפרט אויף ראש השנה, אז עס וועט צוקומען נאך א שווערע אפצאל פון עטליכע הונדערט דאלער יעדעס יאר.

תפלות ישראל עושה רושם, נאכדעם וואס כלל ישראל בכלל און חסידי ברסלב בפרט האבן איינגעריסן און געבעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל מבטל זיין די גזירה, קומט יעצט אריין די גוטע נייעס אז דער פארלאמענט מיטגליד וואס האט ארויפגעברענגט די פארשלאג האט צוריק געצויגן, און מבטל געווען די גאנצע זאך.

אידן איבער דער גארער וועלט דאנקן דעם אייבערשטן אויף זיינע חסדים, און בעטן אויף ווייטער. עד הנה עזרונו רחמיך ולא עזבונו חסדיך, ואל תטשני ה' אלוקינו לנצח.

**כי אתה שומע תפלת כל פה!**

***

## אסיפת הורים פארגעקומען די וואך אין תלמוד תורה

די וואך זונטאג איז פארגעקומען די יערליכע אסיפת הורים, ווען די עלטערן זענען זיך צוזאם געקומען מיט די מלמדים ומחנכים איבערצוגיין און איבערצושמועסן די פארשריט פון די טייערע קינדער.

נאכדעם וואס די עלטערן האבן זיך איבער געשמועסט מיט די מלמדים פאר א לענגערע צייט, האט דער חשובער מנהל שליט"א געהאלטן א דרשה פאר די עלטערן, איבער די וויכטיגקייט פון די צוזאמען-ארבעט פון די עלטערן און מחנכים. דערנאך האט מען געהערט טייערע דיבורים פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס האט ארום גערעדט איבער וויכטיגע נושאים אין חינוך, די קינדער זענען די שווארץ-אפפעל פון אויג, און וויפיל מען אינוועסטירט אין די חינוך פון די קינדער, שניידט מען דערנאך די פירות, און מען שעפט פילע הויפענעס נחת.

די עלטערן האבן אויסגעדרוקט גרויס צופרידנהייט פון די אסיפה וואס איז ב"ה געקרוינט געווארן מיט גרויס סוקסעס.

**אז נדברו יראי ה' איש אל רעהו!**


## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה מרדכי הערצוג הי"ו**

תלמיד ישיבתינו הק'

**צו זיין שמחת החתונה למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים, אמן.

**עלי' לתורה בביהמ"ד נייטרא וויליאמסבורג**

**161 Rodney St.**

*

**החתונה זונטאג נאכט באולם פרדס צבי, וויליאמסבורג**

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה יעקב יוסף לונגער הי"ו**

תלמיד ישיבתינו הק'

**צו זיין שמחת החתונה למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים, אמן.

**עלי' לתורה בביהמ"ד היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג**

**27 Skillman St.**

*

**החתונה דינסטאג נאכט באולם אור החיים וויזניץ, מאנסי**

## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!

ווענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים

שנעל גוט און ביליג!

**רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554**

**5554printing@gmail.com**





**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

ווענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת תצוה, ח' אדר א', שנת תשע"ד לפ"ק

שנה 3, גליון 22 (122)

**זמנים**

הדלקת הנרות.....................5:03

סוף זמן קר"ש......................8:58

מוצש"ק...............................6:35

**שיעורים כסדרן**

בבלי.............................סוכה ה'

ירושלמי..................סנהדרין נ"ב

תוספתא.............מנחות פרק ב'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְנָשָּׂא אַהֲרֹן אֶת שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל עַל לִבּוֹ**, אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל, זָאל טְרָאגְן דֶעם חוֹשֶׁן אוֹיפְן הַארְץ שְׁטֶענְדִיג.

דֶער הֵיילִיגֶער **תּוֹלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף** זי"ע בְּרֶענְגְט פוּן **בַּעַל שֵׁם טוֹב** זי"ע, אַז יֶעדֶע זַאךְ פוּן דִי תּוֹרָה, גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יֶעדְן אִיד, אִין יֶעדְן דוֹר, לוֹיט זַיין מַצָּב. דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען נִיצְן דִי מִצְוָה פוּנֶעם חֹשֶׁן?

מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו') אַז יֶעדֶער אִיד אִיז וִוי אַ דִימַאנְט שְׁטֵיין אִינֶעם קְרוֹין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס טוּט אוּנְז דֶער חֹשֶׁן וַוייזְן, יֶעדֶער שֵׁבֶט הָאט אַן אַנְדֶער שְׁטֵיין, מִיט אַן אַנְדֶער קָאלִיר, דָאס וַוייזְט אוּנְז אַז יֶעדֶער אִיד הָאט זַיךְ זַיינֶע נְקוּדוֹת וָואס עֶר קֶען טוּהן. יֶעדֶער דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגְנְאַרְטִיגְן וֶועג, מֶען קֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵייטְן. דֶערְפַאר טָאר מֶען נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן, וֶוען מֶען זֶעהט אַז אַ צְוֵוייטֶער קֶען טוּהן זַאכְן וָואס דוּ קֶענְסְט נִישְׁט טוּהן, וַוייל דוּ קֶענְסְט טוּהן אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס יֶענֶער קֶען נִישְׁט טוּהן.

אָבֶער דִי אַלֶע שְׁטֵיינֶער מוּזְן לִיגְן אוֹיפְ'ן הַארְץ פוּן צַדִיק דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל. יֶעדֶער אִיד מוּז גֵיין צוּ אַ צַדִיק, וָואס זָאל אִים וַוייזְן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִין לֶעבְן, וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אִיז דֶער שְׁלֵימוּת פוּן אַ צַדִיק וֶוען עֶר טְרָאגְט דִי אִידְן אוֹיף זַיין הַארְץ, עֶר הָאט זֵיי אִינְזִין, עֶר זָארְגְט זִיךְ פַאר זֵיי, אוּן לֶערְנְט זֵיי אוֹיס דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִינֶעם חֹשֶׁן אִיז גֶעלִיגְן דִי **"אוּרִים וְתוּמִים"**, דֶער צַדִיק שַׁיינְט אַרַיין דֶעם **"אוֹר"** פוּן **"תְּמִימוּת"**, צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אַרַיינְצוּכַאפְּן וִוי מֶער מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים פָּשׁוּט'עֶרְהֵייט וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶם גֶעהֵייסְן.

דֶער חֹשֶׁן הָאט אוֹיךְ גֶעהֵייסְן **"חֹשֶׁן הַמִּשְׁפָּט"**, דָאס אִיז פוּן דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאכְן וָואס דֶער צַדִיק לֶערְנְט אוֹיס, אַז יֶעדֶער זָאל זִיךְ אַלֵיין מִשְׁפָּט'ן. יֶעדְן טָאג זָאל מֶען אַרָאפּ'גַנְבְ'עֶנֶען אַ מִינוּט צְוֵויי, אוּן זִיךְ אַדוּרְכְ'רֶעדְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"בַּאשֶׁעפֶּער, וָואס טוּה אִיךְ דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט? אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר,**

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

### ~ מְחַנֵךְ זַיין קִינְדֶער ~

חִינוּךְ אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער אוּן וִויכְטִיגְסְטֶער יְסוֹד פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל. וֶוען מֶען אִיז מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער אוֹיפְן עֶרְלִיכְן וֶועג, דַאן וֶועלְן זֵיי אַזוֹי בְּלַייבְּן זַייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כב ו) חֲנֹךְ לַנַּעַר עַל פִּי דַרְכּוֹ גַּם כִּי יַזְקִין לֹא יָסוּר מִמֶּנָּה, אוֹיבּ מֶען אִיז מְחַנֵךְ דֶעם קִינְד אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג, דַאן וֶועט עֶר בְּלַייבְּן אַזוֹי אוֹיךְ אוֹיף זַיין עֶלְטֶער. אוּן פַארְקֶערְט אוֹיבּ דֶער קִינְד וֶוערְט נִישְׁט מְחוּנָךְ וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וֶועט עֶר בְּלַייבְּן אַזוֹי אוֹיף וַוייטֶער, "אִם אֵין גְּדָיִים אֵין תְּיָשִׁים" - אוֹיבּ דִי קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט גוּט, דַאן קֶען נִישְׁט אוֹיפְוַואקְסְן קַיין עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת, אוּן דֶערְפַאר אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ זִיךְ אַרַיין צוּ לֵייגְן אִין דִי חִינוּךְ פוּן דִי קִינְדֶער, צוּ זֶעהן אַז זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ אוּן וואוֹיל, אוּן דַאן וֶועט דָאס אַזוֹי בְּלַייבְּן אוֹיף שְׁטֶענְדִיג.

*

לָאמִיר אִיבֶּערְגֵיין עֶטְלִיכֶע שְׁטַארְקֶע כְּלָלִים וָואס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ וִויסְן פַאר עֶלְטֶערְן אוּן מְחַנְכִים.

### נָאֶה דוֹרֵשׁ וְנָאֶה מְקַיֵים

דִי עֶרְשְׁטֶע כְּלַל אִין חִינוּךְ אִיז אַז וָואס מֶען וִויל פּוֹעֵל'ן בַּיים קִינְד, דַארְף מֶען קוֹדֶם פּוֹעֵל'ן בַּיי זִיךְ. דִי טֶבַע פוּן קִינְדֶער אִיז אַז זֵיי מַאכְן נָאךְ וָואס זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אוּן מְחַנְכִים טוּעֶן, אוּן דֶערְפַאר אוֹיבּ דֶער מְחַנֵךְ וִויל אוֹיסְלֶערְנֶען פַארְן קִינְד עֶפֶּעס, וִוי לְמָשָׁל סַבְלָנוּת, מוּז עֶר זִיךְ קוֹדֶם אַלֵיין מְחַנֵךְ זַיין צוּ זַיין אַ סַבְלָן, אוּן זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן. דָאס אִיז נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע זַאךְ בִּכְלַל, קִינְדֶער קֶענֶען זַייעֶר גְרִינְג אוֹיפְרֶעגְן עֶלְטֶערְן אָדֶער מְחַנְכִים, אָבֶער אוֹיבּ דֶער קִינְד זֶעהט אַז עֶר קֶען אַזוֹי גְרִינְג אַרוֹיס

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**הֶעלְף מִיר אוֹיף ווייטֶער, הֶעלְף מִיר מִיט דָאס, הֶעלְף מִיר מִיט דָאס" אַזוֹי רֶעדְט זִיךְ יֶעדֶער דוּרְךְ זַיין פְּרִיוואַטֶע לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אוֹיף אַזַא וֶועג אִיז מֶען זַייעֶר מַצְלִיחַ בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.**

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק תְּצַוֶּה תשע"א לפ"ק)

***

**וְעָשִׂיתָ צִּיץ זָהָב טָהוֹר וּפִתַּחְתָּ עָלָיו פִּתּוּחֵי חֹתָם קֹדֶשׁ לַה'.**

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דִי צִּיץ גֵייט אוֹיךְ אָן בַּיי יֶעדְן אִיד, אַזוֹי ווִי דֶער כֹּהֵן גָדוֹל הָאט נִישְׁט גֶעטָארְט מֵסִיחַ דַעַת זַיין פוּנֶעם צִּיץ, אַזוֹי דַארְף יֶעדֶער אִיד טְרַאכְטְן שְׁטֶענְדִיג פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און נִישְׁט מֵסִיחַ דַעַת זַיין פוּן אִים.

אַזוֹי ווַייט אַז, **וּפִתַּחְתָּ עָלָיו פִּתּוּחֵי חֹתָם קֹדֶשׁ לַה'**, אַז עֶס זָאל מַמָּשׁ זַיין אַרַיין גֶעקְרִיצְט אוֹיפְ'ן שְׁטֶערְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז צוּגֶעבּוּנְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דֶער מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. און פוּן דֶעם ווֶעלְן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען, אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ אָנְהֵייבְּן צוּ רֶעדְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, און לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק תְּצַוֶּה תשס"ח לפ"ק)

***

**וְנִשְׁמַע קוֹלוֹ בְּבֹאוֹ אֶל הַקֹּדֶשׁ לִפְנֵי ה' וּבְצֵאתוֹ וְלֹא יָמוּת.** דָאס גֵייט אוֹיךְ אַרוֹיף אוֹיף יֶעדְן אִיד, אִין יֶעדְן דוֹר. ווֶען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז אַזוֹי ווִי עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, עֶר פִיהלְט נִישְׁט קֵיין שׁוּם חִיּוּת אִין זַיין לֶעבְּן. און דִי עֵצָה דֶערְצוּ אִיז, צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדְן טָאג אַוֶועק גֶעבְּן עֶטְלִיכֶע מִינוּט, און זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אַזוֹי ווֶעט מֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, **וְנִשְׁמַע קוֹלוֹ בְּבֹאוֹ אֶל הַקֹּדֶשׁ לִפְנֵי ה' וּבְצֵאתוֹ וְלֹא יָמוּת**, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג לָאזְן הֶערְן זַיין קוֹל פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דַארְף אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דַאן, **וְלֹא יָמוּת**, ווֶעט עֶר נִישְׁט שְׁטַארְבְּן, דָאס מֵיינְט אַז עֶר ווֶעט נִישְׁט אַוֶועק פַאלְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֵיינְמָאל.

ווָאוִיל אִיז דֶעם ווָאס רֶעדְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווֶעט עֶר הָאבְּן אַלֶעם גוּטְס אוֹיף דִי ווֶעלְט און אוֹיף יֶענֶע ווֶעלְט.

(זאת התורה תצוה ג)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

נֶעמֶען דֶעם מְחַנֵּךְ פוּן דִי כֵּלִים, דֶער מְחַנֵּךְ הָאט אַזוֹי ווֵיינִיג סַבְלָנוּת, דַאן ווֶעט עֶר נִישְׁט קֶענֶען אָנְנֶעמֶען אַלֶע מוּסָר דְרָשׁוֹת ווָאס דֶער מְחַנֵּךְ ווֶעט אִים גֶעבְּן אוֹיף סַבְלָנוּת.

און דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדֶע זַאךְ ווָאס מֶען ווִיל אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר קִינְדֶער. זָאל עֶס זַיין בֶּענְטְשְׁן אִין אַ סִידוּר, מַאכְן בְּרָכוֹת אוֹיפְן קוֹל, נְטִילַת יָדַיִם, מַיִם אַחֲרוֹנִים, נֶעגְל ווַאסֶער, נִישְׁט רֶעדְן בַּיים דַאוֶוענֶען, צְדָקָה, תְּפִלָּה בְּצִיבּוּר, אָדֶער סַיי ווָאסֶערֶע זַאךְ, צוּ אַ גְרוֹיסֶע צוּ אַ קְלֵיינֶע, אוֹיבּ דֶער קִינְד זֶעהט נִישְׁט אַז דֶער מְחַנֵּךְ זָאל דָאס טוּהן, ווֶעט מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען פוֹעֶל'ן בַּיים קִינְד עֶס צוּ טוּהן, פַארְקֶערְט דֶער קִינְד ווֶעט נָאךְ הָאבְּן טַעֲנוֹת, "פַארְווָאס דַארְף אִיךְ עֶס טוּהן, אוֹיבּ מַיינֶע מְחַנְּכִים טוּעֶן עֶס נִישְׁט?"

דִי מְחַנְּכִים דַארְפְן זַיין אַ לֶעבֶּעדִיגֶער בֵּיישְׁפִּיל פַאר דִי קִינְדֶער, און דַאן ווֶעלְן זֵיי גְרִינְג קֶענֶען פוֹעֶל'ן בַּיי דִי קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן עֶס אוֹיךְ נָאכְטוּהן.

## דֶער בַּעַשׁ"ט אִין קְלַאס

קִינְדֶער זֶענֶען טַאקֶע נָאר קִינְדֶער, אָבֶּער בִּיז אַפָּאר יָאר אַרוּם ווֶעלְן זֵיי שׁוֹין זַיין עֶרְוואַקְסֶענֶע מֶענְטְשְׁן, און אֶפְשַׁר ווֶעלְן זֵיי אוֹיפְוואַקְסְן גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן, גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים און גְאוֹנִים. דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַשׁ"ט זי"ע און דֶער הֵיילִיגֶער גְרָ"א זי"ע הָאבְּן אוֹיךְ גֶעלֶערְנְט אַלְס קִינְד אִין חֵדֶר, און דֶער מְלַמֵּד הָאט נִישְׁט גֶע'חָלוֹמ'ט אַז פוּן זֵיי ווֶעט אוֹיפְוואַקְסְן אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן. און דֶערְפַאר ווֶען מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער, דַארְף מֶען דָאס אִין אַכְט נֶעמֶען, מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט אוּנְטֶער שַׁאצְן אַ קִינְד, מֶען קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט ווִיסְן ווָאס עֶר גֵייט אוֹיפְוואַקְסְן, און מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ זֵיי אַזוֹי ווִי זֵיי ווָאלְטְן גֶעווֶען גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן, און אַרַיינְנֶעמֶען אִין קָאפּ אַז אַלֶעס ווָאס מֶען לֶערְנְט מִיט זֵיי ווֶעלְן זֵיי דַארְפְן נוּצְן אִין עֶטְלִיכֶע יָאר אַרוּם אַלְס עֶרְוואַקְסֶענֶער.

## קוֹדֶם גֵיין ווייטֶער

ווֶען עֶס מַאכְט זִיךְ אַז קִינְדֶער קְרִיגְן זִיךְ צְווִישְׁן זִיךְ, זָאל מֶען נִישְׁט גְלַייךְ קֶער נֶעמֶען דֶערְפוּן אוֹיף דִי מִינוּט, נִישְׁט גְלַייךְ זֵיי אָנְשְׁרַייעֶן און פַארְהַאלְטְן דֶערְוויף, ווַייל אוֹיף דִי מִינוּט שְׁפִּילְט בַּיי זֵיי דִי גֵאוּת, עֶס פַּאסְט זֵיי נִישְׁט דַאן מוֹדֶה צוּ זַיין און זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן. נָאר קוֹדֶם דַארְף מֶען אַרִיבֶּערְמִישְׁן דָאס בְּלֶעטֶל, "יֶעצְט דַארְף מֶען גֵיין דַאוֶוענֶען", "יֶעצְט דַארְף מֶען גֵיין לֶערְנֶען", "יֶעצְט דַארְף מֶען גֵיין עֶסְן", אָדֶער עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ ווָאס מֶען דַארְף טוּהן אוֹיף דִי מִינוּט. און הֶערְשְׁט דֶערְנָאךְ ווֶען דִי גֶעמִיטֶער הָאבְּן זִיךְ בַּארוּהִיגְט דַאן נֶעמְט מֶען אֵיין קִינְד אִין אַ זַייט און מֶען פְרֶעגְט אִים אוֹיס רוּהִיגֶערְהֵייט ווָאס דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעווֶען, און דַאן קֶען מֶען שֵׁיינֶערְהֵייט זֵיי מְעוֹרֵר זַיין אוֹיף ווָאס זֵיי הָאט נִישְׁט גֶעטוּהן רִיכְטִיג.

יֶעדֶער קִינְד ווִיל זַיין ווָאוִיל, נָאר עֶר דַארְף דִי הִילְף פוּן דִי עֶלְטֶערְן אָדֶער מְחַנְּכִים אִים צוּ הֶעלְפְן אָנְקוּמֶען דֶערְצוּ, און אוֹיבּ מֶען נֶעמְט זִיךְ שְׁרַייעֶן אוֹיף זֵיי ווֶען מֶען הַאלְט נָאךְ אִינְמִיטְן דִי קְרִיגֶערַיי, דַאן קֶענֶען זֵיי זִיךְ נִישְׁט צוּהֶערְן, זֵיי זֶענֶען פַארְנוּמֶען זִיךְ אָנְצוּנֶעמֶען פַאר זַייעֶר כָּבוֹד, און זֵיי פִיהלְן זִיךְ נָאר צוּקְלַאפְּט פוּן דִי מוּסָר פַּארְצֶיעָ. אָבֶּער ווֶען מֶען טוּט דָאס אַבִּיסְל שְׁפֶּעטֶער מִיט אַ רוּהִיגְקֵייט, דַאן ווֶעט דָאס דֶער קִינְד פַארְשְׁטֵיין און מְקַבֵּל זַיין, און דִי קוּמֶענְדִיגֶע מָאל ווֶעט עֶר זִיךְ שׁוֹין בֶּעסֶער אוֹיפְפִירְן.

## אוֹיפְבּוֹיעֶן און נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן

דִי אַרְבֶּעט פוּן עֶלְטֶערְן און מְחַנְּכִים אִיז אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דֶעם קִינְד אַז

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

עֶר זָאל אַלֵיין וֶועלְן זַיין וואוֹיל אוּן גוּט, אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען אַסַאךְ אַרְבֶּעטְן אוֹיפְן קִינְד אַז עֶר זָאל הָאבְּן זֶעלְבְּס זִיכֶערְקַייט, עֶר זָאל פִיהלְן אַז עֶר אִיז עֶפֶּעס וֶוערְט, אוּן וֶוען עֶר טוּט גוּטֶע זַאכְן וֶוערְט עֶר אַרוֹיף גֶעקוּקְט פַאר דֶעם, אוּן עֶר וֶוערְט חָשׁוּב אִין דִי אוֹיגְן פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן מְחַנְכִים.

מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט שְׁרַייעֶן אוֹיף אַ קִינְד, "פַארְוָואס בִּיזְטוּ נִישְׁט אַזוֹי וִוי יֶענֶער?", "קוּק וִוי יֶענֶער קֶען אַזוֹי גוּט אוּן דוּ קֶענְסְט נִישְׁט", "קוּק וִוי יֶענֶער פָּאלְגְט אוּן דוּ נִישְׁט", דִי אַלֶע סָארְט זַאכְן וֶועלְן נִישְׁט מַאכְן אַז דָאס קִינְד זָאל וֶועלְן זַיין וואוֹיל, פַארְקֶערְט עֶס וֶועט אִים אַרָאפּ קְלַאפְּן אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְט, אוּן עֶר וֶועט פַארְלִירְן דִי אִינְטֶערֶעסֶע צוּ זַיין גוּט.

אָבֶּער פַארְקֶערְט וֶוען דֶער מְחַנֵךְ הֵייבְּט אוֹיף דֶעם קִינְד, עֶר מַאכְט אַן עֵסֶק פוּן יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס דֶער קִינְד הָאט גֶעטוּהן, וֶועט דֶער קִינְד זֶעהן אַז דֶער מְחַנֵךְ הָאט הַנָאָה פוּן אִים וֶוען עֶר אִיז גוּט, אוּן דָאס וֶועט מַאכְן אַז עֶר זָאל זִיךְ וֶועלְן אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ זַיין נָאךְ בֶּעסֶער.

אַנְשְׁטָאט צוּ פַארְהֶערְן אַ קִינְד אַ זַאךְ וָואס עֶר קֶען נִישְׁט גוּט, פַארְהֶער אִים עֶנְדֶערְשׁ אַ זַאךְ וָואס עֶר קֶען יָא, אוּן גֶעבּ אִים דִי הַנָאָה אַז עֶר הָאט גוּט גֶעקֶענְט. דָאס וֶועט אִים גֶעבְּן דִי חֵשֶׁק צוּ וֶועלְן קֶענֶען נָאךְ אוּן נָאךְ.

## אַ מַעֲשֶׂה הָאט יֶעדֶער לִיבּ

וֶוען מֶען לֶערְנְט מִיט קִינְדֶער סֵיי וָואסֶערֶע לִימוּד, אִיז אֵייבִּיג גוּט צוּ מַאכְן אַ מַעֲשֶׂה דֶערְפוּן, קִינְדֶער הָאבְּן זֵייעֶר לִיבּ צוּ הֶערְן מַעֲשִׂיוֹת, אוּן וֶוען מֶען מַאכְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן דִי גְמָרָא, פוּן דִי מִשְׁנַיוֹת אָדֶער פוּן סֵיי וָואס, וֶועט דָאס דֶער קִינְד אוֹיסְהֶערְן מִיט אִינְטֶערֶעסֶע אוּן דָאס וֶועט אִים גוּט אַרַיינְגֵיין אִין קָאפּ.

אוּן בִּכְלַל וֶוען מֶען וִויל אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר קִינְדֶער צוּ הָאבְּן גוּטֶע מִדוֹת דַארְף דָאס אוֹיךְ גֵיין מִיט אַ מַעֲשֶׂה, מֶען דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים וְוִי אַזוֹי זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט מִיט גוּטֶע מִידוֹת, אוּן דָאס גֵייט זֵייעֶר שְׁטַארְק אַרַיין אִין קָאפּ פַאר דִי קִינְדֶערְלֶעךְ, אוּן זֵיי וִוילְן דָאס נָאכְמַאכְן.

דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רַב (בַּעַל דִבְרֵי חַיִים) זִי"ע הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דִי מְלַמֵד פוּן זַיינֶע קִינְדֶער אוֹיבּ עֶר לֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער מוּסָר, הָאט דֶער מְלַמֵד גֶעזָאגְט אַז יָא, עֶר לֶערְנְט מִיט זֵיי חוֹבַת הַלְבָבוֹת. הָאט דֶער צַאנְזֶער רַב אִים גֶעזָאגְט: "נִישְׁט דָאס מַיין אִיךְ, אִיךְ וִויל אַז דוּ זָאלְסְט זֵיי דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן רֶבִּי'ן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זִי"ע אוּן פוּנֶעם רֶבִּי'ן רֶבִּי זוּשָׂא זִי"ע, דָאס אִיז מוּסָר", וַוייל דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע וֶועג, וֶוען מֶען דֶערְצֵיילְט פַאר דִי קִינְדֶער סִפּוּרֵי צַדִיקִים, דָאס הָאבְּן זֵיי לִיבּ צוּ הֶערְן, אוּן דָאס גֵייט זֵיי אַרַיין אִין דִי בֵּיינֶער אוּן זֵיי וִוילְן עֶס נָאכְמַאכְן.

## דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ

אָבֶּער נָאךְ דִי אַלֶע עֵצוֹת דַארְף מֶען אָבֶּער גֶעדֶענְקֶן אַז דֶער עִיקָר אִיז תְּפִלָה. מֶען דַארְף אַסַאךְ וֵויינֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ הָאבְּן גוּטֶע וואוֹילֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים.

וִויפִיל כּוֹחוֹת מֶען זָאל נָאר אַרַיין לֵייגְן אוּן טוּהן צוּ מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער, דַארְף מֶען נָאךְ אַלְץ צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים אַסַאךְ בֶּעטְן צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע גוּטֶע קִינְדֶער.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר גֶעלוּנְגֶענֶע גוּטֶע קִינְדֶער, וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט וִוי

המשך בדף ד

# מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן

זָאלְסְט וִויסְן דָאס כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין פוּן אִיהְם, וְוִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת י.) אֲפִילוּ חֶרֶב חַדָה מוּנַחַת עַל צַוָארוֹ שֶׁל אָדָם אַל יִמְנַע עַצְמוֹ מִן הָרַחֲמִים; וָוארוּם מֶען הָאט שׁוֹין גֶעזֶעהְן אוּן גֶעהֶערְט אַזֶעלְכֶע זַאכְן, דָאקְטוֹרִים הָאבְּן אוֹיפְגֶעגֶעבְּן הָאפְּפֶענוּנְג, אָבֶּער תְּפִלָה הָאט מְהַפֵּךְ גֶעוֶוען דֶעם גְזַר דִין לְטוֹבָה, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ר"נ) הַטֶבַע מְחַייֶבֶת כַּךְ וְהַתְּפִלָה מְשַׁנִית אֶת הַטֶבַע.

דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אַהנוּנְג וָואס תְּפִלָה אִיז וְכוּ', תְּפִלָה אִיז אַ פַארְהוֹילֶענֶע זַאךְ, דֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן בֶּעהְט זִיךְ רַחְמִים מְרוּבִּים וְכוּ', אוּן עֶס דַאכְט זִיךְ אִיךְ אַז דַיינֶע וֶוערְטֶער גֵייעֶן אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט אַרוֹיף וְכוּ', אוּן קֵיינֶער הֶערְט אִיהְם נִישְׁט אוֹיס וְכוּ', אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז נִישְׁט אַזוֹי, יֶעדְן דִיבּוּר וָואס אַ אִיד רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מַאכְט עֶר אַ רַעַשׁ אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, אוּן אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן אֱמוּנָה, וְוִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ז') אַז מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז אַ מְחַדֵשׁ, עֶר אִיז מְחַדֵשׁ דִי בְּרִיאָה יֶעדְן טָאג, אַזוֹי וְוִי מִיר זָאגְן בַּיים דַאוֶוענֶען "וּבְטוּבוֹ מְחַדֵשׁ בְּכָל יוֹם תָּמִיד מַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית".

מֶען הָאט שׁוֹין גֶעזֶעהְן אוּן גֶעהֶערְט אַזֶעלְכֶע זַאכְן דָאס אַלֶע הָאבְּן זִיךְ אוֹיפְגֶעגֶעבְּן הָאפְּפֶענוּנְג, אוּן מֶען הָאט שׁוֹין גֶעוֵויינְט אוּן גֶעקְלָאגְט וְכוּ' אַזוֹי וְוִי סְ'אִיז שׁוֹין אַלֶעס פַארְפַאלְן וְכוּ', אוּן צוּם סוֹף הָאט מֶען זִיךְ גוּט אוֹיסְגֶעבֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן מֶען אִיז גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן, אִיבֶּערְדֶעם טָאר מֶען נִישְׁט זִיךְ פַארְלִירְן.

(אֲשֶׁר בַּנַחַל אידיש, חֵלֶק ה', מִכְתָּב תרל"ב)


## מוסדות היכל הקודש ברסלב

בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

## וצדיקים ישמחו ויעלצו לפני אלקים

מיר וואונטשן א הארציגן ברכת מזל טוב פאר

## כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

צו די שמחה פון די שידוך שליסן פון אן אייניקל, א טאכטער פון

## הרב הגאון מו"ה משה אסטרייכער שליט"א

**חדב"ן, דומ"ץ בבארא פארק.**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז די שמחה זאל משפיע זיין שמחות ביי אלע אידישע קינדער, בני ברוכי, חיי אריכי, ומזוני רויחי, וסייעתא דשמיא, אמן

## עוד ינובון בשיבה דשינים ורעננים יהיו

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

אַזוֹי עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען דֶערְצוּ, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ מֵיינְסְט אַז זֵיי זֶענֶען גֶעוַואקְסְן אוֹיפְן בּוֹים? אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מַיינֶע קִינְדֶער זָאל זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, זֵיי זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן, אוּן נָאר אַזוֹי הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גוּטֶע קִינְדֶער.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ מְחַנֵךְ זַיין זַיינֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, אוּן גֶעדֶענְקְט אַז דִי גוֹרָל פוּן דִי קִינְדֶער לִיגְט בַּיי דִי עֶלְטֶערְן אוּן דִי מְחַנְכִים, זֵיי קֶענֶען אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ קִינְד, אוּן זֵיי קֶענֶען צוּשְׁנַיידְן אוּן הַרְגֶ'עֶנֶען אַ קִינְד. אוּן וֶוער עֶס בּוֹיעֶט אוֹיף דֶעם קִינְד אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן נַחַת אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן זַיין שְׂכַר אִיז גְרוֹיס אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י"א עֶרֶךְ מְלַמֵד)

## שהשמחה במעונם

**עלי׳ לתורה של החתן גדלי דוד בלום הי"ו**

בבית המדרש היכל הקודש קרית יואל

8 פרימישלאן

החתונה ביום ה׳ באולם עקשטיין - קרית יואל

***

**שבת שבע ברכות**

**מו"ה יוחנן הערצוג הי"ו – מו"ה אייזיק אפפעל הי"ו**

באולם פאפא קידוש זאל

***

**שבת שבע ברכות**

**מו"ה מרדכי לונגער הי"ו – מו"ה משה וויינבערג הי"ו**

בבית 4 Ruzhon Dr. - קרית יואל

***

**שלום זכר של בן מו"ה הענך אינדיג הי"ו**

בביהמ"ד סאטמאר לי גארדענס

וואך נאכט אור ליום ב׳ באולם עטרת תפארת

396 marcy ave

הברית ביום ב׳ בביהמ"ד היכל הקודש בארא פארק

***

**קידושא רבה של בת מו"ה שאול גאנץ הי"ו**

בביהמ"ד בעהוץ - קרית יואל

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

## בחורי הישיבה טאנצן אויף צוויי חתונות

די וואך האבן די בחורים פון ישיבה געטאנצן אויף צוויי חתונות פון די צוויי חתנים תלמידי ישיבתינו הק׳ וואס האבן חתונה געהאט די וואך.

די ערשטע איז געווען החתן מרדכי הערצוג הי"ו וואס איז געגאנגען אונטער די חופה עב"ג דעם זונטאג אין זאל פון פרדס צבי אין וויליאמסבורג, די בחורים האבן זיך משתתף געווען און משמח געווען דעם חתן ביז אין די שפעטע שעה'ן.

צוויי טאג שפעטער, דינסטאג נאכט, זענען די בחורים ארויסגעפארן אויף מאנסי צו די חתונה פון החתן יעקב יוסף לונגער הי"ו עב"ג, אין די ווישניצע זאל אין מאנסי, און דארט האבן די בחורים אויך משמח געווען דעם חתן ווי מען דארף.

מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועט פארקומען א גרויסע שבע ברכות פארביידע חתנים דעם מוצאי שבת בהיכל הישיבה, צוגעשטעלט דורך די ישיבה.

עס איז ערווארטעט אז מיר וועלן האבן די זכי׳ אז מוהרא"ש שליט"א וועט זיך באטייליגן אין די שמחה. אלע בחורים פון ישיבה און אלע אנשי שלומינו זענען געלאדענט.

**שמח תשמח רעים האהובים!**

***

## שיינע שידוך געשלאסן
## בבית ברסלב - שאפראן - דעעש

אנשי שלומינו פרייען זיך מיט די שמחה פון א שידוך שליסן פון אן אייניקל פון מוהרא"ש שליט"א. די כלה א טאכטער פון הרה"ג מו"ה משה אסטרייכער שליט"א, חדב"ן. עב"ג דער חתן א זוהן פון הרה"ג מו"ה דוד משה מייזעלס שליט"א, און אייניקל פון הרה"צ משאפראן שליט"א, און פון דעעשער רבי ז"ל.

די ווארט איז פארגעקומען בביתו נאוה קודש פון מוהרא"ש שליט"א, מיט די באטייליגונג פון די מחותנים וקרובי המשפחה אין שפיץ פונעם זיידן שאפראנער רב שליט"א.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז די שמחה זאל משפיע זיין שמחות ביי אלע אידישע קינדער, בני ברוכי, חיי ארוכי, ומזוני רויחי, וסייעתא דשמיא.

**ובכן צדיקים יראו וישמחו!**

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה גדלי׳ דוד בלום הי"ו**

תלמיד ישיבתינו הק׳

**צו זיין שמחת החתונה למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים, אמן.

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה הענך אינדיג הי"ו**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון זיינע קינדער, דורות ישרים ומבורכים, אמן.

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה שאול גאנץ הי"ו**

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון זיינע קינדער, דורות ישרים ומבורכים, אמן.


## קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**



## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!

וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים

שנעל גוט און ביליג!

**רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554**

**5554printing@gmail.com**





**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת כי תשא, ט"ו אדר א', שושן פורים קטן, שנת תשע"ד לפ"ק — שנה 3, גליון 23 (123)


**זמנים**
הדלקת הנרות......................5:12
סוף זמן קר"ש.......................8:54
מוצש"ק...............................6:43

**שיעורים כסדרן**
בבלי..........................סוכה י"ב
ירושלמי.................עבודה זרה ב'
תוספתא............מנחות פרק ט'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**כִּי תִשָּׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל.** דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ק"א) **ר'אשׁ בְּ'נֵי יִ'שְׂרָאֵל** אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "רֶבִּי" אוּן פַּארְקֶערְט, **רְ'שָׁעִים בְּ'חֹשֶׁךְ יִ'דָּמּוּ** (שְׁמוּאֵל א' ב'), אִיז אוֹיךְ רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "רֶבִּי".

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, אַז מֶען רֶעדְט נִשְׁט דָא פוּן קַיין רְשָׁעִים. בֵּיידֶע רֶבִּי'ס זֶענֶען צַדִּיקִים, דִי חִילוּק אִיז נָאר בַּיי דִי חֲסִידִים, אֵיין רֶבִּי אִיז בַּיי אִים "**כִּי תִשָּׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל**", עֶר הֵייבְּט אוֹיף דִי קֶעפּ פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶר אִיז זֵיי מְחַזֵּק, אוּן בְּרֶענְגְט זֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר לֶערְנְט זֵיי אוֹיס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי לִיבּ, אוּן אַז יֶעדֶער אִיד קֶען צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי הֵייבְּט עֶר אוֹיף זֵייעֶרֶע קֶעפּ.

ווִידֶער אִיז דָא אַן אַנְדֶערֶע רֶבִּי, אֲפִילוּ עֶר אִיז אוֹיךְ אַ צַדִּיק, אָבֶּער עֶר הָאט נִשְׁט דִי כֹּחַ אוֹיסְצוּלֶערְנֶען פַאר זַיינֶע חֲסִידִים זֵיי זָאלְן אוֹיךְ זַיין צַדִּיקִים, אוּן דֶערְפַאר אִיז "**רְשָׁעִים בְּחֹשֶׁךְ יִדָּמּוּ**", דִי חֲסִידִים בְּלַייבְּן מִיט זֵייעֶר רִשְׁעוּת, מִיט זֵייעֶר חוֹשֶׁךְ, אוּן מִיט זֵייעֶרֶע דִמְיוֹנוֹת.

דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זוּכְן אַזַא צַדִּיק וָואס קֶען אִים אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם קָאפּ, אַז עֶר זָאל אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ צַדִּיק.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שַׁבַּת קוֹדֶשׁ תִּשָּׂא תש"ם לפ"ק)

***

**הֶעָשִׁיר לֹא יַרְבֶּה וְהַדַּל לֹא יַמְעִיט מִמַּחֲצִית הַשָּׁקֶל לָתֵת אֶת תְּרוּמַת ה' לְכַפֵּר עַל נַפְשֹׁתֵיכֶם.** מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט מְרַמֵּז זַיין דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ב) אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ אַלֵיינְס דַן זַיין לְכַף זְכוּת, אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ בַּאטְרַאכְט זִיךְ אוּן עֶר זֶעהְט אַז עֶר אִיז וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף עֶר אוֹיפְזוּכְן עֶפֶּעס גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט, אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט טַאקֶע אָנְהֵייבְּן זַיין וואויל, אוּן אַלֶעם וֶועט זַיין גוּט.

ר' נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, תְּרוּמוֹת וּמַעַשְׂרוֹת, הֲלָכָה ג') אַז דֶער עִיקָר סִיבָּה פַארְוָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז נָאר וַוייל עֶר וִויל גְלַייךְ שְׁלֵימוּת, עֶר וִויל גְלַייךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל ווִיסְן אַז אֲפִילוּ אַ קְלֵיינִיקַייט אִיז אוֹיךְ חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואלְט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט קְלֵיינֶע זַאכְן, גֶעבְּן אַפָּאר פְּרוּטוֹת פַאר צְדָקָה, זָאגְן אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיּוֹת, אַ דַף גְמָרָא, אוּן דָאס גְלַייכְן, אוּן דִי קְלֵיינִיקַייטְן וֶועלְן אִים הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט צוּם סוֹף זַיין אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ~

דִי גְרֶעסְטֶע אוּן דִי בֶּעסְטֶע מַתָּנָה וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן אִיז דִי עֵצָה פוּן "הִתְבּוֹדְדוּת", אַז אַ אִיד זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַ גוּטֶער פְרַיינְד.

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען טוּהְן, עֶס אִיז גְרֶעסֶער אוּן חָשׁוּב'עֶר פוּן אַלֶעס, אוּן טַאקֶע דֶערְפַאר פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרַע זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף דֶעם, עֶר פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע מִיטְלֶען אַז אַ אִיד זָאל נִשְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ מַאכְן חֲלִישַׁת הַדַּעַת פַארְן מֶענְטְשׁ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אִים נִשְׁט אוֹיס אוּן עֶר דַארְף אִים נִשְׁט הָאבְּן.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן אוֹת י', י"ב) אַז אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן פְלֶעגְט עֶר זֵייעֶר אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, עֶר פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶס אִיז אַדוּרְךְ אוֹיף אִים בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן בְּרוּחֲנִיּוּת, אוּן אַלֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט הָאבְּן. וָואס עֶס הָאט אִים גֶעפֶעלְט, הָאט עֶר אַלֶעס דֶערְצֵיילְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיף פָּשׁוּט אִידִישׁ, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אַ גוּטֶע פְרַיינְד.

עֶס הָאט זִיךְ אָבֶּער גֶעמַאכְט אַסַאךְ מָאל, וָואס עֶר הָאט גֶעפִילְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אִים נִשְׁט אוֹיס, עֶר הָאט גֶעפִילְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים נִשְׁט הָאבְּן, וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַסַאךְ מָאל, אַז עֶר בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶס זֶעהְט נִשְׁט אוֹיס וִוי עֶר טוּט עֶפֶּעס אוֹיף דֶערְמִיט, אוּן

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

דָאס קוּמְט אוּנְז דִי מִצְוָה פוּן מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל מְרַמֵּז זַיין, פוּן אֵיין זַייט, **הֶעָשִׁיר לֹא יַרְבֶּה**, אֵיינֶער וָואס אִיז אַ עוֹשֶׁר בְּרוּחֲנִיּוּת, עֶר הָאט אַסַאךְ מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט גְרוֹיס הַאלְטְן, נָאר עֶר זָאל וִויסְן אַז עֶר קֶען נָאךְ אַרַיינְכַאפְּן אַסַאךְ מֶער.

אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, **וְהַדַּל לֹא יַמְעִיט**, אֲפִילוּ אַ אָרִימַאן בְּרוּחֲנִיּוּת, זָאל זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן אַזוֹי קְלֵיין, נָאר עֶר זָאל וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל אַ "**מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל**", אֲפִילוּ נָאר אַ הַאלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר זָאל עֶר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ וָואס עֶר טוּט, וַוייל אֲפִילוּ עֶס אִיז נָאר אַ הַאלְבֶּע זַאךְ אִיז עֶס נָאךְ אַלְס חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דֶער פָּסוּק זָאגְט וַוייטֶער "**לְ'כַפֵּר' עַ'ל' נַ'פְשׁוֹתֵיכֶם**" דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אִיז "**נַעַל**", אוּן דִי סוֹפֵי תֵּיבוֹת אִיז "**רַע**", דָאס מֵיינְט "**נַעַל רַע**" - אַ שְׁלֶעכְטֶע שִׁיךְ, דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ט') אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ תָּם אַ שׁוּסְטֶער, עֶר פְלֶעגְט מַאכְן שְׁוַואכֶע שִׁיךְ, שִׁיךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט מִיט דֶעם, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז עֶר צוּגֶעקוּמֶען צוּ וֶוערְן אַ מִינִיסְטֶער אִיבֶּער אַלֶע מִינִיסְטָארְן.

דָאס אִיז דֶער פָּסוּק אוּנְז מְרַמֵּז, "**נַעַל רַע**", אֲפִילוּ אוֹיבּ דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם זֶעט אוֹיס וִוי אַ שְׁלֶעכְטֶע שִׁיךְ, אַ שִׁיךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן, עֶס הָאט נִישְׁט קַיין טַעַם, אוֹיבּ אָבֶּער דוּ וֶועסְט זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, וֶועסְטוּ צוּם סוֹף זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶע אִיד.

(זֹאת הַתּוֹרָה כִּי תִשָּׂא ג)

***

**וַהֲסִרֹתִי אֶת כַּפִּי וְרָאִיתָ אֶת אֲחֹרָי וּפָנַי לֹא יֵרָאוּ**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, דוּ וֶועסְט מִיר זֶעהְן פוּן אוּנְטְן אוּן נִישְׁט פוּן פָארְנְט,

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ר"נ) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז אַלֶעס פִּירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, קֶען עֶר אַלֶעס פַארְנֶעמֶען, אֲפִילוּ וֶוען עֶר גֵייט דוּרְךְ שְׁוֶוערֶע צַייטְן, וֵוייסְט עֶר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִּירְט זִיכֶער אַלֶעס צוּם גוּטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**הַרְאֵנִי נָא אֶת כְּבֹדֶךָ**", אִיךְ ווִיל גְלַייךְ זֶעהְן אַז אַלֶעס פִּירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּם גוּטְן. הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט: "דָאס קֶען נִישְׁט זַיין", וַוייל וִוי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט, מוּז עֶר הָאבְּן אַ בְּחִירָה, עֶר זָאל קֶענֶען אַלֵיינְס אוֹיסְוֶועלְן צוּ גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס פִּירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

**וְרָאִיתָ אֶת אֲחֹרָי וּפָנַי לֹא יֵרָאוּ**, דוּ וֶועסְט נָאר זֶעהְן פוּן אוּנְטְן, דָאס מֵיינְט אַז נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ זֶעהְן אוֹיף צוּרִיק, אַז אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען גוּט, אָבֶּער פוּן פָארְאוֹיס וֶועט עֶס אוֹיסְזֶעהְן אַסַאךְ מָאל שְׁלֶעכְט, אוּן דוּ וֶועסְט זִיךְ דַארְפְן שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה, צוּ גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִּירְט זִיכֶער אַלֶעס צוּם גוּטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה כִּי תִשָּׂא ח)

# שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

מִן הַסְתָּם ווִיל אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן, אוּן עֶר דַארְף אִים נִישְׁט הָאבְּן.

אַזוֹי וַוייט אַז צוּמָאל הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל עֶר הָאט גֶעפִילְט אַז עֶס אִיז אַ שָׁאד דִי מִיה אוּן פְּלָאג, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים סֵיי וִוי נִישְׁט, עֶר הֶערְט אִים סֵיי וִוי נִישְׁט אוֹיס. אָבֶּער נָאךְ עֶטְלִיכֶע טֶעג הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אִיבֶּערְגֶעטְרַאכְט, אַז עֶס קֶען נִישְׁט זַיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים נִישְׁט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ אַן אָב הָרַחֲמָן, עֶר הֶערְט זִיכֶער אוֹיס זַיינֶע תְּפִלּוֹת. אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ וַוייטֶער גֶעשְׁטַארְקְט, אוּן עֶר הָאט וַוייטֶער גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט שְׁפֶּעטֶער גֶעזָאגְט, אַז אַלֶע מַדְרֵיגוֹת צוּ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען, אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַזַא גְרוֹיסֶער צַדִּיק, אִיז נָאר גֶעוֶוען דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, אוּן וֶוען עֶר וָואלְט גֶעווָאוּסְט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּ וָואס מֶען קֶען אַלְץ צוּקוּמֶען דוּרְךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואלְט עֶר גָארְנִישְׁט גֶעפַּאסְט אוּן זִיךְ מְסַגֵּף גֶעוֶוען, עֶר וָואלְט נָאר גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶער אוּן מֶער, עֶר וָואלְט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אֵיין טָאג וִויפִיל עֶר הָאט גֶערֶעדְט אִין אַ יָאר.

דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע חִיזּוּק, וֶוען מֶען זֶעהְט אַז דֶער רֶבִּי אַלֵיין אִיז דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען דִי זֶעלְבֶּע נִסָּיוֹן, עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעפִיהלְט וִוי קֵיינֶער דַארְף אִים נִישְׁט אוּן קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, אָבֶּער אַזוֹי וִוי עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן עֶר אִיז וַוייטֶער אָנְגֶעגַאנְגֶען, עֶר הָאט וַוייטֶער גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר נָאכְדֶעם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַלֶע זַיינֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת. אוּן דָאס דַארְף יֶעדֶער אִיד נָאכְמַאכְן.

## אַ גַאנְצְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת?

דֶער אֱמֶת אִיז אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"ב סִימָן צ"ו) אַז עֶר ווִיל אַז זַיינֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן אַ גַאנְצְן טָאג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס אִיז אָבֶּער נִישְׁט מֶעגְלִיךְ, וִוי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ אַ גַאנְצְן טָאג צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? עֶס אִיז דָא אַסַאךְ אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס מֶען דַארְף טוּהְן בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף עֶסְן, טְרִינְקֶען, לֶערְנֶען, דַאוְוענֶען, אוּן עֶר דַארְף אוֹיךְ עוֹסֵק זַיין אִין פַּרְנָסָה, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אַז מֶען דַארְף אַ גַאנְצְן טָאג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

נָאר דֶער אֱמֶת אִיז אַז דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען דַארְף זִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן מֶענְטְשְׁן אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען טוּהְן וַוייטֶער אַלֶעס וָואס מֶען טוּט גֶעוֶוענְלִיךְ דוּרְכְ'ן טָאג, נָאר וָואס מֶען טוּט זָאל מֶען טוּהְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי אוּן מֶען זָאגְט מוֹדֶה אֲנִי, זָאל מֶען גְלַייךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל הַיינְט הָאבְּן אַ גוּטֶע גֶעשְׁמַאקֶע טָאג, רַאטֶעוֶוע מִיךְ אוּן מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל הַיינְט אַרַיינְכַאפְּן אַסַאךְ גוּטְס, אַסַאךְ מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים" א.א.וו.

אַזוֹי אַ גַאנְצְן טָאג סֵיי וָואס מֶען טוּט זָאל מֶען טוּהְן נָאר

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל מַצְלִיחַ זַיין דֶערְמִיט. בִּיז וֶוען מֶען גֵייט שְׁלָאפְן, בֶּעהְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען זָאל גֵיין שְׁלָאפְן גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אַזוֹי קֶען מֶען מְקַיֵים זַיין וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אַז מֶען זָאל אַ גַאנְצְן טָאג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## אַ שָׁעָה הִתְבּוֹדְדוּת?

מֶען זֶעהט אִין טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט צוּ צוּ זַיין חַבֵר אוּן עֶר זָאגְט אִים: "אִיךְ וִויל רֶעדְן מִיט דִיר אַ שָׁעָה", וֶועט אִים דֶער חַבֵר זָאגְן: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַזוֹיפִיל צַייט צוּ רֶעדְן אַ שָׁעָה", אָבֶּער טָאמֶער מֶען וֶועט סְתָּם אָנְהֵייבְּן רֶעדְן אָן קַיין בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט, דַאן קֶען זִיךְ פַּארְצִיעֶן אַ שְׁמוּעֶס אֲפִילוּ פַּאר עֶטְלִיכֶע שָׁעָה.

דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע לִימוּד פַּאר אוּנְז אוֹיךְ, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אָפּ אַז עֶר גֵייט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ שָׁעָה, וֶועט עֶר גֶעוֶוענְלִיךְ נִישְׁט הָאבְּן קַיין גֶעדוּלְד צוּ רֶעדְן בִּכְלַל, אָבֶּער וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן רֶעדְן עֶטְלִיכֶע דִיבּוּרִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען זִיךְ עֶס יָא פַּארְצִיעֶן לֶענְגֶער, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס בְּלַייבְּט נָאר בַּיי עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער, אִיז עֶס אוֹיךְ זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַצְלָחָה וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן.

אוּן דֶער אֱמֶת אִיז אַז וֶוען מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן אוּן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע טְרִיט אוּן שְׁרִיט וָואס מֶען טוּט, דַאן פוּן דִי קוּרְצֶע דִיבּוּרִים וָואס מֶען רֶעדְט דָא אוּן דָארְט, וֶועט זִיךְ צוּזַאם קְלַייבְּן בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג אַ שָׁעָה, אוּן אֲפִילוּ מֶער, וָואס מֶען הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אַ שְׁטִיק רוּחְנִיוּת

אֵיינְמָאל מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי יֶעדֶע זַאךְ, דַאן וֶוערְט דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אֵיין שְׁטִיק רוּחְנִיוּת, אֵיין שְׁטִיק אֵייבֶּערְשְׁטֶער. וַוייל אֲפִילוּ דִי גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע זַאכְן שְׁמוּעֶסְט מֶען אוֹיךְ אוֹיס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן וֶוערְט אַ שְׁטִיק רוּחְנִיוּת.

אַזַא מֶענְטְשׁ וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט פִיהלְן אַז עֶר אִיז אַלֵיין, אָדֶער אַז עֶר אִיז נִישְׁט אוֹיפְן פְּלַאץ, וַוייל וואוּ עֶר אִיז, אִין וָואסֶערֶע מַצָב עֶר אִיז, וֶועט עֶר וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, אוּן עֶר וֶועט אַלֶעס דֶערְצֵיילְן פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען מֶען וֶועט אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועט מֶען זֵייעֶר חֲרָטָה הָאבְּן אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעהַאט אַזוֹיפִיל אִיבְּרִיגֶע צַייט, דָא בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְן גַאס, דָא הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט וַוארְטְן אוֹיף אֵיינֶעם, אִיךְ הָאבּ דָאךְ אִין דִי צַייט גֶעקֶענְט אַרַיינְכַאפְּן אַפָּאר דִיבּוּרִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן", יֶעדֶע קְלֵיינֶע תְּפִלָּה וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַצְלָחָה פַּארְן מֶענְטְשׁ, וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן, אוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְרַשֵׁל אִין דֶעם, נָאר וַוייל עֶר מֵיינְט אַז עֶס אִיז נָאר חָשׁוּב אוֹיבּ מֶען רֶעדְט אַ לֶענְגֶערֶע שְׁמוּעֶס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט שֵׂכֶל אוּן נוּצְט אוֹיס דִי צַייט, עֶר כַאפְּט אַרַיין צוּ רֶעדְן יֶעדְן טָאג צוּ רֶעדְן כָאטְשׁ עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִים זִיכֶער גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ ח"ב וח"ד עֶרֶךְ הִתְבּוֹדְדוּת)

# יֶעדְן טָאג בֶּעטְן פוּן נֵיי

אִיךְ בֶּעהְט דִיךְ זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט נִישְׁט זַיין צוּבְּרָאכְן וָואס דוּ בִּיסְט יֶעצְט עֶנְג אִין גֶעלְט, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן בְּפֵירוּשׁ (שְׁמוֹת רַבָּה פַּרְשָׁה ל"א סִימָן י"ד) לֹא כָּל מִי שֶׁהוּא עָשִׁיר הַיּוֹם הוּא עָשִׁיר לְמָחָר, וְלֹא מִי שֶׁהוּא עָנִי הַיּוֹם עָנִי לְמָחָר, לָמָּה? שֶׁגַּלְגַּל הוּא בָּעוֹלָם (דְּבָרִים טו) "כִּי בִּגְלַל הַדָּבָר הַזֶּה"; דִי וֶועלְט אִיז אַזוֹי וִוי אַ רָאד, אָט אִיז מֶען אוּנְטְן אָרֶעם, אוּן אָט אִיז מֶען אוֹיבְן רַייךְ וְכוּ' וְכוּ', אַזוֹי דְרֵייט זִיךְ מִיטְן מֶענְטְשׁ.

אִיבֶּערְדֶעם טָאר מֶען נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, מֶען דַארְף זִיךְ נָאר שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן וִויסְן דָאס דִי פַּרְנָסָה אִיז נָאר בַּיי אִיהְם אִין דִי הֶענְט, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען בֶּעטְן יֶעדְן טָאג פוּנְדָאסְנֵיי אוֹיף פַּרְנָסָה, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא ע"ו.) שָׁאֲלוּ תַּלְמִידָיו אֶת רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַי מִפְּנֵי מַה לֹא יָרַד לָהֶם לְיִשְׂרָאֵל מָן פַּעַם אַחַת בְּשָׁנָה אָמַר לָהֶם אֶמְשׁוֹל לָכֶם מָשָׁל לָמָה הַדָּבָר דּוֹמֶה לְמֶלֶךְ בָּשָׂר וָדָם שֶׁיֵּשׁ לוֹ בֵּן אֶחָד פָּסַק לוֹ מְזוֹנוֹתָיו פַּעַם אַחַת בְּשָׁנָה וְלֹא הָיָה מְקַבֵּל פְּנֵי אָבִיו אֶלָּא פַּעַם אַחַת בְּשָׁנָה עָמַד וּפָסַק מְזוֹנוֹתָיו בְּכָל יוֹם וְהָיָה מְקַבֵּל פְּנֵי אָבִיו כָּל יוֹם אַף יִשְׂרָאֵל מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ אַרְבָּעָה וַחֲמִשָּׁה בָּנִים הָיָה דּוֹאֵג וְאוֹמֵר שֶׁמָּא לֹא יָרַד מָן לְמָחָר וְנִמְצְאוּ כּוּלָּן מֵתִים בְּרָעָב נִמְצְאוּ כּוּלָּן מְכַוְּונִים אֶת לִבָּם לַאֲבִיהֶן שֶׁבַּשָּׁמַיִם; דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וִויל אַז מֶען זָאל יֶעדְן טָאג בֶּעטְן פוּן נֵיי אוֹיף פַּרְנָסָה, וֶוען אַ אִיד וָואלְט גֶעוִויסְט וָואסֶערֶע רוֹשֶׁם עֶר מַאכְט אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת מִיט זַיין בֶּעטְן אוֹיף פַּרְנָסָה, וָואלְט עֶר יֶעדְן טָאג גֶעבֶּעטְן אוֹיף פַּרְנָסָה.

המשך בדף ד

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

המשך

געווארן למזל טוב.

דאס מאל איז עס הבחור החתן שלמה קרויס נ"י בן מו"ה משה קרויס הי"ו מחשובי אנ"ש בעיר מאנטשעסטער, וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג בת מו"ה דוד שערמאן הי"ו אב"י בעיר בארא פארק.

מיר וואונטשן אים אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים געזונטערהייט.

**דבר נאה ומתקבל!**

***

## מוהרא"ש שליט"א פארט אויף ארץ ישראל

די קומענדיגע וואך וועט מוהרא"ש שליט"א פארן אויף ארץ ישראל פאר צוויי וואכן צו מחזק זיין די ארטיגע אידן.

די קומענדיגע צוויי וואכן וועט נישט פארקומען די וועכנטליכע ליל שישי שיעור.

מען קען הערן אלטע שיעורים פון מוהרא"ש שליט"א אויפן טעלעפאן ליין פון "קול ברסלב" אויפן נומער **212-444-9191**.

**כי מלאכיו יצוה לך!**

# יֶעדְן טָאג בֶּעטְן פוּן נַיי

המשך

אַמָאל אִיז גֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זי"ע, אוּן הָאט זִיךְ בַּאקְלָאגְט, אִיךְ בֶּעהְט יֶעדְן טָאג אוֹיף רוּחָנִיּוּת אוּן אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן אִין עֶרְגֶעץ, וָואס וֶועט מִיט מַיינֶע תְּפִילוֹת? הָאט אִיהְם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע גֶעעֶנְטְפֶערְט, דוּ בֶּעהְט אוֹיף גַשְׁמִיוּת, דָאס פִילְסְטוּ אַז דוּ דַארְפְסְט דָאס מִיט אַן אֱמֶת, אוּן אַ תְּפִלָּה וָואס מֶען בֶּעהְט מִיט אַן אֱמֶת וֶוערְט מֶען שְׁנֶעלֶער גֶעהָאלְפְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קמ"ה) "קָרוֹב הֲוָיָ"ה לְכָל קֹרְאָיו לְכֹל אֲשֶׁר יִקְרָאֻהוּ בֶאֱמֶת" אַז וואוּיל אִיז דֶעם אִיד וָואס עֶר גֶעוואוֹינְט זִיךְ צִי, צוּ בֶּעטְן יֶעדְן טָאג דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַ יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן, אַזַא אִיד אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, וָוארוּם עֶר הָאט אוֹיף וֶועמֶען זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן, אוּן עֶס וֶוערְט בַּיי אִיהְם גֶעשְׁטַארְקְט דִי אֱמוּנָה, אוּן אוֹיב אֵיינֶער הָאט אֱמוּנָה הָאט עֶר שׁוֹין אַלֶעס, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כ"ח) "אִישׁ אֱמוּנוֹת רַב בְּרָכוֹת".

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, וֶועסְטוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיטְן אַלֶעם גוּטְן. דֶער עִיקָר גֶעב אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן זָאלְסְט זֵייעֶר מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.) אוֹקִירוּ לִנְשַׁייכוּ כִּי הֵיכִי דְתִתְעַתְּרוּ; אִיר זָאלְט מְכַבֵּד זַיין דָאס וַוייבּ וֶועט עֶטְץ זַיין עֲשִׁירִים, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ס"ט) אַז דִי גַאנְצֶע גֶעלְט קוּמְט נָאר אִין זְכוּת פוּן דִי וַוייבּ, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ, אוּן זָאלְסְט מַאכְן שָׁלוֹם מִיט אִיר, אוּן זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ, וֶועסְטוּ זַיין אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, אוּן דוּ וֶועסְט קֶענֶען טֵיילְן אַסַאךְ צְדָקָה.

(אֲשֶׁר בַּנַּחַל אידיש, חֵלֶק ה', מִכְתָּב תרנ"ו)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## שיינע שבע ברכות פאר צוויי חתנים

דעם פארגאנגענעם מוצש"ק איז פארגעקומען א הערליכע שבע ברכות בהיכל הישיבה פאר די צוויי חתנים וואס האבן חתונה געהאט די וואך פריער, החתן מרדכי הערצוג הי"ו און החתן יעקב יוסף לונגער הי"ו.

עס זענען זיך צוזאם געקומען אלע בחורים פון ישיבה און אויך א גרויסער עולם פון אנשי שלומינו, מוהרא"ש שליט"א האט זיך משתתף געווען אין די שמחה, און משמיע געווען דברות קודש ביי די סעודה.

נאך ברכת המזון האט זיך דער עולם ארויסגעלאזט אין א פייערדיגן טאנץ און משמח געווען די חתנים.

**שמח תשמח ריעים האהובים!**

***

## הערליכע חתונה פון א תלמיד הישיבה

די וואך דאנערשטאג איז פארגעקומען די חתונה פון א תלמיד הישיבה החתן מו"ה גדלי' דוד בלום הי"ו אין די זאל פון אולם עקשטיין אין קרית יואל.

טראץ די גאר שווערע וועטער און גרויסע שנייען, זענען די בחורים ארויס געפארן צו די חתונה און דארט משמח געווען דעם חתן אויף א געהויבענעם פארנעם ביז אין די שפעטע שעה'ן.

עס האט זיך ארויס געוויזן די גרויסע אהבת חברים פון די בחורים, אז די שווערע וועטער האט נישט אפגעהאלטן פון ארויספארן צו משמח זיין דעם חתן. גלייכצייטיג איז די שיעור פון מוהרא"ש שליט"א - וואס קומט געווענליך פאר דאנערשטאג נאכט - געווען די וואך מיטוואך נאכט, לכבוד די חתונה, אז די בחורים זאלן קענען ארויס פארן.

ווי מען זעהט לעצטנס הערט זיך נישט אויף די פלייץ פון חתונות, ווען בעזר ה' קומט פאר כמעט יעדע וואך נאך א חתונה פון א תלמיד הישיבה, דער אייבערשטער זאל ווייטער העלפן.

**שמח תשמח ריעים האהובים!**

***

## שמחה אין ישיבה צו נאך א חתן

גרויס פרייד הערשט ביי די בחורים אין ישיבה צו א פרישע חבר וואס איז א חתן

המשך בדף ג


## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **יעקב לעססער** הי"ו

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון זיינע קינדער, דורות ישרים ומבורכים.

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

החתן **שלמה קרויס** נ"י

תלמיד ישיבתינו הק'

**וואס איז א חתן געווארן למז"ט עב"ג**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים, אמן.

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **גדלי' דוד בלום** הי"ו

תלמיד ישיבתינו הק'

**צו זיין שמחת החתונה למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים, אמן.

## קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים**
**פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א**

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**




## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!

**וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים**

שנעל גוט און ביליג!

**רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554**

**5554printing@gmail.com**


**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א


**זמנים**

הדלקת הנרות......................5:20
סוף זמן קר"ש......................8:49
מוצש"ק..............................6:52

**שיעורים כסדרן**

בבלי.............................סוכה י"ט
ירושלמי................עבודה זרה ט'
תוספתא...........בכורות פרק ג'


פרשת ויקהל, כ"ב אדר א', שנת תשע"ד לפ"ק

שנה 3, גליון 24 (124)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיַּקְהֵל מֹשֶׁה אֶת כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר צִוָּה ה' לַעֲשֹׂת אֹתָם. שֵׁשֶׁת יָמִים תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה, וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יִהְיֶה לָכֶם קֹדֶשׁ שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן לַה'.**

לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס פּוּנְקְט דִי פַּרְשָׁה אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן "בְּהַקְהֵל" - מֶען הָאט צוּזַאם גֶענוּמֶען אַלֶע אִידְן אִינְאֵיינֶעם.

דֶער פָּסוּק זָאגְט וַוייטֶער, **אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר צִוָּה ה' "לַעֲשֹׂת" אֹתָם**, דָאס זֶענֶען דִי זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן אַז מֶען זָאל "טוּהן", אוּן דֶערְנָאךְ שְׁטֵייט דִי מִצְוָה אַז מֶען טָאר נִישְׁט טוּהן קַיין מְלָאכָה שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, לִכְאוֹרָה אִיז שְׁוֶוער דָאס אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס מֶען דַארְף טוּהן, נָאר פַארְקֶערְט, אַ זַאךְ וָואס מֶען זָאל נִישְׁט טוּהן.

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ל"ט) אַז דֶער תַּכְלִית אוּן דֶער צִיהל פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אִיז נָאר אַז מֶען זָאל קֶענֶען אוּן וִויסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶע זַאךְ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, וֶוען מֶען וֶועט אַריינְטְרַאכְטְן אִין דֶעם וֶועט מֶען זֶעהְן דִי וואוּנְדֶער וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט דֶערִין, אוּן דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ זֶעהְן דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן בַּאשֶׁעפֶער.

אוּן דָאס אִיז דִי גְרוֹיסְקַייט פוּנֶעם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, וָואס דַאן רִיהט מֶען זִיךְ אָפּ אוּן מֶען קֶען אַרַיינְטְרַאכְטְן אוּן זֶעהְן דִי נִפְלָאוֹת הַבּוֹרֵא וָואס לִיגְט אִין יֶעדֶע זַאךְ. אוּן וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זַיין "יוֹם שֶׁכֻּלּוֹ שַׁבָּת" מֶען וֶועט זֶעהְן אָפְן אוּן קְלָאר אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן אַז אִין יֶעדֶע זַאךְ אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער בַּאשֶׁעפֶער.

אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען אַזוֹי שְׁטַארְק אַרַיינְטְרַאכְטְן אוּן זֶעהְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדֶע זַאךְ, דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל גֵיין צוּ אַ גְרוֹיסְן צַדִּיק וָואס עֶר קֶען זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן אוּן מַסְבִּיר זַיין אֲפִילוּ פַאר פְּשׁוּטֶע מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי זָאלְן אוֹיךְ זֶעהְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיז בַּאהַאלְטְן אִין יֶעדֶע זַאךְ אִין דִי וֶועלְט.

אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי מַעֲלָה פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט דֶעם גְרוֹיסְן כֹּחַ אַז עֶר הָאט גֶעקֶענְט מַאכְן אַז אֲפִילוּ דֶער נִידֶערִיגְסְטֶער מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיךְ זֶעהְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי חַזַ"ל זָאגְן **רָאֲתָה שִׁפְחָה עַל הַיָּם מַה שֶּׁלֹּא רָאָה יְחֶזְקֵאל.** מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעהַאט אַזַא כֹּחַ אַז עֶר הָאט גֶעקֶענְט מַאכְן אַז אֲפִילוּ דִי שְׁפָחוֹת, דִי פְּשׁוּט'סְטֶע מֶענְטְשְׁן, זָאלְן אוֹיךְ זֶעהְן אוּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן מִיר דַארְפְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן אוֹיךְ הָאבְּן אַזַא גְרוֹיסְן מַנְהִיג וָואס זָאל דָאס קֶענֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז.

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

### ~ אַלֶעם מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן ~

דֶער עוֹנֶשׁ צוּ דַארְפְן מְגוּלְגָל וֶוערְן נָאכְאַמָאל אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע עוֹנֶשׁ, וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אַ סַכָּנָה, עֶס קֶען זַיין אַז דִי צְוֵוייטֶע מָאל וָואס עֶר קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט וֶועט עֶר אַנְשְׁטָאט פַארֶעכְטְן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהן אִינֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם גִלְגוּל וֶועט עֶר נָאךְ מֶער פַארְדַארְבְּן.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעפְרֶעגְט פוּן רֶבִּי'ן אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ עַקְשְׁ'ענֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אַז מֶען זָאל טוּהן מִיט אִים וָואס מֶען וִויל, נָאר נִישְׁט אַרָאפּ שִׁיקְן נָאכְאַמָאל צוּרִיק אוֹיף דִי וֶועלְט. הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז יָא, אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ עַקְשְׁ'ענֶען אַז עֶר וִויל נִישְׁט נָאכְאַמָאל מְגוּלְגָל וֶוערְן. וַוייל דֶער עוֹנֶשׁ פוּן גִלְגוּל אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע זַאךְ רח"ל.

דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט אַז עֶס אִיז דָא נָאךְ אַ שְׁוֶוערֶערֶע גִלְגוּל, דָאס אִיז וֶוען מֶען וֶוערְט מְגוּלְגָל אִין אַ שְׁטֵיין, אִין וַואסֶער, אִין גֶעוִויקְסְן, אָדֶער אִין חַיּוֹת, דָאס אִיז נָאךְ אַן עֶרְגֶערֶע זַאךְ. עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע צַעַר פַאר דִי נְשָׁמָה צוּ וֶוערְן מְגוּלְגָל. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל וִויסְן וָואסֶערֶע הַארְבֶּע עוֹנֶשׁ דָאס אִיז, וָואלְט עֶר גֶעצִיטֶערְט צוּ טוּהן אַן עֲבֵירָה, אוּן אוֹיבּ עֶר אִיז יָא דוּרְךְ גֶעפַאלְן וָואלְט עֶר גְלַייךְ תְּשׁוּבָה גֶעטוּהן.

דֶערִיבֶּער דַארְף אַ מֶענְטְשׁ נִזְהָר זַיין יֶעדֶע נַאכְט פַאר עֶר גֵייט שְׁלָאפְן, אִיבֶּערְצוּגֵיין דֶעם טָאג מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהן דֶעם טָאג, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע שְׁלֶעכְטְס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהן, אוּן הֶעלְפְן אוֹיף וַוייטֶער אַז מֶען זָאל נִישְׁט נָאכְאַמָאל דוּרְכְפַאלְן חַ"ו.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט דָאס, נֶעמְט עֶר אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַלֶע שְׁלֶעכְטְס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהן אַ גַאנְצְן טָאג, וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אַלֶעס וָואס מֶען הָאט שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּהן, אוּן אַזוֹי דַארְף מֶען זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן אַז מֶען וֶועט נָאכְאַמָאל מְגוּלְגָל וֶוערְן אוֹיף

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, **וַיַּקְהֵל מֹשֶׁה אֶת כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל**, דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ טָאג נָאךְ יוֹם כִּיפּוּר וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מוֹחֵל גֶעוֶוען דִי אִידְן אוֹיפְן חֵטְא הָעֵגֶל, דַאן הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ צוּזַאם גֶענוּמֶען אַלֶע אִידְן צוּ זִיךְ, עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין זֵיי אַז זֵיי זָאלְן זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס קֶען נָאר גֶעשֶׁעהְן וֶוען דִי אִידְן וֶועלְן זִיךְ צוּזַאם נֶעמֶען צוּם גְרוֹיסְן צַדִיק מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, עֶר זָאל דָאס אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין זֵיי.

אוּן דִי עֶרְשְׁטֶע הַקְדָמָה הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט, **אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר צִוָּה ה' לַעֲשֹׂת אֹתָם**, אֲפִילוּ אִין דִי אַרְבֶּעט פוּן דִי גַאנְצֶע וָואךְ, **שֵׁשֶׁת יָמִים תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה**, יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען אַרְבֶּעט אַ גַאנְצֶע וָואךְ, וָואס מֶען טוּט אַ גַאנְצֶע וָואךְ, דַארְף מֶען אִין דֶעם טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן וִוי אַזוֹי טוּט מֶען דָאס? דוּרְךְ **וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יִהְיֶה לָכֶם קֹדֶשׁ שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן לַה'**, שַׁבָּת וֶוען מֶען רִיהְט זִיךְ אָפּ, דַאן אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט אַרַיינְצוּטְרַאכְטְן, אוּן צוּ זֶעהְן אַז אֲפִילוּ דָאס וָואס מֶען טוּט דִי גַאנְצֶע וָואךְ וֶוען מֶען אִיז פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְלָאנְט, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין צַייט אוּן גֶעדוּלְד צוּ טְרַאכְטְן, אִין דִי אַלֶע זַאכְן אִיז אוֹיךְ בַּאהַאלְטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. ווארויל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן גֶעדֶענְקְט שְׁטֶענְדִיג אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּעראַל אִין יֶעדֶע זַאךְ.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל תשס"ה לפ"ק)

***

**וְעָשָׂה בְצַלְאֵל וְאָהֳלִיאָב וְכֹל אִישׁ חֲכַם לֵב**, בְּצַלְאֵל אוּן אָהֳלִיאָב הָאבְּן צוּזַאמֶען גֶעמַאכְט דֶעם מִשְׁכָּן, זָאגְט רַשִׁ"י אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט סְפֶּעצִיעֶל גֶענוּמֶען פוּן דִי צְוֵויי שְׁבָטִים, בְּצַלְאֵל פוּן שֵׁבֶט יְהוּדָה וָואס אִיז דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע שֵׁבֶט, אוּן אָהֳלִיאָב פוּן שֵׁבֶט דָן וָואס דָאס אִיז אַ שְׁוַואכֶער שֵׁבֶט, כְּדֵי צוּ וַוייזְן אַז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז יֶעדֶער אֵיינִיג.

מוֹהַרְאַ"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ס"ח) אַז דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת פוּן אַ צַדִיק אִיז, וֶוען פוּן אֵיין זַייט אִיז עֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען עֶר זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּם שְׁוַואכְסְטְן אִיד אוּן אִים אוֹיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, אִים וַוייזְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אוֹיךְ לִיבּ, אוּן אַז עֶר קֶען אוֹיךְ צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ בּוֹיעֶן דֶעם מִשְׁכָּן וָואס בְּרֶענְגְט הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה, אַז יֶעדֶער זָאל וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּהְט צְוִוישְׁן אוּנְז, עֶר אִיז בַּיי אוּנְז, נֶעבְּן אוּנְז, אוּן מִיט אוּנְז, הָאט מֶען גֶעמוּזְט הָאבְּן דִי צְוֵויי זַאכְן, אַזֶעלְכֶע צַדִיקִים וָואס זֶענֶען פוּן אֵיין זַייט זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי קֶענֶען וַוייזְן פַארְן גְרֶעסְטְן צַדִיק, אַז עֶר קֶען נָאךְ זַיין גְרֶעסֶער, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען עֶר זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ דִי שְׁוַואכְסְטֶע שְׁבָטִים, צוּם שְׁוַואכְסְטְן אִיד, אוּן אִים וַוייזְן אַז עֶר אִיז אוֹיךְ נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט צוּ הֶערְן זַיין קוֹל.

דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זוּכְן אַזַא צַדִיק וָואס קֶען אִין אִים אַרַיינְשַׁיינֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אוֹיךְ לִיבּ, אוּן אַז עֶר קֶען אוֹיךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיַּקְהֵל ג)

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

דִי וֶועלְט.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען זֶעהְן מְתַקֵן צוּ זַיין דִי נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען יָא מְגוּלְגָל גֶעוָוארְן, וֶוען מֶען מַאכְט אַן עֶרְלִיכֶע בְּרָכָה אוֹיף אַ מַאֲכָל, אִיז מֶען מִיט דֶעם מְתַקֵן דִי נְשָׁמָה וָואס לִיגְט דֶערִין. אוּן דִי זֶעלְבֶּע דַארְף מֶען וִויסְן וֶוען מֶען גֵייט צְוִוישְׁן בֵּיימֶער אוּן דִי וֶועשׁ כַאפְּט זִיךְ אַרַיין אִין אַ דָארְן, אָדֶער מֶען וֶוערְט צוּקְרַאצְט פוּן אַ צְוַוייג א.ד.ג. דָאס אִיז נִישְׁט קַיין פָּשׁוּט'עֶ זַאךְ, דָאס מֵיינְט אַז אִין דִי גֶעוִויקְסְן זֶענֶען מְגוּלְגָל נְשָׁמוֹת וָואס וַוארְטְן אוּן בֶּעטְן זִיךְ פַאר אַ תִּיקוּן, אוּן דֶערִיבֶּער אַנְשְׁטָאט זִיךְ רֶעגְן וֶוען עֶס גֶעשֶׁעהְט אַזַא זַאךְ, דַארְף מֶען עֶנְדֶערְשׁ אַרַיין בְּרֶענְגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין בִּילְד. מֶען זָאגְט "בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וֵוייס אַז דוּ הָאסְט דָאס גֶעמַאכְט, זָאל עֶס זַיין צוּ כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת". מִיט דֶעם וָואס מֶען דֶערְמַאנְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען, בַּאקוּמֶען דִי נְשָׁמוֹת אַ תִּיקוּן.

### מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אַלֶעס

אַסַאךְ מָאל גֶעשֶׁעהְן זַאכְן צוּ אַ מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס דָאס גֶעשֶׁעהְט, "וָואס הָאבּ אִיךְ שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּהְן אַז עֶס זָאל מִיר קוּמֶען אַזַא זַאךְ?", "פַארְוָואס הָאט זִיךְ יֶענֶער אָנְגֶעטְשֶׁעפֶּעט אִין מִיר, אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט פָּטוּר וֶוערְן פוּן אִים?". דִי אַלֶע אוּן נָאךְ עֶנְלִיכֶע קֻשְׁיוֹת הָאט אוֹיךְ צוּ טוּהְן מִיט גִלְגוּל, מֶען קֶען נִישְׁט וִויסְן וָואס מֶען אִיז גֶעוֶוען אִינֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן גִלְגוּל, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט וִויסְן וֶוער דֶער צְוֵוייטֶער אִיז גֶעוֶוען אִינֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן גִלְגוּל. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט אָבֶּער יָא דִי אַלֶע זַאכְן, אוּן עֶר פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע פוּנְקְטְלִיכְקַייט, יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס גֶעשֶׁעהְט הָאט אַ סִיבָּה, אוּן אַסַאךְ מָאל קֶען עֶס זַיין צוּלִיבּ זַאכְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען אִינֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן גִלְגוּל, אַלֶעס הָאט אַ פוּנְקְטְלִיכֶע חֶשְׁבּוֹן.

בַּיים אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אִים זֵייעֶר גֶע'רוֹדְפְ'ט אוּן גֶעטְשֶׁעפֶּעט פַאר גָארְנִישְׁט. יֶענֶער הָאט גֶערֶעדְט כָּל דָבָר אָסוּר אוֹיפְן הֵיילִיגְן אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ. אֵיינְמָאל הָאט רֶבִּי חַיִים וִויטַאל גֶעהֶערְט וִוי זַיין רֶבִּי דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ זָאגְט פַאר יֶענֶעם מֶענְטְשׁ: "נָאךְ אַלְץ ווִילְסְטוּ נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּהְן?". עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען אִינְטֶערֶעסַאנְט דֶער אוֹיסְדְרוּק, אוּן עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ וָואס דָאס בַּאדַייט. הָאט אִים דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ גֶעזָאגְט: "מַיין נְשָׁמָה הָאט אַ נִיצוֹץ פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גֶעוֶוען אַמָאל קֹרַח וָואס אִיז יֶעצְט מְגוּלְגָל גֶעוָוארְן צוּ מְתַקֵן זַיין זַיינֶע חֲטָאִים וָואס עֶר הָאט גֶעקְרִיגְט אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוּן יֶעצְט אַז אִיךְ זֶעה אַז עֶר הַאלְט וַוייטֶער אָן זַיין מַחְלוֹקֶת, עֶר הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ רוֹדְפְ'ן אוּן טְשֶׁעפֶּענֶען, הָאבּ אִיךְ אִים פָארְגֶעהַאלְטְן פַארְוָואס עֶר ווִיל נָאךְ אַלְץ נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּהְן".

### אִלֵּין אִינּוּן סִדּוּרִין דְגִלְגּוּלָא

אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים שְׁטֵייט: "אִלֵּין אִינּוּן סִדּוּרִין דְגִלְגּוּלָא" - דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ דֶערְצֵיילְט דָארְטְן דִי סוֹדוֹת פוּן גִלְגוּל. אוּן דָאס קוּמְט דַוְקָא אַרַיין אִין פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, וַוייל דֶער עִיקָר סִיבָּה פַארְוָואס מֶען דַארְף מְגוּלְגָל וֶוערְן אִיז פַאר עֲבֵירוֹת שֶׁבֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ, אוֹיף דִי עֲבֵירוֹת אִיז נִישְׁט גֶענוּג תְּשׁוּבָה, נָאר מֶען דַארְף אִיבֶּערְבֶּעטְן דֶעם מֶענְטְשׁ וֶועמֶען מֶען הָאט גֶעטְשֶׁעפֶּעט אָדֶער בַּא'גַנְבְ'ט. בַּיי אַנְדֶערֶע עֲבֵירוֹת שֶׁבֵּין אָדָם לַמָקוֹם קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּהְן, אוּן עֶס אִיז דָא יִסוּרִים אוּן יוֹם הַמִיתָה וָואס זֶענֶען אוֹיךְ מְכַפֵּר, אָבֶּער בֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ הֶעלְפְט גָארְנִישְׁט, וִוי לַאנְג מֶען גְלַייכְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס מִיטְן חַבֵר. אוּן דֶערִיבֶּער בַּיי פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים וָואס רֶעדְט פוּן אַלֶע הֲלָכוֹת בֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ, דָארְט רֶעדְט דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ וֶועגְן גִלְגוּל, אַז מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ פַארֶעכְטְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט נִישְׁט גֶעטוּהְן רִיכְטִיג בֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ, כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט דַארְפְן נָאכְאַמָאל מְגוּלְגָל וֶוערְן עֶס צוּ פַארֶעכְטְן.

אֵיינְמָאל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זִ"עַ גֶעבֶּעטְן פוּן זַיין גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִ"עַ אַז עֶר זָאל אִים מַסְבִּיר זַיין דִי פְּשַׁט פוּן דֶעם זוֹהַר, וָואס הָאט שַׁייכוּת דִי סוֹדוֹת פוּן

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

גִלְגּוּל צוּ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים גֶעהֵייסְן אַז עֶר זָאל פָּארְן צוּ אַ גֶעוִויסֶע וַואלְד, דָארְט וֶועט עֶר זֶעהן אַ טַייכְל וַואסֶער וָואס לוֹיפְט אוּנְטֶער אַ בּוֹים, עֶר זָאל זִיךְ דָארְט בַּאהַאלְטְן אוּנְטֶער אַ שְׁטֵיין אָדֶער עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אוּן צוּקוּקְן וָואס עֶס גֵייט גֶעשֶׁעהְן. אָבֶער עֶר זָאל גָארְנִישְׁט רֶעדְן אוּן גָארְנִישְׁט טוּהן אַ גַאנְצְן טָאג, נָאר שְׁטִילֶערְהֵייט צוּקוּקְן פוּן דִי זַייט, אוּן סוֹף טָאג זָאל עֶר צוּרִיק קוּמֶען צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן עֶר וֶועט אִים אַלֶעס מַסְבִּיר זַיין. דֶער מַגִיד אִיז גְלַייךְ אַהִין גֶעפָארְן, עֶר הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן נֶעבְן דֶעם בּוֹים מִיטְן טַייכְל אוּן גֶעוַוארְט צוּ זֶעהן וָואס עֶס וֶועט פַּאסִירְן.

זִיצְנְדִיג דָארְט זֶעהט עֶר וִוי עֶס קוּמְט צוּ פָארְן אַ שֵׁיינֶעם פֶערְד אוּן וָואגְן, עֶס שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ נֶעבְן דֶעם טַייכְל אוּן פוּנֶעם וָואגְן קוּמְט אַרוֹיס אַ גְרוֹיסֶער שַׂר, עֶר זֶעצְט זִיךְ אַרָאפּ אָפְּרִיהֶען נֶעבְן דֶעם טַייכְל, עֶר עֶסְט אוּן טְרִינְקְט אוּן דֶערְנָאךְ יָאגְט עֶר זִיךְ צוּרִיק אַרוֹיף אוֹיפְן וָואגְן צוּ פָארְן וַוייטֶער, אָבֶער דֶער מַגִיד הָאט בַּאמֶערְקְט וִוי אַזוֹי יָאגְנְדִיגֶערְהֵייט הָאט דֶער שַׂר אַרָאפּ גֶעלָאזְט אַ דִיקְן בֶּערְזְל מִיט גֶעלְט אוֹיף דֶער עֶרְד.

נָאךְ אַ קוּרְצֶע צַייט קוּמְט דָארְט אָן נָאךְ אַ מֶענְטְשׁ, עֶר זֶעצְט זִיךְ אוֹיךְ אַוֶועק נֶעבְן וַואסֶערְל זִיךְ אָפְּצוּרִיהֶען, אוּן עֶר בַּאמֶערְקְט אַ בֶּערְזְל אוֹיף דֶער עֶרְד, עֶר פְרֵיידְט זִיךְ צוּ דִי גְרוֹיסֶע מְצִיאָה, עֶר לֵייגְט עֶס אַרַיין אִין טַאשׁ, אוּן גֵייט זִיךְ וַוייטֶער זַיין וֶועג.

נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט קוּמְט דָארְט אָן אַ דְרִיטֶער מֶענְטְשׁ, אַן אָרִימַאן. דֶער אָרִימַאן זֶעצְט זִיךְ אוֹיךְ אַרָאפּ, עֶר נֶעמְט אַרוֹיס אַ שְׁטִיקְל טְרוּקֶענֶע בְּרוֹיט פוּן זַיין טָארְבֶּע צוּ עֶסְן, עֶר טְרִינְקְט אַבִּיסְל פוּן דִי וַואסֶער פוּן טַייךְ, אוּן דֶערְנָאךְ לֵייגְט עֶר זִיךְ אַרָאפּ כַאפְּן אַ דְרִימְל אוֹיף דֶער עֶרְד.

אִינְצְוִוישְׁן קוּמְט דֶער עֶרְשְׁטֶער שַׂר צוּרִיק אוּן הֵייבְּט אָן זוּכְן זַיין טַייעֶרְן בֶּערְזְל וָואס עֶר הָאט פַארְלוֹירְן. עֶר זוּכְט עֶס אַרוּם אִיבֶּעראַל אוּן עֶר קֶען עֶס נִישְׁט טְרֶעפְן. אַזוֹי וִוי עֶר טְרֶעפְט עֶס נִישְׁט הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז מִסְתָּמָא הָאט עֶס דֶער אָרִימַאן וָואס שְׁלָאפְט דָארְט גֶע'גַנְבְ'ט. עֶר וֶועקְט אוֹיף דֶעם אָרִימַאן אוּן פַארְלַאנְגְט פוּן אִים אַז עֶר זָאל אִים שׁוֹין צוּרִיק גֶעבְן זַיין בֶּערְזְל. דֶער אָרִימַאן וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶר ווִיל פוּן זַיין לֶעבְן הָאבְן אוּן שְׁרַייט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין בֶּערְזְל אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט פוּן וָואס עֶר רֶעדְט. דֶער שַׂר הֵייבְּט אִים אָן סְטְרַאשֶׁענֶען אַז עֶר זָאל שׁוֹין צוּרִיק גֶעבְן דָאס גֶעלְט וַוייל אַז נִישְׁט וֶועט נִישְׁט טוֹיגְן, אָבֶער דֶער אָרִימַאן הַאלְט זִיךְ בַּיי זַיינְס אַז עֶר וֵוייסְט פוּן גָארְנִישְׁט.

דֶער שַׂר וֶוערְט גֶערֶעגְט אוּן הֵייבְּט אָן צוּ שְׁלָאגְן דֶעם אָרִימַאן, עֶר הַאקְט אַרַיין אִין אִים מַכּוֹת רֶצַח, אָבֶער עֶס הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן, דֶער אָרִימַאן וֵוייסְט פוּן גָארְנִישְׁט. זֶעהֶענְדִיג אַז עֶר קֶען גָארְנִישְׁט פּוֹעֶל'ן אִיז דֶער שַׂר וַוייטֶער גֶעפָארְן פוּן דָארְט, אוּן אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דֶעם אָרִימַאן צוּקְלַאפְּט אוּן צוּבְּלוּטִיגְט.

דֶער הֵיילִיגֶער מַגִיד הָאט דָאס אַלֶעס צוּגֶעזֶעהן פוּן זַיין בַּאהֶעלְטֶענִישׁ, עֶר הָאט שׁוֹין עֶטְלִיכֶע מָאל גֶעוָואלְט אַרוֹיסְגֵיין זִיךְ אָנְרוּפְן וָואס עֶר הָאט גֶעזֶעהן, אָבֶער עֶר הָאט גֶעדֶענְקְט אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים אָנְגֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל גָארְנִישְׁט זָאגְן אוּן רֶעדְן, הָאט עֶר אוֹיסְגֶעוַוארְט בִּיז דִי צַייט וָואס זַיין רֶבִּי הָאט אִים גֶעהֵייסְן צוּרִיק קוּמֶען, אוּן דַאן הָאט עֶר זִיךְ צוּרִיק גֶעקֶערְט צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים מְקַבֵּל פָּנִים גֶעוֶוען אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס עֶר הָאט גֶעזֶעהן, דֶער מַגִיד הָאט דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה וָואס עֶר הָאט מִיטְגֶעהַאלְטְן. הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֶועל דִיר מַסְבִּיר זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפִּילְט", דֶער עֶרְשְׁטֶער שַׂר וָואס דוּ הָאסְט גֶעזֶעהן אָנְקוּמֶען אִיז גֶעוֶוען שׁוּלְדִיג פַאר אַ צְוֵוייטְן מֶענְטְשׁ אַ גְרוֹיסֶע סוּמֶע גֶעלְט, נָאךְ אִין זַיין פְרִיעֶרְדִיגְן גִלְגּוּל, טַאקֶע פּוּנְקְט דֶער זֶעלְבֶּער סְכוּם גֶעלְט וָואס אִיז יֶעצְט גֶעלִיגְן אִין דֶעם בֶּערְזְל. עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן בַּיים בַּאצָאלְן דָאס גֶעלְט, זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי תּוֹרָה צוּ אַ דַיָּין, דֶער עֶרְשְׁטֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעגֶעבְן שׁוֹחַד פַארְן דַיָּין, אוּן דֶער דַיָּין הָאט גֶע'פְּסַק'נְט נִישְׁט רִיכְטִיג, אַז עֶר דַארְף נִישְׁט בַּאצָאלְן דָאס גֶעלְט.

המשך בדף ד

# בית המדרש היכל הקודש ברסלב

קרית יואל יצ"ו

# וה' ברך את אברהם בכל

**פון טיפן הארצן וואונטשן מיר א הארציגן ברכת מזל טוב פאר**

## מו"ה אברהם חיים פארקאש שליט"א

### וזוגתו תחי'

**צו די געבורט פון אן אור-אייניקל למזל טוב**

עס איז נישטא די ווערטער ארויסצוברענגן די געוואלדיגע מסירת נפש און איבערגעגעבנקייט פון ר' אברהם חיים וזוגתו שיחיו פאר אונזער בית המדרש אין קרית יואל. מיום הווסדה ועד עתה שטייען זיי גרייט צו העלפן און אהער שטעלן דעם ביהמ"ד אויפן שענסטן און בעסטן אופן.

נאר אין זייער זכות איז דער ביהמ"ד אהער געשטעלט געווארן אלס אזא ערליכע ווינקל וואו אידן פון די גאנצע שטאט קומען הערן די הייליגע דיבורים פון רבי'ן און זיך מחזק זיין אין עבודת ה' ווי דער רבי לערנט אונז.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז זיי זאלן זעהן אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך און אור אייניקלעך, דורות ישרים ומבורכים ביז הונדערט און צוואנציג יאר געזונטערהייט.

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

המשך

אנהאלטן אדער נישט. כי מעט אשר היה לך לפני ויפרוץ לרוב, יעצט זעהענדיג ווי עס זענען זיך צוזאמגעקומען אזא ריזן עולם פון בחורים מיט אינגעלייט יוצאי הישיבה, רייסט זיך פון הארץ ארויס א דאנק צום אייבערשטן אויף זיינע גרויסע חסדים, און גלייכצייטיג א תפלה אויף ווייטער אז דער אייבערשטער זאל העלפן אז מיר זאלן ווייטער מרחיב זיין גבולי הקדושה.

שלש סעודות איז אפגעראכטן געווארן מיט גרויס דערהויבנקייט, מען האט געזינגען אינאיינעם מיט השתפכות הנפש, און געהערט דיבורים איבערן תכלית, אז די איינציגע ציהל וואס מיר זענען דא אויף די וועלט איז נאר זיך צוריק צו קערן צום אייבערשטן, און אפילו די גשמיות'דיגע זאכן וואס מען טוט דארף מען אויך טוהן מיטן אייבערשטן, און דאן איז רוחניות און גשמיות איינס און די זעלבע זאך, מיט יעדע זאך קען מען דינען דעם אייבערשטן.

מוצאי שבת איז פארגעקומען א ערליכע מלוה מלכה. עס זענען צוגעקומען נאך בחורים און אינגעלייט וואס האבן נישט געקענט מיטהאלטן דעם שבת, דער ראש ישיבה האט ברייט ארומגערעדט דברי התחזקות והתעוררות געפלאכטן מיט סיפורי צדיקים, וואס האט באצויבערט אלע באטייליגטע.

אויך האט דער ראש ישיבה גערעדט פון די גרויסקייט פון פארן ראש השנה אויף אומאן צום הייליגן רבי'נס ציון. דער ראש ישיבה האט ארויס געברענגט אז מענטשן מיינען אז מען פארט אויף אומאן צו פארברענגן און הנאה האבן, ווען דער אמת איז אז ווער עס איז שוין דארט געווען קען מעיד זיין אז עס איז בכלל נישט געשמאק, עס איז זייער שווער צו פארן אהין, סיי די טלטול הדרך, און סיי דארט אין אומאן וואו עס איז נישט צוגעשטעלט די גשמיות אויפן בעסטן אופן. און פון דעסט וועגן שטרענגט מען זיך אן און מען פארט נאר ווייל דער רבי האט געהייסן, און ווייל מען וויל זוכה זיין צו די גרויסע געוואלדיגע הבטחות וואס דער רבי האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס קומען צו זיין ציון אויף ראש השנה.

די מלוה מלכה איז געווען משולב מיט א שבע ברכות פארן חתן גדלי' דוד בלום הי"ו וואס האט חתונה געהאט די פריערדיגע וואך. נאכן עסן האט מען זיך ארויסגעלאזט אין פרייליכע טענץ, וואס האט זיך געצויגן ביז אין די שפעטע נאכט שעה'ן, מען האט משמח געווען דעם חתן, און מען האט זיך אינאיינעם זיך משמח געווען און געדאנקט דעם אייבערשטן אשר בנחל שם גורלינו, אז מיר האבן זוכה געווען צו זיין פונעם רבינ'ס מענטשן, וואס דאס באגלייט אונז ביי טריט און שריט, אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

**קה אכסוף נועם שבת!**

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

יֶעצְט אִין דֶעם גִלְגוּל הָאט דֶער עֶרְשְׁטֶער בַּאצָאלְט דֶעם חוֹב דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט פַּארְלוֹירְן דֶעם בֶּערְזְל אוּן דֶער צְוֵוייטֶער מֶענְטְשׁ הָאט עֶס גֶעטְרָאפְן אוּן צוּרִיק בַּאקוּמֶען. דֶער דַיָין וָואס הָאט גֶע'פְּסַק'נְט פַאלְשׁ אִיז אוֹיךְ מְגוּלְגָל גֶעוָוארְן אוּן אַלְס עוֹנֶשׁ גֶעוָוארְן אַן אָרִימַאן, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער דְרִיטֶער מֶענְטְשׁ דֶער אָרִימַאן וָואס הָאט בַּאקוּמֶען קְלֶעפּ טַאקֶע פוּן דֶעם זֶעלְבְּן מֶענְטְשׁ פוּן וֶועם עֶר הָאט גֶענוּמֶען שׁוֹחַד אִינֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן גִלְגוּל.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "דָאס אִיז פוּן וָואס דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ רֶעדְט. וֶוען מֶען פִירְט זִיךְ נִישְׁט רִיכְטִיג אִין גֶעלְט זַאכְן, דַארְף מֶען נָאכְאַמָאל מְגוּלְגָל וֶוערְן, צוּ קֶענֶען פַארֶערְכְטְן אוּן צוּרִיק צָאלְן וָואס מֶען אִיז שׁוּלְדִיג גֶעבְּלִיבְּן.

דִי גְמָרָא זָאגְט (בֵּיצָה כ"ט.) אַז אוֹיבּ מֶען הָאט גֶע'גַנָב'ט גֶעלְט פוּן מֶענְטְשְׁן אוּן מֶען וֵוייסְט נִישְׁט פוּן וֶועם מֶען הָאט גֶע'גַנָב'ט, קֶען מֶען אוֹיךְ תְּשׁוּבָה טוּהן. מֶען זָאל טוּהן מִיט דִי גֶעלְט צָרְכֵי רַבִּים, זַאכְן פוּן וָואס דֶער רַבִּים וֶועט הַנָאָה הָאבְּן.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, גְזֵילָה, ה') אַז צוּ דְרוּקְן דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים הֵייסְט צָרְכֵי רַבִּים, דָאס אִיז בֶּאֱמֶת אַ זַאךְ וָואס יֶעדֶער דַארְף הָאבְּן, דָאס אִיז מְקָרֵב אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה. דֶערִיבֶּער אוֹיבּ אֵיינֶער וֵוייסְט אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען נִזְהָר אִין יֶענֶעמ'ס גֶעלְט אָבֶּער עֶר גֶעדֶענְקְט נִישְׁט וֶועם עֶר דַארְף בַּאצָאלְן, זָאל עֶר גֶעבְּן גֶעלְט צוּ דְרוּקְן דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים אוּן מִיט דֶעם וֶועט עֶר דָאס מְתַקֵן זַיין.

וֶוען מֶען נֶעמְט זִיךְ אַרַיין אִין קָאפּ דֶער עִנְיָן פוּן גִלְגוּל אִיז גְרִינְגֶער מְקַבֵּל צוּ זַיין זַאכְן בְּאַהֲבָה, אַלֶעס וָואס גֶעשֶׁעהט הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶע פְּשַׁט אֲפִילוּ וֶוען אוֹיבְן אוֹיף זֶעהט אוֹיס וִוי עֶס הָאט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין פְּשַׁט. אוּן וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ מְקַבֵּל זַיין אַלֶעס בְּאַהֲבָה אוּן בַּייִשְׁטֵיין דִי נִסְיוֹנוֹת, מִיט דֶעם פַּארֶערְכְט מֶען אַלֶעס, אַז מֶען זָאל נִישְׁט דַארְפְן בַּאקוּמֶען פְּרִישֶׁע עוֹנְשִׁים אָדֶער דַארְפְן נָאכְאַמָאל מְגוּלְגָל וֶוערְן חַ"ו.

וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוּן אִיז מְקַבֵּל אַלֶעס וָואס קוּמְט אוֹיף אִים בְּאַהֲבָה וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י"א וְחֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ גִלְגוּל, חֵלֶק ד' עֶרֶךְ גְנֵיבָה)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

*השבת נועם הנשמות:*

## הערליכע שבת התוועדות אין ישיבה

א הערליכער שבת איז אריבער אויף תלמידי הישיבה צוזאמען מיט די אינגעלייט יוצאי הישיבה, וואס זענען זיך צוזאמגעקומען אין שפיץ פונעם ראש ישיבה שליט"א דעם פארגאנגענעם שבת פרשת כי תשא אין די פראכטפולע ראלי האטעל כאיש אחד בלב אחד זיך צו שטארקן אינאיינעם מיטן הייליגן רבינ'ס עצות.

במשך דעם שבת האט מען געהערט מערערע דרשות פונעם ראש ישיבה, ווארימע דיבורים מיט דעם רבי'נס עצות, וואס האט אויפגעפלאמט די הערצער פון אלע תלמידים און ווי אויך די פילע פארזאלמטע וואס זענען געקומען אויף שבת.

פאר קבלת שבת האט מען געהערט קורצע דיבורים איבער וואס דער שבת איז געשטעלט געווארן, און וואס דער ציהל דערפון איז. ביינאכט נאך די סעודה איז פארגעקומען די באטע. דער ראש ישיבה האט ארומגערעדט באריכות פון די געוואלדיגע מתנה וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן, אז מיר האבן זוכה געווען צו וויסן פון הייליגן רבי'ן, וואס לערנט אונז אויס ווי אזוי דורך צו גיין דעם לעבן בשלום, און מיר דארפן זיין זייער שטאלץ מיט דעם, כאטש עס איז ארויס א שלעכטע נאמען אויף ברסלב'ע חסידים אז זיי זענען משוגעים, דאס נעמט זיך נאר פון דעם וואס עטליכע משוגעים האבן זיך גערופן ברסלב'ע, אבער באמת האבן זיי נישט קיין שום שייכות צו ברסלב, ווייל א ברסלב'ער חסיד איז נאר איינער וואס לערנט דעם רבינ'ס ספרים און פאלגט דעם רבינ'ס עצות, ער רעדט צום אייבערשטן, דאווענט מיט מנין יעדן טאג שחרית מנחה מעריב, פארברענגט נישט די צייט, לערנט אויפן דרך הלימוד, און אזוי ווייטער אלע הייליגע עצות וואס דער רבי לערנט אונז.

און באמת קען יעדער איד ניצן די עצה פון רעדן צום אייבערשטן, מען דארף נישט זיין קיין ברסלב'ער חסיד פאר דעם, ווייל אויף יעדן מענטש גייט דורך שוועריקייטן, און דער איינציגסטער וואס קען העלפן איז נאר דער אייבערשטער, און מען דארף נאר קומען צו אים, זיך אויסרעדן צו אים אויף די אייגענע שפראך אזוי ווי מען רעדט זיך אויס צו אן אמת'ן גוטן פריינד, און דאס קען יעדער מענטש טוהן.

בתוך הדברים האט דער ראש ישיבה אויסגעדריקט א שבח והודאה צום אייבערשטן, ארויסברענגעדיג ווי מען איז זיך צוזאמגעקומען אויף דעם זעלבן פלאץ פאר זעקס יאר צוריק, די ערשטע יאר פון די ישיבה, מיט א קליינע צאל בחורים, און מען האט נאכנישט געוואוסט אויב דאס וועט

המשך בדף ג


## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **אשר בער אינדארסקי** הי"ו

מלמד מומחה במוסדותינו הק'

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון זיינע קינדער. דורות ישרים ומבורכים.

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

החתן **שלמה קרויס** נ"י

תלמיד ישיבתינו הק'

**צו זיין שמחת התנאים למז"ט**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים, אמן.

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

החתן **אשר לעווי** נ"י

תלמיד ישיבתינו הק'

**צו זיין שמחת התנאים למז"ט**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים, אמן.

## קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א**

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**




## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!

וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים

שנעל גוט און ביליג!

**רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554**

**5554printing@gmail.com**


**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות.....................5:28
סוף זמן קר"ש....................8:43
מוצש"ק...........................7:00

**שיעורים כסדרן**
בבלי.............................סוכה כ"ו
ירושלמי..............עבודה זרה ט"ז
תוספתא................ערכין פרק ג'

פרשת פקודי, כ"ט אדר א', שבת שקלים, מברכים חודש אדר ב', שנת תשע"ד לפ"ק — שנה 3, גליון 25 (125)


# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיָּבִיאוּ אֶת הַמִּשְׁכָּן אֶל מֹשֶׁה.** זָאגְט רַשִׁ"י אַז דִי בְּרֶעטֶער פוּן מִשְׁכָּן זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁוֶוער אַז קֵיינֶער הָאט עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי אַזוֹי וֶועט מֶען קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֶעלְן דֶעם מִשְׁכָּן, הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל בְּלוֹיז צוּלֵייגְן זַיין הֶענְט, אוּן דִי מִשְׁכָּן וֶוער זִיךְ שׁוֹין אַלֵיין אוֹיפְשְׁטֶעלְן, אוּן דֶערִיבֶּער שְׁטֵייט וַוייטֶער אִין פָּסוּק, **הוּקַם הַמִּשְׁכָּן** - דִי מִשְׁכָּן הָאט זִיךְ אַלֵיין אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט.

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נ"א) אַז בֶּאֱמֶת קֶען זִיךְ קֵיינֶער נִישְׁט בַּארִימֶען אַז עֶר דִינְט אֱמֶת'דִיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט אִיז בֶּאֱמֶת נָאר אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעם קוּמְט נָאר פוּן אִים, דֶער עִיקָר וָואס מֶען פַארְלַאנְגְט פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז זַיין רָצוֹן אַז עֶר זָאל וֶועלְן זַיין וואוּיל אַז עֶר זָאל וֶועלְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט דֶעם אֱמֶת'ן רָצוֹן דַאן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט טַאקֶע זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן טוּהן אַסַאךְ מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים.

חֲזַ"ל זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה כ"ז ב') אוֹיפְן פָּסוּק (אִיּוֹב מא ג) **מִי הִקְדִּימַנִי וַאֲשַׁלֵּם**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, וֶוער הָאט גֶעלֵייגְט אַ מְזוּזָה אוֹיף זַיין טִיר פַאר אִיךְ הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ הוֹיז? וֶוער הָאט גֶעלֵייגְט צִיצִית אוֹיף זַיין בֶּגֶד פַאר אִיךְ הָאבּ אִים גֶעגֶעבְּן אַ בֶּגֶד? דָאס מֵיינְט אַז אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף נָאר הָאבְּן אַ רָצוֹן, עֶר דַארְף וֶועלְן טוּהן גוּטְס, אוּן דִי אִיבְּרִיגֶע טוּט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז אֲפִילוּ בַּיי גַשְׁמִיּוּת אִיז אוֹיךְ דֶער עִיקָר דֶער רָצוֹן, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל מַצְלִיחַ זַיין בְּגַשְׁמִיּוּת דַארְף עֶר אוֹיךְ הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע רָצוֹן אוּן נָאר אַזוֹי קֶען עֶר מַצְלִיחַ זַיין. דֶער פָּסוּק זָאגְט **פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי** "רָצוֹן", לִכְאוֹרָה וָואלְט גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין **פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי** "מָזוֹן", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַאר יֶעדְן צוּ עֶסְן? נָאר דָאס זָאגְט אוּנְז דֶער פָּסוּק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַאר יֶעדְן אַ "רָצוֹן" - אַ ווִילְן, אֵיינְמָאל דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט הָאבְּן אַ רָצוֹן וֶועט עֶר שׁוֹין הָאבְּן אַלֶעס וָואס עֶר ווִיל, אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין רָצוֹן, דַאן הָאט עֶר גָארְנִישְׁט.

מִיט דֶעם קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס דִי מִשְׁכָּן הָאט גֶעדַארְפְט וֶוערְן אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דֶעם וֶועג אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאל בְּלוֹיז צוּלֵייגְן זַיין הֶענְט אוּן דִי מִשְׁכָּן זָאל זִיךְ אַלֵיין אוֹיפְשְׁטֶעלְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיט דֶעם גֶעוָואלְט וַוייזְן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז גָארְנִישְׁט קֶען מֶען נִישְׁט אַלֵיינְ'ס טוּהן, אַלֶעס קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַארְף נָאר צוּלֵייגְן אַ הַאנְט צוּ וַוייזְן אַז

המשך בדף ב

# שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

## ~ דִי כֹּחַ פוּן תְּמִימוּת ~

דִי מִדָּה פוּן תְּמִימוּת אִיז דִי גְרֶעסְטֶע אוּן ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס פֶעלְט אוֹיס צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. וֶוען אַ אִיד וַוארְפְט אַוֶועק אַלֶע זַיינֶע חָכְמוֹת, עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, דַאן וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

אוּן דִי מֶערְסְטֶע דַארְף מֶען הָאבְּן תְּמִימוּת וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר קוֹדֶם פִיהלְן ווִי קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, ווִי קֵיינֶער דַארְף אִים נִישְׁט הָאבְּן, דֶער יֵצֶר הָרַע וֶועט אִין אִים אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַלֶע מִינֵי חָכְמוֹת, אַז עֶר אִיז אַזוֹי וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בִּכְלַל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט צוּ הֶערְן וָואס עֶר הָאט צוּ זָאגְן.

אָבֶּער וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר וַוארְפְט אַוֶועק דִי חָכְמוֹת, עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ עֶר פִיהלְט נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת, דַאן וֶועט עֶר צוּם סוֹף אָנְהוֹיבְּן פִיהלְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אִים אוֹיס אוּן הֶעלְפְט אִים אוֹיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט.

אוּן דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה אִיז וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי אַ קִינְד רֶעדְט צוּ זַיין טַאטֶע, אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, נָאר ווִי אַ קְלֵיין קִינְד וָואס וֵויינְט צוּ זַיין טַאטֶע אוּן בֶּעהְט אִים אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף, אַזוֹי דַארְף אַ אִיד ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זַיין רַחֲמָנוּת'דִיגֶער טַאטֶע וָואס ווִיל הֶערְן וָואס עֶר דַארְף, אוּן וֶוען מֶען בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הֶערְט עֶר אוֹיס אוּן עֶר הֶעלְפְט שְׁטֶענְדִיג.

דָאס הָאט מֶען אוֹיךְ גֶעזֶעהן בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַז דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

מֶען הָאט אַ רָצוֹן אוּן דַאן הֶעלְפְט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ טוּהן אַסַאךְ מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פ' ויק"פ תשס"ז לפ"ק)

***

**וַיְכַס הֶעָנָן אֶת אֹהֶל מוֹעֵד וּכְבוֹד ה' מָלֵא אֶת הַמִּשְׁכָּן**, אַ וָואלְקְן הָאט בַּאדֶעקְט דֶעם אֹהֶל מוֹעֵד, אוּן דִי מִשְׁכָּן אִיז פִיל גֶעוֶוען מִיטְן כָּבוֹד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קט"ו) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קוּמְט דִי מִידַּת הַדִּין אוּן זָאגְט אַז מֶען דַארְף שְׁוֶוער מַאכְן פַארְן מֶענְטְשׁ, ווַייל וואוּ אִיז עֶר גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט? פַארְוָואס הָאט עֶר נִישְׁט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז יֶעצְט? דֶערְפַאר מוּז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְטֶער שְׁטֶעלְן פַארְן מֶענְטְשׁ מְנִיעוֹת, שְׁטֶערוּנְגֶען, אַז עֶס זָאל אִים נִישְׁט גֵיין אַזוֹי גְרִינְג.

אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל דָאךְ יָא אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, אוּן דֶערְפַאר בַּאהַאלְט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס אוּנְטֶער דִי שְׁטֶערוּנְגֶען, אַז אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶס אֱמֶת'דִיג, קֶען עֶר צוּבְּרֶעכְן אַלֶע מְנִיעוֹת אוּן זַיין אַ גְרוֹיסֶע צַדִּיק.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וַיְכַס הֶעָנָן אֶת אֹהֶל מוֹעֵד**, אַ וָואלְקְן הָאט בַּאדֶעקְט דֶעם מִשְׁכָּן, דִי מִשְׁכָּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּהט דָארְט, וֶוען מֶען ווִיל דָארְט אָנְקוּמֶען ווֶערְט עֶס בַּאדֶעקְט מִיט אַ וָואלְקְן, עֶס זֶעהט אוֹיס שְׁווַארְץ אוּן טוּנְקֶל, אָבֶּער מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען, אַז **וּכְבוֹד ה' מָלֵא אֶת הַמִּשְׁכָּן**, אַז בֶּאֱמֶת אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין דָארְט.

דֶערְפַאר וֶוען דוּ זֶעהסְט אַז עֶס אִיז דִיר שְׁווַארְץ אוּן פַארְוָואלְקְנְט, דוּ זֶעהסְט נִישְׁט קְלָאר דִי וֶועג, גֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעד זִיךְ אוֹיס צוּ אִים וֶועסְטוּ גֶעהָאלְפְן ווֶערְן מִיט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה פְּקוּדֵי ג')

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

בִּתְמִימוּת אוּן גֶעפָאלְגְט אַלֶעס וָואס דֶער רֶבִּי הֵייסְט, דִי הָאבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ גֶעוֶוען סַיי בְּרוּחֲנִיּוֹת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוֹת. אוּן דִי אַלֶע וָואס גֶעגַאנְגֶען מִיט חָכְמוֹת הָאבְּן נִישְׁט גוּט אָפְּגֶעשְׁנִיטְן.

## תְּפִלּוֹת פוּן פְרוֹיעֶן

דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעהַאלְטְן פוּן דִי תְּפִלּוֹת פוּן פְרוֹיעֶן, ווַייל פְרוֹיעֶן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּשׁוּט'עֶרְהֵייט אָן קֵיין שׁוּם חָכְמוֹת, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט אַזוֹי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווֶערְן זֵיינֶע תְּפִלּוֹת שְׁנֶעל אָנְגֶענוּמֶען.

מֶען הָאט אַמָאל נָאכְגֶעזָאגְט פַארְן רֶבִּי'ן אִין נָאמֶען פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב זִ"עַ אַז וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶער נִישְׁט זַיין קֵיין ווַייבֶּער שׁוּהל. וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר זֵייעֶר גֶעלַאכְט דֶערְפוּן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז זִיכֶער נִישְׁט אֱמֶת, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט עֶס זִיכֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזָאגְט. נָאר פוּנְקְט פַארְקֶערְט, דִי תְּפִלּוֹת פוּן פְרוֹיעֶן זֶענֶען נָאךְ חָשׁוּב'עֶר פוּן דִי מֶענֶער, אוּן ווֶערְן נָאךְ שְׁנֶעלֶער אָנְגֶענוּמֶען, ווַייל אַ פְרוֹי הָאט גֶעווֶענְדְלִיךְ אַ צוּבְּרָאכֶענֶע הַארְץ, אוּן זִי ווֵיינְט שְׁנֶעלֶער, אוּן דֶערְפַאר קֶען זִי נָאךְ שְׁנֶעלֶער פוֹעֶל'ן אַ יְשׁוּעָה פוּן אַ מַאן.

מִיר זֶעהֶען דָאךְ אַז אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַן עֶזְרַת נָשִׁים, אַ פְּלַאץ פַאר דִי פְרוֹיעֶן, אוּן וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען דָאךְ בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוֹיפְן זֶעלְבְּן וֶועג ווִי עֶס אִיז גֶעוֶוען גֶעבּוֹיעֶט, מִמֵּילָא ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אַז וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט נִישְׁט זַיין קֵיין ווַייבֶּער שׁוּהל?!

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד רֶבִּי שִׁמְעוֹן, עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער תַּלְמִיד פוּנֶעם רֶבִּי'ן, הָאט אַמָאל פַּאסִירְט בַּיי אִים אַזַא מַעֲשֶׂה.

וֶוען עֶס אִיז אִים גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן זַיין עֶרְשְׁטֶע קִינְד. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דִי שִׂמְחָה אִיז גֶעוֶוען גָאר גְרוֹיס. אָבֶּער אֵיין טָאג וֶוען רֶבִּי שִׁמְעוֹן קוּמְט אַהֵיים פוּן שׁוּהל טְרֶעפְט עֶר זַיין ווַייבּ זִיצְט אִין ווֵיינְט זֵייעֶר שְׁטַארְק, עֶר פְרֶעגְט אִיר: "פַארְוָואס ווֵיינְסְטוּ?" זָאגְט זִי: "אוּנְזֶער יוּנְגְל הַאלְט אִין אֵיין חַלָּשׁ'ן אוּן אִיךְ קֶען אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער דֶערְמִינְטֶערְן, לוֹיף שְׁנֶעל צוּם רֶבִּי'ן, בֶּעהט אִים עֶר זָאל אַיינֶערְיְיסְן פַאר אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה פַארְן קִינְד!" רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִיז גְלַייךְ צוּרִיק גֶעלָאפְן צוּם רֶבִּי'ן, אוּן גֶעווֵיינְט: רֶבִּי, מַיין יוּנְגְל חַלָּשׁ'ט אַוֶועק מֶען קֶען אִים נִישְׁט דֶערְמוּנְטֶערְן, רַייס אֵיין פַאר מַיין קִינְד עֶר זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה אוּן זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק". דֶער רֶבִּי הָאט גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן זִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט ווִיסֶענְדִיג גֶעמַאכְט פוּן אִים, עֶר הָאט ווַייטֶער גֶעבֶּעטְן אוּן זִיךְ גֶע'עַקְשְׁ'נְט בַּיים רֶבִּי'ן אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט ווִיסֶענְדִיג גֶעמַאכְט. עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס מֵיינְט אַז דֶער גְּזַר דִין אִיז שׁוֹין גֶע'חַתְמְ'נְט, אוּן דֶער קִינְד אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ, עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג.

זַיין ווַייבּ אִיז דִי גַאנְצֶע צַייט גֶעשְׁטַאנֶען נֶעבְּן דֶעם קִינְד'ס בֶּעט אוּן גֶעווֵיינְט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דָאס קִינְד זָאל גֶעזוּנְט ווֶערְן. גְלַייךְ וֶוען אִיר מַאן אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען הָאט זִי גֶעפְרֶעגְט: "וָואס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט?" עֶר הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אִין אַ גֶעווֵיין אוּן גֶעזָאגְט: "דֶער רֶבִּי הָאט גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט!".

זִי אִיז נִישְׁט שְׁוַואךְ גֶעוָוארְן, זִי הָאט גֶעוואוּסְט אַז מֶען קֶען אַלֶעס אוֹיס'פוֹעֶל'ן מִיטְן תְּפִלָּה, מִיט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בְּשַׁעַת אִיר מַאן אִיז גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן פוּן גְרוֹיס צַעַר, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט לָאמִיר כָּאטְשׁ אוֹיפְשְׁטֵיין צוּפְרִי דַאווֶענֶען וָתִיקִין מִיטְן רֶבִּי'נְס מִנְיָן. הָאט זִי אָבֶּער אָפְּגֶעמַאכְט אַז זִי גֵייט נִישְׁט שְׁלָאפְן, זִי וֶועט אוֹיפְבְּלַייבְּן אוּן זִי וֶועט אוֹיס'פוֹעֶל'ן אַ יְשׁוּעָה, אַזוֹי הָאט זִי טַאקֶע גֶעטוּהן, אַ גַאנְצֶע נַאכְט אִיז זִי גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים קִינְד'ס בֶּעט אוּן גֶעווֵיינְט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דָאס קִינְד זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פַארְטָאגְס אוּן גֶעגַאנְגֶען דַאווֶענֶען וָתִיקִין צוּם רֶבִּי'ן, גְלַייךְ וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶפֶענְט דִי טִיר פוּן בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אִיז אִים דֶער רֶבִּי אַקֶעגְן גֶעקוּמֶען מִיט אַ שְׁמֵייכֶל אוּן גֶעזָאגְט: "מֵילָא אַז זִי הָאט גֶע'פוֹעֶל'ט אַז דָאס קִינְד וֶועט זַיין גֶעזוּנְט פוּן דֶעם רֶעד אִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט, נָאר זִי הָאט נָאךְ אוֹיסְגֶע'פוֹעֶל'ט פַארְן קִינְד לַאנְגֶע לַאנְגֶע טֶעג אוּן גוּטֶע יָארְן!".

אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען דֶער קִינְד אִיז אוֹיפְגֶעוואַקְסְן אוּן גֶעלֶעבְּט לַאנְגֶע גֶעזוּנְטֶע יָארְן.

פוּן דֶעם קֶען מֶען אַ פְרוֹי זֶעהֶען ווִי חָשׁוּב זִי אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִי זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען שְׁטֶענְדִיג צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אִיר, פַאר אִיר מַאן, פַאר אִירֶע קִינְדֶער אוּן פַאר אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער ווַייל אִירֶע תְּפִלּוֹת אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִי קֶען אוֹיס'פוֹעֶל'ן גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ד' עֶרֶךְ נָשִׁים וְחֵלֶק י"ב עֶרֶךְ אִשָּׁה)

# שַׁבָּת שְׁקָלִים

מִיר דַארְפְן זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז מִיר טְרֶעטְן שׁוֹין אַרַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע וָואכְן פוּן דִי "אַרְבַּע פַּרְשִׁיּוֹת", אַ צַייט וֶוען יֶעדֶער אִיד קֶען זִיךְ פוּן פְרִישׁ דֶערְנֶעְנְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פִּנְחָס'ל קָארִיצֶער זי"ע פְלֶעגְט זָאגְן: "אִיךְ וָואלְט שׁוֹין גֶערְן גֶעוָואלְט קוּמֶען צוּ דִי ד' פַּרְשִׁיּוֹת, אִיךְ זָאל זִיךְ זֶעהְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן", דִי וָואכְן זֶענֶען סְפֶּעצִיעֶל מְסוּגָל אַז מֶען זָאל זִיךְ זֶעהְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דָאס גֶעשֶׁעהט דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען הֶערְט אוֹיס דָאס לֵיינֶען פוּן דִי פִיר פַּרְשִׁיּוֹת, דָאס וֶועקְט אוֹיף יֶעדֶע אִידִישׁ הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי עֶרְשְׁטֶע פוּן דִי פִיר פַּרְשִׁיּוֹת אִיז "פַּרְשַׁת שְׁקָלִים". דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז וֶוען אַ אִיד גֶעבְּט צְדָקָה, עֶפֶענְט אִים דָאס אוֹיף דִי טִיר צוּצוּקוּמֶען צוּ אַלֶע עֲבוֹדַת ה', דָאס מַאכְט אִים פְרֵיי דִי וֶועג אַז עֶר זָאל אָנְהוֹיבְּן צוּ דִינֶעם דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי גְמָרָא זָאגְט (בָּבָא בַּתְרָא י'.) אַז רֶבִּי אֶלְעָזָר הָאט גֶעגֶעבְּן אַ פְּרוּטָה פַאר צְדָקָה פַאר עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט דַאוְונֶען, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים יז טו) אֲנִי בְּצֶדֶק אֶחֱזֶה פָנֶיךָ, אוּן אַזוֹי וֶוערְט גֶע'פְּסַק'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יו"ד רמ"ט י"ד) אַז מֶען זָאל גֶעבְּן צְדָקָה פַארְן דַאוְונֶען. דֶערִיבֶּער אִיז דִי פַּרְשָׁה פוּן שְׁקָלִים - וָואס דָאס וַוייזְט אוֹיף צְדָקָה - גֶעשְׁטֶעלְט גֶעוָוארְן דִי עֶרְשְׁטֶע וַוייל מִיט דֶעם הֵייבְּט זִיךְ אַלֶעס אָן.

## אַ סְגוּלָה קֶעגְן יֵצֶר הָרַע

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת צְדָקָה ח"ב י"ט) "עַל יְדֵי נְתִינַת שְׁקָלִים נִיצּוֹל מִיֵּצֶר הָרַע", דָאס אִיז סַיי דָאס הֶערְן דִי פַּרְשָׁה פוּן שְׁקָלִים, וֶוען מֶען הֶערְט עֶס אִיז עֶס אַזוֹי וִוי מֶען וָואלְט גֶעגֶעבְּן דִי שְׁקָלִים. אוּן אוֹיךְ טַאקֶע צוּ גֶעבְּן צְדָקָה, וֶוען מֶען גֶעבְּט צְדָקָה וֶוערְט מֶען נִיצּוֹל פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, נִישְׁט אַרַיין צוּ פַאלְן אִין זַיין נֶעץ.

אוּן סְפֶּעצִיעֶל וֶוען מֶען גֶעבְּט צְדָקָה צוּ דְרוּקְן סְפָרִים וָואס זֶענֶען מְקָרֵב אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן אִיז עֶס מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה, אַז מֶען הֶעלְפְט אַנְדֶערֶע אִידְן נִיצּוֹל צוּ וֶוערְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, אִין דֶעם זְכוּת הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מֶען וֶוערְט אוֹיךְ נִיצּוֹל פוּן אִים.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז דָאס גֶעבְּן אַ "מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל", נָאר אַ הַאלְבֶּע שֶׁקֶל, דָאס וַוייזְט אַז אַ מֶענְטְשׁ אַלֵיין אִיז נָאר אַ הַאלְבֶּע זַאךְ, מֶען קֶען גָארְנִישְׁט אַלֵיין טוּהְן, מֶען מוּז צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי גְמָרָא זָאגְט (קִידּוּשִׁין ל:) אִלְמָלֵא הַקָּבָּ"ה עוֹזְרוֹ לֹא יָכוֹל לוֹ, אַ מֶענְטְשׁ אַלֵיין קֶען זִיךְ נִישְׁט קֶעגְן שְׁטֶעלְן קֶעגְן דֶעם יֵצֶר הָרַע, עֶר מוּז צוּקוּמֶען צוּ דִי הִילְף פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז עֶר אַלֵיין אִיז נָאר הַאלְבּ, אוּן עֶר בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן, דַאן וֶוערְט עֶר אַ גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ, עֶר קֶען מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן.

מִיט דֶעם קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי שְׁקָלִים פֶּרֶק א' הֲלָכָה ג') "זֶה יִתְּנוּ כָּל הָעוֹבֵר עַל הַפְּקוּדִים - כָּל דְּעָבַר בְּיַמָּא יִתֵּן", דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען דֶעם יַם סוּף זָאל גֶעבְּן אַ מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל. וָואסֶערֶע שַׁיְיכוּת הָאט דָאס גֶעבְּן מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל מִיטְן אַרִיבֶּער גֵיין דֶעם יַם סוּף? נָאר דָארְט בַּיים יַם סוּף הָאבְן אַלֶע אִידְן קְלָאר גֶעזֶעהְן אַז זֵיי קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט אַלֵיין אַן עֵצָה גֶעבְּן, זֵיי מוּזְן צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הָאבְן גֶעהַאט דֶעם יַם פוּן פָארְנְט, דִי מִצְרַיִים פוּן אוּנְטְן, אוּן חַיּוֹת רָעוֹת בַּיי דִי זַייטְן, אוּן דַאן הָאבְן זֵיי אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי אוֹיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֶעהֶענְדִיג אַז נָאר עֶר קֶען זֵיי הֶעלְפְן, אוּן עֶר הָאט זֵיי טַאקֶע גֶעהָאלְפְן. אוּן דָאס וַוייזְט אוֹיךְ דֶער מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל, אַז אַ מֶענְטְשׁ אַלֵיין אִיז נָאר הַאלְבּ, עֶר מוּז צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל הֶעלְפְן.

אוּן בֶּאֱמֶת דַארְף יֶעדֶער מֶענְטְשׁ צוּקוּמֶען צוּ נִיסִים פוּנֶעם

המשך בדף ד

# זעלטענע געלעגנהייט!

צוליב דעם גרויסן פארלאנג וואס מיר האבן געהאט די פארגאנגענע יארן אז די בחורים פון ישיבה זאלן ארויף קומען משמח זיין בעצם יום הפורים, דערפאר וועלן מיר דאס יאר נישט ארויף גיין צו קיינעם, נאר מיט א פאראויס באשטימטע אפוינטמענט.

אויב ווילט איר אז די בחורים זאלן ארויף קומען צו אייך, צו אפרעכטן א קומזיץ מיט אלע נייע אידישע ניגונים, וואס זענען שוין וועלט בארימט, ביטע אריינרופן ווי פריער צו באשטימען א צייט.

רופט שוין 917-474-6118

**צייט איז באגרעניצט, וכל הקודם זכה!**

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

המשך

מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז געלונגען דאס יאר צו אפדינגען א גרויסן חצר אין אומאן וואו אלע אנשי שלומינו וועלן קענען זיין אינאיינעם במשך די טעג פון ראש השנה.

דער חצר איז צוגעשטעלט מיט ברייטע לופטיגע צימערן צו שלאפן, א גרויסע צימער פאר די סעודות, וואו מען וועט עסן אלע סעודות אינאיינעם אלע אנשי שלומינו מיטן ראש ישיבה, אויך איז דא דארט אויפן פלאץ א הערליכע פריוואטע מקוה וואס וועט זיין אין באנוץ נאר פאר די וואס שטייען דארט איין אויפן פלאץ.

דאס וועט מיטן אייבערשטנ'ס הילף זיין א גרויסע תועלת צו קענען ווייל'ן אין די טעג פון ראש השנה אין אומאן מיט הרחבת הדעת.

צו פארזיכערן אייער פלאץ צו זיין צווישן אנשי שלומינו רופט שוין אריין 347-452-0412.

**ראש השנה שלי עולה על הכל!**

***

## מען גרייט זיך אפצוקויפן א נייעם קעמפ

מיטן אייבערשטנ'ס הילף גרייט מען זיך יעצט אפצוקויפן א נייעם קעמפ וואס זאל שטיין צום באנוץ פאר די ישיבה איבער די זוממער חדשים.

נאכדעם וואס די ישיבה האט זיך ארום געוואלגערט די לעצטיגע יארן פון איין פלאץ צום צווייטן, יעדע יאר האט מען געדינגען א פרישע פלאץ פאר די זוממער, וואס דאס איז געווען א גרויסע שוועריקייט און א פיזור הנפש.

איז מיט פרייד געווארן אויפגענומען די נייעס איבער דעם געפלאנטן אפקויף פון א נייעם הערליכן קעמפ וואס וועט צושטאנד קומען אין די נאנטע טעג.

פארשטייט זיך אז דאס ציעט אריין אין זייער גרויסע געלטער. דעריבער איז געעפנט געווארן א קאמפיין "אל המנוחה ואל הנחלה", אין וואס אלע אנשי שלומינו זענען זיך משתתף לכל הפחות מיט די סכום פון $1800 און מיט דעם האבן זיי א גלייכע חלק אין די גרויסע זכות פון די תורה ותפלה וואס וועט ארויס קומען פון דעם קעמפ במשך די זוממער וואכן, און די געהויבענע שבתים אין קעמפ, ווען אנשי שלומינו קומען ארויס און זענען זיך מחזק אינאיינעם מיט די הייליגע לימודים פון רבי'ן.

די אלע אנשי שלומינו וואס זענען נאכנישט אנגעקומען צו געבן דעם סכום, ווערן געבעטן איבערצוגעבן דעם באשטימטן סכום ווי שנעלער, אז מען זאל קענען שליסן דעם מקח ווי פריער, צו די צופרידענהייט פון יעדן.

**ההרים והגבעות יפצחו לפניכם רנה!**

# שַׁבָּת שְׁקָלִים

המשך

אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי קְרִיעַת יַם סוּף. אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ב.) קָשֶׁה זִוּוּגוֹ שֶׁל אָדָם כִּקְרִיעַת יַם סוּף, אוּן אוֹיךְ (פְּסָחִים קיח.) קָשֶׁה פַּרְנָסָתוֹ שֶׁל אָדָם כִּקְרִיעַת יַם סוּף. קוּמְט אוֹיס אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבְּן גְרוֹיסֶע נִיסִים אַזוֹי וִוי קְרִיעַת יַם סוּף, צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן.

## מְקַבֵּל זַיין דִי תְּפִלּוֹת

אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע סְגוּלָּה אִיז דָא בַּיים לֵיינֶען פַּרְשַׁת שְׁקָלִים, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶע תְּפִלּוֹת וָואס מֶען בֶּעהְט אַ גַאנְץ יָאר זָאל נִתְקַבֵּל וֶוערְן לְרַחֲמִים וּלְרָצוֹן, עֶס זָאל גְרִינְג וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען.

דִי שְׁקָלִים הָאט מֶען גֶענוּצְט צוּ קוֹיפְן דִי קָרְבַּן תָּמִיד, אוּן דִי תְּפִלּוֹת הָאט מֶען מְתַקֵּן גֶעוֶוען אַקֶעגְן דִי קָרְבַּן תָּמִיד, אוּן דֶערִיבֶּער אִיז יֶעצְט - וֶוען מֶען לֵיינְט פַּרְשַׁת שְׁקָלִים - דִי רִיכְטִיגֶע צַייט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶע תְּפִלּוֹת פוּן דִי גַאנְצֶע יָאר זָאלְן גְרִינְג נִתְקַבֵּל וֶוערְן, מֶען זָאל פּוֹעֵל'ן אַלֶעס גוּטְס.

אוֹיךְ אִיז יֶעצְט דִי צַייט צוּ בֶּעטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן מְקוּרָב צוּ אַן אֱמֶת'ן צַדִּיק וָואס קֶען מְקָרֵב זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

חֲזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא תִשָּׂא ג) אוֹיפְן פָּסוּק כִּי תִשָּׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אַז יֶעדֶע יָאר וֶוען דִי אִידְן וֶועלְן לֵיינֶען דִי פַּרְשָׁה פוּן שְׁקָלִים וֶועט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ דָארְט זַיין אוּן אוֹיפְהֵייבְּן זֵייעֶרֶע קֶעפּ. מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען דֶער צַדִּיק אֱמֶת וָואס הָאט גֶעהָאלְפְן אוּן אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ דָא אִין יֶעדֶע דוֹר, צַדִּיקִים וָואס הֵייבְּן אוֹיף דִי קֶעפּ פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קי"ב) אַז עֶס אִיז דָא צְוֵויי סָארְט רֶבִּי"ס. אֵיין רֶבִּי אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דֶעם פָּסוּק כִּי תִשָּׂא אֶת ר'אשׁ בְּ'נֵי יִ'שְׂרָאֵל, אַ רֶבִּי וָואס הֵייבְּט אוֹיף דִי קֶעפּ פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים, עֶר אִיז זֵיי מְחַזֵּק אוּן שְׁטַארְקְט זֵיי אַז זֵיי זָאלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דֶער צְוֵוייטֶער רֶבִּי אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּנֶעם פָּסוּק (שְׁמוּאֵל-א ב', ט') רְ'שָׁעִים בַּ'חֹשֶׁךְ יִ'דָּמּוּ, דִי מֶענְטְשְׁן וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ בַּיי אַזַא רֶבִּי בַּאקוּמֶען גָארְנִישְׁט פוּן אִים, זֵיי בְּלַייבְּן מִיט זֵייעֶר רִשְׁעוּת, דִמְיוֹנוֹת אוּן זֵייעֶר חַשְׁכוּת.

דֶערְפַאר יֶעצְט וֶוען מֶען לֵיינְט דִי פַּרְשָׁה פוּן שְׁקָלִים אִיז דִי צַייט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זוֹכֶה צוּ זַיין צוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע רֶבִּי וָואס וֶועט אוֹיפְהֵייבְּן דִי קֶעפּ פוּן אִידְן אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּנוּצְן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש עֶרֶךְ שַׁבְּתוֹת ד' פַּרְשִׁיּוֹת)

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

### אנשי שלומינו אין קרית יואל האלטן מיט א שבת מיטן ראש ישיבה שליט"א

א הערליכער שבת איז אריבער אויף אנשי שלומינו אין קרית יואל, ווען דער ראש ישיבה שליט"א איז ארויסגעפארן פראווען דעם שבת מיט די תלמידים.

א גרעסערע צאל תלמידי הישיבה האבן חתונה געהאט אויף קרית יואל, און געבעטן דעם ראש ישיבה אז ער זאל קומען אויף שבת צו מחזק זיין די ארטיגע אינגעלייט.

פרייטאג צו נאכטס איז פארגעקומען די באטע אין שטוב פון הרבני הנגיד מו"ה שבתי מזרחי הי"ו.

די תפלות איז פארגעקומען אין ביהמ"ד היכל הקודש אויף העיס קט. אינדערפרי האט מען געהערט ווארימע דיבורים ביי די קידושא רבה וואס איז געווארן צוגעשטעלט. שלש סעודות איז געפראוועט געווארן מיט גרויס געהויבנקייט מיט הארציגע זמירות און ניגונים, און דערנאך מיט דברי חיזוק והתעוררות פונעם ראש ישיבה.

ווי עס געבן איבער די אינגעלייט איז דאס געווען גאר א דערהויבענער שבת, וואס האט אריינגעגעבן הויפענעס פון חיזוק אנצוגיין ווייטער אין עבודת הקודש.

**השבת נועם הנשמות!**

***

### הכנות צו די נסיעה אויף אומאן אין שוואונג

עס האט זיך שוין אנגעהויבן די הכנות צו די נסיעה אויף ראש השנה אויף אומאן אזוי ווי דער רבי האט אונז געהייסן.

אנשי שלומינו קויפן שוין טיקעט'ס, וואס איז ביליגער צו קויפן אין די צייט פון יאר.

דאס יאר - אנדערש ווי אין די לעצטע פאר יאר - איז שוין ווידער דא א נאן-סטאפ פלייט וואס פארט דירעקט פון ניו יארק אויף קיוב.

המשך בדף ג


## ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע ספרי ברסלב

**27 Skillman St.**

**347-977-7994 אדער רופט**

## קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א**

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר מו"ה **אברהם משה שטראססער** הי"ו

מנהל כללי של מוסדותינו הק'

**צו די אפשערן פון זיין אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון זיינע קינדער, דורות ישרים ומבורכים.




## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!

**וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים**

שנעל גוט און ביליג!

**347-559-5554 רופט אריין פאר א פרייז**

**5554printing@gmail.com**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א


**זמנים**

הדלקת הנרות..................5:36
סוף זמן קר"ש....................8:37
מוצש"ק.............................7:08

**שיעורים כסדרן**

בבלי..........................סוכה ל"ג
ירושלמי..............עבודה זרה כ"ג
תוספתא..............מעילה פרק א'


פרשת ויקרא, ו' אדר ב', שנת תשע"ד לפ"ק

שנה 3, גליון 26 (126)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה וַיְדַבֵּר ה' אֵלָיו מֵאֹהֶל מוֹעֵד לֵאמֹר**, רַשִׁ"י זָאגְט אַז דֶער קוֹל אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי אוֹיעֶרְן פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, נָאר עֶר הָאט עֶס גֶעהֶערְט, אוּן אַלֶע אִידְן הָאבְּן עֶס נִישְׁט גֶעהֶערְט.

מוֹהֲרָא"ש אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן א') אַז אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקֶען אוֹיף דִי שֵׂכֶל פוּן יֶעדֶע זַאךְ.

דָאס מֵיינְט, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט צוּלֵייגְן קָאפּ, וֶועט עֶר בַּאמֶערְקְן, וִוי אַלֶע זַאכְן וָואס פַּאסִירְן אַרוּם אִים, זֶענֶען רְמָזִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ אִים. וַוייל אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דָאךְ דִי וֶועלְט, מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֶענְדִיג רְמָזִים פַארְן מֶענְטְשׁ, אִים מְקָרֵב צוּ זַיין צוּ אִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּפְט צוּם מֶענְטְשׁ; **"קוּם צוּ מִיר" "רֶעד צוּ מִיר"** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיב יֶעדְן אִיד אִין יֶעדְן מַצָּב, אוּן עֶר ווִיל אִים נָאר מְקָרֵב זַיין צוּ זִיךְ, אוּן אִים הֶעלְפְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **"וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה"**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּפְט שְׁטֶענְדִיג צוּ יֶעדְן אִיד, דוּרְךְ דִי רְמָזִים וָואס עֶר שִׁיקְט אִים, אוּן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ לֵייגְט צוּ קָאפּ דֶערְצוּ, דַאן, **"וַיְדַבֵּר ה' אֵלָיו"**, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוייטֶער רֶעדְן צוּ אִים, אוּן אִים מְקָרֵב זַיין.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיִּקְרָא א)

***

**וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה**, דָאס וָוארְט "וַיִּקְרָא" שְׁטֵייט מִיט אַ קְלֵיינֶע אַלֶף. מוֹהֲרָא"ש אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ר"נ) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הָאט עֶר נִישְׁט קַיין יִסּוּרִין, סַיי גֵייסְטִישֶׁע יִסּוּרִים הָאט עֶר זִיכֶער נִישְׁט, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּם גוּטְן, אוּן אֲפִילוּ פִיזִישֶׁע יִסּוּרִים וָואס דָאס מוּז מֶען פִילְן, אִיז עֶס אָבֶער אוֹיךְ אַסַאךְ גְרִינְגֶער, וַוייל לְמַעֲשֶׂה וֵוייסְט עֶר אַז עֶס קוּמְט אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זַיין טוֹבָה.

ווִידֶער אֵיינֶער וָואס טְרַאכְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיף אִים יִסּוּרִים, וֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן, אוּן הָאט נִישְׁט מִיט וָואס זִיךְ מְחַזֵּק צוּ זַיין.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, "וַיִּקָר", אָן דִי אַלֶף, מֵיינְט **"עֶס הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן"**, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז עֶס טְרֶעפְט זִיךְ זַאכְן פוּן זִיךְ אַלֵיינְס אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר גְרוֹיסֶע צָרוֹת, אָבֶּער וֶוען מֶען לֵייגְט אַרַיין דֶעם קְלֵיינֶעם אַלֶף, דָאס מֵיינְט דֶעם **"אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם" - דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן**, דֶעמָאלְט אִיז עֶס **"וַיִּקְרָא" - "עֶר הָאט גֶערוּפְן"**, עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּפְט אִים, אוּן עֶר קוּמְט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעהְט אַז עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער צָרוֹת, הָאט עֶר נָאר


המשך בדף ב


## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ ~

דִי מִשְׁנָה זָאגְט אִין אָבוֹת (ה, יג) הָאוֹמֵר שֶׁלִּי שֶׁלִּי וְשֶׁלְּךָ שֶׁלָּךְ, זוֹ מִדָּה בֵּינוֹנִית. וְיֵשׁ אוֹמְרִים, זוֹ מִדַּת סְדוֹם. וֶוען אֵיינֶער זָאגְט: מַיינֶע זַאכְן זֶענֶען מַיינְס אוּן דַיינֶע זַאכְן זֶענֶען דַיינְס, זָאגְט דִי מִשְׁנָה אַז דָאס אִיז מִדַּת סְדוֹם.

דָאס אִיז זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט. וָואס אִיז אַזוֹי שְׁלֶעכְט צוּ זָאגְן אַז יֶעדֶער זָאל הָאבְּן זַיינְס אוּן קֵיינֶער זָאל זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן מִיט אַ צְוֵוייטְן? אוּן נָאךְ מֶער, שְׁפֶּעטֶער אִין דִי מִשְׁנָה שְׁטֵייט שֶׁלִּי שֶׁלִּי וְשֶׁלְּךָ שֶׁלִּי, רָשָׁע. וֶוען אֵיינֶער ווִיל נֶעמֶען אַלֶעס פַאר זִיךְ אִיז עֶר אַ רָשָׁע, אָבֶּער וֶוען אֵיינֶער זָאגְט מַיינְס אִיז מַיינְס אוּן דַיינְס אִיז דַיינְס דַאן בַּאקוּמְט עֶר נָאךְ אַן עֶרְגֶערְן טִיטְל, עֶר אִיז שׁוֹין אַ סְדוֹמְ'נִיק, מַמָּשׁ דָאס עֶרְגְסְטֶע, דָאס וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט, וְאַנְשֵׁי סְדֹם רָעִים וְחַטָּאִים לַה' מְאֹד, סְדוֹם וֶוערְט גֶענוּצְט אַלְס אַ סִימְבָּאל פוּן שְׁלֶעכְטְקֵייט אוּן רִשְׁעוּת. פַארְוָואס קוּמְט זִיךְ דֶער טִיטְל פַאר דֶעם וָואס זָאגְט שֶׁלִּי שֶׁלִּי וְשֶׁלְּךָ שֶׁלָּךְ?

נָאר בֶּאֱמֶת אִיז דִי זַאךְ זֵייעֶר פָּשׁוּט, וֶוען אֵיינֶער קוּמְט אָפְן אוּן עֶר זָאגְט דֶעם אֱמֶת אַז עֶר אִיז אַ רָשָׁע אוּן עֶר ווִיל נָאר צוּכַאפְּן אַלֶעס פוּן יֶעדְן, דַאן אִיז אַבִּיסְל גְרִינְגֶער, וַוייל מֶען וֵוייסְט מִיט וֶועם מֶען הָאט צוּ טוּהְן, אוּן מֶען גֶעבְּט זִיךְ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ הָאבְּן קַיין שַׁייכוּת מִיט אִים.

אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט אֵיינֶער אוּן עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ נִישְׁט אַהֶער אַלְס אַ רָשָׁע, נָאר עֶר אִיז גָאר אַ קָארֶעקְטֶער מֶענְטְשׁ, עֶר מֵיינְט פָּשׁוּט יוֹשֶׁר, מַיינְס בְּלַייבְּט מַיינְס אוּן דַיינְס בְּלַייבְּט דַיינְס. אִיךְ מִישׁ זִיךְ נִישְׁט אִין דַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן אוּן דוּ מִישְׁט דִיךְ נִישְׁט אִין מַיינֶע. דָאס אִיז שׁוֹין מִידַּת סְדוֹם. וַוייל דִי מִדָּה פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז נִישְׁט צוּ זַיין


המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

אֵיין עֵצָה, צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּ אִים אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, דַאן וֶועט עֶר אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע צָרוֹת.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיִּקְרָא ב)

***

**הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה.**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַּאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עֶר זָאל מַאכְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, וֶוען מֶען זֶעהט אֲפִילוּ נָאר אַ פִּינְטֶעלֶע פוּן דִי נֵייעֶ לְבָנָה, וֵוייסְט מֶען אַז עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן אַ נֵייעֶ חוֹדֶשׁ.

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ב) אַז אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקֶען נָאר אוֹיף דִי גוּטְס, סַיי בַּיי זִיךְ אוּן סַיי בַּיי אַנְדֶערֶע.

אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען זֶעהט אוֹיף זִיךְ, אָדֶער אוֹיף אַן אַנְדֶערֶען, אַז מֶען אִיז פִּיל מִיט שְׁלֶעכְטְס, דַארְף מֶען פְּרוּבִּירְן אוֹיפְצוּזוּכְן עֶפֶּעס אַ גוּטֶע זַאךְ אוֹיף זִיךְ אָדֶער אוֹיף יֶענֶעם. וַוייל יֶעדֶער אִיד הָאט זִיכֶער עֶפֶּעס גוּטְס אִין זִיךְ, עֶר הָאט זִיכֶער עֶפֶּעס מִצְוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהן.

אוּן וֶוען זִיךְ קוּקְט אוֹיף דִי גוּטְס, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז עֶס וֶועט זַיין אִינְגַאנְצֶען גוּט, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט **"וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע"** וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט אוֹיף דִי קְלֵיינֶע גוּטֶע זַאכְן וִוי מֶען אִיז נִישְׁט קַיין רָשָׁע, דַאן, **"וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ"** וֶוען מֶען וֶועט נָאכְדֶעם קוּקְן אוֹיף אִים, אִיז עֶר שׁוֹין גָארְנִישְׁט דֶער זֶעלְבֶּער מֶענְטְשׁ, עֶס אִיז שׁוֹין גָאר אַן אַנְדֶערֶע פַּרְשָׁה.

דִי אִידְן צֵיילְן דִי חֳדָשִׁים צוּ דִי לְבָנָה, וַוייל אַזוֹי וִוי בַּיי דִי לְבָנָה וֶוען מֶען זֶעהט אַ פִּינְטֶעלֶע וֶוערְט רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, אוּן נָאכְדֶעם וֶוערְט דִי פִּינְטֶעלֶע גְרֶעסֶער אוּן גְרֶעסֶער, דִי זֶעלְבֶּע וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף אַ אִיד, אוֹיף דִי פִּינְטֶעלֶע גוּטְס וָואס עֶר הָאט, דַאן וֶוערְט עֶר גְרֶעסֶער אוּן גְרֶעסֶער, בִּיז עֶר וֶוערְט צוּם סוֹף אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית, ויק"פ, שַׁבַּת הַחוֹדֶשׁ, תשס"ב לפ"ק)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

עֶגָאִיסְטִישׁ אַז אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט מִיט אַ צְוֵוייטְן. נֵיין, מֶען דַארְף יָא פְּרוּבִּירְן צוּ הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן אִיד.

בַּיי סְדוֹם דֶערְצֵיילְט דֶער מֶדְרָשׁ אַז וֶוען אֵיינֶער אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין סְדוֹם מִיט אַ וָואגְן פִּיל מִיט בָּאנְדְלֶעךְ, אִיז אֵיינֶער צוּגֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעבֶּעטְן אוֹיבּ עֶר קֶען הָאבְּן נָאר אֵיין בָּאנְדְל, וֶוען עֶר הָאט יֶענֶעם גֶעגֶעבְּן אִיז גֶעקוּמֶען אַ צְוֵוייטֶער מִיט דִי זֶעלְבֶּע בַּקָשָׁה אוּן אַזוֹי אַ דְרִיטֶער אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בִּיז עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן מִיט גָארְנִישְׁט. אוּן אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען אֵיינֶער הָאט גֶעהַאט אַ קְלֵייד הָאט מֶען אִים גֶעבֶּעטְן אוֹיבּ מֶען קֶען אַרוֹיסְרַייסְן בְּלוֹיז אֵיין פָּאדִים, אוּן אַזוֹי אִיז עֶס גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער, בִּיז יֶענֶער אִיז גֶעבְּלִיבְּן אָן אַ קְלֵייד.

דָא אִיז מִידַת סְדוֹם. עֶר קוּמְט נִישְׁט מִיט אָפֶענֶע רִשְׁעוּת. עֶר אִיז הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט גֶערֶעכְט. "מֶעג אִיךְ נִישְׁט הָאבְּן אֵיין בָּאנְדְל?", מֶעג אִיךְ נִישְׁט הָאבְּן אֵיין פָּאדִים?", אָבֶּער אוּנְטֶער דֶעם לִיגְט בַּאהַאלְטְן רִשְׁעוּת.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ וֶוען אֵיינֶער זָאגְט שֶׁלִּי שֶׁלִּי וְשֶׁלְּךָ שֶׁלָּךְ, עֶר וַוייזְט נִישְׁט אַרוֹיס זַיין שְׁלֶעכְטְקַייט, עֶר אִיז דָאךְ גֶערֶעכְט דָאס אִיז דָאךְ מַיינְס אוּן דָאס אִיז דָאךְ זַיינְס. אָבֶּער אוּנְטֶער דֶעם לִיגְט בַּאהַאלְטְן רִשְׁעוּת, וַוייל עֶר וִויל נִישְׁט אַרוֹיסְהֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן אִיד.

## דָאס אִיז דִי זַאךְ!

דִי סִימָנִים פוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען רַחֲמָנִים, בַּיְשָׁנִים אוּן גוֹמְלֵי חֲסָדִים. דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן אַ אִיד וֶוענְדְט זִיךְ אִין וִויפִיל עֶר אִיז גְרֵייט זִיךְ אַוֶועק צוּ גֶעבְּן פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד, וִויפִיל עֶר אִיז גְרֵייט צוּ הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן.

אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן דִבְרֵי חַיִּים זי"עַ, דֶער צַדִיק הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "וֶוער אִיז דַיין רֶבִּי? צוּ וֶועם פָּארְסְטוּ?" הָאט דֶער אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר גֵייט צוּ זַיין זוּהן דֶער הֵיילִיגֶער דִבְרֵי יְחֶזְקֵאל. הָאט אִים צַאנְזֶער רָב גֶעפְרֶעגְט: "מִיט וָואס אִיז עֶר אַ רֶבִּי? דֶערְצֵייל מִיר עֶפֶּעס פוּן אִים". הָאט דֶער אִיד גֶעזָאגְט אַז דֶער דִבְרֵי יְחֶזְקֵאל דַאוֶוענְט מִיט גְרוֹיס כַּוָונָה אוּן הִתְלַהֲבוּת. הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "צוּלִיבּ דֶעם וֶוערְט עֶר נָאכְנִישְׁט קַיין רֶבִּי". דֶער אִיד הָאט פְּרוּבִּירְט וַוייטֶער: "עֶר לֶערְנְט זֵייעֶר פְלַייסִיג יוֹמָם וָלַיְלָה מִיט הַתְמָדָה". אָבֶּער צַאנְזֶער רָב טַעֲנָה'ט וַוייטֶער: "דָאס מַאכְט אִים נָאךְ אַלְץ נִישְׁט פַאר קַיין רֶבִּי". הָאט דֶער אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וֶועל אִיךְ אַייךְ דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה וֶועגְן זַיין גְרוֹיסְקַייט. אֵיינְמָאל אִיז אֵייעֶר זוּהן רֶבִּי יְחֶזְקֵאל גֶעגַאנְגֶען אוֹיף דִי גַאס אִין אַ גְרוֹיסֶע שְׁנֵיי, אוּן עֶר הָאט בַּאגֶעגְנְט אַן אָרִימַאן וָואס וֵויינְט זֵייעֶר שְׁטַארְק, וֶוען עֶר הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס עֶר וֵויינְט אַזוֹי, הָאט דֶער אָרִימַאן אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר גֵייט גֶעוֶוענְלִיךְ אַרוּם אִין דִי הַייזֶער צוּזַאמְנֶעמֶען נְדָבוֹת אוּן יֶעצְט הָאבְּן זִיךְ זַיינֶע שׁוּךְ צוּרִיסְן פוּן דִי שְׁוֶוערֶע וֶועטֶער, עֶר קֶען נִישְׁט אַרוּם גֵיין נָאךְ גֶעלְט, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין בְּרוֹיט צוּ עֶסְן. וֶוען אֵייעֶר זוּהן הָאט דָאס גֶעזֶעהן הָאט עֶר גְלַייךְ אוֹיסְגֶעטוּהן זַיינֶע שְׁטִיוְול אוּן עֶס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר דֶעם אָרִימַאן אוּן אִים גֶעזָאגְט: יֶעצְט קֶענְסְטוּ וַוייטֶער גֵיין נָאךְ גֶעלְט. אוּן אֵייעֶר זוּהן אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִין דִי שְׁנֵיי אָן קַיין שְׁטִיוְול".

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז עֶר גֶעוָוארְן צוּפְלַאמְט אוּן גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ אַזוֹי, אַז עֶר גֶעבְּט זִיךְ אַוֶועק צוּ הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן אִיד, דַאן אִיז עֶר טַאקֶע אַ צַדִיק אוּן עֶר אִיז רָאוּי צוּ זַיין אַ רֶבִּי".

זֶעהט מֶען פוּן דֶעם אַז דִי עִיקָר חֲשִׁיבוּת פוּן אַ אִיד וֶוענְדְט זִיךְ אִין וִויפִיל גוּטְסְקַייט עֶר הָאט אִין זִיךְ, וִויפִיל עֶר אִיז גְרֵייט אַוֶועקְצוּגֶעבְּן פוּן זִיךְ צוּ טוּהן אַ טוֹבָה פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד.

## צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען

דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי זָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק וַיָּבֹא אַהֲרֹן וְכֹל זִקְנֵי יִשְׂרָאֵל לֶאֱכָל לֶחֶם עִם חֹתֵן מֹשֶׁה לִפְנֵי הָאֱלֹקִים. פַארְוָואס הָאט יִתְרוֹ זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז דִי תּוֹרָה הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף אִים אַז עֶר הָאט גֶעגֶעסְן לִפְנֵי הָאֱלֹקִים, אַ מַדְרֵיגָה צוּ וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן אַהֲרֹן אוּן דִי זִקְנֵי יִשְׂרָאֵל הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען? דָאס אִיז גֶעוֶוען וַוייל עֶר הָאט אַרַיינְגֶענוּמֶען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּבּ וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען וִוי אַ פְרֶעמְדֶער קַיין מִדְיָן. וֶוען מֶען גֶעבְּט זִיךְ אַוֶועק צוּ הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן, צוּ טוּהן טוֹבוֹת פַאר אַ צְוֵוייטְן, דַאן אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גְרוֹיסֶע זַאכְן.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס רַייסְט אַרוֹיס פוּן זִיךְ דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידַת סְדוֹם נִישְׁט צוּ קִימֶערְן מִיט אַ צְוֵוייטְן אוּן נִישְׁט זוּכְן צוּ הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן, נָאר פַארְקֶערְט עֶר נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי גוּטֶע מִדוֹת וָואס אַ אִיד דַארְף הָאבְּן אוּן אִיז שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט אַרוֹיס צוּ הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן. וואוּיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן וואוּיל אִיז אִים אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י' עֶרֶךְ סְדוֹם וְעֶרֶךְ טוֹב וְעֶרֶךְ רֶבִּי)

# פוּן וָואס קוּמְט אָרִימְקֵייט?

זָאלְסְט וִויסְן דָאס עֲנִיּוּת וְדַחְקוּת קוּמְט פַארְן מֶענְטְשׁ נָאר וֶוען עֶר אִיז טְרוֹיעֶרִיג אוּן עֶר אִיז בְּעַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה וְכוּ׳, וָוארוּם דֶעמָאלְט וֶוערְט וַויין מֹחַ אוּן וַויין דַעַת קְלֵיין, אוּן דִי חֲזַ״ל זָאגְן (נְדָרִים מא) אֵין עָנִי אֶלָּא מִן הַדַּעַת, דַעַת קָנִיתָ מַה חָסַרְתָּ, דַעַת חָסַרְתָּ מַה קָּנִיתָ; אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן י׳) פַארְוָואס אִיז אַ מֶענְטְשׁ אַזוֹי וַוייט פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים? וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַעַת. אוּן פַארְוָואס הָאט עֶר נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַעַת? וַוייל עֶר אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ. אוּן פַארְוָואס אִיז עֶר נִישְׁט פְרֵיילִיךְ? וַוייל עֶר טְרֶעפְט נִישְׁט דִי גוּטְס וָואס עֶר הָאט אִין זִיךְ, וָוארוּם יֶעדֶער אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ טוּהְן יֶעדְן טָאג אַסַאךְ מִצְוֹות, וְוִי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נ״ז.) אוֹיפְן פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ד׳) ״כְּפֶלַח הָרִמּוֹן רַקָּתֵךְ״ מַאי רַקָּתֵךְ, אֲפִילוּ רֵיקָנִין שֶׁבָּךְ מְלֵאִים מִצְוֹת כְּרִמּוֹן; נָאר לֵיידֶער דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם וַוארְפְט אַרַיין יֶעדְן מֶענְטְשׁ אִין אַ יֵאוּשׁ אוּן אִין אַ עַצְבוּת וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן קְלַאפְּט אִיהְם אַרָאפּ אַז זַיינֶע מִצְוֹות זֶענֶען גָארְנִישְׁט וֶוערְד וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן אַזוֹי וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ צוּבְּרָאכְן, אוּן עֶר טוּט נִישְׁט אֲפִילוּ וָואס עֶר קֶען טוּהְן.

וֶוען אַ אִיד זָאל וִויסְן וָואסֶערֶע לֶעכְט עֶר צִינְדְט אָן אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת וֶוען עֶר טוּט זִיךְ אָן מִיט אַ טַלִּית קָטָן אָדֶער אַ טַלִּית גָּדוֹל, וָואלְט עֶר זִיךְ גֶעפְרֵיידְט אַ גַאנְצְן טָאג, וָוארוּם צִיצִית אִיז דֶער מַלְבּוּשׁ פוּן מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, אוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז וֶוען אַ אִיד טוּט זִיךְ אָן דִי תְּפִילִין וָואס דָאס אִיז דֶער קְרוֹין פוּן דֶעם מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וָואלְט עֶר אַ גַאנְצְן טָאג גֶעטַאנְצְט פוּן רוֹב שִׂמְחָה, וְוִי דִי חֲזַ״ל דֶערְצֵיילְן (בְּרָכוֹת ל:) אַבַּיֵּי הֲוָה יָתִיב קַמֵּיהּ דְּרַבָּה חַזְיֵיה דַּהֲוָה קָא בָּדַח טוּבָא אָמַר וְגִילוּ בִּרְעָדָה כְּתִיב אָמַר לֵיהּ אֲנָא תְּפִילִין מַנַּחְנָא, רַבִּי יִרְמְיָה הֲוָה יָתִיב קַמֵּיהּ דְּרַבִּי זֵירָא חַזְיֵיה דַּהֲוָה קָא בָּדַח טוּבָא אָמַר לֵיהּ בְּכָל עֶצֶב יִהְיֶה מוֹתָר כְּתִיב אָמַר לֵיהּ אֲנָא תְּפִילִין מַנַּחְנָא; זֶעהְט מֶען וְוִי דִי הֵיילִיגֶע תַּנָּאִים אוּן אֲמוֹרָאִים הָאבְּן זִיךְ גֶעפְרֵיידְט אַ גַאנְצְן טָאג מִיט דֶעם וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען מִיט תְּפִילִין, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן וָואס יֶעדֶער אִיד הָאט יֶעדְן טָאג אַזוֹיפִיל מִצְוֹות וָואס עֶר כַאפְּט גָארְנִישְׁט דָאס טֵייעֶרְקַייט פוּן דִי מִצְוֹות, וָוארוּם וֶוען עֶר זָאל וִויסְן וָואסֶערֶע לֶעכְט דִי מִצְוֹות זֶענֶען גוֹרֵם אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, וָואלְט עֶר גֶעוֶוען אַ גַאנְצְן טָאג פְרֵיילִיךְ, נָאר דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם צוּבְּרֶעכְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן וַוייזְט אִיהְם אַז זַיינֶע מִצְוֹות אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד וְכוּ׳ וְכוּ׳ אוּן קִילְט אִיהְם אָפּ פוּן קִיּוּם הַמִּצְוֹות, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעקוּמֶען דָאס אוֹיסְצוּרַייסְן, אוּן עֶר אִיז מְגַלֶּה (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן רפ״ב) דָאס אַ אִיד דַארְף זוּכְן אוּן טְרֶעפְן בַּיי זִיךְ דָאס גוּטְס פוּן יֶעדֶע מִצְוָה אֲפִילוּ דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם צוּבְּרֶעכְט אִיהְם אוּן וַוייזְט אִיהְם זַיינֶע חִסְרוֹנוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דַארְף אַ מֶענְטְשׁ נָאכְזוּכְן נָאר דָאס גוּטְס וָואס עֶס אִיז דָא אִין אִיהְם, אוּן דָאס אַלֵיין וֶועט אִיהְם צוּבְּרֶענְגֶען אַז עֶר זָאל מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוּן מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוֹות מִיט גְרוֹיס הִידּוּר.

(אֲשֶׁר בַּנַּחַל אידיש, חֵלֶק ה׳, מִכְתָּב תרמ״ז)

ישיבה תפארת התורה
בנשיאות כ״ק מרן מוהרא״ש שליט״א

## זעלטענע געלעגנהייט!

**צוליב דעם גרויסן פארלאנג וואס מיר האבן געהאט די פארגאנגענע יארן אז די בחורים פון ישיבה זאלן ארויף קומען משמח זיין בעצם יום הפורים, דערפאר וועלן מיר דאס יאר נישט ארויף גיין צו קיינעם, נאר מיט א פאראויס באשטימטע אפוינטמענט.**

**אויב ווילט איר אז די בחורים זאלן ארויף קומען צו אייך, צו אפרעכטן א קומזיץ מיט אלע נייע אידישע ניגונים, וואס זענען שוין וועלט בארימט, ביטע ארייןרופן ווי פריער צו באשטימען א צייט.**

**רופט שוין מו״ה יעקב פיש נ״י 917-474-6118**

**אדער הבחור שבתי מארקוס נ״י 347-666-2803**

**צייט איז באגרעניצט, וכל הקודם זכה!**

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

המשך

באטייליגן ביי די סיום הש״ס פון זיין אייניקל.

דערנאך האט דער ראש ישיבה גערעדט עטליכע דיבורים, וואו ער האט ארויסגעברענגט אז יעדער דארף זיך אפלערנען פון דעם אינגל, און דאס אויך נאכמאכן און ענדיגן ש״ס, און דורך דעם זוכה זיין צו א צלם אלקים.

**עבידנא יומא טבא לרבנן!**

***

### אנשי שלומינו ענטפאנגען מוהרא״ש שליט״א וואס איז צוריק געקומען פון ארץ ישראל די וואך

נאכן ווײלן די לעצטע צוויי וואכן אין ארץ ישראל צו מחזק זיין די אידן דארט, האט זיך מוהרא״ש שליט״א די וואך צוריק געקערט פון ארץ ישראל, וואו ער איז אויפגענומען געווארן מיט גרויס פרייד ביי אנשי שלומינו.

דעם דאנערשטאג איז ווייטער פארגעקומען די וועכנטליכע ליל שישי שיעור ווי געווענטליך.

**בזמן שהצדיק בעיר, הוא הודה, הוא זיוה, הוא הדרה!**

***

### אנשי שלומינו רופן זיך אן ווארים צו די קמחא דפסחא קאמפיין

ווי שוין געמאלדן האט מוהרא״ש שליט״א געבעטן אנשי שלומינו, אז אזוי ווי די קהלה אין יבנאל האט זיך גאר שטארק פארברייטערט כן ירבו, און מען דארף צושטעלן פאר די אידן אויף פסח צו מאכן, האט מוהרא״ש געבעטן אז יעדער איינער זאל זיך משתתף זיין מיט לכה״פ **$180** דאלער, צעהן מאל ח״י, און מיט דעם האבן א חלק אין צושטעלן אויף צרכי יום טוב פאר די אידן אין יבנאל.

און מיטן אייבערשטנ׳ס הילף האט זיך דער עולם זייער ווארים אנגערופן און עס איז שוין אריינגעקומען גרעסערע סכומים, פון אידן מיט א ווארים הארץ, וואס ווילן ארויס העלפן אחינו בני ישראל בארץ הקודש, צו קענען צושטעלן אויף יום טוב.

ווער עס האט זיך נאכנישט משתתף געווען קען אריינברענגן דאס געלט אין אפיס. מען קען אריינברענגען דאס געלט אינעם צענטראלן אפיס 27 Skillman St., אדער קען מען רופן **718-384-1652** און מען וועט אפנעמען דאס געלט ביי אייך, און עס וועט ווערן איבערגעגעבן פאר מוהרא״ש שליט״א.

**באחד באדר משמיעין על השקלים!**

# וָואס רָצוֹן קֶען אוֹיפְטוּהן

עֶס אִיז בַּאוְוּיסְט וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין שִׁבְחֵי הָאַרִ"י, דָאס דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי חַיִּים וִויטַאל זַ"ל, "הַיינְטִיגֶע צַייטְן מִיט מִיעוּט פְּעוּלוֹת קֶען מֶען קוּמֶען צוּ דִי מַדְרֵיגָה פוּן רֶבִּי עֲקִיבָא", אִיז מְקוּבָּל אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל הָאט גֶעזָאגְט "מִיט מִיעוּט פְּעוּלוֹת אָבֶער מִיט אַסַאךְ רְצוֹנוֹת", דָאס הֵייסְט אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט רְצוֹנוֹת קֶען עֶר קוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אִין דֶער וֶועלְט, וָוארוּם דֶער עִיקֶר אִיז דֶער רָצוֹן, מֶען טָאר נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם רָצוֹן אֲפִילוּ אֵיין מִינוּט, אַ אִיד דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט רְצוֹנוֹת, וֶועלְן, אוּן נָאכְאַמָאל וֶועלְן, וָוארוּם בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקֶר דֶער רָצוֹן, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ שְׁטַארְקְן רָצוֹן, וֶועט עֶר מוֹצִיא זַיין מִכֹּחַ אֶל הַפּוֹעַל וָואס עֶר וִויל.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט צְוֵויי הֵיילִיגֶע מְחוּתָּנִים, אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען דֶער צַדִּיק פוּן כִימֶעלְנִיק זי"ע אוּן אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען דֶער צַדִּיק פוּן וָואלְטְשִׁיסְק זי"ע, הָאט מֶען דֶערְצֵיילְט אַמָאל פַארְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַז דֶער צַדִּיק פוּן וָואלְטְשִׁיסְק זי"ע הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט פֶערְצִיג יָאר רְצוֹנוֹת אוּן כִּיסוּפִים צוּ פָארְן אוֹיף דֶער עֶלְטֶער זִיךְ בַּאזֶעצְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וִוי דֶער צַדִּיק פוּן כִימֶעלְנִיק זי"ע הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר גֶעלַאכְט, "וָואס הֵייסְט רְצוֹנוֹת פוּן פֶערְצִיג יָאר? מֶען נֶעמְט גֶעלְט אוּן מֶען פָארְט אוֹיבּ מֶען וִויל...", וֶוען מֶען הָאט דָאס אִיבֶּערְדֶערְצֵיילְט פַארְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט עֶר גֶעזָאגְט, "וֶועט אִיר זֶעהְן, דָאס דֶער צַדִּיק פוּן וָואלְטְשִׁיסְק זי"ע וֶועט פָארְן אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן עֶר וֶועט זִיךְ דָארְטְן בַּאזֶעצְן, אוּן דֶער צַדִּיק פוּן כִימֶעלְנִיק זי"ע וֶועט נִישְׁט פָארְן!", אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען אַז דֶער צַדִּיק פוּן וָואלְטְשִׁיסְק זי"ע אִיז סוֹף יָמָיו גֶעפָארְן אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן מָקוֹם מְנוּחָתוֹ אִיז אִין צְפַת אִין אַלְטְן בֵּית הַחַיִּים אִין אַ מְעָרָה, דָארְטְן לִיגְט זַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, אוּן דֶעם רֶבִּינְ'ס טָאכְטֶער מִרְיָם ע"ה.

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן רְצוֹנוֹת וְכִיסוּפִים וָואס אַ אִיד שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט בֶּענְקֶענִישׁ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אֲפִילוּ מֶען לִיגְט אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו טָאר מֶען נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן דֶעם רָצוֹן. מֶען דַארְף זַיין שְׁטַארְק אִין רְצוֹנוֹת אוּן כִּיסוּפִים, וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק מִיט רְצוֹנוֹת אוּן כִּיסוּפִים קֶען עֶר קוּמֶען צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת שֶׁבָּעוֹלָם, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ו) אַז דֶער עִיקֶר אִיז דֶער רָצוֹן, אוּן אַרוֹיסְרֶעדְן פוּן מוֹיל דִי רְצוֹנוֹת; אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל אִיז מַאֲרִיךְ אִין דֶעם עִנְיָן (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת הִלְכוֹת אוּמְנִין הֲלָכָה ד') דָאס גְרוֹיסְקֵייט וָואס אַ אִיד זָאגְט אַרוֹיס זַיינֶע רְצוֹנוֹת אוּן זַיינֶע כִּיסוּפִין צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ מוֹרָא'דִיג שְׁטַארְקְן מִיט דִי רְצוֹנוֹת וְכִיסוּפִין.

(אַשֶׁר בַּנַּחַל אידיש, חֵלֶק ג', מִכְתָּב של"ז)

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

### הערליכע סיום הש"ס
### פארגעקומען אין תלמוד תורה

די וואך האבן מיר געהאט די זכי' מיטצוהאלטן א סיום הש"ס פון א אינגל אין חדר וואס האט זוכה געווען צו ענדיגן ש"ס לכבוד זיין בעפארשטייענדע בר מצוה אין עטליכע וואכן ארום.

ווי אינטערעסאנט עס הערט זיך, איז עס אבער פארט א פאקט, אז א אינגל האט זוכה געווען צו ענדיגן ש"ס.

דער חשובער יונגל איז הילד נחמן נתן בוים נ"י בן מו"ה עזרא הי"ו, און אייניקל פון מוה"ר דניאל בוים שליט"א מוותיקי אנ"ש.

עס איז באקאנט וואס דער רבי האט געזאגט אז ווער עס ענדיגט ש"ס איז זוכה צו ממשיך זיין אויף זיך א צלם אלקים, מוהרא"ש שליט"א האט דאס שוין איינגעפירט מיט א לאנגע צייט צוריק אין די תלמוד תורה אין יבנאל אין ארץ ישראל, וואו די אינגלעך פון תלמוד תורה ענדיגן ש"ס בעפאר זייער בר מצוה, און ווי עס זאגן עדות אלע וואס האבן באזוכט דארט, זעהט מען טאקע אויף די קינדער א זעלטענעם חן וואס מען טרעפט נישט ערגעץ אנדערש, און דאס איז פון די תורה הקדושה וואס זיי לערנען אזוי בהתמדה, חכמת אדם תאיר פניו.

יעצט האבן מיר זוכה געווען דא אין אמעריקא אויך צו די זכי' אז די אינגלעך ענדיגן ש"ס פאר די בר מצוה.

עס איז צוגעשטעלט געווארן א ברייטע סעודה לכבוד הסיום, דער טאטע ר' עזרא האט געזאגט א דרשה וואו ער האט ארויסגעברענגט זיין גרויסע שמחה אז ער האט זוכה געווען אריינצולייגן די קינדער אין אונזערע מוסדות, וואס נאר דורך דעם האט זיין זוהן זוכה געווען צו ענדיגן ש"ס, און ער האט ארויסגעברענגט די גרויסע מעלה פון פאלגן בתמימות וואס דער צדיק הייסט, וואס נאר אזוי האט זיין זוהן זוכה געווען צו מסיים זיין ש"ס.

אויך האט מען געהערט עטליכע דיבורים פונעם חשובן זיידן ר' דניאל וואס ארויסגעברענגט זיין שמחה צו זעהן שוין די דריטע דור וואס איז זוכה צו זיין אין היכל הקודש, און פאלגן די אלע לימודים פון רבי'ן, ביז יעצט ווען ער האט זוכה געווען זיך צו

המשך בדף ג

## באחד באדר משמיעין על השקלים

ווי באקאנט נעמט מוהרא"ש שליט"א צוזאם יעדע יאר "קמחא דפסחא" צו העלפן די משפחות אין יבנאל צו האבן אויף יום טוב פסח.

די שטעטל האט זיך שוין ברוך ה' זייער ציוואקסן, עס האלט שוין היינט ביי איבער 450 משפחות כן ירבו, און מיט דעם האט זיך אויך פארמערט די געברויך פון צושטעלן "קמחא דפסחא" אז די אידן זאלן האבן אויף צרכי יום טוב

### על פי בקשת כ"ק מוהרא"ש שליט"א

ווערן אלע אנשי שלומינו געבעטן אריינצוברענגן באטש $180 אז די אידן זאלן קענען האבן א שמחת יום טוב

**מען קען אריינברענגן די געלט אינעם צענטראלן אפיס 27 Skillman St.**

**אדער רופט 718–384–1652**


מיר נעמען אן צו
פרינטן און קאפיען
פאר גאר ביליגע פרייזן!
וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים
שנעל גוט און ביליג!
רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554
5554printing@gmail.com




ספרי ברסלב
מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע ספרי ברסלב
27 Skillman St.
אדער רופט 347-977-7994


**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת צו, שבת זכור, י"ג אדר ב', שנת תשע"ד לפ"ק
שנה 3, גליון 27 (127)


**זמנים**

הדלקת הנרות.....................6:44
סוף זמן קר"ש......................9:30
מוצש"ק................................8:15

**שיעורים כסדרן**

בבלי..............................סוכה מ'
ירושלמי..................עבודה זרה ל'
תוספתא.............קרבנות פרק א'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**צַו אֶת אַהֲרֹן וְאֶת בָּנָיו לֵאמֹר, זָאגְט רַשִׁ"י אֵין צַו אֶלָּא לָשׁוֹן זֵירוּז, מִיַּד וּלְדוֹרוֹת, אָמַר ר' שִׁמְעוֹן: בְּיוֹתֵר צָרִיךְ הַכָּתוּב לְזָרֵז בְּמָקוֹם שֶׁיֵּשׁ בּוֹ חִסָּרוֹן כִּיס.**

מוֹהַרְאַ"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"א) אַז כְּדֵי אַ מֶענְטְשׁ זָאל קֶענֶען שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף עֶר קוֹדֶם הֵיילִיגְן זַיינֶע זִיבְּן לִיכְט אוֹיפְ'ן פָּנִים, וָואס דָאס זֶענֶען: דִי צְוַויי אוֹיגְן, צְוַויי אוֹיעֶרְן, צְוַויי נָאז לֶעכֶער, אוּן דִי מוֹיל, עֶר זָאל זֵיי אַלֶע נִיצְן נָאר אוֹיף גוּטֶע זַאכְן, אוּן נִישְׁט אוֹיף וָואס מֶען טָאר נִישְׁט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דֶערְפַאר צוּגֶעשְׁטֶעלְט אַ דֶעקְל פַאר דִי אַלֶע זַאכְן, אַז מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען צוּרִיק הַאלְטְן פוּן עֲבֵירוֹת, דִי אוֹיגְן הָאבְּן אַ דֶעקְל וָואס מֶען קֶען גְלַייךְ צוּמַאכְן וֶוען עֶס קוּמְט אוּנְטֶער עֶפֶּעס וָואס מֶען טָאר נִישְׁט זֶעהְן.

דִי אוֹיעֶרְן, זָאגְט דִי גְמָרָא (כְּתוּבּוֹת ה.): פַארְוָואס זֶענֶען דִי פִינְגֶערְס שְׁפִּיצִיג? אַז וֶוען מֶען הֶערְט עֶפֶּעס וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, זָאל מֶען גְלַייךְ אַרַיינְלֵייגְן דִי פִינְגֶער אִין דִי אוֹיעֶרְן. פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע חֵלֶק פוּן דִי אוֹיעֶרְן וַוייךְ? צוּ קֶענֶען פַארְשְׁטָאפְּן דִי אוֹיעֶרְן וֶוען עֶס קוּמְט אוּנְטֶער אַ זַאךְ וָואס מֶען טָאר נִישְׁט הֶערְן.

דִי מוֹיל, זָאגְט דִי גְמָרָא (עֲרָכִין ט"ו) הָאט צְוַויי מוֹיעֶרְן, דִי צֵיין אוּן דִי לִיפְּן.

אָבֶּער דִי נָאז הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם מוֹיעֶר. דִי נָאז גֵייט אַרוֹיף אוֹיף כַּעַס, "**חֲרוֹן אַף**", אוּן דָאס הָאט נִישְׁט קַיין דֶעקְל, דִי טֶבַע פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז, אַז עֶר רֶעגְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁנֶעל אוֹיף, וֶוען עֶפֶּעס גֵייט נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶר וִויל.

דָאס זָאגְט רַשִׁ"י, **בְּיוֹתֵר צָרִיךְ הַכָּתוּב לְזָרֵז בְּמָקוֹם שֶׁיֵּשׁ בּוֹ חִסָּרוֹן כִּיס**, בַּיי דִי נָאז וָואס הָאט נִישְׁט קַיין דֶעקְל, דַארְף דִי תּוֹרָה אַסַאךְ וָוארֶענֶען, אַז מֶען זָאל אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט וֶוערְן אִין כַּעַס, נָאר גֶעדֶענְקֶען אַז וָואס עֶס גֶעשֶׁעהְט אִיז נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זַיין טוֹבָה.

(זֹאת הַתּוֹרָה צַו א)

***

**הוּא הָעֹלָה עַל מוֹקְדָה עַל הַמִּזְבֵּחַ כָּל הַלַּיְלָה, דָאס אִיז דִי עוֹלָה וָואס בְּרֶענְט אוֹיפְ'ן מִזְבֵּחַ אַ גַאנְצֶע נַאכְט.**

מוֹהַרְאַ"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט אוּנְז מְרַמֵּז זַיין דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן מ"ט) אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ קְלֵיינֶע וֶועלְט, אוּן אַלֶעס וָואס עֶס אִיז גֶעשֶׁעהְן וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט,

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ פּוּרִים ~

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דִי גְרוֹיסְקַייט אוּן הֵיילִיגְקֵייט פוּנֶעם יוֹם טוֹב פּוּרִים קֶען מֶען גָארְנִישְׁט בַּאגְרֵייפְן, אַזוֹי וִוי דֶער אֲרִ"י הַקָ' זָאגְט (פְּרִי עֵץ חַיִּים, שַׁעַר הַפּוּרִים) אַז אִין יוֹם טוֹב פּוּרִים שַׁיינְט אַזַא לִיכְטִיגְקַייט וָואס שַׁיינְט נִישְׁט אֲפִילוּ שַׁבָּת אוּן אִין אַנְדֶערֶע יָמִים טוֹבִים.

דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים זָאגְן אוֹיף דֶעם וָואס דֶער זֹהַר הַקָ' זָאגְט (תִּיקוּנֵי זֹהַר, תִּיקוּן כ"א) אַז פּוּרִים הֵייסְט אַזוֹי וִוי יוֹם כִּפּוּרִים. "יוֹם כִּפּוּרִים" - יוֹם כִּיפּוּר אִיז נָאר אַזוֹי וִוי פּוּרִים "כְּ'פּוּרִים" - "אַזוֹי וִוי פּוּרִים", אָבֶּער פּוּרִים אִיז נָאךְ גְרֶעסֶער פוּן יוֹם כִּיפּוּר.

### פַארְוָואס אִיז פּוּרִים אַזוֹי גְרוֹיס?

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ד) אַז הַיינְט הֵייבְּט זִיךְ אָן אַלֶע הַתְחָלוֹת פוּן פּוּרִים, דָאס מֵיינְט אַז פּוּרִים אִיז אַ טָאג וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען אָנְהֵייבְּן פוּן דָאסְנַיי צוּ זַיין עֶרְלִיךְ אוּן וואוֹיל אוּן צוּ זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ אִיד קֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן בַּאנַייעֶן, אָנְהֵייבְּן אַ נֵייעֶ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל נִיצְט אוֹיס דֶעם הֵיילִיגְן טָאג פּוּרִים זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ אוּן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף, אוּן דֶעמָאלְט קֶען מֶען פּוֹעֵל'ן אַלֶעס גוּטְס, וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי מְגִילָּה א, ד) אַז אִין פּוּרִים "כָּל הַפּוֹשֵׁט יַד נוֹתְנִין לוֹ" - וֶוער עֶס שְׁטְרֶעקְט אוֹיס דִי הַאנְט גֶעבְּט מֶען אִים, זָאגְן אוֹיף דֶעם דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים אַז דָאס מֵיינְט אוֹיךְ אַז וָואס מֶען בֶּעהְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין פּוּרִים בַּאקוּמְט מֶען.

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

גֶעשֶׂעהט אוֹיךְ בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אוּן דֶערְפַאר, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט, אַז פוּן אָנְהֵייבּ אִיז דִי וֶועלְט גֶעוֶוען טוּנְקְל אוּן פִינְסְטֶער, **"וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים יְהִי אוֹר וַיְהִי אוֹר"**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶס זָאל וֶוערְן לִיכְטִיג, אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן לִיכְטִיג, דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשְׁן, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ פִילְט אַסַאךְ מָאל בַּיי זִיךְ אַז עֶס אִיז טוּנְקְל בַּיי אִים, עֶר פִילְט נִישְׁט קַיין שׁוּם חַיוּת, עֶר פִילְט אַז קֵיינֶער דַארְף אִים נִישְׁט, עֶר וֵוייסְט בִּכְלַל נִישְׁט פַארְוָואס עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן. דַארְף מֶען אָבֶּער וִויסְן, אַז דַוְקָא דֶעמָאלְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִילְט אַזוֹי, אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט וָואס עֶר קֶען דֶעמָאלְט זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין, וַוייל דָאס אִיז דִי עִיקָר מַעֲלָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיבֶּער אַ מַלְאָךְ, אַז עֶר קֶען אַרַיינְכַאפְּן צוּ טוּהן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז אִים טוּנְקְל אוּן שְׁוַוארְץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶענוּג מַלְאָכִים וָואס בְּרֶענֶגען פַאר אִים שְׁטֶענְדִיג אָן אוֹיפְהֶער, אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט קַיין חִידוּשׁ. דֶער חִידוּשׁ אִיז אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט אוֹיף דוּרְךְ שְׁוֶועריקַייטְן, אוּן עֶר פִילְט וִוי עֶס אִיז אִים שְׁוַוארְץ פַאר דִי אוֹיגְן, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן, כַאפְּט עֶר אַרַיין מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **צַו אֶת אַהֲרֹן וְאֶת בָּנָיו לֵאמֹר**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר אַהֲרֹן וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן צַדִיק, זָאגְט פַאר דִי אִידְן, **זֹאת תּוֹרַת הָעֹלָה**, דָאס אִיז דִי וֶועג אַרוֹיף צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **הִוא הָעֹלָה עַל מוֹקְדָה עַל הַמִּזְבֵּחַ כָּל הַלַּיְלָה**, דִי עִיקָר צַייט וֶוען דוּ קֶענְסְט בְּרֶענֶגען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז בַּיינַאכְט וֶוען עֶס אִיז דִיר אִינְגַאנְצְן טוּנְקְל, דַוְקָא דֶעמָאלְט, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, דֶעמָאלְט בִּיזְטוּ זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַז, **וְאֵשׁ הַמִּזְבֵּחַ תּוּקַד בּוֹ**, אַז דֶער פַייעֶר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט בְּרֶענֶען אִין דִיר.

מֶען דַארְף אָבֶּער וִויסְן אַז דִי וָוארְט "מוֹקְדָה", שְׁטֵייט מִיט אַ קְלֵיינֶע מֶ"ם, דָאס וַוייזְט אוּנְז אַז אֲפִילוּ וֶוען מֶען וִויל בְּרֶענֶגען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף מֶען אוֹיךְ וִויסְן וִוי אַזוֹי, אוּן נִישְׁט אַרוֹיס גֵיין פוּן דִי גְרֶענִיצְן.

דָאס מֵיינְט אַז אַמָאל קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרַע מִיט אַן אַנְדֶער וֶועג צוּם מֶענְטְשׁ, עֶר מַאכְט אַז עֶר זָאל וֶועלְן גָאר שְׁטַארְק בְּרֶענֶגען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל וֶועלְן טוּהן זַאכְן וָואס זֶענֶען אִיבֶּער זַיינֶע כּוֹחוֹת, אוּן אַזוֹי וִוי נָאכְדֶעם זֶעהט עֶר אַז עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, וֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן, אוּן עֶר גֶעבְּט אַלֶעם אוֹיף, אוּן טוּט מֶער גָארְנִישְׁט.

דֶערְפַאר שְׁטֵייט "מוֹקְדָה", מִיט אַ קְלֵיינֶע מֶ"ם, אַז דָאס בְּרֶענֶען דַארְף זַיין מִיט אַ גְרֶענִיץ, אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי זַאכְן וָואס אִיךְ קֶען טוּהן, אוּן אִיךְ טוּה עֶס. אִיךְ פְרֵיי זִיךְ מִיט מַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, מִיט מַיין טַלִית וּתְפִלִין, מִיט מַיין עֶסְן כָּשֵׁר'ס, מִיט מַיין הִיטְן שַׁבָּת, אוּן דָאס גְלַייכְן, אוּן אַז אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי גְרִינְגֶע זַאכְן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאכְדֶעם הֶעלְפְן אַז אַלֶעם וֶועט שׁוֹין נָאכְקוּמֶען אוּן אִיךְ וֶועל זַיין אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק צַו-שַׁבָּת הַגָּדוֹל תשס"ט לפ"ק)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

דֶערְפַאר פַארְלֵייגְט זִיךְ דִי שָׂטָן אוֹיף דֶעם טָאג, אַז מֶען זָאל פַארְבְּרֶענְגֶען דִי צַייט מִיט לֵיצָנוּת אוּן הוֹלֵלוּת, אוּן וֶוען מֶען גֶעבְּט זִיךְ אַיין דְרֵיי אִיז דֶער טָאג שׁוֹין פַארִיבֶּער, אָבֶּער וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל לָאזְט זִיךְ נִישְׁט פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, נָאר עֶר גַנָבְ'ט אַרָאפּ עֶטְלִיכֶע מִינוּט אוּן עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דִי גַאנְצֶע הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, אוּן דֶעמָאלְט קֶען עֶר זַיין זִיכֶער אַז עֶר וֶועט פוֹעֵל'ן גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת פַאר זִיךְ אוּן פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען וואוּנְטְשְׁן אוּן בֶּענְטְשְׁן אוֹיךְ אַנְדֶערֶע אִידְן מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת, וַוייל פּוּרִים קֶען מֶען אַלֶעס פוֹעֵל'ן, אוּן אַלֶע בְּרָכוֹת וָואס אִידְן וואוּנְטְשְׁן זִיךְ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט גֶעוֶוענְלִיךְ פַאר פּוּרִים, אַז אֲפִילוּ עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ טְרִינְקֶען אוּם פּוּרִים, וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (מְגִילָה ז') "חַיָיב אִינִישׁ לִבְסוּמֵי בְּפּוּרְיָא", דַארְף עֶס אָבֶּער זַיין מִיט שֵׂכֶל, מֶען דַארְף גֶעדֶענְקְן אַז מֶען דַארְף נָאךְ בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן, דַאוֶונֶען מַעֲרִיב, אוּן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה, דֶערְפַאר אִיז גֶענוּג וֶוען מֶען טְרִינְקְט צְוֵויי דְרֵיי כּוֹסוֹת מֶער וִויפִיל מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט, בִּיז דִי קָאפּ הֵייבְּט זִיךְ אָן צוּ דְרֵייעֶן אוּן מִיט דֶעם הָאט מֶען יוֹצֵא גֶעוֶוען, נִישְׁט וִוי דִי וָואס טְרִינְקְן זִיךְ אָן אוּן וֶוערְן שִׁיכּוֹר וִוי לוֹט, אוּן זֵיי פַארְפַאסְן בֶּענְטְשְׁן, דַאוֶונֶען, קְרִיאַת שְׁמַע. וָואס הָאבְּן זֵיי אוֹיפְגֶעטוּהן מִיט דֶעם?

## עֶר מַאכְט זִיךְ שִׁיכּוֹר

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז מֶען קֶען דֶערְקֶענֶען אוּם פּוּרִים אַ גְרוֹיסֶע חִילוּק פוּן אֵיינֶעם וָואס אִיז בֶּאֱמֶת שִׁיכּוֹר, צִי עֶר מַאכְט זִיךְ נָאר שִׁיכּוֹר, עֶר אִיז פָּשׁוּט צִיוִוילְדֶעוֶועט.

אֵיינֶער וָואס אִיז בֶּאֱמֶת שִׁיכּוֹר פַאלְט פוּן דִי פִיס אוּן בְּרֶעכְט זִיךְ אוֹיס, עֶר זוּכְט נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּענֶען קֵיינֶעם, פַארְקֶערְט, עֶר הָאט לִיבּ יֶעדְן אֵיינֶעם.

וֶוען מֶען זֶעהט אַז אֵיינֶער אִיז צִיוִוילְדֶעוֶועט, עֶר שְׁלָאגְט אוּן זֶעצְט מֶענְטְשְׁן, עֶר צוּבְּרֶעכְט זַאכְן, אוּן מַאכְט שָׁאדְנְס, דַארְף מֶען וִויסְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז בִּכְלַל נִישְׁט שִׁיכּוֹר, עֶר אִיז פָּשׁוּט אַ פֶּרֶא אָדָם, עֶר וָואלְט אַ גַאנְץ יָאר אוֹיךְ גֶעוָואלְט שְׁלָאגְן אוּן מַאכְן חוּרְבָּנוֹת, נָאר אַ גַאנְץ יָאר שֶׁעמְט עֶר זִיךְ דָאס צוּ טוּהן, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט פּוּרִים נִיצְט עֶר אוֹיס דִי גֶעלֶעגְנְהַייט, עֶר מַאכְט זִיךְ אַזוֹי וִוי עֶר אִיז שִׁיכּוֹר אוּן עֶר גֶעבְּט אַרוֹיס זַיין גַאנְצֶע עַזוּת, אָבֶּער עֶר אִיז בֶּאֱמֶת בִּכְלַל נִישְׁט שִׁיכּוֹר, וַוייל אֵיינֶער וָואס אִיז בֶּאֱמֶת שִׁיכּוֹר זוּכְט נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּענֶען קֵיינֶעם.

## אָרוּר הָמָן, בָּרוּךְ מָרְדְּכַי

דִי גְמָרָא זָאגְט (מְגִילָה ז') חַיָיב אִינִישׁ לִבְסוּמֵי בְּפּוּרְיָא עַד דְלֹא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי. דָאס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען אַז פּוּרִים אִיז סְפֶּעצִיעֶל מְסוּגָל אַז אַ אִיד זָאל זִיךְ קֶענֶען גוּט אַרַיין נֶעמֶען אִין קָאפּ אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּם גוּטְן, אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעהט אוֹיס אַז עֶס אִיז שְׁלֶעכְט.

המשך בדף ד

# וֶוען עֶס אִיז גָאר שְׁלֶעכְט שְׁרַייט מֶען

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד מִיטְן נָאמֶען רֶבִּי מֵאִיר טֶעפְּלִיקֶער עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט אִין דִי שְׁטָאט טֶעפְּלִיק, אוּן עֶר הָאט מְקָרֵב גֶעוֶוען אַסַאךְ אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אֵיינֶער פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים אִיז גֶעוֶוען אַ דָארְפְס-אִיד, וָואס פְּלֶעגְט קוּמֶען צוּ אִים אוּן פְרֶעגְן אַלֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

רֶבִּי מֵאִיר פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן אַז אִים יוֹם טוֹב פּוּרִים פְלֶעגְט עֶר מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה בַּיי זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים, אוּן צְוֵויי אַזֵייגֶער נָאכְמִיטָאג הָאט מֶען אַרָאפְּגֶעמַאכְט דִי לָאדְנְס פַארְמַאכְט אַלֶע פֶענְסְטֶערְס מֶען הָאט אָנְגֶעצוּנְדְן אַסַאךְ לִיכְט אוּן גֶעגֶעסְן אוּן זִיךְ גֶעפְרֵייט אוּן גֶעטַאנְצְן מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה אוּן פְרֵייד בִּיז שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט.

אֵיין יָאר פּוּרִים, דֶער דָארְפְס-אִיד אִיז גֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט צוּ ר' מֵאִיר אִינְדֶערְהֵיים מִיטְצוּהַאלְטְן דִי גֶעהוֹיבֶּענֶע סְעוּדַת פּוּרִים. אִינְמִיטְן טַאנְצְן הָאט ר' מֵאִיר בַּאמֶערְקְט וִוי אַלֶע טַאנְצְן אוּן פְרֵייעֶן זִיךְ אוּן נָאר דֶער דָארְפְס-אִיד זִיצְט אִין דִי זַייט טְרוֹיעֶרִיג אוּן עֶר הַאלְט נִישְׁט דִי שִׂמְחָה. ר' מֵאִיר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי טְרוֹיעֶרִיג? הַיינְט אִיז דָאךְ פּוּרִים מֶען דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ", הָאט דֶער דָארְפְס-אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אָבֶּער וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען הָאט אַ צִבְיָ' אוֹיפְן קָאפּ?" וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט אַסַאךְ טֶעכְטֶער חֲתוּנָה צוּ מַאכְן, אוּן דִי עֶלְטְסְטֶע הָאט גֶעהֵייסְן צִבְיָ', אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט אִיר חֲתוּנָה צוּ מַאכְן.

הָאט אִים ר' מֵאִיר גֶעזָאגְט: "אוּן אַז עֶס אִיז דִיר אַזוֹי שְׁלֶעכְט, אִיז דָאס דִי עֵצָה? צוּ זִיצְן אִין דִי זַייט טְרוֹיעֶרִיג?", דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אַנְדֶערְשׁ גֶעלֶערְנְט, מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּנֶעם רֶבִּי'ן: "אַז עֶס אִיז גָאר שְׁלֶעכְט, שְׁרַייט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "צָרוֹת לְבָבִי הִרְחִיבוּ מִמְּצוּקוֹתַי הוֹצִיאֵנִי". ר' מֵאִיר הָאט אִים אָנְגֶעכַאפְּט בַּיי דִי הֶענְט אוּן אַרַיינְגֶעשְׁלֶעפְּט אִין דִי רִינְג, אַלֶע זֶענֶען שׁוֹין אָנְגֶעטְרוּנְקֶען אוּן פְרֵיילִיךְ אוּן רֶבִּי מֵאִיר שְׁרַייט צוּם דָארְפְס-אִיד: הֶער מִיךְ צוּ, זָאג מִיךְ נָאךְ, אוֹיבּ עֶס אִיז שׁוֹין גָאר שְׁלֶעכְט, שְׁרַייט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "צָרוֹת לְבָבִי הִרְחִיבוּ מִמְּצוּקוֹתַי הוֹצִיאֵנִי", אוּן דֶער דָארְפְס-אִיד הָאט אִים נָאכְגֶעזָאגְט, אַזוֹי הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַסַאךְ מָאל מִיט בְּכִיוֹת עֲצוּמוֹת אוּן מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, בִּיז זֵיי זֶענֶען שׁוֹין הֵייזֶערִיג גֶעוָוארְן.

נָאךְ פּוּרִים הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז אַ בְּרֶסְלַב'עֶר אִיד אִיז דוּרְךְ גֶעוָוארְן דֶעם דָארְף אוּן עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי דֶעם דָארְפְס-אִיד. דִי עֶלְטְסְטֶע טָאכְטֶער צִבְיָ' הָאט אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן אָנְגְרֵייטְן פַארְן אוֹרֵחַ עֶפֶּעס צוּ עֶסְן, דִי מֵיידְל אִיז גֶעפָאלְן פַארְן אוֹרֵחַ, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְן דָארְפְס-אִיד: "אִיךְ הָאבּ אַ בָּחוּר אִינֶעם זֶעלְבְּן עֶלְטֶער אֶפְשָׁר זָאלְן מִיר זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין?" דֶער דָארְפְס-אִיד הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר אִיז מַסְכִּים, אָבֶּער עֶר דַארְף עֶרְשְׁט פְרֶעגְן זַיין רֶבִּי'ן, וֶוען דֶער אוֹרֵחַ הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט וֶוער זַיין רֶבִּי אִיז, הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "רֶבִּי מֵאִיר טֶעפְּלִיקֶער. עֶר הָאט מִיר מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּם רֶבִּי'ן" הָאט דֶער אוֹרֵחַ גֶעזָאגְט: "עֶר וֶועט זִיכֶער מַסְכִּים זַיין" זֵיי זֶענֶען אַרִיבֶּערְגֶעפָארְן אוֹיף טֶעפְּלִיק צוּ רֶבִּי מֵאִיר, אוּן עֶר הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען, אוּן מֶען הָאט גֶעשְׁלָאסְן שִׁידוּךְ בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת.

הָאט מֶען דֶערמָאלְט בַּאשֵׁיינְפֶּערְלִיך גֶעזֶעהְן, וִוי דִי תְּפִלּוֹת וָואס מֶען הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין פּוּרִים הָאט גֶע'פּוֹעֵל'ט אַ יְשׁוּעָה, אוּן דֶערְפַאר וֶוער עֶס דַארְף אַ יְשׁוּעָה זָאל זֶעהְן אוֹיסְנִיצְן דֶעם הֵיילִיגְן טָאג פּוּרִים אוּן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף וֶועט עֶר זֶעהְן גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת.

(מְקוֹר הַשִּׂמְחָה, שִׂיחוֹת וְסִפּוּרִים, אוֹת מ"ו)

ישיבה תפארת התורה
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

# לעצטע געלעגנהייט!!!

**צוליב דעם גרויסן פארלאנג וואס מיר האבן געהאט די פארגאנגענע יארן אז די בחורים פון ישיבה זאלן ארויף קומען משמח זיין בעצם יום הפורים, דערפאר וועלן מיר דאס יאר נישט ארויף גיין צו קיינעם, נאר מיט א פאראויס באשטימטע אפוינטמענט.**

**אויב ווילט איר אז די בחורים זאלן ארויף קומען צו אייך, צו אפרעכטן א קומזיץ מיט אלע נייע אידישע ניגונים, וואס זענען שוין וועלט בארימט, ביטע אריינרופן ווי פריער צו באשטימען א צייט.**

**הבחור שבתי מארקוס נ"י 347-666-2803**

**אדער הבחור נחמן נתן קרויס נ"י 347-404-8738**

**צייט איז באגרעניצט, וכל הקודם זכה!**

## טַאנְצְן אוּן קְלַאטְשְׁן

ר' נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַארְן רֶבִּי'ן דִי תּוֹרָה "וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן י') וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט, אַז וֶוען עֶס אִיז דָא דִינִים אוֹיף אִידְן, עֶס אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת אוֹיף אִידְן, אוּן אִידְן טַאנְצְן אוּן קְלַאטְשְׁן, דוּרְךְ דֶעם וֶוערְט נִמְתַּק דִי דִינִים אוּן עֶס וֶוערְט בָּטֵל דִי גְזֵירוֹת. הָאט דֶער רֶבִּי דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "אַזוֹי הָאבּ אִיךְ טַאקֶע גֶעזָאגְט, וֶוען אִידְן טַאנְצְן אוּן קְלַאטְשְׁן וֶוערְט נִמְתַּק אַלֶע דִינִים, אוּן יֶעצְט וֶוען מֶען שְׁמוּעֶסְט אַז מֶען וִויל מַאכְן שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת אוֹיף אִידְן, אָבֶּער אַזוֹי וִוי יֶעצְט קוּמְט פּוּרִים (דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה פַאר פּוּרִים) אוּן אִידְן וֶועלְן דָאךְ זִיכֶער טַאנְצְן אוּן קְלַאטְשְׁן אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט זִיכֶער בָּטֵל וֶוערְן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת". דֶער רֶבִּי הָאט דָאס אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט אַפָּאר מָאל "יָא, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ טַאקֶע גֶעזָאגְט".

רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס מַסְבִּיר גֶעוֶוען, אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען, אַז אַלֶע זַיינֶע תּוֹרוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, אֲפִילוּ עֶס זֶענֶען זֵייעֶר טִיפֶע גְרוֹיסֶע תּוֹרוֹת, אוּן עֶס לִיגְט אִין דֶעם בַּאהַאלְטְן גָאר גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה, פוּן דֶעסְט וֶועגְן, אִיז אָבֶּער דֶער עִיקָר פוּן דִי תּוֹרָה, פָּשׁוּט מְקַיֵּים צוּ זַיין וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט צוּ טוּהְן, וִוי לְמָשָׁל דִי תּוֹרָה אַז טַאנְצְן אוּן קְלַאטְשְׁן אִיז מַמְתִּיק דִי דִינִים, מֵיינְט דָאס פָּשׁוּט אַז וֶוען עֶס קוּמְט אַ צַייט וָואס מֶען טַאנְצְט אוּן מֶען קְלַאטְשְׁט, וִוי לְמָשָׁל פּוּרִים, יָמִים טוֹבִים, אָדֶער בַּיי אַ חֲתוּנָה, אוּן דָאס גְלַייכְן, זָאל מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ טַאנְצְן אוּן קְלַאטְשְׁן אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען מַמְתִּיק זַיין אַלֶע דִינִים.

מֶען זָאל נִישְׁט זָאגְן אַז עֶס אִיז טִיפֶע הוֹיכֶע זַאכְן, וָואס אִיז גֶעמַאכְט נָאר פַאר הוֹיכֶע מֶענְטְשְׁן, נֵיין, עֶס אִיז גֶעמַאכְט פַאר יֶעדְן אִיד, יֶעדֶער אִיד הָאט דִי כּוֹחוֹת, וֶוען עֶר טַאנְצְט אוּן קְלַאטְשְׁט, אִיז עֶר דוּרְךְ דֶעם מַמְתִּיק אַלֶע דִינִים.

(מְקוֹר הַשִּׂמְחָה שִׂיחוֹת וְסִפּוּרִים אוֹת כ"ב)

## אַ פּוּרִים'דִיגֶע הִתְבּוֹדְדוּת

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן זָאגְן "אַ פּוּרִים'דִיגֶע הִתְבּוֹדְדוּת אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ", וַוייל אִין יוֹם טוֹב פּוּרִים קֶען מֶען זֵייעֶר גְרִינְג אַלֶעס אוֹיס'פּוֹעֵל'ן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וַוייל "כָּל הַפּוֹשֵׁט יַד נוֹתְנִים לוֹ".

(מְקוֹר הַשִּׂמְחָה, שִׂיחוֹת וְסִפּוּרִים, אוֹת נ"א)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָ"אשׁ

המשך

אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען אִין דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי מְגִילָה אַז פוּן אָנְהוֹיבּ הָאט אוֹיסְגֶעזֶעהְן וִוי אַלֶעס גֵייט נָאר שְׁלֶעכְט. אַחַשְׁוֵרוֹשׁ נֶעמְט צוּ אֶסְתֵּר, נָאכְדֶעם שְׁטֵייט אוֹיף אַ הָמָן הָרָשָׁע וָואס וִויל אוּמְבְּרֶענְגֶען אַלֶע אִידְן. אָבֶּער נָאכְדֶעם הָאט מֶען גֶעזֶעהְן וִוי אַלֶעס הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט צוּם גוּטְן, מֶען הָאט אוֹיפְגֶעהָאנְגֶען הָמָן מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן פַאר דִי אִידְן אִיז גֶעוֶוען גוּט.

דָאס אִיז אַ לִימוּד פַאר יֶעדְן אִיד, אִין יֶעדֶע מַצָּב וָואס עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעהְט אוֹיס וִוי עֶס גֵייט נִישְׁט גוּט, עֶס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן, דַארְף מֶען וִויסְן אַז אַלֶעס פִּירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּם גוּטְן, אוּן צוּם סוֹף וֶועט מֶען זֶעהְן אַז אַלֶעס וֶועט זִיךְ אוֹיסְשְׁטֶעלְן צוּם גוּטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט "חַיָיב אִינִישׁ לִבְסוּמֵי בְּפוּרְיָא עַד דְּלָא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי", דָאס מֵיינְט אַז סֵיי וֶוען עֶס קוּמְט שְׁוֶוערֶע צַייטְן וָואס דָאס אִיז "אָרוּר הָמָן", אוּן סֵיי וֶוען עֶס גֵייט גוּט וָואס דָאס אִיז "בָּרוּךְ מָרְדְּכַי". אִיז בֵּיידֶע גְלַייךְ, בֵּיידֶע קוּמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר לְטוֹבָה.

דָאס דַארְף דָאס טְרִינְקֶען אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן אִין יוֹם טוֹב פּוּרִים בְּרֶענְגֶען פַארְן מֶענְטְשׁ, אַז עֶר זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, אוּן וָואס עֶס גֶעשֶׁעהט אִיז נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זַיין טוֹבָה.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ אַזַא יוֹם טוֹב פּוּרִים!

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָ"אשׁ חֵלֶק ח' וְחֵלֶק י"א עֶרֶךְ פּוּרִים)

## זמנים לפורים אצל מוהרא"ש שליט"א

תפלת שחרית.........................8:00

קריאת המגילה.......................9:00

**זמן כניסה בעצם יום הפורים**

**משעה 11:00 עד שעה 4:00**

סעודת פורים..........................6:30

ואחר כך ריקודין בשירה וזמרה לכבוד היום

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

### נייע ביכל "די מעשה פונעם חכם מיטן תם" שוין דא צו באקומען אין די געשעפטן




מיט פרייד ווערט אויפגענומען די נייעס אז די לאנג ערווארטעטע ביכל "**די מעשה פונעם חכם מיטן תם**" איז שוין ארויס פון דרוק.

די מעשה איז איינס פון די מעשיות וואס דער רבי האט דערציילט וואס איז געדרוקט אין ספר "סיפורי מעשיות", און עס ליגט אין דעם א גרויסע מוסר השכל, אויסער די גרויסע סודות וואס איז באהאלטן דערין.

יעצט צום ערשטן מאל איז דאס ארויס געקומען אין א ביכל פאר קינדער מיט קארטון בילדער אויף אידיש, פון וואס די קינדער וועלן זיכער האבן אן עונג רוחני וגשמי.

די ביכל איז שוין דא צו באקומען אין אלע ספרים געשעפטן, ווי אויך קען מען עס באקומען בהיכל הישיבה אין וויליאמסבורג. כאפט אריין ווי לאנג עס איז נאך דא צו באקומען.

**תמים תהיה עם ה' אלוקיך!**

## באחד באדר משמיעין על השקלים

ווי באקאנט נעמט מוהרא"ש שליט"א צוזאם יעדע יאר "קמחא דפסחא" צו העלפן די משפחות אין יבנאל צו האבן אויף יום טוב פסח.

די שטעטל האט זיך שוין ברוך ה' זייער ציוואקסן, עס האלט שוין היינט ביי איבער 450 משפחות כן ירבו, און מיט דעם האט זיך אויך פארמערט די געברויך פון צושטעלן "קמחא דפסחא" אז די אידן זאלן האבן אויף צרכי יום טוב

**על פי בקשת כ"ק מוהרא"ש שליט"א**

ווערן אלע אנשי שלומינו געבעטן אריינצוברעגן באטש $180 אז די אידן זאלן קענען האבן א שמחת יום טוב

**מען קען אריינברענגן די געלט אינעם צענטראלן אפיס 27 Skillman St.**

**אדער רופט 718–384–1652**

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה פנחס גליק הי"ו**

בעל הפירמע "לויתן פיש סטאר"

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער, דורות ישרים ומבורכים.

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה שמחה לעווי הי"ו**

**צו די שמחת בר מצוה פון זיין זוהן למז"ט**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער, דורות ישרים ומבורכים.

**יעצט איז אנגעקומען א שיפמענט פון די גאנצע סעט**

**שיחות מוהרא"ש**

**15 בענדער**

**וכל הקודם זכה!**

**צו באקומען בהיכל הישיבה**

**אדער רופט: 347-977-7994**




**מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען**

פאר גאר ביליגע פרייזן!

וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים

שנעל גוט און ביליג!

רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554

5554printing@gmail.com

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות.................6:51
סוף זמן קר"ש..................9:23
מוצש"ק..........................8:23

**שיעורים כסדרן**
בבלי..........................סוכה מ"ז
ירושלמי..............עבודה זרה ל"ז
תוספתא............קרבנות פרק ח'

פרשת שמיני-פרה, כ' אדר ב', שנת תשע"ד לפ"ק
שנה 3, גליון 28 (128)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל אַהֲרֹן הוּא אֲשֶׁר דִּבֶּר ה' לֵאמֹר בִּקְרֹבַי אֶקָּדֵשׁ וְעַל פְּנֵי כָל הָעָם אֶכָּבֵד וַיִּדֹּם אַהֲרֹן**, זָאגְט רַשִׁ"י אַז מֹשֶׁה הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַהֲרֹן: "אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז דֶער מִשְׁכָּן וֶועט גֶעהֵיילִיגְט וֶוערְן דוּרְךְ גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז דָאס וֶועט זַיין דוּרְךְ מִיר אָדֶער דִיר. יֶעצְט זֶעה אִיךְ אַז זֵיי זֶענֶען גְרֶעסֶער פוּן מִיר אוּן דִיר".

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז עֶם מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ה) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִילִּים ב') **"בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי"** אַז אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט צָרוֹת זָאל עֶר קוּקְן אוּן זֶעהן אַז אֲפִילוּ אִין דִי צָרָה קֶען עֶר טְרֶעפְן זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים דֶערְמִיט גֶעהָאלְפְן. וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער "בַּעַל הָרַחֲמִים" אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶר שִׁיקְט אַ צָרָה אִיז עֶם אוֹיךְ מִיט רַחֲמָנוּת. אָבֶּער וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אִין דִי צָרָה אִיז אִים שְׁוֶוער צוּ קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע חֲלָקִים, אוּן עֶר קֶען חַס וְשָׁלוֹם הָאבְּן קֻשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְפַאר אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה וֶוען אַ צְוֵוייטֶער אִיז אִים מְחַזֵּק זַיין, אוּן זָאגְט אִים: "שְׁטַארְק זִיךְ, וֶוער נִישְׁט צוּפַאלְן, דִי צָרָה וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין, אוּן בִּיז דֶעמָאלְט קוּק אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר יָא גֶעהָאלְפְן".

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, וֶוען עֶס אִיז גֶעשֶׁעהן דִי גְרוֹיסֶע צָרָה, אַהֲרֹ'נְס צְוֵוייא קִינְדֶער נָדָב אוּן אֲבִיהוּ זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן, הָאט אִים מֹשֶׁה רַבֵּינוּ מְחַזֵּק גֶעוֶוען אוּן גֶעזָאגְט: "נֶעם אַרוֹיס דִי גוּטֶע חֵלֶק דֶערְפוּן, אוּן זֶעה אַז זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים".

(זֹאת הַתּוֹרָה שְׁמִינִי ז')

***

**כֹּל אֲשֶׁר לוֹ סְנַפִּיר וְקַשְׂקֶשֶׂת בַּמַּיִם בַּיַּמִּים וּבַנְּחָלִים אֹתָם תֹּאכֵלוּ**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן אַז פִישׁ מֶעג מֶען עֶסְן נָאר אוֹיבּ עֶס הָאט "**סְנַפִּיר - פְלוֹס פֶּעדֶערְן**" וָואס מִיט דֶעם שְׁווִימְט עֶר, אוּן אוֹיךְ "**קַשְׂקֶשֶׂת - שׁוּפְּן**" וָואס זֶענֶען וִוי אַ פַּאנְצֶער אוֹיף זַיין גוּף.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דָאס קוּמְט אוּנְז מְרַמֵּז זַיין דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו') אַז וֶוען אַ אִיד וִויל תְּשׁוּבָה טוּהן, עֶר וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַארְף עֶר זַיין **"בָּקִי בְּרָצוֹא וּבָקִי בְּשׁוֹב"**, דָאס מֵיינְט אַז פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען פְּרוּבִּירְן צוּ טוּהן וִוי מֶער גוּטְס, אַרַיינְכַאפְּן וִוי מֶער תּוֹרָה וּמִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּן זִיךְ צוּרִיק הַאלְטְן פוּן עֲבֵירוֹת. אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט מוּז מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אַז אֲפִילוּ עֶס גֵייט נִישְׁט וִוי מֶען וִויל, אֲפִילוּ מֶען פַאלְט דוּרְךְ אוּן מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן דֶער יֵצֶר הָרַע קוּמְט גְלַייךְ צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ: "דוּ בִּיזְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְד, דוּ וֶועסְט שׁוֹין מֶער נִישְׁט זַיין קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד". טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פוּן אִים,

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ כַּעַס ~

בַּיים הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זִ"יעַ הָאט פַּאסִירְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה, וָואס פוּן דֶעם קֶען מֶען זֶעהט דִי הַארְבְּקַייט פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה פוּן כַּעַס.

וִוי בַּאקַאנְט הָאבְּן דִי אִידְן אִין יֶענֶע צַייט אַסַאךְ גֶעלִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע פְּרִיצִים. וֶוען אַ אִיד הָאט גֶעדוּנְגֶען אַן אַרֶענְדֶע בַּיי אַ פָּרִיץ, אוֹיבּ דֶער אִיד הָאט נִישְׁט גֶעהַאט צוּ צָאלְן צַייטְלִיךְ דִי רֶענְט, הָאט דֶער פָּרִיץ אַרַיינְגֶעוָוארְפְן דֶעם אִיד מִיט זַיין גַאנְצֶע פַאמִילְיֶע אִין תְּפִיסָה גְרוּבּ אַרַיין, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעזֶעהן דִי שֵׁיין פוּן דִי זוּן בִּיז מֶען הָאט נִישְׁט בַּאצָאלְט פַארְן פָּרִיץ דָאס גֶעלְט.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב פְלֶעגְט עוֹסֵק זַיין אִין דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן "פִּדְיוֹן שְׁבוּיִם". וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז אַ אִיד זִיצְט אִין תְּפִיסָה, הָאט עֶר גֶעטוּהן אַלֶע פְּעוּלּוֹת אִים אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען וִוי שְׁנֶעלֶער.

אֵיינְמָאל הָאט פַּאסִירְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִ"יעַ הָאט גֶעהֶערְט אַז אַ גֶעוִויסֶער אִיד אַן אַרֶענְדַאר, זִיצְט שׁוֹין עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים אִין תְּפִיסָה, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט בַּאצָאלְט דִי רֶענְט פַארְן פָּרִיץ. דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גְלַייךְ צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט דָאס גֶעלְט וָואס הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעפֶעלְט, אוּן גֶעשִׁיקְט אַ תַּלְמִיד עֶר זָאל גֵיין אוֹיסְלֵייזְן דֶעם אִיד פוּן תְּפִיסָה. דֶער תַּלְמִיד אִיז גְלַייךְ אַרִיבֶּער גֶעפָארְן, אוּן אוֹיסְגֶעלֵייזְט דֶעם אִיד, אוּן אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּזַאמֶען מִיט זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט צוּ זֵיי, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים מְזַכֶּה מִיט אַזַא גֶעוַואלְדִיגֶע מִצְוָה פוּן "פִּדְיוֹן שְׁבוּיִם", אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם אַרֶענְדַאר: "דוּ הָאסְט דָאךְ זִיכֶער נִישְׁט אָנְגֶעגְרֵייט אוֹיף שַׁבָּת צוּ מַאכְן, אֶפְשָׁר בְּלַייבְּסְטוּ שׁוֹין בַּיי מִיר אוֹיף שַׁבָּת?", דֶער אַרֶענְדַאר הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען, אוּן עֶר אִיז טַאקֶע גֶעבְּלִיבְּן בַּיים בַּעַל שֵׁם טוֹב אוֹיף שַׁבָּת.

שַׁבָּת קֹדֶשׁ בַּיי דִי סְעוּדָה הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט תּוֹרָה, עֶר הָאט אַרוּמְגֶערֶעדְט אַז

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

"אִיךְ בִּין טַאקֶע דוּרְכְגֶעפַאלְן, אָבֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר נָאךְ אַלְץ לִיבּ, עֶר וַוארְט נָאךְ אוֹיף מִיר, אִיךְ קֶען נָאךְ אַלְץ צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים. אִיךְ וֶועל מִיר אוֹיסְרֶעדְן דִי הַארְץ פַאר אִים, אִיךְ וֶועל תְּשׁוּבָה טוּהְן, אוּן אִיךְ בִּין שׁוֹין צוּרִיק בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן".

דָאס קוּמְט אוּנְז דֶער פָּסוּק מְרַמֵּז זַיין, דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶוערְן צוּגֶעגְלִיכְן צוּ דִי פִישׁ, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית מח, טז) "**וְיִדְגּוּ לָרֹב בְּקֶרֶב הָאָרֶץ**", אוּן דִי אִידְן דַארְפְן שְׁווִימֶען אִין וַואסֶער, וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף לֶערְנֶען תּוֹרָה, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְ' נה, א) "**הוֹי כָּל צָמֵא לְכוּ לַמַּיִם**", אוּן אוֹיךְ תְּפִלָּה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן וַואסֶער, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (אֵיכָה ב, יט) "**שִׁפְכִי כַמַּיִם לִבֵּךְ נֹכַח פְּנֵי ה'**", קוּמְט אוֹיס אַז אַ אִיד אִיז וִוי אַ פִישׁ וָואס דַארְף שְׁווִימֶען אִין תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה.

אוּן דֶער אִיד דַארְף הָאבְּן "**סְנַפִּיר וְקַשְׂקֶשֶׂת**", פוּן אֵיין זַייט "**סְנַפִּיר - פְלוּם פֶעדֶערְן**" צוּ קֶענֶען גוּט שְׁווִימֶען, צוּ קֶענֶען אַרַיינְכַאפְּן אַסַאךְ מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען אוֹיךְ הָאבְּן, "**קַשְׂקֶשֶׂת - שׁוּפְּן**", דָאס מֵיינְט אַז מֶען דַארְף הָאבְּן אַ פַּאנְצֶער, זִיךְ נִישְׁט צוּ לָאזְן צוּבְּרֶעכְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע קֵיינְמָאל נִישְׁט, נִישְׁט קַיין חִילוּק אִין וָואסֶערֶע מַצָּב מֶען גֶעפִינְט זִיךְ.

דִי גְמָרָא זָאגְט (נִדָּה נ"א:) אַז אוֹיבּ מֶען זֶעהט אַז דִי פִישׁ הָאט "**קַשְׂקֶשֶׂת - שׁוּפְּן**", אִיז זִיכֶער אַז עֶס הָאט "**סְנַפִּיר - פְלוּם פֶעדֶערְן**", דָאס אִיז מְרַמֵּז אַז דֶער עִיקָר אִיז דֶער פַּאנְצֶער, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ נָאר זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אוּן אוֹיבּ מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ, וֶועט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן, אַז מֶען וֶועט זִיךְ צוּהֶערְן צוּ דִי צַדִיקִים, וָואס לֶערְנֶען דֶעם וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ שְׁווִימֶען אִין "יַם הַחָכְמָה" אוּן זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית, שְׁמִינִי, תשס"ט לפ"ק)

***

**וַיַּקְרִיבוּ לִפְנֵי ה' אֵשׁ זָרָה אֲשֶׁר לֹא צִוָּה אֹתָם**, נָדָב אוּן אֲבִיהוּא זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ פְרֶעמְדֶע פֵייעֶר וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהֵייסְן. רַשִׁ"י זָאגְט, פַארְוָואס זֶענֶען נָדָב אוּן אֲבִיהוּא גֶעשְׁטָארְבְּן? וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶע'פְּסַק'נְט הֲלָכוֹת פַאר זֵייעֶר רֶבִּי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ. לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, דֶער פָּסוּק זָאגְט דָאךְ אַ צְווֵייטֶע טַעַם, פַארְוָואס זָאגְט רַשִׁ"י אַן אַנְדֶערֶע טַעַם פַארְוָואס זֵיי זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן? מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א), אַז דוּרְךְ אֱמוּנַת חֲכָמִים, אַז מֶען פָאלְגְט אַ צַדִיק, דוּרְךְ דֶעם וַוייסְט אַ מֶענְטְשׁ וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ וֶוען אֵיינֶער אִיז וואוּיל אוּן עֶרְלִיךְ, עֶר וִויל נָאר טוּהְן דֶעם רָצוֹן ה', דַארְף עֶר אָבֶער נָאךְ אַלְץ גֵיין צוּ אַ צַדִיק וָואס זָאל אִים וַוייזְן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אַלֵיין קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ זֵייעֶר נַארְן, עֶר טוּט וִוילְדֶע זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל בִּכְלַל נִישְׁט הָאבְּן פוּן אִים.

אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען בַּיי קֹרַח וָואס הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט פָאלְגְן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעטוּהְן אַ טַלִּית וָואס אִיז גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן פוּן תְּכֵלֶת, עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר אִיז עֶרְלִיכֶער מִיט דֶעם, אָבֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דָאס בִּכְלַל נִישְׁט, אוּן דֶערְפַאר מוּז מֶען הָאבְּן אַ צַדִיק, וָואס עֶר לֶערְנְט דֶעם מֶענְטְשְׁן דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג אִין לֶעבְּן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וַיַּקְרִיבוּ לִפְנֵי ה' אֵשׁ זָרָה אֲשֶׁר לֹא צִוָּה אֹתָם**, נָדָב אוּן אֲבִיהוּא הָאבְּן גֶעבְּרֶענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָבֶער עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פְרֶעמְדֶע פֵייעֶר, אַ פֵייעֶר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעהֵייסְן, אָבֶער וִוי אַזוֹי זֶענֶען זֵיי צוּגֶעקוּמֶען דָאס צוּ טוּהְן? וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעפָאלְגְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וֶוען זֵיי וָואלְטְן גֶעהַאט אֱמוּנַת חֲכָמִים, אוּן גֶעגַאנְגֶען צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן אִים גֶעפָאלְגְט, וָואלְטְן זֵיי נִישְׁט צוּגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם.

קוּמְט אוֹיס אַז דִי בֵּיידֶע טַעֲמִים זֶענֶען אֵיינְס, נָאר רַשִׁ"י זָאגְט דִי סִיבָּה וָואס הָאט זֵיי צוּגֶעבְּרֶענְגְט צוּ מַאכְן דֶעם פְרֶעמְדְן פֵייעֶר.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית, שְׁמִינִי, תשס"ה לפ"ק)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

דֶער יֵצֶר הָרַע כַאפְּט זִיךְ אַרַיין אֲפִילוּ בַּיי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן עֶר פְּרוּבִּירְט אִים מַכְשִׁיל צוּ זַיין מִיט עֲבֵירוֹת, אוּן נָאךְ מֶער פְּרוּבִּירְט עֶר מַכְשִׁיל צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד מִיט דִי מִדָּה פוּן "כַּעַס", דֶער יֵצֶר הָרַע וֶוערְט זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ וֶוען עֶר קֶען אוֹיפְרֶעגְן אַ אִיד, דָאס בַּיי אִים דֶער גְרֶעסְטֶער גֶעוִוינְס.

אִינְמִיטְן דִי תּוֹרָה, הָאט זִיךְ דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעגֶעבְּן אַ שְׁטֶעל אָפּ, אוּן גֶעפְרֶעגְט דֶעם אַרֶענְדַאר: "וָואס הֶערְט זִיךְ עֶפֶּעס נֵייעֶס?", דֶער אַרֶענְדַאר הָאט זִיךְ פַארְוואוּנְדֶערְט אוּן גֶעזָאגְט: "רֶבִּי, דִי לֶעצְטֶע פָּאר חֳדָשִׁים בִּין אִין גֶעוֶוען אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין אַ טוּנְקֶעלֶע תְּפִיסָה, פוּן וואוּ זָאל אִיךְ הֶערְן נֵייעֶס?", דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים אִיבֶּערְגֶעפְרֶעגְט: "דָאס מַיין אִיךְ טַאקֶע, וָואס אִיז גֶעוֶוען עֶפֶּעס נֵייעֶס דָארְט אִין תְּפִיסָה, וָואס הָאסְטוּ גֶעהֶערְט דָארְט?" דֶער אַרֶענְדַאר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעזֶעהְן דִי פִינְסְטֶערֶע וֶוענְט פוּנֶעם גְרוּבּ, מֶען הָאט מִיר יֶעדְן טָאג אַרָאפְּגֶעלָאזְט אַבִּיסְל עֶסְן מִיט אַ שְׁטְרִיק, פוּן וואוּ זָאל אִיךְ הֶערְן נֵייעֶס?", דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים וַוייטֶער גֶעפְרֶעגְט: "אָבֶער דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעהֶערְט עֶפֶּעס קוֹלוֹת דָארְט אִין גְרוּבּ?" דַאן הָאט זִיךְ דֶער אִיד שׁוֹין דֶערְמַאנְט אוּן גֶעזָאגְט: "יָא רֶבִּי, אַ גַאנְצֶע וָואךְ פְלֶעג אִיךְ הֶערְן אַ קוֹל וָואס וֵויינְט זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת נָאנְט צוּם זְמַן הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אַז דֶער קוֹל לַאכְט זֵייעֶר שְׁטַארְק". דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים וַוייטֶער גֶעפְרֶעגְט: "אוּן וָואס הָאסְטוּ גֶעהֶערְט דִי לֶעצְטֶע וָואךְ פַאר דוּ בִּיזְט אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן תְּפִיסָה?", דֶער אַרֶענְדַאר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דִי לֶעצְטֶע וָואךְ הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט דִי גַאנְצֶע וָואךְ גָאר אַ גְרוֹיסֶע גֶעוֵויין מִיט קוֹלֵי קוֹלוֹת, אוּן עֶרֶב שַׁבָּת פַארְן זְמַן הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט גָאר אַ גְרוֹיס גֶעלֶעכְטֶער, אַסַאךְ מֶער פוּן יֶעדֶע וָואךְ" דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים וַוייטֶער גֶעפְרֶעגְט: "אוּן דוּ וֵוייסְט וָואס דָאס הָאט גֶעמֵיינְט?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וִוי אַזוֹי זָאל אִיךְ וִויסְן? אִיךְ וֵוייס נָאר אַז אִיךְ הָאבּ גֶעצִיטֶערְט מִיט גְרוֹיס שְׁרֶעק".

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים - וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט אוֹיף דִי מָאדְנֶע מַעֲשֶׂה - אוּן זֵיי גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֶועל עֶנְק מַסְבִּיר זַיין דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה וָואס דָא הָאט פַּאסִירְט. עֶס אִיז דָא אַ צַדִיק אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד ה', עֶר עֶסְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט אַ גַאנְצֶע וָואךְ, עֶר אִיז נָאר מְיַחֵד יִחוּדִים אוּן דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט גְרוֹיס בְּרֶען אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער סַ"מֶ מִיט דִי קְלִיפּוֹת זֶענֶען זֵייעֶר נִישְׁט צוּפְרִידְן פוּן דֶעם וַוייל מִיט דִי עֲבוֹדוֹת פוּן דֶעם צַדִיק פַארְבְּרֶענְט עֶר אַלֶע קְלִיפּוֹת. אוּן דָארְט אִין דֶעם תְּפִיסָה גְרוּבּ גֶעפִינֶען זִיךְ שֵׁדִים אוּן קְלִיפּוֹת, אוּן דֶערִיבֶּער וֵויינֶען דִי קְלִיפּוֹת אַ גַאנְצֶע וָואךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק.

וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶער עֶרֶב שַׁבָּת אוּן דֶער צַדִיק גְרֵייט זִיךְ אָן אַ גְלֶעזְל וַוארִימֶע מִילְךְ אוֹיס צוּ

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

פַאסְטְן פַארְן זְמַן, נִישְׁט אַרַיינְצוּגֵיין אִינֶעם שַׁבָּת פַאסְטֶעוְדִיג. דֶעמָאלְט מַאכְן דִי קְלִיפּוֹת אַז דִי מִילְךְ זָאל זִיךְ אוֹיסְגִיסְן, אוּן דֶער צַדִיק וֶוערְט זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט פוּן דֶעם, אוּן אַלֶע קְלִיפּוֹת קוּמֶען צוּרִיק צוּ אִים, אוּן דֶערְפַאר לַאכְן זֵיי אִים אוֹיס.

אֵיינְמָאל הָאט דֶער צַדִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בַּאמֶערְקְן אַז עֶפֶּעס גֵייט דָא פָּאר, יֶעדֶע וָואךְ גִיסְט זִיךְ נָאכְאַמָאל אוֹיס דִי מִילְךְ אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע וֶועג, הָאט עֶר זִיךְ אֵיין וָואךְ זֵייעֶר אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, עֶר הָאט מְיַחֵד גֶעוֶוען נֵייעֶ יִחוּדִים, אוּן עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעדַאוְונְט אַ גַאנְצֶע וָואךְ. אוּן עֶרֶב שַׁבָּת הָאט עֶר וַוייטֶער אָנְגֶעגְרֵייט אַ גְלֶעזְל וַוארִימֶע מִילְךְ, אָבֶּער יֶעצְט הָאט עֶר עֶס אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין זַיין פֶּערְזֶענְלִיכֶע שַׁאפֶע וואו עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן זַיינֶע גֶעשְׁרִיבֶּענֶע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, וָואס נָאר עֶר הָאט גֶעהַאט דֶעם שְׁלִיסְל דֶערְצוּ, אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט קֶענֶען צוּקוּמֶען צוּ דֶעם, אַזוֹי אַז זָאל זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען אוֹיסְגִיסְן דִי מִילְךְ.

דִי קְלִיפּוֹת הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דֶעם, וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהן אַז דִי וָואךְ וֶועט עֶר עֶס שׁוֹין מַאכְן, עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן. דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי מֶער גֶעוֵוייִנְט יֶענֶע וָואךְ. יֶענֶע וָואךְ עֶרֶב שַׁבָּת הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט בַּיי זַיין הוֹיז אַ גוֹי וָואס הָאט פַארְקוֹיפְט הָאלְץ פַאר זֵייעֶר אַ בִּילִיגֶע פְּרֵייז, דִי רֶעבִּיצִין אִיז גֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפְן צוּ אִיר מַאן אוּן גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז דָא יֶעצְט גֶעקוּמֶען אַ גוֹי מִיט זֵייעֶר בִּילִיגֶע הָאלְץ, גִיב מִיר שׁוֹין גֶעלְט צוּ קוֹיפְן דִי הָאלְץ, אַזַא מְצִיאָה מַאכְט זִיךְ נִישְׁט יֶעדְן טָאג!" עֶר הָאט גְלַייךְ גֶעגֶעבְּן פַאר זַיין וַוייבּ דִי שְׁלִיסְלֶעךְ צוּ זַיין שַׁאפֶע אַז זִי זָאל נֶעמֶען פוּן דָארְט גֶעלְט, וֶוען זַיין וַוייבּ הָאט גֶעעֶפְנְט דִי שַׁאפֶע הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן דִי גְלֶעזְל מִילְךְ אוֹיף דִי טַייעֶרֶע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט גֶעשְׁרִיבְּן... וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעזֶעהן, הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיפְגֶערֶעגְט, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרַייעֶן אוֹיף זַיין וַוייבּ: "וָואס דַארְף אִיךְ דִי גַאנְצֶע הָאלְץ?! זָאל עֶר זִיךְ גֵיין מִיט דִי בִּילִיגֶע הָאלְץ!", אוּן אַזוֹי וִוי עֶר אִיז אַרַיין אִין אַזַא גְרוֹיסֶע כַּעַס, זֶענֶען דִי קְלִיפּוֹת צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ אִים, אוּן דֶערְפַאר הָאבְּן דִי קְלִיפּוֹת זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעלַאכְט.

וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה, אִיז אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים וָואס זֶענֶען גֶעזִיצְן בַּיים טִישׁ צוּזַאם גֶעפַאלְן אוּן גֶע'חַלְשׁ'ט. וֶוען מֶען הָאט אִים דֶערְמוּנְטֶערְט הָאט עֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוֵויינְט, אוּן יֶעדֶער הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער צַדִיק פוּן וֶועם דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶערֶעדְט.

זֶעהט מֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה וִוי שְׁטַארְק מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ וֶוערְן אִין כַּעַס, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן. אוּן סְפֶּעצִיעֶל עֶרֶב שַׁבָּת, דֶעמָאלְט פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרַע מֶער צוּ מַכְשִׁיל זַיין אַ מֶענְטְשׁ מִיט כַּעַס. אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (גִיטִין נב.) אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מִשְׁפָּחָה וָואס מֶען פְלֶעגְט זִיךְ דָארְט זֵייעֶר קְרִיגְן יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת, אֵיינְמָאל הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי מֵאִיר אַרַיינְגֶעזֶעצְט בַּיי זֵיי אִינְדֶערְהֵיים, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקְרִיגְט פַאר רֶבִּי מֵאִיר. אַזוֹי הָאט עֶר גֶעטוּהן דְרֵיי וָואכְן, אוּן דַאן הָאט עֶר גֶעהֶערְט אַ קוֹל וָואס זָאגְט: "וֵויי אִיז מִיר, אַז רֶבִּי מֵאִיר הָאט מִיר אַרוֹיסְגֶעטְרָאגְן פוּן דֶעם הוֹיז". דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער סַ"מֶ, וָואס פְלֶעגְט יֶעדֶע וָואךְ מַאכְן מַחְלוֹקֶת עֶרֶב שַׁבָּת בַּיי יֶענֶע מִשְׁפָּחָה, אוּן רֶבִּי מֵאִיר הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעטְרָאגְן.

אוּן בֶּאֱמֶת אִיז דִי מִדָּה פוּן כַּעַס אַ פָּשׁוּטֶע שִׁגָעוֹן וָואס כַאפְּט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן דָאס הַרְג'ט אִינְגַאנְצְן אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ'ס לֶעבְּן, אַזוֹי וִוי מֶען קֶען זֶעהן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס וֶוערְט נֶערְוֶועז פוּן יֶעדֶע זַאךְ, יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט נֶערְוִוירְט אִים, אַזַא מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין נָארְמַאלֶע לֶעבְּן. אוּן דֶערְפַאר וֶוער עֶס וִויל זַיין אַ עֶרְלִיכֶער אִיד זָאל אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זִיךְ אָפְּלָאזְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה, אוּן זַיין נָאר אַ רוּהִיגֶער גֶעלַאסֶענֶער מֶענְטְשׁ, זַיין אֵייבִּיג נָאר פְרֵיילִיךְ אוּן זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן. אוּן דַאן וֶועט עֶר הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ב' עֶרֶךְ כַּעַס)

# מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים

אַ מְלַמֵּד דַארְף דֶערְצֵיילְן אַסַאךְ מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים פַאר דִי קִינְדֶער, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רמח) דָאס דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, וָוארוּם וֶוען מֶען דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִיק וֶוערְט נִתְעוֹרֵר דָאס הַארְץ נָאכְצוּטוּן דֶעם צַדִיק, אוּן עֶר אַלֵיין אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיין דַרְגָּא נָאר וַוייל עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַסַאךְ מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ קְלֵיין אִינְגֶל.

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זי"ע (בַּעַל דִבְרֵי חַיִּים) הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם מְלַמֵּד פוּן זַיינֶע קִינְדֶער אוֹיבּ עֶר לֶערְנְט מִיט זֵיי מוּסָר, הָאט דֶער מְלַמֵּד גֶעעֶנְטְפֶערְט יָא, עֶר לֶערְנְט מִיט זֵיי "חוֹבַת הַלְבָבוֹת", הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זי"ע אָנְגֶערוּפְן צוּם מְלַמֵּד, נִישְׁט דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעמֵיינְט, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט דוּ זָאלְסְט דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זי"ע, אוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רֶבִּי זוּשָׂא זי"ע, וָוארוּם עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז אוֹיבּ מֶען וֶועט דֶערְצֵיילְן דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע בְּרוּדֶער זי"ע, וֶועט דָאס אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי קִינְדֶער אַ גֶעוַואלְדִיגֶע בֶּענְקֶענִישׁ נָאכְצוּמַאכְן.

(אשר בנחל באידיש חלק א' מכתב ק"ז)

# ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

המשך

די בחורים זענען אויפגענומען געווארן מיט גרויס פרייד, וויסענדיג פון וועלכע ישיבה עס האנדעלט זיך, א ישיבה וואו די בחורים לעבן מיטן אייבערשטן, א ישיבה וואו יעדער בחור לערנט יעדן טאג בהתמדה רבה, בחורים וואס זענען אויסגעצייכנט מיט יראת שמים, מדות טובות, און איידלקייט, וואס מען טרעפט נישט.

עס זענען געווען דריי גרופעס, א גרופע אין וויליאמסבורג, א גרופע אין בארא פארק, און א גרופע אין קרית יואל, די בחורים זענען ארויף געגאנגען און געזינגען די אלע באקאנטע אידישע ניגונים צום אייבערשטן.

עס זענען צוריק געהערט געווארן גאר גוטע גריסן, ווי די חשובע נגידים האבן גאר שטארק הנאה געהאט, און זיך אנגערופן מיט ווארימע סכומים.

מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז עס אריבער מיט גאר גרויס הצלחה, דער אייבערשטער זאל העלפן ווייטער.

**ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר!**

***

## קמחא דפסחא פאר די אידן אין יבנאל

דעם יום טוב פורים איז אריינגעקומען גאר שיינע סכומים פאר די קמחא דפסחא קאמפיין וואס מוהרא"ש שליט"א נעמט צוזאם פאר די אידן אין יבנאל אז זיי זאלן האבן אויף פסח צו מאכן.

ווי שוין געמאלדן האט מוהרא"ש געבעטן אלע אנשי שלומינו זיך משתתף צו זיין מיט די סכום פון $180 צו קענען צושטעלן פאר די אידן פון יבנאל אויף פסח.

מיטן אייבערשטנ'ס הילף האבן זיך אנשי שלומינו ווארים אנגערופן און עס איז אריין געקומען גרעסערע סכומים.

ווער עס האט זיך נאכנישט משתתף געווען, קען נאך אריינברענגן די געלט אין צענטראלן אפיס אויף 27 Skillman St. אדער רופט 718-384-1652.

**והלך לפניך צדקיך!**

# וַוארְף עֶס אַרוֹיף אוֹיפְ'ן קֶעמְל

דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זי"עַ אִיז אֵיינְמָאל גֶעפָארְן אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן צוּ זַיין רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זי"עַ אוֹיף שַׁבָּת, נָאךְ שַׁבָּת וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין גֶעוָואלְט אַהֵיים פָארְן אִיז עֶר זִיךְ אַרַיין קוֹדֶם גֶעזֶעגֶענֶען פוּן זַיין רֶבִּי'ן, אוּן גְלַייכְצַייטִיג הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אַז עֶר זָאל טְרֶעפְן אַ וָואגְן וָואס זָאל אִים אַהֵיים טְרָאגְן.

הָאט אִים דֶער רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ גֶעזָאגְט: אַז דוּ בֶּעהְט'ס אַזַא זַאךְ, מַיין אִיךְ אַז דוּ דַארְפְסְט נָאךְ אַבִּיסְל דָא בְּלַייבְּן לֶערְנֶען, וַוייל דִי שְׁלֵימוּת פוּן בִּטָחוֹן אִיז, זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גָארְנִישְׁט בֶּעטְן קַיין טוֹבוֹת פוּן מֶענְטְשְׁן. אוּן דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (רֹאשׁ הַשָּׁנָה כו:) אַז דִי חֲכָמִים הָאבְּן נִישְׁט גֶעווּאוּסְט פְּשַׁט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים נה, כג) "הַשְׁלֵךְ עַל ה' יְהָבְךָ וְהוּא יְכַלְכְּלֶךָ", בִּיז רַבָּה בַּר בַּר חָנָה הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז אַמָאל גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְ'ן גַאס שְׁלֶעפֶּענְדִיג אַ פֶּעקְל, אוּן עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ סוֹחֵר וָואס הָאט גֶערִיטְן אוֹיף אַ קֶעמְל, אוּן דֶער סוֹחֵר הָאט אִים גֶעזָאגְט: "נֶעם דַיין פֶּעקְל אוּן וַוארְף עֶס אַרוֹיף אוֹיפְ'ן קֶעמְל".

דִי פְּשַׁט אִיז אַז דִי חֲכָמִים הָאבְּן נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וִוי וַוייט מֶען דַארְף זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף מֶען זִיךְ טַאקֶע אִינְגַאנְצְן פַארְלָאזְן נָאר אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָדֶער מֶען דַארְף אַלֵיין אוֹיךְ עֶפֶּעס טוּהן? בִּיז זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה אַז רַבָּה בַּר בַּר חָנָה הָאט גָארְנִישְׁט גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם סוֹחֵר, עֶר הָאט זִיךְ נָאר פַארְלָאזְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן, אוּן דֶער סוֹחֵר הָאט זִיךְ אַלֵיין אָנְגֶעטְרָאגְן אִים צוּ הֶעלְפְן, זֶעהט מֶען אַז מֶען דַארְף זִיךְ אִינְגַאנְצְן פַארְלָאזְן נָאר אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ גֶערֶעדְט מִיטְן חוֹזֶה. גְלַייךְ וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט רֶעדְן, אִיז אַדוּרְךְ גֶעפָארְן אַ וָואגְן, אוּן דֶער בַּעַל עֲגָלָה שְׁרַייט אַרוֹיס צוּם חוֹזֶה: "אִינְגֶערְמַאן, דוּ ווִילְסְט אֶפְשָׁר אַהֵיים פָארְן? אִיךְ פָאר יֶעצְט קַיין לוּבְּלִין"...

דַאן הָאט דֶער חוֹזֶה שׁוֹין גוּט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס זַיין רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט אַלֵיין גֶעזֶעהן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין הָאט אִים גֶעהָאלְפְן, אָן טוּהן קַיין שׁוּם פְּעוּלָה.

ווִאוּיל אִיז דֶעם וָואס פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִים זִיכֶער גָארְנִישְׁט פֶּעלְן!

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ה' וְחֵלֶק י' עֶרֶךְ בִּטָחוֹן)

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

### שיינע פורים טיש ביי מוהרא"ש שליט"א

אנשי שלומינו זענען זיך צוזאם געקומען צו די סעודת פורים ביי מוהרא"ש, נאך די סעודה האט מען ארויסגעלאזט אין פייערליכע טענץ בתופים ובמחולות, און געדאנקט דעם אייבערשטן אויף אלע זיינע חסדים, בימים ההם וואס מיר זענען ניצול געווארן פון המן הרשע, און מקבל געווען די תורה פון פריש, "קימו וקבלו היהודים".

ובזמן הזה, אז מיר האבן זוכה געווען צו וויסן פונעם הייליגן רבי'ן, וואס לערנט אונז שטענדיג אנצוהייבן פון פריש, זיך נישט לאזן פארפירן פונעם יצר הרע, נאר שטענדיג נאכאמאל צוריק קומען צום אייבערשטן, זיך אויסרעדן צום אייבערשטן, און אזוי וועלן מיר זיכער שטענדיג מצליח זיין.

**והימים האלה נזכרים ונעשים!**

***

### מוהרא"ש שליט"א פארט קומענדיגע וואך אויף ארץ ישראל

מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועט מוהרא"ש פארן נאך שבת אויף ארץ ישראל, וואו ער וועט זיך אויפהאלטן פאר א וואך, צו מחזק זיין די ארטיגע אידן.

די קומענדיגע וואך וועט נישט פארקומען די וועכנטליכע ליל שישי שיעור.

מען קען הערן אלטע שיעורים פון מוהרא"ש אויפן "קול ברסלב" טעלעפאן ליין, אויפן נומער 212-444-9191.

**חזק ונתחזק!**

***

### בחורי פון ישיבה שיין אויפגענומען דורך נדיבי עם בעצם יום הפורים

דעם יום טוב פורים זענען די בחורים פון ישיבה ארום געגאנגען צו די נדיבים בעם, צוזאמנעמען באשטייערונגען פאר אונזערע מוסדות.

המשך בדף ג

## באחד באדר משמיעין על השקלים

ווי באקאנט נעמט מוהרא"ש שליט"א צוזאם יעדע יאר "קמחא דפסחא" צו העלפן די משפחות אין יבנאל צו האבן אויף יום טוב פסח.

די שטעטל האט זיך שוין ברוך ה' זייער צילואקסן, עס האלט שוין היינט ביי איבער 450 משפחות כן ירבו, און מיט דעם האט זיך אויך פארמערט די געברויך פון צושטעלן "קמחא דפסחא" אז די אידן זאלן האבן אויף צרכי יום טוב

### על פי בקשת כ"ק מוהרא"ש שליט"א

ווערן אלע אנשי שלומינו געבעטן ארייננצובריגן באטש $180 אז די אידן זאלן קענען האבן א שמחת יום טוב

**מען קען ארייינברענגן די געלט אינעם צענטראלן אפיס 27 Skillman St.**

**אדער רופט 718–384–1652**


**מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען**

פאר גאר ביליגע פרייזן!

וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים

שנעל גוט און ביליג!

רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554

5554printing@gmail.com




**עס איז נאך געבליבן געציילטע פון די גאנצע סעט**

**שיחות מוהרא"ש**

**15 בענדער**

**וכל הקודם זכה!**

**צו באקומען בהיכל הישיבה אדער רופט: 347-977-7994**


**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות...................6:59
סוף זמן קר"ש....................9:16
מוצש"ק...............................8:30

**שיעורים כסדרן**
בבלי.............................סוכה נ"ד
ירושלמי.........................הוריות ז'
תוספתא..........כלים ב"ק פרק ב'

פרשת תזריע-החודש, מברכים חודש ניסן, כ"ז אדר ב', שנת תשע"ד לפ"ק — שנה 3, גליון 29 (129)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**נֶגַע צָרַעַת כִּי תִהְיֶה בְּאָדָם וְהוּבָא אֶל הַכֹּהֵן,** מוֹהַרַא"ש שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט מְרַמֵּז זַיין, דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ב') אַז דֶער עִיקָר גֶעוֶוער פוּן מָשִׁיחַ אִיז **"תְּפִלָּה - צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן"**, מָשִׁיחַ וֶועט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט מִיט תְּפִלָּה, דָאס מֵיינְט אַז מָשִׁיחַ וֶועט אוּיסְלֶערְנֶען פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי וֶועלְט, אַז מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם אוּן נִישְׁט גָארְנִישְׁט אוּיף דֶער וֶועלְט, אוּיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט **"כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה'"**.

ווִי אַזוֹי וֶוערְט מֶען נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? נָאר דוּרְךְ רֶעדְן צוּ אִים, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּיף אַלֶע גוּט'ס וָואס עֶר הָאט אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּיף וָואס עֶס פֶּעלְט אִים נָאךְ, אוּן דָאס וֶועט מָשִׁיחַ אוּיסְלֶערְנֶען פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז דָאס קֶען מֶען אוֹיךְ הַיינְט טוּהן, אַ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען שׁוֹין יֶעצְט אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז נָאר, אַז וֶוען מֶען טוּט עֲבֵירוֹת, וֶוערְט פַארְשְׁטָאפְּט דִי אוֹיגְן אוּן דִי הַארְץ, אוּן מֶען פִילְט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוּיס יֶעדֶע וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אִים, מֶען פִילְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

דִי עֵצָה דֶערְצוּ אִיז צוּ גֵיין צוּ אַ צַדִיק, וָואס עֶר קֶען אוּיפְהֵייבְּן יֶעדְן מֶענְטְשׁ אוּן אִים צוּרִיק בְּרֶענְגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר לֶערְנְט אוּיס פַארְן מֶענְטְשׁ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אִים, אוּן מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז אוּנְז דֶער פָּסוּק מְרַמֵּז, **נֶגַע צָרַעַת כִּי תִהְיֶה בְּאָדָם**, דִי נְגָעִים גֵייעֶן אַרוֹיף אוּיף דִי עֲבֵירוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט וָואס דָאס מַאכְט אִים בְּלִינְד, נִישְׁט צוּ זֶעהן אוּן נִישְׁט צוּ פִילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס אִיז דִי עֵצָה? **וְהוּבָא אֶל הַכֹּהֵן**, מֶען זָאל אִים בְּרֶענְגְן צוּם צַדִיק, וָואס עֶר אִיז דֶער כֹּהֵן מְשָׁרֵת בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער צַדִיק וֶועט אוּיפְהֵייבְּן דֶעם

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

### ~ פַּרְשַׁת הַחוֹדֶשׁ ~

### ~ חוֹדֶשׁ נִיסָן ~

וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ נִיסָן אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן, צוּ פַארְגֶעסְן אַלֶעס וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער פָּסוּק זָאגְט אוּיף חוֹדֶשׁ נִיסָן: "'הַחוֹדֶשׁ' הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ 'חֳדָשִׁים', רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם 'לְחָדְשֵׁי' הַשָּׁנָה", עֶס וֶוערְט דְרֵיי מָאל דֶערְמַאנְט דֶער וָוארְט "חָדָשׁ - נֵיי". דְרֵיי מָאל אִיז אַ חֲזָקָה, יֶעצְט אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן אִינְגַאנְצְן.

בֶּאֱמֶת קֶען זִיךְ אַ אִיד בַּאנַייעֶן יֶעדְן טָאג, מֶען מוּז נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז חוֹדֶשׁ נִיסָן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רס"א) אַז אַ אִיד דַארְף יֶעדְן טָאג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי. יֶעצְט אָבֶער, פוּן חוֹדֶשׁ נִיסָן, פוּן שַׁבָּת הַחוֹדֶשׁ, קֶען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמֶען אַ פְרִישֶׁע הִתְחַדְשׁוּת, זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן טַאקֶע אִין דֶעם עִנְיָן, אַרַיינְצוּנֶעמֶען קְלָאר אִין קָאפּ: "נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶס וֶועט זַיין מָארְגְן, אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן צוּ קוּקְן אוּיפְ'ן הַיינְטִיגְן טָאג, אוּן זֶעהן וָואס אִיךְ קֶען אוּיפְטוּהן גוּטֶע זַאכְן".

דֶערְפַאר וֶוען מֶען לֵיינְט דִי פַּרְשַׁת הַחוֹדֶשׁ, אִיז דִי צַייט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ דִי מִדָּה פוּן הִתְחַדְשׁוּת, אִיךְ זָאל יֶעדְן טָאג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי, נִישְׁט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, אוּן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן וָואס עֶס וֶועט זַיין וַוייטֶער, נָאר אִיךְ זָאל מִיר שְׁטֶענְדִיג קָאנְצֶענְטְרִירְן אוּיפְ'ן יֶעצְטִיגְן מִינוּט, וָואס אִיךְ קֶען יֶעצְט טוּהן גוּטֶע זַאכְן

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

מֶענְטְשׁ אוּן אִים בְּרֶענְגֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה תַּזְרִיעַ א')

***

**בָּדָד יֵשֵׁב מִחוּץ לַמַּחֲנֶה מוֹשָׁבוֹ.** אַ מְצֹרָע דַארְף זִיצְן אִינְדְרוֹיסְן פוּן דִי מַחֲנֶה אַלֵיין אוּן אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן מֶענְטְשְׁן.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן י"ד) אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וִויל הָאבְּן שָׁלוֹם, עֶר ווִיל לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה, אוּן מִיט זִיךְ אַלֵיין, דַאן דַארְף עֶר הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶר דַארְף ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען שְׁטֶענְדִיג אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט. אֵיינְמָאל מֶען גֶעמְט זִיךְ דָאס אַרַיין אִין קָאפּ דַאן קְרִיגְט מֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, ווייל מֶען ווייסְט אַז קֵיינֶער אִיז גָארְנִישְׁט שׁוּלְדִיג, אַלֶעם הָאט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִירְט צוּם גוּטְן.

דֶער מְצֹרָע אִיז דָאךְ גֶעוָוארְן קְרֶעצִיג ווייל עֶר הָאט גֶערֶעדְט לָשׁוֹן הָרַע, עֶר הָאט גֶעמַאכְט מַחְלוֹקֶת צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן, אוּן דָאס אִיז גֶעקוּמֶען ווייל עֶר הָאט פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעדֶענְקְט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעם, אוּן דֶערְפַאר אִיז זַיין תִּיקוּן אַז עֶר זָאל אַרוֹיס גֵיין פוּן דִי מַחֲנֶה, עֶר זָאל זִיצְן אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן מֶענְטְשְׁן, עֶר קֶען צוּ קֵיינֶעם נִישְׁט רֶעדְן, עֶר קֶען נִישְׁט פִירְן קַיין מַחְלוֹקֶת, נָאר אֵיין זַאךְ קֶען עֶר טוּהן, עֶר קֶען זִיךְ אִיבֶּערְטְרַאכְטְן אוּן זֶעהן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן נָאר צוּ אִים קֶען מֶען רֶעדְן.

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער פָּסוּק, **בָּדָד יֵשֵׁב מִחוּץ לַמַּחֲנֶה מוֹשָׁבוֹ.** וֶוען דֶער מְצֹרָע זִיצְט אִינְדְרוֹיסְן אַלֵיין אִיז עֶר נָאר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען עֶר וֶועט אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן עֶר וֶועט שׁוֹין אוֹיפְהֶערְן צוּ רֶעדְן לָשׁוֹן הָרַע אוּן פִירְן מַחְלוֹקֶת.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק פ' תַזְרִיעַ-מְצֹרָע תשס"א לפ"ק)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אוּן אַזוֹי וֶועל אִיךְ זַייעֶר מַצְלִיחַ זַיין".

דָאס אִיז בֶּאֱמֶת דִי פַּרְשַׁת הַחוֹדֶשׁ, דִי מִצְוָה פוּן קִידוּשׁ הַחוֹדֶשׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן אַז דִי אִידְן זָאלְן צֵיילְן דִי חֳדָשִׁים לוֹיט דִי לְבָנָה צוּ ווייזְן אַז אִידְן זֶענֶען אַזוֹי וִוי דִי לְבָנָה, סוֹף חוֹדֶשׁ וֶוערְט עֶס קְלֶענֶער אוּן קְלֶענֶער, אָבֶּער נָאכְדֶעם וֶוערְט עֶס בַּאנַייעֶט אוּן וֶוערְט צוּרִיק גְרוֹיס, אַזוֹי גֵייט דָאס לֶעבְּן פוּן אַ אִיד, מֶען פִילְט אַסַאךְ מָאל אַז מֶען פַאלְט אוּן פַאלְט, מֶען וֶוערְט קְלֶענֶער אוּן קְלֶענֶער, אָבֶּער נָאכְדֶעם בַּאנַייעֶט מֶען זִיךְ אוּן מֶען וֶוערְט צוּרִיק גְרוֹיס, אַזוֹי גֵייט עֶס אִיבֶּער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

## שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, ווייל דָאס אִיז דֶער גַאנְצֶער עִנְיָן פוּן רֶבִּי'ן, שְׁטֶענְדִיג זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן סִימָן ו') אַז עֶר אַלֵיין פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי.

אִין זַיינֶע אִינְגֶע יָארְן, וֶוען עֶס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן בְּרוּחֲנִיּוּת, הָאט עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, נָאר עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֶועל אָנְהֵייבְּן פוּן יֶעצְט, אַזוֹי וִוי אִיךְ וָואלְט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הֵייבּ יֶעצְט אָן דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל", אַזוֹי פְלֶעגְט עֶר טוּהן יֶעדֶע מָאל וָואס עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אַז דָאס פְלֶעגְט זַיין בַּיי אִים יֶעדְן טָאג, עֶטְלִיכֶע מָאל אַ טָאג. וָואס עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ. אוּן אַזוֹי הָאט עֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אוּן גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן רמ"ז) "אַזַא חִידוּשׁ וִוי מִיר אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען". אֵיינֶע פוּן דִי פְּשָׁטִים וָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם אִיז, אַז דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעוַואלְדִיגֶער "חִידוּשׁ" טַאקֶע אִין דֶעם עִנְיָן פוּן "הִתְחַדְשׁוּת", זִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּ בַּאנַייעֶן. אוּן דָאס לֶערְנְט דֶער רֶבִּי אוֹיס אוֹיךְ פַאר אוּנְז, אַז מִיר זָאלְן זִיךְ אוֹיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנַייעֶן, אוּן דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר פַּאסִיג וָואס דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, וָואס דֶעמָאלְט אִיז דִי צַייט שְׁטַארְק מְסוּגָל זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן.

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ יֶעצְט בַּאנַייעֶן אִין דִי זַאךְ פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן צ"ח) אַז אִין ווינְטֶער שְׁטַארְבְּן אָפּ אַלֶע בֵּיימֶער אוּן גְרָאזְן, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט זוּמֶער לֶעבְּן זֵיי אַלֶע אוֹיף, אוּן דֶעמָאלְט קֶען זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ מִיטְכַאפְּן מִיט דִי בֵּיימֶער, אוּן זִיךְ אוֹיךְ בַּאנַייעֶן אַזוֹי וִוי זֵיי. אוּן דֶעמָאלְט אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן פֶעלְד צְווִישְׁן דִי גְרָאז אוּן בֵּיימֶער, אוּן דֶער אֱמֶת אִיז, אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אֵיין גְרוֹיסֶע פֶעלְד, מֶען קֶען אִיבֶּעראַל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי גְרָאז אוּן בֵּיימֶער הֶעלְפְן צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תל"ו) אַז יֶעדֶע מָאל וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל מֶען נָאכְאַמָאל אָנְהֵייבְּן מִיט אַ פְרִישְׁקַייט, "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הֵייבּ פוּן יֶעצְט אָן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד" ווייל מְמָה נַפְשָׁךְ, אוֹיבּ בִּיז יֶעצְט אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען גוּט, וֶועט פוּן יֶעצְט זַיין נָאךְ בֶּעסֶער, אוּן אוֹיבּ אִיז בִּיז יֶעצְט נִישְׁט גֶעוֶוען גוּט, דַארְף מֶען דָאךְ זִיכֶער אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ, פוּן יֶעצְט צוּ זַיין גוּט.

מֶען הָאט דָאס אֵייבִּיג גֶעזֶעהן, דִי וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ שְׁטַארְק אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דִי מִדָּה פוּן "הִתְחַדְשׁוּת", הָאבְּן גָאר שֶׁענֶער

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

מַצְלִיחַ גֶעוֶוען. וַוייל וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן שְׁטֶענְדִיג פוּן נַיי, טוּט מֶען אַלֶעס מִיט אַסַאךְ מֶער חֵשֶׁק אוּן גֶעשְׁמַאק.

## צְוֶועלְף טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ נִיסָן

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִיקִים (עי' אַגְרָא דְכַלָה, פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי) אַז דִי עֶרְשְׁטֶע צְוֶועלְף טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ נִיסָן אִיז מְסוּגָל צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת וָואס זָאלְן קוּמֶען אִין דִי צְוֶועלְף חֳדָשִׁים פוּן יָאר. לְמָשָׁל דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג פוּן נִיסָן, בֶּעהְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף חוֹדֶשׁ נִיסָן: "בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ פְּרֵיילִיכְן כָּשֵׁר'ן פֶּסַח, אִיךְ זָאל מְקַיֵים זַיין אַלֶע מִצְוֹת פוּן פֶּסַח מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן חַס וְשָׁלוֹם קַיין בְּרֶעקֶעלֶע חָמֵץ אִין יוֹם טוֹב פֶּסַח, אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק דֶעם חוֹדֶשׁ, אִיךְ זָאל הָאבְּן אַלֶעס וָואס אִיךְ דַארְף אִין דֶעם חוֹדֶשׁ" אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. דִי צְוֵוייטֶע טָאג בֶּעהְט מֶען אוֹיף חוֹדֶשׁ אִיָיר: "בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוָה פוּן סְפִירָה בִּשְׁלֵימוּת, אִיךְ זָאל מִיר פְרֵייעֶן אִין לַ"ג בָּעוֹמֶר". דִי דְרִיטֶע טָאג בֶּעהְט מֶען אוֹיף חוֹדֶשׁ סִיוָן: "בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מְקַבֵּל זַיין דֶעם יוֹם טוֹב שְׁבוּעוֹת וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אִיךְ זָאל פוּן פְרִישׁ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה מִיט פְרֵייד". אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בֶּעהְט מֶען אוֹיף יֶעדְן חוֹדֶשׁ, לוֹיט יֶענֶעם חוֹדֶשׁ, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען הָאבְּן אַ לִיכְטִיגֶע גֶעשְׁמַאקֶע יָאר.

מֶען פִירְט זִיךְ צוּ לֵיינֶען דִי עֶרְשְׁטֶע צְוֶועלְף טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ נִיסָן דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי נְשִׂיאִים, יֶעדְן טָאג אַן אַנְדֶערֶע נָשִׂיא, דָאס אִיז מְסוּגָל פַאר אַלֶע מִינֵי יְשׁוּעוֹת, אוּן סְפֶּעצִיעֶל אִיז עֶס מְסוּגָל פַאר שִׁידוּכִים אוּן פַאר שָׁלוֹם בַּיִת.

אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת חָתָן חֵלֶק ב' סִימָן ו') אַז דִי פַּרְשָׁה פוּן נְשִׂיאִים אִיז מְסוּגָל פַאר אַ שִׁידוּךְ, אוּן דָאס מֵיינְט שׁוֹין אוֹיךְ פַאר שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן דֶערְפַאר קֶען מֶען יֶעצְט גָאר שְׁטַארְק אוֹיס'פּוֹעֶל'ן שִׁידוּכִים אוּן שָׁלוֹם בַּיִת.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס נִיצְט אוֹיס דֶעם חוֹדֶשׁ וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן בֶּעהְט זִיךְ אוֹיס בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ עֶרֶךְ פַּרְשַׁת הַחוֹדֶשׁ - חוֹדֶשׁ נִיסָן)

# פַּארְעֶנְטְפֶערְט דֶעם שְׂוֶוערְן רַמְבַּ"ם

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק ר' הֶערְשֶׁעלֶע לִיסְקֶער זי"עַ פְלֶעגְט אַסַאךְ עוֹסֵק זַיין פַאר פֶּסַח צוּ זֶעהְן אַז יֶעדֶער אִיד זָאל הָאבְּן אוֹיף פֶּסַח צוּ מַאכְן, עֶר הָאט גֶעהָאלְפְן אָרִימֶעלַייט צוּ קֶענֶען צוּשְׁטֶעלְן אוֹיף יוֹם טוֹב.

אֵיין מָאל הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן: פַאר פֶּסַח גְרֵייט זִיךְ יֶעדֶער אָן מִיט שֵׁיינֶע פִּלְפּוּלִים אוּן דְרָשׁוֹת לְכָבוֹד פֶּסַח, מֶען פַארְעֶנְטְפֶערְט שְׂוֶוערֶע רַמְבַּ"מ'ס מִיט שֵׁיינֶע פִּלְפּוּלִים, אָבֶּער אִיךְ פַארְעֶנְפֶער אֵיין שְׂוֶוערֶע רַמְבַּ"ם מִיט מַיינֶע הֶענְט.

דֶער רַמְבַּ"ם פְּסַק'נְט אַז יֶעדֶער אִיד מוּז עֶסְן מַצוֹת אִין פֶּסַח, אוּן אֲפִילוּ אַן אָרִימַאן מוּז זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען מוּז הָאבְּן מַצוֹת אוֹיף פֶּסַח, וִוידֶער פַּסְק'נְט דֶער רַמְבַּ"ם אַז מֶען טָאר נִישְׁט גַנָב'עֶנֶען. דָאס אִיז לִכְאוֹרָה אַ סְתִּירָה, אוֹיב טָאר מֶען נִישְׁט גַנָב'עֶנֶען, וִוי אַזוֹי קֶען דֶער אָרִימַאן הָאבְּן מַצוֹת אוֹיף פֶּסַח?

דֶעם שְׂוֶוערְן רַמְבַּ"ם פַארְעֶנְפֶער אִיךְ, וַוייל אִיךְ גֵיי אַרוּם שַׁאפְן גֶעלְט פַאר אָרִימֶעלַייט אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן גֶעלְט אוֹיף פֶּסַח בְּשֶׁפַע, מְמֵילָא אִיז שׁוֹין דֶער רַמְבַּ"ם פַארְעֶנְטְפֶערְט...

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דָאס אִיז אַ רִיכְטִיגֶע אֱמֶת'עֶ דְרָשָׁה אוֹיף פֶּסַח. אוּן מִיט דֶעם קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין, וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִים סִימָן תכ"ט) "מֶען הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען דִי הֲלָכוֹת פוּן פֶּסַח דְרַייסִיג טֶעג פַאר פֶּסַח", אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער רְמָ"א "מֶען פִירְט זִיךְ צוּ קוֹיפְן וֵוייץ פַאר אָרִימֶעלַייט אוֹיף פֶּסַח"..לִכְאוֹרָה וָואס הָאט אֵיינְ'ס מִיטְן צְוֵוייטְן? וָואס קוּמְט דֶער רְמָ"א צוּלֵייגְן צוּם שֻׁלְחָן עָרוּךְ?

אָבֶּער מִיט דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע מַעֲשֶׂה פַארְשְׁטֵייט מֶען דָאס זֵייעֶר גוּט, דֶער רְמָ"א קוּמְט זָאגְן אַז דֶער עִיקָר דְרָשָׁה אוֹיף פֶּסַח אִיז צוּ שַׁאפְן גֶעלְט פַאר אָרִימֶעלַייט אוֹיף פֶּסַח.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה אַרוֹיס צוּ הֶעלְפְן אָרִימֶעלַייט אוֹיף פֶּסַח.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ז, עֶרֶךְ חוֹדֶשׁ נִיסָן)

***

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ עוֹסֵק זַיין צוּ צוּזַאמְנֶעמֶען גֶעלְט פַאר אָרִימֶעלַייט אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן אוֹיף פֶּסַח צוּ מַאכְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ר"א) **"צְ'דָקָה תַּ'צִיל מִ'מָוֶת רָאשֵׁי תֵּבוֹת מַצַ"ת. סְגֻלָּה לָחֳלִי נוֹפֵל רַחֲמָנָא לִצְלָן, פִּ'זַר נָ'תַן לָ'אֶבְיוֹנִים רָאשֵׁי תֵּבוֹת נֶפֶ"ל"**. וָואס מֶען פַארְשְׁטֵייט פוּן דֶעם אַז וֶוען מֶען גֶעבְּט צְדָקָה פַאר אִידְן אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן מַצוֹת אוֹיף פֶּסַח, אִיז עֶס אַ סְגוּלָה נִישְׁט צוּ הָאבְּן דִי מַחְלָה פוּן חוֹלִי נוֹפֵל רַחֲמָנָא לִיצְלָן, סַיי בְּגַשְׁמִיוּת אוּן סַיי בְּרוּחֲנִיוּת, נִישְׁט אַרָאפְּצוּפַאלְן בְּרוּחֲנִיוּת.

(לוּחַ בְּרֶסְלַב פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי תשע"ג לפ"ק)

***

**אויב ווילט איר זוכה זיין אין די געוואלדיגע מצוה פון געבן קמחא דפסחא, צו קענען אויסצאלן די אלע איינגעשטעלטע במוסדותינו הק' אויף יום טוב פסח רופט מו"ה אייזיק אפפעל הי"ו**

**646-302-8957**

# זַיין שְׁטָאלְץ מִיט דִי מִצְוֹות

אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיךְ, דוּ זָאלְסְט פוּן הַיינְט אָן שְׁטֶענְדִיג הַאלְטְן דִי צִיצִית, אוּן זִיךְ דֶערְמַאנֶען אַזוֹי וִוי סְ'שְׁטֵייט (בַּמִדְבָּר ט"ו) "וּרְאִיתֶם אוֹתוֹ וּזְכַרְתֶּם אֶת כָּל מִצְוֹת הַוַיָ"ה" אַז אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט אוֹיף דִי צִיצִית דֶערְמַאנְט עֶר זִיךְ אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ז') צִיצִית אִיז מַצִיל דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן נִיאוּף, צִיצִית בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ אֱמוּנָה וְכוּ' וְכוּ', עַיֵין שָׁם. אַז אַ אִיד קוּקְט שְׁטֶענְדִיג אוֹיף דִי צִיצִית הִיט עֶס אִים אָפּ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, עֶר דֶערְמַאנְט זִיךְ אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיף דַיינֶע צִיצִית, סְ'אִיז אַ מִצְוֹות עַשֵׂה.

מֶען דֶערְצֵיילְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער גְרָ"א זַ"ל אֵיידֶער עֶר הָאט אוֹיסְגֶעהוֹיכְט דִי נְשָׁמָה הָאט עֶר גֶענוּמֶען דִי צִיצִית אִין דֶער הַאנְט אוּן גֶעקִישְׁט אִין זֵייעֶר גֶעוֵויינְט, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס עֶר וֵויינְט? הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז דָא קֶען מֶען קוֹיפְן פַאר אַפָּאר גְרָאשְׁן אַ בִּינְטְל צִיצִית, דָארְטְן קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט אוֹיף קַיין שׁוּם גֶעלְט אִין דֶער וֶועלְט מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוָה, זָאל אִיךְ נִישְׁט וֵויינֶען? זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם ווִי אַ אִיד דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹות.

וֶוען מֶען גֵייט אַרַיין אִין דִי טִיר אָדֶער וֶוען מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן דִי טִיר דַארְף מֶען קִישְׁן דִי מְזוּזָה, אוּן זִיךְ דֶערְמַאנֶען וָואס שְׁטֵייט אִין דִי מְזוּזָה "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל הַוַיָ"ה אֱלֹקֵינוּ הַוַיָ"ה אֶחָד" אַ גַאנְצְן טָאג דַארְף אַ אִיד קוּקְן אוֹיף דִי צִיצִית אוּן קִישְׁן דִי צִיצִית, אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן אַז עֶר אִיז אַ אִיד אוּן עֶר גֵייט מִיט צִיצִית, עֶר הָאט אַ בָּארְד מִיט פֵּיאוֹת, אוּן עֶר שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט פַאר דִי עֶקְלְהַאפְטִיגֶע גוֹיִים וְכוּ' וְכוּ', אַדְרַבָּה עֶר דַארְף זַיין שְׁטָאלְץ מִיט דִי מִצְוֹות, עֶר דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן אַז עֶר הָאט אָנְגֶעטוּהְן צִיצִית אוּן תְּפִילִין יֶעדְן טָאג.

גְלֵייבּ מִיר אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן וֶועסְטוּ הָאבְּן אַן אַנְדֶערֶע סָארְט לֶעבְּן, אוּן דוּ וֶועסְט נִישְׁט דַארְפְן מוֹרָא הָאבְּן פַאר קֵיינֶעם אִין דֶער וֶועלְט, וָוארוּם וֶוער סְ'הָאט אֱמוּנָה הָאט נִישְׁט קַיין מוֹרָא פַאר קֵיינֶעם אִין דֶער וֶועלְט, אֱמוּנָה בַּאשִׁיצְט דֶעם מֶענְטְשׁ.

(אשר בנחל באידיש חלק ג' מכתב שפ"א)

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

## קמחא דפסחא קאמפיין אויסצוצאלן די איינגעשטעלטע פאר פסח

אזוי ווי אין די פארגאנגענע יארן, האט מען דאס יאר שוין אויך אנגעהויבן דער קמחא דפסחא קאמפיין, א קאמפיין צו אויסצאלן אלע מלמדים און איינגעשטעלטע פון מוסדותינו הק' בעפאר דעם יום טוב פסח.

די פארגאנגענע יארן איז דער קאמפיין געקרוינט געווארן מיט א געוואלדיגע הצלחה, אלע איינגעשטעלטע זענען אינגאנצן באצאלט געווארן פאר יום טוב, און זיי האבן געקענט צוגיין צום יום טוב מיט רוהיגקייט און ישוב הדעת.

כי עתה הרחיב ה' לנו, מיטן אייבערשטנ'ס הילף האבן זיך די מוסדות שטארק פארברייטערט דאס יאר, און דערפאר האפן מיר אז דאס יאר וועט זיך דער עולם נאך שענער אנרופן מיט גרויסע סכומים צו קענען צאלן פאר די חשובע איינגעשטעלטע וואס געבן זיך א גאנץ יאר אפ מיט גרויס איבערגעגעבנקייט פאר די טייערע קינדערלעך.

דער קאמפיין ווערט אנגעפירט דורך מו"ה אייזיק אפפעל הי"ו, וואס נעמט צוזאם די נדבות פונעם חשוב'ן ציבור.

עס איז צום האפן אז דער עולם וועט זיך ווארים אנרופן, אז די חשובע איינגעשטעלטע זאלן קענען צוגיין צום יום טוב מיט א רוהיגן געמיט.

**והלך לפניך צדקיך!**


**עס איז נאך געבליבן געציילטע פון די גאנצע סעט**

## שיחות מוהרא"ש - 15 בענדער

**וכל הקודם זכה!**

**צו באקומען בהיכל הישיבה, אדער רופט: 347-977-7994**


## באחד באדר משמיעין על השקלים

ווי באקאנט נעמט מוהרא"ש שליט"א צוזאם יעדע יאר "קמחא דפסחא" צו העלפן די משפחות אין יבנאל צו האבן אויף יום טוב פסח.

די שטעטל האט זיך שוין ברוך ה' זייער ציוואקסן, עס האלט שוין היינט ביי איבער 450 משפחות כן ירבו, און מיט דעם האט זיך אויך פארמערט די געברויך פון צושטעלן "קמחא דפסחא" אז די אידן זאלן האבן אויף צרכי יום טוב

## על פי בקשת כ"ק מוהרא"ש שליט"א

ווערן אלע אנשי שלומינו געבעטן אריינצוברענגן באטש $180 אז די אידן זאלן קענען האבן א שמחת יום טוב

**מען קען אריינברענגן די געלט אינעם צענטראלן אפיס 27 Skillman St.**

**אדער רופט 718–384–1652**


## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען



פאר גאר ביליגע פרייזן!

**וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים**

שנעל גוט און ביליג!

**רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554**

**5554printing@gmail.com**





## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **אברהם הערש וועבערמאן** הי"ו

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון זיינע קינדער. אמן.

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות......................7:06
סוף זמן קר"ש......................9:10
מוצש"ק...............................8:38

**שיעורים כסדרן**
בבלי...............................ביצה ו'
ירושלמי......................הוריות י"ד
תוספתא..........כלים ב"מ פרק ב'

פרשת מצורע, ה' ניסן, שנת תשע"ד לפ"ק
שנה 3, גליון 30 (130)

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְהָיָה בַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יְגַלַּח אֶת כָּל שְׂעָרוֹ אֶת רֹאשׁוֹ וְאֶת זְקָנוֹ וְאֵת גַּבֹּת עֵינָיו וְאֶת כָּל שְׂעָרוֹ יְגַלֵּחַ.** דֶער מְצוֹרָע דַארְף זִיךְ אָפְּשֶׁערְן אַלֶע זַיינֶע הָאר.

מוֹהַרְא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת הֲלָכוֹת גִילוּחַ הֲלָכָה ג' אוֹת ב') אַז דֶער עִיקָר פוּן אַ אִיד אִיז זַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, דָאס אִיז זַיין צֶלֶם אֱלֹקִים, דָאס וַוייזְט אַז עֶר אִיז אַ אִיד אוּן אַז עֶר אִיז נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר זֶעהט מֶען אַז וֶוען אֵיינֶער הֵייבְּט אָן אַוֶועק צוּ פַאלְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער וֶועט עֶר דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אָנְהוֹיבְּן צוּ שְׁנַיידְן דִי בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, דָאס אִיז אַ סִימָן אַז מֶען הוֹיבְּט אָן אַוֶועק צוּ גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערִיבֶּער דַארְף זִיךְ אַ אִיד שְׁטַארְקְן מִיט זַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, אוּן זִיךְ פְּרֵייעֶן מִיט דֶעם, אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט צוּרִירְן דֶערְצוּ עֶם אַרָאפְּצוּנֶעמֶען חַ"וְ.

מִיט דֶעם קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס דֶער מְצוֹרָע הָאט גֶעדַארְפְט אָפְּשֶׁערְן אַלֶע זַיינֶע הָאר, אוּן אוֹיךְ דִי בָּארְד אוּן פֵּאוֹת. וַוייל דָאס אִיז דִי סִימָן פוּן אַ מְצוֹרָע. דִי נְגָעִים קוּמֶען דָאךְ וַוייל מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי מֶען דַארְף, מֶען אִיז אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גֶעוָוארְן אַ קְרֶעצִיגֶער מֶענְטְשׁ, אוּן דֶערְפַאר אִיז דֶער סִימָן דֶערְצוּ אַז עֶר שֶׁערְט זִיךְ אָפּ זַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת.

אוּן דִי עֵצָה פַאר אַזַא קְרֶעצִיגֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַז עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּרִיק לָאזְן וַואקְסְן דִי בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְפְט קֵיינֶעם נִישְׁט אַוֶועק, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט צוּרִיק צוּ נֶעמֶען יֶעדְן וָואס וֶוענְדְט זִיךְ צוּ אִים.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק פ' תַזְרִיעַ-מְצֹרָע תש"ע לפ"ק)

***

אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע הַפְטוֹרָה שְׁטֵייט, **וְאַרְבָּעָה אֲנָשִׁים הָיוּ מְצֹרָעִים פֶּתַח הַשָּׁעַר**, דִי גְמָרָא זָאגְט (סוֹטָה מ"ז.) אַז דִי פִיר קְרֶעצִיגֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעוֶוען גֵחֲזִי מִיט זַיינֶע דְרֵיי קִינְדֶער.

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

### ~ לָשׁוֹן הָרַע ~

דֶער אִיסוּר פוּן רֶעדְן אוּן הֶערְן לָשׁוֹן הָרַע אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע זַאךְ. חֲזַ"ל זָאגְן (עֲרָכִין ט"ו:) אַז לָשׁוֹן הָרַע אִיז עֶרְגֶער פוּן דִי דְרֵיי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת. נָאךְ זָאגְט דִי גְמָרָא (פְּסָחִים קי"ח) אַז אֵיינֶער וָואס רֶעדְט אָדֶער הֶערְט אוּן נֶעמְט אָן לָשׁוֹן הָרַע, אִיז רָאוּי עֶר זָאל גֶעוָוארְפְן וֶוערְן פַאר דִי הִינְט. דָאס אִיז וַוייל דָאס אִיז דִי סֵדֶר פוּן הִינְט אַז זֵיי בִּילְן שְׁטֶענְדִיג, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז דֶער וָואס אִיז פַארְנוּמֶען מִיט לָשׁוֹן הָרַע'ס, עֶר אִיז אֵייבִּיג פַארְנוּמֶען צוּ בִּילְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן, אוּן דֶערִיבֶּער אִיז דָאס זַיין עוֹנֶשׁ.

לַיידֶער וֶוערְט יֶעדֶער נִכְשָׁל אִין דֶעם, אֵיינֶער מֶער אוּן אֵיינֶער וֵוייניגֶער. דִי גְמָרָא זָאגְט (בָּבָא בַּתְרָא קס"ה.) אַז יֶעדֶער וֶוערְט נִכְשָׁל אִין לָשׁוֹן הָרַע, קֵיינֶער אִיז נִישְׁט רֵיין פוּן דֶעם. אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען יָא נִיצוֹל וֶוערְן פוּן דִי הַארְבֶּע זַאךְ, אִיז נָאר תְּפִלָּה, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַז מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן אוּן נִישְׁט מְקַבֵּל זַיין קַיין לָשׁוֹן הָרַע, אוּן נָאר מִיט דִי הִילְף פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דֶעם.

דִי בֶּעסְטֶע אִיז וֶוען מֶען טוּט דָאס אִינְדֶערְפְרִי, גְלַייךְ נָאכְן זָאגְן בִּרְכַּת הַתּוֹרָה לֵייגְט מֶען צוּ אַ קוּרְצֶע תְּפִלָּה, מֶען בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן דֶעם טָאג אִין לָשׁוֹן הָרַע.

אוּן מֶען טָאר נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן וֶוען מֶען זֶעהט אַז מֶען אִיז יָא דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט לָשׁוֹן הָרַע, נָאר זִיךְ שְׁטַארְקְן כָּאטְשׁ פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער נִישְׁט צוּ רֶעדְן קַיין לָשׁוֹן

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

גֵּחֲזִי אִיז גֶעוֶוען דֶער מְשָׁרֵת פוּן אֱלִישָׁע הַנָּבִיא. וֶוען נַעֲמָן דֶער גֶענֶעראַל פוּן אֲרָם אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אֱלִישָׁע זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן פוּן זַיין קְרֶעץ, הָאט אֱלִישָׁע נִישְׁט גֶעוָואלְט נֶעמֶען קַיין גֶעלְט פוּן אִים, אָבֶער גֵּחֲזִי אִיז נָאכְגֶעלָאפְן נַעֲמָן אוּן לִיגְנְט גֶעזָאגְט אַז אֱלִישָׁע הָאט צוּרִיק גֶעצוֹיגְן עֶר ווִיל יָא נֶעמֶען גֶעלְט אוּן נַעֲמָן הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַסַאךְ מַתָּנוֹת, וֶוען גֵּחֲזִי אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ אֱלִישָׁע הָאט אֱלִישָׁע אִים גֶעשָׁאלְטְן אַז דִי קְרֶעץ פוּן נַעֲמָן זָאל אַרִיבֶּער גֵיין צוּ אִים אוּן צוּ זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען.

זֶעהט מֶען פוּן דֶעם דִי הַארְבְּקַייט פוּן מְזַלְזֵל זַיין אִין אַ צַדִּיק, וָואס מֶען בַּאקוּמְט אוֹיף דֶעם אַ הַארְבֶּע שְׁטְרָאף לְדוֹרוֹת, ווִי מֶען זֶעהט אַז גֵּחֲזִי אִיז קְרֶעצִיג גֶעוָוארְן מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעמוּזְט זִיצְן אִינְדְרוֹיסְן פוּן דִי מַחֲנֶה.

אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען מֶען אַרוֹיסְלֶערְנֶען דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים, פוּן גְלֵייבְּן אוּן פָאלְגְן דֶעם צַדִּיק, אֲפִילוּ וֶוען מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אַלֶעס.

וֶוען נַעֲמָן אִיז קְרֶעצִיג גֶעוָוארְן אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ אֱלִישָׁע עֶר זָאל אִים הֵיילְן, הָאט אִים אֱלִישָׁע גֶעהֵייסְן עֶר זָאל זִיךְ גֵיין טוֹבְל'ן זִיבְּן מָאל אִין יַרְדֵּן אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר גֶעהֵיילְט וֶוערְן. פוּן אָנְפַאנְג הָאט נַעֲמָן נִישְׁט גֶעוָואלְט פָאלְגְן, עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז אֱלִישָׁע וֶועט מַאכְן אַן אָפֶענֶעם מוֹפֵת, אוּן אִים אוֹיסְהֵיילְן, אוּן יֶעצְט הֵייסְט עֶר אִים אַזַא גְרִינְגֶע זַאךְ, עֶר זָאל זִיךְ טוֹבְל'ן אִין יַרְדֵּן אוּן עֶר וֶועט זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן. "אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ בֶּעסֶערֶע בֶּעדֶער אִינְדֶערְהֵיים זִיךְ צוּ בָּאדְן דָארְט, פַאר דֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט אַהֶער קוּמֶען?!". בִּיז זַיינֶע קְנֶעכְט הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט: "דֶער נָבִיא הָאט דִיר גֶעזָאגְט אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, פָאלְג אִים, וֶועסְטוּ גֶעהֵיילְט וֶוערְן" אוּן עֶר הָאט אַזוֹי גֶעטוּהן, עֶר הָאט זִיךְ גֶע'טוֹבְל'ט אִין יַרְדֵּן זִיבְּן מָאל, אוּן עֶר אִיז גֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן פוּן זַיין קְרֶעץ.

זֶעהט מֶען דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן "אֱמוּנַת חֲכָמִים" פוּן גֵיין צוּ אַ צַדִּיק, אוּן פָאלְגְן וָואס עֶר זָאגְט בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעהט אוֹיס ווִי אַ קְלֵיינֶע פָּשׁוּט'ֶע זַאךְ, וַוייל אַמָאל זָאגְט דֶער צַדִּיק צוּ טוּהן אַ גְרִינְגֶע זַאךְ, אָבֶער אִין דֶעם וֶוענְדְט זִיךְ דִי גַאנְצֶע הַצְלָחָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

ווַאוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט צוּ אַ צַדִּיק, אוּן פָאלְגְט וָואס עֶר הֵייסְט, וֶועט עֶר זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין גָאר שְׁטַארְק, בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית, מְצוֹרָע, תשע"א לפ"ק)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

הָרַע. וַוייל יֶעדֶע מָאל וָואס מֶען הָאט זִיךְ צוּרִיק גֶעהַאלְטְן פוּן רֶעדְן אַ לָשׁוֹן הָרַע אִיז שׁוֹין זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר, אֵיין וָוארְט לָשׁוֹן הָרַע וֵוייניגֶער אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל, אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען יֶעדֶע מָאל בַּאזוּנְדֶער פְּרוּבִּירְן זִיךְ צוּרִיק צוּ הַאלְטְן אוּן נִישְׁט רֶעדְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט.

## לָשׁוֹן הָרַע וֶוערְט אָנְגֶענוּמֶען

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ זֶעהט מֶען אַז וֶוען אֵיינֶער קוּמְט זָאגְן אַ לָשׁוֹן הָרַע וֶוערְט עֶס גְלַייךְ אָנְגֶענוּמֶען. אֲפִילוּ וֶוען דֶער לָשׁוֹן הָרַע אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס מֶען קֶען אִים, אוּן מֶען הָאט אֵייבִּיג גֶעוואוּסְט אַז עֶר אִיז עֶרְלִיךְ אוּן גוּט. וֶוען אֵיינֶער קוּמְט אָבֶער מִיט אַ גוּטֶע לָשׁוֹן הָרַע אוֹיף יֶענֶעם וֶועט מֶען עֶס גְלַייךְ אָנְנֶעמֶען.

דֶער יֵצֶר הָרַע מַאכְט דָאס אַז עֶס זָאל זַיין אַזוֹי גֶעשְׁמַאק צוּ הֶערְן אַ לָשׁוֹן הָרַע, אוּן אַז מֶען זָאל עֶס גְלַייךְ אָנְנֶעמֶען. אָבֶער מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פוּן אִים, מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט אָנְנֶעמֶען קַיין שְׁלֶעכְטְס אוֹיף צְוֵויטְן אִיד, אוּן דִי עֵצָה דֶערְצוּ אִיז נָאר תְּפִלָּה, צוּ בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## נִישְׁט אַלֶעס דַארְף מֶען הֶערְן

בֶּאֱמֶת דַארְף זִיךְ אַ אִיד צוּגֶעוואוֹינֶען נִישְׁט צוּ דַארְפְן אֵייבִּיג הֶערְן אַלֶעס. אֵיינֶער וָואס מוּז זִיךְ אִיבֶּערָאל אַרַיינְשְׁטֶעקְן זַיין קָאפּ, עֶר מוּז אַלֶעס הֶערְן אוּן מִיטְהַאלְטְן, אַזַא אֵיינֶער אִיז כִּמְעַט נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַז עֶר זָאל נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ הֶערְן זַאכְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט אוּן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט הֶערְן. אוּן אֵיינְמָאל מֶען הֶערְט זַאכְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט, דַאן גֵייט עֶס אַרַיין אִין הַארְץ אַרַיין. וֶוערְטֶער הָאבְּן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע כֹּחַ, וֶוען מֶען הֶערְט זַאכְן וָואס טוֹיגְן נִישְׁט, אֲפִילוּ אוֹיף דִי מִינוּט זֶעהט אוֹיס אַז מֶען הָאט עֶס נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען, גֵייט עֶס אָבֶער אַרַיין אִין מֹחַ, אוּן דָאס קֶען נָאכְדֶעם שָׁאטְן פַארְן מֶענְטְשׁ.

דֶער זוֹהַר הַקָ' זָאגְט (יִתְרוֹ עה:) "מַאן דְאָדְנוֹי רַבְרְבִין, טִפְּשָׁא בְּלִיבֵּיהּ" - וֶוער עֶס הָאט גְרוֹיסֶע אוֹיעֶרְן, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט טִפְּשׁוּת אִין זַיין הַארְץ. דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גְרוֹיסֶע אוֹיעֶרְן, זֵיי דַארְפְן אִיבֶּערָאל אַרַיינְשְׁטֶעקְן זֵייעֶר אוֹיעֶר, זֵיי דַארְפְן אַלֶעס הֶערְן אוּן מִיטְהַאלְטְן. דָאס אִיז נִישְׁט קַיין סִימָן פוּן חָכְמָה נָאר פוּן טִפְּשׁוּת. אַן אֱמֶת'עֶר חָכָם, זִיצְט זִיךְ אִין זַיין ווִינְקְל אוּן עֶר שְׁטוּפְּט זִיךְ נִישְׁט אַרַיין אִיבֶּערָאל, עֶר וֵוייסְט אַז וָואס עֶר דַארְף הֶערְן - וֶועט עֶר מִמֵּילָא הֶערְן, אוּן וָואס עֶר דַארְף נִישְׁט הֶערְן - אִיז טַאקֶע בֶּעסֶער אַז עֶר זָאל עֶס נִישְׁט הֶערְן.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה י"ג) וֶועגְן דֶעם טוֹיבְּן בֶּעטְלֶער, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהֶערְט וָואס מֶענְטְשְׁן רֶעדְן, אוּן טַאקֶע דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעלֶעבְּט אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זִ"ע הָאט אִין זַיינֶע עֶלְטֶערֶע יָארְן שְׁוַואךְ גֶעקֶענְט הֶערְן. הָאט עֶר דַאן גֶעזָאגְט: "פַארְוָואס דַארְף אִיךְ גוּט הֶערְן? וָואס אִיךְ ווִיל זָאגְן - זָאג אִיךְ, אוּן וָואס יֶענֶער זָאגְט - אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט, מִמֵּילָא פַארְוָואס דַארְף אִיךְ הֶערְן?"

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהַרָ"א"שׁ

דֶער צַדִיק רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זִ"יעַ, דֶער זֵיידֶע פוּן רֶבִּי'ן, הָאט גֶעהַאט דִי מִידָה אַז עֶר הָאט מַמָשׁ נִישְׁט גֶעהֶערְט אַ זַאךְ וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעדַארְפְט הֶערְן, דָאס אִיז גֶעוֶוען וַוייל עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל צוּקוּמֶען צוּ דֶעם צוּ הֶערְן נָאר וָואס עֶר דַארְף.

אֵיינְמָאל אִיז עֶר גֶעזִיצְן צוּזַאמֶען מִיט נָאךְ תַּלְמִידִים פַאר זַיין רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִ"יעַ, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט דַאן גֶערֶעדְט צוּ דִי אַנְדֶערֶע תַּלְמִידִים אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהן וִוי רֶבִּי נַחְמָן בֵּייגְט זִיךְ צוּ אוּן פְּרוּבִּירְט צוּ הֶערְן, עֶס אִיז זֵיי גֶעוֶוען זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט. הָאט זֵיי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט: אִיר זָאלְט וִויסְן אַז עֶר הֶערְט בִּכְלַל נִישְׁט וָואס אִיךְ רֶעדְט יֶעצְט, עֶר הָאט אַזוֹיפִיל גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז עֶר הָאט גֶע'פּוֹעֵל'ט אַז עֶר זָאל מַמָשׁ נִישְׁט הֶערְן וָואס עֶר דַארְף נִישְׁט, אוּן דֶערְפַאר הֶערְט עֶר נִישְׁט וָואס אִיךְ זָאג יֶעצְט, אָבֶּער אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעזֶעהן וִוי מַיין מוֹיל שָׁאקֶלְט זִיךְ הָאט עֶר זִיךְ צוּגֶעבּוֹיגְן צוּ קֶענֶען הֶערְן.

דִי סִיבָּה פַארְוָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז פַארְנוּמֶען צוּ הֶערְן אוּן רֶעדְן נַארִישְׁקַייטְן אִיז נָאר וַוייל עֶר גֵייט לֵיידִיג. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט לֵיידִיג, עֶר טוּט נִישְׁט גָארְנִישְׁט, פִּיהלְט עֶר נִישְׁט קַיין סִיפּוּק אִין לֶעבְּן, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אִים אַז עֶר זָאל וֶוערְן פַארְנוּמֶען מִיט נַארִישְׁקַייטְן, עֶר הָאפְט אַז אַזוֹי וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען זַיין סִיפּוּק. אָבֶּער דֶער אֶמֶת אִיז אַז דָאס בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין סִיפּוּק, מֶען דַארְף נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זַיין פַארְנוּמֶען מִיט גוּטֶע זַאכְן, מִיט לֶערְנֶען, מִיט דַאוֶוענֶען, אוּן מִיט טוּהן מִצְוֹת, דָאס בְּרֶענְגְט יָא סִיפּוּק פַארְן מֶענְטְשׁ, אוּן אֵיינְמָאל מֶען בַּאקוּמְט סִיפּוּק פוּן גוּטֶע זַאכְן פֶעלְט שׁוֹין נִישְׁט אוֹיס צוּ רֶעדְן אוּן זַיין פַארְנוּמֶען מִיט נַארִישְׁקַייטְן.

ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס בֶּעהְט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל נִישְׁט רֶעדְן אוּן נִישְׁט הֶערְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט, נָאר זַיין פַארְנוּמֶען מִיט גוּטֶע זַאכְן שְׁטֶענְדִיג. וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָ"א"שׁ חֵלֶק ה' וְחֵלֶק י"ב עֶרֶךְ לָשׁוֹן הָרַע, וְחֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ שְׁמִיעָה)

# וַואסֶער אוֹיף פֶּסַח אִיז שׁוֹין דָא...

אֵיינְמָאל פַאר פֶּסַח אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי נָתָן זַיין טָאכְטֶער חַנָה צִירְל אוּן זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט: "טַאטֶע עֶס אִיז שׁוֹין זֵייעֶר נָאנְט צוּ פֶּסַח, אוּן מִיר הָאבְּן נָאךְ גָארְנִישְׁט אוֹיף פֶּסַח, וָואס וֶועט דָא זַיין?"

דֶעמָאלְט אִיז דוּרךְ גֶעגַאנְגֶען גָאר שְׁוֶוערֶע צַייטְן אוֹיף רֶבִּי נָתָן, מֶען הָאט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶע'רוֹדְפְ'ט, אַזוֹי וַוייט אַז מֶען הָאט מַמָשׁ מוֹרָא גֶעהַאט צוּ רֶעדְן מִיט אִים, אוּן רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט אִיז זֵייעֶר אַ גֶעדְרִיקְטֶע מַצָב.

הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט צוּ זַיין טָאכְטֶער: "טָאכְטֶער'ל דַארְפְסְט זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיכֶער הֶעלְפְן, אוּן מִיר וֶועלְן הָאבְּן אוֹיף פֶּסַח".

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען נֶענְטֶער צוּ פֶּסַח, דֶער מִנְהָג אִיז גֶעוֶוען אָנְצוּשֶׁעפְּן וַואסֶער פוּן פַאר פֶּסַח, אוֹיף אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעהָאלְפְן פַאר רֶבִּי נָתָן אָנְצוּשֶׁעפְּן עֶטְלִיכֶע פֶעסֶער וַואסֶער אַז עֶס זָאל זַיין גֶענוּג אוֹיף אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב.

הָאט זִיךְ רֶבִּי נָתָן אָנְגֶערוּפְן צוּ זַיין טָאכְטֶער: "בָּרוּךְ ה' אַז וַואסֶער אוֹיף פֶּסַח אִיז שׁוֹין דָא", אָבֶּער דִי טָאכְטֶער הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט: "אָבֶּער טַאטֶע, אוֹיסֶער וַואסֶער הָאבְּן מִיר נָאךְ גָארְנִישְׁט אוֹיף פֶּסַח", רֶבִּי נָתָן הָאט אִיר וַוייטֶער מְחַזֵק גֶעוֶוען אוּן גֶעזָאגְט: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז נִישְׁט פַארְלָאזְן, לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן אַז דִי אִיבְּרִיגֶע זַאכְן וֶועט אוֹיךְ זַיין".

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען עֶרֶב פֶּסַח, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַן עוֹשֶׁר, אִיז נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן אוּן גֶעטְרַאכְט: "וֶוער וֵוייסְט אוֹיב רֶבִּי נָתָן הָאט אוֹיף פֶּסַח צוּ מַאכְן?", אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶענוּמֶען אַ וָואגְן, אוּן עֶס אָנְגֶעפִּילְט מִיט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, מַצוֹת, וַויין, קַארְטָאפְל, אֵייעֶר, אוּן נָאךְ, עֶר הָאט אַלֶעס אַרִיבֶּער גֶעבְּרֶענְגְט צוּ רֶבִּי נָתָן אוּם עֶרֶב פֶּסַח, עֶס הָאט מַמָשׁ אוֹיפְגֶעלֶעבְּט זַיין שְׁטוּבּ.

בַּיים סֵדֶר נַאכְט הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעדַאנְקְט אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיינֶע גְרוֹיסֶע חֲסָדִים, אַז עֶר הָאט גֶעהַאט אוֹיף פֶּסַח.

בַּיי דִי סְעוּדָה הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט פַאר זַיין טָאכְטֶער: "וֶוען אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן, הָאבּ אִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעטְרַאכְט פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ", דָאס מֵיינְט אַז עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעטְרַאכְט אַ וֶועג וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן, עֶר הָאט פָּשׁוּט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָן קַיין שׁוּם חֶשְׁבּוֹנוֹת, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים הֶעלְפְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים טַאקֶע גֶעהָאלְפְן.

דֶערְפַאר, יֶעדֶער אִיד וָואס מוּטְשֶׁעט זִיךְ צוּ הָאבְּן אוֹיף פֶּסַח, אִיז נָאר דָא אֵיין עֵצָה, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן.

(לוּחַ בְּרֶסְלַב פַּרְשַׁת וַיִקְרָא שְׁנַת תשע"ג)

# שִׂמְחָה, דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה

אִיךְ בֶּעהְט דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק דוּ זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין צוּגֶעלֵייגְט אוּן טְרוֹיעֶרִיג, שְׁטֶענְדִיג זָאלְסְטוּ זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, וָואס דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן כ"ד) מִצְוָה גְדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז אַ גוּטֶע עֵצָה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ וְכוּ׳, נָאר עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וָוארוּם שִׂמְחָה אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דִבְרֵי הַיָמִים א׳ ט"ז) "עוֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ", דָארְטְן בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶערְשְׁט נָאר שִׂמְחָה, דָאס אִיז אַ סִימָן וֶוען אַ אִיד אִיז אִין דִי קְדוּשָּׁה, וֶוען עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ.

אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זוֹהַר (תְּצַוֶּה קפד:) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים ק׳ ב׳) "עִבְדוּ אֶת הֲוָיָ"ה בְּשִׂמְחָה", חֶדְוָה דְּבַר נָשׁ מָשִׁיךְ לְגַבֵּיהּ חֶדְוָה אַחֲרָא עִלָּאָה, [דִי שִׂמְחָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט, בְּרֶענְגְט אִיהְם אַ שִׂמְחָה פוּן יֶענֶע וֶועלְט]; אוּן וֶוען אַ אִיד אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אִיז מֶען אִיהְם מוֹחֵל אַלֶע עֲווֹנוֹת, אוּן עֶר וֶוערְט פָּטוּר פוּן דִי דִינְד, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ק"ד) "אָנֹכִי אֶשְׂמַח בַּהֲוָיָ"ה יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ וּרְשָׁעִים עוֹד אֵינָם".

(אשר בנחל באידיש חלק ה׳ מכתב תרט"ז)

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳ ~

### מוהרא"ש שליט"א צוריק געקומען פון ארץ ישראל

דעם מיטוואך איז מוהרא"ש שליט"א צוריק געקומען פון ארץ ישראל נאכן ווײלן דארט פאר א וואך צו מחזק זיין די ארטיגע אידן.

די וואך דאנערשטאג איז ווייטער פארגעקומען די וועכנטליכע ליל שישי שיעור ווי געוועגליך.

מען קען מיטהאלטן יעדע וואך די שיעור מיט א לייוו הוק-אפ, אויך קען מען הערן אלטע שיעורים פון מוהרא"ש, אויפן "קול ברסלב" טעלעפאן ליין, אויפן נומער 212-444-9191.

**בזמן שהצדיק בעיר הוא הודה הוא זיוה הוא הדרה!**

***

### קמחא דפסחא קאמפיין גייט ווייטער אן

ווי געמאלדן די פארגאנגענע וואך האט מען אנגעהויבן די קאמפיין צוזאם צו שטעלן געלט צו קענען אויסצאהלן אלע איינגעשטעלטע אין אונזערע מוסדות אויף פסח.

מיטן אייבערשטנס הילף איז דער קאמפיין געקרוינט געווארן מיט א געוואלדיגע הצלחה ווען אנשי שלומינו האבן זיך זייער ווארים אנגערופן מיט גרעסערע סכומים.

ווער עס האט זיך נאכנישט משתתף געווען קען נאך אריינכאפן איבער צו געבן זיין ברייטהארציגע נדבה, און מיט דעם האבן א גלייכע חלק אין די הייליגע ארבעט.

**והלך לפניך צדקיך!**

**עס איז נאך געבליבן געציילטע פון די גאנצע סעט**

## שיחות מוהרא"ש - 15 בענדער

**וכל הקודם זכה!**

**צו באקומען בהיכל הישיבה, אדער רופט: 347-977-7994**

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה עזרא בוים הי"ו**

**צו די שמחת הבר מצוה פון זיין זוהן למזל טוב**

**הבחור החשוב נחמן נתן נ"י**

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון אלע זיינע קינדער, בני ברוכי, חיי ארוכי, ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא, אמן

## באחד באדר משמיעין על השקלים

ווי באקאנט נעמט מוהרא"ש שליט"א צוזאם יעדע יאר "קמחא דפסחא" צו העלפן די משפחות אין יבנאל צו האבן אויף יום טוב פסח.

די שטעטל האט זיך שוין ברוך ה׳ זייער ציוואקסן, עס האלט שוין היינט ביי איבער 450 משפחות כן ירבו, און מיט דעם האט זיך אויך פארמערט די געברויך פון צושטעלן "קמחא דפסחא" אז די אידן זאלן האבן אויף צרכי יום טוב

### על פי בקשת כ"ק מוהרא"ש שליט"א

ווערן אלע אנשי שלומינו געבעטן אריינצוברענגן באטש $180 אז די אידן זאלן קענען האבן א שמחת יום טוב

**מען קען אריינברענגן די געלט אינעם צענטראלן אפיס 27 Skillman St.**

**אדער רופט 718–384–1652**

## קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים**

**פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א**

אויך קען מען מיטהאלטן

יעדע וואך דעם שיעור

מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**





מיר נעמען אן צו

פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!

וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים

שנעל גוט און ביליג!

רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554

5554printing@gmail.com


**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת אחרי, שבת הגדול, י"ב ניסן, שנת תשע"ד לפ"ק
שנה 3, גליון 31 (131)

**זמנים**

הדלקת הנרות.................7:13
סוף זמן קר"ש....................9:03
מוצש"ק..............................8:45

**שיעורים כסדרן**

בבלי..............................ביצה י"ג
ירושלמי..........................נדה ב'
תוספתא.........כלים ב"מ פרק ט'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְאַל יָבֹא בְכָל עֵת אֶל הַקֹּדֶשׁ מִבֵּית לַפָּרֹכֶת אֶל פְּנֵי הַכַּפֹּרֶת אֲשֶׁר עַל הָאָרֹן וְלֹא יָמוּת כִּי בֶּעָנָן אֵרָאֶה עַל הַכַּפֹּרֶת.** מוֹהַרַ"אשׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קט"ו) אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעוֶוען וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אֵיין טָאג מַאכְט עֶר אָפּ אַז עֶר וִויל תְּשׁוּבָה טוּהן אוּן צוּרִיק זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, דַאן קוּמְט דִי מִדַּת הַדִין אוּן זָאגְט אַז מֶען קֶען דָאס נִישְׁט צוּלָאזְן, מֶען מוּז שְׁטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען קֶען אִים נִישְׁט לָאזְן אוֹיף אֵיינְמָאל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ אַ בַּעַל הָרַחֲמִים, עֶר הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיפְן מֶענְטְשׁ, דֶערְפַאר בַּאהַאלְט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִין דִי מְנִיעוֹת, אֲפִילוּ עֶס וֶוערְט טַאקֶע אוּנְטֶער גֶעשְׁטֶעלְט שְׁטֶערוּנְגֶען פַארְן מֶענְטְשׁ, עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען אַזוֹי גְרִינְג תְּשׁוּבָה טוּהן, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאהַאלְט זִיךְ דָארְט, אוּן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶס אֶמֶת'דִיג, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אוּן עֶר וֶועט מַצְלִיחַ זַיין.

דָאס אִיז וָואס דֶער פָּסוּק זָאגְט בַּיי מַתַּן תּוֹרָה **וַיַּעֲמֹד הָעָם מֵרָחֹק** - דִי פָּשׁוּט'ע מֶענְטְשְׁן וֶוען זֵיי זֶעהְן דִי מְנִיעוֹת, זֵיי זֶעהְן אַז עֶס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי גְרִינְג צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, בְּלַייבְּן זֵיי שְׁטֵיין פוּן דֶער וַוייטְנְס. אָבֶּער, **וּמֹשֶׁה נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל** - מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, דֶער צַדִיק לֶערְנְט אוּנְס, אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעהְט אוֹיס פַארְנֶעפְּלְט, דַארְף מֶען זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן נָאר גֵיין וַוייטֶער מִיט אַ שְׁטַארְקַייט. וַוייל, **אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים**, דָארְט אִין דִי גֶעדִיכְטֶע נֶעפְּל אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

דָאס אִיז דִי פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וְאַל יָבֹא בְכָל עֵת אֶל הַקֹּדֶשׁ**, מֶען קֶען נִישְׁט אֵייבִּיג אַזוֹי גְרִינְג צוּקוּמֶען צוּ דִי קְדוּשָׁה, עֶס אִיז שְׁוֶוער, עֶס אִיז דָא אוֹיפְן וֶועג אַסַאךְ שְׁטֶערוּנְגֶען, אָבֶּער מֶען דַארְף וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקְן אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן וַוייל אַזוֹי קוּמְט עֶס, **כִּי בֶּעָנָן אֵרָאֶה עַל הַכַּפֹּרֶת**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען מֶען טְרֶעפְן אִין דִי וָואלְקְן, אִין דִי נֶעפְּל. עֶס זֶעהְט טַאקֶע אוֹיס שְׁוֶוער פוּן אָנְהוֹיבּ, אָבֶּער אַז מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ אוּן מֶען גֵייט

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרַ"אשׁ

### ~ שַׁבָּת הַגָּדוֹל ~

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, נְטִילַת יָדַיִם שַׁחְרִית, הֲלָכָה ב') אַז דֶער שַׁבָּת הֵייסְט "שַׁבָּת הַגָּדוֹל" וַוייל דֶעמָאלְט אִיז גֶעשֶׁעהְן גְרוֹיסֶע נִיסִים דוּרְךְ תְּפִלָּה, דוּרְךְ דֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְבָרִים ד') כִּי מִי גוֹי "גָּדוֹל" אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרֹבִים אֵלָיו כַּה' אֱלֹקֵינוּ בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו, וֶוער אִיז נָאךְ אַזַא "גְרוֹיס" פָּאלְק וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי נָאנְט צוּ זֵיי וֶוען זֵיי רוּפְן צוּ אִים, זֶעהְט מֶען אַז מִיר הֵייסְן אַ גְרוֹיס פָּאלְק וַוייל מִיר קֶענֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אוּנְז.

נָאךְ שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מְלָכִים ב, ח) סַפְּרָה נָּא לִי אֵת כָּל "הַגְּדֹלוֹת" אֲשֶׁר עָשָׂה אֱלִישָׁע, דֶערְצֵייל מִיר דִי "גְרוֹיסֶע" זַאכְן וָואס אֱלִישָׁע הָאט גֶעטוּהן, זָאגְט דִי גְמָרָא (מְגִילָה כ"ז) אַז אַלֶעס נִיסִים וָואס אֱלִישָׁע הָאט גֶעטוּהן אִיז גֶעוֶוען נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה, דוּרְךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֶעהְט מֶען וִוידֶער אַז וֶוען מֶען מַאכְט נִיסִים דוּרְךְ תְּפִלָּה הֵייסְט דָאס "גָּדוֹל" - "גְרוֹיס".

אוּן דֶערְפַאר הֵייסְט דֶער שַׁבָּת "שַׁבָּת הַגָּדוֹל" וַוייל דֶעמָאלְט אִיז גֶעשֶׁעהְן גְרוֹיסֶע נִיסִים דוּרְךְ דֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הֵייסְט דָאס שַׁבָּת "הַגָּדוֹל" - דֶער "גְרוֹיסֶער" שַׁבָּת.

דֶער טוּר בְּרֶענְגְט (אוֹרַח חַיִים סִימָן ת"ל) אַז אִין שַׁבָּת הַגָּדוֹל הָאבְּן דִי אִידְן גֶענוּמֶען אַ לֶעמֶעלֶע וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי עֲבוֹדָה זָרָה פוּן דִי מִצְרִיִים אוּן עֶס צוּגֶעבּוּנְדְן צוּם בֶּעט, כְּדֵי דָאס צוּ שֶׁחְטְ'ן פַאר אַ קָרְבַּן פֶּסַח, אוּן דִי מִצְרִיִים הָאבְּן גֶעקְרִיצְט מִיט דִי צֵיין אָבֶּער זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט טוּהן, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען אֵיין נֵס וָואס אִיז גֶעשֶׁעהְן

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

ווייטער אָן, וועט דער אייבערשטער העלפן און מען וועט סוף כָּל סוף זיין אן ערליכער איד.

(זֹאת הַתּוֹרָה אַחֲרֵי ב)

***

**בְּזֹאת יָבֹא אַהֲרֹן אֶל הַקֹּדֶשׁ**, מוֹהֲרַאַ"שׁ שְׁלִיטָ"א איז מַסְבִּיר דעם פָּסוּק, לויט ווי עס איז באקאנט פון די סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים, אז דאס ווארט "זֹאת" גייט ארויף אויף "אֱמוּנָה" - צו גלייבן אינעם אייבערשטן.

דער רֶבִּי זאגט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן ה׳) אז דער עיקר פון א איד איז אֱמוּנָה, א איד דארף זיך שטענדיג איבערקוקן ווי ער האלט אין די אֱמוּנָה, צו ער גלייבט טאקע אינעם אייבערשטן מיט אן אֱמֶת, און מען דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן צו האבן א ריינע אֱמוּנָה, און נישט האבן קיין קֻשְׁיוֹת אויפ'ן אייבערשטן.

דאס איז פְּשַׁט אין פָּסוּק, **בְּזֹאת יָבֹא אַהֲרֹן אֶל הַקֹּדֶשׁ** - ווי אזוי קען א איד אריינגיין אין די קְדוּשָׁה? דורך אֱמוּנָה. א מענטש זאל זיך אריינלייגן אין אֱמוּנָה צו גלייבן אֱמֶת'דיג אינעם אייבערשטן, און אזוי וועט ער אנקומען צו אלע גוטע זאכן.

(זֹאת הַתּוֹרָה אַחֲרֵי ג)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרַאַ"שׁ

נאר דורך דעם וואס די אידן האבן געבעטן דעם אייבערשטן.

נאך א נס וואס האט דעמאלט פאסירט ווערט געברענגט אין מִדְרָשׁ (מִדְרָשׁ תְּהִלִּים מִזְמוֹר קל"ו) אז ווען דער אייבערשטער האט אנגעזאגט די מִצְרַיִם אז די בְּכוֹרִים וועלן שטארבן, זענען אלע בְּכוֹרִים געגאנגען צו זייערע טאטע'ס און געזאגט: "ביז יעצט איז געשעהן אלעס וואס משֶׁה האט געזאגט, ווילט איר נישט אז מיר זאלן בלייבן לעבן? לאזט ארויס די אידן פון מִצְרַיִם, ווייל אויב נישט וועלן מיר שטארבן!" האבן די טאטע'ס געענטפערט: "אֲפִילוּ אלע מִצְרִיִּים וועלן שטארבן וועלן מיר נישט ארויס לאזן די אידן פון דא!", זענען די בְּכוֹרִים געגאנגען צו פַּרְעֹה און געשריגן און זיך געבעטן: "לאז ארויס די אידן פון דא, מיר האבן נאר צָרוֹת פון זיי", האט פַּרְעֹה געהייסן זיינע קנעכט אז זיי זאלן פארטרייבן די בְּכוֹרִים. וואס האבן די בְּכוֹרִים געטוהן? יעדער האט גענומען א שווערד און גע'הרג'ט זיין טאטע, "לְמַכֵּה מִצְרַיִם בִּבְכוֹרֵיהֶם", זעקס הונדערט טויזנט מִצְרִיִּים זענען דעמאלט'ס גע'הרג'ט געווארן דורך די בְּכוֹרִים.

זעהט מען די גרויסע נִסִּים וואס איז דעמאלט געשעהן, און אלעס דורך תְּפִלָּה, משֶׁה רַבֵּינוּ איז געקומען און אויסגעלערנט פאר די אידן אז זיי קענען רעדן צום אייבערשטן, און די אידן האבן עס טאקע געטוהן, און אזוי איז געשעהן די נִסִּים, און דערפאר הייסט דער שַׁבָּת "שַׁבָּת הַגָּדוֹל".

## דער שֵׂכֶל אין גָלוּת

בְּאֱמֶת איז דאס געווען דער עיקר גָלוּת מִצְרַיִם, אז דער שֵׂכֶל איז געווען אין גָלוּת, די אידן האבן נישט געוואוסט פון זייער גרויסער כֹּחַ, אז זיי קענען אלעס אויס'פועל'ן מיט תְּפִלָּה, ביז משֶׁה רַבֵּינוּ איז געקומען און ער האט זיי אויסגעלערנט אז זיי קענען אלעס פועל'ן ביים אייבערשטן, און דאס האבן זיי טאקע אנגעהויבן צו טוהן און אזוי זענען זיי ארויס פון מִצְרַיִם, און מיר האבן זוכה געווען צו דעם יום טוב פֶּסַח - "פֶּה-סָח" אז דער מויל האט אנגעהויבן שמועסן מיטן אייבערשטן.

דערפאר איז יעצט אין "שַׁבָּת הַגָּדוֹל" די ריכטיגע צייט זיך צו באנייען אין די זאך פון רעדן צום אייבערשטן, ארויסצוגיין פונעם אייגענעם מִצְרַיִם, מען זאל וויסן פון די אייגענע כּוֹחוֹת, אז דער אייבערשטער האט אונז זייער ליב, און מען קען אלעס אויס'פועל'ן ביי אים, מען דארף נאר עפענען דעם מויל און אנהייבן רעדן צום אייבערשטן, בעטן ביים אייבערשטן וואס מען וויל, און דער אייבערשטער וועט זיכער העלפן.

דער רֶבִּי זאגט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן פ"ח): דעם טַעַם פארוואס מען דרייט איבער דעם טיש אום שַׁבָּת הַגָּדוֹל. ווייל דער טיש ווייזט אויפ'ן דִּיבּוּר, אויף רעדן, אזוי ווי דער פָּסוּק זאגט (יְחֶזְקֵאל מא, כב) "וַיְדַבֵּר" אֵלַי זֶה "הַשֻּׁלְחָן" אֲשֶׁר לִפְנֵי ה׳. דערפאר דרייט מען איבער דעם טיש ווייל דער דִּיבּוּר ווערט איבערגעדרייט. פאר מען איז ארויס פון מִצְרַיִם איז דער דִּיבּוּר נאך געווען אין גָלוּת, און נאכדעם איז מען ארויס פון מִצְרַיִם און עס איז געווארן "פֶּסַח" - "פֶּה-סָח", מען האט אנגעהויבן רעדן, איז דער דִּיבּוּר ארויס פון גָלוּת.

דאס מיינט, אז ווי באקאנט איז איינגעפירט ביי כִּמְעַט אלע אידישע שטיבער, אז אום שַׁבָּת הַגָּדוֹל עסט מען נישט אויף דעם געווענליכן פלאץ וואו מען עסט געווענליך שַׁבָּת, ווייל דארט איז שוין גרייט פאר פֶּסַח, מען עסט אויף א צווייטע טיש. זאגט דער רֶבִּי אז דאס קומט אונז לערנען אז פאר פֶּסַח איז דער טיש, וואס דאס גייט ארויף אויף רעדן צום אייבערשטן, נאכנישט אויף די ריכטיגע פלאץ. ביז עס קומט פֶּסַח, עסט מען דעם הייליגן סֵדֶר שוין אויפ'ן ריכטיגן פלאץ, ווייל דעמאלט גייט יעדער איד ארויס פון מִצְרַיִם, ער הייבט אן רעדן צום אייבערשטן.

אָבער מען דארף אויך אכטונג געבן, אזוי ווי מען עסט טאקע נישט שַׁבָּת הַגָּדוֹל אויף די געווענליכע טיש, קען זייער גרינג אויסקומען אז מען רעגט זיך אויף, ווייל עס איז דאך נישט מסודר אלעס ווי נארמאל, און דער רֶבִּי זאגט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן ס"ח) אז דער עיקר פַּרְנָסָה פון א מענטש ווענדט זיך צו ער רעגט זיך נישט אויף, ווייל כַּעַס נעמט אוועק די פַּרְנָסָה, דערפאר אויב וויל מען טאקע פארעכטן דעם טיש און באקומען גרויס שֶׁפַע אויף פֶּסַח, דארף מען בעטן דעם אייבערשטן, אז מען זאל זיך נישט אויפרעגן קיינמאל, און פירן דעם שַׁבָּת הַגָּדוֹל מיט רוהיגקייט און פרייד, און דעמאלט וועט גארנישט פעלן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַאַ"שׁ חֵלֶק ט"ז עֶרֶב שַׁבָּת הַגָּדוֹל)

# מֶען גְרֵייט זִיךְ אוֹיף פֶּסַח

יֶעדֶער גְרֵייט זִיךְ אוֹיף פֶּסַח, מֶען רוֹימְט אוּן מֶען זוֹיבֶּערְט אוֹיס דִי הוֹיז אוֹיף פֶּסַח, אַז עֶס זָאל נִישְׁט בְּלַייבְּן קַיין בְּרֶעקְל חָמֵץ. מֶען קוֹיפְט אֵיין לְכָבוֹד יוֹם טוֹב, מַצוֹת, וַויין, פִישׁ אוּן פְלֵיישׁ, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ וֶועשׁ אוּן שִׁיךְ פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, יֶעדֶער גְרֵייט זִיךְ צוּם יוֹם טוֹב.

אָבֶּער אַזוֹי וִוי מֶען גְרֵייט אָן בְּגַשְׁמִיּוּת, דַארְף מֶען אוֹיךְ גֶעדֶענְקְן זִיךְ אָנְצוּגְרֵייטְן אוֹיף יוֹם טוֹב בְּרוּחֲנִיּוּת, מֶען דַארְף לֶערְנֶען דִי הֲלָכוֹת פוּן פֶּסַח, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל הָאבְּן אַ כָּשֵׁר'ן אוּן פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב, אוּן אַז מֶען זָאל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַ מַשֶׁהוּ חָמֵץ, אוּן אַז מֶען זָאל מְקַיֵּים זַיין אַלֶע מִצְוֹת פוּנֶעם יוֹם טוֹב וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין פְרֵיילִיכֶערְהֵייט.

אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען גָארְנִישְׁט טוּהן. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "דִי וֶועלְט זָאגְט - דוּ טוּה אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט שׁוֹין הֶעלְפְן, אוּן אִיךְ זָאג - אוֹיב דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן וֶועסְטוּ קֶענֶען עֶפֶּעס טוּהן", אָבֶּער אוֹיב מֶען לֶערְנְט דִי הֲלָכוֹת אוּן מֶען בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס בְּרֶענְגְט פַארְן מֶענְטְשׁ אַ סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא אַז אַלֶעס זָאל טַאקֶע זַיין וִוי אַזוֹי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

***

**דִי גֶעשְׁמַאקֶע טַעַם פוּנֶעם יוֹם טוֹב**

אֵיינְמָאל הָאט רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער גֶעהָאלְפְן פַאר רֶבִּי נָתָן אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן דִי סוּכָּה עֶרֶב סוּכּוֹת, עֶר הָאט שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט אַ גַאנְצְן טָאג אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן דִי סוּכָּה. בַּיינַאכְט בַּיי דִי סְעוּדָה הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: וֶוען מֶען אַרְבֶּעט שְׁוֶוער אַ גַאנְצְן טָאג אוּן מֶען מוּטְשֶׁעט זִיךְ גוּט צוּ אוֹיפְשְׁטֶעלְן דִי סוּכָּה, דֶעמָאלְט פִיהלְט מֶען גָאר אַן אַנְדֶערֶע טַעַם אִין דִי סוּכָּה.

הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: דָאס הָאסְטוּ נָאכְנִישְׁט פְּרוּבִּירְט, צוּ בֶּעטְן אַ גַאנְצְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גֶעבּ מִיר צוּ שְׁפִּירְן דִי טַעַם פוּן דִי סוּכָּה", וָואסֶערֶע טַעַם מֶען שְׁפִּירְט דֶעמָאלְט אִין דִי סוּכָּה.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי אַלֶע יָמִים טוֹבִים, אוֹיבּ מֶען בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קוֹדֶם אַז מֶען זָאל פִילְן אַ גֶעשְׁמַאקֶע טַעַם אִין דֶעם יוֹם טוֹב, אוּן אִין דִי מִצְוֹת פוּנֶעם יוֹם טוֹב, דַאן שְׁפִּירְט מֶען גָאר אַן אַנְדֶערֶע טַעַם, עֶס אִיז גָאר אַ גֶעשְׁמַאקֶע יוֹם טוֹב.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ הֲכָנוֹת לְחַג הַפֶּסַח)

# פֶּסַח מַצָּה וּמָרוֹר

רַבָּן גַּמְלִיאֵל הָיָה אוֹמֵר: כָּל שֶׁלֹּא אָמַר שְׁלֹשָׁה דְּבָרִים אֵלּוּ בַּפֶּסַח, לֹא יָצָא יְדֵי חוֹבָתוֹ, וְאֵלּוּ הֵן: פֶּסַח, מַצָּה, וּמָרוֹר. דִי דְרֵיי זַאכְן זֶענֶען מְרַמֵּז אוֹיף דִי דְרֵיי שְׁטַאפְּלֶען וָואס אַ מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ אִין זַיין לֶעבְּן, דִי יוּנְגֶע יָארְן, דִי מִיטֶעלֶע יָארְן, אוּן דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן. פֶּסַח - אִיז קֶעגְן דִי יוּנְגֶע יָארְן, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (קֹהֶלֶת רַבָּה א', ג') אַז אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן שְׁפְּרִינְגְט אַ מֶענְטְשׁ אַזוֹי וִוי אַ צִיג, אוּן דָאס אִיז דִי לָשׁוֹן פוּן "פֶּסַח" - שְׁפְּרִינְגֶען. מַצָּה - אִיז קֶעגְן דִי מִיטֶעלֶע יָארְן, וָואס דַאן אִיז דִי עִיקָר צַייט וָואס מֶען הָאט דִי בְּחִירָה צוּ מֶען זָאל וֶוערְן חָמֵץ חַ"ו אָדֶער בְּלַייבְּן הֵיילִיגֶע מַצָּה. אוּן מָרוֹר אִיז קֶעגְן דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (שַׁבָּת קנ"א:) אוֹיפְן פָּסוּק (קֹהֶלֶת י"ב) "עַד אֲשֶׁר לֹא יָבֹאוּ יְמֵי הָרָעָה".. אֵלּוּ יְמֵי הַזִּקְנָה.

זָאגְט רַבָּן גַּמְלִיאֵל, אַז אִין דִי אַלֶע דְרֵיי שְׁטַאפְּלֶען אִין וָואס דֶער מֶענְטְשׁ גֶעפִינְט זִיךְ, סַיי אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן, סַיי אִין דִי מִיטֶעלֶע יָארְן, אוּן סַיי אִין דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן, אֵייבִּיג דַארְף זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וַוייל נָאר דָאס וֶועט בְּלַייבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ, נָאר דִי תּוֹרָה תְּפִלָּה אוּן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, נָאר דָאס בַּאגְלֵייט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף שְׁטֶענְדִיג.

דָאס אִיז דֶער גַאנְצֶער עִנְיָן פוּן פֶּסַח. וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם אִיז זֵייעֶר דַעַת גֶעוֶוען אִין גָלוּת, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן וֶוען זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם אִיז גֶעוָוארְן "פֶּה - סָח" זֵייעֶר מוֹיל הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן תּוֹרָה וּתְפִלָּה.

דֶערִיבֶּער זָאגְט רַבָּן גַּמְלִיאֵל אַז דֶער מוֹיל וָואס דַארְף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס דַארְף מֶען טוּהן אַ גַאנְץ לֶעבְּן, אִין אַלֶע שְׁטַאפְּלֶען פוּן לֶעבְּן. אוּן אוֹיב נִישְׁט, לֹא יָצָא יְדֵי חוֹבָתוֹ - הָאט עֶר נִישְׁט בַּאצָאלְט זַיין חוֹב פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט דָאךְ בַּיי זִיךְ אַז עֶר אִיז שׁוּלְדִיג אַסַאךְ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט זִיךְ אַסַאךְ מָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אוֹיב עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ נִישְׁט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען בַּאצָאלְן זַיין חוֹב.

## אַרוֹיס פוּן בֵּית הַמִּדְרָשׁ!

דֶער אֱמֶת אִיז אַז רַבָּן גַּמְלִיאֵל גֵייט לוֹיט וִוי אַזוֹי עֶר הַאלְט אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע פְּלַאץ. רַבָּן גַּמְלִיאֵל הָאט גֶעזָאגְט (בְּרָכוֹת כ"ח.) אַז וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט תּוֹכוֹ כְּבָרוֹ, עֶר אִיז נִישְׁט מַמָּשׁ הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט דִי זֶעלְבֶּע עֶרְלִיךְ אִין הַארְץ וִוי אִינְדְרוֹיסְן, אַזַא אֵיינֶער זָאל נִישְׁט אַרַיינְקוּמֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט מֶענְטְשְׁן זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג. שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען גֶעמַאכְט רַבָּן גַּמְלִיאֵל אוֹיס נָשִׂיא, אַנְשְׁטָאט אִים הָאט מֶען גֶענוּמֶען רֶבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה, וָואס עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מֶער גְרִינְג מִיט מֶענְטְשְׁן, עֶר הָאט יָא אַרַיינְגֶעלָאזְט יֶעדְן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אוּן דִי גְמָרָא זָאגְט אַז יֶענֶעם טָאג אִיז צוּגֶעקוּמֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ פְרִישֶׁע פִיר הוּנְדֶערְט בֶּענְק מִיט תַּלְמִידִים.

וַוייל דָאס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ גֵיין מִיט מֶענְטְשְׁן גְרִינְגֶערְהֵייט אוּן מְקָרֵב זַיין יֶעדְן אֵיינֶעם, אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס אִיז נָאכְנִישְׁט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט, אֲפִילוּ זַיינֶע יוּנְגֶע אָדֶער מִיטֶעלֶע יָארְן זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, דַארְף מֶען אִים אוֹיךְ מְקָרֵב זַיין. וַוייל אַ אִיד קֶען שְׁטֶענְדִיג אָנְהוֹיבְּן פוּן נַיי, מֶען קֶען אֵייבִּיג זִיךְ בַּאנַייעֶן אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַרַיינְכַאפְּן כָאטְשׁ פוּן יֶעצְט צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, טוּהן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס נָאר דָאס בְּלַייבְּט אִיבֶּער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

מִיר גֶעפִינֶען אַסַאךְ אִין חֲזַ"ל אַז דִי וָואס הָאבְּן מְקָרֵב גֶעוֶוען אִידְן מִיט לִיבְשַׁאפְט אוּן סַבְלָנוּת, זֵיי הָאבְּן דִי מֶערְסְטֶע מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מְקָרֵב צוּ זַיין אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (שַׁבָּת ל"א.) אוֹיף הִלֵּל הַזָּקֵן וָואס הָאט מְקָרֵב גֶעוֶוען יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן וֶוען דִי דְרֵיי גֵרִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אִים מִיט זֵייעֶרֶע נַארִישֶׁע קֻשְׁיוֹת, הָאט עֶר

המשך בדף ד

# פֶּסַח מַצָּה וּמָרוֹר

המשך

גֶעהַאט סַבְלָנוּת צוּ זַיי אוּן זַיי מְקָרֵב גֶעוֶוען בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.

## נִישְׁט אַרָאפְּקְלַאפְּן זִיךְ אַלֵיין

דִי וֶועלְבֶּע אִיז בַּיים מֶענְטְשׁ אַלֵיין, מֶען דַארְף הָאבְּן סַבְלָנוּת אוֹיךְ צוּ זִיךְ אַלֵיין, אֲפִילוּ וֶוען מֶען זֶעהט אַז מֶען אִיז נָאכְנִישְׁט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט, מֶען אִיז נָאךְ וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער טֶעג וְואכְן אוּן חֳדָשִׁים וָואס מֶען הָאט פַארְבְּרֶענְגְט מִיט נַארִישְׁקַייטְן אוּן גֶעטוּהן זַאכְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט, טָאר מֶען נִישְׁט וֶוערְן צוּבְרָאכְן אוּן צוּקְלַאפְּט, אוּן טְרַאכְטְן אַז מֶען אִיז שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְט אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין, נָאר מֶען דַארְף הָאבְּן סַבְלָנוּת, אוּן פְּרוּבִּירְן אַרַיינְצוּכַאפְּן כָּאטְשׁ וָואס מֶען קֶען, אוּן אַסַאךְ רֶעדְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט נִישְׁט אוֹיפְּגֶעבְּן, נָאר זִיךְ שְׁטַארְקְן, וֶועט עֶר זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין סַיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן סַיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ יְמֵי נִיסָן וְחַג הַפֶּסַח)

# ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳ ~

## אנשי שלומינו באוויינען די פריצייטיגע פטירה פון ר׳ אלי׳ הורוויץ ע"ה

מיט גרויס צער און ווייטאג האבן אנשי שלומינו אויפגענומען די נייעס איבער די פריצייטיגע פטירה פון ר׳ אלי׳ הורוויץ ע"ה.

ר׳ אלי׳ ע"ה איז געווען א טייערער איד, עוסק געווען בתורה ותפלה און האט מקיים געווען אלע עצות פון רבי'ן, ער איז געווען זייער איבערגעגעבן פאר מוהרא"ש און פאר אנשי שלומינו, און איז שטענדיג געווען גרייט ארויס צו העלפן מיט וואס מען דארף.

מיט בערך א חודש צוריק איז ער זייער נישט געזונט געווארן ל"ע, און איז געליגן אין שפיטאל ביז דעם מיטוואך, ווען ער האט אויסגעהויכט זיין נשמה אין אינגען עלטער פון פופציג יאר.

די לוי׳ איז פארגעקומען ביים בית המדרש היכל הקודש אין בארא פארק. מוהרא"ש שליט"א האט גערעדט בשבחו פונעם נפטר, אז ר׳ אלי׳ פלעגט טוהן גאר אסאך חסד, בהצנע לכת האט ער ארויס געהאלפן זייער אסאך אידן אין זייער נויט, אויך פלעגט ר׳ אלי׳ יעדן טאג רעדן פון זיין זיידן דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע, זייענדיג א גלייכער אייניקל בן אחר בן פון דעם גרויסן צדיק.

**תהא נשמתו צרורה בצרור החיים!**

***

## שיעורים פון מוהרא"ש שליט"א חול המועד

חול המועד פסח וועט אי"ה פארקומען דער שיעור פון מוהרא"ש שליט"א דאנערשטאג נאכט ווי געווענליך אום 9:00 ביי מוהרא"ש אין בית המדרש.

אזוי ווי אייביג וועט מען אויך קענען מיטהאלטן די שיעור אויפ'ן קול ברסלב טעלעפאן ליין מיט א לייוו הוק-אפ, אויך קען מען דארט הערן פריערדיגע שיעורים פון מוהרא"ש שליט"א, און אויך נייעס און באריכטן פון די מוסדות.

**שמעו ותחי נפשכם!**

**מוסדות היכל הקודש ברסלב**

בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**בטוב צדיקים תעלוץ קריה**

מיר וואונטשן א הארציגן ברכת מזל טוב פאר

**כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א**

צו די שמחה פון די געבורט פון אן איר אייניקל

ביי מו"ה אליהו אסטרייכער שליט"א

א זוהן פון

הרב הגאון ר׳ משה אסטרייכער שליט"א

חדב"ן – דומ"ץ בארא פארק

דער אייבערשטער זאל העלפן אז די שמחה זאל משפיע זיין שמחות ביי אלע אידישע קינדער, בני ברוכי, חיי אריכי, ומזוני רויחי, וסייעתא דשמיא, אמן

**עס איז נאך געבליבן געציילטע פון די גאנצע סעט**

**שיחות מוהרא"ש - 15 בענדער**

**וכל הקודם זכה!**

**צו באקומען בהיכל הישיבה**

**אדער רופט: 347-977-7994**

**סימן טוב ומזל טוב**

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **מנשה איצקאוויטש** הי"ו

צו די אפשערן פון זיין אינגל

שמואל דוד נ"י למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון זיינע קינדער, דורות ישרים ומבורכים.




**מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען**

פאר גאר ביליגע פרייזן!

וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים

שנעל גוט און ביליג!

רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554

5554printing@gmail.com

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

יום טוב פסח, שנת תשע"ד לפ"ק

שנה 3, גליון 32 (132)


**זמנים**

הדלקת הנרות.....................7:16
מוציו"ט.............................8:49
סוף זמן קר"ש.....................9:00

**שיעורים כסדרן**

בבלי..........................ביצה ט"ז
ירושלמי........................נדה ה'
תוספתא.........כלים ב"ב פרק א'

# הַגָּדָה שֶׁל פֶּסַח

## סֵדֶר

דִי הַיינְטִיגֶע נַאכְט וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "סֵדֶר", פַארְוָואס וֶוערְט עֶס אַזוֹי אָנְגֶערוּפְן?
דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶעמָאלְט'ס גֵייט אִים אַלֶעס נִישְׁט אִין אַ סֵדֶר, זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶר וִויל, אָבֶּער וֶוען אַ אִיד וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, גֵייט אִים אַלֶעס וִוי אַזוֹי עֶר וִויל, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז וִוי אַזוֹי עֶס פִירְט זִיךְ, הָאט עֶס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיס גֶעשְׁטֶעלְט מִיט אַ סֵדֶר.
דֶערְפַאר רוּפְט מֶען אָן דִי נַאכְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם דוּרְךְ משֶׁה רַבֵּינוּ אוּן יֶעדֶער הָאט קְלָאר גֶעזֶעהְן אַז אַלֶעס פִירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, רוּפְט מֶען עֶס אָן מִיטְן נָאמֶען "סֵדֶר".

## קַדֵּשׁ – וּרְחַץ

דִי טַעַם פַארְוָואס מֶען הָאט גֶעמַאכְט דִי סִמָּנִים אִיז, וַוייל וֶוען אַ אִיד וִויל אָנְהֵייבְּן צוּ זַיין וואוֹיל אוּן דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער דַארְף עֶר זִיךְ מַאכְן אַ לִיסְטֶע, אַ צֶעטְל וָואס עֶר וִויל אַלְס טוּהְן, אוּן עֶר דַארְף שְׁטֶענְדִיג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי זַאכְן, דֶערְפַאר וֶוען מֶען גְרֵייט זִיךְ צוּם סֵדֶר אוּן מֶען וִויל זִיךְ בַּאהֶעפְטְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מַאכְט מֶען קוֹדֶם אַ לִיסְטֶע פוּן וָואס מֶען וִויל טוּהְן.

## וּרְחַץ – כַּרְפַּס

אִין דִי הַיינְטִיגֶע נַאכְט וֶוען מִיר וֶוערְן גֶעוואוּיר אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט וִוי מִיר זֶעהְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם מִיט גְרוֹיסֶע נִסִּים, דֶערְפַאר וַואשְׁן מִיר זִיךְ דִי הֶענְט צוּ וַוייזְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אוּן עֶס הָאט גָארְנִישְׁט מִיט אוּנְזֶערֶע הֶענְט.
אוּן וֶועגְן דֶעם וַואשְׁן מִיר זִיךְ פַאר מֶען עֶסְט דִי כַּרְפַּס, אַ קְלֵיינֶע שְׁטִיקְל גְרִינְצֵייג, צוּ וַוייזְן אַז אֲפִילוּ צוּ אַזַא קְלֵיינֶע שְׁטִיקֶעלֶע גְרִינְצֵייג, דָאס מֵיינְט וֵוינִיג גֶעלְט, דַארְף מֶען אוֹיךְ צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אָן אִים אִיז גָארְנִישְׁט דָא.
אוּן אוֹיךְ צוּ וַוייזְן אַז מִיר גְלֵייבְּן אַז פוּנְקְט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען גֶעבְּן אַ קְלֵיין שְׁטִיקְל "כַּרְפַּס", זָאל מֶען זִיךְ פַארְלָאזְן אַז עֶר קֶען אוֹיךְ גֶעבְּן דִי אַנְדֶערֶע "כַּרְפַּס" וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִי מְגִילָה "חוּר כַּרְפַּס וּתְכֵלֶת" וָואס דָאס מֵיינְט טַייעֶרֶע קְלֵיידֶער, מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי קְלֵיינֶע שְׁטִיקְל "כַּרְפַּס" אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיף וַוייטֶער פַאר דִי אַנְדֶערֶע "כַּרְפַּס" דִי טַייעֶרֶע קְלֵיידֶער.

המשך בדף ב

# שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

## דָא וואוֹינְט אַ אִיד

דֶער צַדִיק רֶבִּי משֶׁה לֵייבּ סַאסוּבֶער זִ"ע אִיז אֵיינְמָאל גֶעפָארְן צוּם צַדִיק דֶער רֶבִּי ר' אֶלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זִ"ע.
שַׁבָּת בַּיים טִישׁ הָאט רֶבִּי ר' אֶלִימֶלֶךְ מְכַבֵּד גֶעוֶוען רֶבִּי משֶׁה לֵייבּ סַאסוּבֶער צוּ זָאגְן תּוֹרָה.
עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן תּוֹרָה אוֹיפְן פָּסוּק וִוי עֶס שְׁטֵייט אַז פֶּסַח בַּיינַאכְט אִין מִצְרַיִם בַּיי מַכּוֹת בְּכוֹרוֹת הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶע'הַרְגֶ'ט אַלֶע בְּכוֹרִים פוּן דִי מִצְרִיִים אוּן בַּיי דִי אִידִישֶׁע הַייזֶער הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיבֶּערְגֶעטַאנְצְן, אוּן גֶעלָאזְט לֶעבְּן אַלֶע אִידִישֶׁע בְּכוֹרִים.
דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, וִויאַזוֹי טַאנְצְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיבֶּער אַ הוֹיז, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ אִיבֶּעראַל?, עֶר אִיז אֵייבִּיג אִין דִי הוֹיז אוּן אִינְדְרוֹיסְן פוּנֶעם הוֹיז, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אִיבֶּערְגֶעטַאנְצְן?
נָאר וָואס דֶען, הָאט ר' משֶׁה לֵייבּ זִ"ע גֶעעֶנְטְפֶערְט, אַז וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען אַ אִידִישֶׁע הוֹיז אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן וִוי דִי אִידְן טוּעֶן וָואס עֶר הָאט זֵיי גֶעהֵייסְן, אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טַאנְצְן "דָא וואוֹינְט אַ אִיד" "דָא וואוֹינְט אַ אִיד".
וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי תּוֹרָה הָאט עֶר זִיךְ אַלֵיינְס אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טַאנְצְן "דָא וואוֹינְט אַ אִיד" "דָא וואוֹינְט אַ אִיד"!

המשך בדף ב

# הַגָדָה שֶׁל פֶּסַח

## הָא לַחְמָא עַנְיָא

כָּל דִכְפִין יֵיתֵי וְיֵכוֹל - וֶוער עֶס אִיז הוּנְגֶערִיג זָאל קוּמֶען עֶסְן, אִין מִצְרַיִם זֶענֶען דִי אִידְן גֶעוֶוען אִין גָלוּת, אָבֶּער דֶער גָלוּת אִיז גֶעוֶוען בְּעִיקָר אַז דֶער שֵׂכֶל אִיז גֶעוֶוען אִין גָלוּת, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעטְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ מֶענְטְשׁ וָואס טְרַאכְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז גֶעוֶוענְטְלִיךְ אַ קַארְגֶער, עֶר וִויל נִישְׁט אַוֶועק גֶעבְּן זַיינְס אַ זַאךְ פַאר אַ צְוֵוייטְן, וַוייל עֶר וֶועט דָאךְ בְּלַייבְּן מִיט גָארְנִישְׁט, דֶערְפַאר דִי נַאכְט וֶוען מִיר בַּאקוּמֶען אַ בְּרֵייטֶע שֵׂכֶל, קֶען מֶען שׁוֹין גֶעבְּן אוֹיךְ פַאר אַ צְוֵוייטְן, אוּן דֶערְפַאר זָאגְן מִיר "כָּל דִכְפִין יֵיתֵי וְיֵכוֹל", מִיר טֵיילְן פַאר יֶעדְן מִיט אַ בְּרֵייטֶע הַארְץ.

## וְכַאן הַבֵּן שׁוֹאֵל

יֶעדֶער אִיד אִיז אַ בַּאלִיבְּט קִינְד בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן הַיינְט פֶּסַח בַּיינַאכְט קֶען עֶר זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיי זַיין טַאטֶע, בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף, בַּיים סֵדֶר נַאכְט אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶע עֵת רָצוֹן אוּן מֶען קֶען דֶערְמָאלְט'ס אַלֶעס פּוֹעֵל'ן, ווָאוּיל אִיז דֶעם וָואס כַאפְּט אַרוֹיס עֶטְלִיכֶע מִינוּט פוּן דֶעם נַאכְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר זִיכֶער בַּאקוּמֶען אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף.

## עֲבָדִים הָיִינוּ

דִי תִּירוּץ אוֹיף אַלֶע קַשְׁיוֹת אִיז "עֲבָדִים הָיִינוּ לְפַרְעֹה בְּמִצְרַיִם" מִיר הָאבְּן זִיךְ אַיינְגֶערֶעדְט אַז מִיר זֶענֶען קְנֶעכְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ, אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען אוּנְז עֶפֶּעס טוּהְן אָן דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פוּן דֶעם נֶעמְט זִיךְ אַלֶע צָרוֹת, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַ לֶעבְּטִיגְקֵייט צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן מִיר זֶענֶען נִישְׁט קֵיין קְנֶעכְט פַאר קֵיינֶעם.

## כָּל יְמֵי חַיֶּיךָ הַלֵּילוֹת

וֶוען עֶס אִיז טוּנְקְל פַאר אַ אִיד, עֶר פִילְט אַז קֵיינֶער דַארְף אִים נִישְׁט, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גָארְנִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט, זָאל עֶר זִיךְ דֶערְמַאנֶען פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם, אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם, וֶועט עֶר מִיךְ אוֹיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן מַיינֶע צָרוֹת.

## מִתְּחִילָּה עוֹבְדֵי עֲבוֹדָה זָרָה

דָאס אִיז דִי מַעֲלֶה פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ אַז עֶר שְׁטַאמְט פוּן תֶּרַח וָואס עֶר הָאט גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה, אוּן פוּן דֶעסְטְוֶועגְן הָאט עֶר גֶעגְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדֶע אִיד, וֶוען עֶר פִילְט אַז עֶר הָאט נִסְיוֹנוֹת, אוּן עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאךְ שְׁטַארְקְט עֶר זִיךְ, אוּן עֶר כַאפְּט אַרַיין מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## "וְהִיא" שֶׁעָמְדָה

דָאס וָוארְט "הִיא" אִיז דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיוֹת וִוי דָאס וָוארְט "אַיֵּה", דָאס

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהַרָ"אַ"שׁ

## אוֹיסְגֶעבֶּעטֶענֶע מַצוֹת

דֶער צַדִיק רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ סַאסוּבֶער זִי"עַ פְלֶעגְט צוּגְרֵייטְן זַיינֶע מַצוֹת מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע זְהִירוּת, מַמָּשׁ אוֹיסֶער גֶעוֶוענְטְלִיךְ, עֶר פְלֶעגְט אִין וִוינְטֶער אַלֵיינְ'ס אַיינְפְלַאנְצְן דִי וֵוייץ, אַלֵיינְ'ס גֶעגָאסְן דִי וַואסֶער, אַלֵיינְ'ס גֶעשְׁנִיטְן אוּן גֶעמָאלְן, אַלֵיינְ'ס גֶעקְנֶעטְן אוּן גֶעבַּאקְן, אַלֶעס מִיט אַן אוֹיסֶער גֶעוֶוענְטְלִיכֶע זְהִירוּת.

אֵיינְמָאל פַאר פֶּסַח נָאכְן בַּאקְן דִי מַצוֹת, אִיז דֶער צַדִיק אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען מִיט דִי מַצוֹת, מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה, אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן אַזֶעלְכֶע מְהוּדָר'דִיגֶע מַצוֹת אוֹיף פֶּסַח.

אוֹיפְ'ן וֶועג אַהֵיים בַּאגֶעגְנְט עֶר אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד וָואס גֵייט אוֹיךְ אַהֵיים מִיט זַיינֶע מַצוֹת, אוּן דֶער אִיד גֵייט אַזוֹי טַאנְצֶעדִיגֶערְהֵייט, עֶר זִינְגְט זִיךְ אוּנְטֶער אַ פְרֵיילִיךְ לִיד, דֶער צַדִיק הָאט זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט, "דֶער אִיד אִיז נָאךְ מֶער פְרֵיילִיךְ פוּן מִיר מִיט מַיינֶע מַצוֹת, וָואס מֵיינְט דָאס?" עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם אִיד אוּן אִים אָנְגֶעפְרֶעגְט דֶערוֹיף, הָאט דֶער אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דֶער רֶבִּי זָאל וִויסְן, אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט מַאכְן אַזֶעלְכֶע מְהוּדָר'דִיגֶע מַצוֹת וִוי דֶער רֶבִּי, אִיךְ הָאבּ דָאךְ אָבֶּער אוֹיךְ גֶעוָואלְט הָאבְּן גוּטֶע מַצוֹת, בִּין אִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען נֶעכְטְן בַּיינַאכְט, אוּן אַסַאךְ גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל אוֹיךְ הָאבְּן גוּטֶע מְהוּדָר'דִיגֶע מַצוֹת אוֹיף יוֹם טוֹב, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן אַ גַאנְצֶע נַאכְט, אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ גְלַייךְ גֶעגַאנְגֶען דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, אוּן בַּיים דַאוֶוענֶען הָאבּ אִיךְ וַוייטֶער גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל הָאבְּן גוּטֶע מַצוֹת, אוּן יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט בַּאקְן מַיינֶע מַצוֹת, אוּן אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן, אוּן דִי מַצוֹת זֶענֶען זִיכֶער גוּטֶע מְהוּדָר'דִיגֶע מַצוֹת, אוּן דֶערְפַאר בִּין אִיךְ אַזוֹי פְרֵיילִיךְ".

וֶוען דֶער צַדִיק הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם אִיד: "אִיךְ בֶּעט דִיר, אֶפְשָׁר לָאמִיר מַאכְן אַ טוֹישׁ, אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבְּן מַיינֶע מַצוֹת אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעאַרְבֶּעט אַזוֹי שְׁוֶוער, אוּן דוּ זָאלְסְט מִיר גֶעבְּן דַיינֶע מַצוֹת? וַוייל אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דוּ מִיט דַיינֶע תְּפִלּוֹת הָאסְטוּ אַסַאךְ מֶער אוֹיפְגֶעטוּהן, אוּן עֶס אִיז זִיכֶער חָשׁוּב'עֶר פוּן מַיינֶע מַצוֹת".

זֶעהְט מֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה, אַז דֶער עִיקָר וֶוענְדְט זִיךְ אַלֶעס וִויפִיל מֶען בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווָאוּיל אִיז דֶעם וָואס גְרֵייט זִיךְ צוּם יוֹם טוֹב מִיט אַסַאךְ תְּפִלּוֹת, אוּן בֶּעהְט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר זִיכֶער הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן כָּשֵׁר'ן יוֹם טוֹב.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָ"אַ"שׁ חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ פֶּסַח)

## וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט ווִי אַזוֹי מֶען ווִיל...

דֶער הֵיילִיגֶער סֵדֶר נַאכְט אִיז אַ "סֵדֶר" פַאר דִי גַאנְצֶע יָאר, ווִי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף דִי נַאכְט אַזוֹי וֶועט מֶען זִיךְ אוֹיפְפִירְן אַ גַאנְץ יָאר, אוּן דֶערְפַאר דַארף מֶען גֶעדֶענְקֶען פוּן פַאֲרָאוֹיס אַז מֶען גֵייט ווערן אוֹיסגֶעפְּרוּבְט דִי נַאכְט, צוּ זֶעהֶן אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען הַאלְטְן רוּהִיג אוּן פְרֵיילִיךְ אֲפִילוּ ווען עֶס וֶועט זַיין זַאכְן וָואס עֶר וֶועט גֵיין פַארְקֶערְט ווִי עֶר הָאט גֶעווָאלְט.

אוּן דֶערְפַאר דַארף מֶען זֶעהֶן צוּ זִיצְן בַּיים סֵדֶר מִיט שִׂמְחָה אוּן מִיט סַבְלָנוּת, אֲפִילוּ וֶוען דִי קִינְדֶער טַאנְצְן אַרוּם אַזוֹי ווִי זֵייעֶר שְׁטֵייגֶער, זֵיי ווִילְן פְרֶעגְן אַלֶע סָארְט קֻשְׁיוֹת אוּן זֵיי ווִילְן גַנְבֶ'עֶנֶען דֶעם אֲפִיקוֹמָן א.א.וו. טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אוֹיבּ אַלֶעס אִיז נִישְׁט גֶעוָוארְן צוּגֶעגְרֵייט ווִי גֶעהֶעריג, זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט רֶעגְן אוֹיף דִי מִשְׁפָּחָה אָדֶער גֶעסְט אוֹיבּ עֶס גֵייט נִישְׁט אַלֶעס ווִי גֶעפְּלַאנְט, ווייל דָאס אִיז דֶער נִסָּיוֹן פוּן דִי נַאכְט, צוּ זֶעהֶן אוֹיבּ מֶען וֶועט זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן, אָדֶער מֶען וֶועט וַוייטֶער בְּלַייבְּן רוּהִיג אוּן פְרֵיילִיךְ.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן פ"ח) אַז דִי שְׁלֵימוּת אִיז וֶוען מֶען שְׁטֶעלְט צוּזַאם דִי "שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר" מִיט דֶעם "כְּסֵדֶר", דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ עֶס זֶעהְט אוֹיס אַז זַאכְן גֵייעֶן שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר, דַארף מֶען אָבֶּער ווִיסְן אַז בֶּאֱמֶת הָאט עֶס אַ פּוּנְקְטְלִיכֶע סֵדֶר, ווִי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט עֶס, אוּן וֶוען מֶען נֶעמְט דָאס אַרַיין אִין קָאפּ, וֶועט מֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן אַזוֹי שְׁנֶעל וֶוען עֶפֶּעס גֵייט נִישְׁט ווִי דֶער סֵדֶר, אוּן דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אַז דִי גַאנְצֶע יָאר וָואס קוּמְט זָאל מֶען שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ט"ז עֶרֶב פֶּסַח)

***

## יֶעדֶער אִיד גֵייט אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם

דִי גְמָרָא זָאגְט (פְּסָחִים קט"ז:) בְּכָל דּוֹר וָדוֹר חַיָּיב אָדָם לִרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ כְּאִילוּ הוּא יָצָא מִמִּצְרַיִם, אוּן דָאס אִיז מַמָּשׁ בִּמְצִיאוּת בַּיי יֶעדְן אִיד, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זִיצְט אִין זַיין אֵייגֶענֶע מִצְרַיִם, אִין אַ מֵיצַר הַמּוֹחִין, זַיין מֹחַ אוּן הַארְץ זֶענֶען פַארְשְׁטָאפְּט, זַיין מוֹיל אִיז פַארְשְׁטָאפְּט, עֶר קֶען נִישְׁט גֶעהֶעריג דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען, עֶר אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר-סֵדְרָה יֶעדֶע וָואךְ, עֶר קֶען נִישְׁט עֶפֶּענֶען אַ מִשְׁנָיוֹת אָדֶער אַ גְמָרָא, עֶר דַאוֶוענְט נִישְׁט דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת ווִי אַזוֹי מֶען דַארף, אוּן אַוַדאי רֶעדְט עֶר נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אוּן מֶען טְרֶעפְט אַ צַדִּיק וָואס עֶפֶענְט אוֹיף דִי הַארְץ אוּן מֹחַ, עֶר עֶפֶענְט אִים אוֹיף דִי מוֹיל צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, ווערְט בַּיי אִים פֶּה-סָח, זַיין מוֹיל הָאט זִיךְ גֶעעֶפֶענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אִיז מַמָּשׁ יְצִיאַת מִצְרַיִם, עֶר גֵייט אַרוֹיס פוּן זַיין אֵייגֶענֶע מִצְרַיִם, אוּן עֶר קוּמְט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דֶערְפַאר אִיז דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח דִי רִיכְטִיגֶע צַייט וֶוען מֶען קֶען זִיךְ בַּאנַייעֶן, אַז דִי מוֹיל זָאל אַרוֹיס גֵיין פוּן גָּלוּת, דִי מוֹיל זָאל זַיין פְרֵיי צוּ קֶענֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אֲפִילוּ פוּן אָנְפַאנְג פִיהְלְט מֶען נָאכְנִישְׁט אַזַא גוּטְן טַעַם, אָבֶּער וֶוען מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ הֵיילִיגְן דִי מוֹיל מִיט הֵיילִיגֶע דִיבּוּרִים פוּן תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, ווערְט צוּבִּיסְלֶעךְ אוֹיסגֶערֵיינִיגְט דֶער מֹחַ, בִּיז מֶען הֵייבְּט אָן צוּ שְׁפִּירְן דֶעם זִיסְן אוּן גֶעשְׁמַאקְן טַעַם פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ט"ז עֶרֶב פֶּסַח)

## הַגָּדָה שֶׁל פֶּסַח

גֵייט אַרוֹיף אוֹיף "אַיֵּה" מְקוֹם כְּבוֹדוֹ, דָאס מֵיינְט, אַז אַ אִיד פְרֶעגְט "ווִי אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער", דָאס אִיז דִי עֵצָה פַאר אַ אִיד וָואס פִילְט אַז עֶר אִיז וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער וִוי בִּיזְטוּ, אִיךְ ווִיל דִיר זֶעהֶן, אִיךְ ווִיל פִילְן אַז דוּ בִּיזְט מִיט מִיר, אוּן דוּ הֶערְסְט מִיר אוֹיס", אוּן אַזוֹי וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן.

## וְאֶת לַחֲצֵנוּ – זוֹ הַדְּחַק

דֶער עִיקָר סִיבָּה פוּן אַלֶע צָרוֹת אִיז "זוֹ הַדְּחַק", אַז דֶער מוֹחַ פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּדְרִיקְט, עֶר טְרַאכְט אַז עֶר קֶען עֶפֶּעס אַלֵיין טוּהְן אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר וֶוען עֶר טוּט זַאכְן אוּן עֶס גֶעלוּנְגְט נִישְׁט, רֶעגְט עֶר זִיךְ אוֹיף, אָבֶּער וֶוען אַ אִיד ווייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הָאט עֶר נִישְׁט קֵיין טַעֲנוֹת אוֹיף קֵיינֶעם, עֶר ווייסְט אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן אַזַא אִיד הָאט אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן.

## כַּמָּה מַעֲלוֹת טוֹבוֹת

מֶען רֶעכְנְט אוֹיס אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעטוּהְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק "בַּצַּר הִרְחַבְתָּ לִּי" אַז אֲפִילוּ וֶוען אַ יוּד הָאט צָרוֹת, זָאל עֶר גוּט קוּקְן וֶועט עֶר זֶעהֶן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים אוֹיךְ אַסַאךְ גוּט'ס, אוּן עֶר זָאל דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גוּט'ס, אוּן אַז עֶר וֶועט דָאס טוּהְן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיבֶּער הֶעלְפְן.

## מָרוֹר זֶה

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דִי כְּזַיִת מָרוֹר אִיז אַ סְגוּלָה פַאר פַּרְנָסָה, מֶען קֶען דָאס פַארְשְׁטֵיין לוֹיט ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעגְט זִיךְ אוֹיף, פַארְלִירְט עֶר דוּרְךְ דֶעם זַיין פַּרְנָסָה.

דָאס אִיז פְּשַׁט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קֶען אַרָאפְּשְׁלִינְגֶען דִי כְּזַיִת בִּיטֶערֶע מָרוֹר, דָאס הֵייסְט אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִים דוּרְךְ אַ בִּיטֶערְנִישׁ, גֶעדֶענְקְט עֶר אַז אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶען פַאר זַיין טוֹבָה, אוּן עֶר רֶעגְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף, וֶועט עֶר הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח.

## בְּכָל דּוֹר וָדוֹר

מֶען דַארף שְׁטֶענְדִיג דֶערְמַאנֶען יְצִיאַת מִצְרַיִם, ווייל אַזוֹי ווִי מִיר זֶענֶען גֶעוָוען אִין מִצְרַיִם אוּן עֶס אִיז אוּנְז דָארְט גֶעוָוען זֵייעֶר שְׁוֶוער אוּן בִּיטֶער, בִּיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעקוּמֶען אוּן עֶר הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי הָאט אוּנְז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן דָארְט.

דִי זֶעלְבֶּע הַיינְט, וֶוען אַ יוּד הָאט צָרוֹת אוּן עֶר זֶעהְט נִישְׁט קֵיין וֶועג אַרוֹיס, דַארף עֶר גֵיין צוּ אַ צַדִּיק וָואס וֶועט אִים אוֹיסְלֶערְנֶען אַז עֶר זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת.

## מְקִימִי מֵעָפָר דָּל – לְהוֹשִׁיבִי עִם נְדִיבִים

אַ מֶענְטְשׁ דַארף אֵייבִּיג גֶעדֶענְקֶען ווִי אַזוֹי עֶר הָאט אוֹיסְגֶעזֶעהְן פַאר עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם צַדִּיק, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אִים אוּן אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּם צַדִּיק, אוּן עֶר קְרִיגְט נִישְׁט אוֹיפְן צַדִּיק

המשך בדף ד

# הַגָּדָה שֶׁל פֶּסַח

און עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ גֵיין אִין זַיינֶע וֶועגְן.

## רָחְצָה

פַארְן עֶסְן וַואשְׁט מֶען זִיךְ דִי הֶענְט, צוּ וַוייזְן אַז נִישְׁט מִיט אוּנְזֶערֶע הֶענְט הָאבְּן מִיר פַּרְנָסָה, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גִיבְּט אוּנְז אַלֶעס.

## בִּרְכַּת הַמָּזוֹן

מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט צוּ בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן וָואס אִיז אַ מִצְוַת עֲשֵׂה דְּאוֹרַיְיתָא, און וֶוער עֶס בֶּענְטְשְׁט וָוארְט בַּיי וָוארְט אִין אַ סִידוּר, וֶועט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע און אַסַאךְ גֶעלְט.

## הֶאֱמַנְתִּי כִּי אֲדַבֵּר

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז וֶוען אַ יוּד וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ "אֱמוּנָה", צוּ גְלֵייבְּן אֶמֶת'דִיג אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל עֶר שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דוּרְךְ דֶעם וֶועט עֶר הָאבְּן אֱמוּנָה. און אוֹיבּ קֶען עֶר נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל עֶר דָאס אַלֵיינְ'ס בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר זָאל קֶענֶען רֶעדְן צוּ אִים, און אַזוֹי וֶועט עֶר זַיין אַן עֶרְלִיכֶער יוּד.

## מִן הַמֵּיצַר קָרָאתִי יָ–הּ

דִי גְמָרָא זָאגְט אַז אַזוֹי וִוי מֶען קֶען נִישְׁט אַרוֹיס נֶעמֶען דִי אוֹיל פוּן דִי אֵיילְבִּירְטְן נָאר אוֹיבּ מֶען צוּדְרִיקְט זֵיי, דִי זֶעלְבֶּע דִי אִידְן קוּמֶען נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר וֶוען מֶען צוּדְרִיקְט זַיי, זֵיי הָאבְּן צָרוֹת, דֶערְפַאר "מִן הַמֵּיצַר" - וֶוען אַ אִיד אִיז גֶעדְרִיקְט, עֶר הָאט צָרוֹת, אִיז דִי עֵצָה "קָרָאתִי יָ-הּ - עֶר זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## אֶבֶן מָאֲסוּ הַבּוֹנִים הָיְתָה לְרֹאשׁ פִּנָּה

אֶבֶן מָאֲסוּ הַבּוֹנִים - יֶעדֶער הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף מִיר אַז אִיךְ בִּין אַ שְׁטֵיין וָואס אִיז נִישְׁט וֶוערְט צוּ גָארְנִישְׁט, הָיְתָה לְרֹאשׁ פִּנָּה - דִי צַדִיקִים הָאבְּן מִיר אָבֶּער אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און נָאךְ גוּטֶע עֵצוֹת, וָואס מִיט דֶעם וֶועל אִיךְ צוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

## זֶה "הַיּוֹם" עָשָׂה ה'

אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקְן "זֶה הַיּוֹם" אִיךְ הָאבּ נָאר דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּהן נֶעכְטְן, און נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס עֶס גֵייט זַיין מָארְגְן, נָאר טְרַאכְטְן וָואס אִיךְ קֶען "יֶעצְט" אַרַיינְכַאפְּן אַ גוּטֶע זַאךְ.

## כַּאֲשֶׁר זָכִינוּ לְסַדֵּר אוֹתוֹ

אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן הַיינְט גֶעדֶענְקְט דִי נִסִים פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם אַזוֹי זָאלְן מִיר גֶעדֶענְקְן אוֹיךְ אַ גַאנְץ יָאר אַלֶע נִסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְּט אוּנְז.

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## סדר הלימודים אין ישיבה האלט ווייטער אן במשך בין הזמנים

אזוי ווי עס איז שוין איינגעפירט אין ישיבתינו הק' אין די פארגאנגענע יארן, איז נישטא קיין בין הזמנים אין ישיבה. די בחורים זיצן ווייטער און לערנען מיט התמדה א גאנץ חודש ניסן, עס קומען ווייטער פאר די שיעורים פונעם ראש ישיבה, אלעס גייט ווייטער אן ווי געהעריג.

ווי באקאנט האבן אלע צדיקים געבלוטיגט אויף דעם "בין הזמנים" ווען מען ברענגט אן די צייט מיט נארישקייטן. מוהרא"ש ברענגט אין קונטרס "בין הזמנים" אז עס איז נאר דא איין צייט וואס א מענטש האט "בין הזמנים", דאס איז בין מיתה לקבורה, נאכן שטארבן פארן באערדיגן. אבער א גאנץ לעבן דארף א איד שטענדיג ארייננכאפן נאך תורה ומצות, און נישט חס ושלום פארברענגען די צייט, וואס דאס ברענגט דאס ערגסטע ה"י.

די בחורים האבן זיך שטארק צוגעכאפט דערצו, צו קענען ווייטער זיצן בין כותלי הישיבה, און לערנען די הייליגע תורה שיעורין כסדרן, ובנוסף צו קענען הערן די שיעורים פונעם ראש ישיבה וואס זענען מחי' נפשות, וואס געבט אריין חיות פאר די בחורים, און דערנענטערט זיי צום אייבערשטן.

**כי הם חיינו ואורך ימינו!**

## ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן
אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף
איז דא צו באקומען ביי אונז
אלע ספרי ברסלב

**27 Skillman St.**
**אדער רופט 347-977-7994**


## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען



פאר גאר ביליגע פרייזן!
וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים
שנעל גוט און ביליג!
רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554
5554printing@gmail.com





## קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים**
**פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א**
אויך קען מען מיטהאלטן
יעדע וואך דעם שיעור
מיט א לייוו הוק-אפ
**212-444-9191**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון**
**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות.....................7:23
מוציו"ט..............................8:55
סוף זמן קר"ש......................8:55

**שיעורים כסדרן**
בבלי.............................ביצה כ"ב
ירושלמי.........................נדה י"א
תוספתא..........כלים ב"ב פרק ז'

שביעי של פסח, שנת תשע"ד לפ"ק — שנה 3, גליון 33 (133)


## מָשִׁיחַ'ס סְעוּדָה

**דִי סְעוּדָה פוּן אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "מָשִׁיחַ'ס סְעוּדָה", אוּן אוֹיךְ "בַּעַל שֵׁם טוֹב'ס סְעוּדָה", דָאס אִיז צוּלִיב דֶער נֵס וָואס אִיז גֶעשֶׁעהְן צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אִין דֶעם טָאג, וֶוען עֶר הָאט גֶעוָואלְט פָּארְן אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זִיךְ צוּ טְרֶעפְן מִיטְן אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ, אוּן דוּרְךְ דֶעם בְּרֶענְגְן מָשִׁיחַ.**

**מֶען פִירְט זִיךְ צוּ דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה בַּיי דִי סְעוּדָה אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח, מִיר וֶועלְן עֶס דָא אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען לוֹיט וִוי מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א דֶערְצֵיילְט דָאס, לוֹיט וִוי עֶר הָאט מְקוּבָּל דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע דוֹרוֹת.**

### מֶעזֶעבִּיזְשׁ

עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע הָאט זִיךְ בַּאזֶעצְט אִין דֶעם קְלֵיינֶעם שְׁטֶעטְל "מֶעזֶעבִּיזְשׁ", דָאס אִיז אַ טַאקֶע אַ קְלֵיינֶע שְׁטֶעטְל אִין אוּקְרַיינֶע אָבֶּער פוּן דֶעם קְלֵיינֶעם שְׁטֶעטְל אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַזַא לֶעכְטִיגְקֵייט וָואס הָאט בַּאלָאכְטְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אֵיין זַאךְ, אַז אַלֶעס אִיז אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן וָואס מֶען דַארְף זָאל מֶען נָאר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶען הָאט אִיז נָאר וִוי לַאנְג מֶען רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז מֶען קֶען זִיךְ אַלֵיינְ'ס אַן עֵצָה גֶעבְּן אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אָבֶּער וִוי נָאר אַ אִיד לֶערְנְט זִיךְ אוֹיס אוּן עֶר גֶעדֶענְקְט אַז אַלֶעס פִירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶר אַ גְלִיקְלֶעךְ לֶעבְּן, וַוייל עֶר אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיינְ'ס, וָואס עֶר דַארְף בֶּעט עֶר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶס הָאבְּן גְלַייךְ אָנְגֶעקוּמֶען צוּ קוּמֶען אַסַאךְ אִידְן צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב, יֶעדֶער וִויל הֶערְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶס פְלֶעגְן קוּמֶען אַלֶע מִינֵי מֶענְטְשְׁן סֵיי פָּשׁוּט'ֶע אִידְן שׁוּסְטֶער'ס אוּן שְׁנַיידֶער'ס, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אוּן חָשׁוּב'ֶע אִידְן, יֶעדֶער אִיז זִיךְ גֶעקוּמֶען מִיט זַיין פֶּעקְל צָרוֹת צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט יֶעדְן אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין אַנְדֶערֶע עֵצָה נָאר צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דִי גַאנְצֶע הַארְץ מִיט אַלֶע צָרוֹת נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט יֶעדְן אוֹיס אוּן עֶר הֶעלְפְט.

דֶער עוֹלָם הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען אִיז גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן, אוּן מֶען הָאט גֶעזֶעהְן אַסַאךְ מוֹפְתִים, אוּן אַזוֹי אִיז דֶער קְלֵיין שְׁטֶעטְל "מֶעזֶעבִּיזְשׁ" גֶעוָוארְן וִוי אַ מַאגְנֶעט וָואס הָאט גֶעצוֹיגְן צוּ זִיךְ אַסַאךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

### דִי מִתְנַגְּדִים

אָבֶּער פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאט נִישְׁט גֶעפֶעלְט קֵיין מִתְנַגְּדִים וָואס הָאבְּן גֶעקְרִיגְט אוֹיפְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, אַזוֹי וִוי אֵייבִּיג וֶוען אַ צַדִיק לֶערְנְט אוֹיס גוּטֶע זַאכְן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז אֵייבִּיג דָא מֶענְטְשְׁן וָואס קְרִיגְן אוֹיף אִים, אַזוֹי וִוי מִיר טְרֶעפְן שׁוֹין בַּיי אַבְרָהָם אָבִינוּ וָואס אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער אוֹיסְצוּלֶערְנֶען פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס פִירְט דִי וֶועלְט, הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעהַאט מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעקְרִיגְט אוֹיף אִים, וֶוען אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעגְרָאבְּן קְוֶועלֶער וַואסֶער זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִי פְּלִשְׁתִּים אוּן עֶס פַארְשְׁטָאפְּט, וָואס דָאס מֵיינְט אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעמַאכְט קְוֶועלֶער פוּן אֱמוּנָה אוֹיסְצוּלֶערְנֶען פַאר יֶעדְן אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִי פְּלִשְׁתִּים דִי לֵיצִים אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ, אוּן זַייט דֶעמָאלְט'ס גֶעשֶׁעהט אַזוֹי בַּיי יֶעדְן צַדִיק אַז עֶס אִיז אֵייבִּיג דָא מֶענְטְשְׁן וָואס קְרִיגְן אוֹיף זֵיי.

### דִי וֶועגְן פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע וֶוערְן פַארְשְׁפְּרֵייט אוֹיף דִי וֶועלְט

אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה הָאבְּן דִי וֶועגְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְצוּגֵיין אִין דִי וֶועלְט, אֲפִילוּ פוּן אָנְפַאנְג זֶענֶען גֶעוֶוען גֶעוִויסֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן אוֹיךְ גֶעקְרִיגְט אוֹיפְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, וִוי לְמָשָׁל דֶער הֵיילִיגֶער גְרָ"א זי"ע אוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים, אָבֶּער זֵייעֶר מַחֲלוֹקֶת אִיז גֶעוֶוען לְשֵׁם שָׁמַיִם, אוּן נִישְׁט וִוי סְתַּם מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעקְרִיגְט סְתַּם צוּ טְשֶׁעפֶּענֶען, דִי צַדִיקִים הָאבְּן גֶעקְרִיגְט אוֹיפְן בַּעַל שֵׁם טוֹב וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעהַאלְטְן אַז דָאס אִיז אַ נַייעֶ וֶועג, מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן דִי מְסוֹרָה אוּן מֶען טְרֶעפְט זִיךְ אוֹיס נַייעֶ גְרִינְגֶע וֶועגְן, צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַסַאךְ עֶרְלִיכֶע אִידְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב זִיךְ צוּ טַעֲנֶה'ן מִיט אִים, אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט יֶעדְן גֶעזָאגְט אַז זַיין אֵיינְצִיגְסְטֶע צִיל אִיז נָאר אוֹיסְצוּלֶערְנֶען פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן אַז וָואס מֶען דַארְף זָאל מֶען נָאר בֶּעטְן פוּנֶעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן וֵוייל נָאר עֶר קֶען הֶעלְפְן.

מֶען דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אַ גְרוֹיסֶער גָאוֹן, אוּן עֶר הָאט גֶע׳טַעֲנֶה׳ט צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב: "וֶוער הָאט אֵייךְ אוֹיסְגֶעזָאגְט דַיין נַייעֶם וֶועג, מִיר הָאבְּן אֵייבִּיג גֶעוואוּסְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט זוּכְן קֵיין נַייעֶ וֶועגְן מֶען דַארְף נָאכְגֵיין דִי מְסוֹרָה, וִוי אַזוֹי קֶענְט אִיר קוּמֶען מִיט נַייעֶ זַאכְן וָואס מִיר הָאבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט?!"

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעטְרָאפְן קֵיין שׁוּם נַייעֶ זַאכְן, עֶר אִיז נָאר גֶעקוּמֶען צוּרִיק בְּרֶענְגֶן דִי פָּשׁוּט׳עֶ אֱמוּנָה וָואס אִיז פַארְגֶעסְן גֶעוָוארְן בְּמֶשֶׁךְ דֶעם שְׁוֶוערְן גָלוּת, "אִיךְ בִּין נָאר גֶעקוּמֶען דֶערְמַאנֶען פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אוּן אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַלֶעס וָואס טוּט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט צוּ דֶערְמַאנֶען אִידְן אַז זֵיי זָאלְן צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, אוּן אֲפִילוּ וֶוען דוּ הֶערְסְט אַ טָמֵא׳נֶער גוֹי רֶעדְן אִיז דָאס אוֹיךְ עֶפֶּעס אַ שְׁלִיחוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיט דֶעם גֶעוָואלְט עֶפֶּעס זָאגְן".

וֶוען דֶער גָאוֹן הָאט גֶעהֶערְט דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז עֶר אוֹיפְגֶעטַאנְצְן פוּן זַיין פְּלַאץ אוּן גֶעזָאגְט: "חַס וְשָׁלוֹם! חַס וְשָׁלוֹם!" וִוי אַזוֹי קֶענְט אִיר זָאגְן אַזַא זַאךְ, אַז אַ טָמֵא׳נֶער גוֹי אִיז אַ שְׁלִיחַ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?!

אִין יֶענֶע מִינוּט הָאט אַ גוֹי וָואס פַארֶעכְט קְלֵיינֶע צוּבְּרָאכֶענֶע זַאכְן אַרַיינְגֶעקְלַאפְּט אוֹיפְ׳ן טִיר פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן גֶעפְרֶעגְט: "אֶפְשֶׁר אִיז דָא עֶפֶּעס צוּ פַארֶעכְטְן דָא?", דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל "קֶענְסְט גֵיין, בַּיי מִיר אִיז בָּרוּךְ ה׳ אַלֶעס פַארָאכְטְן, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא צוּ פַארֶעכְטְן דָא", אָבֶער דֶער גוֹי אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן נָאר עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעפְרֶעגְט: "אֶפְשָׁר אִיז דֶער טִישׁ אַבִּיסְל צוּבְּרָאכְן אוּן אִיךְ קֶען עֶס פַארֶעכְטְן?", זָאגְט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב: "נֵיין, דֶער טִישׁ אִיז בָּרוּךְ ה׳ זֵייעֶר גוּט עֶס אִיז גָארְנִישְׁט צוּבְּרָאכְן", דֶער גוֹי פְרֶעגְט וַוייטֶער: "אֶפְשֶׁר אִיז דֶער בֶּעט אַבִּיסְל צוּבְּרָאכְן?", זָאגְט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב: "נֵיין, דֶער בֶּעט אִיז בָּרוּךְ ה׳ אוֹיךְ זֵייעֶר פַיין", דֶער גוֹי לָאזְט נִישְׁט אָפּ, עֶר פְרֶעגְט וַוייטֶער: "אָבֶער דָאךְ, קוּק גוּט אִיבֶּער, אֶפְשָׁר אִיז דָא עֶפֶּעס וָואס מֶען דַארְף דָא פַארֶעכְטְן" דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב עֶנְטְפֶערְט אִים וַוייטֶער: "קֶענְסְט גֵיין, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעקוּקְט אוּן אַלֶעס אִיז בָּרוּךְ ה׳ פַארָאכְטְן אוֹיפְ׳ן בֶּעסְטְן אוֹפָן" דֶער גוֹי אִיז זִיךְ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן דָארְט מִיט עַגְמַת נֶפֶשׁ.

רוּפְט זִיךְ דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אָן צוּ דֶעם גָאוֹן וָואס הָאט מִיטְגֶעהַאלְטְן דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה: **"אִיךְ דַאנְק אוּן אִיךְ לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט מִיר צוּגֶעשִׁיקְט דֶעם גוֹי, עֶר אִיז דָאךְ מַיין מוּסָר סֵפֶר, עֶר אִיז מִיר גֶעקוּמֶען דֶערְמַאנֶען אַז אִיךְ זָאל מִיר נָאכְאַמָאל גוּט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן אוֹיבּ אִיךְ בִּין גוּט, אוֹיבּ אִיךְ פִיר מִיךְ אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אִיךְ הָאבּ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז בַּיי מִיר אִיז בָּרוּךְ ה׳ אַלֶעס פַארָאכְטְן, אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט נָאר עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַז אִיךְ זָאל גוּט אִיבֶּערְקוּקְן אוֹיבּ אַלֶעס אִיז טַאקֶע וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אָבֶער בָּרוּךְ ה׳ אִיךְ בִּין אִינְגַאנְצְן פַארָאכְטְן אוּן עֶס פֶעלְט מִיר גָארְנִישְׁט".**

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט אוּן גֶעזָאגְט צוּם גָאוֹן: "יֶעצְט זֶעהט אִיר דָאךְ קְלָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען שִׁיקְן אַ גוֹי פַאר אַ שְׁלִיחַ מִיר צוּ דֶערְמַאנֶען תְּשׁוּבָה צוּ טוּהן!"

## דוּ קֶענְסְט נָאר דוּ ווִילְסְט נִישְׁט

וֶוען דֶער גָאוֹן הָאט גֶעהֶערְט דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן גֶעזָאגְט: "אַלֶעס קֶען אִיךְ נָאךְ אָנֶעמֶען פוּן אַייךְ, וָואס אִיר זָאגְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן קֵיין שׁוּם זַאךְ גֶעשֶׁעהט נִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶער דָאס וָואס אִיר זָאגְט אַז אֲפִילוּ אַ טָמֵא׳נֶער גוֹי קֶען זַיין אַ שְׁלִיחַ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָאס קֶען אִיךְ נִישְׁט אָנֶעמֶען!"

**עֶנְטְפֶערְט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב: "קֶענֶען, קֶענְסְטוּ דָאס אָנְנֶעמֶען, נָאר דוּ ווִילְסְט נִישְׁט, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט ווִילְן וֶועסְטוּ קֶענֶען!".**

אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים שְׁטֶעלְט אַ גוֹי אָפּ דֶעם וָואגְן פוּנֶעם גָאוֹן אוּן זָאגְט וֵויינֶענְדִיג: "אֶפְשֶׁר קֶענְט אִיר מִיר קוּמֶען הֶעלְפְן, מַיין וָואגְן מִיטְן פֶערְד הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, אַלֶע פְרוּכְט הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן, בִּיטֶע קוּמְט׳ס מִיר הֶעלְפְן צוּרִיק אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן דֶעם וָואגְן".

זָאגְט אִים דֶער גָאוֹן: "דוּ זֶעסְט נִישְׁט אַז אִיךְ בִּין אַן אַלְטֶער שְׁוַואכֶער מֶענְטְשׁ? אִיךְ קֶען דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן אוֹיפְהֵייבְּן אַ וָואגְן", דֶער גוֹי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן: "קֶענֶען, קֶענְסְטוּ מִיךְ הֶעלְפְן, נָאר דוּ ווִילְסְט נִישְׁט הֶעלְפְן!" וֶוען דֶער גָאוֹן הָאט גֶעהֶערְט דִי וֶוערְטֶער הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: "דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער הָאבּ אִיךְ דָאךְ גֶעהֶערְט פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב אַפָּאר מִינוּט צוּרִיק, יֶעצְט הֶער אִיךְ דָאךְ מַמָשׁ אַ שְׁלִיחוּת פוּן הִימְל דוּרְךְ אַ גוֹי", עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען, עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר גֵייט וַוארְטְן בִּיז עֶס קוּמְט נָאךְ אַ וָואגְן וָואס וֶועט הֶעלְפְן דֶעם גוֹי, אוּן נָאכְדֶעם וֶועט עֶר גְלַייךְ צוּרִיק פָארְן צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב, וֵוייל יֶעצְט הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט דוּרְךְ דֶעם גוֹי אַז עֶר קֶען יָא נָאר עֶר ווִיל נִישְׁט, מְמֵילָא קֶען עֶר יָא גְלֵייבְּן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

עֶר אִיז גְלַייךְ צוּרִיקְגֶעפָארְן צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט שׁוֹין גֶעוַוארְט אוֹיף אִים אִינְדְרוֹיסְן, אוּן אִים גֶעזָאגְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל: "בִּיזְט שׁוֹין מִן הַסְתָּם אוֹיךְ גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן וָואס אַסַאךְ אַנְדֶערֶע הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז אַלֶעס פִירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער גָאוֹן אִיז שׁוֹין דָארְט גֶעבְּלִיבְּן לֶערְנֶען בַּיים הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן פוּן זַיינֶע גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים, אוּן שְׁפֶּעטֶער אוֹיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

## דִי נְסִיעָה קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעזֶעהן דָארְט וִוי עֶר הָאט גֶעזֶעהן אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען דִי גְרוֹיסְקַייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק דֶער אוֹר הַחַיִּים הַקָדוֹשׁ, וָואס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס, עֶר הָאט גֶעהֶערְט יֶעדֶע נַאכְט תּוֹרָה פוּנֶעם

אײבּערשטן אַלײן, עס פּלעגן קומען צו אים אַסאך נשמות און ער האָט געהאַט אַ קלאָרע רוח הקודש.

דער בּעל שם טוב האָט גערעדט זײער גרויס פון אים, ער האָט געזאָגט אַז זײן נשמה איז פון די רוח דאַצילות פון דוד המלך און ער דער בּעל שם טוב אַלײנס קומט פון די נפש דאַצילות פון דוד המלך, דערפאַר האָט דער בּעל שם טוב זײער שטאַרק געוואָלט אים טרעפן, ווײל אַזוי וועלן זײ צוזאַמען קענען אויך אַראָפּ בּרענגען די נשמה דאַצילות פון דוד און אויך די חיה און יחידה דאַצילות, און אַזוי וועט משיח קומען און עס וועט זײן די גאולה, דער בּעל שם טוב האָט אָפּגעמאַכט אַז ער מוז פאָרן צו ארץ ישראל אים צו טרעפן.

דער הײליגער בּעל שם טוב פלעגט זאָגן: "ווען איך קום אָן ערגעץ אויבן אין הימל טרעף איך שוין דאָרט דעם ספרדי" מײנענדיג מיט דעם, דעם הײליגן אור החיים הקדוש.

דער הײליגער בּעל שם טוב האָט געשיקט אַ בּריוו צו זײן שוואָגער ר׳ גרשון קיטעווער זי״ע וואָס האָט געוואוינט אין ארץ ישראל אַז ער זאָל פרעגן דעם אור החיים הקדוש אויב ער זאָל פאָרן אויף ארץ ישראל, דער אור החיים הקדוש האָט צוריקגעענטפערט אַז עס לוינט זיך נישט אַז ער זאָל קומען, ווײל עס קען זײן אַ סכנה, אָבער דער בּעל שם טוב האָט נישט געוואָלט וואַרטן בּיז דער בּריוו קומט צוריק, נאָר ער האָט זיך גלײך אַרויסגעלאָזט אויפן וועג און ווען דער בּריוו איז אָנגעקומען איז שוין דער בּעל שם טוב געווען אינמיטן וועג.

דער בּעל שם טוב האָט אָפּגעמאַכט אַז ער מוז זײן אין ארץ ישראל פאַר יעדע פרײז, ער האָט מיטגענומען מיט זיך זײן טאָכטער אָדל מיט זײן סופר רבי צבי ז״ל און זײ האָבן אָנגעהויבן צו פאָרן פון שטאָט צו שטאָט פון דאָרף צו דאָרף בּיז זײ זענען אָנגעקומען צו די שטאָט אָדעס, וואס דאָרט איז געווען דער בּאָרטן פונעם שוואַרטצן ים, פון דאָרט האָבן זײ גענומען אַ שיף צו טערקײ און זײ זענען אָנגעקומען צו די שטאָט איסטאַנבּול ממש פאַר פּסח.

דאָרט אין איסטאַנבּול איז געווען אַן הכנסת אורחים, אַ גרויסע הויז מיט צוויי שטאָקן, די אינטערשטע שטאָק איז געווען אומזיסט פאַר אָרימעלײט און אָרחי פּרחי וואס זענען דאָרט אײנגעשטאַנען, און אין די אויבּערשטע שטאָק זענען אײנגעשטאַנען די חשובע אידן מיט עשירים.

דער בּעל שם טוב איז דאָרט אָנגעקומען פלוצלינג מיט זײן טאָכטער און מיט זײן תלמוד דער סופר, קײנער האָט זײ נישט געקענט, און זײ האָבן אויך נישט געהאַט קײן שום געלט מיט זיך, ווײל זײ האָבן זיך זײער געײַאָגט אַרויסצופאָרן און זײ האָבן זיך גאָרנישט מיטגענומען, זײ האָבן זיך פאַרלאָזט אויפן אײבּערשטן אַז זײ וועלן שוין בּעטן דעם אײבּערשטן ווען זײ וועלן עפּעס דאַרפן, און דערפאַר האָט מען זײ פּלאַצירט אין די אונטערשטע שטאָק מיט די אָרימעלײט.

דעם בּעל שם טוב האָט גאָרנישט אינטערעסירט, ער האָט געוואוסט אַז אַלעס איז דער אײבּערשטער, ער האָט געבּעטן דעם אײבּערשטן אַז ער זאָל האָבן אויף פּסח צו מאַכן, און ער האָט געגלײבּט אַז דער אײבּערשטער וועט אים זיכער העלפן, ער איז זיך געגאַנגען אין בּית המדרש צו לערנען און דאַווענען, אָבער פאַר די טאָכטער די צדיקת אָדל האָט דאָס זײער געשטערט, ווײל זײ האָבן נישט געהאַט קײן אײן פּרוטה צו קויפן זאַכן פאַר פּסח, און אַפילו נישט קײן פרישע וועש לכבוד יום טוב.

עס איז שוין אָנגעקומען אַ טאָג פאַר פּסח, די צדיקת אָדל האָט גענומען די אײן העמד פון איר טאַטן און געגאַנגען צום ים עס אויסצוואַשן, אַז דער בּעל שם טוב זאָל כאָטש האָבן אַ פרישע העמד אויף יום טוב, זי איז געזיצן בּײם ים און געוואַשן דעם העמד, און אין די זעלבּע צײט געװײנט צום אײבּערשטן אַז זײ זאָלן האָבן עפּעס אויף פּסח, אינצווישן איז אָנגעקומען אַ גרויסע ווינט און אַרויסגעבּלאָזן די העמד פון איר הענט, אַזוי אַז אַפילו אַ העמד האָט זי שוין אויך נישט געהאַט פאַר איר טאַטן, זי האָט אָנגעהויבן זײער צו ווײנען און זיך בּעטן בּײם אײבּערשטן: "בּאַשעפער, מיר זענען דאָ אין אַ פרעמדע לאַנד, מאָרגן איז שוין פּסח און מיר האָבן נאָכנישט קײן מצות און ווײן און אַנדערע זאַכן אויף יום טוב, און יעצט האָב איך שוין פאַרלוירן די לעצטע העמד אויך, בּאַשעפער העלף מיר!"

אַזוי רעדנדיג צום אײבּערשטן איז אַדורך געפאָרן אַ וואָגן מיט אַ פּאָר-פאָלק, אַ מאַן און אַ ווײבּ, און זײ זעהן ווי אַ פרוי זיצט און ווײנט, האָבן זײ אָפּגעשטעלט דעם וואָגן און איר געפרעגט: "ווער בּיזטו? און פאַרוואָס ווײנסטו?", האָט זי געענטפערט אַז זי איז אַ טאָכטער פונעם בּעל שם טוב, און זײ קענען נישט קײנעם דאָ און זײ האָבן גאָרנישט אויף פּסח, און זי זיצט דאָ און זי בּעט דעם אײבּערשטן אַז ער זאָל זײ העלפן.

## ~ שידוכים, שלום בּית, און פּרנסה ~

די גמרא זאָגט (סוטה ב.) קשה זווגו של אדם כּקריעת ים סוף, און אויך (פּסחים קיח.) קשה פּרנסתו של אדם כּקריעת ים סוף, אַ שידוך און פּרנסה זענען אַזוי שווער ווי קריעת ים סוף.

אין דעם טאָג שביעי של פּסח, האָט דאָך דער אײבּערשטער געשפּאָלטן דעם ים פאַר די אידישע קינדער, קומט אויס אַז אין דעם טאָג איז זײער מסוגל צו בּעטן פאַר די זאַכן וואס זענען אַזוי שווער ווי קריעת ים סוף, ווײל אין דעם טאָג איז דאָס דאָך געוואָרן גרינג.

דערפאַר דאַרף אַ בּחור אויסניצן דעם טאָג צו מתפּלל זײן פאַר אַ גוטע שידוך, און ווער עס האָט שוין זוכה געווען חתונה צו האָבן דאַרף מתפּלל זײן פאַר שלום בּית, און אַזוי אויך פאַר פּרנסה בּריוח.

און די תפלות וואס מען בּעט אין דעם הײנטיגן טאָג, איז זײער שטאַרק מסוגל צו פועל'ן אַלעס גוט'ס בּײם אײבּערשטן.

(שיחות מוהר״אַ״ש חלק ט״ז ערך שביעי של פּסח)

דִי פָּאר־פָּאלְק זֶענֶען גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ וָוען זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז זִי אִיז אַ טָאכְטֶער פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן זֵיי הָאבְּן אִיר אַרוֹיף גֶערוּפְן אוֹיפְן וָואגְן, זִי אִיז אַרוֹיף גֶעגַאנְגֶען, אוּן זֵיי הָאבְּן אִיר גֶעזָאגְט אַז זִי דַארְף זִיךְ גָארְנִישְׁט זָארְגְן "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיסְגֶעהֶערְט דֵיין תְּפִלָּה, מִיר הָאבְּן צוּגֶעגְרֵייט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן פַאר יוֹם טוֹב, עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען אוּן נַייֶע וֶועשׁ אוּן וָואס דוּ ווִילְסְט, אִיר וֶועט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב, זֵיי הָאבְּן אִיר אַרוֹיף גֶעבְּרֶענְגְט צוּ דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע שְׁטָאק פוּן דִי הַכְנָסַת אוֹרְחִים, זֵיי הָאבְּן אִיר גֶעהָאלְפְן אַרוֹיף שְׁלֶעפְּן אַלֶע זֵייעֶרֶע זַאכְן צוּ דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע שְׁטָאק צוּ זֵייעֶר שְׁטוּב, אוּן זֵיי הָאבְּן צוּגֶעגְרֵייט אַ הֶערְלִיכֶע סֵדֶר טִישׁ ווִי עֶס פַּאסְט פַאר אַ קֶענִיג.

## דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב מַאכְט מוֹפְתִים

ווער זֶענֶען גֶעוֶוען דִי פָּאר־פָּאלְק? אִין דִי צַייט וָוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעוֶוען אִין דִי שְׁטָאט מֶעזְשִׁבּוֹזְשׁ אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר יֶעדְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ הָאט עֶס אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְצוּגֵיין אִין דִי ווֶועלְט, מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּעֶסְן אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב רֶעדְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַ יֶעדֶע צָרָה וָואס מֶען קוּמְט אִים דֶערְצֵיילְן זָאגְט עֶר אַז מֶען זָאל נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט, אוּן מֶען זֶעהט גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת בַּיי אִים, קְרַאנְקֶע ווֶוערְן גֶעזוּנְט, אָרֶימֶעלַייט בַּאקוּמֶען גֶעלְט, מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נִישְׁט קֵיין קִינְדֶער ווֶוערְן גֶעהָאלְפְן, אוּן אַזוֹי ווַייטֶער.

אִין דִי שְׁטָאט בֶּערְלִין דִי הוֹיפְּט שְׁטָאט פוּן דַייטְשְׁלַאנְד הָאבְּן גֶעווֹאוֹינְט אַ פָּאר־פָּאלְק אַ מַאן אוּן ווַייבּ וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים, זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט גְרוֹיסֶע פַּאלַאצְן אוּן אַסַאךְ גֶעלְט, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין קִינְדֶער, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעווּאוּסְט אַז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אִיז נָאר צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי זֶענֶען אַרוּמְגֶעלָאפְן צוּ אַלֶע גְרוֹיסֶע דָאקְטוֹרִים אָבֶּער קֵיינֶער הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט הֶעלְפְן, אַלֶע דָאקְטוֹרִים הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן קִינְדֶער, אוּן זֵיי זָאלְן פַארְגֶעסְן דֶערְפוּן, דָאס הָאט זֵיי זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג.

אֵיינְמָאל הָאט צוּ זֵיי אַרַיינְגֶעקְלַאפְּט אַ אִיד נָאךְ צְדָקָה, דֶער אִיד הָאט גֶעזֶעהְן ווִי דִי פָּאר־פָּאלְק זֶענֶען זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג הָאט עֶר זֵיי גֶעפְרֶעגְט: "פַארְווָאס זֶענְט אִיר אַזוֹי טְרוֹיעֶרִיג? וָואס פֶעלְט אֵייךְ דֶען? אִיר הָאט דָאךְ אַזוֹיפִיל גֶעלְט אוּן אַזֶעלְכֶע מֶעכְטִיגֶע פַּאלַאצְן?" הָאבְּן זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס הָאבְּן מִיר פוּן דִי גַאנְצֶע גֶעלְט, אִין דִי צַייט וָואס מִיר הָאבְּן נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן קִינְדֶער, אוּן עֶס אִיז בִּכְלָל נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַז מִיר זָאלְן הָאבְּן קִינְדֶער", הָאט זֵיי דֶער גַּבַּאי צְדָקָה גֶעזָאגְט: **"אִיר זָאלְט ווִיסְן אַז אִין דֶעם שְׁטֶעטֶעלֶע מֶעזְשִׁבּוֹזְשׁ אִין אוּקְרַיינֶע וואוֹינְט אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק וָואס עֶס אִיז נִישְׁט דָא זַיינ'ס גְלַייכְן אִין דִי ווֶועלְט, עֶר הֵייסְט רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן עֶר מַאכְט גֶעווַאלְדִיגֶע מוֹפְתִים, אַסַאךְ אִידְן זֶענֶען שׁוֹין גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט קִינְדֶער בַּיי אִים, אִיךְ ווָאלְט אֵייךְ גֶערָאטְן אַז אִיר זָאלְט אַרִיבֶּערְפָארְן צוּ אִים אוּן בֶּעטְן אַ בְּרָכָה, עֶר הָאט זֵיי שְׁטַארְק צוּגֶערֶעדְט אַז זֵיי זָאלְן פָארְן, עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: "וָואס קֶענְט אִיר דֶען פַארְלִירְן? כָאפְּט אֵייךְ אַרִיבֶּער אוּן אִיר ווֶועט גֶעהָאלְפְן ווֶוערְן!".**

זֵיי הָאבְּן אָנְגֶענוּמֶען זַיינֶע ווֶוערְטֶער אוּן זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶעמַאכְט אַז זֵיי גֵייעֶן פָארְן צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב, אָבֶּער אַזוֹי ווִי עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען נָאנְט צוּ פֶּסַח, הָאבְּן זֵיי זִיךְ אֵיינְגֶעפַּאקְט צוּ עֶסְן פַאר אַ גַאנְצֶע פֶּסַח מַצּוֹת, ווַיין, פִישׁ, אוּן פְלֵיישׁ, אוּן אַלֶעס גוּט'ס, אַז אוֹיבּ זֵיי בְּלַייבְּן אִינְמִיטְן ווֶועג אוֹיף פֶּסַח, זָאלְן זֵיי נִישְׁט דַארְפְן צוּקוּמֶען צוּ קֵיין מֶענְטְשְׁן, נָאר פַארְקֶערְט זֵיי זָאלְן נָאךְ קֶענֶען גֶעבְּן פַאר אַנְדֶערֶע, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיפְן ווֶועג צוּ מֶעזְשִׁבּוֹזְשׁ.

נָאךְ אַ לַאנְגֶע שְׁווֶוערֶע רַייזֶע זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען צוּ מֶעזְשִׁבּוֹזְשׁ, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גְלַייךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט ווִי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב וואוֹינְט, אָבֶּער מֶען הָאט זֵיי גֶעזָאגְט אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז דִי ווָאךְ אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן מֶעזְשִׁבּוֹזְשׁ אוֹיפְן ווֶועג צוּ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן מֶען הָאט זֵיי גֶעווִיזְן דֶער ווֶועג ווִי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעפָארְן, זֵיי הָאבְּן גֶעטְרַאכְט אַז זֵיי זֶענֶען שׁוֹין סַיי ווִי גֶעפָארְן אַזַא לַאנְגֶע ווֶועג בִּיז דָא צוּ בַּאקוּמֶען אַ בְּרָכָה פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב, ווֶועלְן זֵיי שׁוֹין ווַייטֶער נָאכְפָארְן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב כְּדֵי אִים צוּ כַאפְּן אוּן בַּאקוּמֶען פוּן אִים אַ בְּרָכָה אוֹיף קִינְדֶער.

זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פָארְן פוּן דָארְף צוּ דָארְף פוּן שְׁטָאט צוּ שְׁטָאט, אָבֶּער ווִי זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען הָאט מֶען זֵיי גֶעזָאגְט אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז יֶעצְט דָא גֶעוֶוען, אוּן עֶר אִיז מַמָּשׁ יֶעצְט אַוֶועקְגֶעפָארְן, לוֹיפְט אִים נָאךְ ווֶועט אִיר אִים אֶפְשֶׁר נָאךְ כַאפְּן, אַזוֹי זֶענֶען זֵיי נָאכְגֶעפָארְן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב אַ גַאנְצֶן צַייט בִּיז זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען קֵיין אָדֶעס צוּם יָם, אוּן דָארְט הָאט מֶען זֵיי גֶעזָאגְט אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז יֶעצְט אַרוֹיסְגֶעפָארְן מִיט אַ שִׁיף קֵיין טֶערְקַיי, זֶענֶען זֵיי גְלַייךְ אוֹיךְ אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אוֹיף אַ שִׁיף מִיט אַלֶע זֵייעֶרֶע פֶּעקְלֶעךְ אוֹיף פֶּסַח, אוּן גֶעפָארְן צוּ טֶערְקַיי, אוּן זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אִין אִיסְטַאנְבּוּל, זֵיי זֶענֶען גְלַייךְ צוּגֶעפָארְן צוּ דִי הַכְנָסַת אוֹרְחִים אוּן זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען אַ שְׁטוּבּ אוֹיף דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע שְׁטָאק ווִי דִי עֲשִׁירִים שְׁטֵייעֶן אַיין אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעפַּאקְט אוֹיף פֶּסַח.

זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְצוּפְרֶעגְן ווִי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז, אָבֶּער קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט ווֶוער דָאס אִיז, זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צְווִישְׁן דִי אָרִימֶעלַייט אוּן זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט גֶעזֶעהְן אַ אַשְׁכְּנַזִי'שֶׁער חָכָם פוּן אוֹיסְלַאנְד אָבֶּער קֵיינֶער הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט הֶעלְפְן, ווֶוען עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען עֶרֶב פֶּסַח, זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גְרֵייט צוּם יוֹם טוֹב, הָאבְּן זֵיי זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר אִין שְׁטָאט, אֶפְשֶׁר דָאךְ ווֶועלְן זֵיי גֶעוואוֹיר ווֶוערְן ווִי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעפִינְט זִיךְ, עֶס קֶען דָאךְ נִישְׁט זַיין אַז קֵיינֶער ווֵייסְט נִישְׁט ווִי עֶר אִיז, אוּן אַזוֹי זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען צוּם בָּארְטְן פוּן יַם אוּן דָארְט גֶעטְרָאפְן אַ פְרוֹי ווֵיינֶען, אוּן זִי דֶערְצֵיילְט אַז זִי אִיז אַ טָאכְטֶער פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב דֶערְפַאר זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן זֵיי הָאבְּן אִיר אֵיינְגֶעלַיידֶענְט אַז זִי זָאל קוּמֶען צוּ זֵיי אוֹיף פֶּסַח.

## דִי סֵדֶר נַאכְט אִין אִיסְטַאנְבּוּל

**אָדְל, דִי טָאכְטֶער פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב,**

אֲפִילוּ זִי הָאט גֶעוַויינְט אַז זִי הָאט נִישְׁט אוֹיף פֶּסַח, אָבֶער זִי הָאט גֶעגְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיכֶער הֶעלְפְן זִי הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעוואוּסְט וִוי אַזוֹי, אָבֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז זִי הָאט גֶעטְרָאפְן דִי פָּאר-פָאלְק וָואס הָאט זֵיי אַרַיין גֶענוּמֶען אוֹיף פֶּסַח.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז וַוייטֶער גֶעוֶוען אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, עֶר הָאט זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעזָארְגְט, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר הָאט גֶעגְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן, עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ צוּ מִנְחָה אוּן דֶערְנָאךְ צוּ מַעֲרִיב.

נָאכְן דַאוֶונֶען הָאט שׁוֹין זַיין טָאכְטֶער אִים אָפְּגֶעוַוארְט אִינְדְרוֹיסְן, אוּן אִים גְלַייךְ גֶעפִירְט צוּ דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע שְׁטָאק אִין דִי הַכְנָסַת אוֹרְחִים וִוי עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען צוּגֶעגְרֵייט אַ הֶערְלִיכֶע סֵדֶר טִישׁ, אוּן אַלֶע הָאבְּן שׁוֹין גֶעוַוארְט אוֹיפְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גָארְנִישְׁט גֶעפְרֶעגְט נָאר עֶר הָאט זִיךְ גְלַייךְ גֶעזֶעצְט אוֹיבְן אָן אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פִירְן דֶעם סֵדֶר מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, עֶר הָאט גֶעזָאגְט דִי הַגָדָה, אוּן אוֹיךְ גֶעזָאגְט אַסַאךְ תּוֹרָה וָואס דָאס הָאט גֶענוּמֶען אַ לַאנְגֶע צַייט.

וֶוען מֶען אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ, הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אָנְגֶעהוֹיבְּן עֶסְן דִי סְעוּדָה מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, אוּן דֶעמָאלְט׳ס הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּ דִי פָּאר-פָאלְק אוּן זֵיי גֶעזָאגְט: ״אִיךְ וֵייס אַז אִיר זֶענְט גֶעקוּמֶען דָא וַוייל אִיר הָאט נִישְׁט קֵיין קִינְדֶער, דֶערְפַאר וואוּנְטְשׁ אִיךְ אַייךְ אָן אַז אִין דֶעם זְכוּת וָואס אִיר הָאט מִיר צוּגֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף יוֹם טוֹב וֶועט אִיר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַ קִינְד!״

גְלַייךְ וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אַרוֹיסְגֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער אִיז עֶר גֶעוָוארְן וַוייס וִוי דִי וַואנְט אוּן עֶר הָאט אַרָאפְּגֶעלֵייגְט זַיין קָאפּ פַאר אַ שְׁטִיק צַייט בִּיז עֶר אִיז פְּלוּצְלִינְג אוֹיפְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען פוּן פְלַאץ מִיט פְרֵייד אוּן אוֹיסְגֶערוּפְן: ״וֶועל אִיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן עוֹלָם הַבָּא!״, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טַאנְצְן מִיט גְרוֹיס פְרֵייד.

זַיין טָאכְטֶער אָדְל הָאט שְׁפֶּעטֶער גֶעזָאגְט דִי פְּשַׁט דֶערְפוּן, אַז אַזוֹי וִוי דִי פָּאר-פָאלְק הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט הָאבְּן קֵיין קִינְדֶער, אוּן וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט זֵיי אָנְגֶעוואוּנְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן אַ קִינְד הָאט גֶעמוּזְט גֶעשֶׁעהְן אַ גְרוֹיסֶע נֵס אַרוֹיס פוּן דֶרֶךְ הַטֶבַע, דֶערְפַאר הָאט מֶען אוֹיסְגֶערוּפְן אִין הִימְל אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט פַארְלוֹירְן זַיין עוֹלָם הַבָּא, וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, בִּיז עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר וֶועט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן עוֹלָם הַבָּא, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טַאנְצְן פַאר פְרֵייד אַז עֶר גֵייט שׁוֹין יֶעצְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן עוֹלָם הַבָּא, נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְ׳ס, אָבֶער פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אִין דֶעם זְכוּת הָאט עֶר צוּרִיק בַּאקוּמֶען זַיין גַאנְצֶע עוֹלָם הַבָּא אוּן נָאךְ מֶער.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט בִּרְכַּת הַמָזוֹן אוּן וַוייטֶער גֶעפִירְט דֶעם סֵדֶר בִּיז מֶען אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ הַלֵל הַגָדוֹל.

## לְעוֹשֵׂה נִפְלָאוֹת גְּדוֹלוֹת לְבַדוֹ

וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם פָּסוּק ״לְעוֹשֵׂה נִפְלָאוֹת גְדוֹלוֹת לְבַדוֹ״ הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן אִיבֶּערְצוּ׳חַזֶר׳ן דֶעם פָּסוּק אֵיין מָאל אוּן נָאכְאַמָאל מִיט אַ וֵויינֶעדִיגֶע קוֹל, עֶר אִיז אִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען דֶעם פָּסוּק אָן אַ שִׁיעוּר מָאל מִיט אַ בֶּעטֶענְדִיגֶע וֵויינֶעדִיגֶע נִיגוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אָן אַ שִׁיעוּר, בִּיז צוּבִּיסְלֶעךְ אִיז דֶער עוֹשֶׁר אַיינְגֶעשְׁלָאפְן אוּן אוֹיךְ זַיין וַוייבּ, נָאכְדֶעם אִיז רֶבִּי צְבִי דֶער סוֹפֵר אוֹיךְ אַיינְגֶעשְׁלָאפְן אוּן נָאכְדֶעם דִי צַדֵיקֶת אָדְל, אָבֶער דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גִיבְּט נִישְׁט אוֹיף עֶר זִינְגְט אִיבֶּער דֶעם פָּסוּק אָן אַ שִׁיעוּר מָאל.

## דֶער סוּלְטַאן פוּן טֶערְקַיי

דֶער סוּלְטַאן, דָאס מֵיינְט דֶער קֶענִיג, פוּן טֶערְקַיי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גוּטֶער קֶענִיג עֶר פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן אַז פוּן צַייט צוּ צַייט אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן זַיין פַּאלַאץ פַארְשְׁטֶעלְט וִוי אַ פָּשׁוּט׳עֶר מֶענְטְשׁ אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַרוּם גֶעדְרֵייט צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן אוּן גֶעזֶעהְן וָואס עֶס פֶעלְט פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, דֶערְנָאךְ אִיז עֶר אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען אוּן זֵיי אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן, פַאר אֵיינֶעם הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט גֶעלְט, פַאר אֵיינֶעם אַ דָאקְטֶער, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אוּן קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן וִוי עֶר וֵוייסְט וָואס עֶס פֶעלְט פַאר יֶעדְן.

עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט יָארְן לַאנְג, בִּיז אֵיינְמָאל וֶוען עֶר אִיז אַזוֹי אַרוּם גֶעגַאנְגֶען פַארְשְׁטֶעלְטֶערְהֵייט הָאבְּן אִים רוֹיבֶּער׳ס גֶעכַאפְּט, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז עֶר אִיז דֶער קֶענִיג, זֵיי הָאבְּן אִים סְתַּם אַזוֹי גֶעכַאפְּט אוּן צוּגֶענוּמֶען זַיין גֶעלְט, אוּן דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי אִים גֶעוָואלְט הַרְגֶ׳עֶנֶען.

דֶער קֶענִיג הָאט זִיךְ גֶעוָואנְדְן צוּ זֵיי אוּן גֶעזָאגְט: ״עֶס אִיז אַ שָׁאד אַז אִיר זָאלְט מִיר הַרְגֶ׳נֶען וַוייל אִיר קֶענְט מַאכְן פוּן מִיר אַסַאךְ גֶעלְט, אִיךְ בִּין אַ גְרוֹיסֶער מוּמְחֶה אִין מַאכְן טֶעפִּיכֶער (קַארְפֶּעטְ׳ס), אִיךְ קֶען מַאכְן זֵייעֶר שֵׁיינֶע טֶעפִּיכֶער, אוּן דִי טֶעפִּיכֶער קֶענְט אִיר פַארְקוֹיפְן אוּן פוּן דֶעם מַאכְן אַסַאךְ גֶעלְט״, דֶער פְלַאן אִיז גֶעפָאלְן פַאר דִי רוֹיבֶּער׳ס אוּן זֵיי הָאבְּן אִים גֶעטְרָאגְן צוּ זֵייעֶר בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אוּן אִים גֶעבְּרֶענְגְט דִי זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט דֶערְפַאר, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ מַאכְן טֶעפִּיכֶער.

אִינְצְוִוישְׁן אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶע טוּמְל אִין שְׁטָאט אַז דֶער קֶענִיג אִיז פַארְלוֹירְן, מֶען הָאט אִים אַרוּם גֶעזוּכְט, אָבֶער מֶען הָאט אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן, וִוי דֶער עֶרְד וָואלְט אִים אַיינְגֶעשְׁלִינְגֶען.

וֶוען דֶער קֶענִיג הָאט גֶעעֶנְדִיגְט מַאכְן דֶעם עֶרְשְׁטְן טֶעפִּיךְ, הָאט עֶר אוּנְטֶערְגֶעשְׁרִיבְּן אִין דֶער זַייט דִי עֶרְשְׁטֶע אוֹת פוּן זַיין נָאמֶען, עֶר הָאט גֶערוּפְן דִי רוֹיבֶּער׳ס אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: ״נֶעמְט׳ס דֶעם טֶעפִּיךְ אוּן גֵייט׳ס צוּ דֶעם אִידִישְׁן וַויין סוֹחֵר אוּן אִיר זָאלְט עֶס אִים פַארְקוֹיפְן נָאר פַאר גָאר טַייעֶר גֶעלְט, אִיר זָאלְט נִישְׁט מַסְכִּים זַיין עֶס צוּ פַארְקוֹיפְן פַאר אַ בִּילִיגֶערֶע פְּרַייז בְּשׁוּם אוֹפָן.

דֶער מֶענְטְשׁ צוּ וֶועם דֶער קֶענִיג הָאט גֶעשִׁיקְט אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס הָאט גֶעהַאנְדְלְט מִיט וַויין אוּן עֶר פְלֶעגְט צוּשְׁטֶעלְן דִי וַויין פַארְן קֶענִיג׳ס פַּאלַאץ, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גוּט מִיטְן קֶענִיג.

דִי רוֹיבֶּערְס זֶענֶען אַרוֹיס מִיט דֶעם טֶעפִּיךְ זֵיי הָאבְּן עֶס פְּרוּבִּירְט צוּ פַארְקוֹיפְן קוֹדֶם אוֹיף אַנְדֶערֶע פְלֶעצֶער אָבֶער קֵיינֶער הָאט עֶס נִישְׁט גֶעוָואלְט אָפְּקוֹיפְן פַאר אַזַא טַייעֶרֶע פְּרַייז וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען וֶוערְט אַזוֹיפִיל, בִּיז זַיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם וַויין סוֹחֵר אוּן הָאבְּן אִים

אָנגעטראָגן צו קויפן דעם טעפּיך פאר טייער געלט, דער סוחר האט זיך זייער געוואונדערט פארוואס זיי בעטן אזוי סאך געלט ער האט באטראכט דעם טעפּיך און באמערקט ווי אין די זייט איז אונטערגעשריבן די ערשטע אות פונעם קעניג׳ס נאמען ער האט שוין געהאט געהערט אז דער קעניג איז פארלוירן, איז אים איינגעפאלן אפשר האט דער טעפּיך עפּעס צו טוהן מיט דעם, ער האט געזאגט פאר די רויבער׳ס: "איך זעה אז דאס איז זייער א גוטע טעפּיך און איך בין גרייט עס אפּצוקויפן פאר טייער געלט און איך וויל אז איר זאלט מיר ברענגען נאך אסאך פון די סארט טעפּיכער.

די רויבער׳ס זענען צוריקגעגאנגען צו זייער געפאנגענעם, דער קעניג, און אים דערציילט אז זיי האבן מצליח געווען, דער ווײַן סוחר האט עס אפּגעקויפט פאר טייער געלט און ער דארף נאך פון די סארט, דער קעניג האט זיך געפרייט און אנגעהויבן צו מאכן נאך אסאך פון די טעפּיכער און יעדעס מאל האט ער אריין געשריבן נאך איין אות פון זיין נאמען.

עס איז נישט אריבער א לאנגע צייט און דער ווײַן סוחר האט געכאפּט וואס דא גייט פאר אז דער קעניג איז געפאנגען ביי די מענטשן וואס קומען אים פארקויפן די טעפּיכער, ער האט עס שנעל איבערגעגעבן פאר די פאליס און זיי זענען שטילערהייט נאכגעגאנגען די רויבער׳ס ביז מען האט געכאפּט זייער באהעלטעניש און דארט האבן זיי געטראפן דעם קעניג און אים באפרייט.

גלייך נאכדעם האט דער קעניג געלאזט רופן דעם ווײַן סוחר און זיך זייער שטארק באדאנקט פאר אים פארן ראטעווען זיין לעבן, און ער האט אים געפרעגט: "זאג מיר וואס איך קען דיר באצאלן פאר די גרויסע טובה וואס דו האסט מיר געטוהן אז דו האסט געראטעוועט מיין לעבן?"

דער ווײַן סוחר האט געענטפערט פארן קעניג: "איך דארף גארנישט, איך האב ברוך ה׳ פון אלעם גוטן, איין טובה וויל איך נאר בעטן פונעם קעניג אז איך זאל באקומען א "רשות-צעטל" אז ווען איך וויל קען איך אריינקומען אינעם קעניג׳ס פאלאץ, איך וועל קיינמאל נישט דארפן זיך איינמעלדן פון פאראויס.

דער קעניג האט מסכים געווען און אים געגעבן א צעטל אז ער און זיינע קינדער ביז אייביג קענען שטענדיג אריינקומען

## ~ איך וויל הערן דיין קול ~

דער מדרש זאגט (שמות רבה כא, ה) אז ווען די אידן האבן געהארעוועט שווער אין מצרים, די מצריים האבן זיי געפייניגט, האבן זיי אויפגעהויבן די אויגן צום אייבערשטן, און געשריגן צו אים, און דער אייבערשטער האט זיי געהאלפן און ארויסגענומען פון מצרים מיט זיין שטארקע האנט, אבער נאכדעם וואס זיי זענען ארויס, האבן זיי שוין נישט גערעדט צום אייבערשטן, און דער אייבערשטער האט דאך געוואלט הערן זייער קול נאכאמאל, וואס האט ער געטוהן? ער האט אנגערייצט פרעה אז ער זאל זיי נאכלויפן, און אזוי האבן זיי ווייטער געשריגן צום אייבערשטן.

זעהט מען פון דעם א געוואלדיגע התחזקות פאר יעדן איד, אז אלע צרות וואס א מענטש האט איז נאר ווייל דער אייבערשטער וויל הערן זיין קול, און ווי נאר ער וועט עפענען די מויל און רעדן צום אייבערשטן וועט ער געהאלפן ווערן.

און ווען א מענטש האט שכל און ישוב הדעת, קען ער זיך איינשפּארן אסאך צרות, ער הייבט שוין אן צו רעדן צום אייבערשטן, ער ווארט נישט ביז די צרות קומען, ער דאנקט און ער לויבט דעם אייבערשטן אויף די גוטע זאכן וואס ער האט, און אזוי דארף ער נישט באקומען קיין צרות צו עפענען זיין מויל צום אייבערשטן.

(שיחות מוהרא״ש חלק ט״ז ערך שביעי של פסח)

אין פאלאץ, און אפילו נאכדעם וואס דער קעניג וועט שטארבן וועלן זיי אייביג קענען אריינקומען אינעם קעניג׳ס פאלאץ ווען זיי ווילן ביי טאג צו ביינאכט.

יארן זענען אריבער, דער קעניג איז געשטארבן און זיין זון האט אים איבערגענומען, דער ווײַן סוחר איז אויך געשטארבן און זיין זוהן האט איבערגענומען די ווײַן געשעפט און אויך די רשות צעטל פונעם קעניג אריינצוגיין ווען ער וויל אין קעניג׳ס פאלאץ.

דער נייער קעניג האט זיך שוין נישט געהאלטן אזוי נאנט מיט דעם נייעם ווײַן סוחר אבער די מאמע פונעם קעניג האט זיך יא נאנט געהאלטן מיט די משפחה פונעם ווײַן סוחר וואס האט געראטעוועט איר מאן.

### פארטרייבן די אידן

דער נייער קעניג האט געהאט אן עצה-געבער א גרויסער רשע וואס האט זייער פיינט געהאט אידן, ער איז געווען א קריסט, אבער אזוי ווי יענע צייט האבן טערקיי געוואוינט נאר מוסלימענער און די מוסלימענער האבן פיינט די קריסטן, דערפאר האט זיך דער עצה-געבער פארשטעלט ווי א מוסלימענער ער האט נישט אויסגעזאגט אז ער איז א קריסט.

דער עצה-געבער פלעגט אייביג אנרעדן דעם קעניג קעגן אידן, ביז זיינע ווערטער האבן אנגעהויבן אריין צו גיין אינעם קעניג׳ס קאפּ, און ער האט אויך אנגעהויבן פיינט צו האבן אידן, ביז זיי האבן אפּגעמאכט צווישן זיך אז זיי גייען ארויסטרייבן אלע אידן פון איסטאנבול, זיי האבן אפּגעשמועסט אז זיי גייען דאס טוהן אינעם ערשטן טאג פסח אינדערפרי, מען וועט פלוצלינג אויסרופן אז אלע אידן מוזן שוין פארלאזן איסטאנבול און איבערלאזן זייער גאנצע פארמעגן, ווער עס וועט נישט פאלגן וועט מען הרג׳נען, דער עצה-געבער מיטן קעניג האבן זיך דאס שטילערהייט אפּגעשמועסט און נאר זיי ביידע האבן געוואוסט פון דעם.

### דער חלום פסח ביינאכט

יענעם סדר נאכט, א נאכט פאר מען האט געדארפט אויספירן די ביטערע גזירה, דער זון פונעם ווײַן סוחר גייט שלאפן נאכן סדר, און ער חלומ׳ט ווי זיין טאטע קומט צו אים און זאגט אים: "מיין

קִינְד זָאלְסְט ווִיסְן אַז עֶס הֶענְגְט אַ בִּיטֶערֶע גְזֵירָה אוֹיף דִי שְׁטָאט, דֶער קֶענִיג ווִיל מָארְגְן אַרוֹיסְטְרַייבְּן אַלֶע אִידְן, גֵיי שְׁנֶעל נֶעם דֶעם רְשׁוּת צֶעטְל וָואס דוּ הָאסְט אַרַיינְצוּגֵיין אִין קֶענִיג׳ס פַּאלַאץ, לוֹיף שְׁנֶעל צוּם פַּאלַאץ, קוֹדֶם זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ דִי מַאמֶע פוּנֶעם קֶענִיג, אוּן דֶערְצֵייל אִיר דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אוּן צוּזַאמֶען זָאלְט אִיר גֵיין צוּם קֶענִיג אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיי אִים עֶר זָאל אָפְּרוּפְן דִי גְזֵירָה, זָאלְסְט זָאגְן פַארְן קֶענִיג אַז עֶר זָאל ווִיסְן אַז זַיין עֵצָה-גֶעבֶּער מֵיינְט גָארְנִישְׁט זַיין טוֹבָה וַוייל עֶר אִיז בֶּאֱמֶת אַ בַּאהַאלְטֶענֶער קְרִיסְט, אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט שִׁיקְן סָאלְדַאטְן יֶעצְט אִינְמִיטְן דִי נַאכְט צוּ דֶעם עֵצָה-גֶעבֶּער וֶועט מֶען זֶעהן ווִי עֶר שְׁלָאפְט מִיט אַ גְרוֹיסְן צֵלֶם הֶעכֶער זַיין קָאפּ.

דֶער זוּן פוּנֶעם וַויין סוֹחֵר הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ עֶס אִיז דָאךְ נָאר אַ חָלוֹם, אוּן עֶר אִיז זִיךְ וַוייטֶער גֶעשְׁלָאפְן, אָבֶער וֶוען דֶער חָלוֹם הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶע׳חַזֶר׳ט אַסַאךְ מָאל הָאט עֶר זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן אוּן עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר גֵייט צוּם קֶענִיג.

גֶעזָאגְט אוּן גֶעטוּהן, עֶר הָאט גֶענוּמֶען דֶעם רְשׁוּת צֶעטְל אוּן עֶר אִיז גֶעלָאפְן צוּם קֶענִיג אִינְמִיטְן דִי נַאכְט, אוֹיפְן וֶועג צוּם פַּאלַאץ אִיז עֶר אַדוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען דִי הַכְנָסַת אוֹרְחִים אוּן עֶר הֶערְט אַרוֹיס פוּן פֶענְסְטֶער ווִי אֵיינֶער זִינְגְט מִיט אַ וֵויינֶעדִיגֶע קוֹל דֶעם פָּסוּק "לְעוֹשֵׂה נִפְלָאוֹת גְּדוֹלוֹת לְבַדּוֹ" אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, דֶער סוֹחֵר טְרַאכְט צוּ זִיךְ: "וֶוען דֶער אִיד זָאל ווִיסְן וָואסֶערֶע גְרוֹיסֶע נִסִים מִיר דַארְפְן יֶעצְט, וָואלְט עֶר זִיךְ גָארְנִישְׁט אַזוֹי אוּנְטֶער גֶעזִינְגֶען" אוּן עֶר אִיז זִיךְ וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען צוּם פַּאלַאץ.

דִי רְשׁוּת צֶעטְל וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט הָאט אִים גֶעעֶפֶענְט אַלֶע טִירְן אוּן טוֹיעֶרְן, קוֹדֶם אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי מַאמֶע פוּנֶעם קֶענִיג אַזוֹי ווִי זַיין טַאטֶע הָאט אִים גֶעהֵייסְן, עֶר הָאט אִיר אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן שְׁלָאף אוּן גֶעוֵויינְט פַאר אִיר זִי זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִי אִידְן, עֶר הָאט אִיז דֶערְצֵיילְט אַלֶעס וָואס זַיין טַאטֶע הָאט אִים גֶעזָאגְט אִין חָלוֹם, זִי - דִי מַאמֶע - וָואס הָאט שְׁטַארְק מַכִּיר טוֹבָה גֶעוֶוען פַאר דֶעם וַויין סוֹחֵר, הָאט אִים צוּגֶעזָאגְט אַז זִי וֶועט גֵיין מִיט אִים צוּם קֶענִיג אוּן אִים בֶּעטְן מְבַטֵל צוּ זַיין דִי שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירָה.

צוּזַאמֶען זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען צוּם קֶענִיג אוּן אִים אוֹיפְגֶעוֶועקְט, דִי מַאמֶע הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיי אִים אַז עֶר זָאל אָפְּרוּפְן דִי גְזֵירָה, דֶער אִיד דֶער וַויין סוֹחֵר הָאט נָאךְ צוּגֶעלֵייגְט אוּן גֶעזָאגְט צוּם קֶענִיג: "דֶער עֵצָה-גֶעבֶּער וָואס הָאט דִיר אַיינְגֶערֶעדְט אַז דִי אִידְן זֶענֶען נִישְׁט גוּט אִיז גָאר נִישְׁט קֵיין מוּסְלִימֶענֶער עֶר אִיז אַ בַּאהַאלְטֶענֶער קְרִיסְט אוּן אוֹיבּ דוּ וֶועסְט יֶעצְט שִׁיקְן מִילִיטֶער צוּ זַיין הוֹיז וֶועט מֶען זֶעהן ווִי עֶר שְׁלָאפְט מִיט אַ גְרוֹיסֶע צֵלֶם הֶעכֶער זִיךְ.

דָאס הָאט שוֹין זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט דֶעם קֶענִיג, "דֶער עֵצָה-גֶעבֶּער אוֹיף וֶועם עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק פַארְלָאזְט אִיז גָאר אַ בַּאהַאלְטֶענֶער קְרִיסְט?!" עֶר הָאט גְלַייךְ גֶעשִׁיקְט סָאלְדַאטְן צוּ דֶעם עֵצָה-גֶעבֶּער׳ס הוֹיז צוּ זֶעהן אוֹיבּ עֶס אִיז אֱמֶת, אוּן וֶוען דִי סָאלְדַאטְן זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין הוֹיז הָאבְּן זֵיי טַאקֶע גֶעזֶעהן ווִי עֶר שְׁלָאפְט מִיט אַ צֵלֶם, דָאס הָאט זֵיי אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיפְגֶערֶעגְט, וַוייל דִי מוּסְלִימֶענֶער הָאבְּן זֵייעֶר פַיינְט דִי קְרִיסְטְן, אַז זֵיי הָאבְּן אִים גְלַייךְ אַרָאפְּגֶעהַאקְט דֶעם קָאפּ נָאךְ אִינְמִיטְן שְׁלָאף, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דִי גְזֵירָה אִיז גְלַייךְ בָּטֵל גֶעוָוארְן, אוּן דֶער וַויין סוֹחֵר אִיז צוּרִיק אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען פְרֵיילִיכֶערְהֵייט.

אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים אִיז עֶר נָאכְאַמָאל דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען דִי הַכְנָסַת אוֹרְחִים אוּן עֶר הֶערְט ווִי דֶער אִיד זִינְגְט נָאךְ אַלְץ דֶעם פָּסוּק "לְעוֹשֵׂה נִפְלָאוֹת גְּדוֹלוֹת לְבַדּוֹ", אָבֶער דָאס מָאל מִיט אַ פְרֵיילִיכֶער נִיגוּן, עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען אִינְטֶערֶעסַאנְט דִי גַאנְצֶע זַאךְ, עֶר הָאט זִיךְ וַוייטֶער אַהֵיים שְׁפַּאצִירְט.

פֶּסַח אִינְדֶערְפְרִי וֶוען מֶען אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּהל, אִיז דֶער וַויין סוֹחֵר אַרוֹיף אוֹיפְ׳ן בִּימָה אוּן גֶעבֶּעטְן רְשׁוּת צוּ זָאגְן עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער, עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיט זֵיי גֶעטוּהן דִי נַאכְט, אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ צוּגֶעלֵייגְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט ווִי אַ אִיד זִינְגְט קוֹדֶם דֶעם פָּסוּק "לְעוֹשֵׂה נִפְלָאוֹת גְּדוֹלוֹת לְבַדּוֹ" מִיט אַ וֵויינֶעדִיגֶע נִיגוּן אוּן דֶערְנָאךְ מִיט אַ לֶעבֶּעדִיגֶע נִיגוּן.

וֶוען מֶען הָאט זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט אִיז מֶען גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב, אוּן אַזוֹי אִיז זַיין הֵיילִיגֶע נָאמֶען פַארְשְׁפְּרֵייט גֶעוָוארְן בַּיי דִי אִידְן אִין אִינְסְטַאנְבּוּל.

## אַ שְׁטוּרֶעם ווִינְד אוֹיפְן יַם

נָאךְ דִי עֶרְשְׁטֶע טֶעג יוֹם טוֹב הָאבְּן דִי פָּאר-פָאלְק זִיךְ גֶעזֶעגְנְט פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "מִיט וָואס קֶענֶען מִיר אֵייךְ בַּאצָאלְן פַאר דִי בְּרָכָה וָואס אִיר הָאט אוּנְז אָנְגֶעוואוּנְטְשְׁן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן קִינְדֶער?" דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט זֵיי גֶעזָאגְט אַז עֶר דַארְף גָארְנִישְׁט, נָאר אַז זֵיי זָאלְן אִים קוֹיפְן דְרֵיי זִיצְן אוֹיף אַ שִׁיף צוּ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעפְרֵיידְט דָאס צוּ טוּהן אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעטְרָאפְן אַ שִׁיף וָואס פָארְט אִין חוֹל הַמוֹעֵד צוּ דִי שְׁטָאט יַפוֹ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זֵיי הָאבְּן גְלַייךְ גֶעדוּנְגֶען דְרֵיי פְּלֶעצֶער פַארְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, פַאר זַיין טָאכְטֶער אָדְל אוּן פַאר דֶעם סוֹפֵר רֶבִּי צְבִי.

חוֹל הַמוֹעֵד זֶענֶען זֵיי דְרֵיי אַרוֹיף אוֹיפְ׳ן שִׁיף אִין אָנְגֶעהוֹיבְּן פָארְן אוֹיפְן וֶועג צוּ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִינְמִיטְן וֶועג הָאט דֶער יַם אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ צוּ וַוארְפְן אוּן שְׁטוּרִימֶען, עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ גֶעפֶערְלִיכֶע שְׁטוּרֶעם ווִינְד אוּן עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶעהן אַז דִי שִׁיף וֶועט זִיךְ צוּבְּרֶעכְן אוּן אַלֶע וֶועלְן אַרַיינְפַאלְן אִין יַם, דֶער קַאפִּיטַאן הָאט גֶעהֵייסְן פַאר יֶעדְן אַרַיינְצוּוַוארְפְן אַלֶע פֶּעקְלֶעךְ אִין יַם גְרִינְגֶער צוּ מַאכְן דֶעם שִׁיף אָבֶער עֶס הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן, דִי שִׁיף הָאט גֶעהַאלְטְן בַּיים אַיינְזִינְקֶען.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעוואוּסְט אַז דֶער שְׁטוּרֶעם ווִינְד אִיז צוּלִיבּ אִים, אוּן אַז עֶר הָאט צְוֵויי בְּרֵירוֹת, אָדֶער אַרַיין צוּ וַוארְפְן אִין יַם זַיינֶע הֵיילִיגֶע שְׁרִיפְטְן וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט מִיט זִיךְ, (עֶס אִיז דָא וָואס זָאגְן אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער סֵפֶר תְּהִלִים גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ דָוִד הַמֶלֶךְ אַלֵיינְ׳ס, אוּן עֶס אִיז דָא וָואס זָאגְן אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען גֶעשְׁרִיבֶּענֶע תּוֹרוֹת וָואס דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט בַּאקוּמֶען פוּן אַ בַּאהַאלְטֶענֶעם צַדִיק רֶבִּי אָדָם בַּעַל שֵׁם) אָדֶער דַארְף זַיין טָאכְטֶער אָדְל אַרַיינְפַאלְן אִין יַם.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט עֶנְדֶערְשְׁט גֶעוָואלְט טוּהן דִי צְוֵייטֶע וֶועג, וַוייל עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז זַיין טָאכְטֶער אָדְל דִי צַדֶיקֶת וֶועט זִיכֶער גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן,

און אֶפְשָׁר אַזוֹי וֶועט עֶר קֶענֶען אָנְקוּמֶען קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אָבֶער אָדְל הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל עֶנְדֶערְשְׁט אַרַיינְוַואַרְפְן די הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס עֶר הָאט מִיט זִיךְ, וַוייל פוּן אִיר וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען אַ קִינְד וָואס וֶועט שְׁרַייבְּן שֶׁענֶערֶע אוּן בֶּעסֶערֶע סְפָרִים פוּן דֶעם, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּהן עֶר הָאט אַרַיינְגֶעוָוארְפְן די הֵיילִיגֶע שְׁרִיפְטְן, און דֶער יַם הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטִילְט, דָאס הָאט פַּאסִירְט אִין שְׁבִיעִי שֶׁל פֶּסַח און דֶעמָאלְט'ס זֶענֶען זֵיי גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן אַ זִיכֶערֶע טוֹיט.

דֶער קִינְד פוּן וָואס אָדְל הָאט גֶערֶעדְט, הָאט זִי גֶעמֵיינְט מִיט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וַוייל ווִי בַּאקַאנְט הָאט אָדְל גֶעהַאט צְוֵויי זוּהְן און אֵיין טָאכְטֶער, די צְוֵויי זוּהְן די צַדִיקִים רֶבִּי בָּרוּךְ פוּן מֶעזֶעבִּיזשׁ זי"עַ און רֶבִּי אֶפְרַיִם פוּן סְדִילְקוֹב זי"עַ דֶער בַּעַל דֶגֶל מַחֲנֶה אֶפְרַיִם הָאבְּן בֵּיידֶע נִישְׁט אִיבֶּער גֶעלָאזְט צוּפִיל סְפָרִים אָבֶער די טָאכְטֶער פֵיגָא הָאט גֶעבּוֹירְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס הָאט אִיבֶּער גֶעלָאזְט אַסַאךְ סְפָרִים, וואוּנְדֶערְלִיכֶע סְפָרִים וָואס בִּיז הַיינְט זֶענֶען זִיךְ נָאךְ אַלֶע אִידְן מְחַיֵ' מִיט דֶעם, און דָאס הָאט אָדְל גֶעמֵיינְט, און דֶערְפַאר פִירְן זִיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בְּרֶסְלַב'ע חֲסִידִים צוּ מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח, וַוייל דֶעמָאלְט'ס אִיז די צַדֶיקֶת אָדְל גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן און דוּרְךְ דֶעם אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן.

## גֶעפַאנְגֶען בַּיי די רוֹיבֶּערְס

די שְׁטוּרֶעם ווִינְד הָאט זִיךְ טַאקֶע אָפְּגֶעשְׁטִילְט אָבֶער די שִׁיף אִיז פַארְשְׁלֶעפְּט גֶעוָוארְן עֶרְגֶעץ בַּיי אַ בָּארְטְן פוּן אַן אִינְזְל, דָארְט אוֹיפְן אִינְזְל הָאבְּן גֶעוואוֹינְט רוֹיבֶּער'ס וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן פְרֶעסֶער'ס, אַזוֹי ווִי די רוֹיבֶּער'ס הָאבְּן גֶעזֶעהן ווִי אַ שִׁיף אִיז דָארְט אָנְגֶעקוּמֶען, זֶענֶען זֵיי גְלַייךְ אַרוֹיף אוֹיפְן שִׁיף און גֶעכַאפְּט אַלֶע מֶענְטְשְׁן, גֶעבִּינְדֶען הֶענְט און פִּיס, און גְלַייךְ גֶענוּמֶען זִיךְ אוֹיסְשַׁארְפְן די מֶעסֶער'ס צוּ שֶׁחְטְ'ן די מֶענְטְשְׁן און זֵיי אוֹיפְעֶסְן.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעלִיגְן אוֹיפְן פְלָאר גֶעבִּינְדֶען הֶענְט און פִּיס נֶעבְן זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי צְבִי דֶער סוֹפֵר וָואס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען גֶעבִּינְדֶען, רֶבִּי צְבִי פְרֶעגְט פוּן זַיין רֶבִּי'ן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב: "רֶבִּי וָואס טוּעֶן מִיר דָא? ווִי אַזוֹי גֵייעֶן מִיר אַרוֹיס פוּן דָא?", דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ וֵוייס נִישְׁט, אִיךְ גֶעדֶענְקְ גָארְנִישְׁט, אֶפְשָׁר גֶעדֶענְקְסְטוּ עֶפֶּעס?" רֶבִּי צְבִי הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ גֶעדֶענְק אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, נָאר די אַלֶף-בֵּית גֶעדֶענְק אִיךְ", דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים גֶעזָאגְט: "זֵייעֶר גוּט, הֵייבּ אָן צוּ זָאגְן די א-ב" רֶבִּי צְבִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זָאגְן און דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט נָאכְגֶעזָאגְט יֶעדֶע אוֹת.

וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט די א-ב הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב צוּרִיק אַלֶעס דֶערְמַאנְט, און עֶר הָאט גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זֵיי אַרוֹיסְרַאטֶעוֶוען, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז מֶען הָאט גֶעהֶערְט הוֹיךְ פַּייפְן פוּן שִׁיפְן וָואס קוּמֶען אָן, אָדֶער פַּייפְן פוּן רַייטֶער'ס וָואס קוּמֶען צוּ פָארְן, וֶוען די מֶענְטְשְׁן פְרֶעסֶער'ס הָאבְּן דָאס גֶעהֶערְט הָאבְּן זֵיי זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן, און אַנְטְלָאפְן פוּן דָארְט, און אַזוֹי זֶענֶען זֵיי די צְוֵוייטֶע מָאל גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן טוֹיט.

## די סוֹד פוּן די אוֹתִיוֹת

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר ווִי אַזוֹי זֵיי זֶענֶען גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן דוּרְךְ די אוֹתִיוֹת, וַוייל אַלֶע וֶוערְטֶער זֶענֶען דָאךְ צוּזַאם גֶעשְׁטֶעלְט פוּן אוֹתִיוֹת, און דָאס אִיז די עֵצָה פַאר אַ יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם אַז מֶען זָאל רֶעדְן וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף און אַזוֹי וֶועט מֶען זִיכֶער גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

און אוֹיבּ וֵוייסְט מֶען נִישְׁט וָואס צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען נִיצְן די אוֹתִיוֹת דוּרְךְ דֶעם צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען גֵייט לוֹיט די א-ב, לְמָשָׁל: א – אוֹיגְן, מֶען זָאל הָאבְּן הֵיילִיגֶע אוֹיגְן, די אוֹיגְן זָאל נִישְׁט וֵויי טוּהן, אֱמוּנָה – מֶען זָאל הָאבְּן אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, אוֹרְחִים – מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין אַרַיינְצוּנֶעמֶען אוֹרְחִים, ב' – בָּנִים, מֶען זָאל הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, ג' – גֶעלְט מֶען זָאל הָאבְּן אַסַאךְ גֶעלְט גְרִינְגֶערְהֵייט, און אַזוֹי וַוייטֶער בֶּעהט יֶעדֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן די זַאכְן וָואס מֶען דַארְף לוֹיט די א-ב.

## צוּרִיק אַהֵיים

וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעזֶעהן וָואס עֶס אִיז גֶעשֶׁעהן, און עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז די גַאנְצֶע שְׁטוּרֶעם ווִינְד אִיז נָאר גֶעשֶׁעהן וֶועגְן אִים, הָאט עֶר אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר גֵייט צוּרִיק אַהֵיים פַארְן, עֶס זֶעהט אוֹיס אַז עֶס אִיז נָאךְ נִישְׁט גֶעקוּמֶען די רִיכְטִיגֶע צַייט, און עֶר דַארְף זִיךְ נִישְׁט עַקְשְׁ'ענֶען יֶעצְט צוּ גֵיין אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זֵיי זֶענֶען צוּרִיק אַרוֹיף אוֹיפְן שִׁיף, עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע ווִינְד וָואס הָאט זֵיי גְלַייךְ גֶעטְרָאגְן צוּרִיק אוֹיף טֶערְקַיי און בִּיז עֶטְלִיכֶע שָׁעָה זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען צוּרִיק אִין טֶערְקַיי, פוּן דָארְט אִיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אַהֵיים גֶעפָארְן, און עֶר אִיז מֶער נִישְׁט גֶעפָארְן אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

## שְׁלוֹם

דֶער גְרוֹיסֶער נֵס אִיז גֶעשֶׁעהן אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח, און אַלְץ זֵכֶר צוּ דֶעם מַאכְן אַלֶע חֲסִידִישֶׁע אִידְן אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה אִים אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח און מֶען פְרֵיידְט זִיךְ צוּם גְרוֹיסְן נֵס, און מֶען רוּפְט די סְעוּדָה "דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב'ס סְעוּדָה", אַנְדֶערֶע רוּפְן דָאס "מָשִׁיחַ'ס סְעוּדָה", וַוייל דֶער הֵיילִיגֶע בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן דוּרְךְ די א-ב וָואס דָאס נִיצְט מֶען צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט, און דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז מָשִׁיחַ וֶועט אַיינְנֶעמֶען די גַאנְצֶע וֶועלְט דוּרְךְ תְּפִלָּה, אַז עֶר וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר יֶעדְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר וֶוערְט עֶס אָנְגֶערוּפְן מָשִׁיחַ'ס סְעוּדָה, וַוייל דָאס וֶועט מָשִׁיחַ אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר די גַאנְצֶע וֶועלְט, און ווִי וואוֹיל און ווִי גוּט אִיז פַאר דֶעם וָואס טוּט שׁוֹין יֶעצְט דָאס וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען, עֶר רֶעדְט שׁוֹין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט אִים זִיכֶער גוּט זַיין אוֹיף די וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

~~~

צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון
פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com
~~~

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות.................7:28
סוף זמן קר"ש.....................8:51
מוצש"ק.................................9:00

**שיעורים כסדרן**
בבלי..........................ביצה כ"ז
ירושלמי......................ברכות ג'
תוספתא.............אהלות פרק ה'

פרשת קדושים, מברכים חודש אייר, כ"ו ניסן, שנת תשע"ד לפ"ק
שנה 3, גליון 34 (134)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**לֹא תִקֹּם וְלֹא תִטֹּר אֶת בְּנֵי עַמֶּךָ וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ אֲנִי ה'.** דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קס"ה) אַז **"רֵעֲךָ"** אִיז אוֹיךְ אַ לָשׁוֹן פוּן רַע - שְׁלֶעכְט. אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר'ן מֶענְטְשׁ: **וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ** - דוּ זָאלְסְט לִיבּ הָאבְּן דִי שְׁלֶעכְטְס וָואס קוּמְט אוֹיף דִיר. וַוייל, **כָּמוֹךָ** - אַזוֹי וִוי דוּ פִירְסְט זִיךְ אוֹיף. **אֲנִי ה'** - בִּין אִיךְ דֶער בַּעַל הָרַחֲמִים, אִיךְ גֵיי מִיט דִיר מִיט גְרוֹיס רַחֲמָנוּת.

אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַסַאךְ מָאל פוּל מִיט טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְוָואס אַלֶעס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶר ווִיל, אָבֶּער עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז בֶּאֱמֶת הָאט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין אוּן עֶס וָואלְט אִים גֶעקוּמֶען פַאר דֶעם הַארְבֶּע עוֹנָשִׁים, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף אִים מַאכְט עֶר אַז עֶס זָאל נִישְׁט גֵיין גוּט פַאר'ן מֶענְטְשׁ מִיט עֶטְלִיכֶע קְלֵיינִיקַייטְן אוּן מִיט דֶעם קוּמְט עֶר אַלֶעס אָפּ, אַנְשְׁטָאט צוּ דַארְפְן לַיידְן אַסַאךְ צָרוֹת רח"ל.

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז כָאטְשׁ עֶס זֶעהט אוֹיס וִוי דֶער רֶבִּי גֵייט דָא אַוֶועק פוּנֶעם פָּשׁוּט'ן פְּשַׁט אִין פָּסוּק, אִיז אָבֶּער בֶּאֱמֶת דֶער פְּשַׁט אוֹיךְ גֶעבִּינְדֶען מִיטְן פָּשׁוּט'ן פְּשַׁט אַז מֶען דַארְף לִיבּ הָאבְּן אַ חַבֵר פוּנְקְט וִוי זִיךְ אַלֵיין.

פוּן וָואס לַיידְט אַ מֶענְטְשׁ צָרוֹת? בְּעִיקָר אִיז עֶס פוּן חֲבֵרִים אוּן נָאנְטֶע, פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוערְט אַ מֶענְטְשׁ בְּרוֹגֶז אוֹיף זֵיי אוּן עֶר ווִיל נָאר נְקָמָה נֶעמֶען פוּן זֵיי אוּן זֵיי צוּרִיק גֶעבְּן טָאפְּלְט פוּן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעטוּהן. אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעדֶענְקְט אוּן וֵוייסְט אַז אַלֶע צָרוֹת שִׁיקְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט גְרוֹיס רַחֲמָנוּת, אוּן אַלֶעס הָאט אַ פוּנְקְטְלִיכֶע חֶשְׁבּוֹן, דַאן וֵוייסְט עֶר אַז דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס מַאכְן אִים קָאפּ וֵוייטָאג זֶענֶען אוֹיךְ נָאר שְׁלוּחִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר דַארְף נִישְׁט פוּן זֵיי נְקָמָה נֶעמֶען, נָאר עֶר דַארְף צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן תְּשׁוּבָה טוּהן, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **לֹא תִקֹּם וְלֹא תִטֹּר אֶת בְּנֵי עַמֶּךָ**, זָאלְסְט נִישְׁט נְקָמָה נֶעמֶען פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן דִיר גֶעטוּהן שְׁלֶעכְטְס, וַוייל דוּ

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ דִי סְפִירָה טֶעג ~

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן מִצְרַיִם אוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח, דִי אִידְן זֶענֶען גֶעוֶוען דֶעמָאלְט פַארְזִינְקֶען אִין דִי נַיין אוּן פֶערְצִיג שַׁעֲרֵי טוּמְאָה, אוּן אִין דִי לֶעצְטֶע מִינוּט הָאט זֵיי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם. אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט גֶעקֶענְט מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, זֵיי הָאבְּן קוֹדֶם גֶעצֵיילְט סְפִירָה זִיבְּן וָואכְן אוּן דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חִיזוּק אוּן וֶועג-וַוייזֶער פַאר יֶעדְן אִיד, וִוי אַזוֹי אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן, יֶעדֶער אִיד ווִיל בֶּאֱמֶת זַיין וואוֹיל אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר דֶער יֵצֶר הָרַע רֶעדְט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ טוּהן עֲבֵירוֹת, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ פַאלְט דוּרְךְ, קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרַע אוּן עֶר צוּבְּרֶעכְט אִים "דוּ בִּיזְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְט, דוּ וֶועסְט שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין". אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ אוּן עֶר קוּמְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פְּרוּבִּירְט דֶער יֵצֶר הָרַע נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל צוּ צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ, בִּיז עֶר אִיז לַיידֶער מַצְלִיחַ אַסַאךְ מָאל צוּ מְיַיאֵשׁ זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל אַוֶועקְגֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר קֶען מֶען נֶעמֶען אַ גְרוֹיסֶע חִיזוּק פוּן דִי סְפִירָה טֶעג, אַז אֲפִילוּ וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען שׁוֹין אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, זֶענֶען זֵיי נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען גְלַייךְ צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה, זֵיי הָאבְּן קוֹדֶם גֶעדַארְפְט דוּרְכְגֵיין דִי סְפִירָה טֶעג, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדְן אִיד, אֲפִילוּ וֶוען עֶר ווִיל שׁוֹין אַרוֹיסְגֵיין

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

דַארְפְסְט גֶעדֶענְקֶן אַז, **וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ**, זָאלְסְט לִיבּ הָאבְּן דִי שְׁלֶעכְטְס וָואס דוּ מֶענְטְשְׁן גֶעבְּן דִיר, וַוייל, **כָּמוֹךָ**, אַזוֹי וִוי דוּ פִּירְסְט זִיךְ אוֹיף, **אֲנִי ה'**, גֵייט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאךְ מִיט רַחֲמָנוּת, אוּן אֵיינְמָאל דוּ וֶועסְט גֶעדֶענְקֶן אַז אַלֶעם קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועסְטוּ קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין אוֹיךְ דִי פָּשׁוּט'עֶ פְּשַׁט אִין פָּסוּק צוּ לִיבּ הָאבְּן דֶעם חַבֵר פּוּנְקְט וִוי זִיךְ אַלֵיין, וַוייל דוּ וֶועסְט גֶעדֶענְקֶן אַז זֵיי זֶענֶען נָאר שְׁלוּחִים פוּן בַּאשֶׁעפֶער.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים תשס"א לפ"ק)

***

**וְכִי יָגוּר אִתְּךָ גֵּר בְּאַרְצְכֶם לֹא תוֹנוּ אֹתוֹ**, מוֹהַרְאָ"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט אוּנְז מְרַמֵּז זַיין דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סי' נ"א): "דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר, אַז דִי וֶועלְט זָאל אַייךְ נִישְׁט נַארְן, וַוייל דִי וֶועלְט נַארְט זֵייעֶר", אַ מֶענְטְשׁ נַארְט זִיךְ אַז עֶר וֶועט דָא בְּלַייבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיף אֵייבִּיג, אוּן עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז דִי יָארְן לוֹיפְן, אוּן אָט דַארְף מֶען שׁוֹין צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אַרַיינְכַאפְּן אוֹיף דִי וֶועלְט וִוי מֶער מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וְכִי יָגוּר אִתְּךָ גֵּר בְּאַרְצְכֶם לֹא תוֹנוּ אֹתוֹ**, דִי נְשָׁמָה אִיז וִוי אַ גֵר דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן דֶער פָּסוּק וָוארְנְט אוּנְז מִיר זָאלְן נִישְׁט אָפְּנַארְן דִי נְשָׁמָה.

רַשִׁ"י זָאגְט אוֹיף דֶעם פָּסוּק, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט זָאגְן פַארְן גֵר, "נֶעכְטְן הָאסְטוּ גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה, אוּן הַיינְט קוּמְסְטוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?"

דָאס אִיז אוּנְז מְרַמֵּז אַז מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צוּבְּרֶעכְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס זָאגְט: "וִוי אַזוֹי קֶענְסְטוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, וֶוען נֶעכְטְן הָאסְטוּ גֶעטוּהן גְרוֹיסֶע עֲבֵירוֹת?" וַוייל דֶער אֱמֶת אִיז אַז אַ אִיד קֶען שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהן בִּיז יֶעצְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה קְדוֹשִׁים ז)

# שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

פוּן זַיין אֵייגֶענֶע מִצְרַיִם, עֶר מַאכְט אָפּ: "דָאס אִיז עֶס, פוּן יֶעצְט וֶועל אִיךְ שׁוֹין זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד". קוּמְט מֶען נָאכְנִישְׁט גְלַייךְ אָן דֶערְצוּ, עֶס דַארְף קוֹדֶם אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף אִים דִי סְפִירָה טֶעג, אֵיין טָאג "חֶסֶד שֶׁבִּגְבוּרָה", אֵיין טָאג "גְבוּרָה שֶׁבִּגְבוּרָה", דָאס מֵיינְט אַז יֶעדְן טָאג דְרֵייעֶן זִיךְ אַרִיבֶּער אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אַלֶע מִינֵי מַצָּבִים אוּן שְׁוֶועריִקַייטְן בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ. צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר פְּרוּבִּירְט אַרַיינְצוּכַאפְּן וִויפִיל תּוֹרָה וּמִצְוֹת עֶר קֶען, וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אָנְקוּמֶען צוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה, עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען דִי תּוֹרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

(קוּנְטְרֵס סְפִירַת הָעוֹמֶר)

## אַ גֶעצֵיילְטֶער טָאג

נָאךְ אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ לֶערְנֶען מִיר פוּן דִי סְפִירָה טֶעג, אַז פַאר מֶען גֵייט מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה אוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, דַארְף מֶען קוֹדֶם צֵיילְן דִי טֶעג, דָאס לֶערְנְט אוּנְז אַז יֶעדֶער טָאג אִיז אַ גֶעצֵיילְטֶער טָאג, אַ וִויכְטִיגֶער טָאג, יֶעדְן טָאג קֶען מֶען גוּט אוֹיסְנִיצְן מִיט גוּטֶע זַאכְן.

דִי גְמָרָא זָאגְט (פְּסָחִים ד) "מִקְצַת הַיּוֹם כְּכֻלּוֹ", אַ חֵלֶק פוּנֶעם טָאג אִיז אַזוֹי וִוי אַ גַאנְצֶע טָאג, מִמֵּילָא אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען רוֹב טָאג, אוּן מֶען גֶעבְּט זִיךְ אַ קוּק אָן וִוי אַזוֹי דֶער טָאג אִיז אַרִיבֶּער מִיט גָארְנִישְׁט, טָאר מֶען נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן אוֹיף דֶעם טָאג אוּן טְרַאכְטְן "דִי הַיינְטִיגֶע טָאג אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ, מָארְגְן וֶועל אִיךְ פְּרוּבִּירְן אַרַיין צוּ כַאפְּן גוּטֶע זַאכְן, מָארְגְן וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען, מָארְגְן וֶועל אִיךְ דַאוֶוענֶען", וַוייל אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶס אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן נָאר עֶטְלִיכֶע מִינוּט פוּנֶעם טָאג, קֶען מֶען נָאךְ פַארֶעכְטְן דֶעם גַאנְצְן טָאג, אוֹיבּ וֶועט מֶען אוֹיסְנִיצְן דִי עֶטְלִיכֶע מִינוּט וָואס עֶס אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל תּוֹרָה, צוּ טוּהן עֶפֶּעס מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, וֶועט מֶען מִיט דֶעם אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם גַאנְצְן טָאג.

דָאס לֶערְנֶען מִיר פוּן דִי סְפִירָה טֶעג, יֶעדֶער טָאג אִיז אַ גֶעצֵיילְטֶער טָאג, אוּן וֶוען מֶען וֶועט אָנְהֵייבְּן פוּן יֶעצְט אוֹיסְצוּנִיצְן יֶעדְן טָאג וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וֶועט מֶען קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת.

(קוּנְטְרֵס יְמֵי הַסְּפִירָה)

## יֶעדֶער צֵיילְט פַאר זִיךְ אַלֵיין

חֲזַ"ל זָאגְן אוֹיפְן פָּסוּק וּסְפַרְתֶּם לָכֶם - לְעַצְמְכֶם. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף צֵיילְן סְפִירָה פַאר זִיךְ אַלֵיין. דָאס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען אַז דִי אַלֶע הִתְחַזְקוּת וָואס מֶען קֶען אַרוֹיסְלֶערְנֶען פוּן דִי סְפִירָה טֶעג, דָאס אַלֶעס דַארְף מֶען טוּהן פַאר זִיךְ אַלֵיין אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן.

אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דָא אַ יֵצֶר הָרַע וָואס רֶעדְט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיז דָא אַ פַארְקֶערְטֶע יֵצֶר הָרַע וָואס רֶעדְט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן זֶעהְן וִוי אַזוֹי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַזַא שְׁטַארְקַייט אוּן בְּרֶען, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל בַּאקוּמֶען חֲלִישַׁת הַדַּעַת פוּן דֶעם, "יֶענֶער אִיז אַזוֹי וואויל אוּן גוּט, אוּן אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט בַּאוַוייזְן". אוֹיבְן אוֹיף זֶעהְט דָאס אוֹיס וִוי עֲנָוָה, דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ קְלֵיין אַז עֶר קֶען נִישְׁט אַזוֹי גוּט. אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס גַאֲוָה, דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס אַז אִים פַּאסְט נִישְׁט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁטַאפְּל וואו עֶר הַאלְט, עֶר וֶועט נָאר זַיין צוּפְרִידְן אוֹיבּ עֶר קֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ שְׁטַאפְּל פּוּנְקְט וִוי זַיין חַבֵר.

אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לֵייגְט יֶעדְן מֶענְטְשׁ אַרַיין אִין אַן אַנְדֶערֶע מַצָּב, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל זֶעהְן וִוי אַזוֹי דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן לוֹיט זַיין שְׁטַאפְּל אוּן לוֹיט זַיינֶע מֶעגְלִיכְקֵייטְן אוּן

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

אוּמְשְׁטֶענְדְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ בַּאזוּנְדֶערֶע סָארְט נַחַת רוּחַ פוּן יֶעדְן אִיד בַּאזוּנְדֶער, אוּן מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, סַיי אוֹיף אֵיינֶעם וָואס אִיז עֶרְגֶער אוּן סַיי אוֹיף אֵיינֶעם וָואס אִיז בֶּעסֶער.

דֶערְפַאר טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן אַ צְוֵוייטְן, שְׁטֶענְדִיג דַארְף מֶען קוּקְן נָאר אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, אוּן זֶעהְן וָואס מֶען קֶען טוּהְן עֶפֶּעס אַ נַחַת רוּחַ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק "אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם" אַז אַבְרָהָם הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דֶעם אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער אַלֵיין, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן. אוּן דָאס דַארְף יֶעדֶער אִיד נָאכְמַאכְן אוּן נָאר קוּקְן אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן דֶעם וָואס מֶען זֶעהט אַז אַ צְוֵוייטֶער אִיז מֶער מַצְלִיחַ.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חָכָם מִיטְן תָּם, אַז דֶער תָּם אִיז גֶעוֶוען אַ שׁוּסְטֶער אוּן עֶר פְּלֶעגְט מַאכְן שִׁיךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן, אָבֶּער עֶר פְלֶעגְט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דִי שִׁיךְ וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט, עֶר פְלֶעגְט זֵייעֶר אוֹיסְלוֹיבְּן זַיינֶע שִׁיךְ אַז זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר שֵׁיינֶע שִׁיךְ. וֶוען זַיין ווַייבּ הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אַז אוֹיבּ עֶר מַאכְט יָא אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע שִׁיךְ, דַאן פַארְוָואס קֶען עֶר נִישְׁט בֶּעטְן דֶערְפַאר דִי זֶעלְבֶּע גֶעלְט וָואס דִי אַנְדֶערֶע שׁוּסְטֶערְס בֶּעטְן פַאר זֵייעֶרֶע שִׁיךְ? הָאט דֶער תָּם גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס הָאט דָאס מִיט מִיר? דָאס אִיז יֶענֶעמְ'ס מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה. אוּן פַארְוָואס דַארְף אִיךְ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן? לָאמִיר אַלֵיין מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן וִויפִיל הָאט מִיר גֶעקָאסְט צוּ מַאכְן דִי שִׁיךְ, אוּן וִויפִיל אִיךְ פַארְדִין אוֹיף דֶעם, אוּן מִיט דֶעם פְרֵיי אִיךְ זִיךְ, אוּן עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט וִויפִיל אַ צְוֵוייטֶער מַאכְט אוֹיף זַיינֶע שִׁיךְ".

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי מַעֲשֶׂה, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אוּן אוֹיבּ דֶער דַאוֶוענֶען אִיז נִישְׁט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין אִיז עֶס וִוי אַ שׁוּכֶעלֶע מִיט דְרֵיי עֶקְן". דָאס מֵיינְט אַז מִיר דַארְפְן פְּרוּבִּירְן צוּ גֵיין אִין דִי הֵיילִיגֶע וֶועגְן פוּן דֶעם תָּם, אוּן אֲפִילוּ וֶוען דִי תּוֹרָה וּתְפִלָּה זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, זָאל מֶען זִיךְ אָבֶּער פְרֵייעֶן דֶערְמִיט. אוּן אַנְשְׁטָאט צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן וָואס קֶען בֶּעסֶער, זָאל מֶען קוּקְן אוֹיף וָואס מֶען פַארְדִינְט אַלֵיין פוּן דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס מֶען טוּט, אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, אוּן דַאן וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן וֶוערְן נָאךְ בֶּעסֶער.

וָואוּיל אִיז דֶעם וָואס נוּצְט אוֹיס דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן סְפִירָה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין עֲבוֹדַת ה', וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת, פֶּסַח, ה"ט אוֹת כ"ב)

# הדרן עלך
# ש"ס ירושלמי!

## מען הייבט נאכאמאל אן תלמוד ירושלמי

עס איז גרויס די פרייד ביי אלע אנשי שלומינו אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף האט מען יעצט געענדיגט נאכאמאל גאנץ ש"ס ירושלמי לויטן טעגליכן סדר, און מען הייבט יעצט נאכאמאל אן פון אנהויב ירושלמי.

שוין אסאך יארן וואס עס איז איינגעפירט ביי אנשי שלומינו צו לערנען יעדן טאג א דף גמרא פון תלמוד בבלי און א דף פון תלמוד ירושלמי און א פרק תוספתא, אזוי ווי עס איז געדרוקט אין די לוח ברסלב. און מיט דעם בויעט מען זיך אויף א גאנצע בי"ת - ב'בלי י'רושלמי ת'וספתא.

מען זעהט אז בגשמיות זוכט יעדער צו האבן א שיינע געשמאקע גרויסע הויז פאר זיך און פאר די משפחה מיט ישוב הדעת, און אזוי זאגן חז"ל (סוכה נ"ז:) אז א דירה נאה איז איינס פון די זאכן וואס זענען מרחיבין דעתו של אדם. און אויב אזוי דארף דאך א מענטש זיכער זוכן צו האבן א שיינע גוטע הויז אויך אויף יענע וועלט, וואס דאס בלייבט אויף אייביג.

מיט דעם וואס מען לערנט יעדן טאג בבלי ירושלמי און תוספתא, און מען גייט עס איבער איין מאל און נאכאמאל, מיט דעם בויעט מען זיך אויף א שיינע הערליכע געשמאקע הויז אויף יענע וועלט, וואס דאס בלייבט פארן מענטש אויף אייביג.

מען זעהט ליידער מענטשן וואס עס קען זיי דורכגיין די גאנצע זיבעציג יאר און זיי האבן נישט זוכה געווען אפילו נאר איינמאל דורך צו גיין און ענדיגן בבלי ירושלמי תוספתא, און זיי גייען אוועק פון די וועלט מיט גארנישט, און עס איז א גרויס רחמנות אויף זייערע נשמות. דערפאר דארף מען האבן שכל און זעהן אריינצוכאפן צו לערנען יעדן טאג כאטש איין דף בבלי און איין דף ירושלמי און א פרק תוספתא, און מיט דעם גרייט מען זיך אן גוטע שפעזן מיטצונעמען אויף יענע וועלט.

און בגשמיות קען מען אויך געהאלפן ווערן. עס האט אונז דערציילט א אינגערמאן אז ער האט זיך זייער געמוטשעט מיט א קליינע דירה, ער האט שוין לאנג געדארפט האבן א גרעסערע דירה אבער ער האט נישט געקענט טרעפן א פאסיגע דירה, און ער האט נישט געהאט די געלט פאר א נייע דירה.

ווען ער האט געהערט פון דעם אז מיטן לערנען ב'בלי י'רושלמי און ת'וספתא בויעט מען זיך א בי"ת, מען בויעט זיך אויף א הויז. האט ער עס אנגענומען בתמימות ופשיטות, ער האט מקבל געווען אויף זיך צו לערנען יעדן טאג א דף גמרא פון בבלי און ירושלמי מיט א פרק תוספתא, און ער האט געבעטן דעם אייבערשטן אז אין דעם זכות זאל ער באקומען א נייע דירה.

עס איז נישט דורך קיין לאנגע צייט און דער אינגערמאן איז ברוך ה' געהאלפן געווארן, ער האט געטראפן א הערליכע גרויסע דירה פאר א גוטע פרייז, און ער האט זיך געקענט אריבערציען מיט הרחבת הדעת.

פארשטייט זיך אז ער האט שוין נישט אויפגעגעבן זיין גוטע אונטערנעמונג, נאר ער האט ווייטער ממשיך געווען צו לערנען יעדן טאג ב'בלי י'רושלמי און ת'וספתא.

יעצט ווען מען גייט אנהויבן א פרישע מחזור אין לימוד ירושלמי, איז די פאסיגסטע צייט זיך מיטצוכאפן, און אנהויבן מיטן סדר צו לערנען יעדן טאג א דף ירושלמי, און מיט דעם זיך איינקויפן אלע גוטע זאכן אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

**גדול יהיה כבוד הבי"ת הזה!**

# מִילֵי דְאָבוֹת

## פֶּערְל וֶוערְטֶער אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת

~~~

### פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ אִין יֶעדְן מַצָב

**כָּל יִשְׂרָאֵל יֵשׁ לָהֶם חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא.**

מֶען פִירְט זִיךְ צוּ זָאגְן דִי מִשְׁנָה פַארְן לֶערְנֶען פִּרְקֵי אָבוֹת, כָאטְשׁ עֶס אִיז אַ מִשְׁנָה אִין סַנְהֶדְרִין.

חֲזַ"ל זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה, נ"ב, ג') אַז אִין עוֹלָם הַבָּא הָאט יֶעדֶער צַדִיק אַ בַּאזוּנְדֶערֶע אָפְּטֵיילוּנְג. דָאס מֵיינְט אַז יֶעדֶער צַדִיק הָאט זִיךְ זַיין וֶועג וִוי אַזוֹי אָנְצוּקוּמֶען צוּם עוֹלָם הַבָּא, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע אוֹפְן.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט פִּרְקֵי אָבוֹת אוּן עֶר זֶעהט אַזוֹיפִיל עֵצוֹת אוּן גוּטֶע מִדוֹת וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים לֶערְנֶען אוּנְז, קֶען אִים שְׁוֶוער וֶוערְן, פַארְוָואס פֶעלְט אוֹיס צוּ הָאבְּן אַזוֹיפִיל סָארְט עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת. דֶערְפַאר זָאגְט מֶען דִי מִשְׁנָה, **כָּל יִשְׂרָאֵל יֵשׁ לָהֶם חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא**, יֶעדֶער אִיד הָאט אַ חֵלֶק אִין עוֹלָם הַבָּא, אוּן יֶעדֶער הָאט אַ בַּאזוּנְדֶערֶע חֵלֶק, יֶעדֶער הָאט אַ בַּאזוּנְדֶערֶע וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען הָאבְּן אַלֶע סָארְט עֵצוֹת, אַז עֶס זָאל זַיין גֶענוּג עֵצוֹת פַאר יֶעדְן סָארְט מֶענְטְשׁ, אַז עֶר זָאל אוֹיךְ קֶענֶען קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דֶער אֱמֶת אִיז אַז אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיין אִיז נִישְׁט אֵייבִּיג אוֹיף דִי זֶעלְבֶּע מַדְרֵיגָה, אַמָאל דַארְף עֶר דִי עֵצָה אוּן אַמָאל דַארְף עֶר יֶענֶע עֵצָה. דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען הָאבְּן אַלֶע סָארְט עֵצוֹת פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ אִין יֶעדְן מַצָב.

(חַסְדֵי אָבוֹת פֶּרֶק ג')

\*\*\*

### זֶעהן נָאר דִי גוּטְס

**וּקְנֵה לְךָ חָבֵר, וֶהֱוֵי דָן אֶת כָּל הָאָדָם לְכַף זְכוּת.**

עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן אַ חַבֵר מִיט וֶועם עֶר זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן אִינְאֵיינֶעם צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס קוּמְט אָן שְׁוֶוער, אֲפִילוּ וֶוען עֶס קָאסְט גֶעלְט, דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אוּן שַׁאפְן אַ חַבֵר מִיט וֶועם זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן. דֶערְפַאר זָאגְט דִי מִשְׁנָה "וּקְנֵה" לְךָ חָבֵר, מֶען דַארְף אֲפִילוּ קוֹיפְן אַ חַבֵר מִיט גֶעלְט.

אָבֶּער אוֹיב וִויל מֶען הָאבְּן אַ חַבֵר, דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן, **וֶהֱוֵי דָן אֶת כָּל הָאָדָם לְכַף זְכוּת**, מֶען דַארְף דַן זַיין יֶעדְן מֶענְטְשׁ לְכַף זְכוּת. וַוייל אוֹיב מֶען וֶועט נִישְׁט דַן זַיין דֶעם צְוֵוייטְן לְכַף זְכוּת וֶועט מֶען אֵייבִּיג טְרֶעפְן אִינֶעם חַבֵר זַאכְן וָואס טוֹיגְן נִישְׁט, מֶען וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין צוּפְרִידְן מִיט דֶעם חַבֵר.

אָבֶּער אוֹיב מֶען קוּקְט נָאר דִי גוּטֶע נְקוּדוֹת פוּן אַ צְוֵוייטְן, מֶען זֶעהט נָאר דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס דֶער צְוֵוייטֶער טוּט, דַאן קֶען מֶען הָאבְּן אַסַאךְ גוּטֶע חֲבֵרִים, זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן אִיבֶּער'חַזֶר'ן וָואס מֶען לֶערְנְט פוּנֶעם רֶבִּי'ן אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן וַוייטֶער אִינְאֵיינֶעם אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן.

(חַסְדֵי אָבוֹת)

# ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

## פיר יאר אפגעצייכנט צו די עפענונג פון "תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב"

אין די יעצטיגע טעג ווערט פיר יאר פון ווען מיר האבן געעפנט די תלמוד תורה אין וויליאמסבורג, "תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב". אין די לעצטע יארן, האט שוין די תלמוד תורה געהאט א ווייט גרייכנדע אפקלאנג, אלס א פלאץ וואו די קינדער ווערן נתחנך מיט תורה תפלה און יראת שמים על דרך ישראל סבא, מיט די אלע הייליגע עצות פון הייליגן רבי'ן, אויפן וועג ווי אזוי מוהרא"ש לערנט אונז.

הכרת פניהם ענתה בם. ווי עס זאגן עדות אלע עלטערן, זעהט מען אויף די קינדער א געוואלדיגע חן, אן איידלקייט און ערליכקייט וואס מען טרעפט נישט געווענליך. דאס קומט נאר פון די הייליגע תורה וואס די קינדער לערנען פלייסיג וואס די תורה איז אילת אהבים ויעלת חן, ובנוסף וואס די קינדער רעדן צום אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך. די קינדער זענען שטענדיג פארנומען צו דערציילן "מעשיות פון תפלה", זאכן וואס זיי האבן געבעטן דעם אייבערשטן און דער אייבערשטער האט זיי געהאלפן.

די הארץ ווערט איבערגענומען ווען מען הערט ווי די תמימות'דיגע קינדער, דערציילן ווי זיי בעטן דעם אייבערשטן בתמימות ופשיטות און ווי דער אייבערשטער העלפט זיי שטענדיג. עטליכע קינדער האבן דערציילט פארן מלמד נאך פסח, אז זיי האבן נישט געוואלט מוטשען זייערע עלטערן צו באקומען א גוטע אפיקומן, אנשטאט דעם מוטשען זיי ענדערשט דעם אייבערשטן, און דער אייבערשטער וועט זיי זיכער העלפן. ווען עס ווערט איינגעבאקן אין די יונגע הערצער צו לעבן מיטן אייבערשטן, וועט דאס מיטוואקסן מיט זיי אלע יארן, און זיי וועלן שוין קיינמאל נישט אוועקגיין פונעם אייבערשטן. אין יעדן מצב וואס זיי וועלן זיין, וועלן זיי וויסן אז זיי האבן זיך צו וועם צו ווענדן, דער אייבערשטער גייט מיט זיי שטענדיג, און ער וועט זיי קיינמאל נישט פארלאזן.

עס דערמאנט זיך די התחלה פון די תלמוד תורה, מיט פיר יאר צוריק ווען די חברי ההנהלה זענען געזיצן ביי מוהרא"ש חול המועד פסח תש"ע איבערצוגיין אלע דעטאלן איבער די תלמוד תורה, האט מוהרא"ש דערציילט דעמאלט וואס עס האט זיך אפגעשפילט אין וויליאמסבורג ווען מען האט געגרינדעט די ערשטע ברסלב'ע בית המדרש אין וויליאמסבורג.

בימים ההם איז ברסלב געווען א נייע זאך וואס ווייניג האט דערפון געהערט, און מען האט זיך זייער געמוטשעט מיט מנין, מאכט זיך אמאל אז דער גבאי פון בית המדרש האט זיך אויסגערעדט פאר מוהרא"ש - וואס איז נאך געווען דאן א יונגע איינגערמאן - אז מען מוטשעט זיך זייער מיט צוזאמשטעלן מנין יעדן שבת אין בית המדרש. האט מוהרא"ש זיך צושמייכלט און זיך אנגערופן, "זארגט נישט, דא אין וויליאמסבורג וועט נאך זיין א ברסלב'ע תלמוד תורה", און ווען עס איז דעמאלט אריבער געפארן דארט באסעס פון פארשידענע תלמוד תורה'ס, האט מוהרא"ש געזאגט, "דו זעהסט די באסעס? אזוי וועלן ארום פארן באסעס וואס וועט שטיין אויף זיי "תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב".

פאר דעם גבאי'ן איז דאס געווען ווי א ווילדער חלום, און ער האט זיך אנגערופן צו מוהרא"ש, "איר חלומ'ט בהקיץ", יעצט - האט מוהרא"ש אויסגעפירט - זעהט מען אז די חלום איז ברוך ה' מקוים געווארן.

מיטן אייבערשטנ'ס הילף האט זיך די תלמוד תורה גאר שטארק פארברייטערט און פארבעסערט במשך די לעצטע יארן, צו די צופרידענהייט פון אלע עלטערן.

**להגדיל תורה ולהאדירה!**


## סימן טוב ומזל טוב

מיר ווינטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **אליעזר הירשפעלד** הי"ו

**צו די געבורט פון זיין מיידעלע למז"ט**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון זיינע קינדער, דורות ישרים ומבורכים.




## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!

וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים

שנעל גוט און ביליג!

רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554

5554printing@gmail.com


**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**
~~~

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת אמור, ג' אייר, אבות פרק ב', שנת תשע"ד לפ"ק
שנה 3, גליון 35 (135)

**זמנים**
הדלקת הנרות.................**7:35**
סוף זמן קר"ש.................**8:46**
מוצש"ק.............................**9:07**

**שיעורים כסדרן**
בבלי..........................ביצה ל"ד
ירושלמי......................ברכות י'
תוספתא...........אהלות פרק י"ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**אֱמֹר אֶל הַכֹּהֲנִים בְּנֵי אַהֲרֹן וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם.** זָאגְט רַשִׁ"י: **אֱמֹר וְאָמַרְתָּ, לְהַזְהִיר גְּדוֹלִים עַל הַקְּטַנִּים.**

מוֹהַרָאַ"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רס"א) אַז אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַּאלְט פוּן זַיינֶע מַדְרֵגוֹת אִיז עֶס אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וַוייל אַזוֹי וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ זִיךְ מוּזְן בַּאנַייעֶן, עֶר וֶועט מוּזְן אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט גוּט פַארְן מֶענְטְשׁ, עֶר לֶערְנְט, עֶר דַאוֶוענְט, אוּן עֶר פִיהלְט אַ גֶעשְׁמַאק אוּן אַ חַיוּת אִין עֲבוֹדַת ה'. דַארְף עֶר אָבֶּער גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס קֶען קוּמֶען אַ צַייט וָואס עֶר וֶועט גָארְנִישְׁט פִיהלְן, עֶס וֶועט אִים זַיין אִינְגַאנְצְן טוּנְקְל אוּן אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, עֶר וֶועט נִישְׁט פִילְן קַיין שׁוּם חִיוּת. אָבֶּער עֶר וֶועט זִיךְ מוּזְן שְׁטַארְקְן אוּן דֶערְהַאלְטְן, אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט, **אֱמוֹר וְאָמַרְתָּ, לְהַזְהִיר גְּדוֹלִים עַל הַקְּטַנִּים.** מֶען דַארְף וָוארֶענֶען דִי גְרוֹיסֶע אוֹיף דִי קְלֵיינֶע. דָאס מֵיינְט אַז אִין דִי צַייט וָואס עֶס גֵייט גוּט פַארְן מֶענְטְשׁ עֶר הָאט חִיוּת, זָאל עֶר זִיךְ צוּגְרֵייטְן פַאר דִי שְׁוֶוערֶע טֶעג, צוּ דִי צַייטְן וָואס עֶר וֶועט זַיין פוּל מִיט חֲלִישׁוּת הַדַעַת, עֶס וֶועט אִים זַיין אִינְגַאנְצְן טוּנְקְל, אַז עֶר זָאל זִיךְ דֶעמָאלְט אוֹיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה אֱמוֹר א')

***

**אִישׁ אִישׁ כִּי יְקַלֵּל אֱלֹקָיו וְנָשָׂא חֶטְאוֹ.** לִכְאוֹרָה אִיז שְׁוֶוער פַארְוָואס דֶער פָּסוּק כַאפְּט אָן דִי לָשׁוֹן "אֱלֹקָיו" - **"זַיין" בַּאשֶׁעפֶער**, אוּן נִישְׁט דִי גֶעוֶוענְלִיכֶע לָשׁוֹן "אֱלֹקִים" - **דֶער בַּאשֶׁעפֶער.**

מוֹהַרָאַ"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ו) אַז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קוּמְט אַרָאפּ אַ פָּשׁוּט'עֶ לִיכְטִיגְקֵייט, וָואס קֶען וֶוערְן אוֹיסְגֶעטַייטְשְׁט צוּ גוּטְס, אָדֶער צוּ שְׁלֶעכְטְס.

אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מֵיינְט שְׁטֶענְדִיג זַיין גוּטְס, דֶעמָאלְט הָאט עֶר אַ גֶעשְׁמַאקֶע גְלִיקְלִיכֶע לֶעבְּן. אוֹיבּ

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָאַ"שׁ

### ~ אַ קִישֶׁעלֶע אוּנְטֶערְן קָאפּ ~

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסֶע מַתָּנָה, וָואס דָאס אִיז דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת. אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זַיין גַאנְצֶע הַארְץ אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְד, אוּן וִוי אַ קְלֵיין קִינְד בֶּעהְט פוּן זַיין טַאטֶע אַלֶעס וָואס עֶר וִויל הָאבְּן.

דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין מֶענְטְשׁ אַ שְׁטַארְקֶע יִשׁוּב הַדַעַת, עֶר זָאל וִויסְן וָואס עֶר הָאט צוּ טוּהן אִין יֶעדֶע מַצָּב, אוּן נִישְׁט וֶוערְן פַארְלוֹירְן וֶוען זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט אַזוֹי וִוי מֶען וִויל. לַיידֶער הָאט זִיךְ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זַיין פֶּעקְל צָרוֹת, קֵיינֶעם פֶּעלְט נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען. אָבֶּער וֶוען מֶען נוּצְט דִי עֵצָה אִיז עֶס גָאר לַייכְטֶער, מֶען פִיהלְט אַז מֶען הָאט אַ קִישֶׁעלֶע אוּנְטֶערְן קָאפּ, מֶען אִיז נִישְׁט אַלֵיין אוֹיפְן וַואסֶער. מֶען הָאט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט זִיךְ, וָואס עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט צוּ הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס וֶוענְדְט זִיךְ צוּ אִים.

אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינֶען אַז פַאר עֶר טוּט סַיי וֶועלְכֶע זַאךְ, סַיי בְּרוּחֲנִיוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיוּת, זָאל עֶר זִיךְ קוֹדֶם דוּרְכְרֶעדְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר פְּלַאנְט צוּ טוּהן, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל מַצְלִיחַ זַיין אִין וָואס עֶר טוּט, אוּן אַז עֶר זָאל טוּהן נָאר דָאס רִיכְטִיגֶע. רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט זָאגְן אַז עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק צוּגֶעווֹאוֹינְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט טוּהן קַיין שׁוּם זַאךְ פַאר עֶר הָאט דָאס קוֹדֶם דֶערְצֵיילְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן,

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אֵיין, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים נִישְׁט לִיבּ, און עֶר וִויל זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם נוֹקֵם זַיין אִין אִים, דַאן הָאט דֶער מֶענְטְשׁ אַ שְׁלֶעכְט לֶעבְּן. אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק. **אִישׁ אִישׁ כִּי יְקַלֵּל "אֱלֹקָיו" וְנָשָׂא חֶטְאוֹ**, אַ מֶענְטְשׁ שֶׁעלְט נָאר "זַיין" בַּאשֶׁעפֶּער, דָאס מֵיינְט אַז עֶר שֶׁעלְט נָאר וַוייל עֶר רֶעדְט זִיךְ אַיין אַ בַּאשֶׁעפֶּער לוֹיט וִוי זַיין מֹחַ הָאט אוֹיסְגֶעטְרַאכְט, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַ גוּטֶער בַּאשֶׁעפֶּער וָואס וִויל אוּנְז נָאר הֶעלְפְן שְׁטֶענְדִיג.

(תּוֹךְ הַנַּחַל, לֵיל שב"ק, תש"ם)

***

**וְאִישׁ כִּי יִתֵּן מוּם בַּעֲמִיתוֹ כַּאֲשֶׁר עָשָׂה כֵּן יֵעָשֶׂה לוֹ.**

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט אוּנְז מְרַמֵּז זַיין דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ק"ג) אַז פַאר עֶס קוּמְט אַרוֹיס אַ גְזַר דִין אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ חַס וְשָׁלוֹם, פְרֶעגְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין אוֹיבּ עֶר אִיז מַסְכִּים צוּם גְזַר דִין וָואס מֶען הָאט אוֹיף אִים גוֹזֵר גֶעוֶוען.

אוֹיבּ מֶען וֶועט פְרֶעגְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס וֶועט עֶר זִיכֶער נִישְׁט מַסְכִּים זַיין. דֶערְפַאר פְרֶעגְט מֶען אוֹיף אַ צְוֵוייטְן: "יֶענֶער הָאט גֶעטוּהן אַזוֹי און אַזוֹי, וָואס הַאלְסְטוּ קוּמְט זִיךְ פַאר אִים?" און וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ פַּסְקֶ'נְט אוֹיפְן צְוֵוייטְן, פַּסְקֶ'נְט עֶר פַאר זִיךְ אַלֵיינְס.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק. **וְאִישׁ כִּי יִתֵּן מוּם בַּעֲמִיתוֹ**, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אַז עֶר הָאט אַ מוּם. **כַּאֲשֶׁר עָשָׂה כֵּן יֵעָשֶׂה לוֹ**, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶע'פַּסְקֶ'נְט אוֹיפְן צְוֵוייטְן אַזוֹי טוּט מֶען פַאר אִים.

דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ זֵייעֶר אָפְּהִיטְן פוּן אָפְּ'פַּסְקֶ'נֶען אַ צְוֵוייטְן. וַוייל אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט פַּסְקֶ'נְט מֶען אוֹיף זִיךְ אַלֵיינְס.

(זֹאת הַתּוֹרָה אֱמוֹר ח')

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

און מִיר דַארְפְן דָאס פְּרוּבִּירְן נָאכְצוּמַאכְן.

דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען טוּהן אִיז צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוֹיסֶער וָואס דָאס הֶעלְפְט דֶעם מֶענְטְשׁ און פִירְט אִים אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג, טוּט דָאס אוֹיךְ רֵיינִיגְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת און פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת וָואס זֶענֶען אָנְגֶעקְלֶעבְּט אִין אִים. עֶס הֵייבְּט אִים אוֹיף פוּן דִי נִידְרִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער, און עֶס בְּרֶענְגְט אִים אַרוֹיף צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

### מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין חָכְמוֹת

דֶער רֶבִּי זָאגְט: "בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיקַייט, אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז אֱמוּנָה אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, און דֶער עִיקָר אֱמוּנָה אִיז צוּ גְלֵייבְּן אַזוֹי וִוי פְרוֹיעֶן און קִינְדֶער גְלֵייבְּן, אָן קַיין חָכְמוֹת". אוֹיבּ אֵיינֶער קוּמְט מִיט חָכְמוֹת קֶען עֶר אִינְגַאנְצְן אַוֶועק מַאכְן דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. "מֶען הֶערְט מִיךְ דֶען אוֹיס?" "מֶען דַארְף מִיךְ דֶען הָאבְּן?" "מַיין תְּפִלָּה אִיז דֶען חָשׁוּב?" "פַארְוָואס דַארְף אִיךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ דַאוֶוען שׁוֹין דִי תְּפִלּוֹת פוּן שַׁחְרִית מִנְחָה און מַעֲרִיב?". דָאס אַלֶעס אִיז גוּטֶע חָכְמוֹת, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה וֶועט דֶער אוֹיבֶּער-חָכָם בְּלַייבְּן דָארְט וִוי עֶר אִיז גֶעוֶוען. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אָבֶּער שֵׂכֶל און עֶר וַוארְפְט אַוֶועק דִי אַלֶע חָכְמוֹת, עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ פַּשְׁטוּת אַזוֹי וִוי אַ פְרוֹי וָואס שְׁטֵייט בַּיים לִיכְט צִינְדְן און רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִיר שְׁפְּרַאךְ, זִי בֶּעהְט זִיךְ אוֹיס בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס זִי דַארְף אוֹיף אִיר מַאמֶע-לָשׁוֹן. אַזַא אֵיינֶער וֶועט זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַ שׁוֹמֵעַ תְּפִלַּת כָּל פֶּה, עֶר הֶערְט צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, און עֶר הֶעלְפְט דִי אַלֶע וָואס וֶוענְדְן זִיךְ צוּ אִים.

אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאט זִיךְ אַמָאל גֶעפִינֶען בַּיי דִי מְקוֹמוֹת הַקְדוֹשִׁים, הָאט עֶר גֶעהֶערְט דָארְט וִוי אַ תְּמִימוּת'דִיגֶער אִיד רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶענֶער הָאט גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זַיין צֵיין טוּט אִים זֵייעֶר וֵויי, עֶר הָאט דֶערְפוּן גֶעפֶערְלִיכֶע יִסוּרִים. און אַזוֹי אִינְמִיטְן רֶעדְן הָאט עֶר גֶעזֶעהן וִוי יֶענֶער אִיד לֵייגְט אַרַיין זַיין פִינְגֶער אִין מוֹיל און זָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶּער, טַאטֶע זִיסֶער, דָא טוּט מִיר וֵויי". אָנְוַוייזְנְדִיג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי צֵיין וָואס טוּט אִים וֵויי. עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַמָּשׁ וִוי עֶר וָואלְט גֶעזֶעהן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זִיךְ און עֶר רֶעדְט מִיט אִים.

דָאס אִיז בֶּאֱמֶת דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה אִין הִתְבּוֹדְדוּת, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי נָאנְט, אַז מֶען זָאל מַמָּשׁ וַוייזְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וואוּ עֶס טוּט וֵויי.

### אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶערֶעדְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן

אִין פוֹילְן, פַאר דִי צְוֵוייטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה, אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער רָשָׁע אַ כּוֹפֵר, עֶר פְלֶעגְט זִיךְ דְרֵייעֶן צְוִוישְׁן עֶרְלִיכֶע אִידְן צוּ זֶעהן זֵייעֶר הִתְנַהֲגוּת. אִיז אִים אֵיינְמָאל אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַרַיינְצוּגֵיין אִין אַ בְּרֶסְלַבֶ'עֶ בֵּית הַמִּדְרָשׁ, וֶוען עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן דָארְט אִיז עֶר גֶעוֶוען פוּל מִיט הִתְפַּעֲלוּת, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע חֲבֵרִים: "אִיךְ דְרֵיי זִיךְ אַרוּם פוּל מִיט קֻשְׁיוֹת און סְפֵיקוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, און דָא זֶעה אִיךְ אִידְן וָואס זֵיי לֶעבְּן אַזוֹי שְׁטַארְק מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי זֵיי הָאבְּן יֶעצְט גֶעזֶעהן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און גֶערֶעדְט מִיט אִים".

אֵיינֶער וָואס רֶעדְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם קֻשְׁיוֹת, עֶר זֶעהט און עֶר פִיהלְט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים שְׁטֶענְדִיג, און עֶר רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזַא מֶענְטְשׁ קֶען מֶען נִישְׁט אַזוֹי גְרִינְג פַארְדְרֵייעֶן אַ קָאפּ.

### פוּן אָנְהוֹיבּ אִיז שְׁוֶוער

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט שׁוֹין אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן לֶעבְּט עֶר מַמָּשׁ וִוי אִין גַן עֵדֶן, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערֶע און

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרַ"ש

גֶעשְׁמַאקֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם, מֶען לֶעבְּט אוֹיף דִי וֶועלְט אַזוֹי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, מֶען פִיהלְט אַז מֶען אִיז קַיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין. אָבֶּער פוּן אָנְהוֹיבּ וֶוען מֶען ווִיל אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶס נָאךְ זֵייעֶר שְׁוֶוער, מֶען פִיהלְט נִישְׁט גְלַייךְ וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס, עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן אַז מֶען רֶעדְט סְתַּם אִין דִי וֶועלְט אַרַיין.

דֶעריבֶּער דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אִין אָנְהוֹיבּ, אוּן גֶעדֶענְקְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַ שׁוֹמֵעַ תְּפִלַּת כָּל פֶּה, עֶר הֶערְט אוֹיס יֶעדְן מֶענְטְשׁ אִין יֶעדְן מַצָּב. אוּן מֶען קֶען אוֹיף דֶעם אַלֵיין אוֹיךְ בֶּעטְן, אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פִיהלְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא אוּן אַז מֶען זָאל רֶעדְן צוּ אִים. אוּן אֵיינְמָאל מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ דֶערְצוּ אִיז נִישְׁט דָא קַיין בֶּעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם.

## אוֹיף וָואס זָאל מֶען דִי עֶרְשְׁטֶע בֶּעטְן?

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ב) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל פָּטוּר וֶוערְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, אוּן הָאבְּן נָאר גוּטֶע מִדּוֹת, דַארְף עֶר קוֹדֶם בֶּעטְן אוֹיף אֵיין מִדָּה אוּן אַרְבֶּעטְן נָאר אוֹיף דֶעם בִּיז עֶר וֶועט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְאַרְבֶּעטְן דִי מִדָּה, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר גֵיין צוּ דִי צְוֵוייטֶע אוּן צוּ דִי דְרִיטֶע אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

שְׁטֶעלְט זִיךְ אָבֶּער דִי שְׁאֵלָה, פוּן וואוּ הֵייבְּט מֶען אָן? וֶוען מֶען אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, אוֹיף וֶועלְכֶע מִדָּה זָאל מֶען דִי עֶרְשְׁטֶע בֶּעטְן?

דִי עֶרְשְׁטֶע מִדָּה אוֹיף וָואס מֶען דַארְף בֶּעטְן אִיז אוֹיף שִׂמְחָה, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין צוּגֶעלֵייגְט אוּן טְרוֹיעֶרִיג, ווייל וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ פַאלְט שׁוֹין מְמֵילָא אַוֶועק אַלֶע אַנְדֶערֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, וָואס קוּמֶען פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַלֶע גוּטֶע מִדּוֹת.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַ"ש חֵלֶק י' עֶרֶךְ הִתְבּוֹדְדוּת וְעֶרֶךְ שִׂמְחָה)

# מִילֵי דְאָבוֹת

### פֶּערְל וֶוערְטֶער אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת

~~~

## צוּגֶעבִּינְדֶען אוֹיבְן

**דַּע מַה לְּמַעְלָה מִמְּךָ.**

דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן תק"ה): "וֶוען מֶען זָאל אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אַ מֶענְטְשׁ וֶועט מֶען זֶעהן ווִי אוֹיף יֶעדֶע פוּן זַיינֶע אָדֶערְן הֶענְגֶען צֶענְדְלִיגֶע טוֹיזְנְטֶער וֶועלְטְן". נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן תק"ד): "וָואס מֵיינְט אַ מֶענְטְשׁ? אוֹיבּ טוּט עֶר אַזוֹי מִיט דִי הַאנְט, וֶועט אַזוֹי גֶעטוּהן אִין אַלֶע וֶועלְטְן. אוּן אוֹיבּ טוּט עֶר אַזוֹי מִיט דִי הַאנְט וֶוערְט אַזוֹי גֶעטוּהן אִין אַלֶע וֶועלְטְן".

דָאס מֵיינְט אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף ווִיסְן אַז יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט וָואס עֶר טוּט אִיז נִישְׁט פָּשׁוּט. מִיט יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס עֶר טוּט אִיז עֶר מַשְׁפִּיעַ גוּטְס פַאר אַלֶע וֶועלְטְן, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ.

דָאס זָאגְט דִי מִשְׁנָה, דַּע מַה לְּמַעְלָה מִמְּךָ, זָאלְסְט ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקְן וָואס עֶס טוּט זִיךְ הֶעכֶער דִיר, וִוי אַזוֹי זַאכְן וֶוערְן גֶעטוּישְׁט אוּן גֶעטוּהן מִיט יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ טוּסְט צוּם גוּטְן אָדֶער שְׁלֶעכְטְן. אוּן דַאן וֶועסְטוּ שׁוֹין מֶער זִיךְ אִיבֶּערְטְרַאכְטְן פַארְן טוּהן עֶפֶּעס.

(חַסְדֵי אָבוֹת)

\*\*\*

## זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין

**וּבִמְקוֹם שֶׁאֵין אֲנָשִׁים, הִשְׁתַּדֵּל לִהְיוֹת אִישׁ.**

אַ אִיד דַארְף זִיךְ אֵייבִּיג הַאלְטְן מִיט גוּטֶע חֲבֵרִים וָואס זָאלְן אִים מְחַזֵק זַיין. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (קֹהֶלֶת ד י) טוֹבִים הַשְּׁנַיִם מִן הָאֶחָד אֲשֶׁר יֵשׁ לָהֶם שָׂכָר טוֹב בַּעֲמָלָם, כִּי אִם יִפֹּלוּ הָאֶחָד יָקִים אֶת חֲבֵרוֹ, וְאִילוֹ הָאֶחָד שֶׁיִּפּוֹל וְאֵין שֵׁנִי לַהֲקִימוֹ. וֶוען אִידְן הַאלְטְן זִיךְ צוּזַאמֶען אִיז מֶען זִיךְ מְחַזֵק אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן. וֶוען אֵיינֶער אִיז שְׁוַואךְ אִיז אִים דֶער צְוֵוייטֶער מְחַזֵק אַז עֶר זָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, אוּן וֶוען דֶער צְוֵוייטֶער וֶוערְט שְׁוַואךְ אִיז אִים דֶער עֶרְשְׁטֶער מְחַזֵק.

אָבֶּער אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִיהלְט זִיךְ אַלֵיין, עֶר הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם וָואס קֶען אִים מְחַזֵק זַיין, טָאר מֶען אוֹיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, נָאר מֶען דַארְף זִיךְ אַלֵיין מְחַזֵק זַיין. פַארְקֶערְט, מֶען דַארְף נָאךְ פְּרוּבִּירְן צוּ מְחַזֵק זַיין אוֹיךְ אַ צְוֵוייטְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז וֶוען מֶען אִיז מְחַזֵק אַ צְוֵוייטְן בַּאקוּמְט מֶען אַלֵיין חִיזוּק פוּן דֶעם.

דָאס זָאגְט דִי מִשְׁנָה, וּבִמְקוֹם שֶׁאֵין אֲנָשִׁים, וֶוען דוּ בִּיזְט אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס זֶענֶען נִישְׁט דָא קַיין מֶענְטְשְׁן וָואס קֶענֶען דִיר מְחַזֵק זַיין. דַאן, הִשְׁתַּדֵּל לִהְיוֹת 'אִישׁ', זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן זִיךְ אַלֵיין צוּ שְׁטַארְקְן אוּן נָאךְ שְׁטַארְקְן אַנְדֶערֶע, אַזוֹי וִוי דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן 'אִישׁ' – אֵ'ין שׁ'וּם יִ'אוּשׁ.

(חַסְדֵי אָבוֹת)

\*\*\*

## בֶּעטְן, בֶּעטְן, אוּן נָאכְאַמָאל בֶּעטְן.

**וּכְשֶׁאַתָּה מִתְפַּלֵּל, אַל תַּעַשׂ תְּפִלָּתְךָ קֶבַע,**
**אֶלָּא רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים לִפְנֵי הַמָּקוֹם בָּרוּךְ הוּא.**

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ו) אַז וֶוען מֶען בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ זַאךְ, דַארְף מֶען עֶס בֶּעטְן בְּרַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים, נִישְׁט מִיט אַ שְׁטְרֶענְגְקֵייט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוּז טוּהן דָאס וָואס מֶען בֶּעהְט אִים. מֶען בֶּעהְט אוּן מֶען בֶּעהְט, אוּן דֶערְנָאךְ לָאזְט מֶען עֶס אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיבּ ווִיל עֶר וֶועט עֶר גֶעבְּן, אוּן אוֹיבּ נִישְׁט נִישְׁט.

מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי דִי מִשְׁנָה, 'קֶבַע' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן גְזֵילָה, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (מִשְׁלֵי כב כג) וְקָבַע אֶת קֹבְעֵיהֶם נָפֶשׁ. זָאגְט דִי מִשְׁנָה, אַל תַּעַשׂ תְּפִלָּתְךָ 'קֶבַע', מַאךְ נִישְׁט דַיין תְּפִלָּה וִוי אַ גְנֵיבָה וּגְזֵילָה, אַזוֹי וִוי דוּ ווִילְסְט גַנָב'עֶן דִי זַאךְ פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ שְׁטְרֶענְגְקֵייט. אֶלָּא רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים לִפְנֵי הַמָּקוֹם בָּרוּךְ הוּא, מֶען דַארְף בֶּעטְן מִיט רַחֲמָנוּת, אוּן דֶערְנָאךְ לָאזְט מֶען עֶס אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל טוּהן וִוי אַזוֹי עֶר פַארְשְׁטֵייט.

\*\*\*

## דְרֵיי זִיךְ כָאטְשׁ בַּיי אַ צַדִיק

**וְאַל תְּהִי רָשָׁע בִּפְנֵי עַצְמָךְ.**

דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן תר"ה) אַז אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַ רָשָׁע, עֶר וֵוייסְט אַז עֶר אִיז וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין. פוּן דֶעסְט וֶועגְן זָאל עֶר זִיךְ אָבֶּער דְרֵייעֶן צְווִישְׁן עֶרְלִיכֶע אִידְן, עֶר זָאל זִיךְ אוֹיךְ דְרֵייעֶן בַּיי אַ צַדִיק, אוּן סוֹף כָּל סוֹף וֶועט זִיךְ אִין אִים אוֹיךְ עֶפֶּעס אָנְקְלֶעבְּן, אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי דִי מִשְׁנָה, וְאַל תְּהִי רָשָׁע בִּפְנֵי עַצְמָךְ, אֲפִילוּ וֶוען דוּ בִּיזְט אַ רָשָׁע זָאלְסְטוּ נִישְׁט זַיין אַלֵיין, זָאלְסְט גֵיין צוּ אַ צַדִיק, אוּן דַאן וֶועסְטוּ וֶוערְן אוֹיס רָשָׁע.
~~~

# יֶעדֶע טָאג
# אִיז אַ פַּארְמֶעגְן

דֶער עִיקָר הַצְלָחָה פוּן אַ מֶענְטְש אִיז, וֶוען עֶר קוּקְט נָאר אוֹיף זִיךְ, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף יֶענֶעם, וָוארוּם יֶענֶער וֶועט דִיךְ צוּבְּרֶעכְן, יֶענֶער וֶועט דִיךְ אַרָאפְּוַוארְפְן, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן פ' אוּן סִימָן פ"א) אַז אַ מֶענְטְש אִיז נָאךְ אַרְגֶער וִוי דֶער יֵצֶר הָרַע, וָוארוּם דֶעם יֵצֶר הָרַע הָאט מֶען גֶעגֶעבְּן כּוֹחוֹת נָאר וִויפִיל דֶער מֶענְטְש קֶען אִיבֶּערְטְרָאגְן, אָבֶּער אַ מֶענְטְש קֶען אַרָאפְּוַוארְפְן יֶענֶעם אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן מֶענְטְשְׁן, וַוייל זֵיי זֶענֶען מוֹרָא'דִיגֶע מוֹנְעִים, זֵיי זֶענֶען מוֹנֵעַ מְקוֹרָב צוּ וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זי"ע, אִיבֶּערְדֶעם הֶער אוֹיף צוּ אַרַיינְגֵיין מִיט וִויכּוּחִים מִיט אַנְדֶערֶע, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ אַוַודַאי הֶעלְפְן דוּ וֶועסְט הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה, דוּ וֶועסְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן יֶעדְן טָאג וֶועט זַיין בַּיי דִיר אַ טָאג.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רע"ב) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים צ"ה) "הַיּוֹם אִם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמָעוּ" אוֹיבּ אִיר ווִילְט הֶערְן דֶעם קוֹל פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאלְט אִיר וִויסְן אִיר הָאט נִישְׁט נָאר "הַיּוֹם" נָאר דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, יֶעדֶער טָאג אִיז אַ פַּארְמֶעגְן, אוֹיבּ מֶען נִיצְט עֶס אוֹיס וִוי מֶען דַארְף עֶס אוֹיסְנִיצְן אִיז דָאס אַ פַּארְמֶעגְן, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, קוּק נָאר אוֹיף דִיר, אַזוֹי וִוי דוּ לָאזְט זִיךְ נִישְׁט פָּאפְּן בַּיים עֶסְן אוּן קֵיינֶער קֶען נִישְׁט עֶסְן פַאר דִיר, וָוארוּם אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט עֶסְן וֶועסְטוּ בְּלַייבְּן הוּנְגֶערִיג וְכוּ' וְכוּ', אַזוֹי אוֹיךְ בְּרוּחְנִיּוּת קֵיינֶער קֶען נִישְׁט דַאוְונֶען פַאר דִיר קֵיינֶער קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען פַאר דִיר, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְווֹת פַאר דִיר.

(אשר בנחל אידיש חלק ג' מכתב רצ"ט)

# ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

## ערשטע יארצייט פון ר' חיים בנציון גראס ע"ה

די וואך איז געווען די ערשטע יארצייט פונעם טייערן אינגערמאן ר' חיים בנציון גראס ע"ה וואס איז פלוצלינג נפטר געווארן ל"ע מיט א יאר צוריק אין יונגן עלטער פון 37 יאר.

ר' חיים בנציון ע"ה איז געווען באקאנט מיט זיין געוואלדיגע התמדת התורה, שטענדיג האט מען אים געזעהן מיט א ספר אין די האנט, און ער האט דורכגעלערנט ששה סדרי משנה אן א שיעור מאל און אויך גענדיגט ש"ס שו"ע זהר און נאך, און ער פלעגט מחדש זיין שיינע חידושים. אויך האט ער עוסק געווען אין גמילת חסדים ווען ער פלעגט שטילערהייט ארויס העלפן אידן מיט גרויס איבערגעגעבנקייט ובפרט פאר עניי ארץ ישראל. אויך איז ער געווען באקאנט מיט זיינע גאלדענע מדות, שטענדיג האט ער געהאט א שמייכל אויפ'ן פנים און אויפגענומען יעדן איינעם בסבר פנים יפות און געהאט א גוט ווארט פאר יעדן.

ער האט אויך גאר שטארק עוסק געווען אין פארשפרייטן דעם רבי'נס אור אויף דער וועלט, ער פלעגט מסדר זיין אלע שיעורים פון מוהרא"ש אויף טעיפ'ס. אויך פלעגט ער שרייבן אלע שיעורים פון מוהרא"ש, וואס פון דעם האט מען ארויסגעגעבן די אידישע קונטריסים, מיט וואס יעדער איז זיך מחי'.

די וואך דינסטאג איז געווען די ערשטע יארצייט. די קרובי המשפחה מיט אנשי שלומינו זענען געווען ביי זיין ציון וואו עס האט געהערשט א גרויסע התעוררות, מען האט געזאגט תהלים און משניות און מתפלל געווען.

דערנאך איז פארגעקומען די יארצייט סעודה אין שטוב פון המנוח ע"ה. עס זענען זיך צוזאמגעקומען א גרויסער עולם פון אנשי שלומינו, קרובי המשפחה, און גוטע פריינד. מען האט מסיים געווען ששה סדרי משנה לעילוי נשמתו. מען האט גערעדט בשבחו פון ר' חיים בנציון ע"ה, און וואס מיר דארפן זיך לערנען פון אים.

נאכן בענטשן האט מען געדאווענט מעריב, און מען זיך צוגאנגען מיט א תפלה צום אייבערשטן אז מען זאל מער נישט הערן אזעלכע ביטערע בשורות.

**תהא נשמתו צרורה בצרור החיים!**

***

## נייע אנטוויקלונגען איבער די נסיעה אויף אומאן

ווי עס איז געווען געמאלדן אויף די שפאלטענעס פון אונזער גליון, איז געווען געפלאנט דאס יאר א סטרעיט-פלייט וואס זאל פארן גלייך פון ניו יארק אויף קיעוו, אויף דעם קומענדיגע ראש השנה אין אומאן. נאך אן אפשניט פון עטליכע יאר וואס מען האט נאר געקענט פארן מיט אן אפשטעל אין א צווייטע לאנד.

דער פליגער איז געווען פון די 'אוקריינא אינטערנעשענעל לופט-ליניע'. אבער ווי די פירמע זאגט יעצט, האבן זיי אפגערופן דעם פליגער צוליב די אומרוען וואס הערשט יעצט אין אוקריינא.

ווי עס זעהט יעצט אויס, וועט מען דאס יאר אויך נאר קענען פארן מיט א סטאפ. די עסקנים געבן איבער אז עס איז נישט כדאי צו קויפן א טיקעט אויף סיי וועלכע לופט-ליניע וואס איז פארבינדען מיט די אוקריינא רעגירונג, צוליב די אומסטאביליטעט וואס הערשט יעצט דארט.

עס איז יעצט דא צו באקומען גאר ביליגע טיקעטס פון פארשידענע פירמעס, צו קענען זוכה זיין צו זיין ביים הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה.

**ראש השנה שלי עולה על הכל!**


## קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים**
**פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א**
אויך קען מען מיטהאלטן
יעדע וואך דעם שיעור
מיט א לייוו הוק-אפ
**212-444-9191**




## מיר נעמען אן צו
## פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!
**וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים**
שנעל גוט און ביליג!
**רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554**
**5554printing@gmail.com**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**
**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת בהר, י' אייר, אבות פרק ג', שנת תשע"ד לפ"ק

שנה 3, גליון 36 (136)


**זמנים**

הדלקת הנרות.................7:42
סוף זמן קר"ש.....................8:42
מוצש"ק...............................9:14

**שיעורים כסדרן**

בבלי.......................ראש השנה ב'
ירושלמי......................ברכות י"ז
תוספתא............נגעים פרק א'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְכִי יָמוּךְ אָחִיךָ וּמָטָה יָדוֹ עִמָּךְ וְהֶחֱזַקְתָּ בּוֹ, גֵּר וְתוֹשָׁב וָחַי עִמָּךְ.** מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, קִידּוּשִׁין, הֲלָכָה ג' אוֹת ד'): אַז מֶען זֶעהְט אַז עֶס זֶענֶען דָא עֲשִׁירִים וָואס ווִילְן נִישְׁט גֶעבְּן קַיין צְדָקָה, וֶוען מֶען קוּמְט זֵיי בֶּעטְן צְדָקָה זָאגְן זֵיי: "עֶס אִיז הַיינְט שְׁוֶוערֶע צַייטְן, אִיךְ מוּטְשֶׁע מִיךְ זֵייעֶר פַאר מִיר אוֹיךְ, אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט גֶעבְּן קַיין צְדָקָה". אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז דֶער עוֹשֶׁר לֶעבְּט זִיךְ גַאנְץ בְּרֵייט, נָאר לוֹיט דִי גְרוֹיסֶע סְטַאנְדַארְטְן וִוי אַזוֹי עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט זַיין לֶעבְּן, לוֹיט דֶעם מוּטְשֶׁעט עֶר זִיךְ. קוּמְט אוֹיס אַז פַאר זִיךְ פַארְגִינְט עֶר זִיךְ אַ בְּרֵייטֶע לֶעבְּן, אוּן פַאר דֶעם אָרִימַאן פַארְגִינְט עֶר נִישְׁט נָאר אַז עֶר זָאל נִישְׁט אוֹיסְגֵיין פַאר הוּנְגֶער.

אוּן אֲפִילוּ וֶוען דֶער עוֹשֶׁר זָאגְט עֶס נִישְׁט אַרוֹיס, אָבֶּער וֶוען עֶר זֶעהְט וִוי דֶער אָרִימַאן עֶרְלוֹיבְּט זִיךְ צוּ קוֹיפְן עֶפֶּעס מֶער וִוי בְּלוֹיז צוּם לֶעבְּן, עֶסְט עֶס אִים אוֹיף דָאס הַארְץ, "פַאר דֶעם הָאבּ אִיךְ אִים גֶעדַארְפְט גֶעבְּן צְדָקָה?! אַז עֶר זָאל זִיךְ קוֹיפְן דָאס אוּן דָאס?", כְּאִילוּ פַאר דֶעם עוֹשֶׁר קוּמְט זִיךְ אַלֶעם גוּטְס אוּן פַאר דֶער אָרִימַאן קוּמְט זִיךְ נָאר מַמָּשׁ אַז עֶר זָאל נִישְׁט שְׁטַארְבְּן פוּן הוּנְגֶער.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, **וְחַי אָחִיךָ עִמָּךְ**, דַיין בְּרוּדֶער זָאל לֶעבְּן "מִיט דִיר", אַזוֹי וִוי פַאר דִיר פַארְגִינְסְטוּ דִיךְ אַבִּיסְל בְּרֵייטֶער, פַארְגִין עֶס אוֹיךְ פַאר דַיין בְּרוּדֶער דֶער אָרִימַאן, אוּן זֶעה אַז עֶר זָאל אוֹיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן הָאבְּן וָואס עֶר דַארְף מִיט אַ בְּרֵייטְקַייט, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּרִיק צָאלְן, אַז עֶס וֶועט אַרַיינְקוּמֶען דִי בְּרָכָה בַּיי דִיר, אוּן עֶס וֶועט דִיר קֵיינְמָאל גָארְנִישְׁט פֶעלְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה בְּהַר ד')

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

### ~ וָואס קֶען מֶען רֶעדְן? ~

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה פַארְן מֶענְטְשְׁן - דֶעם דִיבּוּר, אַ מֶענְטְשׁ קֶען רֶעדְן. מִיטְן רֶעדְן קֶען מֶען אוֹיפְטוּהן אַסַאךְ גוּטֶע זַאכְן, אוּן זִיכֶער אַזוֹי וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מֶען בְּרֶענְגְט מִיט דֶעם אַרָאפּ אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת, דָאס בְּרֶענְגְט פַארְן מֶענְטְשׁ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת.

אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען דָאס רֶעדְן אוֹיךְ בְּרֶענְגֶען נִישְׁט גוּטְס. דִי נַאטוּר פוּנֶעם מֶענְטְשׁ צִיהט אִים צוּ גֵיין לֵיידִיג, אוּן אַז עֶר גֵייט לֵיידִיג מוּז עֶר דָאךְ עֶפֶּעס טוּהן, רֶעדְט עֶר צוּזַאם אַלֶע נַארִישְׁקַייטְן, עֶר מוּז זִיךְ אַרַיינְמִישְׁן אִין יֶעדֶע זַאךְ, עֶר מוּז הָאבְּן אַ מֵיינוּנְג אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט נָאר צָרוֹת אוּן נִישְׁט גוּטְס פַארְן מֶענְטְשׁ.

דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען הִיטְן דָאס מוֹיל אוּן נִישְׁט רֶעדְן קַיין דְבָרִים בְּטֵלִים אָדֶער נַארִישְׁקַייטְן.

וֶוען מֶען רֶעדְט מִיט אַ טַאטֶע אָדֶער מַאמֶע, דָאס אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט קַיין דְבָרִים בְּטֵלִים. מִיט זֵיי דַארְף מֶען רֶעדְן סֵיי וָואס עֶס זָאל נָאר זַיין. מִיט דֶעם אִיז מֶען זַיין מְחַיֵּי', דָאס אִיז כִּיבּוּד אָב וָאֵם. וֶוען מֶען רֶעדְט מִיט זֵיי מַאכְט מֶען זֵיי פְרֵיילִיךְ אוּן דָאס אִיז גָאר אַ מִצְוָה.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען מֶען רֶעדְט מִיט אַ ווַייבּ, דָאס הָאט אוֹיךְ אַ גְרוֹיסֶע תּוֹעֶלֶת צוּ שְׁטַארְקְן דִי שְׁלוֹם בַּיִת, צוּ בְּרֶענְגֶען אַ קֵירוּב לְבָבוֹת, מֶען זָאל זִיךְ פַארְשְׁטֵיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, דָאס אִיז אוֹיךְ אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה.

אָבֶּער סְתַּם צוּ שְׁמוּעֶסְן אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט חֲבֵרִים דְבָרִים בְּטֵלִים, דָאס הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם תּוֹעֶלֶת, עֶס טְרַייבְּט סְתַּם אַוֶועק דִי טֵייעֶרֶע צַייט, אוּן בְּרֶענְגְט נָאר צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען.

### וִוי אַזוֹי רֶעדְט מֶען יָא?

דִי גְמָרָא זָאגְט (חוּלִין פ"ט.) "מַה אוּמְנָתוֹ שֶׁל אָדָם בָּעוֹלָם הַזֶּה יָשִׂים עַצְמוֹ כְּאִלֵּם", וָואס אִיז דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט? עֶר זָאל זִיךְ מַאכְן וִוי אַ שְׁטוּמֶער, וִוי עֶר קֶען נִישְׁט רֶעדְן.

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וּבְכֹל אֶרֶץ אֲחֻזַּתְכֶם גְּאֻלָּה תִּתְּנוּ לָאָרֶץ.** מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א) אַז וואוּ אִידְן גֶעפִינֶען זִיךְ, אֲפִילוּ אִין חוּץ לָאָרֶץ, זֶענֶען זֵיי מְקַדֵּשׁ דִי פְּלַאץ אַזוֹי וִוי דִי קְדוּשָּׁה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וּבְכֹל אֶרֶץ**, אִין סַיי וֶועלְכֶע לַאנְד, **אֲחֻזַּתְכֶם**, אִיז אֵייעֶר פְּלַאץ, דֶער פְּלַאץ וֶוערְט אוֹיךְ גֶעהֵיילִיגְט. **גְּאֻלָּה**, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן בְּקָרוֹב דוּרְךְ מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ, **תִּתְּנוּ לָאָרֶץ**, דַאן וֶועט בֶּאֱמֶת אַנְטְפְּלֶעקְט וֶוערְן דִי רִיכְטִיגֶע קְדוּשָּׁה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

(זֹאת הַתּוֹרָה בְּהַר ב')

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

"יָכוֹל אַף לְדִבְרֵי תוֹרָה תַּלְמוּד לוֹמַר צֶדֶק תְּדַבֵּרוּן", דִבְרֵי תוֹרָה, דָאס דַארְף מֶען יָא רֶעדְן.

דָאס מֵיינְט נִישְׁט נָאר צוּ רֶעדְן אִין לֶערְנֶען, נָאר אוֹיךְ וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז אוֹיךְ הֵיילִיגֶע דִיבּוּרִים. דֶערִיבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיס פַאר אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ צוּ גֶעפִינֶען אִין אַ שְׁמוּעֶס, זָאל עֶר דָאס אוֹיסְנוּצְן אַרַיין צוּ פְלֶעכְטְן דֶערִין עֶפֶּעס דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיכֶער הֶעלְפְן" "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעפִירְט", אָדֶער אֲפִילוּ בְּלוֹיז דִי וֶוערְטֶער "בָּרוּךְ ה'" "חַסְדֵי ה'" אִם יִרְצֶה ה'". מִיט דֶעם וָואס מֶען דֶערְמַאנְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינֶעם שְׁמוּעֶס, מִיט דֶעם אִיז מֶען מַעֲלָה דִי גַאנְצֶע שְׁמוּעֶס. אוֹיב דֶער שְׁמוּעֶס וֶועט צוּבְּרֶענְגֶען אַז נָאךְ אַ אִיד זָאל טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶס שׁוֹין גֶעלוֹינְט.

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר זַיין בְּרוּדֶער רֶבִּי יְחִיאֵל זַ"ל אֲפִילוּ וֶוען עֶר שְׁמוּעֶסְט מִיט מֶענְטְשְׁן אִין סַיי וֶועלְכֶע עִנְיָנִים, אוֹיב עֶר פְלֶעכְט אוֹיךְ אַרַיין דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה אִינֶעם שְׁמוּעֶס, וֶוערְט דֶער גַאנְצֶער שְׁמוּעֶס דֶערְהוֹיבְּן צוּ אַ הֵיילִיגֶע שְׁמוּעֶס. אוּן דֶערְפַאר וֶוען עֶר שְׁמוּעֶסְט מִיט מֶענְטְשְׁן, זָאל עֶר אֵייבִּיג זֶעהְן אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינֶעם שְׁמוּעֶס.

## דְבָרִים בְּטֵלִים?

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִי"עַ פַאר עֶר אִיז נִתְגַלֶה גֶעוָוארְן, פְלֶעגְט עֶר אַרוּם גֵיין רֶעדְן מִיט פָּשׁוּטֶע אִידְן, מִיט דָארְפְסְלַייט, מִיטְן צִיהל אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִין זֵיי צוּ רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר פְלֶעגְט זֵיי פְרֶעגְן: "וָואס מַאכְט אִיר? וִוי אַזוֹי גֵייט עֶס?", אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעעֶנְטְפֶערְט: "בָּרוּךְ ה' אַלֶעס גֵייט גוּט", "וָואס מַאכְט דִי מִשְׁפָּחָה?", "גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי זֶענֶען אַלֶע גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק". אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט אוֹיף דִי פֶעלְד זַאכְן, "וִוי אַזוֹי זֶענֶען דִי בְּהֵמוֹת?" הָאבְּן זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "חַסְדֵי ה', דִי קִיה גֶעבְּט מִילְךְ אוּן עֶס אִיז דָא פַּרְנָסָה" אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אוּן אוֹיף דֶעם וֶועג הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב צוּבִּיסְלֶעךְ אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין מֶענְטְשְׁן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען זָאל אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אֱמוּנָה אִין דִי וֶועלְט.

אֵיינְמָאל וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אַזוֹי אַרוּם גֶעגַאנְגֶען רֶעדְן צוּ דִי פּוֹיעֶרְן, עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיט זֵיי אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן, וֶועגְן דִי פֶערְד וֶועגְן דִי פֶעלְדֶער א.ד.ג. דֶער עִיקָר הָאט עֶר גֶעוָואלְט אַרוֹיס בַּאקוּמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן זֵייעֶר מוֹיל, אַז אִינְמִיטְן דֶעם שְׁמוּעֶס זָאלְן זֵיי דֶערְמַאנֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז אֵיינְמָאל גֶעזִיצְן אִין דִי זַייט אַ חָשׁוּב'עֶר אִיד אַ לַמְדָן אוּן אַ אָפְּגֶעהִיטֶענֶער אִיד, וָואס יֶענֶער אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי מִתְנַגְדִים אוֹיפְ'ן בַּעַל שֵׁם טוֹב, אוּן עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעהֶערְט צוּ אַזַא שְׁמוּעֶס.

עֶר הָאט שׁוֹין לַאנְג גֶעוָואלְט זִיךְ טַעֲנָה'עֶן מִיטְן בַּעַל שֵׁם טוֹב וֶועגְן דֶעם דֶרֶךְ הַחֲסִידוּת, אַז עֶס אִיז נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, אָבֶּער עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין גֶעלֶעגֶענְהֵייט אוֹיף וָואס זִיךְ אַרוֹיף צוּ כַאפְּן, אָבֶּער יֶעצְט הֶערְנְדִיג דֶעם שְׁמוּעֶס וִוי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִיצְט אוּן רֶעדְט דְבָרִים בְּטֵלִים מִיט אַ פָּשׁוּט'ן מֶענְטְשׁ, הָאט עֶר שׁוֹין גֶעהַאט וָואס צוּ זָאגְן. עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן אִים מוּסָר גֶעזָאגְט: "וָואס פַאר אַ מִין וֶועג אִיז דָאס? אִיר וֶועט דַארְפְן אָפְּגֶעבְּן אַ דִין וְחֶשְׁבּוֹן אוֹיף דִי בִּיטוּל תּוֹרָה וָואס אִיר מַאכְט דָא. קוּק מִיר אָן וִוי אִיךְ בִּין אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן דִי הַבְלֵי עוֹלָם הַזֶה אוּן גַשְׁמִיוּת אוּן אִיךְ זִיץ אַ גַאנְצְן טָאג אוּן לֶערְן פְלַייסִיג, אַזוֹי וָואלְט אִיר אוֹיךְ גֶעדַארְפְט טוּהְן, אוּן נִישְׁט זִיצְן אוּן סְתָּם פַארְבְּרֶענְגֶען דִי צַייט מִיט דְבָרִים בְּטֵלִים!"

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים אוֹיסְגֶעהֶערְט מִיט סַבְלָנוּת, אוּן דֶערְנָאךְ גֶענוּמֶען אַ סִידוּר אִין דִי הַאנְט אוּן גֶעזָאגְט צוּם לַמְדָן: "דוּ וֵוייסְט אַז דוּ הָאסְט יֶעצְט צוּגֶעכַאפְּט דִי פְלַאץ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט וואוּ צוּ זִיצְן יֶעצְט", דֶער לַמְדָן קוּקְט אָן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב, עֶר פַארְשְׁטֵייט בִּכְלָל נִישְׁט וָואס עֶר רֶעדְט, עֶס זֶעהְט אִים אוֹיס וִוי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב רֶעדְט בִּכְלָל נִישְׁט צוּ דִי זַאךְ. זָאגְט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב: "זָאג מִיר נָאכְאַמָאל אִיבֶּער וָואס דוּ הָאסְט גֶעזָאגְט", דֶער לַמְדָן חַזֶר'ט עֶס אִיבֶּער אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב וָואלְט אוֹיךְ גֶעדַארְפְט זַיין אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן דִי וֶועלְט אַזוֹי וִוי עֶר, נָאר זִיצְן אוּן לֶערְנֶען אוּן נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען דִי טֵייעֶרֶע צַייט מִיט דְבָרִים בְּטֵלִים.

הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִים גֶעזָאגְט: "דָאס הָאבּ אִיךְ דִיר גֶעזָאגְט, דוּ הָאסְט צוּגֶעכַאפְּט דִי פְלַאץ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין פְלַאץ וואוּ צוּ זִיצְן". דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב מַאכְט אִים אוֹיף דִי סִידוּר וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אִין דִי הַאנְט אוּן עֶר וַוייזְט אִים "וְאַתָּה קָדוֹשׁ יוֹשֵׁב תְּהִלּוֹת יִשְׂרָאֵל", אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב טַייטְשׁ אִים אַזוֹי דֶער פָּסוּק: "וְאַתָּה קָדוֹשׁ" - דוּ בִּיזְט טַאקֶע זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶער מֶענְטְשׁ, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, "יוֹשֵׁב תְּהִלּוֹת יִשְׂרָאֵל" - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיצְט אוֹיף דֶעם וָואס דִי אִידְן לוֹיבְּן אִים, דִי וֶוערְטֶער וָואס אִידְן זָאגְן שְׁטֶענְדִיג - בָּרוּךְ ה', חַסְדֵי ה', אִם יִרְצֶה ה', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן, אוֹיף דִי וֶוערְטֶער זִיצְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן פוּן דֶעם הָאט עֶר הֲנָאָה. אוּן דוּ בִּיזְט דָאךְ בִּכְלָל נִישְׁט גוֹרֵס דִי זַאכְן, דוּ הַאלְטְסְט אַז עֶס אִיבְּרִיגֶע זַאכְן, מֶען דַארְף נָאר זִיצְן אוּן לֶערְנֶען, קוּמְט אוֹיס אַז דוּ לָאזְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִיצְן אוּן דוּ פַארְטְרַייבְּסְט דִי שְׁכִינָה פוּן דִי וֶועלְט... אַזוֹי הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב שְׁטִיל גֶעמַאכְט דֶעם לַמְדָן. זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן דֶערְמַאנֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֶענְדִיג, דָאס בְּרֶענְגְט אֱמוּנָה פַארְן מֶענְטְשׁ, אוּן דַאן אִיז דָאס זִיכֶער נִישְׁט קֵיין דְבָרִים בְּטֵלִים.

## פַארְעֶנְטְפֶערְט מִיטְן שְׁוַוייגְן

אוֹיפְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַסַאךְ מַחְלוֹקֶת, מֶען הָאט גֶעהַאט פִילֶע טַעֲנוֹת אוּן קֻשְׁיוֹת אוֹיף אִים. הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אַמָאל אוֹיסְגֶעדְרוּקְט: "מִיט אֵיין שְׁוַוייג פַארְעֶנְטְפֶער אִיךְ אַלֶע קֻשְׁיוֹת"... דָאס מֵיינְט אַז אַנְשְׁטָאט זִיךְ צוּ גֵיין טַעֲנָה'ן מִיט מֶענְטְשְׁן, וָואס מֶען פַארְדִינְט גָארְנִישְׁט פוּן דֶעם, ווייל גֶעוֶוענְלִיךְ זֶענֶען מֶענְטְשְׁן נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט צוּ הֶערְן דֶעם אֱמֶת, אַנְשְׁטָאט דֶעם, שְׁוַוייגְט מֶען אָפּ, אוּן מִיט דֶעם אִיז אַלֶעס פַארְעֶנְטְפֶערְט.

דִי גְמָרָא זָאגְט מִלָּה בְּסֶלַע מַשְׁתּוּקָא בִּתְרֵין, אוֹיבּ פַאר אַ וָוארְט בַּאקוּמְט מֶען אֵיין מַטְבֵּעַ, וֶועט מֶען פַארְן שְׁוַוייגְן בַּאקוּמֶען צְוֵויי. דָאס גֵייט בְּעִיקָר אַרוֹיף אוֹיף מַחְלוֹקֶת, עֶס אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט כְּדַאי זִיךְ אַרַיינְצוּלָאזְן אִין וִיכּוּחִים מִיט מֶענְטְשְׁן וָואס דָאס בְּרֶענְגְט נָאר מַחְלוֹקֶת אוּן אַסַאךְ צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ. עֶס לוֹינְט זִיךְ עֶנְדֶערְשׁ צוּ שְׁוַוייגְן אוּן זִיךְ אַיינְהַאלְטְן פוּן זָאגְן, אֲפִילוּ וֶוען מֶען הָאט עֶפֶּעס אַ גוּטְס צוּרִיק צוּ זָאגְן, מֶען פַארְדִינְט נָאר פוּן דֶעם.

וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הִיט זִיךְ דָאס מוֹיל אוּן רֶעדְט נָאר גוּטֶע זַאכְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק י' עֶרֶךְ דְבָרִים בְּטֵלִים וְחֵלֶק ה' עֶרֶךְ אֱמוּנָה)

# פֶּסַח שֵׁנִי לֶערְנְט אוּנְז

פוּן דִי מִצְוָה פוּן פֶּסַח שֵׁנִי קֶען זִיךְ יֶעדֶער אִיד אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְחַזְקוּת אִין יֶעדְן מַצָּב.

עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען טָמֵא בַּיים עֶרְשְׁטְן קָרְבַּן פֶּסַח, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, נָאר זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם צַדִיק, צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוּן גֶע'טַעֲנָה'ט לָמָּה נִגָּרַע? - פַאֶרְוָואס זָאלְן מִיר זַיין וֵוייניגֶער? מִיר ווִילְן אוֹיךְ מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן גֶערֶעכְט אוּן זֵיי וֶועלְן קֶענֶען מַאכְן דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח אִין פֶּסַח שֵׁנִי.

דָאס אִיז אַ מוּסָר הַשְּׂכֵל פַאר יֶעדְן אִיד, אֲפִילוּ וֶוען עֶס לוֹיפְן אַדוּרְךְ טֶעג וָואכְן אוּן חֲדָשִׁים מִיט גָארְנִישְׁט, דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן אַז עֶס אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּ שְׁפֶּעט, מֶען קֶען אֵייבִּיג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַזוֹי וִוי דִי אִידְן וָואס הָאבְּן פַארְפַּאסְט דֶעם עֶרְשְׁטְן קָרְבַּן פֶּסַח, וָואס דֶעמָאלְט'ס זֶענֶען דִי אִידְן אַרַיין אִין דִי קְדוּשָּׁה, אוּן זֵיי הָאבְּן נָאךְ אַלְץ גֶעהַאט אַ תַּקָּנָה, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדְן אִיד.

דֶער צַדִיק רֶבִּי יִשְׂרָאֵל סַאלַאנְטֶער זַ"ל אִיז אַמָאל אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּ אַ שוּסְטֶער אַבִּיסְל שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, עֶר הָאט זִיךְ אַנְטְשׁוּלְדִיגְט פַארְן קוּמֶען אַזוֹי שְׁפֶּעט, אָבֶּער מַמָּשׁ יֶעצְט הָאט זִיךְ זַיין שִׁיךְ צוּרִיסְן, אוּן עֶר ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ דֶער שוּסְטֶער קֶען עֶס נָאךְ פַארֶעכְטְן.

הָאט דֶער שוּסְטֶער גֶעזָאגְט: "וִוי לַאנְג דִי לִיכְט בְּרֶענְט נָאךְ, קֶען אִיךְ עֶס נָאךְ פַארֶעכְטְן".

רֶבִּי יִשְׂרָאֵל זַ"ל אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי וֶוערְטֶער וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט, "דָאס אִיז דָאךְ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מוּסָר הַשְּׂכֵל, וִוי לַאנְג דִי לִיכְט, וָואס דָאס אִיז דִי נְשָׁמָה, בְּרֶענְט נָאךְ, קֶען מֶען אַלֶעס פַארֶעכְטְן", אוּן עֶר פְלֶעגְט דָאס אִיבֶּער'חַזֶר'ן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, "וִוי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט נָאךְ, קֶען עֶר אַלֶעס פַארֶעכְטְן".

אוּן דָאס אִיז דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ח') "קַיין יִאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאן", "אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט פַארְדַארְבְּן, גְלֵייבּ אַז דוּ קֶענְסְט אוֹיךְ פַארֶעכְטְן" (שָׁם, קי"ב), וַוייל וִוי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט קֶען עֶר אַלֶעס פַארֶעכְטְן.

אָבֶּער אֵיין זַאךְ דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן אַז דָאס דַארְף גֵיין דוּרְךְ אַ צַדִיק, אַזוֹי וִוי מִיר זֶעהְן אַז דִי אִידְן וָואס הָאבְּן גֶעוָואלְט מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח הָאבְּן גֶעדַארְפְט גֵיין צוּם צַדִיק מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז אִין אַלֶע דוֹרוֹת, וֶוען אַ אִיד כַאפְּט זִיךְ אַז עֶר פַארְבְּרֶענְגְט דִי יָארְן מִיט נַארִישְׁקַייטְן, אוּן עֶר גֵייט צוּם צַדִיק, אוּן עֶר פָאלְגְט וָואס דֶער צַדִיק לֶערְנְט אִים, וֶועט עֶר זִיכֶער אַלֶעס פַארֶעכְטְן אוּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ פֶּסַח שֵׁנִי)

## אַ הִימְל מֶענְטְשׁ

פֶּסַח שֵׁנִי מֶעג מֶען הָאבְּן חָמֵץ אוּן מַצָּה צוּזַאמֶען אִינְדֶערְהֵיים, דָאס לֶערְנְט אוּנְז אַז מֶען קֶען הָאבְּן גַשְׁמִיּוּת אוּן רוּחְנִיּוּת אִינְאֵיינֶעם.

עֶס אִיז דָא אַ טָעוּת בַּיי מֶענְטְשְׁן אַז צוּ זַיין אַ צַדִיק, אַ "הִימְל מֶענְטְשׁ", דַארְף מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּשֵׁיידְן פוּן דִי וֶועלְט, זִיךְ אַיינְשְׁפַּארְן אִינְדֶערְהֵיים אוּן נִישְׁט רֶעדְן מִיט קֵיינֶעם.

אָבֶּער דֶער אֱמֶת זָאגְן חֲזַ"ל (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ד, ז) פַארְוָואס הֵייסְט דִי הִימְל "שָׁמַיִם"? וַוייל עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן אֵשׁ אוּן מַיִם, פוּן פֵייעֶר אוּן פוּן וַואסֶער, פוּן צְוֵויי קֶעגְנְזַייטִיגֶע זַאכְן, וַואסֶער לֶעשְׁט אוֹיס פֵייעֶר, אוּן פֵייעֶר טְרוּקְנְט אוֹיס וַואסֶער, אוּן וֶוען דִי בֵּיידֶע זַאכְן שְׁטֶעלְן זִיךְ צוּזַאם וֶוערְט דָאס אַ הִימְל.

דָאס מֵיינְט אַ "הִימְל מֶענְטְשׁ", פוּן אֵיין זַייט לֶעבְּט עֶר אוֹיף דִי וֶועלְט מִיט זַיין וַוייבּ אִין קִינְדֶער אוּן עֶר הַאנְדְלְט מִיט מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז עֶר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר דַאוֶוענְט דְרֵיי מָאל אַ טָאג מִיט מִנְיָן, עֶר כַאפְּט אַרַיין יֶעדְן טָאג עֶטְלִיכֶע פְּסוּקִים חוּמָשׁ אַבִּיסְל מִשְׁנַיּוֹת אַבִּיסְל גְמָרָא אַבִּיסְל שֻׁלְחָן עָרוּךְ. דָאס אִיז אַ רִיכְטִיגֶע הִימְל מֶענְטְשׁ.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י"ד עֶרֶךְ פֶּסַח שֵׁנִי)

# מִילֵי דְאָבוֹת

## פֶּערְל וֶוערְטֶער אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת

## אַ מֶענְטְשׁ קֶען פַארְגֶעסְן

**אֵינוֹ מִתְחַיֵּיב בְּנַפְשׁוֹ עַד שֶׁיֵּשֵׁב וִיסִירֵם מִלִּבּוֹ**

מֶען בַּאשׁוּלְדִיגְט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ וָואס פַארְגֶעסְט זַיין לֶערְנֶען, נָאר אוֹיבּ עֶר פַארְבְּרֶענְגְט דִי צַייט אוּן עֶר לֶערְנְט נִישְׁט. אוֹיבּ אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט אוּן עֶר פַארְגֶעסְט, וַוייל עֶר הָאט אַ שְׁוַואכֶע קָאפּ, וַוייל בַּטֶבַע פַארְגֶעסְט עֶר שְׁנֶעל, אִיז דֶער מֶענְטְשׁ גָארְנִישְׁט שׁוּלְדִיג, אוּן עֶר זָאל נִישְׁט וֶועגְן דֶעם אוֹיפְהֶערְן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"ו) אַז לֶעָתִיד לָבֹא וֶועט מֶען דֶערְמַאנֶען פַארְן מֶענְטְשׁ אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אֲפִילוּ עֶר הָאט עֶס פַארְגֶעסְן. אוּן אַזוֹי וֶוערְט אוֹיךְ גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר "לִיקוּטֵי תּוֹרָה" פוּן אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ (פַּרְשַׁת עֵקֶב) אַז עֶס זֶענֶען דָא נְשָׁמוֹת וָואס קוּמֶען פוּן "עַלְמָא דְנוּקְבָא", זֵיי פַארְגֶעסְן דָאס לֶערְנֶען זֵייעֶר שְׁנֶעל, אָבֶּער לֶעָתִיד וֶועט מֶען זֵיי אַלֶעס דֶערְמַאנֶען.

דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (קֹהֶלֶת רַבָּה א, יג): "דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן תּוֹרָה, מֶען לֶערְנְט אוּן מֶען פַארְגֶעסְט, וַוייל אַזוֹי אִיז דִי תּוֹרָה בַּאלִיבְּט בַּיים מֶענְטְשׁ יֶעדֶע מָאל וָואס עֶר לֶערְנְט עֶס, אַזוֹי וִוי דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל. וַוייל אַזוֹי וִוי עֶר הָאט דָאס שׁוֹין פַארְגֶעסְן, לֶערְנְט עֶר אוֹיךְ דִי צְוֵוייטֶע מָאל מִיט אַ פְרִישֶׁע חֵשֶׁק".

דֶערְפַאר אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס זֶעהְט אַז עֶר פַארְגֶעסְט וָואס עֶר לֶערְנְט, זָאל נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן דֶעם, וַוייל אוֹיבּ לֶערְנְט עֶר פְלַייסִיג, וֶועט עֶר נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין שׁוּם עוֹנֶשׁ אֲפִילוּ וֶוען עֶר פַארְגֶעסְט. פַארְקֶערְט, עֶר זָאל זֶעהְן אַרַיינְצוּכַאפְּן וִוי מֶער תּוֹרָה, וַוייל יֶעדֶע פֶּרֶק מִשְׁנַיּוֹת, יֶעדֶע בְּלַאט גְמָרָא, יֶעדֶע סִימָן אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרַיינְצוּכַאפְּן דָאס אִיז זַיין חֵלֶק לְנֵצַח נְצָחִים, נָאר דָאס בְּלַייבְּט פוּן אִים אוֹיף אֵייבִּיג.

חֲזַ"ל בְּרֶענְגְן (אָבוֹת דְרַבִּי נָתָן, פֶּרֶק כז) אַ מָשָׁל צוּ אֵיינֶעם וָואס הָאט גֶעדוּנְגֶען אַרְבֶּעטֶערְס אַז זֵיי זָאלְן אִים אָנְפִילְן פֶּעסֶער, אָבֶּער דִי פֶּעסֶער זֶענֶען גֶעוֶוען גֶעלֶעכֶערְט, אוּן וָואס מֶען הָאט אַרַיינְגֶעגָאסְן דֶערִין אִיז אַרוֹיס גֶערוּנֶען. דִי נַעֲרָנִים הָאבְּן גֶעזָאגְט: "וָואס הָאבְּן מִיר פוּן דִי גַאנְצֶע אַרְבֶּעט? וָואס מִיר גִיסְן אַרַיין וֶוערְט מְמֵילָא אוֹיסְגֶעגָאסְן" אוּן זֵיי הָאבְּן אוֹיפְגֶעהֶערְט אַרְבֶּעטְן, אָבֶּער דִי קְלוּגֶע הָאבְּן וַוייטֶער גֶעאַרְבֶּעט זָאגֶענְדִיג: "וָואס אִיז אוּנְז אַ חִילּוּק צוּ עֶס גִיסְט זִיךְ אוֹיס אָדֶער נִישְׁט? מִיר בַּאקוּמֶען סַייוִוי בַּאצָאלְט אוֹיפְ'ן טָאג, אוּן מִיר וֶועלְן בַּאקוּמֶען בַּאצָאלְט אֲפִילוּ וֶוען עֶס גִיסְט זִיךְ אוֹיס".

דִי זֶעלְבֶּע וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט תּוֹרָה, וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען שְׂכַר פַאר יֶעדֶע וָוארְט וָואס עֶר לֶערְנְט, אֲפִילוּ וֶוען עֶר פַארְגֶעסְט, אוּן דֶערְפַאר טָאר מֶען נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן אוֹיבּ מֶען פַארְגֶעסְט, נָאר וַוייטֶער אַרַיין כַאפְּן וִוי מֶער תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה.

(חַסְדֵי אָבוֹת פֶּרֶק ג' מִשְׁנָה י')

***

## קוּק נָאר אוֹיף דִי גוּטֶע חֲלָקִים

**כָּל שֶׁרוּחַ הַבְּרִיּוֹת נוֹחָה הֵימֶנּוּ, רוּחַ הַמָּקוֹם נוֹחָה הֵימֶנּוּ, וְכָל שֶׁאֵין רוּחַ הַבְּרִיּוֹת נוֹחָה הֵימֶנּוּ, אֵין רוּחַ הַמָּקוֹם נוֹחָה הֵימֶנּוּ.**

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ח') אַז אֲפִילוּ עֶס אִיז טַאקֶע אַ מִצְוָה צוּ זָאגְן מוּסָר, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ.

המשך בדף ד

# מִילֵי דְאָבוֹת
המשך

אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער קֶען דָאס טוּהן, נִישְׁט יֶעדֶער קֶען זָאגְן מוּסָר. רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט אִין זַיין דוֹר (עֲרָכִין ט״ז:) אַז עֶר וואוּנְדֶערְט זִיךְ אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אֵיינֶער אִינֶעם דוֹר וָואס קֶען זָאגְן מוּסָר.

מוּסָר דַארְף מֶען זָאגְן מִיט שֵׂכֶל, נִישְׁט סְתָּם צוּ זוּכְן חִסְרוֹנוֹת אוּן פֶּעלֶערְס בַּיי אִידְן. דָאס הָאט קֵיינֶער נִישְׁט לִיבּ צוּ הֶערְן, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט לִיבּ צוּ הֶערְן וֶוען מֶען זָאגְט אִים זַיינֶע חִסְרוֹנוֹת, אוּן דִי מוּסָר וֶועט גָארְנִישְׁט אוֹיפְטוּהן.

משֶׁה רַבֵּינוּ וֶוען עֶר הָאט מוּסָר גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן נָאכְן מַאכְן דִי עֵגֶל (שַׁבָּת פ״ח:) עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: ״דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ נָאךְ אַלְץ לִיבּ״. אַנְשְׁטָאט זֵיי אַרָאפּ צוּ קְלַאפְּן אַז זֵיי הָאבְּן גֶעטוּהן אַזַא גֶעפֶערְלִיכֶע עֲבֵירָה אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף זֵיי מֶער נִישְׁט הָאבְּן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ נָאךְ אַלְץ לִיבּ, עֶר וַוארְט אִיר זָאלְט צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים. אַזַא סָארְט מוּסָר קֶען אַ מֶענְטְשׁ הֶערְן, אוּן דָאס טוּט אַ סַךְ מֶער אוֹיף, גוּטֶע זַאכְן הָאט יֶעדֶער לִיבּ צוּ הֶערְן.

דָאס זָאגְט אוּנְז דֶער תַּנָא, כָּל שֶׁרוּחַ הַבְּרִיוֹת נוֹחָה הֵימֶנּוּ, אוֹיבּ זֶעהט מֶען אַז מֶענְטְשְׁן הָאבְּן לִיבּ צוּ הֶערְן מוּסָר פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ, אִיז דָאס אַ סִימָן אַז, רוּחַ הַמָּקוֹם נוֹחָה הֵימֶנּוּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זַייעֶר הֲנָאָה פוּן אַזַא מֶענְטְשׁ וָואס זָאגְט מוּסָר אוֹיף אַ וֶועג פוּן חִיזוּק, עֶר אִיז מְחַזֵק אִידְן אַז זֵיי קֶענֶען נָאךְ צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אָבֶּער, וְכָל שֶׁאֵין רוּחַ הַבְּרִיוֹת נוֹחָה הֵימֶנּוּ, אוֹיבּ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט לִיבּ צוּ הֶערְן מוּסָר פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ, אִיז דָאס אַ סִימָן אַז עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ זָאגְן מוּסָר, עֶר צוּבְּרֶעכְט מֶענְטְשְׁן אוּן זוּכְט בַּיי יֶעדְן חִסְרוֹנוֹת. אוּן דֶערְפַאר, אֵין רוּחַ הַמָּקוֹם נוֹחָה הֵימֶנּוּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט קַיין הֲנָאָה פוּן דֶעם.

דֶערִיבֶּער וֶוער עֶס וִויל מְקָרֵב זַיין אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף עֶס נָאר טוּהן אוֹיף אַ שֵׁיינֶע וֶועג, דוּרְךְ מְחַזֵק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן, אוּן נִישְׁט פַארְקֶערְט צוּ זוּכְן נָאר חִסְרוֹנוֹת אוּן שְׁטֶעכְן מֶענְטְשְׁן.

(בְּרִית אָבוֹת פֶּרֶק ג׳ מִשְׁנָה י״ג)

# ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳ ~

## נייער ספר ״דיבורי מוהרא״ש״ ארויס פון דרוק




מיט פרייד איז געווארן אויפגענומען דער נייער ספר ״דיבורי מוהרא״ש״ וואס איז יעצט ארויס פון דרוק.

אינעם ספר איז געדרוקט די שיעורים וואס מוהרא״ש שליט״א זאגט יעדע וואך דאנערשטאג נאכט.

ווי באקאנט זענען די שיעורים פון מוהרא״ש אן אוצר בלום, פול מיט אלע סארט חיזוק און עצות אין לעבן, פאר אלע סארט מצבים און הינזיכטן. די שיעורים ווערן דערנאך אראפגעשריבן אויף אידיש און ווערן געדרוקט אין די קונטרסים אויף אידיש, וואס איז שוין געווארן גאר שטארק אויפגעכאפט איבער די וועלט.

יעצט, צום ערשטן מאל, זענען די שיעורים געווארן אראפ געשריבן אויף לשון הקודש, אויף א לייכטע און צוגענגליכע שפראך, פון וואס יעדער וועט זיכער הנאה האבן.

יעצט איז ארויסגעקומען דער ערשטער חלק וואס ענטהאלט די שיעורים פון סדר בראשית פון יאר תשע״ג לפ״ק.

דער ספר איז אויך באגלייט מיט א תוכן ענינים און מפתחות, צו קענען גרינג און שנעל טרעפן סיי וועלכע ענין מען זוכט.

אנשי שלומינו האבן זיך געפריידט צו דעם נייעם ספר. עס איז שוין אויסגעגאנגען די ערשטע דרוק און יעצט איז עס שוין נאכאמאל געווארן איבערגעדרוקט.

מען קען באקומען דעם ספר בהיכל הישיבה אין וויליאמסבורג, אדער קענט איר רופן אויף 347-977-7994.

**קחו ברכה אל תוך בתיכם!**


# פרייליכע נייעס!

אויב פארט איר קיין מירון אויף ל״ג בעומר, אדער סיי וואו איר פארט.
מיר וועלן אייך צושטעלן אלע געברויכן!

- סעל פאונס
- קאר רענטל
- טרעוול אינשורענס

רופט אונז פאר די בעסטע פרייזן און שנעלסטע סערוויס

rent a cell
888 - 7368 RENT - 2 A - 23 CELL

אייער פריינד
אלי קנאל


## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר
מו״ה **ברוך מרדכי פעקעטע** הי״ו
**צו די געבורט פון זיין מיידעלע למז״ט**
דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון זיינע קינדער, דורות ישרים ומבורכים.

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר
מו״ה **נחמן ניישטיין** הי״ו
מלמד מומחה דמוסדותינו הק׳
**צו די געבורט פון זיין מיידעלע למז״ט**
דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון זיינע קינדער. דורות ישרים ומבורכים.


## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!
וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים
שנעל גוט און ביליג!
רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554
5554printing@gmail.com


**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**
**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת בחוקתי, י"ז אייר, אבות פרק ד', שנת תשע"ד לפ"ק — שנה 3, גליון 37 (137)


**זמנים**

הדלקת הנרות.................7:49
סוף זמן קר"ש.................8:38
מוצש"ק.................9:21

**שיעורים כסדרן**

בבלי.................ראש השנה ט'
ירושלמי.................ברכות כ"ד
תוספתא.................נגעים פרק ח'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ וְגוֹ' וְנָתַתִּי גִשְׁמֵיכֶם בְּעִתָּם.** מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ע"ו) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט שְׁטֶענְדִיג גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת פַאר מֶענְטְשׁ, נָאר נִישְׁט אֵייבִּיג הָאט דֶער מֶענְטְשׁ דִי כֵּלִים עֶס מְקַבֵּל צוּ זַיין, דֶערִיבֶּער קֶען נֶעמֶען אַ לַאנְגֶע צַייט בִּיז עֶס קוּמְט אָן צוּם מֶענְטְשׁ. אוֹיבּ אָבֶּער מֶען הָאט אֱמֶת'דִיג בִּטָחוֹן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיכֶער הֶעלְפְן, דַאן קוּמֶען דִי הַשְׁפָּעוֹת שְׁנֶעלֶער, מֶען בַּאקוּמְט עֶס אִין דִי רִיכְטִיגֶע צַייט וֶוען מֶען דַארְף עֶס.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ**, "חֹק" מֵיינְט אַ מִצְוָה וָואס מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, מֶען טוּט עֶס נָאר וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן אוּן מֶען גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אֱמֶת'דִיג גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דַאן, **וְנָתַתִּי גִשְׁמֵיכֶם "בְּעִתָּם"**, וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען דַיין פַּרְנָסָה אִין דִי רִיכְטִיגֶע צַייט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זִי"עַ בְּרֶענְגְט (נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ, בְּהַר) פוּן זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי זוּשָׁא זִי"עַ, אוֹיפְ'ן פָּסוּק, **וְכִי תֹאמְרוּ מַה נֹּאכַל בַּשָּׁנָה הַשְּׁבִיעִת הֵן לֹא נִזְרָע וְלֹא נֶאֱסֹף אֶת תְּבוּאָתֵנוּ, וְצִוִּיתִי אֶת בִּרְכָתִי לָכֶם וְגוֹ'**, אוֹיבּ וֶועט אִיר פְרֶעגְן וָואס וֶועלְן מִיר עֶסְן אִין דִי שְׁמִיטָה יָאר, מֶען טָאר דָאךְ נִישְׁט אַיינְפְּלַאנְצְן? זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ וֶועל אַרַיינְשִׁיקְן אַ בְּרָכָה אִין דִי זֶעקְסְטֶע יָאר אַז עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין גֶענוּג פַאר דְרֵיי יָאר.

פְרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זוּשָׁא זִי"עַ אַז עֶס אִיז נִישְׁט דֶער סֵדֶר פוּן פָּסוּק צוּ זָאגְן דִי קֻשְׁיָא. פַארְקֶערְט אַסַאךְ מָאל אִיז דָא אֵיין אִיבְּרִיגֶע אוֹת אִין פָּסוּק וָואס מִיט דֶעם וֶוערְט פַארֶענְטְפֶערְט אַסַאךְ קֻשְׁיוֹת. נִישְׁט פַארְקֶערְט, דִי תּוֹרָה זָאל אַרוֹיס שְׁרַייבְּן דִי קֻשְׁיָא?

דֶער תֵּירוּץ אִיז, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט שְׁטֶענְדִיג שֶׁפַע פַארְן מֶענְטְשׁ אָן קַיין אָפְּשְׁטֶעל, נָאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן פְרֶעגְן קֻשְׁיוֹת "פוּן וואוּ וֶועל אִיךְ הָאבְּן צוּ עֶסְן?" מִיט דֶעם הַאקְט עֶר אָפּ דִי שֶׁפַע, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוּז פוּן פְרִישׁ אַרַיין שִׁיקְן דִי שֶׁפַע.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, דִי תּוֹרָה ווִיל אוֹיסְלֶערְנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל נִישְׁט פְרֶעגְן קַיין קֻשְׁיוֹת, נָאר עֶר זָאל גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

### ~ לַ"ג בָּעוֹמֶר ~

דֶער טָאג לַ"ג בָּעוֹמֶר אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, עֶס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן דִי "יוֹמָא דְהִילוּלָא" פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאִי, דֶער טָאג אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹנ'ס פֶּערְזֶענְלִיכֶע שִׂמְחָה. עֶר טֵיילְט דֶעמָאלְט אוֹיס טֵייעֶרֶע מַתָּנוֹת פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזוֹי ווִי רַייכֶע מְחוּתָּנִים פִירְן זִיךְ צוּ טֵיילְן בַּיי אַ שִׂמְחָה טֵייעֶרֶע מַתָּנוֹת, אוּן אַזוֹי טֵיילְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוֹיךְ.

דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ט.) "כְּדַאי הוּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן לִסְמֹךְ עָלָיו בִּשְׁעַת הַדְחַק". צַדִיקִים הָאבְּן דָאס גֶעטַייטְשְׁט אַז וֶוען אַ אִיד גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַ שְׁעַת הַדְחַק, עֶס אִיז אִים עֶנְג, עֶר אִיז אִין אַ צָרָה. קֶען עֶר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן אִין דִי זְכוּת פוּן דֶעם גְרוֹיסְן תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאִי.

אֲפִילוּ וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ פָארְן אוֹיף מִירוֹן צוּ זַיין בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין דֶעם טָאג פוּן לַ"ג בָּעוֹמֶר, קֶען זִיךְ אָבֶּער בַּאהֶעפְטְן צוּם צַדִיק פוּן וואוּ עֶר אִיז. דָאס וֶוערְט גֶערֶעכְנְט מַמָשׁ אַזוֹי ווִי מֶען אִיז דָארְט, וַוייל וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט דָארְט אִיז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ.

דֶערְפַאר אִיז דֶער טָאג לַ"ג בָּעוֹמֶר זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, מֶען קֶען דֶעמָאלְט פּוּעֶלְ'ן אַלֶעס גוּטְס, מֶען זֶעצְט זִיךְ אַוֶועק אוּן מֶען בֶּעהְט זִיךְ אוֹיס בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען ווִיל, אִין זְכוּת פוּנֶעם בַּעַל הִילוּלָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאִי.

סְפֶּעצִיעֶל וֶוען מֶען עֶפְנְט אוֹיף אַ סֵפֶר הַזֹּהַר, מֶען זִיצְט אוֹיפְ'ן סֵפֶר, אוּן מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט דָאס גֶערֶעכְנְט אַזוֹי ווִי מֶען אִיז בַּיים צִיּוּן. אַזוֹי וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר "מְאוֹר עֵינַיִם"

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָׁבוּעַ

װעט אים זיכער העלפְן. װייל אויב ער װעט פרעגן קֻשְׁיוֹת, **וְכִי תֹאמְרוּ מַה נֹּאכַל בַּשָּׁנָה הַשְּׁבִיעִת**, װעט ער מיט דעם אָפּהאַקן די שֶׁפַע, **וְצִוִּיתִי אֶת בִּרְכָתִי**, דאַן װעט דער אייבערשטער דאַרפן פון פְרִישׁ אַריין שִׁיקן די הַשְׁפָּעוֹת.

(תּוֹךְ הַנַּחַל, לֵיל שב"ק בְּהַר-בְּחֻקֹּתַי, תשס"ט)

***

**וְיָשָׁן מִפְּנֵי חָדָשׁ תּוֹצִיאוּ.** מוֹהַרַא"ש שְׁלִיטָ"א זאָגט אַז דער פָּסוּק קומט אונז מְרַמֵּז זיין, דאָס װאָס דער רֶבִּי זאָגט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ז') אַז װען אַ מענטש רעדט מיט אַ צְװייטן פונעם אייבערשטן, פון יִרְאַת שָׁמַיִם. ער געבט אַרוים פאַר זיין חָבֵר װאָס ער האָט אין מוֹחַ, דערמאַלט פּוּלט אים דער אייבערשטער אָן זיין מוֹחַ מיט פרישע הַשָּׂגוֹת אין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, װייל אַזוי װי ער האָט אויסגעליידיגט זיין מוֹחַ פאַר אַ צְװייטן, באַקומט ער אַריין פרישע זאַכן.

דאָס איז פְּשַׁט אין פָּסוּק, **וְיָשָׁן מִפְּנֵי חָדָשׁ תּוֹצִיאוּ**, דו זאָלסט שטענדיג רעדן מיט חֲבֵרִים און תַּלְמִידִים פונעם אייבערשטן, און אַזוי אַז דו װעסט אויסליידיגן דיין מוֹחַ פאַר דיינע חֲבֵרִים, װעסטו באַקומען "**חָדָשׁ**" פרישע גייע גוטע הַשָּׂגוֹת.

(זֹאת הַתּוֹרָה בְּחֻקֹּתַי א')

***

**וְכָשְׁלוּ אִישׁ בְּאָחִיו כְּמִפְּנֵי חֶרֶב וְרֹדֵף אָיִן, וְלֹא תִהְיֶה לָכֶם תְּקוּמָה לִפְנֵי אֹיְבֵיכֶם.** מוֹהַרַא"ש שְׁלִיטָ"א איז מַסְבִּיר דעם פָּסוּק, לויט װי דער רֶבִּי זאָגט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ד) אויף'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים סט, כא) "**חֶרְפָּה שָׁבְרָה לִבִּי**" - די בּוּשׁוֹת און בִּזְיוֹנוֹת צוּבְּרעכן זייער אַ מענטש. און די עֵצָה איז זיך מְקַשֵּׁר זיין צו די נְקֻדָּה װאָס איז שַׁייך צו אים.

די עִיקָר בִּזְיוֹנוֹת האָט אַ מענטש װען ער קוקט אויף אַ צְװייטן, "יענער איז בעסער פון מיר, יענער איז מער מַצְלִיחַ פון מיר", מען הייבט אָן יענעם צו מְקַנֵּא זיין, ביז מען רעדט זיך שוין איין אַז יענער װיל אים רודפ'ן, אין די צייט װאָס יענער טראַכט בִּכְלַל נישט פון דיר.

און די עֵצָה דערצו איז, אַז אַ מענטש זאָל נאָר קוקן אויף זיין נְקֻדָּה. יעדער מענטש האָט אַ נְקֻדָּה, אַ זאַך װאָס נאָר ער קען אויספירן. און יעדער דאַרף זיך שטאַרקן נאָר מיט זיין אייגענע נְקֻדָּה, נישט קוקן אויף יענעם. אויב קוקט מען נישט אויף אַ צְװייטן האָט מען נישט קיין בִּזְיוֹנוֹת.

דאָס איז פְּשַׁט אין פָּסוּק, **וְכָשְׁלוּ אִישׁ בְּאָחִיו**, דער עִיקָר דורכפאַל פון אַ מענטש איז, װען ער קוקט אויף אַ צְװייטן. **כְּמִפְּנֵי חֶרֶב וְרֹדֵף אָיִן**, כְּאִילוּ יענער װיל דיר רודפ'ן, אין די צייט װאָס יענער קוקט אֲפִילוּ נישט צו דיין זייט. **וְלֹא תִהְיֶה לָכֶם תְּקוּמָה לִפְנֵי אֹיְבֵיכֶם**, דו װעסט דיר נישט קענען דערהאַלטן, װייל קִנְאָה עסט אויף אַ מענטש, װען מען קוקט אויף צְװייטן עסט מען זיך מַמָּשׁ אויף לעבעדיגערהייט, מען װערט אינגאַנצן צוּבְּראָכן.

דערפאַר דאַרף אַ מענטש אַסאַך בעטן דעם אייבערשטן, אַז ער זאָל נאָר קוקן אויף די גוטע זאַכן װאָס ער האָט, און בִּכְלַל נישט קוקן אויף אַ צְװייטן און דאַן װעט ער זייער מַצְלִיחַ זיין.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית, בְּהַר-בְּחֻקֹּתַי תשס"ז)

# שִׂיחוֹת מוֹהַרַא"שׁ

(יִשְׂמַח לֵב, מס' שבת) אַז דער צַדִּיק איז באַהאַלטן אין זיין סֵפֶר. און אַזוי זאָגט דער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ב) אַז דער פָּנִים, שֵׂכֶל און נְשָׁמָה פונעם צַדִּיק ליגט אין זיין סֵפֶר, און דערפאַר װען מען זיצט ביים סֵפֶר פונעם צַדִּיק װערט עס גערעכנט אַזוי װי מען איז ביי זיין צִיּוּן.

אַוַדַאי װער עס איז יאָ זוֹכֶה צו פאָרן אויף מִירוֹן צו זיין מַמָּשׁ ביים צִיּוּן איז נישט דאָ קיין גרעסערע זאַך פון דעם. אֲפִילוּ אַ גאַנץ יאָר איז אויך זייער אַ גרויסע זאַך צו גיין צו קֶבֶר פון אַ צַדִּיק, און זיכער װען עס בְּיוֹמָא דְהִילוּלָא פון דעם צַדִּיק. און נאָכדערצו ביי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אין מִירוֹן ל"ג בָּעוֹמֶר, קען מען זיכער פועל'ן גרויסע יְשׁוּעוֹת און רְפוּאוֹת און אַלעס גוטס.

## אַ רוּהִיג פְּלאַץ אין װינקל

די װאָס פאָרן קיין מִירוֹן אום ל"ג בָּעוֹמֶר דאַרפן װיסן אַז רֶבִּי שִׁמְעוֹן געפינט זיך נישט נאָר אין די מְעָרָה, נאָר ער איז אויך אין גאַנצע געגנט אַרום, אין די גאַנצע באַרג פון מִירוֹן. די גאַנצע באַרג האָט די קְדוּשָּׁה פון רֶבִּי שִׁמְעוֹן, מען דאַרף זיך נישט מוֹסֵר נֶפֶשׁ זיין זיך אַריינצושטופן אין די מְעָרָה. מען טרעפט זיך אַ רוּהִיג פְּלאַץ אין אַ װינקל, און פון דאָרט איז מען זיך מְקַשֵּׁר צו רֶבִּי שִׁמְעוֹן, און מען בעהט זיך אויס ביים אייבערשטן אַלעס װאָס מען דאַרף, דער זְכוּת פון רֶבִּי שִׁמְעוֹן מיט אַלע גרויסע צַדִּיקִים װאָס ליגן דאָרט באַהאַלטן איז זיכער מגין אַז מען זאָל שנעל געהאָלפן װערן מיט װאָס מען דאַרף.

אַן אינטערעסאַנטע זאַך זעהט מען ביי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אין מִירוֹן, עס קומען זיך צוזאַם אַלע נְשָׁמוֹת-יִשְׂרָאֵל פון קליין ביז גרויס. רַבָּנִים און אַדְמוֹרִ"ם, חֲסִידִים און מִתְנַגְּדִים, אַשְׁכְּנַזִּים און סְפָרַדִּים, אַלע קומען צו רֶבִּי שִׁמְעוֹן און געפינען זיך דאָס פְּלאַץ דאָרט, װייל די גרויסע צַדִּיקִים האָבן אַ שְׁפָּרַאךְ צו יעדן איד אָן אויסנאַם.

אין סֵפֶר בֵּית אַהֲרֹן פון דעם צַדִּיק רֶבִּי אַהֲרֹן קאַרלינער זי"ע שטייט אַ געװאַלדיגע לָשׁוֹן: "אַזוי װי דער אייבערשטער איז פאַר יעדן איינעם, אַזוי איז רֶבִּי שִׁמְעוֹן אויך פאַר יעדן איינעם, און אֲפִילוּ פאַר נידריגע מענטשן". זעהט מען אַז יעדער איד קען האָבן חַיּוּת פון רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי, און דערפאַר פאָרן אַזויפיל אידן צו זיין צִיּוּן, און פועל'ן אויס אַלעס גוטס.

## שִׁיסְן מיט אַ פייל און בויגן

דער רֶבִּי זאָגט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים סִימָן ס"ג) אַז צו שִׁיסְן מיט אַ פייל און בויגן אום ל"ג בָּעוֹמֶר, איז אַ סְגֻלָּה פאַר קינדער. דאָס מיינט סיי אַ סְגֻלָּה צו האָבן קינדער, און סיי צו האָבן נַחַת פון די קינדער, און זיי אויפציען גרינגערהייט.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פירן זיך צו מְקַיֵּים זיין װאָס דער רֶבִּי זאָגט, און שִׁיסְן מיט אַ פייל און בויגן אום ל"ג בָּעוֹמֶר.

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

מֶען קֶען דָאס פַארְשְׁטֵיין לוֹיט דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער מֶדְרָשׁ דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ פָּאר-פָאלְק צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי אַז זֵיי ווִילְן זִיךְ גֶט'ן ווַייל עֶס אִיז שׁוֹין דוּרְךְ אַ לַאנְגֶע צַייט פוּן זֵייעֶר חֲתוּנָה אוּן זֵיי הָאבְּן נַאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן קִינְדֶער.

הָאט זֵיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן גֶעזָאגְט אַז זֵיי קֶענֶען זִיךְ גֶט'ן אָבֶּער אַזוֹי ווִי בַּיי זֵייעֶר חֲתוּנָה הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה, זָאלְן זֵיי יֶעצְט אוֹיךְ מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה בַּיים זִיךְ גֶט'ן.

זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גֶעטוּהן, זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה בַּיי זֵיי אִינְדֶערְהֵיים, דֶער מַאן הָאט זִיךְ אָנְגֶעטְרִינְקֶן מִיט ווַיין בַּיי דִי סְעוּדָה, אוּן נָאךְ דִי סְעוּדָה הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּ זַיין ווַייבּ שִׁיכּוֹר'הֵייט: "ווֶוען דוּ גֵייסְט יֶעצְט אַהֵיים צוּ דַיין טַאטֶע'ס הוֹיז קֶענְסְטוּ דִיר אוֹיסְקְלוֹיבְּן סַיי ווֶועלְכֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט פוּן דָא אוּן עֶס מִיטְנֶעמֶען מִיט דִיר", אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אַיינְגֶעשְׁלָאפְן שִׁיכּוֹר'הֵייט.

ווֶוען דֶער מַאן אִיז שׁוֹין טִיף גֶעשְׁלָאפְן, הָאט דִי פְרוֹי גֶעזָאגְט פַאר אִירֶע קְנֶעכְט אַז זֵיי זָאלְן אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם מַאן מִיט זַיין בֶּעט אוּן אִים אַרִיבֶּערְטְרָאגְן צוּ אִיר טַאטֶע'ס הוֹיז.

זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גֶעטוּהן, זֵיי הָאבְּן אִים אַרִיבֶּער גֶעטְרָאגְן צוּ אִיר טַאטֶע'ס הוֹיז מִיט זַיין בֶּעט, ווֶוען דֶער מַאן הָאט זִיךְ דֶערְוֶועקְט אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהן ווִי עֶר גֶעפִינְט זִיךְ הָאט עֶר אִיר גֶעפְרֶעגְט: "וָואו גֶעפִין אִיךְ זִיךְ דָא?" הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ הָאסְט מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ קֶען נֶעמֶען סַיי ווֶועלְכֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ ווִיל פוּן דַיין הוֹיז, אוּן עֶס אַהֵיים טְרָאגְן צוּ מַיין טַאטֶע'ס הוֹיז, אוּן דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ דִיר גֶענוּמֶען, דָאס אִיז דִי זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט"...

זֶענֶען זֵיי צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן, זֵיי הָאבְּן אִים דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה, אוּן גֶעפְרֶעגְט וָואס זֵיי זָאלְן טוּהן ווַייטֶער. ווֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ אַזוֹי, אַז אִיר הָאט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ, זָאלְט אִיר טַאקֶע בְּלַייבְּן אִינַאיינֶעם, אוּן אִיךְ ווָאונְטְשׁ אַייךְ אָן אַז אִיר זָאלְט גֶעהָאלְפְן ווֶוערְן מִיט קִינְדֶער".

זֶעהט מֶען ווִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי הָאט גֶעהָאלְפְן אִידְן צוּ הָאבְּן קִינְדֶער, אוּן דֶערְפַאר אִיז דֶער טָאג ל"ג בָּעוֹמֶר, וָואס דֶעמָאלְט אִיז זַיין יוֹמָא דְהִילוּלָא, מְסוּגָל פַאר קִינְדֶער.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ עֶרֶךְ ל"ג בָּעוֹמֶר)

# סימן טוב ומזל טוב

**מיר וואונטשן א הארציגן ברכת מזל טוב פאר**

## מו"ה אברהם יודא ליכטענשטיין הי"ו

**צו די אפשערן פון זיין אינגל למזל טוב**

**ר' יודל איז שטענדיג גרייט ארויס צו העלפן אונזערע מוסדות הקדושים מיט וואס מען דארף, דער אייבערשטער זאל העלפן אז די זכות זאל אים בייזשטיין אז ער זאל זעהן שטענדיג אסאך אידיש נחת, בני ברוכי, חיי אריכי, ומזוני רויחי, וסייעתא דשמיא, אמן.**

# מִילֵי דְאָבוֹת

## פֶּערְל וֶוערְטֶער אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת

### נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

**שְׁמוּאֵל הַקָּטָן אוֹמֵר, בִּנְפֹל אוֹיִבְךָ אַל תִּשְׂמָח וּבִכָּשְׁלוֹ אַל יָגֵל לִבֶּךָ.**

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף ווִיסְן אַז אַלֶעס וָואס עֶס גֶעשֶׁעהט אוֹיף דִי ווֶועלְט קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ ווֶוען אַ מֶענְטְשׁ, אַ בַּעַל בְּחִירָה, טוּט עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס פַאר אַ צְווֵייטְן אִיז עֶס אוֹיךְ נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס צוּגֶעשִׁיקְט כְּדֵי מְעוֹרֵר צוּ זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּהן, אוּן דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט זִיךְ צוּרִיק צוּ קְרִיגְן מִיט דֶעם שְׁטֶעקְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעשִׁיקְט, נָאר דִי עֵצָה אִיז צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּ אִים, אוּן אֱמֶת'דִיג תְּשׁוּבָה טוּהן, אוּן דֶעמָאלְט'ס ווֶועלְן אַלֶע שׂוֹנְאִים מִמֵּילָא אַוֶועקְפַאלְן.

דָאס זָאגְט דֶער תַּנָּא, **בִּנְפֹל אוֹיִבְךָ אַל תִּשְׂמָח**, זָאלְסְט דִיךְ נִישְׁט פְרֵייעֶן ווֶוען דַיין שׂוֹנֵא פַאלְט, ווַייל מִיט דֶעם ווַייזְטוּ אַז דוּ מֵיינְסְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעטוּהן דִי שְׁלֶעכְטְס פוּן זִיךְ אַלֵיין אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֱמֶת אִיז אַז דֶער שׂוֹנֵא אִיז נָאר גֶעקוּמֶען ווַייל דוּ הָאסְט גֶעזִינְדִיגְט אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל אַז דוּ זָאלְסְט תְּשׁוּבָה טוּהן, אוּן אוֹיבּ דוּ ווֶועסְט תְּשׁוּבָה טוּהן, ווֶועלְן אַלֶע דַיינֶע שׂוֹנְאִים אַוֶועק פַאלְן.

(בְּרִית אָבוֹת, פֶּרֶק ד', מִשְׁנָה כ"ד)

***

### צוּם סוֹף ווֶועט זַיין גוּט

**כָּל הַמְקַיֵּים אֶת הַתּוֹרָה מֵעוֹנִי סוֹפוֹ לְקַיְּמָהּ מֵעוֹשֶׁר**

דָאס גֵייט אַרוֹיף סַיי בְּרוּחֲנִיּוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת, סַיי ווֶוען עֶס גֵייט שְׁווֶוער פַארְן מֶענְטְשׁ בְּגַשְׁמִיּוּת, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, עֶר אִיז שׁוּלְדִיג חוֹבוֹת א.ד.ג. אָבֶּער אוֹיךְ בְּרוּחֲנִיּוּת ווֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִילְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר אִיז זֵייעֶר ווַייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פִילְט אַז עֶר אִיז מַמָּשׁ גָארְנִישְׁט ווֶוערְט, אוֹיבּ עֶר ווֶועט זִיךְ אָבֶּער דֶעמָאלְט שְׁטַארְקֶן אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי אַלֶע בִּלְבּוּלִים, נָאר פְּרוּבִּירְן צוּ טוּהן ווִי מֶער מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס עֶר קֶען, ווֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּם סוֹף הֶעלְפְן אַז עֶר ווֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ עֲשִׁירוּת סַיי בְּרוּחֲנִיּוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז אַלֶע צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעהַאט דִי נִסְיוֹן, זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ גֶעפִיהֶלְט אַז זֵיי זֶענֶען גָארְנִישְׁט ווֶוערְט, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף זֵיי נִישְׁט הָאבְּן, עֶס אִיז זֵיי גֶעוֶוען בִּיטֶערֶער פוּנֶעם טוֹיט, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי נָאכְדֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ גֶעוֶוען בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

(חַסְדֵי אָבוֹת פֶּרֶק ד' מִשְׁנָה י"א)

המשך בדף ד

# מִילֵי דְאָבוֹת

המשך

## וֶועסְט זִיכֶער אַרוֹיסְגֵיין

**רַבִּי חֲנַנְיָא בֶּן עֲקַשְׁיָא אוֹמֵר, רָצָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְזַכּוֹת אֶת יִשְׂרָאֵל, לְפִיכָךְ הִרְבָּה לָהֶם תּוֹרָה וּמִצְוֹת.**

מֶען פִּירְט זִיךְ צוּ זָאגְן דִי מִשְׁנָה נָאכְן לֶערְנֶען פִּרְקֵי אָבוֹת, כָאטְשׁ דָאס אִיז אַ מִשְׁנָה אִין מַסֶּכֶת מַכּוֹת. לִכְאוֹרָה וִוי קוּמְט עֶס דָא אַהֶער?

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן י"ט) אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז פַארְדִינְקֶען אִין עֲבֵירוֹת, עֶר אִיז שׁוֹין צוּגֶעוואוֹינְט צוּ טוּהן עֲבֵירוֹת. אוֹיב אָבֶער עֶר וֶועט זִיךְ מַאכְן אַ חֹק קָבוּעַ אַז יֶעדְן טָאג מוּז עֶר לֶערְנֶען אַזוֹיפִיל אוּן אַזוֹיפִיל, אוּן עֶר וֶועט דָאס אָנְהַאלְטְן מִיט אַ שְׁטַארְקַייט, וֶועט עֶר זִיכֶער אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

דָאס אִיז פְּשַׁט, נָאכְדֶעם וָואס מֶען לֶערְנְט אַ פֶּרֶק פוּן אָבוֹת אוּן מֶען זֶעהט וִוי אַזוֹי דִי הֵיילִיגֶע תַּנָּאִים הָאבְּן גֶעלֶעבְּט מִיט זֵייעֶרֶע מִדּוֹת טוֹבוֹת, קֶען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְן צוּבְּרָאכְן, "אִיךְ הָאב דָאךְ אַזַא שְׁוֶוערֶע מְגוּשָּׁם'דִיגֶע גוּף, אוּן אִיךְ בִּין אַזוֹי וַוייט פוּן דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, וִוי אַזוֹי וֶועל אִיךְ נָאךְ אַמָאל קֶענֶען צוּקוּמֶען צוּ דֶעם?

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער תַּנָּא רָצָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְזַכּוֹת אֶת יִשְׂרָאֵל, לְפִיכָךְ הִרְבָּה לָהֶם תּוֹרָה וּמִצְוֹת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוָואלְט מְזַכֶּה זַיין דִי אִידְן אַז יֶעדֶער אִיד זָאל קֶענֶען צוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, דֶערְפַאר הָאט עֶר זֵיי גֶעגֶעבְּן אַסַאךְ תּוֹרָה, עֶס אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶע אוֹיסְוָואל וָואס מֶען קֶען לֶערְנֶען מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְּמָרָא, מִדְרָשׁ, אוּן נָאךְ אַסַאךְ לִמּוּדִים, אוּן וֶוער עֶס וֶועט זִיךְ מַאכְן אַ שְׁטַארְקֶע שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, וֶועט דִי תּוֹרָה אִים אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אוּן אִים צוּבְּרֶענְגֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

(בְּרִית אָבוֹת, סוֹף פֶּרֶק ד')

## ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע ספרי ברסלב

**27 Skillman St.**

**אדער רופט 347-977-7994**

## קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א**

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

### אנשי שלומינו וועלן זיך צוזאמקומען לכבוד הילולא דבר יוחאי

אנשי שלומינו גרייטן זיך צו די גרויסארטיגע סעודת ל"ג בעומר, וואס וועט פארקומען במחיצת הקודש מיט כ"ק מוהרא"ש שליט"א. דאס יאר וועט מוהרא"ש שליט"א נישט פארן ל"ג בעומר אויף מירון אזוי ווי ער איז געווען געוואוינט אלע יארן.

די סעודת ל"ג בעומר וועט פארקומען דאס יאר ביי מוהרא"ש אין בית המדרש אין בארא פארק, זונטאג נאכמיטאג אום פינף אזייגער.

עס איז ערווארטעט גאר א גרויסער ציבור וואס וועט זיך צוזאמקומען זיך צו פרייען אינאיינעם ביי די גרויסע הילולא פון רבי שמעון בר יוחאי.

ווי באקאנט האט דער געהויבענער טאג גאר גרויסע סגולות, אין וואס מען קען זיך אויסבעטן און אויס'פועל'ן אלע סארט ישועות און רפואות למעלה מדרך הטבע.

נאך די סעודה וועט מען זיך פרייען און טאנצן אינאיינעם בתופים ובמחולות.

**תורתו מגן לנו היא מאירת עינינו!**

# מודעה חשובה

מיטן אייבערשטנס הילף וועלן מיר זיך צוזאמקומען צו די

# סעודת ל"ג בעומר

**זונטאג פרשת במדבר הבעל"ט**

בבית מדרשינו בבארא פארק

**1129 42nd street**

בשעה 5:00

**כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א**

ישמיע דברות קודש

דברי התחזקות והתעוררות בעניני דיומא

**תּוֹרָתוֹ מָגֵן לָנוּ הִיא מְאִירַת עֵינֵינוּ הוּא יַמְלִיץ טוֹב בַּעֲדֵנוּ**

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **אליעזר איידלשטיין** הי"ו

**צו די אפשערן פון זיין אינגל למז"ט**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון זיינע קינדער, דורות ישרים ומבורכים.

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **ישראל זילביגער** הי"ו

**צו די געבורט פון זיין אינגל למז"ט**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון זיינע קינדער, דורות ישרים ומבורכים.


## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!

**וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים**

שנעל גוט און ביליג!

**רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554**

**5554printing@gmail.com**


**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת במדבר, מברכים חודש סיון, כ"ד אייר, אבות פרק ה', שנת תשע"ד לפ"ק
שנה 3, גליון 38 (138)


**זמנים**
הדלקת הנרות.....................7:55
סוף זמן קר"ש.......................8:36
מוצש"ק...................................9:27

**שיעורים כסדרן**
בבלי....................ראש השנה ט"ז
ירושלמי...................ברכות ל"א
תוספתא...................פרה פרק ו'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה בְּמִדְבַּר סִינַי בְּאֹהֶל מוֹעֵד.** רַשִׁ"י זָאגְט: וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ דִי אִידְן, צֵיילְט עֶר זֵיי צוּ יֶעדֶע צַייט.

מוֹהַרְאַ"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ד) אַז יֶעדֶער אִיד הָאט אַ נְקוּדָה, אַ זַאךְ וָואס נָאר עֶר קֶען אוֹיסְפִירְן. און מִיט דֶעם קֶען עֶר זִיךְ שְׁטַארְקְן אֲפִילוּ וֶוען עֶר זֶעהט אַז אַנְדֶערֶע זֶענֶען מֶער מַצְלִיחַ פוּן אִים, אָבֶער יֶענֶער הָאט דָאךְ נִישְׁט דִי נְקוּדָה וָואס עֶר הָאבּ.

דֶערְפַאר הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעצֵיילְט דִי אִידְן יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט, צוּ וַוייזְן אַז יֶעדֶער אִיד אִיז אַ בַּאזוּנְדֶער גֶעצֵיילְטֶער אִיד, יֶעדֶער אִיד אִיז בַּאזוּנְדֶער חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיט דֶעם קֶען מֶען אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין דָאס וָואס עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים תכח, ד') אַז שְׁטֶענְדִיג לֵיינְט מֶען פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר פַאר שָׁבוּעוֹת.

לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן צ"א) אַ סְגוּלָה צוּ הָאבְּן הַתְמָדָה, צוּ לֶערְנֶען פְלַייסִיג, אַז מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן קַיין שְׁלֶעכְטְס אוֹיף קַיין שׁוּם אִיד. וַוייל עֶס זֶענֶען דָא זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט אוֹתִיוֹת אִין דִי תּוֹרָה, קֶעגְן דִי זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט אִידְן, און אוֹיבּ רֶעדְט מֶען שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אַ אִיד, מִיט דֶעם פַּסְל'ט מֶען אֵיין אוֹת פוּן דִי סֵפֶר תּוֹרָה, און אַז עֶס פֶעלְט אֵיין אוֹת פוּן דִי תּוֹרָה אִיז עֶס פָּסוּל, און מֶען הָאט נִישְׁט קַיין חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען.

דֶערְפַאר לֵיינְט מֶען שְׁטֶענְדִיג פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר פַאר שָׁבוּעוֹת, צוּ וַוייזְן אַז יֶעדֶער אִיד אִיז אַ גֶעצֵיילְטֶע אִיד, יֶעדֶער אִיד אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב. מֶען טָאר קֵיינֶעם נִישְׁט אַוֶועקְמַאכְן, נִישְׁט זִיךְ און נִישְׁט אַ צְוֵייטְן. און אַזוֹי קֶען מֶען צוּגֵיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה מִיט גְרוֹיס חֵשֶׁק און גֶעשְׁמַאק.

(זֹאת הַתּוֹרָה בַּמִדְבָּר א)

***

**וְחָנוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אִישׁ עַל מַחֲנֵהוּ וְאִישׁ עַל דִּגְלוֹ.** דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (תַּנְחוּמָא בַּמִדְבָּר) אַז וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים בַּארְג סִינַי צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, הָאבְּן זֵיי גֶעזֶעהן דִי טוֹיזְנְטֶער מַלְאָכִים וָואס זֶענֶען דָארְט גֶעוֶוען וִוי זֵיי שְׁטֵייעֶן מִיט אַ סֵדֶר מִיט פֶענֶער. הָאבְּן דִי אִידְן גֶעזָאגְט: "הַלְוַאי וָואלְטְן מִיר אוֹיךְ גֶעהַאט אַזֶעלְכֶע פֶענֶער". און דֶערִיבֶּער הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהֵייסְן אַז דִי אִידְן זָאלְן אוֹיךְ הָאבְּן פֶענֶער.

לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, וָואס אִיז דִי גְרוֹיסֶע זַאךְ מִיט דִי פֶענֶער פוּן דִי מַלְאָכִים, אַז דִי אִידְן הָאבְּן אַזוֹי גֶעגְלוּסְט דֶערְצוּ?

מוֹהַרְאַ"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ה') אַז דוּרְךְ דֶעם וָואס אַ אִיד פְרֵיידְט זִיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן און מִיט זַיינֶע מִצְוֹת, דוּרְךְ דֶעם גִיבְּט עֶר כֹּחַ פַאר דִי מַלְאָכִים.

דָאס מֵיינְט אַז מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס אַ אִיד טוּט, בַּאשַׁאפְט עֶר אַ מַלְאָךְ, און דִי

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהַרְאַ"שׁ

### ~ דֶער הֵיילִיגֶער שַׁבָּת ~

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אִיז אַ מַתָּנָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער. דִי גְמָרָא זָאגְט (שַׁבָּת י:) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ: "אִיךְ הָאבּ אַ גוּטֶע מַתָּנָה אִין מַיינֶע אוֹצְרוֹת, עֶס הֵייסְט שַׁבָּת, אִיךְ וִויל דָאס גֶעבְּן פַאר דִי אִידְן. גֵיי לָאז זֵיי וִויסְן וָואסֶערֶע גְרוֹיסֶע מַתָּנָה זֵיי בַּאקוּמֶען".

דוּרְכְאוֹיס דִי גַאנְצֶע וָואךְ אִיז אַ מֶענְטְשׁ פַארְיָאגְט און פַארְפְלָאגְט, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין יִשׁוּב הַדַעַת. וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶער שַׁבָּת, בָּא שַׁבָּת בָּא מְנוּחָה, אִיז אַ צַייט וָואס קֶען אַבִּיסְל קוּמֶען צוּ זִיךְ, מֶען קֶען אַבִּיסְל אָנְהוֹיבְּן טְרַאכְטְן מִיט אַ קְלָארֶע קָאפּ, מֶען קֶען אָנְהוֹיבְּן אַבִּיסְל צוּ טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ גֶעדֶענְקְן אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, און וֶוערְן בַּאהָאפְטְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר דַארְף זִיךְ אַ אִיד זֵייעֶר פְרֵייעֶן וֶוען עֶס קוּמְט שַׁבָּת, אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ הִיטְן שַׁבָּת, און מֶען דַארְף זֶעהן צוּ מְעַנֵג זַיין דֶעם שַׁבָּת, צוּ קוֹיפְן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן לְכָבוֹד שַׁבָּת.

חֲזַ"ל זָאגְן (בֵּיצָה טז.) אַז אֲפִילוּ אַלֶע אוֹיסְגַאבְּן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ זֶענֶען טַאקֶע אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוערְט אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ וִויפִיל גֶעלְט עֶר וֶועט הָאבְּן בְּמֶשֶׁךְ דִי יָאר. אָבֶער דִי הוֹצָאוֹת פוּן שַׁבָּת, דִי גֶעלְט וָואס מֶען גֶעבְּט אוֹיס אַיינְצוּקוֹיפְן לְכָבוֹד שַׁבָּת, דָאס וֶוערְט נִישְׁט אַרַיינְגֶערֶעכְנְט אִינֶעם חֶשְׁבּוֹן, דָאס אִיז אַ בַּאזוּנְדֶערֶע חֶשְׁבּוֹן, און מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן אוֹיסְצוּגֶעבְּן וִוי מֶער גֶעלְט לְכָבוֹד שַׁבָּת. פַארְקֶערְט, אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כָּל הַמוֹסִיף מוֹסִיפִין לוֹ, וִוי מֶער מֶען גֶעבְּט אוֹיס לְכָבוֹד שַׁבָּת, בַּאקוּמְט מֶען צוּרִיק נָאךְ מֶער.

דֶערִיבֶּער אִיז אַ גוּטֶע עֵצָה אַז וֶוען מֶען קוֹיפְט לְכָבוֹד שַׁבָּת זָאל מֶען קוֹיפְן מִיט אַזַא

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

מַלְאָכִים וָואס וֶוערְן בַּאשַׁאפְן פוּן דִי מִצְוֹת, זֵיי בַּאגְלֵייטְן דֶעם מֶענְטְשׁ און הִיטְן אִים אָפּ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס. און פַארְקֶערְט אוֹיךְ, אוֹיב טוּט מֶען חַס וְשָׁלוֹם עֲבֵירוֹת, בַּאשַׁאפְט מֶען מִיט דֶעם שְׁלֶעכְטֶע מַלְאָכִים, וֶועלְכֶע דֶערְבִּיטֶערְן דִי יָארְן פַארְן מֶענְטְשׁ.

וִוי אַזוֹי גִיבְּט מֶען כֹּחַ פַאר דִי גוּטֶע מַלְאָכִים? דוּרְךְ שִׂמְחָה. אַז מֶען פְרֵייט זִיךְ מִיט דִי מִצְוָה וָואס מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טוּהן, מִיט דֶעם בַּאקוּמְט דֶער גוּטֶער מַלְאָךְ נָאךְ מֶער כֹּחַ צוּ הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ, און אִים רַאטֶעוֶוען פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

דֶערְפַאר וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים בַּארְג סִינַי, און זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן זֵייעֶר גֶעוַואלְדִיגֶע כֹּחַ, אַז מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס זֵיי טוּעֶן בַּאשַׁאפְן זֵיי מַלְאָכִים. הָאבְּן זֵיי גֶעגְלוּסְט דֶערְצוּ, אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ זַיין אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט מִיט פֶענֶער אַזוֹי וִוי דִי מַלְאָכִים, צוּ דֶערְמַאנֶען דִי כֹּחַ וָואס זֵיי הָאבְּן, און אַזוֹי וֶועלְן זֵיי זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ טוּהן וִוי מֶער מִצְוֹת, און זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת, און מִיט דֶעם בַּאקוּמֶען אַסַאךְ מַלְאֲכֵי שְׁמִירָה, צוּ בַּאגְלֵייטְן און אָפְּהִיטְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

און דֶערְפַאר לֵיינְט מֶען שְׁטֶענְדִיג פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר פַאר יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, צוּ וַוייזְן דִי כֹּחַ וָואס אִידְן הָאבְּן מִיטְן מְקַיֵּים זַיין דִי תּוֹרָה און מִצְוֹת וָואס מֶען גֵייט מְקַבֵּל זַיין אִין שָׁבוּעוֹת.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק בַּמִּדְבָּר תשס"ח)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

שֶׁפַע אַז עֶס זָאל שׁוֹין בְּלַייבְּן אוֹיךְ פַאר דִי גַאנְצֶע וָואךְ. און דַאן, אֲפִילוּ אוֹיב עֶס אִיז חַ"ו גֶעוָוארְן אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פַארְן מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל זִיךְ דַארְפְן מוּטְשֶׁען דָאס יָאר מִיט פַּרְנָסָה, אַז עֶר זָאל דָאס יָאר הָאבְּן וַוייניג גֶעלְט. אוֹיב אָבֶּער עֶר קוֹיפְט אַלֶע זַיינֶע גֶעבְּרוֹיכְן לִכְבוֹד שַׁבָּת, אִיז דָאס דָאךְ נִישְׁט אַרַיינְגֶערֶעכְנְט אִינֶעם חֶשְׁבּוֹן, און אוֹיף אַזַא וֶועג קֶען עֶר הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח.

נָאךְ מֶער זָאגְט דִי גְמָרָא (בֵּיצָה טו:) אַז אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, זָאל עֶר גֵיין בָּארְגְן און אַיינְקוֹיפְן לִכְבוֹד שַׁבָּת, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט צוּ אַז עֶר וֶועט עֶס בַּאצָאלְן. וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ מְעַנֵּג זַיין דֶעם שַׁבָּת בַּאקוּמְט עֶר אַ נַחֲלָה בְּלִי מְצָרִים - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים צוּשְׁטֶעלְן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן, אָן קַיין שׁוּם גְרֶענִיץ!

### טוֹיזְנְט תַּעֲנִיתִים

אִין מֶדְרָשׁ (תַּנְחוּמָא בְּרֵאשִׁית) וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט "עוֹנֶג שַׁבָּת כְּאֶלֶף תַּעֲנִיתִים" - וֶוען מֶען אִיז מְעַנֵּג דֶעם שַׁבָּת אִיז דָאס אַזוֹי וִוי מֶען וָואלְט גֶעפַאסְט טוֹיזְנְט תַּעֲנִיתִים.

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט בַּיי זִיךְ וָואס עֶר הָאט אַלְץ גֶעטוּהן זַאכְן וָואס עֶר וָואלְט נִישְׁט גֶעדַארְפְט טוּהן, דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ שְׁרַייבְּט תִּקּוּנִים וְוִיפִיל תַּעֲנִיתִים אַ מֶענְטְשׁ דַארְף פַאסְטְן צוּ פַארְרֶעכְטְן יֶעדֶע סָארְט עֲבֵירָה. אָבֶּער וֶוען מֶען זָאל מַאכְן דֶעם חֶשְׁבּוֹן וֶועט מֶען זֶעהְן אַז עֶס נִישְׁטָא גֶענוּג טֶעג און יָארְן אִין לֶעבְּן, צוּ קֶענֶען פַאסְטְן אַזוֹיפִיל תַּעֲנִיתִים צוּ פַארֶערְכְטְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען.

דֶערִיבֶּער וֶוען מֶען נֶעמְט אִין חֶשְׁבּוֹן אַז מִיטְן מְעַנֵּג זַיין דֶעם שַׁבָּת אִיז דָאס אַזוֹי וִוי טוֹיזְנְט תַּעֲנִיתִים, אִיז דָאס אַ גֶעוַואלְדִיגֶע זַאךְ. מִיט אַזַא גְרִינְגֶע זַאךְ קֶען מֶען זִיךְ אַיינְשְׁפָּארְן אַזוֹיפִיל צָרוֹת, בְּלוֹיז מִיטְן פְרֵיילִיךְ מַאכְן דֶעם שַׁבָּת אִיז דָאס שׁוֹין אַזוֹי וִוי טוֹיזְנְט תַּעֲנִיתִים.

דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זֶעהְן טַאקֶע צוּ עֶסְן אַלֶע דְרֵיי סְעוּדוֹת שַׁבָּת וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין. אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ שְׁטֵייט אַז וֶוען אַ אִיד עֶסְט דִי דְרֵיי סְעוּדוֹת שַׁבָּת גֵייט אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל אַז דֶער אִיד הָאט אֱמוּנָה. לַיידֶער זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען מְזַלְזֵל אִין שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת מֶען הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ און גֶעדוּלְד זִיךְ צוּ וַואשְׁן צוּ שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת. וֶוען מֶען נֶעמְט אָבֶּער אִין חֶשְׁבּוֹן דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען בַּאקוּמְט דֶערְפַאר, דַאן אִיז דָאס שׁוֹין פִיל גְרִינְגֶער, מֶען וֶועט זִיךְ יָא אָנְשְׁטְרֶענְגֶען זִיךְ צוּ וַואשְׁן און עֶסְן כָאטְשׁ אַ כְּזַיִת צוּ מַשְׁלִים זַיין אַלֶע דְרֵיי סְעוּדוֹת פוּן שַׁבָּת, און זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְרוֹיסֶע גֶעוַואלְדִיגֶע הַבְטָחוֹת.

חַזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קי"ז:) אַז וֶוער עֶס עֶסְט דִי דְרֵיי סְעוּדוֹת שַׁבָּת וֶוערְט גֶערַאטֶעוֶועט פוּן דְרֵיי סָארְט שְׁטְרָאפְן, פוּן חֶבְלֵי מָשִׁיחַ, פוּן גֵיהִנּוֹם און פוּן מִלְחֶמֶת גּוֹג וּמָגוֹג.

### זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער

בְּמֶשֶׁךְ דִי וָואךְ אִיז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוֶוענְלִיךְ פַארְנוּמֶען, עֶר הָאט נִישְׁט צוּפִיל צַייט זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה און מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, דוּרְכְאוֹיס דִי וָואךְ קוּמְט מֶען אַסַאךְ מָאל אַהֵיים גָאר שְׁפֶּעט, וֶוען דִי קִינְדֶער שְׁלָאפְן שׁוֹין, אַזוֹי אַז עֶס קוּמְט כִּמְעַט נִישְׁט אוֹיס צוּ רֶעדְן מִיט דִי קִינְדֶער אַ גַאנְצֶע וָואךְ.

אָבֶּער שַׁבָּת קוֹדֶשׁ וֶוען מֶען זִיצְט בַּיים שַׁבָּת טִישׁ מִיט דִי קִינְדֶער, דַארְף מֶען כָאטְשׁ אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט און זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ דִי קִינְדֶער, אוֹיסְהֶערְן וָואס זֵיי הָאבְּן צוּ זָאגְן און רֶעדְן מִיט זֵיי דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, זֵיי דֶערְצֵיילְן סִפּוּרֵי צַדִּיקִים, זִינְגֶען מִיט זֵיי דִי זְמִירוֹת שַׁבָּת, א.ד.ג. עֶס אִיז מַמָּשׁ אַ שָׁאד אַז דִי בִּיסְל צַייט וָואס מֶען הָאט פוּן דִי גַאנְצֶע וָואךְ זָאל אַוֶועקְגֵיין מִיט רֶעדְן נַארִישְׁקַייטְן. אָדֶער נָאךְ עֶרְגֶער, מִיט לָשׁוֹן הָרַע און רְכִילוּת.

מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיף אַ גֶעוִויסֶער גָּדוֹל בְּיִשְׂרָאֵל וָואס הָאט לַיידֶער נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שָׁכֵן זֵייעֶר אַ פְּשׁוּטֶער אִיד וָואס הָאט יָא זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גֶעלוּנְגֶענֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער. הָאט דֶער גָּדוֹל גֶעזָאגְט סוֹף יָמָיו, אַז אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מַתְמִיד, פְלֶעגְט עֶר שְׁנֶעל עֶנְדִיגְן דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת און זִיךְ גְלַייךְ גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה. ווִידֶערְאוּם דֶער שָׁכֵן אִיז גֶעוֶוען אַ פְּשׁוּטֶער אִיד, עֶר פְלֶעגְט מַאֲרִיךְ זַיין בַּיי דִי סְעוּדוֹת, עֶר הָאט גֶעזִינְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער, עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיט זֵיי. יֶעצְט הָאט עֶר חֲרָטָה פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט מֶער מַאֲרִיךְ גֶעוֶוען בַּיי דִי סְעוּדוֹת אַזוֹי וִוי זַיין שָׁכֵן, עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אַז וֶוען עֶר וָואלְט מֶער פַארְבְּרֶענְגְט מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, וָואלְט עֶר מֶער מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט זֵיי.

קִינְדֶער דַארְפְן זֵייעֶר וויכְטִיג הָאבְּן אַז דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט זֵיי, נָאר אַזוֹי קֶענֶען זֵיי אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְט בְּרוּחְנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת. דֶערִיבֶּער, עֶלְטֶערְן וָואס זָארְגְן זִיךְ פַאר דִי וואוֹילְזַיין פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, דַארְפְן זֶעהְן כָאטְשׁ אֵיינְמָאל אַ וָואךְ אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ צוּ אוֹיסְנִיצְן דִי גֶעלֶעגְנְהַייט און אַוֶועקְגֶעבְּן צַייט פַאר דִי קִינְדֶער. דָאס אִיז אַן אִינְוֶועסְטְמֶענְט וָואס בְּרֶענְגְט גָאר גְרוֹיסֶע רְוָחִים צוּ זֶעהְן אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער.

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

## אֲפִילוּ אָן אַ גֶעפִיל

וָוען מֶען טְרַאכְט אַרַיין אִין דִי גְרוֹיסְקַייט פוּנֶעם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, בְּרֶענְגְט דָאס גְרוֹיס הִתְרַגְשׁוּת פַּארְן מֶענְטְשׁ, מֶען פִּילְט אַ שִׂמְחָה אוּן אַ פְרֵייד אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ הִיטְן שַׁבָּת. אָבֶּער אֲפִילוּ וָוען מֶען הָאט נִישְׁט דֶעם גוּטְן גֶעפִיל, טָאר מֶען אוֹיךְ נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן, אַ מֶענְטְשׁ קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וִויסְן אוֹיף וֶועלְכֶע מַדְרֵיגָה עֶר שְׁטֵייט, אַמָאל קֶען עֶר פִּילְן בַּיי זִיךְ זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן, עֶר פִּילְט נִישְׁט קֵיין טַעַם אִין שַׁבָּת, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז עֶר דַאן זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה אַז דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זי"ע הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד וָואס הָאט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיפְן וֶועג צוּ זַיין רֶבִּי'ן אוֹיף יוֹם טוֹב פֶּסַח, אִינְמִיטְן וֶועג הָאט זִיךְ דִי וָואגְן צוּבְּרָאכְן אוּן עֶר הָאט גֶעדַארְפְט וַוארְטְן אַז מֶען זָאל פַארֶעכְטְן דִי וָואגְן. אִינְצְווִישְׁן אִיז גֶעוָוארְן נַאכְט אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט נֶעכְטִיגְן אִינְמִיטְן וֶועג. עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען עֶרֶב פֶּסַח אוּן עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר וַוייט פוּן לוּבְּלִין, עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר מְצַעֵר גֶעוֶוען אַז עֶר וֶועט מוּזְן בְּלַייבְּן אוֹיפְן וֶועג אוֹיף יוֹם טוֹב, עֶר וֶועט מוּזְן בְּלַייבְּן אִין אַ דֶערְפְל, אוּן וֶוער וֵוייסְט אוֹיבּ עֶר וֶועט הָאבְּן מַצּוֹת אוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן אוֹיף יוֹם טוֹב.

לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר טַאקֶע גֶעבְּלִיבְּן אִין אַ קְלֵיין דֶערְפְל אוֹיף יוֹם טוֹב, עֶר הָאט גֶעדַאוְונְט מַעֲרִיב אִינֶעם אָרְטִיגְן שׁוּהל, עֶר הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס הַארְצְוֵויטָאג אַז עֶר מוּז בְּלַייבְּן אִין אַ פַארְוָוארְפְן דֶערְפְל מִיט פְּשׁוּטֶע דָארְפִישֶׁע אִידְן, אִין דִי צַייט וָואס עֶר וָואלְט גֶעקֶענְט יֶעצְט זַיין בַּיי זַיין גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן אִין לוּבְּלִין.

נָאכְן דַאוֶוענֶען הָאט אִים אַ דָארְפְס-אִיד אַיינְגֶעלָאדֶענְט צוּם סֵדֶר, קֵיין צְווֵיי בְּרֵירוֹת הָאט עֶר סַיי וִוי נִישְׁט גֶעהַאט אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען מִיט אִים צוּם סֵדֶר, דֶער אִיד הָאט גֶעפִירְט דֶעם סֵדֶר זֵייעֶר פָּשׁוּט, עֶר הָאט גֶעזִינְגֶען דִי הַגָּדָה אוֹיפְן קוֹל, אָבֶּער אַזוֹי וִוי עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּ גוּט עִבְרִי הָאט עֶר עֶס גֶעזָאגְט מִיט אַסַאךְ טָעוּתִים, אוּן דֶער תַּלְמִיד הָאט זֵייעֶר גֶעוַויינְט אַז עֶר דַארְף דָא זַיין בַּיים סֵדֶר פוּן אַזַא פְּשׁוּטֶער אִיד וָואס אֲפִילוּ קֵיין עִבְרִי קֶען עֶר נִישְׁט.

דֶער דָארְפְס-אִיד הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען קֵיין חָכְמוֹת, עֶר הָאט גֶעזֶעהְן וִוי דֶער אוֹרֵחַ וַויינְט אַזוֹי בַּיי דִי הַגָּדָה, אוּן עֶר הָאט שׁוֹין פְרִיעֶר גֶעזֶעהְן וִוי דֶער אוֹרֵחַ הָאט אַזוֹי גֶעוַויינְט בַּיים דַאוֶוענֶען אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער אוֹרֵחַ אִיז אַ חָשׁוּבֶער אִיד, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז מִסְתָּמָא וַויינְט עֶר וַוייל אִין דִי שְׁטִיקְלֶעךְ הַגָּדָה זֶענֶען בַּאהַאלְטְן גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת, הָאט עֶר גֶעזִינְגֶען נָאךְ הֶעכֶער דִי הַגָּדָה אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ מִיט אַסַאךְ טָעוּתִים, אוּן דֶער תַּלְמִיד הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּארוּהִיגְן פוּן זַיין צַעַר אַז עֶר דַארְף זִיךְ דָא גֶעפִינֶען בַּיי אַזַא פָּשׁוּט'ן אִיד. נָאכְן סֵדֶר אִיז עֶר גְלַייךְ אַנְטְשְׁלָאפְן גֶעוָוארְן פוּן גְרוֹיס בִּיטֶערְנִישׁ.

אִינְדֶערְפְרִי הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעכַאפְּט אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אִיבֶּער טְרַאכְטְן, עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַז עֶר הָאט זֵייעֶר נִישְׁט גוּט גֶעטוּהן אַז עֶר הָאט אַזוֹי גֶעוַויינְט, עֶר הָאט דָאךְ גֶעהֶערְט אַסַאךְ מָאל פוּן זַיין רֶבִּי'ן אַז מֶען דַארְף זִיךְ אֵייבִּיג שְׁטַארְקְן, אוֹיבּ אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶעם פְּלַאץ אוֹיף יוֹם טוֹב אִיז עֶס זִיכֶער גֶעוֶוען מִיט הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעפִירְט, אוּן עֶר דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט שִׂמְחָה אוּן נִישְׁט זַיין אַזוֹי צוּבְּרָאכְן, אוּן עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז בַּיים צְווֵייטְן סֵדֶר וֶועט עֶר שׁוֹין זַיין פְרֵיילִיךְ.

אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, בַּיים צְווֵייטְן סֵדֶר אִיז עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, עֶר הָאט גֶעפִירְט דֶעם סֵדֶר מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִיהלְט גָאר שְׁטַארְק דֶערְהוֹיבְּן, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַ הֶעכֶערְקַייט אִינֶעם סֵדֶר.

המשך בדף ד

# מִילֵי דְאָבוֹת

## פֶּערְל וֶוערְטֶער אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת

## יֶעדֶער הָאט נִסְיוֹנוֹת

**עֲשָׂרָה נִסְיוֹנוֹת נִתְנַסָּה אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם וְעָמַד בְּכֻלָּם, לְהוֹדִיעַ כַּמָּה חִבָּתוֹ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם.**

אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעוֶוען דֶער רֹאשׁ לְמַאֲמִינִים, דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס הָאט פַארְשְׁפְּרֵייט דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, עֶר הָאט אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אַז עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין אֵיינְצִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן נָאר אִין אִים דַארְף מֶען גְלֵייבְּן.

גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל זֶענֶען דִי קִינְדֶער פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ, אוּן מִיר גֵייעֶן אִין זַיינֶע פִיס טְרִיט. אוּן דֶערִיבֶּער הָאט יֶעדֶער אִיד אוֹיסְצוּשְׁטֵיין זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת אִין אֱמוּנָה, לַאו דַוְקָא דִי זֶעלְבֶּע נִסְיוֹנוֹת וָואס אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעהַאט, נָאר יֶעדֶער אִיד הָאט זִיךְ זַיינֶע סָארְט נִסְיוֹנוֹת אִין זַיין טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן וָוען עֶר זֶעהט אַז זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶר ווִיל, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אִים נִסְיוֹנוֹת צוּ הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט אַזֶעלְכֶע נִסְיוֹנוֹת, מֶען הָאט אִים גֶעוָואלְט אַרַיינְוַוארְפְן אִין קַאלֶעךְ אוֹיוְון פַארְן גְלֵייבְּן אִין בַּאשֶׁעפֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט אִים גֵיין אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן וָוען עֶר קוּמְט אָן דָארְט גֶעשֶׁעהט אַ הוּנְגֶער, פַּרְעֹה כַאפְּט צוּ זַיין וַוייבּ שָׂרָה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַלֶע צֶען נִסְיוֹנוֹת בִּיז זַיין לֶעצְטֶע נִסָּיוֹן פוּן עֲקֵדַת יִצְחָק. בַּיי דִי אַלֶע נִסְיוֹנוֹת הָאט אַבְרָהָם גֶעקֶענְט וֶוערְן צוּפַאלְן וָוען עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַז עֶר אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דָא זֶעהט עֶר נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר אִים. אָבֶּער אַבְרָהָם הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן שְׁטַארְק, עֶר אִיז בַּייגֶעקוּמֶען אַלֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן שְׁטַארְק מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס דַארְפְן מִיר אוֹיךְ נָאכְמַאכְן, אֲפִילוּ וָוען זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט אַזוֹי וִוי מֶען וִויל, זָאל מֶען נִישְׁט הָאבְּן קֵיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַ גוּטֶער אוּן אַלֶעס וָואס עֶר טוּט אִיז נָאר צוּם גוּטְן, אוּן צוּם סוֹף זֶעהט זִיךְ אַרוֹיס אַז אַלֶעס אִיז נָאר גֶעוֶוען לְטוֹבָה.

(אַהֲבַת אָבוֹת פֶּרֶק ה' מִשְׁנָה ד')

***

## אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם מוֹיל

**לְפוּם צַעֲרָא אַגְרָא**

דֶער פָּסוּק זָאגְט הַמָּוֶת וְהַחַיִּים בְּיַד הַלָּשׁוֹן, אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם מוֹיל, וָוען אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט נִישְׁט וָואס עֶר רֶעדְט, אוּן עֶר רֶעדְט נַארִישְׁקַייטְן, בְּרֶענְגְט עֶר אוֹיף זִיךְ אַסַאךְ צָרוֹת, אוּן פַארְקֶערְט וָוען אַ מֶענְטְשׁ הִיט זִיךְ דָאס מוֹיל, בְּרֶענְגְט עֶר אוֹיף זִיךְ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

דָאס זָאגְט דֶער תַּנָא לְפוּם - לוֹיט דִי מוֹיל, צַעֲרָא - קוּמְט צַעַר אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, אָדֶער אַגְרָא - עֶר קֶען בַּאקוּמֶען דוּרְךְ דִי מוֹיל אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

(חַסְדֵי אָבוֹת פֶּרֶק ה' מִשְׁנָה כ"ו)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

גְלַייךְ נָאךְ דִי עֶרְשְׁטֶע טֶעג הָאט עֶר זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט וַוייטֶער אוֹיפְן וֶועג צוּ זַיין רֶבִּי'ן אוֹיף לוּבְלִין. וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה אוֹיפְגֶענוּמֶען בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "וואוּ בִּיזְטוּ גֶעוֶוען בַּיי עֶרְשְׁטְן סֵדֶר? דַיין סֵדֶר הָאט גֶעלָאכְטְן אִין אַלֶע וֶועלְטְן". דֶער תַּלְמִיד רוּפְט זִיךְ אָן: "דֶער רֶבִּי מֵיינְט זִיכֶער דִי צְוֵוייטֶע סֵדֶר, דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעפִיהלְט גָאר דֶערְהוֹיבְּן". "נֵיין נֵיין" - הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה גֶעעֶנְטפֶערְט - "אִיךְ הָאבּ טַאקֶע גֶעמֵיינְט דִי עֶרְשְׁטֶע סֵדֶר, גְרַאדֶע בַּיי דַיין צְוֵוייטֶע סֵדֶר הָאט גָארְנִישְׁט עֶפֶּעס סְפֶּעצִיעֶל גֶעלָאכְטְן, פַּארְקֶערְט עֶס אִיז גֶעוֶוען אַלֶעס טוּנְקֶל, אָבֶער דַיין עֶרְשְׁטֶע סֵדֶר הָאט מַמָשׁ גֶעלָאכְטְן אִין אַלֶע וֶועלְטְן. וואוּ בִּיזְטוּ גֶעוֶוען בַּיים עֶרְשְׁטְן סֵדֶר?".

יֶעצְט אִיז שׁוֹין דֶער תַּלְמִיד גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן צוּמִישְׁט. עֶר הָאט דָאךְ גֶעוואוּסְט דֶעם אֱמֶת אַז בַּיים עֶרְשְׁטְן סֵדֶר הָאט עֶר זִיךְ גֶעפִיהלְט אִינְגַאנְצְן פַּארְגְרֶעבְּט, עֶר הָאט גֶעפִיהלְט אַז עֶר אִיז אַזוֹי נִידְרִיג אוּן וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר מוּז פִירְן אַזַא פָּשׁוּטֶע סֵדֶר, אוּן אוֹיף דֶעם זָאגְט גָאר דֶער רֶבִּי אַז עֶס הָאט גֶעלָאכְטְן אִין אַלֶע וֶועלְטְן. אוּן דִי צְוֵוייטֶע סֵדֶר וָואס דַאן אִיז עֶר גֶעוֶוען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִיהלְט אַזוֹי דֶערְהוֹיבְּן, עֶר הָאט גֶעפִיהלְט דִי הֶעכֶערְקַייט פוּנֶעם סֵדֶר, עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִיהלְט אַזוֹי נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פוּנְקְט אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי טוּנְקֶל.

דַאן הָאט אִים זַיין רֶבִּי מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז דַוְקָא וֶוען אַ אִיד פִיהלְט זִיךְ אַזוֹי פָּשׁוּט אוּן אַזוֹי וַוייט, אוּן עֶר טוּט דִי מִצְוֹת ה' פָּשׁוּט'עֶרְהֵייט וַוייל אַזוֹי הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהֵייסְן, דַאן שַׁיינְט עֶר אִין אַלֶע וֶועלְטְן, אוּן פַּארְקֶערְט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִיהלְט זִיךְ דֶערְהוֹיבְּן דַאן אִיז עֶר אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, עֶר קֶען זֵייעֶר שְׁנֶעל אַוֶועק פַאלְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין גְדוּלָה.

זֶעהט מֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַז אַ אִיד קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וִויסְן וואוּ עֶר שְׁטֵייט, אֲפִילוּ וֶוען עֶר פִילְט זִיךְ צוּבְּרָאכְן אוּן צוּקְלַאפְּט, קֶען זַיין אַז עֶר אִיז דַאן גָאר הוֹיךְ. דֶערִיבֶּער קֶען מֶען גָארְנִישְׁט בּוֹיעֶן אוֹיף דִי גֶעפִילְן, מֶען דַארְף הִיטְן שַׁבָּת, טוּהן אַלֶע מִצְוֹת פוּן שַׁבָּת, אוּן דַאן דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען דֶערְצוּ, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט שׁוֹין אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת פַארְן מֶענְטְשׁ.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י"ב עֶרֶךְ שַׁבָּת, וְקוּנְטְרֵס שַׁבָּת שָׁלוֹם)

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

### הערליכע סעודת ל"ג בעומר אפגעהאלטן ביי כ"ק מוהרא"ש שליט"א

א הערליכע סעודה איז אפגעהאלטן געווארן ביי מוהרא"ש שליט"א לכבוד התנא האלקי רבי שמעון בן יוחאי.

עס זענען זיך צוזאמגעקומען גאר א גרויסער ציבור אנשי שלומינו, זיך צו פרייען אינאיינעם בהילולא דבר יוחאי.

א רייכע סעודה איז סערווירט געווארן, און מען האט געהאט די זכי' צו הערן דברות קודש פון מוהרא"ש שליט"א בעניני דיומא.

מוהרא"ש שליט"א האט ארום גערעדט איבער די גרויסקייט פונעם הייליגן תנא, און וואס עס דארף אונז צו לערנען דער גרויסער טאג. מען זעהט אז מען רופט זייער אסאך דעם תנא רבי שמעון מיטן נאמען 'בר יוחאי', וואס איז דער פשט אז מען רופט אים אויף זיין טאטע'ס נאמען?

נאר דאס קומט אונז לערנען אז רבי שמעון איז נישט געווען קיין מלאך, ער איז געווען א זוהן פון א טאטע, און פון דעסט וועגן האט ער זיך אזוי אויסגעארבעט ביז ער איז געווארן דער הייליגער תנא. און פון דעם לערנען מיר אז יעדער מענטש קען אויסוואקסן דער גרעסטער צדיק.

מען דערציילט אויפן גרויסן מגיד פון מעזריטש זי"ע אז ער האט געזאגט אז ווען ער וואלט נישט אנגעכאפט די הענט פון זיין רבי'ן דער הייליגער בעל שם טוב, וואלט ער נישט געגלייבט אז דאס איז א מענטש, ער וואלט געמיינט אז ער איז א מלאך, אבער אז ער האט אנגעכאפט זיין האנט האט ער געזעהן אז ער איז אויך א מענטש.

מענטשן מיינען אז צדיקים האבן געהאט הויכע און גרויסע נשמות און דעריבער זענען זיי אזוי אויפגעוואקסן, אבער דער רבי לערנט אונז אז זיי זענען אויסגעוואקסן צדיקים נאר ווייל זיי האבן אסאך געהארעוועט און אסאך גערעדט און געבעטן דעם אייבערשטן. און יעדער איד וואס וועט דאס טוהן קען אויך זוכה זיין צו די גרעסטע מדריגות.

אויך האט מוהרא"ש שליט"א גערעדט פון דעם וואס רבי שמעון האט מיטגענומען זיין זוהן אין די מערה, כאטש וואס דער זוהן איז נישט געווען אין א סכנה, האט ער אבער נישט געוואלט לאזן זיין זוהן אויף הפקר, נאר ער האט אים מיטגענומען צו לערנען מיט אים.

און דאס דארף אונז לערנען אז מען דארף זיך אפגעבן מיט די קינדער, נישט זיי לאזן אויף הפקר, און אויב מען געבט זיך אפ מיט זיי וועלן זיי אויפוואקסן ערליכע אידן.

נאך די סעודה האט מען זיך ארויסגעלאזט אין פרייליכע פייערדיגע טענץ לכבוד דעם טאג, וואס האט אנגעהאלטן ביז אין די שפעטע שעה'ן ווען דער עולם איז זיך צוגאנגען מיט הויפענעס חיזוק.

**תורתו מגן לנו היא מאירת עינינו!**


## ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע ספרי ברסלב

27 Skillman St.

אדער רופט 347-977-7994

## קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

212-444-9191

## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!



וועבענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים

שנעל גוט און ביליג!

רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554

5554printing@gmail.com

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת נשא, ב' סיון, אבות פרק ו', שנת תשע"ד לפ"ק

שנה 3, גליון 39 (139)


**זמנים**

הדלקת הנרות.....................8:01
סוף זמן קר"ש.......................8:34
מוצש"ק.................................9:33

**שיעורים כסדרן**

בבלי...................ראש השנה כ"ג
ירושלמי......................ברכות ל"ח
תוספתא...................נדה פרק א'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**נָשֹׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי גֵרְשׁוֹן גַּם הֵם לְבֵית אֲבֹתָם לְמִשְׁפְּחֹתָם**, מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א) אַז אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ דַארְף גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אוֹיךְ גְלֵייבְּן אִין זִיךְ, אַז עֶר אִיז אוֹיךְ חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים הָאבְּן. דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט לִיבּ צוּ צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דִיר נִישְׁט, דוּ בִּיזְט גָארְנִישְׁט וֶוערְד, פוּן דִיר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְן" דֶערִיבֶּער דַארְף זִיךְ אַ אִיד זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן וִויסְן אַז עֶר אִיז יָא זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס עֶר טוּט, מַאכְט עֶר אַ גֶעוַואלְדִיגֶע נַחַת רוּחַ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ב) אַז דִי וָואס זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ אַן אֱמֶת'ן צַדִיק פַאלְט אוֹיף זֵיי אַרוֹיף אַ שִׁפְלוּת, זֵיי פִילְן זֵייעֶר גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ, וַוייל כְּדֵי צוּ בַּאקוּמֶען דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען בַּאקוּמְט בַּיים צַדִיק, דַארְף מֶען קוֹדֶם דוּרְךְ גֵיין שְׁוֶועריַקייטְן. דֶערִיבֶּער דַארְפְן דִי וָואס זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ אַ צַדִיק, זִיךְ סְפֶּעצִיעֶל זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צוּבְּרֶעכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער פָּסוּק פָארִיגֶע וָואךְ "**נָשֹׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי קְהָת**" הֵייבּ אוֹיף דִי קֶעפּ פוּן דִי בְּנֵי קְהָת, שְׁטַארְק זֵיי, זֵיי דַארְפְן אַסַאךְ חִיזוּק, וַוייל זֵיי זֶענֶען אַזוֹי נָאנְט צוּ אַזַא הֵיילִיגֶע פְּלַאץ, צוּ דִי הֵיילִיגֶע מִשְׁכָּן, דֶערְפַאר זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן, אוּן זֵיי דַארְפְן אַז דוּ זָאלְסְט זֵיי מְחַזֵק זַיין.

זָאגְט אָבֶּער דֶער פָּסוּק אוֹיךְ "**נָשֹׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי גֵרְשׁוֹן גַּם הֵם**", דִי בְּנֵי גֵרְשׁוֹן זֶענֶען אוֹיךְ נָאנְט צוּם מִשְׁכָּן, זֵיי דַארְף מֶען אוֹיךְ אוֹיפְהֵייבְּן אוּן מְחַזֵק זַיין. "**לְבֵית אֲבֹתָם לְמִשְׁפְּחֹתָם**", זֵיי זָאלְן וִויסְן פוּן וָואסֶערֶע חָשׁוּב'ֶע מִשְׁפָּחָה זֵיי שְׁטַאמֶען. זֵיי זָאלְן זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּפַאלְן אוּן צוּבְּרָאכְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס ווִיל זֵיי צוּבְּרֶעכְן, נָאר זֵיי זָאלְן גֶעדֶענְקְן אַז זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה, נָשֹׂא, א')

***

**יְבָרֶכְךָ ה' וְיִשְׁמְרֶךָ**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר בֶּענְטְשְׁן אוּן אָפְּהִיטְן. זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ (בַּמִדְבָּר רַבָּה יא, ה) **יְבָרֶכְךָ ה'**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר בֶּענְטְשְׁן מִיט גֶעלְט. (בַּמִדְבָּר רַבָּה יב, ג), **וְיִשְׁמְרֶךָ**, אוּן אָפְּהִיטְן פוּן מַזִיקִים.

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

### ~ אַ בְּלַאט גְמָרָא ~

דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ וָואס אַ אִיד קֶען טוּהן אִיז צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, דָאס הַאלְט אַ אִיד אִין דִי רַאמֶען, דָאס הַאלְט אִים בַּיי זַיין אִידִישְׁקַייט אוּן עֶרְלִיכְקַייט. וֶוען מֶען הָאט מְסִירַת נֶפֶשׁ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג כָּאטְשׁ אֵיין בְּלַאט גְמָרָא, דַאן אִיז מֶען פַארְזִיכֶערְט צוּ בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג צוּגֶעבִּינְדֶען צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס לֶערְנֶען גְמָרָא הָאט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע כֹּחַ וָואס הַרְגְ'ט דֶעם יֵצֶר הָרַע, עֶס וַואשְׁט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אוּן בְּרֶענְגְט אִים נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער יֵצֶר הָרַע וֵוייסְט אוֹיךְ פוּן דֶעם סוֹד, אוּן עֶר וֶועט טוּהן אַלֶע פְּעוּלוֹת צוּ זֶעהן אַז מֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען קַיין גְמָרָא. עֶס אִיז בַּאקַאנְט דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּנֶעם נָאמֶען פוּן ס"מ "סִ'יוּם מַ'סֶכֶת אֵ'ין לַ'עֲשׂוֹת", דֶער ס"מ הָאט זֵייעֶר מוֹרָא פוּן אַ אִיד וָואס עֶנְדִיגְט מַסֶכְתּוֹת גְמָרָא, עֶר וֵוייסְט אַז אֵיינְמָאל דֶער אִיד וֶועט זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, עֶר וֶועט זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג כָּאטְשׁ אַ בְּלַאט גְמָרָא, דַאן אִיז עֶר אַ פַארְטִיגֶער, דֶער אִיד הָאט זִיךְ אַרוֹיס גֶעגְלִיטְשְׁט פוּן אוּנְטֶער זַיינֶע נֶעגְל. אָבֶּער וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל, אִיז זִיךְ טַאקֶע מִתְגַבֵּר אוּן לֶערְנְט יָא יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן יֵצֶר הָרַע.

דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אִין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת (מַעֲשֶׂה ז') פוּן דֶעם בַּארְג וָואס הָאט גֶעזָאגְט פַארְן קֶענִיג "אַז דָאס בְּלֶעטְל אִיז אוֹיף דִיר מֵגִין. בַּאדַארְפְסְטוּ קֵיין מוֹרָא נִישְׁט צוּ הָאבְּן פַאר קֵיין שׁוּם זַאךְ, וַוייל אוֹיף מִיר שְׁטֵייעֶן אוֹיךְ אוֹיף אַסַאךְ שׂוֹנְאִים. נָאר דָאס בְּלֶעטְל אִיז אוֹיף מִיר מֵגִין", הָאבְּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ח) אַז בֶּאֱמֶת וָואלְט יֶעדֶער אִיד גֶעדַארְפְט הָאבְּן גֶעלְט, נָאר עֶס אִיז דָא אֵיין שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה וָואס דָאס נֶעמְט אַוֶועק דִי גֶעלְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן דִי מִדָּה, אֲפִילוּ וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז דוּרְךְ דֶעם וֶועט מֶען פַאְרלִירְן גֶעלְט, קֶען מֶען זִיךְ אָבֶער נָאךְ אַלְץ נִישְׁט מִתְגַבֵּר זַיין דֶערוֹיף.

אוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה אִיז "כַּעַס". כַּעַס אוּן גֶעלְט קוּמֶען פוּן דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ, וֶוען מֶען וֶוערְט אִין כַּעַס, מֶען רֶעגְט זִיךְ אוֹיף, דוּרְךְ דֶעם פַארְלִירְט מֶען דִי גֶעלְט. וֶוען דֶער יֵצֶר הָרַע זֶעהט אַז עֶס דַארְף יֶעצְט אַרָאפְּקוּמֶען הַשְׁפָּעוֹת פוּן גֶעלְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ, שְׁטֶעלְט עֶר אִים אוּנְטֶער אַ נִסָּיוֹן פוּן כַּעַס, אוּן אוֹיב דֶער מֶענְטְשׁ פַאלְט אַדוּרְךְ, עֶר וֶוערְט גֶערֶעגְט, פַארְלִירְט עֶר זַיין גֶעלְט.

וַוייל מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶערֶעגְט בַּאשַׁאפְט עֶר שְׁלֶעכְטֶע מַזִיקִים, וָואס זֵיי זֶענֶען אִים מְצַעֵר אוּן מַאכְן שָׁאדְן זַיין גֶעלְט.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק "יְבָרֶכְךָ ה' בְּמָמוֹן" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר בֶּענְטְשְׁן מִיט גֶעלְט, אָבֶער עֶס פֶעלְט נָאךְ אוֹיס "וְיִשְׁמְרֶךָ מִן הַמַּזִּיקִין" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר אָפְּהִיטְן פוּן דִי מַזִיקִים וָואס וֶוערְן בַּאשַׁאפְן פוּן כַּעַס, אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, אַזוֹי וֶועט מֶען הָאבְּן אַסַאךְ גֶעלְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה נָשֹׂא ג')

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

גֶעזָאגְט אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דֶעם בְּלֶעטְל גְמָרָא, אוֹיבּ אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, דַארְף עֶר נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שוּם זַאךְ, דֶער בְּלַאט וֶועט אִים בַּאשִׁיצְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְט בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן סִימָן ד') אַז אַלְס קִינְד פְלֶעגְט עֶר גֶעבְּן פַאר זַיין מְלַמֵּד דְרֵיי מַטְבֵּעוֹת פוּן טַאשְׁן גֶעלְט וָואס זַיין טַאטֶע הָאט אִים גֶעגֶעבְּן, פַאר יֶעדֶע בְּלַאט גְמָרָא וָואס דֶער מְלַמֵּד הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט אִים פְּרִיוַואט, דָאס אִיז גֶעוֶוען אוֹיסֶער דִי שְׂכַר לִימוּד וָואס זַיין טַאטֶע הָאט בַּאצָאלְט פַארְן מְלַמֵּד. מִיט זַיין גְרוֹיס חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען נָאךְ אוּן נָאךְ גְמָרָא הָאט עֶר נָאר גֶעוָואלְט אַז דֶער מְלַמֵּד זָאל לֶערְנֶען מִיט אִים פִיל מֶער גְמָרָא וִויפִיל מֶען הָאט נָארְמַאל גֶעלֶערְנְט אִין חֵדֶר.

דֶער מְלַמֵּד אִיז שוֹין גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט נָאךְ אַ טָאג אַרְבֶּעט, אָבֶער זַייעֶנְדִיג אַן אָרִימַאן הָאט אִים גֶעשְׁמֶעקְט צוּ בַּאקוּמֶען דִי עֶקְסְטֶערֶע פָּאר גִילְדְן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דָאס אוֹיסְגֶענוּצְט צוּ אַרַיינְכַאפְּן וִוי מֶער גְמָרָא.

דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת מ"ג:) אוֹיפְן פָּסוּק זֹאת הַתּוֹרָה אָדָם כִּי יָמוּת בְּאֹהֶל, אַז דִי תּוֹרָה הַאלְט זִיךְ נִישְׁט נָאר בַּיי אֵיינֶעם וָואס אִיז גְרֵייט צוּ שְׁטַארְבְּן פַאר דִי תּוֹרָה. דָאס מֵיינְט אַז מֶען דַארְף הָאבְּן מְסִירַת נֶפֶשׁ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג. נָאךְ זָאגְט דִי גְמָרָא (שַׁבָּת פ"ג:) אוֹיף דֶעם פָּסוּק אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן פוּן גֵיין אִין בֵּיהַמ"ד לֶערְנֶען אֲפִילוּ אִין דֶעם טָאג וָואס עֶר שְׁטַארְבְּט. מֶען דַארְף הָאבְּן מַמָּשׁ מְסִירַת נֶפֶשׁ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ דַף גְמָרָא.

## אַ לֶעבֶּעדִיגֶער בַּיישְׁפִּיל

אַ לֶעבֶּעדִיגֶער בַּיישְׁפִּיל וָואס דָאס מֵיינְט צוּ לֶערְנֶען אֲפִילוּ בְּיוֹם הַמִּיתָה, הָאבְּן מִיר גֶעזֶעהן בַּיי מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א מִיט צְוֵויי יָאר צוּרִיק, אִין יָאר תשע"ב לפ"ק פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח וֶוען מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעכַאפְּט עֶטְלִיכֶע שְׁוֶוערֶע הַארְץ אַטַאקֶעס נָאכַאנַאנְד, עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפִירְט גֶעוָוארְן אִין אֵיילֶענִישׁ אִין שְׁפִּיטָאל וואוּ עֶר הָאט גֶעדַארְפְט דוּרְכְגֵיין אַ שְׁוֶוערֶע הַארְץ אָפֶּערַאצְיֶע, אִין וָואס זַיין לֶעבְּן הָאט גֶעהַאנְגֶען אוֹיף אַ הָאר. דַאן הָאט מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרַיינְגֵיין אִין אָפֶּערַאצְיֶע צִימֶער בֶּעפָאר עֶר לֶערְנְט נִישְׁט אַ בְּלַאט גְמָרָא, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן זִיךְ גֶעאַיילְט צוּ בְּרֶענְגֶען אַ גְמָרָא, וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאלְטְן פַאר זַיינֶע אוֹיגְן, אַזוֹי וִוי עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען דַאן בְּכֹחַ אֲפִילוּ צוּ הַאלְטְן דִי גְמָרָא, עֶר הָאט אָפְּגֶעלֶערְנְט אַ דַף גְמָרָא אוּן דֶערְנָאךְ אַרַיין צוּ דִי אָפֶּערַאצְיֶע.

דַאן הָאבְּן מִיר בֵּייגֶעוואוֹינְט צוּ זֶעהן בַּאשַׁיינְפֶּערְלִיך וָואס דָאס מֵיינְט "אֵין הַתּוֹרָה מִתְקַיֶּימֶת אֶלָּא בְּמִי שֶׁמֵּמִית עַצְמוֹ עָלֶיהָ". מִיט דִי לֶעצְטֶע כּוֹחוֹת, שְׁטֵייעֶנְדִיג פָּנִים אֶל פָּנִים מִיטְן מַלְאַךְ הַמָּוֶת, נִישְׁט וִויסֶענְדִיג אוֹיב עֶר וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען לֶעבֶּעדִיג פוּן דִי גָאר שְׁוֶוערֶע הַארְץ אָפֶּערַאצְיֶע, הָאט מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א נִישְׁט מְוַותֵּר גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם בְּלַאט גְמָרָא.

מִיט אַסַאךְ תְּפִלּוֹת פוּן אִידְן אִיבֶּער דִי וֶועלְט וָואס הָאבְּן דַאן אַיינְגֶערִיסְן לִרְפוּאָתוֹ, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אַז מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז אַרוֹיס מִמָּוֶת לְחַיִּים, דִי אָפֶּערַאצְיֶע אִיז ב"ה אַרִיבֶּער מִיט סוּקְסֶעס. אָבֶער זוּנְטָאג, וֶוען מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ עֶרְוֶועקְט פוּן דִי אָפֶּערַאצְיֶע, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען פוּל מִיט גָאר שְׁמֶערְצְלִיכֶע יִסוּרִים, עֶר הָאט קוֹים גֶעקֶענְט רֶעדְן, הָאט עֶר אָבֶער גְלַייךְ גֶעבֶּעטְן נָאכְאַמָאל צוּ בְּרֶענְגֶען אַ גְמָרָא, אוּן וַוייטֶער גֶעלֶערְנְט אַ בְּלַאט גְמָרָא.

זֶעהט מֶען וִוי וַוייט אַ אִיד דַארְף זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז וֶוען מֶען הַאלְט ב"ה נָאכְנִישְׁט בַּיי אַזַא שְׁוֶוערֶע מַצָּב, מֶען שְׁטֵייט נִישְׁט נָאךְ אַן הַארְץ אַטַאקֶע בַּיים טִיר פוּנֶעם אָפֶּערַאצְיֶע צִימֶער, דַארְף מֶען זִיכֶער זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, אֲפִילוּ וֶוען עֶס קוּמְט אָן אַבִּיסֶעלֶע שְׁוֶוער.

## לֶערְנֶען אָדֶער זָאגְן?

בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אָנְגֶענוּמֶען אַז צוּ לֶערְנֶען גְמָרָא דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ כּוֹחוֹת, מֶען דַארְף זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי גְמָרָא מִיטְן גַאנְצְן עִיּוּן, אוּן דוּרְךְ טוּהן דִי סֻגְיַת הַגְּמָרָא בִּיז מֶען הָאט זֵיי אַרוֹיס מִיט אַ קְלָארְקַייט.

אוּן דָאס אִיז אֱמֶת, דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ לֶערְנֶען גְמָרָא אִיז טַאקֶע בְּעִיּוּן, דָאס לֶערְנֶען גְמָרָא דַארְף זַיין אַרוֹיסְצוּהָאבְּן וָואס דִי גְמָרָא זָאגְט קְרִיסְטַאל קְלָאר, אוֹיף יֶעדֶע מַסֶּכֶת בַּאזוּנְדֶער אִיז דָא צֶענְדְלִיגֶע מְפוֹרְשִׁים, אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין זִיסֶערֶע אוּן

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא״שׁ

גֶעשְׁמַאקֶערֶע זַאךְ וִוי דוּרְכְצוּלֶערְנֶען אַ סוּגְיָא עַל בּוּרְיָהּ, גְמָרָא רַשִׁ״י אוּן תּוֹסְפוֹת מִיט מְפוֹרְשִׁים בִּיזְן אַרוֹיסְהָאבְּן קְלָאר דֶעם עִנְיָן בִּיז צוּ דִי הֲלָכָה לְמַעֲשֶׂה.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט וֵוייסְט אָבֶער יֶעדֶער בַּיי זִיךְ, אַז נִישְׁט יֶעדְן טָאג קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם. נִישְׁט יֶעדֶער אִיז מְסוּגָל צוּ לֶערְנֶען גְמָרָא בְּעִיוּן, נִישְׁט אֵייבִּיג טְרֶעפְט מֶען אַ פַּאסִיגֶע חַבְרוּתָא, נִישְׁט אֵייבִּיג הָאט מֶען אַ קְלָארְן קָאפּ, אַסַאךְ מָאל אִיז מֶען אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט אוּן עֶס אִיז מַמָשׁ נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ לֶערְנֶען גְמָרָא בְּעִיוּן. אוּן דָאס אִיז דֶער גוֹרֵם אַז מֶען לֶערְנְט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין גְמָרָא. אַז מֶען קֶען נִישְׁט, קֶען מֶען נִישְׁט.

דָאס אִיז אָבֶער נִישְׁט אֱמֶת. כָאטְשׁ טַאקֶע דֶער לְכַתְּחִילָה'דִיגֶער וֶועג אִיז טַאקֶע וִוי פְרִיעֶר גֶעזָאגְט. אָבֶער דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז לְכָבוֹד דֶעם אִיז מֶען פָּטוּר פוּן לֶערְנֶען, וַוייל מֶען אִיז נִישְׁט בִּיכוֹלֶת צוּ פַארְשְׁטֵיין.

דִי גְמָרָא זָאגְט (עֲבוֹדָה זָרָה י״ט.) ״לְעוֹלָם לִגְרֹס אִינִישׁ וְאַף עַל גַּב דְּמִשַּׁכַּח וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַאי קָאָמַר״ אַ מֶענְטְשׁ זָאל שְׁטֶענְדִיג זָאגְן תּוֹרָה, אֲפִילוּ וֶוען עֶר פַארְגֶעסְט אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶר וֵוייסְט בִּכְלַל נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט. אַ אִיד אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט פָּטוּר פוּן לִימוּד הַתּוֹרָה, אוֹיבּ פִיהלְט מֶען אַז מֶען קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען בְּעִיוּן, דַאן נֶעמְט מֶען אַ גְמָרָא אוּן מֶען זָאגְט אָפּ אַ דַף, פָּשׁוּט דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן רַשִׁ״י אוּן תּוֹסְפוֹת, אוּן אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט בִּכְלַל נִישְׁט וָואס מֶען זָאגְט. זָאגְן גְמָרָא הָאט אִין זִיךְ גֶעוַואלְדִיגֶע סְגוּלוֹת, אַזוֹי וִוי זָאגְן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, אֲפִילוּ וֶוען מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט. דָאס בִּינְדְט צוּ דֶעם אִיד צוּ דִי תּוֹרָה, אוּן דָאס פַארְבְּרֶענְט אַלֶע שְׁלֶעכְטְס פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

דֶערִיבֶּער דַארְף אַ אִיד אָפְּמַאכְן בַּיי זִיךְ מִיט אַ שְׁטַארְקַייט אַז עֶר וֶועט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ דַף גְמָרָא, חֹק וְלֹא יַעֲבוֹר. אוֹיבּ קֶען עֶר עֶס פַארְשְׁטֵיין, אִיז זִיכֶער גוּט. אוּן אוֹיבּ אִיז עֶר אִין אַ מַצָּב אַז עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, עֶר וֵוייסְט דֶעם אֱמֶת אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט וועלְן פַארְשְׁטֵיין וֶועט עֶר בִּכְלַל נִישְׁט לֶערְנֶען, דַאן זָאל עֶר כָאטְשׁ זָאגְן דֶעם בְּלַאט גְמָרָא.

ווָאוּיל אִיז דֶעם וָואס לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא״שׁ חֵלֶק י״ז עֶרֶךְ מְסִירַת נֶפֶשׁ וְחֵלֶק ט״ו עֶרֶךְ גְמָרָא)

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מוה״ר נתן יאקאבאוויטש הי״ו**

**צו די שידוך שליסן פון זיין זוהן עב״ג למזל טוב**

ר' נתן איז באקאנט מיט זיין איבערגעגעבנקייט צו פארשפרייטן די לימודים פון הייליגן רבי'ן איבער די וועלט, אז יעדער איד זאל זוכה זיין צו וויסן פון די אלע וואונדערליכע עצות פון רבי'ן.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער זכות זאל אים ביישטיין אז דער שידוך זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, ער זאל זעהן פיל אידיש נחת פון אלע זיינע קינדער און אייניקלעך, דורות ישרים ומבורכים, מיט סייעתא דשמיא אמן.

# מִילֵי דְאָבוֹת

## פֶּערְל וֶוערְטֶער אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת

### דִי וֶוערְטֶער רֶעדְן אוֹיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

**שָׁנוּ חֲכָמִים בִּלְשׁוֹן הַמִּשְׁנָה, בָּרוּךְ שֶׁבָּחַר בָּהֶם וּבְמִשְׁנָתָם**

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א' סִימָן ה') אַז וֶוען עֶס אִיז דָא אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזַר דִין, דַארְף מֶען מַלְבִּישׁ זַיין דִי תְּפִלָּה אִין אַ מַאֲמַר, דָאס מֵיינְט אַז דֶער צַדִּיק רֶעדְט צוּ מֶענְטְשְׁן, אָבֶער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט הָאט עֶר אִינְזִין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶערְן וָואס עֶר רֶעדְט, אוּן עֶר זָאל אָנְנֶעמֶען דִי בַּאהַאלְטֶענֶע תְּפִלָּה.

דָאס זָאגְט דֶער תַּנָא, שָׁנוּ חֲכָמִים בִּלְשׁוֹן הַמִּשְׁנָה, דִי חַכָמִים רֶעדְן מִיט אַ טָאפְּלְט לָשׁוֹן, פַאר מֶענְטְשְׁן זֶעהט אוֹיס וִוי עֶר שְׁמוּעֶסְט סְתָּם אַזוֹי זַאכְן, אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז אִין דִי וֶוערְטֶער בַּאהַאלְטְן אַ תְּפִלָּה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(בְּרִית אָבוֹת, פֶּרֶק ו')

***

### רֶעדְן וִוי וֵוייניגֶער

**וְהַתּוֹרָה נִקְנֵית בְּמ״ח דְבָרִים.. הָעוֹשֶׂה סְיָג לִדְבָרָיו.**

דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע יְסוֹד בִּכְלַל אִינֶעם גַאנְצְן לֶעבְּן צוּ רֶעדְן וִוי וֵוייניגֶער, אַלֶעס וָואס אַ מֶענְטְשׁ לַיידְט קוּמְט נָאר וַוייל עֶר הָאט אַ לוֹיז מוֹיל, עֶר רֶעדְט וָואס עֶר דַארְף נִישְׁט, וָואס דָאס דְרֵייט אִים אַרַיין אִין אַלֶע צָרוֹת, עֶס אִיז דָא אַ מַאֲמַר הֶחָכָם ״וִוי לַאנְג דוּ הָאסְט נָאכְנִישְׁט אַרוֹיסְגֶעזָאגְט דֶעם וָוארְט - בִּיזְטוּ בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף דִי וָוארְט, אָבֶער אֵיינְמָאל דוּ הָאסְט שׁוֹין אַרוֹיס גֶעזָאגְט דִי וָוארְט - אִיז דִי וָוארְט בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף דִיר״, אוּן דֶערְפַאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הִיט זִיךְ דָאס מוֹיל, עֶר רֶעדְט וִוי וֵוייניגֶער, שְׁפָּארְט עֶר זִיךְ אֵיין אַסַאךְ צָרוֹת אוּן יִסוּרִים.

דָאס אִיז בִּכְלַל אַן עֵצָה אִין לֶעבְּן, אָבֶער נָאךְ אַסַאךְ מֶער קוּמְט דָאס צוּנִיץ בַּיים לֶערְנֶען תּוֹרָה, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעהט אַז עֶס גֵייט אִים אַרִיבֶּער דִי טֶעג אוּן יָארְן מִיט גָארְנִישְׁט, עֶר פַארְבְּרֶענְגְט דִי צַייט אוּן עֶר לֶערְנְט נִישְׁט קַיין תּוֹרָה, בִּיז עֶר הֶערְט פוּנֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּנֶעם רֶבִּי'ן אַז אֲפִילוּ מֶען קֶען לֶערְנֶען אֲפִילוּ וֶוען מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, אוּן אֲפִילוּ וֶוען מֶען גֶעדֶענְקְט נִישְׁט וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט, מֶען דַארְף בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה אַז עֶר זָאל שְׁטֶענְדִיג וֶועלְן לֶערְנֶען, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי תּוֹרָה.

אָבֶער דַאן קוּמְט אָן דֶער יֵצֶר הָרַע, פַארְשְׁטֶעלְט אִין אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ, וָואס פַארְגִינְט נִישְׁט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן עֶר הֵייבְּט אָן מְשׁוּגֶע צוּ מַאכְן, ״דָאס אִיז נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג פוּן לֶערְנֶען, דָאס הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, דוּ קֶענְסְט דָאךְ אִין דִי צַייט עֶנְדֶערְשׁ לֶערְנֶען גֶעהֶערִיג״ א.א.וו. מִיט טַעֲנוֹת וּמַעֲנוֹת, אַלֶעס מִיטְן אֵיינֶעם צִיהל אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל צוּמַאכְן דֶעם סֵפֶר אוּן אוֹיפְהֶערְן צוּ לֶערְנֶען.

דֶערְפַאר זָאגְט אוּנְז דֶער תַּנָא אַז אֵיינְס פוּן דִי קִנְיָנֵי הַתּוֹרָה אִיז וְהָעוֹשֶׂה סְיָג לִדְבָרָיו, נִישְׁט אַרַיין צוּ גֵיין אִין קַיין טַעֲנָה'רַייעֶן מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט, יֶענֶער זָאל זָאגְן וָואס עֶר וִויל, אָבֶער דוּ גֶעדֶענְק וִויפִיל דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט פַארְן דֶרֶךְ הַלִימוּד, אוּן וִויפִיל דוּ בִּיזְט זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען מִיטְן דֶרֶךְ הַלִימוּד, אוּן דָאס זָאל דִיר גֶעבְּן דִי חִיזוּק וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין אוּן זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן פוּן קֵיינֶעם.

(בְּרִית אָבוֹת, פֶּרֶק ו', מִשְׁנָה ו')

***

### עֶנְדֶערְשׁ יִסוּרִים פוּן תּוֹרָה

**בְּקַבָּלַת הַיִּסוּרִין**

חֲזַ״ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יג, ז) אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַרָאפּ גֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט זִיךְ צוּ פְּלָאגְן, אוֹיבּ אִיז עֶר זוֹכֶה פְּלָאגְט עֶר זִיךְ אוֹיף תּוֹרָה, אוֹיבּ אִיז עֶר נִישְׁט זוֹכֶה פְּלָאגְט עֶר זִיךְ אוֹיף וֶועלְטְלִיכֶע זַאכְן.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעהט אַז עֶר לַיידְט יִסוּרִים, עֶס גֵייט אִים נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶר וִויל, דַאן אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה צוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה.

אֲפִילוּ עֶס קוּמְט אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אָבֶער לְכָבוֹד דֶעם שְׁפָּארְט מֶען זִיךְ אֵיין אַסַאךְ אַנְדֶערֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, עֶס לוֹינְט זִיךְ דֶער גֶעשֶׁעפְט.

(חַסְדֵי אָבוֹת)

# כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט קֶען עֶר אַלֶעס פַאְרֶרעכְטְן

זָאלְסְט נִישְׁט זַיין צוּבְּרָאכְן, וָוארוּם דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם פַּארְלֵייגְט זִיךְ אוֹיף דִיר, דִיךְ אַרַיינְצוּוָואַרְפְן אִין יִאוּשׁ אוּן אִין דֶעפְּרֶעסְיֶע וָואס דָאס אִיז אַבִי אֲבוֹת הַטוּמְאָה, אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ זַיין, אוּן נִישְׁט אוּמְזִיסְט זָאגְן מִיר יֶעדְן אִינְדֶערפְרִי אַ בְּרָכָה "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי", יֶעדֶער אִיד אִיז פוּל מִיט מִצְוֹת, וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת פֶּרֶק ט' הֲלָכָה ה') תָּנֵי בְּשֵׁם רַבִּי מֵאִיר אֵין לְךָ אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל שֶׁאֵינוֹ עוֹשֶׂה מֵאָה מִצְוֹת בְּכָל יוֹם. קוֹרֵא אֶת שְׁמַע וּמְבָרֵךְ לְפָנֶיהָ וּלְאַחֲרֶיהָ, וְאוֹכֵל אֶת פִּתּוֹ וּמְבָרֵךְ לְפָנֶיהָ וּלְאַחֲרֶיהָ, וּמִתְפַּלֵּל שְׁלֹשָׁה פְּעָמִים שֶׁל שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה וְחוֹזֵר וְעוֹשֶׂה שְׁאָר מִצְוֹת וּמְבָרֵךְ עֲלֵיהֶן. וְכֵן הָיָה רַבִּי מֵאִיר אוֹמֵר אֵין לְךָ אָדָם בְּיִשְׂרָאֵל שֶׁאֵין הַמִּצְוֹת מַקִּיפוֹת אוֹתוֹ: תְּפִילִין בְּרֹאשׁוֹ, וּתְפִילִין בִּזְרוֹעוֹ, וּמְזוּזָה בְּפִתְחוֹ, מִילָה בִּבְשָׂרוֹ, אַרְבַּע צִיצִיּוֹת בְּטַלִּיתוֹ מַקִּיפִין אוֹתוֹ; הוּא שֶׁדָּוִד אָמַר (תְּהִלִּים קי"ט) "שֶׁבַע בַּיּוֹם הִלַּלְתִּיךָ עַל מִשְׁפְּטֵי צִדְקֶךָ", וְכֵן הוּא אוֹמֵר (תְּהִלִּים ל"ד) "חוֹנֶה מַלְאַךְ ה' סָבִיב לִירֵאָיו וַיְחַלְּצֵם".

אוּן מִיט דֶעם דַארְף זִיךְ יֶעדֶער אִיד פְרֵייעֶן אַ יֶעדְן טָאג, אוּן מִיט דֶעם וַוייזְט עֶר אַז זַיין הַארְץ אִיז לוֹיטֶער מִיט אֱמוּנָה, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה סִימָן א') כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה בְּיָדוּעַ שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו; אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ זַיין מִיט דִי מִצְוֹת וָואס עֶר אִיז מְקַיֵּים יֶעדְן טָאג, אוּן שִׂמְחָה אִיז מַרְחִיב דֶעם דַעַת אוּן דֶעם שֵׂכֶל, אַז וואוּיל אִיז דֶעם אִיד וָואס עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, וָואס דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, וִוי דֶער הָאֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען פַאר זַיין הֵיילִיגְן תַּלְמִיד רַבִּי חַיִּים וִויטַאל זַ"ל אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר מַחֲמַת שִׂמְחַת הַמִּצְוֹת, וֶוען עֶר הָאט גֶעטוּהְן אַ מִצְוָה אִיז עֶר גֶעוֶוען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַזוֹי וִוי אֵיינֶער אִיז פְרֵיילִיךְ וַוייל מֶען הָאט אִים גֶעגֶעבְן דִי גַאנְצֶע גֶעלְט פוּן דִי וֶועלְט, אִיז עֶר דָאךְ אַוַודַאי פְרֵיילִיךְ וְכוּ', דָאס קוּמְט נִישְׁט צוּ דִי שִׂמְחָה וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט בַּיי מְקַיֵּים זַיין אֵיין מִצְוָה.

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם וָואס הֵייסְט שִׂמְחַת הַמִּצְוֹת, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ד) אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ לִיגְט שׁוֹין אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו וְכוּ' וְכוּ', אָבֶער אוֹיב עֶר אִיז מְקַיֵּים אַ מִצְוָה בְּשִׂמְחָה, קֶען עֶר אַרוֹיס גֵיין - נִישְׁט נָאר פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית וְכוּ', נָאר עֶר קֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן עוֹלָם הָעֲשִׂיָּה אוּן גֵיין אִין עוֹלָם הַיְצִירָה אִין עוֹלָם הַבְּרִיאָה בִּיז עֶר וֶועט אָנְקוּמֶען אִין עוֹלָם הָאֲצִילוּת אוּן מַשִּׂיג זַיין רוּחְנִיּוּת חַיּוּת אֱלֹקוּת בִּבְחִינַת מָטֵי וְלָא מָטֵי וְכוּ' וְכוּ', דָאס הֵייסְט מֵרוֹב שִׂמְחָה וָואס עֶר וֶועט הָאבְּן בַּיי מְקַיֵּים זַיין אַ מִצְוָה וֶועט אִים לַייכְטְן עֶצֶם עַצְמִיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ.

אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר: זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, לָאז דִיךְ נִישְׁט אִיבֶּערְרֶעדְן פוּן קַיין טִיפֶּשׁ אָדֶער נַאר וְכוּ' וְכוּ', אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין תַּקָּנָה וְכוּ' וְכוּ'! דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ח) אַז עֶס אִיז גָאר קַיין יִאוּשׁ נִישְׁט פַארְהַאנְדִין, אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן מִיט אַ טִיפְן קוֹל, "גִיוַואלְד זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ", וָוארוּם דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וויל צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אִים אַ יִאוּשׁ וְכוּ', אַ צוּבְּרָאכְנְקֵייט אַז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין תַּקָּנָה וְכוּ' וְכוּ', אוּן דָאס אִיז אַלֶעס נַארִישְׁקֵייטְן, וָוארוּם דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז אַן אָב הָרַחֲמָן, אוּן כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט קֶען עֶר אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן אוֹיב עֶר טוּט תְּשׁוּבָה, אוּן דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז ווִידּוּי דְבָרִים, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אוּן דִי חַזַ"ל זָאגְן (תּוֹרַת כֹּהֲנִים בְּחוּקוֹתַי) שֶׁמִּיָּד שֶׁהֵם מִתְוַדִּים עַל עֲוֹנוֹתֵיהֶם מִיָּד אֲנִי חוֹזֵר וּמְרַחֵם עֲלֵיהֶם שֶׁנֶּאֱמַר (וַיִּקְרָא כ"ו) "וְהִתְוַדּוּ אֶת עֲוֹנָם וְאֶת עֲוֹן אֲבוֹתָם בְּמַעֲלָם אֲשֶׁר מָעֲלוּ"; אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר פָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

(אשר בנחל באידיש חלק ג' מכתב שמ"ט)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## מוהרא"ש שליט"א צוריק געקומען פון ארץ ישראל

דעם מיטוואך איז מוהרא"ש שליט"א צוריק געקומען פון ארץ ישראל נאכן ווײלן דארט פאר א וואך צו מחזק זיין די ארטיגע אידן.

די וואך דאנערשטאג איז ווייטער פארגעקומען די וועכנטליכע ליל ששי שיעור ווי געווענליך.

מען קען מיטהאלטן יעדע וואך די שיעור מיט א לייוו הוק-אפ, אויך קען מען הערן אלטע שיעורים פון מוהרא"ש, אויפן "קול ברסלב" טעלעפאן ליין, אויפן נומער **212-444-9191**.

**בזמן שהצדיק בעיר הוא הודה הוא זיוה הוא הדרה!**

***

## צוויי פרישע קונטרסים אויף אידיש

די וואך איז ארויס געקומען ממכבש הדפוס צוויי פרישע קונטרסים אויף אידיש.

אין די סעריע פון קונטרסים אויף אידיש וואס דאס זענען די שיעורים פון מוהרא"ש שליט"א יעדן ליל ששי אפגעשריבן אויף א לייכטע שפראך, איז שוין ארויסגעקומען עטליכע צענדליגע קונטרסים.




יעצט איז גרויס די פרייד צו נאך צוויי קונטרסים וואס זענען ארויס געקומען די וואך.

די ערשטע איז די קונטרס "די וועג ארויס" וואו עס ווערט אויסגעשמועסט אז דער ריכטיגער וועג ארויס פון אלע פראבלעמען איז נאר צו גיין צום אייבערשטן און זיך אויסרעדן צו אים. אנדערע מענטשן.




די צווייטע קונטרס איז "האלט זיך שטארק", וואו עס ווערט אויסגעשמועסט ווי אזוי א מענטש קען זיך האלטן שטארק אין יעדע שווערע מצב.

די קונטרסים און נאך פילע אנדערע איז דא צו באקומען בהיכל הישיבה אויף 27 סקילמען סט.

**על ידי הפצת ספרי רבינו,**
**נביא את משיח צדקינו!**


# מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!

**וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים**

שנעל גוט און ביליג!

**רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554**

**5554printing@gmail.com**


# קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים**
**פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א**

אויך קען מען מיטהאלטן
יעדע וואך דעם שיעור
מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

# סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר
החתן **שמואל מרדכי יאקאבאוויטש** נ"י
תלמיד ישיבתינו הק'
**וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג**
דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים, מיט סייעתא דשמיא

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**
**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

יום טוב שבועות, שנת תשע"ד לפ"ק
שנה 3, גליון 40 (140)


**זמנים**

הדלקת הנרות.................. 8:04
סוף זמן קר"ש.................. 8:34
מוציו"ט.............................. 9:36

**שיעורים כסדרן**

בבלי..................ראש השנה כ"ז
ירושלמי..................ברכות מ"ב
תוספתא.................נדה פרק ה'

## קַבָּלַת הַתּוֹרָה

**וַיֵּרֶד מֹשֶׁה מִן הָהָר אֶל הָעָם וַיְקַדֵּשׁ אֶת הָעָם וַיְכַבְּסוּ שִׂמְלֹתָם,** מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען פוּן בַּארְג צוּם פָאלְק, עֶר הָאט זֵיי גֶעהֵיילִיגְט אוּן גֶעוַואשְׁן דִי קְלֵיידֶער.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ה) אַז מֶען דַארְף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען מֶען אוֹיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט וֶועלְטְלִיכֶע זַאכְן, מִיט עֶסְן, טְרִינְקְן אוּן שְׁלָאפְן, וֶוען מֶען טוּט עֶס אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, אִיז דָאס אוֹיךְ "עֲבוֹדַת ה'".

עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז דֶער גוּף וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן וִוי אַ קְלֵייד פַאר דִי נְשָׁמָה.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וַיֵּרֶד מֹשֶׁה מִן הָהָר אֶל הָעָם,** מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען צוּ דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, **וַיְקַדֵּשׁ אֶת הָעָם,** אוּן עֶר הָאט גֶעהֵיילִיגְט דָאס פָאלְק, **וַיְכַבְּסוּ שִׂמְלֹתָם,** אַזוֹי וַוייט אַז עֶר הָאט אוֹיסְגֶעוַואשְׁן אוֹיךְ זֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער, עֶר הָאט זֵיי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז אוֹיךְ מִיטְן גוּף, וָואס אִיז וִוי אַ קְלֵייד פַאר דִי נְשָׁמָה, קֶען מֶען אוֹיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה יִתְרוֹ ה)

***

**אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם מִבֵּית עֲבָדִים,** מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד') אַז אַ אִיד דַארְף וִויסְן אַז אַלֶעם פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, סַיי וֶוען עֶס זֶעהְט אוֹיס גוּט, אוּן סַיי וֶוען עֶס זֶעהְט אוֹיס שְׁלֶעכְט, אוּן דָאס אִיז עוֹלָם הַבָּא. וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט יֶעדֶער וִויסְן אַז אַלֶעם קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (פְּסָחִים נ.) אַז וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען אֲפִילוּ אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, מַאכְן דִי בְּרָכָה "הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב".

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, **אָנֹכִי** - אִיךְ בִּין דֶער זֶעלְבֶּער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, סַיי מִיטְן נָאמֶען - **ה'** וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף וֶוען עֶס גֵייט גוּט, אוּן סַיי מִיטְן

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ שָׁבוּעוֹת ~

עֶס קוּמְט דֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, מֶען אִיז מְקַבֵּל דִי תּוֹרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶער אִיד נֶעמְט זִיךְ פָאר אַז פוּן יֶעצְט וֶועט עֶר לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אִין אַזַא צַייט דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן אַז דִי תּוֹרָה גֵייט אָן פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ אִין יֶעדֶע צַייט אוּן אִין יֶעדֶע מַצָּב, אֲפִילוּ פַאר דֶעם וָואס דַארְף אַרוֹיסְגֵיין אוֹיפְ'ן גַאס בְּרֶענְגְן פַּרְנָסָה.

אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְּלָאגְט, עֶר קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען גֶעהֶערִיג, הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְן אַ "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד", צוּ זָאגְן אַסַאךְ תּוֹרָה אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען זָאגְט, אוּן מִיט דֶעם קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער אָן אוֹיסְנַאם זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה.

וֶוען אַ אִיד הַאלְט שְׁטֶענְדִיג אִין טַאשׁ אַ קְלֵיינֶע חוּמָשׁ, אַ קְלֵיינֶע מִשְׁנַיוֹת, אַ קְלֵיינֶע תְּהִלִים, הָאט עֶר שְׁטֶענְדִיג מִיט זִיךְ אַ גוּטֶע בַּאגְלֵייטֶער וָואס וֶועט אִים אָפְּהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, וֶוען מֶען הָאט עֶטְלִיכֶע אִיבְּרִיגֶע מִינוּטְן, כַּאפְּט מֶען אַרַיין צוּ זָאגְן עֶטְלִיכֶע פְּסוּקִים חוּמָשׁ, אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִים, אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, אוּן דָאס גְלַייכְן.

דָאס קֶען מֶען טוּהן שְׁטֶענְדִיג וִוי מֶען גֶעפִינְט זִיךְ נָאר, עֶס מַאכְט זִיךְ בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ אַז עֶר דַארְף וַוארְטְן אַמָאל אִין דִי רַייעֶ אִין בַּאנְק, אִין אַ אָפִיס, אִין אַ גֶעשֶׁעפְט, אָדֶער סַיי וִוי, אוּן אַסַאךְ מָאל אִיז נָאךְ דָארְט פִיל מִיט אַלֶע קְלִיפּוֹת צוּ מַכְשִׁיל זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט שְׁטַארְק מִיט דֶעם צוּ לֶערְנֶען בְּגִירְסָא, צוּ זָאגְן תּוֹרָה, אִיז זֵייעֶר

המשך בדף ב

# קַבָּלַת הַתּוֹרָה

נָאמֶען - אֱלֹקֶיךָ, וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף וֶוען עֶס גֵייט שְׁוֶוער פַּארְן מֶענְטְשׁ, שְׁטֶענְדִיג אִיז עֶס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס מֵיינְט נָאר דִי טוֹבָה פוּן מֶענְטְשׁ, אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים, אוּן דֶערמָאלְט וֶועט עֶר הֶעלְפְן. **אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם**, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן דָארְט גֶעאַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער, בִּיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעקוּמֶען אוּן זֵיי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר זֵיי אוֹיסְגֶעלֵייזְט מִיט גְרוֹיסֶע נִיסִים.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶן אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט שְׁוֶוער, קוּמְט עֶס נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאר צוּ אִים דַארְף מֶען זִיךְ וֶוענְדְן, אוּן דֶערמָאלְט וֶועט עֶר הֶעלְפְן אוּן מֶען וֶועט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע צָרוֹת.

(זֹאת הַתּוֹרָה יִתְרוֹ ט)

# שִׂיחוֹת מוֹהַרָא״שׁ

גְרִינְג עֶר זָאל נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט רְאִיוֹת אֲסוּרוֹת, מִיט קוּקְן וִוי מֶען טָאר נִישְׁט, אוּן נִשְׁפַּע וֶוערְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע סְבִיבָה, אָבֶּער וֶוען מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ זָאגְן אַסַאךְ חוּמָשׁ, תְּהִלִים אוּן מִשְׁנַיוֹת, הָאט מֶען שְׁטֶענְדִיג אַ גוּטֶע בַּאגְלֵייטֶער, מֶען הַאלְט אִין טַאשׁ אַ קְלֵיינֶע סֵפֶר אוּן סֵיי וִוי מֶען גֵייט כַּאפְּט מֶען אַרַיין צוּ זָאגְן אַבִּיסְל תּוֹרָה, אוּן דָאס הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְ'ס בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת.

מִיט דֶעם קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (פְּסָחִים ס״ח) אַז רֶבִּי יוֹסֵף הָאט גֶעהֵייסְן אַז מֶען זָאל אִים צוּגְרֵייטְן גוּטֶע עֶסְן אוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת וַוייל ״וֶוען נִישְׁט דֶעם טָאג, וִויפִיל יוֹסֵפְ'ס זֶענֶען דָא אוֹיפְ'ן גַאס״, בְּפַשְׁטוּת מֵיינְט דָאס אַז רֶבִּי יוֹסֵף הָאט גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה, וַוייל אָן דִי תּוֹרָה וָואלְט עֶר גָארְנִישְׁט גֶעוֶוען מֶער פוּן אַלֶע יוֹסֵפְ'ס אוֹיפְ'ן גַאס, אָבֶּער יֶעצְט מִיט דִי תּוֹרָה הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיינֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת.

מֶען קֶען אוֹיךְ זָאגְן נָאךְ אַ פְּשַׁט, ״יוֹסֵף״ גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי קְדוּשָׁה פוּן יוֹסֵף הַצַדִיק, וָואס אִיז דֶער סִימְבָּאל פוּן אָפְּגֶעהִיטֶענְקֵייט אוּן הֵיילִיגְקֵייט, וִוי אַזוֹי הָאט זִיךְ יוֹסֵף הַצַדִיק גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן נָאכְדֶעם וָואס זַיינֶע בְּרִידֶער הָאבְּן אִים פַארְקוֹיפְט צוּ דֶעם טָמֵא'נֶעם לַאנְד מִצְרַיִם? נָאר וַוייל עֶר הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן זַיין טַאטֶע צוּ זַיין צוּגֶעבִּינְדֶען צוּ דִי תּוֹרָה, אוּן דָאס הָאט אִים אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

דָאס אִיז גֶעוֶוען יוֹסֵף הַצַדִיק, אָבֶּער וָואס זָאלְן מִיר פָּשׁוּט'ע מֶענְטְשְׁן טוּהן, וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן וֶוען מִיר דַארְפְן אַרוֹיסְגֵיין אוֹיף דִי טָמֵא'נֶע גַאס? וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת פוּן דִי הַיינְטִיגֶע שְׁוֶוערֶע גַאס?

אָבֶּער דוּרְךְ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען אוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, קֶענֶען מִיר נִיצוֹל וֶוערְן פוּן אַלֶע נִסְיוֹנוֹת, וֶוען אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ זָאגְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, צוּ זָאגְן אַסַאךְ פְּסוּקִים חוּמָשׁ אוּן קַאפִּיטְלַאךְ תְּהִלִים, דָאס וֶועט אִים רַאטֶעוֶוען פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְ'ס, דָאס וֶועט אִים הֶעלְפְן זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן פוּנֶעם נֶעץ פוּן יֵצֶר הָרַע.

דָאס אִיז פְּשַׁט ״וֶוען נִישְׁט דֶעם טָאג, וִויפִיל יוֹסֵפְ'ס זֶענֶען דָא אוֹיפְן גַאס״, וֶוען נִישְׁט דֶעם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת וֶוען מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה, וִויפִיל יוֹסֵף הַצַדִיק'ס זֶענֶען דֶען דָא אוֹיפְ'ן גַאס? וִויפִיל אִידְן קֶענֶען זִיךְ דֶען דֶערְהַאלְטְן אַזוֹי וִוי יוֹסֵף הַצַדִיק, אוּן נִישְׁט וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת פוּן דִי גַאס?

אָבֶּער יֶעצְט אַז מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען דִי תּוֹרָה, אוּן מֶען קֶען זָאגְן מִשְׁנַיוֹת אוּן תְּהִלִים אוֹיךְ וֶוען מֶען אִיז אוֹיף דִי גַאס, דוּרְךְ דֶעם קֶען זִיךְ יֶעדֶער בּוֹיעֶן אַ מוֹיעֶר אַרוּם זִיךְ, מִיט דִי פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים, וָואס זֵיי הִיטְן אִים זִיכֶער אָפּ פוּן דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

## אַ נֵייעֶ תּוֹרָה

מוֹהַרָא״שׁ שְׁלִיטָ״א זָאגְט אַז אַזוֹי וִוי מֶען פְרֵיידְט זִיךְ שִׂמְחַת תּוֹרָה מִיט דִי סֵפֶר תּוֹרָה, מֶען טַאנְצְט אוּן מֶען פְרֵיידְט זִיךְ אַז מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן דִי תּוֹרָה, דִי זֶעלְבֶּע דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיךְ פְרֵייעֶן אוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אַז מֶען אִיז זוֹכֶה אָנְצוּהֵייבְּן דִי תּוֹרָה, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה פוּן נֵיי.

עֶס הָאט אַמָאל פַּאסִירְט בַּיי רֶבִּי נָתָן אוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען פְּתִיחָה צוּ אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי סֵפֶר תּוֹרָה פוּן אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, אִיז רֶבִּי נָתָן אַרַיין אִין אַ גְרוֹיס הִתְלַהֲבוּת אוּן גֶעזָאגְט ״אַ נֵייעֶ תּוֹרָה, אַ נֵייעֶ תּוֹרָה״, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן מִיט דִי סֵפֶר תּוֹרָה אַרוּם דִי בִּימָה, אַזוֹי וִוי שִׂמְחַת תּוֹרָה, אוּן אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן, אוּן מִיטְגֶעטַאנְצְן מִיט אִים.

וַוייל שָׁבוּעוֹת אִיז דִי צַייט וָואס יֶעדֶער אִיד קֶען אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ מְקַבֵּל צוּ זַיין דִי תּוֹרָה, אֲפִילוּ וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, קֶען יֶעצְט אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען, זִיךְ מְקַבֵּל זַיין אַז פוּן יֶעצְט וֶועט מֶען אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָא״שׁ חֵלֶק ט״ו, עֶרֶךְ שְׁבוּעוֹת)

## אויף אַ שִׂמְחָה בְּגַשְׁמִיּוּת

די גְמָרָא זָאגְט (פְּסָחִים ס"ח) אַז אֲפִילוּ עֶס אִיז אַ מַחֲלוֹקֶת צְווִישְׁן רַבִּי אֱלִיעֶזֶר און רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ, ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן יוֹם טוֹב, צוּ מֶען זָאל עֶס צוֹטֵיילְן חֶצְיוֹ לַה' וְחֶצְיוֹ לָכֶם, אַ הַאלבּ יוֹם טוֹב לֶערְנֶען און דַאווְנֶען און אַ הַאלבּ יוֹם טוֹב עֶסְן און טְרִינְקְן, צוּ אוֹ כּוּלוֹ לַה' אוֹ כּוּלוֹ לָכֶם, מֶען קֶען זִיךְ אוֹיסְוֶועלְן אָדֶער אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָדֶער אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב פַאר זִיךְ, אָבֶּער בַּיי יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אִיז יֶעדֶער מוֹדֶה אַז מֶען דַארְף אוֹיךְ עֶסְן און טְרִינְקֶען, ווַייל דֶעמָאלְט'ס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה.

לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, אוֹיבּ שָׁבוּעוֹת הָאבְּן מִיר בַּאקוּמֶען דִי תּוֹרָה, וָואלְט מֶען גֶעדַארְפְט אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב נָאר לֶערְנֶען תּוֹרָה, און גָארְנִישְׁט הָאבְּן קֵיין שַׁייכוּת מִיט גַשְׁמִיּוּת, און פַארְוָואס דַוְקָא בַּיי דֶעם יוֹם טוֹב אִיז יֶעדֶער מוֹדֶה אַז מֶען דַארְף עֶסְן און טְרִינְקֶען? נָאר דֶער תֵּירוּץ אִיז, אַז דִי תּוֹרָה אִיז אַ וֶועג-ווַייזֶער אֲפִילוּ בְּגַשְׁמִיּוּת, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה יד, ט) פַארְוָואס הֵייסְט דִי תּוֹרָה "אוֹר", ווַייל עֶס מַאכְט לִיכְטִיג פַארְן מֶענְטְשׁ, עֶר זָאל ווִיסְן וָואס עֶר הָאט צוּ טוּהְן, דִי תּוֹרָה לֶערְנְט אוּנְז ווִי אַזוֹי צוּ עֶסְן טְרִינְקְן שְׁלָאפְן און הַאנְדְלֶען, און דֶערְפַאר אִיז דֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אוֹיךְ אַ שִׂמְחָה בְּגַשְׁמִיּוּת, און מֶען דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן און זִיךְ מִתְעַנֵּג זַיין לִכְבוֹד יוֹם טוֹב.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה זִיךְ פַארְצוּנֶעמֶען יֶעצְט אִין יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, צוּ לֶערְנֶען שְׁטֶענְדִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִין יֶעדְן פְּלַאץ, אִין יֶעדֶע צַייט, און אִין יֶעדֶע מַצָּב, וֶועט אִים דִי תּוֹרָה זִיכֶער הִיטְן, און אִים צוּבְּרֶענְגֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַאָ"שׁ חֵלֶק ט"ו, עֶרֶב שָׁבוּעוֹת)

***

## יֶעדֶער אִיד ווִיל לֶערְנֶען

דֶער אֱמֶת אִיז, אַז יֶעדֶער אִיד ווִיל לֶערְנֶען, יֶעדֶער אִיד ווִיל עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ"ס, און גַאנְץ שֻׁלְחָן עָרוּךְ, און אַלֶע סְפָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, נָאר פַארְוָואס זֶעהְט מֶען אַז נִישְׁט יֶעדֶער לֶערְנְט? דָאס קוּמְט נָאר פוּן דֶעם, ווַייל אַ מֶענְטְשׁ ווִיל לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן בֶּעסְטְן וֶועג, אַז גְלַייךְ ווֶוען עֶר הֵייבְּט אָן צוּ לֶערְנֶען, זָאל עֶר שׁוֹין קֶענֶען קְלָאר דִי גְמָרָא, און לְמַעֲשֶׂה זֶעהְט עֶר דָאךְ אַז עֶס גֵייט נִישְׁט, ווַייל עֶר הָאט נִישְׁט אַזַא גוּטֶע קָאפּ, אָדֶער ווַייל עֶר הָאט גֶעטוּהְן עֲבֵירוֹת וָואס הָאבְּן פַארְשְׁטָאפְּט זַיין קָאפּ, מְמֵילָא ווֶוען עֶר זֶעהְט אַז עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, הֵייבְּט עֶר אָן צוּ שְׁמוּעֶסְן און צוּ פַארְבְּרֶענְגְן, און ווֶוען עֶס קוּמְט סוֹף טָאג, און עֶר מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן, אַז דֶער טָאג אִיז אִים אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען מִיט גָארְנִישְׁט, עֶר הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט אַרַיינְגֶעכַאפְּט אֵיין פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת, אָדֶער אֵיין בְּלַאט גְמָרָא, אָדֶער אֵיין סִימָן אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, וֶוערְט עֶר צוּבְּרָאכְן פוּן דֶעם, און צוּם סוֹף הֶערְט עֶר אִינְגַאנְצְן אוֹיף צוּ לֶערְנֶען, אוֹיבּ אָבֶּער עֶר וֶועט פָאלְגְן און עֶר וֶועט לֶערְנֶען אוֹיף דֶעם וֶועג וָואס דֶער רַבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, צוּ זָאגְן אַסַאךְ תּוֹרָה אִין אַ סֵדֶר, וֶועט עֶר אַרַיינְכַאפְּן זֵייעֶר אַסַאךְ, און עֶר וֶועט צוּם סוֹף אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס וָואס עֶר זָאגְט, ווַייל ווֶוען אַ אִיד זָאגְט אַסַאךְ תּוֹרָה, עֶפֶענְט זִיךְ אוֹיף זַיין קָאפּ, און עֶר פַארְשְׁטֵייט שׁוֹין אַלֶעס.

אַזוֹי ווִי דִי גְמָרָא זָאגְט, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל אֵייבִּיג לֶערְנֶען, אֲפִילוּ ווֶוען עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, און אֲפִילוּ עֶר גֶעדֶענְקְט גָארְנִישְׁט, און אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ שְׁטֵייט, אַז ווֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט, גֵייט יֶעדֶע וָוארְט אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְרֵייעדְט זִיךְ מִיט יֶעדֶע וָוארְט.

(קוּנְטְרֵס סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד)

## תִּיקּוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת

מוֹהֲרַאָ"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דָאס זָאגְן "תִּיקּוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת" אִין דִי הֵיילִיגֶע שָׁבוּעוֹת נַאכְט אִיז אַ גֶעוָואלְדִיגֶע גְרוֹיסֶע תִּיקּוּן, עֶס אִיז אַ תִּיקּוּן אוֹיף דִי עֲבֵירָה פוּן בִּטּוּל תּוֹרָה פוּן אַ גַאנְץ יָאר, און אוֹיךְ אִיז עֶס מְסוּגָל צוּ מְעוֹרֵר זַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַ חֵשֶׁק און אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר.

אַזוֹי ווִי מֶען זֶעהְט אַז מֶען גִיבְּט פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַבִּיסְל עֶסְן צוּ פַארְזִיכְן, ווַייל מֶען ווִיל אַז נָאכְן טוֹעֵם זַיין זָאל עֶר שׁוֹין ווֶועלְן קוֹיפְן דִי סָארְט עֶסְן, דִי זֶעלְבֶּע גִיבְּט מֶען פַארְן מֶענְטְשׁ הַיינְט נַאכְט אַבִּיסְל פוּן דִי תּוֹרָה צוּ פַארְזִיכְן, אַז דָאס זָאל אִים מְעוֹרֵר זַיין דִי חֵשֶׁק פַאר אַ גַאנְץ יָאר צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה.

אָבֶּער מֶען דַארְף ווִיסְן אַז דֶער עִיקָּר תִּיקּוּן אִיז צוּ זָאגְן דֶעם עֶרְשְׁטְן און לֶעצְטְן פָּסוּק פוּן יֶעדֶע פַּרְשָׁה און סֵפֶר, און דָאס וָואס מֶען הָאט צוּגֶעלֵייגְט אִין דִי "תִּיקּוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת" נָאךְ אַסַאךְ פַּרְשִׁיּוֹת פוּן תּוֹרָה נְבִיאִים וּכְתוּבִים וָואס הָאבְּן שַׁייכוּת צוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת און קַבָּלַת הַתּוֹרָה, דָאס אִיז נִישְׁט פוּן דִי עִיקָּר פוּנֶעם תִּיקּוּן, און דֶערְפַאר אִיז דָא אַמָאל מֶענְטְשְׁן וָואס זָאגְן בִּכְלָל נִישְׁט דֶעם תִּיקּוּן ווַייל אַזוֹי ווִי מֶען זֶעהְט אַז עֶס זֶענֶען דָא אַזוֹי סַאךְ צוּ זָאגְן, גִיבְּט מֶען אִינְגַאנְצְן אוֹיף און מֶען זָאגְט גָארְנִישְׁט, דֶערְפַאר דַארְף מֶען ווִיסְן אַז דֶער עִיקָּר תִּיקּוּן אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע און לֶעצְטֶע פָּסוּק, און אַזוֹי וֶועט מֶען עֶס זָאגְן מִיט חֵשֶׁק, און זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם גְרוֹיסְן תִּיקּוּן פוּן אַלֶע עוֹלָמוֹת.

נָאכְן תִּיקּוּן אִיז גוּט צוּ זָאגְן דִי תַּרְיַ"ג מִצְוֹת, ווַייל מָארְגְן גֵייעֶן מִיר דָאךְ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, וָואס זֶענֶען דִי מִצְוֹת, און דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ צוּגְרֵייטְן און ווִיסְן וָואס מֶען גֵייט מְקַבֵּל זַיין, און אַזוֹי וֶועט עֶס זַיין אַן אֱמֶת'עֶ קַבָּלָה.

און דֶער עִיקָּר דַארְף מֶען זַיין גֶעוָוארֶענְט נִישְׁט צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען דִי הֵיילִיגֶע נַאכְט מִיט דְּבָרִים בְּטֵלִים מִיט נַארִישְׁקַייטְן, ווַייל דֶער עִיקָּר תִּיקּוּן אִיז פַאר דִי עֲבֵירָה פוּן בִּיטּוּל תּוֹרָה, און דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֶעהְן נִישְׁט צוּצוּלֵייגְן נָאךְ בִּטּוּל תּוֹרָה, און אוֹיבּ מֶען הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם תִּיקּוּן, קֶען מֶען לֶערְנֶען יֶעדֶער וָואס זַיין הַארְץ בַּאגֶערְט, מֶען זָאל טוֹעֵם זַיין אַבִּיסְל פוּן אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס מֶען ווִיל לֶערְנֶען אַ גַאנְץ יָאר ווַייל דִי נַאכְט אִיז זֵייעֶר מְסוּגָל פַאר דֶעם, זִיךְ אָנְצוּגְרֵייטְן שִׁיעוּרֵי תּוֹרָה צוּ לֶערְנֶען אַ גַאנְץ יָאר.

ווִי אוֹיךְ אִיז דִי נַאכְט זֵייעֶר מְסֻגָּל צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף, עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן דִי סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים, אַז אִין דִי נַאכְט פוּן שָׁבוּעוֹת אִיז דָא אַ צַייט וָואס דֶעמָאלְט עֶפֶענֶען זִיךְ אַלֶע טוֹיעֶרְן פוּן הִימֶל, און וָואס מֶען בֶּעהְט דֶעמָאלְט וֶוערְט אָנְגֶענוּמֶען זֵייעֶר שְׁנֶעל, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֶעהְן אוֹיסְצוּנִיצְן דִי נַאכְט מִיט אַסַאךְ תְּפִלּוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זִיכֶער פוֹעֵל'ן אַלֶעס גוּטְס וָואס מֶען דַארְף.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּנִיצְן דִי הֵיילִיגֶע שָׁבוּעוֹת נַאכְט ווִי עֶס בְּרוֹיךְ צוּ זַיין.

***

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רַבִּי מָרְדְּכַי פוּן נֶעשְׁכִיז זי"ע אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן אִיז אַמָאל גֶעזִיצְן שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט בַּיי זִיךְ אִין צִימֶער און גֶעזָאגְט "תִּיקּוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת" מִיט גְרוֹיס הִתְעוֹרְרוּת, פְּלוּצְלוּנְג הָאט עֶר גֶעהֶערְט פוּן דִי דֶערְנֶעבְּנְדִיגְן צִימֶער אַז אֵיינֶער דְרֵייט זִיךְ דָארְט אַרוּם, יֶענֶער עֶפְנְט טִירְן און שֶׁענְק און זוּכְט עֶפֶּעס, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז מִן הַסְּתָם אִיז דָאס אַ גַנָּב וָואס זוּכְט עֶפֶּעס צוּ גַנְבֶ'עֶנֶען.

המשך בדף ד

# תִּיקּוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת

המשך פון דף ג

רֶבִּי מָרְדְכַי זי"ע הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּהן, פוּן אֵיין זַייט וִויל עֶר נִישְׁט מַפְסִיק זַיין אִינְמִיטְן זָאגְן "תִּיקּוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת", אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט וִויל עֶר דָאךְ נִישְׁט אַז יֶענֶער זָאל אִים אַלֶעס בַּא'גַנָב'עֶנֶען, עֶר הָאט אַזוֹי גֶעטְרַאכְט אַהֶער אוּן אַהִין בִּיז עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶס אִיז אַ גַנָב, אוּן עֶר קֶען אִים כַאפְּן בַּיי דִי גְנֵיבָה, אָבֶּער אֶפְשָׁר אִיז עֶס אַ אִיד, אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט, דֶערְפַאר וֶועט עֶר נִישְׁט מַפְסִיק זַיין, נָאר ווַייטֶער זָאגְן דֶעם תִּיקּוּן.

וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם תִּיקּוּן, אִיז עֶר אַרַיין אִינֶעם דֶערְנֶעבְּנְדִיגְן צִימֶער, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהן אַז עֶס אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען אַ גַנָב, אוּן יֶענֶער הָאט אָפְּגֶעטְרָאגְן מִיט אַלֶע זַיינֶע זַאכְן, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט פוּן דֶעם גְרוֹיס צַעַר, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז נָאךְ יוֹם טוֹב וֶועט עֶר פָארְן צוּ זַיין רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פִּנְחָס'ל קָארִיצֶער זי"ע אוּן מִיט אִים זִיךְ דוּרְךְ רֶעדְן וָואס עֶר דַארְף צוּ טוּהן.

אַזוֹי הָאט עֶר טַאקֶע גֶעטוּהן, נָאךְ יוֹם טוֹב אִיז עֶר גֶעפָארְן צוּ זַיין רֶבִּי'ן אוּן דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, הָאט אִים רֶבִּי פִּנְחָס זי"ע גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ פָארְנֶעמֶען זִיךְ צוּ אָפְּהִיטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק פוּן שֶׁקֶר, פוּן זָאגְן לִיגְנְט, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הֶעלְפְּן אַז עֶר וֶועט צוּרִיק בַּאקוּמֶען דִי גַאנְצֶע גְנֵיבָה, אוּן עֶס וֶועט אִים גָארְנִישְׁט פֶעלְן, אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען עֶר הָאט זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען צוּ זַיין זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט צוּ זָאגְן נָאר דֶעם אֱמֶת שְׁטֶענְדִיג, אוּן וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַהֵיים הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן בַּיים שְׁוֶועל פוּן זַיין טִיר אַ זַאק פִיל מִיט אַלֶע גֶע'גַנָב'טֶע זַאכְן, דֶער גַנָב הָאט חֲרָטָה גֶעהַאט אוֹיף וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהן אוּן עֶר הָאט אַלֶעס צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט.

זֶעהט מֶען פוּן דֶעם דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן זָאגְן "תִּיקּוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת", אַז רֶבִּי מָרְדְכַי פוּן נֶעשְׁכִיז זי"ע הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מַפְסִיק זַיין אִינְמִיטְן אֲפִילוּ צוּ כַאפְּן אַ גַנָב, אוּן צוּם סוֹף הָאט עֶר לְמַעֲשֶׂה גָארְנִישְׁט פַארְלוֹירְן, ווַייל עֶר הָאט צוּרִיק בַּאקוּמֶען דִי גַאנְצֶע גְנֵיבָה.

עֶס אִיז זִיכֶער אַז דֶער כֹּחַ אוּן זְכוּת פוּן דִי קַבָּלַת הַתּוֹרָה אוּן עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת וָואס דֶער צַדִיק רֶבִּי מָרְדְכַי זי"ע הָאט גֶעלֵיינְט, וָואס אֵיינְס פוּן דִי דִבְּרוֹת דֶערְפוּן אִיז "לֹא תִּגְנֹב" הָאט זִיכֶער גֶעהָאלְפְן אַז דֶער גַנָב הָאט חֲרָטָה גֶעהַאט פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, אוּן צוּרִיק גֶעגֶעבְּן דִי גְנֵיבָה.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו, עֶרֶךְ שָׁבוּעוֹת)

# יֶענֶעמְ'ס גְרָאז אִיז אֵייבִּיג גְרִינֶער...

אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף אַ מַאֲמַר חַזַ"ל (שַׁבָּת פח.), "וַיִּתְיַצְבוּ בְּתַחְתִּית הָהָר", אָמַר רַב אַבְדִימִי בַּר חָמָא בַּר חָסָא, מְלַמֵד שֶׁכָּפָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עֲלֵיהֶם אֶת הָהָר כְּגִיגִית וְאָמַר לָהֶם, אִם אַתֶּם מְקַבְּלִים הַתּוֹרָה מוּטָב וְאִם לַאו שָׁם תְּהֵא קְבוּרַתְכֶם; שְׁטֶעלְט זִיךְ אַוֶועק אַ קַשְׁיָא, וָואס אִיז דֶער לָשׁוֹן "שָׁם תְּהֵא קְבוּרַתְכֶם"? עֶס הָאט גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין "פֹּה תְּהֵא קְבוּרַתְכֶם", וָוארוּם כַּבְיָכוֹל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אַ בַּארְג אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, וֶועט עֶטְ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה אִיז גוּט, אַז נִישְׁט וֶועט עֶטְ דָא בַּאגְרָאבְּן וֶוערְן, אַזוֹי דַארְף שְׁטֵיין, וָואס אִיז דֶער לָשׁוֹן "שָׁם תְּהֵא קְבוּרַתְכֶם"? וָואס אִיז דֶער "דָארְטְן"? נָאר דֶער תֵּירוּץ אִיז אַז עֶס אִיז דָא אַ קְבוּרָה וָואס עֶס הֵייסְט "דָארְטְן", אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט נִישְׁט קַיין תּוֹרָה אִיז אִים זֵייעֶר בִּיטֶער.

עֶר אִיז נָאךְ אַ יוּנְג יוּנְגְל אִין חֵדֶר אוּן עֶר הַאלְט נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען, קוּמְט עֶר אַלֶעמָאל צוּם טַאטְן, "טַאטִי, דֶער חֵדֶר אִיז נִישְׁט גוּט פַאר מִיר, אִיךְ וִויל גֵיין אִין אַן אַנְדֶערֶע חֵדֶר!" וְכוּ', דֶער טַאטֶע לֵייגְט אִים אַרַיין אִין אַן אַנְדֶערֶע חֵדֶר וְכוּ', אַזוֹי וִוי עֶר אִיז נִישְׁט קַיין צוּפְרִידְן קִינְד, קוּמְט עֶר ווִידֶער צוּם טַאטְן, "טַאטִי, דֶער חֵדֶר אִיז נִישְׁט גוּט, מֶען טְשֶׁעפֶּעט מִיר!", דֶער טַאטֶע לֵייגְט אִים אַרַיין אִין אַן אַנְדֶערֶע חֵדֶר וְכוּ'.

אוּן אַזוֹי אִיז אַ בָּחוּרְ'ל אִין יְשִׁיבָה קְטַנָּה, אַז עֶר הַאלְט נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען, ווַארְפְט עֶר זִיךְ פוּן אֵיין יְשִׁיבָה קְטַנָּה צוּ אַן אַנְדֶערֶע, בַּיי יֶעדֶע יְשִׁיבָה קְטַנָּה הָאט עֶר אַן אַנְדֶערֶע טַעֲנָה, עֶס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר אִים, אוּן אַזוֹי אַ דֶערְוַואקְסֶענֶער בָּחוּר וֶוען עֶר לֶערְנְט נִישְׁט אִיז עֶר נִישְׁט צוּפְרִידְן, ווַארְפְט עֶר זִיךְ פוּן אֵיין יְשִׁיבָה צוּם אַנְדֶערְן, "דָארְטְן אִיז גוּט" וְכוּ', "דָארְטְן אִיז בֶּעסֶער" וְכוּ', אַלֶעמָאל זוּכְט עֶר אַ נַייעֶ יְשִׁיבָה וָואס עֶס דַאכְט זִיךְ אִים עֶס וֶועט אִים זַיין בֶּעסֶער.

אוּן אַזוֹי אִיז נָאךְ דִי חֲתוּנָה, עֶר דַארְף גֵיין אִין כּוֹלֵל, זִיצְט אָפּ אַ שְׁטִיקְל צַייט וְכוּ', אוֹיבּ עֶר הַאלְט נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען, אִיז עֶר נִישְׁט קַיין צוּפְרִידֶענֶער אִינְגֶערְמַאן, זָאגְט עֶר, "דָארְטְן אִיז אַ בֶּעסֶערְן כּוֹלֵל" וְכוּ', גֵייט עֶר דָארְטְן אַרַיין וְכוּ', אוּן עֶר אִיז ווַייטֶער נִישְׁט צוּפְרִידְן, דָא הֶערְט עֶר אַז עֶס אִיז דָא אַ כּוֹלֵל בּוֹקֶר גֵייט עֶר דָארְטְן אַרַיין, אַז עֶר אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן, הֶערְט עֶר אַז עֶס אִיז דָא אַ כּוֹלֵל עֶרֶב גֵייט עֶר דָארְטְן אַרַיין וְכוּ' וְכוּ'.

הַכְּלָל אַז אֵיינֶער הַאלְט נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה, אוֹיף אִים זָאגְט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, "שָׁם תְּהֵא קְבוּרַתְכֶם!" עֶס אִיז דָא אַ קְבוּרָה וָואס עֶס הֵייסְט "שָׁם", "דָארְטְן". נֶעבֶּעךְ, עֶר טְרֶעפְט זִיךְ נִישְׁט דָאס אָרְט, וואוּ דוּ וֶועסְט אִים לֵייגְן אִיז אִים נִישְׁט גוּט; מַה שֶּׁאֵין כֵּן אֵיינֶער אִיז מְקַבֵּל דִי תּוֹרָה אוּן עֶר הָאט לִיבּ צוּ לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, וּבִפְרַט אַז עֶר לֶערְנְט כְּפִי דִי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו), עֶר לֶערְנְט כְּסִדְרָן מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא, וְכוּ', וְכוּ', עֶר הָאט אַ מוֹרָא'דִיגְן חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען, דֶעם אִיז שְׁטֶענְדִיג גוּט, אוּן וואוּ מֶען לֵייגְט אִים אִיז עֶר צוּפְרִידְן, עֶס אִינְטֶרֶעסִירְט אִים גָארְנִישְׁט נָאר דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, אוּן וואוּ עֶר גֵייט אוּן וואוּ עֶר שְׁטֵייט הָאט עֶר מִיט זִיךְ אַ חוּמָשׁ, אָדֶער אַ מִשְׁנַיוֹת, אָדֶער אַ גְמָרָא, אָדֶער אַ שׁוּלְחָן עָרוּךְ, וְכוּ', וְכוּ', אוּן עֶר לֶערְנְט, אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר צוּפְרִידְן, אַזַא אִינְגֶערְמַאן אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אוּן עֶר מַאכְט פְרֵיילִיךְ זַיין ווַייבּ, עֶר לֶעבְּט אַ זִיס גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן, אוּן דִי שְׁכִינָה רוּהְט בַּיי אִים.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט אַרַיינְנֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער אִין דַיין הַארְץ, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן.

(אשר בנחל באידיש חלק ג' מכתב שנ"ח)


## ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז
מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז דא
צו באקומען ביי אונז אלע ספרי
ברסלב

27 Skillman St.

אדער רופט 347-977-7994

## קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים
פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א

אויך קען מען מיטהאלטן
יעדע וואך דעם שיעור
מיט א לייוו הוק-אפ

212-444-9191

## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!

וועבענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים

שנעל גוט און ביליג!

רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554

5554printing@gmail.com

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**
**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת בהעלותך, ט' סיון, אבות פרק א', שנת תשע"ד לפ"ק

שנה 3, גליון 41 (141)


**זמנים**

הדלקת הנרות......................**8:06**
סוף זמן קר"ש......................**8:38**
מוצש"ק...........................**9:34**

**שיעורים כסדרן**

בבלי......................ראש השנה ל'
ירושלמי...................ברכות מ"ה
תוספתא....................נדה פרק ח'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיַּעַשׂ כֵּן אַהֲרֹן**, זָאגְט רַשִׁ"י **לְהַגִּיד שִׁבְחוֹ שֶׁל אַהֲרֹן שֶׁלֹּא שִׁנָּה**. דָאס קוּמְט לוֹיבְּן אַהֲרֹן, אַז עֶר הָאט נִישְׁט מְשַׁנֶּה גֶעוֶוען.

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ס"ח) אַז אַן אֱמֶת'עֶר צַדִּיק אִיז סַיי אוּנְטְן אוּן סַיי אוֹיבְן. דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ עֶר לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז עֶר אוֹיךְ אוּנְטְן, עֶר לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ צוּ מֶענְטְשְׁן, עֶר שְׁמוּעֶסְט מִיט זֵיי, עֶר פַארְבְּרֶענְגְט מִיט זֵיי, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר זֵיי אוֹיךְ מְקָרֵב צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז גֶעוֶוען אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, פוּן אֵיין זַייט אִיז עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר הֵיילִיג, עֶר אִיז אַרַיין לִפְנַי וְלִפְנִים אִין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאט עֶר זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט צוּ מֶענְטְשְׁן, עֶר הָאט גֶעמַאכְט שָׁלוֹם בַּיִת צְוִוישְׁן אִידְן. חֲזַ"ל דֶערְצֵיילְן (אָבוֹת דְרַבִּי נָתָן, פֶּרֶק י"ב) אַז וֶוען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעוֶוען צוּקְרִיגְט, אִיז אַהֲרֹן גֶעגַאנְגֶען צוּ אֵיינֶעם אוּן אִים גֶעזָאגְט: "דוּ וֵוייסְט אִיךְ קוּם יֶעצְט פוּן דַיין חַבֵר, עֶם רַייסְט אִים דָאס הַארְץ אַז עֶר הָאט דִיר גֶעטְשֶׁעפֶּעט, עֶר זָאגְט: 'וֵוי אִיז מִיר, אַז אִיךְ הָאבּ גֶעטְשֶׁעפֶּעט מַיין חַבֵר, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן?'" אַזוֹי הָאט אַהֲרֹן גֶערֶעדְט צוּ אֵיינֶעם בִּיז יֶענֶער הָאט טַאקֶע גֶעזֶעהְן אַז זַיין חַבֵר הָאט חֲרָטָה, אוּן וִויל אִים אֱמֶת'דִיג אִיבֶּערְבֶּעטְן.

דֶערְנָאךְ אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּם צְוֵוייטְן אוּן גֶעזָאגְט דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, "דוּ וֵוייסְט, דַיין חַבֵר שֶׁעמְט זִיךְ מַמָּשׁ פוּן דִיר, אַז עֶר הָאט דִיר מְצַעֵר גֶעוֶוען, עֶר קֶען זִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט מוֹחֵל זַיין אַז עֶר הָאט דִיר וֵוי גֶעטוּהְן, עֶר וִויל דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק אִיבֶּערְבֶּעטְן", אַזוֹי הָאט עֶר גֶערֶעדְט מִיטְן צְוֵוייטְן בִּיז יֶענֶער הָאט זִיךְ אוֹיךְ בַּארוּהִיגְט אוּן מוֹחֵל גֶעוֶוען זַיין חַבֵר. וֶוען דִי צְוֵויי חֲבֵרִים הָאבְּן זִיךְ נָאכְדֶעם גֶעטְרָאפְן, זֶענֶען זֵיי אַרוֹיפְגֶעפַאלְן אֵיינֶער אוֹיפְן צְוֵוייטְן אוּן זִיךְ גֶעקוּשְׁט.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי מַעֲלָה פוּן אַהֲרֹן, "**לְהַגִּיד שִׁבְחוֹ שֶׁל אַהֲרֹן שֶׁלֹּא שִׁנָּה**", אֲפִילוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי הֵיילִיג אוּן דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר גָארְנִישְׁט מְשַׁנֶּה גֶעוֶוען בַּיי זַיין הַאנְדְלֶען מִיט מֶענְטְשְׁן. פַארְקֶערְט, עֶר הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט צוּ מֶענְטְשְׁן, אוּן זֵיי מְקָרֵב גֶעוֶוען.

(זֹאת הַתּוֹרָה בְּהַעֲלֹתְךָ ב)

***

נָאךְ אַ פְּשַׁט זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן קט"ו) אַז עֶר פְּלֶעגְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיין סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען, אַז וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן אַ וֶועג צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז עֶר אָנְגֶעגַאנְגֶען מִיט דֶעם וֶועג מִיט אַ שְׁטַארְקַייט

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ הָאבּ גֶעדוּלְד ~

דִי מִדָּה פוּן סַבְלָנוּת אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג אִין לֶעבְּן, עֶס אִיז מַמָּשׁ נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ לֶעבְּן אָן דֶעם. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ שְׁוֶועריַקֵייטְן יֶעדְן טָאג, אֵיינֶער הָאט זַיינֶע אֵייגֶענֶע שְׁוֶועריַקֵייטְן, אֵיינֶער הָאט שְׁוֶועריַקֵייטְן פוּן דִי וַוייבּ, אֵיינֶער פוּן דִי קִינְדֶער, אֵיינֶער בַּיי דִי אַרְבֶּעט, אֵיינֶער פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, א.א.וו., אוּן נָאר מִיט סַבְלָנוּת, מִיט אַסַאךְ גֶעדוּלְד, קֶען מֶען הָאבְּן אַ גְלִיקְלֶעךְ לֶעבְּן.

דֶערְפַאר דַארְף אַ אִיד הָאבְּן אַסַאךְ גֶעדוּלְד אוּן סַבְלָנוּת, זִיךְ לָאזְן פִירְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער טוּט מִיט אִים, זָאל עֶר זָאגְן: "זָאל זַיין אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל". מֶען גֶעבְּט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּם סוֹף וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הֶעלְפְן, אַז עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט.

אוּן אֲפִילוּ בַּיים דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף מֶען אוֹיךְ הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, וַוייל מֶען וֶוערְט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַלֶע צַדִּיקִים זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר מִיט סַבְלָנוּת, פוּן אָנְפַאנְג הָאבְּן זֵיי אַסַאךְ גֶעהָארֶעוֶועט, אַסַאךְ גֶעדַאוֶוענְט, גֶעלֶערְנְט אוּן גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶעזֶעהְן, אוּן גָארְנִישְׁט גֶעפִילְט אַז זֵיי טוּעֶן עֶפֶּעס אוֹיף. אָבֶּער זֵיי הָאבְּן גֶעוַוארְט מִיט גֶעדוּלְד, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן, אוּן זֵיי זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ וָואס זֵיי זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען.

### זָאל זַיין אַזוֹי...

מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיפְן הֵיילִיגְן צַדִּיק דֶער "תּוֹלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף", אַז אִינְגֶערְהֵייט אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער קַפְּדָן, עֶר פְלֶעגְט זִיךְ

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

פַאר אַ שְׁטִיק צַייט, אוּן אִין דִי צַייט הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט פַארְפִירְן פוּן גָארְנִישְׁט, אֲפִילוּ עֶס אִיז אִים אַרַיינְגֶעקוּמֶען פְרִישֶׁע מַחְשָׁבוֹת, אַז עֶר דַארְף אַנְדֶערְשׁ טוּהְן, הָאט עֶר זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט דֶערְצוּ, נָאר עֶר אִיז וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען זַיין וֶועג.

דָאס אִיז פְּשַׁט "לְהַגִּיד שִׁבְחוֹ שֶׁל אַהֲרֹן שֶׁלֹּא שִׁינָּה" אַהֲרֹן הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְן אַ גֶעוִויסֶע וֶועג וִויאַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי אַזוֹי צוּ צִינְדְן דִי מְנוֹרָה, אוּן מִיט דֶעם אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען, אוּן נִישְׁט מְשַׁנֶּה גֶעוֶוען.

דָאס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען, אַז מִיר זָאלְן אוֹיךְ אַזוֹי טוּהְן, אוֹיבּ אַ אִיד הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן אַ צַדִּיק אַ וֶועג וִויאַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל עֶר מִיט דֶעם גֵיין מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ בִּיזְן סוֹף, אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְפִירְן פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, אוּן אֲפִילוּ נִישְׁט פוּן אֵייגֶענֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס זֶענֶען אִים מְבַלְבֵּל, אוּן אוֹיף אַזַא וֶועג וֶועט עֶר זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין.

(זֹאת הַתּוֹרָה בְּהַעֲלֹתְךָ ג)

***

**כַּמַּרְאֶה אֲשֶׁר הֶרְאָה ה' אֶת מֹשֶׁה כֵּן עָשָׂה אֶת הַמְּנֹרָה.** חֲזַ"ל זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה, רֵישׁ פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ) אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז שְׁוֶוער גֶעוֶוען וִוי אַזוֹי צוּ מַאכְן דִי מְנוֹרָה, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט: "נֶעם אַ שְׁטִיקְל גָאלְד אוּן וַוארְף עֶס אַרַיין אִין פַייעֶר, אוּן עֶס וֶועט וֶוערְן אַ מְנוֹרָה".

לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, פַארְוָואס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער גֶעוֶוען פַאר מֹשֶׁה צוּ מַאכְן דִי מְנוֹרָה, מֶער פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע כֵּלִים פוּן דִי מִשְׁכָּן?

מוֹהַרְאַ"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ז) אַז כְּדֵי אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי וֶועלְט זָאלְן דִינֶען נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַוֶועק וַוארְפְן אַלֶע זֵייעֶרֶע זִילְבֶּערְנֶע אוּן גָאלְדֶענֶע עֲבוֹדָה זָרָה'ס, דָאס גֶעשֶׁעהט דוּרְךְ דִי שָׁלוֹם וָואס עֶס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט. וַוייל וֶוען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם, מֶען קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן, קֶען אֵיינֶער מַסְבִּיר זַיין פַארְן צְוֵוייטְן, אַז עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין עֵצָה אוֹיף דִי וֶועלְט, צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַלֶע מַחְלוֹקֶת אוֹיף דִי וֶועלְט הֵייבְּן זִיךְ גֶעוֶוענְלִיךְ אָן וֶועגְן גֶעלְט, אֵיינֶער אִיז מְקַנֵּא דֶעם צְוֵוייטְן אַז עֶר אִיז מֶער מַצְלִיחַ פוּן אִים, עֶר הָאט מֶער גֶעלְט פוּן אִים, אָבֶּער וֶוען מֶען זָאל אַוֶועקְוַוארְפְן דִי אַלֶע זִילְבֶּערְנֶע אוּן גָאלְדֶענֶע עֲבוֹדָה זָרוֹת, מֶען זָאל וִויסְן אַז גֶעלְט קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט זַיין שָׁלוֹם אוֹיף דֶער וֶועלְט, וַוייל אַז אֵיינֶער וֶועט דַארְפְן גֶעלְט וֶועט עֶר גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן, "אִיךְ דַארְף נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ קַיין מֶענְטְשְׁן", אוּן דֶעמָאלְט וֶועט מֶער נִישְׁט זַיין קַיין מַחְלוֹקֶת אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן מֶען וֶועט קֶענֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, הֲלָכָה ז') אַז דִי מְנוֹרָה אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי שָׁלוֹם צְוִוישְׁן אִידְן, דִי מְנוֹרָה הָאט גֶעהַאט 49 חֲלָקִים, אָבֶּער אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען פוּן אֵיין שְׁטִיק. דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי 49 אוֹתִיּוֹת וָואס אִיז דָא אִין דִי נֶעמֶען פוּן דִי צְוֶועלְף שְׁבָטִים, אַז אַלֶע דַארְפְן זַיין פוּן אֵיין שְׁטִיק, צוּ לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם בְּשָׁלוֹם.

דָאס אִיז שְׁוֶוער גֶעוֶוען פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן דִי מְנוֹרָה? וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם, אוּן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן? עֶס אִיז דָאךְ דָא אַזוֹיפִיל מַחְלוֹקֶת אוּן חִילוּקֵי דֵעוֹת בַּיי אִידְן.

הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט, נֶעם דֶעם שְׁטִיק גָאלְד אוּן וַוארְף עֶס אַרַיין אִין פַייעֶר, דָאס מֵיינְט נֶעם דִי תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט אוּן וַוארְף עֶס אַרַיין אִין פַייעֶר, אַז מֶען זָאל מֶער נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן גֶעלְט, מֶען זָאל וִויסְן אַז גֶעלְט גֶעבְּט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן נִישְׁט מְקַנֵּא זַיין אַ צְוֵוייטְן וָואס הָאט מֶער גֶעלְט, אוּן אַזוֹי וֶועט זִיךְ אוֹיפְהֶערְן דִי מַחְלוֹקֶת, וַוייל רוֹב מַחְלוֹקֶת קוּמְט נָאר פוּן גֶעלְט.

(תּוֹךְ הַנַּחַל, סְעוּדָה שְׁלִישִׁית, בְּהַעֲלֹתְךָ תשנ"א)

# שִׂיחוֹת מוֹהַרְאַ"שׁ

רֶעגְן אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט. אֵיינְמָאל הָאט מֶען אִים גֶערוּפְן צוּ זַיין סַנְדָק בַּיי אַ בְּרִית, אוּן אַזוֹי וִוי עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען שְׁפֶּעט צוּם בְּרִית, הָאט מֶען נִישְׁט גֶעוַוארְט אוֹיף אִים, מֶען הָאט גֶעמַאכְט דֶעם בְּרִית אָן אִים, אוּן וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען, הָאט מֶען שׁוֹין גֶעהַאלְטְן נָאכְן בְּרִית. דָאס הָאט אִים זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט, עֶר הָאט זִיךְ גֶערֶעגְט אוֹיף דֶעם, אוּן אַזוֹי אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען דָארְט נָאךְ זַאכְן אוֹיף וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶערֶעגְט.

מֶען הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט עֶסְן דִי סְעוּדָה, אִינְמִיטְן דִי סְעוּדָה אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַן אָרִימַאן מִיט צוּרִיסֶענֶע קְלֵיידֶער, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִים בַּאגְרִיסְט אוּן גֶעגֶעבְּן שָׁלוֹם, וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט וִוי אַזוֹי עֶר הֵייסְט, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "זָאל זַיין אַזוֹי"... מֶען הָאט אִים וִוידֶער גֶעפְרֶעגְט: "וִוילְסְט אֶפְשָׁר עֶפֶּעס עֶסְן?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "זָאל זַיין אַזוֹי", "וִוילְסְט אֶפְשָׁר נָאךְ אַ טֶעלֶער? הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט: "זָאל זַיין אַזוֹי", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער וָואס מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט הָאט עֶר אוֹיף אַלֶעס גֶעעֶנְטְפֶערְט: "זָאל זַיין אַזוֹי"...

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶס אִיז דָארְט גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיס גֶעלֶעכְטֶער פוּן דִי מַעֲשֶׂה, מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "בִּיזְט אֶפְשָׁר מְשׁוּגֶע גֶעוָוארְן?", הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעזָאגְט: "זָאל זַיין אַזוֹי", אוּן דֶער עוֹלָם הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעהַאלְטְן אוֹיף זַיין חֶשְׁבּוֹן, מֶען הָאט זֵייעֶר גֶעלַאכְט.

דֶער הֵיילִיגֶער "תּוֹלְדוֹת" הָאט אָבֶּער פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אִים דָא עֶפֶּעס מְרַמֵּז זַיין, אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט צוּגֵיין צוּם אָרִימַאן צוּ רֶעדְן מִיט אִים, אָבֶּער אִינְצְוִוישְׁן אִיז דֶער אָרִימַאן שׁוֹין פַארְשְׁוִוינְדְן גֶעוָוארְן.

דֶער הֵיילִיגֶער "תּוֹלְדוֹת" הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אִים זָאגְן וָואס דָאס הָאט גֶעמֵיינְט, הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט פוּן הִימְל, אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא, וָואס אִיז גֶעקוּמֶען אִים אוֹיסְלֶערְנֶען אַז מֶען טָאר זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, נָאר זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ זָאגְן "זָאל זַיין אַזוֹי..."

## עֶס זָאגְט זִיךְ גְרִינְג

עֶס זָאגְט זִיךְ גְרִינְג, אָבֶּער עֶס אִיז גָאר שְׁוֶוער מְקַיֵּים צוּ זַיין, צוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת אוּן גֶעדוּלְד. דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ דֶעם, אִיז נָאר וֶוען מֶען גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אַז גָארְנִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶוערְט גֶעטוּהְן פוּן זִיךְ אַלֵיין, אַלֶעס קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דָאס בַּאקוּמְט מֶען דוּרְכְן רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים אַדוּרְךְ, אַלֶעס וָואס טוּט אִים וֵוי, בַּאקוּמְט עֶר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אַז

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרַא"שׁ

נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען אִים הֶעלְפְן, אוּן דֶעמָאלְט וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיף אִים סַיי וֶועלְכֶע צָרָה, וֶוערְט עֶר נִישְׁט אוֹיס מֶענְטְשׁ, עֶר דֶערְצֵיילְט עֶס פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אִים, אוּן אַזוֹי קוּמְט מֶען צוּ דִי שֵׁיינֶע מִדָּה פוּן סַבְלָנוּת.

עֶס אִיז דָא זֵייעֶר אַסַאךְ צָרוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט, אֵיינֶער מַאכְט מִיט אַסַאךְ מִיט פַּרְנָסָה, עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין גֶעלְט אִיבֶּערְצוּקוּמֶען דֶעם טָאג, דַארְף מֶען אוֹיף דֶעם הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, אוּן נָאר קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִים בֶּעטְן פַּרְנָסָה.

ווִידֶערְאוּם זֶענֶען דָא אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן עֶלְטֶערֶע בָּחוּרִים אָדֶער עֶלְטֶערֶע מֵיידְלֶעךְ אִין שִׁטּוּב, עֶס גֵייט זֵיי שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידּוּךְ, דִי עֶלְטֶערְן עֶסְן זִיךְ אוֹיף פַּאר צַעַר, מֶען קְרֶענְקְט זִיךְ, מֶען שְׁלָאגְט זִיךְ, אוּן דִי גַאנְצֶע שְׁטוּב וֶוערְט צוּפָארְן אוּן צוּפְלוֹיגְן. וֶוען מֶען הָאט אָבֶּער גֶעדוּלְד, מֶען אַנְטְלוֹיפְט נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בֶּעהְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן מֶען גֵייט אַלֶעס אַדוּרְךְ בְּשָׁלוֹם.

אַנְדֶערֶע גֵייעֶן דוּרְךְ שְׁוֶועריקַייטְן מִיט שְׁלוֹם בַּיִת, דַארְף מֶען אוֹיף דֶעם אוֹיךְ הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, אַ פְּרוֹי פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ נִישְׁט אֵייבִּיג מִיטְן מַאן, דֶער מַאן וֶוערְט נֶערְוֶועז דֶערְפוּן, אוּן עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין שְׁטוּב אַן אֵימָה יְתֵירָה, אַן אָנְגֶעצוֹיגְנְקַייט, עֶס וֶוערְט אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט דִי מַצָּב אִינְדֶערְהֵיים, עֶס וֶוערְט מַחְלוֹקֶת, קְרִיגֶערַייעֶן אוּן אָנְגֶעצוֹיגֶענְקַייט אִין דִי הוֹיז, אוּן פוּן דֶעם וֶוערְט דִי גַאנְצֶע שְׁטוּב צוּפָאלְן.

וֶוען דֶער מַאן הָאט אָבֶּער שֵׂכֶל, עֶר הָאט סַבְלָנוּת, נִישְׁט אַלֶעס דַארְף מֶען זֶעהְן אִינְדֶערְהֵיים, נִישְׁט אַלֶעס דַארְף מֶען קוּקְן, מֶען דַארְף נִישְׁט מַאכְן אַן עֵסֶק פוּן יֶעדֶע זַאךְ, אוּן אַוַודַאי נִישְׁט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִינְדֶערְהֵיים אַן אִיבֶּערִיגֶע אָנְגֶעצוֹיגְנְקַייט, ווִי דִי גְמָרָא זָאגְט (גִּיטִּין ז.) "לְעוֹלָם אַל יַטִּיל אָדָם אֵימָה יְתֵירָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ" - אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִינְדֶערְהֵיים אַן אִיבֶּערִיגֶע אָנְגֶעצוֹיגֶענְקַייט, ווַייל נָאכְדֶעם בְּרֶענְגְט דָאס צוּ אַסַאךְ קִלְקוּלִים, אָבֶּער מִיט אַבִּיסְל סַבְלָנוּת קֶען מֶען הָאבְּן אַ גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן, אַ זִיסֶע לֶעבְּן, נָאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן זִיכֶער אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט קִינְדֶער, נִישְׁט אֵייבִּיג פַּאלְגְן דִי קִינְדֶער מִיטְן עֶרְשְׁטְן מָאל הֵייסְן, אוּן אוֹיבּ דֶער טַאטֶע וֶועט זִיךְ נִישְׁט אָנְגַארְטְלֶען מִיט סַבְלָנוּת, מִיט גָאר אַסַאךְ גֶעדוּלְד, וֶועט זַיין הוֹיז אִינְגַאנְצְן צוּפָאלְן. דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ דִי מִדָּה פוּן סַבְלָנוּת. אַ הוֹיז וָואוּ מֶען הָאט סַבְלָנוּת אֵיינֶער צוּם צְווֵייטְן, אוּן מֶען הָאט סַבְלָנוּת צוּ דִי קִינְדֶער, וֶועלְן זֵיי זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין בְּרוּחָנִיוּת אוּן בְּגַשְׁמִיּוּת.

אֲפִילוּ בַּיים בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען אוֹיךְ הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, נִישְׁט אֵייבִּיג וֶוערְט מֶען גְלַייךְ גֶעהָאלְפְן, עֶס קֶען אַמָאל אַרִיבֶּערְגֵיין טֶעג אוּן יָארְן, אוּן מֶען זֶעהְט נָאכְנִישְׁט קֵיין יְשׁוּעָה. מֶען טָאר אָבֶּער נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, נָאר וַוייטֶער בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רַחֲמָנוּת הָאבְּן, אוּן שִׁיקְן דִי יְשׁוּעָה.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת!

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַא"שׁ חֵלֶק ד', ה', י"א, עֶרֶךְ סַבְלָנוּת)

# מִילֵי דְאָבוֹת

## פֶּערְל וֶוערְטֶער אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת

### בַּיי דֶעם מֶעג מֶען גַנְבֶ'עֶנֶען

**עֲשֵׂה תּוֹרָתְךָ קֶבַע.**

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַּאר אֵיינֶעם וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין צַייט צוּ לֶערְנֶען, אַז אֲפִילוּ עֶר אִיז אַזוֹי פַּארְנוּמֶען זָאל עֶר זֶעהְן אַרָאפְּצוּ'גַנְבְ'עֶנֶען עֶפֶּעס צַייט יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן דָאס זָאגְן חֲזַ"ל (שַׁבָּת לא.) אַז מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיבְן אִין הִימְל "קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה?" דֶער וָוארְט "קֶבַע" אִיז אוֹיךְ אַ לָשׁוֹן פוּן גְנֵיבָה, דָאס פְרֶעגְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ: "הָאסְט אַרָאפְּגֶע'גַנְבְ'עֶט אַבִּיסְל צַייט יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען?" (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ד).

דָאס אִיז אוֹיךְ פְּשַׁט דָא אִין דִי מִשְׁנָה, עֲשֵׂה תּוֹרָתְךָ קֶבַע, זָאלְסְט זֶעהְן אַרָאפְּצוּ'גַנְבְ'עֶנֶען יֶעדְן טָאג צַייט צוּ לֶערְנֶען, ווַייל אוֹיבּ נִישְׁט וֶועסְטוּ יֶעדְן טָאג הָאבְּן פְרִישֶׁע שְׁטֶערוּנְגֶען, פְּרִישֶׁע בִּלְבּוּלִים, וָואס וֶועלְן דִיר נִישְׁט לָאזְן לֶערְנֶען, אוּן נָאר אוֹיבּ דוּ וֶועסְט גַנְבְ'עֶנֶען צַייט וֶועסְטוּ אָנְקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען.

(חַסְדֵי אָבוֹת, פֶּרֶק א', מִשְׁנָה ט"ו)

***

### אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט

**אֱמוֹר מְעַט וַעֲשֵׂה הַרְבֵּה**

רֶבִּי נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט אַז פַּאר עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן פְלֶעגְט עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג פַּארְנֶעמֶען אַסַאךְ עֲבוֹדוֹת, אַסַאךְ לִמּוּדִים, גְרוֹיסֶע שִׁיעוּרִים צוּ לֶערְנֶען, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ אִים שְׁטֶענְדִיג גֶעמַאכְט בִּלְבּוּלִים וָואס הָאבְּן צוּשְׁטֶערְט זַיינֶע פְּלֶענֶער, אוּן נָאכְדֶעם הָאט עֶר שׁוֹין גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט לֶערְנֶען, אוּן דֶער טָאג אִיז אִים אַרִיבֶּער מִיט גָארְנִישְׁט.

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט פַּארְן רֶבִּי'ן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט", וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט, אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ לֶערְנֶען, אוּן עֶס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט שְׁטֶערוּנְגֶען, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט "אַבִּיסְל אִיז דָאךְ אוֹיךְ גוּט, וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען כָאטְשׁ אַבִּיסְל", אוּן נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט "אֶפְשָׁר נָאךְ אַבִּיסְל?" א.א.וו. אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען אַסַאךְ צוּ לֶערְנֶען.

דָאס זָאגְט דִי מִשְׁנָה, אֱמוֹר מְעַט וַעֲשֵׂה הַרְבֵּה, נֶעם דִיךְ נִישְׁט אוּנְטֶער קֵיין גְרוֹיסֶע זַאכְן, אֱמוֹר מְעַט, זָאג אַז דוּ גֵייסְט טוּהְן נָאר אַבִּיסְל, דוּ גֵייסְט נָאר לֶערְנֶען אֵיין פָּסוּק חוּמָשׁ, נָאר אֵיין מִשְׁנָה, נָאר אֵיין קַאפִּיטְל תְּהִלִּים, אוּן דִי בִּיסְל אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער גֶעוֶוענְטְלִיךְ וֶועט דֶערְנָאךְ זַיין, וַעֲשֵׂה הַרְבֵּה, אַבִּיסְל מִיט אַבִּיסְל וֶוערְט אַסַאךְ, אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה אַרַיין צוּ כַאפְּן אַסַאךְ תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה.

(חַסְדֵי אָבוֹת, פֶּרֶק א', מִשְׁנָה ט"ו)

***

### בֶּעסֶער אַ בִּזָּיוֹן ווִי צוּ דַארְפְן פַאסְטְן.

**וְלֹא מָצָאתִי לַגּוּף טוֹב מִשְּׁתִיקָה.**

דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַז אוֹיף יֶעדֶע עֲבֵירָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעטוּהְן, דַארְף עֶר פַאסְטְן אַסַאךְ תַּעֲנִיתִים. פַאר יֶעדֶע עֲבֵירָה אִיז דָא אַן אַנְדֶערֶע סְכוּם פוּן תַּעֲנִיתִים ווִיפִיל מֶען דַארְף פַאסְטְן צוּ פַארֶעכְטְן דִי עֲבֵירָה.

המשך בדף ד

# מִילֵי דְאָבוֹת

המשך

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל וֶועלְן פַאסְטְן דִי אַלֶע תַּעֲנִיתִים וָואס דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט צוּ פַארֶעכְטְן אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת, וֶועט עֶר נִישְׁט הָאבְּן גֶענוּג טֶעג אוּן יָארְן אִין זַיין לֶעבְּן צוּ קֶענֶען פַאסְטְן אַזוֹיפִיל תַּעֲנִיתִים, אוּן זִיכֶער וֶועט עֶר נִישְׁט הָאבְּן דִי כֹּחַ דֶערְצוּ.

דֶערִיבֶּער הָאט דֶער רֶבִּי אִיז גֶעגֶעבְּן אַ גְרִינְגֶע עֵצָה (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו') אַז מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ הֶערְט וִוי מֶען פַארְשֶׁעמְט אִים אוּן עֶר שְׁוַוייגְט אָפּ, עֶר עֶנְטְפֶערְט גָארְנִישְׁט צוּרִיק, דָאס אִיז אַזוֹי וִוי אַ תַּעֲנִית. מִיט דֶעם קוּמְט עֶר אַלֶעס אָפּ אוּן עֶר דַארְף מֶער גָארְנִישְׁט פַאסְטְן.

דָאס זָאגְט דֶער תַּנָא, וְלֹא מָצָאתִי "לַגּוּף" טוֹב מִשְּׁתִיקָה, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעטְרָאפְן אַ בֶּעסֶערֶע זַאךְ פַארְן "גוּף" וִוי שְׁוַוייגְן, וַוייל וֶוען מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ אוֹיף בִּזְיוֹנוֹת, דַאן דַארְף דֶער גוּף מֶער זִיךְ נִישְׁט מוּטְשֶׁען אוּן פַאסְטְן אַזוֹיפִיל. מִיטְן שְׁוַוייגְן קוּמְט מֶען שׁוֹין אַלֶעס אָפּ.

(אַהֲבַת אָבוֹת פֶּרֶק א' מִשְׁנָה י"ז)

***

## נָאר זִיךְ שְׁטַארְקְן

**רַבִּי חֲנַנְיָא בֶּן עֲקַשְׁיָא אוֹמֵר רָצָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְזַכּוֹת אֶת יִשְׂרָאֵל לְפִיכָךְ הִרְבָּה לָהֶם תּוֹרָה וּמִצְוֹת.**

פַארְוָואס זָאגְט מֶען שְׁטֶענְדִיג דִי מִשְׁנָה נָאכְן לֶערְנֶען פִּרְקֵי אָבוֹת?

רַבִּי חֲנַנְיָא בֶּן עֲקַשְׁיָא קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַסַאךְ תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, כְּדֵי אֲפִילוּ וֶוען אַ אִיד אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ מְקַיֵּים זַיין אֵיין מִצְוָה וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, קֶען עֶר זִיךְ אָבֶּער נָאךְ אַלְץ שְׁטַארְקְן מִיט דִי אַלֶע אַנְדֶערֶע מִצְוֹת וָואס עֶר אִיז יָא זוֹכֶה מְקַיֵּים צוּ זַיין.

דֶערִיבֶּער עֶנְדִיגְט מֶען מִיט דֶעם פִּרְקֵי אָבוֹת, צוּ וַוייזְן פַארְן מֶענְטְשׁ אַז אֲפִילוּ מֶען הָאט גֶעעֶנְדִיגְט לֶערְנֶען אַ פֶּרֶק פוּן אָבוֹת, וָואס אִיז פוּל מִיט מִידוֹת טוֹבוֹת וָואס דִי הֵיילִיגֶע תַּנָאִים הָאבְּן אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אוּן מֶען קֶען וֶוערְן צוּבְּרָאכְן אַז מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְקַיֵּים זַיין אוּן צוּ הָאבְּן דִי אַלֶע גוּטֶע מִדּוֹת.

נָאךְ אַלְץ קֶען מֶען זִיךְ אָבֶּער שְׁטַארְקְן אַז אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אֵיין גוּטֶע מִדָּה הָאט מֶען אָבֶּער זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַן אַנְדֶערֶע גוּטֶע מִדָּה, אוּן מֶען מֶען דַארְף זִיךְ וַוייטֶער שְׁטַארְקְן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע גוּטֶע מִדּוֹת.

(אַהֲבַת אָבוֹת פֶּרֶק א' בְּסוֹף)

# רוּאִיג אוּן צוּפְרִידְן

זָאלְסְט וִויסְן אוֹיף דֶעם עוֹלָם גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער וְכוּ', וָוארוּם דִי נְשָׁמָה צִיעֶט שְׁטֶענְדִיג צוּ רוּחָנִיוּת וְכוּ', אוּן דֶער גוּף צִיעֶט שְׁטֶענְדִיג צוּ גַשְׁמִיוּת, אוּן דָאס אִיז דֶער מִלְחָמָה בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ, נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ב) אַז מֶען דַארְף אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דֶעם גוּף זָאל וֶוערְן אַ חֵלֶק פוּן דֶער נְשָׁמָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (אִיּוֹב י"ט) "וּמִבְּשָׂרִי אֶחֱזֶה אֱלוֹקַ" פוּן דֶעם בְּשַׂר הַגוּף זָאל מֶען אוֹיכֶעט זֶעהְן גֶעטְלִיכְקֵייט, אוּן דָאס וֶוערְט גֶעטוּהְן, מִיט מִצְוֹת מַעֲשִׂיוֹת דַיְיקָא אַז אַ אִיד אִיז מְקַיֵּים מִצְוֹת מִיט זַיין גוּף אִיז עֶר מְזַכֵּךְ דֶעם גוּף עֶס זָאל וֶוערְן אַ חֵלֶק פוּן דֶער נְשָׁמָה, אַז פוּן דֶעם גוּף זָאל מֶען אוֹיכֶעט אַרוֹיסְזֶעהְן אֱלֹקוּת.

אוּן דָאס אִיז וָואס דֶער נָבִיא זָאגְט (יְשַׁעְיָה נ"ח) "וּמִבְּשָׂרְךָ לֹא תִתְעַלָּם" מֶען זָאל נִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּן דֶעם בְּשַׂר הַגוּף אוֹיכֶעט דִי הַשָּׂגוֹת וָואס דִי נְשָׁמָה אִיז מַשִּׂיג, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט זַיין אַ שָׁלוֹם צְוִוישְׁן גוּף אוּן דֶעם נְשָׁמָה, וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ זַיין בְּיִשׁוּב הַדַעַת, וָוארוּם כָּל זְמַן אַז דֶער נְשָׁמָה צִיעֶט צוּ אֵיין וֶועג אוּן דֶער נְשָׁמָה צוּ אַן אַנְדֶערֶע וֶועג אִיז דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטֶענְדִיג מְבוּהָל וּמְבוּלְבָּל וְכוּ', אוּן עֶר לֶעבְּט אָן יִשׁוּב הַדַעַת וְכוּ', אָבֶּער וֶוען דֶער גוּף מִיט דֶער נְשָׁמָה זֶענֶען מַשְׁלִים אֵיינֶער מִיטְן אַנְדֶערְן דֶעמָאלְט אִיז דֶער מֶענְטְשׁ מְיוּשָּׁב'דִיג.

זָאלְסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען יֶעדְן טָאג אוֹיסְרֶעדְן זִיךְ דָאס הַארְץ פַארְ'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארִים יֶעדֶער דִיבּוּר וָואס אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מְחַבֵּר דֶעם גוּף מִיט דֶעם נְשָׁמָה צוּזַאמֶען, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס זִיסְקֵייט אוּן דָאס לֶעכְטִיגְקֵייט וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען שְׁפִּירְן אוֹיבּ עֶר וֶועט זַיין שְׁטַארְק יֶעדְן טָאג רֶעדְן מִיטְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דָאס אִיז דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִין בְּרֶסְלְבֶ'ר חַסִידוּת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אַז פוּן יֶעדְן שִׂיחָה אוּן פוּן יֶעדְן שְׁמוּעֶס וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מִיט אוּנְז גֶערֶעדְט אִיז בַּיים סוֹף אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן דֶעם אַ שְׁמוּעֶס פוּן דִי וִויכְטִיגְקֵייט וָואס יֶעדֶער אִיד דַארְף רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אָן חָכְמוֹת, אַז וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז דָאס מְקַיֵּים, דֶעמָאלְט וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ אַן אֱמֶתְ'ן יִשׁוּב הַדַעַת, אוּן עֶס וֶועט זַיין שָׁלוֹם בַּיי אִים צְוִוישְׁן דֶער גוּף אוּן דֶער נְשָׁמָה.

(אשר בנחל באידיש חלק ד' מכתב ת"צ)


## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה לוי יצחק פרענקל הי"ו

צו די געבורט פון זיין מיידעלע למז"ט

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון זיינע קינדער, דורות ישרים ומבורכים.

## קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים

פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א

אויך קען מען מיטהאלטן

יעדע וואך דעם שיעור

מיט א לייוו הוק-אפ

212-444-9191

## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!

וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים

שנעל גוט און ביליג!

רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554

5554printing@gmail.com

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת שלח, ט"ז סיון, אבות פרק ב', שנת תשע"ד לפ"ק

שנה 3, גליון 42 (142)


**זמנים**

הדלקת הנרות...................8:10
סוף זמן קר"ש....................8:34
מוצש"ק..............................9:41

**שיעורים כסדרן**

בבלי..............................תענית ג'
ירושלמי.........................ברכות נ"ב
תוספתא............מקואות פרק ו'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**לֹא נוּכַל לַעֲלוֹת אֶל הָעָם כִּי חָזָק הוּא מִמֶּנּוּ,** דִי מְרַגְלִים הָאבְּן גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן, מִיר וֶועלְן נִישְׁט קֶענֶען גֵיין אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל דִי גוֹיִם זֶענֶען שְׁטֶערְקֶער. זָאגְט רַשִׁ"י אַז זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט זֵיי, רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן נ"ח) אַז עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס מֵיינֶען אַז אַ צַדִיק וָואס אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ לָאזְן צוּ דִי וֶועלְטְלִיכֶע זַאכְן, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס טוּט זִיךְ דָא אוֹיף דִי גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע וֶועלְט, וַוייל עֶר אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן גַשְׁמִיוּת. אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז נִישְׁט אַזוֹי, פַארְקֶערְט, וִוי גְרֶעסֶער דֶער צַדִיק אִיז אַלְץ מֶער וֵוייסְט עֶר וָואס עֶס טוּט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט. אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס עֶר אִיז דָאךְ דֶער גְרֶעסְטֶער וָואס אִיז נָאר שַׁייָךְ, גְרֶעסֶער אוּן הֶעכֶער פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן פִירְט עֶר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָחָה פְּרָטִית.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער פְּגַם פוּן דִי מְרַגְלִים, זֵיי הָאבְּן גֶעטְרַאכְט אַז דָא וֶוען מֶען אִיז אִין מִדְבָּר, פִירְט טַאקֶע דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִי אִידְן שֶׁלֹּא כְּדֶרֶךְ הַטֶבַע, מֶען גֵייט מִיט וָואלְקֶענֶעס, מֶען עֶסְט מָן פוּן הִימְל, מֶען טְרִינְקְט פוּנֶעם שְׁטֵיין א.א.וו. אָבֶּער דָארְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז פִיל מִיט גוֹיִם, אַלֶעס זֶעהט אוֹיס וִוי עֶס פִירְט זִיךְ בְּדֶרֶךְ הַטֶבַע, הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּלָאזְן דָארְט אִין אַזַא מַצָב, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז צוּ גְרוֹיס זִיךְ אַרָאפּ צוּ לָאזְן דָארְט.

אָבֶּער דָאס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר טָעוּת. פַארְקֶערְט, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, לָאזְט עֶר זִיךְ אַרָאפּ צוּ דִי וֶועלְט, אוּן עֶר פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט וָואס פַּאסִירְט אוֹיף דִי וֶועלְט קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהט טַאקֶע אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַז דִי גוֹיִם אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זָאלְן זַיין פַארְנוּמֶען צוּ בַּאעֶרְדִיגְן זֵייעֶרֶע טוֹיטֶע, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי מְרַגְלִים, אָבֶּער דִי מְרַגְלִים הָאבְּן אַלֶעס אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּ שְׁלֶעכְטְס.

דָאס הָאבְּן דִי מְרַגְלִים גֶעזָאגְט, **וְשָׁם רָאִינוּ אֶת הַנְּפִילִים,** זָאגְט רַשִׁ"י אַז דָאס זֶענֶען גֶעוֶוען דִי קִינְדֶער פוּן דִי מַלְאָכִים וָואס זֶענֶען אַרָאפּ גֶעפַאלְן פוּן

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

### ~ רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ~

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ל"ג): "בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיקַייט, אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז אֱמוּנָה אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, אוּן דֶער עִיקָר אֱמוּנָה אִיז צוּ גְלֵייבְּן פָּשׁוּט אַזוֹי וִוי פְרוֹיעֶן אוּן קִינְדֶער גְלֵייבְּן".

בַּיי אַ פְרוֹי אִיז גֶעוֶוענְלִיךְ נִישְׁט דָא קַיין קוּנְצְן, זִי גְלֵייבְּט בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן דָאס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, צוּ גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶוערְט נִישְׁט גֶעטוּהן אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי עֵצָה וִוי אַזוֹי צוּצוּקוּמֶען צוּ אַ גַאנְצֶע אֱמוּנָה אִיז דוּרְכְן מוֹיל. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן מ"ד) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים פט ב) אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי, אַז אֱמוּנָה וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם מוֹיל פוּן אַ מֶענְטְשׁ, וֶוען אַ אִיד רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין יֶעדֶע שְׁמוּעֶס קוּמְט אֵייבִּיג אַרַיין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דַאן בְּרֶענְגְט עֶר זִיךְ אַרַיין אִין הַארְץ דִי אֱמוּנָה, אַז עֶר זָאל טַאקֶע גְלֵייבְּן מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיר גֶעפִינֶען בַּיי יוֹסֵף הַצַדִיק, וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם בַּיי פּוֹטִיפַר, זָאגְט דֶער פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ל"ט ג) וַיַּרְא אֲדֹנָיו כִּי ה' אִתּוֹ וְכֹל אֲשֶׁר הוּא עֹשֶׂה ה' מַצְלִיחַ בְּיָדוֹ, שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ קַשְׁיָא וִוי אַזוֹי הָאט דֶער טָמֵא'נֶער גוֹי גֶעזֶעהן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט יוֹסֵף, הָאט עֶר גֶעזֶעהן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? זָאגְט רַשִׁ"י: שֵׁם שָׁמַיִם שָׁגוּר בְּפִיו, עֶר הָאט גֶעזֶעהן אַז יוֹסֵף רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיבּ רֶעדְט אַ מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ גַאנְצֶע אֱמוּנָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים שְׁטֶענְדִיג.

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

הִימְל, ווִי עֶס ווֶערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית אַז עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען מַלְאָכִים וָואס הָאבְּן גֶע'טַעֲנָה'ט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל נִישְׁט בַּאשַׁאפְן דֶעם מֶענְטְשׁ ווַייל עֶר ווֶעט זִינְדִיגְן, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי גֶעזָאגְט: "אוּמְזִיסְט ווֶער אִיךְ אָנְגֶערוּפְן רַחוּם וְחַנּוּן? אוֹיבּ זֵיי ווֶעלְן זִינְדִיגְן ווֶעלְן זֵיי תְּשׁוּבָה טוּהן אוּן אִיךְ ווֶעל זֵיי צוּרִיק נֶעמֶען", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרָאפּ גֶעשִׁיקְט דִי מַלְאָכִים אוֹיף דֶער ווֶעלְט, צוּ זֶעהן אוֹיבּ זֵיי ווֶען זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, אוּן לְמַעֲשֶׂה הָאבְּן זֵיי זִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן, זֵיי הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט.

דָאס הָאבְּן דִי מְרַגְּלִים גֶעזֶעהן דִי נְפִילִים, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהן אַז אֲפִילוּ דִי מַלְאָכִים הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דֶער ווֶעלְט, ווִי אַזוֹי ווֶעלְן זִיךְ דִי אִידְן קֶענֶען דָארְט דֶערְהַאלְטְן אִין אַזַא גַשְׁמִיּוּת'דִיגֶע ווֶעלְט, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ גְרֶעסֶערֶע כֹּחַ פוּן אַ מַלְאָךְ, עֶר קֶען זִיךְ יָא דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דֶער ווֶעלְט, אוּן אוֹיבּ מֶען זִינְדִיגְט קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּהן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - דֶער רַחוּם וְחַנּוּן - נֶעמְט יֶעדְן אָן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק שְׁלַח תש"ם)

***

**וַיַּהַס כָּלֵב אֶת הָעָם אֶל מֹשֶׁה וַיֹּאמֶר עָלֹה נַעֲלֶה וְיָרַשְׁנוּ אֹתָהּ כִּי יָכוֹל נוּכַל לָהּ.** כָּלֵב הָאט שְׁטִיל גֶעמַאכְט דָאס פָאלְק אוּן גֶעזָאגְט: מִיר ווֶעלְן יָא אַרַיין גֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן מִיר ווֶעלְן בַּייקוּמֶען דִי גוֹיִם. זָאגְט רַשִׁ"י: כָּלֵב הָאט גֶעזָאגְט אַז אֲפִילוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ ווֶעט אוּנְז הֵייסְן מַאכְן לֵייטֶערְס אַרוֹיף צוּ גֵיין אִין הִימְל, ווֶעלְן מִיר דָאס אוֹיךְ קֶענֶען בַּאוַוייזְן. וָואס הָאט כָּלֵב גֶעוָואלְט מִיט דֶעם אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען?

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נ"א) אַז דֶער עִיקָּר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע רָצוֹן, אַ שְׁטַארְקֶע ווִילְן, צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן אִינְצְווִישְׁן דַאוֶוענְט מֶען אוּן מֶען לֶערְנְט.

אָבֶּער פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַלֵיין אִיז זֵייעֶר שְׁווֶער אָנְצוּהַאלְטְן דֶעם רָצוֹן, אָנְצוּהַאלְטְן דֶעם ווִילְן, ווַייל מֶען ווֶערְט צוּבְּרָאכְן ווֶען מֶען זֶעהט אַז מֶען אִיז נִישְׁט מַצְלִיחַ, דֶערְפַאר דַארְף מֶען גֵיין צוּ אַ צַדִּיק וָואס זָאל מְעוֹרֵר זַיין אוּן מְחַזֵּק זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר קֶען יָא, עֶר ווֶעט יָא מַצְלִיחַ זַיין אוֹיבּ עֶר ווֶעט נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן. אַזוֹי ווִי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִ"יעַ הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ 'אִיךְ קֶען נִישְׁט', עֶס אִיז נָאר דָא 'אִיךְ ווִיל נִישְׁט', אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט - ווֶעסְטוּ קֶענֶען". דָאס טוּט דֶער צַדִּיק אַרַיינְשַׁיינֶען אִינֶעם מֶענְטְשׁ, אַז עֶר זָאל נִישְׁט ווֶערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קֵיין שׁוּם זַאךְ אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן דִי רָצוֹן.

דֶערְפַאר, ווֶען כָּלֵב הָאט גֶעזֶעהן אַז דִי מְרַגְּלִים שְׁרֶעקְן אָן דִי אִידְן אַז זֵיי ווֶעלְן נִישְׁט קֶענֶען אַרַיין גֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אַז זֵיי ווֶעלְן נִישְׁט קֶענֶען בַּייקוּמֶען דִי שְׁטַארְקֶע גוֹיִם. הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז יֶעצְט דַארְף עֶר מְחַזֵּק זַיין דִי אִידְן מִיט "אֱמוּנַת חֲכָמִים". צוּ גֵיין צוּם צַדִּיק, צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, ווַייל נָאר דֶער צַדִּיק קֶען מְחַזֵּק זַיין אוּן גֶעבְּן דִי כּוֹחוֹת פַאר אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט אוֹיפְצוּגֶעבְּן דִי רָצוֹן.

דֶעריבֶּער הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן, אוֹיבּ מִיר ווֶעלְן זִיךְ הַאלְטְן בַּיים צַדִּיק, ווֶעלְן מִיר אַלֶעם קֶענֶען דוּרְךְ פִירְן, אֲפִילוּ דִי שְׁווֶערְסְטֶע זַאכְן, אֲפִילוּ עֶר ווֶעט אוּנְז הֵייסְן אַרוֹיפְקְרִיכְן אִין הִימְל מִיט לֵייטֶערְס, ווֶעלְן מִיר עֶס אוֹיךְ קֶענֶען בַּאוַוייזְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית שְׁלַח תשמ"ז)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

אוֹיךְ בַּיי יַעֲקֹב גֶעפִינֶען מִיר ווֶען זַיין מַאמֶע רִבְקָה הָאט אִים גֶעשִׁיקְט טְרָאגְן דִי גוּטֶע עֶסְן פַאר יִצְחָק, אַז יִצְחָק זָאל אִים בֶּענְטְשְׁן, ווֶען יִצְחָק הָאט גֶעפְרֶעגְט ווִי אַזוֹי עֶר הָאט אַזוֹי שְׁנֶעל גֶעטְרָאפְן דָאס עֶסְן, הָאט יַעֲקֹב גֶעזָאגְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן, הָאט יִצְחָק אִים גֶעזָאגְט, קוּם אַהֶער אוּן אִיךְ ווֶעל דִיר אָנְטַאפְן צוּ זֶעהן אוֹיבּ דוּ בִּיזְט טַאקֶע עֵשָׂו. זָאגְט רַשִׁ"י אַז ווֶען יִצְחָק הָאט גֶעהֶערְט אַז עֶר הָאט דֶערְמַאנְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז עֵשָׂו רֶעדְט נִישְׁט גֶעוֶוענְלִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זֶעהט מֶען אַז דֶער צַדִּיק יַעֲקֹב הָאט שְׁטֶענְדִיג דֶערְמַאנְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַ סִימָן אַז דָאס אִיז יַעֲקֹב אוּן נִישְׁט עֵשָׂו. ווַייל דָאס אִיז דֶער סִימָן פוּן אַן עֶרְלִיכְן אִיד, אַז עֶר רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג פוּן בַּאשֶׁעפֶער.

אוֹיךְ בַּיי אַבְרָהָם אָבִינוּ גֶעפִינֶען מִיר אַז עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין מֶענְטְשְׁן אַז יֶעדֶער זָאל רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית כד ג) אַז אַבְרָהָם הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֱלִיעֶזֶר: וְאַשְׁבִּיעֲךָ בַּה' אֱלֹקֵי הַשָּׁמַיִם וֵאלֹקֵי הָאָרֶץ, זָאגְן חַזַ"ל אַז אַבְרָהָם הָאט גֶעזָאגְט: פַאר אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעוֶוען נָאר אֱלֹקֵי הַשָּׁמַיִם, עֶר אִיז נָאר גֶעוֶוען אִין הִימְל, דָא אוֹיף דִי ווֶעלְט הָאבְּן מֶענְטְשְׁן נִישְׁט גֶערֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אַרָאפּ גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זַיין אוֹיךְ וֵאלֹקֵי הָאָרֶץ, אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין מֶענְטְשְׁן אוֹיף דִי ווֶעלְט אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען קֶען דֶערְקֶענֶען אַ מֶענְטְשׁ לוֹיט ווִי אַזוֹי עֶר רֶעדְט, אוֹיבּ אַ אִיד רֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דָאס אַ סִימָן אַז דִי שְׁכִינָה רִיהט בַּיי אִים, עֶר לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶעריבֶּער דַארְף זִיךְ אַ אִיד צוּגֶעוואוֹינֶען שְׁטֶענְדִיג צוּ רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין סַיי ווֶעלְכֶע הִינְזִיכְט מֶען רֶעדְט זָאל מֶען אֵייבִּיג אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אִיז אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה.

## גוּט פַאר זִיךְ אוּן פַאר יֶענֶעם

ווֶען אַ אִיד אִיז שְׁטַארְק מִיט דֶעם, שְׁטֶענְדִיג צוּ רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט דָאס גֶעוַואלְדִיגֶע מַעֲלוֹת.

צוּעֶרְשְׁט אַז עֶר בּוֹיעֶט אַרוּם זִיךְ אַ פֶעסְטֶע מוֹיעֶר אַז קֵיינֶער זָאל אִים נִישְׁט קֶענֶען בַּייקוּמֶען. ווֶען אַ צְוֵוייטֶער ווֶעט קוּמֶען רֶעדְן צוּ אִים קֶעגְן דִי אֱמוּנָה, ווֶעט אִים יֶענֶער נִישְׁט קֶענֶען אִיבֶּערְרֶעדְן חַ"ו, ווַייל דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק צוּ רֶעדְן אֵייבִּיג פוּן בַּאשֶׁעפֶער, עֶר ווֵייסְט נִישְׁט פוּן עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז אֵיין זַאךְ, אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט

המשך בדף ב

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

אַ מוֹיער אַרוּם זיךְ און קיינער קען אים נישט רירן פון זיין אֱמוּנָה. און צְווייטנס איז עס אויך אַ מַעֲלָה פאר די מענטשן אַרוּם, ווען אַ צְווייטער איד וועט הערן ווי ער רעדט אַזוֹיפיל פון אֱמוּנָה, וועט יענער אויך בַּאקומען אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, ער וועט אויך צוּריק קומען צום אייבערשטן. יעדער איד האט אין זיך אַ נְשָׁמָה, די נְשָׁמָה ווערט אָנגערופן אַ ליכט ווי דער פָּסוּק זאָגט (משלי כ כז) נֵר ה' נִשְׁמַת אָדָם, נאר צוּמאל קען די ליכט ווערן פארלאשן, אַ איד פארגעסט פוּנעם אייבערשטן. אָבער ווען ער הערט ווי אַ צְווייטער רעדט אַזוֹיפיל מיט אַ שְׁטַארקייט פוּנעם אייבערשטן, צינדט זיך אָן זיין ליכטל, עס פלאַמט אויף זיין נְשָׁמָה און ברענגט אים צוּריק צום אייבערשטן.

## איךְ גְלייב יָא

דער רֶבִּי זאָגט (שיחות הר"ן סימן רל"ז) אַז מען דארף זיין זייער פארזיכטיג נישט אַרויסצוזאָגן פון מויל ווערטער פון כְּפִירָה ח"ו, אֲפִילוּ ווען מען זאָגט עס נאר פאר אַ ווערטל און בֶּאֱמֶת האַלט מען נישט אַזוֹי, אויפן אייבערשטן מאַכט מען נישט קיין ווערטלעך.

דער רֶבִּי ברענגט וואס דער פָּסוּק דערציילט בַּיי יֵהוּא הַמֶּלֶךְ, ער איז געווען אַן ערליכער קעניג און ער האט געוואלט אויסרייסן אַלע עֲבוֹדָה זָרוֹת, אָבער אַזוֹי ווי די נְבִיאֵי הַבַּעַל, די פאַלשע נְבִיאִים פון די עֲבוֹדָה זָרוֹת האָבן זיך באַהאַלטן פון אים, זאָגט דער פָּסוּק (מלכים ב' י יח) וַיִּקְבֹּץ יֵהוּא אֶת כָּל הָעָם וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם אַחְאָב עָבַד אֶת הַבַּעַל מְעָט יֵהוּא יַעַבְדֶנּוּ הַרְבֵּה, ער האט געזאָגט אַז ער וועט דינען עֲבוֹדָה זָרָה. ער האט עס נישט געמיינט אֱמֶת'דיג, זיין ציהל איז נאר געווען אַז די אַלע נְבִיאֵי הַבַּעַל זאָלן קומען צו אים ער וועט זיי הַרְגֶ'ענען. אָבער לְמַעֲשֶׂה האט אים געשאַדט די ווערטער, און שפּעטער איז ער אַליין נִכְשַׁל געוואָרן אין עֲבוֹדָה זָרָה.

זעהט מען פון דעם די האַרבקייט פון זאָגן ווערטער פון כְּפִירָה אֲפִילוּ ווען מען מיינט עס נישט אֱמֶת'דיג. פאַרקערט, אַ איד דארף שטענדיג נאר רעדן פון אֱמוּנָה, רעדן פוּנעם אייבערשטן, און דאס וועט ברענגען אַז מען זאָל האָבן די ריכטיגע אֱמוּנָה.

צַדִּיקִים האָבן געזאָגט אַז אַ איד דארף זיך בִּכְלָל צוּגעוואוינען קיינמאל נישט אַרויסצוזאָגן פון מויל די ווערטער "איךְ גלייב נישט", אֲפִילוּ ווען מען רעדט בִּכְלָל נישט וועגן אֱמוּנָה זאַכן. צום בַּיישפּיל ווען מען הערט איינעם דערציילן אַ מאָדנע זאַך זאָל מען נישט זאָגן "איךְ גלייב נישט", נאר "איךְ גלייב נישט די און די זאַך". עס זאָל נישט אויסקוקן אֲפִילוּ ווי ער וואלט ח"ו געזאָגט אַז ער גלייבט נישט אין באַשעפער, עס זאָל נישט זיין צוּגעוואוינט אין זיין מויל די ווערטער "איךְ גלייב נישט".

וואוּל איז דעם וואס שטאַרקט זיך אין אֱמוּנָה, ער רעדט שטענדיג פוּנעם אייבערשטן, דאן וועט אים זיין גְלִיקְלִיךְ אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י"ב עֶרֶךְ אֱמוּנָה)

# מִילֵי דְאָבוֹת

**פערל ווערטער אויף פִּרְקֵי אָבוֹת**

## יענער מיינט נישט דיין טוֹבָה

**שֶׁאֵין מְקָרְבִין לוֹ לְאָדָם אֶלָּא לְצוֹרֶךְ עַצְמָן**

דאַרפ'סט געדענקען, נישט צו ווערן אַריינגענאַרט פון מענטשן, ווייל יעדער מיינט נאר זיין אייגענע טוֹבָה, ווילאַנג ער קען נאָךְ אַרויס בַּאקומען עפּעס אַ טוֹבַת הֲנָאָה פון דיר, איז ער דיין חָבֵר, אָבער ווען ער וועט נישט בַּאקומען עפּעס פון דיר, און דו וועסט זיין אין אַ צָרָה, דו וועסט האָבן אַ פּראָבלעם, דעמאָלט'ס וועט ער דיר אינגאַנצן אָפּלאָזן, ער וועט דיר שוין נישט וועלן קענען.

דאס וואָרענט אונז דער תַּנָּא, שֶׁאֵין מְקָרְבִין לוֹ לְאָדָם אֶלָּא לְצוֹרֶךְ עַצְמָן, מען איז דיר נאר מְקָרֵב פאר די אייגענע טוֹבָה. נִרְאִין כְּאוֹהֲבִין בִּשְׁעַת הֲנָאָתָן, זיי זעהן אויס ווי פריינד ווען זיי האָבן פון דעם עפּעס אַ הֲנָאָה. אָבער, וְאֵין עוֹמְדִין לוֹ לְאָדָם בִּשְׁעַת דָּחְקוֹ, זיי וועלן דיר נישט שטיין צו הילף ווען דו וועסט האָבן אַ פּראָבלעם.

דערפאַר איז די בעסטע עֵצָה, צו גיין נאר צום אייבערשטן, ווען דו דאַרפסט עפּעס האָבן זאָלסטו נאר בעטן דעם אייבערשטן, און זיך פאַרלאָזן אויף אים, וועסטו זיכער האָבן אַלעס גוּטס, עס וועט דיר גאָרנישט פעלן.

(חַסְדֵי אָבוֹת פֶּרֶק ב' מִשְׁנָה ג')

***

## אָן אַ צַדִּיק גייט עס נישט

**וְאַל תַּאֲמִין בְּעַצְמְךָ עַד יוֹם מוֹתְךָ**

זאָלסט קיינמאל נישט גיין אַליין, שטענדיג זעה צו גיין צו אַ צַדִּיק, וואס זאָל דיר פירן אויפן ריכטיגן וועג, ווייל אויב מען גייט נישט צו אַ צַדִּיק קען מען זיך נישט אַליין אַן עֵצָה געבן, אֲפִילוּ אויב אָנפאַנג וועט נאָךְ זיין גוּט, קען מען אָבער שפּעטער אַוועק פאַלן, אַזוֹי ווי דער רֶבִּי זאָגט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת נְפִילָה, סִימָן א'): "עס איז דאָ אַמאָל וואס אַ מענטש פאַלט פון זיינע מַדְרֵגוֹת אין די עלטערע יאָרן".

דאס זאָגט דער תַּנָּא, אַל תַּאֲמִין, גלייב נישט אין דיר. בְּעַצְמְךָ, ווען דו ביזט אַליין, ווען דו גייסט נישט צו אַ צַדִּיק. עַד יוֹם מוֹתְךָ, ביזן לעצטן טאָג ביזטו נישט פאַרזיכערט, אויב דו וועסט גיין צום צַדִּיק, וועסטו זיך קענען דערהאַלטן, און אויב נישט, קענסטו אַוועק פאַלן.

(חַסְדֵי אָבוֹת פֶּרֶק ב' מִשְׁנָה ה')

***

## געב אַ קאָמפּלימענט פאַרן קינד

**הוּא הָיָה מוֹנֶה שִׁבְחָן**

רַבִּי יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי האט אויסגערעכנט די מַעֲלוֹת פון זיינע תַּלְמִידִים. דאס קומט אונז לערנען אַז אַ רֶבִּי, אַ מְחַנֵּךְ, דאַרף שטענדיג זוכן די מַעֲלוֹת פון זיינע תַּלְמִידִים און זיי שטענדיג אויפהייבן און מְחַזֵּק זיין, אַזוֹי וועלן זיי מער און מער מְקַבֵּל זיין פון אים, ווייל אַ תַּלְמִיד האט ליב צו הערן אַ גוּט וואָרט פון זיין רֶבִּי'ן, דאס געבט אים די חִיזּוּק און שטאַרקייט ווייטער אָנצוּגיין און שטייגן מער און מער.

אויב דער רֶבִּי זעהט נאר די חֶסְרוֹנוֹת פון זיינע תַּלְמִידִים, ער קלאַפּט זיי אַראָפּ שטענדיג, ווערן זיי אינגאַנצן מְיוּאָשׁ און נאָכדעם ווילן זיי שוין גאָרנישט מְקַבֵּל זיין.

(אַהֲבַת אָבוֹת פֶּרֶק ב' מִשְׁנָה י"א)

# וְהִתְחַזַּקְתֶּם !

וּמָה הָאָרֶץ הַשְּׁמֵנָה הִוא אִם רָזָה, הֲיֵשׁ בָּהּ עֵץ אִם אַיִן, וְהִתְחַזַּקְתֶּם וּלְקַחְתֶּם מִפְּרִי הָאָרֶץ (בַּמִּדְבָּר יג, כ): מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זֵיי גֶעהֵייסְן זֵיי זָאלְן נֶעמֶען פוּן דִי פֵּירוֹת פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. זֶענֶען זֵיי צוּרִיק גֶעקוּמֶען, אוּן אֵיין מֶענְטְשׁ הָאט גֶעשְׁלֶעפְּט אַ רִיזִיגְן מִילְגְרוֹים, אֵיינֶער אַ רִיזִיגְן פַּייג, אוּן אַכְט מֶענְטְשְׁן אַ גֶעהֶענְגְל טְרוֹיבְּן, אָבֶער יְהוֹשֻׁעַ אוּן כָּלֵב הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶענוּמֶען. הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן אַ עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ בְּרֶסְלְבֶע'ר חָסִיד, רֶבִּי אֶפְרָיִמ'ל פְּשֶׁעדְבָארְזְשֶׁער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (בְּסִפְרוֹ עוֹנֶג שַׁבָּת, פַּרְשַׁת שְׁלַח): הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: פַארְוָואס הָאבְּן יְהוֹשֻׁעַ אוּן כָּלֵב גָארְנִישְׁט גֶענוּמֶען, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט דָאךְ גֶעזָאגְט פַאר יֶעדְן מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען מִפְּרִי הָאָרֶץ? הָאט עֶר גֶעזָאגְט: זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ גֶענוּמֶען, וַוייל מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט: 'וְהִתְחַזַּקְתֶּם' 'וּלְקַחְתֶּם מִפְּרִי הָאָרֶץ'. דִי צֶען מְרַגְּלִים, הָאבְּן טַאקֶע גֶענוּמֶען פוּן דִי פֵּירוֹת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָבֶער נִישְׁט מְחַזֵּק גֶעוֶוען וֶוען עֶס אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אוֹיף זֵיי דִי מוֹרָא'דִיגֶער נִסָּיוֹן, אָבֶער יְהוֹשֻׁעַ אוּן כָּלֵב הָאבְּן גֶענוּמֶען דֶעם 'וְהִתְחַזַּקְתֶּם', דָאס הִתְחַזְּקוּת, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע צַייטְן.

נָאךְ אַ זַאךְ זֶעהְט מֶען, פַאר יְהוֹשֻׁעַ בֶּן נוּן הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ צוּגֶעלֵייגְט אַ י', אוּן מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אוֹיף אִים: יָ-הּ יוֹשִׁיעֲךָ מֵעֲצַת מְרַגְּלִים (רַשִׁ"י, בַּמִּדְבָּר יג, טז), אוּן וֶוען כָּלֵב הָאט גֶעזֶעהְן אַז פַאר יְהוֹשֻׁעַ הָאט מֶען אָנְגֶעוואוּנְטְשְׁן אוּן פַאר אִים נִישְׁט, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען בִּיז חֶבְרוֹן בֶּעטְן בַּיי דִי קִבְרֵי צַדִּיקִים: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! הָאבּ רַחְמָנוּת בִּזְכוּת אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב, שָׂרָה רִבְקָה לֵאָה אַז אִיךְ זָאל נִיצוֹל וֶוערְן. פְרֶעגְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (שְׁלַח, קנח ע"ב): וִוי אַזוֹי הָאט כָּלֵב נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ גֵיין אַלֵיין אִין חֶבְרוֹן, וואוּ עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען דִי אַלֶע זֶעקְס רִיזְן?! זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: וֶוער עֶס אִיז אִין אַ צָרָה קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט; אוּן דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע יְסוֹד אִין לֶעבְּן, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט וֶוער עֶר אִיז, אַז עֶר אִיז דֶער נִידֶערִיגְסְטֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נָאר פַארְהַאנֶען, אוּן עֶס אִיז נָאךְ נִישְׁט גֶעוֶוען - פוּן וֶוען דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט נָאר גֶעטְרַאכְט צוּ בַּאשַׁאפְן מֶענְטְשְׁן, בִּיז צוּם סוֹף וֶוען עֶר וֶועט פַארְמַאכְן דִי וֶועלְט - אַזַא נִידְרִיגֶע נְשָׁמָה, דֶעמָאלְטְס קֶען אִים שׁוֹין קֵיינֶער נִישְׁט אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן צַדִּיק, וַוייל אַז מֶען הָאט אִים אַלֶעמָאל גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, אוּן דָא קוּמְט אַזַא הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּן הֵייבְּט אִים אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיף, אוּן גֶעט אִים אַרַיין אַזַא הָאפֶענוּנְג אוּן חִיוּת, דֶערְשְׁרֶעקְט עֶר זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם, אוּן עֶר קוּקְט שׁוֹין נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט, אוּן הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק בַּיים צַדִּיק.

## גֶעוָוארְן אַ מִילְיָאנֶער...

אַ בָּחוּר הָאט מִיר אַמָאל גֶעזָאגְט: אִיר הָאט מִיר גֶעמַאכְט פַאר אַ מִילְיָאנֶער. וַוייל יֶעדֶער הָאט מִיר שְׁטֶענְדִיג גֶעזָאגְט אַז אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט וֶוערְד, אוּן אוֹיךְ אִין אַלֶע כִּתּוֹת הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ זִירָא אוֹיף דִי פַארְהֶער, אוּן אִיר הָאט מִיר נָאר צוּגֶעלֵייגְט דֶעם אֵיינְס נָאךְ דִי אַלֶע זִירָאס בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן אַ בִּילְיָאנֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען נִישְׁט צוּ צוּפַאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אוּן אַזוֹי וִוי יְהוֹשֻׁעַ אוּן כָּלֵב הָאבְּן גֶענוּמֶען דֶעם 'וְהִתְחַזַּקְתֶּם' זָאלְן מִיר אוֹיךְ נֶעמֶען דֶעם 'וְהִתְחַזַּקְתֶּם', זִיךְ מְחַזֵּק צוּ זַיין, אוּן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

(קוּנְטְרֵס "לֶעבּ מִיטְן מְצִיאוּת")

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## מוהרא"ש שליט"א פארט אויף ארץ ישראל

די קומענדיגע וואך וועט מוהרא"ש שליט"א פארן אויף ארץ ישראל פאר עטליכע וואכן צו מחזק זיין די ארטיגע אידן.

די קומענדיגע עטליכע וואכן וועט נישט פארקומען די וועכנטליכע ליל שישי שיעור.

צו הערן מער פרטים ווען עס קומט פאר דער וועכטנליכער שיעור, ווי אויך צו הערן פריערדיגע שיעורים פון מוהרא"ש שליט"א, רופט אויפן טעלעפאן ליין פון "קול ברסלב" אויפן נומער 212-444-9191.

**כי מלאכיו יצוה לך!**

***

## יום טוב שבועות בין כותלי הישיבה

א הערליכע יום טוב האבן די בחורים אפגעראכטן אין ישיבה, אינאיינעם כאיש אחד בלב אחד האט מען פון פריש מקבל געווען די תורה.

שבועות ביינאכט זענען זיך אלע בחורים צוזאמגעקומען אינאיינעם צו זאגן תיקון ליל שבועות, קודם האט זיך יעדער געלערנט זיינע שיעורים, אזוי ווי מוהרא"ש זאגט אז שבועות ביינאכט זאל מען לערנען אביסל פון יעדע לימוד וואס מען וויל לערנען במשך די יאר, און דאס איז א סגולה אז מען זאל טאקע זוכה זיין צו לערנען א גאנץ יאר די שיעורים.

דערנאך האט מען אינאיינעם געזאגט די תיקון ליל שבועות מיט גרויס התעוררות און געשמאק. אינצווישן האט מען אויך געזונגען ווארימע ניגונים, זיך אויסבעטנדיג ביים אייבערשטן אין די הייליגע נאכט אז מען זאל זוכה זיין צו מקבל זיין די תורה ווי עס דארף צו זיין, צו זוכה זיין צו לערנען און צו מקיים זיין די תורה.

נאנט צום עלות, נאכן פארענדיגן דעם תיקון, האט מען זיך ארויסגעלאזט אין א פייערדיגן טאנץ, אשר בחר בנו מכל העמים ונתן לנו את תורתו, אז מיר האבן זוכה געווען צו זיין פונעם אייבערשטנ'ס אויסדערוועלטע פאלק.

נאך די מקוה האט מען זיך געשטעלט דאווענען כותיקין, א שיינע ווארימע דאווענען נאכגעפאלגט מיט די הייליגע פיוט אקדמות און קבלת התורה.

עס האט זיך געפיהלט אין די לופט די דערהויבנקייט פון די הייליגע מאמענטען, ווען מען האט זוכה געווען פון פריש מקבל צו זיין די תורה.

**קבועין כן תהווין בהנהו חבורתא!**

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **שמעון סאלמאנאוויטש** הי"ו

**צו די געבורט פון זיינע צווילינג מיידלעך למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון זיינע קינדער, דורות ישרים ומבורכים.

## קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א**

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**


## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען



פאר גאר ביליגע פרייזן!

**וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים**

שנעל גוט און ביליג!

**רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554**

**5554printing@gmail.com**


**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת קרח, כ"ג סיון, מברכים חודש תמוז, אבות פרק ג', שנת תשע"ד לפ"ק
שנה 3, גליון 43 (143)


**זמנים**

הדלקת הנרות.....................8:12
סוף זמן קר"ש......................8:35
מוצש"ק...............................9:43

**שיעורים כסדרן**

בבלי..............................תענית י'
ירושלמי.....................ברכות נ"ט
תוספתא............טהרות פרק ה'

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

וַיִּקַּח קֹרַח. זָאגְט רַשִׁ"י וָואס הָאט קֹרַח גֶעטוּהן? עֶר הָאט צוּזַאם גֶענוּמֶען צְוֵויי הוּנְדֶערְט אוּן פוּפְצִיג הוֹיפְּטְן פוּן דִי סַנְהֶדְרִין, עֶר הָאט זֵיי אָנְגֶעטוּהן טַלֵיתִים וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן תְּכֵלֶת, אוּן עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט פוּן משֶׁה: "מֶען דַארְף נָאךְ אַרוֹיף לֵייגְן צִיצִית אוֹיף דִי טַלֵיתִים?" הָאט משֶׁה גֶעזָאגְט: "יָא". הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן חוֹזֶק מַאכְן, "אוֹיבּ אֵיין קְלֵיינֶע בֶּענְדְל פוּן תְּכֵלֶת פַּטְרְ'ט דֶעם גַאנְצְן טַלִית, דַארְף דָאךְ אַ טַלִית וָואס אִיז אִינְגַאנְצְן נָאר פוּן תְּכֵלֶת זִיכֶער זַיין גוּט?"

דֶער מֶדְרָשׁ בְּרֶענְגְט אוֹיךְ אַז עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט פוּן משֶׁה, "אַ שְׁטוּבּ וָואס אִיז פִיל מִיט סִפְרֵי תּוֹרוֹת, דַארְף הָאבְּן אַ מְזוּזָה אוֹיפְ'ן טִיר?" הָאט משֶׁה גֶעזָאגְט: "יָא". הָאט עֶר וַוייטֶער חוֹזֶק גֶעמַאכְט, "אוֹיבּ אַ קְלֵיינֶע מְזוּזָה וָואס הָאט נָאר צְוֵויי פַּרְשִׁיוֹת פוּן דִי תּוֹרָה פַּטְרְ'ט דִי שְׁטוּבּ, פַארְוָואס זָאל אַ גַאנְצֶע סֵפֶר תּוֹרָה נִישְׁט קֶענֶען פַּטְרְ'ן?"

מוֹהַרְאַ"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י"ט) אַז עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס מֵיינֶען אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז צוּ זַיין קְלוּג, צוּ אַרוֹיסְהָאבְּן קְלָאר יֶעדֶע זַאךְ וִוי אַזוֹי דָאס אַרְבֶּעט. אָבֶּער מִיר וֵויסְן דֶעם אֱמֶת אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז נָאר צוּ טוּהן אַסַאךְ מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, מֶען דַארְף גָארְנִישְׁט פַארְשְׁטֵיין אוּן אַרוֹיס הָאבְּן.

אוּן אַ רְאַיָ' צוּ דֶעם אִיז, וַוייל אוֹיבּ דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז נָאר צוּ פַארְשְׁטֵיין מִיט חָכְמָה, דֶעמָאלְט קֶען רוֹב וֶועלְט נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּם תַּכְלִית, וַוייל רוֹב וֶועלְט אִיז נִישְׁט אַזוֹי קְלוּג, זֶעהט מֶען פוּן דֶעם אִיז דֶער עִיקָר אִיז נָאר צוּ טוּהן מִצְוֹת פָּשׁוּט'עֶרְהֵייט אָן קַיין חָכְמוֹת. דָאס זָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ (קֹהֶלֶת יב, יג) **סוֹף דָּבָר הַכֹּל נִשְׁמָע, אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא וְאֶת מִצְוֹתָיו שְׁמוֹר,** דֶער עִיקָר תַּכְלִית אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז נָאר צוּ טוּהן מִצְוֹת אוּן מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. **כִּי זֶה "כָּל" הָאָדָם,** וַוייל דָאס קֶען "יֶעדֶער" מֶענְטְשׁ טוּהן.

דָאס זָאגְט רַשִׁ"י, **וְקֹרַח שֶׁפִּקֵחַ הָיָה מַה רָאָה לִשְׁטוּת זֶה?** בְּפַּשְׁטוּת אִיז דָאס אַ קַשְׁיָא, "קֹרַח אִיז דָאךְ גֶעוֶוען קְלוּג, וִוי קוּמְט צוּ אִים אַזַא שְׁטוּת?" אָבֶּער מֶען קֶען זָאגְן אַנְדֶערְשׁ אוֹיךְ, טַאקֶע וַוייל קֹרַח אִיז גֶעוֶוען אַ פִּקֵחַ, אַ

המשך בדף ב

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָאַ"שׁ

## ~ אַ שְׁמֵייכְל אוֹיפְן פָּנִים ~

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ג) אַז אַ אִיד דַארְף הָאבְּן אַ לִיכְטִיגֶע פְרֵיילִיכֶע פָּנִים, אוּן וֶוען עֶר הָאט אַ לִיכְטִיג פָּנִים אִיז אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז בַּיי דִי קְדוּשָׁה.

אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אַרוּם צוּ גֵיין שְׁטֶענְדִיג מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוֹיפְן פָּנִים, מִיט דֶעם מַאכְט עֶר פְרֵיילִיךְ יֶעדְן וָואס קוּקְט אוֹיף אִים. בְּלוֹיז מִיטְן גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד, הָאסְטוּ אִים שׁוֹין אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן מִיט זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען. אֲפִילוּ וֶוען דוּ קֶענְסְט אִים נִישְׁט הֶעלְפְן מִיט וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן, מִיט וָואס עֶס פֶעלְט אִים, אָבֶּער וֶוען דוּ גֶעבְּסְט אִים אַ שְׁמֵייכְל, מַאכְסְטוּ אִים שׁוֹין גְרִינְגֶער אוֹיפְ'ן הַארְץ, עֶס וֶועט אִים וֶוערְן גְרִינְגֶער זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן מִיט זַיינֶער פְּרָאבְּלֶעמֶען, עֶר וֶועט זִיךְ בַּארוּאִיגְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט עֶק וֶועלְט אוּן פוּן יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם קֶען מֶען טְרֶעפְן אַ וֶועג אַרוֹיס.

דִי גְמָרָא זָאגְט (כְּתוּבוֹת קי"א:) "טוֹב הַמַלְבִּין שִׁנַּיִם לַחֲבֵירוֹ יוֹתֵר מִמַשְׁקֵהוּ חֵלֶב" - "וֶוען מֶען מַאכְט וַוייס דִי צֵיינֶער פַאר אַ חַבֶר אִיז דָאס נָאךְ בֶּעסֶער וִוי וֶוען מֶען גֶעבְּט אִים צוּ טְרִינְקֶען מִילְךְ". עֶס מַאכְט זִיךְ אַסַאךְ מָאל וָואס מֶען זֶעהט אַז אַ חַבֶר אִיז צוּבְּרָאכְן אוּן צוּקְלַאפְּט, עֶר גֵייט דוּרְךְ שְׁוֶוערֶע צַייטְן אוּן אִיבֶּערְלֶעבֶּענִישְׁן, אוּן מֶען קֶען יֶענֶעם נִישְׁט הֶעלְפְן מִיט גֶעלְט, אוּן אֲפִילוּ מִיט חִיזוּק קֶען מֶען אִים נִישְׁט הֶעלְפְן. עֶר אִיז אַזוֹי צוּבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ אַז עֶר קֶען גָארְנִישְׁט פַארְנֶעמֶען, עֶר קֶען גָארְנִישְׁט הֶערְן, עֶר אִיז צוּבְּרָאכְן אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא מִיט וֶועם צוּ רֶעדְן. אָבֶּער וֶוען מֶען גֶעבְּט אִים אַ שְׁמֵייכְל, אוּן דָאס לֵייגְט אַרוֹיף אַ שְׁמֵייכְל אוֹיךְ אוֹיף יֶענֶעמְ'ס פָּנִים אוּן מֶען זֶעהט זַיינֶע וַוייסֶע צֵיין, דַאן

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ, דָאס הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט זַיין דוּרְכְפַאל, וַוייל עֶר אִיז גֶענַאנְגֶען מִיט חָכְמוֹת, עֶר הָאט גֶעוָואלְט פַארְשְׁטֵיין און אַרוֹיסְהָאבְּן יֶעדֶע זַאךְ, וִוי אַזוֹי אַרְבֶּעט דִי מִצְוָה פוּן תְּכֵלֶת? וִוי אַזוֹי אַרְבֶּעט דִי מִצְוָה פוּן מְזוּזָה? און נָאכְדֶעם אִיז עֶר אַיינְגֶעשְׁלוּנְגֶען גֶעוָוארְן אִין דֶער עֶרְד.

וֶוער עֶס גֵייט מִיט חָכְמוֹת, פַאלְט אַוֶועק צוּם סוֹף. וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת אָן קַיין חָכְמוֹת, עֶר טוּט אַלֶע מִצְוֹת וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, וֶועט אִים זִיכֶער גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט,

(זֹאת הַתּוֹרָה קֹרַח ב)

***

**וַיִּקָּהֲלוּ עַל מֹשֶׁה וְעַל אַהֲרֹן**, לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, וָואס הָאט גֶעפֶעהלְט פַאר קֹרַח אַז עֶר הָאט גֶעקְרִיגְט אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ? עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ לֵוִי, עֶר הָאט גֶעטְרָאגְן דֶעם אָרוֹן, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (פְּסָחִים קי"ט) אַז דְרֵיי הוּנְדֶערְט בְּהֵמוֹת הָאבְּן גֶעדַארְפְט שְׁלֶעפְּן דִי שְׁלִיסְלֶעךְ פוּן דִי אוֹצְרוֹת פוּן קֹרַח. עֶס הָאט אִים גָארְנִישְׁט גֶעפֶעהלְט, פַארְוָואס הָאט עֶר גֶעדַארְפְט קְרִיגְן אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ?

מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י') אַז דֶער עִיקָר סִיבָּה פַארְוָואס מֶענְטְשְׁן זֶענֶען וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַּעַת, און פַארְוָואס הָאט מֶען נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַּעַת? וַוייל מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, און פַארְוָואס אִיז מֶען נִישְׁט פְרֵיילִיךְ? וַוייל מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וָואס מֶען הָאט, דָאס מֵיינְט אַז מֶען פְרֵיידְט זִיךְ נִישְׁט מִיט דִי קְלֵיינֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהן.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער פְּגַם פוּן קֹרַח אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן מִיט וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, און דֶערִיבֶּער הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין פְרֵיילִיךְ, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעדַארְפְט נָאךְ און נָאךְ.

מֶען זֶעהט אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן מִיט אֵיין מְזוּזָה אוֹיפְ'ן טִיר, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט הָאבְּן אַ גַאנְצֶע שְׁטוּבּ פִיל מִיט סְפָרִים. עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן מִיט אֵיין בֶּענְדְל תְּכֵלֶת אוֹיפְ'ן טַלִית, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט הָאבְּן אַ טַלִית וָואס אִיז גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן תְּכֵלֶת. און דִי זֶעלְבֶּע בְּגַשְׁמִיוּת אִיז עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן מִיט וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעדַארְפְט נָאךְ און נָאךְ, און דָאס הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּ קְרִיגְן אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זַיין אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ, סַיי בְּגַשְׁמִיוּת זַיין צוּפְרִידְן מִיט וָואס מֶען הָאט, און סַיי בְּרוּחֲנִיוּת, צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה אַרַיין צוּ כַאפְּן צוּ טוּהן דֶעם רָצוֹן ה', אֲפִילוּ עֶס אִיז נָאר אַ קְלֵיינִיקַייט, און אַזוֹי וֶועט מֶען הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל, סְעוּדָה שְׁלִישִׁית, קֹרַח תשס"ה)

# שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

אִיז דָאס אַ סַךְ מֶער הִילְפְסְבַּאר וִוי וֶוען מֶען גֶעבְּט אִים וֶוען מִילְךְ, סַיי בְּגַשְׁמִיוּת און סַיי בְּרוּחֲנִיוּת, סַיי אִים צוּ גֶעבְּן מִילְךְ צוּ טְרִינְקֶען בְּגַשְׁמִיוּת דָאס מֵיינְט אִים צוּ גֶעבְּן גֶעלְט. און סַיי בְּרוּחֲנִיוּת אֲפִילוּ דִבְרֵי תוֹרָה אָדֶער דִבְרֵי חִיזוּק קֶען עֶר אוֹיךְ נִישְׁט פַארְנֶעמֶען יֶעצְט. אָבֶּער אַ שְׁמֵייכְל אִיז אֵייבִּיג אִין פְּלַאץ, און דָאס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיינֶע שְׁוֶועךְסְטֶע מַצָּבִים.

רֶבִּי יִשְׂרָאֵל סַאלַאנְטֶער זִי"עַ הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ זוֹיעֶר פָּנִים: "אַ פָּנִים פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַ רְשׁוּת הָרַבִּים, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען קוּקְן אוֹיף דַיין פָּנִים, דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט לֵייגְן קַיין דָבָר הַמַּזִּיק בִּרְשׁוּת הָרַבִּים. דָאס הֵייסְט מִיט דֶעם וָואס דוּ גֵייסְט אַרוּם מִיט אַ זוֹיעֶר פָּנִים, מִיט אַ מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיגְן אוֹיסְזֶען, וַוארְפְסְטוּ אַרוֹיף עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה אוֹיף יֶענֶעם".

מִיט דֶעם קֶען מֶען אוֹיךְ זָאגְן פְּשַׁט אִין דִי מִשְׁנָה (אָבוֹת פֶּרֶק ב') "אַל תְּהִי רָשָׁע 'בִּפְנֵי' עַצְמְךָ" - זֵיי נִישְׁט קַיין רָשָׁע מִיט דַיין 'פָּנִים'. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דְרֵייט זִיךְ אַרוּם מִיט אַ זוֹיעֶרֶע אַרָאפְּגֶעלָאזְטֶע פָּנִים, אִיז עֶר אַ רָשָׁע מִיט זַיין פָּנִים. וַוייל אֲפִילוּ עֶר רֶעדְט גָארְנִישְׁט און זָאגְט גָארְנִישְׁט, אָבֶּער נָאר פוּן קוּקְן אוֹיף זַיין פָּנִים וֶוערְן מֶענְטְשְׁן טְרוֹיעֶרִיג. דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אַרוּם דְרֵייעֶן נָאר מִיט אַ שְׁמֵייכְל אַז וֶוער עֶס קוּקְט נָאר אוֹיף דֶעם פָּנִים זָאל וֶוערְן פְרֵיילִיךְ, און וֶוען מֶען מַאכְט פְרֵיילִיךְ אַנְדֶערֶע אִידְן, וֶוערְט מֶען אַלֵיין אוֹיךְ פְרֵיילִיךְ.

## מִיט וָואס קֶען מֶען זִיךְ פְרֵייעֶן?

וֶוען אַ אִיד הֶערְט אַז עֶר דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ, קוּמְט אִים צוּמָאל אוֹיפְן גֶעדַאנְק "מִיט וָואס זָאל אִיךְ זִיךְ פְרֵייעֶן? אִיךְ זֶעה נִישְׁט אַז אִיךְ זָאל זַיין אַזוֹי וואוֹיל און גוּט אַז אִיךְ זָאל טַאקֶע קֶענֶען זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ וָואלְט בֶּאֱמֶת גֶעדַארְפְט זִיךְ הִיבְּשׁ פַארְבֶּעסֶערְן". עֶר זֶעהט נִישְׁט מִיט וָואס עֶר קֶען זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ.

דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז אַ אִיד הָאט שְׁטֶענְדִיג מִיט וָואס זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן, אִין וָואסֶערֶע מַצָּב עֶר אִיז נָאר, קֶען עֶר זִיךְ פְרֵייעֶן פָּשׁוּט מִיט דֶעם אַלֵיין אַז עֶר אִיז אַ אִיד, אַז עֶר אִיז נִישְׁט בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אַלְס גוֹי. וִוי אַזוֹי עֶר זֶעהט נָאר אוֹיס, אָבֶּער פָּארְט אִיז עֶר אַ אִיד, און פָּארְט כַאפְּט עֶר אַרַיין עֶפֶּעס מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים.

דֶער צַדִיק רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ סַאסוּבֶער זִי"עַ פְלֶעגְט זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ און טַאנְצְן יֶעדְן טָאג, וֶוען זַיינֶע תַּלְמִידִים הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס עֶר אִיז אַזוֹי פְרֵיילִיךְ און עֶר טַאנְצְט, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי וֶוען אִיךְ מַאךְ דִי בְּרָכָה 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי' וֶוער אִיךְ שׁוֹין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, אַז אִיךְ

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָ"אַ"ש

קֶען שׂוֹין טַאנְצְן אַ גַאנְצְן טָאג נָאר מִיט דֶעם אַלֵיין אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין גוֹי.

דֶער צַדִיק רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ זִ"יעַ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג אַרוּם גֵיין אוּן עוֹסֵק זַיין אִין דִי מִצְוָה פוּן פִּדְיוֹן שְׁבוּיִם, אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען אִידְן פוּן תְּפִיסוֹת, צוּ הֶעלְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע פְּרִיצִים וָואס הָאבְּן זֵיי גֶעפַּיינִיגְט. אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר גֶעזֶעהן מִיט דִי אֵייגֶענֶע אוֹיגְן וִוי שְׁלֶעכְט דִי גוֹיִם קֶענֶען זַיין , מִיט וָואסֶערֶע רִשְׁעוּת אוּן אַכְזָרִיוּת זֵיי פִירְן זִיךְ אוֹיף קֶעגְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר גוּט גֶעוואוּסְט אוּן גֶעזֶעהן דִי חִילוּק פוּן אַ אִיד בִּיז אַ גוֹי, אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט מִיט דִי בְּרָכָה "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי".

מִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי בְּרָכָה "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי", מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען אִיז נִישְׁט בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אַלְס גוֹי. דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס מַאכְט מֶען דִי בְּרָכָה אוֹיף אַזַא וֶועג, לִכְאוֹרָה וָואלְט מֶען עֶנְדֶערְשׁ גֶעדַארְפְט מַאכְן דִי בְּרָכָה "שֶׁעָשַׂנִי יְהוּדִי", מֶען זָאל דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט אִים בַּאשַׁאפְן אַלְס אִיד?

נָאר וֶוען מֶען וָואלְט גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען אִיז אַ אִיד, וָואלְט דֶער סַמַ"ךְ מֶ"ם גֶעקוּמֶען אוּן צֶעבְּרָאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ, מִיט דִי טַעֲנָה: "דוּ דַאנְקְסְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ בִּיזְט אַ אִיד?! אַזוֹי זֶעט דֶען אוֹיס אַ אִיד?! דוּ הָאסְט דָאךְ גֶעטוּהן שְׁלֶעכְטְס, דָאס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט וִוי אַזוֹי אַ אִיד דַארְף אוֹיסְצוּזֶעהן, וִוי אַזוֹי קֶענְסְטוּ דִיךְ הַאלְטְן שְׁטָאלְץ אַז דוּ בִּיזְט אַ אִיד?". דֶערִיבֶּער זָאגְט מֶען "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי", וִוי אַזוֹי אִיךְ זֶעה נָאר אוֹיס, אָבֶּער אַ גוֹי בִּין אִיךְ אָבֶּער נִישְׁט, אוּן מִיט דֶעם אַלֵיין קֶען מֶען זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי מִדָה פוּן שִׂמְחָה, צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְגֶעלֵייגְט אוּן פְרֵיילִיךְ, צוּ דֶעם דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. שִׂמְחָה אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, אוּן דֶערִיבֶּער פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער סַ"מֶ זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז אַ אִיד זָאל נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ, עֶר וֶועט אֵייבִּיג טְרֶעפְן גֶענוּג אוּן נָאךְ סִיבּוֹת פַארְוָואס דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף יָא זַיין טְרוֹיעֶרִיג. אוּן דִי עֵצָה אִיז נָאר צוּ בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין שְׁטֶענְדִיג צוּ הָאבְּן אַ שְׁמֵייכְל אוֹיפְן פָּנִים, אוּן מְקַבֵּל זַיין יֶעדְן בְּשִׂמְחָה וּבְסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת. אוּן וֶוען אַ אִיד בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס בֶּעהְט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן אַז עֶר זָאל אוֹיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"ש חֵלֶק ו' עֶרֶךְ פָּנִים וְחֵלֶק ה' עֶרֶךְ עַצְבוּת,
אֲשֶׁר בְּנַחַל בְּאִידִישׁ ח"א ל"ז, וח"ג ר"ג)

# מִילֵי דְאָבוֹת

## פֶּערְל וֶוערְטֶער אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת

### יֶעדֶער וֶוערְט פַארְשְׁוַוארְצְט...

**הֱוֵי קַל לְרֹאשׁ, וְנוֹחַ לְתִשְׁחֹרֶת, וֶהֱוֵי מְקַבֵּל אֶת כָּל הָאָדָם בְּשִׂמְחָה**

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ז) אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אֲפִילוּ אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, מוּז הָאבְּן עֶפֶּעס אַ צַעַר יֶעדְן טָאג.

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט גֵייט דוּרְךְ אַסַאךְ שְׁוֶועריקַייטְן יֶעדְן טָאג, וָואס פוּן דֶעם וֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצְן פַארְשְׁוַוארְצְט, אוּן מֶען קֶען זִיךְ פוּן דֶעם נִישְׁט אַרוֹיסְדְרֵייעֶן, נָאר אוֹיבּ מֶען וֵוייסְט פוּן פָארְאוֹיס אַז אַזוֹי קוּמְט עֶס, דֶעמָאלְט קֶען מֶען אַלֶעס אָנְנֶעמֶען גְרִינְגֶערְהֵייט.

אוּן אַזוֹי אוֹיךְ גֶעוֶוענְלִיך וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער צָרוֹת, קֶען עֶר נִישְׁט לַיידְן קַיין אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן אַוַדַאי קֶען עֶר נִישְׁט פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַ צְוֵוייטְן.

דָאס זָאגְט דֶער תַּנָא, הֱוֵי קַל לְרֹאשׁ, נֶעם אַלֶעס אָן גְרִינְג, וַוייל דוּ דַארְפְסְט וִויסְן אַז אַזוֹי קוּמְט עֶס, וְנוֹחַ לְתִשְׁחֹרֶת, אַזוֹי וֶועסְטוּ גְרִינְגֶער פַארְשְׁוַוארְצְט וֶוערְן, דוּ וֶועסְט נִישְׁט נֶעמֶען אַלֶעס אַזוֹי שְׁטַארְק צוּם הַארְצְן, וֶהֱוֵי מְקַבֵּל אֶת כָּל הָאָדָם בְּשִׂמְחָה, אוּן דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ קֶענֶען יֶעדְן אוֹיפְנֶעמֶען מִיט אַ שְׁמֵייכְל, אוּן נָאךְ מֶער, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען יֶענֶעם אוֹיפְצוּנֶעמֶען מִיט אַ שְׁמֵייכְל, וֶועסְטוּ אַלֵיין אוֹיךְ וֶוערְן פְרֵיילִיךְ, אוּן אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע צָרוֹת.

(חַסְדֵי אָבוֹת פֶּרֶק ג' מִשְׁנָה ט"ז)

***

### וָואס מֶען זָאגְט אוֹיף יֶענֶעם, גֵייט אוֹיף זִיךְ

**וְנִפְרָעִין מִן הָאָדָם מִדַּעְתּוֹ וְשֶׁלֹּא מִדַּעְתּוֹ**

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קי"ג) אַז פַאר מֶען גֶעבְּט אַרוֹיס אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירָה אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, פְרֶעגְט מֶען פְרִיעֶר דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין אוֹיבּ עֶר אִיז מַסְכִּים צוּ דִי גְזֵירָה, אוּן נָאר אוֹיבּ עֶר אִיז מַסְכִּים דֶערְצוּ וֶועט עֶר עֶס בַּאקוּמֶען. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אוֹיבּ מֶען וֶועט אָפְן פְרֶעגְן דֶעם מֶענְטְשׁ, וֶועט עֶר זִיכֶער זָאגְן אַז עֶס קוּמְט אִים נִישְׁט אַזַא עוֹנֶשׁ. דֶערְפַאר פְרֶעגְט מֶען אִים אוֹיף אַ צְוֵוייטְן מֶענְטְשׁ, לְמָשָׁל וֶוען אֵיינֶער דֶערְצֵיילְט אִים: "דוּ וֵוייסְט, יֶענֶער הָאט גֶעטוּהן דָאס אִיז דָאס" אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הֶערְט דָאס, וֶוערְט עֶר גֶערֶעגְט אוּן עֶר פְּסַק'נְט גְלַייךְ אוֹיף יֶענֶעם, "פַאר אַזַא זַאךְ קוּמְט אִים מִיתָה! פַאר אַזַא זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהן, דַארְף מֶען אִים אָפְּהַאקְן הֶענְט אוּן פִיס!". אוּן דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט אַז מִיט דֶעם פְּסַק'נְט עֶר אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, וַוייל אַמָאל הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעטוּהן אַזַא עֶנְלִיכֶע זַאךְ, אוּן יֶעצְט הָאט עֶר גֶע'פְּסַק'נְט אַן עוֹנֶשׁ אוֹיף זִיךְ אַלֵיין.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין דִי מִשְׁנָה, וְנִפְרָעִין מִן הָאָדָם מִדַּעְתּוֹ וְשֶׁלֹּא מִדַּעְתּוֹ, וֶוען מֶען שְׁטְרָאפְט אַ מֶענְטְשׁ פְרֶעגְט מֶען אִים מִדַּעְתּוֹ, מֶען פְרֶעגְט אִים וָואס עֶר אַלֵיין זָאגְט דֶערְצוּ. אָבֶּער עֶס אִיז אוֹיךְ שֶׁלֹּא מִדַּעְתּוֹ, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אַז מֶען פְרֶעגְט אִים אוֹיף אִים אַלֵיין. אוּן וִוי אַזוֹי עֶר פְּסַק'נְט אוֹיף יֶענֶעם, אַזוֹי טוּט מֶען פַאר אִים אַלֵיין.

דֶערִיבֶּער אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הִיט זִיךְ אָפּ נִישְׁט צוּ פְּסַק'עֶנֶען שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, מִיט דֶעם וֶוערְט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, וַוייל מֶען קֶען אִים גָארְנִישְׁט טוּהן נָאר מִיט זַיין אֵייגֶענֶע הַסְכָּמָה. דֶערְפַאר אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג פַאר אַ מֶענְטְשׁ, וֶוען עֶר הֶערְט שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אֵיינֶעם, זָאל עֶר יֶענֶעם דַן זַיין לְכַף זְכוּת, עֶס אִיז זִיכֶער גֶעוֶוען סִיבּוֹת וָואס הָאט יֶענֶעם צוּגֶעבְּרֶענְגְט דָאס צוּ טוּהן, אוּן דַאן וֶועט מֶען אִים אוֹיךְ דַן זַיין לְכַף זְכוּת פוּן הִימְל, וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (שַׁבָּת קכ"ז:): הַדָּן אֶת הַבְּרִיוֹת לְכַף זְכוּת, דָּנִין אוֹתוֹ לְכַף זְכוּת.

דִי זֶעלְבֶּע אוֹיךְ וֶוען מֶען הֶערְט אַ צָרָה וָואס עֶס אִיז גֶעשֶׁעהן צוּ אַ מֶענְטְשׁ, זָאל מֶען נִישְׁט זָאגְן "עֶס קוּמְט זִיךְ יֶענֶעם" א.ד.ג. וַוייל מִיט דֶעם פְּסַק'נְט מֶען אוֹיף זִיךְ אַלֵיין. נָאר פַארְקֶערְט, מֶען זָאל זָאגְן אַ תְּפִלָּה, "ה' יִשְׁמְרֵנוּ וְיַצִּלֵנוּ" "רַחֲמָנָא לִיצְלָן" "אוֹיף קַיין שׁוּם אִיד גֶעדַאכְט" א.ד.ג. מִיט דֶעם וַוייזְט מֶען, אַז מֶען ווִיל נִישְׁט דֶעם עוֹנֶשׁ, אוּן מֶען רַאטֶעוֶועט זִיךְ פוּן אַסַאךְ עוֹנְשִׁים.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ח' עֶרֶךְ דָן אֶת חֲבֵירוֹ)

# אַ סוֹף צוּ מַחְלוֹקֶת

אִין פַּרְשַׁת קֹרַח רֶעדְט דִי תּוֹרָה אַרוּם בְּאַרִיכוּת דִי הַארְבְּקֵייט פוּן מַחְלוֹקֶת אוּן וָואס עֶס אִיז דִי סוֹף פוּן אַלֶע בַּעֲלֵי מַחְלוֹקֶת; אוּן לֵיידֶער הַאלְט דָאס נָאךְ אָן בִּיז דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג. צַדִיקִים הָאבְּן גֶעטַייטְשְׁט אוֹיף דֶעם וָואס רַשִׁ"י הַקָדוֹשׁ זָאגְט (בַּמִדְבָּר ט"ז א'): "**פַּרְשָׁה זוּ יָפָה נִדְרֶשֶׁת**" וְכוּ', אַז דִי פַּרְשָׁה וָואס רֶעדְט זִיךְ פוּן דִי מַחְלוֹקֶת פוּן קֹרַח אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ "יָפָה נִדְרֶשֶׁת", וֶוערְט גוּט גֶע'דַרְשֶׁ'נְט אוּן אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט אִין יֶעדֶע דוֹר. דֶער פָּסוּק זָאגְט (בַּמִדְבָּר כ"ו י"א): "**וּבְנֵי קֹרַח לֹא מֵתוּ**", דִי קִינְדֶער פוּן קֹרַח זֶענֶען נִישְׁט גֶעשְׁטָארְבְּן. טַייטְשְׁן צַדִיקִים אַז אִין יֶעדְן דוֹר זֶענֶען דָא 'בְּנֵי קֹרַח' וָואס מַאכְן אָן מַחְלוֹקֶת.

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דִי מַעֲשֶׂה (עַיֵין סֵפֶר הַגִלְגוּלִים פֶּרֶק לה): וָואס הָאט פַּאסִירְט בַּיים אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ; עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט זַיין גְרוֹיסְן תַּלְמִיד רֶבִּי חַיִים וִויטַאל זַ"ל אוּן אֵיינֶער אִיז אִים בַּאפַאלְן אוּן זֵייעֶר פַּארְשֶׁעמְט, אוּן דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט צוּטוּהְן גֶעמַאכְט, נָאר עֶר הָאט אָנְגֶעכַאפְּט דִי הַאנְט פוּן רֶבִּי חַיִים וִויטַאל זַ"ל אוּן אִים גֶעוואוּנְקֶען עֶר זָאל זַיין שְׁטִיל אוּן גָארְנִישְׁט צוּרִיק עֶנְטְפֶערְן, אָבֶער יֶענֶער הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט אִים מְבַזֶה צוּ זַיין, רוּפְּט זִיךְ אָן דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ; "אִיר זֶענְט נָאךְ אַלְץ נִישְׁט מוֹדֶה צוּ מִיר"? עֶנְטְפֶערְט עֶר; "נֵיין בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפָן", אוּן עֶר אִיז נֶעְלָם גֶעוָוארְן. אוּן וִויבַּאלְד רֶבִּי חַיִים וִויטַאל זַ"ל אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ נֵייגֶערִיגֶער תַּלְמִיד אוּן עֶר הָאט נָאכְגֶעקוּקְט אוּן גֶעוָואלְט פַארְשְׁטֵיין יֶעדֶע קְלֵיינִיגְקֵייט אוּן יֶעדֶע רִיר בַּיי זַיין הֵיילִיגְן רֶבִּי דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט; רֶבִּי וֶוער אִיז דָאס גֶעוֶוען? עֶנְטְפֶערְט אִים זַיין הֵיילִיגֶער רֶבִּי; דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ אַ נִיצוֹץ פוּן קֹרַח, אוּן אִיךְ הָאבּ אַ נִיצוֹץ פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, אוּן עֶר גֶעבְּט נָאךְ אַלְץ נִישְׁט אוֹיף. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת מְרִיבָה סִימָן פד): "**אִין יֶעדְן בַּעַל מַחְלוֹקֶת אִיז דָא אַ נִיצוֹץ פוּן [קֹרַח] דָתָן וַאֲבִירָם**". אוּן דָאס זֶעהְט מֶען אַז בַּיי יֶעדֶע מַחְלוֹקֶת אִיז אַלְץ דָא מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁפְּרִינְגֶען אוֹיף אוּן מוּזְן זִיךְ קְרִיגְן.

(קוּנְטְרֵס 'אַ סוֹף צוּ מַחְלוֹקֶת')

# ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

## הערליכע חתונה פון א תלמיד הישיבה

די וואך זונטאג איז פארגעקומען א הערליכע חתונה פון א תלמיד הישיבה, החתן אשר לעווי נ"י, לענגערע שעות האבן די בחורים געטאנצן און משמח געווען דעם חתן. ווי עס זאגן אלע באטייליגטע איז דאס געווען זייער א שיינע און פרייליכע חתונה, עס איז געווען זייער שיין צו זעהן ווי אזוי די בחורים זענען געטאנצן מיט גרויס איידלקייט און שמחה.

מוהרא"ש שליט"א האט זיך באטייליגט ביי די חתונה און געטאנצן מיטן חתן.

די וואך מיטוואך איז פארגעקומען א הערליכע שבע ברכות אין היכל הישיבה אין וויליאמסבורג, צוגעשטעלט דורך די ישיבה.

עס זענען זיך צוזאם געקומען א גרעסערע עולם פון תלמידי הישיבה און אנשי שלומינו זיך מיטצופרייען מיט די שמחה.

ביי די סעודה האט מען געהערט טרעפליכע דיבורים פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס האט ארויס געברענגט די חשיבות פון א תלמיד פון היכל הקודש וואס גייט אונטער די חופה גאר אנדערש פון א צווייטן מיט די הייליגע לימודים און עצות פון רבי'ן, ווען מען גייט אזוי צו צו די חתונה איז דאס גאר אן אנדערע סארט לעבן. אויך האט דער ראש ישיבה גערעדט פון די גרויסקייט פון הדפסה, פון דרוקן און פארשפרייטן דעם הייליגן רבי'נס ספרים אז נאך אידן זאלן אויך הערן און וויסן פון דעם. דער חתן האט זיך אסאך אריינגעלייגט און געטוהן אין דעם, און דער זכות וועט אים זיכער באגלייטן זיין גאנץ לעבן.

נאכן בענטשן האט מען זיך ארויס געלאזט אין א טאנץ און מען האט משמח געווען דעם חתן ביז אין די שפעטע נאכט שעה'ן.

**שמח תשמח ריעים האהובים!**

***

## הערליכע סידור פלעי דורך די קינדער פון "בית פיגא"

די וואך איז פארגעקומען א הערליכע סידור פלעי דורך די תלמידות פון "בית פיגא", צו די געלעגנהייט ווען די קינדער האבן שוין ב"ה באקומען זייער נייע סידור.

די קינדער האבן געזינגען הארציגע ניגונים זיך באדאנקענדיג פאר די מחנכות און זייערע עלטערן וואס נאר מיט זייער הילף האבן זיי געקענט אנקומען ביז אהער, און איבער די גרויסקייט און הייליגקייט פונעם סידור און פון דאווענען.

דערנאך האבן די קינדער אהער געשטעלט א הערליכע פארשטעלונג פון די מעשה ווי אזוי דער הייליגער בעל שם טוב איז געווארן דער בעל שם טוב, דורך דעם וואס זיין טאטע האט אים אויסגעלערנט צו רעדן שטענדיג צום אייבערשטן, און דאס האט ער מקיים געווען און ער האט זיך נישט דערשראקן פון די וואס האבן געלאכט פון אים.

ווי באקאנט האט דער הייליגער רבי געהערט די מעשה אלס קינד און דאס האט אויפגעפלאמט זיין הארץ אויך דאס נאכצומאכן, ער האט אויך אנגעהויבן רעדן צום אייבערשטן און אזוי איז ער אויפגעוואקסן דער הייליגער רבי.

די קינדער האט צוגעזאגט אז זיי פרובירן דאס אויך נאכצומאכן, צו רעדן שטענדיג צום אייבערשטן, און אזוי וועלן זיי אויפוואקסן צו זיין אמת'ע ערליכע אידישע קינדער.

עס זענען זיך צוזאמגעקומען א גרעסערע צאל פרויען מיטצוהאלטן די פארשטעלונג, און האבן אויסגעדרוקט גרויס באגייסטערונג איבער די געוואלדיגע סוקסעס פונעם פארשטעלונג.

**זרע בירך ה'!**


## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **אשר לעווי** הי"ו

**צו זיין שמחת החתונה למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים מיט אסאך סייעתא דשמיא

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **מענדי פריעד** הי"ו

**צו די געבורט פון זיין אייניגל למז"ט**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון זיינע קינדער, דורות ישרים ומבורכים.

## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען



פאר גאר ביליגע פרייזן!

וועבענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים

שנעל גוט און ביליג!

רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554

5554printing@gmail.com


**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות.....................8:13
סוף זמן קר"ש.....................8:37
מוצש"ק..................................9:44
**שיעורים כסדרן**
בבלי..............................תענית י"ז
ירושלמי...........................ברכות ס"ו
תוספתא...........מכשירין פרק א'

פרשת חקת, א' דר"ח תמוז, אבות פרק ד', שנת תשע"ד לפ"ק
שנה 3, גליון 44 (144)


# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוָּה ה' לֵאמֹר דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ פָרָה אֲדֻמָּה.** דִי סְפָרִים פְרֶעגְן פַארְוָואס זָאגְט דִי תּוֹרָה זֹאת חֻקַּת "הַתּוֹרָה", דָאס אִיז דִי גֶעזֶעץ פוּן דִי "תּוֹרָה", מֶען רֶעדְט דָאךְ דָא נָאר פוּן אֵיין מִצְוָה, פוּן דִי מִצְוָה פוּן "פָּרָה אֲדוּמָּה", עֶס וָואלְט גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין זֹאת חֻקַּת "הַפָּרָה"?

נָאךְ אִיז שְׁוֶוער, דִי פָּסוּק הֵייבְּט אָן מִיטְן לָשׁוֹן "לֵאמֹר" וָואס דָאס מֵיינְט אֲמִירָה רַכָּה, אַ וֵויכֶע שְׁפְּרַאךְ, אוּן דֶער פָּסוּק זָאגְט וַוייטֶער "דַּבֵּר" אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, וָואס דָאס אִיז אַ שְׁטְרֶענְגֶע לָשׁוֹן.

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ח') אַז אֲפִילוּ עֶס אִיז דָא אַ מִצְוָה פוּן "תּוֹכָחָה", וֶוען מֶען זֶעהְט אַ אִיד טוּט אַן עֲבֵירָה דַארְף מֶען אִים זָאגְן מוּסָר, אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער קֶען טוּהְן דִי מִצְוָה. דִי גְמָרָא זָאגְט (עֲרָכִין ט"ז:) אַז רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ וואוּנְדֶער מִיר אוֹיבּ עֶס אִיז דָא הַיינְט אֵיינֶער וָואס קֶען זָאגְן מוּסָר", אוּן אוֹיבּ רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט דָאס גֶעזָאגְט אִין זַיין דוֹר, וָואס זָאלְן מִיר שׁוֹין הַיינְט זָאגְן.

וֶוען אֵיינֶער זָאגְט מוּסָר אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי עֶס צוּ טוּהְן, טוּט עֶר גָארְנִישְׁט אוֹיף אוּן עֶר מַאכְט נָאךְ עֶרְגֶער. מֶען דַארְף זָאגְן מוּסָר אַזוֹי וִוי משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט מוּסָר, וִוי דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (שַׁבָּת פ"ח:) אַז וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט מִיט דִי עֲבֵירָה פוּן דִי עֵגֶל, וָואס דִי אִידְן הָאבְּן דֶעמָאלְט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף דִי דְרֵיי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת, עֲבוֹדָה זָרָה, גִּילוּי עֲרָיוֹת, אוּן שְׁפִיכַת דָמִים, הָאט זֵיי משֶׁה רַבֵּינוּ גֶעזָאגְט: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶנְק נָאךְ אַלֶץ לִיבּ!", אוּן אַזוֹי הָאבְּן דִי אִידְן תְּשׁוּבָה גֶעטוּהְן, אוּן וֶוען משֶׁה רַבֵּינוּ וָואלְט זֵיי אָנְגֶעשְׁרִיגְן "וָואס הָאט עֶטְץ גֶעטוּהְן?! אִיר וֵוייסְט וָואס אִיר הָאט דָא פַארְדָארְבְּן?!" וָואלְטְן דִי אִידְן גֶעוָוארְן אִינְגַאנְצְן מְיוּאָשׁ, אוּן זֵיי וָואלְטְן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אוּן נִישְׁט תְּשׁוּבָה גֶעטוּהְן.

דִי זֶעלְבֶּע גֵייט וַוייטֶער אָן אִין יֶעדְן דוֹר. רַשִׁ"י בְּרֶענְגְט אוֹיפְ'ן פָּסוּק, (שְׁמוֹת לב, לד) "וּבְיוֹם פָּקְדִי וּפָקַדְתִּי", אַז בַּיי יֶעדֶע שְׁטְרָאף וָואס עֶס קוּמְט אוֹיף אִידְן, אִיז דָא אִין דֶעם אַבִּיסְל פוּנֶעם חֵטְא הָעֵגֶל, וַוייל דִי עֲבֵירוֹת פוּן

המשך בדף ב

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

## ~ אוֹיפְן וֶועג וִוי אִינְדֶערְהֵיים ~

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַסַאךְ מָאל צוּ אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל דַארְפְן פָארְן אוֹיפְן וֶועג. אֵיינֶער דַארְף יֶעדְן טָאג פָארְן צוּ דִי אַרְבֶּעט, אֵיינֶער דַארְף אַמָאל פָארְן עֶרְלֶעדִיגְן זַאכְן, אָדֶער סֵיי וִוי אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַמָאל פָארְן, אוּן דָאס שְׁטֶערְט גֶעוֶוענְלִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אַ מֶענְטְשׁ פוּן זַיין גֶעהֶערִיגֶע סֵדֶר. וֶוען מֶען אִיז אִינְדֶערְהֵיים, הָאט זִיךְ יֶעדֶער זַיין בַּאשְׁטִימְטֶע סֵדֶר הַיּוֹם, וֶוען עֶר לֶערְנְט וֶוען עֶר דַאוְונְט א.ד.ג. אָבֶּער וֶוען מֶען פָארְט אוֹיפְן וֶועג וֶוערְט דִי גַאנְצֶע סֵדֶר צוּמִישְׁט, אוּן דָאס מַאכְט אַז מֶען זָאל פַארְלִירְן דֶעם אַפֶּעטִיט אוּן מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעהֶערִיג.

וֶוען אַ אִיד אִיז אָבֶּער שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אוּן גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ גֶעשֶׁעהְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין. דַאן וֵוייסְט עֶר אַז אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעפִירְט אַז עֶר דַארְף פָארְן אוֹיפְן וֶועג מֵיינְט דָאס אַז עֶר קֶען טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ אוֹיפְן וֶועג. אוֹיף אַזַא אוֹפָן קֶען זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אוּן אִינְגַאנְצְן נִישְׁט וֶוערְן מְבוּלְבָּל פוּן דֶעם וֶועג וָואס עֶר פָארְט.

דֶער עִיקָר אִיז דֶער מוֹיל, וִוי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ מוֹיל, דַארְף עֶר נִישְׁט וֶוערְן גֶעשְׁטֶערְט פוּנֶעם וֶועג, וַוייל מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְן וֶועג, מֶען קֶען לֶערְנֶען אוֹיפְן וֶועג, מֶען נֶעמְט זִיךְ מִיט אַ זֶעקְל סְפָרִים, אוּן וואוּ מֶען גֵייט, כַאפְּט מֶען אַרַיין עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶטְלִיכֶע פְּסוּקִים חוּמָשׁ, עֶטְלִיכֶע פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, עֶטְלִיכֶע קַאפִּיטְלֶעך תְּהִלִּים א.ד.ג.

דָּוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט אִין תְּהִלִּים (תְּהִלִּים קי"ט) חִשַּׁבְתִּי דְרָכָי וָאָשִׁיבָה רַגְלַי אֶל עֵדוֹתֶיךָ. זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ (רֵישׁ פַּרְשַׁת בְּחֻקֹּתַי) אוֹיף דֶעם, דָּוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "יֶעדְן צוּפְרִי הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט 'אִיךְ דַארְף גֵיין צוּ דֶעם פְלַאץ צוּ יֶענֶע פְלַאץ, צוּ דֶעם הוֹיז צוּ יֶענֶעם הוֹיז', אָבֶּער מַיינֶע פִיס הָאבְּן מִיר גֶעפִירְט אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ".

קֶען זַיין דֶער פְּשַׁט, דָּוִד הַמֶּלֶךְ אִיז דָאךְ

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

דֶעמָאלְט הַזֶר'ן זִיךְ אִיבֶּער אִין יֶעדְן דוֹר, אוּן וֶוער עֶס וִויל הַיינְט זָאגְן מוּסָר פַאר אִידְן, קֶען עֶס נָאר טוּהן אוֹיף דֶעם וֶועג פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוֹיף אַ גוּטֶע וֶועג, צוּ מְחַזֵק זַיין אִידְן "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶנְק נָאךְ אַלְץ לִיבּ" אוּן דָאס וֶועט זֵיי גֶעבְּן דִי חִיזוּק צוּ תְּשׁוּבָה טוּהן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֶעהן צוּ גֵיין צוּ אַזַא צַדִיק וָואס אִיז מְחַזֵק אִידְן, עֶר וַוייזְט זֵיי אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי לִיבּ, אוּן זֵיי קֶענֶען שְׁטֶענְדִיג קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, דִי פָּרָה אֲדוּמָה אִיז דָאךְ דֶער תִּיקוּן אוֹיף דִי עֲבֵירָה פוּן דִי עֵגֶל, זָאגְט דֶער פָּסוּק, **זֹאת חֻקַּת "הַתּוֹרָה"**, דָאס אִיז דִי גֶעזֶעץ פוּן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, וַוייל אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶערֶעדְט צוּ דִי אִידְן נָאךְ דִי חֵטְא הָעֵגֶל, אַזוֹי דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּ אִידְן, נָאר מְחַזֵק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק וַוייטֶער "**לֵאמֹר - דַּבֵּר**" וֶוען מֶען וִויל זָאגְן שְׁטְרֶענְגֶע וֶוערְטֶער פַאר אִידְן, מוּז עֶס זַיין אוֹיךְ אוֹיף אַ וֵוייכֶע וֶועג פוּן חִיזוּק.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק חֻקַּת שְׁנַת תשס"ז)

***

**וְנָתַן אֶת הַסֶּלַע**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עֶר זָאל רֶעדְן צוּם שְׁטֵיין אַז עֶס זָאל גֶעבְּן וַואסֶער, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אָבֶּער גֶעשְׁלָאגְן דֶעם שְׁטֵיין.

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ז) אוֹיף דִי מִשְׁנָה (אָבוֹת ב') **אַל תַּעֲשֶׂה תְּפִלָּתְךָ קֶבַע, אֶלָּא רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים לִפְנֵי הַמָּקוֹם**. "קֶבַע" קֶען אוֹיךְ מֵיינֶען "גְנֵיבָה", דָאס מֵיינְט אַז וֶוען אַ אִיד בֶּעהְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ זַאךְ, דַארְף עֶס זַיין בְּרַחֲמִים וּבְתַחֲנוּנִים, מֶען טָאר נִישְׁט זַיין פַאר'עַקְשְׁ'נְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוּז דַוְקָא טוּהן וָואס מֶען הָאט גֶעבֶּעטְן, דָאס אִיז אַזוֹי וִוי גְנֵיבָה. נָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל גֶעבְּן זָאל עֶר גֶעבְּן, אוּן אַז נִישְׁט נִישְׁט.

אַוַודַאי אוֹיף תְּפִלָּה דַארְף מֶען הָאבְּן עַקְשָׁנוּת, מֶען דַארְף בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן אוּן נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ בֶּעטְן. אָבֶּער נָאכְן בֶּעטְן דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, אוּן זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל טוּהן וִוי אַזוֹי עֶר פַארְשְׁטֵייט, וַוייל עֶר וֵוייסְט דִי בֶּעסְטֶע וָואס עֶס אִיז גוּט פַאר אוּנְז.

זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ'), אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער פְּגַם פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוָואלְט אַז עֶר זָאל בֶּעטְן מִיט דִי מוֹיל, דָאס מֵיינְט נִישְׁט זִיךְ עַקְשְׁ'עֶנֶען, אָבֶּער מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעשְׁלָאגְן דֶעם שְׁטֵיין, דָאס מֵיינְט אַז עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט עַקְשָׁנוּת, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דַוְקָא טוּהן וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן.

אַוַדַאי בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז דָאס גֶעוֶוען אַ דַּקּוֹת'דִיגֶע פְּגַם, וָואס מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט. אָבֶּער דִי תּוֹרָה שְׁרַייבְּט דָאס אַז מִיר זָאלְן זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען, אַז מֶען זָאל אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף, אָבֶּער נִישְׁט מִיט עַקְשָׁנוּת, נָאכְן בֶּעטְן זָאל מֶען זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית חֻקַּת שְׁנַת תשס"ז)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

זִיכֶער גֶעוֶוען זֵייעֶר פַארְנוּמֶען יֶעדְן טָאג, עֶר אִיז דָאךְ גֶעוֶוען דֶער קֶענִיג פוּן דִי אִידְן אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעדַארְפְט פִירְן, אוֹיסֶער אַלֶע מִלְחָמוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעפִירְט וִוי מֶען זֶעהט אִין נַ"ךְ, הָאט עֶר דָאךְ זִיכֶער גֶעדַארְפְט זַיין זֵייעֶר אַסַאךְ אוֹיפְ'ן וֶועג. אָבֶּער פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז עֶר נִישְׁט גֶעוָוארְן גֶעשְׁטֶערְט פוּן דֶעם, נָאר עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ אוֹיפְן וֶועג. דָאס הָאט דָוִד הַמֶלֶךְ גֶעזָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "יֶעדְן צוּפְרִי הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט 'אִיךְ דַארְף גֵיין צוּ דֶעם פְּלַאץ צוּ יֶענֶע פְּלַאץ, צוּ דֶעם הוֹיז צוּ יֶענֶע הוֹיז'", דָאס מֵיינְט אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט דֶעם חֶשְׁבּוֹן וואוּ עֶר דַארְף אַלְץ גֵיין יֶענֶעם טָאג. "אָבֶּער מַיינֶע פִּיס הָאבְּן מִיר גֶעפִירְט אִין בַּית הַמִדְרָשׁ", אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְן וֶועג הָאבּ אִיךְ גֶעפִיהלְט אַזוֹי וִוי אִיךְ וָואלְט גֶעוֶוען אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט שְׁטֶערְן פוּנֶעם וֶועג. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען עֶר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְן וֶועג פוּנְקְט וִוי אִינְדֶערְהֵיים.

דָאס אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר אִינְגֶעלַייט צוּ וִויסְן. גֶעוֶוענְלִיךְ אַ אִינְגֶערְמַאן וֶוען עֶר הָאט חֲתוּנָה נֶעמְט עֶר זִיךְ פָאר אַז עֶר גֵייט זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, עֶר גֵייט זִיךְ נֶעמֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען. אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט לְמַעֲשֶׂה, דִי וַוייבּ שְׁלֶעפְּט אִים אַיינְקוֹיפְן, אָדֶער צוּ גֵיין צוּ מִשְׁפָּחָה שִׂמְחוֹת, וֶוערְט עֶר צוּמִישְׁט פוּן זַיין סֵדֶר, אוּן עֶר וֶוערְט אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן. דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן דֶעם, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט מִיט מִיטְן מֶענְטְשׁ אוֹיךְ אוֹיפְן וֶועג, אוּן מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וואוּ נָאר מֶען גֶעפִינְט זִיךְ.

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶר הָאט אַ וַוייטֶע וֶועג צוּ פָארְן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וִוי וַוייט אַז פוּן מוֹיל בִּיז צוּם הַארְץ?". דָאס מֵיינְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ מוֹיל מִיט אַ הַארְץ קֶען עֶר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ אוֹיפְן וֶועג, עֶר קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר קֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אוּן עֶר וֶועט אֲפִילוּ נִישְׁט פִילְן אַז עֶר אִיז אוֹיפְן וֶועג.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן זָאגְן אוֹיף רֶבִּי נָתָן אַז עֶר הָאט נָאךְ מֶער גֶעלֶערְנְט אוֹיפְן וֶועג וִוי אִינְדֶערְהֵיים, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁטַארְק צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז קַיין שׁוּם זַאךְ הָאט אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁטֶערְן, עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְן וֶועג פוּנְקְט וִוי עֶר וָואלְט גֶעזִיצְן אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ.

## שְׁטֶעל זִיךְ אָפּ אַ מִינוּט

דֶער אֱמֶת אִיז אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע חֶסֶד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען מוּז פָארְן פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם אַנְדֶערְן, וַוייל אַסַאךְ מָאל זֶענֶען מֶענְטְשְׁן אַזוֹי פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְלָאגְט אַז עֶס קוּמְט אִים אֲפִילוּ נִישְׁט אוֹיס קַיין צַייט זִיךְ אָפְּצוּשְׁטֶעלְן אַ מִינוּט אוּן רֶעדְן עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "בַּאשֶׁעפֶער, וואוּ הַאלְט אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט?" "בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַרוֹיס מִיט וָואס אִיךְ דַארְף". וֶוען מֶען פָארְט אָבֶּער אוֹיפְן וֶועג אוּן מֶען

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָ"אַ"שׁ

הָאט נִישְׁט וָואס צוּ טוּהן, קֶען מֶען אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט מִיטְן זִיךְ דוּרְךְ רֶעדְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶע וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַצְלָחָה פַארְן מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

וֶוען מֶען לָאזְט זִיךְ אַרוֹיס אִין וֶועג דַארְף מֶען אוֹיךְ גֶעדֶענְקְן וָואס דִי חַזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת, פ"ד, ה"ד) "כָּל הַדְּרָכִים בְּחֶזְקַת סַכָּנָה", וֶוען מֶען אִיז אוֹיפְן וֶועג אִיז מֶען אִין אַ גְרֶעסֶערֶע סַכָּנָה. דִי גְמָרָא זָאגְט (סוֹטָה ח:) אַז אֲפִילוּ הַיינְט אִיז נִישְׁט דָא קַיין "מִיתוֹת בֵּית דִין", בֵּית דִין קֶען נִישְׁט הַרְגְ'נֶען קַיין מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער עֶס אִיז נָאךְ אַלְץ גֶעבְּלִיבְּן דֶער "דִין מִיתוֹת בֵּית דִין", אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז מְחוּיָב צוּ וֶוערְן גֶע'הַרְגְ'ט, וֶועט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּפִירְן אַז עֶר זָאל בַּאקוּמֶען זַיין עוֹנֶשׁ רח"ל, אוּן לַיידֶער זֶעהט מֶען אַזֶעלְכֶע זַאכְן פַּאסִירְן מִיט מֶענְטְשְׁן וָואס וֶוערְן גֶע'הַרְגְ'ט, אוּן סְפֶּעצִיעֶל אוֹיף דִי וֶועגְן.

דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען פַאר מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן דִי הוֹיז, זִיךְ צוּ שְׁטֶעלְן בַּיי דִי מְזוּזָה אוּן בֶּעטְן אַ תְּפִלָּה בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן "בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל גֵיין בְּשָׁלוֹם אוּן צוּרִיק קוּמֶען בְּשָׁלוֹם, אוּן עֶס זָאל מִיר גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן קַיין שְׁלֶעכְטְס אוֹיפְ'ן וֶועג".

דֶערְנָאךְ וֶוען מֶען פָארְט אַרוֹיס זָאל מֶען נִישְׁט פַארְגֶעסְן צוּ זָאגְן "תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ". דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, דֶּרֶךְ, ג') "וֶוען דֶער בַּעַל עֲגָלָה גְרֵייט צוּ דִי פֶערְד אוּן וָואגְן זָאלְסְטוּ זָאגְן תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ", דֶערְפַאר גְלַייךְ וֶוען מֶען גֵייט אַרַיין אִין אַ קַאר זָאל מֶען זָאגְן תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ אַז עֶס זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט פַּאסִירְן קַיין שְׁלֶעכְטְס אוֹיפְן וֶועג, אוּן דִי זֶעלְבֶּע וֶוען מֶען פָארְט אוֹיף אַ פְלִיגֶער, גְלַייךְ וֶוען דֶער פְלִיגֶער הֵייבְּט אָן צוּ פָארְן נָאךְ אוֹיף דֶער עֶרְד, זָאל מֶען שׁוֹין זָאגְן תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ צוּ נִיצוֹל וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס. אַסַאךְ פּוֹסְקִים הַאלְטְן אַז מֶען קֶען זָאגְן תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ אֲפִילוּ עֶטְלִיכֶע מָאל אִין אֵיין טָאג אוֹיבּ מֶען פָארְט מֶערֶערֶע מָאל, אוּן דָאס הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס נִיצְט אוֹיס דִי וֶועגְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וּבִפְרַט מִיט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אוּן דִי שְׁכִינָה וֶועט רוּעֶן בַּיי אִים.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ג' וְחֵלֶק ד' עֶרֶךְ דֶּרֶךְ)

# זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנֵייעֶן

דֶער עִנְיָן פוּן זִיךְ בַּאנֵייעֶן שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן מִיר מְקַבֵּל גֶעוֶועְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן רמז): 'חִידּוּשׁ כָּמוֹנִי לֹא הָיָה בָּעוֹלָם', אַזַא חִידּוּשׁ וִוי אִיךְ בִּין אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶועְן אוֹיף דֶער וֶועלְט. אוּן אֵיינֶע פוּן דִי פְּשָׁטִים אוֹיף דֶעם אִיז, אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דֶער זַאךְ פוּן 'הִתְחַדְּשׁוּת', שְׁטֶענְדִיג זִיךְ אוֹיפְצוּפְרִישְׁן אוּן בַּאנֵייעֶן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שפד): נִישְׁט נָאר אַ תּוֹרָה אִיז בַּיי מִיר נֵייעֶס, נָאר אֲפִילוּ אַ וָוארְט בַּיי מִיר אִיז נֵייעֶס, אוּן נִישְׁט נָאר אַ וָוארְט נָאר אֲפִילוּ אַ אָטֶעם אִיז בַּיי מִיר נֵיי מַמָּשׁ. אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל שְׁפִּירְן אַזַא חַיּוּת, אַז אַ יֶעדֶע רֶגַע בַּאנֵייט עֶר זִיךְ, וָואלְט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרָאפְּגֶעפַאלְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, בָּשָׂר וְחָלָב, הֲלָכָה ד'): רֶעדְט אַרוּם וִוי וַוייט אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג מְחַדֵּשׁ זַיין, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף וָואס עֶס אִיז גֶעוֶועְן אוּן אוֹיף וָואס עֶס גֵייט זַיין, וַוייל יֶעדֶע מִינוּט אוּן יֶעדֶע רֶגַע אִיז אַלֶעס אִינְגַאנְצְן נֵיי, בְּרֶענְגְט עֶר פוּנֶעם אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ (עֵץ חַיִּים, הֵיכַל אָדָם קַדְמוֹן, שַׁעַר א, עָנָף ה, דַּף טו): דִי וואוּנְדֶער פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַז יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע טוּישְׁן זִיךְ אַלֶע וֶועלְטְן!

קוּמְט אוֹיס אַז דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה וָואס מִיר זֶעהְן, וָואס דָאס הֵייסְט 'עוֹלָם הָעֲשִׂיָּה', דִי גַאנְצֶע גְלָאוֹ"ב וָואס בַּאשְׁטֵייט פוּן זִיבְּן בִּילְיָאן מֶענְטְשְׁן, מִיט לֶענְדֶער אָן אַ שִׁיעוּר, מִיט אַלֶע סָארְטְן חַיּוֹת, אוּן בִּילְיֵ בִּילְיַארְדְן בֵּיימֶער מִיט

המשך בדף ד

# מִילֵי דְאָבוֹת

## פֶּערְל וֶוערְטֶער אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת

---

## אַ רָשָׁע בִּין אִיךְ נִישְׁט!

**אֵין בְּיָדֵינוּ לֹא מִשַּׁלְוַת הָרְשָׁעִים וְאַף לֹא מִיִּסּוּרֵי הַצַּדִּיקִים**

פַאר רְשָׁעִים גֵייט גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט. זֵיי בַּאקוּמֶען זֵייעֶר שְׂכַר אוֹיף דִי בִּיסְל גוּטֶע זַאכְן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעטוּהן נָאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, כְּדֵי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט זָאלְן זֵיי בַּאקוּמֶען זֵייעֶר פַארְדִינְטֶע שְׁטְרָאף אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטְס וָואס זֵיי הָאבְּן דָא גֶעטוּהן.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעהט אַז עֶס גֵייט אִים נִישְׁט אַזוֹי גוּט, אִיז דָאס קוֹדֶם אַ סִימָן פַאר אִים אַז אַ רָשָׁע אִיז עֶר נִישְׁט. וַוייל, אֵין בְּיָדֵינוּ לֹא מִשַּׁלְוַת הָרְשָׁעִים, אַז עֶס גֵייט אִים נִישְׁט אַזוֹי גוּט וִוי עֶס דַארְף צוּ גֵיין פַאר אַ רָשָׁע, אִיז דָאס אַ סִימָן אַז עֶר אִיז נִישְׁט קַיין רָשָׁע, אוּן מִיט דֶעם קֶען עֶר זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין.

אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען אוֹיךְ וִויסְן אַז, וְאַף לֹא מִיִּסּוּרֵי הַצַּדִּיקִים, מֶען הָאט נָאךְ אוֹיךְ נִישְׁט דִי יִסּוּרִים וָואס צַדִּיקִים הָאבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט. מֶען הָאט נָאךְ אַ שְׁטִיקְל וֶועג אָנְצוּקוּמֶען צוּ זַיין אַ גַאנְצֶער צַדִּיק, אָבֶּער אַז מֶען אִיז נִישְׁט קַיין רָשָׁע שְׁטֵייט מֶען שׁוֹין גוּט, אוּן מֶען אִיז שׁוֹין אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג אָנְצוּקוּמֶען צוּ זַיין אַ פוּלְקָאמֶער צַדִּיק.

(חַסְדֵי אָבוֹת פֶּרֶק ד' מִשְׁנָה י"ט)

***

## קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטְס

**אַל תִּסְתַּכֵּל בַּקַּנְקַן אֶלָּא בַּמֶּה שֶׁיֵּשׁ בּוֹ**

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ב) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים לז י) **וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ**, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אוּנְז אָן אַז מִיר זָאלְן קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטְס פוּן יֶעדְן מֶענְטְשׁ, מֶען זָאל דַן זַיין יֶעדְן לְכַף זְכוּת, אֲפִילוּ וֶוען מֶען זֶעהט אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זֵייעֶר שְׁלֶעכְט, עֶר אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף מֶען קוּקְן אוּן זוּכְן צוּ טְרֶעפְן בַּיי אִים עֶפֶּעס אַ גוּטֶע נְקוּדָה, עֶפֶּעס אַ זַאךְ מִיט וָואס יֶענֶער אִיז יָא גוּט, אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען קוּקְט אוֹיף זַיינֶע גוּטֶע חֲלָקִים, מִיט דֶעם מַאכְט מֶען אַז יֶענֶער זָאל בֶּאֱמֶת וֶוערְן גוּט אוּן וואוֹיל.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, **וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע**, אוֹיבּ מֶען קוּקְט אוֹיף דִי קְלֵיינֶע חֵלֶק וואוּ יֶענֶער אִיז נִישְׁט קַיין רָשָׁע. דַאן, **וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ**, דוּרְךְ דֶעם מַאכְט מֶען אַז עֶר זָאל בֶּאֱמֶת וֶוערְן גוּט, אוּן וֶוען דוּ וֶועסְט קוּקְן אוֹיף אִים אִיז עֶר שׁוֹין נִישְׁט אוֹיף דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ וואוּ עֶר אִיז גֶעוֶועְן פְרִיעֶר, נָאר עֶר אִיז שׁוֹין אַ סַךְ בֶּעסֶער גֶעוָוארְן.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ בַּיים מֶענְטְשׁ אַלֵיין, וֶוען מֶען קוּקְט זִיךְ אָן אוּן מֶען זֶעהט אַז מֶען אִיז פוּל מִיט שְׁלֶעכְטְס, דַארְף מֶען פְּרוּבִּירְן אוֹיפְצוּזוּכְן עֶפֶּעס גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט יָא גֶעטוּהן, יֶעדֶער אִיד הָאט דָאךְ אַ סַךְ גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהן אִין זַיין לֶעבְּן, אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען קוּקְט אוֹיף דִי גוּטֶע חֲלָקִים, מִיט דֶעם הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מֶען וֶוערְט טַאקֶע אִינְגַאנְצְן גוּט.

דָאס זָאגְט דִי מִשְׁנָה, **אַל תִּסְתַּכֵּל בַּקַּנְקַן**, קוּק נִישְׁט אוֹיף דִי גַאנְצֶע אִינְהַאלְט וָואס אִיז פוּל מִיט שְׁלֶעכְטְס. נָאר, **אֶלָּא בַּמֶּה שֶׁיֵּשׁ בּוֹ**, קוּק גוּט אוּן זוּךְ אוֹיף עֶרְגֶעץ וואוּ אִינֶעם מֶענְטְשׁ וואוּ עֶר הָאט יָא עֶפֶּעס גוּטֶע חֲלָקִים, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְן גוּט.

(חַסְדֵי אָבוֹת פֶּרֶק ד' מִשְׁנָה כ"ז)

# זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנַייֶען

המשך

בְּלֶעטֶער, וָואס קַיין אֵיין בְּלֶעטְל זֶעהְט נִישְׁט אוֹיס וִוי דֶער צְוֵוייטֶער, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאכְדֶעם דִי גְרָאזְעלֶעךְ, פוּן דִי גַאנְצֶע כַּדוּר הָעוֹלָם, וָואס קַיין אֵיינְס זֶעהְט נִישְׁט אוֹיס וִוי דִי אַנְדֶערֶע, וָואס דָאס אִיז מוֹרָא'דִיגֶע 'נִפְלָאוֹת הַבּוֹרֵא', אוּן וַוייטֶער וָואס מִיר זֶעהְן, דִי זוּן מִיט דִי לְבָנָה, מִיט בִּילְיֵ בִּילְיָאנֶען שְׁטֶערְן, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כַּבְיָכוֹל הַאלְט חֶשְׁבּוֹן, אוּן גֶעט אַ נָאמֶען פַאר יֶעדְן אֵיינְצִיגְן שְׁטֶערְן, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים קמז, ד): 'מוֹנֶה מִסְפָּר לַכּוֹכָבִים לְכֻלָּם שֵׁמוֹת יִקְרָא', אוּן דָאס אִיז נָאר וִויפִיל דֶער מֶענְטְשׁ קֶען זֶעהְן, אוּן אֲפִילוּ אִין דֶעם הָאבְּן מִיר נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רכה): אַז אַלֶעס וָואס דִי פָּארְשֶׁערְס זֶענֶען פַארְנוּמֶען צוּ פָּארְשְׁן אִיז נָאךְ קוֹיִם דִי אָנְפַאנְג פוּן דִי וֶועלְטְן, אוּן אֲפִילוּ בַּיי דֶעם זֶענֶען זֵיי גוּט צוּמִישְׁט, אוּן אִין קַבָּלָה וֶוערְט דָאס אַלֶעס אָנְגֶערוּפְן אִין אֵיין וָוארְט: 'עוֹלַם הָעֲשִׂיָּה'. יֶעצְט שְׁטֶעלְט זִיךְ פָּאר וָואס עֶס אִיז דָא אִין 'עוֹלַם הַיְצִירָה', דִי אַלֶע מַלְאָכִים וָואס אִיז נָאר דָא, וָואס מֶען קֶען אֲפִילוּ נִישְׁט רֶעדְן פוּן דֶעם, נָאכְדֶעם דִי הֶעכֶערֶע עוֹלָמוֹת 'עוֹלַם הַבְּרִיאָה' אוּן 'עוֹלַם הָאֲצִילוּת', וָואס דָאס אַלֶעס אִיז נָאר אַ לְבוּשׁ כַּבְיָכוֹל פַארְן אֵין סוֹף.

פִּירְט דָארְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אוֹיס, אַז פוּן דֶעם קֶען מֶען זִיךְ אַרוֹיס לֶערְנֶען דָאס עִנְיָן פוּן הִתְחַדְשׁוּת, וִוי וַוייט אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מְחַדֵּשׁ זַיין, כָאטְשִׁיג אַ מִינוּט פְרִיעֶר הָאט עֶר גֶעטוּעֶן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּעֶן, אִיז אָבֶּער דִי יֶעצְטִיגֶע מִינוּט אוּן סֶעקוּנְדֶע שׁוֹין אִינְגַאנְצְן נֵיי, אוּן אִיךְ בִּין שׁוֹין נִישְׁט דֶער זֶעלְבֶּער מֶענְטְשׁ, אָבֶּער דָאס צוּ בַּאוַוייזְן אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט אַז יֶעדֶער גֵייט אַרוּם צוּבְּרָאכְן אוּן צוּשָׁאסְן, אוּן עֶס גֵייט אַזוֹיפִיל אִיבֶּער, וָואס דָאס אַלֶעס נֶעמְט זִיךְ וַוייל עֶר שְׁפִּירְט זִיךְ שׁוֹין אַלְט אִין זַיין מַצָּב.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נ"א): אַלְט טָאר מֶען נִישְׁט זַיין, נִישְׁט קַיין אַלְטֶער חָסִיד, נִישְׁט קַיין אַלְטֶער צַדִּיק, נִישְׁט קַיין אַלְטֶער בַּעַל עֲבֵירָה, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַלְט; נָאר שְׁטֶענְדִיג נֵיי אוּן פְרִישׁ. אוּן דָאס אִיז דֶער וֶועג וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט.

דֶער הֵיילִיגֶער מַלְבִּי"ם זי"ע אִיז קוֹדֶם גֶעוֶוען רָב אִין שְׁטָאט בּוּקַארֶעסְט, אוּן דָארְטְן הָאבְּן דֶעמָאלְטְס גֶעוואוֹינְט דִי גְרֶעסְטֶע לֵיצִים אוּן אַפִּיקוֹרְסִים, אִין עֶס פְלֶעגְט דֶעמָאלְטְס אַרוֹיסְקוּמֶען דָארְט צְוֵויי צַייטוּנְגֶען, 'הַבּוֹקֶר' אוּן 'הַשַּׁחַר', וָואס הָאבְּן גֶעהֶעצְט אוּן לֵיצָנוּת גֶעמַאכְט פוּן אִידִישְׁקֵייט, אוּן פוּן דִי אֱמוּנָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער מַלְבִּי"ם אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטַארְקֶע קֶעמְפֶער קֶעגְן דִי אַלֶע זַאכְן, אוּן הָאט נִישְׁט נָאכְגֶעלָאזְט בְּשׁוּם אוֹפָן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען הָאט אִים גֶע'רוֹדֵפְ'ט, וַוייל אַז אֵיינֶער וִויל זִיךְ נִישְׁט בֵּייגְן, הָאט מֶען אִים פַּיינְט, אוּן מֶען רוֹדֵפְ'ט אִים,

אַמָאל הָאט אַ אִיד גֶעטְרָאפְן דֶעם הֵיילִיגְן מַלְבִּי"ם דֶער דֶעמָאלְטְסְדִיגֶער רָב פוּן שְׁטָאט בּוּקַארֶעסְט, וִוי עֶר קוּמְט אַרָאפ פַארְטָאגְס פוּן אַ הוֹיכְן גֶעבֵּיידֶע, בִּשְׁעַת זַיין פָּנִים אִיז אִינְגַאנְצְן רוֹיט אוּן פַארְפְלַאמְט, פְרֶעגְט אִים דֶער אִיד: וָואס אִיז גֶעשֶׁען? עֶנְטְפֶערְט עֶר אִים: קוּם מָארְגְן מִיט אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה פְרִיעֶר, וֶועסְט אַרוֹיף קוּמֶען מִיט מִיר אוֹיבְן אוֹיף דִי גֶעבֵּיידֶע, וֶועל אִיךְ דִיר זָאגְן. דֶער אִיד וַוארְט אוֹיס אוֹיף מָארְגְן, אוּן פַארְטָאגְס גֵייט עֶר אַרוֹיף אוֹיבְן צוּזַאמֶען מִיטְן רָב, אוּן עֶר זֶעהְט וִוי דֶער רָב שְׁטֵייט פַארְגַאפְט אוּן קוּקְט וִוי אַזוֹי דִי זוּן קוּמְט אַרוֹיס אוּן שַׁיינְט צוּבִּיסְלֶעךְ אוֹיף, אוּן עֶר הֵייבְּט אָן צוּ טַאנְצְן אוּן צוּ שְׁפְּרִינְגֶען אוּן עֶר וֶוערְט פַארְפְלַאמְט, פְרֶעגְט אִים דֶער אִיד: רֶבִּי, וָואס אִיז גֶעשֶׁען?! זָאגְט עֶר אִים: זֶעהְסְט נִישְׁט דֶעם חֶסֶד פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אַז דִי זוּן שַׁיינְט אוֹיף צוּבִּיסְלֶעךְ?! וַוייל אַז דִי זוּן זָאל אוֹיפְשַׁיינֶען אוֹיף אֵיינְמָאל, וָואלְטְן מִיר אַלֶע בְּלִינְד גֶעוָוארְן חַס וְשָׁלוֹם, אוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ בַּיינַאכְט, וֶוען עֶס וֶוערְט וֶוען אִין אֵיין מִינוּט פִינְסְטֶער, וָואלְטְן מִיר אַלֶע בְּלִינְד גֶעוָוארְן. אוּן ווִידֶער קוּק אִיךְ אוֹיף דֶעם חֶסֶד וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאנַייט יֶעדְן טָאג דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה פוּן דָאסְנַיי, אַזוֹיוִוי מִיר זָאגְן בַּיים דַאוֶוענֶען: 'וּבְטוּבוֹ מְחַדֵּשׁ בְּכָל יוֹם תָּמִיד מַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית'. זָאל אִיךְ נִישְׁט טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן?!

(קוּנְטְרֵס 'וָואס אִיז נַייעֶס')

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## מען פארט ארויס אין "מחנה תפארת התורה"

אזוי ווי אלע יארן וועלן די בחורים דאס יאר אויך ארויספארן אין קעמפ צו ווילן אויף די זומער וואכן, ווייט וועק פון די שטאט, וואו זיי וועלן אויסניצן די טעג פון זומער מיט תורה און עבודה, אפגעזונדערט פון די אלע שטאטישע פראבלעמען, און זיך קונה זיין אסאך גוטע זאכן.

די זומער וואכן זענען די בעסטע הכנה צו די הייליגע טעג, מען פארברענגט אין קעמפ נאר מיט די ביימער און הימל און מיטן אייבערשטן, עס איז גארנישט דא פאר די אויגן, נאר זיך קונה צו זיין תורה ויראת שמים, און מיט דעם צוגיין צום ראש השנה, דער יום הדין, מיט די אלע גוטע זאכן וואס מען האט זיך איינגעקויפט אינעם זומער.

נאך זומער וועלן אלע בחורים פארן אינאיינעם מיטן אייבערשטנ'ס הילף אויף ראש השנה אין אומן, אזוי ווי די לעצטיגע יארן וואס אלע בחורים פארן אינאיינעם מיטן ראש הישיבה, און אפרעכטן דעם יום טוב אין אומן די תפלות און די סעודות בדיבוק חברים.

מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועט דער זומער אויך זיין א גרויסע סוקסעס, אזוי ווי אין די פארגאנגענע יארן, און זיך אנשעפן פילע הויפענעס מיט תורה ויראה.

**ההרים והגבעות יפצחו לפניכם רנה!**


## ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז
מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז דא
צו באקומען ביי אונז אלע
ספרי ברסלב

**27 Skillman St.**

אדער רופט 347-977-7994

## קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים**
**פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א**

אויך קען מען מיטהאלטן
יעדע וואך דעם שיעור
מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!

**װעבענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים**

שנעל גוט און ביליג!

**347-559-5554 רופט אריין פאר א פרייז**

**5554printing@gmail.com**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

ווענעטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות.................8:12
סוף זמן קר"ש....................8:39
מוצש"ק.............................9:43
**שיעורים כסדרן**
בבלי.........................תענית כ"ד
ירושלמי.......................פאה ה'
תוספתא...............זבים פרק ה'

פרשת בלק, ז' תמוז, אבות פרק ה', שנת תשע"ד לפ"ק | שנה 3, גליון 45 (145)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיִּשָּׂא בִלְעָם אֶת עֵינָיו וַיַּרְא אֶת יִשְׂרָאֵל שֹׁכֵן לִשְׁבָטָיו.** זָאגְט רַשִׁ"י אַז בִּלְעָם הָאט גֶעזֶעהְן אַז יֶעדֶער לֶעבְּט פַאר זִיךְ אוּן קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אַרַיין צוּ יֶענֶעם, דִי טִירְן פוּן זֵייעֶרֶע גֶעצֶעלְטְן זֶענֶען נִישְׁט אַיינְס קֶעגְן דִי אַנְדֶערֶע. מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' בְּהַקְדָמָה): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל ל"ג): אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם, אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי בְּחִינָה פוּן אֶחָד, דָאס מֵיינְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף קֵיינֶעם, נָאר אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט גֶעוֶוען אֵיין אֵיינְצִיגֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

דָאס אִיז אַ יְסוֹד פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ, רוֹב מָאל וָואס אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט אָפְּגֶעשְׁוַואכְט אִין אִידִישְׁקֵייט אִיז דָאס נָאר וַוייל עֶר קוּקְט אוֹיף אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, וָואס אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וֶועלְן זָאגְן וֶועגְן אִים. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אָבֶּער שְׁטַארְק מִיט דֶעם אַז עֶר אִיז נָאר דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, וֶוערְט עֶר נִישְׁט צוּבְּרָאכְן פוּן קֵיינֶעם אוּן עֶר גֵייט וַוייטֶער אָן מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַקּוֹדֶשׁ.

דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת רְאִיָּה, סִימָן ח'): "מִי שֶׁעוֹצֵם עֵינָיו מֵרְאוֹת בְּרָעָה, עַל יְדֵי זֶה נִיצוֹל מִבִּזְיוֹנוֹת - וֶוער עֶס קוּקְט נִישְׁט וִוי מֶען טָאר נִישְׁט, וֶוערְט גֶערַאטֶעוֶועט פוּן בִּזְיוֹנוֹת". דָאס מֵיינְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט אִים נִישְׁט צוּ זֶעהְן אוֹיבּ יֶענֶער הָאט גֶעלַאכְט אָדֶער חוֹזֵק גֶעמַאכְט פוּן אִים, דוּרְךְ דֶעם וֶוערְט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט פוּן בִּזְיוֹנוֹת, וַוייל אַ בִּזָיוֹן אִיז נָאר דָא אוֹיבּ מֶען קוּקְט וִוי אַזוֹי דֶער צְוֵוייטֶער לַאכְט. אֵיינֶער וָואס קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אִים קֶען מֶען נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, וֶוען בִּלְעָם הָאט גֶעזֶעהְן אַז דִי אִידְן לֶעבְּן יֶעדֶער פַאר זִיךְ, קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, הָאט עֶר גֶעוואוּסְט אַז זֵיי וֶועט מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען צוּבְּרֶעכְן אָדֶער שְׁוַואךְ מַאכְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה בָּלָק ב)

***

**לֹא הִבִּיט אָוֶן בְּיַעֲקֹב וְלֹא רָאָה עָמָל בְּיִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקָיו עִמּוֹ וּתְרוּעַת מֶלֶךְ בּוֹ.** דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט (בַּמִּדְבָּר רַבָּה כ, כ): דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ עֶס אִיז זֵייעֶר גְרִינְג ~

מִיר דַארְפְן זֵייעֶר שְׁטַארְק דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גְרוֹיסֶע טוֹבָה אוּן חֶסֶד וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהן מִיט אוּנְז אַז מִיר וֵוייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַזַא גְרִינְגֶע גֶעשְׁמַאקֶע וֶועג וִוי אַזוֹי אַ אִיד קֶען וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְכְ'ן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אוּן דוּרְךְ דִי אַלֶע אַנְדֶערֶע גְרִינְגֶע הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן. אוּן אוֹיף דֶעם וֶועג קֶענֶען מִיר וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר קֶענֶען וֶוערְן אֱמֶת'עֶ עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוֹיף זֵייעֶר אַ גְרִינְגֶע אוֹפָן.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זֶענֶען גֶעוֶוען אַסַאךְ גְרוֹיסֶע צַדִיקִים פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע דוֹרוֹת וָואס שְׁרַייבְּן אִין זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים אַז מֶען קֶען נִישְׁט וֶוערְן אֱמֶת'דִיג נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר אוֹיבּ מֶען פַּייְנִיגְט דֶעם גוּף מִיט שְׁוֶוערֶע סִגּוּפִים, מִיט אַסַאךְ פַאסְטְן אוּן זִיךְ צוּבְּרֶעכְן דֶעם גוּף. דָאס זֶענֶען זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע זַאכְן צוּ טוּהן, זַאכְן וָואס אַ פָּשׁוּט'עֶר מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט אוֹיס'מָשָׁל'ן, צוּם בַּיישְׁפִּיל זִיךְ צוּ טוּבְלְ'ן אוּנְטֶער דִי אַייז, זִיךְ צוּ קוֹילֶערְן אִין שְׁנֵיי אִינְמִיטְן ווִינְטֶער, צוּ זִיצְן צְווִישְׁן בִּינֶען וָואס בַּייסְן, אוּן נָאךְ שְׁוֶוערֶע סִגּוּפִים. זַאכְן וָואס אַ פָּשׁוּט'עֶר מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט טוּהן.

מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיפְן הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי דָוִד לֶעלוֹב'עֶר זִי"עַ אַז עֶר הָאט זֶעקְס יָאר גֶעטוּהן דִי תְּשׁוּבָה פוּן "סֵפֶר הַקָּנֶה" וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ טוּהן, עֶס אִיז פוּל מִיט שְׁוֶוערֶע תַּעֲנִיתִים אוּן סִגּוּפִים. אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר טַאקֶע צוּגֶעקוּמֶען צוּ גָאר גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת. מֶען דֶערְצֵיילְט אַז נָאךְ זַיין הִסְתַּלְקוּת הָאט מֶען גֶעטְרָאפְן אַ גָאר אַלְטְן גוֹי וָואס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען הוּנְדֶערְט אוּן אַכְט יָאר, אוּן עֶר הָאט נָאךְ גֶעלֶעבְּט נָאךְ עֶטְלִיכֶע יָאר נָאכְדֶעם, הָאט מֶען גֶעפְרֶעגְט דֶעם גוֹי וִוי אַזוֹי עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזַא לַאנְג לֶעבְּן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרָכָה פוּן רֶבִּי דָוִד לֶעלוֹב'עֶר.

דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען אַז דֶער צַדִיק פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן אַז אִינְמִיטְן ווִינְטֶער אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

נִישְׁט אוֹיף זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת נָאר אוֹיף זֵייעֶר גֵאוּת.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ב): אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ אַלֵיינְס דַן זַיין לְכַף זְכוּת, עֶר דַארְף קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר טוּט אוּן זִיךְ מְחַיֶּה זַיין מִיט דֶעם אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים. אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי אַ צְוֵוייטְן אִיד דַארְף מֶען קוּקְן נָאר אוֹיף יֶענֶעמְ'ס גוּטֶע חֲלָקִים, אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶעמְ'ס שְׁלֶעכְטְס.

אוּן בֶּאֱמֶת גֵייט דִי בֵּיידֶע זַאכְן צוּזַאמֶען, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט בַּיי זִיךְ נָאר אוֹיף זַיין גוּטְס, דֶעמָאלְט אִיז עֶר פְרֵיילִיךְ אוּן עֶר קוּקְט בַּיי יֶענֶעם אוֹיךְ נָאר דִי גוּטְס. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעהְט אָבֶּער נָאר דִי שְׁלֶעכְטְס בַּיי זִיךְ וֶוערְט עֶר אַ דֶערְבִּיטֶערְטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר זֶעהְט נָאר שְׁלֶעכְטְס בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, דֶער פָּסוּק גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יֶעדְן אִיד, **לֹא הִבִּיט אָוֶן בְּיַעֲקֹב** - מֶען זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטְס פוּן דִי פָּשׁוּטֶע אִידְן, **וְלֹא רָאָה עָמָל בְּיִשְׂרָאֵל** - אוּן אוֹיךְ נִישְׁט קוּקְן דִי שְׁלֶעכְטְס אוֹיף צַדִיקִים. וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם? **ה' אֱלֹקָיו עִמּוֹ** - וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אִים, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאךְ אַלֶץ לִיבּ אוּן עֶר אִיז מִיט אִים. דֶעמָאלְטְס וֶועט עֶר וִויסְן אַז, **וּתְרוּעַת מֶלֶךְ בּוֹ** - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ יֶעדְן אִיד וִוי אַזוֹי עֶר קוּקְט נָאר אוֹיס.

דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטְס פוּן אִידְן נָאר אוֹיף זֵייעֶר גֵאוּת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט נָאר אוֹיף דֶעם וָואס אַ אִיד הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק מִיט זַיינֶע מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, עֶר פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דֶעם, אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים וָואס עֶר הָאט, דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה בָּלָק ח)

***

**וַיַּרְא פִּינְחָס בֶּן אֶלְעָזָר בֶּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן וַיָּקָם מִתּוֹךְ הָעֵדָה וַיִּקַּח רֹמַח בְּיָדוֹ.** מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט אוּנְז מְרַמֵּז זַיין דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ו): אַז וֶוען דִי תַּאֲווֹת שְׁטַארְקְן זִיךְ אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ זָאל עֶר לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, אוּן מִיט דֶעם וֶועט עֶר אָפְּקִילְן זַיין יֵצֶר הָרַע.

חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת טו.) **כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע וּמְדַקְדֵּק בְּאוֹתִיּוֹתֶיהָ מְצַנְּנִין לוֹ גֵיהִנּוֹם**, דָאס מֵיינְט נִישְׁט נָאר דִי גֵיהִנּוֹם פוּן יֶענֶע וֶועלְט, נָאר אוֹיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט קִילְט עֶס אָפּ דִי פַייעֶר פוּן תַּאֲווֹת וָואס בְּרֶענְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, וֶוען פִּנְחָס הָאט גֶעזֶעהְן אַז עֶס אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר דִי תַּאֲווֹת אוֹיף דִי אִידְן, אוּן זֵיי וֶוערְן נִכְשָׁל אִין עֲבֵירוֹת, **וַיִּקַּח "רֹמַח" בְּיָדוֹ**, הָאט עֶר גֶענוּמֶען קְרִיאַת שְׁמַע וָואס הָאט אִין זִיךְ רַמַ"ח וֶוערְטֶער, אוּן מִיט דֶעם מַכְנִיעַ גֶעוֶוען דִי שְׁוֶוערֶע תַּאֲווֹת.

(זֹאת הַתּוֹרָה בָּלָק י)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

אוֹיפְן שְׁפִּיץ פוּן אַ בַּארְג, דָארְט אוּנְטְן פוּנֶעם בַּארְג אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין טַייכְל וָואס אִינְמִיטְן ווִינְטֶער אִיז עֶס גֶעוֶוען גֶעפְרוֹירְן פוּל מִיט שְׁטִיקֶער אַייז, אוּן דֶער צַדִיק פְלֶעגְט זִיךְ אוֹיסְטוּהְן דִי וֶועשׁ אוֹיבְן דֶעם בַּארְג, אוּן זִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אוּן זִיךְ אַרָאפְּגֶעקוֹילֶערְט דֶעם בַּארְג מִיט אַזַא כֹּחַ אַז עֶס הָאט צוּבְּרָאכְן דִי אַייז פוּנֶעם טַייךְ אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ גֶע'טוֹבְלְ'ט. אַרוּם דֶעם בַּארְג הָאבְּן גֶעווֹאוֹינְט אִינְגֶע עֲרֵלִים, זֵיי פְלֶעגְן קוּקְן וָואס דֶער צַדִיק טוּט, אֵיינְמָאל הָאבְּן זֵיי אָפְּגֶעמַאכְט אַז זֵיי גֵייעֶן מַאכְן גֶעשְׁפֶּעט פוּנֶעם צַדִיק, זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען גְלֶעזֶלֶעךְ אוּן עֶס צוּבְּרָאכְן אוֹיף דִי שִׁיפְּקֵייט פוּנֶעם בַּארְג, אַז וֶוען דֶער צַדִיק וֶועט זִיךְ אַרָאפּ קוֹילֶערְן וֶועט עֶר זִיךְ צוּשְׁנַיידְן פוּן דִי גְלָאז, רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, דֶעם קוּמֶענְדִיגְן טָאג וֶוען דֶער צַדִיק הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעקוֹילֶערְט דֶעם בַּארְג הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר צוּשְׁנִיטְן פוּן דִי שְׁטִיקֶער גְלָאז, רַחֲמָנָא לִיצְלָן. דֶערְנָאךְ הָאט אֵיינֶער פוּן דִי גוֹיִם גֶעטְרָאפְן דֶעם צַדִיק, אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "נוּ, הָאט אִיר בַּאקוּמֶען הַיינְט גוּטֶע סִגּוּפִים?", הָאט דֶער צַדִיק גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ הָאסְט עֶס גֶעטוּהְן? זָאלְסְטוּ לַאנְג לֶעבְּן!", אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער גוֹי וָואס הָאט גֶעהַאט אַן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע אֲרִיכַת יָמִים.

זֶעהְט מֶען וִוי וַוייט עֶר הָאט לִיבּ גֶעהַאט דִי סִגּוּפִים, זִיךְ צוּ פַּיינִיגְן זַיין גוּף. אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן וֶוען עֶר אִיז דֶערְנָאךְ גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זִי"עַ, הָאט רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זִי"עַ זִיךְ צוּגֶעדֶעקְט זַיין פָּנִים מִיטְן טַלִית אוּן נִישְׁט גֶעוָואלְט קוּקְן אוֹיף אִים, בִּיז זַיין הַארְץ אִיז גֶעוָוארְן אַזוֹי שְׁטַארְק צוּבְּרָאכְן אוּן עֶר הָאט זִיךְ שְׁטַארְק אוֹיסְגֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאר דֶעמָאלְט הָאט אִים רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ מְקָרֵב גֶעוֶוען, וַוייל בַּיי אִים אִיז גֶעוֶוען דִי עִיקָר חֲשִׁיבוּת אַ צוּבְּרָאכְן הַארְץ וָואס אִיז נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## אַ גְרִינְגֶע וֶועג

זֶעהְט מֶען וִוי צַדִיקִים הָאבְּן זִיךְ צוּבְּרָאכְן דֶעם גוּף פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער מִיר פָּשׁוּט'עֶ אִידְן זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּן דֶעם, מִיר קֶענֶען דָאס נִישְׁט טוּהְן, מִיר ווִילְן זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי פַּיינִיגְן אוּן צוּבְּרֶעכְן דֶעם גוּף. דֶערִיבֶּער דַארְפְן מִיר זֵייעֶר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי קוּמְט אוּן זָאגְט אוּנְז מִיט אַ שְׁטַארְקַייט אוּן קְלָארְקַייט, אַז מִיר דַארְפְן נִישְׁט הָאבְּן דִי אַלֶע תַּעֲנִיתִים אוּן סִגּוּפִים כְּדֵי צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי הָאט פַאר אוּנְז גְרִינְגֶע גֶעשְׁמַאקֶע עֵצוֹת וִוי אַזוֹי מִיר זָאלְן אוֹיךְ קֶענֶען נָאנְט וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אֲפִילוּ דֶער עֶרְגְסְטֶער נִידֶערִיגְסְטֶער מֶענְטְשׁ, אוֹיבּ עֶר וֶועט אַוֶועק וַוארְפְן זַיין שֵׂכֶל אוּן פָאלְגְן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע שְׁלֶעכְטְס אוּן וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער עִיקָר אִיז נָאר אַז עֶר זָאל עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל אוּן אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אַלֶעס וָואס עֶר טוּט, אַלֶעס שְׁוֶוערִיקַייטְן וָואס עֶר גֵייט דוּרְךְ בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, אוּן דַאן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס עֶר אִיז אַ שׁוֹמֵעַ תְּפִלַּת כָּל פֶּה, עֶר הֶערְט אוֹיס יֶעדְן אִיד אִין יֶעדֶע מַצָּב, וֶועט אִים זִיכֶער צוּהֶערְן אוּן עֶר וֶועט אִים הֶעלְפְן מִיט וָואס עֶר דַארְף.

דֶער רֶבִּי אַלֵיין הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן) אַז אִין זַיינֶע אִינְגֶע יָארְן הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעפַּיינִיגְט מִיט תַּעֲנִיתִים אוּן סִגּוּפִים, אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער אִיז אִיז עֶר גֶעווֹאוֹיר גֶעוָוארְן אַז דֶער עִיקָר וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז נָאר דוּרְכְן רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶועם עֶר וָואלְט דָאס גֶעווֹאוּסְט פְרִיעֶר וָואלְט עֶר זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי גֶעפַּיינִיגְט נָאר עֶר וָואלְט עֶנְדֶערְשׁ מֶער גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דָאס הָאט עֶר אוֹיךְ אָנְגֶעזָאגְט פַאר אוּנְז אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט פַאסְטְן אוּן

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

זִיךְ פַּיינִיגְן, נָאר לִיבֶּערְשְׁט רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס דָאס אִיז דֶער טִיר אוּן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ וֶוערְן אֱמֶת'דִיג נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוערְן אֱמֶת'דִיגֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן.

דֶערִיבֶּער דַארְפְן מִיר זֶעהן מִיר נִישְׁט זַיין קַיין בַּטְלָנִים, אַז מִיר וֵוייסְן יָא פוּן דִי גוּטֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, דַארְפְן מִיר דָאס טַאקֶע פָּאלְגְן אוּן דָאס מְקַיֵים זַיין, אוּן דוּרְךְ דֶעם צוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

## אַ לֶעכֶערִיגֶע זַאק

דֶער אֱמֶת אִיז אַז נָאר פַאסְטְן אוּן זִיךְ פַּיינִיגְן אַלֵיין אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן י') אַז דָאס אִיז אַזוֹי וִוי אַ לֶעכֶערִיגֶע זַאק, וָואס וֶוען מֶען וֶועט אוֹיסְלֵיידִיגְן דֶעם גַאנְצְן זַאק, וֶועט נָאךְ אַלְץ בְּלַייבְּן דִי לֶעכֶער. דִי זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַּיינִיגְט זִיךְ, עֶר לֵיידִיגְט זִיךְ אוֹיס דֶעם גוּף, אָבֶּער דִי לֶעכֶער - דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת אוּן תַּאֲווֹת בְּלַייבְּן נָאךְ אַלְץ אוֹיפְן גוּף. דֶער עִיקָר אִיז אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל דָאס אוֹיסְדֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל אַסַאךְ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, מִיט דֶעם הֵיילִיגְט עֶר זַיין גוּף אוּן בְּרֶענְגְט עֶס נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַמָאל אִיז גֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב זִי"עַ אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶר וואוּנְדֶערְט זִיךְ זֵייעֶר, וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶעהן גֶעשְׁרִיבְּן אִין דִי כִּתְבֵי אֲרִיזַ"ל אַז אוֹיבּ אֵיינֶער פַאסְט פֶערְצִיג טֶעג אוֹיף אַ מָאל, עֶר רֶעדְט נִישְׁט קַיין אִיבְּרִיגֶע וֶוערְטֶער דִי גַאנְצֶע צַייט, אוּן עֶר שְׁלָאפְט נָאר גָאר וֵוייניג, וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ זוֹכֶה זַיין צוּ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ. אוּן עֶר הָאט דָאס אַלְץ מְקַיֵים גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין רוּחַ הַקוֹדֶשׁ. וִוי אַזוֹי קֶען דָאס זַיין?

הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִי"עַ אַרוֹיסְגֶעפִירְט צוּם שְׁטַאל אוּן אִים גֶעוִויזְן אַ פֶערְד וָואס אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען. "דוּ זֶעהסְט דֶעם פֶערְד? עֶר עֶסְט כִּמְעַט גָארְנִישְׁט נָאר אַבִּיסְל שְׁטְרוֹי, עֶר רֶעדְט שׁוֹין נִישְׁט פַאר יָארְן, עֶר שְׁלָאפְט מַמָשׁ גָאר וֵוייניג, אוּן עֶר אִיז נָאךְ אַלְץ גֶעבְּלִיבְּן אַ פָּשׁוּט'עֶר פֶערְד, עֶר הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט גֶעטוּישְׁט...

זֶעהט מֶען אַז דֶער עִיקָר אִיז נָאר אוֹיבּ דִי סִגוּפִים בְּרֶענְגְן דֶעם מֶענְטְשׁ נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער סְתָּם אַזוֹי אִיז עֶס בִּכְלַל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט, אוּן אוֹיבּ דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוען מֶען וֶועט טוּהן זַיינֶע גְרִינְגֶע גֶעשְׁמַאקֶע עֵצוֹת, מֶען וֶועט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט דָאס אוּנְז שׁוֹין בְּרֶענְגְן צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, פַארְוָואס זָאל מֶען אִים נִישְׁט פָּאלְגְן?!

אַמָאל אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט צוּפִיל גֶעדַאוְונְט אוּן גֶעלֶערְנְט, עֶר הָאט נָאר עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין סִגוּפִים, עֶר הָאט גֶעגֶעסְן וֵוייניג, גֶעשְׁלָאפְן וֵוייניג, וְכַדוֹמֶה. אוּן מִיט דֶעם הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט דֶערְהוֹיבְּן. הָאט אִים מוֹהֲרָא"ש גֶעזָאגְט: "וֶועם מֵיינְסְטוּ אַז דוּ בִּיזְט מְסַגֵף וֶוען דוּ עֶסְט נִישְׁט גֶעהֶערִיג? דוּ רֶעדְסְט זִיךְ אֵיין אַז דוּ בִּיזְט מְסַגֵף דַיין יֵצֶר הָרַע, אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז דוּ בִּיזְט מְסַגֵף זַיין יֵצֶר טוֹב, וַוייל דֶער עִיקָר עֲבוֹדַת ה' אִיז צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען. וֶוען דוּ עֶסְט נִישְׁט גֶעהֶערִיג, קֶענְסְטוּ נִישְׁט לֶערְנֶען אוּן נִישְׁט דַאוֶוענֶען, אוּן דוּ פַארְלִירְסְט נָאר מִיט דֶעם. אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט דַוְקָא זִיךְ מְסַגֵף זַיין, זָאלְסְטוּ דִיךְ פַּיינִיגְן מִיטְן רֶעדְן, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט רֶעדְן אַזוֹיפִיל נַארִישְׁקַייטְן, נָאר אוֹיסְנוּצְן דִי טֵייעֶרֶע צַייט מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער סִגוּף, אוּן דֶעמָאלְט הָאסְטוּ עֶפֶּעס פַארְדִינְט פוּן דֶעם".

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס הָאט שֵׂכֶל אוּן עֶר פָּאלְגְט דִי הֵיילִיגֶע גְרִינְגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, וֶועט עֶר זוֹכֶה צוּ צוּקוּמֶען צוּ זַיין תַּכְלִית אוֹיף דֶער וֶועלְט, וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ו' עֶרֶךְ סִגוּפִים)

# מִילֵי דְאָבוֹת

## פֶּערְל וֶוערְטֶער אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת

## מִשְׁנַיוֹת בְּרֶענְגְט אַלֶעס גוּטְס.

**בֶּן עֶשֶׂר לַמִּשְׁנָה**

עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס מֵיינֶען אַז מִשְׁנַיוֹת אִיז נָאר גֶעמַאכְט גֶעוָוארְן פַאר עֶלְטֶערֶע אִידְן צוּ לֶערְנֶען, "וֶוען אִיךְ וֶועל זַיין אַן עֶלְטֶערֶער אִיד, וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג עֶטְלִיכֶע מִשְׁנַיוֹת צְוִוישְׁן מִנְחָה מַעֲרִיב", אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז נִישְׁט אַזוֹי, דֶער תַּנָא זָאגְט **בֶּן עֶשֶׂר לַמִּשְׁנָה** אַ אִינְגְל פוּן צֶעהן יָאר דַארְף מֶען שׁוֹין צוּגֶעוואוֹינֶען עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, אָנְהֵייבְּן פוּן מַסֶכֶת בְּרָכוֹת אוּן אַזוֹי לֶערְנֶען מַסֶכֶת נָאךְ מַסֶכֶת, בִּיז עֶר וֶועט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל, אַזוֹי אַ גַאנְץ לֶעבְּן, וַוייל דָאס לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת לַייטֶערְט אוֹיס אַ מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר קוֹיפְט זִיךְ אֵיין דִי יְסוֹדוֹת פוּן דִי תּוֹרָה.

מִשְׁנָ"ה אִיז דִי אוֹתִיוֹת נְשָׁמָ"ה, עֶס לַייטֶערְט אוּן הֵיילִיגְט דִי נְשָׁמָה. עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (מֶדְרָשׁ תַּלְפִּיוֹת) אַז אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זִיצְט בַּיים טִיר פוּן גֵיהִנוֹם, אוּן וֶוער עֶס הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת לָאזְט עֶר נִישְׁט אַרַיין אִין גֵיהִנוֹם. דֶער הֵיילִיגֶער "בֵּית יוֹסֵף" הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ מַגִיד פוּן הִימְל, אִין זְכוּת וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת (סֵפֶר מַגִיד מֵישָׁרִים). דֶער זֹהַר הַקָדוֹשׁ שְׁרַייבְּט (זֹהַר, בְּרֵאשִׁית מב.) אַז וֶוער עֶס זָאגְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, בְּרֶענְגְט דָאס אִים צוּ אַלֶע גְרֶעסְטֶע וֶועלְטְן. דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (וַיִקְרָא רַבָּה, פ"ז, ס"ג) וֶוער עֶס לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת אִיז וִוי עֶר הָאט מַקְרִיב גֶעוֶוען אַ קָרְבַּן. נָאךְ זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ (שָׁם) דִי אִידְן וֶועלְן נִישְׁט אַרוֹיס גֵיין פוּן גָלוּת, נָאר אִין זְכוּת פוּן מִשְׁנַיוֹת, קוּמְט אוֹיס אַז וֶוער עֶס לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, אִיז מְקָרֵב דִי גְאוּלָה, אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַז דִי סְכוּם פוּן פְּרָקִים וָואס עֶס אִיז דָא אִין גַאנְץ מִשְׁנַיוֹת, אִיז וִוי דִי גִימַטְרִיָא פוּן "מָשִׁיחַ בֶּן דָוִד" וַוייל אִין זְכוּת פוּן מִשְׁנַיוֹת וֶועט מָשִׁיחַ קוּמֶען.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס בַּאפְלַייסְט זִיךְ צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, וֶועט אִים זַיין גוּט אַ גַאנְץ לֶעבְּן!

(חַסְדֵי אָבוֹת פֶּרֶק ה' מִשְׁנָה כ"ד)

***

## דְרֵיי עֶס אוֹיף בֵּיידֶע וֶועגְן.

**בֶּן בַּג בַּג אוֹמֵר, הֲפָךְ בָּה וַהֲפָךְ בָּה דְכוּלָה בָּה.**

דֶער מֶדְרָשׁ שְׁמוּאֵל זָאגְט אַז בֶּן בַּג בַּג אִיז גֶעוֶוען אַ גֵר, אוּן עֶס קֶען זַיין אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער גֵר וָואס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ הִלֵל אַז עֶר ווִיל זִיךְ מְגַייֵר זַיין אָבֶּער עֶר גְלֵייבְּט נָאר אִין תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב אוּן נִישְׁט אִין תּוֹרָה שֶׁבַּעַל פֶּה, הָאט אִים הִלֵל אוֹיסְגֶעלֶערְנְט קוֹדֶם דִי א-ב אִין אַ סֵדֶר, אוּן אוֹיפְצוּמָארְגְנְ'ס הָאט אִים הִלֵל אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט דִי סֵדֶר פוּן דִי א-ב, אוּן וֶוען דֶער גֵר הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט דִי פְּשַׁט דֶערְפוּן, הָאט אִים הִלֵל גֶעזָאגְט אַזוֹי וִוי דוּ גְלֵייבְּסְט מִיר מִיט דִי א-ב זָאלְסְטוּ מִיר אוֹיךְ גְלֵייבְּן מִיט דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה שֶׁבַּעַל פֶּה, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דִי תּוֹרָה נָאר אוֹיבּ מֶען הֶערְט אוֹיס וָואס דִי חֲכָמִים זָאגְן, עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג צוּ לֶערְנֶען נָאר דִי תּוֹרָה אַלֵיין.

דָאס זָאגְט בֶּן בַּג בַּג, הֲפָךְ בָּה וַהֲפָךְ בָּה, דְרֵיי אוֹיס דִי אוֹתִיוֹת אוֹיף בֵּיידֶע וֶועגְן, וֶועסְטוּ זֶעהן אַז מֶען מוּז צוּקוּמֶען צוּ דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אַז זֵיי זָאלְן אוּנְז מַסְבִּיר זַיין וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט.

(חַסְדֵי אָבוֹת פֶּרֶק ה' מִשְׁנָה כ"ה)

# אִיךְ ווִיל שׁוֹין זַיין וואוֹיל

עֶס פְלֶעגְט זַיין דֶער סֵדֶר בַּיים הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז פַאר סוּכּוֹת פְלֶעגְט מֶען אִים בְּרֶענְגֶען צְוֵויי קֶעסְטְלֶעךְ פוּן דִי שֶׁענְסְטֶע אֶתְרוֹגִים עֶר זָאל זִיךְ אוֹיסְקְלוֹיבְּן פַאר זִיךְ, אוּן עֶס זָאל זַיין גֶענוּג אוֹיךְ פַאר זַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב הָאט אָנְגֶעוָוארֶענְט: קֵיינֶער זָאל נִישְׁט אוֹיפְמַאכְן דִי קֶעסְטְלֶעךְ פוּן דִי אֶתְרוֹגִים בִּיז ווִילַאנְג עֶר קְלוֹיבְּט זִיךְ אוֹיס אַן אֶתְרוֹג, נָאכְדֶעם קֶענֶען שׁוֹין דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ אוֹיךְ נֶעמֶען. הָאט זִיךְ אֵיינֶער פוּן דִי אֵיינִיקְלֶעךְ גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן: מִן הַסְתָּם וֶועל אִיךְ זַיין דֶער לֶעצְטֶער צוּ קֶענֶען קְלוֹיבְּן אוּן מֶען וֶועט מִיר אִיבֶּערְלָאזְן דֶעם שְׁוַואכְסְטְן אֶתְרוֹג, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען שְׁטִילֶערְהֵייט אוּן אוֹיפְגֶעמַאכְט אֵיין קֶעסְטְל אוּן אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אַ אֶתְרוֹג אוּן דָאס צוּרִיק פַארְמַאכְט. נָאכְדֶעם וֶוען מֶען הָאט גֶעבְּרֶענְגְט פַארְן הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רָב דִי אֶתְרוֹגִים, אוּן עֶר הָאט בַּאמֶערְקְט אַז אֵיינֶער הָאט דָאס שׁוֹין אָנְגֶערִירְט, הָאט עֶר זִיךְ גֶערֶעגְט: וֶוער הָאט דָא אָנְגֶערִירְט?! פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב הָאט אַוַודַאי גֶעוואוּסְט וֶועלְכֶער אֵיינִיקְל דָאס אִיז גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט רֶעדְן מִיט אִים, אוּן עֶר הָאט אִים מְרַחֵק גֶעוֶוען.

מֶען הַאלְט שׁוֹין עֶרֶב סוּכּוֹת נָאכְמִיטָאג, וָואס ווִי בַּאווּסְט פְלֶעגְט דֶעמָאלְטְס דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב טֵיילְן אוֹיסְטֶערְלִישׁ אַסַאךְ צְדָקָה, וָואס עֶר הָאט נָאר גֶעהַאט, אָבֶער אוֹיף דֶעם אֵיינִיקְל הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט קוּקְן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר הָאט שׁוֹין גוּט חֲרָטָה גֶעהַאט אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעטוּעְן, אִיז עֶר אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּם זֵיידְן אוּן אוֹיסְגֶעזָאגְט דֶעם אֱמֶת: זֵיידֶע! אִיךְ הָאבּ עֶס גֶענוּמֶען, אוּן אִיךְ ווִיל שׁוֹין זַיין וואוֹיל. זָאגְט דֶער צַאנְזֶער רָב: אַזוֹי! דוּ ווִילְסְט שׁוֹין זַיין וואוֹיל?! אִיךְ ווִיל שׁוֹין אוֹיךְ זַיין וואוֹיל! לָאמִיר בֵּיידֶע זַיין וואוֹיל אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט אוּנְז בֵּיידֶע מוֹחֵל זַיין.

**עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה** וֶוען אַ אִיד קוּמְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן זָאגְט: **רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם!** אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט גְרָאבֶּע עֲבֵירוֹת, אָבֶער אִיךְ וֶועל שׁוֹין זַיין וואוֹיל, אִיךְ וֶועל דָאס שׁוֹין מֶער נִישְׁט טוּהְן, אוּן אֲפִילוּ אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין אַסַאךְ מָאל צוּגֶעזָאגְט, אוּן אִיךְ בִּין לֵיידֶער נָאכְאַמָאל דוּרְכְגֶעפַאלְן, ווִיל אִיךְ נָאכְאַמָאל תְּשׁוּבָה טוּהְן וְכוּ׳. אִיז אַוַודַאי אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אָן זַיין תְּשׁוּבָה, אוּן עֶר אִיז אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעס; וַוייל דָאס אִיז דֶער עִיקָר מַעֲלָה פוּן אַ אִיד אוֹיף דֶער וֶועלְט, אַז עֶר טוּט תְּשׁוּבָה, אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ.

***

אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט אַ בְּרֶסְלֶבֶ׳ער חָסִיד רֶבִּי חַיִּים בִּנְיָמִין בְּרָאד זַ״ל, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען נָאר פְרֵיילֶעךְ, כָאטְשִׁיג עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער אָרִימַאן אוּן עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהַאט, עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין רוּסְלַאנְד אוּנְטֶער דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע קָאמוּנִיסְטְן יִמַח שְׁמָם, וָואס הָאבְּן נָאר גֶעוָואלְט אוֹיסְרַייסְן אִידִישְׁקֵייט רַחְמָנָא לִצְלָן, מֶען הָאט אִים אַמָאל גֶעכַאפְּט לֵייגְן טַלִית אוּן תְּפִילִין, הָאט מֶען אִים גְלַייךְ אַרַיינְגֶעשְׁלַיידֶערְט אִין תְּפִיסָה, אָבֶער ווִיבַּאלְד עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ פְרֵיילִיכֶער אִיד, הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען טַאנְצְן: בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז צוּלִיבּ לֵייגְן תְּפִילִין הָאט מֶען מִיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט דָא. הָאבְּן זִיךְ דִי אוֹיפְזֶעהֶערְס דָארְטְן אָנְגֶערוּפְן אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערְן: עֶר אִיז דָאךְ אַ מְשׁוּגָענֶער, עֶר טַאנְצְט אַ גַאנְצְן טָאג, מֶען דַארְף אִים אַרוֹיסְלָאזְן! [בַּיי דִי רוּסְן יִמַח שְׁמָם הָאט מֶען אִידִישְׁקֵייט וְכוּ׳ גֶעדַארְפְט אוֹיסְרַייסְן, אָבֶער אוֹיף אַ מְשׁוּגָע׳נֶעם הָאט מֶען רַחְמָנוּת גֶעהַאט,] אָבֶער בַּיים אַרוֹיסְלָאזְן דַארְף מֶען אוּנְטֶערְשְׁרַייבְּן, אוּן ווִיבַּאלְד עֶס אִיז גֶעוֶוען שַׁבָּת, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט מְחַלֵל שַׁבָּת זַיין אוּן אוּנְטֶערְשְׁרַייבְּן בְּשׁוּם אוֹפָן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: עֶר שְׁרַייבְּט נִישְׁט שַׁבָּת. הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט: ווִילְסְטוּ דֶען נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין?! שְׁרַייבּ דַיין נָאמֶען אוּן בִּיזְט פְרֵיי! הָאט עֶר נָאכְאַמָאל גֶעזָאגְט מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט: נֵיין! שַׁבָּת שְׁרַייבּ אִיךְ נִישְׁט. רוּפְן זֵיי זִיךְ אָן: וֶועסְטוּ דָא בְּלַייבְּן שְׁמַאכְטְן אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיס גֵיין.

הָאט עֶר גֶענוּמֶען טַאנְצְן נָאךְ מֶער: בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז נִישְׁט נָאר מֶען הָאט מִיר אַיינְגֶעזֶעצְט וֶועגְן טַלִית וּתְפִילִין, נָאר יֶעצְט ווִילְן זֵיי מִיר דָא לָאזְן שְׁמַאכְטְן וֶועגְן הִיטְן שַׁבָּת, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְטֶערְלִישׁ פְרֵיילִיךְ, אוּן נָאר גֶעטַאנְצְן אַגַאנְצְן שַׁבָּת פוּן גְרוֹיס שִׂמְחָה, הָאבְּן זֵיי אִים גֶעפְרֶעגְט: וֶוען וֶועסְטוּ יָא קֶענֶען חַתְמֶ׳עֶנֶען?! הָאט עֶר גֶעזָאגְט: וֶוען אִיר וֶועט זֶעהְן שְׁטֶערְנְס אִינְדְרוֹיסְן, זֵיי הָאבְּן קוֹים אוֹיסְגֶעוַוארְט בִּיז בַּיינַאכְט, אוּן גְלַייךְ אִים גֶעהֵייסְן חַתְמֶ׳עֶנֶען, אוּן פַארְשִׁיקְט פוּן דָארְט.

(קוּנְטְרֵס ׳עֶס וֶועט דִיר נָאךְ לֶעכְטִיג וֶוערְן׳)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

### "מחנה תפארת התורה" אין פולן שוואונג

מיטן אייבערשטנ׳ס הילף האט מען אנגעהויבן די זומער אין קעמפ מיט גרויס הצלחה, די בחורים האבן זיך איינגעארדענט אין קעמפ, און דער קול תורה ותפלה הילכט שוין אפ בין כותלי בית המדרש מיט א שטארקייט.

ווי אויך האבן די בחורים די זכי׳ צו הערן יעדן טאג די אינהאלטסרייכע שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א, פארמיטאג לערנט מען גמרא רש"י תוספות בעיון, ביז להלכה למעשה אין שלחן ערוך ונושאי כלים, און נאכמיטאג איז דא דער צווייטער שיעור אין רבינ׳ס ספרים געפלאכטן מיט דברי חיזוק והתעוררות, מיט וואס די בחורים זענען זיך מחי׳.

מיטן אייבערשטנ׳ס הילף אנטשפרעכט דער זומער צו זיין א גרויסע סוקסעס, ווי די בחורים וועלן אהיים פארן מלא וגדוש מיט תורה ויראת שמים.

**ההרים והגבעות יפצחו לפניכם רנה!**


## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה מרדכי שאול יעקב אינדיג הי"ו**

מנהל תלמוד תורה היכל הקודש וויליאמסבורג

**צו די געבורט פון זיין אינגל למז"ט**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון זיינע קינדער, דורות ישרים ומבורכים.

## קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א**

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!

**וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים**

שנעל גוט און ביליג!

**רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554**

**5554printing@gmail.com**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א


**זמנים**
הדלקת הנרות.....................8:10
סוף זמן קר"ש......................8:42
מוצש"ק..............................9:40

**שיעורים כסדרן**
בבלי.............................תענית ל"א
ירושלמי.......................פאה י"ב
תוספתא.................עוקצין פרק ג'
הדרן עלך ששה סדרי תוספתא


פרשת פנחס, י"ד תמוז, אבות פרק ו', שנת תשע"ד לפ"ק — שנה 3, גליון 46 (146)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**לָכֵן אֱמֹר הִנְנִי נֹתֵן לוֹ אֶת בְּרִיתִי שָׁלוֹם,** לְכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס הָאט פִּנְחָס דַוְקָא בַּאקוּמֶען דֶעם שְׂכַר פוּן שָׁלוֹם?

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן פ') אַז שָׁלוֹם אִיז נָאר דָא וֶוען צְוֵויי פַארְקֶערְטֶע זַאכְן קֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְשְׁטֶעלְן, וֶוען מֶען קֶען צוּזַאמְשְׁטֶעלְן פֵייעֶר מִיט וַואסֶער. אָבֶער וֶוען צְוֵויי דִי זֶעלְבֶּע זַאכְן שְׁטֶעלְן זִיךְ צוּזַאם הֵייסְט דָאס נִישְׁט קַיין שָׁלוֹם.

דָא בַּיי פִּנְחָס גֶעפִינֶען מִיר אַז מֶען הָאט אִים פַארְשֶׁעמְט אַז עֶר שְׁטַאמְט פוּן אַ זֵיידֶע וָואס הָאט גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה, אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז דַוְקָא דָאס גֶעוֶוען פַאר אִים דִי גְרֶעסְטֶע חֲשִׁיבוּת, אַז אֲפִילוּ זַיין זֵיידֶע הָאט גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען בִּיז דִי פַארְקֶערְטֶע אוּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בֶּאֱמֶת.

דֶערְפַאר, אַזוֹי וִוי פִּנְחָס הָאט צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט דִי צְוֵויי פַארְקֶערְטֶע זַאכְן, פוּן אַזַא אָפְּשְׁטַאם וָואס מֶען הָאט גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר קוּמְט אִים אַזַא שְׂכַר, צוּ בַּאקוּמֶען דִי בְּרָכָה פוּן שָׁלוֹם, וָואס דָאס אִיז אוֹיךְ וֶוען עֶס שְׁטֶעלְט זִיךְ צוּזַאם צְוֵויי פַארְקֶערְטֶע זַאכְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה פִּנְחָס ב')

***

**יִפְקֹד ה' אֱלֹקֵי הָרוּחֹת לְכָל בָּשָׂר אִישׁ עַל הָעֵדָה, אֲשֶׁר יֵצֵא לִפְנֵיהֶם וַאֲשֶׁר יָבוֹא לִפְנֵיהֶם.** דֶער בַּעַל הַטּוּרִים בְּרֶענְגְט אַ מְסוֹרָה, **"וַאֲשֶׁר יָבוֹא לִפְנֵיהֶם"**, אוּן נָאךְ אַ פָּסוּק **"וַאֲשֶׁר יָבֹא אֶת רֵעֵהוּ בַיַּעַר לַחְטֹב עֵצִים"**, דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין דִי שַׁייכוּת פוּן דִי צְוֵויי פְּסוּקִים.

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ס"ח) אַז דֶער שְׁלֵימוּת פוּן אַ צַדִיק אִיז וֶוען עֶר קֶען וַוייזְן פַארְן גְרֶעסְטְן מֶענְטְשׁ אַז עֶר קֶען וֶוערְן נָאךְ בֶּעסֶער, אוּן פַארְקֶערְט עֶר קֶען אוֹיךְ וַוייזְן פַארְן נִידֶערִיגְסְטְן מֶענְטְשׁ אַז עֶר אִיז אוֹיךְ נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אוֹיךְ לִיבּ.

דֶער צַדִיק דַארְף הָאבְּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע שְׁפְּרַאךְ צוּ יֶעדְן מֶענְטְשׁ לוֹיט זַיין מַדְרֵיגָה, אֵיינֶעם דַארְף מֶען מְחַזֵק זַיין אַז עֶר אִיז זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֵיינֶעם דַארְף מֶען מְעוֹרֵר זַיין אַז עֶר קֶען גֵיין נָאךְ הֶעכֶער. דָאס קֶען נָאר אַן אֱמֶת'עֶר צַדִיק טוּהן, אוּן דֶערְפַאר זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקּוּטֵי

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

### ~ בֶּעטְן, אוּן אוֹיךְ דַאנְקֶען ~

אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען שְׁטֶענְדִיג צוּ לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע זַיינֶע חֲסָדִים. גֶעוֶוענְלִיךְ זֶענֶען מֶענְטְשְׁן צוּגֶעוואוֹינְט צוּ קוּקְן נָאר אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים וָואס זֵיי הָאבְּן, מֶען בַּאמֶערְקְט מֶער דִי שְׁלֶעכְטְס וִוי דִי גוּטְס, אָבֶער וֶוען מֶען קוּקְט גוּט זֶעהְט מֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַ גוּטֶער, עֶר טוּט נָאר גוּטְס פַאר מֶענְטְשְׁן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז פוּל מִיט רַחֲמָנוּת, אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס גֶעשֶׁעהְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז נָאר פַאר זַיין טוֹבָה. כָאטְשׁ צוּמָאל זֶעהְט מֶען נִישְׁט גְלַייךְ דִי טוֹבָה, פוּן אוֹיבְּנְאוֹיף זֶעהְט אוֹיס וִוי עֶס גֵייט נָאר שְׁלֶעכְט, אָבֶער וֶוען מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ קוּקְן אוֹיף דִי גוּטְס, זֶעהְט מֶען אַז עֶס אִיז דָא גֶענוּג אוּן נָאךְ גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט, אוּן אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אַלֵיין אַז מֶען אִיז גֶעזוּנְט אוּן אַז דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער זֶענֶען גֶעזוּנְט, אוֹיף דֶעם אַלֵיין קֶען מֶען נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען מֶען קוּקְט זִיךְ אַרוּם אוּן מֶען זֶעהְט לַיידֶער וִוי דִי שְׁפִּיטֶעלֶער זֶענֶען פוּל מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נִישְׁט גֶעזוּנְט רח"ל, אָדֶער וֶוען מֶען זֶעהְט לַיידֶער מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, וָואס דֶער צַעַר קֶען מֶען גָארְנִישְׁט בַּאגְרֵייפְן - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער - קַיין שׁוּם גֶעלְט אוֹיף דִי וֶועלְט קֶען נִישְׁט בַּארוּאִיגְן אוּן פַארְגִיטִיגְן דִי שׂוֹידֶערְלִיכֶע צַעַר פוּן הָאבְּן נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער רח"ל. דֶערִיבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז יָא גֶעזוּנְט אוּן זַיין מִשְׁפָּחָה אִיז גֶעזוּנְט, אוּן עֶר רֶעדְט זִיךְ אָפּ אַז עֶר הָאט צָרוֹת אוּן עֶר הָאט טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז אַ פָּשׁוּט'עֶר שׁוֹטֶה. דָאס אַלֵיינְס אַז מֶען אִיז גֶעזוּנְט אוֹיף דֶעם אַלֵיין דַארְף מֶען שׁוֹין טַאנְצְן יֶעדְן טָאג אוּן נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י"ח) אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה צוּ זָאגְן תּוֹרָה, וַוייל מֶען קֶען הַרְגִ'נֶען מֶענְטְשְׁן מִיט דִי תּוֹרָה וָואס מֶען זָאגְט. דָאס מֵיינְט אַז אוֹיבּ זָאגְט מֶען דִי נִישְׁט רִיכְטִיגֶע זַאךְ פַאְרְן נִישְׁט רִיכְטִיגְן מֶענְטְשׁ, הָאט מֶען גֶע'הַרְגֶ'ט דֶעם מֶענְטְשׁ.

דָאס הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **יִפְקֹד ה' אֱלֹקֵי הָרוּחוֹת לְכָל בָּשָׂר אִישׁ עַל הָעֵדָה**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל שְׁטֶעלְן אַזַא מַנְהִיג, **אֲשֶׁר יֵצֵא לִפְנֵיהֶם וַאֲשֶׁר יָבוֹא לִפְנֵיהֶם**, אַמָאל דַארְף עֶר מְחַזֵק זַיין, אַרַיין בְּרֶענְגֶען דִי אִידְן וָואס מֵיינֶען אַז זֵיי זֶענֶען שׁוֹין אִינְדְרוֹיסְן, און אַמָאל דַארְף מֶען מְעוֹרֵר זַיין אֵיינֶעם אַז עֶר קֶען נָאךְ מֶער טוּהן.

און דָאס שְׁטֶעלְט צוּ דִי מְסוֹרָה דֶעם פָּסוּק, **וַאֲשֶׁר יָבֹא אֶת רֵעֵהוּ בַיַּעַר לַחְטֹב עֵצִים**, וָואס דֶער פָּסוּק רֶעדְט דָארְט פוּן אֵיינֶעם וָואס הַרְגְ'ט בְּשׁוֹגֵג, אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אוּנְטֶערְנֶעמֶען אַזַא זַאךְ צוּ זָאגְן מוּסָר פַאר מֶענְטְשְׁן, וַוייל מֶען קֶען מִיט דֶעם הַרְגֶ'נֶען מֶענְטְשְׁן, נָאר אַן אֶמֶת'עֶר צַדִיק קֶען דָאס טוּהן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית פִּנְחָם תשס"ה)

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיינֶע גְרוֹיסֶע חֲסָדִים.

צוּ רֶבִּי נָתָן אִיז אַמָאל אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַן אַפִּיקוֹרֶס וָואס הָאט לַיידֶער גֶערֶעדְט קֶעגְן אֵייבֶּערְשְׁטְן רח"ל, עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט טַעֲנוֹת און קֻשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט רֶעדְן הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "אִיךְ זֶעה נִישְׁט וָואסֶערֶע שְׁלֶעכְטְס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעטוּהן אַז דוּ בִּיזְט אַזוֹי בְּרוֹגֶז אוֹיף אִים, אִיךְ זֶעה אַז דוּ בִּיזְט גֶעזוּנְט, דַיין וַוייבּ און קִינְדֶער זֶענֶען גֶעזוּנְט, אִיךְ זֶעה נִישְׁט פַארְוָואס דוּ דַארְפְסְט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אָפְּרֶעדְן". וֶוען יֶענֶער הָאט גֶעהֶערְט דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי נָתָן וָואס הָאט דָאס גֶעזָאגְט מִיט אַזַא תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אִיז עֶר אַזוֹי נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן צוּ תְּשׁוּבָה, אַז עֶר הָאט גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען און חֲרָטָה הָאבְּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער וָואס עֶר הָאט גֶערֶעדְט.

דֶערְפַאר אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ צוּ גֵיין פוּן צַייט צוּ צַייט בַּאזוּכְן קְרַאנְקֶע. אוֹיסֶער דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן בִּיקוּר חוֹלִים, טוּט עֶס אוֹיף נָאךְ אַ זַאךְ, אַז מֶען זֶעהט אַז עֶס אִיז לַיידֶער דָא אַזוֹיפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס לִיגְן נֶעבֶּעךְ אִין שְׁפִּיטָאל מִיט גְרוֹיסֶע יִסוּרִים, און דֶעמָאלְט בַּארוּהִיגְט מֶען זִיךְ. וַוייל קוֹדֶם הָאט מֶען גֶעמֵיינְט אַז מֶען הָאט דִי עֶרְגְסְטֶע לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט, אָבֶּער נָאכְן זֶעהן דִי קְרַאנְקֶע, דַאנְקְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען אִיז גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק און מֶען דַארְף נִישְׁט לִיגְן אִין שְׁפִּיטָאל, און מֶען הָאט מֶער נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (נְדָרִים מ.) כָּל הַמְבַקֵּר אֶת הַחוֹלֶה נִצּוֹל מִדִּינָהּ שֶׁל גֵיהִנּוֹם, וַוייל פַאר דֶעם הָאט דֶער מֶענְטְשׁ גֶעמֵיינְט אַז עֶר הָאט מַמָשׁ דָאס גֵיהִנּוֹם אוֹיף דִי וֶועלְט, אָבֶּער נָאכְן זֶעהן וָואס דִי קְרַאנְקֶע מַאכְן מִיט ל"ע, בַּארוּהִיגְט מֶען זִיךְ אַז עֶס אִיז נִישְׁט עֶק וֶועלְט, און אַזוֹי וֶוערְט מֶען נִצּוֹל מִדִּינָהּ שֶׁל גֵיהִנּוֹם.

### בַּאלַאנְצִירְן דִי תְּפִלּוֹת

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ב') אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִים קמט, ו) "וְחֶרֶב פִּפִיּוֹת בְּיָדָם", אַז דָאס דַאוֶוענֶען און דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַזוֹי וִוי אַ שְׁוֶוערְד וָואס הָאט צְוֵויי שַׁארְפְן, דָאס מֵיינְט אַז עֶס אִיז שַׁארְף פוּן בֵּיידֶע זַייטְן. און דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז וֶוער עֶס הָאט דֶעם שְׁוֶוערְד, דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ בֵּייגְן דֶעם שְׁוֶוערְד מֶער צוּ אֵיין זַייט וִוי צוּ דִי צְווֵייטֶע, נָאר צוּ גֵיין פוּנְקְט אִינְדֶערְמִיט.

אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס וֵוייסְן שׁוֹין אַז מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי פְּרוּבִּירְן צוּ פָאלְגְן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן און זֵיי שְׁטְרֶענְגֶען זִיךְ אָן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אֲפִילוּ זֵיי, וֶועלְן אָבֶּער גֶעוֶוענְלִיךְ מֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זַאכְן וָואס עֶס פֶעלְט זֵיי, זַאכְן וָואס זֵיי דַארְפְן הָאבְּן, און זֵיי וֶועלְן נִישְׁט אַזוֹיפִיל דַאנְקֶען און לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט זֵיי שׁוֹין גֶעגֶעבְּן.

דָאס אִיז אָבֶּער נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, תְּפִלָּה אִיז שַׁארְף פוּן צְוֵויי זַייטְן, דָאס מֵיינְט אַז עֶס הָאט אִין זִיךְ צְוֵויי זַאכְן, פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען טַאקֶע אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען אוֹיךְ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ בֵּייגְן דֶעם שְׁוֶוערְד מֶער צוּ אֵיין זַייט, דָאס מֵיינְט אַז וִויפִיל מֶען בֶּעהְט אוּן מֶען בֶּעהְט, טָאר מֶען נִישְׁט פַארְגֶעסְן אוֹיךְ צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיינֶע חֲסָדִים, און טַאקֶע פוּנְקְט דִי זֶעלְבֶּע מָאס וִויפִיל מֶען הָאט גֶעבֶּעטְן. וֶוען דָאס וֶוערְט גוּט בַּאלַאנְצִירְט דַאן הָאט מֶען אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַצְלָחָה. מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט נָאר אָפְּרֶעדְן און נָאכְאַמָאל אָפְּרֶעדְן אַ גַאנְצְן טָאג.

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט אַז וֶוען אַ אִיד זָאגְט: "שְׁ'כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער - עֶס אִיז מִיר גוּט", דַאן זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "דָאס הֵייסְט דֶען גוּט? אִיךְ וֶועל דִיר וַוייזְן וָואס גוּט מֵיינְט", און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אִים נָאךְ אַ סַךְ מֶער שֶׁפַע און גוּטֶע זַאכְן, אַז עֶס זָאל אִים בֶּאֱמֶת זַיין גוּט. און פַארְקֶערְט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ נָאר אָפּ אַז עֶס גֵייט אִים שְׁלֶעכְט, דַאן קֶען מֶען אִים וַוייזְן פוּן הִימְל וָואס עֶס אִיז בֶּאֱמֶת שְׁלֶעכְט רח"ל.

דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זִיךְ צוּגֶעוֶואוֹינֶען שְׁטֶענְדִיג נָאר צוּ קוּקְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ פָּאזִיטִיוו, זֶעהן נָאר דָאס גוּטְס אִין יֶעדֶע זַאךְ, און דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערְפַאר. וֶוען אַ צְווֵייטֶער פְרֶעגְט אִים: "וָואס מַאכְסְטוּ? וִוי אַזוֹי גֵייט עֶס דִיר?" זָאל עֶר נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן אַז עֶס אִיז אִים בִּיטֶער און שְׁלֶעכְט, נָאר פַארְקֶערְט, עֶר זָאל זָאגְן אַז עֶס גֵייט אִים זֵייעֶר גוּט, נָאר הֶעכְסְטְנְס קֶען עֶס זַיין נָאךְ בֶּעסֶער.

וֶוען אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ שְׁטֶענְדִיג נָאר צוּ דַאנְקֶען און לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועט עֶר זֶעהן דִי פִילֶע נִסִים און חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט טוּהן מִיט אִים. וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט און וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ח' עֶרֶךְ תּוֹדָה וְהוֹדָאָה וְחֵלֶק י' עֶרֶךְ גֵיהִנּוֹם)

# ס'וועט נאך אמאל גוט זיין

דער הייליגער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן חלק א' סימן צא): עס איז דא אסאך מדריגות אין אמונה, אבער א מענטש דארף קומען צו אזא מדריגה אין אמונה, אז די אמונה זאל זיך אים צושפרייטן אין זיין גאנצע קערפער, אזוי ווי דער אר"י הקדוש זאגט (שער המצוות פרשת עקב): ווען מען וואשט זיך די הענט, און מען זאגט 'על נטילת ידים' זאל מען אויפהייבן די הענט ביז קעגן דעם קאפ, און דורכדעם ברענגט מען ארויף אויף זיך די קדושה. אבער צו דעם מוז מען דאך האבן אמונה אין די הענט, און גלייבן אז מיט דעם וואס ער הייבט אויף די הענט, איז ער ממשיך אויף זיך די קדושה; דאס הייסט 'שלימות אמונה', אז א מענטש קען זיך נישט רירן אן דעם באשעפער, און אלעס איז ביי אים נאר דער באשעפער, און וויבאלד ער האט אזא שטארקע אמונה, קען ער רעדן צום באשעפער, וואס די מתנה האבן מיר באקומען פונעם הייליגן רבי'ן, און משיח וועט דאס געבן פאר גאנץ כלל ישראל און פאר די גאנצע וועלט.

און אז א מענטש געוואוינט זיך צו, צו רעדן צום באשעפער, גייט שוין ממילא אוועק די גאות פון אים, ווייל פאר וועמען זאל ער זיך גרויס האלטן, ווען נאר דער באשעפער איז דא, אזוי ווי מיר זאגן ביים דאווענען: **הגאוה והגדולה לחי עולמים**. קיינער עקזיסטירט בכלל נישט נאר דער באשעפער, אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן חלק א' סימן נ"ה): א מענטש דארף קומען צו אזא מין 'ביטול' בשעת ער דאווענט, אז ער זאל שוין זיך אליין אויך נישט זעהן. קיינער איז נישט דא, נאר כביכול דער אייבערשטער איז דא.

דער הייליגער רבי נתן זכרונו לברכה האט אמאל געזאגט: ווען די תלמידים פון בעל שם טוב הקדוש וואלטן געהאט אונזערע דיבורים, וואלטן ביי זיי מער נישט געווען קיין 'בחירה', דאך האב איך נאך א שמועס, וואס ווען איך זאל עס אייך זאגן, וואלט אפילו ביי ענק אויך שוין נישט געווען קיין 'בחירה', [ברוך השם אז דער שמועס איז דא (לקוטי הלכות שלוחין, הלכה ב, געבויעט אויף די תורה: לקוטי מוהר"ן חלק א' סימן כב), און ווער עס לערנט דאס דורך קלאר, וועט זעהן אז עס איז שוין נישט דא קיין בחירה אויף צו האבן אמונה, ווייל עס איז נישט דא גארנישט נאר דער באשעפער,] דאס איז דער שלימות פון התבודדות, אז א מענטש ווייסט אז ער האט קיינעם נישט, און ער האט נאר איין אדרעס וואו צו אנטלויפן, צום באשעפער. אבער אז א מענטש זאל דאס אריינעמען אין זיך און לעבן אזוי, איז נישט אזוי גרינג, בפרט ווען א מענטש גייט דורך רחמנא לצלן שווערע און ביטערע נסיונות.

דער הייליגער רבי האט אמאל דערציילט די פאלגענדע מעשה (חיי מוהר"ן סימן תרח): אין די צייט פונעם הייליגן בעל שם טוב זכותו יגן עלינו, איז געווען א ערליכער יונגערמאן, א גרויסער למדן און חריף, וואס ער האט געלערנט זייער פלייסיג, און די גאנצע שטאט האט זיך מיט אים געטשאטשקעט, און יעדער האט אים זייער מכבד געווען, ער איז אבער געווען א גרויסער מתנגד אויפן הייליגן בעל שם טוב.

**ויהי היום**, און דער בעל שם הקדוש זכותו יגן עלינו האט געזעהן וואספארא הייליגע גרויסע נשמה דער יונגערמאן האט, [באמת האט יעדער איד א הויכע נשמה, און יעדער איד איז א דיימאנט, נאר דאס איז ארום גענומען מיט מאראסט און שמוץ, ביז עס קומט א צדיק, און לאזט זיך אראפ אין די טיפעניש און נעמט אים ארויס פון זיין געדעכטע בלאטע, און וואשט אים און רייניגט אים אפ פון די בלאטע וואס ער האט אויף זיך, דעמאלטס זעהט מען וואספארא שיינע הערליכע דיימאנט ער איז.] און ער האט געהייסן פאר זיינע תלמידים מען זאל זעהן צו ברענגען דעם יונגערמאן צו אים.

המשך בדף ד


## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

### הרבני הנגיד מו"ה **שמעון ברוין** הי"ו

### צו די שידוך שליסן פון זיין זוהן עב"ג למזל טוב

ר' שמעון איז גאר שטארק איבערגעגעבן פאר אונזערע הייליגע מוסדות, שטענדיג איז ער גרייט ארויסצוהעלפן צו יעדע צייט. און ספעציעל מיט דעם וואס ער האט מנדב געווען דעם בית המדרש אינעם קעמפ

### מחנה היכל הקודש ברסלב

און נאך פילע לייסטונגען פאר אונזערע מוסדות.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז די זכותים זאלן אים ביישטיין אז דער שידוך זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, ער זאל זעהן פיל אידיש נחת פון אלע זיינע קינדער און אייניקלעך, דורות ישרים ומבורכים, מיט סייעתא דשמיא אמן.


# מילי דאבות

## פערל ווערטער אויף פרקי אבות

### ביזט אראפגעפאלן? הויב אן נאכאמאל!

**שנו חכמים בלשון המשנה, ברוך שבחר בהם ובמשנתם**

אויף די וועלט דארף מען האבן זייער אסאך התחזקות, מען דארף זיך זייער שטארקן און נישט ווערן צובראכן פון די שוועריקייטן וואס מען גייט דורך.

ספעציעל ווען א איד וויל זיך נעמען דינען דעם אייבערשטן דארף ער האבן זייער א סך התחזקות. ווייל דער יצר הרע וועט אים נישט אזוי שנעל אפלאזן, ער וועט נאר פרובירן מיט אלע וועגן צו צוברעכן דעם מענטש אז ער זאל אוועק גיין פונעם אייבערשטן.

דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סימן קמ"א) אז ווען א איד זעהט אז ער איז געפאלן פון זיין מדריגה, ער איז דורכגעפאלן מיט עבירות, זאל ער נישט ווערן צובראכן און אויפגעבן אינגאנצן, נאר ער זאל וויסן אז דאס קומט פונעם אייבערשטן, דער אייבערשטער האט ספעציעל אזוי געפירט אז ער זאל דורכפאלן כדי דער מענטש זאל זיך אויפוועקן און אנהויבן פון פריש צו דינען דעם אייבערשטן.

דעריבער, אנשטאט צו ווערן צובראכן און צוקלאפט דארף מען זיך שטארקן און תשובה טוהן, און אנהויבן פון פריש צו דינען דעם אייבערשטן, מיט א נייע פרישקייט.

דאס זאגט די משנה, **שנו חכמים**, די חכמים לערנען אונז. **בלשון המשנה**, מיט א טאפלט לשון. די חכמים און די צדיקים לערנען אונז אז מיר זאלן שטענדיג איבער'חזר'ן, מיר זאלן שטענדיג אנהויבן נאכאמאל און נאכאמאל פון ניי, מיר זאלן שטענדיג פארגעסן וואס עס איז געווען ביז יעצט און אנהויבן פון ניי.

**ברוך שבחר בהם ובמשנתם**, געלויבט איז דער אייבערשטער וואס שיקט אונז אזעלכע צדיקים וואס זאלן דאס אונז לערנען, קיינמאל נישט צו ווערן צובראכן נאר שטענדיג זיך באנייען פון פריש, און אזוי וועלן מיר זיין ערליכע אידן אזוי ווי דער אייבערשטער וויל.

(אהבת אבות פרק ו')

***

### לערן תורה, וועט דיר נישט וויי טוהן

**בכל יום ויום בת קול יוצאת מהר חורב ומכרזת ואומרת אוי להם לבריות מעלבונה של תורה**

ווען א איד איז זוכה און ער לערנט פלייסיג די הייליגע תורה, דאן ווערט ער געראטעוועט פון אלע צרות און יסורים. אבער ווען א איד לאזט איבער די תורה, דאן הויבן אן קומען אויף אים צרות און יסורים. ווען א מענטש האט שכל, ווייסט ער אז דאס איז א רוף וואס דער אייבערשטער וויל אים דערמאנען אז ער זאל צוריק קומען צו די תורה און דאן וועט ער געראטעוועט ווערן פון אלעם שלעכטס.

דאס זאגט די משנה, **'אוי' להם לבריות**, דאס וואס מענטשן שרייען 'אוי'. דאס קומט, **מעלבונה של תורה**, ווייל מען לערנט נישט קיין תורה. דאס איז די וועג ווי אזוי דער בת קול קומט אן צו די מענטשן, ווען מען הויבט אן שרייען 'אוי' דארף מען וויסן אז די פלאץ צו אנטלויפן פון אלע צרות איז נאר צו לויפן צו די הייליגע תורה.

(אהבת אבות פרק ו' משנה ב')

# סְ׳וֶועט נָאךְ אַמָאל גוּט זַיין

המשך

עֶנְדְלִיךְ הָאט מֶען אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּם בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ, אָבֶּער דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ הָאט אִים אַלְץ אָפְּגֶעשְׁטוּפְּט אוּן מְרַחֵק גֶעוֶוען, אוּן גָארְנִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט אִים, דֶער יוּנְגֶערְמַאן הָאט גֶעהַאט דֶערְפוּן גְרוֹיס חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען צוּגֶעווּאוֹינְט שְׁטֶענְדִיג צוּ זִיצְן אוּן לֶערְנֶען, אוּן דָא גֵייט אִים שׁוֹין דוּרְךְ עֶטְלִיכֶע טֶעג מִיט בִּיטוּל תּוֹרָה, [וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעווּאוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען, בִּפְרַט אַז עֶר לֶערְנְט לוֹיטְן ׳סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד׳ פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן הָאט עֶר זֵייעֶר לִיבּ צוּ לֶערְנֶען, אוּן דָאס אִיז זַיין בֶּעסְטֶע פַארְגֶענִיגְן,] אוּן עֶר הָאט שׁוֹין גֶעוָואלְט צוּרִיק אַהֵיימְפָארְן, דֶערְפַאר אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מִיט גְרוֹיס הַכְנָעָה, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט, דֶעמָאלְטְס הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ מְקָרֵב גֶעוֶוען אוּן אִים גֶעזָאגְט: זָאלְסְט ווִיסְן אַז יֶעצְט וֶוען דוּ וֶועסְט צוּרִיק אַהֵיים גֵיין וֶועט דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט אָנְהֵייבְּן צוּ רֶעדְן אוֹיף דִיר, אוּן אוֹיךְ דִי גַאנְצֶע מְדִינָה וֶועט רֶעדְן אוֹיף דִיר, אוּן דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער וֶועלְן אוֹיף דִיר רֶעדְן, אוּן אֲפִילוּ ׳עוֹפוֹת׳ וֶועלְן דִיר שְׁטֶערְן. [דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ הָאט שׁוֹין מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען אוֹיף אִים אַזַא ׳רוּחָנִיוּת׳, אַז עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן אַן אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ.]

ווִי נָאר עֶר אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען, הָאט טַאקֶע דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן אוֹיף אִים, דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ אוּן קִינְדֶער הָאבְּן שׁוֹין נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט אִין אִים, אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן אוֹיף אִים כָּל דָּבָר אָסוּר, אוּן אַזוֹי אַלֶע שְׁכֵנִים, נָאכְדֶעם דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט, נָאכְדֶעם דִי גַאנְצֶע גֶעגְנְט וְכוּ׳, וָואס דָאס אִיז אַן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע שְׁוֶוערֶע נִסָּיוֹן, אַמָאל ווִיל עֶר זִיךְ שְׁטֶעלְן דַאוֶונֶען מִיט אַ הִתְלַהֲבוּת אוּן אַ חַיּוּת, קוּמְט אַ אִינְדִיק [טֶערְקִי] אוּן טַאנְצְט אַרוּיף אוֹיף אִים, אוּן צוּשְׁטֶערְט אִים דָאס גַאנְצֶע דַאוֶונֶען, הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט, אוּן עֶר הָאט אִים פַארְטְרִיבְּן, אוּן וַוייטֶער גֶעדַאוֶועְנְט, אָבֶּער נָאכְדֶעם וָואס דֶער טֶערְקִי אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען עֶטְלִיכֶע מָאל אוּן אִים גֶעשְׁטֶערְט, הָאט עֶר זִיךְ שׁוֹין מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען אַז עֶר וֶועט נֶעמֶען אַ הַאק, אוּן אִים אָפְּהַאקְן דֶעם קָאפּ: גֶענוּג אַז מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן דִי שְׁכֵנִים מִיט דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט קְרִיגְן אוֹיף מִיר, דַארְף אִיךְ נָאךְ לַיידְן פוּן אַ טֶערְקִי אוֹיךְ?! דִי לֶעצְטֶע מִינוּט הָאט עֶר זִיךְ אָפְּגֶעהַאלְטְן, וַוייל עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט וָואס דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט: אֲפִילוּ עוֹפוֹת וֶועלְן אוֹיף דִיר קְרִיגְן, אוּן עֶר זָאל זִיךְ אַיינְהַאלְטְן.

אוּן אַזוֹי זֶענֶען אַלְץ גֶעוֶוען אִידְן וָואס הָאבְּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע אוּן בִּיטֶערְסְטֶע מַצָּבִים, אוּן נִישְׁט פַארְלוֹירְן דִי אֱמוּנָה, אוּן עֶס אִיז נָאךְ הַיינְט דָא צְווִישְׁן אוּנְז אִידְן וָואס זֶענֶען דוּרְךְ דִי צְוֵוייטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה, וָואס רַחֲמָנָא לִצְלָן זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן גֶעפַּיינִיגְט אוֹיף דִי עֶרְגְסְטֶע אוֹפַנִים וָואס אִיז נָאר שַׁיָּיךְ, וָואס מֶען קֶען זִיךְ דָאס נִיטְאַמָאל פָארְשְׁטֶעלְן מִיטְן מֶענְטְשְׁלִיכְן שֵׂכֶל, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן בַּיי דִי אֱמוּנָה.

(קוּנְטְרֵס ׳אַ סוֹף צוּ דִי צָרוֹת׳)

# הדרן עלך
# ששה סדרי תוספתא!

## מען הויבט אן די
## פופצנטע מחזור אין תוספתא

עס איז גרויס די פרייד ביי אלע אנשי שלומינו אז מיטן אייבערשטנ׳ס הילף ענדיגט מען יעצט צום פערצטן מאל **ששה סדרי תוספתא**, און דעם קומענדיגן זונטאג פרשת מטות הייבט מען אן די פופצנטע מחזור אין תוספתא.

שוין גאר אסאך יארן וואס ס׳איז איינגעפירט ביי אנשי שלומינו צו לערנען יעדן טאג א דף גמרא פון תלמוד בבלי און א דף פון תלמוד ירושלמי, אזוי ווי עס איז געדרוקט אין די לוח ברסלב.

אין יאר תשנ״ח לפ״ק אינעם יום טוב שבועות, דער טאג וואס מיר זענען מקבל די תורה פון דאסניי, האט מוהרא״ש שליט״א צוגעלייגט אז מען זאל אויך לערנען יעדן טאג א פרק פון תוספתא, און מיט דעם האט מען א גאנצע **"בית"**, **ב**׳בלי **י**׳רושלמי **ת**׳וספתא.

מען זעהט אז בגשמיות זוכט יעדער צו האבן א שיינע געשמאקע גרויסע הויז פאר זיך און פאר די משפחה מיט ישוב הדעת, און אזוי זאגן חז״ל (סוכה נ״ז:) אז א דירה נאה איז איינס פון די זאכן וואס זענען מרחיבין דעתו של אדם. און אויב אזוי דארף דאך א מענטש זיכער זוכן אז ער זאל האבן א שיינע גוטע הויז אויך אויף יענע וועלט, וואס דאס בלייבט אויף אייביג, און מיט דעם וואס מען לערנט יעדן טאג **ב**׳בלי **י**׳רושלמי און **ת**׳וספתא, וואס איז די ראשי תיבות **"בית"**, און מען גייט עס איבער איין מאל און נאכאמאל, מיט דעם בויעט מען זיך אויף א שיינע הערליכע געשמאקע הויז אויף יענע וועלט, וואס דאס בלייבט פארן מענטש אויף אייביג.

מען זעהט ליידער מענטשן וואס עס קען זיי דורכגיין די גאנצע זיבעציג יאר און זיי האבן נישט זוכה געווען אפילו איין מאל אדורך צו גיין און ענדיגן בבלי ירושלמי און תוספתא, און זיי גייען אוועק פון די וועלט אן קיין תורה, און עס איז א גרויס רחמנות אויף זייערע נשמות. דעריבער דארף מען האבן שכל און זעהן ארייינצוכאפן צו לערנען יעדן טאג כאטש א דף בבלי, א דף ירושלמי און א פרק תוספתא, און מיט גרייט מען זיך אן גוטע שפעזן מיטצונעמען אויף יענע וועלט.

יעצט ווען מען גייט אנהויבן א פרישע מחזור אין לימוד התוספתא, איז די פאסיגסטע צייט זיך מיטצוכאפן, און אנהויבן מיטן סדר צו לערנען יעדן טאג א פרק תוספתא.

עס ווערט געדרוקט יעדע וואך די פרקים וואס מען לערנט יענע וואך לויטן סדר פונעם לוח ברסלב, באותיות גדולות מאירות עינים מיט נקודות, מיט א פירוש אויף די שווערע ווערטער.

מען קען עס באקומען יעדע וואך אויף אימעיל. אויב זענט איר אינטערעסירט צו באקומען יעדע וואך די קונטרסים פון תוספתא און ירושלמי, שיקט אן אימעיל מיט דיווארט ׳תוספתא׳ צו breslevcenter@gmail.com, און מיטן אייבערשטנ׳ס הילף וועט איר דאס באקומען יעדע וואך.

**גדול יהיה כבוד הבי״ת הזה!**


## מיר נעמען אן צו
## פרינטן און קאפיען



פאר גאר ביליגע פרייזן!

וועכענטליכע גליונות - קונטרסים - ספרים

שנעל, גוט און ביליג!

רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554

5554printing@gmail.com


## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו״ה **יואל ראזענבערג** הי״ו

**צו די געבורט פון זיין אינגל למז״ט**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן פיל אידיש נחת פון אלע זיינע קינדער, דורות ישרים ומבורכים.

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

החתן **שמואל דוד ברוין** נ״י

תלמיד ישיבתינו הק׳

**וואס איז א חתן געווארן למז״ט עב״ג**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים.

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

החתן **שמעון באנדא** נ״י

תלמיד ישיבתינו הק׳

**וואס איז א חתן געווארן למז״ט עב״ג**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים.

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת מטות, כ"א תמוז, אבות פרק א', שנת תשע"ד לפ"ק
שנה 3, גליון 47 (147)


**זמנים**
הדלקת הנרות.................8:06
סוף זמן קר"ש.................8:45
מוצש"ק.................9:36

**שיעורים כסדרן**
בבלי.................מגילה ח'
ירושלמי.................פאה י"ט
תוספתא.................פאה פרק א'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**הֵן הֵנָּה הָיוּ לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל בִּדְבַר בִּלְעָם לִמְסָר מַעַל בַּה'.** דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן מ"ג) אַז דִי רֵייד פוּן אַ רָשָׁע אַ 'בַּר דַעַת', מַאכְט אַז דֶער וָואס הֶערְט עֶם זָאל טוּהן עֲבֵירוֹת. אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ אָפְּהִיטְן נִישְׁט צוּ הֶערְן וִוי אַ רָשָׁע רֶעדְט, וַוייל דָאס שַׁאדְט זֵייעֶר פַאר דֶעם וָואס הֶערְט עֶם.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, **הֵן הֵנָּה הָיוּ לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל "בִּדְבַר" בִּלְעָם**, דִי רֵייד וָואס בִּלְעָם הָאט גֶערֶעדְט הָאט גֶעשַׁאדְט פַאר דִי אִידְן.

וָואס מֵיינְט אַ רָשָׁע אַ 'בַּר דַעַת'? נָאר דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א סִימָן רפ"ב) אַז מֶען דַארְף יֶעדְן מֶענְטְשׁ דַן זַיין לְכַף זְכוּת, אֲפִילוּ אַ רָשָׁע גָמוּר דַארְף מֶען אוֹיךְ דַן זַיין לְכַף זְכוּת. ווידֶער זָאגְט אָבֶּער דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מְרִיבָה סִימָן פ"ח) "אֵין מְלַמְּדִין זְכוּת עַל הַמֵּסִית". אַ מֵסִית, אַ מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט אָפּ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים טָאר מֶען נִישְׁט דַן זַיין לְכַף זְכוּת.

זֶעהט מֶען אַז עֶס אִיז דָא צְוֵויי מִינֵי רְשָׁעִים, וֶוען אַ רָשָׁע אִיז אַלֵיין דוּרְכְגֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, קֶען מֶען מְלַמֵּד זְכוּת זַיין אַז עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁטַארְקְן אוֹיף זַיין יֵצֶר הָרַע, אָבֶּער וֶוען אַ רָשָׁע רֶעדְט אוֹיךְ צוּ אַ צְוֵוייטְן צוּ טוּהן עֲבֵירוֹת, דֶער הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין לִימוּד זְכוּת, אוּן פוּן אִים דַארְף מֶען שְׁטֵיין וַוייט.

דֶערְפַאר אוֹיף דִי וֶוערְטֶער "הֵן הֵנָּה" זֶענֶען דָא דִי טְרָאפְּן "**אַזְלָא גֵּרֵשׁ**", אַז דִי רֵייד פוּן דֶעם רָשָׁע וָואס ווִיל צוּרֶעדְן אַז מֶען זָאל אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָדֶער פוּנֶעם צַדִּיק, דָאס וֶועט מַשְׁפִּיעַ זַיין אוֹיף דִיר, אַז "**אַזְלָא גֵּרֵשׁ**" אַז דוּ זָאלְסְט אַוֶועקְגֵיין אוּן מֶען זָאל דִיר פַארְטְרַייבְּן פוּן דִי קְדוּשָׁה, אוּן דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן אִים, אוּן זִיכֶער זִיךְ נִישְׁט צוּהֶערְן צוּ אִים.

(זאת הַתּוֹרָה מַטּוֹת ג)

***

**וְיָאִיר בֶּן מְנַשֶּׁה הָלַךְ.** מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן צ"ז) אַז פַאר אַ מֶענְטְשׁ גֵייט דַאוֶוענֶען דַארְף עֶר הָאבְּן דִי בְּחִינָה פוּן "מְנַשֶּׁה", וָואס דָא מֵיינְט

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ דִי דְרֵיי וָואכְן ~

מֶענְטְשְׁן בַּאטְרַאכְטְן דִי טֶעג פוּן "בֵּין הַמְּצָרִים" - דִי דְרֵיי וָואכְן צְווִישְׁן שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז אוּן תִּשְׁעָה בְּאָב, אַלְס טְרוֹיעֶרִיגֶע מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיגֶע טֶעג, עֶס זֶעהט עֶפֶּעס אוֹיס וִוי גֶעפַאלֶענֶע נִידֶערִיגֶע טֶעג, וֶוען מֶען אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען דֶעמָאלְט נִישְׁט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעהֶערִיג.

אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז נִישְׁט אַזוֹי. נָאר פוּנְקְט פַארְקֶערְט, דִי טֶעג זֶענֶען גְרוֹיסֶע טֶעג, וָואס זֶענֶען סְפֶּעצִיעֶל מְסוּגָל נָאנְט צוּ וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאךְ מֶער אוּן גְרִינְגֶער פוּן אַ גַאנְץ יָאר.

מֶען הָאט אַמָאל נָאכְגֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן, וָואס עֶרְלִיכֶע אִידְן פְלֶעגְן זָאגְן אַז אִין דִי טֶעג פוּן בֵּין הַמְּצָרִים פַאלְן זֵיי פוּן זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת. הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם אַז עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, פַארְקֶערְט, דִי טֶעג קֶען מֶען גְרִינְגֶער שְׁטֵייגְן, אוּן וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהט בַּיי אַ קֶענִיג אַז וֶוען עֶר אִיז אִין זַיין פַּאלַאץ אִיז שְׁוֶוער צוּ צוּקוּמֶען צוּ אִים, אָבֶּער וֶוען עֶר אִיז אוֹיפְן וֶועג, אוֹיפְן גַאס, אִיז אַ סַךְ גְרִינְגֶער צוּ קוּמֶען צוּ אִים. דִי זֶעלְבֶּע יֶעצְט - "בֵּין הַמְּצָרִים" - וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז כִּבְיָכוֹל אִין גָלוּת, אִיז עֶר נָאךְ מֶער נֶענְטֶער צוּ אוּנְז, אוּן מִיר קֶענֶען נָאךְ גְרִינְגֶער אוּן שְׁנֶעלֶער צוּ קוּמֶען צוּ אִים, אוּן צוּ רֶעדְן צוּ אִים.

דִי דְרֵיי וָואכְן זֶענֶען אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג טֶעג, דָאס אִיז דִי גִימַטְרִיָּא פוּנֶעם שֵׁם אקי"ה, וָואס דֶער שֵׁם וַוייזְט אַז אֲפִילוּ בִּיז יֶעצְט אִיז מֶען נִישְׁט גֶעוֶוען וואוֹיל, קֶען מֶען 'פוּן יֶעצְט' אָנְהֵייבְּן צוּ זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו') אַז דֶער שֵׁם וַוייזְט "אֲנָא זְמִין

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

"פַארְגֶעסְן", אַז עֶר זָאל פַארְגֶעסְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהן בִּיז יֶעצְט, עֶר הֵייבְּט יֶעצְט אָן דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"ו): "בַּיי דִי וֶועלְט אִיז 'פַארְגֶעסְן' אַ פְּרָאבְּלֶעם, אָבֶער בַּיי מִיר אִיז עֶס גָאר אַ גְרוֹיסֶע מַעֲלָה, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן, אוֹיבּ עֶר פַארְגֶעסְט נִישְׁט שְׁטֶענְדִיג אַלֶעס וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען".

דָאס אִיז אוּנְז דֶער פָּסוּק מְרַמֵּז, "וְיָאִיר", אַז דוּ ווִילְסְט עֶס זָאל דִיר שְׁטֶענְדִיג לַייכְטְן אוּן שַׁיינֶען. "בֶּן מְנַשֶּׁה" זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג אַלֶעס פַארְגֶעסְן, שְׁטֶענְדִיג פַארְגֶעסְן דִי גַאנְצֶע "עָבַר", אַלֶעס וָואס עֶס אִיז אוֹיף דִיר אַרִיבֶּער, שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן נַיי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה מַטּוֹת ד)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

לְמֶהֱוֵי", וָואס דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ מֶען אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גוּט בִּיז יֶעצְט, הֵייבְּט מֶען אָן פוּן יֶעצְט צוּ זַיין גוּט.

נָאר אַזוֹי וִוי וֶוען עֶס אִיז דָא גָאר אַ טֵייעֶרֶע אוֹצָר, נֶעמְט מֶען עֶס אַרוּם אוּן מֶען פַארְזִיגְלְט עֶס מִיט אַסַאךְ שְׁלֶעסֶער, כְּדֵי עֶס זָאל נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם נִישְׁט רִיכְטִיגְן מֶענְטְשׁ, וָואס דַארְף עֶס נִישְׁט בַּאקוּמֶען. דִי זֶעלְבֶּע אִיז יֶעצְט, אַזוֹי ווִי דִי דְרֵיי וָואכְן זֶענֶען אַזֶעלְכֶע גֶעהוֹיבֶּענֶע טֶעג, אַזֶעלְכֶע טֶעג וָואס פַארְמָאגְן אִין זִיךְ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע אוֹצָר, אַז מֶען קֶען גְרִינְגֶערְהֵייט וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הָאט עֶס דֶער יֵצֶר הָרַע אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט אַזֶעלְכֶע שְׁלֶעסֶער פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אַז מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען צוּ קוּמֶען דֶערְצוּ. אָבֶער וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל, לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי אַלֶע דִמְיוֹנוֹת, נָאר עֶר נִיצְט אוֹיס דִי צַייט מִיט אַ סַךְ תְּפִלָּה, עֶר בֶּעהְט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט עֶר גְרִינְגֶערְהֵייט צוּקוּמֶען צוּ גְרוֹיסֶע זַאכְן.

דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים בְּרֶענְגְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ (עֲבוֹדַת יִשְׂרָאֵל, מַסְעֵי) אוֹיפְן פָּסוּק (אֵיכָה א') כָּל רוֹדְפֶיהָ הִשִּׂיגוּהָ בֵּין הַמְּצָרִים. "כָּל רוֹדְפֵי - קָהּ", וֶוער עֶס לוֹיפְט נָאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. "הִשִּׂיגוּהָ", קֶען אִים דֶערְגְרֵייכְן. "בֵּין הַמְּצָרִים", דַוְקָא אִין דִי טֶעג פוּן "בֵּין הַמְּצָרִים".

דִי שַׁבָּתִים פוּן דִי דְרֵיי וָואכְן זֶענֶען סְפֶּעצִיעֶל גָאר גְרוֹיס, וָואס אִיז נִישְׁטָא זֵייעֶר גְלַייכְן אִיבֶּערְן יָאר. דִי דְרֵיי שַׁבָּתִים זֶענֶען אַנְטְקֶעגְן דִי דְרֵיי יָמִים טוֹבִים, דֶער עֶרְשְׁטֶער שַׁבָּת אִיז קֶעגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח, דֶער צְוֵוייטֶער שַׁבָּת אִיז קֶעגְן שְׁבוּעוֹת, אוּן פַּרְשַׁת דְבָרִים - שַׁבַּת חֲזוֹן אִיז קֶעגְן סוּכּוֹת. אוּן דֶערְפַאר זֶענֶען זֵיי סְפֶּעצִיעֶל חָשׁוּבֶע שַׁבָּתִים, אוּן שַׁבַּת חֲזוֹן אִיז גָאר דִי גְרֶעסְטֶע שַׁבָּת פוּן יָאר, דֶער נָאמֶען "חֲזוֹן" גֵייט אַרוֹיף אוֹיף נְבוּאָה, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְי' א') "חֲזוֹן יְשַׁעְיָהוּ". צַדִיקִים זֶענֶען זוֹכֶה צוּ זֶעהְן אִין דֶעם שַׁבָּת, דֶעם דְרִיטְן בֵּית הַמִּקְדָשׁ, וָואס וֶועט אוֹיפְגֶעבּוֹיעט וֶוערְן בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ.

## פוּן בִּיטֶער וֶוערְט זִיס

דֶער פָּסוּק זָאגְט (יִרְמְיָה א') אַז יִרְמְיָה הַנָּבִיא הָאט נְבִיאוֹת גֶעזָאגְט אוֹיף דִי חוּרְבָּן פוּנֶעם בֵּית הַמִּקְדָשׁ "מַקֵּל שָׁקֵד אֲנִי רוֹאֶה". זָאגְט רַשִׁ"י אַז אַזוֹי וִוי דֶער "מַקֵּל שָׁקֵד" - דֶער מַאנְדְל-בּוֹים, פוּן וֶוען עֶס קוּמְט אַרוֹיס דִי בְּלוּם בִּיז עֶס וַואקְסְט אַרוֹיס דִי פְרוּכְט נֶעמְט אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג טֶעג, אַזוֹי אוֹיךְ פוּן וֶוען דִי גוֹיִם הָאבְּן צוּבְּרָאכְן דִי מוֹיעֶר פוּן שְׁטָאט, בִּיז וֶוען זֵיי הָאבְּן חָרוּב גֶעמַאכְט דֶעם בֵּית הַמִּקְדָשׁ הָאט גֶענוּמֶען אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג טֶעג.

מֶען דַארְף אָבֶער ווִיסְן אַז דֶער מַאנְדְל הָאט אוֹיךְ אַן אַנְדֶערֶע אֵייגְנְשַׁאפְט. חֲזַ"ל זָאגְן (מַעַשְׂרוֹת פֶּרֶק א') אַז דֶער מַאנְדְל אִיז קוֹדֶם בִּיטֶער אוּן דֶערְנָאךְ וֶוערְט עֶס זִיס. אוּן דֶעריבֶּער, אַזוֹי וִוי דִי דְרֵיי וָואכְן זֶענֶען צוּגֶעגְלִיכְן צוּ מַאנְדְלֶען, אִיז יֶעצְט דִי צַייט וָואס מֶען קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן אַז פוּן בִּיטֶער זָאל וֶוערְן זִיס. וָואס דָאס אִיז בֶּאֱמֶת דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט, אַזוֹי וִוי דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (הַקְדָּמַת בְּרֵאשִׁית ד.) "וֶוער פוּן אַייךְ קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן פוּן טוּנְקְל זָאל וֶוערְן לִיכְטִיג אוּן פוּן בִּיטֶער זָאל וֶוערְן זִיס?"

דָאס מֵיינְט, אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ צָרוֹת אוּן יִסוּרִים אוּן שְׁוֶועריקַייטְן, עֶס אִיז אִים זֵייעֶר בִּיטֶער דָאס לֶעבְּן, עֶס אִיז אִים מַמָּשׁ טוּנְקְל פַאר דִי אוֹיגְן. וֶוען מֶען ווֵייסְט אָבֶער אַז דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען נִישְׁט גֶעשֶׁעהְן פוּן זִיךְ אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס גֶעמַאכְט מִיטְן צִיהל אוֹיף צוּ וֶועקְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, דַאן הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אוּן גֶעמַאכְט פוּן בִּיטֶער זִיס, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן, אוּן עֶר וֶועט אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן צָרוֹת.

## נִישְׁט מִיט עַצְבוּת

דִי אַלֶע הֲלָכוֹת אוּן דִינִים וָואס מִיר הָאבְּן זִיךְ צוּ פִירְן מִיט אֲבֵילוּת אִין דִי טֶעג פוּן בֵּין הַמְּצָרִים, מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען דַארְף זַיין טְרוֹיעֶרִיג, בְּעַצְבוּת אוּן צוּקְלַאפְּט. נָאר מֶען דַארְף עֶס טוּהן מִיט אַן הִשְׁתּוֹקְקוּת אִין הַאַרְץ, אַז מִיר בֶּענְקְן שׁוֹין אוּן מִיר זֶענֶען מִשְׁתּוֹקֵק אַז מֶען זָאל שׁוֹין אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָשׁ, אוּן מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְגֶעסְן דֶערְפוּן.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי וֶועג וָואס אַלֶע צַדִיקִים הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט, פוּן אֵיין זַייט הָאבְּן זֵיי אִין הַארְצְן גֶעטְרוֹיעֶרְט אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָשׁ, אָבֶער אוֹיפְן פְּנִים הָאבְּן זֵיי אֵייבִּיג גֶעהַאט אַ שְׁמֵייכְל, אוּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען יֶעדְן מֶענְטְשׁ בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי מְקָרֵב גֶעוֶוען יֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זִי"עַ הָאט גֶעוָואלְט נָאכְקוּקְן אוּן זֶעהְן וָואס דֶער דֶרֶךְ הַחֲסִידוּת אִיז, הָאט עֶר גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקֶע קֻשְׁיָא אוֹיף זֵיי "פַארְוָואס זֶענֶען דִי חֲסִידִים אֵייבִּיג פְרֵיילִיךְ? עֶס אִיז דָאךְ אַ קְלָארֶע הֲלָכָה אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אַז אַ יְרֵא שָׁמַיִם דַארְף טְרוֹיעֶרְן אוּן זִיךְ מְצַעֵר זַיין אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָשׁ, וִוי אַזוֹי קֶענֶען דִי חֲסִידִים זַיין אֵייבִּיג אַזוֹי פְרֵיילִיךְ?"

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

וֶוען דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זִי"עַ אִיז גֶעפָארְן צוּ זַיין רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה זִי"עַ הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְן וֶועג "בַּאשֶׁעפֶער, דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז אִיךְ וִויל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קֻשְׁיוֹת, הֶעלְף אַז וֶוען אִיךְ קוּם צוּם צַדִּיק זָאל מִיר פַארֶענְטְפֶערְט וֶוערְן אַלֶע מַיינֶע קֻשְׁיוֹת. חֲזַ"ל זָאגְן דָאךְ (יוֹמָא ל"ח:) 'הַבָּא לִטָּהֵר מְסַיְּעִין אוֹתוֹ' - וֶוען אֵיינֶער וִויל זִיךְ הֵיילִיגְן, הֶעלְפְט מֶען אִים פוּן הִימְל. אָבֶּער עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט אַ לָשׁוֹן יָחִיד 'מְסַיֵּעַ אוֹתוֹ', וָואס דַאן וָואלְט עֶס גֶעמֵיינְט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ 'מְסַיְּעִין אוֹתוֹ' אַ לָשׁוֹן רַבִּים, דָאס מֵיינְט אַז דִי צַדִּיקִים הֶעלְפְן אוֹיךְ דֶעם מֶענְטְשׁ. אוּן דֶערְפַאר - הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער - אַז דֶער צַדִּיק זָאל מִיר הֶעלְפְן אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע מַיינֶע קֻשְׁיוֹת".

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה זִי"עַ, וִוי נָאר עֶר הָאט אַרַיין גֶעטְרֶעטְן אִין צִימֶער, הָאט אִים דֶער צַדִּיק גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס זֶעהסְטוּ אוֹיס אַזוֹי טְרוֹיעֶרִיג הַיינְט? עֶס שְׁטֵייט טַאקֶע אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אַז אַ יְרֵא שָׁמַיִם דַארְף טְרוֹיעֶרְן אוּן זִיךְ מְצַעֵר זַיין אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אָבֶּער דָאס מֵיינְט נָאר אִין הַארְץ, אוֹיפְן פָּנִים דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן אַ שְׁמֵייכְל", אוּן דֶער צַדִּיק הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען, "גְלֵייבּ מִיר, אַז מִיר זָאגְן אוֹיךְ יֶעדֶע נַאכְט תִּיקּוּן חֲצוֹת אוּן מִיר טְרוֹיעֶרְן אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אָבֶּער פוּן דֶעסְט וֶועגְן זֶענֶען מִיר נָאךְ אַלְץ פְרֵיילִיךְ".

דֶער צַדִּיק הָאט אִים דָאס מַסְבִּיר גֶעוֶוען מִיט אַ מָשָׁל פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי שְׁמֶעלְקֶע נִיקָלְשְׁבּוּרְגֶער זִי"עַ, אַזוֹי וִוי אַ קֶענִיג וָואס אִיז פַארְכַאפְּט גֶעוָוארְן אִין אַ וַוייטֶע לַאנְד אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט זִיךְ אָפְּרוּעֶן דָארְט בַּיי זַיינְס אַ פְרַיינְד, וֶוען דֶער פְרַיינְד הָאט גֶעזֶעהן אַז דֶער קֶענִיג אִיז דָארְט אִין גֶעפֶענְגֶענִישׁ, הָאט עֶר זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אוּן זִיךְ מְצַעֵר גֶעוֶוען, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר אוֹיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז דֶער קֶענִיג שְׁטֵייט אַיין בַּיי אִים. דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ יֶעצְט, אֲפִילוּ מִיר זֶענֶען טַאקֶע אִין גָלוּת, דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז טַאקֶע חָרוּב, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ מִיט אוּנְז, אוּן מִיר זֶענֶען זֵייעֶר נָאנְט צוּ אִים, אוּן מִיט דֶעם קֶענֶען מִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן.

אוּן דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט, "בֶּאֱמֶת וָואלְט אִיךְ דִיר דָאס נִישְׁט גֶעדַארְפְט אוֹיסְזָאגְן, אָבֶּער אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן דָאךְ 'הַבָּא לִטָּהֵר מְסַיְּעִין אוֹתוֹ, מִיט אַ לָשׁוֹן רַבִּים, מֵיינְט דָאס אַז דִי צַדִּיקִים דַארְפְן אוֹיךְ אַרוֹיס הֶעלְפְן אוּן מְקָרֵב זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ דִיר דָאס גֶעזָאגְט"...

דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה אִיז נִבְהָל וְנִשְׁתּוֹמֵם גֶעוָוארְן פוּן דִי קְלָארֶע רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ פוּנֶעם הֵיילִיגְן חוֹזֶה וָואס הָאט גֶעזֶעהן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט, אוּן פוּן דֶעמָאלְט אִיז עֶר נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּ אִים, אוּן גֶעוָוארְן פוּן זַיינֶע גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים.

זֶעהט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער עִיקָר אֲבֵילוּת דַארְף מֶען הָאבְּן אִין הַארְץ, אָבֶּער פוּן אִינְדְרוֹיסְן דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן. אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אוֹיף דוּרְךְ צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, זָאל עֶר נָאר צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ הַאלְטְן פְרֵיילִיךְ, אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּנִיצְן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ בֵּין הַמְּצָרִים)

# דֶער בֶּעט שְׁטֶעכְט

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי יוֹסֵף פוּן אוֹסְטִילָא זִי"עַ (אַ זוּהן פוּנֶעם צַדִּיק רֶבִּי מָרְדְּכַיי'לֶע נֶעשְׁכִיזֶער זִי"עַ) הָאט אֵיינְמָאל גֶעהֶערְט אַז דֶער חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זִי"עַ גֵייט דוּרְכְפָארְן זַיין שְׁטָאט, אוּן עֶר גֵייט מִן הַסְּתָם זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן אִין שְׁטָאט זִיךְ אָפְּרוּעֶן, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס חֵשֶׁק אַז דֶער צַדִּיק זָאל אַיינְשְׁטֵיין בַּיי אִים אִינְדֶערְהֵיים.

עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער חוֹזֶה וֶועט זִיךְ וֶועלְן אַרָאפְּלֵייגְן בַּיי אִים זִיךְ אָפְּרוּעֶן פוּנֶעם וֶועג, אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּאוואוּסְט אַז עֶס הָאט זִיךְ גֶעקֶענְט מַאכְן אַז וֶוען דֶער חוֹזֶה הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אוֹיף אַ בֶּעט וִוי עֶס אִיז גֶעלִיגְן דֶערוֹיף בֶּעפָאר אֵיינֶער וָואס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען עֶרְלִיךְ, הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן "עֶס שְׁטֶעכְט מִיר, דֶער בֶּעט שְׁטֶעכְט מִיר" אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט שְׁלָאפְן אוֹיף דֶעם בֶּעט.

דֶערְפַאר הָאט רֶבִּי יוֹסֵף גֶעוָואלְט אָנְגְרֵייטְן פַארְן חוֹזֶה אַ נֵייעֶ בֶּעט וָואס קֵיינֶער אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעלִיגְן דֶערוֹיף, אַזוֹי אַז דֶער חוֹזֶה זָאל זִיךְ רוּהִיג קֶענֶען אוֹיסְרוּעֶן אוֹיף דֶעם בֶּעט.

עֶר הָאט אַרִיבֶּער גֶערוּפְן אַ חָשׁוּבֶ'ער אִיד וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ סְטָאלֶער, עֶר הָאט אִים דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע זַאךְ אַז עֶר מוּז הָאבְּן אַ גוּטֶע נֵייעֶ בֶּעט פַארְן חוֹזֶה, אוּן עֶר וִויל אַז עֶר זָאל אִים בּוֹיעֶן אַ גוּטֶע בֶּעט, עֶר זָאל גֵיין אִין מִקְוֶה פַאר עֶר בּוֹיעֶט עֶס אוּן עֶר זָאל עֶס בּוֹיעֶן מִיט עֶרְלִיכֶע רֵיינֶע כַּוָּונוֹת, אַז דֶער חוֹזֶה זָאל וֶועלְן שְׁלָאפְן אוֹיף אַזַא בֶּעט.

דֶער סְטָאלֶער הָאט אַבִּיסְל מוֹרָא גֶעהַאט, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט וָואס וֶועט עֶר טוּהן אוֹיבּ דֶער בֶּעט וֶועט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעפֶעלְן פַארְן חוֹזֶה, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אָפְּזָאגְן רֶבִּי יוֹסֵף, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען צוּ מַאכְן דֶעם בֶּעט.

יֶעדֶע מָאל וָואס עֶר הָאט גֶעאַרְבֶּעט אוֹיף דֶעם בֶּעט אִיז עֶר קוֹדֶם גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה, אוּן עֶר הָאט גֶעמַאכְט דִי בֶּעט מִיט גְרוֹיס שִׁפְלוּת אוּן צוּבְּרָאכְנְקַייט, וִויסֶענְדִיג וָואסֶערֶע צַדִּיק גֵייט לִיגְן אוֹיף דֶעם בֶּעט. וֶוען עֶר הָאט פַארְעֶנְדִיגְט דֶעם בֶּעט הָאט עֶר עֶס אַרִיבֶּער גֶעבְּרֶענְגְט צוּ רֶבִּי יוֹסֵף אִינְדֶערְהֵיים. עֶר הָאט עֶס אִיבֶּער גֶענוּמֶען אוּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אַ סְפֶּעצִיעֶלְן שְׁטוּב, עֶר הָאט אִיבֶּער גֶעצוֹיגְן דֶעם בֶּעט, אוּן צוּגֶעשְׁפַּארְט דִי טִיר, אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט נוּצְן דִי בֶּעט פַאר דֶער חוֹזֶה וֶועט אָנְקוּמֶען.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי שְׁטָאט אוֹסְטִילָא, אִיז רֶבִּי יוֹסֵף אַנְטְקֶעגְן גֶעגַאנְגֶען דֶעם צַדִּיק אוּן אִים פַארְבֶּעטְן אַרַיינְצוּקוּמֶען צוּ אִים אִינְדֶערְהֵיים זִיךְ אָפְּצוּרוּעֶן, דֶער חוֹזֶה הָאט אָנְגֶענוּמֶען דֶעם פַארְלַאנְג. רֶבִּי יוֹסֵף הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט אוּן אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט דֶעם צַדִּיק אוּן אִים אָנְגֶעוִויזְן אוֹיף דֶעם נֵייעֶם בֶּעט זָאגֶענְדִיג אַז דֶער בֶּעט הָאט גֶעמַאכְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד מִיט גוּטֶע כַּוָּונוֹת, אוּן דֶער צַדִּיק קֶען זִיךְ אַוַודַאי אָפְּרוּעֶן אוֹיף דֶעם בֶּעט.

אָבֶּער וֶוען דֶער חוֹזֶה הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אוֹיפְן בֶּעט הָאט עֶר גְלַייךְ גֶעשְׁרִיגְן "גֶעוַואלְד! עֶס שְׁטֶעכְט מִיר!", רֶבִּי יוֹסֵף הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, דָאס אִיז דָאךְ אַ נֵייעֶ בֶּעט וָואס אַן עֶרְלִיכֶער אִיד הָאט גֶעמַאכְט, פַארְוָואס וִויל דֶער חוֹזֶה נִישְׁט לִיגְן דֶערוֹיף? עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּהן, עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ גֶעבְּן זַיין אֵייגְן בֶּעט פַארְן חוֹזֶה, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּרֵירָה, דֶער צַדִּיק מוּז זִיךְ דָאךְ אָפְּרוּעֶן, הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן פַארְן צַדִּיק זַיין אֵייגְן בֶּעט.

וֶוען דֶער חוֹזֶה הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אוֹיף זַיין בֶּעט, הָאט זִיךְ דֶער חוֹזֶה אָנְגֶערוּפְן "דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע בֶּעט! אִיךְ בִּין זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּ' צוּ לִיגְן דָא!" דֶער צַדִּיק הָאט זֵייעֶר הַנָּאָה גֶעהַאט פוּן דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּנֶעם בֶּעט.

רֶבִּי יוֹסֵף הָאט זֵייעֶר הַנָּאָה גֶעהַאט אַז עֶר הָאט גֶעקֶענְט מְהַנֶּה זַיין דֶעם צַדִּיק מִיט זַיין בֶּעט, עֶס אִיז אִים אָבֶּער גֶעוֶוען זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט פַארְוָואס דֶער חוֹזֶה הָאט נִישְׁט לִיבּ גֶעהַאט דִי נֵייעֶ בֶּעט. שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט פוּנֶעם חוֹזֶה אַלֵיין, "דָאס אִיז דָאךְ אַ נֵייעֶ בֶּעט וָואס אַן עֶרְלִיכֶער אִיד הָאט גֶעמַאכְט מִיט גוּטֶע כַּוָּונוֹת סְפֶּעצִיעֶל פַארְן צַדִּיק, פַארְוָואס אִיז דֶער צַדִּיק נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן פוּנֶעם בֶּעט?"

הָאט אִים דֶער חוֹזֶה גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אֱמֶת טַאקֶע אַז דֶער בֶּעט הָאט גֶעמַאכְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן דָאס אִיז אַ הֵיילִיגֶע בֶּעט, אָבֶּער עֶס שְׁלָאגְט פוּן אִיר אַרוֹיס אַ מָרָה שְׁחוֹרָה", וַוייל דֶער אִיד הָאט גֶעמַאכְט דֶעם בֶּעט אִין דִי נַיין טֶעג, אוּן עֶר אִיז דָאךְ גֶעוֶוען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אִיז עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אָבֶּער עֶס אִיז גֶעוֶוען אוֹיף אַ וֶועג פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִינֶעם בֶּעט אַ מָרָה שְׁחוֹרָה, וָואס דָאס הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט דֶעם הֵיילִיגְן חוֹזֶה לִיגְן דֶערוֹיף.

דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז צוּ טְרוֹיעֶרְן מִיט אַ הָאפֶענוּנְג אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז זִיכֶער נִישְׁט פַארְלָאזְן, נָאר עֶר וֶועט אוּנְז שׁוֹין בְּקָרוֹב אוֹיסְלֵייזְן אוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בב"א.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ בֵּין הַמְּצָרִים)

# מִילֵי דְאָבוֹת

## פֶּערְל וֶוערְטֶער אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת

### יֶעדֶער אִיד קֶען אָנְקוּמֶען צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת

**כָּל יִשְׂרָאֵל יֵשׁ לָהֶם חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא**

מֶען פִירְט זִיךְ צוּ זָאגְן דִי מִשְׁנָה פַארְן לֶערְנֶען פִּרְקֵי אָבוֹת, כָאטְשׁ עֶס קוּמְט נִישְׁט אַהֶער, עֶס אִיז אַ מִשְׁנָה אִין סַנְהֶדְרִין.

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, וַוייל פַאר מֶען לֶערְנְט פִּרְקֵי אָבוֹת, וָואס דָארְט שְׁטֵייט דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת צוּ וָואס דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע צַדִיקִים זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען, וֶועט אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְטְן "אִיךְ וֶועל זִיכֶער נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת, אִיךְ בִּין דָאךְ אַזוֹי וַוייט פוּן דִי אַלֶע זַאכְן".

דֶערְפַאר זָאגְט מֶען קוֹדֶם כָּל יִשְׂרָאֵל יֵשׁ לָהֶם חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא, יֶעדֶער אִיד הָאט אַ חֵלֶק אִין עוֹלָם הַבָּא, יֶעדֶער אִיד קֶען צוּקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע אוּן גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ וִויפִיל מֶען הָארֶעוֶועט, וִויפִיל מֶען בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען אַ אִיד וֶועט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט עֶר זִיכֶער צוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, אוּן זוֹכֶה זַיין לְחַיֵי הָעוֹלָם הַבָּא.

(חַסְדֵי אָבוֹת, פֶּרֶק א')

***

### אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

**הוּא הָיָה אוֹמֵר**

וִוי אַזוֹי הָאט דֶער צַדִיק זוֹכֶה גֶעוֶועןן צוּ אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת? **הוּא הָיָה אוֹמֵר** – וַוייל עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ רֶעדְן, דָאס מֵיינְט אַז עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אַזוֹי אוֹיךְ יֶעדֶער אִיד וָואס וֶועט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין דֶערְצוּ.

(חַסְדֵי אָבוֹת, פֶּרֶק א' מִשְׁנָה ב')

***

### אַ רֶבִּי פוּן אַמָאל

**הֱוֵי מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַהֲרֹן, אוֹהֵב שָׁלוֹם וְרוֹדֵף שָׁלוֹם.**

פוּן דָא זֶעהְט מֶען אַז אוֹיבּ אַ אִיד פִירְט זִיךְ מִיט דִי מִדוֹת פוּן אַ צַדִיק, וֶוערְט עֶר אָנְגֶערוּפְן זַיין תַּלְמִיד, אֲפִילוּ וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין גֶעוֶועןן פַאר אַסַאךְ יָארְן צוּרִיק. אַזוֹי וִוי מִיר זֶעהְן דָא אַז וֶוען אַ אִיד גֵייט אִין דִי וֶועגְן פוּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, וֶוערְט עֶר אָנְגֶערוּפְן מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַהֲרֹן, אֲפִילוּ אַהֲרֹן הַכֹּהֵן הָאט שׁוֹין גֶעלֶעבְּט פַאר דְרֵיי טוֹיזְנְט יָאר צוּרִיק.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען אַ אִיד גֵייט אִין דִי וֶועגְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר נֶעמְט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן אוּן עֶר אִיז זֵיי מְקַיֵים, אִיז עֶר אַ תַּלְמִיד פוּנֶעם רֶבִּי'ן, אוּן עֶר וֶועט זִיכֶער זוֹכֶה זַיין צוּ דָאס מֶערְסְטֶע וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ב) אַז דֶער פָּנִים, שֵׂכֶל, אוּן דִי נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִיק לִיגְט אִין זַיין סֵפֶר, אוּן דֶערְפַאר וֶוער עֶס לֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּנֶעם צַדִיק, אִיז מַמָשׁ וִוי עֶר זֶעהְט זַיין פָּנִים, אוּן דֶער צַדִיק וֶועט אִים פִירְן אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג.

(בְּרִית אָבוֹת, פֶּרֶק א', מִשְׁנָה י"ב)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

### מוהרא"ש שליט"א צוריק געקומען פון ארץ ישראל

עס איז גרויס פרייד ביי אנשי שלומינו אז דעם זונטאג איז מוהרא"ש שליט"א צוריק געקומען פון ארץ ישראל נאכן ווײלן דארט פאר עטליכע וואכן צו מחזק זיין די ארטיגע אידן.

די וואך דאנערשטאג איז ווייטער פארגעקומען די וועכנטליכע ליל שישי שיעור ווי געווענליך.

מען קען מיטהאלטן יעדע וואך די שיעור מיט א לייוו הוק-אפ, אויך קען מען הערן שיעורים פון די פריערדיגע יארן פון מוהרא"ש, אויפן "קול ברסלב" טעלעפאן ליין, אויפן נומער **212-444-9191**.

**בזמן שהצדיק בעיר הוא הודה הוא זיוה הוא הדרה!**

***

### צוויי פרישע קונטרסים ארויס פון דרוק

די וואך איז ארויס געקומען ממכבש הדפוס נאך צוויי פרישע קונטרסים אויף אידיש.

אין די סעריע פון קונטרסים אויף אידיש, וואס דאס זענען די שיעורים פון מוהרא"ש שליט"א יעדן ליל שישי אפגעשריבן אויף א לייכטע שפראך, איז שוין ארויסגעקומען עטליכע צענדליגע קונטרסים.




יעצט איז גרויס די פרייד צו נאך צוויי קונטרסים וואס זענען ארויס געקומען די וואך.

די ערשטע איז די קונטרס "דו האסט אויך אן עצה" וואו עס ווערט אויסגעשמועסט אז צו יעדן פראבלעם איז דא אן עצה און א וועג ארויס, דער צדיק האט עצות פאר יעדן איד אין יעדן מצב, און ווען מען פאלגט די עצות פון צדיק האט מען שטענדיג אן עצה ווי אזוי זיך צו פירן.

די צווייטע קונטרס איז "ראטעוועט מיין לעבן", וואו עס ווערט אויסגעשמועסט ווי אזוי א מענטש קען זיך האלטן שטארק אין יעדע שווערע מצב, און ווערן געראטעוועט פון אלעם שלעכטס.

די קונטרסים און נאך פילע אנדערע איז דא צו באקומען בהיכל הישיבה אויף 27 סקילמען סט.

**על ידי הפצת ספרי רבינו, נביא את משיח צדקינו!**

## ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע ספרי ברסלב

**27 Skillman St.**

**347-977-7994 אדער רופט**

## קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א**

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!

**וועכנטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים**

שנעל גוט און ביליג!

**רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554**

**5554printing@gmail.com**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכנטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות.................8:00
סוף זמן קר"ש..................8:48
מוצש"ק..............................9:30

**שיעורים כסדרן**
בבלי............................מגילה ט"ו
ירושלמי.......................פאה כ"ו
תוספתא..............דמאי פרק ד'

פרשת מסעי, כ"ח תמוז, מברכים חודש אב, אבות פרק ב', שנת תשע"ד לפ"ק — שנה 3, גליון 48 (148)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**עַל פִּי ה' יַחֲנוּ עַל פִּי ה' יִסָּעוּ.** מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י"א) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאוֶונְט אָדֶער רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְן פֶעלְד צְוִוישְׁן דִי גְרָאז אוּן בֵּיימֶער, דַאן הֶעלְפְן אִים דִי גְרָאז צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית כ"ד) **וַיֵּצֵא יִצְחָק לָשׂוּחַ בַּשָּׂדֶה**, אַז דִי פֶעלְדֶער הָאבְן אִים גֶעהָאלְפְן אוּן גֶעגֶעבְן כֹּחַ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אֵיינֶער הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן פ"ה) אוֹיב עֶר זָאל פָאהְרְן עֶרְגֶעץ, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז אוֹיב עֶס מַאכְט זִיךְ אַ נְסִיעָה זָאל עֶר פָאהְרְן. וַוייל וואוּ אַ אִיד גֵייט אִיז עֶר עֶפֶּעס מְתַקֵּן, אֲפִילוּ אַ גָאר פָּשׁוּט'עֶר אִיד אוֹיב עֶר הִיט זִיךְ פוּן צוּ טוּהְן עֲבֵירוֹת אִיז עֶר עֶפֶּעס מְתַקֵּן אִיבֶּעראָל וואוּ עֶר גֵייט נָאר, וַוייל וואוּ עֶר אִיז נָאר מוּז אוֹיסְקוּמֶען אַז עֶר זָאל טוּהְן עֶפֶּעס מִצְוֹת, עֶר וֶועט דַאוֶונֶען, עֶר וֶועט מַאכְן אַ בְּרָכָה, אָדֶער סַיי וָואסֶערֶע דָבָר שֶׁבִּקְדוּשָּׁה עֶר וֶועט טוּהְן וֶועט עֶר מִיט דֶעם אוֹיפְטוּהְן גְרוֹיסֶע זַאכְן.

דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען נִישְׁט וֶוערְן צוּבְרָאכְן וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיס צוּ פָאהְרְן אוֹיפְן וֶועג אוּן עֶס זֶעהְט אוֹיס וִוי מֶען פַארְבְּרֶענְגְט דִי צַייט, וַוייל וואוּ מֶען גֵייט טוּט מֶען אוֹיף גְרוֹיסֶע זַאכְן, אוּן וֶוען מֶען פָארְט צְוִוישְׁן בֵּיימֶער אוּן גְרָאז אוּן מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֶעלְפְט אִים דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר וֶועט זִיכֶער פּוֹעֵל'ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע פַּרְשָׁה גֶעפִינֶען מִיר דִי צְוֵויי אוּן פֶערְצִיג מַסָּעוֹת וָואס דִי אִידְן זֶענֶען גֶעפָארְן אוּן גֶעצוֹיגְן אִין מִדְבָּר, אוּן דֶער פָּסוּק זָאגְט עַל פִּי ה' יַחֲנוּ עַל פִּי ה' יִסָּעוּ, אַלֶעס אִיז גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְן בַּאפֶעל פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים זָאגְן אַז דִי אַלֶע מַסָּעוֹת גֵייעְן דוּרְךְ אוֹיךְ אוֹיף יֶעדְן אִיד, יֶעדֶער אִיד דַארְף אַרוּם פָארְן אוּן אָנְקוּמֶען אוֹיף גֶעווִיסֶע פְּלֶעצֶער כְּדֵי דָארְט עֶפֶּעס צוּ פַארֶעכְטְן, אוּן וֶוען אַ אִיד וֵייסְט אוּן גֶעדֶענְקְט אַז וואוּ עֶר גֵייט אוּן וואוּ עֶר פָארְט אִיז אַלֶעס מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶע חֶשְׁבּוֹן, **עַל פִּי ה' יַחֲנוּ עַל פִּי ה' יִסָּעוּ**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אִים פּוּנְקְטְלִיךְ וואוּ עֶר זָאל אָנְקוּמֶען, דַאן אִיז עֶר זוֹכֶה אַלֶעם מְתַקֵּן צוּ זַיין, אוּן עֶר וֶוערְט נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוּן גֶערֶעגְט וֶוען עֶר דַארְף אַרוּם פָארְן, וַוייל עֶר וֵייסְט אַז אַלֶעס אִיז מִיט

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ חוֹדֶשׁ אָב ~

מִיר גֵייעְן יֶעצְט אַרַיין אִין חוֹדֶשׁ אָב, אַ חוֹדֶשׁ אִין וָואס מֶען טְרוֹיעֶרְט אוֹיפְן בֵּית הַמִקְדָשׁ וָואס אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן, אוּן מֶען בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל עֶס שׁוֹין צוּרִיק אוֹיפְבּוֹיעֶן.

דֶער טְרוֹיעֶר אִיז נִישְׁט נָאר אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ וָואס אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן, נָאר מִיר טְרוֹיעֶרְן אוֹיךְ אוֹיף אוּנְזֶער אֵייגֶענֶעם חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ. דֶער מֹחַ פוּן אַ אִיד דַארְף זַיין אַ בֵּית הַמִקְדָשׁ, עֶס דַארְף טְרַאכְטְן שְׁטֶענְדִיג פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע חוּרְבָּן, אוּן אוֹיף דֶעם טְרוֹיעֶרְן מִיר אוּן מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן אוֹיפְבּוֹיעֶן אוּנְזֶער אֵייגֶענֶע בֵּית הַמִקְדָשׁ, צוּ טְרַאכְטְן שְׁטֶענְדִיג פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז אוּנְזֶער אַרְבֶּעט יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ אָב, אַז מִיר זָאלְן זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וִוי אַזוֹי קוּמְט מֶען צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? דָאס אִיז דוּרְךְ דִי תּוֹרָה, וֶוען אַ אִיד מַאכְט זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, וֶועט עֶר אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע שְׁלֶעכְטְס אוּן זַיין שְׁטֶענְדִיג דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### דֶער צִירוּף פוּן דֶעם חוֹדֶשׁ

דֶער נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶער שֵׁם הוי"ה, קֶען מֶען אוֹיסְשְׁטֶעלְן אוֹיף צְוֶועלְף וֶועגְן, אוּן דָאס זֶענֶען קֶעגְן דִי צְוֶועלְף חֳדָשִׁים, יֶעדֶע חוֹדֶשׁ שַׁיינְט אַן אַנְדֶערֶע צִירוּף פוּנֶעם שֵׁם. אִין חוֹדֶשׁ אָב שַׁיינְט דֶער צִירוּף אוֹיף דִי וֶועג – "הוי"ה", וָואס דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּנֶעם פָּסוּק (דְבָרִים כז ט)

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

אַ קְלָארֶע חֶשְׁבּוֹן פוּן בַּאשֶׁעפֶער.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקְן שְׁטֶענְדִיג אַז עֶר וֶוערְט שְׁטֶענְדִיג גֶעפִירְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אַלֶעם וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ אִיז מִיט אַ גֶענוֹיעֶן חֶשְׁבּוֹן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק פ' מַטּוֹת-מַסְעֵי תשנ"ט לפ"ק)

***

**וַיִּסְעוּ מִמִּדְבַּר סִינָי וַיַּחֲנוּ בְּקִבְרוֹת הַתַּאֲוָה**, מוֹהַרְאַ"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן א') אַז דֶער יֵצֶר הָרַע ווִיל מְשׁוּגֶע מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל טוּהן עֲבֵירוֹת, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה קֶעגְן דֶעם יֵצֶר הָרַע, אִיז נָאר צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וָואס נָאר דָאס הַרְגְ'ט דֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס בְּרֶענְט אִין אַ מֶענְטְשׁ.

נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן י"ט) אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר לִיגְט אִין עֲבֵירוֹת, עֶר אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ טוּהן עֲבֵירוֹת, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ בַּאשְׁטִימְטֶע שִׁיעוּר, חֹק וְלֹא יַעֲבֹר, צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַזוֹיפִיל אוּן אַזוֹיפִיל, וֶועט אִים דִי תּוֹרָה זִיכֶער אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן זַיינֶע עֲבֵירוֹת אוּן עֶר וֶועט זִיכֶער זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק **וַיִּסְעוּ מִמִּדְבַּר סִינָי**, וֶוען מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן מִדְבַּר סִינַי, דִי פְּלַאץ וואוּ מֶען הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה. דָאס מֵיינְט אַז גְלַייךְ וֶוען מֶען הֶערְט אוֹיף צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, **וַיַּחֲנוּ בְּקִבְרוֹת הַתַּאֲוָה**, קוּמְט מֶען אָן צוּ דִי תַּאֲווֹת וָואס בַּאגְרָאבְן דֶעם מֶענְטְשׁ לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט, ווַייל נָאר דִי תּוֹרָה הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

(זֹאת הַתּוֹרָה מַסְעֵי ה)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרַא"שׁ

הַ'סְכֵּת וּ'שְׁמַע יִ'שְׂרָאֵל הַ'יּוֹם הַזֶּה נִהְיֵיתָ לְעָם לַה' אֱלֹקֶיךָ – אִידִישֶׁע קִינְדֶער הֶערְטּ צוּ, דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג זֶענְט אִיר גֶעוָוארְן אַ פָאלְק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פַארְוָואס פוּנְקְט דֶער שֵׁם, פוּן דֶעם פָּסוּק, שַׁיינְט אִין דֶעם חוֹדֶשׁ אָב? אוּן מֶען זֶעהט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, עֶס אִיז אָנְגֶענוּמֶען בַּיי אִידְן אַז וֶוען מֶען וִויל זָאגְן דֶעם שֵׁם – דֶער נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער מֶען טָאר דָאךְ נִישְׁט אַרוֹיס זָאגְן דֶעם שֵׁם, זָאגְט מֶען עֶס אוֹיף דִי וֶועג וִוי אַזוֹי עֶס שַׁיינְט אִין חוֹדֶשׁ אָב "דֶעם שֵׁם הוי"ה". פַארְוָואס פוּנְקְט אוֹיף דֶעם וֶועג?

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ס"ג:) אַז פוּן דֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן פָּסוּק, הַ'סְכֵּת וּ'שְׁמַע יִ'שְׂרָאֵל הַ'יּוֹם הַזֶּה נִהְיֵיתָ לְעָם לַה' אֱלֹקֶיךָ, לֶערְנְט מֶען אַרוֹיס פִיר זַאכְן, אוּן דִי פִיר זַאכְן זֶענֶען דִי יְסוֹדוֹת וִוי אַזוֹי אַ אִיד קֶען זִיךְ גְרִינְגֶערְהֵייט צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר אִיז עֶס טַאקֶע פַּאסִיג פַאר יֶעצְט אִין חוֹדֶשׁ אָב וֶוען יֶעדֶער וִויל צוּרִיק אוֹיפְבּוֹיעֶן זַיין אֵייגֶענֶע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן אוֹיךְ אִיז עֶס וִויכְטִיג פַאר יֶעדְן אִיד אִין יֶעדְן מַצָּב, אוּן דֶערְפַאר אִיז מֶען צוּגֶעוואוֹינְט צוּ זָאגְן דֶעם שֵׁם אוֹיף דֶעם וֶועג.

## יֶעדְן טָאג פוּן נַיי

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דִי גְמָרָא לֶערְנְט אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק, "הַיּוֹם הַזֶּה" נִהְיֵיתָ לְעָם לַה' אֱלֹקֶיךָ, אַז יֶעדְן טָאג דַארְף אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְטְן אַז הַיינְט הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל.

דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע אוּן ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס אַ אִיד דַארְף ווִיסְן וֶוען עֶר ווִיל צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען טָאר נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן, עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין חִילּוּק וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהן בִּיז יֶעצְט, קֶען מֶען יֶעדְן טָאג צוּרִיק קוּמֶען אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן נַיי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואלְט הַיינְט גֶעגֶעבְּן דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן.

אַזוֹי אוֹיךְ טָאר מֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס עֶס וֶועט זַיין מָארְגְן, "אִיךְ וֶועל הַיינְט אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אָבֶּער וֶוער זָאגְט אַז מָארְגְן וֶועט עֶס נָאךְ אָנְהַאלְטְן?", עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין חִילּוּק וָואס עֶס גֵייט זַיין מָארְגְן, יֶעדְן טָאג דַארְף אַ אִיד פְּרוּבִּירְן אַרַיינְצוּכַאפְּן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן דִי תּוֹרָה וֶועט הֵיילִיגְן אוּן רֵיינִיגְן דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן אִים צוּרִיק בְּרֶענְגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## אַן אַנְדֶערֶע כִּתָּה

אָבֶּער וֶוען אַ אִיד ווִיל אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען, קוּמְט אִים גְלַייךְ אַרַיין אִין קָאפּ "וֶוער בִּין אִיךְ צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה? עֶס אִיז טַאקֶע דָא גְרוֹיסֶע לוֹמְדִים, אִידְן וָואס גֶעבְּן זִיךְ אַוֶועק זֵייעֶר לֶעבְּן אוּן זִיצְן אוּן הָארֶעוֶוען אוּן זֶענֶען מַצְלִיחַ אִין דִי תּוֹרָה, אִיךְ קוּם דָאךְ אָבֶּער נִישְׁט צוּ צוּ זֵייעֶר שְׁפִּיץ פִינְגֶער, וִוי קֶען אִיךְ זִיךְ פַארְגְלַייכְן צוּ זֵיי? וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען?"

אוֹיף דֶעם קוּמְט דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ וָואס דִי גְמָרָא לֶערְנְט אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק, הַסְכֵּת וּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל הַיּוֹם וְכוּ' - עֲשׂוּ כִּתּוֹת כִּתּוֹת וְעִסְקוּ בַּתּוֹרָה, בַּיים לֶערְנֶען תּוֹרָה אִיז דָא אַסַאךְ כִּתּוֹת, עֶס אִיז טַאקֶע דָא אִידְן וָואס קֶענֶען זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין תּוֹרָה, אוּן לֶערְנֶען מִיט אַ גְרוֹיסֶע עִיּוּן אוּן מִיט פִּלְפּוּלִים, אָבֶּער אוֹיבּ דוּ בִּיזְטוּ פוּן אַן אַנְדֶערֶע כִּתָּה, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט לֶערְנֶען אַזוֹי בְּעִיּוּן, דַארְפְסְטוּ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם, ווַייל יֶענֶער גֵייט אִין אַן אַנְדֶערֶע כִּתָּה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט בִּכְלָל וָואס מֶען זָאגְט, אוּן אֲפִילוּ מֶען גֶעדֶענְקְט גָארְנִישְׁט, בְּלוֹיז מִיטְן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אִיז מֶען מְקַיֵּים דִי מִצְוָה פוּן לִימּוּד הַתּוֹרָה, אוּן דָאס רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן בְּרֶענְגְט אִים צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## בִּיזְט צוּבְּרָאכְן?

אוּן אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וֶועט זָאגְן, "אִיךְ ווִיל טַאקֶע לֶערְנֶען תּוֹרָה, אָבֶּער אִיךְ בִּין אַזוֹי צוּבְּרָאכְן אוּן צוּהַאקְט פוּן דִי צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים וָואס אִיךְ גֵיי דוּרְךְ, אַז אִיךְ קֶען זִיךְ פָּשׁוּט נִישְׁט צוּזַאם נֶעמֶען אוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה".

אוֹיף דֶעם קוּמְט דִי דְרִיטֶע זַאךְ וָואס דִי חֲזַ"ל לֶערְנֶען אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק, הַסְכֵּת וּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל - כַּתְּתוּ עַצְמְכֶם עַל דִּבְרֵי תּוֹרָה,

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

שֶׁאֵין דִּבְרֵי תּוֹרָה מִתְקַיְּמִין אֶלָּא בְּמִי שֶׁמֵּמִית עַצְמוֹ עָלֶיהָ'. דִּי תּוֹרָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט וֶוען עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער, וֶוען עֶר אִיז גֶעדְרוּקְט, דָאס הַאלְט זִיךְ בַּיים מֶענְטְשׁ, אוּן דֶערְפַאר דַּוְקָא דֶעמָאלְט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט צָרוֹת אִיז זַיין אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה צוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה. אִין תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ שְׁטֵייט (פֶּרֶק ו') אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעהט אַז עֶס קוּמְט אוֹיף אִים צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, זָאל עֶר לוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה, אוּן דֶעמָאלְט וֶועלְן אַלֶע יִסוּרִים אַוֶועק גֵיין פוּן אִים.

## דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט קַיין וָוארְט

און אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט קַיין אוֹת אַחַת וָואס עֶר לֶערְנְט, עֶר צוּבְרֶעכְט זִיךְ דִי צֵיין קוֹים צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אוֹיף דֶעם קוּמְט דִי פֶּערְטֶע זַאךְ וָואס מֶען לֶערְנְט אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק, הַסְכֵּת וּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל - הַס וְאַחַר כַּךְ כִּתֵּת, דְּאָמַר רָבָא לְעוֹלָם יִלְמַד אָדָם תּוֹרָה וְאַחַר כַּךְ יֶהְגֶּה. אַ מֶענְטְשׁ דַארְף קוֹדֶם זָאגְן אַסַאךְ תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט זֵייעֶר אַסַאךְ תּוֹרָה, וֶועט זִיךְ זַיין מֹחַ צוּם סוֹף עֶפֶענֶען, אוּן עֶר וֶועט פַארְשְׁטֵיין אוּן קֶענֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט.

קוּמְט אוֹיס אַז פוּן דֶעם פָּסוּק הַסְכֵּת וּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל הַיּוֹם, וָואס פוּן דָא קוּמְט אַרוֹיס דֶער שֵׁם וָואס שַׁיינְט אִין דֶעם חוֹדֶשׁ אָב, פוּן דֶעם פָּסוּק קוּמְט אַרוֹיס אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חִיזוּק פַאר יֶעדְן אִיד, אַז מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנַייעֶן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען אוֹיךְ לֶערְנֶען, אוּן אֲפִילוּ וֶוען מֶען הָאט צָרוֹת אִיז אוֹיךְ נָאר דִי אֵיינְצִיגֶע עֵצָה צוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה.

דִי אַלֶע לְמוֹדִים אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ גֶעדֶענְקֶן יֶעצְט אִין חוֹדֶשׁ אָב, וַוייל דוּרְךְ דִי תּוֹרָה בַּאקוּמְט אַ מֶענְטְשׁ שֵׂכֶל אוּן עֶר וֶוערְט צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מִיט דֶעם פַארֶעכְט עֶר זַיין אֵייגֶענֶע חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, עֶר בּוֹיעֶט אוֹיף אִין זַיין מֹחַ דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר בִּינְד צוּ זַיין מֹחַ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ דִי תּוֹרָה.

דֶערְפַאר אִיז אָנְגֶענוּמֶען בַּיי אִידְן צוּ זָאגְן דֶעם שֵׁם אוֹיף דִי וֶועג "שֵׁם הוי"ה", וַוייל דִי חִיזוּק וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק קֶען צוּנִיץ קוּמֶען פַאר יֶעדְן אִיד שְׁטֶענְדִיג.

## מִילְכִיגְס אִין דִי נַיין טֶעג

אִין דִי סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט טַעֲמִים פַארְוָואס אִידְן פִירְן זִיךְ צוּ עֶסְן מִילְכִיגְס אִין דִי נַיין טֶעג פוּן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אָב בִּיז תִּשְׁעָה בְּאָב (עַיֵּין ספה"ק זֶרַע קוֹדֶשׁ פ' בָּלָק וּפ' דְּבָרִים), אָבֶּער מִיט דֶעם קֶען מֶען דָאס זֵייעֶר גוּט פַארְשְׁטֵיין, וַוייל יֶעצְט אִין דֶעם חוֹדֶשׁ אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ נֶעמֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה, קוּמְט אוֹיס אַז דִי טֶעג זֶענֶען מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי דֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת וָואס דֶעמָאלְט עֶסְט מֶען אוֹיךְ מִילְכִיגְס.

וֶוען אַ אִיד וֶועט אוֹיסְנוּצְן דִי טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ אָב צוּ מַאכְן אַ נַייעֶ הַתְחָלָה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה. אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס קוּמְט אִים אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, זָאל עֶר כָאטְשׁ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה. וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז דִי תּוֹרָה וֶועט שׁוֹין בְּלַייבְּן אִין אִים אוֹיךְ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען דִי כֹּחַ אוּן חֵשֶׁק וַוייטֶער צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אַ גַאנְץ יָאר.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּנוּצְן דִי טֶעג וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש עֶרֶךְ חוֹדֶשׁ מְנַחֵם-אָב)

# תּוֹרָה אִיז דִי בֶּעסְטֶע סְחוֹרָה

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי צוּ הֶערְן וָואס אוֹיף דִיר גֵייט דוּרְךְ וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער דִי חֲזַ"ל הָאבְּן אוּנְז גֶעלֶערְנְט (סוּכָּה נב:) אִם פָּגַע בְּךָ מְנוּוָּל זֶה מַשְׁכֵהוּ לְבֵית הַמִּדְרָשׁ אִם אֶבֶן הוּא נִימוֹחַ אִם בַּרְזֶל הוּא מִתְפּוֹצֵץ; אוֹיבּ דֶער מְנוּוָּל דֶער עֶקְלְדִיגֶער יֵצֶר הָרַע הָאט זִיךְ אִין דִיר אַרַיינְגֶעכַאפְּט, זָאלְסְטוּ אִים אַרַיינְשְׁלֶעפְּן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אוּן זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, דֶעמָאלְט, אֲפִילוּ עֶר וֶועט זַיין הַארְט וִוי אַ שְׁטֵיין אוּן שְׁטַארְק וִוי אַ אַייזְן וֶועט עֶר צוּגֵיין אוּן צוּקְלַאפְּט וֶוערְן אוֹיבּ דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען תּוֹרָה.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס הֵייסְט לֶערְנֶען תּוֹרָה, דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה דָאס אִיז דִי חָכְמָה פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט תּוֹרָה אִיז עֶר מְבַטֵּל זַיין בְּרֶענֶעדִיגֶע יֵצֶר הָרַע, אוּן דִי חֲזַ"ל זָאגְן (קִידּוּשִׁין ל:) אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בָּרָאתִי יֵצֶר הָרַע בָּרָאתִי תּוֹרָה תַּבְלִין כְּנֶגְדּוֹ; דֶער זֶעלְבֶּער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס הָאט בַּאשַׁאפְן דֶעם יֵצֶר הָרַע הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער עֵצָה אִים צוּ צוּבְרֶעכְן אִיז לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן י"ט) אֲפִילוּ דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן שׁוֹין אַיינְגֶעזִינְקֶען אִין שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע תַּאֲווֹת אוּן טוּעֶן אָפּ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע זִינְד רַחֲמָנָא לִישַּׁזְבָן, אוּן זֵיי זִינְקֶן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן זִיךְ מַאכְן אַ חוֹק קָבוּעַ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג כַּךְ וְכַךְ אַ שִׁיעוּר אִין תּוֹרָה, וֶועט דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה זֵיי אַרוֹיסְרַייסְן פוּן זֵייעֶר שְׁמוּץ, אוּן עֶס אִיז מְקוּבָּל בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט דָאס כַּךְ וְכַךְ גֵייט אַרוֹיף אוֹיף לִימּוּד חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת וָואס דָאס הַארְגֶעט אַוֶועק דֶעם יֵצֶר הָרַע אִינְגַאנְצְן, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קפ"ה) הָאט גֶעגֶעבְּן אַ תִּיקּוּן פַאר עֶטְלִיכֶע פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט אַז זֵיי זָאלְן זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת.

המשך בדף ד

## סימן טוב ומזל טוב יהא לנו ולכל ישראל

מיר ווינטשן א הארציגע מזל טוב פאר

הרה"ג מוה"ר **יואל ראטה** שליט"א

ראש ישיבתינו הק'

**צו די געבורט פון זיין אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן פיל אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע זיינע קינדער, דורות ישרים ומבורכים.

## מזלא טבא וגדיא יאה

מיר ווינטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **שמחה לעווי** הי"ו

**צו די געבורט פון אן אייניקל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן פיל אידיש נחת פון דעם אייניקל און פון אלע זיינע קינדער און אייניקלעך, דורות ישרים ומבורכים מיט א סך סיעתא דשמיא.

# תּוֹרָה אִיז דִי בֶּעסְטֶע סְחוֹרָה

המשך

יֶעצְט אַז דוּ ווילְסְט פָּטוּר וֶוערְן פוּן דַיין בְּרֶענֶעדִיגֶע יֵצֶר הָרַע, זָאלְסְטוּ שׁוֹין אָנְפַאנְגֶען הַיינְט צוּ זָאגְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וָוארוּם מִשְׁנָה הָאט דֶעם כֹּחַ אַרוֹיסְצוּרַייסְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ל׳) הֶ׳עֱלִיתָ מִ׳ן שְׁ׳אוֹל נַ׳פְשִׁי, אִיז דֶער רָאשֵׁי תֵּיבוֹת מִשְׁנֶ״ה, וָוארוּם דוּרְךְ לִימוּד מִשְׁנַיוֹת נֶעמְט מֶען אַרוֹיס זַיין נֶפֶשׁ פוּן שְׁאוֹל; חַזַ״ל זָאגְן אוֹיכֶעט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה כ״ב סִימָן ו׳) אִם בָּא יִצְרְךָ לְהַשְׁחִיקְךָ דוֹחֵהוּ בְּדִבְרֵי תּוֹרָה; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם עֵצָה מְבַטֵל צוּ זַיין דֶעם יֵצֶר הָרַע, נָאר דוּרְךְ לִימוּד תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, אוּן קֵיינֶער זָאל דִיךְ נִישְׁט גֶעבְּן קַיין אַנְדֶערֶע עֵצוֹת, אוּן אוֹיב עֶס וֶועט נִתְגַבֵּר וֶוערְן אוֹיף דִיר דַיין יֵצֶר הָרַע, אִיז אַ סִימָן אַז דוּ לִיגְסְט נָאךְ אִין דַיין רִשְׁעוּת, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה סִימָן פ״א) מִי שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לְבַטֵל אֶת הַיֵצֶר הָרַע עַל יְדֵי הַמְשָׁכַת אוֹתוֹ לְבֵית הַמִדְרָשׁ יֵדַע שֶׁעֲדַיִין בְּרִשְׁעוֹ קַיָים.

אִיבֶּערְדֶעם פָּאלְג מִיר, הֵייבּ אָן דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג צוּ זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, אוּן דָאס וֶועט דִיךְ אַרוֹיסְרַאטֶעוֶועןן פוּן דַיין בְּרֶענֶעדִיגֶע יֵצֶר הָרַע וָואס עֶס בְּרֶענְט אִין דִיר אַזוֹי וִוי אַ פַייעֶר וְכוּ׳ וְכוּ׳, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן א׳) דָאס אַ מְשׁוּגֶעֶנֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט נָאר אַ שְׁטֶעקְן, פוּן דֶעם הָאט עֶר מוֹרָא, אַזוֹי אוֹיךְ דֶער יֵצֶר הָרַע מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ מְשׁוּגָע וִוי דִי חַזַ״ל זָאגְן (סוֹטָה ג׳) אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה אֶלָא אִם כֵּן נִכְנָס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת; אוּן דִי תּוֹרָה אִיז אַ שְׁטֶעקְן וָואס עֶס צוּבְּרֶעכְט דֶעם יֵצֶר הָרַע, אוּן פוּן דִי תּוֹרָה הָאט עֶר זֵייעֶר מוֹרָא, אִיבֶּערְדֶעם זִיכְט דֶער יֵצֶר הָרַע אַלֶע עֶרְלֵיי מִצְווֹת וְכוּ׳ דֶער עִיקָר עֶר זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען קַיין תּוֹרָה, עֶר אִיז זִיךְ מִתְלַבֵּשׁ אִין מִצְווֹת אַבִּי לֶערְן נִישְׁט קַיין תּוֹרָה, וַוייל פוּן תּוֹרָה הָאט עֶר זֵייעֶר מוֹרָא.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט פָּאלְגְן וֶועסְטוּ פָּטוּר וֶוערְן פוּן דֶעם גְרוֹיסְן יֵצֶר הָרַע וָואס עֶס בְּרֶענְט אִין דִיר.

(אשר בנחל באידיש חלק ב׳ מכתב רע״ז)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

*זה השער לה׳ צדיקים יבואו בו!*

## מוהרא״ש שליט״א באזוכט אין קעמפ

גאר גרויס איז געווען די שמחה ביי די בחורים אין ישיבה און ביי אלע תושבי המחנה צו האבן די געוואלדיגע זכי׳ צו מקבל פנים זיין כ״ק מוהרא״ש שליט״א וואס האט דעם דינסטאג אפגעשטאט א באזוך אין קעמפ.

נאך אינמיטן טאג האט מען אנגעהויבן מיט די הכנות צום גרויסן קבלת פנים פאר מוהרא״ש שליט״א, די בחורים האבן זיך אויסגעשטעלט אויף א מייסטערהאפטיגן אופן, צו מקבל פנים זיין מוהרא״ש, אין א באזונדערע ווינקל זענען געשטאנען די טייערע קינדערלעך די תשב״ר אנגעטוהן מיט ווייסע העמדער אינאיינעם מיט זייערע מלמדים צו אויפנעמען דעם גרויסן גאסט.

מוהרא״ש שליט״א איז אנגעקומען בערך אום פינף אזייגער נאכמיטאג, מען האט געדאווענט מנחה, און דערנאך האט מען זיך געוואשן צו א ברייטע סעודה וואס איז געווארן צוגעשטעלט לכבוד המאורה, במשך די סעודה האט מען גע׳זינגען אינאיינעם ווארימע התעוררות׳דיגע ניגונים, און דערנאך האט מען געהאט די זכי׳ צו הערן דברות קודש פון מוהרא״ש שליט״א.

צו ערשט האט מוהרא״ש גע׳חזר׳ט מיט די בחורים די נוסח פון ראש השנה, אזוי ווי די לעצטע יארן דאווענט דער ראש ישיבה שליט״א פארן עמוד ביי מוהרא״ש אין בית המדרש אין אומן, אינאיינעם מיט א גרופע משוררים, בחורים פון ישיבה.

מוהרא״ש שליט״א האט ארום גערעדט איבער די זכי׳ וואס די בחורים האבן צו לערנען אין אזא הייליגע ישיבה וואו מען גייט אויפן רבי׳נס הייליגע וועגן. א ישיבה וואו די בחורים באקומען יעדן טאג חיזוק זיך שטארקן אין עבודת ה׳ מיט די לימודים פון הייליגן רבי׳ן, צו רעדן שטענדיג צום אייבערשטן, צו לערנען די הייליגע תורה אויפן סדר דרך הלימוד וואס דער רבי האט אונז געלערנט, נאר די הייליגע תורה וועט באגלייטן דעם מענטש אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

אויך האט מוהרא״ש גערעדט פון די גרויסקייט פון פארן ראש השנה אויף אומן צום הייליגן רבי׳ן, וואו מען קען אויס׳פועל׳ן א גוט געבענטשט יאר.

נאכן בענטשן זענען אלע בחורים דורך געגאנגען צו געבן שלום פאר מוהרא״ש, און מוהרא״ש האט זיך אינטערעסירט אויף יעדן בחור וואו ער האלט, און מחזק געווען די בחורים אז זיי וועלן אלע געהאלפן ווערן מיט וואס זיי דארפן.

דערנאך האט מען ארויס באגלייט מוהרא״ש שליט״א, וואס האט זיך אומגעקערט למעון קדשו.

די געהויבענע התרגשות׳דיגע געפיהלן פון דעם מעמד וועלן נאך בלייבן איינגעקריצט ביי יעדן פאר א לאנגע צייט.

**עוד ינובון בשיבה דשנים ורעננים יהיו!**

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו״ה **יחזקאל לעווי** הי״ו

**צו די געבורט פון זיין אינגל למז״ט**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן פיל אידיש נחת פון אלע זיינע קינדער, דורות ישרים ומבורכים.

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו״ה **ברוך ברדוגו** הי״ו

**צו די געבורט פון זיין אינגל למז״ט**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן פיל אידיש נחת פון אלע זיינע קינדער, דורות ישרים ומבורכים.


## ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ׳ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע ספרי ברסלב

**27 Skillman St.**

347-977-7994 אדער רופט

## קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים פון כ״ק מוהרא״ש שליט״א**

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען



פאר גאר ביליגע פרייזן!

**וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים**

שנעל גוט און ביליג!

**רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554**

**5554printing@gmail.com**


**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת דברים, שבת חזון, ו' אב, אבות פרק ג', שנת תשע"ד לפ"ק
שנה 3, גליון 49 (149)


**זמנים**

הדלקת הנרות.................7:53
סוף זמן קר"ש..................8:51
מוצש"ק..........................9:23

**שיעורים כסדרן**

בבלי............................מגילה כ"ב
ירושלמי.........................פאה ל"ג
תוספתא...........תרומות פרק ג'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר דִּבֶּר מֹשֶׁה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן בָּעֲרָבָה מוֹל סוּף.** זָאגְט רַשִׁ"י, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אַלֶע פְּלֶעצֶער וואוּ דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט אַקֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער עֶר הָאט עֶס נָאר דֶערְמַאנְט בְּרֶמֶז, וֶועגְן דִי כָּבוֹד פוּן דִי אִידְן.

מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז עֶס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן א') אַז מֶען קֶען נִישְׁט דַן זַיין קַיין שׁוּם אִיד, וִוי דִי מִשְׁנָה זָאגְט (אָבוֹת ב, ד) **אַל תָּדִין אֶת חֲבֵרְךָ עַד שֶׁתַּגִּיעַ לִמְקוֹמוֹ**, מֶען קֶען נִישְׁט דַן זַיין קֵיינֶעם וִוי לַאנְג מֶען אִיז נִישְׁט אוֹיף יֶענֶעמ'ס פְּלַאץ. אוּן וֶוער קֶען דֶען זַיין אוֹיף אַ צְוֵוייטְנְ'ס פְּלַאץ? נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וָואס יֶעדֶער הָאט אַ פְּלַאץ בַּיי אִים, אוּן עֶר אִיז זִיכֶער מְקַיֵּים דֶעם הֱוֵי דָן אֶת כָּל אָדָם לְכַף זְכוּת (אָבוֹת א, ו).

מֶען קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וִויסְן צִי דִי פְּלַאץ אוּן דִי סִיבּוֹת אַרוּם דֶעם מֶענְטְשׁ הָאבְּן אִים גֶעמַאכְט טוּהן שְׁלֶעכְטְס, אוּן דֶערְפַאר קֶען מֶען קֵיינֶעם נִישְׁט דַן זַיין, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְ'ס וָואס עֶר וֵוייסְט אַלֶע סִיבּוֹת אַרוּם יֶעדֶע זַאךְ.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעוָואלְט אוֹיסְרֶעכֶענֶען דִי עֲבֵירוֹת פוּן דִי אִידְן הָאט עֶר דֶערְמַאנְט נָאר דִי פְּלֶעצֶער, צוּ וַוייזְן אַז דִי פְּלֶעצֶער הָאבְּן גֶעמַאכְט דִי אִידְן זָאלְן זִינְדִיגְן, אָבֶּער בֶּאֱמֶת זֶענֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער וואוֹיל אוּן ווִילְן נִישְׁט טוּהן קַיין שְׁלֶעכְטְס.

(זֹאת הַתּוֹרָה דְּבָרִים ג)

***

**אֵיכָה אֶשָּׂא לְבַדִּי טָרְחֲכֶם וּמַשָּׂאֲכֶם וְרִיבְכֶם.** זָאגְט רַשִׁ"י אַז דִי אִידְן הָאבְּן מַטְרִיחַ גֶעוֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוּן גֶערֶעדְט אוֹיף אִים שְׁלֶעכְטְס.

מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רס"א) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרָאפּ פוּן זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת. עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען וואוֹיל אוּן פְּרוּבִּירְט צוּ טוּהן גוּטֶע זַאכְן, אוּן פְּלוּצְלוּנְג הֵייבְּט אִים אָן צוּ גֵיין שְׁוֶוער, עֶר פַאלְט דוּרְךְ. דַארְף עֶר וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַז עֶר זָאל דוּרְכְפַאלְן, כְּדֵי דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ נָאכְאַמָאל דַארְפְן בַּאנַייעֶן אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְפַאר טָאר מֶען נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן וֶוען מֶען פַאלְט

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ שַׁבָּת חֲזוֹן ~

### ~ תִּשְׁעָה בְּאָב ~

דֶער שַׁבָּת פַאר תִּשְׁעָה בְּאָב וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן שַׁבָּת חֲזוֹן. אִין סֵפֶר 'שַׁעַר הַמֶּלֶךְ' וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַז "חֲזוֹן" אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת חַ'צִי זַ'עַם וְ'חַצִי נֶ'חָמָה. דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ פוּן אֵיין זַייט אִיז עֶס טַאקֶע אַ טְרוֹיעֶרִיגֶע צַייט, מֶען טְרוֹיעֶרְט אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז אוֹיךְ דָא אַ נֶחָמָה, אַ טְרֵייסְט, אַז דִי טֶעג וֶועלְן נָאךְ וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּ פְרֵיילִיכֶע טֶעג, וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בְּקָרוֹב וֶועלְן דִי טֶעג וֶוערְן אַ יוֹם טוֹב.

דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (מַכּוֹת כ"ד) אַז וֶוען דִי חֲכָמִים הָאבְּן גֶעזֶעהְן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע חוּרְבָּן אוֹיפְן הַר הַבַּיִת הָאבְּן זֵיי גֶעוֵויינְט אוּן גֶעקְלָאגְט, אָבֶּער רֶבִּי עֲקִיבָא - וָואס אִיז אוֹיךְ דָארְט גֶעוֶוען - הָאט גֶעלַאכְט. הָאבְּן אִים דִי חֲכָמִים גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס לַאכְסְטוּ?", הָאט רֶבִּי עֲקִיבָא גֶעזָאגְט: "אַזוֹי וִוי אִיךְ זֶעה אַז דִי עֶרְשְׁטֶע חֵלֶק פוּן דִי נְבוּאָה אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק מְקוּיָּם גֶעוָוארְן, אַז דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן, גְלֵייבּ אִיךְ אַז דִי צְוֵוייטֶע הֶעלְפְט נְבוּאָה וֶועט אוֹיךְ מְקוּיָּם וֶוערְן, אַז מִיר וֶועלְן נָאךְ אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן גָלוּת, אוּן דִי אִידְן וֶועלְן נָאךְ אוֹיפְגֶערָאכְטְן וֶוערְן".

דִי צַדִּיקִים קוּקְן אוֹיף דִי פְּנִימִיּוּת פוּן יֶעדֶע זַאךְ, אֲפִילוּ יֶעצְט זֶעהט אַלֶעס אוֹיס אַזוֹי שְׁוֶוער אוּן בִּיטֶער, אָבֶּער צוּם סוֹף וֶועלְן דִי טֶעג אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט וֶוערְן צוּ יָמִים טוֹבִים, אוּן מִיר וֶועלְן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן.

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

אַרָאפּ, נָאר מֶען זָאל זִיךְ פוּן פְרִישׁ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, כְּאִילוּ מֶען אִיז יֶעצְט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, אוּן מֶען הֵייבְּט יֶעצְט אָן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל. אָבֶּער כְּדֵי דָאס צוּ קֶענֶען אוֹיסְפִירְן מוּז מֶען גֵיין צוּ אַ צַדִיק וָואס זָאל שְׁטֶענְדִיג מְחַזֵק זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ אַלֵיין וֶוערְט זֵייעֶר שְׁנֶעל צוּבְּרָאכְן, מֶען מוּז שְׁטֶענְדִיג הֶערְן חִיזוּק פוּן אַ צַדִיק, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען אָנְגֵיין.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט, **אֵיכָה אֶשָּׂא לְבַדִּי טָרְחֲכֶם וּמַשַּׂאֲכֶם וְרִיבְכֶם**, וְוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַייךְ הֶעלְפְן, אוֹיבּ אִיר רֶעדְט אוֹיף מִיר שְׁלֶעכְטְס? אַייעֶר גַאנְצֶע הָאפֶענוּנְג אִיז נָאר וֶוען אִיר וֶועט אוֹיסְהֶערְן דֶעם צַדִיק אוּן אִים פָאלְגְן, אָבֶּער אוֹיבּ אִיר מַאכְט חוֹזֶק פוּנֶעם צַדִיק, וְוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַייךְ הֶעלְפְן?

(זֹאת הַתּוֹרָה דְבָרִים ו')

***

**אַתָּה עוֹבֵר הַיּוֹם אֶת גְּבוּל מוֹאָב אֶת עָר.** מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וְוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רע"ב) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִים צה, ז) **הַיּוֹם אִם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמָעוּ**, אַ גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצָה פַאר אַ מֶענְטְשׁ עֶר זָאל מַצְלִיחַ זַיי בְּרוּחֲנִיוּת אוּן זַיי בְּגַשְׁמִיוּת, אַז מֶען זָאל נָאר קוּקְן אוֹיפְן הַיינְטִיגְן טָאג. "וָואס קֶען אִיךְ הַיינְט טוּהן, צוּ מַאכְן פַּרְנָסָה, אָדֶער אַרַיינְצוּכַאפְּן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים", וַוייל אוֹיבּ מֶען טְרַאכְט אִיבֶּער וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען פְרִיעֶר, וֶוערְט מֶען צוּבְּרָאכְן "אִיךְ בִּין דָאךְ גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט אֵיין שְׁטִיק דוּרְכְפַאל, אוּן אַזוֹי וְוי אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, וֶועל אִיךְ וַוייטֶער אוֹיךְ נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין". אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען מֶען טְרַאכְט אוֹיף וַוייטֶער, "וֶוער וֵוייסְט אוֹיבּ אִיךְ וֶועל קֶענֶען אָנְהַאלְטְן אוּן מַצְלִיחַ זַיין?". אָבֶּער וֶוען מֶען טְרַאכְט נָאר אוֹיף דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, אוֹיף דִי יֶעצְטִיגֶע מִינוּט, דַאן אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **אַתָּה עוֹבֵר "הַיּוֹם" אֶת גְּבוּל מוֹאָב אֶת עָר**, אוֹיבּ מֶען ווִיל אַרִיבֶּער שְׁפְּרִינְגֶען דִי גְבוּל פוּן מוֹאָב וָואס דָאס זֶענֶען דִי אַלֶע קְלִיפּוֹת אוּן שְׁלֶעכְטְס וָואס ווִילְן אַוֶועק נֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דִי עֵצָה "הַיּוֹם - הַיינְט" צוּ טְרַאכְטְן נָאר פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג. אוֹיבּ וֶועט מֶען טְרַאכְטְן נָאר פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג דַאן וֶועט מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

(זֹאת הַתּוֹרָה דְבָרִים ז)

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

דֶערְפַאר וֶוערְט גֶע'פְּסַק'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן תקנ"ב) אַז מֶען זָאגְט נִישְׁט קַיין תַּחֲנוּן תִּשְׁעָה בְּאָב וַוייל תִּשְׁעָה בְּאָב וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "מוֹעֵד" - אַ יוֹם טוֹב. שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ פְרַאגֶע, אִיז עֶס דֶען אַ יוֹם טוֹב? פוּנְקְט פַארְקֶערְט, מֶען טְרוֹיעֶרְט דָאךְ אִין תִּשְׁעָה בְּאָב, מֶען טוּט אַלֶע הֲלָכוֹת פוּן אֲבֵילוּת אִין תִּשְׁעָה בְּאָב, וְוי אַזוֹי קֶען מֶען עֶס אָנְרוּפְן אַ יוֹם טוֹב?

נָאר דֶער אֶמֶת אִיז אַז בִּפְנִימִיוּת זֶענֶען דִי טֶעג פְרֵייליכֶע טֶעג, וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען לֵיינֶען דִי מְגִילַת אֵיכָה מִיט אַ נִיגוּן פְרֵייליכֶערְהֵייט, אַזוֹי וְוי מֶען לֵיינְט פּוּרִים דִי מְגִילַת אֶסְתֵּר פְרֵייליכֶערְהֵייט. אוּן אֲפִילוּ יֶעצְט זֶענֶען מִיר נָאךְ אִין גָלוּת, אוּן מֶען דַארְף טְרוֹיעֶרְן אוּן זִיךְ פִירְן מִיט אֲבֵילוּת, טָאר מֶען אָבֶּער נִישְׁט מֵסִיחַ דַעַת זַיין פוּן דִי גְאוּלָה הָעֲתִידָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז נָאךְ אוֹיסְלֵייזְן בְּקָרוֹב.

בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִּירְט מֶען זִיךְ צוּ לֵיינֶען דִי מְגִילַת אֵיכָה אוֹיךְ בַּייטָאג. וַוייל וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען דָאךְ לֵיינֶען דִי מְגִילַת אֵיכָה מִיט אַ פְרֵייליכְן נִיגוּן מִיט אַ "שֶׁהֶחֱיָינוּ" אַז מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן אִין אַזַא שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע גָלוּת, אוּן מֶען וֶועט עֶס אַוַדַאי לֵיינֶען סַיי בַּיינַאכְט אוּן סַיי בַּייטָאג אַזוֹי וְוי דִי מְגִילַת אֶסְתֵּר, דֶערְפַאר לֵיינְט מֶען עֶס אוֹיךְ הַיינְט סַיי בַּיינַאכְט אוּן סַיי בַּייטָאג.

עֶס גֵייט אַזוֹי וַוייט אַז עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צַדִיקִים אוּן יְחִידֵי סְגוּלָה וָואס אִין מוֹצָאֵי שַׁבָּת חֲזוֹן הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעזָאגְט "וְאַתָּה קָדוֹשׁ", אַזוֹי וְוי מֶען פִּירְט זִיךְ אַז וֶוען עֶס גֶעפַאלְט אַ יוֹם טוֹב אִינְמִיטְן דִי וָואךְ זָאגְט מֶען נִישְׁט "וְאַתָּה קָדוֹשׁ". וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז זִיכֶער אוֹיסְלֵייזְן פוּן גָלוּת, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט דָאךְ תִּשְׁעָה בְּאָב זַיין אַ יוֹם טוֹב. אָבֶּער וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען תִּשְׁעָה בְּאָב בַּיינַאכְט אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן אַז מֶען אִיז לַיידֶער נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן, הָאבְּן זֵיי דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט "וְאַתָּה קָדוֹשׁ", צוּ מַשְׁלִים זַיין דָאס וָואס מֶען הָאט אוֹיסְגֶעלָאזְט מוֹצָאֵי שַׁבָּת.

### דִי אֵייגֶענֶע חוּרְבָּן

וֶוען מֶען זָאגְט מְגִילַת אֵיכָה דַארְף מֶען אוֹיסְטַייטְשְׁן דִי פְּסוּקִים אוֹיף זִיךְ אַלֵיין. אַזוֹי וְוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ק"א) אַז וֶוען מֶען זָאגְט תְּהִלִים, תְּחִינוֹת, אָדֶער תִּיקוּן חֲצוֹת זָאל מֶען אוֹיסְטַייטְשְׁן אַלֶע פְּסוּקִים אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, דִי אַלֶע מִלְחָמוֹת וָואס שְׁטֵייט אִין תְּהִלִים, דִי אַלֶע שׂוֹנְאִים וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ רֶעדְט זִיךְ אָפּ וֶועגְן זֵיי אִין תְּהִלִים, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע מִלְחָמוֹת וָואס יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט מִיט זַיין יֵצֶר הָרַע, וָואס עֶר אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער פַיינְט פוּן אַ מֶענְטְשׁ, עֶר ווִיל נָאר הַרְגֶ'עֶנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, אוּן אוֹיף דֶעם בֶּעט מֶען אִין תְּהִלִים אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז רַאטֶעוֶוען פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע אוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט מְגִילַת אֵיכָה. מֶען דַארְף בְּעִיקָר טְרוֹיעֶרְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע חוּרְבָּן אַז מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וָואס דוּרְךְ דֶעם הַאלְט מֶען צוּרִיק דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ פוּן וֶוערְן אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט, יֶעדֶער אִיד דַארְף בֶּעטְן

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז פוּן זַיין זַייט זָאל עֶר נִישְׁט שְׁטֶערְן דָאס אוֹיפְבּוֹי פוּנֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ, אַז זַיינֶע מַעֲשִׂים זָאלְן נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן דִי גְאוּלָה אוּן דֶעם בִּנְיָן בֵּית הַמִקְדָשׁ בִּמְהֵרָה.

## קִידוּשׁ לְבָנָה

מוֹצָאֵי תִּשְׁעָה בְּאָב פִּירְט מֶען זִיךְ אַז מֶען אִיז מְקַדֵשׁ דִי לְבָנָה. דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ שְׁרַייבְּט אוֹיף דֶעם (פְּרִי עֵץ חַיִּים, אַחַר סוֹד כַּוָּנַת תּ"ב) אַז דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ מְקַדֵשׁ זַיין דִי לְבָנָה מוֹצָאֵי תִּשְׁעָה בְּאָב.

דֶער עִנְיָן דֶערְפוּן אִיז, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהט בַּיי דִי לְבָנָה אַז דַוְקָא וֶוען זִי וֶוערְט שׁוֹין זֵייעֶר קְלֵיין בִּיז מֶען זֶעהט עֶס שׁוֹין אִינְגַאנְצְן נִישְׁט, דַוְקָא דֶעמָאלְט טוּט זִי זִיךְ בַּאנַייעֶן, אוּן הֵייבְּט אָן צוּ וֶוערְן צוּרִיק גְרֶעסֶער.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ יֶעצְט, דַוְקָא נָאךְ תִּשְׁעָה בְּאָב וֶוען מֶען הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעטְרוֹיעֶרְט אוֹיפְן חוּרְבָּן, דֶעמָאלְט אִיז דִי צַייט זִיךְ צוּרִיק אוֹיפְצוּהֵייבְּן אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין ווּאוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ. אוּן דֶערְפַאר אִיז מוֹצָאֵי תִּשְׁעָה בְּאָב דִי פַּאסִיגְסְטֶע צַייט צוּ מְחַדֵשׁ זַיין דִי לְבָנָה.

אִין דִי פּוֹסְקִים וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט, אַז פַאר מֶען אִיז מְחַדֵשׁ דִי לְבָנָה זָאל מֶען קוֹדֶם אוֹיסְפַּאסְטְן, עֶסְן עֶפֶּעס, אוּן אָנְטוּהן צוּרִיק דִי שִׁיךְ, אוּן וֶוער עֶס קֶען גֵייט אוֹיךְ אִין מִקְוֶה, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז מֶען מְחַדֵשׁ דִי לְבָנָה פְרֵיילִיכֶערְהֵייט, אוּן מֶען בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אוּנְז שׁוֹין אוֹיסְלֵייזְן פוּן גָלוּת, וָואס דֶעמָאלְט וֶועט זַיין וְהָיָה אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה, דִי לְבָנָה וֶועט שַׁיינֶען אַזוֹי וִוי דִי זוּן, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק א' וְחֵלֶק י' עֶרֶךְ תִּשְׁעָה בְּאָב, וְחֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ בֵּין הַמְצָרִים)

# מִילֵי דְאָבוֹת

## פֶּערְל וֶוערְטֶער אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת

### וַוארְט נִישְׁט אוֹיף דִי לֶעצְטֶע מִינוּט

**וְלִפְנֵי מִי אַתָּה עָתִיד לִתֵּן דִּין וְחֶשְׁבּוֹן, לִפְנֵי מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא**

אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען בְּלַייבְּט נִישְׁט אוֹיף אֵייבִּיג אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶס וֶועט קוּמֶען אַמָאל אַ טָאג וֶוען מֶען וֶועט דַארְפְן אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט, אוּן דַאן וֶועט מֶען דַארְפְן אָפְּגֶעבְּן אַ פוּנְקְטְלִיכְן דִין וְחֶשְׁבּוֹן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע רִיר וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהן אוֹיף דִי וֶועלְט, אוֹיף יֶעדֶע מַחְשָׁבָה, דִיבּוּר אוּן מַעֲשֶׂה וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהן וָואס עֶס נִישְׁט גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעהַאלְטְן. אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (קֹהֶלֶת י"ב י"ד) **כִּי אֶת כָּל מַעֲשֶׂה הָאֱלֹקִים יָבִיא בְמִשְׁפָּט עַל כָּל נֶעְלָם אִם טוֹב וְאִם רָע**, יֶעדֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט, וֶועט עֶר אוֹיף דֶעם דַארְפְן גֶעבְּן אַ פוּנְקְטְלִיכְן חֶשְׁבּוֹן.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אָבֶּער שֵׂכֶל, וַוארְט עֶר נִישְׁט בִּיז עֶר גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, נָאר נָאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט שְׁטֶעלְט עֶר זִיךְ אַלֵיין צוּם מִשְׁפָּט, עֶר אִיז זִיךְ אַלֵיין דַן אוֹיב עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף רִיכְטִיג אָדֶער נִישְׁט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ט"ו) אוֹיף דֶעם וָואס דִי חַזַ"ל זָאגְן **כְּשֶׁיֵּשׁ דִּין לְמַטָּה אֵין דִּין לְמַעְלָה**, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ אַלֵיין דַן דָא אוּנְטְן, עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ פָאר וִוי עֶר שְׁטֵייט פַארְן בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה אוּן עֶר פְּרוּבִּירְט זִיךְ צוּ פַארֶענְטְפֶערְן אַז עֶר אִיז גֶערֶעכְט אוּן עֶס קוּמְט אִים נִישְׁט קַיין שְׁטְרָאף, אוּן אוֹיב זֶעהט עֶר אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, דַאן בֶּעהְט עֶר גְלַייךְ אִיבֶּער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אִים מוֹחֵל זַיין אוּן אַז עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן אַז פוּן יֶעצְט זָאל עֶר שׁוֹין זַיין ווּאוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ. וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ טוּהן, דַאן נֶעמְט עֶר אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַלֶע דִינִים פוּן אוֹיבְן, מֶען אִיז אִים מֶער נִישְׁט דַן אוֹיבְן, אוּן עֶר וֶוערְט גֶערַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

דֶערְפַאר זָאגְט דִי מִשְׁנָה אַז מֶען זָאל גוּט גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען וֶועט אַמָאל דַארְפְן גֶעבְּן אַ דִין וְחֶשְׁבּוֹן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען זָאל נִישְׁט וַוארְטְן אוֹיף דִי לֶעצְטֶע מִינוּט, נָאר שׁוֹין יֶעצְט זָאל מֶען שׁוֹין אָפְּגֶעבְּן אַ דִין וְחֶשְׁבּוֹן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ אִיד לֶעבְּט אַזוֹי מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן דַאן וֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצְן גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן, עֶר וֶוערְט אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד. ווּאוֹיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן ווּאוֹיל אִיז אִים אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(אַהֲבַת אָבוֹת פֶּרֶק ג' מִשְׁנָה א')

***

### גֶעבּ אַכְטוּנְג וָואס דוּ רֶעדְסְט

**הֱוֵי מִתְפַּלֵּל בִּשְׁלוֹמָהּ שֶׁל מַלְכוּת**

דֶער 'דִיבּוּר', דָאס רֶעדְן פוּן אַ מֶענְטְשׁ, וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'מַלְכוּת', אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זוה"ק (תִּיקוּנֵי זֹהַר, פָּתַח אֵלִיָּהוּ) 'מַלְכוּת - פֶּה'. זָאגְט דֶער תַּנָא, הֱוֵי מִתְפַּלֵּל בִּשְׁלוֹמָהּ שֶׁל מַלְכוּת, מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג מִתְפַּלֵל זַיין אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל רֶעדְן נָאר מִיט שָׁלוֹם, מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין צָרוֹת אוּן מַחְלוֹקֶת מִיטְן מוֹיל, דוּרְכ'ן רֶעדְן זַאכְן וָואס טוֹיגְן נִישְׁט.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ח) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים קמח, ח) **רוּחַ סְעָרָה עֹשָׂה דְבָרוֹ**, אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען מִיט זַיין רֶעדְן מַאכְן אַ רוּחַ סְעָרָה, עֶר מַאכְט אַ שְׁטוּרֶעם ווִינְט, עֶר דְרֵייט אִיבֶּער דִי שְׁטָאט אוּן עֶר מַאכְט צָרוֹת אוּן קִטְרוּגִים פַאר מֶענְטְשְׁן, דָאס אִיז וֶוען אֵיינֶער הִיט נִישְׁט אוֹיף וָואס עֶר רֶעדְט, עֶר זוּכְט נָאר בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם דָאס שְׁלֶעכְטְס אוּן עֶר רֶעדְט נָאר פוּן דֶעם, אוּן דוּרְךְ דֶעם מַאכְט עֶר אָן אַסַאךְ צָרוֹת אוּן יִסוּרִים פַאר זִיךְ אוּן פַאר אַנְדֶערֶע.

דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (תַּנְחוּמָא מְצֹרָע) וָואס אִיז עֶרְגֶער? וֶוען מֶען שְׁטֶעכְט מִיט אַ שְׁוֶוערְד אָדֶער מִיט אַ פַייל? זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ אַז מִיט אַ פַייל אִיז עֶרְגֶער, וַוייל מִיט אַ שְׁוֶוערְד קֶען מֶען נָאר שְׁטֶעכְן וֶוען מֶען שְׁטֵייט נָאנְט, אָבֶּער מִיט אַ פַייל קֶען מֶען שִׁיסְן אוֹיךְ אֵיינֶעם פוּן דִי וַוייט. אוּן דֶערִיבֶּער וֶוערְט צוּגֶעגְלִיכְן אֵיינֶער וָואס רֶעדְט לָשׁוֹן הָרַע צוּ אַ פַייל, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יִרְמְיָה ט, ז) **חֵץ שָׁחוּט לְשׁוֹנָם מִרְמָה דִבֵּר**, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ קֶען רֶעדְן דָא לָשׁוֹן הָרַע, אוּן מִיט דֶעם שְׁטֶעכְט עֶר אַ צְוֵוייטְן וָואס אִיז גָאר וַוייט פוּן אִים.

דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיפְן מוֹיל, מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל מוֹרָא הָאבְּן אַרוֹיסְצוּרֶעדְן פוּן מוֹיל זַאכְן וָואס מַאכְן מַחְלוֹקֶת אוּן צָרוֹת. **שֶׁאִלְמָלֵא מוֹרָאָהּ, אִישׁ אֶת רֵעֵהוּ חַיִּים בְּלָעוֹ**, וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט מוֹרָא, מֶען לָאזְט דִי מוֹיל הֶפְקֵר צוּ רֶעדְן אַלֶעס וָואס מֶען טְרַאכְט, דַאן שְׁלִינְגֶען זִיךְ מֶענְטְשְׁן אֵיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, מֶען מַאכְט נָאר צָרוֹת אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ פַאר יֶעדְן.

(אַהֲבַת אָבוֹת פֶּרֶק ג' מִשְׁנָה ב')

# אַ שְׁוֶוערֶע קֶעים

דַיין בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן עֶס הָאט מִיךְ זֵייעֶר דֶערְפְרֵייט אַז דוּ וֶועסְט אוֹיךְ פָּארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, וואוּיל אִיז דִיר אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן ת"ה) דָאס דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז תָּלוּי אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָוארוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶער יוֹם הַדִּין, דֶעמָאלְטְס מִשְׁפָּט מֶען יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס וֶועט זַיין מִיט אִים אַ גַאנְץ יָאר, וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (בֵּיצָה ט"ז) כָּל מְזוֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם קְצוּבִין לוֹ מֵרֹאשׁ הַשָּׁנָה; רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ דֶעם בּוּדְזְשֶׁעט אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר.

רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ וָואס וֶועט פַּאסִירְן מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ אַ גַאנְץ יָאר, אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט אִין דִי תְּפִלָּה פוּן "וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף" בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יִכָּתֵבוּן, וּבְיוֹם צוֹם כִּפּוּר יֵחָתֵמוּן. כַּמָּה יַעַבְרוּן וְכַמָּה יִבָּרֵאוּן, מִי יִחְיֶה, וּמִי יָמוּת, מִי בְקִצּוֹ, וּמִי לֹא בְּקִצּוֹ, מִי בַמַּיִם, וּמִי בָאֵשׁ, מִי בַחֶרֶב, וּמִי בַחַיָּה, מִי בָרָעָב, וּמִי בַצָּמָא, מִי בָרַעַשׁ, וּמִי בַמַּגֵּפָה, מִי בַחֲנִיקָה וּמִי בַסְּקִילָה, מִי יָנוּחַ, וּמִי יָנוּעַ, מִי יִשָּׁקֵט וּמִי יִטָּרֵף, מִי יִשָּׁלֵו, וּמִי יִתְיַסָּר, מִי יֵעָנִי, וּמִי יֵעָשֵׁר, מִי יִשָּׁפֵל, וּמִי יָרוּם.

אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תס"ו) וִויפִיל צָרוֹת אוּן גְזֵירוֹת וָואס עֶס וֶוערְט נִגְזָר אוֹיף דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיסֶער דִי אַלֶע גְזֵירוֹת וָואס עֶס אִיז דָא אוֹיסְגֶערֶעכְנְט, וִוי דֶער נוּסַח גֵייט, אַז דֶער חַזָּן זִינְגְט וּמִי וּמִי וּמִי וְכוּ', אָן וֶוערְטֶער, אוּן דָארְטְן אִיז מְרוּמָז נֶעבֶּעךְ אַלֶע גְזֵירוֹת וָואס עֶס אִיז אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אִיבֶּער דֶעם דַארְף מֶען פָּארְן צוּם צַדִּיק אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער אַדְוָואקַאט, אוּן עֶר אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל, וּבִפְרַט פַאר דִי אַלֶע וָואס זֵיי קוּמֶען צוּ אִים.

אוּן מֶען זֶעט בִּמְצִיאוּת וֶוען ס'אִיז נִגְזָר גֶעוָוארְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ עֶפֶּעס אַ גְזֵירָה וְכוּ', בִּפְרַט גְזֵירַת מָוֶת, לֹא עָלֵינוּ, זוֹכְט עֶר דֶעם גְרֶעסְטְן אַדְוָואקַאט אוֹיף דֶער וֶועלְט עֶר זָאל אִים פַארְטֵיידִיגְן, אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גֶעלְט, עֶר פַארְקוֹיפְט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט, אַבִּי דֶער גְרוֹיסֶער אַדְוָואקַאט זָאל אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי בִּיטֶערֶע גְזֵירָה, וְכוּ'.

פַארְוָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט הָאבְּן קַיין שֵׂכֶל, אוּן עֶר זָאל זִיךְ גוּט בַּאטְרַאכְטְן אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶער יוֹם הַדִּין, דֶעמָאלְטְס אִיז מֶען דַן יֶעדְן מֶענְטְשׁ, פַארְוָואס זָאל עֶר נִישְׁט גֵיין צוּ אַ גְרוֹיסְן אַדְוָואקַאט וָואס זָאל אִים פַארְטֵיידִיגְן? וָואס דָאס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, וָואס הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן ת"ג) מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז הֶעכֶער וִוי אַלְסְדִינְג, אוּן עֶס אִיז בַּיי מִיר אַ וואוּנְדֶער מַיינֶע מֶענְטְשְׁן גְלֵייבְּן דָאךְ אִין מִיר, פַארְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט נִזְהָר זַיין צוּ קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה? קֵיינֶער זָאל נִישְׁט פֶעלְן, וַוייל מַיין גַאנְצֶע עִנְיָן אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה מֶעג זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר, דֶערְפַאר פְרֵיי אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ הָאסְט בַּאשְׁלָאסְן אַז דוּ וֶועסְט פָּארְן הַיי יָאר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן.

דֶער צַדִּיק אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּן רַייסְט אַיין וֶועלְטְן פַאר כְּלַל נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, אוּן עֶר אִיז מְבַטֵּל אַלֶע גְזֵירוֹת רָעוֹת אוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע אוּן שְׁוֶוערֶע דִינִים, אִיבֶּער דֶעם וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר קוּמְט צוּם צַדִּיק אוּן בַּאוַוייזְט זִיךְ צוּ אִים אוּן טוּט דָארְטְן תְּשׁוּבָה, אוּן גִיסְט טַייכְן טְרֶערְן, אוּן זָאגְט "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אַהֶער צוּ דֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב זי"ע וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אָט בִּין אִיךְ דָא בַּיי אִים, אִיךְ הָאבּ צֶעבְּרָאכְן אַלֶע שְׁוֶוערֶע מְנִיעוֹת אוּן צוּרִיקְהַאלְטוּנְגֶען וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף גָארְנִישְׁט אוּן אִיךְ בִּין דָא, דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת, אוּן שְׁרַייבּ מִיר אָן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אִיךְ זָאל הָאבְּן גֶעזוּנְט אוּן פַּרְנָסָה אוּן נַחַת, אוּן בַּאהִיט זָאל אִיךְ וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְן, וְכוּ', וְכוּ'.

נָאר אִיךְ בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין קַיין שׁוּם וִויכּוּחִים מִיט קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ מֶען וֶועט שְׁפֶּעטְן פוּן דִיר, אָדֶער מֶען וֶועט רֶעדְן אוֹיף דִיר, מַאךְ זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג, הָאבּ אִינְזִינֶען דִי טוֹבָה פוּן דַיין נְשָׁמָה, אוּן פוּן דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר דֶערְפְרֵייעֶן אוּן זָאלְסְט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַלֶעם גוּטְן וָואס דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן.

(אשר בנחל באידיש חלק א' מכתב כ')

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

### הערליכע שמחה ביים ראש ישיבה שליט"א

די וואך האבן די בחורי הישיבה מיט די תושבי המחנה מיטגעהאלטן די שמחה פונעם נייעם אינגעלע ביים ראש ישיבה שליט"א.

פרייטאג צו נאכטס איז פארגעקומען די שלום זכר צוזאמען מיט די באטע, מען האט געזינגען אינאיינעם שירות ותשבחות צום אייבערשטן, און געהערט דברי חיזוק והתעוררות פונעם ראש ישיבה וואס האט גאר שטארק באנומען יעדנ'ס הארץ.

זונטאג נאכט איז געווען די וואכנאכט אין קעמפ, עס זענען געקומען צו פארן א גרעסערער עולם פון נאנט און ווייט מיטצוהאלטן די שמחה וואס האט זיך פארענדיגט אין די שפעטע נאכט שעה'ן.

מאנטאג פארטאגס האט זיך די גאנצע ישיבה ארויסגעלאזט אין וועג צום ברית וואס איז פארגעקומען ביי מוהרא"ש שליט"א בבית מדרשו אין בארא פארק, די בחורים האבן געהאט די זכי' צו דאווענען דעם ראש חודש דאווענען אינאיינעם מיט מוהרא"ש שליט"א.

נאכן דאווענען איז פארגעקומען די ברית און דערנאך די סעודת ברית, מען האט געהאט די זכי' צו הערן דברות קודש פון מוהרא"ש שליט"א, וואס האט גערעדט איבער די חשיבות פון מצות מילה ובפרט אין חודש מנחם אב, ווען דער אייבערשטער וועט אונז טרייסטן און אונז אויסלייזן פון גלות.

נאכן בענטשן האבן זיך די בחורים צוריק געקערט אין קעמפ, און ווייטער ממשיך געווען בעבודת הקודש מיט תורה ותפלה.

**בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות!**


## ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע ספרי ברסלב

27 Skillman St.

אדער רופט 347-977-7994

## קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

212-444-9191

## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!

וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים

שנעל גוט און ביליג!

רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554

5554printing@gmail.com

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות.................7:45
סוף זמן קר"ש..................8:54
מוצש"ק..............................9:15

**שיעורים כסדרן**
בבלי..........................מגילה כ"ט
ירושלמי.......................דמאי ב'
תוסיפתא............תרומות פרק י'

פרשת ואתחנן, שבת נחמו, י"ג אב, אבות פרק ד', שנת תשע"ד לפ"ק — שנה 3, גליון 50 (150)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וָאֶתְחַנַּן אֶל ה' בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר.** דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן צ"ט) אַז כָאטְשׁ אַ אִיד דַארְף פְּרוּבִּירְן צוּ דַאוְוענֶען מִיט אַ דְבֵיקוּת, מֵיינְט עֶס אָבֶּער נִישְׁט אַז וֶוען עֶר קֶען נִישְׁט דַאוְוענֶען מִיט דְבֵיקוּת זָאל עֶר נִישְׁט דַאוְוענֶען. אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג דַאוְוענֶען, וִוי אַזוֹי דִי דַאוְוענֶען זֶעהט נָאר אוֹיס, אֲפִילוּ אוֹיבּ יֶעצְט אִיז עֶס נִישְׁט אַזַא גוּטֶער דַאוְוענֶען, וֶועט אָבֶּער קוּמֶען אֵיינְמָאל וָואס עֶר וֶועט הָאבְּן אַ גוּטְן דַאוְוענֶען, אוּן דַאן וֶועט עֶר אַלֶעם מַעֲלָה זַיין.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ בַּיים לֶערְנֶען תּוֹרָה. אַ מֶענְטְשׁ ווִיל לֶערְנֶען בְּעִיּוּן מִיט אַ קְלָארְקַייט אַז עֶר זָאל אַלֶעם קְלָאר פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן וֶוען עֶר קֶען דָאס נִישְׁט בַּאוַוייזְן לֶערְנְט עֶר גָארְנִישְׁט. דָאס אִיז אָבֶּער נִישְׁט רִיכְטִיג, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג לֶערְנֶען, אוּן דֶערְפַאר הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן אַ סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) אַז אֲפִילוּ וֶוען מֶען זָאגְט נָאר דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה אוּן מֶען פַארְשְׁטֵייט עֶס נִישְׁט הֵייסְט עֶס אוֹיךְ גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיים מְקַיֵּים זַיין מִצְוֹת, אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען קֶען נִישְׁט טוּהן דִי מִצְוָה הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט רִיכְטִיג, דַארְף מֶען עֶס טוּהן כָאטְשׁ וִוי אַזוֹי מֶען קֶען, אוּן מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ דֶערְמִיט.

זָאגְט דֶער רֶבִּי פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וָאֶתְחַנַּן אֶל ה'**, מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, סֵיי וֶוען מֶען פִיהלְט אַ גֶעשְׁמַאק אוּן אַ דְבֵיקוּת אוּן סֵיי וֶוען נִישְׁט. וַוייל, **בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר**, וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי רִיכְטִיגֶע צַייט וֶוען מֶען וֶועט אֵיינְמָאל זָאגְן אַ גוּטֶע תְּפִלָּה, וֶועט מֶען מִיט דֶעם מַעֲלָה זַיין אַלֶע תְּפִילוֹת וָואס מֶען הָאט אֵייבִּיג גֶעדַאוְונְט.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק וָאֶתְחַנַּן תשס"ח)

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ אַ הוֹיכֶע נְשָׁמָה ~

וֶוען אַ אִיד ווִיל זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, עֶר ווִיל אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען אוּן דַאוְוענֶען, עֶר ווִיל אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, עֶר ווִיל גֵיין צוּ אַ צַדִּיק וָואס זָאל אִים פִירְן אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג. דַאן וֶועט עֶס אִים גֶעוֶוענְלִיךְ פוּן אָנְהוֹיבּ גֵיין שְׁוֶוער, עֶס וֶועט אִים אוּנְטֶערְקוּמֶען שְׁוֶוערִיקַייטְן אוּן מְנִיעוֹת, אוּן צוּמָאל קֶען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן דֶעם "פוּנְקְט יֶעצְט וֶוען אִיךְ ווִיל זַיין וואוֹיל, קוּמְט מִיר אוּנְטֶער אַזֶעלְכֶע שְׁוֶועריקַייטְן?"

בֶּאֱמֶת דַארְף אָבֶּער אַ אִיד נִישְׁט נִתְפָּעֵל וֶוערְן פוּן דעם. פַארְקֶערְט, אוֹיבּ זֶעהט עֶר אַז עֶס קוּמְט אִים אָן שְׁוֶוער, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט אַ גְרוֹיסֶע אוּן הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה, אוּן דֶערְפַאר פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרַע אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיף אִים, אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי אַלֶע מְנִיעוֹת, נָאר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר זִיכֶער אִיבֶּער שְׁפְּרִינְגֶען אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

מֶענְטְשְׁן נַארְן זִיךְ, גְלַייךְ וֶוען מֶען זֶעהט אַז עֶפֶּעס גֵייט שְׁוֶוער, זָאגְט מֶען: "דָאס אִיז אַ סִימָן אַז מֶען דַארְף מִיר נִישְׁט הָאבְּן פוּן הִימְל, אִיךְ וֶועל שׁוֹין נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין". דָאס אִיז אָבֶּער נִישְׁט אֱמֶת, דִי אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן אִיז נָאר אַ נִסָּיוֹן צוּ זֶעהן צוּ דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶס אֱמֶת'דִיג, אוּן אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, וֶועט עֶר זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין צוּם סוֹף.

סְפֶּעצִיעֶל גְרֶעסֶערֶע נְשָׁמוֹת, וָואס קֶענֶען מְקָרֵב זַיין אוֹיךְ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיף זֵיי פַארְלֵייגְט זִיךְ נָאךְ מֶער

המשך בדף ב

# נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי יֹאמַר אֱלֹקֵיכֶם

דֶער שַׁבָּת נָאךְ תִּשְׁעָה בְּאָב וֶוערְט גֶערוּפְן **'שַׁבָּת נַחֲמוּ'** וֶוען מֶען זָאגְט דִי הַפְטוֹרָה פוּן **נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי יֹאמַר אֱלֹקֵיכֶם**, אוּן אֵייבִּיג קוּמְט עֶס אוֹיס אִין פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן.

מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר אַז דָאס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען אַז אֲפִילוּ נָאכְדֶעם וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶער חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ טָאר מֶען נָאךְ אַלְץ נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן מִיטְן 'וָאֶתְחַנַּן', מִיטְן בֶּעטְן אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ בַּיי יֶעדְן אִיד, אֲפִילוּ וֶוען עֶר פִּיהְלְט אַז עֶר אִיז חָרוּב וְנֶחְרַב, עֶר פִּיהְלְט אַז עֶר אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִויפִיל עֶר הָאט שׁוֹין פְּרוּבִּירְט צוּ זַיין וואוּיל אוּן עֶרְלִיךְ אִיז עֶר נִישְׁט מַצְלִיחַ, זָאל עֶר אָבֶּער נָאךְ אַלְץ נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן אוֹיף תְּפִלָּה, עֶר זָאל וַוייטֶער רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶערְצֵיילְן פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעם וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, אוּן נָאר דָאס אִיז דִי עִיקָר נֶחָמָה אוּן טְרֵייסְט וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט, אוּן דָאס וֶועט אִים סוֹף כָּל סוֹף צוּרִיק אוֹיפְבּוֹיעֶן אוּן אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ צוּרִיק וֶוערְן אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט בְּקָרוֹב בְּיָמֵינוּ.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, **נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי**, וָואס אִיז דִי טְרֵייסְט פוּנֶעם אִידִישְׁן פָאלְק אִין אַלֶע דוֹרוֹת? **יֹאמַר אֱלֹקֵיכֶם**, אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז 'אֱלֹקֵיכֶם', עֶס הֶערְשְׁט דִי מִדַּת הַדִּין, עֶס גֵייט נִישְׁט גוּט צִי בְּרוּחֲנִיוּת צִי בְּגַשְׁמִיוּת, זָאל נָאךְ אַלְץ זַיין דֶער 'יֹאמַר', מֶען זָאל נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער וָוארְט 'יֹאמַר' אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת **ר'וּחַ אַ'פֵּינוּ מָ'שִׁיחַ ה'**, דָאס וֶועט מָשִׁיחַ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן סַיי וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט אוּן סַיי וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט זָאל מֶען נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער פָּסוּק **רוּחַ אַפֵּינוּ מְשִׁיחַ ה'** הָאט יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא גֶעזָאגְט וֶוען מֶען הָאט גֶעשָׁאסְן פַּיילְן אוֹיף יֹאשִׁיָּהוּ הַמֶּלֶךְ אוּן מֶען הָאט דוּרְךְ גֶעלֶעכֶערְט זַיין קֶערְפֶּער מִיט פַּיילְן רח"ל, הָאט יִרְמְיָהוּ גֶעזֶעהְן וִוי יֹאשִׁיָּהוּ זָאגְט עֶפֶּעס שְׁטִיל, הָאט עֶר גֶעמֵיינְט אַז אֶפְשָׁר הָאט עֶר חַ"ו טַעֲנוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר זִיךְ צוּגֶעבּוֹיגְן אוּן גֶעהֶערְט וִוי עֶר זָאגְט **צַדִּיק הוּא ה' כִּי פִיהוּ מָרִיתִי**, עֶר הָאט בַּארֶעכְטִיגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעם וָואס עֶר טוּט, דַאן הָאט יִרְמְיָהוּ גֶעזָאגְט אוֹיף אִים דֶער פָּסוּק **רוּחַ אַפֵּינוּ מְשִׁיחַ ה'**.

דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ צוּ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען צוּקוּמֶען אַז עֶר זָאל הָאבְּן אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט זָאל עֶר אוֹיךְ וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דָאס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַלֶעם הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכְן חֶשְׁבּוֹן.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דוּרְךְ דֶעם קוּמְט עֶר צוּ אַ קְלָארֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה. וואוּיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן וואוּיל אִיז אִים אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק וָאֶתְחַנַּן תשמ"ט)

# שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

דֶער יֵצֶר הָרַע זֵיי צוּ שְׁטֶערְן גָאר שְׁטַארְק. פַּארְוָואס זָאל עֶר זִיךְ פְּלָאגְן מִיט יֶעדְן מֶענְטְשׁ בַּאזוּנְדֶער? עֶס אִיז אִים אַ סַךְ גְרִינְגֶער זִיךְ צוּ נֶעמֶען צוּ אֵיין גְרוֹיסֶע נְשָׁמָה, וָואס אוּנְטֶער אִים אִיז דָא אַסַאךְ אַנְדֶערֶע נְשָׁמוֹת. אוֹיבּ עֶר וֶועט אָפְּשְׁוַואכְן דִי נְשָׁמָה וֶועט עֶר מִיט דֶעם שׁוֹין הָאבְּן אָפְּגֶעשְׁוַואכְט דִי אַלֶע נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען אוּנְטֶער אִים. וֶוען מֶען וֵוייסְט אָבֶּער דֶעם סוֹד, לָאזְט מֶען זִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אוּן אַזוֹי גֵייט מֶען אַרִיבֶּער אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן.

דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת, מַעֲשֶׂה ז') אַז פַּאר זַיין נְשָׁמָה אִיז אַרָאפּ גֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, הָאט דֶער יֵצֶר הָרַע גֶע'טַעֲנָה'ט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אוֹיבּ דִי נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט, הָאבּ אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט וָואס צוּ טוּהן דָא, וַוייל עֶר וֶועט מַחְזִיר בִּתְשׁוּבָה זַיין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. מֶען טָאר נִישְׁט לָאזְן דִי נְשָׁמָה אַרָאפּ קוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט". הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט, "דִי נְשָׁמָה מוּז אַרָאפּ קוּמֶען אוּן דוּ גֶעבּ זִיךְ אַן עֵצָה". אִיז דֶער סַמַךְ-מֶם אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען אוּן צוּרִיק גֶעקוּמֶען מִיט אַן אַלְטִיטְשְׁקֶען אוּן אַיינְגֶעבּוֹיגֶענֶעם אוּן עֶר הָאט גֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט שׁוֹין גֶעטְרָאפְן אַן עֵצָה, דִי נְשָׁמָה קֶען שׁוֹין אַרָאפּ קוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין עֵצָה, אַז מֶען וֶועט אָפְּלַאכְן פוּנֶעם רֶבִּי'נְס זַאךְ, עֶס וֶועט אוֹיסְקוּקְן וִוי אַ חוֹזֶק, אוּן דָאס וֶועט צוּרִיק הַאלְטְן מֶענְטְשְׁן פוּן קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן. וֶוען מֶען וֵוייסְט אָבֶּער אַז דָאס אִיז דִי נִסָּיוֹן, אִיז עֶס גָאר אַנְדֶערְשׁ. דֶעמָאלְט קוּקְט מֶען נִישְׁט אוֹיף דִי אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן, נָאר מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ, אוּן צוּם סוֹף הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

מִיר גֶעפִינֶען אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (וַיִּשְׁלַח קס"ח) אַז דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין יָארְן צוּ לֶעבְּן, עֶר וָואלְט גֶעדַארְפְט גֶעבּוֹירְן אַלְץ נֵפֶל רַחֲמָנָא לִיצְלָן, נָאר אָדָם הָרִאשׁוֹן מִיט דִי אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים הָאבְּן אִים אַרָאפּ גֶעגֶעבְּן אַבִּיסְל פוּן זֵייעֶר לֶעבְּן, אַזוֹי הָאט עֶר גֶעלֶעבְּט זִיבֶּעצִיג יָאר.

דָאס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען צוּלִיבּ דֶעם. דָוִד הַמֶּלֶךְ'ס נְשָׁמָה אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גְרוֹיס, אוּן מָשִׁיחַ קוּמְט אַרוֹיס פוּן אִים, וָואס עֶר וֶועט צוּרִיק בְּרֶענְגֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְפַאר הָאט זִיךְ דֶער סַמַךְ-מֶם אַזוֹי שְׁטַארְק פַארְלֵייגְט אוֹיף אִים. אָבֶּער דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים מִיט זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע רְצוֹנוֹת הָאבְּן גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט בַּאקוּמֶען זִיבֶּעצִיג יָאר צוּ לֶעבְּן.

דֶערְפַאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעהְט אַז עֶס גֵייט אִים גָאר שְׁוֶוער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער יֵצֶר הָרַע פַארְלֵייגְט זִיךְ זֵייעֶר אוֹיף אִים, אוּן וִויל אִים נָאר אַוֶועק נֶעמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, טָאר מֶען נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן דֶעם, נָאר פַארְקֶערְט, מֶען דַארְף וִויסְן אַז דָאס אִיז אַ סִימָן אַז מֶען הָאט אַ גְרוֹיסֶע נְשָׁמָה, אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, וֶועט עֶר זִיכֶער אַדוּרְךְ בְּרֶעכְן אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָ"אשׁ

## דוּ הָאסְט מִיר טַאקֶע לִיבּ?

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם אַ מָשָׁל, אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ קֶענִיג וָואס הָאט גֶעוָואלְט אוֹיסְפְּרוּבִּירְן זַיין זוּהן צוּ עֶר הָאט אִים אֱמֶת'דִיג לִיבּ, הָאט עֶר אַרוּמְגֶענוּמֶען זַיין פַּאלַאץ מִיט גְרוֹיסֶע שְׁטַארְקֶע מוֹיעֶרְן וָואס הָאבְּן קֵיינֶעם נִישְׁט צוּגֶעלָאזְט צוּם טִיר פוּן פַּאלַאץ.

וֶוען דֶער זוּהן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען, אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַרַיין גֵיין צוּ זַיין טַאטְן דֶער קֶענִיג, הָאט עֶר גֶעזֶעהן אַז עֶס אִיז דָא גְרוֹיסֶע שְׁטַארְקֶע מוֹיעֶרְן וָואס לָאזְן נִישְׁט צוּ צוּם פַּאלַאץ. אָבֶּער אַזוֹי וִוי עֶר הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט זַיין טַאטְן, הָאט עֶר אָפְּגֶעמַאכְט "עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר גָארְנִישְׁט, אִיךְ מוּז אַרַיין אִין פַּאלַאץ פַאר יֶעדֶע פְּרֵייז, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין".

גְלַייךְ וֶוען עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דִי עֶרְשְׁטֶע מוֹיעֶר עֶס צוּ צוּבְּרֶעכְן, הָאט עֶר גֶעזֶעהן אַז עֶס בִּכְלַל נִישְׁט קַיין מוֹיעֶר, עֶס אִיז נָאר גֶעוֶוען אַן אֲחִיזַת עֵינַיִם, עֶר אִיז עֶס דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען, אוּן אַזוֹי צוּם צְוֵוייטְן אוּן דְרִיטְן מוֹיעֶר, בִּיז עֶר אִיז אַדוּרְךְ אַלֶע מוֹיעֶרְן אוּן עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם פַּאלַאץ צוּם קֶענִיג. דֶער קֶענִיג הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט, וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶעהן אַז דֶער קִינְד הָאט אִים זֵייעֶר לִיבּ, עֶר הָאט דוּרְךְ גֶעבְּרָאכְן אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן אוּן עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אִים.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לֵייגְט אוּנְטֶער פַּארְן מֶענְטְשְׁן אַסַאךְ שְׁטֶערוּנְגֶען צוּ זֶעהן צוּ עֶר הָאט אִים לִיבּ, אוּן וֶוען דֶער אִיד קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי אַלֶע זַאכְן, אוּן עֶר גֵייט נִישְׁט אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְרוֹיס פַּארְגֶענוּגֶען פוּן דֶעם.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קט"ו) אוֹיפְן פָּסוּק (שְׁמוֹת כ, יח) "וַיַּעֲמֹד הָעָם מֵרָחֹק וּמֹשֶׁה נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים". בַּיי קַבָּלַת הַתּוֹרָה אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְן בַּארְג אַ נֶעפְּל, עֶס אִיז גֶעוֶוען פַארְוָואלְקֶענְט. "וַיַּעֲמֹד הָעָם מֵרָחֹק", דֶער "עַם" דִי פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נִישְׁט צוּגֶעגַאנְגֶען, עֶס אִיז צֵי פַארְוָואלְקֶענְט, מֶען קֶען נִישְׁט צוּגֵיין. אָבֶּער "וּמֹשֶׁה נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל", מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אָבֶּער גֶעוואוּסְט דֶעם אֱמֶת "אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים", אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין בַּאהַאלְט זִיךְ אִינֶעם נֶעפְּל, אִין דִי וָואלְקֶענֶעס. עֶר ווִיל נָאר זֶעהן ווִי אַזוֹי דֶער אִיד שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן, אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז פַארְוָואלְקֶענְט, צוּ קוּמֶען צוּ אִים.

## נָאר דִי עֶרְשְׁטֶע טְרִיט

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַ טָאכְטֶער, זִי הָאט גֶעהֵייסְן אָדְל, אֵיינְמָאל אִיז זִי גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי נָתָן דֶערְשְׁרָאקֶענְעֶרְהֵייט אוּן אִים דֶערְצֵיילְט אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חָלוֹם וָואס זִי הָאט זִיךְ גֶע'חָלוֹם'ט. זִי הָאט גֶעזֶעהן ווִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן אִינֶעם רֶבִּי'נְס בֵּית הַמִדְרָשׁ הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט אַז מֶען גֵייט נִישְׁט אַרַיין לָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט אַסַאךְ שׁוּרוֹת פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעכַאפְּט אִינְאֵיינֶעם, נִישְׁט אַדוּרְךְ צוּ לָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן, אַזוֹי זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען שׁוּרוֹת פוּן דִי טִיר בִּיז דִי מִזְרָח וַואנְט בַּיים רֶבִּי'נְס פְּלַאץ.

פְּלוּצְלִינְג אִיז דֶער רֶבִּי אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי טִיר, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ גֵיין טְרִיט בַּיי טְרִיט, דִי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ גֶעשׁוּשְׁקֶעט צְווִישְׁן זִיךְ אַז מֶען זָאל נִישְׁט אַדוּרְךְ לָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן, אָבֶּער גְלַייךְ וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי עֶרְשְׁטֶע שׁוּרָה אִיז דִי שׁוּרָה צוּפַאלְן, אַלֶע הָאבְּן זִיךְ גֶערוּקְט אִין אַ זַייט פַארְשֶׁעמְטֶערְהֵייט.

אַזוֹי אִיז דֶער רֶבִּי גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער צוּ דִי צְוֵוייטֶע אוּן דְרִיטֶע שׁוּרוֹת אוּן גְלַייךְ וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִיז דִי שׁוּרָה צוּפַאלְן, דִי וַוייטֶערְדִיגֶע שׁוּרוֹת הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוּן זִיךְ גֶעשׁוּשְׁקֶעט אַז מֶען גֵייט דֶעם רֶבִּי'ן נִישְׁט דוּרְךְ לָאזְן, דֶער רֶבִּי הָאט אִיז וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען, אוּן וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַהִין זֶענֶען דִי שׁוּרוֹת אוֹיךְ צוּפַאלְן, בִּיז דֶער רֶבִּי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין פְּלַאץ אוֹיף דִי מִזְרָח וַואנְט, אוּן דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ אָדְל אוֹיפְגֶעכַאפְּט דֶערְשְׁרָאקֶענְעֶרְהֵייט, זִי הָאט נָאךְ אַזוֹינְס נִישְׁט גֶעזֶעהן, אַז דִי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן זִיךְ קֶעגְן שְׁטֶעלְן קֶעגְן דֶעם רֶבִּי'ן.

וֶוען זִי הָאט גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן פְּשַׁט אִין דֶעם חָלוֹם, הָאט אִיר רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "אַזוֹי גֵייט דֶעם רֶבִּי'נְס זַאךְ, מֶען זֶעהט נָאר דִי עֶרְשְׁטֶע טְרִיט אוּן מֶען זֶעהט גָארְנִישְׁט וַוייטֶער, אָבֶּער אוֹיבּ גֵייט מֶען מִיט שְׁטַארְקַייט, קוּמְט מֶען אַלֶעס אִיבֶּער, אוּן מֶען דֶערְגְרַייכְט דֶעם צִיהל".

אוּן אַזוֹי גֵייט עֶס בַּיי יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ, עֶס אִיז אֵייבִּיג דָא שְׁוֶועריקַייטְן אוּן שְׁטֶערוּנְגֶען אָבֶּער אוֹיבּ מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ, אוּן מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי אַלֶע מְנִיעוֹת, וֶוערְט דִי "מְנִיעוֹת" אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּ "נְעִימוֹת", אוּן מֶען קוּמְט אָן צוּ אַלֶעס גוּטְס אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָ"אשׁ, חֵלֶק י"ג וְחֵלֶק ט"ו, עֶרֶךְ מְנִיעוֹת)

# מֶען לָאזְט אִיבֶּער דִי פְרוֹיעֶן?

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זָאלְסְט שָׁלוֹם מַאכְן מִיט דַיין וַוייבּ, זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיינֶעם, וָוארוּם דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם ווִיל דִיךְ אוּמְגְלִיקְלִיךְ מַאכְן, אוּן דִי רְשָׁעִים וָואס זֵיי רֶעדְן אַיין דִי פְרוֹיעֶן אַז בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידִים הָאבְּן נִישְׁט קַיין שָׁלוֹם בַּיִת, זֶענֶען פְּשׁוּטֶע רְשָׁעִים אוּן רֶעדְן לָשׁוֹן הָרָע, וַוייל אַן אֱמֶת'ער בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד וָואס פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, אִיז זֵייעֶר מְכַבֵּד דָאס וַוייבּ, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יְבָמוֹת סב.) הָאוֹהֵב אֶת אִשְׁתּוֹ כְּגוּפוֹ וְהַמְכַבְּדָהּ יוֹתֵר מִגוּפוֹ עָלָיו הַכָּתוּב אוֹמֵר "וְיָדַעְתָּ כִּי שָׁלוֹם אָהֳלֶךָ"; אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד וָואס פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אִיז זֵייעֶר מְכַבֵּד דָאס וַוייבּ, אוּן הֶעלְפְט אִיר אַרוֹיס מִיט אַלֶעם, אוּן עֶס אִיז פַארְהַאנֶען שְׁלֶעכְטֶע פְרוֹיעֶן וָואס זֶענֶען מְקַנֵא דִי חַבֶרְטֶ'עס וָואס זֵיי הָאבְּן מֶענֶער בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידִים אוּן זַיין לֶעבְּן צֶעזַאמֶען מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט אוּן הֶעלְפְן אַרוֹיס אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן וְכוּ', אוּן זֵיי הָאבְּן עֶס נִישְׁט, אִיבֶּערְדֶעם רֶעדְן זֵיי אָן דִי פְרוֹיעֶן אַקֶעגְן בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידִים, אוּן דָאס אִיז אַ פַאקְט וָואס מֶען קֶען זֶען, אַ יוּנְגֶערְמַאן וָואס הִיט אָפּ זַיין שָׁלוֹם בַּיִת אִיז אַן אֱמֶת'ער בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד.

וָואס אִיז גֶעשֶׁען? אֵיינְמָאל אַ יָאר פָארְט עֶר אַוֶועק אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן! וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען מַאכְן אַזַא אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ? עֶס אִיז דָא חֲסִידִים וָואס זֵיי פָארְן עֶטְלִיכֶע מָאל אִין יָאר צוּ זֵייעֶרֶע רֶבִּי"ס אוּן לָאזְן אִיבֶּער זֵייעֶרֶע פְרוֹיעֶן, אוּן עֶס קֶערְט זִיךְ נִישְׁט אִיבֶּער דִי וֶועלְט. נָאר אַז אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד פָארְט אֵיינְמָאל אִין יָאר אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִים קוּמְט בִּזְיוֹנוֹת אוּן שְׁפִיכוּת דָמִים מַחְלוֹקֶת קְרִיגֶערַייעֶן וְכוּ' וְכוּ'? בְּשַׁעַת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעבֶּעטְן אַז יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס עֶס גְלֵייבְּט אִין אִים אוּן לֶערְנְט זַיין תּוֹרוֹת, זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר וֶועט אִים אַ טוֹבָה טוּן. אִיז דֶען גֶעוֶוען אַמָאל אַ צַדִיק וָואס הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעבֶּעטְן זַיינֶע תַּלְמִידִים אוּן חֲסִידִים אַז זֵיי זָאלְן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה? אוּן דָא הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּפֵירוּשׁ גֶעבֶּעטְן בַּיי דִי תַּלְמִידִים אַז זֵיי זָאלְן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט עֶר זֵיי אַ טוֹבָה טוּן אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר.

גֶעוַואלְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן! דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בֵּיצָה ט"ז.) רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ פַארְן מֶענְטְשׁ זַיין בּוּדְזְשֶׁעט אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, וִויפִיל פַּרְנָסָה עֶר וֶועט הָאבְּן. ווִידֶער זָאגְן דִי חֲזַ"ל (רֹאשׁ הַשָּׁנָה טז:) רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז מֶען דַן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַ גַאנְץ

המשך בדף ד

# מֶען לָאזְט אִיבֶּער דִי פְּרוֹיעֶן?

המשך

יָאר וָואס מִיט אִים וֶועט פַּאסִירְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן לֵיידֶער זֶעעֶן מִיר וָואסְפַּארַא אוּמְגְלִיקְן פַּאסִירְט יֶעדְן טָאג לֹא עָלֵינוּ, וִויפִיל יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן וֶוערְן פַארְכַאפְּט אָפְּגֶעהִיטְן זָאל מֶען וֶוערְן, וִויפִיל קִינְדֶער גֵייעֶן אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט? וִויפִיל עֶקְסִידֶענְטְן פַּאסִירְן? וִויפִיל פֵייעֶרְן וֶוערְן אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אוּן פַארְבְּרֶענֶען אַלֶעס? וִויפִיל מֶענְטְשְׁן וֶוערְן אָן דָאס גֶעלְט אִין אֵיין נַאכְט אוּן וֶוערְן אָרִים, וְכוּ׳, וְכוּ׳? אוּן וִויפִיל צָרוֹת אִיז דָא, וְכוּ׳, וְכוּ׳!? אוּן דָא שְׁטֵייט אַ רֶבִּי אוּן שְׁרַייט פַאר זַיינֶע חֲסִידִים אוּן תַּלְמִידִים אוּן פַאר יֶעדְן אִיד: ״קוּם צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט אַייךְ גוּט זַיין אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר!״.

אִיז אַנְשְׁטָאט מֶען זָאל פְרֵייעֶן זִיךְ אַז דֶער מַאן פָארְט צוּ אַזַא הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וָואס הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען אַזַא הֵיילִיגֶע הַבְטָחָה, אוּן בֶּעט זִיךְ אוֹיס אַ גוּט יָאר פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי וַוייבּ אוּן פַאר דִי קִינְדֶער וְכוּ׳, קוּמְט אִים אוֹיף דֶעם פַארְשְׁטֵיינֶערְן? קוּמְט אִים אוֹיף דֶעם מֶען זָאל אִים מְבַזֶה זַיין אוּן שֶׁעלְטְן אוּן פַארְשֶׁעמֶען וְכוּ׳? קוּמְט וֶועגְן דֶעם צֶעבְּרֶעכְן אַ שְׁטוּבּ? דָאס וַוייבּ דַארְף דָאךְ טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז אִיר מַאן אִיז גֶעפָארְן צוּ אַזַא הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן מְקַיֵים זַיין דֶעם רָצוֹן פוּן צַדִיק!

מֶען זֶעט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אִין אַ צָרָה גֶע׳מִשְׁפָּט צוּ וֶוערְן פַאר אַ גְרוֹיסְן שׁוֹפֵט, דֶעמָאלְטְס נֶעמְט עֶר דֶעם גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גֶעלְט, וָוארוּם מֶען גֵייט אִים פַארְמִשְׁפָּטְן אוֹיף טוֹיט חַס וְשָׁלוֹם, דֶעמָאלְטְס פַארְקוֹיפְט דִי וַוייבּ אַלֶעס וָואס זִי הָאט, אַבִּי אַז אִיר גֶעטְרֵייעֶ מַאן זָאל הָאבְּן גֶעלְט פַאר אַ גְרוֹיסְן לוֹיעֶר וָואס זָאל אִים קֶענֶען פַארְטֵיידִיגְן. אָדֶער וֶוען אַ דָאקְטֶער הָאט עֶרְפִינְדְן דֶעם בִּיטֶערֶע מַחֲלָה בַּיי אֵיינֶעם לֹא עָלֵינוּ, וָואס טוּט עֶר נִישְׁט צוּ גֵיין צוּם גְרֶעסְטְן פְּרָאפֶעסֶער אִין דֶער וֶועלְט עֶר זָאל אִים קֶענֶען הֵיילְן? עֶר קַארְגְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, דָאס גֶעטְרֵייעֶ וַוייבּ טְרַייבְּט אִים: ״פָאר צוּם גְרֶעסְטְן פְּרָאפֶעסֶער, אוּן קוּק נִישְׁט אוֹיף גֶעלְט, אַבִּי דִי זָאלְסְט הָאבְּן אַ רְפוּאָה מַיין גֶעטְרֵייעֶ מַאן!״

אוּן דָא אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס מֶען אִיז דַן יֶעדְן אֵיינְצִיגְן מַאן, וַוייבּ, קִינְדֶער; אוּן דֶער מַאן הָאט בַּאשְׁלָאסְן עֶר פָארְט צוּ אַזַא גְרוֹיסְן אוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וָואס עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער לוֹיעֶר, פַארְטֵיידִיגְט יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס עֶר קוּמְט צוּ אִים עֶר זָאל הָאבְּן אֲרִיכוּת יָמִים, עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער דָאקְטֶער וָואס עֶר הֵיילְט יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן עֶר פּוֹעֶל׳ט בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דִי אַלֶע וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאלְן הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אוּן עֶס זָאל אִים גָארְנִישְׁט פֶעלְן אַ גַאנְץ יָאר, אִיבֶּערְדֶעם קוּמְט דֶעם מַאן אַזוֹי צוּ רוֹדֶף׳ן?

דָאס פְרֶעג אִיךְ יֶעדֶע פְרוֹי וָואס זִי רוֹדֶף׳ט דֶעם מַאן וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, צִי דַארְפְסְטוּ דֶען צוּהֶערְן דַיין חַבֶר׳טֶע וָואס אִיז דִיר מְקַנֵא אַז דוּ הָאסְט אַזַא גֶעטְרֵייעֶ מַאן וָואס הֶעלְפְט דִיר אַרוֹיס אַ גַאנְץ יָאר, אוּן עֶטְץ הָאטְץ אַזַא לֶעכְטִיגְן שָׁלוֹם בַּיִת?

(אשר בנחל באידיש חלק א׳ מכתב מ״ה)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

### מוהרא״ש שליט״א פארט אויף ארץ ישראל

די קומענדיגע וואך וועט מוהרא״ש שליט״א פארן אויף ארץ ישראל פאר צוויי וואכן צו מחזק זיין די ארטיגע אידן.

די קומענדיגע צוויי וואכן וועט נישט פארקומען די וועכנטליכע ליל שישי שיעור.

צו הערן מער פרטים ווען עס קומט פאר דער וועכטנליכער שיעור, ווי אויך צו הערן פריערדיגע שיעורים פון מוהרא״ש שליט״א, רופט אויפן טעלעפאן ליין פון ״קול ברסלב״ אויפן נומער 212-444-9191.

**כי מלאכיו יצוה לך!**

***

## מען גרייט זיך צו פארן אויף אומן

אנשי שלומינו די בכל אתר ואתר גרייטן זיך צו פארן אויף ראש השנה צו אומן, אזוי ווי דער רבי האט אנגעזאגט אז יעדער זאל קומען צו אים ראש השנה, קיינער טאר נישט פעלן.

ווענענס הארץ ציטערט נישט פונעם פארכטיגן יום הדין, ווען דער אייבערשטער שרייבט אן פאר יעדן איינעם אלעס וואס עס וועט געשעהן צו אים במשך די גאנצע יאר, און דא זאגט דער רבי אז ווער עס קומט צו אים אויף ראש השנה וועט ער אים פארטיידיגן און זעהן דערצו אז מען זאל אים אנשרייבן א גוט געבענטשט יאר, איז דאך זיכער אז יעדער וויל האבן די זכי׳ צו זיין אין אומן אויף ראש השנה, און זוכה זיין צו א גוט געבענטשט יאר.

מיטן אייבערשטנ׳ס הילף איז אויך דאס יאר געלונגען צוזאמצושטעלן א פליגער, ווי אלע אנשי שלומינו מיט די בחורי הישיבה וועלן פארן אינאיינעם מיט מוהרא״ש שליט״א אויף אומן.

עס איז נאך דא צו באקומען גאר ביליגע טיקעטס צו פארן אויף ראש השנה, החכם עיניו בראשו צו קויפן ווי פריער פאר עס גייט ארויף די פרייזן.

כאיש אחד בלב אחד וועט מען אינאיינעם פארן, און זיכער אויס׳פועל׳ן ישועות און רפואות און א זיס לעכטיג יאר.

**איש בל יעדר!**


## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**הבחור אהרן לעווי נ״י**

**צו זיין שמחת בר מצוה למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זוכה זיין צו שטייגן מעלה מעלה און ממשיך זיין צו גיין אויפן רבי׳נס וועגן און זיין אן אמת׳ער ערליכער איד.

## קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים**
**פון כ״ק מוהרא״ש שליט״א**

אויך קען מען מיטהאלטן
יעדע וואך דעם שיעור
מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען





פאר גאר ביליגע פרייזן!

**וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים**

שנעל גוט און ביליג!

**רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554**

**5554printing@gmail.com**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**
**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות......7:36
סוף זמן קר"ש......8:57
מוצש"ק......9:05

**שיעורים כסדרן**
בבלי......מועד קטן ה'
ירושלמי......דמאי ט'
תוספתא......שביעית פרק ז'

פרשת עקב, כ' אב, אבות פרק ה', שנת תשע"ד לפ"ק
שנה 3, גליון 51 (151)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְהָיָה עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן אֵת הַמִּשְׁפָּטִים הָאֵלֶּה וְגוֹ' וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ וְגוֹ'.** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: אוֹיבּ דִי אִידְן וֶועלְן זַיין וואוֹיל, וֶועט עֶר זֵיי גֶעבְּן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן. רַשִׁ"י זָאגְט, **אִם הַמִּצְוֹת קַלּוֹת שֶׁאָדָם דָּשׁ בְּעֲקֵבָיו תִּשְׁמְעוּן**, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט פָּאלְגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי גְרִינְגֶע מִצְוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן טְרֶעטְן עֶם מִיט דִי פִּיס, דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבְּן דִי גוּטֶע זַאכְן. דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, וָואס זֶענֶען דִי גְרִינְגֶע מִצְוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן צוּטְרֶעטְן מִיט דִי פִּיס?

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער בַּעַל הַטּוּרִים זָאגְט אוֹיף דֶעם פָּסוּק, וָואס זָאגְט דְרֵיי לְשׁוֹנוֹת, **תִּשְׁמְעוּן, וּשְׁמַרְתֶּם, וַעֲשִׂיתֶם**, אַז דָאס אִיז קֶעגְן **מִקְרָא, מִשְׁנָה אוּן גְמָרָא**, דִי דְרֵיי הוֹיפְּט לִמּוּדִים, וָואס אַ אִיד דַארְף לֶערְנֶען.

בֶּאֱמֶת לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד" (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה אוֹיף אַ גְרִינְגֶע וֶועג, מֶען מַאכְט זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין יֶעדֶע סֵפֶר, אוּן מֶען לֶערְנְט עֶם אִין אַ סֵדֶר, אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט עֶס אִיז זִיכֶער גוּט, אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאגְט מֶען בְּלוֹיז דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, אוּן וֶוען מֶען זָאגְט אַסַאךְ תּוֹרָה, וֶועט מֶען עֶס צוּם סוֹף פַארְשְׁטֵיין.

קוּמְט אוֹיס אַז עֶס אִיז זֵייעֶר גְרִינְג צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת, אַבִּיסְל גְמָרָא, אָבֶּער מֶענְטְשְׁן מַאכְן דָאס אַוֶועק "דָאס הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, לֶערְנֶען הֵייסְט נָאר וֶוען מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ אוֹיף אַמָאל, מִיטְן גְרֶעסְטְן עִיּוּן, צוּ פַארְשְׁטֵיין קְלָאר דִי זַאךְ". אוּן דֶעמָאלְט קוּמְט אוֹיס אַז זֵייעֶר אַסַאךְ צַייטְן לֶערְנְט מֶען בִּכְלַל נִישְׁט, ווייל מֶען קֶען נִישְׁט אֵייבִּיג לֶערְנֶען בְּעִיּוּן, אָבֶּער וֶוען מֶען פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן מֶען לֶערְנְט אֲפִילוּ נָאר אַבִּיסְל אוֹיף אַמָאל, אוּן אֲפִילוּ וֶוען מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט. דֶעמָאלְט קוּמְט מֶען אָן זֵייעֶר אַסַאךְ.

דָאס זָאגְט רַשִׁ"י, **אִם הַמִּצְוֹת קַלּוֹת שֶׁאָדָם דָּשׁ בְּעֲקֵבָיו תִּשְׁמְעוּן**, אוֹיבּ מֶען וֶועט פָּאלְגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי גְרִינְגֶע מִצְוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן טְרֶעטְן עֶם מִיט דִי פִּיס, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד" וָואס אִיז אַ גְרִינְגֶע גֶעשְׁמַאקֶע וֶועג צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, אָבֶּער מֶענְטְשְׁן טְרֶעטְן עֶם מִיט דִי פִּיס, מֶען מַאכְט עֶם אַוֶועק. אוֹיבּ אָבֶּער מֶען וֶועט עֶס יָא אַיינְהַאלְטְן, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט מֶען אָנְקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ תְּהִלִּים זָאגְן ~

אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים, דָאס הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אוּן רַאטֶעוֶועט אִים פוּן אַלֶע צָרוֹת.

פַארְוָואס דַארְף מֶען וַוארְטְן בִּיז עֶס קוּמְט שׁוֹין חַ"ו אַ צָרָה אוּן דַאן כַאפְּן דֶעם תְּהִלִּימְ'ל? בֶּעסֶער אִיז וֶוען מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים, אַזוֹי אִיז מֶען שׁוֹין מַקְדִים דִי תְּפִלָּה נָאךְ פַאר דִי צָרָה, אוּן דִי צָרָה קוּמְט בִּכְלַל נִישְׁט. אוֹיבּ תְּהִלִּים הֶעלְפְט פַאר אַ אִיד וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין אִין אַ צָרָה וֶוען עֶר גֵייט שׁוֹין דוּרְךְ פְּרָאבְּלֶעמֶען, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אַ אִיד וָואס הָאט זִיךְ שׁוֹין צוּגֶעגְרֵייט פוּן פָארְאוֹיס, יֶעדְן טָאג הָאט עֶר גֶענוּמֶען דֶעם תְּהִלִּים אוּן גֶעזָאגְט עֶטְלִיכֶע קַאפִּיטְלֶעךְ, וֶועט עֶר זִיכֶער גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן אוּן עֶס וֶועלְן נִישְׁט קוּמֶען אוֹיף אִים קַיין צָרוֹת.

### דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט מִיט!

אִין דִי יְהִי רָצוֹן פוּן תְּהִלִּים זָאגְט מֶען אַז עֶס זָאל זַיין אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ אַלֵיין וָואלְט עֶס גֶעזָאגְט. אוּן דָאס אִיז מַמָּשׁ אַזוֹי, דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעמַאכְט דֶעם תְּהִלִּים מִיט רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ, אוּן דֶער רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ לִיגְט אִין דִי וֶוערְטֶער, אוּן וֶוען אַ אִיד זָאגְט תְּהִלִּים עֶרְוֶועקְט עֶר דֶעם רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ וָואס לִיגְט דֶערִין, אוּן עֶס וֶוערְט גֶערֶעכְנְט אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ אַלֵיין זָאגְט יֶעצְט תְּהִלִּים (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן צ"ח).

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז וֶוען דָוִד הַמֶּלֶךְ אַלֵיין זָאגְט תְּהִלִּים, וֶועט עֶר מִיט דֶעם זִיכֶער אוֹיס'פּוֹעֶל'ן אַלֶעס גוּטְס, אוּן עֶר וֶועט זֶעהְן גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

אִין שְׁטָאט ווִילְנָא אִיז אַמָאל נִפְטָר גֶעוָוארְן אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד. וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער גְרָ"א זִי"עַ הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל אִים זָאגְן וֶוען דִי לְוָיָ' אִיז. וֶוען מֶען הָאט אִים מוֹדִיעַ גֶעוֶוען, אִיז דֶער גְרָ"א זִי"עַ אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי לְוָיָ'

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

אַסַאךְ תּוֹרָה, דֶעמָאלְט וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק פַּרְשַׁת עֵקֶב תשס"ח לפ"ק)

***

**נָאךְ אַ פְּשַׁט זָאגְט מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א, וָואס זֶענֶען דִי מִצְוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן טְרֶעטְן זֵיי מִיט דִי פִּים?**

לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קס"ט), **וְהָיָה** אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן שִׂמְחָה (בַּמִּדְבָּר רַבָּה פ"ג ס"ה). **וְהָיָה** - אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק פְרֵיילִיךְ, אַז, **עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן** - אֲפִילוּ דִי פִּים וֶועלְן הֶערְן, דָאס מֵיינְט אַז מֶען וֶועט זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז דִי פִּים וֶועלְן טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה, **וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ אֶת הַבְּרִית** - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין זֶעהְן אַז מֶען זָאל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן מִיט שְׁמִירַת הַבְּרִית, וַוייל דִי עֲבֵירוֹת קוּמֶען נָאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז טְרוֹיעֶרִיג, אָבֶּער וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ וֶוערְט עֶר נִיצוֹל פוּן עֲבֵירוֹת.

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ד) **"מִצְוָה גְדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד"**, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וָואס דָאס הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן שְׁלֶעכְטְס.

דָאס זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, מֶען זָאל זֶעהְן צוּ אָפְּהִיטְן דִי מִצְוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן צוּטְרֶעטְן מִיט דִי פִּים, דָאס אִיז דִי מִצְוָה פוּן שִׂמְחָה, פוּן זַיין פְרֵיילִיךְ, וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן עֶס אַוֶועק, אוֹיבּ אָבֶּער וֶועט מֶען זִיךְ יָא שְׁטַארְקְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועט מֶען הָאבְּן אַלֶעם גוּטְס.

(זֹאת הַתּוֹרָה עֵקֶב א')

***

**וְנָשַׁל ה' אֱלוֹקֶיךָ אֶת הַגּוֹיִם הָאֵל מִפָּנֶיךָ מְעַט מְעַט**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַוֶועקְנֶעמֶען דִי גוֹיִם פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, צוּבִּיסְלֶעךְ צוּבִּיסְלֶעךְ, נִישְׁט אוֹיף אֵיין מָאל. מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט אוּנְז מְרַמֵּז זַיין אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חִיזּוּק. רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת גְזֵלָה, ה"ה אר"ז) אַז אַלֶע צָרוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ לַיידְט סֵיי בְּרוּחֲנִיוּת אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיוּת, קוּמֶען נָאר וַוייל מֶען ווִיל שְׁלֵימוּת, אַ מֶענְטְשׁ ווִיל גְלַייךְ זַיין אַ גֶעהָאלְפֶענֶער אִין אֵיין מִינוּט, אוּן אַזוֹי וִוי דָאס קֶען נִישְׁט גֶעשֶׁעהְן, יֶעדֶע זַאךְ נֶעמְט צַייט, דֶערְפַאר וֶוערְט אַ מֶענְטְשׁ צוּבְּרָאכְן אוּן עֶר גֶעבְּט אוֹיף.

סֵיי וָואס אַ מֶענְטְשׁ ווִיל בַּאקוּמֶען, דַארְף עֶר הָאבְּן צוּ דֶעם אַסַאךְ גֶעדוּלְד, אַסַאךְ סַבְלָנוּת, אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי וֶוערְט מֶען גֶעהָאלְפְן. אֲפִילוּ בְּרוּחֲנִיוּת נֶעמְט אוֹיךְ צַייט בִּיז מֶען וֶוערְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט. אוֹיבּ אָבֶּער אַ אִיד בֶּעהְט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף, וֶועט עֶר צוּם סוֹף זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וְנָשַׁל ה' אֱלוֹקֶיךָ אֶת הַגּוֹיִם הָאֵל מִפָּנֶיךָ**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַוֶועק נֶעמֶען דִי גוֹיִם, וָואס דָאס מֵיינְט דִי תַּאֲווֹת אוּן מִדּוֹת רָעוֹת וָואס דִי גוֹיִם בְּרֶענְגֶען אַרַיין, **מְעַט מְעַט**, צוּבִּיסְלֶעךְ צוּבִּיסְלֶעךְ, עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף, וֶועט מֶען זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין.

(זֹאת הַתּוֹרָה עֵקֶב ה')

# שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

בַּאגְלֵייטְן דֶעם נִפְטָר. דָאס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים וַוייל דֶער גְרָ"א פְלֶעגְט נִישְׁט גֶעוֶוענְלִיךְ אַרוֹיסְגֵיין, עֶר פְלֶעגְט זִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג מִיט טַלִּית אוּן תְּפִלִּין אוּן לֶערְנֶען. פַארְוָואס גֵייט עֶר יֶעצְט צוּ דִי לְוָי' פוּן אַזַא פָּשׁוּט'עֶר מֶענְטְשׁ?

וֶוען מֶען הָאט אִים אָנְגֶעפְרֶעגְט דֶערוֹיף הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ דָוִד הַמֶּלֶךְ גֵייט בַּאגְלֵייטְן דֶעם אִיד, זָאל אִיךְ נִישְׁט גֵיין בַּאגְלֵייטְן?"... הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים פַארְשְׁטַאנֶען אַז אֲפִילוּ דֶער נִפְטָר אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד, אָבֶּער אַזוֹי וִוי עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעזָאגְט תְּהִלִּים, הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזַא מַדְרֵיגָה אַז דָוִד הַמֶּלֶךְ אַלֵיין זָאל אִים בַּאגְלֵייטְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זִי"עַ הָאט אַמָאל פַּאסִירְט וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען גָלוּת לַיידְן אַז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אֵיינְמָאל צוּם הוֹיז פוּן הרה"ק רֶבִּי מֹשֶׁה מִפְּשֶׁעוָוארְסְק, דֶער בַּעַל 'אוֹר פְּנֵי מֹשֶׁה' זִי"עַ. וֶוען עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר קֶען דָארְט שְׁלָאפְן הָאט אִים דֶער צַדִּיק גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט נָאר אֵיין בֶּעט, אָבֶּער אַזוֹי וִוי עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען קֶען דֶער רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זִי"עַ שְׁלָאפְן אִין זַיין בֶּעט.

וֶוען דֶער אוֹר פְּנֵי מֹשֶׁה הָאט גֶעזֶעהְן אַז דֶער גַאסְט שְׁלָאפְט שׁוֹין הָאט עֶר זִיךְ גֶעזֶעצְט בַּיי טִישׁ זָאגְן תְּהִלִּים, אָבֶּער וֶוען דֶער גַאסְט הָאט גֶעהֶערְט דֶעם תְּהִלִּים זָאגְן, אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן בֶּעט אוּן זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט נֶעבְּן טִישׁ, דֶער אוֹר פְּנֵי מֹשֶׁה הָאט אִים גֶעווִינְקֶען אַז עֶר זָאל צוּרִיק גֵיין אִין בֶּעט אוּן עֶר אִיז צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען. וֶוען דֶער צַדִּיק הָאט אָבֶּער מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען צוּ זָאגְן תְּהִלִּים אִיז דֶער רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ וַוייטֶער גֶעקוּמֶען מִיטְהַאלְטְן. וֶוען דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ הָאט זִיךְ שׁוֹין אִיבֶּער גֶעשְׁפִּילְט צוּם דְרִיטְן מָאל, הָאט דֶער אוֹר פְּנֵי מֹשֶׁה אִים אָנְגֶעשְׁרִיגְן אַז עֶר זָאל אַרַיינְגֵיין אִין בֶּעט שְׁלָאפְן אוּן אִים נִישְׁט שְׁטֶערְן פוּן תְּהִלִּים זָאגְן. הָאט דֶער רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זִי"עַ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ שְׁלָאפְן? אִיךְ זֶעה דָאךְ וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ שְׁטֵייט נֶעבְּן אַייךְ וֶוען אִיר זָאגְט תְּהִלִּים". וֶוען דֶער אוֹר פְּנֵי מֹשֶׁה הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "דוּ בִּיזְט מֵיילֶעךְ? אוֹיבּ אַזוֹי בְּלַייבּ שׁוֹין דָא". אוּן פוּן דַאן הָאבְּן דִי צְוֵויי צַדִּיקִים זִיךְ בַּאקֶענְט אוּן גֶעוָוארְן מְקוּשָּׁר אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערְן.

זֶעהְט מֶען דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן תְּהִלִּים זָאגְן, אַז דָוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם אַלֵיין זָאגְט מִיט תְּהִלִּים מִיט יֶעדְן אִיד וָואס זָאגְט תְּהִלִּים, אוּן מֶען קֶען דֶערְמִיט פּוֹעֵל'ן גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן.

### דוּ זָאגְסְט תְּהִלִּים בַּיינַאכְט?

מֶען זֶעהְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ. אַמָאל זֶעצְט זִיךְ אַ אִיד אַוֶועק זָאגְן תְּהִלִּים בַּיינַאכְט, אוּן גְלַייךְ קוּמֶען צוּ גֵיין מֶענְטְשְׁן אוּן הַאלְטְן אִים פָאר, הֲיִתָּכֵן עֶר זָאגְט תְּהִלִּים בַּיינַאכְט, מֶען לֶערְנְט דָאךְ נִישְׁט קַיין מִקְרָא בַּיינַאכְט. קוֹדֶם אִיז עֶס נִישְׁט אֱמֶת, אִין דִי פּוֹסְקִים וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (אֶשֶׁל אַבְרָהָם או"ח סִימָן רל"ח) אַז מֶען מֶעג זָאגְן תְּהִלִּים בַּיינַאכְט, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין פְּרָאבְּלֶעם עַפִּ"י הֲלָכָה צוּ זָאגְן תְּהִלִּים בַּיינַאכְט. אָבֶּער נָאךְ מֶער אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט, אַז וֶוען מֶען זָאל זֶעהְן אַ צְוֵוייטְן וָואס גֵייט לֵיידִיג אָדֶער לֵיינְט אַ צַייטוּנְג, וֶועט מֶען אִים נִישְׁט פָארְהַאלְטְן הֲיִתָּכֵן עֶר פַארְבְּרֶענְגְט דִי טֵייעֶרֶע צַייט מִיט נַארִישְׁקַייטְן, וֶוען אַ אִיד ווִיל אָבֶּער טוּהְן אַ הֵיילִיגֶע זַאךְ אוּן זָאגְן תְּהִלִּים, דֶעמָאלְט וֶוען מֶען אִים יָא פָארְהַאלְטְן...

עֶס מַאכְט זִיךְ אַ סַךְ מָאל אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְּלָאגְט אַ גַאנְצְן טָאג, עֶר הָאט קוֹים צַייט צוּ אָטֶעמֶען, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט בַּיינַאכְט אוּן עֶר הָאט עֶטְלִיכֶע אִיבְּרִיגֶע מִינוּט ווִיל עֶר זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים תְּהִלִּימְ'ל. דָאס אִיז זִיכֶער נִישְׁט קַיין שְׁאֵלָה אוּן נִישְׁט קַיין שׁוּם פְּרָאבְּלֶעם.

עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן תְּהִלִּים זָאגְן. וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס זָאגְט תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ תְּהִלִּים)

# כ״ו אָב – יוֹם הַהִילוּלָא
# דרביה״ק מִסַאטְמָאר זצוק״ל

בְּעֶזְרַת הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג׳ לְסֵדֶר רְאֵה כ״ו אָב ה׳תשע״ב

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִיעוּ וְיִרְדְפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

אֲוַודַאי און אַוַודַאי זָאג אִיךְ הַיינְט נִישְׁט קַיין תַּחְנוּן, וָוארוּם הַיינְט אִיז אַ גְרוֹיסֶער יוֹם טוֹב אִין הִימְל, יוֹם הַהִילוּלָא דְרַבֵּינוּ הַקָדוֹשׁ מִסַאטְמָאר זי״ע, וָואס וֶוער עֶס וֵוייסְט, הָאט עֶר אָפְּגֶעַראטֶעוֶועט דֶעם גַאנְצְן דוֹר פוּן שְׁמַד פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ, כָאטְשֶׁע זֵייעֶר אַסַאךְ ווִילְן נִישְׁט מוֹדֶה זַיין, אָבֶער אַ מְצִיאוּת אִיז אַ מְצִיאוּת, וֶוען נִישְׁט עֶר וָואלְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט גֶעכַאפְּט גֶעוָוארְן אִין כְּפִירוֹת און אַפִּיקוֹרְסוּת, עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער וָואס הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אָן קַיין שׁוּם פַּחַד מְגַלֶה זַיין דֶעם אֱמֶת אַז דִי רְשָׁעִים זֶענֶען כּוֹפְרִים און מִינִים וְכוּ׳.

וֶוער אַזוֹי ווִי אִיךְ וֵוייס וָואס עֶס טוּט זִיךְ וְכוּ׳, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרַיינְגֶעצוֹיגְן אִין אַ שְׁטֶעטְל יַבְנְאֵל, וָואס דָארְטְן אִיז גֶעוֶוען דֶער אוֹשְׁוִויץ פוּן דִי תֵּימָנֶ׳ער אִידְן, און דִי תּוּנִיסֶ׳ער אִיד, און עַד הַיוֹם וואוֹינֶען דָארְטְן פַארְבִּיסֶענֶע אַפִּיקוֹרְסִים, וָואס עֶס בְּרֶענְט אִין זֵיי דִי רְצִיחָה וֶוען זֵיי זֶעהְן אַזַא קִיבּוּץ אִידְן מִיט אַ צֶלֶם אֱלֹקִים בָּארְד און פֵּיאוֹת, און פְרוֹיעֶן גֵייעֶן מִיט צְנִיעוּת, און וְעַל כּוּלָם אִינְגֶעלֶעךְ מִיט פֵּיאוֹת, דָאס אִיז בַּיי זֵיי אַ דָארְן אִין דִי אוֹיגְן, זֵיי וֶוערְן מְשׁוּגָע פוּן רוֹב רְצִיחָה וְכוּ׳, וּבִפְרַט דֶער שְׁטְרָא״ף וָואס אִיז אַ פַארְבִּיסֶענֶער צִיוֹנִיסְט מִיט אַ שְׁטְרַיימְל וְכוּ׳, עֶר אִיז זֵייעֶר שָׁלִיחַ אוּנְז צוּ טוּהְן צָרוֹת וְכוּ׳.

דַאנְקֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאבְּן מִיר שׁוֹין אִין אוּנְזֶער קְהִילָה דָארְטְן פִיר הוּנְדֶערְט מִשְׁפָּחוֹת, און אִיבֶּער טוֹיזֶענְט קִינְדֶערְלֶעךְ וָואס זֵיי לֶערְנֶען דָארְטְן אִין דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה און אִין מֵיידְל שׁוּלֶע, עֶס אִיז אַ נַחַת אָנְצוּקוּקְן ווִי אִין אַזַא ווִיסְטֶע פְּלַאץ וואוּ מֶען הָאט מַעֲבִיר גֶעוֶוען עַל הַדָת, קֶען מֶען הַיינְט מְגַדֵל זַיין שֵׁיינֶע דוֹרוֹת, מִיט דֶעם זֶעהְט מֶען אַז מִיט אַ גוּטְן רָצוֹן און מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ און מֵיינֶען אֱמֶת, קֶען מֶען הָאבְּן הַצְלָחָה.

אִיבֶּערְדֶעם אִיז הַיינְט אַ גְרוֹיסֶער יוֹם טוֹב אִין הִימְל, וָוארוּם דֶער צַדִיק הָאט מְגַלֶה גֶעוֶוען דֶעם פַּרְצוּף פוּן דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע רְשָׁעִים וָואס דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וָואלְט גֶעכַאפְּט גֶעוָוארְן אִין דִי רַעֲיוֹן הַצִיוֹנוּת וָואס אִיז מִינוּת וְאַפִּיקוֹרְסוּת, אִיבֶּערְדֶעם הַיינְטִיגְן טָאג זָאג אִיךְ נִישְׁט קַיין תַּחְנוּן וָוארוּם עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶער יוֹם טוֹב.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר גֶעוָואלְט בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט זִיךְ הַאלְטְן אִין פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, און דוּ זָאלְסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן דֶער עִיקָר פוּן אַלְסְדִינְג, וָוארוּם וֶוען אַ אִיד רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דוּרְךְ דֶעם וֶוערְט גֶעשְׁטַארְקְט זַיין אֱמוּנָה, אַז וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארֶען, וֶועט אִיהְם גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג און אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטְן תָּמִיד**

(אשר בנחל באידיש חלק ד׳ מכתב תקל״ט)

# טְרַאכְט מִיט שֵׂכֶל!

אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן דָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ״ן סִימָן ת״ה) דָאס דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז תָּלוּי אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה. וָוארוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶער יוֹם הַדִין, דֶעמָאלְטְס מִשְׁפָּט מֶען יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס וֶועט זַיין מִיט אִים אַ גַאנְץ יָאר, ווִי דִי חַזַ״ל זָאגְן (בֵּיצָה ט״ז) כָּל מְזוֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם קְצוּבִין לוֹ מֵרֹאשׁ הַשָּׁנָה; רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ דֶעם בּוּדְזְשֶׁעט אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ וָואס וֶועט פַּאסִירְן מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ אַ גַאנְץ יָאר, אַזוֹי ווִי מֶען זָאגְט אִין דִי תְּפִלָּה פוּן ״וּנְתַנֶה תּוֹקֶף״ בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יִכָּתֵבוּן, וּבְיוֹם צוֹם כִּפּוּר יֵחָתֵמוּן. כַּמָה יַעַבְרוּן וְכַמָה יִבָּרֵאוּן, מִי יִחְיֶה, וּמִי יָמוּת, מִי בְקִצוֹ, וּמִי לֹא בְקִצוֹ, מִי בַמַיִם, וּמִי בָאֵשׁ, מִי בַחֶרֶב, וּמִי בַחַיָה, מִי בָרָעָב, וּמִי בַצָמָא, מִי בָרַעַשׁ, וּמִי בַמַגֵפָה, מִי בַחֲנִיקָה וּמִי בַסְקִילָה, מִי יָנוּחַ, וּמִי יָנוּעַ, מִי יִשָׁקֵט וּמִי יִטָרֵף, מִי יִשָׁלֵו, וּמִי יִתְיַסָר, מִי יֵעָנִי, וּמִי יֵעָשֵׁר, מִי יִשָׁפֵל, וּמִי יָרוּם; און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ״ן סִימָן תס״ו) ווִיפִיל צָרוֹת און גְזֵירוֹת וָואס עֶס וֶוערְט נִגְזָר אוֹיף דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיסֶער דִי אַלֶע גְזֵירוֹת וָואס עֶס אִיז דָא אוֹיסְגֶערֶעכְנְט, ווִי דֶער נוּסַח גֵייט, אַז דֶער חַזָן זִינְגְט וּמִי וּמִי וְכוּ׳, אָן וֶוערְטֶער, און דָארְטְן אִיז מְרוּמָז נֶעבֶּעךְ אַלֶע גְזֵירוֹת וָואס עֶס אִיז אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם,

אִיבֶּער דֶעם דַארְף מֶען פָארְן צוּם צַדִיק אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער אַדְוָואקַאט, און עֶר אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל, וּבִפְרַט פַאר דִי אַלֶע וָואס זֵיי קוּמֶען צוּ אִים, און מֶען זֶעט בִּמְצִיאוּת וֶוען ס׳אִיז נִגְזָר גֶעוָוארְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ עֶפֶּעס אַ גְזֵירָה וְכוּ׳, בִּפְרַט גְזֵירַת מָוֶות, לֹא עָלֵינוּ, זוֹכְט עֶר דֶעם גְרֶעסְטְן אַדְוָואקַאט אוֹיף דֶער וֶועלְט עֶר זָאל אִים פַארְטֵיידִיגְן, און עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גֶעלְט, עֶר פַארְקוֹיפְט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט, אַבִּי דֶער גְרוֹיסֶער אַדְוָואקַאט זָאל אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי בִּיטֶערֶע גְזֵירָה, וְכוּ׳, פַארְוָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט הָאבְּן קַיין שֵׂכֶל, און עֶר זָאל זִיךְ גוּט בַּאטְרַאכְטְן אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶער יוֹם הַדִין, דֶעמָאלְטְס אִיז מֶען דַן יֶעדְן מֶענְטְשׁ, פַארְוָואס זָאל עֶר נִישְׁט גֵיין צוּ אַ גְרוֹיסְן אַדְוָואקַאט וָואס זָאל אִים פַארְטֵיידִיגְן? וָואס דָאס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, וָואס הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ״ן ת״ג) מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז הֶעכֶער ווִי אַלְסְדִינְג, און עֶס אִיז בַּיי מִיר אַ וואוּנְדֶער מַיינֶע מֶענְטְשְׁן גְלֵייבְּן דָאךְ אִין מִיר, פַארְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט נִזְהָר זַיין צוּ קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה? קֵיינֶער זָאל נִישְׁט פֶעלְן, וַוייל מַיין גַאנְצֶע עִנְיָן אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, און וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה מֶעג זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר, דֶערְפַאר פְרֵיי אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ הָאסְט בַּאשְׁלָאסְן אַז דוּ וֶועסְט פָארְן הֵיי יָאר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן.

דֶער צַדִיק אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל, און רַייסְט אַיין וֶועלְטְן פַאר כְּלַל נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, און עֶר אִיז מְבַטֵל אַלֶע גְזֵירוֹת רָעוֹת און אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע און שְׁוֶוערֶע דִינִים, אִיבֶּער דֶעם וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר קוּמְט צוּם צַדִיק און בַּאוַוייזְט זִיךְ צוּ אִיהְם און טוּט דָארְטְן תְּשׁוּבָה, און גִיסְט טַייכְן טְרֶערְן, און זָאגְט ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אַהֶער צוּ דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב זי״ע וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, און אָט בִּין אִיךְ דָא בַּיי אִים, אִיךְ הָאבּ צֶעבְּרָאכְן אַלֶע שְׁוֶוערֶע מְנִיעוֹת און צוּרִיקְהַאלְטוּנְגֶען וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט, און אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף גָארְנִישְׁט און אִיךְ בִּין דָא, דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, און שְׁרַייבּ מִיר אָן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אִיךְ זָאל הָאבְּן גֶעזוּנְט און פַּרְנָסָה און נַחַת, און בַּאהִיט זָאל אִיךְ וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְן״, וְכוּ׳, וְכוּ׳.

המשך בדף ד

# טְרַאכְט מִיט שֵׂכֶל!

המשך

אַוַודַאי און אַוַודַאי וֶועסְטוּ הָאבְּן מְנִיעוֹת אוֹיף צוּ פָאָרְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ו) דָאס וֶועלְדִיג דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי קְדוּשָּׁה, פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זֵייעֶר שְׁטַארְק קֶעגְן דֶעם, כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט רְצוֹנוֹת אוּן בֶּענְקֶענִישְׁן אוֹיסְצוּפִירְן דֶער דָבָר שֶׁבִּקְדוּשָּׁה, אוּן בִּפְרַט דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ צוּ קוּמֶען צוּ אִיהְם צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס אוֹיף דֶעם פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוֹיף דִי לֶענְג אוּן דִי בְּרֵייט דָאס נִישְׁט צוּצוּלָאזְן פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן.

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ, זַיין נְשָׁמָה אִיז אַרוֹיס פוּן גוּף וְכוּ', מֶען מַאכְט אִיהְם אַ טָהֲרָה וְכוּ', אוּן אַ לְוַיָה וְכוּ', אוּן מֶען בַּאגְרָאבְּט אִיהְם אִין דֶער עֶרְד וְכוּ', אַלֶע גֵייעֶן אַהֵיים אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער זָארְגְט זִיךְ זַיין זָארְג, דֶער נִפְטָר בְּלַייבְּט אַלֵיין אוּן אִיז זֵייעֶר מְבוּהָל וּמְבוּלְבָּל דֶערְשְׁרָאקְן, וָואס טוּה אִיךְ יֶעצְט? וואוּ גֵיי אִיךְ יֶעצְט? אוּן עֶס אִיז אִיהְם זֵייעֶר בִּיטֶער, וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַארְבְּט שְׁוֶועבְּט אַרוּם זַיין נְשָׁמָה אִין עוֹלָם הַתּוֹהוּ, אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ צוּ גֵיין, אוּן דָאס אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע אוּן בִּיטֶערְ'סְטֶע עוֹנֶשׁ פַאר דִי נְשָׁמָה, עֶר מֵיינְט דָאס עֶר לֶעבְּט נָאךְ, אוּן עֶר הַאנְדְלְט אוּן וַואנְדֶעלְט וְכוּ' וְכוּ', אוּן עֶר שְׁוֶועבְּט אַרוּם אָן קַיין שׁוּם תַּכְלִית, אוּן עֶס אִיז אִיהְם זֵייעֶר בִּיטֶער, וָוארוּם עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ צוּ גֵיין, פְּלוּצְלִינְג קוּמְט אֵיינֶער אוּן עֶר זָאגְט אִיהְם דוּ וֵוייסְט אַז אִין אוּמַאן אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק רֶבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זי"ע וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיוּן אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה אוּן זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וָואס דָאס הֵייסְט "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי" וֶועט עֶר אִיהְם אַ טוֹבָה טוּהְן אוּן אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו אוּן פוּן עוֹלָם הַתּוֹהוּ, וּבִפְרַט וֶוער סְ'וֶועט קוּמֶען צוּ אִיהְם אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אַפִילוּ עֶר אִיז שׁוֹין אַזוֹי נִידֶערִיג וְכוּ' אוּן פִיל מִיט זִינְד וְכוּ', אָבֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען אִיהְם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיכֶעט פַארְרֶעכְטְן וְכוּ', פְרֶעג אִיךְ דִיר אַזַא נְשָׁמָה וָואס עֶר שְׁוֶועבְּט אַרוּם אִין עוֹלָם הַתּוֹהוּ אִין עוֹלָם הַדִּמְיוֹן אָן קַיין שׁוּם תַּכְלִית וֶועט עֶר הָאבְּן אַ הַוָּוה אֲמִינָא צוּ צוּהֶערְן אֵיינֶער וָואס אִיז אִיהְם מוֹנֵעַ פוּן צוּ פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן? עֶר וֶועט דָאךְ טוּהְן אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט כְּדֵי עֶר זָאל קוּמֶען צוּ זַיין תִּיקּוּן, אִיבֶּערְדֶעם מַאךְ זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ אוּן קוּק אוֹיף וָואס אִיז גוּט פַאר דִיר, נִישְׁט וָואס אִיז גוּט פַאר יֶענֶעם, גֵיי נִישְׁט אַרַיין אִין קַיין וִויכּוּחִים מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט אוּן דוּ זָאלְסְט פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דוּ זָאלְסְט זִיךְ אוֹיסְפּוּעֶלְן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אוּן אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים טוֹבוֹת, אוּן פַּרְנָסָה בְּנֵיקַל, אוּן נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער.

(אשר בנחל באידיש חלק ה' מכתב תרס"ד)

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

### א תענוג רוחני יעדן טאג אין "מחנה תפארת התורה"

עס איז ממש אן עונג רוחני יעדן טאג אין קעמפ, וואו די בחורים זענען עוסק בתורה ותפלה פון אינדערפרי ביז ביינאכט, און פילן זיך אן מיט די תורה ותפלה און מיט מצות ומעשים טובים, וואס דאס וועט זיי באגלייטן אויף שטענדיג.

פון אין די פריע שעה'ן פארן דאווענען זיצן שוין די בחורים און זענען עוסק בתורה יעדער אין זיינע שיעורים, זיך צוצוגרייטן צום דאווענען, נאכן דאווענען און פרישטאג קומט פאר די פארמיטאג שיעור, וואס ווערט פארגעלערנט דורכ'ן ראש ישיבה, גמרא רש"י תוספות בטוב טעם ודעת, מיט וואס די בחורים זענען זיך מחי'.

נאכמיטאג לערנען די בחורים ווייטער יעדער זיינע שיעורים, איין גרופע בחורים ענדיגן יעדן טאג א גאנצע מסכת, מיטן ציהל צו איבער'חזר'ן די מסכת הונדערט און איין מאל. געוויסע ענדיגן יעדן טאג א גאנצע סדר משניות. אנדערע בחורים לערנען זיך יעדער זיינע שיעורים לפום דרגא דיליה. ביינאכט נאך נאכטמאל קומט פאר די נאכט שיעור, א שיעור התחזקות והתעוררות אין רבינ'ס ספרים.

ווי אויך גייען די בחורים שווימען יעדן טאג, זיך אויסצולופטערן און זיך אויפפרישן לעבודת הבורא. די סווימינג פול איז דאס יאר רענאווירט געווארן אויף א שיינעם פארנעם, עס זאל קענען דינען דעם ציל ווי עס דארף צו זיין.

א באזונדערע תענוג זענען די שבתים אין קעמפ, ממש מעין עולם הבא. יעדן שבת קומען צו פארן אסאך געסט אנשי שלומינו און בחורים וואס ווילן מיטהאלטן א געהויבענע שבת בין כותלי הישיבה צוזאמען מיט די בחורי הישיבה.

די הויכפונקט פונעם שבת איז פרייטאג צו נאכטס ווען מען קומט זיך צוזאם אין בית המדרש וואו עס ווערט אפגעראכטן די באטע, דער גאנצער עולם זינגט אינאיינעם די זמירות שבת און אזוי אויך זינגט מען ווארעמע ניגונים וואס דערנענטערן די הארץ צום אייבערשטן, דערנאך הערט מען דברות קודש פונעם ראש ישיבה אויף די וואכעדיגע פרשה געפלאכטן מיטן רבינ'ס דיבורים וואס בלאזן אריין אן האפענונג אין יעדן איינעם אז אין וועלכע מצב מען איז קען מען שטענדיג צוריק קומען צום אייבערשטן, און יעדער קען מצליח זיין אין לעבן, דערנאך זינגט מען ווייטער הארציגע ניגונים ביז אין די גאר שפעטע שעה'ן.

מוצאי שב"ק קומט פאר יעדע וואך א גרויסארטיגע מלוה מלכה, עס קומען צו פארן אנשי שלומינו פון איבער די קעטסקילס און פון קרית יואל, וואס האבן נישט געקענט קומען אויף שבת, און זיי ווילן אויך זיך שטארקן מיטן הייליגן רבינ'ס עצות.

**אז נדברו יראי ה' איש אל רעהו ויקשב ה' וישמע!**


## ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז
מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז דא
צו באקומען ביי אונז אלע ספרי
ברסלב

**27 Skillman St.**

**אדער רופט 347-977-7994**

## קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים**
**פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א**

אויך קען מען מיטהאלטן
יעדע וואך דעם שיעור
מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען



פאר גאר ביליגע פרייזן!

**וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים**

שנעל גוט און ביליג!

**רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554**

**5554printing@gmail.com**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון**
**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

// גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת ראה, כ"ז אב, מברכים חודש אלול, אבות פרק ו', שנת תשע"ד לפ"ק — שנה 3, גליון 52 (152)

**זמנים**

הדלקת הנרות.................7:26
סוף זמן קר"ש.................9:00
מוצש"ק.........................8:55

**שיעורים כסדרן**

בבלי.......................מועד קטן י"ב
ירושלמי.......................דמאי ט"ז
תוספתא..........מעשרות פרק א'

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**רְאֵה אָנֹכִי נוֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה.** מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רע"ב), אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים צה, ז) **"הַיּוֹם אִם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמָעוּ"** אַז עֶס אַ גְרוֹיסֶע כְּלָל אִין אַ מֶענְטְשׁ'ס לֶעבְּן, אַז מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג נָאר טְרַאכְטְן פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, סַיי בַּיי גֶעלְט זַאכְן, "צוּ הָאבּ אִיךְ אוֹיף 'הַיינְט' צוּ עֶסְן?" "צוּ הָאבּ אִיךְ אוֹיף 'הַיינְט' וָואס אִיךְ דַארְף?". מֶען דַארְף נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן וואוּ מֶען וֶועט הָאבְּן מָארְגְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט הַיינְט גֶעהָאלְפְן וֶועט עֶר מָארְגְן אוֹיךְ הֶעלְפְן.

און דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיים דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַארְף נָאר טְרַאכְטְן פוּן 'הַיינְט', פוּן 'יֶעצְט'. וָואס קֶען מֶען יֶעצְט טוּהן אַ נַחַת רוּחַ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. מֶען דַארְף נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס מֶען הָאט נֶעכְטְן גֶעטוּהן, וָואס גֵייט מֶען מָארְגְן טוּהן. עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען און וָואס עֶס וֶועט זַיין, דֶער עִיקָר אִיז 'יֶעצְט', מֶען דַארְף פְּרוּבִּירְן צוּ טוּהן יֶעצְט וָואס מֶען קֶען. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ אַזוֹי אִיז עֶר זֵייעֶר מַצְלִיחַ בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **רְאֵה אָנֹכִי נוֹתֵן לִפְנֵיכֶם 'הַיּוֹם'** - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, אִיךְ גֶעבּ דִיר אַ מַתָּנָה דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, אוֹיבּ מֶען הָאט שֵׂכֶל מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף נֶעכְטְן און אוֹיף מָארְגְן, מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיסְצוּנִיצְן דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג וִוי עֶס בְּרוֹיךְ צוּ זַיין, דַאן וֶועט עֶס זַיין, **בְּרָכָה** - אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶער טָאג, און פַארְקֶערְט אוֹיבּ מֶען וֶועט עֶס אָפְּשְׁטוּפְּן אוֹיף מָארְגְן, 'הַיינְט אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ, מָארְגְן וֶועל אִיךְ אָנְהֵייבְּן עֶפֶּעס טוּהן", דֶעמָאלְט, **וּקְלָלָה** - וֶועט עֶס זַיין אַ פַארְשָׁאלְטֶענֶער טָאג.

ווארויל אִיז דֶעם וָואס נִיצְט אוֹיס דִי טֶעג און פִילְט עֶס אָן מִיט גוּטֶע זַאכְן, דָאס וֶועט אִים בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג, עֶס וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה רְאֵה א')

***

**אֵת כָּל הַדָּבָר אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם, אֹתוֹ תִשְׁמְרוּ לַעֲשׂוֹת, לֹא תֹסֵף עָלָיו וְלֹא תִגְרַע מִמֶּנּוּ.** מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א סִימָן ו') אַז וֶוען אַ אִיד וִויל

המשך בדף ב

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

## ~ וֶועקְט אַייךְ אוֹיף ~

וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ אוֹיפְצוּוֶועקְן פוּן דֶעם טִיפְן שְׁלָאף וָואס מֶען אִיז גֶעשְׁלָאפְן אַ גַאנְץ יָאר, און זִיךְ אָנְהֵייבְּן צוּ בַּארֶעכֶענֶען וואוּ מֶען הַאלְט אוֹיף דִי וֶועלְט, צוּ תְּשׁוּבָה טוּהן און צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען דֶערְצֵיילְט פוּן צַדִיקִים אַז וֶוען מֶען הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, וֶוען דֶער חַזָן הָאט גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער "רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל יִהְיֶה בְּיוֹם.." הָאט זֵיי שׁוֹין גֶעכַאפְּט אַזַא צִיטֶער, בְּלוֹיז דָאס דֶערְמַאנֶען אַז עֶס קוּמְט שׁוֹין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, דָאס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען זֵייעֶר בֶּעסְטֶע מוּסָר סֵפֶר זִיךְ אוֹיפְצִוּוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, און זִיךְ אָנְהֵייבְּן גְרֵייטְן צוּם נֵייעֶם יָאר וָואס קוּמְט.

דֶער צַדִיק רֶבִּי מֹשֶׁה קַאבְּרִינֶער זִי"עַ פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד פוּן זֶעקְס יָאר, הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁפִּילְט אֵיינְמָאל מִיט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, אִינְמִיטְן אִיז זַיין גְרוֹיסֶע שְׁוֶועסְטֶער גֶעקוּמֶען צוּ אִים און גֶעזָאגְט: "מֹשֶׁה'לֶע, מֶען הָאט שׁוֹין גֶעבֶּענְטְשְׁט חוֹדֶשׁ אֱלוּל, און אֲפִילוּ דִי פִישׁ אִין וַואסֶער צִיטֶערְן, און דוּ שְׁפִּילְסְט זִיךְ נָאךְ?!" וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן צִיטֶערְן, אַז בִּיז הַיינְט שְׁפִּירְט עֶר נָאךְ דֶעם צִיטֶער, וַוייל זַיין שְׁוֶועסְטֶער אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת און זִי הָאט עֶס גֶעזָאגְט מִיט גְרוֹיס תְּמִימוּת אַז עֶס אִיז אִים אַרַיין אִין דִי בֵּיינֶער, און פוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען דַארְף גֶעדֶענְקְן אַז עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס דֶעמָאלְט אִיז דֶער יוֹם הַדִין, מֶען גֵייט אָנְשְׁרַייבְּן פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ פוּנְקְטְלִיךְ וָואס עֶס גֵייט פַּאסִירְן מִיט אִים דִי גַאנְצֶע יָאר, און דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ צוּגְרֵייטְן

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

תְּשׁוּבָה טוּהן, צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף עֶר זִיךְ אוֹיסְקֶענֶען מִיט צְוֵויי וֶועגְן.

דָאס מֵיינְט עֶר דַארְף וִויסְן סַיי וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט, עֶר לֶערְנְט אוּן דַאוֶוענְט אוּן דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן סַיי וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, וֶוען עֶר פַאלְט דוּרְךְ אִין עֲבֵירוֹת. וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט דַארְף עֶר וִויסְן, אַז עֶר זָאל נִישְׁט גֵיין אִיבֶּער דִי מָאס, עֶר זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ טוּהן זַאכְן וָואס דִי תּוֹרָה הָאט נִישְׁט גֶעהֵייסְן, וַוייל אוֹיבּ עֶר וֶועט אַרוֹיף לֵייגְן אוֹיף זִיךְ מֶער ווִיפִיל דִי תּוֹרָה וִויל, וֶועט עֶר זַיין מֶער פוּן זַיינֶע כּוֹחוֹת אוּן עֶס וֶועט פְּלַאצְן. וִוי רַשִׁ"י זָאגְט: **לֹא תֹסֵף עָלָיו, כְּגוֹן חָמֵשׁ טוֹטָפוֹת בִּתְפִלִּין, חֲמִשָּׁה מִינִים בְּלוּלָב וְכוּ'**, אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט צוּלֵייגְן מֶער ווִיפִיל דִי תּוֹרָה הָאט גֶעהֵייסְן.

אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, וֶוען מֶען פַאלְט אַרָאפּ, מֶען פַאלְט דוּרְךְ, דַארְף מֶען אוֹיךְ וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן אוּן אוֹיפְגֶעבְּן אִינְגַאנְצְן, נָאר שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק. פוּן אֵיין זַייט, **לֹא תֹסֵף עָלָיו**, לֵייג נִישְׁט צוּ מֶער ווִיפִיל דִי תּוֹרָה הֵייסְט, וַוייל אוֹיבּ יָא וֶועסְטוּ נָאכְדֶעם גָארְנִישְׁט טוּהן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, **וְלֹא תִגְרַע מִמֶּנּוּ**, נֶעם נִישְׁט אַרָאפּ, וַוייל דוּ זֶעהסְט אַז עֶס גֵייט דִיר שְׁוֶוער, דוּ בִּיזְט דוּרְךְ גֶעפַאלְן, זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶועגְן דֶעם אַלֶעם אוֹיפְגֶעבְּן, נָאר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט גֵייסְטוּ אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג, וָואס וֶועט דִיר פִירְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ זַיין אַן אֱמֶת'ער עֶרְלִיכֶער אִיד.

(זֹאת הַתּוֹרָה רְאֵה ז')

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

מִיט תּוֹרָה, תְּפִלָּה אוּן זְכוּתִים, אַז מֶען זָאל וֶוערְן פַארְשְׁרִיבְּן בְּסֵפֶר הַחַיִּים, מֶען זָאל הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

### מֶען בְּרֶענְט אוּן מֶען בְּרֶענְט

מֶען דַארְף אָבֶּער אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז מֶען זָאל נִישְׁט זַיין פוּן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן וֶועם רֶבִּי נָתָן הָאט גֶערֶעדְט. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל, מֶען בְּרֶענְט אוּן מֶען בְּרֶענְט.. אוּן מֶען טוּט גָארְנִישְׁט"... אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "עֶס קוּמְט דִי אֱלוּל טֶעג, מֶען וֶוערְט פְרוּם פְרוּם, נִישְׁט מֶען לֶערְנְט אוּן נִישְׁט מֶען דַאוֶוענְט".

עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג אַז מֶען רֶעדְט פוּן אֱלוּל, מֶען רֶעדְט פוּן דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן אֱלוּל. נָאר מֶען דַארְף זֶעהן צוּ טוּהן צוּ דִי זַאךְ, מֶען דַארְף זֶעהן צוּ אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס קֶען מֶען זֶעהן בֵּיי מְקוֹמוֹת הַקְדוֹשִׁים, עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס לָאזְן אִיבֶּער זֵייעֶר מִשְׁפָּחָה פַאר גַאנְץ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוּן זֶעצְן זִיךְ אַרַיין בֵּיי קִבְרֵי צַדִיקִים אוֹיסְצוּנִיצְן דֶעם הֵיילִיגְן חוֹדֶשׁ. דָארְט קֶען מֶען זֶעהן מַמָשׁ דִי שִׂיחָה פוּן רֶבִּי נָתָן, מֶען זֶעצְט זִיךְ אַרָאפּ אוּן מֶען זָאגְט עֶטְלִיכֶע קַאפִּיטְלֶעך תְּהִלִים, אוּן אִינְצְוִוישְׁן קוּמֶען אָן מֶענְטְשְׁן, לָאזְט מֶען גְלַייךְ אָפּ דֶעם תְּהִלִים, אוּן מֶען לוֹיפְט זֶעהן וֶוער דִי פְרֶעמְדֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען, אוּן מֶען בֶּעהְט שׁוֹין אַבִּיסְל שָׁלִיחַ-מִצְוָה גֶעלְט פוּן זֵיי, אוּן דֶערְנָאךְ גֵייט מֶען צוּרִיק צוּם תְּהִלִים. פְּלוּצְלִינְג וֶוערְט מֶען הוּנְגֶערִיג אוּן מֶען גֵייט זוּכְן עֶפֶּעס צוּ עֶסְן, דֶערְנָאךְ וֶוערְט מֶען מִיד אוּן מֶען לֵייגְט זִיךְ צוּ אַבִּיסְל שְׁלָאפְן, אוּן אַזוֹי גֵייט אַרִיבֶּער דֶער טָאג מִיט גָארְנִישְׁט. אוֹיסֶער עֶטְלִיכֶע יְחִידֵי סְגוּלָה וָואס נוּצְן טַאקֶע דִי צַייט, אוּן זֵייעֶר מוֹיל הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ גֵיין מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי גַאנְצֶע חוֹדֶשׁ.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן הֵיילִיגְן אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ אַז דִי פֶערְצִיג טֶעג פוּן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל בִּיז נָאךְ יוֹם כִּיפּוּר, אִיז דָא דֶעמָאלְט אַזַא גְרוֹיסֶע עֵת רָצוֹן אִין הִימְל, דִי זֶעלְבֶּע וִוי וֶוען מֶען עֶפֶענְט אוֹיף דֶעם אָרוֹן קוֹדֶשׁ, וָואס דֶעמָאלְט אִיז בַּאקַאנְט אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֵת רָצוֹן וָואס מֶען קֶען אַלֶעס אוֹיס'פּוֹעֶל'ן בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, דִי זֶעלְבֶּע עֵת רָצוֹן אִיז אוֹיךְ דָא אִין דִי גַאנְצֶע פֶערְצִיג טֶעג.

וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל נוּצְט אוֹיס דִי טֶעג מִיט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר זִיכֶער פּוֹעֶל'ן גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

### עֶס אִיז נִישְׁט דָא גֶענוּג צַייט

דֶער אֱמֶת אִיז אַז מִיט אַבִּיסְל יִשּׁוּב הַדַעַת, אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג דִי גַאנְצֶע חוֹדֶשׁ אֱלוּל צוּ קֶענֶען עֶנְדִיגְן דִי פִילֶע שִׁיעוּרִים וָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן הָאבְּן אִין דֶעם חוֹדֶשׁ. וֶוער עֶס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן פְּרוּבִּירְט אַרַיינְצוּכַאפְּן אִין דֶעם חוֹדֶשׁ צוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ תַּנַ"ךְ, אַלֶע רֶבִּי'נְס סְפָרִים, תִּיקוּנֵי זֹהַר, שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אַלֶע הֲלָכוֹת פוּן דִי יָמִים נוֹרָאִים, אוּן נָאךְ אוּן נָאךְ, אוּן דָאס אִיז שׁוֹין אוֹיסֶער דִי אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס מֶען הָאט שׁוֹין פוּן אַ גַאנְץ יָאר, אִיז וִוי בְּלַייבְּט נָאךְ אִיבֶּער עֶפֶּעס צַייט צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען דֶעם חוֹדֶשׁ?

מֶען זֶעהט אַז אֲפִילוּ אִין דִי פְלֶעצֶער וואוּ עֶס אִיז נִישְׁט אַיינְגֶעפִירְט צוּ זָאגְן "יוֹם כִּיפּוּר קָטָן" יֶעדְן עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, זָאגְט מֶען עֶס אָבֶּער אִיבֶּעראל עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, וַוייל וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל בַּאקוּמְט יֶעדֶער אִיד אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, יֶעדֶער וִויל תְּשׁוּבָה טוּהן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### אַל תִּפְנוּ אֶל הָאֱלִילִים

עֶס דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אַ טַייטְשׁ וָואס אֵיינֶער הָאט גֶעזָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק "אַל תִּפְנוּ אֶל הָאֱלִילִים", אַז מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין גְרוֹיסֶע עֵסֶק פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל. דָאס טָאר נִישְׁט מֶען זָאגְן, אַזַא טַייעֶרֶע חוֹדֶשׁ וָואס אִיז אֵייבִּיג גֶעוֶוען אָנְגֶענוּמֶען בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל אַלְס אַ צַייט פוּן תְּשׁוּבָה אוּן זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְן דִי מַעֲשִׂים, קֶען מֶען עֶס נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן מִיט אַ וֶוערְטְל.

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

אַנְדֶערֶע הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז דֶער טַייטְשׁ גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דֶעם וָואס גֶעוִויסֶע ווִילְן אַייְנפִירְן אַ נַייֶע מִנְהָג אַז מֶען מַאכְט נִישְׁט חֲתוּנָה אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוֹיף דֶעם אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין עֵסֶק פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל. דָאס קֶען שׁוֹין יָא זַיין אֱמֶת, אַזַא מִנְהָג שְׁטֵייט נִישְׁט אִין עֶרְגֶעץ, עֶס אִיז קֶעגְן דִי הֲלָכָה אוּן קֶעגְן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, עֶס וֶוערְט נִישְׁט דֶערְמַאנְט אִין קַיין שׁוּם פּוֹסֵק אַז מֶען זָאל נִישְׁט חֲתוּנָה מַאכְן חוֹדֶשׁ אֱלוּל. פּוּנְקְט פַּארְקֶערְט, דֶער חוֹדֶשׁ אִיז מְסוּגָל פַּאר אַלֶעס, אוּן אוֹיךְ פַּאר חֲתוּנָה מַאכְן.

וואוֹיל אִיז פַּאר דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס נוּצְט אוֹיס דֶעם חוֹדֶשׁ וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מִיט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט אַסַאךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה. אַוַודַאי דַארְף מֶען הִתְחַזְקוּת אוֹיף דֶעם אוֹיךְ, וַוייל אַסַאךְ מָאל נֶעמְט מֶען זִיךְ אוּנְטֶער צוּ עֶנְדִיגְן אַסַאךְ שִׁיעוּרִים אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוּן דֶערְנָאךְ קוּמְט מֶען נִישְׁט אָן עֶס צוּ עֶנְדִיגְן אִינְגַאנְצְן, דַארְף מֶען ווִיסְן אַז אוֹיבּ מֶען הָאט עֶס נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל קֶען מֶען עֶס נָאךְ מַשְׁלִים זַיין בִּיז שִׂמְחַת תּוֹרָה, אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט עֶס נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט בִּיז שִׂמְחַת תּוֹרָה קֶען מֶען נָאךְ מַשְׁלִים זַיין בִּיז זֹאת חֲנוּכָּה וָואס אִיז נָאךְ אַ הֶמְשֵׁךְ פוּן דִי יָמִים נוֹרָאִים, אַזוֹי ווִי דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים שְׁרַייבְּן, מֶען טָאר אָבֶּער נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן אוֹיסְצוּנִיצְן דִי טֶעג, אוּן נִישְׁט אָנְבְּרֶענְגֶען דִי טֵייעֶרֶע צַייט, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען הָאבְּן אַ גוּטֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גוּט וֶועט קוּמֶען אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר פוּל מִיט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחְנִיּוּת.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ב' וְחֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ אֱלוּל)


## ענבי הגפן בענבי הגפן

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו**

מחשובי הנהלת מוסדותינו הק'

צו די שידוך שליסן פון זיין זוהן

החתן **אברהם יושע** נ"י

תלמיד ישיבתינו הק'

וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג בת

**מו"ה דוד יודא איידליס הי"ו**

און א באזונדערע מזל טוב

צו די שמחת בר מצוה פון זיין זוהן

כמר **פנחס דוד** נ"י

ר' אהרן איז שטענדיג גרייט ארויס צו העלפן אונזערע הייליגע מוסדות, דער אייבערשטער זאל העלפן אז די זכות זאל איםביישטיין, ער זאל זעהן שטענדיג אסאך אידיש נחת ביי אלע זיינע קינדער, בני ברוכי חיי ארוכי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא


# וָואס אִיז בְּרֶסְלֶב?

עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג צוּ ווִיסְן אַז מֶען קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דַארְף מֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין שׁוּם בְּרִיָה אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָוארוּם אַזוֹי ווִי אַ קְרַאנְקֶער גֵייט אַרַיין אִין אַ שְׁפִּיטָאל זֶעט עֶר דָארְטְן אַלֶע סָארְטְן קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן וְכוּ', וֶועט עֶר דֶען צוּרִיק הַאלְטְן זִיךְ נִישְׁט אַרַייְנְצוּגֵיין? עֶר וֵוייסְט אַז עֶר אִיז קְרַאנְק, אוּן עֶר דַארְף אוֹיסְגֶעהֵיילְט וֶוערְן, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע קְרַאנְקֶע וְכוּ'.

אַזוֹי ווִי סְ'אִיז בְּגַשְׁמִיּוּת אַזוֹי אִיז אוֹיךְ בְּרוּחְנִיּוּת, אִין אוּמַאן קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזֶענְטֶער מֶענְטְשְׁן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיין פְּרָאבְּלֶעם וְכוּ', אוּן מִיט זַיין צָרָה וְכוּ', אוּן עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּנוֹיף פַארְשִׁידֶענֶע עֶרְלֵיי מֶענְטְשְׁן וְכוּ', דַארְף מֶען ווִיסְן אַז דֶער צַדִיק הָאט אַ תִּיקוּן פַּאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן קֵיינֶער זָאל זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן מִיט אַנְדֶערֶע, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַ פְּלַאץ בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט אַוֶועקְטְרַייבְּן אַן אַנְדֶערְן, אוּן דֶער וָואס עֶר טוּט דָאס אִיז אַלֵיין אַ חוֹטֵא וּפוֹשֵׁעַ, וְכוּ', וְכוּ', דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי קֶען פַארֶעכְטְן יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס קוּמְט צוּ אִים, אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַ תִּיקוּן, זָאל עֶר זַיין ווִי אַזוֹי עֶר זָאל זַיין וְכוּ'.

מֶען גֶעפִינְט, עֶס שְׁטֵייט בַּיי דָוִד הַמֶּלֶךְ (שְׁמוּאֵל א', כ"ב ב') "וַיִּתְקַבְּצוּ אֵלָיו כָּל אִישׁ מָצוֹק וְכָל אִישׁ אֲשֶׁר לוֹ נֹשֶׁא וְ'כָל אִ'ישׁ מַ'ר נֶ'פֶשׁ וַיְהִי עֲלֵיהֶם לְשָׂר וַיִּהְיוּ עִמּוֹ כְּאַרְבַּע מֵאוֹת אִישׁ" וָוארוּם בַּיי דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאבְּן זִיךְ צַאמְגֶעקְלִיבְּן אַלֶע פַארְבִּיטֶערְטֶע אוּן אַלֶע צֶעבְּרָאכֶענֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן וואוּנְדֶער נָאךְ וואוּנְדֶער אַז וְ'כָל אִ'ישׁ מַ'ר נֶ'פֶשׁ אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אוּמַ"ן, אִיבֶּער דֶעם טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, מֶען דַארְף ווִיסְן אַז אִיךְ קוּם צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַז יֶעדֶער זָאל קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוּן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר פַארֶעכְט יֶעדְן אֵיינֶעם, אִיבֶּערְדֶעם טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן קַיין שׁוּם בְּרִיאָה אוֹיף דֶער וֶועלְט.

אֱמֶת עֶס דְרֵייט זִיךְ אַרוּם מְשׁוּגָעִים וְכוּ' וָואס זִינְגֶען נַ' נַח' וְכוּ', וָואס דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן ווִי סְ'אִיז בַּאוואוּסְט בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט אַז אַ אִיד מִיטְן נָאמֶען ר' יוֹאל אַשְׁכְּנַזִי זַ"ל וָואס הָאט גֶעוואוֹינְט אִין טְבֶרְיָה הָאט דָאס אַרַייְנְגֶעלֵייגְט בַּיי יֶענֶעם אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אוּן עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ גֶעמֵיינְט אַז עֶר הָאט בַּאקוּמֶען פוּן הִימְל אַ צֶעטְל... אוּן פוּן דֶעם אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסְן דָאס מְשׁוּגַעַת, וְכוּ', אָבֶּער סְ'הָאט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיט בְּרֶסְלֶבֶער חֲסִידוּת, נָאר אַזוֹי ווִי דֶער סַמֶ"ךְ מֵ"ם לָאקֶערְט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס עֶס וֶוערְט מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן שְׁטֶעלְט אִים מְנִיעוֹת אוֹיפְן וֶועג וְכוּ', אִיז דָאס אוֹיכֶעט אַ גְרוֹיסֶער מְנִיעָה, וָוארוּם טַאטֶעס הָאבְּן אַ טַעֲנָה צוּ זֵייעֶרֶע קִינְדֶער וְכוּ', קוּק עֶס דְרֵייט זִיךְ דָארְטְן אַרוּם מְשׁוּגָעִים, וְכוּ', טַאנְצְן אוֹיף דִי גַאסְן וְכוּ', אִיךְ ווִיל נִישְׁט אַז דוּ זָאלְסְט גֵיין צְווִישְׁן זֵיי וְכוּ', אוּן דֶער טַאטֶע אִיז גֶערֶעכְט, וַוייל קַיין פָּאטֶער ווִיל נִישְׁט אַז זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ דְרֵייעֶן צְווִישְׁן מְשׁוּגָעִים, וְכוּ', אָבֶּער דֶער טַאטֶע וֵוייסְט נִישְׁט אַז דָאס זֶענֶען נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶבֶער חֲסִידִים, דָאס אִיז מְשׁוּגָעִים וָואס הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעטְשֶׁעפֶּעט וְכוּ'.

זָאל דֶער טַאטֶע בַּאזוּכְן בְּרֶסְלֶבֶער חֲסִידִים וָואס זֶענֶען מְקוּרָב גֶעוָוארְן דוּרְךְ "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בּוֹיעֶט (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ט) וֶועט עֶר זֶען אַן אַנְדֶערֶע וֶועלְט פַּאר זִיךְ, בָּחוּרִים אוּן יוּנְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען מַתְמִידִים אִין תּוֹרָה, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיט אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן דַפִין גְמָרָא, אוּן סִימָנִים שׁוּלְחָן עָרוּךְ וְכוּ', וְכוּ', מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה, מַמָשׁ נִישְׁט צוּ בַּאשְׁרַייבְּן וָואס אַ בְּרֶסְלֶבֶער חָסִיד אַ תַּלְמִיד פוּן "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" לֶערְנְט צַאם יֶעדְן טָאג, אוּן זַיין הַנְהָגָה מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ פַּאר אַן אַנְדֶערְן אִיז גָאר אַן אַנְדֶערֶע זַאךְ, זַיין דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט אַ חַיּוּת מִיט אַ בְּרֶען, זַיין שִׂמְחָה, אִיז קַיין גְלַייכְן נִישְׁטָא, וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן? הָאֱמֶת עֵד לְעַצְמוֹ.

אַוַודַאי פֶעלְט נִישְׁט קַיין לֵיצָנִים אִין יֶעדְן דוֹר, אָבֶּער שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט (מִשְׁלֵי ט') "אִם חָכַמְתָּ חָכַמְתָּ לָּךְ וְלַצְתָּ לְבַדְּךָ תִשָּׂא", אוֹיבּ דוּ בִּיסְט קְלוּג בִּיסְטוּ קְלוּג פַאר דִיר אוּן אוֹיבּ דוּ מַאכְסְט לֵיצָנוּת מַאכְסְטוּ לֵיצָנוּת פוּן דִיר אַלֵיין, דָאס לֶעבְּן אִיז אַזוֹי קוּרְץ ווִי סְ'שְׁטֵייט (תְּהִלִּים צ') "יְמֵי שְׁנוֹתֵינוּ בָהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה וְאִם בִּגְבוּרוֹת שְׁמוֹנִים שָׁנָה", אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ס"א) דָאס דִי זִיבֶּעצִיג יָאר פְלִיעֶט אַרִיבֶּער פַּאר דֶעם מֶענְטְשׁ אַזוֹי ווִי פוּפְצְן מִינוּט, (אַ יוּנְגֶער מֶענְטְשׁ פַארְשְׁטֵייט דָאס נִישְׁט) דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה צ"ו סִימָן ב') כְּצֵל יָמֵינוּ עַל הָאָרֶץ וְאֵין מִקְוֶה, וְהַלְוַאי כְּצִלּוֹ שֶׁל כּוֹתֶל אוֹ כְּצִלּוֹ שֶׁל אִילָן אֶלָּא כְּצִלּוֹ שֶׁל עוֹף בְּשָׁעָה שֶׁהוּא עָף דִכְתִיב (תְּהִלִּים קד) כְּצֵל עוֹבֵר, וְאֵין מִקְוֶה, וְאֵין מִי שֶׁיִּקְוֶה שֶׁלֹּא יָמוּת הַכֹּל יוֹדְעִים וְאוֹמְרִין בְּפִיהֶם שֶׁהֵן מֵתִים; אִיז וָואס אִיז שַׁיָיךְ צוּ מַאכְן לֵיצָנוּת? נֶעבֶּעךְ אַלֶע צָרוֹת קוּמְט פַארְן מֶענְטְשׁ נָאר דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר מַאכְט לֵיצָנוּת פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, ווִי דִי

המשך בדף ד

# וָואס אִיז בְּרֶסְלְב?

המשך

חַזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת פֶּרֶק ב׳ הֲלָכָה ח׳) קָשֶׁה הִיא הַלֵּיצָנוּת שֶׁתְּחִילָּתוֹ יְסוּרִין וְסוֹפוֹ כְּלָיָה.

און וֶוען מֶען זֶעט אַ לֵץ דַארְף מֶען וִויסְן אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל עֲבֵירָה, וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (דֶרֶךְ אֶרֶץ זוּטָא פֶּרֶק ד׳) תְּחִילַּת עֲבֵירָה הִרְהוּר הַלֵּב, וּשְׁנִיָּה לָהּ לֵיצָנוּת; אֵיידֶער אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט רַחְמָנָא לִישֵׁזְבָן מִיטְן בִּיטֶערְן חֵטְא פוּן פְּגַם הַבְּרִית אִיז עֶר פוּל מִיט הִרְהוּרִים רָעִים שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, בִּיז עֶר קוּמְט צוּ גְרָאבֶּע חַטָאִים וְכוּ׳, און אֵיינְמָאל עֶר זִינְקְט שׁוֹין אִין גֶעמֵיינֶע גְרָאבֶּע חַטָאִים דֶעמָאלְטְס מַאכְט עֶר לֵיצָנוּת פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִילִים נ"ה) "שָׁלַח יָדָיו בִּשְׁלוֹמָיו חִילֵּל בְּרִיתוֹ" אֵיינֶער טְשֶׁעפֶּעט עֶרְלִיכֶע אִידְן אִיז אַ סִימָן עֶר אִיז פָּגוּם בִּבְרִית, מִיר גֶעפִינֶען אָבוֹת הָעוֹלָם הָאבְּן גֶעהַאט רְשָׁעִים וָואס זֵיי הָאבְּן פוּן זֵיי גֶעמַאכְט לֵיצָנוּת און אַלֶע עֶרְלֵיי גֶעלֶעכְטֶער, בַּיי אַבְרָהָם אָבִינוּ שְׁטֵייט (מֶדְרָשׁ אַגָּדָה בְּרֵאשִׁית) לְפִי שֶׁהָיוּ לֵיצָנֵי הַדּוֹר אוֹמְרִים מֵאֲבִימֶלֶךְ נִתְעַבְּרָה שָׂרָה; אַזֶעלְכֶע גֶעמֵיינֶע לֵצִים אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט. בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאגְן דִי חַזַ"ל (שְׁמוֹת רַבָּה פַּרְשָׁה נ"ב סִימָן ב׳) הָיָה מֹשֶׁה עוֹשֶׂה בַּמִּשְׁכָּן וְהָיוּ לֵיצָנֵי יִשְׂרָאֵל אוֹמְרִים אֶפְשָׁר שֶׁהַשְּׁכִינָה שׁוֹרָה עַל יְדֵי בֶּן עַמְרָם; דִי רְשָׁעִים לֵיצָנִים הָאבְּן אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְמַאנֶען דֶעם הֵיילִיגְן נָאמֶען פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, נָאר מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן מִיט גֶעשְׁפֶּעט אוֹיפְן פַאמִילְיֶע נָאמֶען, ׳בֶּן עַמְרָם׳, און בַּיי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְן דִי חַזַ"ל (יְרוּשַׁלְמִי שְׁקָלִים פֶּרֶק ב׳ הֲלָכָה ה׳) אֵין דוֹר שֶׁאֵין בּוֹ לֵיצָנִין כְּדוֹרוֹ שֶׁל דָוִד; עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְטְס נִידֶערְטְרֶעכְטִיגֶע לֵיצָנִים וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אוּנְטֶערְן פֶּענְסְטֶער פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ און גֶעמַאכְט פוּן אִים אַלֶע גֶעשְׁפֶּעט וְכוּ׳, עַיֵּין שָׁם.

אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי אַלֶע לֵיצָנֵי הַדּוֹר, וִוי ס׳אִיז דָא אַן עֶרְלִיכֶע אִיד וָואס אִיז דָבוּק אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים און עֶר אִיז מְקָרֵב אִידְן צוּ דִי קְדוּשָׁה, שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף אַקֶעגְן אִים בִּיטֶערֶע מִתְנַגְדִים לֵיצָנֵי הַדּוֹר וְכוּ׳, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן און נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן בַּיי זִיךְ, נָאר זוּכְן אַ חֲבוּרָה וָואס זֵיי רֶעדְן נָאר פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וְכוּ׳, און זֵיי רֶעדְן נָאר דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, און זֶענֶען עוֹסֵק שְׁטֶענְדִיג אִין לֶערְנֶען, מִשְׁנַיּוֹת, גְּמָרָא, שׁוּלְחָן עָרוּךְ, וְכוּ׳, וְכוּ׳, צְוִוישְׁן אַלֶע בְּרֶסְלְבֶער חֲסִידִים קֶען מֶען דֶערְקֶענֶען זֵייעֶר גְרִינְג אַ תַּלְמִיד פוּן "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ", קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, קוּם צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן, און בֶּעט דִיךְ אוֹיס אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, גֶעזוּנְט, פַּרְנָסָה, נַחַת, און אַרוֹיסְגֵיין שׁוֹין פוּן אַלֶע צָרוֹת, און עֶס זָאל שׁוֹין אִינְטֶערְגֵיין דִי מַלְכוּת הַמִּינוּת, וָואס אַלֶע צָרוֹת נֶעמְט זִיךְ פוּן זֵיי, און עֶס זָאל נִתְגַּלֶּה וֶוערְן דָאס מַלְכוּת דִקְדוּשָׁה, און עֶס זָאל מְקוּיָּם וֶוערְן "וְיֵדַע כָּל פָּעוּל כִּי אַתָּה פְעַלְתּוֹ וְיָבִין כָּל יְצוּר כִּי אַתָּה יְצַרְתּוֹ וְיֹאמַר כֹּל אֲשֶׁר נְשָׁמָה בְּאַפּוֹ הַוַיָ"ה אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל מֶלֶךְ וּמַלְכוּתוֹ בַּכֹּל מָשָׁלָה".

(אשר בנחל באידיש חלק א׳ מכתב ל"א)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

*גייענדיג צום דרוק*

## בחורי הישיבה פארן ארויס צום ציון הקדוש פון רביה"ק מסאטמאר זצוק"ל לרגל יומא דהילולא

יעצט דאנערשטאג פארנאכט פארן די בחורים ארויס צום ציון הקדוש אין קרית יואל זיך אויסצובעטן אלעס גוטס צו די יארצייט וואס געפאלט מארגן פרייטאג כ"ו אב.

אזוי ווי עס איז שוין איינגעפירט אלע יארן, פארן די בחורים ארויס אינאיינעם יעדע יאר צו די יארצייט, אויסצונוצן דעם גרויסן טאג און זיך אויסבעטן בדבר ישועה ורחמים ביים ציון הק׳.

דאס איז אויסער עטליכע מאל במשך די יאר וואס די גאנצע ישיבה כאפט זיך אריבער אינאיינעם זיך אויסצובעטן ביים ציון הק׳ אין יעדע דערהויבענע געלעגנהייט.

ביינאכט וועט פארקומען די סעודת הילולא אין בית המדרש היכל הקודש אין קרית יואל צוגעשטעלט דורך די קהלה, וואו עס וועט סערווירט ווערן א רייכע סעודת הילולא און מען וועט איבער׳חזר׳ן די לימודים פונעם בעל הילולא.

**תורתו מגן לנו, הוא מאירת עינינו!**


# אומאן ראש השנה!

ווען איר פארט אויף אומאן, בלייבט פארבינדען מיט אייער פאמיליע

**~ מיר האבן די בעסטע און ביליגסטע טעלעפאנ׳ס ~**

**~ אויך מאכן מיר טרעוול אינשורענס ~**

ווילט איר פארגרינגערן אייער נסיעה?

**נעמט מיט אונזער איבערטייטשער צעטל, אידיש-לשה"ק-רוסיש**

רופט אונז פאר די בעסטע פרייזן און שנעלסטע סערוויס

אייער פריינד, אלי קנאל

888-RENT A CE(LL)

888rentacell@gmail.com

rent a cell



# מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!



וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים

שנעל גוט און ביליג!

רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554

5554printing@gmail.com


# סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה דוד מרדכי שווארץ הי"ו**

וואס האט מנדב געווען דעם גליון

**צו די געבורט פון זיין אינגל למז"ט**

די זכות פון הייליגן רבי׳ן זאל מגין זיין ער זאל זוכה זיין צו זעהן פיל אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער דורות ישרים ומבורכים

# סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה לייבי ראטטענבערג הי"ו**

**צו די געבורט פון זיין מיידל למז"ט**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון זיינע קינדער, דורות ישרים ומבורכים.

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א


**זמנים**
הדלקת הנרות......................7:15
סוף זמן קר"ש......................8:44
מוצש"ק..................................9:02

**שיעורים כסדרן**
בבלי......................מועד קטן י"ט
ירושלמי.......................דמאי כ"ג
תוספתא.........מעשר שני פרק ה'


פרשת שופטים, ד' אלול, אבות פרק א', שנת תשע"ד לפ"ק
שנה 3, גליון 53 (153)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**שׁוֹפְטִים וְשׁוֹטְרִים תִּתֶּן לְךָ בְּכָל שְׁעָרֶיךָ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נוֹתֵן לְךָ.** מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"א) אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אוֹיף זַיין פָּנִים אַ מְנוֹרָה פוּן זִיבְּן לִיכְט. דָאס זֶענֶען דִי צְוֵויי אוֹיגְן, דִי צְוֵויי אוֹיעֶרְן, דִי נָאז לֶעכֶער אוּן דִי מוֹיל, אוּן דָאס זֶענֶען צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם מֹחַ. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ הֵיילִיגְן דִי זִיבְּן לִיכְט, וֶוערְט זַיין מֹחַ רֵיין אוּן הֵיילִיג אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

אִין סֵפֶר יְצִירָה (פֶּרֶק ד' מִשְׁנָה י"ב) וֶוערְן דִי זִיבְּן לִיכְט אָנְגֶערוּפְן "דִי זִיבְּן טוֹיעֶרְן".

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, **שׁוֹפְטִים וְשׁוֹטְרִים תִּתֶּן לְךָ בְּכָל שְׁעָרֶיךָ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נוֹתֵן לְךָ,** מֶען דַארְף שְׁטֶעלְן שׁוֹפְטִים אוֹיף דִי אַלֶע טוֹיעֶרְן פוּן קָאפּ, דָאס מֵיינְט אַז מֶען דַארְפְט זִיךְ אַלֵיין מִשְׁפָּט'ן יֶעדְן טָאג, זִיךְ דוּרְכְרֶעדְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "זֶענֶען מַיינֶע אוֹיגְן אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אִיךְ קוּק נָאר וואוּ מֶען מֶעג? זֶענֶען מַיינֶע אוֹיעֶרְן אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אִיךְ הֶער נָאר וָואס מֶען מֶעג? אִיז מַיין נָאז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי מִדָּה פוּן כַּעַס, רֶעג אִיךְ זִיךְ נִישְׁט אוֹיף? אִיז מַיין מוֹיל אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אִיךְ רֶעד נָאר וָואס מֶען מֶעג?

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁמוּעֶסְט דָאס אוֹיס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֵייט שׁוֹין אַרָאפּ פוּן אִים אַלֶע קִטְרוּגִים, אוּן עֶס קֶען אִים שׁוֹין נִישְׁט גֶעשֶׁעהְן קַיין שְׁלֶעכְטְס. חַזַ"ל זָאגְן (סִפְרֵי שׁוֹפְטִים) "כְּשֶׁיֵּשׁ דִּין לְמַטָּה אֵין דִּין לְמַעְלָה" - וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מִשְׁפָּט זִיךְ אַלֵיין דָא אוּנְטְן, קֶען מֶען אִים שׁוֹין נִישְׁט מִשְׁפָּט'ן אוֹיבְן. ווארויל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה שׁוֹפְטִים א')

***

**מִקֶּרֶב אַחֶיךָ תָּשִׂים עָלֶיךָ מֶלֶךְ, לֹא תוּכַל לָתֵת עָלֶיךָ אִישׁ נָכְרִי אֲשֶׁר לֹא אָחִיךָ הוּא.** מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן א' סִימָן נ"ו) אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ אַ שְׁטִיקְל מַלְכוּת, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ שְׁטִיקְל קֶענִיג, אֵיינֶער מֶער אוּן אֵיינֶער

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

### ~ וּצְדָקָה תִּהְיֶה לָנוּ ~

אַ אִיד דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ גֶעבְּן צְדָקָה, קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועקְשִׁיקְן אַ אִיד וָואס קוּמְט בֶּעטְן צְדָקָה. אֲפִילוּ וֶוען מֶען קֶען נִישְׁט גֶעבְּן אַסַאךְ, זָאל מֶען גֶעבְּן כָאטְשׁ אַבִּיסְל וִויפִיל מֶען קֶען, אֲפִילוּ גָאר אַ קְלֵיינֶע סְכוּם אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר חָשׁוּב, דֶער עִיקָר אִיז אַז מֶען זָאל נִישְׁט אַוֶועקְשִׁיקְן אַן אָרִימַאן מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זֵייעֶר מַקְפִּיד אוֹיף דֶעם.

צוּם הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי מֵאִיר פְּרִימִישְׁלַאנֶער זי"ע אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ גְבִיר, עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַרַיינְגֵיין נֶעמֶען אַ בְּרָכָה פוּן צַדִּיק. כָאטְשׁ עֶס זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אִינְדְרוֹיסְן אַ לַאנְגֶע רֵייעֶ פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעוַוארְט אַרַיין צוּ גֵיין, הָאט זִיךְ דֶער עוֹשֶׁר מִיט עַזּוּת אַרַיינְגֶעשְׁטוּפְּט פַאר יֶעדְן, עֶר הָאט אַרַיינְגֶערוּקְט עֶפֶּעס גֶעלְט פַארְן גַבַּאי'ן, אוּן עֶר אִיז אַרַיין דֶער עֶרְשְׁטֶער צוּם צַדִּיק.

וֶוען עֶר אִיז אַרַיין אִין שְׁטוּבּ הָאט דֶער צַדִּיק אִים נִישְׁט גֶעגֶעבְּן שָׁלוֹם, עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעקוּקְט צוּ זַיין זַייט, עֶר הָאט נָאר אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייעֶן "לֵייבְּל, לֵייבְּל (אַזוֹי הָאט דֶער גַבַּאי גֶעהֵייסְן), קוּם שְׁנֶעל אַהֶער".

וֶוען דֶער גַבַּאי אִיז גֶעקוּמֶען הָאט אִים דֶער צַדִּיק גֶעזָאגְט: "אִיךְ וִויל דִיר דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה, דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז 'מֵאִיר'ל' (וִוי בַּאקַאנְט פְלֶעגְט עֶר זִיךְ אַזוֹי רוּפְן) הָאט לִיבּ צוּ זַיין אִיבֶּערָאל אוּן שְׁטֶענְדִיג פְּרוּבִּירְן צוּ טוּהן אַ טוֹבָה פַאר אַ אִיד. אֵיינְמָאל בִּין אִיךְ גֶעוֶוען עֶרְגֶעץ, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהְן אַז עֶס דָא אַ שְׁרֶעקְלִיכֶער גְּזַר דִּין אוֹיף אַ גֶעוִויסְן אִיד אַ גְבִיר אַז עֶר דַארְף שְׁטַארְבְּן אוּן אִיבֶּערְלָאזְן זַיין וַוייבּ אַן אַלְמָנָה מִיט אַכְט קִינְדֶער. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט צוּלָאזְן אַז אַזַא גְּזַר דִּין זָאל אוֹיסְגֶעפִירְט וֶוערְן, הָאבּ אִיךְ אַסַאךְ מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אוּן אַיינְגֶערִיסְן אַז מֶען זָאל מְבַטֵל זַיין דִי שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירָה, אָבֶּער אִין בֵּית

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

וֵוייניגֶער. אֵיינֶער אִיז אַ קֶענִיג בַּיי זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים אוֹיף זַיין מִשְׁפָּחָה, אֵיינֶער אִיז אַ קֶענִיג אוֹיף זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַרוּם זִיךְ, אֵיינֶער אִיז אַ קֶענִיג אוֹיף מֶער מֶענְטְשְׁן, דָאס מֵיינְט אַז עֶר אִיז בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף זֵיי, זֵיי דַארְפְן אִים פָּאלְגְן. אוּן מֶען דַארְף זֶעהן צוּ נִיצְן דִי קֶענִיגְרַייךְ נָאר אוֹיף גוּטֶע צְוֶועקְן, נִישְׁט צוּ גֶעוֶועלְטִיגְן סְתָּם אַזוֹי אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן, נָאר זֵיי מְחַזֵק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן, אוּן זֵיי בְּרֶענְגֶען נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **שׂוֹם תָּשִׂים עָלֶיךָ מֶלֶךְ** - דוּ זָאלְסְט נִיצְן דִי מַלְכוּת נָאר, **אֲשֶׁר יִבְחַר ה' אֱלֹקֶיךָ בּוֹ** - אַז עֶר זָאל אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג גֵיין צוּ אִים. אוּן דֶער עִיקָר אִיז, **מִקֶּרֶב אַחֶיךָ תָּשִׂים עָלֶיךָ מֶלֶךְ**, דוּ דַארְפְּט זַיין אַ קֶענִיג מִיט בְּרוּדֶערְשַׁאפְט, מִיט אַ לִיבְּלִיכְקֵייט, צוּ פְרֵיילִיךְ מַאכְן אוּן שְׁטַארְקְן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אַרוּם דִיר, **לֹא תוּכַל לָתֵת עָלֶיךָ אִישׁ נָכְרִי אֲשֶׁר לֹא אָחִיךָ הוּא**, מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אַ קֶענִיג, אוֹיב מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף וִוי אַ פְרֶעמְדֶער, אָן רַחֲמָנוּת.

וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס נִיצְט אוּיס זַיין מַלְכוּת צוּ מְחַזֵק זַיין אִידְן אוּן זֵיי דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה שׁוֹפְטִים ה')

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

דִין שֶׁל מַעְלָה הָאט מֶען גֶעזָאגְט אַז דֶער גְבִיר אִיז גָאר אַ קַארְגֶער, עֶר פַארְטְרַייבְּט אָרִימֶעלַייט פוּן זַיין טִיר מִיט בִּזְיוֹנוֹת, אוּן דֶערִיבֶּער אִיז אוֹיף אִים אַרוֹיס דִי שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירָה. אָבֶּער מֵאִיר'ל הָאט זִיךְ גֶע'עַקְשְׁ'נְט אוּן גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל אִים לָאזְן לֶעבְּן, עֶר וֶועט זִיךְ זִיכֶער טוּישְׁן אוּן אָנְהוֹיבְּן מְכַבֵּד צוּ זַיין אָרִימֶעלַייט אוּן גֶעבְּן צְדָקָה מִיט אַ בְּרֵייטֶע הַאנְט. אִיךְ הָאבּ גֶע'פּוֹעֵל'ט אַ יְשׁוּעָה, אוּן דֶער גְבִיר - וָואס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען שְׁטֶערְבְּלִיךְ קְרַאנְק - אִיז צוּרִיק גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן.

אָבֶּער גְלַייךְ וֶוען עֶר אִיז גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן, אִיז עֶר צוּרִיק צוּ זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת, אוּן עֶר הָאט וַוייטֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט גֶעבְּן קַיין צְדָקָה. אִיז עֶר נָאכְאַמָאל זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן אוּן עֶר הָאט גֶעדַארְפְט שְׁטַארְבְּן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ וַוייטֶער גֶע'עַקְשְׁ'נְט צוּ מְבַטֵל זַיין זַיין דִי גְזֵירָה, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל אִים גֶעבְּן נָאךְ אֵיין שַׁאנְס, מֶען זָאל אִים אוּנְטֶער שִׁיקְן נָאךְ אֵיין נִסָיוֹן, מֶען זָאל אִים צוּשִׁיקְן אַן אָרִימַאן נָאךְ צְדָקָה, אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט שֵׁיין אוֹיפְנֶעמֶען דֶעם אָרִימַאן וֶועט דִי גְזֵירָה בָּטֵל וֶוערְן. אִין בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה הָאט מֶען מַסְכִּים גֶעוֶוען דֶערוֹיף, אוּן דֶער גְבִיר אִיז גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן.

דִי קוּמֶענְדִיגֶע מָאל וָואס אַן אָרִימַאן אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיין טִיר, אִיז דֶער גְבִיר גֶעוֶוען פּוּנְקְט אִין אַ נִישְׁט גוּטֶע גִיסְטֶע, עֶר הָאט אוֹיסְגֶעגָאסְן זַיין גַאנְצֶע כַּעַס אוֹיף דֶעם אָרִימַאן, עֶר הָאט אִים גֶעשְׁלָאגְן אוּן פַארְטְרִיבְּן מִיט גְרוֹיסֶע בִּזְיוֹנוֹת".

דֶער צַדִיק הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט אוּן גֶעזָאגְט צוּם גַבַּאי'ן: "נוּ, לֵייבְּל, פְרֶעג אִיךְ דִיר, פַאר אַזַא מֶענְטְשׁ דַארְף אִיךְ נָאךְ גֶעבְּן שָׁלוֹם?!"

וֶוען דֶער עוֹשֶׁר הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז עֶר גְלַייךְ צוּזַאם גֶעפַאלְן, דָאס אִיז דָאךְ גֶעוֶוען עֶר וָואס אִיז צְוֵויי מָאל גֶעוֶוען שְׁטֶערְבְּלִיךְ קְרַאנְק אוּן צוּרִיק גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן, אוּן דִי לֶעצְטֶע מָאל וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען קְרַאנְק הָאט עֶר גֶעהֶערְט וִוי מֶען זָאגְט אִים אַז רֶבִּי מֵאִיר'ל הָאט אִים אוֹיסְגֶע'פּוֹעֵל'ט זַיין יְשׁוּעָה, אוּן דֶערִיבֶּער אִיז עֶר יֶעצְט גֶעקוּמֶען זֶעהן דֶעם צַדִיק, אוּן דָא הֶערְט עֶר אַז דִי גַאנְצֶע סִיבָּה צוּ זַיין קְרֶענְק אִיז גָאר זַיין שְׁלֶעכְטֶע מִדָה פוּן קַארְגְשַׁאפְט אַז עֶר וִויל נִישְׁט גֶעבְּן קַיין צְדָקָה.

וֶוען מֶען הָאט אִים מִיט שְׁוֶועריקַייטְן עֶרְוֶועקְט פוּן זַיין חַלָשׁוּת, הָאט עֶר צוּגֶעזָאגְט פַארְן צַדִיק אַז עֶר וֶועט שׁוֹין תְּשׁוּבָה טוּהן אוּן זִיךְ פָארְנֶעמֶען מֵהַיוֹם וָהָלְאָה צוּ אוֹיפְנֶעמֶען שֵׁיין אָרִימֶעלַייט אוּן זֵיי מְכַבֵּד זַיין אוּן גֶעבְּן צְדָקָה מִיט אַ בְּרֵייטֶע הַאנְט. אוּן אַזוֹי הָאט עֶר טַאקֶע גֶעטוּהן, עֶר הָאט אֶמֶת'דִיג תְּשׁוּבָה גֶעטוּהן.

זֶעהט מֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה וִוי שְׁטַארְק מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אַן אָרִימַאן, נִישְׁט אֲוֶועק שִׁיקְן קֵיינֶעם מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט, גֶעבְּן פַארְן אָרִימַאן וִויפִיל מֶען קֶען נָאר אוּן אִים מְפַיֵיס זַיין אוּן מַאכְן פְרֵיילִיךְ, אוּן דַאן וֶועט מֶען גֶעבֶּענְטְשְׁט וֶוערְן מִיט פִילֶע בְּרָכוֹת פוּן הִימְל.

### גֵיין נָאךְ צְדָקָה

נָאךְ מֶער אִיז חָשׁוּב אֵיינֶער וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ גֵיין צוּזַאמֶענֶעמֶען צְדָקָה צוּ הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע אִידְן, אוּן אוֹיךְ אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶער תִּיקוּן פַאר אַלֶע עֲבֵירוֹת, וַוייל וֶוען מֶען גֵייט נָאךְ גֶעלְט מוּטְשֶׁעט דָאס אָפּ דֶעם גַאנְצְן מֶענְטְשׁ. אַקֶעגְן דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעטוּהן עֲבֵירוֹת מִיט זַיין גַאנְצְן גוּף, קֶען מֶען מִיטְן גֵיין נָאךְ גֶעלְט דָאס פַארֶעכְטְן, וָואס דָאס מוּטְשֶׁעט אָפּ דֶעם גַאנְצְן גוּף מִיט דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן צְדָקָה.

אֲפִילוּ וֶוען מֶען גֵייט נָאךְ גֶעלְט אוּן מֶען אִיז נִישְׁט מַצְלִיחַ טָאר מֶען נִישְׁט וֶוערְן צוּפַאלְן פוּן דֶעם, נָאר פְּרוּבִּירְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל בִּיז מֶען וֶועט מַצְלִיחַ זַיין. בַּיים הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ סַאסוֹבֶער זי"עַ הָאט פַּאסִירְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה אִין דֶעם עִנְיָן.

וִוי בַּאקַאנְט פְלֶעגְט דֶער צַדִיק אַסַאךְ עוֹסֵק זַיין אִין דִי מִצְוָה פוּן פִּדְיוֹן שְׁבוּיִים, עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ אַרוּם פָארְן פוּן לַאנְד צוּ לַאנְד אוּן פוּן שְׁטָאט צוּ שְׁטָאט צוּזַאם צוּ נֶעמֶען גֶעלְט פַאר פִּדְיוֹן שְׁבוּיִים, דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין בַּאלִיבְּטֶע מִצְוָה. אֵיינְמָאל, נָאךְ זַייעֶנְדִיג אַ יוּנְגֶער יוּנְגֶערְמַאן, אִיז עֶר אַרוּם גֶעגַאנְגֶען נָאךְ גֶעלְט צוּזַאם נֶעמֶען צְדָקָה פַאר פִּדְיוֹן שְׁבוּיִים, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעמַאכְט קַיין גֶעלְט, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן דֶערְפוּן. עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶס אִיז אַ שָׁאד צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען צַייט מִיט גֵיין נָאךְ גֶעלְט, עֶר קֶען דָאךְ אִין דִי צַייט זִיצְן אוּן לֶערְנֶען, עוֹסֵק זַיין בַּתּוֹרָה וּתְפִלָּה אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּהן, עֶר הָאט אָפְּגֶעלָאזְט דָאס גֵיין נָאךְ צְדָקָה, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַיינְגֶעשְׁפַּארְט בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אוּן זִיךְ גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען.

אִינְמִיטְן הֶערְט עֶר וִוי אִינְדְרוֹיסְן טוּט זִיךְ קוֹלוֹת אוּן גֶעשְׁרֵייעֶן, עֶר אִיז גְלַייךְ גֶעלָאפְן צוּ דִי טִיר צוּ זֶעהן וָואס עֶס גֵייט פָאר, הָאט עֶר גֶעזֶעהן וִוי מֶען פִירְט אַ אִיד צוּגֶעבִּינְדֶען מִיט אַייזֶענֶע קֵייטְן, מֶען שְׁלָאגְט אִים אָן מִיט רְצִיחָה, אוּן מֶען פִירְט אִים אִין תְּפִיסָה אַרַיין.

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

דֶער צַדִּיק אִיז גְלַייךְ אַרוֹיס גְעלָאפְן אוּן עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט דִי פָּאלִיצֵיי וָואס הָאבְן גֶעשְׁלֶעפְּט דֶעם אִיד, "וואוּ אַהִין פִירְט אִיר אִים? וָואס הָאט עֶר גֶעזִינְדִיגְט?" הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט אַז מֶען הָאט גֶעכַאפְּט דֶעם אִיד בַּיי אַ גְנֵיבָה, עֶר הָאט גֶע'גַנְבֶ'ט, אוּן דֶערְפַאר פִירְט מֶען אִים אִין תְּפִיסָה אַרַיין.

וֶוען דֶער צַדִּיק הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר זֵייעֶר רַחֲמָנוּת בַּאקוּמֶען אוֹיף דֶעם אִיד, עֶר אִיז גֶעלָאפְן אִין גֶערִיכְט אוּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל דֶעם אִיד צוּרוּה לָאזְן, אוּן עֶר אִיז גְרֵייט צוּ בַּאצָאלְן אַלֶעס וָואס יֶענֶער הָאט גֶע'גַנְבֶ'ט. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער סְכוּם, אָבֶּער דֶער צַדִּיק אִיז גְלַייךְ אַרוּם גֶעלָאפְן צוּזַאמְנֶעמֶען גֶעלְט, עֶר הָאט צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט אוּן עֶס גֶעגֶעבְּן פַּארְן רִיכְטֶער, אוּן אַזוֹי הָאט מֶען אַרוֹיס גֶעלָאזְט דֶעם אִיד אוֹיף דֶער פְרֵיי.

וֶוען עֶר אִיז אַרוֹיס פְרֵיי, הָאט דֶער צַדִּיק אָנְגֶעהוֹיבְן זָאגְן מוּסָר פַאר דֶעם אִיד: "זֶעה אָפְּצוּלָאזְן דַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, הָאט זִיךְ דֶען דִיר גֶעלוֹינְט דִי גְנֵיבָה? מֶען הָאט דִיר דָאךְ אָנְגֶעהַאקְט דִי בֵּיינֶער, קוֹים וָואס דוּ בִּיזְט אַרוֹיס לֶעבֶּעדִיג, פַארְוָואס פֶעלְט דִיר אוֹיס דִי שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים?". דֶער אִיד הָאט אָבֶער צוּרִיק גֶעזָאגְט: "וָואס אִיז שׁוֹין גֶעשֶׁעהְן אַז מֶען הָאט מִיר דָאס מָאל גֶעכַאפְּט? דָאס מָאל אִיז מִיר עֶס נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען, וֶועל אִיךְ פְּרוּבִּירְן נָאכְאַמָאל, וֶועגְן אֵיין מָאל וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען זָאל אִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעבְּן?"...

דֶער צַדִּיק רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ זִי"עַ אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי וֶוערְטֶער "דָאס אִיז דָאךְ מַמָּשׁ פוּן הִימְל פַאר מִיר גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן. וַוייל אִיךְ הָאבּ אֵיינְמָאל נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיטְן גֵיין נָאךְ צְדָקָה, זָאל אִיךְ אַלֶעס אָפְּלָאזְן?!" עֶר הָאט זִיךְ טַאקֶע פוּן פְרִישׁ גֶעשְׁטַארְקְט, אוּן וַוייטֶער אָנְגֶעהוֹיבְן גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַאר פִּדְיוֹן שְׁבוּיִים, עֶר הָאט זִיךְ וַוייטֶער מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען אִידְן פוּן תְּפִיסָה, אוּן דָאס אִיז שׁוֹין גֶעבְּלִיבְן זַיין מִצְוָה אִין וָואס עֶר הָאט עוֹסֵק גֶעוֶוען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

זֶעהט מֶען אַז מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, אֲפִילוּ וֶוען מֶען אִיז גֶעגַאנְגֶען נָאךְ גֶעלְט אוּן מֶען הָאט נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, זָאל מֶען נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, נָאר וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין, אוּן דִי שְׂכַר אוֹיף דֶעם אִיז אָן אַ שִׁיעוּר.

ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ גֶעבְּן צְדָקָה, סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת צוּ הֶעלְפְן אָרִימֶעלַייט, אוּן סַיי בְּרוּחֲנִיּוּת צוּ מְחַזֵּק זַיין אִידְן, וֶועט עֶר זִיכֶער זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס, ווָאוֹיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן ווָאוֹיל אִיז אִים אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ה' וְחֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ צְדָקָה)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

המשך

די וואך דאנערשטאג איז ווייטער פארגעקומען די וועכנטליכע ליל שישי שיעור ווי געווענליך.

מען קען מיטהאלטן יעדע וואך די שיעור מיט א לייוו הוק-אפ, אויך קען מען הערן שיעורים פון די פריערדיגע יארן פון מוהרא"ש, אויפן "קול ברסלב" טעלעפאן ליין, אויפן נומער **212-444-9191**.

**בזמן שהצדיק בעיר הוא הודה הוא זיוה הוא הדרה!**

***

### ביהמ"ד הגדול 'היכל הקודש' אין אומאן

אזוי ווי אלע יארן וועט מען דאס יאר אויך דאווענען אינעם גיגאנטישן קלויז אין אומן, אין בית המדרש הגדול "היכל הקודש" אין אומן, אינאיינעם מיט מוהרא"ש שליט"א, סמוך ונראה צום רבינ'ס ציון.

אין די לעצטערע יארן קומען זיך צוזאם א גרויסע עולם מיטהאלטן די תפלות ראש השנה, זוכענדיג א געשמאקע היימישע מנין, צו דאווענען די געהויבענע תפלות מיט השתפכות הנפש, אינאיינעם מיט מוהרא"ש שליט"א.

דאס יאר וועט דער ראש ישיבה ווייטער דאווענען די תפלות ראש השנה, אינאיינעם מיט א קאפעליע משוררים פון בחורי ישיבתינו הק'.

מען קען שוין קויפן זיצן אין בית המדרש פאר די טעג פון ראש השנה, די פרייז פון יעדע זיץ איז בלויז $50, מען קען קויפן די זיצן דאנערשטאג נאכטביים שיעור פון מוהרא"ש, אדער קען מען זיך ווענדן צו די עסקנים.

א גרויס חלק פון די זיצן זענען שוין אויספארקויפט, וכל הקודם זכה.

**ראש השנה ביי מיר, איז גרעסער פון אלעס!**

# רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן

קוֹדֶם, קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דֶעם גְרוֹיסְן זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט אַז דוּ הָאסְט אִיבֶּערְגֶעזֶעצְט אוֹיף אִידִישׁ דֶעם קוּנְטְרֵס "רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי צַדִּיקִים", וָוארוּם דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער זְכוּת הָרַבִּים, וִוי בַּאוִויסְט אַז קַיין שׁוּם צַדִּיק הָאט נִישְׁט אַזוֹי מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל זַיין בַּיי אִים דַוְקָא רֹאשׁ הַשָּׁנָה אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, אוּן עֶר הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין בַּיי אִים רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, אֲפִילוּ נָאךְ זַיין הִסְתַּלְּקוּת, אוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר פּוֹעֵל'ן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס אַ גַאנְץ יָאר אִיז שְׁוֶוער צוּ פּוֹעֵל'ן.

נָאר דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם לֵיידֶער פַארְלֵייגְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אוּן אִיז מוֹנֵעַ מֶענְטְשְׁן פוּן קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָוארוּם דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וֵוייסְט גַאנְץ גוּט וָואס עֶס וֶוערְט פוּן קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיבֶּערְדֶעם טוּט עֶר אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם צוּ שְׁטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט אַלֶע עֶרְלֵיי תַּחְבּוּלוֹת, קוֹדֶם אִיז דָאס וַוייבּ אַ גְרוֹיסֶע מְנִיעָה, זִי שְׁטֶערְט דִי מַאן פוּן קוּמֶען מִיט אַלֶע מִינֵי אוֹיסְרֵייד וְכוּ' וְכוּ', אוּן נָאכְדֶעם אִיז דֶער מְנִיעָה וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט מְנִיעַת הַמּוֹחַ, וָוארוּם עֶס קוּמֶען דָארְטְן צוּזַאם מֶענְטְשְׁן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַלֶע עֶרְלֵיי פַארְשִׁידֶענֶע מֶענְטְשְׁן וְכוּ', אוּן עֶס פַאלְט אַרַיין אִין אַ מֶענְטְשׁ חֲלִישׁוּת הַדַּעַת וְכוּ', הֲזֹאת נָעֳמִי? אַזוֹי דַארְף מֶען אוֹיסְזֶעהְן? וָוארוּם עֶס אִיז פַארְהַאנֶען אַסַאךְ קַשְׁיוֹת וְכוּ' וְכוּ'.

אָבֶּער וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ מַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט אַן אַנְדֶערְן? מַיין הֵיילִיגֶע רֶבִּי הָאט גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן ת"ג) גָאר מַיין זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶס אִיז אַ פֶּלֶא בַּיי מִיר אַז דִי אַלֶע וָואס זֵיי גְלֵייבְּן אִין מִיר פַארְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, קֵיינֶער זָאל נִישְׁט פֶעלְן, אוּן וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם אַ גַאנְץ יָאר, ווִידֶערְאוּם הָאט עֶר גֶעזָאגְט (שָׁם סִימָן ת"ה) מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז אַ גְרוֹיסֶער חִידּוּשׁ דָאס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט דָאס מִיר גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה, לֹא מִיבָּעְיָא עֶטְץ אַלֶע דַארְפְט עֶטְץ זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט דַארְף זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיבֶּערְדֶעם וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ מַאכְט דֶעם חֶשְׁבּוֹן, קוּקְט עֶר אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט, אוּן עֶר קוּמְט בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר אִיז זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, אֲפִילוּ דָארְטְן אִיז דָא פַארְשִׁידֶענֶע סָארְטְן מֶענְטְשְׁן וְכוּ', וָואס גֵייט מִיךְ אָן, אִיךְ דַארְף הָאבְּן אַ יְשׁוּעָה וְכוּ', אִיךְ דַארְף הָאבְּן אַ רְפוּאָה וְכוּ', קוּקְט עֶר נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט.

אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ דַארְף חָלִילָה גֵיין אִין שְׁפִּיטָאל אוּן עֶר זֶעהְט דָארְטְן אַלֶע סָארְטְן קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן וְכוּ' וֶועגְן דֶעם וֶועט עֶר זִיךְ נִישְׁט מוֹנֵעַ זַיין פוּן גֵיין דָארְטְן, וָוארוּם עֶר גֵייט אַרַיין זִיךְ הֵיילְן, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזֶענְטֶער מֶענְטְשְׁן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ, אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיין צָרָה מִיט זַיין פְּרָאבְּלֶעם וְכוּ' וְכוּ', אִיז בְּמֵילָא דַארְף עֶר נִישְׁט קוּקֶען אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט, נָאר פָארְן זִיךְ צוּ הֵיילְן, אוּן עֶס הַארְט נִישְׁט וָואסֶערֶע מִנְיָן עֶר דַאוֶוענְט, אַבִּי עֶר זָאל זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן.

אִיבֶּערְדֶעם אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ גֶענוּמֶען דֶעם קוּנְטְרֵס "רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי צַדִּיקִים" וָואס דֶער עִיקָּר קוּנְטְרֵס אִיז פַאר דִי פְרוֹיעֶן וְכוּ', וָוארוּם וֶוען אַ אַנְדֶערֶער אִיז מוֹנֵעַ אוּן שְׁטֶערְט פָארְן אִיז וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט דִיר? אָבֶּער אַ וַוייבּ זָאגְן דִי חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת כד.) אִשְׁתּוֹ כְּגוּפוֹ; מִיט אִיר דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען וָוארוּם מֶען דַארְף לֶעבְּן מִיט אַ וַוייבּ בְּשָׁלוֹם, אוּן אוֹיף דֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מוֹרָא'דִיג מַקְפִּיד גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רס"ג) אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם טוּט אַלֶע פְּעוּלוֹת צוּשְׁטֶערְן דֶעם שָׁלוֹם בַּיִת פוּן אַ יוּנְג פָּארְפָאלְק, אוּן אַזוֹי וִוי נִישְׁט יֶעדֶע פְרוֹי וֵוייסְט דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה וְכוּ', אָדֶער אַ חַבֵר'טָארְן הָאט אִיר אָנְגֶערֶעדְט אַקֶעגְן וְכוּ', אִיז פַאר אִיר גֶעשְׁרִיבְּן

המשך בדף ד

# רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן

גֶעוָוארְן דֶער קוּנְטְרֵס אוֹיפְצוּקְלֶערְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ פְּרוֹי וָואס לָאזְט פָארְן דֶעם מַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט דָאס דַיין וַוייבּ דַארְף דֶעמָאלְט הָאבְּן אַ קִינְד וָואס זָאלְסְטוּ טוּהְן זָאלְסְטוּ פָארְן אָדֶער נִישְׁט? אִיז קוֹדֶם נָאךְ דָא גַאנְצֶע זִיבְּן וָואכְן, בִּיז דֶעמָאלְט קֶען זִי נָאךְ הָאבְּן דָאס קִינְד בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמוּצְלַחַת, אוּן דוּ וֶועסְט קֶענֶען פָארְן, אָבֶער אוֹיבּ זִי וֶועט נִישְׁט הָאבְּן בִּיז דֶעמָאלְט דָאס קִינְד, מִיזְטוּ בְּלַייבְּן מִיט אִיר, וָוארוּם וֶוען אַ פְרוֹי גֵייט צוּם קִינְד שְׁרֶעקְט זִי זִיךְ זֵייעֶר, אוּן זִי דַארְף הָאבְּן דֶעם מַאן לֶעבְּן זִיךְ, אִיבֶּערְדֶעם טָאר מֶען נִישְׁט טוּהְן קַיין וִוילְדֶע זַאכְן, נָאר בְּלַייבְּן מִיט דִי וַוייבּ אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן אַז מֶען דַארְף מַאכְן אַ בְּרִית טָאר מֶען נִישְׁט טוּהְן קַיין הֶפְקֵירוּת אוּן אִיבֶּערְלָאזְן דָאס וַוייבּ מִיטְן קִינְד אַלֵיין.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי שִׂמְחָה וָואס אִיךְ הָאבּ אַז דוּ לֶערְנְסְט חוּמָשׁ וְרַשִׁ״י מִיט מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא וְכוּ׳, אַז וואויל אִיז דִיר, וָוארוּם עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערֶע זַאךְ וִוי לִימוּד תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, וֶוען אַ אִיד לֶערְנְט תּוֹרָה בַּאהֶעפְט עֶר זִיךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶס וֶוערְט נִשְׁפָּע אוֹיף אִים אַ גְרוֹיסֶער לֶעכְט וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער תּוֹרָה מַאכְט רַייךְ בְּגַשְׁמִיוּת אוֹיכֶעט.

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דִי טֶעג עֶס זָאל וֶוערְן יָמִים טוֹבִים, אוּן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּם בִּנְיָן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

(אֲשֶׁר כַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק ג׳ מִכְתָּב ש״ה)


## אומאן ראש השנה!

ווען איר פארט אויף אומאן, בלייבט פארבינדען מיט אייער פאמיליע

~ מיר האבן די בעסטע און ביליגסטע טעלעפאנ׳ס ~

~ אויך מאכן מיר טרעוול אינשורענס ~

ווילט איר פארגרינגערן אייער נסיעה?

נעמט מיט אונזער איבערטייטשער צעטל, אידיש-לשה״ק-רוסיש

רופט אונז פאר די בעסטע פרייזן און שנעלסטע סערוויס

אייער פריינד, אלי קנאל

888-RENT A CE(LL)
888-736-8223
888rentacell@gmail.com
rent a cell


# ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳ ~

## מען פארט שוין אהיים פון קעמפ

### דריי סיומי הש״ס די וואך אין קעמפ

נאך צוויי לעכטיגע חדשים וואס די בחורים האבן זוכה געווען צו זיין אין קעמפ, און זיך אנפילן מיט תורה תפלה און יראת שמים מיט התחזקות, פארן די בחורים יעצט צוריק אין שטאט, און נעמען מיט אלעס וואס מען האט זיך איינגעזאפט אין די זוממער צווישן די בערג צו די שטאט, צו ממשיך זיין ביתר שאת וביתר עז מיט די אלע הייליגע לימודים וואס מען האט אריינגעכאפט אין קעמפ.

דער יעצטיגער זוממער איז געווען גאר א ספעציעלער זוממער, די בחורים האבן אויסגענוצט די צייט און זיך אנגעפילט מיט תורה עבודה און יראת שמים, טויזענטער פרקים משניות און בלעטער גמרא זענען געלערנט געווארן אין קעמפ, אויסער די פילע אנדערע שיעורי תורה וואס די בחורים האבן אריינגעכאפט.

עטליכע בחורים האבן זיך גענומען פאר א ציהל צו ענדיגן ש״ס אין קעמפ, און מיטן אייבערשטנ׳ס הילף האבן דריי בחורים זוכה געווען לברך על המוגמר און מסיים געווען די וואך ש״ס.

גאר גרויס איז געווען די שמחה ביי יעדן מיטצוהאלטן די סיומי הש״ס וואס זענען געפראוועט געווארן מיט גרויס דערהויבנקייט, מיט פילע געסט וואס זענען געקומען צו פארן פון נאנט און ווייט זיך משתתף זיין און זיך מיטפרייען בשמחה של תורה.

דעם פארגאנגענעם מוצש״ק איז געווען דער ערשטער סיום, ווען הבחור החשוב סענדער ראטה נ״י האט זוכה געווען מסיים צו זיין גאנץ ש״ס. מאנטאג נאכט איז געווען דער צווייטער סיום הש״ס פון הבחור החשוב משה אירגאס נ״י. און דער דריטער סיום הש״ס דורך הבחור החשוב הערשי שניטצלער נ״י, וועט אי״ה פארקומען דעם מוצש״ק.

עס פארט זיך אהיים גאר אנדערש וויסענדיג אז מען נעמט עפעס מיט אין די האנט, מען פארט אהיים אנגעפילט מיט תורה ועבודה.

די קומענדיגע וואך וועט מען צוריק אנהייבן די סדר הלימודים אין ישיבה אין וויליאמסבורג, און זיך גרייטן צו די געהויבענע נסיעה צום הייליגן רבי׳ן אויף ראש השנה אין אומאן, די גאנצע ישיבה וועט אי״ה פארן אינאיינעם מיטן ראש ישיבה און זיך אויסבעטן א גוט געבענטשט יאר, און זוכה זיין צו די אלע גוטע הבטחות וואס דער הייליגער רבי האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס קומען צו אים אויף ראש השנה.

**אשרינו מה טוב חלקינו ומה נעים גורלינו!**

***

## מוהרא״ש שליט״א צוריק געקומען פון ארץ ישראל

עס איז גרויס פרייד ביי אלע אנשי שלומינו אז די וואך איז מוהרא״ש שליט״א צוריק געקומען פון ארץ ישראל נאכן ווילן דארט פאר צוויי וואכן צו מחזק זיין די ארטיגע אידן.

המשך בדף ג


## ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ׳ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע ספרי ברסלב

27 Skillman St.

אדער רופט 347-977-7994

## קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים פון כ״ק מוהרא״ש שליט״א

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

212-444-9191

## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען



פאר גאר ביליגע פרייזן!

וועכנטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים

שנעל גוט און ביליג!

רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554

5554printing@gmail.com


**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א


**זמנים**

הדלקת הנרות.................7:04
סוף זמן קר"ש.................9:04
מוצש"ק.........................8:33

**שיעורים כסדרן**

בבלי.................מועד קטן כ"ו
ירושלמי.................דמאי ל'
תוספתא.................שבת פרק ב'


פרשת כי תצא, י"א אלול, אבות פרק ב', שנת תשע"ד לפ"ק — שנה 3, גליון 54 (154)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ,** מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ק"י) אַז אֵיינֶער הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "וִוי אַזוֹי אַרְבֶּעט דִי בְּחִירָה?" הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "עֶס אַרְבֶּעט זֵייעֶר פָּשׁוּט, אַז דוּ ווִילְסְט טוּסְטוּ, אוּן אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט נִישְׁט טוּסְטוּ נִישְׁט"... זָאגְט רֶבִּי נָתָן אַז דָאס אִיז זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ צוּ ווִיסְן, וַוייל עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי זֶענֶען שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק צוּגֶעוואוֹינְט צוּ זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, צוּ זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, אַז זֵיי רֶעדְן זִיךְ אַיין אַז זֵיי הָאבְּן שׁוֹין נִישְׁט קַיין בְּחִירָה אוֹיף דֶעם, זֵיי קֶענֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן. דָאס אִיז אָבֶּער נִישְׁט אֱמֶת, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ הָאט שְׁטֶענְדִיג אַ בְּחִירָה, אַז עֶר ווִיל טוּט עֶר, אוּן אַז עֶר ווִיל נִישְׁט טוּט עֶר נִישְׁט.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **כִּי תֵצֵא**, גְלַייךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיס אוֹיף דֶער וֶועלְט, **לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ**, דַארְף עֶר שׁוֹין פִירְן אַ מִלְחָמָה מִיט זַיין פַּיינְט וָואס דָאס אִיז דֶער יֵצֶר הָרַע, וָואס ווִיל אִים מַאכְן טוּהן עֲבֵירוֹת, אָבֶּער מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז, **וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אִין דַיינֶע הֶענְט, אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט קֶענְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקֶן אוֹיף אִים אוּן אִים נִישְׁט פָאלְגְן, אוּן נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר **וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ**, דוּ קֶענְסְט נָאךְ צוּרִיק בְּרֶענְגֶען נָאךְ מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זֵיי אַרוֹיס רַייסְן פוּן דִי הֶענְט פוּן יֵצֶר הָרַע.

ווארויל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס בֶּעהְט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקֶן אוֹיף זַיין יֵצֶר הָרַע, וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה תֵּצֵא ב)

***

**כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ,** מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קט"ז) אַז וֶוער עֶס גֶעבְּט צְדָקָה וֶועט נִישְׁט טוּהן קַיין עֲבֵירוֹת, וַוייל דִי גְמָרָא זָאגְט (שַׁבָּת קנ"א:) "וֶוער עֶס הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף מֶענְטְשְׁן הָאט מֶען רַחֲמָנוּת אוֹיף אִים אִין הִימְל", אוּן נָאךְ זָאגְט דִי גְמָרָא (בְּרָכוֹת ל"ג.) "אוֹיף אַ שׁוֹטֶה טָאר מֶען נִישְׁט רַחֲמָנוּת הָאבְּן", קוּמְט אוֹיס אַז


המשך בדף ב


## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן ~

יֶעדֶער אִיד קֶען זוֹכֶה זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, יֶעדֶער אִיד קֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק אוּן דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֶענְדִיג. אָבֶּער וֶוען מֶען קוּקְט זִיךְ אַרוּם זֶעהְט מֶען אַז רוֹב מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן נִישְׁט אַז זֵיי וֶועלְן נָאךְ אַמָאל זַיין אַ צַדִּיק, רוֹב מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן נִישְׁט אַז זֵיי קֶענֶען נָאךְ אִינְגַאנְצְן אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן זַייעֶר שְׁלֶעכְטְס אִין וָואס זֵיי לִיגְן. דָאס קוּמְט פוּן יִאוּשׁ, דִי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן שׁוֹין אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, זֵיי טְרַאכְטְן שׁוֹין נִישְׁט אַז זֵיי וֶועלְן נָאךְ קֶענֶען אַמָאל מַצְלִיחַ זַיין אוּן זַיין אֱמֶת'עֶ עֶרְלִיכֶע אִידְן.

אֲפִילוּ פוּן דְרוֹיסְן זֶעהְט אוֹיס אַזוֹי וִוי אַלֶעס גֵייט אָן גֶעהֶערִיג, מֶענְטְשְׁן קוּמֶען, מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פַארְנוּמֶען יֶעדֶער מִיט זַיין זַאךְ, עֶס זֶעהְט בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיס וִוי עֶס פֶעלְט זֵיי עֶפֶּעס. אָבֶּער וֶוען מֶען קוּקְט גוּט זֶעהְט מֶען אַז רוֹב מֶענְטְשְׁן חָלוֹמְ'עֶן אֲפִילוּ נִישְׁט אַז זֵיי קֶענֶען נָאךְ אַמָאל זַיין אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד, אַז זֵיי קֶענֶען נָאךְ אַמָאל זַיין אִינְגַאנְצְן דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן לֶעבְּן שְׁטֶענְדִיג מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז דָאס אִיז נָאר אַ זַאךְ וָואס אִיז גֶעוֶועען אַמָאלִיגֶע צַייטְן, אַמָאל זֶענֶען גֶעוֶוען צַדִּיקִים, אַמָאל זֶענֶען גֶעוֶוען תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אוּן גְאוֹנִים, אַמָאל זֶענֶען גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעלֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער הַיינְט אִיז דָאךְ אַזַא שְׁוַואכֶע דוֹר, אוּן עֶס אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא הַיינְט דִי אַלֶע זַאכְן.

דָאס אִיז דִי טַייטְשׁ פוּן יִאוּשׁ, דָאס מֵיינְט אַז מֶען הָאט שׁוֹין אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, מֶען הָאט שׁוֹין אָפְּגֶעמַאכְט אַז הַיינְט קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט זַיין קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד. אָבֶּער דָאס אִיז זִיכֶער נִישְׁט אֱמֶת. דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַז "אֵין שׁוּם יִאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלַל" - עֶס אִיז נִישְׁט


המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעבְּט צְדָקָה מוּז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן שֵׂכֶל וַוייל נָאר אַזוֹי קֶען מֶען רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים פוּן הִימְל, אוּן אַז עֶר הָאט שׁוֹין שֵׂכֶל וֶועט עֶר נִישְׁט טוּהן עֲבֵירוֹת, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ טוּט נָאר אַן עֲבֵירָה וֶוען עֶר וֶוערְט מְשׁוּגָע (סוֹטָה ג׳).

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **כִּי תֵצֵא**, גְלַייךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיס אוֹיף דֶער וֶועלְט, **לַמִלְחָמָה עַל אוֹיְבֶיךָ**, דַארְף עֶר שׁוֹין פִירְן אַ מִלְחָמָה מִיט זַיין פַּיינְט וָואס דָאס אִיז דֶער יֵצֶר הָרַע, וָואס וִויל אִים מַאכְן טוּהן עֲבֵירוֹת, **וּנְתָנוֹ ה׳ אֱלֹקֶיךָ**, אוּן אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר דִיר אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף אִים, **בְּיָדֶךָ**, זָאלְסְטוּ גֶעבְּן צְדָקָה מִיט דִי הַאנְט, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועסְטוּ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אִים, אוּן דוּ וֶועסְט נִישְׁט טוּהן קַיין עֲבֵירוֹת, אוּן נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר **וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ**, דוּ קֶענְסְט נָאךְ צוּרִיק בְּרֶענְגֶען נָאךְ מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זֵיי אַרוֹיס רַייסְן פוּן דִי הֶענְט פוּן יֵצֶר הָרַע.

וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס גֶעבְּט צְדָקָה, וֶועט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּנֶעם שְׁלֶעכְטְן יֵצֶר הָרַע.

(זֹאת הַתּוֹרָה תֵּצֵא ב)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָ"אשׁ

פַארְהַאן אַזַא זַאךְ ווִי יִאוּשׁ, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אֵיין שְׁטִיק בַּאשֶׁעפֶער, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט זִיךְ דָאס גוּט אַרַיין אִין קָאפּ, קֶען עֶר שְׁטֶענְדִיג מַאכְן אַ נֵייעֶ הַתְחָלָה, עֶר קֶען שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן דָאסְנַיי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ רֶעדְן אוּן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דוּרְךְ דֶעם זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ צַדִיק אוּן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר קֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ לַמְדָן אוּן אַ גָאוֹן. אַלֶעס ווֶוענְדְט זִיךְ נָאר וִויפִיל אַ מֶענְטְשׁ אִיז גְרֵייט צוּ אִינְוֶועסְטִירְן אוּן צוּ הָארֶעוֶוען אוּן צוּ בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן אוּן נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ בֶּעטְן, קֶען עֶר צוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט.

## מִסְתָּמֶא הָאט עֶר נִישְׁט גֶענוּג גֶעהָארֶעוֶועט

רֶבִּי נָתָן אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט דַאן גֶערֶעדְט אִיבֶּער דֶעם אַז יֶעדֶער קֶען צוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, מֶען דַארְף נָאר הָארֶעוֶוען אוּן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן. הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוֹיף אַ גֶעווִיסֶע גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, "אוּן וָואס אִיז מִיט יֶענֶעם? עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעהָארֶעוֶועט אוּן עֶר אִיז נִישְׁט צוּגֶעקוּמֶען אַסַאךְ?" רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעמֵיינְט אַז דֶער רֶבִּי וֶועט אִים זִיכֶער עֶנְטְפֶערְן אַז דָאס הָאט צוּ טוּהן מִיט דִי נְשָׁמוֹת א.ד.ג. אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "מִסְתָּמֶא הָאט עֶר נִישְׁט גֶענוּג גֶעהָארֶעוֶועט"... וַוייל דָאס אִיז קְלָאר אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף דִי רָצוֹן, עֶר אִיז זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, עֶר הָארֶעוֶועט אוּן בֶּעהְט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר זִיכֶער צוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

## אַ הוֹיכֶע נְשָׁמָה?

אַמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין אַנְדֶערֶע תַּכְלִית אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן דָאס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת, הָאבְּן זִיךְ עֶטְלִיכֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אָנְגֶערוּפְן צוּם רֶבִּי'ן: "וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר זִיךְ פַארְגְלַייכְן צוּם רֶבִּי'ן? דֶער רֶבִּי הָאט זִיכֶער אַ הֶעכֶערֶע נְשָׁמָה, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז אַן אֵיינִיקְל פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, אָבֶּער מִיר זֶענֶען דָאךְ פְּשׁוּטֶע מֶענְטְשְׁן", וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר גֶעבֵּייזֶערְט אוּן גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז אֵייעֶר טָעוּת! אִיר מֵיינְט אַז אִיךְ בִּין צוּגֶעקוּמֶען צוּ מַיינֶע מַדְרֵיגוֹת וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע נְשָׁמָה, אָדֶער וַוייל אִיךְ בִּין אַן אֵיינִיקְל פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב. דָאס אִיז אָבֶּער נִישְׁט אֱמֶת. אֲפִילוּ אִיךְ וָואלְט גֶעוֶוען דֶער פְּשׁוּט'סְטֶער מֶענְטְשׁ אוּן אִיךְ וָואלְט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן בַּיי אַ גָאר פְּשׁוּטֶער אִיד, וָואלְט אִיךְ אוֹיךְ צוּגֶעקוּמֶען צוּ דִי זֶעלְבֶּע זַאכְן, וַוייל אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ נָאר אִין וִויפִיל מֶען הָארֶעוֶועט, אִין וִויפִיל מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִין וִויפִיל מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן מֶען גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף".

דָאס אַלֵיין אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף, עֶר וֵוייסְט אַז עֶר הָאט נָאךְ אַ הָאפֶענוּנְג אַז עֶר קֶען נָאךְ אַמָאל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דָאס אִיז שׁוֹין אַ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה, וַוייל לַיידֶער זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ וָואס הָאבְּן שׁוֹין אוֹיפְגֶעגֶעבְּן.

דָאס זֶעהְט מֶען בְּגַשְׁמִיוּת אוֹיךְ, אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז מַצְלִיחַ בְּגַשְׁמִיוּת אִיז דָאס נָאר וַוייל עֶר גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף, עֶר פְּרוּבִּירְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל מִיט עַקְשָׁנוּת. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ עֶפֶענְט אַ בִּיזְנֶעס, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ דֶערְשְׁרֶעקְן אוּן אוֹיפְגֶעבְּן צוּלִיבּ יֶעדֶע דוּרְכְפַאל וָואס עֶר וֶועט הָאבְּן, וֶועט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען מַצְלִיחַ זַיין. אָבֶּער אֵיינֶער וָואס אִיז שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִויפִיל שְׁוֶוערִיקַייטְן עֶר הָאט, וִויפִיל דוּרְכְפֶעלֶער עֶר הָאט, אוּן אֲפִילוּ עֶר בַּאקוּמְט אַסַאךְ קָאנְקוּרֶענְטְן, אוֹיבּ עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ אוּן עֶר גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף אִיז עֶר צוּם סוֹף מַצְלִיחַ.

דָאס אִיז בְּגַשְׁמִיוּת, אוּן זִיכֶער אַזוֹי בַּיי רוּחְנִיוּת, אוֹיבּ מֶען גֶעבְּט אוֹיף צוּלִיבּ דֶעם וָואס מֶען הָאט שׁוֹין גֶעהַאט אַסַאךְ דוּרְכְפֶעלֶער וֶועט מֶען זִיכֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין, אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ, אוּן עֶר וֵוייסְט אוּן גֶעדֶענְקְט אַז יֶעדֶע וָוארְט וָואס עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַצְלָחָה וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, אוּן עֶר בֶּעהְט אוּן בֶּעהְט אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, וֶועט עֶר זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין.

נָאר אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט דִי שְׁלֶעכְטֶע מַלְאָכִים וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן מִיט זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אוּן דָאס פַארְדְרֵייט דִי קָאפּ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל נִישְׁט זֶעהן וָואס עֶר טוּט אוֹיף, אוּן דֶערְפַאר גֶעבְּט עֶר אוֹיף.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ, אוּן מִיט זַיינֶע אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער רֶעדְט עֶר וַוייטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט צוּבִּיסְלֶעךְ וֶוערְן אָפְּגֶעוַואשְׁן פוּן אִים זַיין שְׁלֶעכְטְס, אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד, זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָ"אשׁ חֵלֶק י׳ עֶרֶךְ יִאוּשׁ)

# לָאז נִישְׁט נָאךְ!

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל פַארְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה (סוֹף שִׁבְחֵי הָרַ"ן סִימָן לו): אֵיינְמָאל הָאט אַ קֶענִיג גֶעשִׁיקְט אַ שְׁלִיחוּת מִיט דְרֵיי פוּן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן צוּ אַ אַנְדֶערְן קֶענִיג, אוּן עֶר הָאט זֵיי אָנְגֶעזָאגְט: אִיר וֶועט יֶעצְט דַארְפְן דוּרְכְגֵיין אִין אַ אַנְדֶערֶע לַאנְד צְוִוישְׁן מַיינֶע שׂוֹנְאִים, דֶערְפַאר זָאלְט אִיר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְן אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט גֶעוואוּיר וֶוערְן אַז אִיר הָאט עֶפֶּעס אַ בַּאהַאלְטֶענֶע שְׁלִיחוּת. פַארְן עֶרְשְׁטְן אִיז טַאקֶע גֶעלוּנְגֶען דוּרְכְצוּגֵיין דֶעם לַאנְד, אָן דֶעם וָואס אֵיינֶער זָאל אֲפִילוּ כַאפְּן אַז עֶר אִיז אַ שְׁלִיחַ פוּנֶעם קֶענִיג. פַארְן צְוֵוייטְן אִיז שׁוֹין נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען, אוּן מֶען אִיז אוֹיפְגֶעקוּמֶען אוֹיף זַיינֶע שְׁפִּירְן, אוּן מֶען הָאט אִים גֶעכַאפְּט אוּן גֶעפַּיינִיגְט עֶר זָאל זֵיי אוֹיסְזָאגְן, אָבֶער עֶר הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט פוּן זֵיי מִיט 'חָכְמָה' אָדֶער מִיט 'גְבוּרָה', אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט. דֶעם דְרִיטְן הָאט מֶען אוֹיךְ גֶעכַאפְּט אוּן גֶעפַּיינִיגְט מִיט אַלֶע מִינֵי פַּיינוּנְגֶען וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין, דָאךְ הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט אִינְטֶערְגֶעגֶעבְן, אוּן וַוייטֶער גֶע'טַעֲנָה'ט: אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין סוֹד אַרוֹיס צוּגֶעבְן! בִּיז מֶען הָאט גֶעזֶעהְן אַז עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט, הָאט מֶען אִים אָפְּגֶעלָאזְט [מִסְתָּמָא וֵוייסְט עֶר טַאקֶע גָארְנִישְׁט].

אַזוֹי זֶענֶען אַלֶע דְרֵיי אָנְגֶעקוּמֶען צוּרִיק צוּם מֶלֶךְ, הָאט דֶער מֶלֶךְ גֶעפְרֶעגְט: פַאר וֶועמֶען פוּן דִי דְרֵיי קוּמְט מֶער שְׂכַר? אִיז גֶעוֶוען אַ טֵייל וָואס הָאבְּן גֶעזָאגְט: דֶעם עֶרְשְׁטְן! וַוייל עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גוּט אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט. טֵייל הָאבְּן גֶעזָאגְט: דֶעם צְוֵוייטְן! וַוייל כָאטְשִׁיג עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אִין זֵייעֶרֶע הֶענְט, דָאךְ אִיז אִים גֶעלוּנְגֶען זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן. הָאט דֶער מֶלֶךְ אַלֵיין זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: דִי שְׂכַר קוּמְט פַאר דֶעם לֶעצְטְן! וַוייל עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעוָואלְט זַיין אַזוֹי וִוי דֶעם עֶרְשְׁטְן, נָאר עֶס אִיז אִים נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, מֶען הָאט אִים גֶעפַּיינִיגְט, אוּן דָאךְ הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט אוּנְטֶערְגֶעגֶעבְן.

דֶער פְּשַׁט פוּן דִי מַעֲשֶׂה אִיז פָּשׁוּט, דֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס עֶר אִיז דֶער מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים, שִׁיקְט אַרָאפּ אַ נְשָׁמָה אוֹיף דֶער וֶועלְט, מִיט אַ 'סוֹד' וָואס דָאס אִיז דִי 'אֱמוּנָה', אוּן עֶר וָוארֶענְט אִים אָן: דוּ גֵייסְט יֶעצְט דוּרְכְגֵיין מַיינֶע שׂוֹנְאִים, וָואס דָאס אִיז דֶער 'יֵצֶר הָרַע' (עַיֵּין אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ, דְּבָרִים כ, א), אוּן דוּ זָאלְסְט זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְן מֶען זָאל דִיךְ נִישְׁט פַארְכַאפְּן, וַוייל טָאמֶער יָא אִיז בִּיטֶער. אוּן אַזוֹי לֶעבְּט אַ מֶענְטְשׁ אָפּ זַיינֶע יָארְן ווִילַאנְג עֶס אִיז אִים בַּאשֶׁערְט, אוּן נָאכְדֶעם דַארְף עֶר צוּרִיק גֵיין צוּם בַּאשֶׁעפֶער, דֶער מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים.

אוּן עֶס אִיז פַארְהַאן דְרֵיי כִּיתּוֹת וָואס גֵייעֶן דוּרְךְ אוֹיף דִי וֶועלְט: **צַדִּיקִים, בֵּינוֹנִים, רְשָׁעִים.** דִי 'צַדִּיקִים' הָאבְּן אַזוֹי אוֹיסְגֶעפָּאפְּט דֶעם 'יֵצֶר הָרַע', אַז עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שְׁלִיטָה אוֹיף זֵיי, אַזוֹי וִוי חַזַ"ל זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה לה, א), אַז דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט: אִיךְ הָאבּ שְׁטֶענְדִיג נָאר גֶעוָואלְט גֵיין אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אָבֶער ווִיבַּאלְד דֶער שָׂטָן הָאט מִיר נִישְׁט גֶעלָאזְט, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: אִיךְ גֵיי אִין טִיַאטֶער וְכוּ'! אַזוֹי אַרוּם הָאט עֶר זִיךְ אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט פוּן יֵצֶר הָרַע, אוּן זַיינֶע פִּיס הָאבְּן אִים שׁוֹין גֶעטְרָאגְן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ[1].

דִי צְוֵוייטֶע כִּתָּה וָואס זֶענֶען דִי 'בֵּינוֹנִים' ווִילְן אוֹיךְ זַיין עֶרְלִיךְ, אָבֶער דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט זֵיי שׁוֹין גֶעכַאפְּט, דָאךְ גֶעלוּנְגְט זֵיי נָאכְדֶעם זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן פוּן זַיינֶע הֶענְט, אָדֶער מִיט 'גְבוּרָה', אַז עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ אִיבֶּערְן 'יֵצֶר הָרַע', אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (אָבוֹת ד, א): **אֵיזֶהוּ 'גִּבּוֹר' הַכּוֹבֵשׁ אֶת יִצְרוֹ** – אַ גִבּוֹר אִיז דֶער וָואס בַּאזִיגְט זַיין יֵצֶר הָרַע. אָדֶער מִיט 'חָכְמָה'.

נָאכְדֶעם אִיז דָא דִי דְרִיטֶע כִּתָּה פוּן דִי 'רְשָׁעִים', אַזוֹי וִוי מִיר זֶענֶען נֶעבֶעךְ אִין דֶעם דוֹר, וָואס מִיר זֶענֶען גוּט דוּרְכְגֶעפַאלְן, אוּן דֶער יֵצֶר הָרַע פַּיינִיגְט אוּנְז גֶעפֶערְלִיךְ מִיט אַזוֹיפִיל שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶן, אוּן אַזוֹיפִיל שְׁלֶעכְטֶע וֶוערְטֶער, דֶער הֵיילִיגֶער **רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה** זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, כח וְהַרְשָׁאָה הֲלָכָה ג, אוֹת ז): אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל נָאר הָאבְּן אִין זַיין זִיבֶּעצִיג יָאר אֵיין 'הִרְהוּר רַע' קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואסְפַארַא פְּגַם דָאס אִיז. אוּן מִיר פַאלְן נֶעבֶעךְ דוּרְךְ אִין אֵיין טָאג אַלֵיין, מִיט אַזוֹיפִיל שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, שְׁלֶעכְטֶע דִיבּוּרִים, אוּן אֲפִילוּ שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, אוּן דֶער עִיקָר וָואס דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם ווִיל פוּן אוּנְז, אַז מִיר זָאלְן אוֹיפְגֶעבְן אוּנְזֶער נְשָׁמָה, אוּנְזֶער אֱמוּנָה, אוּנְזֶער אִידִישְׁקֵייט, אוּן זִיךְ מְיַיאֵשׁ זַיין חַס וְשָׁלוֹם, אָבֶער עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, וַוייל אַ אִיד קוּמְט שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

נָאכְדֶעם אִיז דָא פַארְשִׁידֶענֶע 'דֵעוֹת', פַאר וֶועם עֶס קוּמְט דֶער עִיקָר שְׂכַר, זָאגְט דֶער בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין: פַארְן דְרִיטְן קוּמְט זִיךְ דֶער שְׂכַר! וַוייל זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ גֶעוָואלְט זַיין אַזוֹי וִוי דִי עֶרְשְׁטֶע אוּן דִי צְוֵוייטֶע כִּתָּה, נָאר דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק מִתְגַּבֵּר גֶעוֶוען אוֹיף זֵיי, אַז עֶס אִיז זֵיי נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען, אוּן דָאךְ הָאבְּן זֵיי נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְן, דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער חִידוּשׁ.

וֶועגְן דֶעם דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ מוֹרָא'דִיג מְחַזֵּק זַיין, וַוייל דֶער גְרֶעסְטֶער בְּרָאךְ אִיז אַז מֶען אִיז זִיךְ מְיַיאֵשׁ, אוּן אַז אַ בָּחוּר וָואס אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן, בַּאשְׁלִיסְט: פוּן מִיר וֶועט שׁוֹין קַיין סַיִיעוּי לַייט נִישְׁט זַיין. בִּפְרַט אַז אַנְדֶערֶע קְלַאפְּן אִים אַרָאפּ אוּן זָאגְן אִים אַזַאלֶעכֶע וֶוערְטֶער, וָואס דוּרְכְדֶעם גֶעט עֶר אוֹיף, אוּן עֶר שְׁנַיידְט זִיךְ אָפּ דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת אוּן וַוארְפְט אַרָאפּ דִי קַאפְּל וְכוּ'.

וֶועגְן דֶעם אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעקוּמֶען אוּן אוּנְז גֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן עח): **אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בְּעוֹלָם כְּלַל** – עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ וִוי יֵאוּשׁ! (מִיכָה ז, ח): **כִּי נָפַלְתִּי קַמְתִּי** – אוֹיבּ בִּין אִיךְ אַרָאפְּגֶעפַאלְן וֶועל אִיךְ זִיךְ אוֹיפְהֵייבְן! אַ מֶענְטְשׁ טָאר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְן אֲפִילוּ עֶר זֶעהְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רמד): עֶס אִיז דָא אַמָאל אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר לֶערְנְט אוּן דַאוֶוענְט אַגַאנְץ לֶעבְן, אָבֶער עֶר זֶעהְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט וָואס עֶר הָאט אוֹיפְגֶעטוּהְן, דָאךְ זָאל עֶר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין אוּן אוֹיפְגֶעבְן, וַוייל עֶר וֶוען וֶועט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט, וֶועט עֶר שׁוֹין זֶעהְן וָואס עֶר הָאט גֶע'פּוֹעֵל'ט. "אַ מֶענְטְשׁ דַארְף טוּהְן וָואס עֶר קֶען, אוּן זִיךְ נִישְׁט אוּנְטֶערְגֶעבְן אוּנְטֶערְן יֵצֶר הָרַע אֲפִילוּ עֶר פַאלְט דוּרְךְ", אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער **רֶבִּי נָתָן** טַייטְשְׁט אוֹיס (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, בִּרְכַּת הַשַּׁחַר הֲלָכָה ה, אוֹתִיּוֹת מא-מב), דֶעם פָּסוּק (וַיִּקְרָא כב, ז): **וּבָא הַשֶּׁמֶשׁ וְטָהֵר וְאַחַר יֹאכַל מִן הַקֳּדָשִׁים**; אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז טָמֵא אוּן עֶר ווִיל זִיךְ רֵיינִיגְן, דַארְף עֶר הָאבְּן גֶעדוּלְד אוּן אוֹיסְוַוארְטְן זַיין יְשׁוּעָה, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְן, אֲפִילוּ עֶר פַאלְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אַרָאפּ, זָאל עֶר זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן, וַוייל עֶס וֶועט קוּמֶען דֶער טָאג וָואס עֶר וֶועט זֶעהְן וָואס עֶר הָאט אוֹיפְגֶעטוּהְן מִיט יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט.

(קוּנְטְרֵס 'לָאז נִישְׁט נָאךְ')

## מֶען לָאזְט אִיבֶּער דִי פְרוֹיעֶן?

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זָאלְסְט שָׁלוֹם מַאכְן מִיט דַיין וַוייבּ, זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיינֶעם, וָוארוּם דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם ווִיל דִיךְ אוּמְגְלִיקְלִיךְ מַאכְן, אוּן דִי רְשָׁעִים וָואס זֵיי רֶעדְן אַיין דִי פְרוֹיעֶן אַז בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידִים הָאבְּן נִישְׁט קַיין שָׁלוֹם בַּיִת, זֶענֶען פְּשׁוּטֶע רְשָׁעִים אוּן רֶעדְן לָשׁוֹן הָרָע, וַוייל אַן אֶמֶת'ער בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד וָואס פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, אִיז זֵייעֶר מְכַבֵּד דָאס וַוייבּ, וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (יְבָמוֹת סב.) הָאוֹהֵב אֶת אִשְׁתּוֹ כְּגוּפוֹ וְהַמְכַבְּדָהּ יוֹתֵר מִגּוּפוֹ עָלָיו הַכָּתוּב אוֹמֵר "וְיָדַעְתָּ כִּי שָׁלוֹם אָהֳלֶךָ"; אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד וָואס פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אִיז זֵייעֶר מְכַבֵּד דָאס וַוייבּ, אוּן הֶעלְפְט אִיר אַרוֹיס מִיט אַלֶעם, אוּן עֶס אִיז פַארְהַאנֶען שְׁלֶעכְטֶע פְרוֹיעֶן וָואס זֶענֶען מְקַנֵּא דִי חַבֶרְטֶ'עס וָואס זֵיי הָאבְּן מֶענֶער בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידִים אוּן זַיין לֶעבְן צֶעזַאמֶען מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט אוּן הֶעלְפְן אַרוֹיס אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן וְכוּ', אוּן זֵיי הָאבְּן עֶס נִישְׁט, אִיבֶּערְדֶעם רֶעדְן זֵיי אָן דִי פְרוֹיעֶן אַקֶעגְן בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידִים, אוּן דָאס אִיז אַ פַאקְט וָואס מֶען קֶען זֶען, אַ יוּנְגֶערְמַאן וָואס הִיט אָפּ זַיין שָׁלוֹם בַּיִת אִיז אַן אֶמֶת'ער בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד.

וָואס אִיז גֶעשֶׁען? אֵיינְמָאל אַ יָאר פָארְט עֶר אַוֶועק אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן! וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען מַאכְן אַזַא אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ? עֶס אִיז דָא חֲסִידִים וָואס זֵיי פָארְן עֶטְלִיכֶע מָאל אִין יָאר צוּ זֵייעֶרֶע רֶבִּי'ס אוּן לָאזְן אִיבֶּער זֵייעֶרֶע פְרוֹיעֶן, אוּן עֶס קֶערְט זִיךְ נִישְׁט אִיבֶּער דִי וֶועלְט. נָאר אַז אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד פָּארְט אֵיינְמָאל אִין יָאר אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִים קוּמְט בִּזְיוֹנוֹת אוּן שְׁפִיכוּת דָמִים מַחְלוֹקֶת קְרִיגֶערֵייעֶן וְכוּ' וְכוּ'? בִּשְׁעַת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעבֶּעטְן אַז יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס עֶס גְלֵייבְּט אִין אִים אוּן לֶערְנְט זַיין תּוֹרוֹת, זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר וֶועט אִים אַ טוֹבָה טוּן. אִיז דֶען גֶעוֶועזְן אַמָאל אַ צַדִּיק וָואס הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעבֶּעטְן זַיינֶע תַּלְמִידִים אוּן חֲסִידִים אַז זֵיי זָאלְן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה? אוּן דָא הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּפֵירוּשׁ גֶעבֶּעטְן בַּיי דִי תַּלְמִידִים אַז זֵיי זָאלְן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט עֶר זֵיי אַ טוֹבָה טוּן אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר.

המשך בדף ד

# מֶען לָאזְט אִיבֶּער דִי פְּרוֹיעֶן?

המשך

גֶעוואַלְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן! דִי חַזַ"ל זָאגְן (בֵּיצָה ט"ז.) רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ פַאַרְן מֶענְטְשׁ זַיין בּוּדְזְשֶׁעט אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, וְויפִיל פַּרְנָסָה עֶר וֶועט הָאבְּן. וְוידֶער זָאגְן דִי חַזַ"ל (רֹאשׁ הַשָּׁנָה טז:) רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז מֶען דַן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר וָואס מִיט אִים וֶועט פַּאסִירְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן לֵיידֶער זֶעעֶן מִיר וָואסְפַאַרַא אוּמְגְלִיקְן פַּאסִירְט יֶעדְן טָאג לֹא עָלֵינוּ, וְויפִיל יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן וֶוערְן פַאַרְכַאפְּט אָפְּגֶעהִיטְן זָאל מֶען וֶוערְן, וְויפִיל קִינְדֶער גֵייעֶן אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט? וְויפִיל עֶקְסִידֶענְטְן פַּאסִירְן? וְויפִיל פֵייעֶרְן וֶוערְן אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אוּן פַאַרְבְּרֶענֶען אַלֶעס? וְויפִיל מֶענְטְשְׁן וֶוערְן אָן דָאס גֶעלְט אִין אֵיין נַאכְט אוּן וֶוערְן אָרִים, וְכוּ׳, וְכוּ׳? אוּן וְויפִיל צָרוֹת אִיז דָא, וְכוּ׳, וְכוּ׳!? אוּן דָא שְׁטֵייט אַ רֶבִּי אוּן שְׁרַייט פַאר זַיינֶע חֲסִידִים אוּן תַּלְמִידִים אוּן פַאר יֶעדְן אִיד: "קוּם צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט אַייךְ גוּט זַיין אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר!".

אִיז אַנְשְׁטָאט מֶען זָאל פְרֵייעֶן זִיךְ אַז דֶער מַאן פָּארְט צוּ אַזַא הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶועְן אַזַא הֵיילִיגֶע הַבְטָחָה, אוּן בֶּעט זִיךְ אוֹיס אַ גוּט יָאר פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי וַוייבּ אוּן פַאר דִי קִינְדֶער וְכוּ׳, קוּמְט אִים אוֹיף דֶעם פַאַרְשְׁטֵיינֶערְן? קוּמְט אִים אוֹיף דֶעם מֶען זָאל אִים מְבַזֶה זַיין אוּן שֶׁעלְטְן אוּן פַאַרְשֶׁעמֶען וְכוּ׳? קוּמְט וֶועגְן דֶעם צֶעבְּרֶעכְן אַ שְׁטוּב? דָאס וַוייבּ דַארְף דָאךְ טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז אִיר מַאן אִיז גֶעפָאַרְן צוּ אַזַא הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מְקַיֵים זַיין דֶעם רָצוֹן פוּן צַדִיק!

מֶען זֶעט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אִין אַ צָרָה גֶע'מִשְׁפָּט צוּ וֶוערְן פַאר אַ גְרוֹיסְן שׁוֹפֵט, דֶעמָאלְטְס נֶעמְט עֶר דֶעם גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גֶעלְט, וָוארוּם מֶען גֵייט אִים פַאַרְמִשְׁפָּטְן אוֹיף טוֹיט חַס וְשָׁלוֹם, דֶעמָאלְטְס פַאַרְקוֹיפְט דִי וַוייבּ אַלֶעס וָואס זִי הָאט, אַבִּי אַז אִיר גֶעטְרֵייעֶ מַאן זָאל הָאבְּן גֶעלְט פַאר אַ גְרוֹיסְן לוֹיעֶר וָואס זָאל אִים קֶענֶען פַאַרְטֵיידִיגְן. אָדֶער וֶוען אַ דָאקְטֶער הָאט עֶרְפִינְדְן דֶעם בִּיטֶערֶע מַחְלָה בַּיי אֵיינֶעם לֹא עָלֵינוּ, וָואס טוּט עֶר נִישְׁט צוּ גֵיין צוּם גְרֶעסְטְן פְּרָאפֶעסֶער אִין דֶער וֶועלְט עֶר זָאל אִים קֶענֶען הֵיילְן? עֶר קַארְגְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, דָאס גֶעטְרֵייעֶ וַוייבּ טְרַייבְּט אִים: "פָאר צוּם גְרֶעסְטְן פְּרָאפֶעסֶער, אוּן קוּק נִישְׁט אוֹיף גֶעלְט, אַבִּי דִי זָאלְסְט הָאבְּן אַ רְפוּאָה מַיין גֶעטְרֵייעֶ מַאן!"

אוּן דָא אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס מֶען אִיז דַן יֶעדְן אֵיינְצִיגְן מַאן, וַוייבּ, קִינְדֶער; אוּן דֶער מַאן הָאט בַּאשְׁלָאסְן עֶר פָּארְט צוּ אַזַא גְרוֹיסְן אוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער לוֹיעֶר, פַאַרְטֵיידִיגְט יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס עֶר קוּמְט צוּ אִים עֶר זָאל הָאבְּן אֲרִיכוּת יָמִים, עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער דָאקְטֶער וָואס עֶר הֵיילְט יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן עֶר פּוֹעֶל'ט בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דִי אַלֶע וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶועְן בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאלְן הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אוּן עֶס זָאל אִים גָארְנִישְׁט פֶעלְן אַ גַאנְץ יָאר, אִיבֶּערְדֶעם קוּמְט דֶעם מַאן אַזוֹי צוּ רוֹדֶפְ'ן?

דָאס פְרֶעג אִיךְ יֶעדֶע פְרוֹי וָואס זִי רוֹדֶפְ'ט דֶעם מַאן וָואס אִיז גֶעוֶועְן אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, צִי דַארְפְסְטוּ דֶען צוּהֶערְן דַיין חַבֶרְ'טֶע וָואס אִיז דִיר מְקַנֵא אַז דוּ הָאסְט אַזַא גֶעטְרֵייעֶ מַאן וָואס הֶעלְפְט דִיר אַרוֹיס אַ גַאנְץ יָאר, אוּן עֶטְץ הָאטְץ אַזַא לֶעכְטִיגְן שָׁלוֹם בַּיִת?

(אשר בנחל באידיש חלק א׳ מכתב מ"ה)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

## מען גרייט זיך צו פארן אויף אומאן

אנשי שלומינו די בכל אתר ואתר גרייטן זיך צו פארן אויף ראש השנה צו אומאן, אזוי ווי דער רבי האט אנגעזאגט אז יעדער זאל קומען צו אים ראש השנה, קיינער טאר נישט פעלן.

וועמענס הארץ ציטערט נישט פונעם פארכטיגן יום הדין, ווען דער אייבערשטער שרייבט אן פאר יעדן איינעם אלעס וואס עס וועט געשעהן צו אים במשך די גאנצע יאר, און דא זאגט דער רבי אז ווער עס קומט צו אים אויף ראש השנה וועט ער אים פארטיידיגן און זעהן דערצו אז מען זאל אים אנשרייבן א גוט געבענטשט יאר, איז דאך זיכער אז יעדער וויל האבן די זכי׳ צו זיין אין אומן אויף ראש השנה, און זוכה זיין צו א גוט געבענטשט יאר.

מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז אויך דאס יאר געלונגען צוזאמצושטעלן א פליגער, ווי אלע אנשי שלומינו מיט די בחורי הישיבה וועלן פארן אינאיינעם מיט מוהרא"ש שליט"א אויף אומן.

עס איז נאך דא צו באקומען גאר ביליגע טיקעטס צו פארן אויף ראש השנה, החכם עיניו בראשו צו קויפן ווי פריער פאר עס גייט ארויף די פרייזן.

כאיש אחד בלב אחד וועט מען אינאיינעם פארן, און זיכער אויס'פועל'ן ישועות און רפואות און א זיס לעכטיג יאר.

**איש בל יעדר!**


# אומאן ראש השנה!

ווען איר פארט אויף אומאן, בלייבט פארבינדען מיט אייער פאמיליע

**~ מיר האבן די בעסטע און ביליגסטע טעלעפאנ'ס ~**

**~ אויך מאכן מיר טרעוול אינשורענס ~**

ווילט איר פארגרינגערן אייער נסיעה?
נעמט מיט אונזער איבערטייטשער צעטל, אידיש-לשה"ק-רוסיש

רופט אונז פאר די בעסטע פרייזן און שנעלסטע סערוויס

אייער פריינד, אלי קנאל

888-RENT A CE(LL)
888-736-8223
888rentacell@gmail.com



## ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע ספרי ברסלב

**27 Skillman St.**

**אדער רופט 347-977-7994**



## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה יואל פארקאש הי"ו**

**צו די געבורט פון א אינגל למז"ט**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער, דורות ישרים ומבורכים.



## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!

**וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים**

שנעל גוט און ביליג!

**רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554**

**5554printing@gmail.com**



**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א


**זמנים**

הדלקת הנרות......................6:25
סוף זמן קר"ש......................9:07
מוצש"ק................................8:21

**שיעורים כסדרן**

בבלי...............................חגיגה ה'
ירושלמי.........................חגיגה ג'
תוספתא.............שבת פרק ט'


פרשת כי תבא, י"ח אלול, אבות פרק ג'-ד, שנת תשע"ד לפ"ק
שנה 3, גליון 55 (155)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְהָיָה כִּי תָבוֹא אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לְךָ נַחֲלָה וִירִשְׁתָּהּ וְיָשַׁבְתָּ בָּהּ.** דֶער הֵיילִיגֶער "אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ" טַייטְשׁ דֶעם פָּסוּק, **וְהָיָה**, אִיז אַ לָשׁוֹן שִׂמְחָה. וֶוען קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ? **כִּי תָבוֹא אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לְךָ**, וֶוען דוּ וֶועסְט קוּמֶען אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים קכו) **אָז יִמָּלֵא שְׂחוֹק פִּינוּ.**

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ז') אַז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז מְרַמֵּז אוֹיף אֱמוּנָה, אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פִילְט מֶען מֶער דִי הַשְׁגָּחָה אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט **תָּמִיד עֵינֵי ה' אֱלֹקֶיךָ בָּהּ מֵרֵשִׁית הַשָּׁנָה וְעַד אַחֲרִית שָׁנָה.**

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קנ"ה) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה קֶען עֶר דוּרְךְ מַאכְן אַלֶע שְׁוֶועריִקַייטְן, וַוייל עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעם נָאר צוּם גוּטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דֶער אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ זָאגְט אַז דוּרְךְ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ, אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז מְרַמֵּז אוֹיף אֱמוּנָה, נָאר וֶוען מֶען הָאט אֱמוּנָה קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל דִי אֱמוּנָה הֶעלְפְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ קֶענֶען אִיבֶּער קוּמֶען אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת אוּן שְׁוֶועריִקַייטְן.

עֶר בְּרֶענְגְט דֶעם פָּסוּק "**אָז**" **יִמָּלֵא שְׂחוֹק פִּינוּ**, וַוייל נָאר "**אָז**" - "**דֶעמָאלְט**" וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זַיין דִי רִיכְטִיגֶע שִׂמְחָה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. וַוייל לֵיידֶער הָאבְּן דִי רְשָׁעִים דִי עֶרֶב רַב הַיינְט מְטַמֵּא גֶעוֶוען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט שְׁלֶעכְטְס, אוּן זֵיי זֶענֶען מַכְשִׁיל דִי אִידְן מִיט אַלֶע מִינֵי עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן דֶערְפַאר זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א) אַז וואוּ אִידְן וואוֹינֶען אוּן פִירְן זִיךְ דָארְט אוֹיף עֶרְלִיךְ, הֵיילִיגְן זֵיי דָאס פְּלַאץ אוּן עֶס בַּאקוּמְט דִי קְדוּשָּׁה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. קוּמְט אוֹיס אַז הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז דִי קְדוּשָּׁה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִין דִי בָּתֵּי מִדְרָשִׁים אוּן יְשִׁיבוֹת אוּן תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס. וואוּ מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אוּן מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף עֶרְלִיךְ, דָארְט אִיז דִי אֱמֶת'עֶ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס בְּרֶענְגְט אֱמוּנָה, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט דִי רִיכְטִיגֶע שִׂמְחָה צוּ קֶענֶען זַיין בֶּאֱמֶת פְרֵיילִיךְ וִויסֶענְדִיג אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג אוּן עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט צוּ הֶעלְפְן וֶוער עֶס

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ דֶערְצֵייל עֶס פַאְרן אֵייבֶּערְשְׁטְן ~

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד') אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט עֲבֵירוֹת וֶוערְט דָאס אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זַיינֶע בֵּיינֶער אוּן דָאס צוּבְּרֶעכְט זַיינֶע בֵּיינֶער, אוּן דִי עֵצָה דֶערְצוּ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה צוּ זַיין, צוּ אַרוֹיסְזָאגְן מִיטְן מוֹיל פַאְרן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהן, אוּן דֶעמָאלְטְס גֵייעֶן דִי עֲבֵירוֹת אַרוֹיס פוּן דִי בֵּיינֶער, אוּן מֶען וֶוערְט צוּרִיק גֶעזוּנְט.

דָאס מֵיינְט אַז אַלֶע צָרוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ לַיידְט אִיז פָּשׁוּט פוּן זַיינֶע עֲבֵירוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהן, וָואס דָאס צוּבְּרֶעכְט אִים דִי בֵּיינֶער, עֶס מַאכְט אִים אָן צָרוֹת אוּן לָאזְט אִים נִישְׁט אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן וִוי גֶעהֶערִיג.

מֶען זֶעהט אַז וֶוען מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן דוּרְךְ צָרוֹת, זוּכְן זֵיי אֵיינֶעם וָואס זָאל זֵיי אוֹיסְהֶערְן, אוּן פַארְשְׁטֵיין זֵייעֶר וֵוייטָאג, מֶען גֵייט צוּ דָאקְטוֹרִים אוּן צוּ פְּסִיכִיאָלָאגְן, אַז זֵיי זָאלְן אוֹיסְהֶערְן אוּן אַרָאפְּנֶעמֶען דִי זַאכְן וָואס דְרוּקְן אוֹיפְן הַארְץ, אָבֶּער בֶּאֱמֶת לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט, קֶען מֶען דָאס טוּהן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, מֶען דֶערְצֵיילְט פַאְרן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס לִיגְט אוֹיפְ'ן הַארְץ, אוּן מֶען בֶּעהְט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אַז מֶען זָאל שׁוֹין אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אִין וָואס מֶען אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס גַאנְצֶע הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נֶעמְט עֶר מִיט דֶעם אַרָאפּ אַלֶע שְׁוֶועֶרֶע שְׁטֵיינֶער וָואס לִיגְן אוֹיפְן הַארְץ, אוּן מֶען וֶוערְט אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ.

### פַארְוָואס הָאסְטוּ עֶס גֶעטוּהן?

עֶס אִיז אָבֶּער נִישְׁט גֶענוּג סְתַּם צוּ זָאגְן פַאְרן אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי עֲבֵירָה וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהן, מֶען דַארְף אוֹיךְ זָאגְן פַאְרן אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי סִיבָּה וָואס הָאט צוּגֶעבְּרֶענְגְט

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

בֶּעהְט אִים.

(זֹאת הַתּוֹרָה תָּבֹא א')

***

**וְלָקַח הַכֹּהֵן הַטֶּנֶא מִיָּדֶךָ וְהִנִּיחוֹ לִפְנֵי מִזְבַּח ה' אֱלֹקֶיךָ וְגוֹ' וַיָּרֵעוּ אֹתָנוּ הַמִּצְרִים וַיְעַנּוּנוּ וְגוֹ', וַנִּצְעַק אֶל ה' וְגוֹ' וַיּוֹצִאֵנוּ ה' מִמִּצְרַיִם וְגוֹ'.**

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט אוּנְז דָא לֶערְנֶען וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ דַארְף גֵיין צוּ אַ צַדִיק, אוּן פוּן וואו אַ מֶענְטְשׁ קֶען וִויסְן צוּ עֶר גֵייט טַאקֶע צוּ אַן אֱמֶת'ן צַדִיק.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל') אַז אַ צַדִיק אִיז אַזוֹי וִוי אַ דָאקְטֶער, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר אִיז וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף עֶר גֵיין צוּם דָאקְטֶער, צוּם צַדִיק, אַז עֶר זָאל אִים מְחַזֵק זַיין אוּן אִים אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט צוּ אַ צַדִיק דַארְף עֶר שְׁטֶענְדִיג מַאכְן דֶעם חֶשְׁבּוֹן: "בַּאקוּם אִיךְ עֶפֶּעס פוּן דֶעם צַדִיק? לֶערְנְט עֶר מִיר אוֹיס צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? "אוֹיבּ דֶער עֶנְטְפֶער אִיז "יָא", דֶעמָאלְט אִיז מֶען אוֹיף אַ גוּטֶע פְּלַאץ, אוֹיבּ אָבֶּער דֶער צַדִיק לֶערְנְט גָארְנִישְׁט אוֹיס, מֶען בַּאקוּמְט גָארְנִישְׁט פוּן אִים נָאר פַארְקֶערְט, עֶר בַּאקוּמְט נָאר גֶעלְט אוּן דֶער תַּלְמִיד בַּאקוּמְט גָארְנִישְׁט, דַאן דַארְף מֶען גֵיין זוּכְן אַ צְוֵוייטְן רֶבִּי'ן וָואס קֶען יָא עֶפֶּעס גֶעבְּן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וְלָקַח הַכֹּהֵן הַטֶּנֶא מִיָּדֶךָ וְהִנִּיחוֹ לִפְנֵי מִזְבַּח ה' אֱלֹקֶיךָ**, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְף מֶען זֶעהן אוֹיבּ דֶער צַדִיק נֶעמְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט פַאר זִיךְ גָארְנִישְׁט, עֶר דַארְף נִישְׁט קַיין גֶעלְט, עֶר ווִיל דִיר נָאר צוּבְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְנָאךְ זֶעהסְטוּ אַז, **וַיָּרֵעוּ אֹתָנוּ הַמִּצְרִים וַיְעַנּוּנוּ וְגוֹ' וַנִּצְעַק אֶל ה' וְגוֹ' וַיּוֹצִאֵנוּ ה' מִמִּצְרַיִם וְגוֹ'**, אַז קוֹדֶם בִּיזְטוּ גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם, פִיל מִיט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת אוּן מִדוֹת רָעוֹת, אוּן דֶער צַדִיק הָאט דִיר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי הֶעלְפְט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דוּ גֵייסְט אַרוֹיס פוּן דַיין מִצְרַיִם, דוּ גֵייסְט אַרוֹיס פוּן דַיין שְׁלֶעכְטְס, דֶעמָאלְט וֵוייסְטוּ אַז דוּ בִּיזְט אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן פְּלַאץ, בַּיים רִיכְטִיגְן צַדִיק, אוּן דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן.

(זֹאת הַתּוֹרָה תָּבֹא ג')

# שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

צוּ טוּהן דִי עֲבֵירָה. וֶוען מֶען פַארֶענְטְפֶערְט זִיךְ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאגְט אִים דִי סִיבּוֹת וָואס הָאבְּן גוֹרֵם גֶעוֶוען אַז מֶען אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן, מִיט דֶעם נֶעמְט מֶען אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַלֶע דִינִים אוּן אַלֶע קִטְרוּגִים.

חַזַ"ל זָאגְן (מֶדְרָשׁ רַבָּה שׁוֹפְטִים, ה) כְּשֶׁיֵּשׁ דִין לְמַטָּה אֵין דִין לְמַעְלָה, דָאס מֵיינְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ אַלֵיין דָן, עֶר מִשְׁפָּט זִיךְ אַלֵיין, פוּן אֵיין זַייט זָאגְט עֶר אַרוֹיס דִי שְׁלֶעכְטְס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהן, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאגְט עֶר אוֹיךְ דִי לִימוּד זְכוּת אוּן דִי סִיבּוֹת וָואס הָאבְּן אִים צוּגֶעבְּרֶענְגְט דֶערְצוּ, דֶעמָאלְטְס אִיז מֶען אִים שׁוֹין מֶער נִישְׁט דַן אוֹיבְן אִין הִימְל, אוּן עֶר וֶוערְט גֶערַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶע סָארְט עוֹנְשִׁים אוּן יִסוּרִים.

אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (פִּנְחָס, דַף רל"א) שְׁטֵייט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דֶערְצֵיילְט גְלַייךְ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהן, אוּן עֶר בֶּעהְט אִיבֶּער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁפֶּעטֶער וֶוען דֶער מַלְאָךְ הַמְקַטְרֵג קוּמְט אוּן עֶר וִויל אוֹיסְזָאגְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעטוּהן, זָאגְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, "דוּ דַארְפְסְט מִיר גָארְנִישְׁט דֶערְצֵיילְן, דֶער מֶענְטְשׁ הָאט מִיר שׁוֹין אַלֶעס אַלֵיין דֶערְצֵיילְט".

### וָואס טוּט זִיךְ נָאכְדֶעם?

מִיר זֶעהן בַּיי דִי פַּרְשָׁה פוּן קֹרַח, קֹרַח הָאט גֶעקְרִיגְט אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, עֶר הָאט גֶע'טַעֲנָה'ט (בַּמִּדְבָּר טז, ג) רַב לָכֶם כִּי כָל הָעֵדָה כֻּלָּם קְדֹשִׁים וּבְתוֹכָם ה' וּמַדּוּעַ תִּתְנַשְּׂאוּ עַל קְהַל ה', אַלֶע אִידְן זֶענֶען הֵיילִיג, פַארְוָואס הַאלְט זִיךְ מֹשֶׁה גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע אִידְן? אוּן דִי סוֹף פוּן קֹרַח אִיז גֶעוֶוען אַז עֶר אִיז אַייְנְגֶעשְׁלוּנְגֶען גֶעוָוארְן אִין דֶער עֶרְד צוּזַאמֶען מִיט זַיין גַאנְצֶע גֶעמֵיינְדֶע, אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן פוּן זֵיי.

כִּמְעַט דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער גֶעפִינֶען מִיר בַּיי מִרְיָם אוּן אַהֲרֹן, זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט אוֹיף מֹשֶׁה, הֲרַק אַךְ בְּמֹשֶׁה דִּבֶּר ה' הֲלֹא גַּם בָּנוּ דִבֵּר, פַארְוָואס הַאלְט זִיךְ מֹשֶׁה גְרֶעסֶער? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶערֶעדְט מִיט אוּנְז אוֹיךְ, נִישְׁט נָאר צוּ אִים.

לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, פַארְוָואס זֶענֶען זֵיי נִישְׁט גֶעשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארְן מִיט דִי הַארְבֶּע שְׁטְרָאף וָואס קֹרַח וַעֲדָתוֹ זֶענֶען גֶעשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארְן, זֵיי הָאבְּן דָאךְ גֶעזָאגְט בְּעֶרֶךְ דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ?

נָאר דֶער תֵּירוּץ אִיז אַז עֶס וֶוענְדְט זִיךְ וָואס מֶען טוּט נָאכְדֶעם, בַּיי מִרְיָם אוּן אַהֲרֹן גְלַייךְ וֶוען מֶען הָאט זֵיי פָארְגֶעהַאלְטְן אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעטוּהן רִיכְטִיג, הָאבְּן זֵיי גְלַייךְ תְּשׁוּבָה גֶעטוּהן אוּן חֲרָטָה גֶעהַאט, זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט, בִּי אֲדֹנִי אַל נָא תָשֵׁת עָלֵינוּ חַטָּאת אֲשֶׁר נוֹאַלְנוּ וַאֲשֶׁר חָטָאנוּ, זֵיי הָאבְּן מוֹדֶה גֶעוֶוען אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט רִיכְטִיג גֶעטוּהן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי מוֹחֵל גֶעוֶוען, אָבֶּער קֹרַח הָאט זִיךְ וַוייטֶער גֶעהַאלְטְן מִיט זַיין עַקְשָׁנוּת בִּיזְן סוֹף, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מוֹדֶה זַיין, אוּן דֶערְפַאר אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַייְנְגֶעזוּנְקֶען אִין דֶער עֶרְד, אוּן אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעמֶעקְט גֶעוָוארְן פוּן דִי וֶועלְט.

דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע לִימוּד פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, בִּיזְט דוּרְכְגֶעפַאלְן? דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט זִיךְ מִתְגַבֵּר גֶעוֶוען אוֹיף דִיר? לוֹיף נִישְׁט אַוֶועק יֶעצְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר אַדְרַבָּה, גְלַייךְ נָאכְדֶעם דֶערְצֵייל עֶס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַנְטְשׁוּלְדִיגְט דִיךְ פַאר אִים, "בַּאשֶׁעפֶער, וָואס זָאל אִיךְ טוּהן? אִיךְ הָאבּ אַ גְרוֹיסֶע יֵצֶר הָרַע, אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט מִתְגַבֵּר זַיין, אוּן אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעפַאלְן, זֵיי מִיר מוֹחֵל, אוּן הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל עֶס מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט טוּהן".

# שִׂיחוֹת מוֹהַרְאַ"שׁ

דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת י"ב) כָּל הָעוֹשֶׂה עֲבֵירָה וּמִתְבַּיֵּשׁ בָּהּ, מוֹחֲלִין לוֹ עַל כָּל עֲווֹנוֹתָיו, דָאס מֵיינְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט אַן עֲבֵירָה, אָבֶּער עֶר שֶׁעמְט זִיךְ מִיט דֶעם, עֶר שֶׁעמְט זִיךְ אַז עֶר הָאט גֶעקֶענְט טוּהן אַזַא זַאךְ, עֶר דֶערְצֵיילְט עֶס גְלַייךְ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ הָאבּ דָאס אוּן דָאס גֶעטוּהן", דָאס מַאכְט אַז עֶר זָאל זִיךְ שֶׁעמֶען דֶערְמִיט, אוּן עֶר בֶּעהְט גְלַייךְ אִיבֶּער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְלַייךְ מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן זָאגְן אַז דָאס אִיז אַזוֹי וִוי אַ קְלֵייד וָואס הָאט בַּאקוּמֶען אַ פְלֶעק, אוֹיבּ וַואשְׁט מֶען גְלַייךְ אָפּ דֶעם פְלֶעק, קוּמְט עֶס אִינְגַאנְצְן אַרָאפּ אוּן עֶס בְּלַייבְּט אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין צֵייכְן אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פְלֶעק, אוֹיבּ אָבֶּער מֶען לָאזְט דִי פְלֶעק פַאר אַ לֶענְגֶערֶע צַייט, אִיז עֶס שׁוֹין אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער אַרָאפְּצוּנֶעמֶען, אוּן אַסַאךְ מָאל, קֶען מֶען עֶס שׁוֹין בִּכְלָל נִישְׁט אַרָאפְּנֶעמֶען נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט, אָבֶּער וֶוען מֶען הָאט שֵׂכֶל אוּן מֶען וַואשְׁט עֶס גְלַייךְ אָפּ, בְּלַייבְּט נִישְׁט קַיין זֵכֶר דֶערְפוּן.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט דִי נְשָׁמָה, יֶעדֶע עֲבֵירָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט מַאכְט אַ פְלֶעק אוֹיף זַיין נְשָׁמָה, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל טוּט עֶר גְלַייךְ תְּשׁוּבָה אוּן מִיט דֶעם וֶוערְט אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעווּישְׁט דִי פְלֶעק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִים גְלַייךְ מוֹחֵל, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען לָאזְט עֶס וַוארְטְן לַאנְג, אִיז שׁוֹין אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער צוּ תְּשׁוּבָה טוּהן.

דֶערְפַאר דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ צוּגֶעוואוֹינֶען אַז וִוי נָאר עֶר טוּט עֶפֶּעס קֶעגְן דֶעם רְצוֹן ה', בְּמַחְשָׁבָה, בְּדִבּוּר, אָדֶער בְּמַעֲשֶׂה, זָאל עֶר גְלַייךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ גְלַייךְ פַארֶענְטְפֶערְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן בֶּעטְן אוֹיךְ אוֹיף וַוייטֶער אַז עֶר זָאל מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן, אוּן אוֹיף אַזַא וֶועג וֶועט עֶר שְׁטֶענְדִיג זַיין רֵיין פוּן עֲבֵירוֹת, אוּן מִיט דִי צַייט וֶועט דָאס אִים הֶעלְפְן אוּן אִים אָפְּהִיטְן אַז עֶר זָאל טַאקֶע קֵיינְמָאל נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן, אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין אַרוֹיפְצוּקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אִינְגַאנְצְן רֵיין.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרְאַ"שׁ חֵלֶק ב', ג', ז', י', עֶרֶךְ וִידּוּי)

## וָואס אִיז בְּרֶסְלְב?

עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ וִויסְן אַז מֶען קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן דַארְף מֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין שׁוּם בְּרִיָה אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָוארוּם אַזוֹי וִוי אַ קְרַאנְקֶער גֵייט אַרַיין אִין אַ שְׁפִּיטָאל זֶעט עֶר דָארְטְן אַלֶע סָארְטְן קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן וְכוּ', וֶועט עֶר דֶען צוּרִיק הַאלְטְן זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְצוּגֵיין? עֶר וֵוייסְט אַז עֶר אִיז קְרַאנְק, אוּן עֶר דַארְף אוֹיסְגֶעהֵיילְט וֶוערְן, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע קְרַאנְקֶע וְכוּ'.

אַזוֹי וִוי סְ'אִיז בְּגַשְׁמִיּוּת אַזוֹי אִיז אוֹיךְ בְּרוּחְנִיּוּת, אִין אוּמַאן קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזֶענְטֶער מֶענְטְשְׁן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיין פְּרָאבְּלֶעם וְכוּ', אוּן מִיט זַיין צָרָה וְכוּ', אוּן עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּנוֹיף פַארְשִׁידֶענֶע עֶרְלֵיי מֶענְטְשְׁן וְכוּ', דַארְף מֶען וִויסְן אַז דֶער צַדִּיק הָאט אַ תִּיקוּן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן קֵיינֶער זָאל זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן מִיט אַנְדֶערֶע, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַ פְּלַאץ בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט אַוֶועקְטְרַייבְּן אַן אַנְדֶערְן, אוּן דֶער וָואס עֶר טוּט דָאס אִיז אַלֵיין אַ חוֹטֵא וּפוֹשֵׁעַ, וְכוּ', וְכוּ', דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי קֶען פַארֶערְכְטְן יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס קוּמְט צוּ אִים, אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַ תִּיקוּן, זָאל עֶר זַיין וִוי אַזוֹי עֶר זָאל זַיין וְכוּ'.

מֶען גֶעפִונְט, עֶס שְׁטֵייט בַּיי דָוִד הַמֶּלֶךְ (שְׁמוּאֵל א', כ"ב ב') "וַיִּתְקַבְּצוּ אֵלָיו כָּל אִישׁ מָצוֹק וְכָל אִישׁ אֲשֶׁר לוֹ נֹשֶׁא וְ'כָל אִ'ישׁ מַ'ר נֶ'פֶשׁ וַיְהִי עֲלֵיהֶם לְשָׂר וַיִּהְיוּ עִמּוֹ כְּאַרְבַּע מֵאוֹת אִישׁ" וָוארוּם בַּיי דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאבְּן זִיךְ צַאמְגֶעקְלִיבְּן אַלֶע פַארְבִּיטֶערְטֶע אוּן אַלֶע צֶעבְּרָאכֶענֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן וואוּנְדֶער נָאךְ וואוּנְדֶער אַז וְ'כָל אִ'ישׁ מַ'ר נֶ'פֶשׁ אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אוּמַ"ן, אִיבֶּער דֶעם טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, מֶען דַארְף וִויסְן אַז אִיךְ קוּם צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַז יֶעדֶער זָאל קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוּן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר פַארֶערְכְט יֶעדְן אֵיינֶעם, אִיבֶּערְדֶעם טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן קַיין שׁוּם בְּרִיאָה אוֹיף דֶער וֶועלְט.

אֱמֶת עֶס דְרֵייט זִיךְ אַרוּם מְשׁוּגָעִים וְכוּ' וָואס זִינְגֶען נַ' נַח' וְכוּ', וָואס דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן וִוי סְ'אִיז בַּאוואוּסְט בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט אַז אַ אִיד מִיטְן נָאמֶען ר' יוֹאֵל אַשְׁכְּנַזִי זַ"ל וָואס הָאט גֶעוואוֹינְט אִין טְבֶרְיָה הָאט דָאס אַרַיינְגֶעלֵייגְט בַּיי יֶענֶעם אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אוּן עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ גֶעמֵיינְט אַז עֶר הָאט בַּאקוּמֶען פוּן הִימְל אַ צֶעטְל... אוּן פוּן דֶעם אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסְן דָאס מְשׁוּגַעַת, וְכוּ', אָבֶּער סְ'הָאט בִּכְלָל נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיט בְּרֶסְלְבֶער חֲסִידוּת, נָאר אַזוֹי וִוי דֶער סַמֶ"ךְ מֵ"ם לָאקֶערְט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס עֶס וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן, אוּן שְׁטֶעלְט אִים מְנִיעוֹת אוֹיפְן וֶועג וְכוּ', אִיז דָאס אוֹיכֶעט אַ גְרוֹיסֶער מְנִיעָה, וָוארוּם טַאטֶעס הָאבְּן אַ טַעֲנָה צוּ זֵייעֶרֶע קִינְדֶער וְכוּ', קוּק עֶס דְרֵייט זִיךְ דָארְטְן אַרוּם מְשׁוּגָעִים, וְכוּ', טַאנְצְן אוֹיף דִי גַאסְן וְכוּ', אִיךְ וִויל נִישְׁט אַז דוּ זָאלְסְט גֵיין צְווִישְׁן זֵיי וְכוּ', אוּן דֶער טַאטֶע אִיז גֶערֶעכְט, וַוייל קַיין פָאטֶער וִויל נִישְׁט אַז זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ דְרֵייעֶן צְווִישְׁן מְשׁוּגָעִים, וְכוּ', אָבֶּער דֶער טַאטֶע וֵוייסְט נִישְׁט אַז דָאס זֶענֶען נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלְבֶער חֲסִידִים, דָאס אִיז מְשׁוּגָעִים וָואס הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעטְשֶׁעפֶּעט וְכוּ'.

זָאל דֶער טַאטֶע בַּאזוּכְן בְּרֶסְלְבֶער חֲסִידִים וָואס זֶענֶען מְקוֹרָב גֶעוָוארְן דוּרְךְ "הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ" וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בּוֹיעֶט (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ט) וֶועט עֶר זֶען אַן אַנְדֶערֶע וֶועלְט פַאר זִיךְ, בַּחוּרִים אוּן יוּנְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען מַתְמִידִים אִין תּוֹרָה, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיט אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן דַפִין גְמָרָא, אוּן סִימָנִים שׁוּלְחָן עָרוּךְ וְכוּ', וְכוּ', מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה, מַמָּשׁ נִישְׁט צוּ בַּאשְׁרַייבְּן וָואס אַ בְּרֶסְלְבֶער חָסִיד אַ תַּלְמִיד פוּן "הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ" לֶערְנְט צַאם יֶעדְן טָאג, אוּן זַיין הַנְהָגָה מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר אַן אַנְדֶערְן אִיז גָאר אַן אַנְדֶערֶע זַאךְ, זַיין דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט אַ חַיּוּת מִיט אַ בְּרֶען, זַיין שִׂמְחָה, אִיז קַיין גְלַייכְן נִישְׁטָא, וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן? הָאֱמֶת עֵד לְעַצְמוֹ.

אַוַודַאי פֶעלְט נִישְׁט קַיין לֵיצָנִים אִין יֶעדְן דוֹר, אָבֶּער שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט (מִשְׁלֵי ט') "אִם חָכַמְתָּ חָכַמְתָּ לָּךְ וְלַצְתָּ לְבַדְּךָ תִשָּׂא", אוֹיבּ דוּ בִּיסְט קְלוּג בִּיסְטוּ קְלוּג פַאר דִיר אוּן אוֹיבּ דוּ מַאכְסְט לֵיצָנוּת מַאכְסְטוּ לֵיצָנוּת פוּן דִיר אַלֵיין, דָאס לֶעבְּן אִיז אַזוֹי קוּרְץ וִוי סְ'שְׁטֵייט (תְּהִלִּים צ') "יְמֵי שְׁנוֹתֵינוּ בָהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה וְאִם בִּגְבוּרוֹת שְׁמוֹנִים שָׁנָה", אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ס"א) דָאס דִי זִיבֶּעצִיג יָאר פְלִיעט אַרִיבֶּער פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ אַזוֹי וִוי פוּפְצְן מִינוּט, (אַ יוּנְגֶער מֶענְטְשׁ פַארְשְׁטֵייט דָאס נִישְׁט) דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה צ"ו סִימָן ב') כְּצֵל יָמֵינוּ עַל הָאָרֶץ וְאֵין מִקְוֶה, וְהַלְוַאי כְּצִלּוֹ שֶׁל כּוֹתֶל אוֹ כְּצִלּוֹ שֶׁל אִילָן אֶלָּא כְּצִלּוֹ שֶׁל עוֹף בְּשָׁעָה שֶׁהוּא עָף דִכְתִיב (תְּהִלִּים קד) כְּצֵל עוֹבֵר, וְאֵין מִקְוֶה, וְאֵין מִי שֶׁיִּקְוֶה שֶׁלֹּא יָמוּת הַכֹּל יוֹדְעִים וְאוֹמְרִין בְּפִיהֶם שֶׁהֵן מֵתִים; אִיז וָואס אִיז שַׁיָּיךְ צוּ מַאכְן לֵיצָנוּת? נֶעבֶּעךְ אַלֶע צָרוֹת קוּמְט פַארְן מֶענְטְשׁ נָאר דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר מַאכְט לֵיצָנוּת פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת פֶּרֶק ב' הֲלָכָה ח') קָשָׁה הִיא הַלֵּיצָנוּת שֶׁתְּחִילָּתוֹ יִסּוּרִין וְסוֹפוֹ כְּלָיָה.

אוּן וֶוען מֶען זֶעט אַ לֵץ דַארְף מֶען וִויסְן אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל עֲבֵירָה, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (דֶּרֶךְ אֶרֶץ זוּטָא פֶּרֶק ד') תְּחִילַּת עֲבֵירָה הִרְהוּר הַלֵּב, וּשְׁנִיָּה לָהּ לֵיצָנוּת; אֵיידֶער אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט רַחְמָנָא לִישֵׁזְבָן מִיטְן בִּיטֶערְן חֵטְא פוּן פְּגַם הַבְּרִית אִיז עֶר פוּל מִיט הִרְהוּרִים רָעִים שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, בִּיז עֶר קוּמְט צוּ גְרָאבֶּע חֲטָאִים וְכוּ', אוּן אֵיינְמָאל עֶר זִינְקְט שׁוֹין אִין גֶעמֵיינֶע גְרָאבֶּע חֲטָאִים

המשך בדף ד

# וָואס אִיז בְּרֶסְלֶב?

המשך

דֶעמָאלְטְס מַאכְט עֶר לֵיצָנוּת פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִילִים נ"ה) "שָׁלַח יָדָיו בִּשְׁלוֹמָיו חִילֵּל בְּרִיתוֹ" אֵיינֶער טְשֶׁעפֶּעט עֶרְלִיכֶע אִידְן אִיז אַ סִימָן עֶר אִיז פָּגוּם בִּבְרִית, מִיר גֶעפִינֶען אָבוֹת הָעוֹלָם הָאבְּן גֶעהַאט רְשָׁעִים וָואס זֵיי הָאבְּן פוּן זֵיי גֶעמַאכְט לֵיצָנוּת אוּן אַלֶע עֶרְלֵיי גֶעלֶעכְטֶער, בַּיי אַבְרָהָם אָבִינוּ שְׁטֵייט (מֶדְרָשׁ אַגָּדָה בְּרֵאשִׁית) לְפִי שֶׁהָיוּ לֵיצָנֵי הַדּוֹר אוֹמְרִים מֵאֲבִימֶלֶךְ נִתְעַבְּרָה שָׂרָה; אַזֶעלְכֶע גֶעמֵיינֶע לֵצִים אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט. בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאגְן דִי חַזַ"ל (שְׁמוֹת רַבָּה פַּרְשָׁה נ"ב סִימָן ב') הָיָה מֹשֶׁה עוֹשֶׂה בַּמִּשְׁכָּן וְהָיוּ לֵיצָנֵי יִשְׂרָאֵל אוֹמְרִים אֶפְשָׁר שֶׁהַשְּׁכִינָה שׁוֹרָה עַל יְדֵי בֶּן עַמְרָם; דִי רְשָׁעִים לֵיצָנִים הָאבְּן אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְמַאנֶען דֶעם הֵיילִיגְן נָאמֶען פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, נָאר מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן מִיט גֶעשְׁפֶּעט אוֹיפְן פַאמִילְיֶע נָאמֶען, 'בֶּן עַמְרָם', אוּן בַּיי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְן דִי חַזַ"ל (יְרוּשַׁלְמִי שְׁקָלִים פֶּרֶק ב' הֲלָכָה ה') אֵין דּוֹר שֶׁאֵין בּוֹ לֵיצָנִין כְּדוֹרוֹ שֶׁל דָוִד; עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְטְס נִידֶערְטְרֶעכְטִיגֶע לֵיצָנִים וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אוּנְטֶערְן פֶּענְסְטֶער פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ אוּן גֶעמַאכְט פוּן אִים אַלֶע גֶעשְׁפֶּעט וְכוּ', עַיֵּין שָׁם.

אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי אַלֶע לֵיצָנֵי הַדּוֹר, וִוי סְ'אִיז דָא אַן עֶרְלִיכֶע אִיד וָואס אִיז דָבוּק אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן עֶר אִיז מְקָרֵב אִידְן צוּ דִי קְדוּשָׁה, שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף אַקֶעגְן אִים בִּיטֶערֶע מִתְנַגְּדִים לֵיצָנֵי הַדּוֹר וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן בַּיי זִיךְ, נָאר זוּכְן אַ חֲבוּרָה וָואס זֵיי רֶעדְן נָאר פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וְכוּ', אוּן זֵיי רֶעדְן נָאר דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, אוּן זֶענֶען עוֹסֵק שְׁטֶענְדִיג אִין לֶערְנֶען, מִשְׁנַיּוֹת, גְּמָרָא, שׁוּלְחָן עָרוּךְ, וְכוּ', וְכוּ', צְוִוישְׁן אַלֶע בְּרֶסְלֶבֶער חֲסִידִים קֶען מֶען דֶערְקֶענֶען זֵייעֶר גְּרִינְג אַ תַּלְמִיד פוּן "הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ", קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, קוּם צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, אוּן בֶּעט דִיךְ אוֹיס אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, גֶעזוּנְט, פַּרְנָסָה, נַחַת, אוּן אַרוֹיסְגֵיין שׁוֹין פוּן אַלֶע צָרוֹת, אוּן עֶס זָאל שׁוֹין אִינְטֶערְגֵיין דִי מַלְכוּת הַמִּינוּת, וָואס אַלֶע צָרוֹת נֶעמְט זִיךְ פוּן זֵיי, אוּן עֶס זָאל נִתְגַלֶּה וֶוערְן דָאס מַלְכוּת דִקְדוּשָׁה, אוּן עֶס זָאל מְקוּיָּים וֶוערְן "וְיֵדַע כָּל פָּעוּל כִּי אַתָּה פְעַלְתּוֹ וְיָבִין כָּל יְצוּר כִּי אַתָּה יְצַרְתּוֹ וְיֹאמַר כֹּל אֲשֶׁר נְשָׁמָה בְּאַפּוֹ הַוַיָ"ה אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל מֶלֶךְ וּמַלְכוּתוֹ בַּכֹּל מָשָׁלָה".

(אשר בנחל באידיש חלק א' מכתב ל"א)


## אומאן ראש השנה!

ווען איר פארט אויף אומאן, בלייבט פארבינדען מיט אייער פאמיליע

**~ מיר האבן די בעסטע און ביליגסטע טעלעפאנ'ס ~**

**~ אויך מאכן מיר טרעוול אינשורענס ~**

וועלט איר פארגרינגערן אייער נסיעה?

**נעמט מיט אונזער איבערטייטשער צעטל, אידיש-לשה"ק-רוסיש**

רופט אונז פאר די בעסטע פרייזן און שנעלסטע סערוויס

אייער פריינד, אלי קנאל

rent a cell

888-RENT A CE(LL)

888-736-8223

888rentacell@gmail.com


# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## נייע הערליכע ספר ארויס פון דרוק




עס איז גרויס די פרייד ביי אלע אנשי שלומינו איבער די ערשיינונג פון דעם נייעם ספר "דער קוואל פון רבי'ן" וואס איז יעצט ארויס געקומען לאור עולם.

דער ספר ענטהאלט א זאמלונג פון שמועסן פון מוהרא"ש שליט"א איבער אלע אספעקטן אין לעבן, געשריבן אויף די אידישע שפראך אז עס זאל זיין נוצבאר פאר יעדן איינעם אן אויסנאם.

אינעם ספר קען מען געפינען וואונדערליכע עצות און הדרכות איבער אלע סארט ענינים, געבויעט אויף די ווערטער פון הייליגן רבי'ן, וואס איז אונזער לייכט טורעם אין אלע אומשטענדן.

דער ספר קען מען באקומען בהיכל הישיבה אין וויליאמסבורג, אדער אויפן נומער 347-977-7994.

**קחו ברכה אל תוך בתיכם!**

***

## פיבערהאפטיגע הכנות צו די גרויסע נסיעה אויף אומאן

עס דערקענט זיך גאר שטארק די צוגרייטונגען צו די געהויבענע נסיעה קיין אומאן אויף ראש השנה, צו זוכה זיין צו זיין ביים הייליגן רבי'ן וואס האט צוגעזאגט צו העלפן יעדן וואס קומט צו אים אויף ראש השנה, און זיך איינהאנדלן א גוט געבענטשט יאר.

אנשי שלומינו האבן זיך שוין איינגעהאנדלט טיקעטס צו פארן. און עס איז נאך דא צו באקומען ביליגע טיקעטס, צו קענען זוכה זיין צו זיין ביין רבי'ן אויף ראש השנה.

ביי אלע צענטערן קען מען קויפן קארטליך פאר א זיץ אין בית המדרש הגדול אין אומאן, אויך קען מען באקומען קארטליך פאר די סעודות שבת ויו"ט אין אומאן.

**ראש השנה ביי מיר איז גרעסער פון אלעס!**


## ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע ספרי ברסלב

**27 Skillman St.**

אדער רופט 347-977-7994

## קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א**

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!

**וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים**

שנעל גוט און ביליג!

**רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554**

**5554printing@gmail.com**


**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון פארבינדט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א


**זמנים**
הדלקת הנרות......................6:40
סוף זמן קר"ש......................9:09
מוצש"ק..............................8:09

**שיעורים כסדרן**
בבלי............................חגיגה י"ב
ירושלמי........................כלאים י'
תוספתא..............שבת פרק ט"ז


פרשת נצבים-וילך, כ"ה אלול, אבות פרק ה'-ו', שנת תשע"ד לפ"ק — שנה 3, גליון 56 (156)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם וְכוּ'.** אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ שְׁטֵייט (וָאֵרָא ל"ב:) אַז אִיבֶּעֲרָאל וואו עֶס שְׁטֵייט דִי וָוארְט "**הַיּוֹם**", גֵייט עֶס אַרוֹיף אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. קוּמְט אוֹיס אַז דֶער פָּסוּק דָא רֶעדְט זִיךְ אוֹיךְ פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דֶערְפַאר קוּמְט אֵייבִּיג אוֹיס אַז מֶען לֵיינְט פַּרְשַׁת נִצָּבִים פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים, סִימָן תכ"ח סְעִיף ד').

**אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם, רָאשֵׁיכֶם שִׁבְטֵיכֶם זִקְנֵיכֶם וְשֹׁטְרֵיכֶם כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל**, אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער שְׁטֵייעֶן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דֶעם טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶע'מִשְׁפָּט אִין רֹאשׁ הַשָּׁנָה וִוי אַזוֹי זַיין יָאר וֶועט דוּרְכְגֵיין (ראש השנה ח:), וִוי אַזוֹי זַיין פַּרְנָסָה וֶועט זַיין דִי גַאנְצֶע יָאר, אוֹיבּ עֶס וֶועט אִים גוּט גֵיין אָדֶער חַס וְשָׁלוֹם פַארְקֶערְט (ביצה טז).

דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי אַזוֹי גֶעוָוארֶענְט אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן ת"ג) **אַז צוּ זַיין בַּיי אִים רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעם.** וַוייל אַזוֹי וִוי בַּיי אַ גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע מִשְׁפָּט וֶועט אַ מֶענְטְשׁ נֶעמֶען דֶעם גְרֶעסְטְן אַדְוָואקַאט וָואס זָאל אִים פַארְטֵיידִיגְן אִין גֶערִיכְט, אַז עֶר זָאל אַרוֹיס גֵיין זַכַּאי בַּדִין, אוּן וִוי גְרֶעסֶער אוּן עֶרְנְסְטֶער דֶער גֶערִיכְט אִיז, אַלְץ אַ גְרֶעסֶערֶע אַדְוָואקַאט וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמֶען. דִי זֶעלְבֶּע, אוּן נָאךְ אַסַאךְ מֶער, וֶוען מֶען מִשְׁפָּט דֶעם מֶענְטְשׁ רֹאשׁ הַשָּׁנָה וִוי אַזוֹי זַיין גַאנְצֶע יָאר וֶועט אַדוּרְכְגֵיין, דַארְף מֶען זִיךְ זִיכֶער אַיינְשַׁאפְן דֶעם בֶּעסְטְן אַדְוָואקַאט וָואס זָאל אִים פַארְטֵיידִיגְן, אַז מֶען זָאל אִים אָנְשְׁרַייבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

ווארויל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס דֶער צַדִיק אִיז דֶער בֶּעסְטֶער אַדְוָואקַאט אוּן וֶועט זֶעהְן דֶערְצוּ אַז מֶען זָאל אָנְשְׁרַייבְּן פַארְן מֶענְטְשׁ אַ זִיסֶע גוּטֶע לִיכְטִיגֶע יָאר.

(זֹאת הַתּוֹרָה נִצָּבִים א')

***

**לֹא בַשָּׁמַיִם הוּא לֵאמֹר מִי יַעֲלֶה לָּנוּ הַשָּׁמַיְמָה וְיִקָּחֶהָ לָּנוּ וְיַשְׁמִעֵנוּ אוֹתָהּ וְנַעֲשֶׂנָּה.** חַזַ"ל (עֵירוּבִין נ"ה.) דַרְשֶׁ'ענֶען דֶעם פָּסוּק, **לֹא בַשָּׁמַיִם הוּא** - דִי תּוֹרָה גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט בַּיי דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הַאלְטְן זִיךְ גְרוֹיס בִּיזְן הִימְל.

מוֹהַרְא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן פ"ב) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס גֵייט אִים אַלֶעם שֶׁלֹּא


המשך בדף ב


## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

### ~ עוֹלָם הַתּוֹהוּ ~

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז עֶס אִיז דָא אַמָאל אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַארְבְּט וֵוייסְט עֶר נָאכְנִישְׁט אַז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, אוּן מֶען טוּט אַ טוֹבָה פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, וֶוען מֶען זָאגְט אִים אַז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן. דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "עוֹלָם הַתּוֹהוּ", אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן מֵיינְט אַז עֶר לֶעבְּט נָאךְ.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַן עֵצָה אוֹיף דֶעם אִיז אַז מֶען זָאל זַיין בַּיי אִים דְרַיי צַייטְן אִין יָאר, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שַׁבָּת חֲנוּכָּה אוּן שָׁבוּעוֹת, אוּן אוֹיךְ אַז מֶען זָאל שְׁוֶוערְן אַז גְלַייךְ נָאכְן שְׁטַארְבְּן וֶועט מֶען גֵיין צוּם רֶבִּי'ן, אוּן אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וֶועט דָאס טוּהְן וֶועט עֶר נִישְׁט הָאבְּן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ רָב וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גוּטֶער פְרַיינְד מִיט אַ אִיד פוּן זַיין שְׁטָאט, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט אַז וֶוער פוּן זֵיי עֶס וֶועט שְׁטַארְבְּן פְרִיעֶר וֶועט קוּמֶען דֶערְצֵיילְן פַארְן צְוֵוייטְן אִין חָלוֹם וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען מִיט אִים אוֹיבְן. לְמַעֲשֶׂה אִיז דֶער רָב גֶעשְׁטָארְבְּן קוֹדֶם, אוּן דֶער אִיד הָאט גֶעוַוארְט אַז דֶער רָב זָאל קוּמֶען צוּ אִים אִין חָלוֹם אָבֶּער דֶער רָב אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען.

עֶס אִיז דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען צֶעהְן יָאר אוּן דֶער אִיד הָאט שׁוֹין גֶעדַארְפְט שְׁטַארְבְּן הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פַאר זַיין זוּהְן, אָבֶּער דֶער רָב אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּם זוּהְן, נָאכְדֶעם אִיז דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען נָאךְ צֶעהְן יָאר, אוּן דֶער זוּהְן הָאט שׁוֹין אוֹיךְ גֶעדַארְפְט שְׁטַארְבְּן הָאט עֶר דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר זַיין זוּהְן, אוּן אַכְט יָאר שְׁפֶּעטֶער אִיז דֶער רָב גֶעקוּמֶען צוּ דֶעם אֵיינִיקְל צוּ דֶערְצֵיילְן וָואס מִיט אִים אִיז גֶעשֶׁעהְן.

עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען עֶר אִיז


המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

כְּסֵדֶר, נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶר וִויל, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ קְלֵיין, דֶעמָאלְט גֵייט אִים אַלֶעס כְּסֵדֶר.

מֶען זֶעהְט אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס וֵוייסְט וואוּ עֶר הַאלְט אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, וֶוען עֶר זֶעהְט אַז עֶס גֵייט אִים אַרִיבֶּער דִי טֶעג אוּן יָארְן אָן לֶערְנֶען תּוֹרָה, עֶס קֶען דוּרְכְגֵיין גַאנְצֶע טֶעג וָואס עֶר עֶפֶּענְט נִישְׁט אוֹיף קַיין סֵפֶר, אַזַא מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ צוּכַאפְּן צוּ דִי דֶרֶךְ הַלִּימוּד וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען זָאגְט אוּן אֲפִילוּ מֶען גֶעדֶענְקְט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, אוֹיף אַזַא וֶועג קֶען יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ תּוֹרָה, דָאס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה, אוּן סוֹף כָּל סוֹף וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה.

אֵיינֶער וָואס אִיז אָבֶּער אַ בַּעַל גַאֲוָה, עֶר הַאלְט זִיךְ פַאר אַ לַמְדָן, עֶר וֶועט אַוֶועק מַאכְן דֶעם דֶרֶךְ הַלִּימוּד, עֶס פַּאסְט אִים דָאךְ נִישְׁט פָּשׁוּט צוּ זָאגְן תּוֹרָה, עֶר וֶועט אָבֶּער נִישְׁט זוֹכֶה זַיין קֵיינְמָאל דוּרְכְצוּלֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, וַוייל דָאס קֶען מֶען נָאר טוּהְן מִיטְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד, אוּן אֵיין טָאג וֶועט עֶר פַארְלָאזְן דִי וֶועלְט, אוּן עֶר וֶועט גָארְנִישְׁט מִיטְנֶעמֶען מִיט זִיךְ.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, **לֹא בַשָּׁמַיִם הוּא**, דִי תּוֹרָה גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט בַּיי דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הַאלְטְן זִיךְ גְרוֹיס בִּיזְן הִימְל, וַוייל זֵיי קֶענֶען נִישְׁט פּוֹעֵל'ן בַּיי זִיךְ צוּ לֶערְנֶען אוּן דוּרְכְגֵיין דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה מִיטְן דֶרֶךְ הַלִּימוּד, אָבֶּער וֶוער עֶס בֵּייגְט זִיךְ אַרָאפּ דֶעם קָאפּ, אוּן עֶר פָאלְגְט דֶעם דֶרֶךְ הַלִּימוּד, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ דוּרְךְ לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, אוּן דָאס וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה נִצָּבִים ד')

***

**חִזְקוּ וְאִמְצוּ אַל תִּירְאוּ וְאַל תַּעַרְצוּ מִפְּנֵיהֶם כִּי ה' אֱלֹקֶיךָ הוּא הַהֹלֵךְ עִמָּךְ לֹא יַרְפְּךָ וְלֹא יַעַזְבֶךָּ**, מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד') אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּם גוּטְן, הָאט עֶר דֶעם גַן עֵדֶן דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט. וַוייל אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ אַ צָרָה, וֵוייסְט עֶר אַז דָאס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זַיין טוֹבָה, אוּן עֶר בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **חִזְקוּ וְאִמְצוּ אַל תִּירְאוּ וְאַל תַּעַרְצוּ מִפְּנֵיהֶם**, שְׁטַארְק דִיךְ אוּן הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן גָארְנִישְׁט, **כִּי ה' אֱלֹקֶיךָ הוּא הַהֹלֵךְ עִמָּךְ לֹא יַרְפְּךָ וְלֹא יַעַזְבֶךָּ**, וַוייל דוּ וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט שְׁטֶענְדִיג מִיט דִיר אוּן עֶר וֶועט דִיר נִישְׁט פַארְלָאזְן.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוער עֶר הָאבְּן דֶעם גַן עֵדֶן נָאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיֵּלֶךְ ב')

# שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

גֶעשְׁטָארְבְּן אוּן מֶען הָאט אִים בַּאגְרָאבְּן אוּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין קֶבֶר, הָאט עֶר גֶעמֵיינְט אַז עֶר לֶעבְּט נָאךְ אוּן עֶר אִיז נָאךְ גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, הָאט עֶר זִיךְ גֶערֶעגְט פַארְוָואס מֶען נֶעמְט אַ גֶעזוּנְטֶען מֶענְטְשׁ אוּן מֶען לֵייגְט אִים אַרַיין אִין קֶבֶר, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶר גֵייט פְּרוּבִּירְן אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן קֶבֶר, אוּן עֶס הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז עֶר קְרִיכְט אַרוֹיס פוּן קֶבֶר, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט אַרַיינְצוּגֵיין אִין שְׁטָאט וַוייל עֶר הָאט אָנְגֶעהַאט "תַּכְרִיכִים", הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וֶועט וַוארְטְן בִּיז בַּיינַאכְט אוּן דֶעמָאלְט וֶועט עֶר אַרַיינְגֵיין אִין שְׁטָאט, עֶר הָאט דֶערְקֶענְט פוּן דֶערְוַוייטְנְס זַיין שְׁטָאט מִיט דִי הַייזֶער אוּן אוֹיךְ זַיין הוֹיז, עֶר הָאט אָבֶּער גֶעטְרַאכְט אַז זַיין מִשְׁפָּחָה וֶועט זִיךְ דֶערְשְׁרֶעקְן וֶוען זֵיי וֶועלְן אִים זֶעהְן.

אִינְצְוִוישְׁן הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט וִוי עֶר זֶעהְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס פַארְקוֹיפְט וֶועשׁ אוּן יֶענֶער הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט רֶבִּי'שֶׁע וֶועשׁ, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר יֶענֶעם אַז עֶר זָאל זִיךְ טוֹישְׁן מִיט אִים, עֶר וֶועט אִים גֶעבְּן זַיינֶע תַּכְרִיכִים אוּן יֶענֶער זָאל אִים גֶעבְּן פַאר דֶעם גֶעהֶערִיגֶע וֶועשׁ, אוּן יֶענֶער הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן אִים גֶעגֶעבְּן גוּטֶע וֶועשׁ אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אַרַיין אִין שְׁטָאט, אָבֶּער עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַז דָאס אִיז נִישְׁט זַיין שְׁטָאט, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶר הָאט אַרַיין גֶעבְּלָאנְטְשֶׁעט אִין אַן אַנְדֶערֶע שְׁטָאט, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַרוּם גֶעדְרֵייט אִין שְׁטָאט.

וֶוען עֶס אִיז גֶעוָוארְן נַאכְט, אִין אַלֶע הַייזֶער אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן טוּנְקְל, הָאט עֶר גֶעזֶעהְן אַז אֵיין הוֹיז אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן לִיכְטִיג, אִיז עֶר אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין יֶענֶעם הוֹיז הָאט עֶר גֶעזֶעהְן אַז מֶען קֶען דָארְט עֶסְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען זַייעֶר הוּנְגֶערִיג, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט צוּ מֶען קֶען אִים גֶעבְּן צוּ עֶסְן, הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט אַז נָאר אוֹיבּ עֶר הָאט גֶעלְט וֶועט מֶען אִים גֶעבְּן צוּ עֶסְן, מֶען דַארְף בַּאצָאלְן פַארְן עֶסְן, אָבֶּער עֶר הָאט דָאךְ נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין גֶעלְט אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען הוּנְגֶערִיג.

אִינְצְוִוישְׁן אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן טָאג, עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט דִי קוּרְצֶע זוּמֶער נֶעכְט, הָאט עֶר גֶעזֶעהְן וִוי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז אַ רָב אוּן עֶר קֶען זַיין מַאכְן אַ דִין תּוֹרָה אָדֶער אַ פְּשָׁרָה, הָאבְּן זֵיי מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶע'פַּסְקְ'נְט אַן אֱמֶת'ן דִין תּוֹרָה, אוּן אֵיינֶער פוּן זֵיי הָאט אִים בַּאצָאלְט צְוֵויי גִילְדְן, אִיז עֶר צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען צוּ קוֹיפְן עֶסְן אוּן מֶען הָאט אִים צוּגֶעגְרֵייט אַ גְלֶעזְל בְּרוֹינְפְן.

אָבֶּער נָאךְ פַאר עֶר הָאט עֶסְפִּיעט אָנְצוּהוֹיבְּן טְרִינְקֶען זֶענֶען גֶעקוּמֶען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן צוּ אִים אוּן אִים גֶעזָאגְט אַז זֵיי קוּמֶען פוּן בֵּית דִין אַז עֶר מוּז שׁוֹין קוּמֶען מִיט זֵיי צוּם בֵּית דִין, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז עֶר וִויל קוֹדֶם עֶפֶּעס עֶסְן וַוייל עֶר אִיז זַייעֶר הוּנְגֶערִיג, זֵיי הָאבְּן אִים נִישְׁט גֶעלָאזְט, זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קֵיין צַייט אוּן עֶר מוּז שׁוֹין קוּמֶען מִיט זֵיי אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט גֵיין מִיט זֵיי.

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם בֵּית דִין, הָאבְּן זֵיי זִיךְ

המשך בדף ד

# הִימְל אוּן עֶרְד, אוּן אוּמַאן

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס דוּ דַארְפְסְט זַיין אַזוֹי פַארְבִּיטֶערְט וְכוּ׳, וואוּ אִיז דֶען דַיין מַאן גֶעפָארְן? עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּם הֵיילִיגְן קִיבּוּץ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִיהְם אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען קַיין צַדִיק אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס זָאל אַזוֹי לֵייגְן דֶעם דָגוּשׁ אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִיהְם אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגְן רֶבִּי, אוּן עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט אוֹיסְפּוֹעֶלְ׳ן אַ יְשׁוּעָה פַאר דִי אַלֶע וָואס זֵיי וֶועלְן קוּמֶען צוּ אִיהְם אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, פַארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט פַארְוָואס דוּ דַארְפְסְט זַיין אַזַא שְׁלֶעכְטֶע פְּרוֹי וְכוּ׳, אוּן יֶעדֶעס יָאר דֶערְגֵיין דַיין מַאן דִי יָארְן, אוּן אִיהְם נִישְׁט לָאזְן פָארְן וְכוּ׳, אוּן אַז עֶר פָארְט שׁוֹין יָא וְכוּ׳, בְּלָאזְטוּ וְכוּ׳, אוּן דוּ בִּיסְט בְּרוֹגֶז מִיט אִיהְם וְכוּ׳, אוּן דוּ מִישְׁט אַרַיין דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה וְכוּ׳, אוּן עֶס וֶוערְט אַ גְרוֹיס מַחְלוֹקֶת וְכוּ׳, וֵוייסְטוּ דֶען נִישְׁט אַז דַיין מַאן אִיז אַ גוּטֶער מַאן? דַיין מַאן הֶעלְפְט דָאךְ דִיר אַרוֹיס אַגַאנְץ יָאר וְכוּ׳, דַיין מַאן פְּלָאגְט זִיךְ אוֹיף פַּרְנָסָה וְכוּ׳, אִיז וָואס אִיז אַז עֶר פָארְט אֵיינְמָאל אַ יָאר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה? עֶר פָארְט אוֹיסְפּוֹעֶלְ׳ן פַאר עֶנְק גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן גְרִינְג פַּרְנָסָה, עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן נַחַת, עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן אַ לֶעכְטִיג לֶעבְּן וְכוּ׳, וֶועגְן דֶעם קוּמְט אִיהְם קְלָלוֹת רַחְמָנָא לִיצְלָן? אַ אִיד טָאר נִישְׁט שֶׁעלְטְן, מִכָּל שֶׁכֵּן אַ וַוייבּ טָאר נִישְׁט שֶׁעלְטְן דֶעם מַאן. מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן וָואס הָאט עֶר דֶען גֶעטוּהְן? עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוֹיסְפּוֹעֶלְ׳ן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אוּן יֶעדֶעס יָאר חַזֶר׳ט זִיךְ אִיבֶּער פוּן נֵיי דוּ לוֹיפְסְט אַהֵיים צוּם דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן דוּ מִישְׁט אַרַיין דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אוּן עֶס וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת, בְּשַׁעַת דוּ כַאפְּסְט נִישְׁט אַז בַּאלְד וֶועט זַיין יוֹם הַכִּפּוּרִים, דֶעמָאלְט חַתְמֶ׳ט מֶען וָואס מֶען הָאט גֶעמִשְׁפָּט רֹאשׁ הַשָּׁנָה וְכוּ׳.

לֵיידֶער הֶערְט מֶען אַזוֹיפִיל אוּמְגְלִיקְן זָאל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים שׁוֹין אָפְּהִיטְן אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וִוי וַואגְסְטוּ זִיךְ אַזוֹי צוּ רוֹדֶפְ׳ן דַיין מַאן פַאר גָארְנִישְׁט אוּן נִישְׁט? אִין אַנְדֶערֶע פְלֶעצֶער פָארְט מֶען אַוֶועק אוֹיף גַאנְצֶע צְוֵויי וָואכְן, אוּן דִי וַוייבֶּער רִידֶערְן נִישְׁט אַזוֹי וְכוּ׳, אִין אַנְדֶערֶע חַסִידִיתֶ׳ער פָארְן דִי מֶענֶער אוֹיכֶעט אַוֶועק, אוּן דִי וַוייבֶּער רִידֶערְן נִישְׁט אַזוֹי וְכוּ׳, נָאר אַז אֵיינֶער וִויל פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן אִין אוּמַאן, דֶעמָאלְט אִיז הִימְל אוּן עֶרְד אוּן אוּמַאן וְכוּ׳. וָואס גֵייט דָא פָאר? זֶעהְסְט נִישְׁט אַז דִי קְלִיפּוֹת וָואס דוּ הָאסְט בַּאשַׁאפְן פוּן דַיינֶע שְׁוֶוערֶע זִינְד וִויקֶעלֶען דִיךְ אַרוּם וְכוּ׳, אִיבֶּערְדֶעם זֶעה דִיךְ שׁוֹין אִיבֶּערְבֶּעטְן מִיט דַיין מַאן, אוּן פוּן הַיינְט אָן זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט שֶׁעלְטְן, אַ אִידִישׁ קִינְד טָאר נִישְׁט שֶׁעלְטְן קֵיינֶעם נִישְׁט, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן אַ מַאן.

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל עֶנְק הֶעלְפְן עֶס זָאל שְׁטֶענְדִיג הֶערְשְׁן שָׁלוֹם צְוִוישְׁן אַייךְ, אוּן פַארְשְׁטֶענְדֶענִישׁ אוּן לִיבְּשַׁאפְט, אוּן אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אוּן מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג הֶערְן נָאר גוּטֶע בְּשׂוֹרוֹת.

(אשר בנחל באידיש חלק ו׳ מכתב תרצ״ג)

# בְּמוֹצָאֵי מְנוּחָה קִדַּמְנוּךָ תְּחִלָּה

**אמירת סליחות**

**אצל כ״ק מוהרא״ש שליט״א**

**מוצש״ק נצבים-וילך, א׳ סליחות**

**כחצות הלילה**

**בשעה 1:00**

**כתיבה וחתימה טובה**

## בית המדרש "היכל הקודש" ברסלב – אומן

**בנשיאות כ״ק מרן מוהרא״ש שליט״א**

# זמני התפלות

## ערב ראש השנה

סליחות ליל זכור ברית..............12:30

שחרית ערב ראש השנה..............8:00

**פדיון נפש לאחר תפלת שחרית**

## ראש השנה

מנחה ערב ר״ה..............בזמן הדלקת הנרות

שחרית ב׳ ימי ר״ה..............8:00

מנחה ב׳ ימי ר״ה..............6:00

## שב״ק פרשת האזינו - שבת שובה

קבלת שבת..............6:50

שחרית..............8:00

מנחה..............7:00

## זמני הדרשות של כ״ק מוהרא״ש שליט״א

יום א׳ דראש השנה..............לאחר תשליך

טיש ליל שב״ק..............10:30

סעודה שלישית..............לאחר מנחה

# וְיָשָׁב מֵ׳חֲרוֹן אַ׳פּוֹ וְ׳לֹא נֹ׳אבֵד = אוּמַאן

לֵיידֶער זֶענֶען רוֹב מֶענְטְשְׁן נִישְׁט בַּאקַאנְט וָואס דָאס מֵיינְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִין אוּמַאן, דֶער נָבִיא זָאגְט (יוֹנָה ג׳) "מִי יוֹדֵעַ יָשׁוּב וְנִחַם הָאֱלֹהִים וְשָׁב מֵחֲרוֹן אַפּוֹ וְלֹא נֹאבֵד" זָאגְט רַשִׁ״י מִי יוֹדֵעַ - עֲבֵירוֹת שֶׁבְּיָדוֹ יָשׁוּב; אוֹיבּ אַ אִיד טוּט תְּשׁוּבָה, אִיז אִים דֶער בּוֹרֵא עַל עוֹלָמִים מוֹחֵל, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן ת״ג) וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה מֶעג זִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר, וָוארוּם עֶר הָאט אַוַודַאי גֶעפּוֹעֶלְט וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט פּוֹעֶלְ׳ן, אוּן קוּק וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער דָאס וְ׳שָׁב מֵ׳חֲרוֹן אַ׳פּוֹ וְ׳לֹא נֹ׳אבֵד אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אוּ׳מַ׳ן׳, דַארְטְן אִיז דָאס פְּלַאץ וָואס דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט נִתְעוֹרֵר מִיט אַזַא מִין הִתְעוֹרְרוּת וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פַארְשְׁטֶעלְן, עֶס קוּמֶען מֶענְטְשְׁן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט פוּן אַלֶע עֶרְלֵיי עֵדוֹת, פוּן אַלֶע עֶרְלֵיי חֲסִידוּתְ׳ן וְכוּ׳ וְכוּ׳, עֶס וֶוערְט מְקוּיָים דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם נָבִיא (יְשַׁעְיָה ס׳) "שְׂאִי סָבִיב עֵינַיִךְ וּרְאִי כֻּלָּם נִקְבְּצוּ בָאוּ לָךְ בָּנַיִךְ מֵרָחוֹק יָבֹאוּ וּבְנֹתַיִךְ עַל צַד תֵּאָמַנָה" אַלֶע קוּמֶען אוֹיף אוּמַאן.

וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער אִיךְ פָאר שׁוֹין אִיבֶּער פֶערְצִיג יָאר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן, פוּן יָאר תשכ״ו, אוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעדְרִיקְט דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר "פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק" אִין יָאר תשל״ח, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט דָאס לֶעצְטֶע שְׁטִיקְל אַז עֶס וֶועט נָאךְ זַיין אַ צַייט וָואס מֶען וֶועט עֶפֶענֶען דִי גְרֶענִיצְן אוּן אַלֶע אִידְן וֶועלְן קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן, הָאבְּן אַלֶע גֶעשְׁפֶּעט פוּן מִיר, דִי זְקֵנִים אוּן דִי נְעָרִים... אוּן וֶוען עֶס הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּינְ׳ס צִיוּן אִין שְׁנַת תש״נ זֶענֶען אַלֶע גֶעוֶוען פַארְגַאפְט וְכוּ׳, אוּן בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ יֶעדֶעס יָאר קוּמֶען צוּ נֵייעֶ פְרִישֶׁע טוֹיזֶענְטֶער אִידְן כֵּן יִרְבּוּ, אִיבֶּערְדֶעם אַז דוּ הָאסְט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין אַ פַּאסְפָּארְט אוּן דוּ וֶועסְט פָארְן אוֹיפְן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאסְטוּ מִיר מוֹרָא׳דִיג מְחַיֶּה גֶעוֶוען. זֶע שְׁטַארְק מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ, אוּן זָאג אִיר צוּ, אַז דוּ וֶועסְט בְּרֶענְגֶען אַהֵיים רְפוּאוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת, אוּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַוח.

(אשר בנחל באידיש חלק א׳ מכתב ל׳)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

המשך

זַייעֶר גֶערֶעגְט אוֹיף אִים פַארְוָואס עֶר - וָואס אִיז אַ פְּרֶעמְדֶער מֶענְטְשׁ - אִיז אַהֶער גֶעקוּמֶען אוּן עֶר פַּסְקְ'נְט דִין תּוֹרוֹת, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט: "אוּנְז וַוארְטְן שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אוּנְז אַז אוּנְז זָאלְן פַּסְקְ'נֶען אַן אֱמֶתְ'ע דִין תּוֹרָה אוּן יֶעצְט בִּיזְטוּ גֶעקוּמֶען דָא פַּסְקְ'נֶען אַן אֱמֶתְ'ע דִין תּוֹרָה?!".

הָאט דֶער בֵּית דִין גֶעהֵייסְן אַז מֶען זָאל זוּכְן בַּיי אִים אוֹיבּ עֶר הָאט גֶענוּמֶען שׁוֹחַד, הָאט מֶען גֶעזוּכְט אוּן מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן דִי צְוֵויי גִילְדְן, הָאט דֶער בֵּית דִין גֶע'פַּסְקְ'נְט אַז מֶען זָאל אִים אוֹיס טוּהן זַיינֶע וֶועשׂ אוּן אִים אַרוֹיס שְׁטוּפְּן פוּן דָארְט אוּן מֶען הָאט אַזוֹי גֶעטוּהן, אוּן דֶער רָב אִיז אַרוֹיס זַייעֶר בְּרוֹגֶז אוּן פַארְשֶׁעמְט, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶס וָואלְט זִיךְ שׁוֹין עֶנְדֶערְשׁ גֶעלוֹינְט פַאר אִים צוּרִיקְצוּגֵיין אִין קֶבֶר אָבֶּער עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין תַּכְרִיכִים.

אִינְצְוִוישְׁן הָאבְּן דִי מַלְאָכִים וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן מִיט זַיינֶע מִצְוֹת אָנְגֶעהוֹיבְּן טַעֲנֶה'ען אַז מֶען זָאל אִים שׁוֹין אָפְּלָאזְן אוּן מֶען הָאט אִים טַאקֶע גֶעוָואלְט אָפְּלָאזְן אָבֶּער עֶר הָאט קוֹדֶם גֶעדַארְפְט אוֹיסְפִּירְן וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט צוּ קוּמֶען אִין חָלוֹם צוּ דֶעם אִיד אוּן אִים דֶערְצֵיילְן וָואס מִיט אִים אִיז גֶעוֶוען, אוּן דֶערְפַאר אִיז עֶר גֶעקוּמֶען דֶערְצֵיילְן פַּאר דֶעם אֵיינִיקְל פוּן דֶעם אִיד דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען אַכְט אוּן צְוָואנְצִיג יָאר שְׁפֶּעטֶער.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי מַעֲשֶׂה הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אָבֶּער וֶוער עֶס וֶועט זַיין בַּיי מִיר דִי דְרֵיי צַייטְן אִין יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שַׁבָּת חֲנוּכָּה, אוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, וֶועט נִישְׁט בַּאקוּמֶען דִי עוֹנֶשׁ פוּן "עוֹלָם הַתּוֹהוּ".

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז הַיינְט מֵיינְט דָאס אַז מֶען זָאל פָארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוֹיף אוּמַאן צוּם רֶבִּי'ן אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעהֵייסְן, אוּן שַׁבָּת חֲנוּכָּה אוּן שְׁבוּעוֹת זָאל מֶען דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען מִיט בְּרֶסְלַבֶ'ע חֲסִידִים אוּן מִיט דֶעם וֶועט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן "עוֹלָם הַתּוֹהוּ".

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז מַסְבִּיר פַארְוָואס מֶען דַארְף גֵיין צוּם רֶבִּי'ן דַוְקָא דִי צַייטְן, וַוייל רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועקְט דֶער רֶבִּי אוֹיף פוּן שְׁלָאף אַז מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן שָׁבוּעוֹת בַּאקוּמְט מֶען פוּן רֶבִּי'ן דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד וִוי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן חֲנוּכָּה לֶערְנְט דֶער רֶבִּי אוֹיס צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר גֶעבְּט אוּנְז.

דֶערְפַאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט הָאבְּן דִי זַאכְן, עֶר וֶועט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דֶעמָאלְט וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי לֶעצְטֶע טָאג וֶועט עֶר לַאכְן פוּן יֶעדְן, אַלֶע טִירְן וֶועלְן פַאר אִים זַיין אָפֶען אוּן עֶר וֶועט גְלַייךְ אַרַיינְגֵיין אִין גַן עֵדֶן.

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

### טויזנטער אידן לאזן זיך ארויס נאך שבת אויף די נסיעה קיין אומאן ראש השנה

טויזנטער אידן וועלן זיך ארויסלאזן נאך שבת אויף די געהויבענע נסיעה קיין אומאן, צו ווילן ביים הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה.

פון יאר צו יאר וואקסט די צאל אידן פון איבער אלע היימישע געגנטער וואס ווילן אויך זוכה זיין צו די אלע הבטחות וואס דער רבי האט צוגעזאגט פאר די וואס קומען צו אים אויף ראש השנה.

ווען מען האט ציטערט נישט פונעם פארכטיגן יום הדין, ווען דער אייבערשטער שרייבט אן פאר יעדן איינעם אלעס וואס עס וועט געשעהן צו אים במשך די גאנצע יאר, און דא זאגט דער רבי אז ווער עס קומט צו אים אויף ראש השנה וועט ער אים פארטיידיגן און זעהן דערצו אז מען זאל אים אנשרייבן א גוט געבענטשט יאר, איז דאך זיכער אז יעדער וויל האבן די זכי' צו זיין אין אומן אויף ראש השנה, און זוכה זיין צו א גוט געבענטשט יאר.

יעדער וואס איז שוין געווען אמאל אין אומאן ווייסט און פארשטייט וואס דאס איז, ווי דער רבי וואשט אויס די הערצער פון די אלע וואס קומען צו אים, און מען קומט צוריק מיט א פרישע חשק און התעוררות צו דינען דעם אייבערשטן, און בלייבן צוגעבינדן צום אייבערשטן אויף שטענדיג.

כאיש אחד בלב אחד וועט מען אינאיינעם פארן, און זיכער אויס'פועל'ן ישועות און רפואות און א זיס לעכטיג יאר.

**איש בל יעדר!**


## אומאן ראש השנה!

ווען איר פארט אויף אומאן, בלייבט פארבינדען מיט אייער פאמיליע

~ מיר האבן די בעסטע און ביליגסטע טעלעפאנ'ס ~

~ אויך מאכן מיר טרעוול אינשורענס ~

ווילט איר פארגרינגערן אייער נסיעה?

נעמט מיט אונזער איבערטייטשער צעטל, אידיש-לשה"ק-רוסיש

רופט אונז פאר די בעסטע פרייזן און שנעלסטע סערוויס

אייער פריינד, אלי קנאל

888-RENT A CE(LL)

888-736-8223

888rentacell@gmail.com

## מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

פאר גאר ביליגע פרייזן!

וועכענטליכע גליונות • קונטרסים • ספרים

שנעל גוט און ביליג!

רופט אריין פאר א פרייז 347-559-5554

5554printing@gmail.com


## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה יואל לעווי הי"ו**

**צו די געבורט פון א מיידל למז"ט**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער, דורות ישרים ומבורכים.

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה יצחק משה רייך הי"ו**

**צו די געבורט פון א מיידל למז"ט**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער, דורות ישרים ומבורכים.

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**